STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11438

# DI FAMILYE MUSHKAT

Isaac Bashevis Singer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11438-3

9780657114381T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# יצחק באשעוויס

# די פאמיליע מושקאט

ערשטער באנד

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב תשנ״ב — 1992

**Isaac Bashevis (Singer)**

# DI FAMILIE MUSHKAT

## (The Family Moskat)

**VOLUME I**

די איצטיקע אויפלאַגע פון די פאַמיליע מושקאַט איז
אַ פאָטאָסטאַטישער איבערדרוק פון דער אָריגינעלער אויסגאַבע,
ניו־יאָרק, 1950.

© 1950 by Isaac Bashevis Singer
© renewed 1977 by Isaac Bashevis Singer

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14
I. L. Peretz Publishing House
14, Brenner Str., Tel-Aviv, Israel

נדפס בדפוס אופסט "ראם", ונל אביב

דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פֿון מיין ברודער, דער גרויסער יידישער שריפֿטשטעלער **י. י. זינגער.** איך זאָג עדות אויף אים, אַז ער איז געווען אַן איש אמת, אַ מוסטער פֿון ערלעכקייט, אַ פּאַסיקער יורש פֿון אונדזערע הייליקע זיידעס.

צווישן די לעבעדיקע וויל איך דערמאָנען צוויי אויפֿריכטיקע פֿריינד: **הלל ראָגאָף** און **אַהרן צייטלין.** ביידע האָבן מיר געהאָלפֿן. איך האָב פֿון ביידן געלערנט. ביידע האָבן זיי, יעדער אויף זיין שטייגער, אַ חלק אין דעם וואָס דאָס דאָזיקע ווערק איז געוואָרן געשריבן.

**יצחק באַשעוויס**

שער־בלאַט געצייכנט פֿון לאָלאַ

# קאַפּיטל איינס

## 1

פֿינף יאָר נאָכדעם ווי ביי ר׳ משולם מושקאַט איז געשטאָרבן דאָס צווייטע ווייב, האָט ער נאָך אַמאָל חתונה געהאַט. דאָס מאָל האָט ער אָנגעקראָגן אַ אידענע אין די פופציקער, אַ גאַליציאַנערין, אַן אלמנה נאָך אַ נגיד, אַ בראָדער למדן, אַן אייגנטימער פון אַ ברוי־הויז. דער מאָן האָט פאַרן טויט באַנקראָטירט און עס איז איר געבליבן בירושה אַ שאַנק ספרים, אַ שנור פערל, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿאַלשע, און אַ בת־יחידה, וואָס האָט געהייסן איידל. רויזע פרומעטל, די מאַמע, האָט זי גערופן איידעלע און צומאָל — אַדעלע, אויפן היינט־מאָדישן שטייגער. ר׳ משולם האָט זיך באַקענט מיט דער פרוי אין קאַרלס־באַד, וואו ער איז געפאָרן טרינקען די וואַסערן, און ער האָט דאָרט געשטעלט מיט איר אַ חופּה. אין וואַרשע האָט קיינער דערפֿון נישט געוואוסט. ר׳ משולם האָט קיינעם נישט געשריבן קיין בריוו פֿון וואַרעמבאַד און ס׳איז נישט געווען זיין געוואוינהייט אָפּצוגעבן עמעצן אַ חשבון. ערשט אין מיטן אלול איז אָנגע־קומען אַ טעלעגראַמע אויף ר׳ משולמס אַדרעס אין וואַרשע, אַז ער קומט צו פֿאָרן, און — ווען מ׳זאָל אים אָפּוואַרטן. לייבל דער בעל־עגלה איז אַרויסגעפֿאָרן צום ווינער וואָקזאַל מיט דער קאָטש און אָפּגעוואַרט דעם באַלעבאָס. די באַן איז אָנגעקומען פֿאַרנאַכט־צו. ר׳ משולם איז אויסגעשטיגן פֿון וואַגאָן ערשטע קלאַס. ער האָט געפֿירט מיט זיך דאָס ווייב און די שטיף־טאָכטער.

ער האָט גלייך אויפֿן טרעפּל אַ זאָג־געטאָן לייבלען:

— דאָס איז דיין נייע באַלעבאָסטע.

און ער האָט געטאָן צו אים אַ בלינצל מיט אַן אויג.

ר׳ משולם האָט געטראָגן מיט זיך איין קליין צעקנייטשט רענצל, געדיכט אַרומגעקלעפּט מיט קוויטלעך פֿון די צאָל־אַמטן. דעם גרויסן קופֿערט מיט די מעשענע רייפֿן האָט ער געהאַט אויפֿגעגעבן אויפֿן באַגאַזש. אָבער די פֿרויען האָבן געהאַט מ״ט זיך אַ סך וואַליזעס, רענצלעך, פּעקלעך. עס איז נישט געווען גענוג אָרט אין דער קאַרעטע, וואו דאָס אַלץ אַהינצוטאָן, און מען האָט געמוזט אַרויפֿלייגן אַ גאַנצן שטויס מיט געפּעק אויף דעם באָק. לייבל שמייסער, אָדער לייבל פֿורמאַן, איז נישט געווען קיין שעמעוודיקער. פֿונדעסטוועגן איז ער רויט געוואָרן ביים אָנבליק פֿון די געסט און האָט ווי פֿאַרלוירן דאָס לשון. די נייע פֿרוי מושקאַט איז געווען אַ מיטלוואוקסיקע, אַן אויסגעמאָגערטע, שוין אַביסל איינגעבויגן, מיט אַ פּנים פֿול קנייטשן, די נאָז רויט פֿון קאַטאַר, מיט אַ פּאָר אויסגעוויינטע אויגן פֿון אַ מיוחסת. דאָס פּעלענע שייטעל איז געווען אַרומגע־

הילט מיט אַ שוואַרצער זשאַרזשעטענער שאַל. אין די לעפּלעך פֿון די אויערן האָבן זיך געבאַמבלט לאַנגע אויערינגען מיט שוואַרצע שטיינדלעך, וואָס האָבן געציטערט ווי געגליווערטס. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זיידן אויבער־מלבוש, וואָס איז געווען האַלב אַ האַבעלאַק, האַלב אַ פּעלערינע, אין אַ ברייט קאַרטן קלייד, באַנייט מיט טאַשמעס, און אַלט־פֿרענקישע שיך מיט לאַנגע נעז. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שירעם מיט אַ בורשטינען הענטל. מיט דער אַנדערער האָט זי צוגעהאַלטן איר טאָכטער, אַ מיידל פֿון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק, אַ הויכע, אַ שמאָלע, מיט אַ קרומלעכער נאָז, וואָס האָט געהאַט אַ ביינדל אינמיטן, מיט אַ שאַרפֿן קין און דינע ליפּן. אונטער די העלע אויגן זיינען געשטאַנען טונקעלע רענדער, ווי פֿון נישט שלאָפֿן נעכט. די אָפּגעבלאַקירטע האָר, אַ געמיש פֿון געל און בלאָנד, זיינען פֿאַרקעמט געווען אויף הינטן אין אַ שפּיציק גרעקל, געדיכט באַשטעקט מיט האָר־נאָדלען. זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ פֿאַרוועלקט בינטל געלע בלימלעך, אַ פּאַקעטל אַרומגעבונדן מיט אַ רויט שנירל, אַ שאַכטל און אַ ביכל. צווישן די בלעטער האָבן געשטעקט ריטלעך, וואָס האָבן דערמאָנט לייבלען אָן הושענות. עס האָט געשמעקט פֿון דעם מיידל מיט שאָקאָלאַד, קימל־פּערפֿום און אויסלאַנד. לייבל שמייסער האָט זיך אַ פֿאַרקרים געטאָן.

— אַ פּריצה! — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך אַליין. — אַ פֿאַרריסענע!

— איידעלע, קינד מיינס, דאָס איז וואַרשע! — האָט רויזע פֿרומעטל אַ וויין־געטאָן דער טאָכטער. — קיין עין־הרע אַ כרך, האָ?

— עך זע נאָך דערוויל גאָרנישט! — האָט זי אָפּגעענטפֿערט אין אַ פּלאַ־טשיקער גאַליציאַנער אויסשפּראַך.

— אודאי, צו ווין קומט עס נישט! — האָט ר׳ משולם אַ זאָג געטאָן. — און צו בערלין אויך נישט!

ווי אַלעמאָל ווען ר׳ משולם איז ערגעץ געפֿאָרן, אָדער צוריקגעקומען, איז גלייך געוואָרן אַרום אים אַ רעדל נייגעריקע. אַלע האָבן אים געקאָנט אין וואַרשע, נישט בלויז יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן. מען האָט עטלעכע מאָל געהאַט געשריבן אין די פּוילישע צייטונגען וועגן אים און זיינע געשעפֿטן. מ׳האָט אַפֿילו געדרוקט זיין פּאָרטרעט. ער האָט אויסגעזען אַנדערש ווי געוויינלעך וואַרשעווער יידן פֿון אַלטן שניט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ דין פּנים, איינגע־פֿאַלענע באַקן און אַ ווייס בערדל, וואָס איז געוואַקסן אויפֿן שפּיץ קין — שיטער, יעדע האָר איבערצוציילן. ברעמען האָט ער געהאַט געדיכטע און עס האָבן פֿון הינטער זיי אַרויסגעקוקט אַ פּאָר געלבלעכע אויגן, שטעכיקע און שפּיזלדיקע. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ שמאָלע, אַ הויקערדיקע. אויף דער אויבער־שטער ליפּ האָבן געהאָנגען צו עטלעכע האָר, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די וואָנסן פֿון אַ ים־לייב. ער האָט געטראָגן אַ טוכן היטל מיט אַ הויכער דענקע, און אַ מלבוש, וואָס איז געווען אַ געמיש פֿון אַ געהאַקטער קאַפּאָטע און אַ פּריצישן קאַפֿטן, מיט אַ פּעטל אויף די איינגענומענע לענדן און מיט אַ שפּאַלט פֿון הינטן. פֿון פֿאָרענט האָט דאָס בגד געהאַט ברייטע לאַצן און צוויי שורות איבערגע־צויגענע קנעפּ. די געמזענע שטיוול האָבן געהאַט נידעריקע כאַלעוועס. מ׳האָט אים פֿונדערווייטנס געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַן אַלטן פּוילישן פּריץ, אָדער אַפֿילו

פֿאַר אַ קאַצאַפּ. אָבער פֿון דער נאָענט האָט מען געזען אויףביידע שלייפֿן שטיקלעך ווייסע פּיאות, שוין האַלב־אויסגעקראָכענע.

ר׳ משולם מושקאַט האָט זיך געאײלט. ער האָט יעדעס מאָל אַ שטויס געטאָן לייבלען אין אַקסל, מען זאָל שוין גיכער פֿאָרן. ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן קיין מנחה. אָבער דאָס אויפֿלאָדן די חפֿצים האָט לאַנג געדויערט און ר׳ משולם האָט אײַנגעזען, אַז ער וועט שוין מוזן דאַווענען צו מעריב צוויי שמונה־עשרהס. דערצו איז דער וועג פֿון ווינעלקע צום גזשיבאָוו געווען פֿאַרשפּאַרט מיט וועגענער פֿון פֿייער־לעשער און מ׳האָט געמוזט פֿאָרען מיט דער מאַרשאַלקאָווסקע און דער קרולעווסקע. די גאַס־לאַמטערן זײַנען שוין געווען אָנגעצונדן. אַרום די גרין־בלוילעכע לאָמפּן, קײַלעכיקע, ווי לבנות, האָבן זיך געדרייט מחנות פֿליגעלעך, וואָס האָבן געוואָרפֿן אײליקע שאָטנס אויף דעם טראָטואַר. פֿון מאָל צו מאָל איז פֿאַרביי אַ רויטער טראַמוויי. אין די עלעקטרישע דראָטן האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט בלויע פֿײַערן, וואָס האָבן געוואָרפֿן אַ בלאָסע גליווערנדיקע שײַן, ווי פֿון בליצן. אַלץ איז ר׳ משולמען דאָ געווען היימיש: די הויכע הײַזער מיט די טיפֿע טויערן; די געשעפֿטן מיט די העל־באַלויכטענע שויפֿענסטער; דער רוסישער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן גאַס, צווישן די צוויי שורות רעלסן; דער זאַקסישער גאָרטן, וואָס פֿון איבער זײַנע אײַזערנע שטאַכעטן האָבן אַרויסגעשפּאַרט געדיכטע צווײַגן מיט בלעטער. אין דער מטושטש׳ער שײַן פֿון אָוונט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס בליט דאָרט בעז. אין דער געדיכטעניש האָבן פֿייערלעך זיך געצונדן און געלאָשן. עס האָט געהויכט פֿון אינעווייניק מיט לינדע ווינטלעך און מיט סודות פֿון פֿאַרפֿירטע מיידלעך. ביים טויער זײַנען געשטאַנען צוויי זשאַנדאַרמען מיט קרומע שווערדן און געהיט, עס זאָלן זיך נישט אַרײַנכאַפּן לאַנג־געקליידטע יידן און באַשייטלטע יידענעס, שעפּן פרישע לופֿט. אַביסל ווייטער האָט זיך געפֿונען די בערזע, וואו ער, ר׳ משולם, איז געווען איינער פֿון די עלטסטע מיטגלידער. מיט אַמאָל האָט זיך די קאָטש אַרײַנגעדרייט אויפֿן גזשיבאָוו און אַלץ האָט זיך פֿאַרענדערט. די גאָס איז געווען פֿול מיט יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און קליינע טוכענע היטעלעך און מיט ווײַבער אין שייטלען און קאָפּקעס. אַפֿילו די ריחות זײַנען דאָ געווען אַנדערע. עס האָט אַ שמעק־געטאָן מיט רינשטאָק, צוגעפֿוילט אויבסט, קאַלך, און נאָך עפּעס זיסלעכס און פּעכיקס, וואָס מ׳וואָלט גאָר נישט געקאָנט אָנרופֿן מיט קיין נאָמען און וואָס מ׳האָט נאָר דערשפּירט ווען מ׳האָט זיך אומגעקערט פֿון אַ ווײַטער נסיעה. עס איז דאָ געווען אַ טומל און אַ געשריי. גאַסן־הענדלערינס האָבן מיט זינגענדיקע קולות אויסגערופֿן זייערע סחורות: קאַרטאָפֿל־קוכן, הייסע באָבעס, עפּל, באַרנעס, אונגאַרישע פּלוימען, שוואַרצע און ווייסע ווײַנטרויבן, גאַנצע און האַלבע אַרבוזן. כאָטש ס׳איז געווען הייס, האָבן די סוחרטעס געטראָגן זשאַקעטן. איבער די היפּטן זײַנען געהאָנגען לעדערנע בײַטלען אויף צו האַלטן דאָס געלייזטע געלט. די פּאַרקויפֿערינס זײַנען געזעסן אויף קעסטלעך, פּוס־בענקלעך, שוועלן. די שטעלעכלעך זײַנען געווען באַלויכטן מיט לאַמטערן. דאָ און דאָרט האָט געברענט אַ ליכט, צוגעטריפֿט צו אַ ברעטל פֿון אַ קאָסטן. די קונהטעס האָבן באַטאַפּט יעדע פֿרוכט, פֿאַרזוכט, געמאַכט מיט די

ליפּן צו דערפילן דעם טעם, און די מאַרק־זיצערינס האָבן אָפּגעוואויגען די סחורה אויף בלעכענע וואָגשאָלן.

— גאָלד, גאָלד, גאָלד! — האָט געררופן אַן אַלטע יידענע אין אַ קאַפּקע ביי אַ קעסטל וויך־געוואָרענע פּאָמעראַנצן.

— צוקער, צוקער, צוקער! — האָט געזונגען אַ קיילעכדיק ווייבל ביי אַ קויש צוגעלעגענע פּלוימען.

— ווייך, ווייך, ווייך! — האָט געגוואַלדעוועט אַ רויטער ייד, וואָס האָט פאַר־קויפּט האַלב־צעקוועטשטע ווייַנטרויבן. — קויפּטץ, לויפּטץ, כאַפּטץ!...

אין מיטן גאַס האָבן פורמאַנעס געפירט ברייטע פלאַטפאָרמעס, הויך באַלאָ־דענע מיט לאַסט. די נידעריקע פערד מיט די קורצע גראָבע פיס, באַוואַקסענע מיט בינטלעך האָר, האָבן געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס אין די שטיינער, אַז ס׳האָבן געשפּריצט פונקען. אַ טרעגער אין אַ היטל מיט אַ מעשענער בלעך האָט געטראָגן אויף דער פּלייצע אַ קויש מיט קוילן, צוגעפּעסטיקט צו די אַקסלען מיט גראָבע שטריק. ער האָט זיך געבויגן אונטער דער משא און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אויף יאָ. אַ סטרוזש אין אַ צעראַטן היטל און אין אַ בלוי פאַרטוך האָט געקערט מיסט מיט אַ לאַנגן בעזים. אינגלעך מיט פּיאהלעך, אין אַכט־קאַנטיקע היטעלעך, האָבן זיך אומגעקערט פון די חדרים, וואו מ׳האָט פון חמשה עשר באָב אָנגעהויבן צו לערנען אין אָוונט, און געטראָגן מיט זיך סידורים, חומשים, גמראָס. פון צווישן די פּאָלעס האָבן אַרויסגעקוקט די לייבסערדאַקלעך. אַ יונג מיט אַ קאַשקעט פאַררוקט איבער די אויגן האָט פאַרקויפט קאַלענדאַרן צום נייעם יאָר, געשריגן מיט דונערנדיקע קולות. אַן אָפּגעריסענער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, אַ געל בערדל און צעשויבערטע פּיאות, איז געשטאַנען נעבן אַ קויש מיט בינטלעך ציצית, בענטשערלעך, בלעכענע חנוכה־לעמפּלעך און שיר־המעלותן פאַר קינפּעטאָרינס. אַ קאַרליק, מיט אַ גרויסן קאָפּ, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ בינטל קאַנטשיקעס, געפּאַכעט מיט די רימענדלעך, געוויזן ווי מ׳שמייסט ווידערשפּעניקע קינדער. אויף אַ געשטעל באַלויכטן מיט אַ קאַר־ביד־לאָמפּ זיינען געלעגן יידישע צייטונגען און עס האָבן געהאָנגען אַלערליי מעשה־ביכלעך: הערשעלע אָסטראָפּאָליער, מאָטקע כאַבאַד, ר׳ יוסף דילה ריינה, שיינדעלע מיט די בלויע ליפּעלעך, דער פרומער ר׳ צדוקל, ווי אויך דעטעקטיוו־געשיכטעס פון שערלאָק האָלמס, נאַט פּינקערטאָן, מאַקס שפּיצקאָפּף און ביכלעך וועגן חכמת היד און חכמת הפרצוף. ר׳ משולם האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון דער קאָטש און אַ זאָג־געטאָן צו זיך אַליין און צום ווייב:

— ארץ־ישראל, הע?...

— וואָס זיינען זיי עפּעס אַזוי ווילד אָנגעטאָן? — האָט געפרעגט אידל, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אין דעם רוסישן פּוילן און איז נישט געוואוינט געווען צו די קליינע שטערצלדיקע היטעלעך.

— אַזוי איז דאָ דער מנהג, — האָט ר׳ משולם געענטפערט האַלב מיט געבייזער.

ער האָט אַ וויַיל חשק געהאַט צו דערציילן, אַז ער געדענקט ווי מען האָט די הויכע הייזער דאָ געבויט; אַז ער אַליין האָט אַ היפּשן חלק אין דער גאַס; אַז

אַמאָל איז דאָ ביינאַכט געווען פֿינסטער ווי אין מצרים און ס'זיינען אַרומגעקראָכן אויפֿן ברוק ציגן און הינער. אָבער ערשטנס, איז שוין נישט געווען קיין צייט צו רעדן: די קאַרעטע האָט זיך שוין געהאַלטן ביים אָפּשטעלן; צווייטנס, האָט ר' משולם נישט ליב געהאַט זיך צו באַרימען און צו שמועסן פֿון אַמאָליקע צייטן. ער האָט געוואוסט, אַז די ווייבער, וואָס זיצן נעבן אים, געפֿעלט נישט זיין וואַרשע, און ס'האָט אים אויף אַ ווייל באַנג געטאָן פֿאַרוואָס ער האָט זיך געאיילט מיט דעם שידוך און איינגעהאַנדלט זיך אַ קירהשע אַלמנה. ס'איז אַלץ קאַפּלס שולד! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — דער משרת־יונג האָט מיך צופֿיל גענומען אין די הענט אַריין.

די קאַטש איז איצט געבליבן שטיין ביי ר' משולמס מויער, און עס איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ געזעמל. לייבל איז אַראָפּגעשפּרונגען און האָט געהאָלפֿן אויסשטייגן דעם באַלעבאָס און זיינע געסט. צווישן די ווייבער און מוידן ביים טויער איז געוואָרן אַ גערייד.

— זעטץ נאָר, — האָט אַ ווייבל אַ רוף געטאָן. — ווער איז דאָס די רביצין?...

— און ווער איז די שטרויענע פּאַננע? — האָט געפֿרעגט אַ בעקער־יונג אין די בלויזע גאַטקעס, אין צעטראָטענע שטעק־לאַטשן אויף די באָרוועסע פֿיס און מיט אַ פּאַפּירענעם שקאַרמיץ אויפֿן קאָפּ.

— כ'לעבן, ר'האָט שוין ווידער חתונה געהאַט, דער אַלטער תרח! — האָט דאָס ווייבל אַ זאָג געטאָן הויך, אַז יענער זאָל הערן. — יאָך זאָל מיאָר אַזוי לעבן!...

— מאַמעליו קרוין, יאָך האַלט עס ניש' אָס! — האָט אַ זינג געטאָן אַ דיקע מויד, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ קויבער פֿרישע זעמל.

— העי, לאָזטץ דאָרכגאָין! — האָט לייבל אַ געשריי געטאָן. — וואָס האָט עץ ענק אָוועקגעשטעלט ווי גלאָמפּעס, אַ רוח אין ענקערע הערצער אַראָן!...

ער האָט געמאַכט אַ וועג צווישן עולם און אַרויפֿגעטראָגן מיט די פּראַנט־טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט צו ר' משולמס דירה, דריי וואַליזעס מיט אַמאָל. עס זיינען אויך אַרויסגעקומען דער סטרוזש מיט זיין ווייב און האָבן געשלעפּט פּעק. אַ באָרוועס ייִנגל מיט גרויסע הויזן, נישט לויט זיין מאָס, און אין אַ פֿאַרשמאַלצן היטל אָן אַ דאַשיק, איז פֿלינק פֿון ערגעץ אָנגעלאָפֿן און אַרויסגעריסן אַ הויפֿן האָר פֿון פֿערדישן ווידל. דאָס פֿערד האָט אַזש אויפֿגעציטערט און אַ שטויס געטאָן מיטן הינטערשטן פֿוס אָן אַ שטיין. וואַרשעווער גאַסן־ייִנגלעך האָבן געזאַמלט פֿערדישע ווידל־האָר אויף צו מאַכן פֿון זיי בויגנס צו פֿידלען. די בעקער־מויד האָט אָנגעשריגן אויף דעם יונג.

— העי, דו, לאָטעק! — האָט זי אַ קוויטש געטאָן. — די הענט זאָלן דיר אָפּדאָרן!...

— דיר, רבקהלע הור! — האָט דער יאָט זיך געאיילט אָפּצוענטפֿערן.

רויזע־פֿרומעטל האָט אַ צי געטאָן נאָך זיך די טאָכטער, זי זאָל נישט הערן די מיאוסע רייד. באַלד האָבן אַלע דריי — ר' משולם, זיין ווייב און שטיף־

טאָכטער — זיך געלאָזט צום פֿראָנט־אַריינגאַנג פֿון דער וואוינונג, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן ערשטן שטאָק.

## 2

נעמי די דינסט און מאַניע, איר אַרויסהעלפֿעריך, האָבן שוין זינט טעג זיך געריכט אויף ר׳ משולמען און אויפֿגערוימט די שטוב. היינט האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט לכבוד דעם באַלעבאָס און אָנגעצונדן די לאָמפּן אין דער סאַלע, אין ביבליאָטעק, אין קאַבינעט, אין דער עס־שטוב און אין שלאָף־צימער. ר׳ משולם האָט ליב געהאַט ס׳זאָל זיין ליכטיק ווען ער קומט פֿון וועג. ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן צו ברענגען זיינע דינסטן מתנות פֿון וואַרעם־באָד. די דירה האָט געהאַט צוועלף צימערן, אָבער אַ העלפֿט איז געשטאַנען פֿאַרשלאָסן זינט די באַלעבאָסטע איז געשטאָרבן.

די בשורה, אַז ר׳ משולם האָט חתונה געהאַט און אַז ער פֿירט מיט זיך אַ דריט ווייב און אַ שטיף־טאָכטער, האָט געבראַכט די דינסטן לייבל שמייסער. ער האָט איינגערוימט נעמין אַ סוד אין אויער און זי האָט זיך געטאָן אַ כאַפּ־אָן ביי די בריסטן און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש. באַלד דערנאָך האָבן דאָס אייגענע דערציילט דער סטרוזש און די סטרוזשקע, וואָס האָבן אויך אַרויפֿגעבראַכט פּעק. אָבער עס איז נישט געווען קיין צייט לאַנג צו רעדן, ווייל באַלד זיינען אָנגעקומען דער באַלעבאָס און זיינע געסט. נעמי און מאַניע זיינען געשטאַנען אין ברייטן קאָרידאָר, אין ווייסע שירצן, ווי עס פֿירט זיך ביי פּריצים. ווען ר׳ משולם האָט געעפֿנט די טיר און געזאָגט גוטן אָוונט, האָבןביידע געענטפֿערט אין איין קול:

— גוט־נאָוונט, באַלעבאָס, בוכאַבע!

— מ׳האָט אייך שוין מסתמא אָנגעזאָגט . . . כ׳האָב חתונה געהאַט . . . אָט איז די נייע באַלעבאָסטע . . . און דאָס איז איר טאָכטער.

— מזל־טוב, באַלעבאָס. זאָל זיין מיט גליק.

נעמי האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער פֿרוי, דעם מיידל, און די אויגן האָבן זיך איר שיער נישט איבערגעדרייט. איר ערשטער פֿאַרלאַנג איז געווען צו טאָן מאַניען אַ קניפּ אין דיקן פֿלייש. אָבער די מויד איז נישט געשטאַנען נאָענט. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרויסצוזעצן מיט אַ געלעכטער.

נעמי, אַ דיקע, אַ העלע, אין אַ בלאָנד געקאַרבט שייטל, וואָס זי האָט קונציק צונויפֿגעקעמט מיט די אייגענע האָר, איז געווען אַ טאָפּלטע אלמנה. זי איז שוין געווען אין די פֿערציקער, נאָר זי האָט אויסגעזען יונג. זי האָט געהאַט אַ נאָמען מיט איר קלוגן קאָפּ און מיט איר שוואַרצער גבורה צו פֿירן אַזאַ גרויס הויז ווי ר׳ משולמס. גערופֿן האָט מען זי נעמי קאָזאַק. ווען נעמי איז געגאַנגען איבער דער שטוב, האָט געציטערט אונטער איר דער פּאָרטער. אַז זי האָט געטאָן אויף מאַניען אַ געשריי, האָט מען געהערט אין הויף. אירע גלייכווערטלעך און אַריינזאָגענישן האָבן געשמט אויפֿן גזשיבאָוו. וועגן איר בריהשאַפֿט אין קאָכן און באַקן האָט מען דערציילט חידושים. אַ געהאַלט האָט זי גענומען אַ הויכן, גאַר־

נישט ווי אַ דינסט, און מ׳האָט גערעדט, אַז זי האָט ליגן ביי ר׳ משולמען שווערע טויזנטער אויף פּראָצענט.

— אַ געביפּטע נקבה — האָט לייבל שמייסער געזאָגט וועגן איר. — אַ קוכטע אין אַ שויט.

מאַניע איז געווען נידעריקער פֿון נעמין און ייִנגער פֿון איר מיט צען יאָר. געדינט האָט זי אייגנטלעך נישט ביי ר׳ משולמען, נאָר ביי נעמין, ווייל ר׳ משולם פֿלעגט צאָלן נעמין אַ קיילעכיקע סומע און זי האָט זיך צוגענומען אַ מויד, וואָס זאָל איר נאָכטראָגן דעם קויש אין מאַרק אַריין. מאַניע איז געווען אַ שוואַרצע, מיט אַ פּלאַטשיק פּנים, אַרויסשטאַרצנדיקע קין־באַקן, אַ ברייטער נאָז און אַ פּאָר קרומלעכע אייגעלעך, ווי ביי אַ קאַלמיק. די האָר האָט זי פֿאַרפֿלאָכטן אין קרענצלעך פון ביידע זייטן. אין די אויערן זיינען געזעסן אַ פּאָר גרויסע אויערינג, געדרייטע ווי שפּרינגפֿעדערס. אויפֿן האַלדז איז געהאָנגען אַ קייט פֿון זילבערנע גילדנס. נעמי האָט נישט אַזוי ווייט געדאַרפֿט מ׳זאָל איר העלפֿן אין דערווירטשאַפֿט — זי האָט ליב געהאַט אַלץ אַליין צו טאָן — ווי עמיצן אויס־צורעדן זיך דאָס האַרץ. ווען ר׳ משולם איז געווען אונטערוועגנס, האָבן די דינסטן דאָ באַלעבאַטעוועט ווי ביי זיך אין דער היים. זיי האָבן אינדערוואָכן געטרונקען מעד, זיך געפּרעגלט באָבעלעך און געהאַלטן אין איין שפּילן צווישן זיך אין קאָרטן. מאַניע, די ציגיינערין, האָט געהאַט אַזאַ מזל, אַז נעמי האָט יעדעס מאָל פֿאַרלוירן ביי איר אַ פּאָר גילדן.

— זי דאַצט מיך אָפּ, — פֿלעגט נעמי זאָגן וועגן איר. — אַזאַ פּראָווינצער חיה!...

אין דער צייט ווען ביידע דינסטן האָבן זיך געסודעט אין קאָרידאָר, האָט ר׳ משולם דערווייל געוויזן דעם ווייב און דער שטיף־טאָכטער זיין דירה. אַלץ איז דאָ געווען איינגעריכטעט פֿאַר אַ גרויסער משפּחה. אין עס־שטוב איז געשטאַנען אַ ריזיקער טיש מיט בלאַטן צו עפֿענען פֿון ביידע זייטן, אַרומגערינגלט פֿון דעמבענע שטולן מיט הויכע גאַלקעס. איין וואַנט איז געווען איינגאַנצן פֿאַרנומען מיט אַ קרעדענס, באַשטעלט מיט קידוש־בעכערס, בשמים־ביקסלעך, אתרוגים־פּושקעס, סאַמאָוואַרן, אַלערליי קלאָשן, קאַראַפֿינקעס, טאַצן, וואַזעס. פֿון הינטער די שויבן האָט אַרויסגעקוקט פּאָרצעלאַן־געפֿעס און זילבערנע כּלים, צעבויגן און צעראַצט פֿון רייבן און שייערן. פֿון באַלקן האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ בליץ־לאָמפּ, וואָס מ׳האָט אויפֿגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט מיט בראָנזענע קייטן, און אַ באַניע מיט שרויט.

אין קאַנטאָר האָט זיך געפֿונען אַן אייזערנע קאַסע און שענק מיט אַלטע געשעפֿט־ביכער. עס האָט דאָ געשמעקט מיט שטויב, טוש און טריוואַקס. אין דער ביבליאָטעק זיינען דריי ווענט געווען פֿול ביז אַרויף מיט ספֿרים. אויף דער ערד איז געלעגן אַ משונה דיק בוך איינגעבונדן אין לעדער און געליישט מיט גאָלד. עס איז געווען אַ קאָנקאָרדאַנציע פֿון תנ״ך, פֿאַרפֿאַסט פֿון אַ רוימישן גלח, און ר׳ משולם האָט נישט געוואָלט עס זאָל שטיין צוזאַמען מיט די הייליקע ספֿרים. רויזע־פֿרומעטל איז צוגעגאַנגען צו די פּאָליצעס, אַרויסגענומען אַ ספֿר,

מעשה מאַנסביל, אַ קוק געטאָן אין שער־בלאַט, און זיך אָנגערופֿן צו ר׳ משולמען:

— האָסט אפֿשר דאָ אַ דברי דוד?

— הע? כ׳ווייס נישט. כ׳קאָן נישט אַלע ספֿרים.

— ס׳איז פֿון מיין מאַן, דיר צו לאַנגע יאָר. מיר האָבן נאָך ליגן אַ סך כתב־ידן...

— מאַלע וואָס ייִדן שרייבן אַלץ אָן! — האָט ר׳ משולם געענטפֿערט.

ער האָט נאָך געוויזן די פֿרויען דעם קאַבינעט, דאָס שלאָף־צימער מיט די דעמבענע בעטן, איינס לענגאויס דעם אַנדערן, און די סאַלע — אַן אומגעוויינלעך גרויסע שטוב מיט פֿיר פֿענסטער, מיט אַ געשניצטן סופֿיט, וואָס עס זיינען אויף אים געבליבן שפּורן פֿון גאָלד־פֿאַרב. די ווענט — אויסטאַפּעטירט מיט געל־גאָלדיקע טאַפּעטן — זיינען געווען אַרומגעשטעלט מיט פֿאָטעלן איבערגעצויגענע מיט געלן אַטלעס, מיט אַלערליי סאָפֿעס, טישלעך, געשטעלעכלעך, שענקלעך. אויף אַ פֿאַרטעפּיאַן איבערגעצויגן מיט געלבלעכער לייוונט זיינען געשטאַנען צוויי באַגילדטע לייכטערלעך. די לאָמפּן און די קאַנדעלאַברעס זיינען געווען געדיכט אַרומגעהאַנגען מיט פֿאַרשטויבטע פּריזמעס. ביי די פֿענסטער, פֿאַרצויגן מיט פֿאַרהאַנגען און גאַרדינען, זיינען געשטאַנען עמערס מיט פֿיגוס־בוימער און פּאַלמען. ס׳איז דאָ געהאַנגען אַ זילבערנער חנוכּה־לאָמפּ, די אַכט רערן באַצירט מיט בלומען און בעכערס, לויטן מוסטער פֿון דער מנורה. רויזע־פֿרומעטל האָט געטאָן אַ זיפֿץ.

— קיין בייז אויג! — האָט זי אַ זאָג־געטאָן — אַ מלכות!...

— האַ? ס׳האָט אָפּגעקאָסט אַן אוצר, — האָט ר׳ משולם זיך אָנגערופֿן.

— און ס׳איז ווערט אַ שמעק־טאַבאַק...

ער האָט מיט אַמאָל איבערגעלאָזט מוטער און טאָכטער און איז אַוועק אין קאַבינעט דאַוונען מעריב מיט צוויי שמונה־עשרהס. איידל האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און איז געבליבן אין אַ ווייסער בלוזע מיט געפֿאַלדעטע אַרבל און מיט אַ שליף פֿון פֿאַרנט. די אַקסלען זיינען געווען שמאָל, די אָרעמס — דין, די ברוסט — פֿלאַך. קעגן בליץ־לאָמפּ האָבן די האָר באַקומען אַ רויטלעכן אָפּשיין, ווי פֿון קופּער. רויזע פֿרומעטל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿאָטעל און אָנגעשפּאַרט די שיך אויף אַ פֿוס־בענקעלע.

— נו, טאָכטער־לעב, — האָט זי געפֿרעגט האַלב־זינגענדיק און האַלב־וויינענדיק, — וואָס זאָגסטו? אַ גדולה, האַ?

איידל האָט אויף איר געטאָן אַ שאַרפֿן בליק.

— אַלץ איינס, מאַמע. עכ׳ל דאָ נישט בלייבן! — האָט זי אַ זאָג־געטאָן.

— עך פֿאַר אַוועק...

רויזע־פֿרומעטל האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט.

— פֿינסטער איז מיר! שוין, אַזוי גיך? עך האָב דאָך אַלץ געטאָן צוליב דיר. אַז דו זאָלסט דיך אויפֿהערן וואָלגערן.

— עך האָב עס פֿיינט! אַלץ מיט אַנאַנדער!...

— ווײ איז מיר! וואָס האָסטו פֿײנט? דערגײסט מיר צו דער זיבעטער ריפּ!...

— אַלץ. דעם אַלטן, די שטוב, די דינסטן, די יידן מיט די קלײנע היטעלעך. ס׳גאַנצע געזינדל!...

— וואָס טוט דיר דער אַלטער? וועסט מערטשישעם חתונה האָבן! ער׳ט דיר געבן נדן! עך האָב אַ כּתב!

— עך דאַרף ניש׳ דאָס כּתב און עך וויל ניש׳ חתונה האָבן. ס׳איז דאָ אַ שטיק אַזיע.

רויזע־פֿרומעטל האָט אַרויסגענומען דאָס באַטיסטענע טיכל און גענומען שנײצן די נאָז. די אויגן זײנען איר געוואָרן רויט און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי לאַכט זי אָדער זי ווײנט.

— וואו וועסטו לויפֿן? וואָס ווילסטו פֿון מײנע יאָרן האָבן?

— עכ׳ל אַוועק אין דער שווײץ. עכ׳ל ווײטער שטודירן.

— האָסט דעך נאָך ווײניק אָנשטודירט? וואָס וועט פֿון דיר ווערן? אַן אַלטע מויד!...

— עך האָב אין דר׳ערד אַלע מאַנסלײט!...

רויזע־פֿרומעטל האָט איר געוואָלט אָפּענטפֿערן, נאָר אַ קנויל איז איר געבליבן שטעקן אין גאָרגל. זי האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די געריגצלטע הענט און זיך לאַנג צוגעשאָקלט. דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט און איז אַוועק אין קיך. זי האָט ניט געקאָנט בלײבן זיצן און קלאָגן אויף איר מזל. ס׳איז נאָך דאָ גאָרנישט געווען צוגעגרייט, נישט קיין נאַכטמאָל, נישט קיין געלעגער פֿאַר דער טאָכטער. די דינסט־מוידן זײנען געווען ביטערע מרשעתן און ר׳ משולם איז געהאַט ערגעץ נעלם געוואָרן. אַפֿילו קיין גלאָז טײ האָט מען איר נישט דערלאַנגט...

די קיך איז געווען אַ גרויסע, מיט אַ ברייטן אויוון פֿון קאַפֿליעס און מיט ראָז־געפֿאַרבטע ווענט, באַהאָנגען מיט אַ סך קופּערנע פֿאַנען און בעקנס. די ברייטע פֿײערקעס זײנען געווען צוגעפּאַסט פֿאַר קעסלען. עס האָט דאָ געשמעקט מיט פֿריש־געבאַקענע קיכלעך און צימרינג. די שוואַרצע מאַניע — אײנגעהילט אין אַ רויט שאַלכל, פֿול מיט בלימעלעך, בלעטער, זומער־פֿײגעלעך — איז געזעסן אויף אַ פֿוס־בענקעלע און אויסגעלייגט קאָרטן. נעמי האָט געהאַט אויסגעטאָן דאָס פֿאַרטוך און אָנגעטאָן אַ מאַנטל. זי האָט זיך, אַפּנים, געגרייט ערגעץ אַוועק־צוגיין.

— זײט־זשע מוחל, — האָט רויזע־פֿרומעטל צו איר געזאָגט. — מיר ווייסן דאָ גאָרנישט. וואו זאָלן מיר זיך אַהינטון?

— ס׳פּעלן דאָ ניש׳ קאָ׳ שטיבן! — האָט נעמי געענטפֿערט אַ בײזלעכע.

— זײט׳ך אַזוי גוט און ווייזט׳ך מיר!

נעמי האָט פֿאַרשנדיק געטאָן אַ קוק אויף מאַניען, ווי זי וואָלט שטומערהייט זיך געהאַלטן מיט איר אַן עצה.

— דער באַלעבאָסטעס שטובן זײנען פֿאַרמאַכט.

— נו, וועט עך אַזוי גוט זײן עפֿענען.

— זיי שטייען שוין פֿאַרשלאָסן יאָרן, ס'איז דאָרט אַ באַשטאַנד.

— נו, וועט עץ מוזן אויפֿרוימען.

— היינט איז שוין צו שפּעט!

— קומט'ץ און צינד'ץ אָן לכל־הפּחות אַ לאָמפּ! — האָט רויזע־פֿרומעטל זיך האַלב געבעטן, האַלב־באַפֿוילן.

נעמי האָט געטאָן אַ וואונק צו מאַניען און מאַניע איז פֿויל אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגענומען פֿון טיש־שופֿלאַד אַ בונט שליסלען. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, און ס'איז שווער געווען צו דערקענען, צי גרייט זי זיך אַליין צו עפֿענען, אָדער זי וועט געבן די שליסלען נעמין. נעמי האָט כּמעט ביי איר אַרויס־געכאַפּט דעם בונט שליסלען. עס איז שוין רויזע־פֿרומעטלען געווען קלאָר, אַז די מוידן ווילן אָפּשלעפּן און טאָן צו־להכעיס.

נעמי האָט געעפֿנט אַ טיר און אַריינגעטראָגן אַ שטיי־לאָמפּ. עס איז געווען אַ האַלב־רונד צימער, די ווענט אויסטאַפּעצירט מיט טונקעלע טאַפּעטן, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט שוין געשיילט. אויף די פֿענסטער זיינען נישט געהאַנגען קיין פֿאַרהאַנגען, נאָר צעריסענע ראָלעטן. עס זיינען דאָ געווען אָנגעשטעלט וויג־שטולן, קאַמאָדעס, בלומען־טעפּ אָן בלומען. עס איז דאָ געשטאַנען אַ ברייטע קליידער־שאַנק מיט אַ הויכן געזימס און מיט לייבן־קעפּ אויף די טירן. אויף דעם פּוס־באָדן, אויף דעם טעפּיך, אויף די שטולן, אויף דעם שעזלאָנג — אומע־טום איז געלעגן אַ דיקער שטויב. רויזע־פֿרומעטל האָט גלייך אָנגעהויבן הוסטן. עס האָט דאָ געשמעקט מיט אויסגעוועפּטע ריחות פֿון נאַפֿטאַלין און אויסגע־טריקנט האָלץ. דער דיל אונטער די פֿיס האָט געסקריפּעט. אַ שטיקל קאַלך איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון באַלקן, ווי געוואָרפֿן פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער האַנט. אַנשטאָט אָוועקצושטעלן דעם לאָמפּ, האָט נעמי אים געהאַלטן און דערפֿון האָבן גאַנצע בונטן שאָטנס זיך צעטאַנצט, ווי נישט־גוטע, וואָס מ'האָט איבערגעריסן זייער באַנאַכטיק טועניש. רויזע־פֿרומעטל האָט געכאַפּט אַ בליק צום ביישטידל, צי ס'הענגט דאָ אַ מזוזה.

— ווער קען וואוינען אין אַזאַ חורבה?

— ס'האָט זיך קיינער אויף ענק ניש' געראַכט! — האָט נעמי געענט־פֿערט און האַסטיק אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף אַ סעקרעטער. רויזע־פֿרומעטל האָט אַ קוק־געטאָן אין אַ שפּיגל און געמאַכט אַ טריט אויף הינטער־ווייליעכץ. אין דעם צעפּלאַצטן גרין־בלוילעכן גלאָז האָט איר פּנים אויסגעזען ווי צעשפּאָלטן אויף צווייען...

— עך ווייס אַפֿילו ניש', וואו מיין טאָכטער וועט שלאָפֿן, — האָט זי גערעדט צו זיך און צו קיינעם נישט.

— ס'איז דאָ אַ שטוב מיט נאָך אַ בעט, נאָר ס'איז דאָרט נאָך אַן ערגער מושב ווי דאָ...

— מיר האָבן אַפֿילו ניש' מיטגענומען ס'בעטגעוואַנט, — האָט רויזע־פֿרומעטל צו וויסן געטאָן.

— דער באַלעבאָסטע עליה־השלום'ס בעטגעוואַנט איז פֿאַרפּאַקט אויפֿן בוי־

דעם, — האָט נעמי געזאָגט און אַ ווידער־קול האָט איר אָפּגעענטפֿערט, ווי נאָך איינע, אַן אומגעזעענע, וואָלט געזאָגט עדות, אַז זי זאָגט נישט קיין ליגנס.

זי איז האַסטיק אַרויס און האָט געלאָזט רויזע־פֿרומעטלען אַליין. רויזע־פֿרומעטל איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע און געפּרואווט עפֿענען, נאָר ס׳איז געווען פֿאַרשלאָסן. זי האָט צוגעשפּאַנט צו אַ טיר, וואָס האָט געפֿירט אין ווייטערדיקע חדרים, נאָר ס׳איז געווען פֿאַרמאַכט. דאָס אויסגעטריקנטע מעבל האָט געסקריפּעט. רויזע־פֿרומעטלס געשטאַלט האָט געוואָרפֿן אַ ברייטן שאָטן. רויזע־פֿרומעטל האָט זיך דערמאָנט אָן מאַן אירן, ר׳ דוד לאַנדוי, ווי ער איז געלעגן אַ טויטער אויף דער ערד, די אויסגעשפּיצטע פֿיס צו דער טיר, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך, מיט צוויי וואַקסענע ליכט צוקאָפּנס. קיין דריי יאָר זייַנען נאָך נישט געהאַט אַוועק פֿון זיין פּטירה און זי איז שוין אַ ווייב פֿון אַן אַנדערן. אַ שוידער איז איר אַריבער איבערן רוקן.

— נישט פֿאַר מיר האָב איך עס געטאָן, נאָר פֿאַר דיין טאָכטער! — האָט זי געמורמלט, ווי דער מת וואָלט געווען נעבן איר. — ס׳זאָל איר צוגעשיקט ווערן דער רעכטער זיווג!...

זי האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעוויינט. פֿון דער סאַלע האָט זיך דערהערט אַ פּויקן פֿון אַ פֿאַרטעפּיאַן. ס׳האָט דערמאָנט אָן אַ ווייט קייקלדיק דונערן. דאָס האָט איידל געקלאַפּט איבער די קלאַווישן. ר׳ משולם האָט ערגעץ־וואו געברומט און אונטערגעזונגען מיט אַ שטאַרק קול, וואָס האָט נישט געפּאַסט פֿאַר קיין זקן פֿון נאָענט צו אַכציק. דאָס האָט ער געלערנט זיין פּרק משניות, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרפֿעלט נאָך מעריב.

— ואילו יוצאות שלא בכתובה, און די דאָזיקע ווערן גע׳גט אָן אַ כתובה — האָט ער זיך אַליין אויסגעטייטשט. — אַז זי איז עובר אויפֿן דת משה און דת יהודית. וואָס איז דער דת משה? אַז זי גיט אים שפּייז, וואָס מ׳האָט נישט געגעבן קיין מעשר, וואוינט מיט אים ווען זי איז אַ נידה, נעמט נישט קיין חלה, טוט אַ נדר און איז נישט מקיים... און וואָס איז דער דת יהודית? אַז זי גייט אַרויס אין די בלויזע האָר, שפּינט אין גאַס און רעדט מיט יעדן איינעם... ר׳ טרפֿון זאָגט: אויך אַ שרייערין. און וואָס איז אַ שרייערין? אַז זי רעדט אין שטוב און די שכנים הערן זי...

פֿון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ שווער און הילכיק קלינגען. עס איז געווען דער גלאָק פֿון גזשיבאָווער קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן ר׳ משולם׳ס הויז און דערמאָנט, אַז וואַרשע געהער צו גוים, נישט צו יידן, און אַז די אויבערמאַכט האָבן נאָך אַלץ די צלמים אויף די צוויי הויכע טורעמס, וואָס רייסן זיך אין אָנגעגליטן הימל אַריין...

## 3

די בשורה, אַז ר׳ משולם מושקאַט האָט צו קנאַפּע אַכציק יאָר חתונה געהאָט צום דריטן מאָל, האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט איבער וואַרשע. ר׳ משולמס זין און טעכטער פֿון ביידע ווייבער האָבן ווי פֿאַרלוירן דאָס לשון. זיי האָבן זיך

אַלץ געריכט אויף זייער טאַטן, דעם צו־להכעיסניק און אַפּטוער, אָבער גראָד דאָס איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן. פֿרעמדע לייט האָבן געלאַכט אין די פֿויסטן אַריין.

— אַן אַלטע בהמה, — האָבן געזאָגט פּראָסטע יידן.

— אַ זקן ממרא! — האָבן געטענהט לומדים.

— עס פֿאַלט אים גאָרנישט איין צו שטאַרבן, — האָבן גערעדט נישט־פֿאַרגינערישע ווייבער.

— ווייס עך וואָס, ער הויבט ערשט אָן צו לעבן.

מ'האָט געשמועסט וועגן דעם ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל און אַלע זיינען געקומען צום אייגענעם אויספֿיר: אַז דאָס איז קאַפּלס אַרבעט; דאָס האָט ער, קאַפּל משרת, חתונה געמאַכט ר' משולמען, כּדי איבער הונדערט יאָר צוצו־רויבן ביי די קינדער די ירושה. אין די חסידים־שטיבלעך אויפֿן גזשיבאָוו, דער טוואַרדע, דער גנאַינע, האָט מען זיך דערוואוסט פֿון דער נייעס נאָך איידער דער עולם האָט אָפּגעדאַוונט מעריב. ס'איז געוואָרן אַ גערעדעריי. דער בעל־תּפֿילה האָט געפּאַטשט אין עמוד, ס'זאָל זיין שטיל, נאָר די דאַוונער האָבן ווייטער געטומלט. די אבֿלים האָבן געזאָגט קדיש, נאָר מ'האָט נישט נאָכגעזאָגט קיין אמן. אויפֿן וועג אַהיים זיינען אַ סך פֿאַרבייגעגאַנגען ר' משולמס הויז. מ'האָט זיך געריכט, אַז די קינדער וועלן קומען אָנצולויפֿן און מאַכן קולות, אַזש מ'וועט הערן אין גאַס. אָבער מ'האָט נישט פֿאַרנומען קיין שאָרך פֿון די הינטער די אַכט באַלויכטענע פֿענסטער.

אין די קנאַפּע פֿופֿציק יאָר, זינט ר' משולם האָט אָנגעהויבן רייך צו ווערן, האָט מען זיך אָנגעהערט וועגן אים גענוג אויסטערלישע זאַכן. ס'האָט זיך צומאָל געדוכט, אַז אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען פֿאָרויס אויסגע־רעכנט צו צעמישן די וואַרשעווער סוחרים און פֿון זיי אָפּצולאַכן. ער האָט זיך גענומען צו געשעפֿטן, וואָס מ'האָט פֿאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט ביי זיי פֿאַר־לירן דעם קאָפּ, אָבער זיי האָבן געבראַכט ריווח. ער האָט אָנגעקויפֿט פּלעצער ערגעץ הינטער דער שטאָט, ווייט פֿון ישוב, נאָר מיט דער צייט האָט מען דאָרט אָנגעהויבן בויען און ער האָט אָפּגענומען פֿאַר זיי דאָס צענפֿאַכע געלט. ער האָט איינגעהאַנדלט אַקציעס פֿון אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַלטן ביי באַנקראָטירן, אָבער די פּאַפּירן זיינען געוואַקסן און אַריינגעבראַכט דיווי־דענדן. ער האָט געהאַלטן אין איין טאָן פֿאַרקערט. ס'רוב וואַרשעווער גבֿירים זיינען געווען גורער חסידים, אָבער ר' משולם מושקאַט איז געפֿאָרן קיין ביאַלאָ־דרעוונע, צו אַ רבין מיט אַ קליינעם עולם. מ'האָט אים געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ פּרנס, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ גבֿיר, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט מישן אין קהלשע ענינים. האָט ער זיך יאָ געמישט, האָט ער אַלעמען איבערגעשפּאַרט, אָנגערופֿן נגידים, לומדים, רבנים — עם־הארצים, אָקסן, גראָבע קעפּ. ער האָט געהערט צו די געציילטע פֿרומע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געקאָנט רוסיש און פּויליש, און מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שטיקל חשובֿ ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר. מ'האָט אים דעריבער וויפֿל מאָל געפּרוווט שיקן מיט שתּדלנות, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און מ'האָט אים געשאָלטן מיט טויטע קללות.

ער האָט אין אַלץ געהאַט זיינע אייגענע וועגן. אויף אָנבייסן האָט ער געגעסן נישט זעמל מיט פּוטער און קאַווע מיט ציקאָריע, ווי אַנדערע, נאָר אַ קאַלט שטיקל הון מיט שוואַרץ ברויט. מיטאָג האָט מען אין זיין הויז אויפֿגעגעבן נישט צוויי אַזייגער, ווי עס פּירט זיך אין וואַרשע, נאָר פֿינף פֿאַרנאַכט. די ערשטע צייט האָבן אַלע פֿאַראויסגעזעזן, אַז ער וועט זיך אויסגליטשן און מ'וועט אים פֿאַרקויפֿן די בעבעכעס, ווי ס'האָט געטראָפֿן מיט אַ סך אויפֿגעקומענע גבֿירים, וואָס זיינען געוואָרן ביי זיך פֿאַרריסן. אָבער יאָרן זיינען אַריבער און ר' משולם האָט זיך נישט אויסגעגליטשט. זיין גבֿירישאַפֿט איז געוואַקסן אַזוי גיך, אַז ס'האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די שונאים. דערביי האָט ער זיך נישט געהאַלטן ביי איין מסחר, נאָר זיך געוואָרפֿן אויף אַלערליי געשעפֿטן, און מ'האָט קיינמאָל רעכט נישט געקאָנט דערגיין פֿון וואָס ער ווערט רייך.

מיט וואָס ער האָט זיך אַלץ נישט פֿאַרנומען! ער האָט געקויפֿט פּלעצער און געבויט הייזער; איינגעהאַנדלט חורבות און זיי אויספֿאַרריכט, אָדער אַרויסגענומען פֿון זיי דאָס אייזן אויף שמעלץ. דאָ האָט מען געהערט, אַז ער איז אַן אייגנטימער פֿון אַ ציגל־פֿאַבריק און דאָ איז ער געוואָרן אַ שותּף צו אַ גלאָז־הוטע; דאָ האָט ער אָפּגעקויפֿט ביי אַ פּריץ אַ וואַלד ערגעץ אין דער פּוילישער ליטע און געשיקט קיין ענגלאַנד שטויסן שוועלן, אויף אונטערצולייגן אונטער די באַן־רעלסן, און דאָ האָט ער געקראָגן אַ פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון אַן אויסלענדישער גאַרבעריי. אַ צייט האָט וואַרשע געקאָכט מיט דער נייעס, אַז ר' משולם מושקאַט איז געוואָרן אַ שמאַטע־הענדלער. ער האָט אויפֿגעבויט אין פּראַגע, הינטער וואַרשע, אַ שאָפּע, און די גויעס, וואָס גייען־אום פֿון הויף צו הויף מיט זעק אויף די פּלייצעס קלויבן שמאַטעס, האָבן דאָרטן אָפּגעשטעלט זייער סחורה. ער האָט אויך אָפּגענומען ביי זיי ביינער, וואָס מ'נוצט צום לייטערן צוקער. די לעצטע יאָרן האָט ר' משולם זיך מער נישט אַזוי צעוואָרפֿן, אָבער דאָס פֿאַרמעגן איז שוין געוואַקסן פֿון זיך אַליין. ער האָט געהאַט זיין אייגנס הייזער אויף דער טוואַרדע, פּאַנסקע, שליסקע, גזשיבאָווסקע, פּראָסטע און שענע. די געביידעס זיינען געווען אַלטע, האַלב־איינגעזונקענע, נאָר אָנגעשטופּט מיט לאָקאַטאָרן. ער האָט געהאַט אַקציעס פֿון דייטשע פֿאַבריקן און ס'זיינען אים געקומען חובֿות ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט. מ'האָט געשמועסט, אַז ער האָט ליגן אַ קיילעכיקן מיליאָן רובל אין דער פּעטערבורגער קייזערלעכער באַנק און אַז ער האַלט שווערע געלטער אין אויסלענדישע בענק. וויפֿל מאָל ס'איז געקומען צו־רייד, האָט מען אַלע מאָל געזאָגט דאָס אייגענע:

— ער ווייסט אַליין נישט וויפֿל ער פֿאַרמאָגט!...

ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל צו די קינדער: זיי האָבן כּמעט אַלע געדאַרפֿט אָנקומען צו אים און ער האָט זיי געמאַכט פֿאַר אַדמיניסטראַטאָרן אין די הייזער און זיי אויסגעצאָלט דעם קאַרגן געהאַלט פֿון פֿינף־און־צוואַנציק רובל אַ וואָך. וועגן די צוויי ווייבער, וואָס נאָך זיי איז ער געווען אַן אַלמן, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט זיי די יאָרן פֿאַרפֿינסטערט מיט זיינע קרומע גענג. וועגן זיין צדקה האָט מען גערעדט פֿאַרשידנס. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער גיט נישט קיין גראָשן; אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ער האַלט פֿון

מתּן בסתר. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער רעכנט אַלץ אויס, בייזע צינגער זאָלן האָבן וואָס צו רעדן. ווען מ'האָט אים צוגעטראָגן, אַז מ'שעלט אים אין וואַרשע און אַז מ'האָפּט אויף זיין טויט, פלעגט ער ענטפערן:

— אַז מ'שעלט איז גוט. וואָס מער קללות, אַלץ בעסער.

ר' משולם האָט געהאַט אַ קאַנטאָר אין זיין וואוינונג, אָבער די גאַנצע אַדמיניסטראַציע איז געווען אויף דער גזשיבאָווסקע, אין אַ הויף, וואו ר' משולם האָט געהאַט זיינע שפּייכלערס, קאַמערן, קעלערס. קיין פרעמדע האָט מען קיין דירות נישט פאַרדונגען. עס האָבן דאָ געוואוינט בלויז ר' משולמס איצטיקע און אַמאָליקע אַרבעטער. פון דרויסן איז דער פּלאַץ געווען פאַרשטעלט מיט אַ הויכן פּלויט. דער הויף איז געווען אַרומגענומען פון דריי זייטן מיט פאַר־צייטישע געביידעס, נידעריקע, מיט לאַנגע הילצערנע גאַניקעס, די טרעפּ אַרויפצוגיין — פון דרויסן. אויף די דעכער האָבן זיך געהאַלטן מחנות טויבן און שקצימלעך האָבן זיי געיאָגט מיט לאַנגע בייטשן. ס'איז דאָ געווען אַ שטאָל, וואו ר' משולם האָט געהאַלטן די פערד פון דער קאַטש. עמיץ פון די קריסטלעכע אָנגעשטעלטע האָט אַפילו געהאַט אַ קו. דער נישט־ברוקירטער באָדן איז פול געווען מיט גריבער וואַסער. ווען מ'איז אַריין דורך דעם הילצערנעם טויער, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פאַרמאַכט, האָט זיך געדוכט, אַז מ'איז אין אַ דאָרף. הינער האָבן געקוואָקעט, העגער האָבן געקרייעט. אין אַ בלאָטיק וואַסערל זיינען אַרומגעשוואומען גענדז. פון אַמאָליקע מסחרים זיינען געבליבן ר' משולמען אייזערנע שוועלן, וואָס מ'נוצט צום מויערן, רערן פון קאַנאַליזאַציע, טירלעך פון אויוונס, בלעך פאַר דעכער, אַלערליי סאָרטן געהילץ. די לעצטע יאָרן האָט ר' משולם באַשעפטיקט ווייניק מענטשן. די מערסטע שכנים זיינען געווען אַמאָליקע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געאַרבעט ערגעץ אַנדערש און נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט אַ חזקה און ווייל ס'וואָלטן סיי־ווי נישט געווען קיין בעלנים אויף די אָפּגעלאָזענע וואוינונגען. די איצטיקע מענטשן ר' משולמס זיינען געווען: לייבל שמייסער; אַ סטרוזש, אַן אַלטער גוי, וואָס מ'האָט אים גערופן פאַן זשאַנדצאַ; אַ בוכהאַלטער, ר' יחיאל שטיין, וואָס איז פון עלטקייט געווען האַלב־בלינד, און שמואל סטאָליאַר, אַ ייד, וואָס האָט זיך געטויגט צו אַלע מלאָכות און האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ צונויפ־געלייגטער אַרשין אין דער כאַלעווע, מיט אַ ברייטער בלייפעדער אין וועסטל־קעשענע און מיט אַ פלאַש בראַנפן אין בוזעם. עס האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן אַ פּאָר אַלטע גויים, וואָס האָבן געקראָגן ביי ר' משולמען עמעריטור — אַ פענסיע פון עטלעכע רובל אַ וואָך. קיין קאַסירער האָט ר' משולם נישט געהאַט. ער האָט אַליין איבערגענומען אַלע געלטער, זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע און פון דאָרט — אין דער אייזערנער קאַסע. ווען די קאַסע איז פול געוואָרן, האָט ער צוזאַמען מיט קאַפּל משרת די באַנקנאָטן איבערגעפירט אין דער באַנק. מ'האָט אים אַ פּאָר מאָל געמסרט, אַז די ביכער זיינען נישט אין אָרדענונג, און מ'האָט פאַרלאַנגט ער זאָל צושטעלן חשבונות, אָבער מ'האָט די מסירות פאַר־ריבן. די, וואָס האָבן געזען ר' יחיאל שטיינס ביכער, האָבן דערציילט, אַז זיין שריפט איז ווי פליגן־פינטעלעך און אַז ער דאַרף האָבן אַ שפּאַקטיוו צו לייענען

זיין אייגן כתב. וויפֿל מאָל ר׳ משולם פֿלעגט אַריינקומען צום בוכהאַלטער, האָט ער געטענהט:

— שרייבט, שרייבט, ר׳ יחיאל. איר זענט אַ כתבא רבה!...

דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט וועגן ר׳ משולמס געשעפֿטן, איז געווען קאַפּל משרת. מ׳האָט אים בלויז גערופֿן משרת. אין דער אמתן איז ער געווען ר׳ משולמס עצה־געבער, זיין לייב־מענטש. מ׳האָט אַפֿילו זיך איינגערוימט, אַז קאַפּל איז געוואָרן אַ מיליאָנער ביי ר׳ משולמען און אַז ער איז איצט זיין שותף. אַלץ אַרום דעם קאַפּלען איז געווען פֿול מיט סודות. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, נאָר קיינער אין ר׳ משולמס משפחה האָט זיי נישט גע־קאָנט. געוואוינט האָט ער אין פּראַגע, אויף יענער זייט ווייסל. ער פֿלעגט אַהיימגיין צופֿוס איבער דער בריק. ער האָט שוין געדאַרפֿט זיין אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק אָדער מער, נאָר אויסגעזען האָט ער ווי אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער. קאַפּל איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, אַ שמאָלער, מיט אַן אָפּגעברענט פּנים, מיט געקרויזטע האָר און ווייט־אָפּגערוקטע ברענענדיקע אויגן. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן אַ קעסעלע־קאַפּעליוש, פֿאַררוקט איבער דער שעוועליור שוואַרצע האָר. אין קראַוואַט האָט געשטעקט אַ פּערל. אין ווינקל מויל איז אַלעמאָל געזעסן אַ פּאַפּיראָס, וואָס האָט זיך ווי געריכערט פֿון זיך אַליין. פֿון הינטערן לינקן אויער האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ בליישטיפֿט. ער האָט געגאָלט די באָרד און די וואָנסן. אויף די דינע ליפּן האָט אַלע מאָל גע־האַנגען אַ האַלב־אונטערטעניק, האַלב־חוצפּהדיק שמייכעלע. ר׳ משולם האָט אים ביז היינט געשיקט אַ גאַנג ווי אַ שיק־יינגל. ווען ר׳ משולם איז פֿאַרביי מיט אים די גאַס, איז ער נאָכגעגאַנגען אַ האַלבן טריט פֿון הינטן, ס׳זאָל נישט הייסן, אַז זיי גייען צוזאַמען. ווען ר׳ משולם איז געפֿאָרן אויף דער קאַטש, איז קאַפּל געזעסן נעבן אַנטרייבער. ווען ר׳ משולם האָט אים עפּעס געזאָגט צווישן מענטשן, פֿלעגט קאַפּל ענטפֿערן:

— ווי דער באַלעבאָס וויל.

און פֿלעגט אַרויסנעמען דעם פּאַפּיראָס און בלייבן שטיין האַלב־איינגעבויגן, די קנאַפּלען צונויפֿגערוקט, אויפֿן מיליטערישן שטייגער. קאַפּל האָט געהאַט געדינט פֿאַניען און מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז דאָרט געווען אַ דענשטשיק ביי אַ גענעראַל...

## 4

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען דרויסנדיקע שטיק. אין דער אמתן האָבן אַלע געוואוסט, אַז ר׳ משולם טוט נישט קיין שום זאַך איידער ער באַראָט זיך מיט קאַפּלען. אין קאַנטאָר פֿלעגן זיי אָפֿט האָבן צווישן זיך לאַנגע שמועסן. די אַדמיניסטראַטאָרן פֿון די הייזער — ר׳ משולמס קינדער אַריינגערעכנט — האָבן אים געדאַרפֿט אָפּגעבן חשבון. קרובים, וואָס זיינען געקומען נאָך טובות, האָבן געוואוסט, אַז מ׳דאַרף קודם־כל גיין צו קאַפּלען. ר׳ משולמס זין און טעכ־טער האָבן לאַנגע יאָרן געפֿירט קעגן אים אַ מלחמה, אָבער געוואונען האָט קאַפּל.

ער האָט זיך שטילערהייט געמישט אין אַלץ: אין שידוכים פֿאַר אייניקלעך, אין נדנס, צדקה, קהלשע ענינים — און אַפֿילו אין די חסידישע מחלוקתן. ווען קאַפּל איז אַמאָל געוואָרן נישט־געזונט, האָט זיך ר׳ משולם אַרומגעדרייט אַ צערודערטער. ער האָט נישט געהערט וואָס מ׳רעדט צו אים, זיך געבייזערט, געטופּעט מיט די פֿיס און געהאַט איין ענטפֿער:

— מיין משרת איז נישטאָ. קומט מאָרגן!

ווען ר׳ משולם איז זומער געפֿאָרן אין וואָרעם־באָד, האָט ער קאַפּלען מיט־גענומען. קאַפּל האָט דאָרט געוואוינט צוזאַמען מיט אים און אַפֿילו געטרונקען די וואַסערן, וואָס מ׳האָט פֿאַרשריבן ר׳ משולמען. מ׳האָט דערציילט, אַז ווען די דאָקטוירים האָבן פֿאַרשריבן ר׳ משולמען בלאָטע־בעדער אין פּישטשאַני, האָט קאַפּל זיך מיט אים צוזאַמען געוואַלגערט אין דער בלאָטע. אין קאַרלסבאַד האָבן זיי אַרומשפּאַצירט אויף דער פּראָמענאַדע צוזאַמען (דאָ איז קאַפּל מער נישט געקראָכן פֿון הינטן) און געשמועסט וועגן געשעפֿטן, וועגן די הולטאַיעס, וואָס פֿאַרלירן פֿאַרמעגנס אין מאָנטע־קאַרלאָ און וועגן די גאַליציאַנער רביים, וואָס זיינען געקומען קיין קאַרלסבאַד צוזאַמען מיט די פֿאַרפּוצטע טעכטער און שנורן. בייזע צינגער האָבן גערעדט, אַז ר׳ משולם האָט אָפּגעשריבן קאַפּלען אַ טייל פֿאַרמעגן און אים געמאַכט אין זיין צוואה פֿאַר דעם אַפּטרופּוס איבער די קינדער. קאַפּל אַליין האָט זיך צווישן דער משפּחה געהאַלטן אונטערטעניק. וויפֿל מאָל מ׳איז געקומען צו אים עפּעס בעטן, פֿלעגט ער ווערן בלאַס און ענטפֿערן:

— ווער בין איך? ביי מיר האָט איר געפּועלט.

אויך יענעם זומער, ווען ר׳ משולם האָט חתונה געהאַט מיט רויזע־פֿרומעט־לען, איז קאַפּל געווען מיט אים אין קאַרלסבאַד. ר׳ משולם האָט באַגעגנט די יידענע ביים ברונעם, וואו מ׳טרינקט די וואַסערן, און האָט געכאַפּט מיט איר אַ שמועס, פֿריער אין דייטשמעריש און דערנאָך — אויף מאַמע־לשון. ס׳איז אים דאָרט, אין דעם פֿרעמדן אויסלאַנד, געפֿעלן וואָס די פֿרוי מישט אַריין לשון־קודשדיקע ווערטער; וואָס זי טראָגט אַ שייטל פֿון זיידענע פֿעדים; וואָס דער מאַן אירער, ר׳ דוד לאַנדוי, איז געווען אַ בראָדער גביר און וואָס די טאָכטער אירע, איידל, האָט געענדיקט גימנאַזיע אין לעמבערג און שטודירט אין קראָקע און אין ווין. רויזע־פֿרומעטל האָט געליטן אויף דער לעבער. געוואוינט האָט זי נישט אין קיין פּענסיאָנאַט, נאָר אין אַ מעבלירט צימער אין דער אָרע־מער געגנט. זי האָט אַליין מודה געווען, אַז דער מאַן האָט איר גאָרנישט איבער־געלאָזט. אויפֿגעפֿירט האָט זי זיך פֿונדעסטוועגן ווי אַ נגידיתטע. זי האָט יעדן טאָג אָנגעטאָן אַן אַנדער פּעלערינע. אויפֿן האַלדז האָט זיך געבאַמבלט אַ שנור פּערל. אין די אויערן האָבן זיך געטרייסלט אויערינג. אויף די פֿינגער האָבן געבליצט איידלשטיינער. זי האָט פֿאַרבעטן ר׳ משולמען צו זיך אַהיים, אים מכבד געווען מיט אַ בעכערל ווישניק און געגעבן צו פֿאַרבייסן מיט קאַווע־פּלעצלעך. עס האָט געשמעקט פֿון דער פֿרוי מיט צימרינג, מאַנדלען און לאַ־ווענדער. ווען ר׳ משולם האָט איר געוואונשן לחיים, האָט זי געענטפֿערט:

— לחיים טובים ולשלום. מערטשישעם אויף שמחות!...

— כ׳האָב שוין געהאַט גענוג שמחות, — האָט ר׳ משולם געענטפֿערט אויף זיין שאַרפֿן שטייגער. — איצט בלייבט מיר בלויז צו שטאַרבן.

— חלילה וחס! וואָס רעדט עץ? — האָט רויזע־פֿרומעטל זיך אויף אים אָנגעבייזערט. — אירט לעבן הונדערט־און־צוואַנציק יאָר! און אפֿשר מיט אַ שמיצל אַריבער.

ווען ר׳ משולמען איז איינגעפֿאַלן חתונה צו האָבן מיט דער אלמנה און זי צו ברענגען קיין וואַרשע צוזאַמען מיט דער טאָכטער, האָט ער מורא געהאַט, אַז קאָפּל וועט אים אָפּרעדן. דער משרת האָט געהאַט אויף אים אַלץ אַ גרעסערע שליטה. אָבער ער האָט אים נישט אָפּגערעדט און נישט צוגערעדט. ר׳ משולם האָט אים געשיקט נאָכפֿרעגן זיך וועגן דער יידענע, און ער האָט אים געבראַכט אַלע איינצלהייטן. ווען ר׳ משולם האָט נאָך לאַנגע קווענקלענישן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו טאָן דעם שידוך, האָט אים קאָפּל אין אַלץ אַרויסגעהאָלפֿן. מ׳האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן פֿאָרמאַליטעטן, אַז רויזע־פֿרומעטל זאָל קאָנען אַריבערפֿאָרן די רוסישע גרענעץ. מען האָט געמוזט צוגרייטן אַ קידושין־רינגל, אַ שלאַף־שטוב, אַ רב, וואָס זאָל מסדר־קידושין זיין. קאָפּל איז שיער נישט געווען דער מחותן פֿון חתנס צד... רויזע־פֿרומעטל האָט פֿאַרלאַנגט, ר׳ משולם זאָל איר אָפּשרייבן אַ נחלה און צוזאָגן נדן דער טאָכטער, און ר׳ משולם האָט אַלץ צוגעזאָגט און אַפֿילו געחתמעט אַ כּתב. איידל איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ וואָך קיין פֿראַנצענסבאַד און מ׳האָט דערווייל צוגעגרייט אַ חתונה.

— משוגע מטורף! — האָבן ווייבער געטענהט. — אַן אַלטער בעל־תאווה...

ר׳ משולם האָט געוואָלט, מ׳זאָל שטעלן אַ שטילע חופּה, אָבער אַרויסגעקומען איז — אַ רוישיקע חתונה. ס׳זיינען זיך אָנגעקומען רביים, רבנים, מיט זייערע ווייבער, טעכטער, זין, שנירן, וואָרים רויזע־פֿרומעטל האָט גיך געשלאָסן קאָנטשאַפֿט. ס׳זיינען געווען אין קאַרלסבאַד עטלעכע וואַרשעווער גבירים, וואָס ר׳ משולם האָט אויף דער עלטער מיט זיי שלום געמאַכט, און מ׳האָט זיי געמוזט פֿאַרבעטן. אַ גאַליציאַנער בדחן, וואָס האָט זיך אַהער פֿאַרוואָלגערט, האָט געזאָגט בדחנות און אַריינגעזאָגט דעם אַכציק־יעריקן חתן אין דער זיבעטער ריפּ, אויף אַ געמיש פֿון יידיש, דייטשמעריש און לשון־קודש. די ווייבער האָבן געגעבן דרשה־געשאַנק אַלערליי שמאָכטעס, וואָס מ׳קריגט צו קויפֿן אין די קאַרלסבאַדער סואווענירן־געשעפֿטן: פּושקעלעך, שקעטעלעך, טישטיכלעך, שטעקשיכלעך מיט באַגילדטע קלאַמרעס, ביינערנע שרייב־פּענדלעך מיט פֿאַרגרעסער־גלעזלעך, וואָס מ׳זעט אין זיי די אַלפּן־בערג... דער זאַל איז פֿול געווען מיט סויבלען, זיידענע בעקעשעס, קאַפּקעס, שייטלען, און אַפֿילו היינטמאָדישע היטן. נאָך דער חופּה האָט מען געפּראַוועט אַ סעודה ביז שפּעט אין דער נאַכט. ר׳ משולם האָט דעם קאַרלסבאַדער עולם רעכט נישט געקאַנט, אָבער די אַנדערע האָבן יאָ געוואוסט פֿון אים און פֿון זיין פֿאַרמעגן. די ווייבער האָבן גלייך אָנגעהויבן באַרעדן רויזע־פֿרומעטלען, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געווען אַ קבצנטע און האָט געשפּאַרט יעדן גרייצער.

— גאָט וויס, ווען ס׳מזל וועט אָפּשאַנען! — האָבן זיי גערעדט אין זייער פּלאַטשיקן גאַליציאַנער יידיש. — ס׳עפּעס נסים מן השמים!

— ניש־קשה, זי׳ט עים גאַנץ שאַין אַריינגענומען אין די נעגעלעך...

— און ס׳מאַכט זיך נאָך פֿאַר אַ פֿרומער נשמה, אַ וצדקתך...

באַלד נאָך דער חתונה האָט ר׳ משולם זיך גענומען אויסניכטערן.

דער מאַנסבילשער חשק, וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט בעת ער האָט געשלאָסן קאָנטשאַפּט מיט רויזע־פֿרומעטלען, האָט זיך גלייך ווידער אויסגעלאָשן. אין שלאָף־חדר האָט זיך די יידענע אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ צעבראָכענעם שאַרבן. אונטער דעם פעלענעם שייטל האָט זי געהאַט גרויע האָר, געשוירן טרעפּיק, ווי ביי אַ שעפּס. אויפֿן בויך האָט זי געטראָגן אַ ברוך־בענדל. זי איז געלעגן אין בעט און נישט אויפֿגעהערט צו זיפֿצן און צו רעדן פֿון איר מאַן עליו השלום, ר׳ דוד לאַנדוי, פֿון זיין ערלעכקייט אין האַנדל, פֿון זיין קלוגשאַפֿט, פֿון זיין איבערגעגעבנקייט צו דער טאָכטער און פֿון דעם חיבור זיינעם אויף משלי און קהלת, וואָס זי האָט איצט געוואָלט לאָזן דרוקן אין וואַרשע. זי האָט אויסגערעדט אויף די רביישע טעכטער, וואָס ווערן פֿאַרשייטער פֿון טאָג צו טאָג, און דאָ, אין קאַרלסבאַד, שפּאַצירן זיי אַרום מיט אַפּיצירן. זי האָט געשנייצט די נאָז, גענומען וואָלריאַנער טראָפּנס קעגן האַרץ־ווייטאָג, גענאָגט זויערע צו־קערלעך, וואָרים ס׳איז איר געווען טרוקן אין האַלדז. ר׳ משולם איז אַרויס פֿון בעט.

— גענוג גערעדט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — ס׳אַ מעשה אָן אַ סוף!

אַ ווייל איז אים איינגעפֿאַלן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען אָפּצוגטן די גאַליציאַנערין נאָך דאָ אין קאַרלסבאַד, איר אויסצוצאָלן אַ פּאָר טויזנט רייניש און מאַכן אַן עק צו דער שפּיל. אָבער ער האָט זיך געשעמט פֿאַר לייטן, מורא געהאַט, אַז ס׳וועלן זיך אָנהויבן קריגערייען און דין־תּורהס. ער האָט ערגעץ־וואו פֿאַראיבל געהאַט אויף קאָפּלען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז יענער איז נישט שולדיק. אין די איבער זעכציק יאָר, וואָס ר׳ משולם איז געווען אַ מענטש פֿאַר זיך, האָט ער נישט גערעדנקט ער זאָל האָבן אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. ער האָט אַלע מאָל קלאָר דורכגעקלערט יעדעס טועכץ. ער האָט אויסמאַרקירט אַזוי, אַז יענער זאָל זיין דער נאַר, נישט ער. ער האָט אָפֿט צוגעזען ווי היץ־קעפּ טוען־אָפּ זאַכן אין איילעניש, פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין אויסטערלישע קנוילן, ברענגען אויף זיך אָרעמקייט, בזיונות, קראַנקהייטן, דעם טויט. ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגן אָט די לייט און ער איז תּמיד געקומען צו דעם אייגענעם אויספֿיר: אַז זיי האָבן קליינע קעפּלעך, זיינען נאַראָנים, און ווען עס קומט זיי אָן עפּעס אַ תּאווה, קאָנען זיי זיך נישט צוימען און ווערן פֿאַרצערט, ווי זומער־פֿייגעלעך אין פֿייער. איצט האָט ער אַליין, ר׳ משולם, צום ערשטן מאָל (אָדער ס׳האָט זיך אים גערדוכט, אַז ס׳איז צום ערשטן מאָל) אָפּגעטאָן אַן אומבאַרעכנטע זאַך. ער האָט זיך מיט דעם חתונה האָבן גאָרנישט בעסער געמאַכט. ער וועט נאָר אַרויסרופֿן צו זיך נייע שנאה מצד די קינדער, און פֿרעמדע וועלן האָבן פֿון וואָס צו לאַכן. ער האָט גענומען אויף זיך היפּשע קאָסטן, וואָרים ווען ער, ר׳ משולם, האָט צוגעזאָגט, וועט ער נישט ברעכן זיין וואָרט. די ביטערסטע שונאים האָבן זיך נישט דערוועגט צו זאָגן, אַז ער איז נישט קיין ערלעכער מאַן.

נאָך אַ סך גריבלעניש איז ר׳ משולם געקומען צום אויספֿיר, אַז די גלייכסטע

זאָך איז זיך צו האַלטן ביים כּלל פֿון די חכמים: שב ואל תעשה עדיף. זאָל זיך אַרומדרייען אַ יידענע אין שטוב. וואָס שייך דער ירושה, וועט ער איר אָפּשרייבן אַ הויז אַ חורבה. ער וועט שוין זען, אַז זי זאָל קיין מציאה ביי אים נישט כאַפּן. וואָס אַנבאַלאַנגט דער שטיף־טאָכטער, האָט זי ר׳ משולם רעכט נישט געקענט דערגיין. זי איז געווען אַ קענעריין, האָט גערעדט פּויליש און דייטש, געקאָנט פֿראַנצויזיש און לאַטיין. ר׳ משולם האָט נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט אַ מיידל מיט אַזויפֿיל מעלות. אָבער עפּעס איז זי געווען אַ צו־שטאָלצע, אַן אַריינגעטוענע אין זיך, אַ פֿאַרביסענע. זי האָט געקוקט ערגעץ ווייט איבער זיין קאָפּ און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי טראַכט אומגעוויינלעכע טראַכטענישן. זי האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט נישט אין זיין משפּחה, נישט אין זיינע געשעפֿטן. דערצו האָט ער חושד געווען, אַז זי איז אַ באַהאַלטענע אַפּיקורסטע. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך צו טאָן מיט איר אַ שידוך אַזוי גיך ווי ער וועט אָנקומען קיין וואַרשע און צו געבן איר אַ קליינעם נדן, נישט מער ווי צוויי טויזנט רובל.

— זאָל זי נאָר קומען קיין וואַרשע — האָט ר׳ משולם געטראַכט. — זי׳ט שוין ווערן אויס יחסנטע...

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט ר׳ משולם זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. ער האָט געהאַט אַ כּח צו פֿאַרגעסן אַן אָפּגעטאָן נאַרישקייט און ווידער צו בלייבן דער קלוגער ר׳ משולם מושקאַט, וואָס האָט נאָך אַלע ראַנגלענישן שטענדיק מנצח געווען: סיי דעם שונא פֿון אינעווייניק — דעם יצר־הרע — סיי די שונאים פֿון דרויסן.

## קאַפּיטל צוויי

### 1

אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי ר׳ משולם מושקאַט האָט זיך אומגעקערט פֿון וואַרעמבאָד, איז אויף אַ צווייטן וואָקזאַל, אין צפֿונדיקן טייל וואַרשע, געקומען צו פֿאָרן אַן אַנדער פּאַסאַזשיר. ער איז אויסגעשטיגן פֿון אַ וואַגאָן דריטע קלאַס און האָט געטראָגן מיט זיך אַ פֿירעקיקן קויש וואָס האָט זיך פֿאַרמאַכט מיט אַ בלעכענער שטאַבע און פֿאַרשלאָסן מיט צוויי שלעסלעך. דער בחור האָט געהייסן עוזר העשל באַנעט און איז געווען פֿון דער מוטערס צד אַן אייניקל פֿון ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, דער קליין־טערעשפּאָלער רב. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ היתר־הוראה פֿון בזשעזשאַנער רב און אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון אַ זאַמאָשטשער משׂכּיל צו דעם געלערנטן שמריהו יאַקאָבי, דעם סעקרעטאַר פֿון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע. אין קעשענע האָט געשטעקט אַן אומגעבונדן ביכל מיט צעקנייטשטע בלעטער. ס׳איז געווען די „עטיק" פֿון ברוך שפּינאָזאַ, איבערגעזעצט אין לשון־קודש.

ער איז געווען אַ בחור פֿון אַ יאָר ניינצן, אַ הויכער, אַ שמאָלער, מיט אַ לענגליך ווייס פּנים, מיט אַ הויכן שטערן, וואָס האָט שוין באַצייטנס געהאַט צוויי

טיפֿע בעל־מחשע ווינקלען, מיט שאַרפֿע בלויע אויגן, אַ הויקערדיקער נאָז, דינע ליפּן און אַ שפּיציקן קין. דאָס שפּראָצנדיקע בערדל איז געווען האַלב געשוירן, האַלב־אויסגעצופּט, און ס׳זיינען דאָ און דאָרט געבליבן איינצלנע הערעלעך. הינטער די אויערן זיינען געווען אַרונטערגעמאַכט צוויי צעשויבערטע פּאות, ווייסע ווי בינטלעך פֿלאַקס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן איבערציער מיט אַ סאַמעטן קעלנערל און אין אַ זיידן היטל. דער האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ זיידענער פֿאַטשיילע.

— וואַרשע! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן צו זיך מיט אַ קול, וואָס איז אים אַליין פֿאַרגעקומען פֿאַרענדערט. — דאָס איז עס...

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געשטופּט. אַ פּאַרטער מיט אַ רויט היטל האָט געפּרואווט נעמען ביי דעם בחור דעם קויבער, אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן פֿון דער האַנט. ס׳איז שוין געווען נאָך סוכּות, נאָר דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער. אין הינטער־שטאָטישן הימל, וואָס איז געלעגען נידעריק אַרום וואָקזאַל, זיינען אַרומגעשוואומען צעריסענע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די קוילן פּאַרע פֿון צישענדיקן לאָקאָמאָטיוו. אַ גרויסע רויטע זון האָט געהאָנגען אין חלל, עפּעס ווי אין דער קרום. עס האָט געשמעקט מיט ליקוי־חמה און פֿאַרענדערונג אין מעשה־בראשית.

באַלד איז דער בחור געווען אויף יענער זייט שטאַכעטן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דעם באַן־הויף פֿון דער שטאָט. אויף דעם ברייטן פּלאַץ, אויסברוקירט מיט פֿיר־עקיקע שטיינער, איז געווען אַן ענגשאַפֿט און אַ האַרמידער. דראָשקעס זיינען אָנגעפֿאָרן פֿון אַלע זייטן: די פֿערד זיינען געלאָפֿן גלייך אַקעגן די קנוילן פּאַסאַזשירן. רויטע טראַמווייען זיינען אָנגעקומען מיט אַ קלינגעניש. די פֿייכטע לופֿט האָט געשמעקט מיט קוילן, רויך און מיט דעם גערוך פֿון צעאַקערטע פֿעלדער. פֿייגל זיינען געפֿלויגן אין האַלבן נעפּל, געפּאַטשט מיט די פֿליגל, געקראַקעט. פֿונדערווייטנס האָבן זיך געזען שורות הייזער. דאָס טאָגישע ליכט האָט זיך געשפּיגלט אין די שויבן האַלב־זילבערן, האַלב־בלייערן, און ס׳זיינען געפֿאַלן פֿון זיי גאָלדיקע זיילן שטויב. פֿון די קוימענס זיינען אויפֿגעגאַנגען בלוילעכע רויכעס. עפּעס פֿאַרצייטיקס און היימישס האָט אַ ווייע געטאָן פֿון די קרומע דעכער, די טויבן־שלאַקן, די פֿאַציאַטעס, די טויערן, די גאַניקעס, די רינעס, די סלופּעס, די דראָטן.

ער האָט געטאָן עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אין אַ לאָמטער, ווי צו באַשיצן זיך אַקעגן דעם אָנגעלויף. פֿון זיצן לאַנגע שעהן אַ צונויפֿגעדריקטער אין וואַגאָן זיינען אים די פֿיס געוואָרן פֿאַרשלאָפֿן. די ערד האָט זיך געוואַקלט אונטער אים, ווי אין אַן ערד־ציטערניש; די מויערן מיט די פֿענסטער האָבן געאיילט אויף צוריק, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געזעסן אין אַ לויפֿנדיקן צוג. ער איז נישט געהאַט געשלאָפֿן נעכט און דער מח איז אים געווען האַלב־וואַך.

— אַהער בין איך געקומען לערנען די געטלעכע געזעצן? — האָט עמעץ אין אים אַ טראַכט געטאָן. — צווישן דעם המון־עם?...

די פֿאַרבייגייער האָבן זיך אין אים אָנגעשטויסן, אַרויפֿגעטרעטן אויף זיין

קויש. אַ פורמאַן אין אַ בלויער קאַפּאָטע, אין אַ צעראַטן היטל, מיט אַ בייטש אין דער האַנט, האָט אים עפּעס געפרעגט, נאָר די אויערן זיינען אים געווען פאַרטויבט און ער האָט נישט געהערט וואָס ער רעדט, יידיש אָדער פויליש. אַ דיקלעכער יונגערמאַן אין אַ צעריסן כאַלאַטל, פול מיט ריסן און לעכער, האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף דעם פרעמדן מיט אַ מבוהלדיקן בליק פון אַ נישט־היגן און געפרעגט:

— אַ פּראָווינצער, האַ? וואוהין דאַרפסטו?

— אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס. אין אַ האָטעל...

— גלייך, גלייך!...

אויפן מוראַנאָוו איז גראָד געווען אַ שרפה. פון אַ פענסטער אויפן פערטן שטאָק האָט אַרויסגעזעצט אַ פלאַם. די פייער־לעשער זיינען אָנגעפאָרן אין לאַנגע וועגן באַלאָדן מיט קישקעס, קעסלען, ברעך־אייזנס, מאַשינען, צוגעשפּאַנט צו דיקע שוואַרצע פערד, וואָס האָבן זיך געריסן פון די לייצן. די קליינע מענטשע־לעך מיט די מ״שענע קאַסקעס און מיט די העק אויף די לענדן האָבן גיך־גיך אויפגעשטעלט לייטערס, געפּאָמפּעט וואַסער, געקלעטערט, זיך געכאַפּט. זיי האָבן עוזר־העשלען דערמאָנט אָן פּורים־שפּילער. אין דער געדיכטעניש האָט געשפּרייזט אַ רב אָדער אַ רבי, אַ דיקער, אין אַ צעקנעפּלטער זיידענער זשופּיצע, מיט אַ ברייטן טלית־קטן איבערן קיילעכיקן בויך, אין שיך־און־זאָקן און אין אַ סויבל. ס'איז אים נאָכגעגאַנגען אַ שמשל מיט אַ גרויסן טלית־זאַק. אַ מענטשל אָן פיס האָט זיך צוגעקייקלט אויף אַ ברעטל מיט רעדלעך און אויס־געשטרעקט צו עוזר־העשלען אַ האַנט נאָך אַ נדבה.

— גיטץ עפּעס, יונגערמאַן! העלפטץ! — האָט ער געפּרעפּלט פון דער ערד און פאַרריסן דאָס צעקאַלטענטע בערדל. — האָטץ אַ מזלדיקן חודש!...

עוזר־העשלס בלייך פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער. ער האָט מיט ציטערנ־דיקע פינגער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קופּערנעם זעקסער און יענעם דער־לאַנגט.

— על פּי שפּינאָזאַ דאַרף איך אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן, — האָט ער אַ קלער געטאָן. — און וואָס האָט ער עפּעס געזאָגט וועגן חודש? זאָל מען שוין בענטשן כסלו?...

דאָס האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט נישט געדאַוונט נישט היינט און נישט נעכטן, בעת ער האָט געוואַרט אויפן רייוויצער וואָקזאַל. עס איז אים אַזש קיל געוואָרן אין די ריפּן.

— אַזוי ווייט האַלט עס שוין מיט מיר? — האָט ער געמורמלט. — אַ קרקפתא דלא מנח תפילין!...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קויש, וואָס ער האָט געהאַט אַוועקגעלייגט אויף אַ וויל, און זיך געלאָזט שפּאַנען גיכער. אַ דריטל ווינטער איז שוין געהאַט אַריבער. אויב ער האָט געוואָלט אויספירן דאָס, וואָס ער האָט אויף זיך גע־נומען, האָט ער זיך געמוזט צואיילן.

וואָס ווייטער, אַלץ געדיכטער איז געוואָרן. אויף די נאַלעווקיס זיינען די הייזער געווען פיר־ און פינף־שטאָקיקע, מיט ברייטע טויערן, אייזערנע באַלקאָנען,

געדיכט באַהאָנגען מיט שילדן — אין רוסיש, פּויליש, יידיש. מיט וואָס מ׳האָט דאָ נישט געהאַנדלט! מיט העמדער און שטעקנס, וואַטע און קנעפּ, פּאַראַסאָלן און זייד, שאָקאָלאַד און פּליוש, שטריימלען און פֿאָדעם, גאָלד און טליתים. ביי מאַנופֿאַקטור־סקלאַדן זיינען געשטאַנען פּלאַטפֿאָרמעס הויך באַלייגט מיט געוואַנט. די טרעגערס, וואָס האָבן אָפּגעלאָדן די פּעק, האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות. די טראָטואַרן האָבן געווימלט מיט פֿאַרבייגייער. יונגעלייטלעך מיט וואָנסעלעך, אין שטייפֿע קעלנער, האַרטע קאַפּעליושן, מיט שטעקעלעך אין די הענט, זיינען געגאַנגען טענצלדיק, ווי אויף שפּרינגפֿעדערס. דאַמעלעך מיט פֿוטערנע קעלנער האָבן זיך באַוועגט אויף די הויכע קנאַפּלען זיג־זאַגיש, ווי פּופּעס. אין די שניטקראָמען האָבן משרתים פֿלינק געוויקלט שטיקער טוך, געמאָסטן מיט אַן אַרשין. די געקרויזטע טשופּרינעס האָבן זיך געשאָקלט, די אויגן האָבן ממזריש אונטערגעוואונקען. מחנות קונים האָבן באַלאַגערט די לאָדן־טישן. פֿון דער טיר פֿון אַ רעסטאָראַן האָט אַרויסגעזעצט אַ פּאַרע, ווי פֿון אַ באָד. אין איין געשעפֿט איז מען אַריין און אַרויס מיט אַ דריי־טיר. די אַריינגעקומענע און אַרויסגעגאַנגענע האָבן זיך געדרייט, ווי אין אַ מבוהלדיקן טאַנץ.

אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס האָט אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַ שאַרפֿער גערוך פֿון לעדער. די רינשטאָקן זיינען געווען באַשפּריצט מיט אַ ווייסער עסנדיקער פֿליסיקייט. פֿון די אויבערשטע שטאָקן האָבן אַרויסגעקוקט שטויסן שאַכטלען, זעק, קאַסטנס, מאַשינען. אַ לאַנגער ברייטער פּאַס איז געלאָפֿן מיט אַ זשומעניש, ווי אַ משחית. צווישן די הילצערנע רעדלעך האָבן זיך געצויגן נעצן מיט קאָלירטע פֿעדים. ס׳זיינען צווישן זיי אַרומגעשפּרונגען צעשויבערטע מיידלעך, די האָר פֿול מיט גאַרן, ווי פֿאַרפּלאָנטערטע אין אַ געוועב נישט אַרויסצוקומען. צווישן די קראָמען פֿון זוילן־לעדער, שוסטערשע צודאָטן, צעלניק, האָט זיך אַריינגעשטופּט אַ געוועלב פֿון ספֿרים. אין פֿענסטער זיינען געלעגן סידורים, חומשים, מחזורים, תּחינות; אויף אַ „שיטה מקובצת" איז געוועזן אָנגעשפּאַרט אַ לוח פֿון נייעם יאָר; ביי אַ בילד פֿון ווילנער גאון, אין טלית און תּפֿילין, מיט אַ רונדער געקאַרבטער באָרד, איז געהאָנגען אַ געדרוקטע כּתובה, אויף תּרגום־לשון, און אַ נוסח פֿון תּנאים, מיט אַ געגילדטער שריפֿט. דער קליינשטעטלדיקער בחור האָט זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג זיך איינגעקוקט אין די היימישע יידישע אותיות.

— אַזוי איז די מעשה? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — מ׳גלויבט נאָך דאָ אויך, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?...

דאָס הויז, וואו עס איז געווען דער וואָלוועלער האָטעל, האָט געהאַט דריי הויפֿן און איז געווען ווי אַ שטאָט פֿאַר זיך. הענדלערינס האָבן אויסגעשריגן זייערע סחורות. בעלי־מלאָכהס האָבן אונטערן פֿרייען הימל אויסגעשטאָפּט סאַפּעס, איבערגעצויגן צולייג־בעטלעך, צורעכט געמאַכט צעבראָכענע פֿאָטעלן. יידן, אין אָפּבלאַקירטע צייגענע כאַלאַטן און אין יאַכטענע שטיוול, האָבן זיך געפּאָרעט ביי געלאַטעטע בוידן, באַהאָנגענע מיט הילצערנע עמערס און לאַמטערנס. די האַלב־צעשמיסענע פֿערדלעך מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע היפּטן און די לאַנגע ווידלען האָבן געמיסטיקט און געגעסן אַ געמיש פֿון האָבער מיט שטרוי.

אינמיטן הויף האָבן קונצנמאַכער געוויזן קונץ־שטיק. אַ האַלב־אַנטבלויזטער שייגעץ מיט לאַנגע האָר האָט אַוועקגעלייגט דעם נאַקעטן רוקן אויף אַ ברעט מיט שפּיציקע נעגל און אויף די זוילן האָט ער געקוילערט אַ פֿעסל. אַ שיקסע אין רויטע הויזן און אָפּגעשוירן ווי אַ מאַנסביל איז געגאַנגען אויף די הענט. אַ שאַכער, מיט אַ קויטיק־ווייסער באָרד און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, איז אַריין פֿון גאַס, אויפֿגעהויבן די אויגן צו די אויבערשטע פֿענסטער און גענומען רייניקן דעם האַלדז.

— האַנדל, האַנדל, האַנדל! — האָט ער גערופֿן מיט אַ שטאַרק־הייזעריק קול.

— אַלטוואַרג קויף איך! אַלטע שיך, אַלטע קאַלאָשן, אַלטע קאַפּעליושן. שמאַטעס, שמאַטעס!...

עוזר־העשלען האָט זיך געדוכט, אַז דער ייד האָט אַ טיפֿערע כּוונה, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: שמאַטעס, דאָס איז אַלץ וואָס בלייבט פֿון אונדזער מי...

— תני ר׳ חיא, מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי כלום — האָט ר׳ חייא געלערנט: ער זאָגט: ס׳קומט מיר ביי דיר הונדערט גילדן און ער ענטפֿערט: ס׳קומט דיר גאָרנישט — האָט זיך דערהערט אַ גמרא־ניגון פֿון אַ שטיבל אַרויס. דורך דער פֿאַרשטויבטער שויב האָט זיך אַ ווייס־געטאָן אַ לאַנג טונקל פּנים מיט אַ פּאָר ווילד־צעשויבערטע פּיאות. דאָס קול האָט אַ ווייל איבערגעשריגן דעם גאַנצן יאַרידישן גערויש.

די טרעפּ וואָס האָבן אַרויפֿגעפֿירט אין דער אַכסניא, זיינען געווען באַשמירט מיט בלאָטע, באַוואָרפֿן מיט מיסט. די טיר פֿון איינפֿאָר־הויז איז געשטאַנען צעפּראַלט. לינקס, אין קיך, האָט אַ גויע געוואַשן גרעט. אויפֿן אויוון האָבן זיך געקאָכט קעסלען וועש מיט שייטן האָלץ אַנשטאָט קאָך־לעפֿל. ס׳האָט גע־שמעקט מיט זייף, וואַש־סאָדע, בלויעכץ. אין געדיכטן נעפּל האָבן זיך באַוועגט צעקאָדלטע מוידן. רעכטס, אין אַ שטוב מיט פֿיר פֿענסטער און מיט גלאַנציקע פֿאַרשוויצטע ווענט, זיינען ביי אַ גרויסן טיש געזעסן צוזאַמען מאַנסלייט מיט ווייבער. אַ געלער יונגערמאַן האָט געגעסן אַ שטיקל הון און גענאָגט די ביינער. אַן אַלטער ייד מיט אַ קרום בערדל און מיט אַ פּאַרמעט־געלן שטערן, געווירעט מיט קנייטשן, האָט אַריינגעברומט אין אַ ספֿר. אַ קיילעכיק מענטשל אין אַ פֿאַרפֿעטסט וועסטל האָט צוגעשטעלט טריוואַקס צו אַ ברענענדיק ליכט און פֿאַרחתמעט אַ פּאַקעט. די ווייבער זיינען געזעסן אַביסל אָפּגערוקט, די עלטערע אין קאָפּקעס, די ייגנערע — אין שייטלען. עטלעכע סוחרטעס האָבן גערעדט מיט אַ שאַרף ליטוויש לשון. אַ ייד אין בלויזן שפּענצער און מיט אַ ברייטן טלית־קטן האָט מיט אַ זאַק־נאָדל פֿאַרנייט אַ זאַק. ס׳איז נאָך געווען אין מיטן טאָג, אָבער ס׳האָט שוין געברענט אַ גאַז־לאָמפּ, וואָס האָט געשנאָרכט, געזאָטן און געוואָרפֿן אַ געלע שיין. דער באַלעבאָס איז נישט געווען אין דער היים. עס האָט אים פֿאַרטראָטן אַ דיק בחורל אין אַ העלער געהאַקטער קאַפּאָטע, אין גאָלד־געראַמטע ברילן און אין אַ שוואַרץ־זיידן חסידיש שניפּסל.

— אַ גאַסט, האַ? — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — שלום עליכם!

— מ׳קאָן דאָ קריגן אַ נאַכט־לעגער?

— וואָדען? נאָר מ׳מוז איינמעלדן. וואָס האָסטו? אַ פּאַס? אַ מעטריקע?

— אַ פּאַס.

— אַ פּאַס איז כּשר למהדרין מן המהדרין... ווי הייסטו?

— עוזר־העשל באַנעט.

— שטאַמסט נישט אַמאָל פֿון ר׳ מרדכי באַנעט?

— כ׳בין זיינס אַ רעכט אור־איניקל.

— אַ מיוחס, הע? און ווי הייסט דאָס שטעטל?

— קליין טערעשפּאָל.

— וואָס ביזטו עפּעס געקומען קאַ׳ וואַרשע? אַוודאי צו אַ דאָקטאָר?

— ניין.

— וואָס דען? האַנדלען?

— נישט האַנדלען אויך.

— אין אַ ישיבה אַריין?

— כ׳ווייס נאָך נישט...

— וועך־זשע ווייסט? ווי לאַנג ווילסטו דאָ בלייבן — איבערנאַכט, צי אויף לענגער?

— דערווייל איבערנאַכט.

— ווילסטו אפֿשר אַ געלעגער מיט נאָך איינעם? ס׳עט אויסמאַכן וועלוועלער.

— איר מיינט, כ׳זאָל שלאָפֿן מיט עמעצן אין בעט? — האָט דער גאַסט געפֿרעגט. די ליפּן האָבן זיך אים אַ קרום־געטאָן, ווי צו זאָגן עפּעס שאַרפֿס, נאָר ער האָט זיי צונויפֿגעפּרעסט.

— נו, איז וואָס? ס׳פּאַסט דיר נישט? ביי אונדז איז ווי ס׳מאַכט זיך. דאָ איז נישט האָטעל בריסטאָל!... די גרעסטע סוחרים שלאָפֿן צוזאַמען, אַז ס׳ווערט אַ גראַטשקע.

— כ׳האָב געמיינט, כ׳קאָן קריגן אַ שטיבל פֿאַר זיך.

— נישט דאָ!...

ווייזט אויס, אַז די איבעריקע געסט האָבן זיך צוגעהערט צום שמועס. ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל ביים טיש און די סוחרטעס האָבן גענומען ביי־געריק זיך צוקוקן צו דעם פֿרעמדן. דער ייִד וואָס האָט געגנייט דעם זאַק האָט הויך אויפֿגעהויבן די נאָדל און גענומען גאַפֿן אויף דעם בחורל מיט אַ פּאָר געלע פֿאַרחידושטע אויגן. אַ ליטווישע ייִדענע, אין די בלויזע האָר, מיט אַ פּנים אויבן שמאָל, אונטן ברייט און פֿול מיט גוידער, האָט זיך צעלאַכט און געוויזן אַ מויל גאָלדענע ציין.

— זעט אָקאָרשט דעם איבערקלייבער! — האָט זי אַ זאָג געטאָן אין איר שאַרפֿער ליטווישער אויסשפּראַך — גראַף פּאָטאָצקי!...

און אַלע ווייבער האָבן גענומען כיכן און זיך אונטערשאָקלען. ביים אייגנטימערס זונדל האָבן די געשליפֿענע גלעזער אַ לויכט געטאָן פֿון נצחון.

— פֿון וואַנען קומסטו, פּריץ? — האָט ער געשריגן דעם בחור אין אויער אַריין, ווי ער וואָלט געוועזן טויב. — ווייז נאָר דעם פּאַס!

ער האָט לאַנג געבלעטערט אין דעם צעקנייטשטן ביכל מיט די שוואַרצע טאָוולען און געקנייטשט דעם שטערן.

— ערגעץ פֿון הינטער די הרי־חושך! — האָט ער געפּסקנט. — פֿון מלך אביונס גיטער!...

און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— שטעל אַוועק דעם קויש. וועסט אין וואַרשע ווערן אויס יחסן!...

## 2

עוזר־העשל איז געווען אַ מיוחס נישט נאָר פֿון פֿאָטערס צד נאָר אויך פֿון דער מוטערס צד. דער זיידע, ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, האָט געהאַט זיין אייגנס אַ יחוס־בריוו געשריבן אויף פּאַרמעט מיט גאָלדענער טינט, אין געשטאַלט פֿון אַ צווייגהאַפֿטן לינדנבוים. דער שטאַם איז געווען דוד המלך. צווישן די צווייגן זיינען געווען: ר׳ יהודה הנשיא, ר׳ גמליאל הזקן, רש״י, דער ש״ך. ר׳ דן האָט געהאַט אויפֿן שטערן אַ שראַם, וואָס ס׳איז אָנגענומען, אַז עס האָבן בלויז די יעניקע, וואָס קומען אַרויס פֿון דער זרע־מלוכה און וואָס זיינען אָנגעברייט צו טראָגן די קרוין ווען משיח וועט קומען.

די באָבע פֿון טאַטנס צד, טעמערל, האָט געטראָגן אַ טלית־קטן, ווי אַ מאַנסביל, און איז געפֿאָרן אויף ראש־השנה קיין בעלז. דער זיידע, ר׳ ירחמיאל באַנעט, פֿון יאַנעוו, אַ מקובל און אַן אָפּגעזונדערטער, האָט נישט אָנגעביסן פֿאַר זון־זעצונג, זיך געטובלט אין קאַלטע מקווהס, און געהאַט גלגול־שלג. אין מסחר האָט ער זיך נישט געמישט. ער איז טעג און נעכט געזעסן אַן אָפּגעשלאָסענער אין אַ בוידעם־שטיבל, געלערנט ספֿרי־קבלה, געשריבן מיט אַ גענדזענער פּען. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט ער ערגעץ אַוועקפֿאָרן און מ׳האָט נישט געוואוסט וואוהין. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער באַגעגנט זיך אויף אַ יאַריד מיט די ל״ו צדיקים. די באָבע טעמערל איז אַרומגעפֿאָרן איבער פּריצישע הויפֿן מיט שנירלעך פּערל, האַלדזבאַנדן, ציטער־שפּילקעס, בראָשן, גאַרגל־קייטן. טעמערל האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן און ווייבער האָבן געשפּאַסט, אַז זי פֿאַררוקט דאָס טשאַלענט אין אַ זיידענער יופּיצע. מחמת ר׳ ירחמיאל האָט זיך נישט געמישט אין קהלשע ענינים, האָט מען זי גערופֿן צום רב אויף אַסיפֿות. זי איז געזעסן אין אַ זייט טיש, לעבן די יוסטע באַלעבאַטים, די מעשענע שפּאַקולן אויפֿן שפּיץ נאָז, האָט געשמעקט טאַבאַק פֿון אַ ביינערן שקעטעלע, גענאַגט לאַקריץ־שטעקעלעך, גערעדט מיט אַ געשליפֿן לשון פֿון אַן אשת־חיל. מען האָט דערציילט, אַז דער בעלזער רב פֿלעגט פֿאַר איר אויפֿשטיין, איר צורוקן אַ שטול און רופֿן:

— ברוך הבא, טעמערל, ס׳קאַצל קומט, צדיקת!...

טעמערל האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַכט קינדער, נאָר זיי האָבן זיך נישט געהאָדעוועט. טייל זיינען געבוירן געוואָרן נפֿל׳עך; אַנדערע זיינען אַוועקגעקומען אין די וויקעלעך. טעמערל האָט נישט געלאָזט דעם גיהנום־שמש אַוועקטראָגן די פּיצעלעך אין אַ שוואַרץ קעסטל, נאָר זי האָט זיי אַליין מקבר געווען. דעם יינגסטן זון האָט מען פֿאַר אַ סגולה געגעבן פֿינף נעמען: אַלטער,

חיים, בן־ציון, קדיש, יהונתן. אָפּצונאַרן דעם מלאך־המוות, האָט מען דעם ייִנגל אָנגעטאָן אַ כאַלאַטל און הויזן פֿון ווייסער לייוונט און אַ ווייס מיצל, ענלעך צו תּכריכים. אויפֿן האַלדז האָט ער געטראָגן אַ טאָרבעלע מיט אַ קמיע, און אַ צאָן פֿון אַ וואָלף, קעגן אַ בייז אויג. צו צוועלף יאָר איז ער געוואָרן אַ חתן מיטן קליין־טערעשפּאָלער רבס טאָכטער, פֿינקעל. צו פֿערצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט. אין ניין חדשים אַרום האָט דאָס יונגע ווייבל געבוירן אַ טאָכטער, דינהלע. צוויי יאָר שפּעטער האָט פֿינקל געהאַט אַ בן־זכר און מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן עוזר־העשל, נאָך אַן עלטער־זיידן. אויפֿן ברית האָבן ביידע באָבעס אונטערגעהויבן די פּאָלעס און זיך אַקעגנגעטאַנצט ווי אויף אַ חתונה.

— מערטשעם אויף תּנאים! — האָט די באָבע טעמערל געוואָרפֿן און געהויבן די לאָטשן. — מיט אַ בת־תּלמיד־חכם!...

דאָס פּאָרפֿאָלק האָט נישט געהאַט קיין שלום־בית. יהונתן (מ׳האָט אים גערופֿן מיטן לעצטן נאָמען) איז יעדע פֿאַר וואָכן איינגעזעסן אין אַ בויד און אָוועק קיין יאַנעוו צו דער מאַמען. טעמערל האָט אים געקעכלט מיט מאַרצעפּאַנעס, פֿאַנקוכנס, גאָגל־מאָגלס, געבראָטן פֿאַר אים טייבעלעך, אים געקאָכט אייער־לאָקשן מיט איינגעמאַכטס. ערב ראש־חודש האָט זי אים געגעבן ווערמקרויט, ווי אַ חדר־ייִנגל. דער אויסגעאיידלטער יהונתן האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם מתנגדישן שווער, וואָס האָט געפֿירט מחלוקת מיט אַ האַלבער שטאָט; די שוויגער, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַרשלאָסן די שפּייז־אַלמערס פֿאַר די שנורן; די שוואָגערס, צדוק און לוי, וואָס כאָטש זיי זיינען געווען לומדים, זיינען זיי געזעסן אין קיך, געשפּילט צווישן זיך אין דריידל, אין ציג־און־וואָלף, אין קוויטלעך און געטריבן ליצנות פֿון די ווייבער, וואָס זיינען געקומען פֿרעגן שאַלות. ווען ר׳ ירחמיאל איז געשטאָרבן (ער איז אויסגעגאַנגען אונטערוועגנס, אין אַ הקדש), האָט יהונתן זיך אומגעקערט צו דער מוטער און ער איז שוין ביי איר געבליבן. ער האָט געשיקט דעם ווייב אַ גט מיט אַ שליח. פֿינקל איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין ניינצן יאָר.

עוזר־העשל איז דורכגעגאַנגען אַ סך קינדישע חולאתן. דער קליין־טערעשפּאָלער רופֿא, גימפּל, האָט אים וויפֿל מאָל אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. ווען ער האָט געמאָזלט, האָט ער באַקומען גרויס היץ. ער האָט געקרענקט אויף שאַרלאַך, קאָקל־הוסט, בלוט־לאַקסירעכץ, אויסשיטעכצן אויפֿן לייב און געשווירן אין אויער. ער האָט געוויינט גאַנצע נעכט, זיך פֿאַרקייכט און געוואָרן ברוין און בלוי, ווי צו גסיסה. פֿינקל האָט אים געמוזט אַרומטראָגן ביז פֿאַרטאָג אויף די אָרעמס און צוברומען אים אַ לידל. ער האָט פֿרי אָנגעהויבן ליידן פֿון פּחדים. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַ שופֿר, אַ שפּיגל, אַ קוימענקערער, אַ האָן. עס האָט זיך אים געחלומט ציגיינערס, וואָס כאַפּן קינדער אין זאַק; מתים, וואָס גייען אַרום אויפֿן בית־עולם; שדים, וואָס טאַנצן הינטערן באָד. ער האָט געהאַלטן אין איין פֿרעגן די שטובלייט קשיות: ווי הויך איז דער הימל? ווי טיף איז די ערד? וואָס איז ווייטער פֿון עק־וועלט? ווער האָט באַשאַפֿן גאָט?... די באָבע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די אויערן.

— ער מאַכט מיך דול! — האָט זי געטענהט — ס'איז נישט אַ קינד, נאָר אַ דיבוק!...

אין חדר איז ער געגאַנגען בלויז אַ האַלבן טאָג. ער האָט גיך געקראָגן אַ שם פֿון אַן עילוי. האַלב־טראַף, טראַף, עברי און חומש האָט ער אויסגעלערנט אין איין זמן. צו פֿינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן גמרא, צו זעקס — תּוספֿות, צו אַכט האָט ער שוין נישט געדאַרפֿט קיין מלמד, צו ניין האָט ער געזאָגט אַ דרשה אין שול, צו צוועלף — געשריבן אויפֿטועכצן און געשיקט שאַלות ותשובות. די רבנים האָבן אים געענטפֿערט אויף לאַנגע בויגנס פּאַפּיר און אים אָנגערופֿן מיט דעם טיטל: שאַרפֿער און געניטער, אויסרייסער פֿון בערג... שדכנים האָבן אים באַוואָרפֿן מיט שידוכים. קליין־טערשפּאָלער באַלעבאַטים האָבן פֿאַר־אויסגעזאָגט, אַז איבער הונדערט יאָר וועט ער איבערנעמען דעם זיידנס שטול, וואָרים די פֿעטערס זיינען נישט קיין לייט. אָבער ער איז אַראָפּ פֿון דרך־הישר און געקראָגן אַ נאָמען פֿון אַן אויפֿגעקלערטן. ער האָט אָנגעהויבן פֿירן ויכּוחים אין בית־מדרש און אויסרעדן אויף רבנים. ער האָט געדאַוונט אָן אַ גאַרטל, געשריבן אויף די טאָוולען פֿון די ספֿרים. אַנשטאָט צו לערנען מפֿרשים און פּוסקים, האָט ער זיך געגריבלט אין מורה נבוכים, אין כּוזרי. ער האָט ערגעץ באַקומען דעם גבעת המורה פֿון שלמה מיימון און דעם שבילי עולם פֿון ר' שמשון בלאָך. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרחושטער, אין אַ צעקנעפּלט כאַלאַט, די פּיאות — צעשויבערט, דאָס היטל פֿאַררוקט, די אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אין דער ווייט, איבער אַלע דעכער. דער פֿעטער לוי פֿלעגט טענהן צו אים:

— טראַכט נישט אַזוי פֿיל! דער הימל ט'נישט אַראָפּפֿאַלן...

אין קליין־טערעשפּאָל האָט געוואוינט אַ משכּיל, יקותיאל זייגערמאַכער, אַ תּלמיד פֿון דעם שעברעשינער אַפּיקורס יעקב רייפֿמאַן. יקותיאל האָט אַמאָל געלערנט ביים קליין־טערעשפּאָלער רב, ר' דן קאַצענעלענבויגן, אָבער ער איז שפּעטער קאַליע געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ הייזל אין עק טומאה־גאַס, זיך אָפּגעזונדערט פֿון די שטאָט־לייט. דאַווענען איז ער געגאַנגען בלויז שבת, אין שניידערשן שולעכל. ער האָט זיך געחברט מיט די כּלי־זמר, אַרומשפּאַצירט זומער אויף די פֿעלדער מיטן גלח, אַריינגעקומען צום אַפּטייקער. ער איז געווען אַ קליינער, מיט אַ הויכער פּלייצע, כּמעט אַ הויקער, מיט אַ שיטער בערדל, אַברייטן געוועלבטן שטערן און גרויסע שוואַרצע אויגן. אַ גאַנצן טאָג איז יקותיאל געזעסן אין אַ געוועלב מיט אַ שפּאַקטיוו און פֿאַרריכט זייגערס. אין אָוונט האָט ער אַריינגעקוקט אין השכּלה־ביכער. צו פֿאַרטרייבן די צייט האָט ער געשפּילט אויף אַ ציטרע. דאָס ווייב, אַ כּלי־זמרס אַ טאָכטער, איז געשטאָרבן אין אַ מגפֿה. ס'זיינען אים געבליבן צוויי יינגלעך און אַ מיידל. די קינדער האָט נאָך מחלוקתן און דין־תּורהס צוגענומען די שוויגער, וואָס האָט געוואוינט אין טאָמאַשאָוו. עוזר־העשל איז שטילערהייט געוואָרן אַן איינגייער צו יקותיאלן. יקותיאל האָט געהאַט אין זיין ביבליאָטעק פֿאַרגעלבטע נומערן פֿון דעם העברעאישן זשורנאַל „המאסף" און דעם תּנ"ך מיט מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג; אַ זאַמלונג פֿון די דייטשע פּאָעטן קלאָפּשטאָק, ווילאַנד, געטהע, שילער, היינע, לענאַו און אַלטע לער־ביכער פֿון אַלגעברע, געאָמעטריע, פֿיזיק, געאָ־

גראַפֿיע, כעמיע. עס זיינען דאָרטן געווען די ווערק פֿון שפּינאָזאַ, לייבניץ, קאַנט, העגעל. יקותיאל האָט געגעבן עוזר־העשלען דעם שליסל צו דער דירה. ער איז דאָרט געזעסן גאַנצע טעג און געלייענט. ער האָט האַלב־פֿאַרשטאַנען דאָס דייטשע לשון, האַלב זיך אָנגעשטויסן. ער האָט זיך געמחט איבער מאַטע־מאַטישע אויפֿגאַבן, געצייכנט געאָמעטרישע פֿיגורן מיט אַ שטיקל קרייד. ווען דער זיידע האָט זיך דערוואוסט, אַז עוזר־העשל האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ספֿרים חיצונים, האָט ער אים אויסגעמעקט פֿאַר אַן אייניקל. די מאַמע האָט געקראָגן געשוואָלענע אויגן פֿון וויינען. די באַלעבאָטים האָבן אים אַרויסגעטריבן פֿון בית־מדרש. אָבער דער בחור איז געבליבן ביים זייניקן. עוזר־העשל איז אָפּט געבליבן ביי יקותיאלן אויף נאַכטמאָל. יקותיאל האָט אַליין געקאָכט אַ יאַיכל אויפֿן דרייפֿוס, געשוימט מיט אַ קאָך־לעפֿל, געשיילט קאַרטאָפֿל, און געשמועסט מיט עוזר־העשלען וועגן חקירה.

— לאָמיר זאָגן, אַז די ערד האָט זיך יאָ אָפּגעריסן פֿון דער זון, — האָט ער גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון — נו, איז דאָס דער ענטפֿער אויף אַלע קשיות? אַ סיבה ראשונה מוז זיין!...

עוזר־העשל האָט געלייענט אַלץ צוזאַמען: אַ בוך פֿון פֿלאַמאַריאָן וועגן וועלט־אַל און גראַף מאָנטע קריסטאָ פֿון אַלעקסאַנדער דיומאַ; דעם מורה נבוכי הזמן פֿון ר׳ נחמן קראָכמאַל און אַ מעשה־ביכל, וואָס די שוועסטער האָט געקויפֿט ביי אַ פּאַקנטרעגער. פּויליש און רוסיש האָט ער געחזרט פֿון ווערטער־ביכער; לשון־קודש — פֿון אַ פֿאַרצייטיקן דקדוק, מיט אומצאָליקע כּללים; לאַטיין — פֿון דער וואולגאַטע, וואָס יקותיאל האָט געבאָרגט ביים גלח. די אויפֿגעקלערטע לייט פֿון זאַמאָשטש האָבן זיך דערוואוסט וועגן אים און אים גענומען צושיקן ביכער פֿון זייער ביבליאָטעק. יקותיאל האָט אים אַפֿילו אָנגעשריבן אַ צעטל מיט ווערק, וואָס דורך זיי האָט ער געקענט דערגיין צו העכער בילדונג אָן לערערס און אוניווערסיטעטן. אָבער יאָרן זיינען אַריבער און ער איז נישט גע־קומען צו קיין תּכלית. ער האָט אָנגעהויבן און נישט פֿאַרענדיקט. ער האָט גע־לערנט אָן אַ סדר, געמישט, געקנישטערט. די מאַמע האָט נישט אויפֿגעהערט איינצוטענהן מיט אים ער זאָל תּשובה טאָן, ווערן אַ חתן, אָננעמען אַ רבנות. יקותיאל, וואָס האָט אים פֿריער צוגערעדט ער זאָל אַנטלויפֿן קיין וואַרשע און ווערן אַן עקסטערן, האָט אָנגעהויבן מורמלען, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט. ער האָט אָנגענומען אַ מלמדות אין אַ דאָרף, וואָס דאָס האָט אים געזאָלט געבן מנוחה צו שטודירן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין דער העק און איז אַנטלאָפֿן אין מיטן זמן. ער האָט געפּרואווט זיך לערנען זייגער־מאַכעריי ביי יקותיאלן, נאָר דאָס גראָבלען זיך אין די רעדלעך און שרייפֿלעך איז אים באַלד געוואָרן צוגעגעסן. די אייביקע פֿראַגן האָבן אים קיינמאָל נישט צורו געלאָזט: איז דאָ אַ גאָט, אָדער אַלץ איז מעכאַניש, בלינד? האָט דער מענטש פֿליכטן, אָדער איז ער הפֿקר? איז פֿאַראַן השארת הנפֿש, אָדער די צייט ווישט אַלץ אָפּ? זומער פֿלעגט ער אַרויסנעמען פֿון קנעט־שעפֿל אַ שטיקל ברויט, מיטנעמען מיט זיך אַ שרייב־פּענדל, אַ בלעטל פּאַפּיר און אַוועקגיין אין וואַלד אַריין. ער איז געקראָכן דורך הינטער־וועגלעך, האָט געהיפּערט איבער ריוון,

זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין שטעכיקע קוסטעס, יעדעס מאָל דערגאַנגען צו אַ טייכל, וואָס האָט געריזלט צווישן שטיינער. פֿליגן האָבן געזשומעט, פֿרעש האָט גע־קוואַקעט, אַ פּיקהאָלץ האָט געפּיקעט, דאָס שאָרכנדיקע פּרעפּלעניש פֿון די צווייגן האָט דערציילט פֿון אַ געטלעך טועניש, וואָס נישט ס'האָט אַן אָנהויב, נישט אַ סוף, נישט ס'איז דאָ צו דעם רעטעניש אַ באַשייד, נישט מ'קאָן דערין פֿאַרגעסן. פֿאַרנאַכט־צו איז די קאָרע פֿון די סאָסנעס געוואָרן באַדעקט מיט קיילעכלעך זון, ווי רענדלעך. אַ טשערעפּאַכע איז אַרויסגעקראָכן פֿון גאָלד־גרינעם געמויזעכץ, געטריקנט דעם פּאַנצער און מיט אַמאָל געגומען זיך רוקן, ווי אַ גייענדיקער שטיין... די וואַלד־געוויקסן, וואָס האָבן געשפּראָצט אין דער פֿייכטקייט, האָבן אַרויסגעלאָזט שאַרפֿע ריחות, וואָס האָבן איינגעשלעפֿערט, ווי גיפֿט. עוזר־העשל האָט זיך אויסגעשטרעקט אויפֿן מאָך. ער איז זיך אַליין פֿאַרגעקומען ווי איינער פֿון די פֿאַרצייטיקדיקע פֿלוסופֿים, וואָס האָבן זיך אָפּ־געשיידט פֿון דער וועלט און אַוועק אין די מדבריות.

— גאָט, אויב ביזט דאָ, גיב מיר אַ צייכן — האָט ער געמורמלט — וויז מיר דעם אמת!...

אין די ווינטערדיקע טעג פֿלעגט ער אַרויפֿקריכן מיט דער לייטער אויפֿן בוידעם, איבער דער בית־דין־שטוב. ער איז געזעסן אויף אַן איבערקערטער וואַסער־טון און געחלומט אויף דער וואַך. פֿון די צעבראָכענע שינדלען האָבן זיך געצויגן קרומע זיילן שטויב, וואָס ס'האָבן געציטערט אין זיי אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן. שפּינען האָבן זיך געוויגט אויף די געוועבן. די צעבראָכענע שטוב־כּלים האָבן געשאָרכט, געסקריפּעט. די קופּעס מיסט האָבן זיך גערירט, ווי פֿון פֿאַרבאָרגענע ברואים, וואָס ווידמען זיך אין זייער טיפֿעניש. עוזר־העשל האָט אין דער פֿאַנטאַזיע געפֿונען נייע וועלט־טיילן, אַנטדעקט פּלאַנעטן, געמאַכט אַן עק צו מלחמות, איינגענומען פֿאַר יידן ארץ־ישראל, געפֿירט ליבעס מיט נישט־ערדישע שיינהייטן... ער האָט יעדעס מאָל פֿונסנײ ביי זיך אָפּגעפּאַסט זיך אַרויסצורייסן פֿון קליין־טערעשפּאָל, נאָר ער איז געבליבן שטעקן. נישט ער האָט געהאַט אויף הוצאות, נישט ער האָט געוואוסט פֿון וואַנען ער קאָן קריגן זיין אויסקומעניש אין דער גרויסער שטאָט. זינט ער איז אַראָפּ פֿון גלייכן וועג, האט די מאַמע אָנגעהויבן קרענקען. זי האָט אויסגעטאָן דאָס שייטל און איז אַרומגעגאַנגען אין אַ קאָפּ־טיכל, ווי אַן אַבלטע. זי איז געלעגן גאַנצע טעג אייפֿן בעט און אַריינגעקוקט אין ספֿרימלעך. די שוועסטער, דינהלע, האָט געהאַט טענות, אַז צוליב אים קאָן זי קיין כּלה נישט ווערן. ר׳ דן קאַצענעלענ־בויגנס שונאים האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן רעדן וועגן אַראָפּברענגען אַ נייעם רב. אויף ר׳ דנען איז אַרויף די עלטער. ער האָט אויפֿגעהערט אָננעמען דין־תּורהס און אַפֿילו זעלטן געפּסקנט אַ שאַלה. ער האָט אַלץ אָפּגעשיקט צום זון, צדוקן, וואָס איז נאָך אַ סך אַמפּערנישן מיט קהל געוואָרן קליין־טערעשפּאָלער דיין. די באָבע טעמערל האָט שוין נישט געלעבט. אויף איר קבר איז אַפֿילו נישט געווען קיין מצבה. דער טאַטע איז נעלם געוואָרן. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער וואַלגערט זיך ערגעץ אין גאַליציע מיט אַן אַנדער ווייב; אַנדערע האָבן געשמועסט, אַז ער איז ערגעץ געשטאָרבן. וויפֿל מאָל עוזר־העשל האָט אָנגע־

הויבן רעדן ווען אַוועקפֿאָרן, האָט די מאַמע גענומען ציטערן. רויטע פֿלעקן זיינען איר אַרויס אויף די באַקן.

— ווילסט שוין אויך אַנטלויפֿן ? — האָט זי געטענהט — ווינד און ווי!...

מיטאַמאָל האָט געטראָפֿן, אַז ביים קליין־טערעשפּאָלער פּרנס, ר׳ פּעלטע, איז געשטאָרבן דאָס ווייב, הענעלע. ר׳ פּעלטע איז געווען אַ גביר, אַ למדן, אַ מתנגד, פֿון רבס מענטשן. ער האָט באַלד נאָך די שלושים געשיקט צו פֿינקלען אַ שדכן. די באָבע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שידוך. דער מאַמעס ברידער האָבן זי צוגערעדט. ר׳ פּעלטע האָט געהאַט בלויז איין אויסגעגעבענע טאָכטער, אַ נגידה, אין הרוביעשעוו. ער האָט צוגעזאָגט אָפּצושרייבן דעם ווייב אַ מויער אין מאַרק און צו געבן נדן דער שטיף־טאָכטער, דינהלען. אָבער ער האָט אויס־גענומען אַ תנאי, אַז עוזר־העשל זאָל אַוועק פֿון שטאָט.

— ער איז צו קלוג פֿאַר מיר — האָט ר׳ פּעלטע געטענהט — כ׳האָב מורא פֿאַר זיינע גענגעלעך!...

עוזר־העשל האָט מיטגעבראַכט קיין וואַרשע: אַ קללה פֿון זיידן, ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, ער זאָל נישט מצליח זיין, און אַ ברכה פֿון דער מאַמען, אַז אליהו הנביא זאָל אים אַקעגנקומען אויף אַלע וועגן. יקותיאל האָט אים גע־געבן אַ מתנה אַ ניקעלנעם זייגער. דער פֿאַרוואַלטער פֿון זאַמאָשטשער חדר מתוקן „תורה ודעת”, טודרוס לעמל, האָט אים מיטגעגעבן אַ העברעאישן רע־קאָמענדאַציע־בריוו צו דעם געלערנטן ר׳ שמריהו יאַקאָבי, דעם סעקרעטאַר פֿון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע, געשריבן אין אַ געציקלטער האַנטשריפֿט, מיט אַ סך דריידלעך און ווידעלעך אַרום יעדער „פּ”, „ל” און „לאַנגע נון”. דער בריוו האָט זיך געלייענט:

„צו מיין גרויסן לערער און וועגווייזער, דער וועלט־באַרימטער חכם אין תורה און השכלה, ר׳ שמריהו יאַקאָבי, זיין ליכט זאָל לייכטן.

„זיין כּבוד האָט געוויס שוין פֿאַרגעסן אָן מיין ווייניקייט. איך האָב זוכה געווען צו זיין זיין תלמיד אין סעמינאַר אין די יאָרן צווישן 1888 און 1900. איך בין איצט אין דער שטאָט זאַמאָשטש דער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם חדר „תורה ודעת”, צו לערנען די יונגע פֿון ישראל די פֿונדאַמענטן פֿון יידישקייט און דעם אַריינקום אין טויער פֿון די היינט־צייטיקע וויסנשאַפֿטן. דער יונגערמאַן, וואָס ברענגט צו זיין כּבוד די דאָזיקע שריפֿט, איז, לויט מיין מיינונג, איינער פֿון די דערהויבענע, וואָס זיינען ווייניק אין צאָל. זיין זיידע, ר׳ דן קאַצענעלענ־בויגן, איז אַ באַקאַנטער גאון און שוין פֿופֿציק יאָר דער פֿאַסטוך פֿון זיין סטאַדע אין קליין־טערעשפּאָל, וואָס איז איינע פֿון די עלטסטע קהלות אין פּוילן. ער איז אַ מתנגד, אַ חוקר און אַ מחבר פֿון אַ סך ספֿרים, געבויט נישט לויט דעם פֿאַרדאָרבענעם פּלפּול, נאָר אויפֿן שכל הישר. אויף דעם בחור עוזר־העשל באַנעט קען מען זאָגן, אַז דאָס אייניקל איז דער פֿוס פֿון זיידן. עס איז פֿרי אַרויס זיין נאָמען פֿאַר אַן עילוי. צו ניין יאָר האָט ער געהאַלטן אין שול אַ דרשה, וואָס לומדים האָבן פֿול געמאַכט דאָס מויל מיט איר לויב. ער האָט אַליין געפֿונען אַ שטעג צו תנ״ך און צו דקדוק. זיין כּבוד ווייסט, אַז אין אונדזערע

שטעטלעך אין לובלינער געגנט האָט זעלטן אַריינגעדרונגען אַ שטראַל פֿון ליכט און אַ חוץ זאַמאָשטש, און שעברעשין, וואו עס האָט געלעבט דער באַרימטער ר׳ יעקב רייפֿמאַן ז״ל, הערשט דאָ אַ פֿינסטערניש ווי אין די טעג פֿון מיטלאַלטער און עס איז נישטאָ קיין צייכן, אַז מיר האַלטן שוין אין דעם ליכטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די צאָל אויפֿגעקלערטע זיינען איינער אין שטאָט און צוויי אין אַ משפּחה. אָבער אַדאַנק איינעם פֿון מיינע פֿריינד, יקותיאל הורוויץ, דער זייגער־מאַכער פֿון קליין־טערעשפּאָל, האָט דער בחור גיך געעפֿנט די אויגן. ער האָט אין פֿאַרבאָרגעניש פֿון די שטעטלשע פֿאַנאַטיקער זיך אויסגעלערנט פֿון ווערטער־ביכער, ווי אויך פֿון די העפֿטן פֿון הנ״ץ, לייענען רוסיש, פּויליש און דייטש. אויך קאָן ער עטוואָס לאַטיין. אין העברעאיש איז זיין האַנט גרויס. ער האָט טאַלאַנטן אין חכמת החשבון, און אין אַלגעברע איז ער דערגאַנגען ביז לאָגאַריטמען. זיין זעל איז אויך גענייגט צו פּילאָסאָפֿיע. אין זיין פֿאַרוואָרפֿן שטעטל זיינען פֿאַראַן ווייניק ספֿרי השכּלה און איך האָב אים מיט אַ שפּיליטער, וואָס קומט צו אונדז אויף די מאַרק־טעג, געשיקט ווערק פֿון געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפֿט, פּסיכאָלאָגיע, און וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט. עס איז געווען שווער אַנצוזעטיקן זיין דורשט. פֿון די עטלעכע בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פֿון אים, האָב איך לייכט געקאָנט מיך איבערצייגן, אַז וואָס ער האָט געלייענט, איז אַריין ווי בוימל אין זיינע גלידער. קורץ, ער איז אַ כּלי־מפֿואר. איך בין זיכער, אַז ער קאָן אויסוואַקסן אַ גדול בישׂראל, אַ צווייטער חז״ס. זיין כּבוד וועט מיט אים רעדן און אַליין אורטיילן. איך ווייס, אַז זיין כּבוד האָט פֿון אַלע מאָל זיך באַמיט צו שטאַרקן די הענט פֿון יונגעלייט וואָס לעכצן נאָך די קוואַלן פֿון קענטעניש און איך בין זיכער, אַז דער בחור וועט געפֿינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן. ער שטרעבט צו ענדיקן אַ מיטל־שול ווי איינער פֿון דרויסן (עקסטערן בלע״ז) און אַריינצוקומען אין אוניווערסיטעט, וואָס דאָס איז דער טעמפּל פֿון פֿאָרשונג און אויך אַ שוועל צו פּרנסה בכּבוד. למען האמת וויל איך צוגעבן אַז מ׳האָט אים גערעדט פֿיל שידוכים מיט גבירישע טעכטער און ער האָט זיך פֿון זיי אָפּגעקערט צוליב זיין בענקשאַפֿט נאָך חכמה. ער איז אויך אויסגעשטאַנען פֿיל רדיפֿות. ער איז גרייט צו עסן ברויט מיט זאַלץ און צו טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס, צו דערגרייכן זיין געהויבענעם צוועק. איך געדענק שטענדיק זיין כּבוד און דעם רעספּעקט צו וויסנשאַפֿט, וואָס ער האָט איינגעפֿלאַנצט אין די הערצער פֿון זיינע תּלמידים, ווי אויך זיין הילפֿרייכן אָרעם צו שטיצן די קינדער פֿון די געמיינע לייט, וואָס פֿון זיי קומט אַרויס תּורה. איך וואָלט נאָך געמערט ווערטער פֿון לויב פֿאַר דעם וואָס ברענגט דאָס דאָזיקע כּתב, און וואָלט אויך געקאָנט פֿיל דערציילן פֿון מיין שטאָט זאַמאָשטש און די מלחמות וואָס מיר האָבן נאָך דאָ צו פֿירן קעגן דער פֿינסטערניש, מחמת די שיין, וואָס פֿילט אָן אַלע ווינקעלעך פֿון די מערב־לענדער, האָט נאָך אַהער נישט אַריינגעדרונגען, צו אונדזער גרויסער שאַנד, און פֿיל טאַפּן נאָך אין חשכות אין מיטן טאָג; אָבער דער בויגן איז צו קורץ.

„איך צייכן מיט פֿיל ברכות און בלייב געבונדן צו דיר, מיין רבי און וועגווייזער, מיט גראָבע שטריק פֿון ליבשאַפֿט. פֿון מיר, דיין תּלמיד טודרוס

לעמל, גרינדער און פירער פון חדר „תורה ודעת” פאר די יונגע זין פון ישראל דא אין דער שטאט זאמאשטש.”

## קאפיטל דריי

### 1

דער געלערנטער ר׳ שמריהו יאקאבי, דער סעקרעטאר פון דער סינאגאגע אויף טלאמאצקע, א זקן פון איבער אכציק, האט די לעצטע יארן זיך ווייניק אפגעגעבן מיט די געשעפט־ביכער פון דער דייטשער שול. ער האט זיך פארנומען מיט זיין וויסנשאפטלעכער ארבעט. דאס ווייב האט שוין נישט געלעבט, די קינדער האבן חתונה געהאט. ער איז אפגעזעסן גאנצע טעג און האלבע נעכט און געשריבן א ווערק וועגן דער געשיכטע פון קאלענדארן. דערצו האט ער איבערגעזעצט אויף לשון־קודש מילטאנס „דאס פארלוירענע גן־עדן”. ר׳ שמריהו יאקאבי איז געווען א קורץ מענטשל מיט א הויכער פלייצע, מיט א קליין קעפל, וואס עס איז דערויף געזעסן א זעקס־קאנטיקע יארמולקע. דאס האלב־אויסגעקראכענע בערדל איז פון ווייס ווידער געווארן געלבלעך. איבער די קליינע גרויע אויגעלעך זיינען געזעסן א פאר שפאקולן מיט שווארצלעך־בלויע גלעזער. ר׳ שמריהו האט ארויפגעקלעטערט אויף א לייטערל אראפצונעמען א בוך. ער האט געטאן א טריט איבער א שטאפל און זיך אפגערוט. דערווייל, איידער ער האט געקראגן דאס ווערק, וואס ער האט באדארפט, האט ער בלינדערהייט ארויסגענומען אן אנדערן באנד און צוגעשטעלט דאס פארגרעסער־גלאז צו די בלעטער. דער געלער שטערן איז געווארן פול מיט לענגלעכע קנייטשן, וואס האבן דערמאנט אן דער האקן־שריפט אויף א ליימענעם טאוול.

— יא, יא, זא! — האט ער גערעדט צו זיך אליין אויף זיין דייטשמערישן לשון. — קוואטש!... באבקעס, שמאנצעס!...

די טיר האט זיך געעפנט און עס איז אריין דער הויפט־שמש, א פארשוין מיט א רויט פנים און מיט א ווייסער געקארבטער בארד, אין א ריפסענעם סורדוט, געשטרייפטע הויזן און אין א ברייט קאפל, ווי א טשאלענט־טאפ.

— הער פראפעסאר — האט ער א זאג געטאן — עפעס א יונגערמאן איז געקאמען מיט איין בריוו.

— הא? ווער איזט ער? וואס וויל ער? איך האב קיינע צייט!...

— כ׳האב אים געזאגט, נאר ער האט עטוואס א כתב... פון הער פראפעסארס א תלמיד.

— וואס פיר איין תלמיד? איך האבע קיינע תלמידים! — האט דער אלטער זיך גענומען שאקלען און ציטערן. ער האט זיך שיער נישט איבערגעקערט מיט דער לייטער.

— נו, וועל איך אים הייסן גיין.

— וואַרטן זי. שיקן זי אים הערייַן. רק מען דרייט מיר דעם קאָפּ!

דער שמש איז אַרויס. דער אַלטער האָט גענומען אַראָפּקריכן פֿון לייטערל. ער האָט זיך געשאָקלט אויף די דאַרע פֿיס און אונטערגעהויבן דעם שפּאַקטיוו, ווי גרייט צו קוקן דורך אים אויפֿן גאַסט. עוזר־העשל האָט געעפֿנט די טיר און זיך גענומען רוקן אויף הינטערווייַלעכץ.

— נו, קאָממען זי הערייַן! — האָט דער זקן זיך אַ בייזער געטאָן. — וואָ איזט דער בריוו?

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָנווערט, וואָס עוזר־העשל האָט אים דער־לאַנגט, מיט שפּיציקע פֿינגער אַרויסגעגראַבלט דאָס בויגעלע פּאַפּיר און עס צוגעשטעלט צו די טונקעלע ברילן. אַ לאַנגע ווייַל איז ער געשטאַנען אַ פֿאַר־גליווערטער. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי לייענט ער, אָדער ער איז אַנדרימלט געוואָרן שטייענדיקערהייט. מיט אַמאָל האָט ער איבערגעדרייט דאָס פּאַפּיר אויף דער אַנדערער זייט. עוזר־העשל האָט אַראָפּגענומען דאָס זייַדענע היטל און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. די פֿלאַקסן־ווייַסע פּאות זייַנען שוין געווען האַלב־אָפּגעשוירן. ס׳זייַנען געבליבן רעשטלעך הינטער די אויערן. נאָך אַ קווענקלעניש האָט ער דאָס היטל צוריק אָנגעטאָן.

— נו, יאָ, זאָ, זאָ! — האָט דער זקן אַ רוף געטאָן מיט אַ כאָרכלדיק קולכל.

— די אַלטע געשיכטע. אַ בן־הרב, אַ פּלוסוף, אַן עקסטערן. גענוי ווי מיט פֿופֿציק יאָר צוריק!...

ער האָט אַ קער געטאָן דעם בריוו רעכטס, לינקס, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געזוכט צווישן די שורות, און איז מיט אַמאָל איבערגעגאַנגען אויף מאַמע־לשון.

— פֿאַרוואָס האָט איר זיך בעסער נישט אויסגעלערנט קיין מלאָכה?

— מ׳האָט מיך נישט געלערנט.

— ס׳איז קיינמאָל נישט צו־שפּעט!

— כ׳וואָלט בעסער געוואָלט שטודירן.

— וואָס שטודירן? פֿון אייַערע לאָגאַריטמען וועט זיך דאָ קיינער נישט דערשרעקן. ווי אַלט זענען זיי?

— נייַנצן יאָר.

— ס׳איז צו־שפּעט אָנצוהויבן. די אַלע עקסטערנס פֿאַלן דורך. אַז זיי ענדיקן שוין זאָגאַר, קאָנען זיי נישט גיין אויפֿן אוניווערסיטעט. זיי פֿאָרן אַוועק אין דער שווייץ און קומען צוריק פֿאַרטיקע שנאָרערס...

— איך וועל נישט זייַן קיין שנאָרער.

— אַז מ׳איז הונגעריק, מוז מען. זי זענען נאָך יונג און אונערפֿאָרן. געַ־וויס האָבן מיר, יידן, גוטע קעפּ. אָבער קיינער דאַרף נישט אונדזער חכמה, ווי ס׳שטייט אין קהלת: וחכמת המסכן בזויה.

— איך וויל לערנען פֿאַר מיר אַליין.

— אונזין! אם אין קמח אין תורה. וואָס איז מיט אירן געזונט? הוסטן זי? שפּייען זי מיט בלוט?...

— ניין, חלילה.

— ס׳רוב ווערן קראַנק און מ׳מוז זיי שיקן אין אַ סאַנאַטאָריע. אייניקע ווערן זאָ פֿאַרצווייפֿלט, דאָס זיי שמדן זיך.

— איך וועל מיך נישט שמדן.

— זי וויסן אַלץ פֿאָראויס. אַז די שטיוול זיינען צעריסן און מ׳האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, לויפֿט מען צו די מיסיאָנערן...

— אפֿשר קען איך קריגן לעקציעס? — האָט עוזר־העשל געפֿרעגט און מיט אַ בלויִ טיכל אָפּגעווישט דעם שוויס פֿון שטערן.

— וואָס פֿיר אַ לעקציע? זי קאָנען אַליין ווייניק. זיי מיר מוחל פֿאַר מיין אויפֿריכטיקייט. איך בין איין אַלטער מאַן, איך וועל באַלד שטאַרבן און זאָגע די וואָרהייט. די מעשה איז אַזוי — האָט ער געענדערט דעם טאָן און געמאַכט אַ טריטל נעענטער צו דעם בחור. — עס גיבט היינט קיין מאַנגל אין בילדונג. אַלע שטודירן. מיר האָבן דאָ אין דער סינאַגאָגע איין סטרוזש און זיין שייגעץ קאָן אויך לאָגאַריטמען. פּילייכט בעסער פֿון דיר. פּאָלניש און רוסיש קאָן ער געוויס בעסער און ער איז יונגער אויך. דערצו איז ער אַ גוי און אַלע טירן זיינען פֿאַר אים אָפֿן. ווי קאָנען זי מיט אים קאָנקורירן?

— איך וויל נישט קאָנקורירן.

— זי ווילן יאָ. דאָס לעבן איזט איין מלחמה. מ׳לאָזט אונדזערע בחורים נישט אַריין אין ערגעץ. זאָגאַר אין אויסלאַנד. וואָרום ביזטו נישט געוואָרן קיין חתן?

— האַ? כ׳האָב נישט געוואָלט.

— וואָרום נישט? איין יונגערמאַן מוז איינמאָל אַ חתן ווערן.

— וואָס איז דער תּכלית? ס׳זיינען דאָ מער געוועלבן ווי קונים.

— הע? נו, און דאָקטוירים זיינען אויך דאָ צופֿיל. אונדזערע פֿרומע יידן האָבן אַמווייניקסטנס זייער לעבנס־ערפֿאַרונג. דערווייל גיט מען דיר אַ ווייבל מיט קעסט. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. דאָ לאָזט מען דיך זיך וואַלגערן. ס׳טוט מיר לייד, בחור, איך קאָן דיר נישט העלפֿן. איך בין, לא־עליכם, האַלב בלינד.

— איך פֿאַרשטיי. זייט מוחל. אַ גוטן טאָג.

— לויפֿן זי נישט! אַנדערע פּגען זיך אָן און זי ווילן נאָר אַנטלויפֿן... אַז ביזט נאָך שטאָלץ אויך, וועסטו דאָ פֿאַרפֿאַלן ווערן.

— איר האָט מסתּמא נישט קיין צייט.

— מיין צייט איז ווערט אַ שמעק־טאַבאַק... איך וועל דיר קודם געבן אַ בריוול צום פֿאַרוואַלטער פֿון דער אינטעליגענטן־קיך, שאַצקין. דאָרט וועסטו קריגן אומזיסטע מיטאָגן.

— כ׳וויל נישט קיין אומזיסטע מיטאָגן.

— אָווא־וואַ! זאָ איין עקשן. עס איז נישט אומזאָנסט. רייכע לייט צאָלן פֿאַר דעם. ראָטשילד וועט צוליב דיר נישט אָרעם ווערן!...

דער זקן האָט אָנגעוויזן עוזר־העשלען ער זאָל זיך זעצן אויף אַ קליינער סאָפֿע איבערגעצויגן מיט אָפּגעשפּרונגענער לעדער. ער אַליין האָט זיך צוגע־זעצט צום שרייב־טיש אויף אַ ברייטער פֿאָטער־שטול מיט אַ קישעלע און גענומען טונקען אַ פּען אין אַ האַלב־אויסגעטריקנטן טינטער. ער האָט געגעבן

אַ שרייב און אַ קרעכץ. ער האָט אָפּגעשאָקלט די פֿעדער און אויפֿן פּאַפּיר האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ קלעק. די טיר האָט זיך געעפֿנט און דער שמש איז ווידער אַריינגעקומען.

— הער פּראָפֿעסאָר, אַבראַם איז געקאָמען.

— וואָס פֿיר איין אַבראַם?

— אַבראַם שאַפּיראָ. משולם מושקאַטס איידעם.

אויף דעם אַלטנס געלבלעכן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— אַ, דיזער לץ. נו, זאָל ער הערייַנקאָמען.

נאָך איידער דער זקן האָט אַרויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך די טיר געטאָן אַ פּראַל־אויף און ס׳איז אַריין אַ גרויסער פּאַרשוין מיט אַ פֿירעקיקער פּעך־שוואַרצער באָרד, אין אַ צעפֿלויגענער פּעלערינע, אין אַ פּליושענעם קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, מיט אַ זיידענער שלייף אַנשטאָט אַ קראַוואַט. אויף דער סאַמעטענער וועסט האָט זיך געבאָמבלט אַ גאָלדענע קייט. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ צעדרייטן שטעקן מיט אַ פֿאַרצווייגט אויער, ווי די הערנער פֿון אַ הירש, באַדעקט מיט זילבער און בורשטין. ער איז געוועזן הויך, ווי אַ ריז, און געמוזט אָנבויגן דעם קאָפּ אַריינצוקומען. די ברייטע אַקסלען האָבן אָנגערירט די ביישטידלעך. דאָס פֿליישיקע פּנים האָט געהאָט אין זיך אַ רויטקייט, ווי פֿון וויין. אין פֿעטן שטערן איז געשטאַנען אַ קרומער העפּט. צווישן די ליפּן האָט געשטעקט אַ לאַנגער ציגאַר. ער האָט אַריינגעבראַכט מיט זיך אַ גערוך פֿון טאַבאַק, שמעקעדיקער זייף און נאָך עפּעס אָנגענעמס און גרויסשטאָטישס. ר׳ שמריהו יאַקאָבי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז אים אַקעגנגעגאַנגען. דער אַריינגעקומענער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס אויסגעשטרעקטע הענטל פֿון דעם זקן אין זיין האָריקער לאַפּע.

— ברוך הבא, אַבראַם.

— שלום עליכם, פּראָפֿעסאָר! — האָט אַבראַם אַ געשריי געטאָן מיט אַ דונערדיק קול. — כ׳דריי מיך אַזוי אַרום צווישן טלאָמאַצקע און ביעלאַנסקע. פּלוצים פֿאַלט מיר איין: פֿאַרוואָס נישט אַ קוק־טאָן וואָס ס׳מאַכט אונדזער פּראָפֿעסאָר יאַקאָבי? כ׳האָב דאָ, נישט פֿאַר אייך געדאַכט, געהאַט אַ ראַנדעוואו, נאָר די דאַמע האָט מיר אָנגעפּייפּט. מיר׳ן זיך געזאָלט טרעפֿן ביים האָטעל קראַקאָווסקי. נו, ווער איך בדלות!... געוואַלד, פּראָפֿעסאָר, איר ווערט דאָך ייִנגער פֿון טאָג צו טאָג! איך אַליין ווער אַן אַלטער תּרח. אַז איך גיי־אָפּ אַ שטאָק שטיגן, זעצט מיר ס׳האַרץ ווי ביי אַ גזלן. אָה, וויפֿל ביכער!... זיי זאָגן און דרשנען, די געלערנטע אייערע, נאָר אַז ס׳קומט צום תּוך, דאַסן זיי אָן... איז וואָס־זשע מאַכט איר, פּראָפֿעסאָר? וואָס איז מיט אייער בוך וועגן די קאַלענדאַרן? וואָס הערט זיך עפּעס אין הימל? איר זענט דאָך אַן אַסטראָנאָם. אויף דער ערד איז איין גרויסער פּלאָנטער. מ׳קאָן פֿון זינען אַראָפּ. כ׳האָב היינט אַ טאָג, אויף פּורישקעוויטשן געזאָגט געוואָרן. כ׳רייס איין מיט אַלעמען: מיטן ווייב, מיטן שווער, מיט די קינדער, אַפֿילו מיט ציפּע דער דינסט. כ׳לויף, כ׳שמאַיע. איישע בשיישע! פּיטשע פּוי! כ׳בין שוין היינט אויסגעוועזן גאַנץ וואַרשע. כ׳פֿאַל אַריין צום דאָקטאָר מינץ, זאָגט ער: רעגט אייך נישט אויף. ס׳איז ניש׳ גוט פֿאַרן

פּופּיק. אָוואָ, זאָג איך, ס׳אַראַ קונץ. פּרוּאווט איר, זאָג איך, דאָקטאָר, צונויפֿפֿירן זיבעצן וועגט און אַכצן קדחתן מיט דריי־און־זעכציק פּאַקראַקעס!... ער מיינט, אַז איך לייג מיך אַוועק אויף דער סאָפֿע און מאַך־צו די שליפּיעס, בין איך פֿאַרטיק. ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן די סומאַטאַכע. כ׳וויל שרייען ווי אַ לייב. איר הערט, פּראָפֿעסאָר, ווען כ׳שעם מיך ניש׳, מאַך איך אַזוינע קולות, אַז וואַרשע וואָלט איינגעפֿאַלן, נישט יריחו. ווער איז דאָס דער חתן־בחור? — האָט ער פֿונסנייַ זיך צעשריגן. — וואָס זיצט ער דאָרט ווי אַ קעצעלע און מאַכט זיך געפּגרט?...

די גאַנצע צייט וואָס אַבראַם האָט גערעדט, האָט דער אַלטער געשמייכלט מיט די ליידיקע יאַסלעס און געטרייסלט מיטן שמאָלן קעפּל אין דער ברייט, ווי אויף ניין. ער האָט, אַפּנים, געהאַט פֿאַרגעסן אָן דעם קליין־טערעשפּאָלער בחור. ער האָט זיך אומגעקוקט און אַ רייב־געטאָן דעם פֿאַרמעטענעם שטערן.

— דיזער בחור? יאַ, כ׳דאַרף אים געבן אַ בריוו, צו דער אינטעליגענטן־קיך.

— כ׳וויל נישט. אַ דאַנק... כ׳דאַרף נישט! — האָט עוזר־העשל אַ זאָג־געטאָן. — כ׳האָב געלט.

אַבראַם האָט געטאָן אַ שפּרונג.

— איר הערט, פּראָפֿעסאָר? ער האָט געלט! — האָט ער געוואָלדעוועט.

— ס׳ערשטע מאָל הער איך אַ מענטש זאָל זאָגן, אַז ר׳האָט געלט. וואָס־זשע שווייגסטו? שוין פֿערציק יאָר ווי כ׳זוך אַזאַ איינעם ווי דו. און דאָ זיצט ער ווי אַ נעבעכל. פֿע, פּראָפֿעסאָר! וואָס טויג אים די אינטעליגענטן־קיך? אויף אַ שיינער ריינער כּפּרה!...

— ער איז געקומען שטודירן... אַ רבס אַן אייניקל... אַן עילוי...

— באמת? ס׳זיינען נאָך דאָ אַזוינע? און איך האָב געמיינט, אַז שוין! ס׳מין האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי דו זשוברעס, להבדיל. לאָמיך אים אָנקוקן! וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען איבער אַזאַ באַשעפֿעניש?... וואָס ווילסטו שטודירן?

— זיי האָבן אַ בריוו... פֿון זאַמאָשטש...

— וואו איז דער בריוו? וויַיז מיר דעם בריוו!

עוזר־העשל האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס צעקנייטשטע בויגעלע פּאַפּיר. אַבראַם האָט עס געגעבן אַ כאַפּ און גענומען דרייען פֿון אַלע זייטן. באַלד האָט ער אָנגעהויבן לייענען די לשון־קודשדיקע מליצות, הויך, מיט אַ ניגון פֿון דער הפֿטורה. דאָס פּנים האָט נישט אויפֿגעהערט צו שפּילן: די באָרד האָט זיך געשאָקלט, די ברעמען האָבן זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף, די באַקן האָבן זיך באַוועגט, ווי ער וואָלט געקייט. די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען אין דער פּוילישער אויסשפּראַך צעשויבערטע, ווי תּרגום, מיט טיפֿע נאָכטענער און ברומענישן. נאָך יעדע עטלעכע לויב־ווערטער אויף עוזר־העשלס חשבון, האָט ער געוואָרפֿן אויף אים אַ בליק מיט זיינע גרויסע פֿייערדיקע שוואַרץ־אַפּלען. ווען ער האָט פֿאַרענדיקט, איז ער צוגעלאָפֿן צום טיש און געטאָן אַ זעץ מיט דער פֿויסט. דער טינטער האָט אַזש אַ טאַנץ געטאָן.

— ס'איז נאָך דאָ צו וואָס צו לעבן! — האָט ער גערופֿן. — ס'איז נאָך דאָ אַ תּורה, ייִדן, גאונים, משׂכּילים!... און איך, אָקס, האָב געמיינט, אַז ס'איז שוין כּלו כּל הקיצין. קום, בחור, וועסט שוין היינט אין אינטעליגענטן־קיך נישט גיין!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן עוזר־העשלען ביים אַקסל און אים כּמעט אויפֿגעהויבן.

— וועסט עסן מיטאָג ביי מיר! — האָט ער געשריגן. — איך הייס אַבראַם שאַפּיראָ. מ'עט דיר קיין טרפֿות נישט געבן, זאָלסט אַפֿילו וועלן!...

און ער האָט זיך צעלאַכט. עס איז נישט געווען קיין לאַכן, נאָר אַ כאַך, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אַ מעכטיק נישט־מענטשלעך קול. די אויגן זיינען אים פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. דאָס פּנים איז געוואָרן אַפּאָפּלעקטיש־רויט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ זיידן טיכל און גענומען שנייצן די נאָז. דאָקטאָר מינץ האָט אים ערשט געהאַט געוואָרנט ער זאָל אויפֿהערן צעיאַכמערן זיך פֿון יעדער קלייניקייט, אויב ער וויל נישט קריגן פֿונסניי אַ האַרץ־אַטאַק...

## 2

די טרעפּ וואָס האָבן אַראָפּגעפֿירט פֿון שמריהו יאַקאָביס קאַנצעלאַריע זיינען געווען ברייטע, פֿריש־געוואַשענע. אין די ווינקלען זיינען געשטאַנען שפּיי־קעסטלעך. דורך דעם הויכן הויז־פֿענסטער האָט אַריינגעשיינט אַ ווייסע ווינטער־דיקע זון. דער דרויסן איז געווען טרוקן און פֿראָסטיק. אין סינאַגאָגע־הויף, אַרום אַ גערטנדל מיט אייזערנע שטאַכעטן, האָבן טויבן אַרומגעהיפּט אויף די רויטע פֿיסלעך און געפּיקט קערנער. פֿון ראַבינערס גלאַנציקע פֿענסטער, באַהאָנגענע מיט בלויע גאַרדינען, האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס צוגעדושעטע שפּילן פֿון אַ פּיאַנאָ. צווישן פֿאָרהאַנג און אַ שויב האָט זיך געוואָרעמט אַ קעצל. פֿון די אָנגעשפּיזטע וואָנסעלעך און די אַגרעס־גרינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט די מנוחה פֿון אַ באַשיצט באַשעפֿעניש. אַבראַם האָט געטאָן אַ שפּרייז און אַ קלאַפּ מיטן שטעקן אין אַספֿאַלט; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווידער גענומען שפּאַנען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט אין דער לינקער זייט.

— ביזט אַ מבֿין? איך גיי און ס'האַרץ שפּרינגט! וואַרט אַ ווייל. לאָמיך אָפּדעכן.

— כ'האָב גענוג צייט.

— ווי הייסטו?

— עוזר־העשל.

— יאָ, עוזר־העשל. די מעשׂה איז אַזוי: כ'האָב דיך געוואָלט נעמען צו מיר, אָבער כ'האָב מיך גראָד צעבויקערט מיט מיין חמאָן, מיין פּלוניתטע. ס'אַ שאָד. כ'האָב צוויי וואוילע טעכטער. נאָר שאַ! מ'קריגט זיך נישט אייביק. דערווייל בין איך פֿאַרבעטן אויף מיטאָג צו מיין שוואָגערל, גיוניע הייסט ער. ער איז מיין ווייבס אַ ברודער, אַ טייער מענטשל, אַ טיפּ. זיין ווייב, דאָכע, איז אַ צדיקת.

זי איז דעם קראָסטיניִנער רבס אַ טאָכטער. האָסט אפשר געהערט פון מיין שווער? ער הייסט משולם מושקאַט.

— ניין.

— אַ קלוגער ייד, נאָר אַ גזלן. רייך ווי קורח. ווועלן מיר נעמען אַ דראָשקע און צופאָרן צו ניוניען. וועסט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ס׳איז גראָד דאָרט אַ שטיקל צונויפקומעניש. דעם שווער — שווער זאָל זיך עס אים לייגן — האָט זיך פאַרגלוסט חתונה צו האָבן מיט אַ גאַליציאַנער יידענע. זי איז, הייסט עס, מיין שטיף־שוויגער. זי האָט אַ טאָכטער אויך, מיין ווייבס אַ שטיף־שוועסטער. ס׳איז געקניפּט און געבונדן. קו פערדס בייטשס שטעקעלע. זיי וועלן דאָרט אַלע זיין. ס׳גאַנצע געזינדל.

— זייט מיר מוחל — האָט עוזר־העשל אַ זאָג־געטאָן נאָך אַ קווענקלעניש

— כ׳וויל דאָרט נישט פאָרן.

— האַ? פאַרוואָס נישט? גלויב מיר, דו שעמסט זיך! הער מיך אויס, ברודערל. דאָ איז נישט דיין העק, ווי הייסט זי דאָרט? קליין־בלאָטאָפּאָל. דאָ מוז מען וויזן ס׳פּנים. מיין שוואָגער איז אַ היימישער ייד, אַ בן־תורה. ער האָט אַ טעכטערל, הדסה, איז דאָס אַ יפה־פיה. וועסט טאָן איין קוק און בלייבן אָן אָפּ־געקאָכטער. כ׳בין אַליין אויך געכאַפּט אין דער מעשה. דערצו קאָן זי דיר געבן אַ לעקציע. ס׳איז אַ סך בעסער ווי אַלע אינטעליגענטן־קיכן!...

— כ׳האָב אַ ווינטער־פאַלטן, נאָר כ׳האָב אים נישט אָנגעטאָן.

— ס׳איז דיר דען קאַלט?

—נישט קאַלט.

— וואָס־זשע טויג ער דיר? זיך אויסצופּיינען? שפּיי דערויף. לאָמיר נאָר זען ווי שפּעט ס׳איז! ס׳איז געענוי האַלב צוויי. מיטאָג עסט מען דאָרט צווייע. זיי וואוינען אויף דער פאַנסקע. מיט אַ דראָשקע וועט דויערן נישט מער ווי פופצן מינוט. דערווייל וועל איך אַריין אין רעסטאָראַן און טעלעפאָנירן. כ׳וויל וויסן פאַרוואָס די נקבה האָט מיך געלאָזט שוויצן. קום מיט מיר. וואַרט־צו.

זיי זיינען אַריבער די גאַס און דורך אַ גלעזערנער טיר אַריין אין אַ גרויסן זאַל מיט רויט־געפאַרבטע ווענט און מיט אַ סך שפּיגלען. פון געשניצטן סופיט האָבן אַראָפּגעהאָנגען זשיראַנדאָלן. קעלנערס מיט האַנטיכלעך אונטער די אָרעמס זיינען געלאָפן איבער דעם געקאַפעלטן דיל אַהין און צוריק. זיי האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט אין די שפּיגלען אַ סך מאָל און ס׳איז שווער געווען אונטערצושיידן צווישן בילד און אָפּבילד. עמעץ האָט געפּויקט אויף אַ פאָרטעפּיאַן. קנוילן פּאַרע האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. ס׳האָט געשמעקט פון בראָנפן, ביר, געבראָטנס, און נאָך עפּעס געווירציקס און גרויסשטאָטיש־פּרעסערישס. אַ הויכער דיקער פּאַרשוין, מיט אַ פּליך קיילעכיק ווי אַ טעלער און מיט אַ גלייכן רויטן קאַרק, האָט געטונקען די וואָנסן אין אַ קופּעל שוים. אַ מענטשל מיט אַ סערוועט אַרום קורצן האַלדז האָט זיך געבויגן איבער אַ טעלער פליש, מיט דער גיריקייט פון אַ זולל־וסובא. אַ מיידל מיט געלאָקטע האָר, אין אַ ווייס פאַרטוך, מיט בלוילעך־אונטערגעשמירטע אויגן און אָנגערויטלטע באַקן, איז געשטאַנען הינטער אַ בופעט, צווישן אַ סך פלעשלעך, גלעזלעך, טאַצן, האַלבע־שיסלען. זי האָט אָנגעגאָסן פון

אַ קאַראַפֿינקע אַ גרינלעכע משקה אין אַ קעלישיקל. עפּעס אָפּנאַרערישס און סודותדיקס האָט אַרויסגעקוקט פֿון איר בליק, ווי זי וואָלט נישט אויפֿגעהערט בלינצלען צו עמעצן און געבן צייכנס. אַבראַם איז ערגעץ נעלם געוואָרן. עוזר־העשלען האָט גענומען שווינדלען אין קאָפּ, ווי שיכּור פֿון די ריחות. דער זאַל האָט זיך געוויגט. ער האָט דערזען אַלץ טאָפּלט. פּלוצים האָט אויפֿגעטויכט נעבן אים אַ געשטאַלט, סיי גריילעך־היימיש, סיי משונה־פֿרעמד. ס׳איז געווען זיין, עוזר־העשלס, אייגענע צורה.

— העי, דו — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו דעם אָפּגעשפּיגלטן — בטלן!...

ער האָט געהאַט נעכטן ביינאַכט אָפּגעשוירן דאָס בערדל, נאָר אין שפּיגל־גלאָז זיינען די באַקן ווידער פֿול געווען מיט הערעלעך. דער קאָלנער פֿון העמד איז געווען צעקנייטשט. אַ שפּיציקער פֿרעמדער גאָרגל איז אַרומגעלאָפֿן אין האַלדז. עוזר־העשל האָט געהאַט באַנייט אַן איבערציער אײדער ער איז אַרויס־געפֿאָרן פֿון דער היים, נאָר אין דעם געשליפֿענעם ליכט איז דאָס מלבוש פֿאַר־געקומען אָפּגעריבן, צו־שמאָל, מיט קרומע אַקסלען. די נעז פֿון די שיך האָבן זיך געבויגן אַרויף. עוזר־העשל האָט געוואוסט, אַז על־פּי שכל דאַרף ער נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו שליסן קאַנטשאַפּט מיט די גבירים, וואוהין דער פֿרעמדער האָט אים געזאָלט מיטנעמען. שעמעוודיקייט איז, לויט שפּינאָזאַן, אַן אַפֿעקט, וואָס מען מוז צוימען. אָבער וואָס לענגער ער איז דאָ געשטאַנען, אַלץ געפֿאַלענער איז ער ביי זיך געוואָרן. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף אים, ווינקען זיך איבער, שמייכלען. אַ קעלנער האָט אים געטאָן אַ שטויס. די פֿריילין ביים בופֿעט האָט געוויזן אַ פֿול מויל בלענדיק־ווייסע ציין. אַ משונה־דיקער פֿאַרלאַנג איז אים באַפֿאַלן: צו עפֿענען די טיר און אַנטלויפֿן. אין דער רגע האָט ער דערזען אַבראַמען. ער האָט געשפּאַנט צו אים פֿון אַלע שפּיגלען.

— נו, קום! האָט ער אַ רוף געטאָן, — ס׳ווערט שפּעט.

ער האָט אים אַ נעם־געטאָן אונטערן אָרעם און איז אַרויס צוזאַמען מיט אים אין דרויסן. גלייך איז צוגעפֿאָרן אַ דראָשקע. אַבראַם האָט אַ שטופּ־געטאָן פֿאָראויס עוזר־העשלען, און אַליין איז ער איינגעזעסן נאָך אים. דאָס געזעס האָט אַ קלונג־געטאָן מיט אַלע שפּרינג־פּעדערס. ווען דער אָנטרייבער האָט גענומען אויסדרייען, האָבן זיך די הייזער אַ באַוועג־געטאָן אויף צוריק. פֿאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט די צוויי פּאַסאַזשירן. אַבראַם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען און אַ פֿאָכע געטאָן מיטן שטעקן.

— ס׳איז ווייט? — האָט עוזר־העשל געפֿרעגט.

— ציטער ניש׳, מ׳עט דיך ניש׳, אויפֿעסן. זיי ניש׳ קאַ צלאָפּ...

אבראַם האָט אים אָנגעוויזן אויף די גאַסן, די הייזער. מ׳איז פֿאַרבייגעפֿאָרן אַ באַנק מיט דיקע זיילן; קאַנטאָרן, וואו אין די שוי־פֿענסטער זיינען געלעגן גאָלדענע מטבעות און לאָטעריע־צעטלען; אַ גאַס, וואו פֿאַר יעדן געוועלב איז געשטאַנען אַ זאַק קנאָבל, אַ קעסטל ציטרינען, און אינעווייניק האָבן געהאַנגען בונטן געטריקנטע שוואָמען. פֿאַרן אייזערנעם טויער איז געווען אַלץ צוזאַמען: אַ גאָרטן, אַ סקווער מיט בענק, אַ חתונה־זאַל און אַ מאַרק, וואו ווייבער האָבן געהאַנדלט מיט לייוונט, קנעפּלעך, שפּילקעס, קלעצלעך פֿאָדעם. די פֿאַרקוי־

פֿערינס האָבן געשריגן. סטרוזשעס האָבן אָנגעקערט קופּעס מיסט מיט הויכע בעזימס. אַ פֿליקער־יונג מיט פֿאַרבלוטיקטע שטיוול האָט אין מיטן פּלאַץ געפֿירט אַ מחנה אינדיקעס. זיי האָבן געפּרואווט זיך צעלויפֿן, נאָר אַ יאַט אין אַ ברייטן קאַשקעט איז זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג מיט אַ שטעקן. פֿון די באַזאָרן אַרום האָבן זיך געטראָגן הילכיקע קולות. אין מיטן דער געדיכטעניש האָט זיך געשלעפּט אַ לוויה, אונטן ברייט, אויבן שמאָל, פֿיר־עקיק און גלאַנציק, ווי אַ של־ראָש. די פֿערד זייַנען געווען איבערגעדעקט מיט שוואַרצע טיכער. דורך די אויסגעשניטענע לעכער האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע פֿאַרכטיקע אויגן, פֿול מיט שוואַרצאַפּל. אַבראַם האָט זיך פֿאַרקרימט.

— אַלץ, ברודערל, האָב איך ליב — האָט ער אַ זאָג געטאָן — נאָר זיין אַ בר־מינן, דאָס נישט!...

ער האָט געפּרואווט פֿאַררויכערן אַ ציגאַר, נאָר דער ווינט האָט אויסגעלאָשן דאָס פֿלעמל. ער האָט אָנגעריבן אַן אַנדער שוועבעלע און זיך געגעבן אַ שטעל־אויף. די דראָשקע האָט זיך שיער נישט איבערגעקערט.

— ווי האַלטסטו עפּעס מיט אַכצן און דרייצן? — האָט ער געפֿרעגט און אויסגעבלאָזן קנוילן רויך דורכן מויל און די נאָז־לעכער. — פֿירסט שוין אַוודאי אַ ליבע אין דעם שטעטל?

— האַ? ניין.

— זע נאָר ווי רויט ר'איז געוואָרן. איך אין דייַנע יאָרן האָב נאָכגעיאָגט אַלע שיקסעס אין טאַטנס פֿאָלוואַרק.

אויפֿן גזשיבאָוו האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם שווערס, ר' משולם מושקאַטס, הויז. די בעקער־מויד, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער מיט קוישן זעמל, אַ קורצע, אַ געפּאַקטע, אין אַ גרויען זשאַקעט, האָט צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט צו איר וואוילעריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אויף דער טוואַרדע האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט אַ פֿינגער:

— אָט איז ס'ביאַלאָדרעוונער שטיבל. דאָ דאַוון איך.

— איר זענט גאָר אַ חסיד?

— ווי דו קוקסט מיך אָן, גיי איך יום־טוב אין אַ שטריימל...

אַ קאַלט שטיק ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן. די זון איז פֿאַרשטעלט געוואָרן פֿון אַ וואָלקן. די לופֿט איז געוואָרן גרינלעך, בלוילעך און ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט האָגל און שניי. עוזר־העשל האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער. ער איז שוין געווען עטלעכע טעג אין וואַרשע, אָבער ער איז זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אויסגעשלאָפֿן נאָך דער נסיעה. אין דער נאָז איז אים געווען האַרב. דער קאָפּ האָט אים וויי־געטאָן. ס'האָט אים געבראָכן הינטער די קני. ער האָט נאָך נישט געהאַט געגעסן, נאָר דער אַפּעטיט איז אים געווען פֿאַרשלאָגן. שוין יאָרן, האָט זיך אים געדוכט, ווי ער איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן פֿון דער היים. וואו שלעפּ איך מיך ערגעץ? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיין תכלית? — האָט ער געקלערט. — וואוהין וועלן זיי מיך פֿאַרשליידערן, די מאָדוסן פֿון דער סובסטאַנץ? ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס, זיך אָנגעהאַלטן אָן אייזערנעם הענטל, געפֿאָרן בלינדערהייט. אין דער ברוינער פֿינסטערניש האָט אויפֿגעשיינט אַ חלומדיקע

בלום, זוניק־בלענדיק, האַלב־צעעפֿנט, אָן אַ האַפֿט. דאָס דאַזיקע זעעניש האָט זיך באַוויזן צו אים אַלע מאָל אין מינוטן פֿון באַדרענגעניש. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג תּפֿילה צו טאָן, אָבער צו וועמען זאָל ער בעטן? די אייביקע געזעצן וועלן זיך צוליב אים נישט פֿאַרענדערן...

פּלוצים האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ ציטער געטאָן, געעפֿנט די אויגן. ער איז אויסגעשטיגן ביי אַ פֿיר־שטאָקיקער מויער, אין אַ שמאָלער, קרומער גאַס, אָן טראַמוויי־רעלסן, אויסגעפּלאַסטערט מיט קיילעכיקע שטיינער. פֿייגעלעך האָבן געפּיקט קערנער אין פֿאַרעדיקן פֿערד־מיסט. אַבראַם האָט אַרויסגענומען פֿון אַ טיפֿן זאַמשענעם בייטל אַ זילבערנעם פּופּציקער. דאָס דאַרע פֿערדל האָט געטאָן אַ קוק אויף צוריק, מיט דעם משונהדיקן נייגיר, וואָס נעמט צומאָל אָן אַ בעל־חי צו מענטשלעכע טועכצן... צו ניוניע מושקאַט איז מען אַריין פֿון פֿראָנט־אַריינגאַנג, דורך אַ גלעזערנער טיר מיט מילך־שויבן, איבער מאַרמאָרנע טרעפּ. אויפֿן ערשטן שטאָק האָט, אַפּנים, געוואוינט אַ דענטיסט, ווייל ס'האָט געשמעקט מיט יאָדינע און עטער. אין אַ שפּיי־קעסטל איז געלעגן אַ פֿאַרבלוטיקט שטיקל וואַטע. אויף דעם צווייטן שטאָק, אויף אַ מאַהאַגאָנענער טאָפּל־טיר, איז געהאַנגען אַ מעשן בלעכל, אויסגראַווירט אויף פּויליש און יידיש: נחום לייב מושקאַט. אַבראַם האָט געטאָן אַ קוועטש דאָס עלעקטרישע קנעפּל. ס'האָט זיך דערהערט אַ שאַרפֿער קלונג. עוזר־העשל האָט צורעכטגעמאַכט דאָס היטל און געוואָרפֿן אַ פֿאַרווירטן קוק אויף הינטער־ווייַלעכץ — זוי גרייט צו אַנטלויפֿן אין דער לעצטער מינוט...

## 3

די טיר האָט געעפֿנט אַ דינסט־מויד, אַ נידעריקע, אַ דיקע, מיט אַ גרויסן בוזעם. איבער די געקאַרבטע האָר האָט זי געטראָגן אַ געבלימלט טיכל. פֿון די שווערע אויערן־לעפּלעך האָבן נאָכגעהאָנגען לאַנגע אויערינג. די באָרוועסע פֿיס האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר פּליושענע שטעק־לאַטשן. זי איז געווען אָנגערויטלט פֿון דער קיך און געהאַט חן־גריבלעך אין די פֿעטע באַקן. ווען זי האָט דערזען עוזר־העשלען, האָט זי געוואָרפֿן אויף אַבראַמען אַ פֿאַרחידושטן בליק. אַבראַם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דער בחור גייט מיט מיר! — האָט ער געזאָגט — זע נאָר, שפֿרה־לעבן, פֿרייסט דיך גאָרנישט מיט אַבראַמען? — האָט ער אַ רוף געטאָן. — און איך, פֿערד, האָב דיר געבראַכט אַ מתּנה!

ער האָט אַרויסגענומען פֿון הויזן־קעשענע אַ שקעטעלע און איר דערלאַנגט. שפֿרה האָט עס אָנגענומען מיטן פֿאַרטוך, נישט צו פֿאַרפֿלעקן דאָס קאָלירטע דעקל.

— דער פּאַן אַבראַם פֿאַרגעסט קיינמאָל נישט — האָט זי געמורמלט. — כ'לעבן, מ'דאַרף נישט...

— הער אויף מיט דיינע ווייבערישע שטיק. זאָג מיר בעסער: די גאַליציאַנערין איז שוין דאָ?

— יאָ, מיט מזל.

— און ס׳טעכטערל?

— זיי האָבן זיך שוין ביידע באַזעצט אין דער סאַלע.

— וואָס קאָכסטו דאָרט אַזוינס? ס׳פּאַררייסט די נאָז.

— דער הער אַבראַם וועט זיך אָסור ניש׳ אָפּסמען...

אַבראַם האָט אַראָפּגענומען די פּעלערינע און איז געבליבן אין אַ שוואַרצן אַנצוג. פֿון די אַרבל האָבן אַרויסגעשטאַרצט שטײַפֿע מאַנקעטן. עס האָבן אין זיי געבליצט גאָלדענע ספּינקעס מיט דימענטן. ער האָט אויסגעטאָן דעם הוט און זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן אַ וואַנט־שפּיגל פֿאַרקעמען די לאַנגע האָר אַרום פּליך. עוזר־העשל האָט נאָך אַ ווײַל אויך אַראָפּגעצויגן זײַן אויבער־מלבוש. ער האָט געטראָגן אַ געהאַקטע קאַפּאָטע און אַ שוואַרץ שניפּסל אונטערן ווייכן קאָלנער.

— קום, בחור, שעם־דיך נישט!...

די סאַלע, וואו מ׳איז אַריין, איז געווען אַ גרויסע שטוב מיט דריי פֿענסטער. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, זײַנען געווען גאָלד־גערעמטע פּאָרטרעטן פֿון בערדיקע, באַקאַפּלטע יידן און פֿון באַשייטלטע און באַקאָפּקעטע ווייבער. אַרום די ווענט זײַנען געווען אויסגעשטעלט ברייטע פֿאָטעלן, וואָס עס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי געלע יאַקעס מיט גאָלדענע פֿראַנדזן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שענקל־זייגער באַפּוצט מיט שניצערייען און גאָלקעס. רויזע־פֿרומעטל איז געזעסן אויף אַ סאָפֿע איבערגעצויגן מיט אַ געל־גאָלדיק געוואַנט. זי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ שמאָל בעכערל מיט ווישניק און אין דער אַנדערער — אַ קיכעלע. אַקעגנאיבער, אויף אַ נידעריק טישל, איז געשטאַנען אַ טעלעפֿאָן. די באַלעבאָסטע, גיוניעס ווייב, דאַכע — אַן אויסגעדאַרטע פֿרוי, אַ שוואַרצע, ווי אַ קראָ, מיט אַ טיף שייטל און אַ זיידענער שאַל אויף די אַקסלען — האָט אַריינגערעדט אין טרייבל.

— וואָ? רעדץ העכער! — האָט זי געשריגן. — יאָך הער ניש׳ קאָ׳ וואָרט. האָ? צו מײַנע שונאימס קעפּ!...

ביי דער פּיאַנאָ איז געזעסן איידל, אין אַ קלייד מיט אַ סך פֿאַלדן, אין אַ ווייסער בלוזע מיט שפּיצן אַרום די האַנט־געלענקען און מיט אַ ברייטן געקראָכמאַלעטן קאָלנער. די זון, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די פֿאָר־האַנגען און גאַרדינען, האָט זיך געשפּיגלט אין אירע האָר און זיי האָבן דערפֿון אָפּגעשיינט כמעט רויט. אַבראַם האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים עלנבויגן, ווי זיך צו פֿאַרזיכערן, אַז דער ביישן וועט נישט אַנטלויפֿן.

— גוט מאָרגן, גאָט העלף, גוטען טאָג! — האָט ער געשריגן, — וואו איז ערגעץ גיוניע?

די פֿרוי ביים טעלעפֿאָן האָט געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַ סימן, אַז זי האָט אים באַמערקט. איידל האָט אויפֿגעהערט בלעטערן די נאָטן און זיך אויפֿגעשטעלט. רויזע־פֿרומעטל האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס טויגן דאָ צערעמאָניעס? — האָט אַבראַם אַ זאָג־געטאָן סיי צו

דער מוטער, סיי צו דער טאָכטער. — מיין נאָמען איז אַבראַם. אַבראַם שאַפּיראָ. איך בין ר׳ משולם מושקאַטס איידעם.

— עך ווייס, עך ווייס, עך האָב אַ סך געהערט וועגן אייך — האָט רויזע־פֿרומעטל זיך געאיילט אָפּצוענטפֿערן. — דאָס איז מיין טאָכטער, איידעלע.

— זייער אַנגענעם.

—אָט־דעם בחור האָב איך ערשט דערטאַפּט. כ׳האָב געדאַרפֿט זיין אויף טלאָמאַצקע. דאָרט איז די דייטשע שול. דער סעקרעטאַר איז אַ ייד אַ תּלמיד־חכם, אַ גרויסער געלערנטער. איר האָט אפֿשר געהערט וועגן אים? ר׳ שמריהו יאַקאָבי.

— דוכט זיך עפּעס...

אַ טיר האָט זיך געעפֿנט און עס איז אַריין ניוניע, אַ קליין דיק מענטשל, מיט אַ שפּיציק בייכל און אַ גרויסן קאָפּ בלאָנדע האָר. ס׳איז אויף אים געזעסן אַ פּיצעלע יאַרמולקע. די באָרד אַרום ברייטן קין איז געווען אַרונטערגעקעמט. ער האָט געטראָגן אַ שטוב־כאַלאַט פֿון וויין־קאָליר, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קרייקע. אַבראַם האָט אָפּגעלאָזט עוזר־העשלען, צוגעלאָפֿן צו ניוניען, אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די לענדן און אויפֿגעהויבן אין דער הויך, אַזוי דריי מאָל. ניוניע האָט גע־נומען וואָרפֿן מיט די קורצע פֿיס אין די לאַקירטע שטעק־שיך. אַבראַם האָט אים געטאָן אַ שטעל אַוועק, ווי אַ פּופּע, און זיך צעלאַכט מיט אַ דונערדיק געלעכטער.

— שלום עליכם, ניוניעלע! — האָט ער געשריגן. — וואַרף אַריין אַ פּיפּטל!...

— משוגע, מטורף! ווער איז דער בחור? האָט ניוניע געפֿרעגט אַ פּאָר־ווירטער.

— וואָס טוט זיך עפּעס דאָ? וואָס שרייט עך אַלע? אַבראַם, הער אויף מיט דיינע שטיק! — האָט אַ רוף־געטאָן דאַכע, וואָס האָט ערשט נאָר פֿאַרענדיקט דאָס טעלעפֿאָנירן. — ווער איז דער בחור? — האָט זי געפֿרעגט און אויסגעשטרעקט אַ לאַנגן דאַרן פֿינגער מיט אַ געלבלעכן נאָגל.

— ס׳אַ מעשה אָן אַ סוף. יעדן איינעם הויב אָן פֿון בראשית. ער איז אַן עילוי, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ גאון, אַ כל־ולך. ער איז איינער פֿון יענע, וואָס היינט קאָן דאָס ס׳מויל נישט עפֿענען, נאָר מאָרגן וועט דאָס זיצן אויף אַ קאַטעדרע אין בריסעל און טענהן, אַז מיר יידן זיינען אַ רעליגיאָן, נישט אַ נאַציאָן, און אַז די אָסט־יודען פֿאַרדאַרבן די לופֿט...

— כ׳לעבן, ר׳איז פֿאַררוקט אויף אַן אמת. וואָס צעמישן זיי דעם בחור? הערטץ ענק נישט צו צו אים. ער בעבעט גלאַט. פֿון וואַנען זענט עך?

— פֿון קליין־טערעשפּאָל.

— קליין... וואָ?...

— קליין־טערעשפּאָל.

— וואו שטעקט דאָס ערגעץ?

— נעבן זאַמאָשטש.

— באַהיט זאָל מען ווערן. ס׳זיינען עפּעס דאָ אַזוינע אויסטערלישע שטעט־לעך. איר זענט טאָקע אַ מאַטעמאַטיקער?

— כ׳האָב געלערנט. אַביסל.

— עץ זאָגט אַביסל און ער שרייט אַ סך. ווי ס׳זאָל נישט זיין, בלייבטץ דאָ אויף מיטאָג. באַקענטץ ענק אַלע. דאָס איז מיין שווערס ווייב, רויזע־פּרומעטל, און דאָס איז איר טאָכטער. ווי הייסט זי? איידל!

— מעג עך פרעגן וואו איר האָט שטודירט מאַטעמאַטיק? — האָט איידל זיך אָנגערופן.

עוזר־העשל איז געוואָרן רויט, פון וייכן קאַלנער, ביז צום דאַשיק פון זיידענעם היטל.

— אַליין — האָט ער געשטאַמלט. — פון ביכער.

— עלעמענטאַרע, אָדער העכערע?

— כ׳ווייס אַליין נישט.

— לאָמיר זאָגן: אַנאַליטישע געאָמעטריע, אָדער דיפערענציאַל־רעכענונג?

— ניין. אַזוי ווייט בין איך נישט דערגאַנגען.

— עך האָב דאָס יאָ געלערנט. דאָך האַלט עך מעך ניש׳ פאַר קאָ׳ מאַטעמאַטיקערין.

— איך האַלט מיך אויך נישט...

— זע נאָר, וואָס פאַרהערסטו אים? — האָט רויזע־פּרומעטל זיך אַריינגעמישט. — מסתמא, אַז זיי זאָגן ער קאָן, קאָן ער.

— ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע צו מאַכן פון יעדן ישיבה־בחור אַ ניוטאָן...

— ס׳איז נישט קאָ׳ מאָדע, ס׳איז דער אמת! — האָט אַבראַם אַ רוף געטאָן. — ס׳זיינען דאָ אין אונדזערע ישיבות מער גאונים ווי אין אַלע אוניווערסיטעטן צוזאַמען!...

— עך בין געוועזן אין דער שווייץ און געזען די אַלע גאונים. ס׳פעלט זיי עלעמענטאַרע בילדונג.

— איידעלע קרוין, וואָס רעדסטו? אַלע ווייסן, אַז תורה שלייפט דעם מח. — האָט אַ זאָג־געטאָן רויזע־פּרומעטל, וואָס איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף דער וואַך, גרייט צו פאַרגלעטן דער טאָכטערס שאַרפע רייד.

— נאַרישקייטן. יאָך האָב אַליין אויך געלערנט גמרא און אַז ס׳קומט צו עפּעס, האָב יאָך אַ גראָבן קאָפּ — האָט זיך אָנגערופן ניוניע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען צווישן דער משפחה פאַר אַ האַלבן משכיל.

— האָסט אוודאי געהאַט אַ גראָבן קאָפּ צום לערנען אויך — האָט דאַכע אַריינגעוואָרפן.

— זעטץ נאָר, מ׳קריגט זיך שוין! — האָט אַבראַם אַ געשריי געטאָן. — אַז איך צערייס זיך מיט חמאן, שלעפּ איך מיט מיר׳ ס׳מחלוקת... דער בחור האָט אַ קנאַקעדיקן היתר־הוראה און איז אַ פילאָזאָף דערצו. ווייז זיי דעם בריוו!

— כ׳בין נישט קיין פילאָזאָף.

— דער לעמל פון זאַמאָשטש שרייבט, אַז ביסט יאָ.

— כ׳לערן. כ׳האָב געדאַנקען...

— וואָסערע גערדאַנקען? ס׳איז אַרויסגעקומען אַ וועלט מיט געדאַנקען!

— האָט דאָכע גערעדט מיט אַ קרעכצנדיקן ניגון — הדסהלע פֿאַרשרייבט אויף יעדן טאָג אירע געדאַנקען. אַמאָליקע יאָרן האָט מען ניש׳ געהאַט קאָ׳ געדאַנקען און מ׳האָט יאַקאַש געלעבט...

— ס׳הונגערט מאָך. וואָס וואַרט מען מיטן מיטאָג? — האָט ניוניע געפֿרעגט אַ צערייצטער. ער האָט געהאַט אַ שם אין דער פֿאַמיליע פֿאַר אַן עסער. דערצו איז אים נישט געפֿעלן די בוימלדיקע שטיף־מוטער, וואָס דאָכע האָט איינגעלאַדן, די פֿאַרריסענע שטיף־שוועסטער און דער פּראָווינצער בחור, וואָס אַבראַם האָט מיטגעבראַכט. ער האָט מורא געהאַט, אַז צוליב די געסט וועט ער נישט קענען נאָכן מאָלצייט זיך צולייגן אויף דער סאָפֿע אין קאַבינעטל. די נערוועאישע דאָכע, די רבנישע טאָכטער, וואָס האָט געמוזט נעמען פּילן סיי צו אַפּעטיט, סיי צום שלאָפֿן, האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ בייזן בליק.

— הדסה איז נאָך נישטאָ.

— וואו לויפֿט זי אַרום? מ׳קאָן עסן אָן איר.

— ניין, מ׳עט וואַרטן! — האָט דאָכע געפּסקנט. — אַז ס׳קומט אים אָן דער פּרעס, איז ס׳חיות נישט זיכער!...

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער דרויסנדיקער טיר. ס׳איז הדסה! — האָט ניוניע אַ רוף־געטאָן און גענומען לויפֿן אויף די קורצע פֿיס: די דינסט איז געווען פֿאַרנומען אין קיך און האָט נישט געהאַט קיין צייט צו עפֿענען. דאָכע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף איר ווייכער שטול, אַרויסגענומען פֿון ערגעץ אַן אויסגעהאַפֿטן טיכעלע מיט אַ מאָנאָגראַם און גענומען שנייצן די לאַנגע שפּיציקע נאָז, אַ קרומע ווי אַ שנאָבל.

— אַבראַם, קום אַהער, העך דיך אויף צו שפּילן מיט דער וואָזע! — האָט זי באַפֿוילן. — וואו האָסטו געפּאַקט דעם יונגנמאַן?

— כ׳האָב אים געפּאַקט און ר׳איז דאָ! שעם דיך נישט, בחור. מיר שרעקן זיך ווייניק פֿאַר די ניוטאָנס. איין מהר״ם שיף פֿאַרשטעקט זיי אַלע אין גאַרטל. לאָמיר נאָר זיין אַ פֿאָלק אין אַן אייגן לאַנד, וועלן מיר ווייזן די גויים וואָס מיר פֿאַרמאָגן. ס׳וועלן אַרויס זעקס גאונים פֿון איין בויך, ווי אין מצרים; דער יידישער מח וועט נאָך פֿאַרפֿלייצן די וועלט! ס׳עט אַ רוח אין זייערע טרפֿהנע פּופּיקעס, איז מיין נאָמען נישט אַבראַם!...

— ווי איז מיר, ס׳גייט צו חנוכה און אין זיין קאָפּ איז תמוז! — האָט דאָכע אַ זיפֿץ געטאָן און פֿאַרבראָכן די פֿינגער. — קומט אַהער, בחור, זעצט אייך דאָ, נעבן מיר. מיין שוואָגער איז אַביסל אַ צעדרייטער, נאָר אַ וואוילער ייד. מיר האָבן אים אַלע ליב...

און זי האָט אָנגעוויזן עוזר־העשלען אויף אַ בענקל נעבן איר פֿאָטעל. רויזע־פֿרומעטל האָט אַ זופּ־געטאָן פֿון בעכערל ווישניק און פֿאַרביסן מיט אַ צייניק קיכעלע. איידל האָט געפּרוּווט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אין דער רגע האָט זיך געעפֿנט די טיר און ניוניע איז אַריין צוזאַמען מיט דער טאָכטער.

## 4

ג׳יוניע האָט געפֿירט הדסהן אונטערן אָרעם. ער איז געווען קלענער פֿון איר. אין דער סאַלע איז געוואָרן שטיל. הדסה האָט אויסגעזען ווי אַ מיידל פֿון אַ יאָר אַכצן — הויך, שמאָל, מיט גאָלדענע האָר פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ לאַנגן צאָפּ איבער די אַקסלען. דאָס פּנים איז געווען ווייס, די דינע נאָז — לייכט פֿאַרריסן, ווי ביי אַ שיקסע; דער האַלדז — לאַנג, דער שטערן — הויך, בלוילעך אין די שלייפֿן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ סאַמעטן היטעלע, ווי עס טראָגן נאָר שילערינס, אין אַ זשאַקעטל צו פֿאַרקנעפּלען מיט שלייפֿלעך. אין דרויסן איז נאָך נישט געווען קאַלט, פֿונדעסטוועגן האָט זי געטראָגן אויבער־זאָקן. זי האָט עוזר־העשלען דערמאָנט אָן די פּריצהלעך און פּאַנעלעך פֿון די מעשה־ביכלעך. די העל־בלויע אויגן האָבן געקוקט אומדרייסט, ווי זי וואָלט אַריין נישט צו זיך אין שטוב, נאָר געקומען צו־גאַסט אין דער פֿרעמד. רויזע־פֿרומעטל האָט גלייך גענומען שאָקלען מיטן זיידענעם שייטל אין דער ברייט און אויסגעשפּיצט די ליפּן, אָפּצושפּייען קעגן אַ בייז אויג. איידל האָט זי אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אַראָפּ, פֿון אונטן אַרויף און געבליבן שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטע.

— דאָס איז הדסה? קנאַינע־האָרע! — האָט רויזע־פֿרומעטל אַ זינג געטאָן.

— אַ שוינהייט!

— הדסהלע, דאָס איז די באָבע, דעם זיידנס ווייב, און דאָס איז איר טאָכטער, איידל.

הדסה האָט געטאָן עפּעס אַזוינס צווישן אַ שול־מיידעלשן קניקס און אַ פֿאַר־נויגן זיך פֿון אַ דערוואַקסענער.

— קום אַהער, יפֿת־תּואר, לאָמעך דעך באַשוינען! — האָט רויזע־פֿרומעטל זי צוגערופֿן. — דער זיידע, זאָל לעבן, באַרימט זיך מיט דיר! דאָס איז מיין טאָכטער, איידעלע. קאָנסט מיט איר רעדן פּויליש. קיין רוסיש קאָן זי נישט. מיר זיינען גאַליציאַנער.

— כ׳האָב געהערט וועגן דער פּאַני — האָט הדסה אַ זאָג־געטאָן צו איידלען אויף פּויליש. — די פּאַני איז, דוכט זיך, פֿון קראָקע.

— כ׳האָב דאָרט שטודירט.

— וואָס שטעלט עץ איר נישט פֿאַר דעם גאון? — האָט אַבראַם אַ געשריי־געטאָן. — הדסה־לעבן, אָט־דער יונגערמאַן איז אַ יידישער לאָמאָנאָסאָף!

הדסה האָט אַ קוק געטאָן אויף עוזר־העשלען. ביידע זיינען רויט געוואָרן.

— נאַפּראַוודען (אויף אַן אמת)? — האָט זי געפֿרעגט האַלב־דעם־פֿעטער, האַלב־דעם־גאַסט.

— איר מאַכט חוזק — האָט עוזר־העשל געענטפֿערט האַלב־אַבראַמען, האַלב־דעם־מיידל.

— ער איז אַן עניו אויך!... ער וויל דו זאָלסט אים געבן אַ לעקציע — האָט אַבראַם געדונערט. — ער איז אַביסל שטומפּיג אויף דער גויישער עברי. דערפֿאַר האָט דאָס אַ מח פֿון אַן אַריסטאָטל. ער האָט שטודירט אַלגעברע אויפֿן בוידעם!...

— טאַקיש אויפן בוידעם? — האָט הדסה געפרעגט אַ פאַרוואונדערטע.

— אַז ס׳האָט גראָד גערעגנט און כ׳האָב נישט געהאַט וואו —

— דער פאַן אַבראַם האָט, ווייזט אויס, ליב הויכע ווערטער — האָט אײדל זיך אָנגערופן נאָך אַ קווענקלעניש.

— יאָך בין הונגעריק. וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג מיטן מיטאָג! — האָט ניוניע אַ רוף געטאָן.

— שאַ, ניוניע, וועסט נישט פאַרהונגערט ווערן! — האָט דאַכע אים איבער־געריסן. — הדסהלע, טו אויס דאָס זשאַקעטל. וואו ביסטו געווען?

— אונדז האָבן שפּאַצירט. אין זאַקסישן גאָרטן.

— ווער איז דאָס דער אונדז?

— די מאַמעשי ווייס. יאָך און קלאַניע.

— ביזט אַ מבין? קריכט אַרום מיט אַ שיקסע.

— אַלץ בעסער ווי מיט אַ שייגעץ! — האָט אַבראַם אַריינגעוואָרפן.

— הער אויף, אַבראַם, מיט דיינע וויצן. ס׳פעלן נישט אין וואַרשע קאָ׳ יידישע מיידלעך. די קלאַניע שטאַמט פון פּראָסטע גויים. דער פאָטער־רע, פּאַוו־לאָווסקי, איז אַ פורמאַן אין אַ מיל. די מוטער־רע איז אַזוי גראָב, אַז זי וואָלט ניש׳ געקאָנט אַריין אין דער שטוב.

— נו, איז וואָס? יאָך האָב זי ליב.

— כ׳וואונדער זיך, די פּאַני זאָל האָבן אַזאַ קוק — האָט אײדל זיך אָנ־גערופן. — ביי אונדז אין עסטרייך לעבן יידן און פּאָליאַקן ווי שוועסטער און ברידער.

— כ׳ווייס ניש׳ ווי ס׳איז אין גאַליציע, נאָר דאָ זיינען זיי שונאי ישראל. ס׳איז איצט אַ באָיקאָט אויף יידן. וואו מ׳גייט הערט מען איין לידל: „סוואָי דאָ סוועגאָ״.* מ׳וואָלט געקאָנט דעם ייד איינשלינגען לעבעדיקערהייט.

— עכ׳ל זאָגן דער פּאַני די וואָרהייט: אַז מ׳טוט אַ קוק אויף די אַלע יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און די קליינע היטעלעך, איז עפּעס ווי מ׳וואָלט אַריינ־געפאַלן קאָ׳ כינע. עך קאָן פאַרשטיין, אַז די פּאָליאַקן ווילן דאָס נישט לײדן.

— אײדעלע קרוין! וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט רויזע־פרומעטל אַ רוף געטאָן מיט אַ וויינענדיק קול. — וואָס׳ערע דיבורים רעדסטו? דיין טאַטע, דיר צו לאַנגע יאָר, האָט אויך געטראָגן אַ בעקעשע מיט פּאות.

— זאָל די מאַ לאָזן צורו דעם פּאַ!... פּאַפּאַ איז געווען אַן איראַפּעער, אין אַלע הינזיכטן.

— די פּאַנגאַ אַדעלאַ, ווי כ׳זע, איז פאַר אַסימילאַציע — האָט אַבראַם גע־זאָגט אויף פּויליש.

— נישט פאַר אַסימילאַציע, נאָר פאַר אַ מענטשלעך צוזאַמענלעבן.

— נו, און אַז מיר וועלן אַלע אָנטאָן מאַטשעיאָוועקעס און פאַרדרייען די וואָנסעס, וועט מען אונדז שוין ליב האָבן? — האָט אַבראַם געפרעגט און אַ דריי געטאָן זיינע אייגענע וואָנסעס. — זאָל די פּאַני לייענען די „דוואַ גראָשי״.

* אַ לאָזונג פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. דער מיין איז: קויף ביי די דייניקע.

די קוויטשען, אַז דער מאָדערנער ייד איז געפּערלעכער פאַר דעם קאַפּאַטשאַוש. דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם איז געווענדט אַקעגן דעם היינטיק־וועלטישן ייד.

— ס'איז נישט אמת.

— ס'איז יאָ אמת, פּאַננאַ אַדעלאַ. די פּאַני וועט זיך אַליין איבערצייגן.

— ס'מיטאָג איז פאַרטיק! — האָט אַ רוף געטאָן שפרה די דינסט.

ניוניע האָט געטאָן אַ לויף פאַראויס אויף די קורצע פיס. דאָס פעטע פּנים זיינס איז אַזש בלאָס געוואָרן. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. אין דער עס־שטוב איז שוין דער ברייטער טיש מיט די גראָבע געשניצטע פיס געווען געדעקט מיט זילבערנע לעפל, מעסער, גאָפּל, צעבויגענע פון אַלטקייט. פאַר יעדן איז געווען גרייט אַ ברייטער פּאַרצעלייענער טעלער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ וואַש־טיש, אַ קרוג וואַסער און אַ קופּערנע קוואָרט. געוואַשן האָט מען זיך אין אַ צינערנער שיסל אַריין. די ערשטע האָבן זיך געוואַשן די מאַנסלייט: ניוניע, אַבראַם און עוזר־העשל. דאַכע האָט אַבראַמען אַריינגעבראַכט פון ערגעץ אַ יאַרמולקע און אים אָנגעטאָן אויפן שפּיץ־קאָפּ. ער האָט ברייטלעך געווישט די גרויסע האָריקע הענט אין ליינענעם האַנטוך און געזאָגט אויפן קול שאו ידיכם און געמאַכט די ברכה על נטילת ידים. עוזר־העשל האָט פאַרגאָסן די אַרבל. רויזע־פרומעטל האָט באַדעכטיק פאַרשאַרצט די מאַנקעטן איבער די גערינגצלטע געלענקען און אויפגעגאָסן צוויי קוואָרט וואַסער. איידל האָט געטאָן אַ קוק אויף הדסהן, ווי זי וואָלט שטומערהייט געפרעגט: מיר דאַרפן אויך דורכמאַכן די צערעמאָניע? הדסה האָט איר אָנגעגאָסן וואַסער אין דער שעפ און געזאָגט:

—זאָל די פּאַני פריער.

— עכ'ל מיר נאָך פאַרנעצן די שפּיצן...

איידל האָט זאַרגעוודיק פאַרבויגן די האַלב־צעטעפּעטע שפּיצן און אָפּגעגאָסן די בייניקע פינגער מיט די געפּיילטע נעגל. הדסה האָט זיך אויך געוואַשן. עוזר־העשל האָט געזען, אַז די ווייסע הענט אירע זיינען פאַרפלעקט מיט טינט. ניוניע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבן־אָן, אויף אַ לעדער־געבעטער שטול, און אָנגעהויבן אַ געבייטלט ברויט. ער האָט געמאַכט אַ מוציא און אויסגעטיילט פּעניצן. אַנדערע האָבן גענומען זעמל און שטריצל, וואָס זיינען געלעגן אין אַ טאַץ. שפרה האָט דערוויל אַריינגעבראַכט אַ פאַרשפּייז: געהאַקטע לעבערלעך מיט גריישל. אַבראַם האָט געגעבן הדסהן אַ וואונק. זי איז אויפגעשטאַנען, אַרויס־געגאַנגען און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קאַראַפינקע ליקער. דאַכע האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט.

— טוסט אים ניש' קאָ' טובה — האָט זי אַ זאָג געטאָן. — ס'עט, חלילה, אויסגיין צו דאָקטוירים.

— לחיים, ניוניע! לחיים, בחור! לחיים, ווייבער! מערטשישעם ביי די מיידלעך אויף תּנאים!...

— לחיים טובים ולשלום אמן! — האָט רויזע־פרומעטל פרום אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ.

אויסגעזעצט האָבן זיך: די מאַנסלייט פריער און די פרויען — דערנאָך.

רעכטס זיינען געזעסן אַבראַם, הדסה, דאַכע; לינקס — עזיזר־העשל, רויזע־פֿרומעטל, איידל. עוזר־העשלען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ נעפּל פֿאַר די אויגן. ער האָט אַלץ געזען וואַקלדיק: די שויבן־קרעדענס מיט דעם פּאָרצעליי, דעם דעסאַן אויף די ווענט, די פּנימער פֿון די טיש־זיצער. די אויערן זיינען אים געוואָרן פֿאַרטויבט. מעסער און גאָפּל האָבן אים געציטערט אין דער האַנט, זיך אַנגעקלאַפּט אין טעלער. ער האָט נישט געוואוסט צי זאָל ער בייסן פֿון רעפֿטל ברויט, אָדער אָפּברעכן אַ שטיקל. ער האָט אָנגענומען אויפֿן גאָפּל אַ פּעניצל זויערע אוגערקע, וואָס עמעץ האָט אים צוגערוקט, נאָר ס'איז נעלם געוואָרן. באַלד איז עס אַרויסגעפֿאַלן פֿון אַרבל. ווען די דינסט האָט אַוועקגעשטעלט נעבן אים אַ טעלער זופּ, האָט די פּאַרע איינגאַנצן איינגעהילט זיין בליק. די שטוב האָט זיך גענומען דרייען פּאַמעלעך, אַרום און אַרום, ווי אַ קאַרוזעל.

— העי, בחור, ווילסט אפשר אַ גלעזל משקה? — האָט אַבראַם אַ פֿרעג געטאָן.

עוזר־העשל האָט געוואָלט זאָגן ניין, נאָר די ליפּן האָבן געזאָגט יאָ. צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ שעפּטשעניש און אַ כיכעניש. מ'האָט אים באַלד צוגערוקט אַ גלעזל מיט אַ רויטלעך געטראַנק. ער האָט אַ מורמל געטאָן לחיים און עס אויסגעטרונקען מיט איין מאָל. אַבראַם האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— בחור, דו גייסט אויף אַ דרך! — האָט ער געשריגן. — וועסט זיין אַ מענטש.

— אַ קלאָג איז צו מיר, פֿאַרבייסט מיט עפּעס! — האָט דאַכע אים געוואָרנט. — גיטץ אים אַ קיכל!

הדסה איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק נאָך אַ קיכל. זי האָט זיך לאַנג געזוימט און איז צוריקגעקומען מיט אַ קלאָש מאַקאַראָנדלעך. עוזר־העשל האָט דערווייל געהאַט פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל ברויט. טרערן זיינען אים אַרויסגעקומען אין די אויגן. ער האָט זיי אָפּגעווישט מיט די שפּיצן פֿינגער.

— עץ'ט אים נישט געדאַרפֿט געבן — האָט רויזע־פֿרומעטל אַ זאָג געטאָן. — ער איז נעבעך אַן איידל קינד.

— אַלץ אַבראַמס קאָפּ! — האָט דאַכע אונטערגעהאַלטן.

— זאָג מיר, בחור, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן אין וואַרשע? — האָט ניוניע אַ פֿרעג געטאָן. — האַ? העט? ווי?...

די ווערטער זיינען געקומען אומגעריכט, ווי אַלץ ביי ניוניען. אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. עוזר־העשל האָט גענומען ענטפֿערן, פֿריער שטיל, אַז מ'האָט קוים געהערט; דערנאָך — העכער. ער האָט דערציילט פֿון זיין שטעטל, קליינטערעשפּאָל; פֿון דעם זיידן, דער מאַמען, דער שוועסטער, דעם טאַטן, וואָס איז ערגעץ אַוועק און מ'ווייסט נישט וואוהין, וועגן יקותיאל זייגערמאַכער. דאָס פּנים איז געווען בלאַס, נאָר די אויערן האָבן געפֿלאַקערט. דאָס קול האָט געציטערט. ער האָט יעדעס מאָל געוואָרפֿן אַ שאַרפֿן בליק, דאָ אויף דאַכען, דאָ אויף הדסהן. הדסה האָט זיך געוויטלט. דאַכע האָט אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע פֿאַרחידושטע שוואַרצאַפּלען. רויזע־פֿרומעטל האָט אַליין נישט

געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר פֿונעם בחורס רייד איז איר געוואָרן געזאַלצן אין די אויגן און קנויליק אין האַלדז. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו וויינען.

— מ׳שיקט נעבעך אַוועק... אַ שוואַלב פֿון דער נעסט... — האָט זי געמורמלט. — דער מאַמעס נחת!...

און זי האָט אַרויסגענומען דאָס באַטיסטענע טיכל און לאַנג געשנייצט די נאָז. זי האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפֿיל: ווי דער בחור וואָלט געווען אירס אַ קרוב...

## 5

נאָך דעם מאַלצייט זיינען אַלע אַוועק אין דער סאַלע. אַבראַם האָט פֿאַררויכערט אַ ציגאַר. ניוניע האָט גענומען זיך דרייען אויף איין אָרט, זיך אומקוקן, מורמלען, ווי אַ הון פֿאַרן שלאָפֿן־גיין. גלייך ווי ער איז פֿאַרמיטאָג געוואָרן שטאַרק הונגעריק, אַזוי איז אים נאָכן עסן באַפֿאַלן אַ מידקייט. ער איז באַלד אַוועק צו זיך אין קאַבינעטל, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפֿע און גענומען אַ באַנד פֿון גרעצס געשיכטע, וואָס ער האָט געלייענט בסוד פֿאַרן ווייב, וואָרים דאָס איז פֿאַררעכנט געוואָרן צווישן חסידים פֿאַר אַן אַפּיקורסיש בוך. ס׳האָט נישט געדויערט קיין פֿינף מינוט און ער האָט געשנאָרכט, ווי אינמיטן דער נאַכט.

ניוניע איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פֿון צוויי הייזער, נאָר אויפֿגעמאָנט דאָס דירה־געלט האָט דער געהילף־אַדמיניסטראַטאָר, אַ הויקערל, משהלע. משהלע האָט אָפּגעגעבן חשבון קאָפּל משרת און יעדן דאָנערשטאָג אויסגעצאָלט דאָכען דאָס וואָכן־געלט. ניוניע האָט זיך נישט געמישט נישט אין דער אַדמיניסטראַציע, נישט אין באַלעבאַטישקייט. דער נדן, וואָס ער האָט באַקומען פֿונעם פֿאָטער — פֿינף טויזנט רובל — איז ביז היינט געלעגן אַ נישט־גערירטער אין באַנק. ס׳איז געהאַט אָנגעוואַקסן אויף דער סומע אַ סך פּראָצענט. דאָכע האָט אים געגעבן יעדן שבת־צו־נאַכטס פֿינף רובל טאַשן־געלט. איצט איז ער געלעגן אויף דעם אָטאָמאַן מיט אויסגעשפּרייטע הענט און פֿיס, דאָס מויל האַלב־אָפֿן, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ קישעלע, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פֿון די קינדער־יאָרן און וואָס ער האָט זיך קיינמאָל דערמיט נישט געשיידט, נישט אין וואַרשע און נישט אונטערוועגנס. דאָכע, וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעטראָגן מיט פֿאַרבאָרגענע שלאָפֿקייטן, פֿלעגט טענהן:

— ער ווייסט דען ווי גוט ס׳איז אים? פֿרעגטץ אים בחרם...

פֿאַר דאָכען אַליין איז אויך די שעה נאָך מיטאָג געווען די מנוחהדיקסטע, באַזונדערס ווינטער, ווען אַבראַם איז געווען צו־גאַסט. עס האָבן דעמאָלט אויפֿגעהערט אַלע אירע מיחושים: דער קאָפּ־ווייטאָג, דאָס ברעכעניש אין קרייץ, די שטעכענישן אין די זייטן, דאָס ציעניש אין די געלענקען. ניוניע איז געשלאָפֿן. הדסה איז אַוועק אין איר צימער. שפֿרה די דינסט איז אַריין צו אַ שכנטע. דאָכע האָט זיך איינגעהילט אין אַ זיידענער שאַל, וואָס עס זיינען אויף איר געווען אויסגעהאָפֿטן צוויי פּאַוועס מיט לאַנגע פֿאַרביקע עקן, זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפֿער שטול, אָנגעשפּאַרט די פֿיס אויף אַ פֿוסבענקעלע, האַלב־צוגעשלאָסן

די וויעס. דער אויוון מיטן געגילדעטן געזימס איז געווען איינגעהייצט. דאָס דרויסנדיקע ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די גאַרדינעס און פֿאַרהאַנגען, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די קאַפּליעס מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן. דער רויש פֿון גאַס האָט נישט דערגרייכט אַהער דורך די טאָפּל־פֿענסטער, וואָס די זוימען זייערע זיינען געווען פֿאַרשטאָפּט מיט וואַטע. אַבראַם האָט זיך אָוועקגעזעצט נעבן איר, געבלאָזן בלויע קייקעלעך רויך, זיך געשפּילט מיט דער גאָלדענער קייט אויף דער וועסט. דאַכע האָט דעמאָלט סיי געדרימלט, סיי זיך צוגעהערט צו די לשון־הרעלעך און אינטריגעס אַרום דעם שווער אירן, די שוואָגערס, די שוועגערינס, די קינדער זייערע, די מחותּנים, די אַלע יאַמאַיקעס, קאַמינערס, רובינליכטס, דייכעסעס, וואָס מיט זייערע משפּחות איז זי, דאַכע, געווען געקניפּט און געבונדן. כאָטש אַ כּשרע יידישע טאָכטער, האָט אַבראַם, דער כּל־בוניק, איר דערציילט פֿון אַלע זיינע ליבעס, עבֿרות, שאַרלאַטאַנישע שטיק. זי האָט זיך פֿאַרקרימט פֿון די אויסגעלאַסענע רייד, און אויפֿגעציטערט. אַ שוידער איז איר אַדורך איבערן רוקן און זי האָט זיך שטאַרקער געהילט אין דער זיידענער שאַל מיט די לאַנגע פֿראַנדזן. זי פֿלעגט מיט אַמאָל עפֿענען די וויעס און אים אָנקוקן מיט אַ פּאָר שוואַרצע טרויעריקע אויגן.

— פֿע, אַבראַם, ס׳איז מיר איבער דער טבֿע — האָט זי געזיפֿצט — כ׳קאָן שוין מער נישט הערן!...

נאָר אַז אַבראַם איז פֿאַרשוויגן געוואָרן, פֿלעגט זי אַ מורמל־טאָן:

— נו, רעד. יאַכ׳ל אין דיין גיהנום ניש׳ זיין...

דאָס מאָל האָט מען געמוזט איבערשטעלן די שטולן אַזוי, אַז אַלע זאָלן זיצן צוזאַמען. די דינסט האָט אַריינגעטראָגן שעלעכלעך טיי, קיכעלעך, איינגעמאַכטס. איידל האָט אַרויסגענומען פֿון ערגעץ אַ גאָלד־געליישטן אַלבום און געבלעטערט. רויזע־פֿרומעטל האָט מיט אַ נאָגעדיק קול דערציילט דאַכען וועגן דעם ברוי־הויז, וואָס דער מאַן אירער, ר׳ דוד לאַנדוי, האָט געהאַט הינטער בראָד; פֿון די אַכציק מאָרג ערד באַזייט מיט האָפּען, וואָס האָבן געהערט צו דעם פֿאַרמעגן; פֿון די פּויערים און משרתים, וואָס האָבן זי באַדינט, און פֿון די אורחים און רבּיים, וואָס פֿלעגן איינשטיין אין איר הויז. אַבראַם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפֿע, נעבן עוזר־העשלען, און צוגערופֿן הדסהן.

— קום אַהער, מויד, שעם דיך נישט! — האָט ער איר באַפֿוילן. — מ׳עט דיך נישט מיינע־שונאים־זיין.

הדסה האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג שטול. זי האָט געטאָן אַ קוק אויף עוזר־העשלען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— עלעהיי וואָלסטו אים געגעבן אַ לעקציע. וועסט דיר קויפֿן עולם־הבא. הדסה איז רויט געוואָרן.

— אָוושעם (אַדרבא)! — האָט זי געזאָגט און געטאָן אויף דעם בחור אַ פֿרעגנדיקן בליק. — כ׳וויס ניש׳ צי כ׳קאָן.

— פֿאַר אים קאָנסטו איבערגענוג.

— אפֿשר קאָן עפּעס אַרויסהעלפֿן מיין איידעלע? — האָט זיך אָנגערופֿן

ראַיזע־פֿרומעטל, וואָס ווי־וואויל זי האָט גערעדט מיט דאָכען, האָט זי פֿונ־דעסטוועגן אָנגעשפּיצט אַן אויער צו דעם, וואָס מ׳שמועסט אין דער זייט.

— מאַ, די מאַ ווייסט, אַז עך פֿאָר אַוועק! — האָט אײדל געזאָגט.

— דו פֿאָרסט נאָך נישט, טאָכטער. אַ סך וואַסער וועט נאָך פֿאַרביילויפֿן אונטער דער בריק.

— עכ׳ל פֿאָרן פֿריער ווי מאַ שטעלט זיך פֿאָר!...

— אַ שאָד וואָס די פּאַני פֿאָרט אַוועק! — האָט אַבראָם זיך אָנגערופֿן.

— וואָס איז די שאָד? קיינער וועט נאָך מיר׳ נישט בענקען.

— די פּאַני קאָן גאָרנישט וויסן. ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ליבע פֿון ערשטן אויגנבליק.

— אַבראָם, הויבסט שוין אָן מיט דיינע שטיקלעך! — האָט דאָכע אים אַ וואָרן געטאָן. — פֿאַרגעסט גאָר, אַז ביזט שוין אַן אַלטער ייד. האָסט שוין טעכטער חתונה צו מאַכן.

— נאָדיר אַזאַ אַנשיקעניש! און אַז כ׳בין אַן אַלטער ייד, דאַרפֿסטו מיך דערמאָנען? צווייטנס, פֿון וואַנען ווייסטו, אַז כ׳האָב אין זינען מיך? אפֿשר מיין איך דעם בחור?

— לאָז צורו דעם בחור!

— אַדרבא, פֿיליכט קאָנט עך ביי איר פּועלן? — האָט ראַיזע־פֿרומעטל זיך געווענדט צו אַבראָמען. — זי איז ערשט געקומען און זי וויל שוין ווידער לויפֿן. אָסור זאָל מיר זיין צי כ׳ווייס צו וואָס.

— מסתמא האָט זי דאָרט עמעצן.

— די שונאים זאָלן אַזוי מיט דער נאָז זיין...

— זאָרגט נישט, שוויגער. אויב איר זיווג איז דאָ, וועט זי נישט פֿאָרן. און אַז זי׳ט פֿאָרן, וועט זי צוריקקומען! — האָט אַבראָם געדרשנט. אַליין נישט וויסנדיק וואוהין די צונג וועט אים פֿאַרפֿירן. — מ׳האַלט מיך פֿאַר אַ שטיק אַפּיקורס, אַ קל, אַן איבערגעדרייט שלעסל, נאָר אין זיווגים גלויב איך. נעמטץ מיך אַליין און מיין חמאָן. מיר פּאַסן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. שקר מיט שלים־מזל. נאָר אַז דער מלאָך, וואָס איז ממונה אויף דער טיפּה, האָט געגעבן אַ געשריי: בת משולם לאברהם, האָט עס מיר געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס.

— פֿע, אַבראָם!

און דאָכע האָט געגעבן אַ וואונק, אַ צייכן ער זאָל נישט רעדן אַזוינע רייד פֿאַר הדסהן. אַבראָם האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן איבערן שטערן.

— וואָס־זשע ווערט מיט דער לעקציע, האַ? גיי אַריין מיט אים אין דיין שטיבל. פֿאַרהער אים אַביסל. יאָ, בחור, וואו וואוינסטו?

— איך? אין אַ האָטעל אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס.

— האָטעל דע וואַנץ! וויפֿל צאָלסטו?

— אַ גילדן אַ נאַכט.

— הער מיך אויס, דאָכע, ס׳איז מיר איינגעפֿאַלן אַן אידעע! אפֿשר אים איינאָרדענען ביי דער רביצין?

— וואָס פֿאַר אַ רביצין?

— כ'מיין טאַקע ביי אונדזער גינען. זי האָט גענומען אויף דער שוויענטאָ־יערסקע אַ גרויסע דירה און פֿאַרדינגט צימערלעך. ס'עט אים דאָרטן קאָסטן צען רובל אַ חודש, אָבער ר'עט האָבן אַ היים. מ'עט אים דאָרט צושאַנצן לעקציעס אויך.

— פֿוי, אַבראַם, שעמען מעגסטו דיך ביזן ווייטן האַלדז אַריין.

— וואָס איז די בושה? זי'ט שוין קאָ' סענצימין זיך נישט אומקערן. מ'זאָגט, אַז עקיבא וועט זי היינט־מאָרגן גטן. זי'ט מערטשישעם חתונה האָבן מיט הערץ יאַנאָווער כּדת משה וישמעאל.

— כ'וויס נישט וואָס ס'עט זיין שפּעטער, נאָר דערווייל איז דאָס אַ געמיין פּירעכץ. וואָס דאַרפֿסטו דעם בחור אַריינשלעפּן אין אַ זומפּ?

— נאַרישקייטן. ס'איז דאָרט אַ ליכטיקע שטוב. די גאַנצע וואַרשעווער אינטעליגענץ לויפֿט אַהין. ס'איז אַן אמתער סאַלאָן. ווען נישט די וואַנצן, וואָלט איך מיך אַליין אַהין אַריינגעצויגן.

— אַבראַם, כ'האָב דיר עפּעס געזאָגט! — האָט דאַכע אַ רוף־געטאָן מיט כּעס. זי האָט געטאָן צו אים אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין דער ברייט, ווי אויף ניין, און צוגעלייגט צוויי פֿינגער צו די ליפּן, אַ סימן ער זאָל היטן דאָס מויל. די געשיכטע פֿון גינע, עקיבא און הערץ יאַנאָווער איז נישט געווען פֿאַר הדסהן, אַן אַכצן־יאָריק מיידל, אַן אָפּגעציטערטע בת־יחידה. רויזע־פֿרומעטל האָט אויפֿגעהערט זופּן די טיי און אויפֿגעהויבן די אויגן, פֿול מיט נייגיר. איידל האָט גענומען טיפֿער אַריינקוקן אין די בלעטער פֿון אַלבום. ווען הדסה און עוזר־העשל זיינען אַוועק, זי — פֿאַראויס און ער — נאָך איר, האָט איידל זיך אַוועקגעשטעלט אַרויסקוקן פֿון פֿענסטער. דער פֿאַרנאַכט האָט גענומען צופֿאַלן. אין דרויסן האָט צום ערשטן מאָל היינטיקן ווינטער געשאָטן אַ שניי, וואָס האָט זיך געדרייט אין ווינט, געווירבלט און איז צעגאַנגען נאָך איידער ער איז אַראָפּ אויף די שטיינער. דער הימל איבער די שוואַרצע דעכער האָט געהויערט אַ פֿאַרוואָלקנטער, אַ געלבלעכער, אַ פֿאַרשטאָפּטער. דער רויך פֿון די קוימענס איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך אויסגעמישט מיט דעם ווייסן געדיכטעניש. פֿייגל זיינען געפֿלויגן מיט אַ קראַקעריי. די גאַס איז געוואָרן אויסגעליידיקט. אַקעגנאיבער איז געשטאַנען אַ פֿור מיט זעק מעל, איבערגעדעקטע מיט אַ ברעזענט. די צוויי נידעריקע לאַסט־פֿערד מיט די צעשמיסענע פֿעלן האָבן זיך צוגערוקט איינס צום אַנדערן, אויסגעשפּיצט די אויערן, און פֿון מאָל צו מאָל צוגעשטעלט אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך שטומערהייט איינגערוימט אַ פֿערדישן סוד... בעת איידל איז דאָ אַזוי געשטאַנען, דער וואָרעמער שטערן אַנגעלענט אין דער פֿייכטער שויב, האָט זי מיט אַמאָל באַנומען, אַז די מאַמע איז גערעכט: נישט זי האָט צו וואָס צו פֿאָרן, נישט — צו וועמען. זי איז מיד געוואָרן פֿון לייענען ביכער, טראַכטן וועגן דעם טאַטן אירן, וואָס איז פֿרי אַוועק פֿון דער וועלט, פֿון די בראָדער ליבעס, וואָס זי האָט צעשטערט צוליב איר שטאָלץ, און פֿון דעם גאַנצן שיקזאַל אירן, וואָס איז פֿול געווען מיט סודות און אַפּטועניש, ווי אַן אומגעזעענער, בייזווילוקער, וואָלט געשפּילט מיט איר אַן אומהיימלעכע

שפיל... ס׳האָט איר איצט באַנג געטאָן פֿאַרוואָס זי האָט אַריינגעזאָגט דעם פֿאַרוואָגלטן ישיבה־בחור, עוזר־העשלען, און אַרויסגערופֿן פֿאַרדרוס ביי אַבראַמען און דאַכען.

— כ׳וואָלט אים אויך געקאָנט געבן אַ לעקציע — האָט זי געטראַכט. — אַלץ בעסער ווי צו זיין שטענדיק אַליין...

## 6

דער וועג פֿון דער סאַלע אין הדסהס צימער האָט געפֿירט דורכן קאָרידאָר. מען איז אַריין אין אַ לענגלעכער שטוב, מיט אַ פֿענסטער צום הויף. די ווענט זיינען געווען אויסגעטאַפּעצירט מיט העלע טאַפּעטן, וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלן אין ציטרין־קאָליר. עס האָבן דאָ געהאָנגען עטלעכע לאַנדשאַפֿטן און פּאָרטרעטן, צווישן זיי — אַ צייכענונג פֿון הדסהן. רעכטס איז געשטאַנען אַ ניקלען בעט, איבערגעדעקט מיט אַן אויסגעהאַפֿטענער קאָלדרע. אויפֿן קישן איז געלעגן אַ קישעלע מיט שפּיצן. אין אַ פֿיר־עקיקן אַקוואַריום מיט זשאַבע־שיסעלעך און בינטלעך מאָך זיינען אַרומגעשוואומען דריי גאָלדענע פֿישעלעך. פֿון ערגעץ־וואו אין מערב האָט אַריינגעשיינט די אונטערגייענדי׳קע זון. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם גאָלד פֿון די ראַמען, זיך אויסגעלייגט אין פֿלעקן אויפֿן טעפּיך, געוואָרפֿן ליכטיקע פּאַסן אויפֿן געקעסטלטן דיל, די בלומען־טעפּ, די גלעזערנע רוקנס פֿון די ביכער אין דער עטאַזשערקע. אויף אַ קיילעכיק טישל איז געלעגן אַ דיק העפֿט און ס׳איז געשטאַנען אַ גלאָז מיט בלויע פֿאַרדאַרטע בלימלעך. הדסה האָט גיך צוגעשפּאַנט, אַ כאַפּ־געטאָן דאָס טאָג־בוך און עס פֿאַרשטופּט אין אַ שופֿלאָד.

— דאָס זיינען מיינע ביכלעך — האָט זי אָנגעוויזן. — ענק קאָנען זעען.

ער האָט גענומען זיי דורכקוקן. די מערסטע זיינען געווען שול־ביכלעך: אַ גראַמאַטיק, אַ היסטאָריע פֿון רוסלאַנד, אַ געאָגראַפֿיע, אַ וועלט־געשיכטע, אַ ווערטער־ביכל פֿון לאַטיין. אויף דעם „פּאַן טאַדעאוש״ פֿון מיצקעוויטש האָט זיך אָנגעלענט „דאָס געשריי״ פֿון פּשיבישעווסקי. נעבן דער „ודוי פֿון אַ נאַר״ פֿון סטרינדבערג איז געשטאַנען אַ דיקער ראָמאַן, וואָס האָט געהייסן: „פּרעה״. עוזר־העשל האָט געעפֿנט יעדעס בוך, אַ בליק־געטאָן אויפֿן פֿאָדער־בלעטל, דורכגעקוקט עטלעכע שורות אין מיטן און צוריק פֿאַרמאַכט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וואָלט דאָס אַלץ געוואָלט לייענען.

— כ׳קאָן ענק באָרגן. וואָס ענק ווילן.

— אַ שיינעם דאַנק.

— אפֿשר אָנצי׳ן אַ לאָמפּ? יאָך האָב ליב אַזוי צ׳ישן טאָג און נאַכט.

— איך אויך.

— וואָס ווילן ענק לערנען? אין מאַטעמאַטיק בין יאָך שוואַך.

— כ׳וואָלט געוואָלט דורכמאַכן אַן עקזאַמען. אַלס עקסטערן.

— דערצו דאַרף מען אַ לערער. יאָך האָב אַליין אויך ניש׳ קאַ׳ מאַטורא. כ׳בין געוואָרן קראַנק. פאַר די עקזאַמענס.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן ברעג בעט. אַקעגן דעם בין־השמשותדיקן ליכט האָבן אירע האָר אָפּגעלויכטן ווי צעשמאָלצן גאָלד. דאָס שמאָלע פּנימל איז געוואָרן פול מיט שאָטנס. זי האָט געקוקט צום פענסטער, פון וואַנען מ׳האָט געזען אַ גרויס שטיק הימל, קרומע דעכער און אַ קוימען פון אַ פאַבריק. ווייסע פליטערלעך האָבן זיך געוויגט אין דער לופט און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי עס איז שניי, אָדער סתּם פּיצלעך און ברעקלעך, וואָס פאַלן אין גרויס־שטאָטישן חלל. עוזר־העשל האָט זיך צוגערוקט אַ בענקל צו דער עטאַזשערקע און זיך צוגעזעצט האַלב מיטן פּנים צו די ביכלעך, האַלב צו דעם מיידל. ווען איך האָב אַזאַ צימער! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און ווען איך קאָן מיך איצט אַנלענען אויף דעם בעט!... ער האָט געעפנט אַ בוך און עס אַוועקגעלייגט אויף די קני.

— פאַרוואָס זענען ענק אָוועק פון דער היים? — האָט הדסה געפרעגט.

— אַזוי. כ׳האָב דאַרט מער נישט געקאָנט זיין.

— די מאַמעשי האָט איהן געלאָזט?

— אין אַנהויב נישט. נאָר דערנאָך האָט זי אַליין איינגעזען.

— עץ זענט טאַקיש אַ פילאָזאָף?

— ניין. כ׳האָב געלייענט אַביסל. מ׳ווייסט גאָרנישט. דאָס איז דער סך־הכּל.

— אין גאָט גלויבן ענק?

— יאָ, אָבער נישט אין דעם גאָט, וואָס מ׳דאַוונט צו אים.

— אין ס׳אָרא דען?

— די גאַנצע וועלט איז געטלעכקייט. מיר אַליין זיינען אויך טיילן פון גאָט.

— און אַז ס׳טוט ווי אַ צאָן? קומט אויס, אַז גאָט טוט ווי אַ צאָן.

— יאָ. מ׳קאָן אַזוי זאָגן...

— יאָך ווייס ניש׳ וואָס ענק צו לערנען — האָט זי זיך אָנגערופן נאָך אַ קווענקלעניש. — אפשר פויליש? רוסיש האָב יאָך ניש׳ ליב.

— זאָל זיין פויליש.

— דער פאָן פאַרשטייט? — האָט זי געפרעגט אויף פויליש.

— יאָ. אַלץ.

ווי נאָר זי איז אַריבער אויף פויליש, האָט זיך געענדערט דער טאָן. פריער איז איר שטים געווען קינדיש, די זאַצן זיינען אַרויס סיי צעצויגענע, סיי אָפּגעריסענע. איצט זיינען איר די פוילישע ווערטער מיט די אַלע ווייכע און האַלב־ווייכע קאָנזאָנאַנטן אַרויסגעקומען פון מויל דייטלעך און שאַרף. עוזר־העשל האָט געגומען רעדן פאַמעלעך, האַלב־שטאַמלדיק. ער האָט געמוזט נאָכ־טראַכטן ווי די הויפּט־ווערטער ווערן דעקלינירט און ווי עס ענדערן זיך די צייט־ווערטער. הדסה האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און אַנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט גערעדט גראַמאַטיקאַליש. ער האָט נישט פאַרביטן, ווי דער פאָטער אירער, דעם דריטן פאַל אויף דעם פערטן. נאָר דער זאַץ־בוי איז געווען אַן

אויסטערלישער. דאָס גוייִשע לשון האָט באַקומען אין זייַנע ליפּן אַ נאָגנדיקע היימישקייט, ווי פּויליש וואָלט דורך עפּעס אַ נס געוואָרן ייִדיש.

— ווי רעכנט זיך דער פּאַן אייַנצואָרדנען אין וואַרשע?

— כ׳ווייס נאָך גאָרנישט.

— דער פֿעטער אַבראַם קאָן דעם פּאַן פֿיל העלפֿן. ער קען יעדן איינעם. ער איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ.

— יאָ, כ׳האָב געזען.

— ער איז אַ ווילדער, נאָר איך האָב אים ליב. מיר האָבן אים אַלע ליב — פּאַפּאַ, מאַמאַ. אַז ער קומט נישט אַ טאָג, בענקען מיר. איך רוף אים: דער פֿליענדער האָלענדער. ס׳איז דאָ אַזאַ אָפּערע.

— איך פֿאַרשטיי.

— ער האָט אַ טאָכטער. מייַן קוזינע. פּאַננאַ סטעפֿאַ. זי וואָלט דעם פּאַן געקאָנט לערנען. זי האָט געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. זי איז ווי דער פֿאָטער אירער — אַ רוישיקע, אַ פֿריילעכע. מיר זייַנען אינגאַנצן פֿאַרשידן.

— די פּאַני איז אַ פּאָעטקע — האָט עוזר־העשל געזאָגט אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין. די ווערטער זייַנען אים אַרויס פֿון מויל ווי אויף אייגענער אַחריות. די פֿרעמדע שפּראַך און די טונקלקייט אין שטוב האָבן אין אים ווי אייַנגעשלעפֿערט די שעמעוודיקייט. אָדער אפֿשר איז עס געווען דאָס גלעזל ליקער, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען בייַם טיש?...

— אַ פּאָעטקע? דער פּאַן שפּאַסט.

— ניין. קיין שפּאַס.

— איך שרייַב נישט קיין פּאָעזיע. איך האָב ליב צו לייענען לידער. דאָס יאָ.

— כ׳מיין: אין דער נשמה.

— אָך, דער פּאַן איז ווי דער פֿעטער אַבראַם, ער וואַרפֿט קאָמפּלימענטן אויף רעכטס און אויף לינקס.

— ניין, כ׳בין אויפֿריכטיק.

— בלייַבט, אַז מיר וועלן לערנען פּויליש. וויפֿל מאָל אַ וואָך?

— וויפֿל די פּאַני וויל.

— לאָמיר זאָגן: זונטאָג, דינסטאָג און דאָנערשטאָג. צווישן פֿיר און פֿינף.

— אַ שיינעם דאַנק.

— זאָל דער פּאַן קומען פּינקטלעך.

— יאָ, פּינקטלעך.

— לאָמיר צוריק אַרייַן אין דער סאַלע. דער פֿעטער אַבראַם וועט שוין האָבן פֿון וואָס צו שפּעטן...

זיי האָבן זיך געלאָזט צוריקגיין מיטן קאָרידאָר. ס׳איז דאָרט געווען פֿינסטער. עמעץ האָט, אַפּנים, געהאַט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ. הדסה האָט געפּרוּווט אויפֿדרייען די עלעקטרע, נאָר זי האָט נישט געפֿונען דאָס קנעפּל. עוזר־העשל האָט געטאָן אַ טריט און זיך אָפּגעשטעלט. די פֿייערדיקע בלום, וואָס ער האָט געזען בעת ער איז געפֿאָרן אין דער דראָשקע, האָט ווידער אויפֿגעלויכטן אין דעם חשכות — אַ גרויסע, אַ זוניק־צעעפֿנטע, מיט אַ טיפֿן בעכער, באַזוימט מיט

גרין, פורפל, בלוי, פֿול מיט חלומדיקע קאָלירן. הדסה האָט אים אָנגענומען ביים אָרבל און אים געפֿירט, ווי אַ בלינדן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן איר און שיער נישט איבערגעקערט דעם הילצערנעם הענגער. אין דער סאַלע האָבן שוין געברענט די לאָמפּן. איידל איז געשטאַנען צווישן ביידע פֿענסטער, ווי איינגעפּאַסט אין אַ ראַם. זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם אַלבום. אַבראַם האָט זיך געשפּאַרט וועגן עפּעס מיט דאַכען. ער האָט געטאָן אַ קוק אויף די אַריינ־געקומענע, געזען, אַז ביידע זיינען בלאַס, געוואָלט זאָגן אַ וויץ, נאָר ער איז געווען צו־פֿאַרנומען. עוזר־העשל האָט געהערט ווי דאַכע זאָגט:

— אַ שיינער פּראָפֿעסאָר. נישט ער קאָן רוסיש, נישט פּויליש.

— אין צוריך דאַרף מען בלויז דייטש.

— כ'הער, ער קאָן קאַ' דייטש אויך נישט.

— אויף וואָס־זשע פֿאַר אַ לשון האָט ער געהאַלטן לעקציעס? אויף תּרגום?

— ביי מיר האָסטו געפּועלט, אַז ס'איז אַלץ שקר וכּזב.

— ע, דאַכעלע, רעדסט נאַרישקייטן. כ'האָב אַליין געזען, שוואַרץ אויף ווייס, אַז הערץ יאַנאָווער וועט רעפֿערירן אין אוניווערסיטעט. כ'געדענק שוין נישט די טעמע. די אַפּערצעפּציע פֿון דער קאָנצעפּציע...

— נו, איז וואָס? דאָס הייסט נאָך ניש' קאַ' פּראָפֿעסאָר.

— וואָס־זשע הייסט עס? אַ גמרא־מלמד?

— ווען ער וואָלט געווען פּראָפֿעסאָר, וואָלט ער נישט אַלץ איבערגעלאָזט און זיך געוואַלגערט פֿינף פֿערטל יאָר אויף דער גנאַינע גאַס.

— און איך זאָג, דיר, דאַכע, אַז ער פֿאַרשטעקט אַלע פּראָפֿעסאָרן אין גאַרטל.

— נו, מ'עט זען. יאָך גלויב נאָך ניש', אַז עקיבא וועט געבן דעם גט. ס'עט זיך אַזוי שלעפּן ביזן אלף השישי...

דאַכע האָט איצט דערזען די טאָכטער און געגעבן אַבראַמען אַ וואונק מ'זאָל מאַכן אַן עק צו דעם גערייד. רויזע־פֿרומעטל האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו עוזר־העשלען און צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט די פֿאַלשע ציין. זי האָט געהאַט פֿאַר אים אַ פֿאַרדינסטל. רויזע־פֿרומעטל איז שוין געווען דאָ אין וואַרשע אין עטלעכע דרוקערייען מיט דעם חיבור אויף משלי און קהלת, וואָס איר ערשטער מאַן, ר' דוד לאַנדוי, האָט איבערגעלאָזט; נאָר די דרוקערס האָבן עס נישט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די האַנטשריפֿט איז צו גע־ציקט, האַלב־אָפּגעמעקט, פֿול מיט קלעקן. דערצו האָבן געפֿעלט בלעטער, אָדער די בלעטער זיינען געווען פֿאַרווענדט. מ'האָט געדאַרפֿט דעם כּתב־יד איבער־שרייבן און אויספֿאַרריכטן. בעת עוזר־העשל איז געווען ביי הדסהן האָט רויזע־פֿרומעטל זיך אַן עצה געהאַלטן מיט אַבראַמען. ער האָט איר געזאָגט, אַז מ'קאָן נישט קריגן קיין גרעסערן מומחה פֿון דעם קליין־טערעשפּאָלער בחור, וואָס האָט היתּר־הוראה און איז אויסגעבונדן אין לשון־קודש און דקדוק. רויזע־פֿרומעטל האָט אָוועקגערופֿן איידלען אין אַ ווינקל און מיט איר איבערגערעדט.

— ווי מיינסטו, טאָכטער? דער בחור זעט אויס אַ קענער! — האָט זי געמורמלט. — ס'איז אפֿשר גאָר אַ באַשערטע זאַך?

און אײדל האָט געענטפֿערט:

— זאָל אים די מאָ הייסן קומען!...

## 7

װען עוזר־העשל איז אין אָוונט אַרויס צוזאַמען מיט אַבראַמען אין דרויסן, האָט ער די גאַס נישט דערקענט. די פּאַנסקע איז געוואָרן פֿאַרענדערט ווי דורך אַ כּישוף. די טראָטואַרן, דער ברוק, די דעכער, די באַלקאָנען — אַלץ איז געווען באַדעקט מיט שניי. אויף די שפּיצן גאַס־לאַמטערן זיינען געזעסן ווייסע היטלען. פֿון די גאַז־פֿלעמלעך זיינען געפֿאַלן נעפּלדיקע שלעפּעס, וואָס האָבן עוזר־העשלען דערמאָנט אָן ווײדלען פֿון קאָמעטן. פֿון די באַלויכטענע שויבן האָבן זיך געצויגן ליכטיקע שטרויען. די געציילטע פֿאַרבייגייער זיינען אונטערגעלאָפֿן און ס'זיינען זיי נאָכגעלאָפֿן שפּיציקע שאָטנס. די שאַרפֿע לופֿט איז געווען פֿול מיט קלינגעניש און ווידער־קולות. אין עק־גאַס, ביי אַ וועגעלע מיט אַ בלעכן קוימענדל, וואָס ס'איז אויפֿגעגאַנגען דערפֿון אַ בלוי רויכל, האָט אַ פֿאַרריסטער יונג געבאַקן קאַרטאָפֿל אויף גליענדיקע קוילן. טרעגערס מיט שטריק אויף די לענדן האָבן געוואַרעמט די הענט. אַבראַם האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים אָרעם.

— טרעף וואו מיר פֿאָרן איצט?

— צו דער רביצין.

— געטראָפֿן, ברודער. נאָר פּתח שין שאַ!...

מ'האָט דאָ, אויף דער פּאַנסקע, נישט געקאָנט קריגן קיין דראָשקע און מ'האָט געמוזט צוגיין צום עק טוואַרדע. אַ פֿאַרוויסטער טראַמוויי האָט זיך פֿאַרבייגעגליטשט. די דראָטן זיינען געוואָרן גראָב ווי שטריק. דער טינק פֿון די מויערן האָט באַקומען אַן אָפּגלאַנץ, ווי פֿון גלאָז. פֿון האַלב־אויסגעלייטערטן הימל, רויטלעך, ווי אין אָפּשיין פֿון אַ שׂרפֿה, זיינען געפֿאַלן איינציקע שנייעלעך, ווי בליטן אין אַ זומער־נאַכט.

— אָט איז אַ דראָשקע. העי!...

אַבראַמס געשריי האָט אַ הילך געטאָן אין דעם צעשפּילטן חלל און די דראָשקע האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט. ביידע זיינען אַריינגעשטיגן.

די דראָשקע איז געפֿאָרן דורך די אייגענע גאַסן וואָס פֿריער, נאָר דער בחור האָט זיי נישט דערקאָנט. קעגן דעם גרינלעך־בלוילעכן ליכט פֿון אָוונט, אונטער דער באַפּוצונג פֿון שניי, האָבן די הייזער אויסגעזען רייך, ווי פּאַלאַצן. די שטעלעכלעך פֿאַרן אייזערנעם טויער זיינען שוין געווען אָפּגערוימט. אין דער ווינער סאַלע, הינטער די פֿילאַרן, איז געווען אַ חתונה. מ'האָט פֿון אויבן געהערט שפּילן און אין די ליכטיקע פֿענסטער האָבן געשוועבט שאָטנס. אונטן זיינען פֿון אַלע זייטן אָנגעפֿאָרן העל־באַלויכטענע טראַמווייען, איינצלנע און טאָפּלטע. די לאָמפּן האָבן געוואָרפֿן אַ בלענדיקע שיין איבער די שטאָל־געשליפֿענע רעלסן. די בענק אין סקווער זיינען איצט געווען ליידיק. פֿון די צווייגן האָבן אַראָפּגעהאָנגען שטיקער שניי, ווי ווייסע פֿרוכטן. אַבראַם האָט פֿאַררויכערט אַ ציגאַר.

— נו, מ׳האָט דיך יאַקאַש נישט אויפֿגעגעסן! ווען וועסטו האָבן די ערשטע לעקציע?

— איבערמאָרגן.

— אַ טייער מיידל, נאָר ניש׳ קאַ׳ געזונטע. זי איז ערשט נאָר אָפּגעווען ניין חדשים אין אָטוואָצק. די אידל איז אַ מרשעת.

— וואָס איז איר געווען?

— מיינסט הדסהן? זי האָט געהאַלטן פֿאַרן עקזאַמען. מיט אַמאָל האָט זי געקראָגן היץ. די לונגען זיינען ביי איר נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין. איצט איז איר בעסער, האָט מען זיך פֿאַרלייגט אויף איר מיט אַ שידוך...

ביים עק פּשעיאַזד האָט די דראָשקע זיך געמוזט אָפּשטעלן. אַ וואָגן מיט האָלץ האָט זיך געהאַט איבערגעדרייט און אָפּגעהאַלטן דעם פֿאַרקער. לענגאויס דער לעשנאָ איז געשטאַנען אַ גאַנצע שורה מיט אויסגעליידיקטע טראַמווייען. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט אָפּגערייניקט דעם וועג. די דראָשקע איז צום סוף געבליבן שטיין אויף דער שוויענטאָ־יערסקע, אַקעגן קראַשינסקיס גאָרטן, ביי אַ גרויס הויז, מיט אַ ריזיקן הויף, ווי אַ שטאָט. גינע — אָדער די רביצין, ווי אַבראַם האָט זי גערופֿן — האָט געוואוינט אויפֿן צווייטן שטאָק. אַבראַם האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און זיך אָפּגערוט.

— האָסט געזאָגט, האָסט געלט. וויפֿל האָסטו?

— פֿינף־און־צוואַנציק רובל.

— ביזט רייכער פֿון מיר. קודם באַצאָל פֿאַר אַ חודש דירה־געלט. דערנאָך ט׳מען זען.

— פֿאַרוואָס וויל זי נישט דעם שידוך? — האָט עוזר־העשל געפֿרעגט.

— הדסה? ווייל דער בחור איז אַ פּאַרכל. ס׳איז אַלץ דער זיידע אירער. ר׳ משולם מושקאַט. ער לאָזט זיך פֿירן פֿון אַ משרת.

און אַבראַם האָט געטאָן אַ הויב־אויף דעם שטעקן און געגעבן אַ פֿאָכע, ווי צו עמעצן, אַן אומגעזעענעם.

די טרעפּ וואָס האָבן אַרויפֿגעפֿירט צו גינען זיינען געווען באַלויכטן פֿון גאַז־פֿלעמלעך, אַן אַ נעץ און אַן אַ גלעזל. ניי־מאַשינען האָבן גערוישט. ערגעץ האָט זיך ,געריסן אַ גראַמאָפֿאָן. ס׳האָט דאָ געמוזט זיין אַ צונויפֿקומעניש, אָדער אַ שמחה, ווייל אַ סך געפּוצטע מאַנסלייט און פֿרויען זיינען געגאַנגען אַראָפּ און אַרויף. אַבראַם האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל אין דער טיר, נאָר מ׳האָט נישט געענטפֿערט. פֿון אינעווייניק האָט מען פֿאַרנומען דאָס קלינגען פֿון אַ טעלעפֿאָן. נאָך אַ ווייל האָבן זיך דערהערט טריט און ס׳האָט געעפֿנט די טיר אַ ווייבל פֿון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכע, אַ טונקעלע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט אַ געבויגענער נאָז און מיט אַ צו־גרויס מויל. אויף דער לינקער באַק האָט געקלעפּט אַ פּעפּערל. אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט געשפּראָצט אַ וואָנסעלע. פֿון די אויערן־לעפּלעך האָבן זיך געבאָמבלט לאַנגע אויערינג. די אידלשטיינער האָבן זיך געשאָקלט, געשפּריצט מיט קאָלירן. דאָס שוואַרצע שייטל — אָדער אפֿשר זיינען עס געווען די בלויזע האָר? — איז געווען הויך באַלייגט מיט לאָקן, באַשטעקט מיט קאַמען. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ סאַמעטן

קליד און שיך מיט קלאַמערס. עוזר־העשל האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק. די פֿרוי האָט געטאָן אַ פּאַטש מיט די שמאַלע הענט.

— אוי, זעטע נאַר! — האָט זי אַ רוף געטאָן — אַ שאָד וואָס מ׳האָט נישט גערעדט וועגן משיחן, וואָלט משיח געקומען.

— גינע־לעבן, איך ברענג דיר דאָ אַ בחור, אַ גאון־עולם!

— ווי איז מיר, כ׳האָב אים גאַרנישט געזען. ער׳ט זיך באַהאַלטן הינטער דיינע פּלייצעס. נו׳ קומטץ אַריין!

זי האָט אָנגענומען אַבראַמען ביי דער פּעלערינע, עוזר־העשלען ביים אַרבל און זיי אַריינגעצויגן אין קאָרידאָר. עס איז געווען אַ לאַנג פֿאָדער־הויז מיט אַ סך טירן, אַלע מיט מילך־שויבן. פֿון אומעטום האָבן זיך געהערט קולות און טריט. די ווענט זיינען געווען פּריש געמאָלט. ס׳האָט געשמעקט מיט אייל־פֿאַרב און טערפּענטין. אויף דער פּריש־געוויקסטער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן זעק און צייטונגען. די הילצערנע הענגערס זיינען געווען געדיכט באַהאַנגען מיט מלבושים. אין די ווינקלען זיינען געווען אויסגעשטעלט קאַלאָשן און פּאַראַסאָלן. גינע האָט געהאָלפֿן אַבראַמען אויסטאָן די פּעלערינע און צוגענומען ביי עוזר־העשלען דעם איבערציער.

— כ׳קאָן שווערן, דער בחור איז אַ רבניש קינד.

— געוואַלד וועל איך שרייען, דאָס ווייבל איז אַ נביאהטע! — האָט אַבראַם זיך צעגעוואַלדעוועט — דבורה הנביאה!...

— דער יחוס ליגט אים אויפֿן פּנים. ווי הייסט איר, זיידן קינדעלע?

— איך? עוזר־העשל.

— פֿון וואַנען זענט איר? איינס איז זיכער: קיין ליטוואַק נישט.

— משוגע ביזטו? איך וואָלט דיר געברענגט אַ ליטוואַק אין הויז אַריין?

— שריי נישט. כ׳האָב גענוג צרות פֿון די צלם־קעפּ. זיי מאַכן מיך דול.

— מיינסט ברוידע און לאַפּידעס?

— ס׳גאַנצע געזינדל. נו, קומטץ!

— וואַרט אַ מינוט, גינע. דער בחור דאַרף אַ דירה.

— טייערער אַבראַם, כ׳האָב אַלע צימערן פֿאַרדונגען. מ׳שלאָפֿט ביי מיר אויף דער סאָפֿע, אויף דער ערד, אויפֿן זייגער. ס׳איז אַ הקדש, נישט אַ וואוינונג. ווען דו ברענגסט אים מיט צוויי וואָכן צוריק, איז אַנדערע ווערטער. נאָר שאַ, כ׳האָב אַ פּלאַן. ס׳וואוינט ביי מיר אַ מיידל. זי לערנט זיך זיין אַן אַפּטייקערין, אָדער אַ שוועסטער. דער גוטער יאָר ווייסט זי. נעכטן דערהאַלט זי אַ דעפּעשע. די מאַמע איז איר געשטאָרבן. סיי־ווי, זי האָט איינגעפּאַקט ס׳פּעקל און איז אַוועק־געפֿאָרן. זי איז פֿון פּינטשעוו. דאָרט וואו ס׳טאָגט.

— נו, איז דאָך וואויל ווי די וועלט! טאָ גיב דעם בחור און גיב אים ס׳צימער.

— טאָמער קומט זי באַלד צוריק?...

גינע האָט געעפֿנט אַ טיר און אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסער שטוב, פֿול מיט מענטשן. די געסט זיינען געזעסן אויף דער סאָפֿע, אויף שטולן, אויף אַ קאָמאָדע, אויף די פֿענסטער. אויפֿן טעפּיך האָבן זיך געוואַלגערט מונדשטוקן. אונטערן סופֿיט האָבן זיך געוויגט און געקרייזלט זיילן רויך. אַלע האָבן גערעדט מיט

אַמאָל, יידיש, פּויליש, רוסיש. אַ קליין מענטשל אין אַ צעריסענער בלוזע, ברוין־אָפּגעברענט, ווי אַ ציגיינער, מיט אַ פּעך־שוואַרץ בערדל און ברענענדיקע אויגן, האָט געשריגן מיט אַ הייזעריק קול, אין אַ שאַרפֿער ליטווישער אויסשפּראַך. ער האָט געוואָרפֿן מיט די הענט, געדרייט דעם קאָפּ, געמאַכט העויות. דער גאָרגל איז געלאָפֿן משונה־גיך. די האָר פֿון דער טשופּרינע זיינען געשטאַנען, ווי דראָטן. אַ מויד מיט אַ גראָב קול פֿון אַ מאַנסביל האָט געשריען:

— פּאַיאַץ! וואַריאַט!

— לאָזט אים, פּאַננאַ לענאַ, — האָט אַ רוף געטאָן אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר גרויסע געשליפֿענע ברילן, אַ הויכן שטערן און אַ קרומער צוגעפּלאַטשטער נאָז. האָר האָט ער געהאַט געקרייזלטע. פֿון הינטער די גלאַנציקע שייבלעך האָבן אָפּגעקוקט אַ פּאָר שמייכלנדיקע אייגעלעך. — ער ווייסט אַליין, אַז ער פּלאַפּלט. ער שפּילט טעאַטער.

— וואָסער טעאַטער? ס'גייט אין אונדזער לעבן, אין אונדזער עקזיסטענץ אַלס אַ פֿאָלק! — האָט געליאַרעמט דאָס שוואַרצע מענטשל. — מיר טאַנצן אויף אַלע חתונות און אַליין בלייבן מיר נאַקעט. מ'עט אונדז אַפֿילו נישט זאָגן אַ דאַנק. מיר'ן נאָך קריגן אַ שטויס אין הינטן...

— פֿע, ער רעדט שוין ניבול־פּה אויך!...

— ס'איז דער אמת! דער אמת! איר זייט אַ באַנדע פֿאַררעטער!...

— ווי איז מיר, ס'נעמט גאָרנישט קאָ'ן עק! — האָט גינע גערופֿן. — דער לאַפּידעס איז ווי דער סמבטיון. ער רוט נישט קאַ' מינוט.

— דער סמבטיון וואַרפֿט מיט שטיינער און ער גיסט מיט שמוץ.

— שאַ, ברוידע, קאָנסט אויך די מלאָכה. איך וויל אייך דאָ פֿאָרשטעלן אַ בחור פֿון דער פּראָווינץ. אַבראַם זאָגט ר'איז אַ גאון.

עס איז אויף אַ ווייל געוואָרן שטיל. אַ מורמלניש איז אַדורך צווישן עולם. אַלע האָבן גענומען גאַפֿן אויף דעם לאַנג־געקליידעטן בחור.

— פֿון וואַנען קומט איר, יונגערמאַן? — האָט לאַפּידעס געפֿרעגט און אויסגעשטרעקט אַ פֿינגער. — כ'וואָלט געשוואוירן, ערגעץ פֿון לובלינער גובערניע.

— יאָ, פֿון קליין־טערעשפּאָל.

— כ'ווייס, כ'זע. אין יענע מקומות זיינען נאָך יידן — יידן. מען שעמט זיך נאָך דאָרט ניט מיט דער יידישער נאָז און מיט דער יידישער תורה. דאָ, מיין ליבער יונגערמאַן, איז אויסגעוואַקסן אַ דור, וואָס האָט אין זין איין זאַך: די מענטשהייט! מ'קריכט פֿון דער הויט פֿאַר יעדן איוואַן, יעדן טאַטער, נאָר איין אומה האָט מען פֿיינט: ס'אייגענע בלוט־און־פֿלייש!...

— העי, לאַפּידעס, איר הויבט גלייך אָן מיט פּראָפּאַגאַנדע! — האָט ברוידע אַ רוף געטאָן מיט אַ דראָבנע־קנאַקעדיק שטימעלע פֿון אַ געניטן רעדנער
— דאָס איז ווירקלעך מיאוס!

— וואָס איז מיאוס? כ'וויל אים זאָגן וואו ר'איז אַריינגעפֿאַלן. איר קוקט־אָן אָט־דעם עולם? זיי זיינען אַלע וועלט־פֿאַרזאָרגער. איינס ביי איינס. ס'זיינען דאָ פֿאַראַן איבער אַ טוץ יידן און קיין איינעם פֿון זיי גייט ניט אָן דער יידישער פֿאָלק אויף אַזויפֿיל...

און לאַפּידעס האָט געוויזן מיטן גראָבן פֿינגער אויף דעם שפּיץ־נאָגל פֿון ווייז־פֿינגער.

— כ׳לעבן, לאַפּידעס, דו טרייבסט שוין איבער — האָט גינע זיך אָנגערופֿן.

— אויב דו ווילסט זיין אַ נאַציאָנאַליסט, אָדער גאָר צוריקגיין אין בית־מדרש, טו וואָס דו ווילסט. אָבער צי וואָס די בהלה? מ׳קאָן מיינען, אַז ס׳איז אַ משוגעים־הויז.

— ס׳איז! כ׳בין אַמאָל אַריין אין דעם דערפֿל אויף פֿאַרשיקונג — ווי האָט עס געהייסן? אַלעקסאַנדעראָווקע — אין אַ פּויערישער שטיבל און דערזען אַן עדה ייִדן, מיט בערדלעך, שוואַרצע אויגן, קרומע נעז, פּונקט אַזוינע ווי מיינע. די ערשטע רגע האָב איך גערעכנט, אַז מ׳האָט מיר אַריינגערופֿן צו אַ מנין. מ׳זאָל קאָנען אַריינכאַפּן אַ קדושה, אָדער אַ ברכו. נאָר אַז כ׳האָב דערהערט ווי זיי דברן אַלע רוסיש און מ׳האַלט אין איין באַלאַקען וועגן דער רעוואָלוציע, דער ס. ר., דער ס. ד., פּלעכאַנאָוו, באָגדאַנאָוו, באַמבעס, אַטענטאַטן, טורמעס, עטאַפּן, האָט מיר אָנגענומען אַ ווילד געלעכטער. כ׳האָב אַזוי געלאַכט, אַז כ׳בין געוואָרן היסטעריש.

— ער דאַרף ערשט ווערן.

— כ׳בין ווייניקער היסטעריקער פֿון דיר, ברוידע. ביסט נאָך דערווייל ניט אויסגעשטאַנען מיינע נסיונות.

— וואָס קומט אַרויס פֿון די נסיונות, אַז ביזט אַרויס אַ שוואַרץ־מאהניק.

— און איך זאָג דיר, ברוידע, אַז ביזט שוואַרצער פֿון מיר. אַזוינע ווי דו ווען אַמאָל חרוב מאַכן די וועלט.

— נישט די וועלט, נאָר דעם קאַפּיטאַליזם און דעם שאָוויניזם, וואָס זיינען דיר אַזוי טייער.

— איך בין ניט קיין שאָוויניסט. כ׳וויל ביי קיינעם גאָרניט נעמען.

— כ׳וויל בלויז, מיר זאָלן אויך האָבן אַן אייגענעם ווינקל.

— נאָך גוט וואָס דו ווילסט נישט פֿאַרכאַפּן. נאָר וואָרט, דער אַפּעטיט, זאָגט מען, קומט מיטן עסן, כאַ־כאַ־כאַ!...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט אַבראַם אים נאָכגעשפּעט. — וואָס לאַכט איר אַזוי, ברוידע? אין וואָסער ספר פּראַלניק שטייט עס געשריבן, אַז מיר דאַרפֿן פֿאַרגיסן בלוט פֿאַר יעדן כאַם און אַליין בלייבן אייביקע וואַנדערער? ווייל קאַוטסקי וויל אַזוי?

— ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קאַוטסקין, הער שאַפּיראָ. אויב איר קאָנט קריגן ביים טערק אַ ־טשאַרטער, קריגט. און אויב דער סולטאַן וויל נישט געבן, וועל איך מיר אויך נישט צערייסן דעם לעטניק.

— פֿאַר דער קאָנסטיטוציע האָט איר צעריסן נישט נאָר אַ לעטניק, נאָר דעם אייגענעם טאַטן.

— די קאָנסטיטוציע איז אַ וועלט־געשעעניש און אייער טשאַרטער איז אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע פֿאַר ציוניסטישע מגידים.

— נו, ס׳הויבט זיך אָן אַלץ פֿונסניי! — האָט גינע אַ רוף געטאָן. — זיי ווערן גאָרנישט מיד. מ׳רויכערט און מ׳זידלט זיך. קום, אַבראַם. קומט, ווי הייסט איר?

עוזר־העשל. איך וועל איך ווייזן דעם מיידלס צימער. די דיסקוסיעס וועלן נישט זויער ווערן.

גינע האָט אָנגענומען אַבראַמען ביי איין אָרעם, עוזר־העשלען ביים אַנדערן און זיי אַרויסגעפֿירט. עמעץ האָט עפּעס נאָכגעשריגן, נאָר עוזר־העשל האָט נישט געהערט וואָס. אין קאָרידאָר איז גינע געבליבן שטיין.

— כ׳האָב מורא, אַבראַם, די גאַנצע שטוב איז נישט פֿאַר אים. ווי מיינט איר, יונגערמאַן?

— כ׳ווייס אַליין נישט — האָט עוזר־העשל געשטאַמלט. — ס׳איז אינטערעסאַנט.

— דו הערסט וואָס ער זאָגט? זאָל ער נאָר אויסטאָן די קאַפּאָטע, וועט ער זיין מער איירּאָפּעער פֿון זיי. ווען ס׳איז נישט צו־שפּעט, כאַפּ איך זיך מיט אים אַרויס אויף דער וואָלעווע און קויף אים אָן אַנצוג מיט אַ קאַפּעליוש.

— כ׳לעבן, אַבראַם, אײדער דו טוסט עפּעס אָפּ, באַרעכן דיך פֿריער.

— וואָס איז דאָ דאָ צו באַרעכענען? ער איז געקומען שטודירן, נישט זאָגן קיין תהלים.

גינע האָט געעפֿנט אַ טיר און אָנגעצונדן די עלעקטרע. עוזר־העשל האָט דערזען אַ קליין שטיבל מיט אַן אייזערן בעטל, איבערגעדעקט מיט אַ געבלימלטער קאָלדרע. אויף אַ קיילעכיק טישל איז געלעגן אַ בוך און ס׳זיינען געשטאַנען פֿלעשלעך, שאַכטלעך, אַ גלעזל מיט אַ ציין־בערשטל און אַ בילדל פֿון אַ יונגען־מאַן מיט אַ פּנים פֿון אַ קצב און מיט עפּאָלעטן פֿון אַ סטודענט. אין אַ ווינקל זיינען געהאַנגען עטלעכע קליידער. ס׳איז דאָ געווען קיל און שטיל. גינע האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז עס. אַלץ מיט אַנאַנדער. ווי געפֿעלט עס איך, יונגערמאַן?

— זייער שטאַרק.

— וואָס מאַכסטו, גינעשי? — האָט אַבראַם געפֿרעגט. — זעסט היינט אויס ממש ווי אַ פּרינצעסין.

— ווייל כ׳האָב מיך אויסגעפּוצט? ס׳איז אסור ניש׳ פֿון נחת.

— וואָס איז מיט דעם עקיבאַן? וואָס שלעפּט ער מיט דעם גט?

— פֿרעג נישט. ס׳ווערט ערגער פֿון טאָג צו טאָג. וויל ער, וויל נישט דער רבי, זאָל לעבן. באַשטייט שוין דער רבי, מישט זיך אַריין די אַלטע. מ׳העצט אים פֿון אַלע זייטן. מ׳רופֿט מיך מיט די ערגסטע נעמען. כ׳בין אייזן וואָס כ׳האַלט עס אויס. דער טאַטע, זאָל לעבן, האָט מיר ערשט מודיע געווען, אַז ער מעקט מיך אויס פֿאַר אַ טאָכטער.

— נו, האָסטו אַ דאגה.

— ס׳דריקט, אַבראַם. ווען הערץ האָט מיר געשריבן די גאַנצע זאַך, האָב איך געענטפֿערט: מירן דאַרפֿן אַנהויבן אַ מלחמה. ס׳איז אָבער אַלע קעגן איינעם. מ׳האַלט אין איין קומען צו מיר: רביצינס, גבאיטעס, נגידיתטעס, פּושקע־מעקלערינס. איצט איז צוגעקומען אַ ני״ע צרה, נאָר וועגן דעם האָב איך מורא צו רעדן.

— וואָס איז?

— וועסט מיינען כ׳בין משוגע.

— רעד ווערטער!

— כ׳האָב מורא, אַז הערץ אַליין ווערט אויך מיד. ער איז אַ וואונדערבאַרער מענטש, אַ גאון, נאָר ער איז, צווישן אונדז געשמועסט, אַ שוואַכלינג. די אַלע עקספּערימענטן הויבן מיר נישט אָן צו געפעלן. די מויד, דער מעדיום, ווי הייסט זי דאָרט? קאַלישער, איז אַ פּשוטע גנבטע. זי האָט אַזוי אַ קאָנטאַקט מיט גייסטער, ווי איך בין ראַספּוטינס געליבטע. גאַנץ וואַרשע לאַכט אין די פויסטן.

— זאָלן זיי לאַכן. ער איז אַ גרויסער מענטש!

— נו, מאַ, מיר ווערט ענגער פון טאָג צו טאָג. כ׳זיץ דאָ צי׳שן דער חברה לצים און דער קאָפּ פאַרט מיר אַרום. כ׳האָב צו גאָט איין בקשה: כ׳זאָל חלילה, פון זינען נישט אַראָפּ. אָבער צו וואָס די רייד? זייט מוחל, יונגערמאַן, וואו איז אייער האָטעל?

— אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס.

— אויב ס׳איז אייך דאָרט אומבאַקוועם, ברענגט דאָס פּעקל. מ׳עט זיך שוין ווי ס׳איז אַן עצה געבן.

— איר וועט נאָך דאָ בלייבן? — האָט עוזר־העשל געפרעגט אַבראַמען.

— ניין, ברודערל. כ׳מוז נאָך היינט זיין אין פּראַגע. נאָר מיר׳ן זיך זעען. כ׳על דיך איינלאַדן צו מיר. נו, לויף!

עוזר־העשל איז אַוועק. אינדרויסן האָט איצט פונסניי געשאָטן אַ שניי. ער איז געפאַלן פּאַמעלעך, גלייך, אין גרויסע שטיקלעך. ס׳האָט געשמעקט מיט חנוכה און ניטל. עוזר־העשל האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער. דער היינטיקער טאָג איז אים אויסגעקומען משונה־לאַנג. אָפּגעהאַקטע ווערטער האָבן אים גע־קלונגען אין די אויערן, גיך איבערגעחזרט ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל. ער איז סיי געגאַנגען, סיי געלאָפן. עפּעס יום־טובדיקס און סודותדיקס האָט אַראָפּ־געקוקט פון רויטלעך־אַנגעגליטן הימל, פון די פאַרשאָטענע באַלקאָנען, דעכער, רינעס, שוועלן. די גאַז־פייערן אין די לאַמטערן האָבן זיך געשאָקלט, געצאַנקט, געוואָרפן ציטערנדיקע נעצן. בונטן שאָטנס זיינען געלאָפן איבערן שניי. פון מאָל צו מאָל איז די צוגעדושעטע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ געשריי. אַן אַנדער מאָל האָט געטאָן אַ קנאַל, ווי עמעץ וואָלט געשאָסן אין דער נאַכט. אַלץ איז אָנגעפילט געווען מיט רמזים, ווי די שטאָט וואָלט דורך עפּעס אַ נס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קבלהשער שריפט, פול מיט פאַרהוילענע צייכנס. עוזר־העשלען איז געווען קאַלט. די פינגער זיינען אים געוואָרן שטייף, ווי האָלץ. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך אָפּצושטעלן און צו זינגען...

מ׳האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן דאָס טויער, ווען ער איז צוריקגעקומען מיטן קויש. דער סטרוזש מיטן איבערגעקערטן פּעלץ האָט אים נאָכגעקוקט מיט חשד, נאָר ער האָט אים פונדעסטוועגן דורכגעלאָזט. עוזר־העשל האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט אינדערפרי האָט ער נאָך דאָ, אין וואַרשע, קיינעם נישט געקאָנט. איצט, מיט צוועלף שעה שפּעטער, האָט ער שוין געהאַט אַ צימער, אַ לעקציע, אַ באַשטעלונג צו קומען איבערשרייבן אַ ספר, אַ צוזאָג פאַרבעטן צו

ווערן אין אַבראַמס הויז. אין דער פֿינסטערניש האָט געשוועבט פֿאַר אים הדסהס געשטאַלט, לייביק־לעבעדיק, ווי אין חלום.

ער האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר. גינע איז געקומען אים עפֿענען. זי האָט אָנגעקוקט סיי אים, סיי דעם האַלב־צעבראָכענעם קויש זיינעם און עס האָט איר אַ צופּ געטאָן אין דער ברוסט. אַזוי האָט אויסגעזען מיט יאָרן צוריק הערץ יאַנאָווער, ווען ער איז געפֿאָרן קיין וואַרשע זוכן בילדונג. ער וועט אַוודאי אויך עמעצן אומגליקלעך מאַכן — האָט זי געטראַכט. — ערגעץ־וואו איז שוין מסתּמא גרייט אַ קרבן...

# קאַפּיטל פֿיר

## 1

ר׳ משולם מושקאַט האָט זיך געפֿירט, אַז נאָכן בענטשן דאָס ערשטע חנוכּה־ליכטל, האָט ער געגעבן חנוכּה־געלט די זין, די טעכטער, די שנירן, די אייניקלעך. די גאַנצע משפּחה איז זיך דאַמאָלס צונויפֿגעקומען צו אים. נעמי און מאַניע, די דינסטן, האָבן זיך לאַנג געגרייט צו דעם דאָזיקן אָוונט.

די מאַנסלייט זיינען געקומען צוזאַמען מיט ר׳ משולמען פֿון מנחה־מעריב, פֿון ביאַלאָדרעווונער שטיבל. די טעכטער, שנירן און אייניקלעך זיינען זיך צונויפֿגעקומען פֿריער.

ר׳ משולם האָט געהאַט שטיין אין דער סאַלע אַ גרויסן זילבערנעם חנוכּה־לאָמפּ, מיט בעכערס און בלומען, לויטן מוסטער פֿון דער מנורה. ער האָט מיט די אייגענע הענט אָנגעגאָסן דעם ארץ־ישׂראלדיקן אייל־בירט־בוימל, געמאַכט די ברכה להדליק נר של חנוכּה, די שהחיינו, אָנגעצונדן דאָס קנייטל און דערנאָך געברומט מעוז צור. דאָס פֿלעמל האָט געקנאַקט, געצאַנקט, געררויכערט. דער שמש, אַ גרויס רויט ליכט, האָט געוואָרפֿן אַ ציטערנדיקע שיין אויף דעם האַלב־פֿאַרגעלטן זילבער. ר׳ משולם האָט לכּבוד חנוכּה אָנגעטאָן אַ געבלימלטן כאַלאַט מיט בלעטער און רויזן און אויפֿן קאָפּ איז געזעסן אַ צוגעפּלאַטשט קאַפּל. די זין האָט ער געגעבן קאַנווערטן מיט פּאַפּירן־געלט. די ווייבער האָבן באַקומען שנירלעך קרעלן, פֿינגערלעך, בראַסלעטן, יעדע לויט איר עלטער און חשיבות. די יינגלעך האָט ער געטיילט צינערנע דריידלעך און קליין־געלט. חנוכּה־געלט האָבן אויך געקראָגן די דינסטן און לייבל דער בעל־עגלה.

נאָכדעם ווי אַלע האָבן דערהאַלטן זייערע גאָבן, האָבן די דינסטן גענומען אַריינטראָגן פֿלאַכע טעלערס מיט לאַטקעס, געמאַכט פֿון געריבענע קאַרטאָפֿל, געפּרעגלט אין אייל און באַשאָטן מיט צוקער און צימרינג. נאָך דער טיי מיט איינגעמאַכטס האָט די משפּחה זיך אַוועקגעזעצט שפּילן, ווי דער מנהג איז. מ׳האָט אַוועקגעשטעלט דריי טישן: פֿאַר די מאַנסלייט, די ווייבער און די קינדער. ר׳ משולם האָט געשפּילט מיט די אינגלעך אין דריידל. ער האָט אַכטונג געגעבן, ער זאָל פֿאַרלירן ביי זיי עטלעכע גילדן. די ווייבער האָבן געשפּילט אין טער־

ניטשקע, די זין — אין קוויטלעך. פֿון די איידעמס איז היי־יאָר געווען בלויז איינער, ר׳ משה־גבריאל. דער עלטסטער איידעם, פֿערלס מאַן, האָט נישט געלעבט. מיט אַבראַמען, דעם הולטאַי, איז ר׳ משולם געווען ברוגז. ר׳ משה גבריאל, אַ למדן, אַ רבנישער זון, אַ טיש־זיצער ביים רבין, איז באַלד נאָכן בענטשן די חנוכה־ליכט אַוועק אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל. דאָס קומען צום שווער איז אַלע־מאָל געווען פֿאַר אים אַן אָפּקומעניש.

אין דער סאַלע איז געווען טומלדיק.

יואל, ר׳ משולמס בכור, אַ ייד אין די טיפֿע פֿופֿציקער, הויך ווי אַ ריז, מיט אַ ברייטן בויך און אַן אומגעזונט רויטן קאַרק, האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ שפּילער און אַ ריזיקאַנט. דאָס היטל מיט דער הויכער דענקע איז געזעסן פֿאַררוקט איבערן פּעטן שטערן. צווישן די דיקע ליפּן האָט געשטעקט אַ ציגאַר, וואָס פֿון זיין שפּיץ איז יעדעס מאָל אַראָפּגעפֿאַלן אַ הייפֿל אַש איבער דער ביר־געלער באָרד, צעקאַמט אין צוויי שפּיצן. אַלץ אין יואלן איז געווען גרויס: די בלויע אַרויסגע־באַלטע אויגן, די פֿליישיקע נאָז פֿול מיט ווייַנפּערלעך, די לאַנגע אויערן מיט די שווערע לעפּלעך. ער האָט באַדעכטיק, מיט אַ שווערער האַנט, געטאַשט די קוויט־לעך און אָפּגעהיט, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן אָרענטלעך, אָן פֿושעריי. צי ער האָט געקראָגן גוטע קוויטלעך, אָדער שלעכטע, האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפֿן מטבעות אין טעלער.

— אַ גילדן וויזע! — האָט ער גערופֿן מיט זיין שווער, באַסיק קול.

— ע, יואל, דו שרעקסט די גענדז! — האָט זיך אָנגערופֿן נת׳לע. — האָסט שוין אודאי שרגא...

— נו, אדרבא, דערלייג! — האָט יואל געענטפֿערט. — ווייז וואָס דו קענסט.

נת׳לע איז געווען נידעריקער פֿון יואלן, נאָר דיקער, מיט אַ שפּיציקן בויך, ווי אַ מעוברתדיקע יידענע, מיט אַ קורצן פּעטן האַלדז און אַ ברייטן גוידער. קיין באָרד איז אים כמעט נישט געוואַקסן. ס׳האָט אים געשפּראָצט אַ וואָרצל האָר דאָ, אַ וואָרצל האָר דאָרט, און מ׳האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ האַלבן סריס. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געליטן פֿון דער צוקער־קראַנקהייט און זיין ווייב סאַלטשע, אַ קליינע, אַ דיקע, ווי אַ פֿעסל, האָט זיך יעדע שעה צוגעקייקלט און אים איינגעגעבן אַ רעצעפּט. ער האָט באַדעכטיק אַריינגעקוקט אין די קוויטלעך, געצופּט די פֿאָר האָר אויפֿ׳ן קין און קליגעריש צוגעשמייכלט. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום ברודער:

— וועסט אונז מיט קאַ׳ גילדן ניש׳ אָפּשרעקן. אַ גילדן מיט אַ גילדן!...

פֿיניעלע, ר׳ משולמס אַ זון פֿון צווייטן ווייב, אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ געלבלעך אָפּגעוועלקט פּנימל און מיט אַ שיטער געל־גרין בערדעלע אויפֿן שפּיץ־קין, האָט זיך כמעט נישט אַרויסגעזען נעבן יואלן און נת׳לען. ער האָט, ווי אַלעמאָל, געזאָגט חכמהלעך, געוואָרפֿן מיט גמרא־ווערטלעך, נאָר מ׳האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. שפּילן האָט ער רעכט נישט געקאָנט. דערצו האָט אים דאָס ווייב, חנה, די קורלענדישע, געגעבן נישט מער ווי אַ האַלבן רובל טאָשן־געלט. ער האָט מיטגעשפּילט פֿון יוצא־וועגן.

— יאָך לייג מיך אַוועק! — האָט ער יעדעס מאָל אַ זאָג געטאָן. — מיט אַזוינע קאַרטאָוניקעס איז פּקוח־נפֿש אָנצוהויבן!...

ניוניע, דער ייִנגסטער, האָט זיך געשאָקלט, געוואָרן רויט, געשוויצט, געהאַלטן אין איין מאַכן טעותים און פֿאַרלירן. פֿאַר יואלן און נת׳לען האָט ער געהאַט דרך־ארץ. ער האָט דעריבער אַלץ אויסגעלאָזט צו פּיניעלען.

— פּיניעלע, מאַכסט שקרות! — האָט ער געשריגן. — יאָך זע אַלץ!...

און ער האָט סתּם אַזוי, כאָטש ס׳האָט נישט געהאַלטן ביי אים, אַריינגעוואָרפֿן אַ מטבע אין טעלער. יואל האָט אים אָנגעכאַפּט ביים געלענק.

— פּרא אָדם, וואָס טוסטו? פֿושער!...

ביים ווייבערישן טיש איז געווען גערדיכט און רוישיק. דאָס רעדל האָט דאָרט געפֿירט יואלס ווייב, אסתּר, אָדער אסתּר המלכּה, ווי מ׳האָט זי גערופֿן אין דער משפּחה, אַ העלדישע ייִדענע מיט אַ דרייפֿאַכן גוידער, אַ מעכטיקן בוזעם, אין אַ העל שייטל באַלייגט מיט קראַנצן לאָקן און באַשטעקט מיט קאַמען. זי האָט פֿון אַ זעקל אַרויסגעצויגן הילצערנע נומערן און אויסגערופֿן. אַלע האָבן גענומען זוכן צווישן די ציפֿערן אין די אויסגעלייגטע טעוועלעך. כאָטש אסתּר האָט ערשט נאָר געהאַט אָפּגעגעסן אַ סעודה, האָט זי געהאַט אַוועקגעלייגט נעבן זיך אַלערליי דערקוויקענישן: אַ שטיקל פּאַמעראַנץ, אַ קיכל, אַ קאַראַמעלקע, אַ פּעניצל כאַלווע, אַלץ אויף אָנצוזעטיקן דעם באַנד־וואָרם, וואָס איז שוין יאָרן געזעסן אין אירע געדערים. (אַזוי האָבן געזאָגט די דאָקטוירים). סאַלטשע, נת׳לעס ווייב, האָט געהאַט מזל. נאָך איידער מ׳האָט רעכט אָנגעהויבן די שפּיל, האָט זי אַ רוף געטאָן:

— טערנע!...

און געוויזן, אַז דריי נומערן אין דער ברייט פֿון טעוועלע זיינען באַלייגט מיט שטיקלעך פּאַפּיר.

איינגעשטעלט האָט מען דאָ גראָשנס, נאָר דער רעש איז געווען גרויס. ס׳איז געווען אַ פֿולער טיש מיט נקבות. מ׳האָט גערעדט, געלאַכט, געקלונגען מיט טיי־גלעזער און לעפֿעלעך. אסתּר און סאַלטשע, די צוויי עלטסטע שנורן, האָבן נישט אויפֿגעהערט צו מאַכן אַלערליי וויצן. זיי האָבן שטילערהייט געטריבן ליצנות אויס דער שוועגערין זייערער, דאַכען, ניוניעס ווייב, די רבנישע טאָכטער, וואָס איז געקומען אַליין, אָן הדסהן. פּערל, ר׳ משולמס עלטסטע טאָכטער, אַן אלמנה — אַ שטרענגע, אַ גענייטע סוחרטע, געראָטן אין טאַטן — האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די אייגענע טעכטער און שנורן. זיי זיינען געווען אַ משפּחה פֿאַר זיך. געוואוינט האָבן זיי ערגעץ אין „יענע גאַסן”, אין צפֿונדיקן טייל וואַרשע. געקומען זיינען זיי אַהער בלויז אַ פּאָר מאָל אַ יאָר. חנה, פּיניעלעס ווייב, די קורלענדישע, האָט סיי געשפּילט, סיי אַכטונג געגעבן אויפֿן מאַן. זי האָט שטענדיק מורא געהאַט, ער זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט. ביים סאַמע עק טיש איז געזעסן חמא, אַבראַמס ווייב. פּונקט ווי דער מאַן אירער איז געווען הויך, שטאַרק, פֿריילעך, אַזוי איז זי געווען קליין, קראַנק, מרה־שחורהדיק, מיט אַ רויטער נאָז, אויסגעוויינטע אויגן, און מיט אַ צורה פֿון אַ קבצנטע, וואָס איז דורך עפּעס אַ טעות געוואָרן אַ גבירישע טאָכטער. די מלבושים

אירע זײַנען געװען אָפּגעטראָגן, דאָס שײטל — האַלב־אױסגעקראָכן. זי האָט מיט דאַרע פֿינגער געריסן שטיקלעך פּאַפּיר, נישט געקאָנט געפֿינען די ציפֿערן, יעדעס מאָל געװאָרפֿן אַ בליק אױף די צװײ אָפּגעציטערטע מײדלעך אירע, בײלע איטע און סטעפֿע, און אַ זיפֿץ האָט זיך פֿון איר אַרױסגעריסן. ס׳איז איר פּשוט געװען אַ שאָד די עטלעכע גראָשן, װאָס זי און די קינדער האָבן פֿאַרשפּילט בײַ די אָנגעפּרעסענע חזירטעס, די שװעגערינס אסתּר און סאַלטשע.

— װאָס האָסטו גערופֿן? דרײַ און זיבעציק? אַכט און נײַנציק? — האָט זי איבערגעפֿרעגט. — אסור צי כ׳הער אַ װאָרט!...

לאה, ר׳ משולמס ייִנגסטע טאָכטער, ר׳ משה גבריאלס װײַב, האָט זיך געהאַלטן צװישן די מײדלעך און יונגע װײַבלעך. זײ האָבן זי גערופֿן מומע, פֿונדעסטװעגן האָט זי זיך גערעכנט װי אײנע פֿון יונגן דור. לאה איז געװען אַ דיקע, מיט גרױסע בריסטן, פֿולע באַקן, קײַלעכיקע היפֿטן, ברײטע ליטקעס. די גרױסע בלױע אױגן האָבן געקוקט שאַרף, בײזלעך, מיטן סוחרישן ברען. מיט לאהן איז מײדעלװײַז געשען אַ מכשול: זי האָט זיך אײַנגעליבט אין קאַפּל משרת. װען ר׳ משולם האָט זיך דערװאוסט פֿון דער מעשה, האָט ער קאַפּלען דערלאַנגט פּעטש און לאהן אױף דער גיך חתונה געמאַכט מיט דעם ביעלנער רבס אַ זון, אַן אַלמן אָן קינדער, ר׳ משה גבריאל מרגלית. מאַן און װײַב האָבן אַלע יאָרן געהאַט מחלוקת. מ׳האָט קײנמאָל נישט אױפֿגעהערט צו רעדן װעגן אַ גט. איצט האָט לאה געהאַלטן אין אײן זאָגן די שװעסטערן־ און ברידערן־קינדער סודות אין אױער און קנײַפּן זײ אין דיקן פֿלײש. די מײדלעך זײַנען זיך פֿאַרגאַנגען פֿון געלעכטער.

— מומע לאה, זאָל די מומעשי אױפֿהערן! — האָבן זײ געשריגן. — מ׳קאָן שטאַרבן!...

און זײ האָבן זיך געשאָקלט, געפֿאַלן אײנע דער אַנדערער אין די אָרעמס און זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַזעלכע קװיטשערײַען, אַז ר׳ משולם האָט גענומען קלאַפּן מיט דער פֿױסט אין טיש. ער האָט פֿײַנט געהאַט װײַבערישע כאַכענישן און קלות־ראש.

רױזע־פֿרומעטל, ר׳ משולמס נײַ װײַב, האָט נישט געשפּילט. זי האָט געטענהט, אַז נישט זי קאָן די שפּיל, נישט זי האָט דעם קאָפּ זיך אױסצולערנען. זי האָט כּלומרשט געבאַלעבאַטעװעט מיט די דינסטן אין קיך, דערלאַנגט די עלטערע געסט טײ מיט אַניס־קיכלעך און דעם קלײנװאַרג — שקאָרמיצן מיט צוקערלעך, ראָזשינקעס, חזיר־ניסלעך, פֿײַגן, טײַטלען, באָקסער, מאַנדלען, אַ שטײגער װי ס׳װאָלט שױן געװען חמשה־עשר. האָט אַן אײניקל געטאָן אַ הוסט, האָט זי גלײַך גענומען רעדן, אַז מ׳דאַרף דעם קינד שטעלן באַנקעס און אים געבן קאַנדל־צוקער, אָדער אַ גאָגל־מאָגל. האָט עמעץ געטאָן אַ ניס, האָט זי אַ זאָג געטאָן: צום געזונט און געהײסן זיך אַרױפֿציִען דאָס אױער. װען ר׳ משולם האָט זיך אַ בײזער געטאָן אױף אַ ייִנגל בײַם דרײדל־טיש און אים אָנגערופֿן עכּברוש, קונדס אָדער שײגעץ, האָט רױזע־פֿרומעטל זיך פֿאַר אים אָנגענומען.

— װאָס װילסטו פֿון דער שװאַלב, נעבעך? הער נאָר אַ לשון!...

— נו, נו, נישט דײַן עסק! — האָט ר׳ משולם אַ ברום געטאָן. — מ׳ווייסט שוין...

אײדל, ר׳ משולמס שטיף־טאָכטער, האָט פֿריִער אײַנגאַנצן נישט געוואָלט אַרויסגײן פֿון צימער צו דעם געזעמל. ווען רויזע־פֿרומעטל האָט גענומען ווישן די אויגן און זיך בעטן זי זאָל זי נישט מבייש זײַן, איז זי אַרײַן אין סאַלע, געהערט בענטשן חנוכּה־ליכט און זיך באַלד צוריק אומגעקערט, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. אסתּר האָט געטאָן סאַלטשען אַ קניפּ צווישן די ריפּן.

— זי שטייט נאָך אין גרויסן — האָט זי אַ זאָג געטאָן — דער דאַרער גאַנער!...

און זי האָט אײַנגערוימט דער שוועגערין אַ געפּעפּערטן ווײַץ. סאַלטשע האָט אים דערנאָך איבערדערציילט שטילערהייט די ווייבלעך. די מיידלעך האָבן דעם שפּאַס נישט געטאָרט הערן. אָבער זיי האָבן פֿונדעסטוועגן מיטגעלאַכט און זיך גערויטלט. די מערסטע זײַנען געווען כּלות, אָדער געשטאַנען אין שידוכים. וועגן דעם האָט געזאָרגט ר׳ משולמס געשוואוירענער שדכן, ר׳ זײַנוועלע סראַצקער.

## 2

נאָכדעם ווי ר׳ משולם האָט פֿאַרלוירן ביי די אייניקלעך אַ טוץ זילבערנע צע־נערלעך, איז ער אויפֿגעשטאַנען און געטאָן אַ וואונק צו פּיניעלען. פּיניעלע האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער פֿאַמיליע פֿאַר אַ שאַרפֿן שאַך־שפּילער. ר׳ משולם האָט געשפּילט בלויז צוויי מאָל אין יאָר, חנוכּה און ניטל, אָבער מ׳האָט געוואוסט, אַז ער האָט ליב אַ שאַך. פּיניעלע האָט גלייך געלאָזט ליגן די קוויטלעך. די כּלים פֿון שאַך זײַנען שוין אויסגעשטעלט געווען אויף אַ טיש. טאַטע און זון האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער קעגן דעם אַנדערן, גרייט צו אַ לאַנגער מלחמה. מחמת ס׳האָט געפֿעלט אַ פֿערטע האַנט, דערצו האָט ניוניע געמוזט אַוועקגיין, ווייל דאָכע האָט געליטן פֿון אַ קאָפּווייטאָג, האָבן יואל און נת׳לע אויפֿגעהערט שפּילן קוויטלעך און זיך צוגעזעצט קיבעצן.

ר׳ משולם האָט, ווי אַלעמאָל, אָנגעהויבן מיט אַן אַטאַקע. ער האָט אַרויס־גערוקט פֿון איין זייט די מלכּה, פֿון דער אַנדערער — דעם זקן, און געפּרואווט געבן מאַט. אָבער איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, איז פּיניעלע אָנגעלאָפֿן מיט אַ ריטער און געפֿרעגט מלכּה און ראָך. ר׳ משולם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים שיטערן בערדל. ער האָט זיך אויף אַזאַ קלאַפּ נישט געריכט.

— אויב דער טאַטע וויל, קאָן דער טאַטע חרטה האָבן — האָט פּיניעלע גע־זאָגט.

— בלי טעות ובלי חרטה — האָט ר׳ משולם געענטפֿערט שאַרף. — אַ גאַנג איז אַ גאַנג.

— דער טאַטע האָט פּשוט פֿאַרזען דעם צוג.

— אַז מ׳פֿאַרזעט, שמייסט מען! — האָט ר׳ משולם געפּסקנט.

— כ׳האָב דיך אָבער געוואָרנט, זאָלסט רוקן דעם פּויער — האָט יואל זיך אָנגערופֿן.

— מאַלע וואָס דו זאָגסט אַלץ — האָט ר׳ משולם אָוועקגעמאַכט מיט ביטול.

ער האָט פאַרביסן די שיטערע וואָנסעס און אָנגעהויבן אונטערברומען אַ ימים־נוראימדיק ניגונדל, וואָס מ׳זינגט אין ביאַלאָדרעווונע צו די יום־כיפּורדיקע „יעלות״. נת׳לע האָט גלייך געגומען צוהעלפן. פיניעלע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס זמרל. נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָט ר׳ משולם דערזען, אַז ער קאָן מיט זיין פערד פרעגן שאַך. אמת, ער האָט דערפון געקאָנט פאַרלירן דאָס פערד פאַר אַ צולאָג, אָבער דערווייל האָט ער אָפּגעשלעפּט. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם ריטער מיט אַ קלאַפּ און געדופן:

— מלך, וואו גייט דער מלך?...

און ער האָט איבערגעריסן דעם פריערדיקן ניגון און אַ זינג געטאָן:

— ה—מ—ל—ך.

אויף דעם שטייגער ווי מ׳זאָגט דאָס ימים־נוראים צו שחרית.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלינגען אין דער דרויסנדיקער טיר. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. מען האָט זיך געריכט אַז נעמי אָדער מאַניע וועלן גיין עפענען. אָבער די דינסטן זיינען, ווייזט אויס, נישט געווען אין קיך, ווייל נאָך אַ וויל האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלונג. רויזע־פרומעטל איז געהאַט אַוועק צו איידלען. באַלד האָט סאַלטשע, נת׳לעס ווייב, זיך געלאָזט גיין עפענען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט.

— שווער, עפּעס אַ בחור וויל זיך זען מיט אייך.

— אַ בחור? וואָס פאַר אַ בחור? — האָט ר׳ משולם זיך אַ בייזער געטאָן.

— זאָל ער גיין פון וואַנען ר׳איז געקומען.

— ער זאָגט, מ׳האָט אים געהייסן איבערקוקן אַ ספר.

— ווער ספר? וואָס ספר? זאָל ער נישט דרייען קיין ספאָדיק.

— אפשר איז דאָס עפּעס נויטיקס? — האָט זיך אָנגערופן פיניעלע, וואָס האָט געוואָלט איבעררייסן די שפּיל, נישט אַרויסצורופן ביים טאַטן קיין פאַרדרוס.

— אויב ס׳איז נויטיק, זאָל ער קומען אין קאַנטאָר אַריין.

ער האָט שוין געזען אַז ער האָט געמאַכט אַ נייעם טעות. ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער האָט פאַרלוירן די פאַרטיע.

— איז וואָס־זשע זאָל יאַך אים זאָגן? — האָט סאַלטשע געפרעגט. — ס׳איז מיר עפּעס אַ רחמנות.

— ווייסטו וואָס, טאַטע, לאָז אים אַריינקומען. האָסט סיי־ווי פאַרשפּילט, — האָט נת׳לע זיך אָנגערופן.

— יאָ, ביזט גערעכט: פאַרשפּילט!...

סאַלטשע האָט מער נישט געוואָרט אויף קיין תשובה. זי איז אַרויס אין קאָרידאָר און באַלד זיך אומגעקערט מיט עוזר־העשלען. אַלע זיינען מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. ס׳האָט קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אַ פרעמדער זאָל זיך אַריינ־רייסן צו ר׳ משולמען אין דער ערשטער חנוכה־נאַכט. ר׳ משולם אַליין האָט אויך אויפגעהויבן די ווייסע ברעמען. פון די שפּיזלדיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט סיי כעס, סיי חוזק. די דינע הויקערדיקע נאָז איז געוואָרן פול מיט קנייטשעלעך. ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן אַלטער, גרויער רויב־פויגל.

— העי, נו, שטיי נישט ביי דער טיר. קום ווייטער! — האָט ר׳ משולם אַ רוף געטאָן מיט אַ שטאַרק קול. — מיר עסן ניש׳ קאָ׳ מענטשן!...

דער בחור האָט זיך געגעבן אַ קוק־אום אויף היגטערווייַלעכץ, ווי גרייט צו אַנטלויפֿן, און זיך געלאָזט שפּאַנען פֿאָראויס. ער איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט פֿון שאַך־טישל. ער האָט געפֿרעגט:

— איר זענט ר׳ משולם מושקאַט?

— ווער דען? דו?...

— אייער ווייב... אייער פֿרוי... ט׳מיך געהייסן קומען.

— אַזוי איז די מעשה? קומסט גאָר צו מיין ווייב! — האָט ר׳ משולם געזאָגט און אַ בלינצל געטאָן מיט אַן אויג. די סאַלע איז גלייך פֿול געוואָרן מיט געלעכטער. אַפֿילו יואל, דער ערנסטער, האָט געטאָן אַ שמייכל.

— כ׳האָב זי געטראָפֿן ביי אייער זון. נחום מושקאַט.

— ביי מיין זון? מיט מיין ווייב?...

ס׳איז ווידער געוואָרן אַ לאַכעניש. ר׳ משולמס זין, טעכטער, שנורן, אייניקלעך האָבן אַלע געוואוסט, אַז ר׳ משולם האָט ליב פֿון מאָל צו מאָל אָפּצושפּילן אַ שטיקל קאָמעדיע. קיין שום חניפֿה האָט נישט אַזוי אויסגענומען ביי אים ווי ווען מען האָט געלאַכט פֿון זיינס אַ וויץ. דערצו האָט ער געהאַט פֿאַרלוירן אַ שאַך און מ׳האָט אים געדאַרפֿט אַ ביסל אויפֿמונטערן. דער בחור האָט אַ צעטומלטער געטאָן אַ בליק אויף רעכטס, אויף לינקס, ווי ער וואָלט געזוכט די טיר, פֿון וואַנען זיך אַרויסצוקריגן.

— ס׳איז וועגן אַ ספֿר, — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— וואָס פֿאַר אַ ספֿר? וואָס אַנטלויפֿסטו? — האָט ר׳ משולם צו אים געשריגן, ווי ער וואָלט געווען טויב. — רעד קלאָרע דיבורים!

— ס׳איז אַ חיבור, פֿון איר ערשטן מאַן. אויף משלי און קהלת.

— אַהאַ. וואו איז זי ערגעץ? רופֿט זי אַריין! — האָט ר׳ משולם באַפֿוילן.

סטעפֿע, אַבראַמס טאָכטער, איז גלייך אויפֿגעשטאַנען און געלאָפֿן אָנזאָגן דער שטיף־באָבען, אַז מען וואַרט אויף איר. רויזע־פֿרומעטל איז אַריינגעקומען אַן אָנגערויטלטע, ווי זי וואָלט זיך אַליין אויך פֿאַרשעמט פֿון דעם פּלוצלינגדיקן וויזיט.

— זעהטץ נאָר, אַן אומגעריכטער גאַסט! — האָט זי אַ רוף געטאָן. — כ׳האָב געמיינט, עטץ שוין ניש׳ קומען. וואָס האָט עטץ עפּעס אַזוי לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן?

— כ׳האָב נישט געהאַט קאָ׳ צייט.

— הערטץ נאָר אַ מעשה, עך וויל אים געבן צו פֿאַרדינען און ער האָט גאָר קאָ׳ צייט נישט. עטץ מוזט מאַכן גאָלדענע געשעפֿטן אין וואַרשע. אַפֿילו מיין טאָכטער האָט זיך געחידושט פֿאַרוואָס מען זעט אייך נישט!...

— כ׳בין געווען פֿאַרנומען. כ׳האָב נישט געקאָנט.

— אויף דער לעקציע, האָב עך געהערט, זענט עטץ יאָ געקומען.

עוזר העשל האָט אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן, נאָר ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן. רויזע־פֿרומעטל האָט גענומען שאָקלען מיטן זיידענעם שייטל.

— די פּאות, זע עך, האָט עך אויך פֿאַרלוירן. נו, מאַ, עך בין ניש׳ גאָטס קאָזאַק. קומטץ אַריין אין ביבליאָטעק, וועל עך אייך ווייזן ס׳חיבור. כ׳האָב שוין געוואָלט נעמען אָן אַנדערן!...

רויזע־פֿרומעטל האָט זיך געלאָזט גיין פֿאַראויס אין עוזר העשל איז איר נאָכגעגאַנגען. ביים ווייבערשן טיש איז געוואָרן אַ מורמלניש, אַ כיכעניש. ווען ביידע זיינען אַרויס, האָט ר׳ משולם אַ פֿרעג געטאָן:

— ווער איז דער פֿאַר איינער? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לעקציע?

— הדסה גיט אים אַ לעקציע, — האָט זיך אָנגערופֿן סטעפֿע, אַבראַמס טאָכטער. — דער טאַטעשי האָט דערציילט וועגן אים. ער קאָן זיין אַ רב. ער האָט געלערנט מאַטעמאַטיק אויפֿן בוידעם.

— גאָר אַ לערערין געוואָרן? — האָט ר׳ משולם זיך אַ בייזער געטאָן. — איכל זען מ׳זאָל שרייבן תנאים. נאָך היינטיקן שבת־צו־נאַכטס!...

ער האָט אַ צעוואָרף געטאָן די פֿיגורן אויפֿן שאָך־ברעטל און איז האַסטיק אויפֿגעשטאַנען. דאַכע, די שנור, האָט אים צופֿיל געפֿירט ביי דער נאָז. ער האָט נאָך מיט דריי־פֿערטל יאָר צוריק געהאַט באַפֿוילן מ׳זאָל מאַכן ראשי־פּרקים צווישן הדסהן מיט פֿישעלען, ר׳ שמעון קוטנערס אייניקל. ר׳ זיינוועלע סראַצקער, דער שדכן, האָט שוין אַפֿילו געהאַט געקראָגן פּופֿציק רובל אָן אַדרויף. דער נדן איז געלעגן גרייט. אָבער דאַכע האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, געטענהט, אַז דאָס מיידל איז נישט געזונט, געהאַט יעדעס מאָל אַנדערע אויס־ריידן. ר׳ משולם האָט געוואוסט דעם אמת: אַז דאַכע וויל נישט דעם שידוך; הדסה האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ביכער און אַבראַם, דער שאַרלאַטאַן, העצט אונטער מ׳זאָל אים, ר׳ משולמען, נישט פֿאָלגן. ער האָט מיט אַמאָל אָפּגעפּאַסט, זיך אַ נעם צו טאָן צו דער זאַך מיט ברען. ער וועט ווייזן ווער ס׳האָט די דעה: ער, ר׳ משולם, וואָס האַלט אויס די אַלע אומזיסטע פֿרעסערס און מאַכט חתונה זייערע קינדער, אָדער אַבראַם, דער חמור־אייזל, וואָס מער ווי פֿאַרשווענדן געלט און זיך יאָגן נאָך ווייבער קאָן ער גאָר נישט...

ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. די געמזענע שטיוול האָבן געסקריפּעט. די שפּיצן־פֿינגער האָבן אים אַ ברי געטאָן. ער האָט באַקומען נייע כוחות, ווי אַלע מאָל פֿאַר אַ מחלוקת. ער האָט גענומען רייבן דעם שטערן און טראַכטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו ברעכן די עקשנות פֿון דער יחסנישער שנור זיינער, דאַכען, און פֿון דער אידל־געבאַדענער הדסהן, וואָס ווי שוואַך זי איז, אַזוי שטאַרק איז, אַפּנים, איר איינגעשפּאַרטקייט.

— אַנזעצערס, שטעקל־דרייער, אשת־איש׳ניקעס! — האָט ער געמורמלט. — נייע דעה־זאָגער צום טיש!...

און ער האָט צום ווייפֿלטן מאָל אָפּגעפּאַסט ביי זיך, אַבראַמען אינגאַנצן אויסצומעקן פֿון דער צוואה. ער וועט אים קיין קופּערנעם דרייער נישט איבער־לאָזן, ער זאָל אַפֿילו וויסן, אַז די טאָכטער און די אייניקלעך וועלן, חלילה, קומען צו בעטל־ברויט.

## 3

אין ביבליאָטעק איז רויזע־פֿרומעטל צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליצע און אַרויס־גענומען אַ פּעקל כתבים, וואָס איז געלעגן צווישן צוויי צעבויגענע טאָוולען, אַרומגעבונדן מיט אַ גרין בענדל. דער כתב־יד איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צען יאָר, נאָר ער האָט אויסגעזען ווי פֿון הונדערט. דאָס פּאַפּיר איז געווען גרוי און געלבלעך; די בויגנס — פֿון פֿאַרשידענע גרויסן, ס׳רוב אָן נומערן; די שריפֿט — אַ קליינע, אַ שפּיציקע, מיט אַ סך מעקן, צושריפֿטן אין די ראַנדן און איבערשריפֿטן איבער די נישט־געווירעטע שורות. רויזע־פֿרומעטל האָט אַ קלאַמער געטאָן דאָס בינטל אין די געדונצעלטע הענט און עס באַדעכטיק אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

— דאָס איז עס. טוט אויס דעם איבערציער. מאַכטץ ענק באַקוועם.

עוזר־העשל האָט אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ און רויזע־פֿרומעטל האָט אים אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר. דער בחור האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ לעדער־געבעטער שטול און גענומען בלעטערן. פֿון יעדן מיש האָבן זיך אָפּגעבראָכן שטיקלעך. פֿריער האָט ער געכאַפּט אַ בליק אין דער הקדמה. דער מחבר האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער שרייבט דעם דאָזיקן פּירוש נישט ער זאָל געבראַכט ווערן אונטער דער פּרעס פֿון דרוק, נאָר פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר די יעניקע, וואָס וועלן אַרויסקומען פֿון זיינע לענדן. ער האָט דערמאָנט דאָס אויב איינער פֿון זיינע אייניקלעך אָדער אור־אייניקלעך וועט טראַכטן דאָס די רייד זיינען ווערט אַרויס־צוקומען אין אַ ספֿר, זאָל ער פֿריער נעמען אַן הסכּמה ביי דריי רבנים, וואָס זאָלן אורטיילן אויב ער האָט, חלילה, נישט געגרייזט. דאָס חיבור אַליין איז געווען אַ געמיש פֿון חקירה און חסידישע תּורהס, געשריבן אַזוי געדיכט, אַז ס׳איז ערטערווייז אוממעגלעך געווען איבערצולייענען. קיין פּינטעלעך זיינען דאָ נישט געווען אַפֿילו ביים סוף זאַץ. דורך גאַנצע בלעטער איז נישט געווען קיין צייכן פֿון אַ נייעם אָפּזאַץ.

— נו, וואָס הערט זיך? עץ קאָנט אַרויסקריכן? — האָט רויזע־פֿרומעטל געפֿרעגט.

עוזר־העשל האָט זיך אומגעקוקט און דערזען מאַמע און טאָכטער. רויזע־פֿרומעטל האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז טיי און אַ קלאַש מיט קיכעלעך. איידל איז געווען אָנגעטאָן אין דעם אייגענעם געפֿאַלדעטן קלייד און אין דער בלוזע מיט שפּיצן, ווי דאָס ערשטע מאָל ביי ניוניען. קעגן דער רויטלעכער שיין פֿון נאַפֿט־לאָמפּ האָט איר פּנים אויסגעזען מאָגערער, דער שטערן — העכער. די האָר האָט זי געהאַט פֿאַרקעמט אַרויף. דינע קנייטשעלעך זיינען געשטאַנען אין די אויגן־ווינקלען. זי האָט געהאַט אַ געלבלעך־בלאַסע צורה פֿון עמעצן, וואָס איז ערשט נאָר אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ קראַנקהייט.

— גוטן אָוונט. עך האָב געמיינט איר ווילט אונדז מער נישט קאָנען.

— גוטן אָוונט. חלילה! כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט. כ׳האָב יעדן טאָג געטראַכט, און אַזוי — —

— וואָס זאָגט עץ? — האָט רויזע־פֿרומעטל אים איבערגעהאַקט. — מ׳קאָן דאָס לייענען?

— כ׳האָב מורא, מ׳עט מוזן אַלץ איבערשרייבן.

— פֿאַרפֿאַלן.

— מ׳עט אויך דאַרפֿן דאָ און דאָרט עפּעס צושרייבן. אין קלאַמערן. ס׳איז צו־בקיצור.

— נו, טוט עס. ער האָט ליב געהאַט קורץ און שאַרף. אַזוי אין אַלץ. און זי האָט געטאָן אַ זיפֿץ.

— ס׳עט דאַרפֿן דויערן אַ פּאָר וואָכן.

— קיינער יאָגט אייך נישט. קומטץ אַהער יעדן טאָג, ווען עץ האָט צייט, און שרייבטץ איבער. מאַכטץ אייך היימיש. וועגן געצאָלטס וועל עך דורכרעדן מיט מיין מאַן.

— ס׳גייט נישט וועגן דעם.

— וואַרטץ אַ ווייל. עכ׳ל טאָקע גלייך אַ שמועס טאָן. טרינקטץ די טיי. רויזע־פֿרומעטל האָט אָנגענומען ביי אַ פּאָלע פֿון קלייד און איז אַרויס. די טיר האָט געטאָן אַ סקריפּע. איידל האָט געמאַכט אַ טריט נעענטער.

— עך האָב געמיינט, איר׳ט זיך באַליידיקט, אָדער וואָס.

— פֿאַרוואָס? ניין.

— עך האָב מיין פּאַפּאַס נאַטור: עך רעד אָפֿנהאַרציק און קויף מיר שונאים. עך האָב מורא, עכ׳ל האָבן זיין ענדע.

זי איז צוגעקומען נעענטער און זיך צוגעזעצט אויף אַ שטאַפּל פֿון דעם לייטערל, וואָס איז געשטאַנען אין ביבליאָטעק. דאָס קלייד מיט די פֿאַלדן האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פֿעכער.

— וואָס שטייט דאָרט געשריבן? עך האָב וויפֿל מאָל געפּרואווט אַריינקוקן. עך פֿאַרשטיי נישט קאָ׳ וואָרט.

— ס׳איז נישט פֿאַר קאָ׳ מיידל.

— זאָגט מיר כאָטש איין זאַך. עך האָב נישט אַזאַ גראָבן קאָפּ.

— כ׳וויים נישט ווי מ׳הויבט אָן. ס׳איז דאָס וואָס מ׳רופֿט: סכאָלאַסטיק.

— זאָל זיין. ס׳איז מיין פּאַפּאַ.

עוזר־העשל האָט גענומען מישן, נישטערן, זוכן עפּעס אַ לייכטע תורה. פֿריער האָט ער אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט, ווי אויף ניין. דער־נאָך האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים שפּיץ קין. דער שטערן מיט די טיפֿע ווינקלען האָט זיך געקנייטשט. די צורה זיינע האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן. אַ ווייל האָט ער באַקומען אַן אויסזען פֿון אַ יינגל, באַלד — פֿון אַן אַלטן ייד. אַן אויסטערלישער געדאַנק איז איינגעפֿאַלן איידלען: אַז אַזוי האָט אויסגעקוקט דער פֿאָטער אירער בחורוויז...

— נו, כ׳הער.

— ס׳איז פֿאַראַן אַ פּסוק אין קהלת: סובב סובב הולך הרוח ועל סביבותיו שב הרוח. דאָס הייסט: דער ווינט גייט אַרום און אַרום און ער קערט זיך אום פֿון וואַנען ר׳איז געקומען. ס׳ווערט געבראַכט, אַז דאָס מיינט מען די נשמה.

ווען אַ מענטש זינדיקט, ווערט ער נאָכן טויט מגולגל אין אַלערליי באַשעפֿענישן — אין אַ הונט, אַ קאַץ, אַ וואָרעם, און אַפֿילו אין די פֿליגל פֿון אַ ווינט־מיל. אָבער דער סוף איז, אַז די נשמה גייט צוריק פֿון וואַנען זי איז געקומען —

— דאָס זאָגט פּאַפּאַ?

— ניין. דאָס זאָגן אַנדערע. אייער פֿאָטער פֿרעגט די קשיא: פֿאַרוואָס שטייט עפּעס סובב סובב, וואָס דאָס איז אַ פּועל, אַ צייטוואָרט. עס דאַרף שטיין סביב סביב, אַרום און אַרום. דאָס האָט צו טאָן מיט דקדוק, כאָטש ער איז נישט גערעכט.

— נו, וואָס ענטפֿערט ער?

—ער זאָגט, אַז ווען די נשמה ווערט פֿאַרוואָגלט אין אַ חיה, אָדער אַ גראָבן מענטש, איז אין דער בהמה אָדער אין עם־הארץ האָט דער גייסט זיינע גלגולים. עס זיינען דאָ צייטן ווען אַפֿילו אין דעם באַשעפֿעניש שיינט־אויף אַ ליכט און ס׳נעמט זיך דערפֿון וואָס ס׳זיצט אין דעם אַ מענטשלעך נפֿש. מחמת דער גוף איז שווער, און די נשמה — לייכט, קאָן זי נישט איינשטיין אויף איין אָרט, נאָר זי מוז זיך כּסדר קערן און ווענדן, ווען נישט, וואָלט אָדער די נשמה גע־שעדיקט געוואָרן, אָדער דער קערפּער. דאָס מיינט דער פּסוק: סובב סובב הולך הרוח, דער רוח מוז כּסדר זיך בייטן, ווערן דאָ ליכטיק און דאָ פֿינסטער, דאָ הויך און דאָ נידעריק, ועל סביבותיו, און דורך די דאָזיקע דרייעניש, שב הרוח, קערט ער זיך אום צום אָפּשטאַם. דאָס איז דער טייטש פֿון דער גמרא, אַז צדיקים האָבן נישט קיין מנוחה נישט אויף דער־וועלט און נישט אויף יענער־וועלט. וואָרים די נשמה שטאַמט פֿון כּסא־הכּבוד און ווי הויך זי זאָל נישט שטייגן, קאָן זי אַלץ נישט רוען. די נשמה איז דעריבער לויט איר נאַטור אַ סובב, עפּעס וואָס בייט זיך אָן אויפֿהער און טוישט אירע געשטאַלטן. ערשט ווען ס׳וועלן קומען אַלע תּיקונים און אַלץ וועט ווידער ווערן אין־סוף, בלויז גאָט־לעכקייט, וועלן אויפֿהערן אַלע וואַנדלענישן.

די גאַנצע צייט וואָס עוזר־העשל האָט גערעדט, האָט אײדל אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ברייט־צעעפֿנטע אויגן. איר בליק איז געווען סיי שאַרף, סיי דער־שראָקן. בלויע אָדערלעך האָבן געטאַנצט אין די שלייפֿן.

— איר האָט פֿאַרשטאַנען? — האָט ער געפֿרעגט נאָך אַ קווענקלעניש.

— יאָ, אַלץ.

— וואָס זאָגט איר?

— הערלעך שיין!

— זעט איר, אונדזערע ספֿרים האָבן אויך פּאָעזיע.

— ווען דאָס וואָלט געשריבן געוואָרן אויף אַן אייראָפּעאישער שפּראַך!...

עוזר־העשל האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר אין דער רגע האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען פֿריער ר׳ משולם און נאָך אים רויזע־פֿרומעטל. ר׳ משולם האָט צוגעשפּאַנט צום טיש.

— אַ למדן, האַ? — האָט ער אַ זאָג געטאָן — נו, ווי מיינסטו, בחור, קאָנסט דאָס אויספֿאַרריכטן?

— כ׳רעכן, אַז יאָ.

— איך האַלט קנאַפּ פֿון די שרייבעכצער. יעדער באַלעבאָס איז היינט אַ

מחבר. נאר כ׳האב איר צוגעזאגט צו לאזן עס דרוקן. וויפל פארלאנגסטו פאר דיין טירחה?

— וויפל איר׳ט געבן. דאס איז נישט דער עיקר.

— וואס־זשע? דו טוסט עס לשם מצווה?

— יא. ניין...

— וואס ביזטו? א משכיל?

— נישט קיין משכיל.

— אז א בחור פארט־אוועק פון טאטע־מאמע, איז ער שוין נישט קיין צדיק.

— כ׳וויל נישט זיין קיין צדיק.

— וואס דען? א רשע?

— כ׳וויל מיך עפעס אויסלערנען.

— וואס, א שטייגער? פסקנען שאלות?

— דאס קאן איך.

— כ׳הער, נעמסט ביי מיין איניקל א לעקציע. ווי הייסט זי דארט? הדסה. עוזר־העשל איז רויט געווארן.

— יא, פויליש.

— וואס טויג דיר פויליש? איצט איז דא רוסלאנד. צוווייטנס, הדסה ווערט א כלה היינטיקן שבת־צו־נאכט, און פאר א כלה פאסט נישט צו געבן קא׳ לעקציעס...

עוזר־העשל האט געוואלט ענטפערן, נאר דאס לשון איז אים אפגענומען געווארן. אין דער קעל איז אים געווארן טרוקן. דאס גלאז טיי האט א ציטער געטאן אין זיינע פינגער.

— עך מיין באמת? — האט רויזע־פרומעטל א פאטש געטאן מיט די הענט.

— מזל־טוב!

— דער חתן הייסט פישעלע. דער זיידע זיינער, שמעון קוטנער, האט אן אייל־געשעפט אויף דער גנאינע. ער איז א קנאפער למדן, אבער אן ערלעכער מאן. ער פארט צום ביאלאדרעווער רבין. דער בחור לערנט א האלבן טאג אין שטיבל און נאך מיטאג פירט ער דעם זיידנס ביכער.

—ס׳א חידוש, דאכע האט מיר גארניש׳ געזאגט, — האט רויזע־פרומעטל זיך אנגערופן.

אויף דעם אלטנס פנים האט זיך באוויזן א שלויער שמייכל.

— ס׳איז רעכט. מ׳עט דיך פארבעטן. וועסט עסן לעקעך...

און ער האט געטאן א קוק אויף עוזר־העשלען פון אונטער די שפיזיקע ברעמען.

## 4

א לאנגע ווייל האבן אלע געשוויגן. עוזר־העשל האט מיט א ציטערנדיקער האנט אנגענומען א קיכעלע און עס צוריק אוועקגעלייגט. רויזע־פרומעטל האט זיך א שפיל געטאן מיט דער שנור פערל, וואס זי האט אנגעטאן לכבוד חנוכה.

ר׳ משולם האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול, אַרויסגענומען אַ בלאַט פּאַפּיר פון כתב־יד און געפּרוּווט לייענען, נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט די ברילן, האָט ער גאָרנישט געזען. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו רויזע־פרומעטלען:

— וואו איז ערגעץ מיין שפּאַקטיוו?

— עך הויב נישט אָן צו וויסן.

— וואָס ווייסטו יאָ?... וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר? — האָט ער זיך געווענדט צו עוזר־העשלען.

— חסידות.

— מ׳האַלט מיר אין איין ברענגען ספרים: מחברים, פּאַקענטרעגער. נאָר כ׳האָב נישט קיין צייט אַריינצוקוקן. ס׳קאַנטאָר איז פול מיט ספרים.

— פאַרוואָס ברענגט מען זיי נישט אַהער? — האָט רויזע־פרומעטל געפרעגט.

— ווער זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן? דער קאָפּל איז אַן עם־הארץ. ס׳קומען אָן פּעק בריוו. פון רבנים, רביים. כ׳ווייס ווער. נאָר ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל ענטפערן. ס׳וואַלגערן זיך גאַנצע קופּעס.

— אַ שיינער יושר! רבנים שרייבן צו דיר. מ׳קריגט ניש׳ קאַ׳ תשובה!

ר׳ משולם האָט אויף איר אַ קוק געטאָן קרום.

— אַדרבא, ענטפער. ביזט דאָך עפּעס אַ תחינה־יידענע און אַ למדנטע. מיר דינען נישט די אויגן!

— עלעהיי וואָלסטו געבעטן דעם בחור. ער איז, קיינע הארע, אַ קענער.

— הע? קום אַריין צו מיר אין קאַנטאָר אויף גזשיבאָווסקע גאַס. מיין משרת איז אַ קלוגער, נאָר אַ גראָבער יונג.

— ווען זאָל ער קומען?

— פאַל אַריין. וועסט מיר זאָגן וואָס זיי שרייבן אין צוויי ווערטער.

ר׳ משולם האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוריק אַרויס. די טיר האָט געטאָן אַ קלאַפּ. רויזע־פרומעטל האָט זיך אַ דריי־געטאָן אויף די קנאַפּלען, געוואָלט זיך אַ באַרים־טאָן פאַר דעם בחור, אַז זי האָט אים צוגעשאַנצט אַ ניי פאַרדינסטל, אַ קוק געטאָן פרעגנדיק אויף דער טאָכטער, און איז אויך אַרויס. אין ביבליאָטעק איז אַנטשטאַנען אַן אָנגעלאָדענע שווייגנדיקייט. פון אַ ווינקל האָט זיך געהערט אַ קראַצעניש, ווי פון אַ מייזל. איידל האָט זיך געטאָן אַ רוק אויפן שטאָפּל. עוזר־העשל האָט געוואָלט אויפהויבן דעם בליק, נאָר די וויעס זיינען אים געגאַנגען שווער. ער האָט געהאַט אַ משונהדיק געפיל: ווי די שטול, וואָס אויף איר איז ער געזעסן, וואָלט געשטאַנען קרום און געהאַלטן זיך ביים איבערקערן.

— וואָס זענט איר אַזוי צעטומלט געוואָרן? — האָט איידל געפרעגט און אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן־אַראָפּ און פון אונטן־אַרויף.

— צעטומלט? איך?

— איר׳ט זיך פאַרליבט אין איר, אָדער וואָס?

— פאַרליבט? כ׳ווייס נישט וואָס איר מיינט.

— זי איז אַן אויבערפלעכלעך מיידל און קאָן גאַנץ ווייניק. זי׳ט צומאָל ניש׳ געקראָגן קאַ׳ מאָטורע.

— זי איז געוואָרן קראַנק.

— אַלע שלעכטע שטודענטן ווערן קראַנק פֿאַרן עקזאַמען.

— זי איז געווען אין אָטוואָצק. ניין חדשים.

— עך קאָן די קונצן. מ׳נאַרט־אָפּ זיך זעלבסט און די אַנדערע.

פֿון דער סאַלע האָט זיך דערהערט אַ צוגעדושעטע קלינגעניש. דאָס האָט דער שענקל־זייגער אויסגעקלונגען ניין. איידל האָט זיך געוואָלט אויפֿשטעלן, נאָר אַ קני איז איר געהאַט פֿאַרשלאָפֿן געוואָרן. זי איז ווי צוגעזעסן געוואָרן צו דעם שטאָפּל.

— עך האָב געמיינט עך זענט אַן ערנסטער בחור — האָט זי געזאָגט, אַליין דערשטוינט פֿון איר דרייסטקייט.

— וואָס האָב איך געטאָן ?

— אַז מ׳פֿאַנגט־אָן שטודירן, אין אייער עלטער, מוז מען לערנען טאָג און נאַכט, נישט נאָכלויפֿן מיידלעך.

— כ׳לויף קיינעם נישט נאָך!...

— מ׳ציט זיך נישט אַריין אין אַ שמוציק הויז.

— פֿון וואַנען ווייסט איר? ס׳איז נישט שמוציק.

— עך ווייס אַלץ. די רביצין איז אַן אויסגעלאָסענע פּרוי. דער אַבראַם איז אַ שאַרלאַטאַן. אַ שיינע געזעלשאַפֿט פֿאַר אַ ישיבה־בחור!...

עוזר־העשל האָט זיך געטאָן אַ שאָקל. דער כּתב־יד איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זיינע הענט און זיך צעשאָטן אויפֿן טעפּיך. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן אים אויפֿצוהייבן, נאָר ער האָט אים געלאָזט ליגן. די אוממעכטיקייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען, האָט אין זיך געהאַט עפּעס פֿון אַ חלום.

— עך וויל אייך נישט באַליידיקן. איר האָט אין זיך עפּעס. ווען נישט, וואָלט עך איבערהויפּט מיט אייך נישט גערעדט.

— אַ שיינעם דאַנק.

— דאַנקט נישט אַזויפֿיל און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. איר זענט נישט אַזאַ חסיד. זיצט אויך נישט אַזוי איינגעבויגן. איר זענט נאָך נישט אַלט קאַ׳ן אַכציק יאָר!

עוזר־העשל האָט זיך געפּרואווט אויסגלייכן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם מיידל. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אַ שמייכל איז דורכגעלאָפֿן איבער איר שאַרף פּנים.

— איר זענט אַ זעלטענער געמיש — האָט זי געזאָגט — פֿון אַ קלייזל־בחור און אַ שייגעץ.

— איר מאַכט חוזק.

— קיין חוזק. יענע אין דער שוויץ זיינען אַזעלכע שוואַרצע און געקרייזלטע. אַזוינע געניטע שנאָרער!... וואָס איר דאַרפֿט, איז — אַן עכטן פֿריינט און אַ סך דיסציפּלין.

— יאָ, דאָס איז אמת.

— אויב איר ווילט ווירקלעך שטודירן, קאָן עך אייך העלפֿן. אַ סך מער פֿון הדסהן.

— כ׳האָב געמיינט, איר פֿאָרט אַוועק.

— פֿילייכט יאָ. דערווייל נישט.

זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט און גענומען צוזאַמענקלויבן די בויגנס. נאָך אַ ווייל האָט ער זיך אויך אַראָפּגעבויגן צו די כּתבים. ער האָט אָנגענומען אַ בינטל, נאָר עס איז צוריק אַרויסגעפֿאַלן און זיך צעשאָטן. ער האָט אַנידערגעקניט און אויפֿגעקליבן בלעטל ביי בלעטל. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אײדלס פֿינגער און באַקומען אַ שטאָך פֿון אירע נעגל. באַלד האָבן ביידע זיך אויפֿגעשטעלט און אײדל האָט אים געהאָלפֿן גלייכלייגן דעם מאַנוסקריפּט. זי האָט זיך געבויגן איבער זיין אַקסל און עס האָט אַ שמעק געטאָן פֿון איר מיט לייב און קימל־פּערפֿום.

— נו, גענוג אויף היינט. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

— אויב איר ווילט, קאָן עך אייך מאָרגן געבן די ערשטע לעקציע.

— פֿאַרוואָס נישט? אַדרבא.

— און זייט נישט אַזוי שעמעוודיק. ס׳פּאַסט נישט פֿאַר קיין עפּיקורייער...

ער איז געקומען אַהיים אַ שטיק נאָך צוועלף. פֿון דער גרויסער שטוב האָבן זיך געהערט געשרייען און געלעכטערס. דאָס האָבן לאַפּידעס און ברוידע געפֿירט זייער שטענדיקן וויכּוח. נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט וויזן פֿאַר קיינעם. ער איז שטילערהייט אַריין צו זיך אין שטיבל און נישט אָנגעצונדן די עלעקטרע. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין די מלבושים אויפֿן בעטל און געבליבן אַליין מיט דעם חשכות. פּאַסן ליכט האָבן זיך געקרייצט אויפֿן באַלקן, פֿאַרלוירן געוואָרן אין די ווינקלען. אויף די שויבן האָבן זיך צעבליט ווייסע פֿראָסט־בוימער. ער איז נאָך נישט געהאַט געווען קיין גאַנצן חודש אין וואַרשע, אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן שפּילן אַ ליבע און פֿאַרשפּילט. הדסהס שטוב איז פֿון היינט־אָן געווען פֿאַר אים פֿאַרשלאָסן. היינטיקן שבת־צו־נאַכטס האָט מען דאָרט געזאָלט שרייבן תּנאים מיט אַ בחור פֿישעלע, וואָס אַ האַלבן טאָג לערנט ער אין שטיבל און דעם אַנדערן האַלבן פֿירט ער דעם זיידנס ביכער...

עוזר־העשל האָט זיך געפּרוּווט טרייסטן דערמיט וואָס סיי ער, סיי הדסה, סיי פֿישעלע און ר׳ משולם, זיינען אַלע באַוועגונגען פֿון דער אומענדלעכער סובסטאַנץ, בלעזלעך אין דעם ים פֿון דער געטלעכקייט. אַלץ, וואָס געשעט מיט אים היינט און וואָס וועט פּאַסירן אין דער צוקונפֿט, איז נויטווענדיק, באַשטימט לויט די אייביקע געזעצן, אומפֿאַרענדערלעך. אָבער שפּינאָזאַס לערע האָט אים נישט געהאָלפֿן אין דעם באַדרענגעניש. ער איז נאָך ווייט געווען פֿון דער מדרגה ליב צו האָבן גאָט מיט אַן אינטעלעקטועלער ליבשאַפֿט, אומאָפּהענגיק פֿון די טאָג־טעגלעכע טראַפֿן. ער איז פֿול געווען מיט אַפֿעקטן און ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מ׳פֿאַרטרייבט זיי און מיט וואָס ער זאָל זיי פֿאַרבייטן...

# קאפיטל פינף

## 1

עוזר־העשל איז געזעסן ביי זיך אין שטיבל, אין גינעס וואוינונג, און אריינגעקוקט אין די אפגענוצטע שול־ביכלעך, וואס ער האט איינגעקויפט אויף דער שוויענטא־קזשיסקע גאס, ביי די יידישע הענדלער פון אלטע ביכער. דא האט ער געכאפט א קוק אין א געאגראפיע און דא — אין דער היסטאריע פון רוסלאנד; אט האט ער גענומען בלעטערן אין א רוסישער גראמאטיק און אט — אין א וועלט־געשיכטע. עס האט זיך דארט גערעדט וועגן שארלמאין, דעם גרינדער פון דער הייליקער רוימישער אימפעריע. דער פארפאסער האט געשילדערט שארלמאינען ווי א גרויסן מאן, א פארטיידיקער פון דער קירך, א רעפארמאטאר. עוזר־העשל האט א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— נו, יא, וואס גרעסער דער רוצח, אלץ מער לויבט מען אים... דער מין מענטש האט ליב דעם מערדער...

ער האט געפרואווט אוועקיאגן די מחשבות און זיך איינגאנצן אריינטאן אין לייענען. ער האט געוואוסט, אז אויב ער וויל אפגעבן עקזאמען אויף אכט קלאסן און אריינטרעטן אין אוניווערסיטעט, טאר ער זיך נישט גריבלען, נאר לערנען טאג־און־נאכט, ווי אידל האט געזאגט. אבער ער האט נישט געקאנט אפטרייבן די מחשבות. וואס איז דאס פאר א וועלט? מ׳האלט אין איין שעכטן, רויבן, פייניקן, און מ׳רעדט וועגן גערעכטיקייט, פרייהייט, ליבע. נו, און ער אליין, עוזר־העשל, וואס טוט ער אויף? ער זיצט און קנעלט קינדער־ביכלעך, אפשר וועט ער אמאל, אין צען יאר ארום, באקומען א שטיקל דיפלאם. איז דאס שוין דער תכלית? צוליב דעם לוינט זיך צו וואלגערן אין דער פרעמד? איז דאס אלץ, וואס ס׳איז געווארן פון זיינע יינגלשע חלומות? יא, ער איז אראפגעפאלן פון דער מדרגה. ער איז שוין, אזוי גיך, אין דער גרויסער שטאט געווארן א קליין מענטשעלע מיט פיצעלעך השגות...

עוזר־העשל האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען ארויסקוקן פון פענסטער. דער ניקעלנער זייגער אין וועסטל־קעשענע האט געוויזן האלב פיר, אבער דער ווינטער־פארנאכט האט שוין גענומען צופאלן. אין הויף, וואוהין דאס פענסטער איז ארויסגעגאנגען, איז געווען טויב־שטיל. א שיטערער שניי איז געפאלן פון געלבלעך־אנגעוואלקנטן קווארדראט הימל, וואס האט געהויערט איבער די קרומע דעכער. אויף דעם שפיץ פון א וועטער־האן איז געשטאנען א קרא. אקעגן די ווייסע שטחים האט זיך איר שווארצקייט אפגעשלאגן בלוי. זי האט א פארגליווערטע געקוקט ערגעץ ווייט אוועק, איבער אלע קוימענס, ווי זי וואלט געזען זאכן פון אלעמען פארהוילענע. אויפן ברעג דאך, נעבן דער רינע, האט באדעכטיק געשפאנט א קאץ. א גויע מיט א זאק אויף די פלייצעס איז אריין דורכן טויער, צוגעגאנגען צום מיסט־קאסטן און מיט א האקן גענומען גראבלען אין אפפאל. זי האט ארויסגעצויגן עטלעכע שמאטעס און אריינגעלייגט אין זאק. דערנאך האט זי אויפגעהויבן צו די אויבערשטע שטאקן אן ערדיק־איינגעשרומפן

פנים מיט אַ רויט־פֿאַרריסן נעזל און זיך צעזונגען מיט אַ מעלאָדישער שטים:

— קאַשטשי קופּויע, ביינער קויף איך, שמאַטעס קויף איך, ביינער, ביי־נער!...

עוזר־העשל האָט אָנגעשפּאַרט דעם וואַרעמען שטערן אין דער קאַלטער שויב. זי איז אַמאָל געווען אַ יונגע שיקסע, האָט ער געטראַכט, און דער אָקס, וואָס זיינע ביינער וויל זי קויפֿן, איז געווען אַ קעלבל און איז אַרומגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע. די נאַטור פֿאַרוואַנדלט אַלץ אין מיסט. קיין שום פֿילאָזאָפֿיע קאָן דאָ נישט העלפֿן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעטל און צוגעשלאָסן די וויעס. מער ווי צוויי זעמל און אַ שטיקל קעז, וואָס ער האָט היינט געגעסן אויף אָנבייסן, האָט ער נאָך נישט געהאַט אין מויל. ער האָט נאָך געהאַט די פּאָר גראָשן אָפּצועסן אין דער גאָרקיך אַ גריץ מיט ברויט, נאָר ער איז פֿויל געווען אַראָפּצוגיין אין גאָס. הדסה וועט אויך ווערן אַלט, האָט ער געקלערט. זי וועט שטאַרבן און מען וועט זי פֿירן אין אַ לוויה אויף דער גענשע גאָס, צום בית־עולם. היינט, צו וואָס איז די ליבע? פֿאַרוואָס זאָל ער בענקען נאָך איר? וואָס שאַדט דאָס אים וואָס זי ווערט אַ כּלה מיט פֿישעלען? ניין, ס׳דאַרף אים גאָרנישט אַרן. ער מוז אויס־אַרבעטן אין זיך די גלייכגילטיקייט, וואָס עס האָבן די יאָגיס. ער מוז זיך אויס־לערנען אַריינצוטרעטן לעבעדיקערהייט אין דער נירוואַנאַ.

ער האָט גענומען איינדרימלען. פֿריער איז פֿאַר די אויגן געוואָרן ברוין, שפּעטער — בלוי. אין דער בלויקייט האָבן זיך גענומען אויסשיילן בלימעלעך, שטענגעלעך, בלעטערלעך, שמעטערלינגען, געלע, גרינע, רויטע, וויאָלעטע. אַ פֿייערדיקער היישעריק האָט זיך געשאָטן, געהאַלטן אין איין בייטן די פֿאַרבן. שאָטנדיקע געשטאַלטן האָבן זיך באַוועגט, זיך געפּאָרעט, גערעדט אָן אַ קול, אין אַ גרייזיק לשון, אָן אַ האַפֿט. מיט אַמאָל איז אויסגעוואַקסן קליין־טערעשפּאָל. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז עס איז אַ זומער־נאָכמיטאָג. ער זיצט הינטערן שטעטל, אויף אַ גראָזיק בערגל, און לייענט אַ בוך. פּלוצלינג זעט ער, אַז פֿון מיטן דעם שול־געסל, נישט ווייט פֿון בית־מדרש, הויבט זיך אָן ציען אַ וואַרשעווער גאָס, מיט טראַמווייען, דראָשקעס, אויטאָמאָבילן, שוי־פֿענסטער, מחנות פֿאַרביי־גייער. זע נאָר, וואַרשע איז דאָך נעבן קליין־טערעשפּאָל! — האָט ער אַ רוף געטאָן. — עס איז דאָך איין שטאָט. אויב אַזוי, צו וואָס האָב איך באַדאַרפֿט אַוועק פֿון דער היים? איך קאָן דאָך אַ גאַנצן טאָג זיין אין וואַרשע און ביינאַכט אַהיימקומען שלאָפֿן!... ניין, ס׳קאָן נישט מעגלעך זיין. ס׳חלומט זיך מיר!...

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ קלינגען אין דער דרויסנדיקער טיר. ס׳איז שטיל געוואָרן. נאָר אַביסל שפּעטער האָט ער ווידער פֿאַרנומען אַ קלונג — אַ קורצן, אַ זיג־זאַגישן. אַ ווייל האָט ער מער גאָרנישט געהערט. מיט אַמאָל האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער שויבן־טיר. ער האָט געעפֿנט די אויגן און דער־זען דורך די מילך־שויבן צוויי סילועטן. אין שטיבל איז שוין געווען טונקל. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט געוואוסט, אַז מ׳דאַרף עפּעס זאָגן ווען עמעץ קלאַפּט אָן, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן וואָס. ער האָט אַ רוף געטאָן:

— כ׳בין דאָ!

די טיר האָט זיך געעפֿנט און גינע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

— עפּעס אַ פֿרייליין פֿרעגט זיך אויף אייך. קאָן זי אַריינקומען?

— צו מיר? יאָ.

גינע האָט זיך אָפּגערוקט אויף צוריק און עס איז אַריין הדסה, אין אַ זשאַקעטל פֿאַרקנעפּלט מיט שלייפֿלעך, אין אַ סאַמעטענעם בערעט און אין שיך מיט אויבער־זאָקן. איינצלנע שנייעלעך זיינען איר געבליבן הענגען אויף די אַקסלען. זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ שוואַרצן טאַש און אַ דין ביכל מיט רויטע טעוועלעך. זי האָט זיך אומגעקוקט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אָפּצוטרעטן אויף הינטערווייליכץ. גינע האָט נאָך אַ קווענקלעניש פֿאַרמאַכט די טיר.

— דער פּאַן דערקענט מיך נישט? — האָט הדסה געפֿרעגט אויף פּויליש.

— יאָ, יאָ.

— איך בין הדסה.

— יאָ, הדסה.

— איר זענט געשלאָפֿן? כ׳האָב אייך אויפֿגעוועקט?

— ניין, וואָס פֿאַר אַ גאַסט!

ער איז אַראָפּ פֿון געלעגער און געבליבן שטיין אַ צעשויבערטער, אַ בלאַסער, מיט שטרויכלענדיקע פֿיס. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— גאָט אין הימל, וועמען איך זע!

— פֿאַרוואָס זענט איר נישט געקומען? כ׳האָב געמיינט, איר זענט קראַנק.

— ניין, נישט קראַנק. זאָל זיך די פּאַני זעצן.

— מיר האָבן געזאָלט האָבן אַ לעקציע און דער פּאַן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. דער פֿעטער אַבראַם האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס.

— כ׳ווייס נישט ווי די פּאַני צו דאַנקען!

— כ׳האָב געמיינט, איר האָט זיך באַליידיקט.

— באַליידיקט? אויף דער פּאַני? פֿאַרוואָס?

— איר האָט אַפֿילו נישט טעלעפֿאָנירט.

— מ׳האָט מיר פֿאַרבאָטן צו קומען צו דער פּאַני — האָט ער אַ זאָג געטאָן אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין.

— ווער האָט פֿאַרבאָטן?

— דער זיידע. דער פּאַן מושקאַט. ער׳ט געזאָגט, אַז די פּאַני ווערט אַ כּלה...

— אָך, ס׳איז נישט אמת.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג שטול, ביי דער זייט פֿון טישל. זי האָט אויסגעטאָן אַ הענטשקע און זי באַלד צוריק אָנגעטאָן.

— אפֿשר האָט איר נישט קיין צייט? כ׳גיי גלייך.

— כ׳האָב גענוג צייט.

— כ׳האָב געמיינט, אויסער דער לעקציע זענט איר אַ פֿריינט. כ׳האָב יעדעס מאָל געפֿרעגט די דינסט צי איר האָט נישט אָנגעקלונגען. דער פֿעטער אַבראַם האָט זיך אויך געפֿרעגט אויף אייך.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ביכל? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, ווי איבער־צורייסן אירע ווערטער.

— דאָס? פֿון קנוט האַמסן. וויקטאָריע.

— אַ ראָמאַן?

— יאָ.

— אפשר וויל די פּאַני עפּעס? אַ גלאָז וואַסער?

— ניין, גאָרנישט. איר לערנט, זע איך, אַליין.

— וואָס זאָל איך טאָן? כ'האָב מורא כ'על דאָס אַלץ נישט אויסהאַלטן. די עקזאַמענס. די ביכלעך. כ'בין צו־אַלט.

— איר מוזט דאָך עפּעס דערגרייכן.

— צו וואָס? מ'קאָן רעזיגנירן אויך.

— דער פּאַן איז אַזאַ פּעסימיסט. איך בין אַליין אויך געשטימט מעלאַנכאָליש. אַלע זיינען געגן מיר: דער זיידעשי, פּאַפּאַ, אַפילו די מאַמעשי.

— וואָס ווילן זיי?

— איר פֿאַרשטייט אַליין. איך קאָן נישט. ס'איז געגן מיין נאַטור.

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. דער דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן ווערן בין־השמשותדיק בלוי. דער שניי איז געפֿאַלן פּאַמעלעך, אַ פֿאַרטראַכטער, אַ קדמונישער. אין פֿענסטער האָבן זיך אָנגעצונדן לאָמפּן. ס'האָבן זיך געצויגן פֿון זיי ליכטיקע שטריען. ערגעץ ווייט, פֿון יענער זייט מויערן, האָט זיך דערטראָגן אַ צוגעדושעט זשומען, וואָס האָט דערמאָנט סיי אין דעם בלאָזן פֿון אַ ווינט, סיי אין דעם שאָרכן פֿון אַ וואַלד. עוזר־העשל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און צוגעשלאָסן די אויגן־לעדלעך. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג, די זון זאָל זיך אָפּשטעלן, ווי אין די צייטן פֿון יהושע, דער בין־השמשות זאָל אייביק דעמערן און ער זאָל דאָ אַזוי בלייבן שטיין נעבן איר, ביז אין דער אומענדלעכקייט...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. דאָס שמאָלע פּנימל איז געווען איינגעהילט אין שאָטנס. אין די גאָלדענע האָר האָט זיך געשפּיגלט עפּעס אַזוינס, ווי אַ ווייטע שקיעהדיקע שיין, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין דער לעצטער מינוט. די אויגן האָבן אַפּערגעקוקט פֿון די שאָטנדיקע נעצן ברייט־צעעפֿנטע, נאַכטיש־סודותדיקע. עוזר־העשלען האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט שוין דאָס אַלץ אַמאָל איבערגעלעבט, אין חלום, אָדער אין אַ פֿריערדיקן גלגול. די האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט, ווי אויף אייגענער אַחריות, און אָנגענומען איר אַרבל, נאָענט צום געלענק. ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— כ'האָב געבענקט נאָך דער פּאַני. זייער שטאַרק.

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן, נאָר זי האָט זיך נישט אַרויסגעריסן. זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיטן האַלדז, ווי זי וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען.

— איך אויך — האָט זי געענטפֿערט. — די גאַנצע צייט!...

## 2

ס'איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָונט. הדסה איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. נאָר עוזר־העשל האָט נישט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ. ער איז געלעגן אין די מלבושים אויפֿן בעט און מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן געקוקט פֿאַר זיך, אין דער פֿינסטערניש, וואָס איז פֿון מאָל צו מאָל דורכגעריסן געוואָרן פֿון פֿאַסן ליכט, וואָס האָבן דורכגעקרייצט דעם סופֿיט און איינגעשלונגען געוואָרן אין די ווינקלען. ער האָט געוואָלט זיין רואיק. ער האָט דאָך ערשט מיט עטלעכע שעה פֿריער אָפּגעפּאַסט זיך צו באַפֿרייען פֿון אַלע הבל־הבלימשע באַגערן און אַריינ־צוטרעטן אין דער נירוואַנאַ. אָבער עפּעס אין אים האָט געצאַפּלט, זיך געוואָרפֿן, גערעדט גיך־גיך, ווי אין אַ היץ־שלאָפֿקייט. איז דאָס מעגלעך? חלומט זיך מיר נישט? האָט זי דאָס אויף אַן אמת געזאָגט?... לאָמיר אַפֿילו זאָגן, אַז ס'דוכט זיך מיר, נו, איז וואָס? די גאַנצעווירקלעכקייט איז דאָך, לויט בערקלעי, נישט מער ווי אַ חלום, אידעען אין גאָט... אַפֿילו לויט קאַנטן איז אויך נישטאָ יענע רעאַליטעט, וואָס מיר באַנעמען. איך און הדסה זיינען זאַכן־אין־זיך, נישט אונטער־געוואָרפֿן קיין צייט, קיין מאָס, קיין צאָל, קיין סיבות. מיר זיינען, הייסט עס, גייסטער... אָך, וואָסערע נאַרישקייטן! מיר זיינען צוויי מענטשן און מיר האָבן זיך ליב. זי וויל נישט דעם פֿישעלען. זי וועט חתונה האָבן מיט מיר... ניין, דאָס קאָן נישט מעגלעך זיין! דער זיידע וועט נישט דערלאָזן. סיידן ער זאָל שטאַרבן. פֿע, מ'טאָר נישט בעטן אויף קיינעמס טויט... מאָרגן וועט זי דאָ ווידער זיין. און אַפֿשר וועט זי נישט קומען? אַפֿשר וועט זי חרטה האָבן? אַפֿשר האָט זי שוין חרטה, אין דער מינוט? אָבער דער קוש און די ווערטער קאָן זי נישט צוריקנעמען. זיי געהערן שוין צו דער פֿאַרגאַנגענהייט. זיי זיינען אַ טייל אין דער געשיכטע פֿון קאָסמאָס...

דאָ האָט זיך עוזר־העשלס געדאַנק אָפּגעשטעלט. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר ס'איז נישט אַרויס קיין קול. באַלד האָט די טיר זיך אויפֿגעמאַכט און גינע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. ער האָט דערזען אַקעגן דער שיין, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן פֿון קאָרידאָר, די הויכע פֿריזור באַלייגט מיט פֿרעמדע לאָקן, באַשטעקט מיט קאַמען, און די לאַנגע אויערינג, וואָס די דימענטן זייערע האָבן געשאָסן מיט קאָלירן.

— עוזר־העשל! איר שלאָפֿט?

— האַ? ניין, ניין.

— ווי איז מיר? וואָס־זשע ענטפֿערט איר נישט? וואָס זיצט איר עפּעס אין דער פֿינסטער? מ'מעג שוין אָנצינדן אַ ליכט. ס'שטייען שוין דריי שטערן.

— ס'איז דען שבת? — האָט ער געפֿרעגט אַ פֿאַרווירטער.

— זעטץ נאָר, ער פֿאַרשטייט נישט קאַ' וויץ. אַז ס'קומט צו אייך אַ מיידל, דאַרף מען שוין זיין אַזוי צעיאַכמערט? כאָטש, צוריקגעשמועסט, קאָן איך אייך פֿאַרשטיין: זי איז שיין ווי די וועלט! מעג איך אָנצינדן?

— יאָ, אוודאי.

זי האָט אויפֿגעדרייט די עלעקטרע און ער האָט זיך אויפֿגעזעצט. דאָס

ליכט האט אים א וויל פארבלענדט און ער האט גענומען רייבן די אויגן. גינע איז געבליבן שטיין האלב־אנגעלענט אן דער וואנט.

— זאגט מיר, מיין טייער יינגל, איר עסט, אדער איר פאסט?

— וואס פאלט אייך עפעס איין? אוודאי עס איך.

— וואו עסט איר? איך וויל, איר זאלט עסן ביי מיר מיטאג. פון מארגנ־אן. אפשר ווילט איר עפעס איצט? זעמל מיט פוטער, קעז, אייער?

— א שיינעם דאנק. כ׳בין זאט.

— פון וואס זענט איר אזוי זאט? איר זיצט שוין אין שטוב לאנגע שעהן. אויב איר האט אפילו געגעסן אויף אנבייסן אן אקס מיט קאפיטעס, חלשט אייך שוין אויך דאס הארץ. זייט מיר מוחל וואס כ׳מיש זיך אין פרעמדע עסקים. איך וואלט דאך שיער ניש׳ געקאנט זיין אייער מאמע.

— חלילה. באמת. כ׳בין נישט הונגעריק!

— שטייט אויף. קומט אריין צו מיר. איר זענט דאך נאך אפילו נישט געווען אין מיין עס־שטוב. מיינע סובלאקאטארן זיינען אלע אוועק און קיינער וועט אייך נישט שטערן. כ׳בין טאקע ניש׳ קא׳ יונג מיידל, אבער אנטלויפן פון מיר דארף מען אויך נישט!

ער איז אויפגעשטאנען, גלייך־געמאכט דעם קאלנער, דאס היטל, און איז איר נאכגעגאנגען מיט וואקלדיקע טריט. זי האט אים אנגענומען ביים האנט־געלענק און אים געפירט דורכן לאנגן קארידאר. די עס־שטוב האט זיך געפונען רעכטס. ס׳איז דא געשטאנען א קרעדענס, א גרויסער טיש מיט גראבע פיס, ארומגערינגלט מיט שטולן. גינע האט געהייסן עוזר־העשלען זיך צוזעצן און אליין איז זי ערגעץ אוועק. זי האט זיך באלד אומגעקערט מיט א טאץ אייער־קיכלעך און א פלעשל ליקער. זי האט א זאג געטאן:

— דערווייל, איידער איר וואשט אייך, נעמט עפעס. אויב איר ווילט עסן אומגעוואשן, ארט מיך אויך ניש׳. כ׳בין נישט אזא צדיקת. פארן ליקער דארפט איר נישט קא׳ מורא האבן. ער איז זיס און שוואך, ווי מיר, ווייבער, האבן ליב.

עוזר־העשל האט באדאנקט, גענומען א קיכל און גינע האט אים אנגעגאסן אין א גלעזל א רויטע משקה. ער האט א מורמל געטאן, ווי ער וואלט געמאכט א ברכה, אדער זיך געגרייט צו זאגן לחיים. ער האט געטאן א טרונק און פאר־ביסן. גינע איז ווידער ארויס און געבראכט הערינג מיט געהאקטער מילך, א טעצל פוטער, א קיישעלע מאן־זעמעלעך. זי האט געזאגט:

—איר קאנט עסן אן שאר־ידיכם. איכ׳ל קיינעם נישט דערציילן. איר׳ט מערטשישעם טאן גרעסערע עברות!...

ער האט זיך געקווענקלט און אפגעבראכן א שטיקל זעמל. זי האט גענומען א מעסער און פאר אים אנגעשמירט פוטער. אן אלט־מאדישער זייגער, וואס האט דא געהאנגען, מיט לאנגע קייטלעך און באגילדעטע וואגעס, האט גענומען שארכן, זיך קרעקן, און הייזעריק אויסגעקלונגען אכט. גינע האט א קוק געטאן אויפן ציפערבלאט.

— ס׳ערשט אכט אזייגער? — האט זי געפרעגט. — און מיר האט זיך געדוכט, אז ס׳איז שוין שפעט. כ׳זיץ דא אזוי איינע אליין און די שעהן שלעפן

זיך. אַפּראָפּאָ, ווער איז דאָס מײדל, וואָס איז ביי אייך געווען? כ׳וואָלט געשווארירן, אַז ס׳איז ניוניע מושקאַטס טאָכטער.

— יאָ, זי.

— כ׳האָב אַ סך געהערט וועגן איר, נאָר כ׳האָב זי קײנמאָל נישט געטראָפֿן. מאָלט אײך אויס: אַבראַם, דער פֿעטער, איז פֿאַרליבט אין איר. אָבער גאָר שטאַרק.

עוזר־העשלען איז דער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— אַבראַם? ס׳קאָן נישט זיין!...

— אַז איר׳ט לעבן, וועט איר זיך דערוויסן, אַז אַלץ איז מעגלעך. ס׳איז, מאָלט אײך, אַ סוד, נאָר מ׳ווייסט. וואָס זאָגט איר דערצו? אַזאַ אַלטע בהמה!

— ער האָט דאָך אַ ווייב.

— נו, איז וואָס? ביי אים אַ ווייב שפּילט ניש׳ קאַ׳ ראָלע. דאָס איז נישט קאַ׳ מאַנסביל, נאָר אַ ווּולקאַן. חתונה האָבן, פֿאַרשטייט זיך, קאָן ער נישט מיט איר, ער זאָל אַפֿילו גטן זיין יידענע. אָבער די ליבע ווייסט נישט פֿון קײן צוימען. שטעלט אײך פֿאָר: מ׳רעדט איר שידוכים, נאָר ער לאָזט נישט צו.

— פֿאַרוואָס?

— ער איז פֿעפֿערזיכטיק. פֿאַרוואָס ער לאָזט, זי זאָל זיך חברן מיט אײך, פֿאַרשטיי איך נישט. פֿון וואַנען האָט זי געוואוסט אייער אַדרעס?

— האַ? אַבראַם האָט איר געזאָגט.

— זעט איר! אַלץ אַבראַם! ער האָט זיך זיינע חשבונות. ער האָט באַהערשט די גאַנצע שטוב: ניוניען, דאַכען, ס׳מײדל. מ׳רירט זיך נישט אָן אים. ער האָט זיי אַלעמען ווי היפּנאָטיזירט.

עוזר־העשל האָט אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן וואָס. ער האָט מיטאָמאָל אַלץ דערזען טאָפּלט: גינען, דעם לאָמפּ, דעם קאָפּל־אויוון מיטן באַגילדטן געזימס, דעם זייגער. ער האָט געפּרוּווט אָננעמען אַ שטיקל זעמל, נאָר ער האָט אָנגערירט לײדיקייט. די שטול אונטער אים האָט ווי פֿאַרלוירן דעם באָדן.

— איר׳ט, דוכט זיך, געכומען אַ לעקציע ביי איר — האָט גינע האַלב־געזאָגט האַלב־געפֿרעגט.

— יאָ, אַ לעקציע.

— אויב ס׳איז אײך אומבאַקוועם צו גיין צו ניוניען אין שטוב אַריין, קאָן זי אײך דאָ לערנען. אָבער פֿאַרליבט זיך נאָר נישט אין איר! ערשטנס איז זי אַ לונגען־קראַנקע. זי איז, נישט היינט געדאַכט, אָפּגעלעגן ניין חדשים אין אַ סאַנאַטאָריע; צווייטנס, וועט אײך אַבראַם דורס זיין, כאָטש צוריקגעשמועסט, איז מעגלעך, אַז ער וויל דאָס. ער האָט זיך זיינע משוגענע אויסרעכענונגען. איר זענט אים שטאַרק געפֿעלן. דאָס אַלץ רעד איך ניש׳, חלילה, מיט עפּעס אַ כּוונה — וואָס גייט מיך אָן? — נאָר סתּם אַזוי, ווייל ס׳איז מיר אומעטיק. מוראַדיק אומעטיק, מיין יינגל. אַזוי ווייט, אַז ס׳ווילט זיך שטאַרבן.

— חלילה. איר זענט נאָך אַ יונגע פֿרוי.

— נישט אַזוי יונג און נישט אַזוי קלוג. כ׳ווייס נישט וואָס מענטשן רעדן וועגן מיר — קאַ׳ גוטס נישט! — נאָר איך בין דער סאַמע היפּוך פֿון אַבראַמען.

ער קאָן ליב האָבן יעדן, אַפֿילו אַן אַלטע גויע, און איך קאָן ליב האָבן בלויז איין מענטש. ווען כ׳וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין גוטע הענט, וואָלט איך געווען ס׳געטרייסטע ווייב. אָבער מיין מוטער עליה השלום האָט מיך געוואָלט פֿאַרזאָרגן. איר׳ט מסתמא געהערט: איך בין דעם ביאַלאָדרעוונער רבינס טאָכטער.

— יאָ, כ׳ווייס.

— ס׳אַ לאַנגע מעשה. כ׳זאָל אייך וועלן דערציילן אַ טויזנט־חלק, וואָלט איך מיט אייך געדאַרפֿט זיצן זיבן טעג און זיבן נעכט. נאָר צו וואָס זאָל איך אייך פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט מיינע טראַגעדיעס? איר זענט נאָך אַ יונגער בחור. כ׳האָב מיך אָפּגעמאַטערט מיט דעם מאַן מיינעם, דעם עקיבאַן, עלף יאָר. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד: כ׳האָב אים פֿיינט געהאַט באַלד פֿון אָנהויב אָן. מיט הערץ יאַנאָווער קאָן איך מיך פֿון קינדוויז אָן. זיין פֿאָטער, ר׳ ישראל יאַנאָווער, איז געווען ראש־ישיבה אין טאַטנס בית־מדרש. אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון אַ בייז שטערנטיכל. יאָ, כ׳וויל, איר זאָלט זיך באַקענען מיט אים. ער איז אַ גרויסער געלערנטער און אַ למדן. זאָגט מיר, איר האָט עפּעס צו טאָן היינט ביינאַכט?

— ניין, גאָרנישט.

— אפֿשר ווילט איר אַריבערגיין צו אים? כ׳האָב אים דערציילט וועגן אייך און ער איז נייגעריק זיך מיט אייך צו באַקענען. אויב איר ווילט, קאָנען מיר ביידע צופֿאָרן. איכ׳ל נעמען אַ שליטן. וואָס שאַדט עס אייך? איר׳ט זיך אַביסל דורכפֿאָרן און מיר וועט זיין פֿריילעכער. איר מעגט אויס מיר לאַכן, נאָר כ׳וויל אייך הערן אייער מיינונג וועגן אים. איך אַליין בין שוין אַזוי צעמישט, אַז כ׳ווייס מער גאָרנישט. איר קאָנט אייך אויסמאָלן אַזאַ צושטאַנד? אײַלט אייך נישט. עסט אָפּ. דאָרטן הויבט זיך ערשט אָן דער אָוונט. ער איז פֿון די שפּעטע חסידים...

און גינע האָט געטאָן אַ לאַך. די אויגן זיינען איר פֿול געוואָרן מיט טרערן. זי האָט זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט און איז אַרויס. עוזר־העשל האָט געהערט פֿון דער צווייטער שטוב ווי זי כליפּעט און שנייצט די נאָז.

### 3

הערץ יאַנאָווער האָט געוואוינט אויף דער גנאָינע גאַס, אין אַ לאַנגן הויף מיט בלינדע מויערן און באַשטעלט מיט פֿעסער. אויף די טרעפּ איז געווען פֿינסטער און גינע האָט יעדעס מאָל פֿונסניי אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. די דירה האָט זיך געפֿונען אויפֿן צווייטן שטאָק. גינע האָט נישט אָנגעקלאַפּט, נאָר אַ שטופּ געטאָן די טיר און זי האָט זיך אַליין געעפֿנט. דער קאָרידאָר איז נישט געווען באַלויכטן. ס׳איז בלויז אַריינגעפֿאַלן פֿון קיך אַ טונקעלע שיין פֿון אַ נאָפֿט־לעמפּל. אַ קורצע דיקע דינסט־מויד מיט רויטע דאָרפֿישע באַקן און גראָבע באָרוועסע פֿיס האָט געוואַשן געפֿעס. ווען זי האָט דערזען גינען, איז זי צו־

געקומען צו דער שוועל און אַרויפֿגעלייגט אַ פֿינגער אויף די ליפּן, אַ סימן, ס'זאָל זײַן שטיל.

— די קאַלישער איז דאָרט דאָ? — האָט גינע געפֿרעגט און זיך פֿאַרקרימט.

— ש־ש־אַ, דער באַלעבאָס האָט געהייסן קיינעם נישט אַרײַנלאָזן!...

— וואָס האָסטו מורא? די גייסטער וועלן נישט אַנטלויפֿן! — האָט גינע זיך אַ בייזער געטאָן. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס פֿוטער מיטן הוט און געהייסן עוזר־העשלען אויסטאָן דעם פּאַלטאָ.

— איר זענט אַ שרעקעדיקער? — האָט זי אים אַ פֿרעג געטאָן. — מײַן פּראָפֿעסאָר שפּילט זיך אין ספּיריטיזם. איר ווייסט וואָס דאָס איז?

— יאָ, כ'האָב געלייענט. מ'רופֿט אַרויס מתים.

— ס'איז אַלץ נאַרישקייטן, נאָר וואָס קאָן איך העלפֿן? יעדער גאון האָט זיך זײַן שגעון. זאָג מיר, דאָבע, — האָט זי זיך געווענדט צו דער מויד — ווער אַלץ איז דאָרט דאָ?

— פֿינלענדער, דעמביצער, מעסינגער און זי. אוי יאָ, אַבראַם איז דאָרט אויך דאָ.

— אַבראַם? הער אַ מעשה!...

ווען עוזר־העשל האָט דערהערט דעם נאָמען אַבראַם, האָט ער זיך געטאָן אַ רוק אויף צוריק. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איכ'ל גלײַכער אַוועקגיין. אַ גוטע נאַכט!...

און ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפֿן פּאַלטאָ, וואָס האָט שוין געהאָנגען אויף אַ הענגער.

— וואו לויפֿט איר? וואָס טוט זיך מיט אײַך? זעטץ נאָר דעם קאַוואַליער! האָט גינע אַ רוף געטאָן. — פֿע, כ'שעם זיך פֿאַר אײַך!...

— כ'על דאָרט שטערן. כ'וויל גיין אַהיים!...

— זיי שרעקן זיך אַוודאי פֿאַר די טויטע — האָט די דינסט געזאָגט, האַלב מיט חוזק.

— ניין, נישט פֿאַר דעם.

— נו, קומט. מאַכט אײַך נישט לעכערלעך!...

גינע האָט אים אָנגענומען בײַ דעם האַנט־געלענק און צוגעצויגן צו אַ טיר מיט געשטיפּלטע שויבן. זי האָט געעפֿנט און אים אַרײַנגעלאָזט אין אַ גרויסער שטוב מיט אָפּגעשיילטע טאַפּעטן און מיט אַן אָפּגעריסענעם באַלקן. דער שטיי־לאָמפּ, וואָס האָט דאָ געברענט, איז געווען אַרומגעוויקלט מיט רויט־פּאַפּיר, און דערפֿון איז די שײַן געווען אַ רויטלעכע, ווי אין אַ שטוב וואו קינדער מאָזלען. אין מיטן, בײַ אַ קליין פֿיר־עקיק טישל, זײַנען געזעסן פֿינף מאַנסלײַט און איין פֿרוי. אַלע האָבן אָנגעשפּאַרט די האַנט־געלענקען אויף דעם זוים און געשוויגן. דער ערשטער, וואָס האָט זיך געוואָרפֿן עוזר־העשלען אין די אויגן, איז געווען אַבראַם. ער איז געזעסן אַקעגן דער טיר. די פּעך־שוואַרצע באָרד איז געווען צעשויבערט, דאָס רויטע פּנים איז קעגן דעם קאָלירטן ליכט געוואָרן נאָך רויטער. ווען ער האָט דערזען גינען און עוזר־העשלען, האָט ער זיך געטאָן אַ הייב, ווי זיך אויפֿצורייסן און זיי אַקעגנצולויפֿן. ער האָט זיך אָבער

אָפּגעהאַלטן און בלויז געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפ. רעכטס פֿון אים איז געזעסן אַ קליין מענטשל, מיט אַ שמאָל בלאָס פנימל, אַ שפּיציק געמבעלע און אַ בריינען שטערן, וואָס האָט זיך צו־שאַרף אויסגעקרימט און זיך פֿאַרענדיקט מיט צוויי טיפֿע ווינקלען. די האָר, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן וואַקסן ערגעץ אין מיטן שיידל, זיינען נישט געווען געשוירן און זיך פֿאַרענדיקט אויף הינטן אין אַ קוטשמע. פֿון קראַגן איז אַראָפּגעהאָנגען אַ ברייטע שוואַרץ־זיידענע שלייף. עוזר־העשל האָט שוין געהאַט געזען ביי גינען זיין פֿאָטאָגראַפֿיע. ס׳איז געווען הערץ יאַנאָווער.

לינקס פֿון אַבראַמען איז געזעסן אַ מיידל מיט צעלאָזטע שוואַרצע האָר, אַ רונדן שטערן, אַ ווייס שפּיציק פנים, אַ שאַרפֿן קין. אויף די אַקסלען איז געהאָנגען אַ זיידן שאַלעכל. דער האַלדז איז געווען אַרומגענומען מיט אַ הויכן קאָלנער. זי האָט געקוקט פֿאַר זיך מיט אַ פּאָר גרויסע שטרענגע אויגן, אַפּנים ביין וואָס מ׳רייסט זיך אַריין אין מיטן סעאַנס. צווישן די דריי איבעריקע מאַנסלייט איז איינער געווען אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט אַש־גרויע האָר פֿאַרשוירן אין אַ פּאָלקע און מיט לײדיקע טאָרבעס אונטער די אויגן. די אַנדערע צוויי זיינען געווען אויסגעדרייט צו דער טיר מיט די רוקנס. עוזר־העשל האָט בלויז געזען, אַז איינער האָט אַ הויקער.

— נו אַ, נו! — האָט הערץ יאַנאָווער געמורמלען, ווי אַ פֿרומער ייד, וואָס טאָר נישט אויסרעדן. — הממ!...

און ער האָט גינען געמאַכט אַ צייכן מיטן קאָפ, זי זאָל צוקומען און זיך אויך צוזעצן.

— זעטץ נאָר, מ׳האָט זיך שוין ווידער גענומען צום טישל! — האָט גינע אַ זאָג געטאָן הויך און עפּעס ווי אויף צו־להכעיס. — כ׳האָב געמיינט מ׳רופֿט אַרויס שדים.

— נו, עט, אַ, אַ!... — האָט הערץ יאַנאָווער זיך גענומען שאָקלען און געבן צייכנס. — הממ!... הממ!...

— נו אַהין און נו אַהער! — האָט גינע אים נאָכגעשפּעט. — מאַך אַן עק צו דער קאָמעדיע! כ׳בין ניש׳ געקומען אַהער נאָך קיין כּישוף!...

דאָס מיידל, דער מעדיום, האָט געטאָן אַ דערצאָרנטן בליק און אַראָפּגענומען די הענט. זי האָט זיך געטאָן אַ ריס פֿון אָרט און זיך אויפֿגעשטעלט.

— ס׳איז אומזיסט! — האָט זי אַ רוף געטאָן. — זאָל נעמען אַ סוף!...

אַלע האָבן אַראָפּגעכאַפּט די הענט און גענומען זיך אומקוקן, רעדן, זיך אויסגלייכן, ווי שילער ווען דער לערער מאַכט אַ פּויזע. אַבראַם האָט דער ערשטער זיך אויפֿגעהויבן, געטאָן אַ פּליאַסק מיט די הענט און אָקעגנגעלאָפֿן די געסט מיט אַזאַ שמחה, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט זיי אויסגעקוקט און זיך קוים דערוואַרט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן גינען ביי די אָרעמס און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זיך צו צעקושן. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עוזר־העשלען, אים אָנגענומען ביי אַן אַקסל און זיך צעשריגן:

— ביזט אַ חכם עתיק! נישט אַנדערש, נאָר אליהו הנביא האָט דיך אַהערגעבראַכט!... כ׳זוך דיך אַרום, שוין טעג!

— גינעשי, האָסט שוין ווידער אַלץ קאַליע געמאַכט! — האָט הערץ יאַנאָוועך אַ רוף געטאָן מיט אַ הייזעריק קולכל. דאָס פּנימל זיינס האָט זיך אַ קרים געטאָן ווי ביי אַ חדר־יינגל, וואָס מ׳האָט אים צעוואָרפֿן אַ שפּיל. אַ ווייל האָט ער תּחנונימדיק געקוקט אויף דעם מיידל מיט די צעלאָזטע האָר, ווי גרייט זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר איר. באַלד האָט ער זיך געלאָזט צוגיין צו גינען. עוזר־העשל האָט באַמערקט, אַז ער טראָגט שטעק־שיך מיט פּאַמפּאָנען.

— כ׳מיין באמת, גינעשי!... — האָט ער אַ זאָג געטאָן האַלב־צערטלעך, האַלב־פֿאַרדראָסיק. — האָסט דאָך געזאָגט וועסט נישט קומען. כ׳וואָלט באַלד נישט געווען אָנגעהויבן...

— וואָס־זשע, כ׳טאָר שוין נישט קומען אויך? — האָט גינע געפֿרעגט.

— ציטער נישט, די רוחות וועלן נישט אַנטלויפֿן. און אויב איין רוח וועט ברוגז ווערן און זיך אָפּטראָגן, אַרט מיך אויך גאַנץ ווייניק!...

און זי האָט געוואָרפֿן אויף דעם מיידל אַ פֿינסטערן בליק.

— פּראָפֿעסאָר, איך גיי! — האָט דאָס מיידל מיט די לאַנגע האָר געזאָגט.

— אַ גוטע נאַכט!...

— גינעשי!... הילדע לעבן!... גיי ניש׳ אַוועק! כ׳בעט דיך! — האָט הערץ יאַנאָווער זיך געווענדט דאָ צו גינען און דאָ צו דעם מיידל, וואָס האָט האָסטיק צונויפֿגענומען די האָר און פֿלינק אַריינגעשטאָכן נאָדלען. — וואָס טוט זיך עפּעס דאָ? ס׳איז דאָך אַן ערנסטע זאַך. מיר זוכן דעם אמת, און דאָ קומט איר מיט די אַמביציעס... איי־איי־איי, אַ שאָד!... מיר זיינען געזעסן געניי פֿופֿציק מינוט. נאָך צען מינוט און ס׳טישל וואָלט געענטפֿערט! וואָלסט לכל־הפּחות צוגעוואַרט!...

— וואָס געוואַרט? ווען געוואַרט? וויפֿל מאָל כ׳קום צו גיין, איז אָדער מ׳דרייט אַ ספּאָדיק מיט גייסטער, אָדער מ׳הויבט דאָס טישל. איכ׳ל נעמען ס׳טישל און עס צעברעכן אויף פּיץ־פּיצלעך, וועט עס איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל איינגעמען שטומעניש!...

— אַ טיגער, נישט אַ פֿרוי! — האָט אַבראַם געפּסקנט.

— אַ גוטע נאַכט, פּראָפֿעסאָר! — האָט הילדע צו אים אויסגעשטרעקט אַ קליינע ווייסע האַנט מיט לאַנגע פֿינגער און שפּיציקע נעגל.

— אַ גוטע נאַכט. לויף נישט! זאָג מיר, גינעשי, ווער איז דער בחור?

— ס׳איז דער עוזר־העשל. מיין נייער סובלאָקאַטאָר.

— שלום־עליכם. זייער אָנגענעם! דאָס איז פֿריילין הילדע קאַלישער, דאָס איז דאָקטאָר מעסינגער — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם הויכן פּאַרשוין מיט די לאַנגע האָר און די טאָרבעלעך אונטער די אויגן. — דאָס איז פֿינלענדער, און דאָס איז דעמביצער. כ׳האָב געהערט פֿון אייך. אייער זיידע איז, דוכט זיך, דער קליין־טערעשפּאָלער רבֿ? אַ גרויסער למדן. אַ גאון. דאָס מיט דעם טישל איז נישט קיין נאַרישקייט. די גרעסטע געלערנטע גלויבן אין דעם. נישט קיין אַנדערער ווי לאָמבראָזאָ, וואָס איז ערשט נישט־לאַנג געווען דער אבי־אָבות פֿון די מאַטעריאַליסטן...

— פּראָפֿעסאָר, איך מוז גיין! — האָט הילדע געזאָגט אַן אַנטשלאָסענע.

— וואָס זאָל איך טאָן? אַזוי דו מוזט, גיי. נאָר למען־השם, קלינג־אָן! כ׳זוך אַרום אַזאַ ווי דו שוין יאָרן, און דאָ מיט אַמאָל... האָב ניש׳ פּאָראיבל, מיין גינעשי מיינט ניש׳ קאַ שלעכטס. זי איז גלאַט אַ נערוועאישע.

— דו דאַרפֿסט מיך נישט פֿאַרענטפֿערן! און לאָז צורו מיינע נערוון. אויב די פֿריילין קאַלישער איז דיר אַזאַ שאַד, קאָנסטו מיטגיין מיט איר!...

— העי, גינע, דו קריגסט דיך אויף אַן אמת! — האָט אַבראַם זי אַ וואָרן געטאָן מיט אַ וויז־פֿינגער.

— אַלץ, וואָס כ׳טו, איז אויף אַן אמת. איך בין נישט קיין אַקטריסע, ווי זי־אַ... קאַ׳ שלעכטע אַקטריסע אַוודאי נישט!...

הילדע האָט זיך געטאָן אַ ריס, ווי גינען אַקעגנצושפּרינגען, און איז אַרויס־געלאָפֿן פֿון שטוב. זי האָט אויפֿן וועג איבערגעקערט אַ שטול און אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, וואָס איז געווען האַלב־אַ־געשריי, האַלב־אַ־געוויין. הערץ יאַנאָווער האָט פֿאַרבראָכן די הענט און איר גענומען נאָכלויפֿן אויף די קורצע פֿיסלעך. די שויבן־טיר האָט געטאָן אַ זעץ און אַ קלונג. פֿון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ שלוכצעניש, אַ טופּעניש, אָפּגעריסענע קולות. דער הויקער האָט אַרויסגעצויגן פֿון בוזעם־קעשענע אַ קאַם און גענומען פֿאַרקעמען די האָר. ער האָט אָנגעקוקט גינען מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, קרום און מיט ביטול. ס׳איז געווען פֿינלענדער. דעמביצער, אַ ברייטער מגושמדיקער פּאַרשוין, מיט אַ גרויס פֿליישיק פּנים, פֿול מיט וואָרצלען, אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעלאַטש און אַ צעקנוידערט מלבוש, האַלב־אַ־מאַנטל, האַלב־אַ־קאַפּאָטע, האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ שטיקל ביבעלע־פּאַפּיר, אַ הייפֿל טאַבאַק, און קונציק גענומען וויקלען אַ פּאַפּיראָס, מיט געלע שמוציקע פֿינגער.

— ווייבער, האַ? — האָט ער גוטמוטיק אַ וואונק געטאָן צו אַבראַמען. — שוין איינמאָל אַ פֿאָלק!

און ער האָט זיך אָנגעבויגן און אויפֿגעהויבן די שטול, וואָס הילדע האָט אומגעשליידערט.

דער איינציקער וואָס איז געבליבן זיצן ביים טישל, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, איז געווען ד״ר מעסינגער. די הויכע דאַרע געשטאַלט איז געווען ווי פֿאַרשטאַרט. די אָרעמס — אַראָפּגעלאָזט. די קליינע אויגן, האַלב־פֿאַרשטעלט הינטער וויעס און קנייטשן, האָבן געקוקט ערגעץ צום פֿענסטער, איבער די פֿאַרהענגלעך. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער מענטש איז פֿאַרטאָן אין אַן אַנדער וועלט און ווייסט רעכט נישט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען.

— מעסינגער, איר שלאָפֿט? — האָט אַבראַם צו אים געטאָן אַ געשריי, און מעסינגער האָט געענטפֿערט אויף דייטשמעריש:

— יאָ, ניין. אום גאָטעס ווילן, לאָססען זי מיך צורו!...

## 4

— משוגע, מטורף! — האָט אַבראַם געזאָגט צו זיך און צו קיינעם נישט.

— וואָס שאַדט עס דיר, גינע, אַז די קינדער שפּילן זיך?

— ס׳שאַדט מיר שוין גאָר שטאַרק. באַלייטן געלערטע גיבן זיך אָפּ מיט וויסנשאַפֿט, און דאָ שפּילט מען אין טעשעלע, ווי ביי נייטאַרינס. ס׳אַ חרפּה און אַ שאַנד. אַ חוץ דעם וויל איך דאָ נישט האָבן די מויד, דו הערסט צי נישט? איכ׳ל זאָגן הערצן אָפֿענע ווערטער: איך אָדער זי! כ׳דאַרף נישט קאָ׳ן אויס־געלאָסענע נקבות ביי מיר אין שטוב.

— פֿע, גינע. פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז אויסגעלאָסן?

— זאָל דיר דער קאָפּ ניש׳ דאַרן. הלוואי וואָלט איך ניש׳ געוואוסט... אויב הערץ מיינט, אַז איך וועל צעברעכן מיין לעבן, אַז ער זאָל קאָנען מאַכן אידיאָטישע עקספּערימענטן, האָט ער אַ גרויסן טעות.

— וואָרום אידיאָטיש? — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופֿן מעסינגער, נישט אומקערנדיק צו איר דאָס פּנים. — די זעלבע פֿאָרשונגען ווערן געמאַכט אין פּאַריז, פּעטערסבורג, ווין, לאָנדאָן. עס האַנדלט זיך נישט מער און נישט ווייניקער ווי אום דער העכסטער פֿראַגע: די אונשטערבליכקייט דער זעלע!...

— הער מעסינגער, איר מעגט זיין אַ גאַנץ גוטער טעלעפּאַט, איר קאָנט טרעפֿן וואָס מ׳שרייבט־אָן אויף אַ קוויטעלע, נאָר מיינע עסקים ווייס איך בעסער. ער׳ט זיך אַזוי לאַנג שפּילן מיט דעם טישעלע און מיט די פּאָר נישט־געשטויגענע גייסטער, ביז ער׳ט אַלץ פֿאַרלירן: דעם נאָמען, די קאַריערע און מיך פֿאַר אַ צולאָג. אויב ס׳פֿליען אַרום נשמות, וואָס ווילן זיך דורכריידן מיט אונדז, דאַרף מען נישט דערצו אַ היסטערישע מויד, אַן אויסוואורף!...

— עס איזט איין פֿעסטגעשטעלטער פֿאַקט, דאָס עס גיבען מעדיומס, וואָס האָבן די אייגנשאַפֿט צו פֿאַרמיטלען צווישן אונדז און די העכערע וועזנס...

— אומזין! שווינדל! פֿאַרוואָס זאָלן די העכערע וועזנס דווקא רעדן צו הילדע קאַלישער? ווייל זי צעלאָזט די קאָלטאָנעס און פֿאַרגלאָצט די אויגן? איכ׳ל שוין בעסער גלויבן אין גאָט!...

די טיר פֿון קאָרידאָר האָט זיך געעפֿנט און הערץ יאַנאָווער האָט אַריינ־געשטעקט דעם קאָפּ. דאָס פּנימל איז געווען בלייך, די האָר — צעשויבערט, דער ברייטער שטערן — פֿאַרשוויצט. ער האָט אָנגעקוקט גינען מיט אַ פּאָר גרויסע באַצערטע אויגן און אויסגעשפּיצט די ליפּן, ווי צו וויינען.

— פֿע, גינעשי! — האָט ער אַ זאָג געטאָן גאָך אַ קווענקלעניש. — האָסט זי פּשוט אַרויסגעטריבן... מבייש געווען...

— כ׳האָב דיך געוואָרנט, אַז ס׳וועט קומען דערצו. ס׳איז אַלץ דיין שולד! פֿריער האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט היפּנאָטיזם, דערנאָך מיט אויטאָמאַטיש שרייבן, און איצט ציט מען די גייסטער פֿאַר די פּאָלעס. הער מיך אויס, הערץ: כ׳האָב אַ סך געליטן צוליב דיר, נאָר צו אַלעמען איז דאָ אַ גרענעץ. מיך שלעפּט מען אַרום אויף דין־תּורהס, מ׳איז מיך מבזה, מ׳רעדט צו מיר ווי צו אַ נפֿקא, און דו זיצסט זיך באַקוועם און מעלקסט נשמות. כ׳וויל דאָס נישט! דו הערסט, אָדער ניין? ס׳איז איינס פֿון דיביידע: אָדער נעם דיר די קאָמעדיאַנטקע און ווער אַ שוואַרץ־קינצלער, אָדער זיי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. איך קאָן דאָס מער נישט אויסהאַלטן!...

זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און

זיך צעכליפעט. אבראם האט א כאפ־געטאן דאס זיידענע נאז־טיכל פון דער פאדערשטער קעשענע און איר אקעגנגעטראגן, ווי גרייט איר אפצואווישן די טרערן. מעסינגער האט זיך געטאן א שטעל־אויף אין דער גאנצער גרויס.

— גוטע נאכט, פראפעסאר. אדיע!

— וואס איילט איר זיך? — האט הערץ יאנאווער געפרעגט. — זייט מיר מוחל. ס'האט זיך גראד אזוי געמאכט. כ'האב גערעכנט איר'ט אונדז עפעס ווייזן — —

— ניכט היינט. גוטע נאכט! ארעוואואר!

און ער איז ארויס מיט לאנגע שפאן.

— איכ'ל שוין אויך גיין — האט זיך אנגערופן דעמביצער.

— וואס אנטלויפט איר אלע? — האט גינע געדופן און גענומען שנייצן די נאז מיט אבראמס טיכל. — ס'איז נישט אייער שולד. כ'בין מיר אליין שולדיק, אין אלע בראכן!...

— גינעשי, ווי רעדסטו? דו ווייסט אליין, אז... נעמסט מיר ארויס... דעם דם־התמצית!...

— גינעשי, שמינעשי!... כ'קאן נישט מער! פון איין זייט דער צעדרייטער עקיבא מיטן סענצימינער צדיק, און פון דער אנדערער זייט דו מיט דער מויד. וואס האסטו דיך פארלייגט אויף מיר? איכ'ל פון זינען אראפ. די גאל וועט מיר פלאצן. אוי, מאמע!...

און זי האט פונסניי גענומען וויינען. באלד איז זי ארויסגעלאפן פון שטוב. זי האט געטאן א קלאפ מיט דער טיר, אז די שויבן האבן געציטערט.

— כ'ווייס באמת נישט... זי איז נעבעך נערוועאיש, וויטער גארנישט!

— האט הערץ יאנאווער געשטאמלט און געבראכן די דינע פינגער. — זי ליידט, נעבעך, טאקע, פון אלע זייטן... גרויסע יסורים!...

— ס'איז היסטעריע, וויטער גארנישט — האט א זאג געטאן פינלענדער, דער הויקער.

— הא? ס'איז איר ביטער. אין אדם נתפס על צערו...

און הערץ יאנאווער האט אלעמען איבערגעלאזט און איז אויך ארויס.

— איי־איי־איי, די אמתע חתונה! — האט א זאג געטאן דעמביצער און פונסניי גענומען וויקלען א הילזע מיט טיטון. — זי איז אייפערזיכטיק און נישט אן א גרונט.

— כ'מיין באמת, ע? כ'גלויב נישט! — האט אבראם געזאגט און די אויגן האבן האלב געלאכט, האלב געוויינט. — א פראפעסאר?!...

— ערשטנס, איז ער נישט קיין פראפעסאר, נאר קוים א פריוואט־דאצענט. צווייטנס, פרעגט דער יצר־הרע ניש' קא' קשיות.

— נו, מא, דו הערסט, עוזר־העשל? — האט אבראם א זאג געטאן. — צרות מיט לייד, וואו מ'רירט זיך. קום, בחור, כ'וויל מיט דיר עפעס רעדן. ווייסטו וואס? מיר'ן אפשר אהיימגיי'ן. ס'פאר־פאלק וועט זיך שוין איבערבעטן אן אונדז.

— יא, אדרבא.

זיי זיינען אַרויס אין קאָרידאָר. אַבראַם האָט אָנגעטאָן אַ לאַנג סויבל־פּוטער באַהאַנגען מיט ווידלען און אַ רוסישע פּאַפּאַכע, ענלעך צו אַ שטריימל. ער איז אַריין אין אַ פּאָר גלאַנציקע קאַלאָשן, האָט אָנגעהאַנגען אויפֿן אָרעם אַ פּאַראַסאָל און פֿאַררויכערט אַ ציגאַר. ער האָט גלייך גענומען בלאָזן דעם שמעקנדיקן רויך פֿון די וואָנסן און די נאָז־לעכער. עוזר־העשל האָט אָנגעטאָן דעם פּאַלטאָ. דאָס טויער איז שוין געווען פֿאַרמאַכט, נאָר אַבראַם האָט אַ ריס געטאָן דעם גלאָק, אַ הונט האָט זיך צעבילט, און דער סטרוזש איז אַרויסגעקומען עפֿענען.

— אוואַ, ס'נעמט אַ פֿרעסטל! — האָט אַבראַם געזאָגט אַרויסקומענדיק אין דרויסן. — יעדער מאַכט זיך נאַריש אויף זיין שטייגער. איינער יאָגט זיך נאָך געלט, דער צווייטער נאָך ווייבער, און דער דריטער מאַכט שטיק מיט בר־מינננס. זאָג מיר בעסער: הדסה איז געווען ביי דיר?

— יאָ, געווען.

— ווען?

— היינט.

— וואָס האָט זי געזאָגט? וואָס האָט איר אָפּגעשמועסט?

— זי וועט מיר געבן אַ לעקציע. ביי מיר אין דער היים.

— זי זעט אויס שלעכט, האָ?

— אַביסל בלייך.

— דאָס מיידל לעבט־איבער אַ טראַגעדיע. ס'טוט זיך אין דער משפּחה, אויף טיש און אויף בענק. כ'האָב דיר, דוכט זיך, דערציילט, אַז מ'האָט זיך פֿאַרלייגט אויף איר מיט אַ שידוך. דער חתן איז אַ פּאַרכל, אַ כיטראַקל, אַ וואָרעם. ער מיינט דעם נדן, ווייטער גאָרנישט. ער איז אַזוי ווערט צו זיין הדסהס מאַן, ווי איך קאָן ווערן דער הושאַטינער רבי. הדסה האָט אים געזען. זי קאָן אויף אים נישט קוקן. האָט אָבער דער זיידע אירער אַ משרת, אַן אונטערשמייסער, אַן אונטערלעקער, אַ מערזאַוועץ איינער אין וואַרשע, און ער איז ביי אונדז מזווג זיווגים. גענומען צו הילף האָבן זיי זיך דעם משפּחה־שדכן, ר' זיינוועלע סראַצקער, אַ יידל, וואָס די מערידן הענגען אים אויפֿן שפּיץ־נאָז, און אַלע צוזאַמען פֿירט מען אַ מלחמה אַקעגן אַ שוואַך מיידל, אַ צאַרט קינד. איך בין אַזוי בייז, אַז כ'האַלט מיך קוים איין נישט אָנצולויפֿן צו דעם אַלטן און אים צעברעכן יעדן ביין!...

און אַבראַם האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַראַסאָל און גענומען פֿאָכען אַקעגן דעם פֿאַרוויַיעטן דרויסן.

— כ'פֿאַרשטיי נישט, מ'קאָן זי נישט נייטן. צו דער חופּה וועט מען זי נישט שלעפּן.

— האָ? מ'קאָן אַלץ. די גמרא זאָגט: ווען מ'וואָלט געמאַטערט חנניה, מישאל ועזריה, וואָלטן זיי געדינט די עבודה זרה. די הדסה איז געבוירן געוואָרן ממש אויף מיינע הענט. כ'האָב זי ליב ווי אַן אייגענע טאָכטער. דער טאַטע אירער, ניוניע, איז אַ פּחדן, אַ שלים־מזל, אַ פּרא־אָדם. ער ציטערט פֿאַר דעם פֿאָטער אימת־מוות. יענער האַלט אים אין איין סטראַשען מיט מעביר־

נחלה זיין. ער סטראַשעט אונדז אַלעמען, שוין דרייסיק יאָר. זיי האָבן זיך איינ־גערעדט, די יאָלדן, אַז דער אַלטער וועט זיי איבערלאָזן אַ ירושה. איך ווייס דעם אמת: אַ פֿייג מיט עסיק! ער׳ט גיכער ס׳געלט וואַרפֿען אין ווייסל אַריין. דעריבער פֿייף איך אויף אים. וואָס זאָל איך דיר דאָ לאַנג ברייען? מ׳האָט אים איבערגערעדט, די שמאַטע. ער איז אַוועקגעפֿאָרן צום רבין, טאַקע צו גינעס פֿאָטער, און מ׳האָט דאָרט געמאַכט ראָשי־פּרקים. דאַכע, די מאַמע, וואַקלט זיך נאָך. אָבער כ׳האָב מורא, מ׳עט זי אויך ברעכן. זי האַלט זיך אויף טראָפּנס און פּילן. זי הערט נישט אויף צו ספּאַזמירן. הדסה האָט דיר גאָרנישט דערציילט?

— יאָ, אַביסל.

— איך מוז דיר זאָגן, אַז דו האָסט ביי איר געוואַלדיק אויסגענומען. עפּעס גאָר אַזוי, אַז כ׳ווייס אַליין נישט. פּיף־פּאַף!... אַז דו ביסט אַ וואוילער בחור, אַ למדן, אַ קלוגער, זע איך; נאָר מיידלעך זעען נאָך עפּעס אין אַ מאַנסביל. איכ׳ל מיט דיר רעדן אינגאַנצן אויפֿריכטיק און דו זאָג מיר דעם אמת: וואָס קלערסטו וועגן איר? זי געפֿעלט דיר, צי נישט?

— זייער שטאַרק.

און עוזר־העשל האָט דערשפּירט ווי די לינקע קני נעמט זיך אים וואַרפֿן און צאַפּלען. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו פּויקן מיט די ציין.

— שעם דיך נישט! ציטער נישט! צווייטנס, ציטער יאָ. מיין מיינונג איז געווען, אַז מ׳דאַרף בכלל נאָך נישט רעדן וועגן קאַ׳ שידוכים. זי איז ווי אַ בלום, וואָס מ׳האָדעוועט אין אַ ספּעקט. אַ ריר מיט אַ גראָבער האַנט, און ס׳איז אויס. אָבער איידער זי זאָל אַריינפֿאַלן צום דעם סמאַרקל, פֿישעלע, און דעם זיידן זיינעם, דעם פּראַצענטניק, איז שוין גלייכער כ׳ווייס ניש׳ וואָס. ווערסט מיינען כ׳בין משוגע, נאָר כ׳וואָלט גיכער געוואָלט נאָכגיין נאָך איר לוויה, איידער טאַנצן אויף אַזאַ חתונה!...

אַבראַם האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער לינקער זייט, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך אים צוזאַמענגעקוועטשט פֿון די אייגענע ווערטער. די גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען געוואָרן פֿייכט, ווי פֿון טרערן.

— וואָס קאָנסטו דען טאָן? — האָט אַבראַם גערעדט עפּעס ווי צו זיך אַליין.

— כ׳וואָלט אַלץ געטאָן... כ׳זאָל אַפֿילו וויסן, אַז... ס׳גאַנצע לעבן!...

— יאָ, ברודערל, כ׳זע שוין אַלץ. אַ גוטע נאַכט. מיר׳ן נאָך רעדן!...

און אַבראַם האָט אויפֿגעהויבן דעם שירם און געגעבן אַ צייכן אַ פֿאַרביי־פֿאָרנדיקן שליטן. ער האָט דערלאַנגט עוזר־העשלען די האַנט און געטאָן אַ שטאַרקן דריק, צוויי מאָל. דערנאָך האָט דער שליטן זיך אַוועקגעגליטשט. דאָס גלעקל האָט זיך צעקלונגען. עוזר־העשל האָט גענומען לויפֿן משונה גרינג, ווי הויל. פֿאַראויס איז געלאָפֿן אַ לאַנגער שפּיציקער שאָטן. גרויסע געשעענישן האָבן זיך געגרייט אין זיין לעבן. אַ יום־טובדיקייט האָט געשטראָמט פֿון אויסגע־שטערנטן הימל; פֿון די פֿאַרשנייטע דעכער; פֿון די פֿאַרשאָטענע באַלקאָנען; פֿון דעם האַלב־ליידיקן נאַכט־טראַמוויי, וואָס האָט זיך געוואַקלט אויף די רעלסן, ווי שיכּור; פֿון די שפּעטע פֿאַרבייגייער, וואָס האָבן אונטערגעטענצלט, זיך געאיילט, געאָטעמט מיט ווייסע צעפּ. עוזר־העשל האָט זיך אויסגעגליטשט,

אַ פֿאַל געטאָן, זיך באַלד ווידער אויפֿגעהויבן, און געלאָפֿן אַזוי אין איין אָטעם, פֿון דער גנאַינע גאַס ביז אַהיים, צו דער שוויענטאָ־יערסקע. צומאָל, ווען ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס און דער אייזיקער ווינט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די פּאָלעס, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז נישט ער לויפֿט, נאָר ער פֿליט...

—◆—

## קאַפּיטל זעקס

### 1

קיין ביאַלאָדרעוונע איז היי־יאָר אויף שבת חנוכּה אָנגעקומען אַ קנאַפּע הונדערט חסידים. לויט פֿאַר ביאַלאָדרעוונע, איז דאָס געווען אַ גרויסער עולם. דער רבי האָט געהאַט אינגאַנצן אַ צוויי טויזנט יידן, צעוואָרפֿן איבער גאַנץ פּוילן. אַפֿילו אויף ראש־השנה איז זיך נישט אָנגעפֿאָרן מער ווי אַ פֿיר־פֿינף הונדערט. זינט דעם רבינס טאָכטער, גינע־גנענדל, האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן, עקיבאָן, דעם סענצימינער רבינס זון, צוליב דעם אַפּיקורס הערץ יאַנאָווער, איז אַ היפּש ביסל אָפּגעפֿאַלן. די משמשים און יושבים האָבן זיך היינטיקן חנוכּה געריכט נישט מער ווי אויף אַ פּאָר מנינים.

אָבער מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן וואָס אַן עולם וועט טאָן. די באָן, וואָס שטעלט זיך אָפּ פֿינף ווי‎אָרסט פֿון שטעטל, האָט דאָסמאָל געבראַכט חסידים, וואָס האָבן זיך נישט געוויזן שוין עטלעכע יאָר. מ׳איז געקומען פֿון ראַדאָם און לובלין, פֿון וואַרשע און פֿון ווייטע שטעטלעך נעבן דער קירהשער גרענעץ. די בעל־עגלהס, וואָס האָבן געוואַרט ביים וואָקזאַל מיט די שליטנס, האָבן נישט געקאָנט אַלעמען אויפֿנעמען און מ׳האָט געמוזט וואַרטן ביז זיי וועלן קומען נאָכאַמאָל. אַ פּאָר חסידים האָבן זיך געלאָזט גיין קיין ביאַלאָדרעוונע צופֿוס, אויפֿן פּאַרצייטיקן שטייגער. זיי האָבן געטרונקען בראָנפֿן פֿון אַ מאַנאַפּאָל־פֿלעשל, געזונגען אַ ניגונדל און געכאַפּט אַ טענצל. אויפֿן פּאַרווייעטן וועג האָט מען זעלטן געזען אַ פּויער. די פֿעלדער פֿון ביידע זייטן, באַזייעט מיט ווינטער־תבואה, האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן הימל. אַן איינציקע קראָ איז געפֿלויגן איבער דער ווייסעניש, נידעריק, מיט אַ שטיל קראַקען. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי פֿליט שוין אַזוי זינט יאָרן און קאָן נישט קומען צו קיין ברעג.

אַז די שטאָט־לייט האָבן דערהערט, אַז ס׳קומט־אָן אַן עולם, איז געוואָרן טומלדיק. די אייגנטימער פֿון די סטאַנציעס האָבן צוגעגרייט מער געלעגערס. די שפּייז־קרעמער האָבן זיך געריכט אויף אַ גרעסער לייזונג. די קצבים האָבן געלאָזט שעכטן אַ בהמה, וואָס איז געשטאַנען אין שטאַל איבעראַכטאָג שבת. די פֿישערס זיינען אַרויסגעפֿאָרן אין גוט, צום סטאַוו פֿון פּריצל דאָמבראָווסקי, און איינגעהאַנדלט נאָך אַ פּאָר פּוד פֿיש. נאָר אויפֿגערוימטער זיינען געוואָרן די שטאָט־לייט ווען ס׳האָט זיך דערטראָגן די בשורה, אַז ר׳ משולם מושקאַט איז אָנגעקומען פֿון וואַרשע. ר׳ משולם מושקאַט איז געוויינלעך געקומען בלויז אויף ראש־השנה. ס׳איז געווען אַ צייכן, אַז ביאַלאָדרעוונע וועט ווידער אויפֿגעריכט ווערן פֿון איר שפֿלות.

דאָס בית־מדרש, וואו ס׳זיצן אַ גאַנץ יאָר אַ האַלב טוץ יושבים און ס׳איז קוים דאָ אַ מנין, האָט דאָנערשטאָג באַקומען אַ ניי פּנים. יונגעלייט האָבן אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, די פּאות צעלאָזן, די היטלען פֿאַררוקט, און געשמועסט חסידות. יינגלעך, וואָס זיינען מיטגעפֿאָרן מיט די טאַטעס, האָבן געלערנט, געשפּילט דריידל. עלטערע יידן האָבן אַריינגעקוקט אין ספֿרים, אָדער אַרומגעגאַנגען און זיך געמחט. דורך די לאַנגע פֿענסטער האָט אַריינגעשיינט אַ געלבלעכע ווינטערדיקע זון. זי האָט געציטערט איבער די פֿאַליצעס פֿאַרחושכטע ספֿרים, זיך אויסגעלייגט אויף די לאַנגע טישן, זיך געשפּיגלט אין די זיילן פֿון באַלעמער. צוויי רבנים, אַן אַלטער און אַ יונגער, האָבן זיך מפּלפּל געווען וועגן אַ האַרב שטיקל פּרי־מגדים. בחורים און יינגלעך זיינען געשטאַנען און זיך צוגעהערט פֿאַרגאַפֿטע. מחמת אַלע עטלעכע שעה זיינען אָנגעקומען אַנדערע חסידים, האָט מען געהאַלטן אין איין אָפּגעבן שלום־עליכם. ר׳ איזשע דער משמש, אַ ייד אַ זקן, וואָס האָט נאָך באַדינט דעם אַלטן ביאַלאָדרעוונער, דעם היינטיקנס זיידן, איז אַלע מאָל געווען דער ערשטער.

— שלום־עליכם, ר׳ בעריש איזשביצער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן איבערן בית־מדרש מיט זיין כאָרכלדיק קול. — ברוך הבא!...

— שלום־עליכם, ר׳ מאָטל וולאָצלאַווקער!...

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו מנחה, פֿונדעסטוועגן האָבן עטלעכע חסידים געלייגט טלית און תּפֿילין. ביאַלאָדרעוונע האָט געהאַט אַ נאָמען מיט דעם דאַוונען שפּעט און מיט איבערדרייען די יוצרות. טייל זיינען געשטאַנען שמונה־עשרה. אַנדערע האָבן טועם געווען לעקעך־און־בראַנפֿן. אַן אַלטער ייד האָט געבראַכט מיט זיך פֿון דער סטאַנציע אַ טשייניק הייס וואַסער און פֿאַרבריט טיי. אַ לאַנגער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק נעבן אויוון, אונטערגעלייגט אַ פּסולן טלית און געכאַפּט אַ דרימל. אַ חסיד דאַרף קאָנען זיך וואַלגערן ביים רבין. לערנען משניות און שלאָפֿן אונטערן איבערבעט קאָן יעדער מתנגד...

געוויינלעך, ווען חסידים קומען אָן, ווילן זיי גלייך גיין נעמען שלום צום רבין. אָבער ישראל אלי, דער יינגערער גבאי, האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער רבי נעמט נישט אָן.

זינט דער מעשה מיט דער טאָכטער איז דער רבי געזעסן כּמעט אָפּגעשלאָסן אין זיין שטיבל אויפֿן גאָרן. ס׳איז געווען אַ מין קליין בית־מדרשל. ביי די גאָלדיקטאַפּעצירטע ווענט זיינען געשטאַנען שענק מיט ספֿרים. ס׳איז דאָ געווען אַן אָרון־קודש, אַן עמוד, אַ שטענדער צום לערנען און אַ טיש צו שרייבן כּתבים. דאָס פֿענסטער, פֿאַרהאַנגען מיט אַ געל פֿאַרהענגל, האָט אַראָפּגעקוקט אין אַ גאָרטן, וואָס איז איצט געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי. ס׳האָבן פֿון דאַנען זיך געזען טרעפּיקע פֿעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט אַוועק, קיין מערב. דער רבי האָט געקאָנט אָפּשטיין שעהן און קוקן איבערן פֿאַרהענגל אין די ווייטע שטחים.

— אוי, ווי, טאַטע זיסער! — האָט ער יעדעס מאָל געטאָן אַ זיפֿץ. — וואָס ט׳זיין דער תּכלית?... אוי־ווי! אוי־ווי!...

דעם רבינס הויכע געשטאַלט איז געווען איינגעבויגן. די פּאַלעס פֿון גרינעם

זיידענעם שלאַפֿראָק מיט די געלע פּאַסן האָבן דערגרייכט די קנעכלען. ס'האָבן פֿון צווישן זיי אַרויסגעקוקט אַ פּאָר צייגענע הויזן ביז די קני, אַ ברייטער טלית־קטן, ווייסע זאָקן און האַלבע שיך. דער רבי איז שוין געווען אין די פֿופֿציקער, נאָר דאָס שיטערע בערדל איז נאָך געווען שוואַרץ. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך געזען אַ ווייסער פֿאָדים. דער רבי האָט געטאָן אַ שפּאַן, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט ערגעץ גיין, נאָר ער איז געבליבן שטיין. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי אַרויסצונעמען אַ ספֿר, נאָר ער האָט זי צוריקגעצויגן. ער האָט געטאָן אַ קוק אויף דעם פֿיר־עקיקן זייגער מיט די לאַנגע וואָגעס און מיטן אלף־בית אויפֿן ציפֿערבלאַט, באַמאָלט אַרום מיט מילגרוימען און ווייַנטרויבן. ס'איז געווען אַ פֿערטל אויף פֿיר. באַלד האָט געזאָלט צופֿאַלן די לאַנגע ווינטער־נאַכט.

— ויהי ערב ויהי בוקר. עולם כמנהגו נוהג — האָט דער רבי געטראַכט. — אָבער וואָס וועט זיין פֿון ייִדן? וואָס וויל ער, דער רבונו של עולם? ווי לאַנג וועט דאָס גלות דויערן? ווייַ, געוואַלד, ס'ווערט ענגער פֿון טאָג צו טאָג!...

דער רבי האָט אַמאָל געהאַט רמזים, אַז משיחס צייטן זיינען נאָענט, אָבער די יאָרן זיינען אַריבער און דער קץ איז נישט געקומען. ער אַליין, ר' יחיאל מנחם, איז אַמאָל געווען אַ שטיקל בעל־הרגשה. מ'האָט אים געוויזן זאַכן אויף דער וואָך און אין חלום. ער האָט געוואָלט אויפֿבלעטערן אַ מאַמר און ס'איז געגנוג געווען, איין מיש, ער זאָל אַנטרעפֿן דעם דף. ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס און אַרויסגענומען דאָס ספֿר וואָס ער האָט באַדאַרפֿט. ער האָט מתפּלל געווען פֿאַר עמעצן און איז געענטפֿערט געוואָרן. ער האָט אָוועקגעשטעלט די שפּיץ־פֿען אויפֿן פּאַפּיר און זי האָט כּמעט פֿון זיך אַליין געשריבן חידושי־תּורה. די לעצטע יאָרן איז ער אינגאַנצן אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער מדרגה. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען אַ פּסוק, אַ גמרא, אָדער אַ נאָמען, נאָר דאָס געדעכעניש האָט זיך ווי פֿאַרשלאָסן. דער אויוון איז געווען געהייצט, נאָר אַ קעלט איז אים געלאָפֿן דורכן רוקן. יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די טאָכטער, גינע־גנענדל, איז אַראָפּ פֿון גלייכן וועג, איבערגעלאָזט דעם מאַן און וואַלגערט זיך ערגעץ אין וואַרשע, צווישן אַפּיקורסים און לצים, איז אים געוואָרן ביטער אין גומען. ס'איז אַלץ געווען זיין שולד. ווי דען? מעשי אבות סימן לבנים...

דער רבי איז מיד געוואָרן פֿון אַרומגיין און ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער לעדער־געבעטעטער שטול מיט די ביינערנע נעגל. די אויגן זיינען אים צוגעפֿאַלן און ער האָט סיי געדרימלט, סיי געטראַכט. מ'טאָר נישט זיין קיין חכם — האָט ער געקלערט. — אין הימל האָט מען, אַפֿנים, פֿיינט אַז מ'איז צו קלוג. דער קאָצקער איז אויך נענש געוואָרן פֿאַר זיינע שאַרפֿע געננג. די גמרא האָט שוין געזאָגט: אדם ובהמה תושיע ה', אילו בני־אדם שמשימין את עצמן כבהמה...

ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיין קיין בהמה, ר' יחיאל־מנחם ביאַלאָדרעוונער. ער איז אַ יורש פֿון רבי ר' בונעם און פֿון קאָצקער. נו, מאַ, ער איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער. וועט ער נישט האָבן קיין עולם־הבא. וואו שטייט עס געשריבן, אַז יחיאל־מנחם בן כתריאל דוד ביאַלאָדרעוונער מוז עסן לויתן? הייסע קוילן זיינען אויך אַ מאַכל. אָבער וואָס ט'זיין מיטן כלל־ישראל? דאָס אַפּיקורסות

וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. אין אַמעריקע, זאָגט מען, זיינען ייִדן מחלל שבת. אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרייך לערנט מען מיט די קינדער אַפֿילו נישט קיין אלף־בית. דאָ אין פּוילן טאַנצט דער שטן איבער די גאַסן. בחורים אַנטלויפֿן פֿון די שטיבלעך, גאָלן־אָפּ די בערד, עסן טרפֿות. ייִדישע טעכטער גייען אַרום מיט קורצע אַרבל, לויפֿן אין די טעאַטערס, פֿאַרפֿירן ליבעס מיט די שאַרלאַטאַנעס. די טרפֿהנע ביכער פֿאַרסמן חדר־קינדער. אַזוינס איז נאָך נישט געווען אַפֿילו אין די צייטן פֿון ענן, שבתי צבי, יעקב פֿראַנק, ימח שמם. אויב ס'וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן די מגפֿה, וועט חלילה נישט בלייבן קיין שריד ופליט פֿון ייִדן. וואָס־זשע וועט זיין, האַ? וואָס וואַרט ער, השם יתברך? וויל ער טאַקע ברענגען משיחן צו אַ דור, וואָס איז כולו חייב?...

ישׂראל אלי דער משמש האָט געעפֿנט פֿאַמעלעך די טיר און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. ער איז געווען אַ דיקלעכער, מיט רויטע באַקן, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיט אַ קיילעכיקער באָרד. דאָס סאַמעטענע היטל איז געזעסן אויפֿן קאָפּ חסידיש וואוילעריש.

— רבי, ר' משולם מושקאַט איז געקומען! — האָט ער אָנגעזאָגט די בשורה.

— ער האָט מיטגעבראַכט דעם ייִנגסטן זון, ניוניען.

— האַ? נו, נו.

— ס'איז אויך געקומען ר' שמעון קוטנער מיט דעם אייניקל, פּישעלע.

— מהיכא תיתי.

— מ'זאָגט, אַז ס'האַלט ביי אַ שידוך צי'שן פּישעלען מיט ניוניעס טאָכטער, הדסה.

— נישט קרום.

— ר' זיינוועלע סראַצקער איז אויך דאָ.

— דער שדכן? אַהאַ.

— כ'האָב געהערט, אַז ס'מיידל וויל נישט דעם שידוך.

— פֿאַרוואָס נישט? דער פּישעלע איז אַ לייטישער בחור.

— זי איז געגאַנגען אין די שקאָלעס און וויל אַוודאי אַ היינט־וועלטישן.

דער רבי האָט געטאָן אַ ציטער.

— נו, יאָ, פֿריער סמט מען זיי אָפּ מיט מינות און דערנאָך איז צו שפּעט. מ'פֿירט נעבעך די אייגענע קינדער צו דער שחיטה.

— זיי ווילן, מסתמא, דער רבי זאָל זיך אַריינלייגן.

— וואָס קען איך טאָן? כ'האָב אַליין אַ טאָכטער אַ זונה.

— חס ושלום! וואָס רעדט דער רבי? זי איז אַן אויפֿגעקלערטע, אָבער אַ כשר ייִדיש קינד.

— אַז אַן אשת־איש אַנטלויפֿט מיט אַ מאַנסביל, איז זי אַ מופֿקרת.

— זיי וואוינען, חלילה, נישט צוזאַמען.

— וואָס איז די נפֿקא מינה? אַז מ'גלויבט נישט אין עיקר, וואָס זאָל זיי אָפּהאַלטן?

— די היינטיק־מאָדישע האָבן אויך זייערע מידות.

— עט...

— רבי, דער עולם וויל שלום־נעמען! — האט ישראל אלי א זאג געטאן נאך א קווענקלעניש.

— וואס איז ס'אייליניש? איכ'ל אריינקומען צו מנחה.

ישראל אלי האט גלייך פארמאכט די טיר. ער איז אוועק אנזאגן דעם עולם, אז דער רבי וועט קומען צו מנחה. דער רבי האט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען צום עמוד. ער האט ליב געהאט זיך איינצוקוקן אין דעם מזרח, וואס ווי וואויל ער איז געמאלט געווארן מיט קנאפע הונדערט יאר צוריק, זיינען נאך די קאלירן אין אים, די רייזעלעך, פליטערלעך, דריידעלעך, צעקלעניש, געווען ווי ניי. אויבן זיינען געווען די נעמען פון די זיבן שטערן: חמה, לבנה, כוכב, צדק, נוגה, מאדים, שבתאי. אין די ווינקלען זיינען געווען אויסגעמאלט א הערש, א לייב, א לעמפערט, אן אדלער. ארום זיינען געווען די בילדער פון די צוועלף מזלות: די שאף, דער אקס, דער צווילינג, דער קרעבס, דער לייב, די בתולה, די וואגשאל, דער עקדיש, דער פייל־און־בויגן, דער ציגנבאק, דער עמער, די פיש. די ווערטער „שויתי ה' לנגדי תמיד" זיינען געווען צונטער־רויט. אן א זייט זיינען געשטאנען די וואויל־באקאנטע שורות:

אדם דואג על איבוד דמיו
ואינו דואג על איבוד ימיו;
דמיו אינם עוזרים
וימיו אינם חוזרים.

וואס דער מיין דערפון איז:

דער מענטש זארגט וואס ער פארלירט זיין געלט
און נישט וואס ער פארלירט די טעג פון זיין וועלט;
די טעג וועלן צוריק נישט קומען
און דאס געלט וועט נישט מיטגענומען.

דער רבי איז נישט מיד געווארן צו לייענען די דאזיקע ווערטער ווידער אמאל און אבער אמאל. ווען ער איז דא געשטאנען ביים עמוד, דאס ארון־קודש מיט דער ספר־תורה פון איין זייט, די ספרים־פאכן פון דער אנדערער, דער שם הויה פון פארנט, איז ער געווען ווי באשיצט פון אלע שטורעם־ווינטן, פון אלע נסיונות און תאוות, וואס ס'איז פול מיט זיי אונדזער וועלטל, דער עולם־הקליפות. ער האט אנגענומען די פראנדזן פון פרוכת און געטאן א קוש. ער האט אפגעקראצט א שטיקל חלב, וואס איז פארטריפט געווארן אויף די רערן פון ששה נרות. ער האט צוגעשלאסן די וויעס, זיך איינגעקלאמערט אין דעם עמוד מיטביידע הענט, ווי א חייב־מיתה, וואס זוכט שוץ ביי די הערנער פון מזבח. ער האט זיך געשאקלט, געמורמלט, מתפלל געווען פאר זיך אליין, פאר דער פארפינסטערטער טאכטער זיינער, גינע־גנענדל, פאר די חסידים וואס פארן צו אים, פאר דעם כלל־ישראל, וואס איז נעבעך צעזייט איבער אלע לענדער, צווישן ערלים און טמאים, שטענדיק אין סכנה, געהאסט מיט דער שנאה, וואס ס'האבן די בני השפחות צו דעם אויסגעוויילטן זון, וואס ער דארף פארריכטן וואס אנדערע פארדארבן. דער רבי האט אויפגעהויבן ביידע פויסטן און א רוף געטאן:

— אוי־ווי, טאטע, וויפל איז דער שיעור? הרם קרן עמך ישראל!...

ער האט אלעמאל דערביי אין זין געהאט דאס גלייכווערטל פון זיין טאטן ז"ל: הויב ארויס, רבונו של עולם, דעם קרן פון דיין פאלק ישראל. קיין ריוח וועסטו שוין פון דעם מסחר נישט האבן...

## 2

ווען דער רבי איז אריין אין בית־מדרש צו מנחה, זיינען שוין אין הימל לאנג געשטאנען שטערן. ס'זאל הייסן, אז ס'איז נאך אלץ פארנאכט, האט מען נישט אנגעצונדן די נאפט־לאמפן. בלויז א רעשטל פון א יאר־צייט־ליכט האט געצאנקט אין דער מנורה. די חסידים האבן זיך גענומען שטופן. יעדער האט געוואלט פריער אפגעבן שלום. אין דער בין־השמשותדיקער טונקלקייט, באהעלט פון דרויסנדיקן שניי, האבן די פנימער אויסגעזען משונה בלייך. ס'האט א שמעק געטאן מיט אסתר־תענית. אין דער גערדיכטעניש האט דער רבי דערקענט ר' משה גבריאל מרגלית, ר' משולם מושקאטס יינגערן איידעם. דער רבי האט אנגענומען זיין ווייכע האנט אין זיינער און נישט באלד אפגעלאזט. ר' משה גבריאל — א שמאלער, א זויבערער, אין א גלאנציקער ריפסענער קאפאטע און אין א זיידן היטל — איז געבליבן שטיין א פארשוויגענער. דאס יחסנישע פנים איז געווען ווייס, דאס טאבאק־רויטע בערדל האט קעגן דער שיין פון איינציקן פלעמל באקומען א פייערדיקן אפגלאנץ. די גאלד־געראמטע שפאקולן זיינען געווארן פול מיט ליכט.

— שלום־עליכם, ר' משה גבריאל. וואס מאכט איר, ר' משה גבריאל? — האט דער רבי צוויי מאל ארויסגעזאגט דעם נאמען, א סימן פון ליבשאפט.

— געלויבט דער אויבערשטער.

— איר זענט אוודאי געקומען מיטן שווער?

— ניין, באזונדער.

— זייט מוחל, קומט אריין צו מיר נאך חנוכה־ליכט בענטשן.

— יא, רבי.

דער רבי האט געגעבן שלום־עליכם ר' משולמען, ניוניען, ר' שמעון קוטנער, זיין אייניקל פישעלע, נאר ער האט מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין ווארט. ס'איז נישט געווען דעם רבינס שטייגער מכבד צו זיין גבירים. באלד נאך שלום־נעמען האט מען געדאווענט מנחה־מעריב. דערנאך האט דער רבי געבענטשט חנוכה־ליכט אין בית־מדרש. אמאליקע יארן, ווען די רביצין האט נאך געלעבט און גינע־גנענדל איז געווען א מיידל, זיינען ביידע נקבות אריין אין בית־מדרש און די מאנסלייט האבן פאר זיי געמאכט א ווארע. אבער שוין יארן ווי דער רבי איז געווען אליין.

אלץ איז געטאן געווארן שטיל, אן צערעמאניעס, אויפן קליגערישן ביאלא־דרעוונער דרך. ר' אייזשע, דער משמש, האט אריינגעגאסן אייל אין די קופערנע רערלעך און אפגעשנייצט די קנויטן. דער רבי האט געמאכט די ברכה און אנגעצונדן. א גערוך פון בוימל און אנגעברענטס האט זיך פארשפרייט. דער

רבי האָט גענומען זינגען מעוז צור. ס'איז נישט געווען קיין געזאַנג נאָר אַ ברומעניש, אַ מורמלעניש, אַ געמיש פֿון זיפֿצענישן און אָפּגעריסענע שטיקלעך פֿון אַ ניגון. דער עולם האָט אונטערגעהאָלפֿן. די יינגלעך זיינען גלייך צוגעלאָפֿן צו די טישן שפּילן דריידל. די בחורים האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט קוויטלעך. עטלעכע חסידים האָבן זיך אַפֿילו מתיר געווען צו שפּילן אין בית־מדרש קאָרטן. וואָס איז דען אַ בית־מדרש? די ווענט און די טישן זיינען נישט הייליק. דער עיקר איז דער מענטש און די מחשבה. פֿאַרן בעל־מדרגה איז די גאַנצע וועלט אַ מקום־קדוש.

נאָך חנוכּה־ליכט בענטשן איז דער רבי צוריק אַוועק צו זיך אין חדר. ס'רוב חסידים זיינען אַוועק אין די סטאַנציעס, וואו מ'האָט צוגעגרייט אַ נאַכט־מאָל פֿון יויך, פֿלייש, ברויט מיט שמאַלץ, גריוון. פֿאַרן וואַשן זיך האָט מען גענומען אַ קאָפּ בראַנפֿן און פֿאַרביסן מיט אַן אייער־קיכל. אָרעמע יונגעלייט האָבן געגעסן על חשבון הגביר. כאָטש חנוכּה שיינט נישט די לבנה, איז אין דרויסן געווען ליכטיק סיי פֿון די שטערן, סיי פֿון דעם שניי. פֿון קוימענס זיינען אויפֿגעגאַנגען ווייסלעכע רויכעס. אַקעגן נאַכט האָט זיך געשטעלט אַ פֿראָסט, אָבער וועמען האָט דאָס געאַרט? קיין האָלץ האָט אין ביאַלאָדרעווונע נישט אויסגעפֿעלט, און אַ גענדזל אָדער צוויי האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אין יעדער שפּייז־אַלמער. אויף די קיכן האָבן זיך געפּרייעט טעפּ מיט שמאַלץ. דאָ און דאָרט האָט מען אָפּגעגליט אַ בלעך און אויסגעלאָזט שמאַלץ אין אַ פּסחדיקן טאָפּ. די מיידלעך און ווייבלעך האָבן געשפּילט אין טערניטשקע, מעק־דיך־און־שטעל־דיך, גראָד־צי־אום, קאָפּ־צי־שלאַק, פֿאַנדן. די בחורים האָבן געמאַכט אַ זעקס־און־זעכציק, אַ פֿינף־הונדערט, אַ טויזנט, אַ באַנק. אַ שקרות־מאַכער האָט געפּרואווט מאַרקירן די קאָרטן, נאָר מ'האָט אים אָנגעדרייט אַן אויער און ער האָט געמוזט צאָלן קנס.

ר' משולם, ניוניע, ר' זיינוועלע סראַצקער, ר' שמעון קוטנער און דאָס איניקל זיינס, פֿישעלע, זיינען איינגעשטאַנען אין איין סטאַנציע. ס'איז געווען אַ סיבה פֿאַרוואָס זיי זיינען געקומען אויף שבת־חנוכּה צום רבין. דאָכע, ר' משולמס שנור, איז געווען קעגן דעם שידוך צווישן הדסהן און פֿישעלען. הדסה האָט אָפֿן געזאָגט, אַז זי וועט מיט פֿישעלען נישט חתונה האָבן. ר' זיינוועלע סראַצקער האָט געהאַט אַ נאָמען דערמיט וואָס ער האָט גערעדט מיט די יונגעלייט אויף זייער לשון. כאָטש אַ ייד אַ למדן, האָט ער געלייענט יעדן טאָג דעם „קוריער וואַרשאַווסקי“, איז געניט געווען אין יחוס פֿון דער פּוילישער שליאַכטע, האָט אַפֿילו אַמאָל אויסגעפֿירט צווישן די פּריצים אַ שידוך. דאָס הויכע היטל האָט געפֿעכלט, דער האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ זיידענער פֿאַטשיילע, די גרוי־געלבלעכע באָרד — צעקעמט אין צוויי שפּיצן; פֿון הינטער די גאָלד־גערעמטע ברילן האָבן אָפּגעקוקט אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן פֿון אַ ייד אַ בר־דעת, וואָס נעמט זיך נישט צו קיין זאַך סיידן ער ווייסט, אַז זי'ט געראָטן. ער האָט אין דער חנוכּה־וואָך איינגעטענהט מיט הדסהן ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל, ס'איז אים אָזש טרוקן געוואָרן אין האַלדז, נאָר ער האָט גאָרנישט געקאָנט פּועלן. דאָ איז זי געוואָרן רויט און דאָ ווייס, ווי קאַלך. זי האָט עפּעס גע־

מורמלט אין אַ פֿאַרגוישטן יידיש, נאָר ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. זי איז געווען מער שיקסע ווי אַלע פּוילישע טעכטער וואָס ער האָט געקאַנט.

— זאָגט די מאַמעשי, גאַיט צו טאַטעשי — דאָס זיינען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס ער האָט באַנומען. ער איז אַרויס פֿון איר שטיבל אַ באַגאָסענער מיט שוייס.

— אַ ווילדער עקשן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אַ ציג!...

און ער האָט צו וויסן געטאָן ר׳ משולמען, אַז ער וועט זיך ביי איר מער נישט מבזה זיין און אַז ער מעקט זי אויס פֿון שדכנות־ביכל.

ווען ר׳ משולם האָט איינגעזען, אַז מ׳קאָן מיט גוטן נישט אויספֿירן, האָט ער געהייסן קאָפּלען, ער זאָל שיקן נאָך משהלען, דעם הויקערל, וואָס נעמט־צונויף פֿאַר ניוניען דאָס דירה־געלט, און אים באַפֿעלן פֿון היינטיקן פֿרייטאָג אויפֿהערן אויסצוצאָלן ניוניען וואָכעס. אָבער קאָפּל, וואָס האָט אַלע יאָרן געהאַט חשבונות מיט ר׳ משולמס קינדער, האָט דאָסמאָל געטענהט, אַז ס׳איז נישט דער וועג.

— ס׳איז דען ניוניעס שולד? — האָט ער געפֿרעגט און געלאָזט נאָכהענגען דאָס פּאַפּיראָסל אויף דער אונטערשטער ליפּ. — ס׳איז אַלץ דאַכע און אַבראַם.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז ר׳ משולם וועט נישט קאָנען האַלטן קיין וואָרט, אַז מ׳וועט שבת צו־נאַכטס שליסן דעם שידוך צווישן הדסהן און פֿישעלען. אָבער ר׳ משולם האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט אין זיין לאַנגן לעבן מנצח געווען גרעסערע העלדן ווי דאַכע און הדסה. אַ חוץ דעם האָט ר׳ משולם געהאַט אַן איינרעדעניש, אַז זיין אַריכת־ימים נעמט זיך פֿון די נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין אַלע מחלוקתן. אויב ער זאָל, חלילה, איינמאָל פֿאַר־לירן, וועט ער באַלד דערנאָך שטאַרבן. ער האָט איינגעזען, אַז דאָס תּקיפֿות האַלט אים אויף די פֿיס. די איינגעשפּאַרטקייט פֿון דער שנור און דעם מיידל האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד.

נאָך אַ סך טראַכטענישן האָט ר׳ משולם געפֿונען אַן אויסוועג. ער וועט פֿאָרן צוזאַמען מיט ניוניען, ר׳ שמעון קוטנער און דעם חתן קיין ביאַלאָדרעוונע און דאָרט שרייבן ראשי־פּרקים. אויף תּנאים מוז די כּלה זיך חתמענען, אָבער ראשי־פּרקים קאָן מען מאַכן אָן איר. שפּעטער וועט ער זיך שוין אַן עצה געבן מיט די האַרטנעקיקע נקבות.

ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ גאָלדענעם זייגער צו געבן דעם חתן אַ מתּנה. ר׳ שמעון קוטנער, דער זיידע (דער פֿאָטער האָט נישט געלעבט און די מוטער האָט חתונה געהאַט קיין קאַליש), האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. דער חתן, פֿישעלע, האָט אויך געהערט מורמלען, אַז די כּלה וויל אים נישט. אָבער כאָטש ער האָט זי געזען בלויז צוויי מאָל און צו איר נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, איז זי אים געפֿעלן. אַוודאי האָט ער חשק געהאַט צו די פֿינף טויזנט רובל נדן, וואָס ר׳ משולם האָט איינגעלייגט, און צו דער ירושה, וואָס וועט אויספֿאַלן איבער הונדערט יאָר אויף זיין חלק. סיי ר׳ משולם, סיי ר׳ שמעון קוטנער, זיינען געווען זיכער, אַז אויב דער רבי וועט זיין אַן עדות אויף די ראשי־פּרקים און אָנווינטשן מזל־טוב, וועט דאַכע נאָכגעבן. וואָרים

דער טאַטע אירער, דער קראָסטינינער רב זצ״ל, איז געווען אַ הייסער ביאַלאַ־דרעווגער חסיד. זי וועט זיך נישט דערוועגן צו שטעלן זיך קעגן רבין.

זיי זיינען איצט אַלע געזעסן אויף דער סטאַנציע, ביי אַ געדעקטן טיש, און געגעסן נאָכטמאָל. ר׳ שמעון קוטנער, אַ ברייטער ייד, מיט אַ מגושמדיק רויט פּנים און מיט אַ צעשפּרייטער מילך־ווייסער־באָרד, ווי אַ פּעכער, האָט געטונקען שטריצל אין בראָט־יויך, אַרויפגעלייגט מיטן שפּיץ־מעסער ווייסן כריין און געשמועסט מיט ר׳ משולמען אין לערנען. פישעלע, אַ קליין בחורל מיט רויטע בעקעלעך, מיט שוואַרצע לויפנדיקע אויגן, אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע, אַ קליין היטעלע, געפּוצטע שטיוועלעך, האָט אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט. גערעדט האָט מען וועגן דער סוגיא פון „כבתה״. פישעלע האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט אַ פּשטל און דער זיידע האָט געפירט דעם שמועס אַזוי, ס׳זאָל הייסן, אַז וואָר־נאָר מ׳כאַפּט אָן אַ שטיקל גמרא, איז פישעלע ביי זיך אין דער היים. ר׳ משולם האָט פאַרשטאַנען די קונץ, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז אַלע חתנים טוען דאָס אייגענע. נישט יעדער חתן־בחור איז אַ סאָכאַטשעווער אָדער טשעכאַנאָווער, ער זאָל קענען זאָגן אַ פּלפּול פון זיך אַליין. ר׳ משולמען איז געפעלן דעם בחורס גלאַסנקייט, זיין סוחרישער חוש. ער איז בטוח געווען, אַז ער וועט ווערן אַ נגיד נאָך דער חתונה און בלייבן אַ חסידישער יונגערמאַן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום בחור:

— נו, וואָס וואָרטסטו? דערלאַנג דאָס פּשטל!...

און געטאָן זיינוועלע סראַצקער אַ שטורך אין די ריפּן, אַ סימן, אַז מ׳קאָן אים, ר׳ משולמען, נישט אָפּנאַרן.

*

בעת די מחותנים מיטן חתן זיינען געזעסן אין גאַסט־הויז, האָט ר׳ אייזשע משמש אָנגעזאָגט ר׳ משה גבריאלן, וואָס האָט געוואַרט אין בית־מדרש, אַז דער רבי איז גרייט אים אָנצונעמען. ר׳ משה גבריאל האָט אַ טאַפּ־געטאָן די געקרייזלטע פּיאות, אָנגערירט דעם גאַרטל אויף די לענדן און זיך געלאָזט גיין צום רבין. מ׳האָט געמוזט פאַרביי אַ שטיקל הויף. אין רבינס שטיבל האָט איצט געברענט סיי אַ שטיי־לאָמפּ, סיי אַ ליכט. דער רבי האָט געוויכערט אַ לאַנגן ליולקע־ציבוק. ער האָט געהייסן ר׳ משה גבריאלן זיך זעצן.

— ר׳ משה גבריאל — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — כ׳האָב צו אייך אַ בקשה.

— דער רבי — צו מיר?

— דער סענצימינער רבי, מיין מחותן, רופט מיך צו אַ דין־תורה.

— דעם רבין? וואָס איז דער רבי שולדיק?...

— מ׳האָט מיך מזמין געווען קיין וואַרשע, צום ראַדאָמער רב, אויף איבער־אַכטאָג דינסטאָג. צו אַ דין־תורה מוז מען קומען.

— אָבער וואָס איז שייך אַ דין־תורה? דער רבי האָט דען צו שאַפן איבער איר?

— כ׳פאַרשטיי טאַקע נישט. ער זאָל עס מיר מוחל זיין, דער סענצימינער, ער איז אַ שוטה.

— על־פי שכל, וואלט עקיבא געדארפט געבן א גט. צו וואס זאל ער זיי ברענגען צו עברות?

— אוודאי אזוי.

— סיידן ער וויל געלט.

— וואו זאל איך נעמען? דער סענצימינער איז, קיין עין־הרע, א גביר, און איך בין, ברוך־השם, אן ארעמאן.

— כ׳ווייס, רבי.

— כ׳וויל, ר׳ משה־גבריאל, איר זאלט זיין מיין בורר.

— אז דער רבי האלט, איך קאן זיין בורר, וועל איך זיין.

— יישר־כח. זאגט מיר אויך, ר׳ משה גבריאל, וואס איז די מעשה מיט ניוניעס טאכטער? מ׳האט מיר געזאגט, אז זי וויל נישט דעם פישעלען.

— וואס איז דער חידוש? די מאמע האט זי געשיקט אין די גימנאזיעס. די ביכער זייערע זיינען פול מיט גילוי־עריות און שפיכת־דמים. איצט וויל זי נישט קיין חסידישן בחור. דער האבער שטעכט זי.

— אפשר האט זי זיך, חלילה, פארליבט?

— איך ווייס? ס׳איז געקומען צו פארן א בחור פון קליין־טערעשפאל. ער איז א בעל־הוראה, נאר א געכאפטער. ער איז דעם קליין־טערעשפאלער רבס אן אייניקל.

— דער קליין־טערעשפאלער רב איז דאך ר׳ הן קאצענעלענבויגן.

— יא, אמת.

— א זיידן האט ער א שיינעם.

— וואס קומט ארויס? ער שלעפט זיך ארום מיט מיין שוואגער, מיט דעם אבראמען. די הדסה גיט אים עפעס א לעקציע. אבראם און דער שוער זיינען קאץ־און־מויז. ניוניעס אשה, ווידער, רירט זיך נישט אן אים. ער וויל דורך זיי אויסשטעכן דעם בלאטער.

— וואס האט אבראם צום שוער?

— ס׳איז אן אלטע שנאה. דתן ואבירם...

— נו, מא, איצט איז רעכט. מ׳טאר אבער נישט נויטן קא׳ מיידל. גינעגנענדל האט דעם עקיבאן אויך נישט געוואלט. נאר די מוטער, עליה השלום, האט זיך איינגעשפארט.

— ס׳איז אזוי נישט גוט און אזוי נישט גוט. אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי.

— דער מענטש האט א בחירה. אן בחירה איז נישטא קיין חילוק צווישן כסא הכבוד און שאול תחתיה...

און דער רבי האט צוריק אריינגענומען די ליולקע־ציבוק אין מויל און אנגעהויבן פאפען. ער האט מורא געהאט ס׳זאל נישט אמאל ארויסקומען קיין מכשול מיט דער הדסהן. ער האט אפגעפאסט צו ווארענען ר׳ משולמען, אז אויב דאס מיידל וויל נישט בשום־אופן, זאל מען נישט טאן קעגן איר ווילן. זאל זי בעסער זיצן נאך עטלעכע יאר, איידער זי זאל ארויס לתרבות רעה נאך דער חתונה...

# קאַפּיטל זיבן

## 1

אין מיטן דער נאַכט האָט רויזע־פרומעטל געהערט ווי ר׳ משולם זיפצט. זי האָט אים געפרעגט וואָס עס איז אים, צי ס׳קלעמט אים נישט, חלילה, אין בויך, אָדער ס׳ברענט אים אפשר אונטערן לעפעלע, — נאָר ר׳ משולם האָט אַ ברום געטאָן:

— שלאָף! דריי נישט קאָ׳ ספאָדיק!

— אפשר זאָל איך דיר מאַכן אַ גלאָז טיי? — האָט רויזע־פרומעטל געפרעגט.

— כ׳דאַרף נישט קיין טיי.

— וואָס־זשע דאַרפסטו?

דער זקן האָט נאָכגעטראַכט און געענטפערט:

— כ׳וואָלט געדאַרפט זיין יינגער מיט אַ דרייסיק יאָר.

— הער נאָר אַ מעשה! וואָס פעלט דיר, ברוך השם, אַזוי? ביזט, קיין עין־הרע, ווי אַנדערע צו פופציק...

— עט, רעדסט נאַרישקייטן, אָדער ווילסט מיך גלאַט חנפנען — האָט ר׳ משולם געברומט. — צוּויטנס, לאָז מיך געמאַך. ס׳איז נישט דיין עסק!

— באמת, כ׳פאַרשטיי דיך נישט — האָט רויזע־פרומעטל געזאָגט הכנעהדיק.

— כ׳פאַרשטיי מיך אַליין אויך נישט — האָט ר׳ משולם גערעדט אין דער פינסטער, האַלב צום ווייב, האַלב צו זיך אַליין. — כ׳האָב געדרייט און געדרייט און גאָרנישט אויסגעדרייט. כ׳האָב צוויי ווייבער געהאַט, זיבן קינדער, געגעבן נדנס, קעסט, ס׳האָט מיך אָפּגעקאָסט מיליאָנען. און וואָס האָב איך? אַ חברה שונאים, פּרעסערס, נאַראָנים, פּראָים. כ׳האָב אויפגעהאָדעוועט אַ געמיין דור!

— מ׳טאָר אַזוי נישט רעדן, משולם.

— און אַז מ׳טאָר נישט, איז וואָס? ווי לאַנג כ׳האָב אַ צונג, רעד איך, און אַז גאָט וועט וועלן שמייסן, איז עס מיין הינטן, נישט דיינער!

— פע, משולם!...

— פע אַהין און פע אַהער! אַט האָסטו איין טאָכטער, איז זי אַ קענערין, אַ קלוגע, און איך האָב זיבן, און אין יעדן זיצט אַ וואָרעם...

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט צי זאָל ער ווייטער איינטענהן מיט דער יידענע, וואָס איז כלומרשט זיין ווייב, אָדער ס׳איז אונטער זיין כבוד. דער פאַרלאַנג צו רעדן האָט, אָבער, גובר געווען.

— מילא, אַז מיינע קינדער טויגן נישט — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — איז נישט קיינעמס שולד. איך אַליין בין אַ האַרטער פּאַרשוין, אַן עקשן, אַ צולהכעיסניק, אַ שטיק רשע, און ס׳עפּעלע, זאָגט מען, פאַלט נישט ווייט פון בוימעלע. די ווייבער מיינע זיינען אויך נישט געווען קיין מציאות. די ערשטע, זאָל זי עס מיר מוחל זיין, איז געווען אַ פּראָסטע יידענע. די צווייטע איז גלאַט געווען אַ שלים־מזל. אָבער לכל־הפחות האָב איך דאָך געמעגט האָבן לייטישע

אײדעמס. דאָס קאָן מען דאָך קריגן פֿאַר געלט. פּשוט, ווי מ׳קויפֿט אָן אָקס אויפֿן מאַרק...

— אוי, משולם, ווי רעדסטו? — האָט רויזע־פֿרומעטל אים איבערגעריסן.

— שווייג, יידענע, כ׳רעד נישט צו דיר, נאָר צו דער וואַנט! — האָט ר׳ משולם אַ געשריי געטאָן. — וואָס ציטערסטו פֿאַר יעדן וואָרט? וועסט אין מיין גיהנום נישט זיין!

— זיווגים זיינען באַשערט פֿון הימל — האָט רויזע־פֿרומעטל זיך ווי פֿאַרענטפֿערט.

— האַ? ס׳זעט אויס אַזוי. דער אַבראַם איז אַ פּושע עוכר ישראל, אַ מיאוסער נואף. ער׳ט אָפּגערעדט אַ ווייב פֿון אַ מאַן. ער׳ט מיך באַגנבעט און באַגזלט. איצט וויל ער אומגליקלעך מאַכן ניוניעס טאָכטער, ווי הייסט זי דאָרט? הדסה. דער משה גבריאל, ווידער, לאהס מאַן, איז אַ בטלן. די שנורן זיינען אַוודאי גאָרנישט מיט גאָרנישט... סיידן אפֿשר פּיניעלעס ווייב, די קורלענדישע.

— נו, ווּעסטו האָבן נחת פֿון די אייניקלעך — האָט רויזע־פֿרומעטל אים געפּרוּווט טרייסטן.

— די אייניקלעך זיינען אויך טינופֿת! — האָט ר׳ משולם געשריגן. — די מוידן זיינען אַלע געגאַנגען אין די שקאָלעס און אויסגעוואָקסן גויעס. די יונגען זיינען סתם פּוסטע קעפּ. חנוכּה־געלט גיב זיי! קויף זיי אונטער מיט מתּנות! אַזוי ווי ס׳גייט אַרויס פֿון חדר, וויל דאָס קאַ׳ ספֿר נישט אָנקוקן!

— קאָנסט נאָך פֿאַרריכטן, משולם, האָסט אַ שטאַרקע האַנט. קאָנסט אַלץ אויספֿירן.

— האַ? רעדסט ווי אַ בהמה! וואָס פֿאַר אַ תּקיף בין איך? כ׳בין אַן אַלטער ייד, פֿון אַכציק יאָר. כ׳על באַלד שטאַרבן און מ׳עט זיך צעטיילן מיט מיין האָב־און־גוטס. זיי קאָנען זיך קוים דערוואַרטן. מ׳וועט זיך אַ וואָרף טאָן אויף דער ירושה, ווי אַ היישעריק, און מאַכן פֿון אַלץ אַ תּל...

— דו דאַרפֿסט דיך באַוואָרענען, משולם! — האָט רויזע־פֿרומעטל געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיפֿץ.

— ווי קאָן איך מיך באַוואָרענען? אַז מ׳ליגט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף, איז מען אַ קנאָפּער בריה. צוּוויטנס, כ׳לעב נאָך דערווייל! — האָט ר׳ משולם געטאָן אַ געשריי. — דערווייל בין איך באַלעבאָס, נישט זיי!

— דאָס טענה עך דאָך!...

— הדסה וועט חתונה האָבן נאָך הײנטיקן ווינטער. ס׳וועט זיי גאָרנישט העלפֿן. דעם נואף אויף צעפּיקעניש! וואָס איז מיט דיין טאָכטער? וואָס זיצט זי? אויף וועמען וואָרט זי? זי מעג שוין באַלד הערן שפּילן!...

— וואָס רעדסטו, משולם? זי איז נאָך נישט אַלט קאַ׳ פֿיר און צוואַנציק יאָר. עכ׳ל דיר ווייזן די געבורטס־שיין. זאָל נאָר דער־וואָס־כ׳בין־נישט־ווערט־צו־געדענקען צושיקן דעם רעכטן זיווג!

— גאָט איז נישט קאַ׳ שדכן. זיינוועלע סראָצקער איז שוין וויפֿל מאָל געווען ביי איר, נאָר זי לאָזט צו זיך נישט רעדן. אויך אַ מיוחסת!...

— זיי מיר מוחל, משולם, נאָר זי איז מער מיוחסת פֿון הדסהן.

— יחוס איז אויפֿן קברות! איכ׳ל איר געבן נדן, נאָר זאָל נעמען אַן עק. כ׳דאַרף ניש׳ קאָ׳ן אַלטע מוידן אין הויז!...

ר׳ משולם האָט מיט אַמאָל איינגעזען, אַז ער וועט שוין איצט נישט שלאָפֿן. ער האָט געוואָלט זיך אויפֿהויבן און אַריינגיין אין ביבליאָטעק. ער האָט דאָרט געהאַט שטיין אַ סאָפֿע, וואו ער פֿלעגט איבערליגן אַ פֿאַרוואָגלטע נאַכט. אָבער די פֿיס זיינען אים געווען שווער, אין קאָפּ איז געווען ענג, אין מויל ביטער. אָפּגעריסענע טראַכטענישן האָבן אַרומגעזשומט אין מח. ס׳האָט אים געביסן אין די האַלב אויסגעקראַכענע פּאות, אין שיטערן בערדל, אין די שפּיזלדיקע ברעמען. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג סיי צו ניסן, סיי צו געניצן. דאָס שלאָף־קאָפּל איז אים געהאַט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון שיידל. אַ קעלט איז אים געלאָפֿן איבערן רוקן. נאָך אַ וויילע האָט ער זיך געשטאַרקט און אַראָפּגעשטעלט די פֿיס פֿון בעט. ער איז אין דער פֿינסטער אַריינגעקראָכן אין די שטעק־שיך און גענומען זוכן דעם שלאָפֿראָק.

— וואו גייסטו? — האָט רויזע־פֿרומעטל געפֿרעגט.

— האָב ניש׳ קאַ׳ מורא, כ׳אַנטלויף נישט. דו ליג און שלאָף!

ער האָט מיט ציטערנדיקע הענט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, געפֿונען דאָס מלבוש, און מיט וואַקלדיקע טריט זיך געלאָזט גיין צום קאָרידאָר. ער איז אַרויפֿגעטראָטן אויף דעם ווייבס לאַטשן און שיער נישט געפֿאַלן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטול און באַקומען אַ קלאַפּ אין דיך. ער האָט געוואָלט אַריין אין ביבליאָטעק, נאָר ער האָט נישט געפֿונען די טיר. ער האָט אָנגעטאַפּט אין חשכות אַ קליאַמקע און געטאָן אַ שטופּ. ער האָט דערזען אַ באַלויכטענע שטוב. ס׳איז געווען אידלס צימער. דאָס מיידל איז געזעסן אויפֿן ברעג בעט, אין אַ בלויען שטוב־כאַלאַט, אין פּליושענע שטעק־שיכלעך, און געלייענט אַ בוך אַקעגן דער שיין פֿון אַ נאַפֿט־לעמפּל. ר׳ משולם האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף הינטער־ווילעכץ.

— דאָס ביסט דו? זיי מוחל!...

— פֿעטער! וואו גייט דער פֿעטער? — האָט אידל געפֿרעגט אַ פֿאַרחידושטע.

— גאָרנישט. דערשרעק דיך נישט. כ׳האָב געוואָלט אַריין אין ביבליאָטעק און געמאַכט אַ טעות. וואָס שלאָפֿסטו עפּעס נישט? וואָס לייענסטו אין מיטן דער נאַכט?

— אַ בוך.

— וואָס פֿאַר אַ בוך? אפֿשר האָסטו אַ שוועבעלע? כ׳וויל אָנצינדן דעם לאָמפּ אין ביבליאָטעק.

— איין מינוט!

אידל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בוך אין איין האַנט, דאָס לעמפּל אין דער אַנדערער און גענומען גיין פֿאַר ר׳ משולמען. בונטן שאָטנס האָבן געטאַנצט פֿאַר־אויס, פֿאַרקראָכן אויפֿן סופֿיט. דעם זקנס געשטאַלט איז אַ וויילע געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט אויף דער וואַנט, אויסטערליש ענלעך, מיט אַ לאַנגער נאָז, אַ ברייטן קאָפּ און אַ שפּיציק בערדל, ווי אַ קלין. באַלד זיינען בײדע אַריין אין ביבליאָטעק און אידל האָט אָנגעצונדן דעם שטיי־לאָמפּ. זי האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— דער פֿעטער וויל אפֿשר אַ גלאָז טיי?

— ניין, ניין. וואָס לייענסטו? ס׳איז טשעקאָווע.

— ס׳איז אַ בוך. פֿון סווועדענבאָרג.

— ווער איז דאָס פֿאַר איינער?

— אַ שוועדישער מיסטיקער. ער באַשרייבט דאָס גן־עדן און גיהנום.

— שטותים. דאָס איז דאָ אין שבט־מוסר אויך. דער טאָג איז דיר צו קליין?

— האָט ער געפֿרעגט און זי אָנגעקוקט קרום פֿון הינטער די צעשויבערטע ברעמען.

— עך קאָן נישט שלאָפֿן.

— וואָס איז? דער האָבער שטעכט דיך?

— עך ווייס אַליין נישט.

— הער מיך אויס: ביסט טאַקע אַ קלוגע און אַ געלערנטע, נאָר ביסט נישט פּראַקטיש. פֿון די אַלע שמאָנצעס קומט גאָרנישט אַרויס. מ׳פֿאַלט אַריין אין אַ מרה־שחורה. אַ מיידל ווי דו דאַרף אַ כּלה ווערן און חתונה האָבן.

— ס׳איז נישט אָפּהענגיק פֿון מיר.

— פֿון וועמען דען? זיינוועלע סראָצקער האָט דיר גערעדט אַ פּאָר לייטישע שידוכים.

— ס׳טוט מיר לייד, פֿעטער, עך קאָן אַזוי נישט חתונה־האָבן.

— ווי אַזוי זשע?

— נישט פֿון קיין גערעדטן שידוך.

— ווילסט דיך, הייסט עס, איינליבן?

— אויב איך זאָל גראָד עמעצן באַגעגענען און ער זאָל מיר געפֿעלן.

— באָבקעס! פֿאַנטאַזיעס! קאָנסט אָפּזיצן ביזן גרויען צאָפּ און זאָלסט קיינעם נישט באַגעגענען. אָדער אפֿשר געפֿעלט דיר דער כניאַק, וואָס שרייבט איבער דיין טאַטנס ספֿר?...

— ער איז נישט קאַ׳ כניאַק, פֿעטער. ער שטאַמט פֿון אַ רבניש הויז, אָבער ער איז קלוג און אינטעליגענט. ווען ער וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין גוטע הענט, וואָלט ער געקאָנט ווערן אַ —

— אַ וואָס? אַ בעלפֿער, אַ לערערל, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. דערצו איז ער אַן אַפּיקורס און אַ שייגעץ. כ׳הער, ר׳האָט פֿאַרדרייט הדסהן דעם קאָפּ.

— דאָס איז נישט זיין שולד, פֿעטער. הדסה איז אַ מיידל מיט איינרעדענישן; ער איז נישט פֿאַר איר און זי איז נישט פֿאַר אים.

— דאָס טענה איך דאָך. קום אַהער, זעץ דיך. אָט דאָ אויף דער סאָפֿע. שעם דיך נישט פֿאַר מיר. כ׳בין אַן אַלטער ייד.

— אַ שיינעם דאַנק.

— די הדסה איז אַ כּלה מיט פֿישעלען. ניוניע איז שוין באַשטאַנען און דאַכט ווערט זיך אונטערגעבן. איכ׳ל זען, מ׳זאָל פּראַווען אַ חתונה נאָך פֿאַר פּסח. וואָס שייך דיר, איז ווי דו פֿאַרשטייסט. כ׳על איינלייגן ביי אַ שליש צוויי טויזנט רובל. כ׳על דיך נישט פֿאַרגעסן אין דער צוואה אויך. נאָר טו אַ שידוך מיט אַ סוחר. די אַלע חכמימלעך גייען אין צעריסענע שיך.

— עכ׳ל זען, פֿעטער. אַ מענטש מוז מיר זיין סימפּאַטיש. ווען נישט, קאָן עך נישט.

— נו, גיי, און לייען נישט באַנאַכט. אַ נייע מאָדע גאָר געוואָרן: יונגע מיידלעך און זיי ווילן שוין וויסן אַלע סודות. וואָס ט׳איר טאָן אויף דער עלטער? אַלץ קאַפּויער!...

— ס׳איז שווער צו לעבן, אַז מ׳ווייסט נישט.

— און אַז מ׳ווייסט, איז גרינגער? אויף יענער־וועלט איז אויך ניש׳ גוט. מ׳דאַרף אָפּגעבן חשבון. נו, גיי. זאָג דעם מלמדל, ער זאָל אַריינקומען צו מיר אין קאַנטאָר. כ׳דאַרף מיט אים עפּעס רעדן.

— דער פֿעטער זאָל זיך נאָר נישט אָנבייזערן. ער איז אַ שטאָלצער!...

— ציטער ניש׳, כ׳על אים נישט אויפֿעסן. אַ שטיל וואַסערל, נאָר ער גראָבט טיף. אָן עזות מחוצף פּנים!...

— אַ גוטע נאַכט, פֿעטער. זייט געזונט.

— אַ גוטע נאַכט. מ׳דאַרף לעבן פּשוט, אָן חקירות. אין דייטשלאַנד איז דאָ אַ פֿילאָסאָף, האָט ער אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז ר׳האָט אָנגעהויבן קייען גראָז...

אידל איז אַרויס. זי איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען הינטער דער טיר: זי האָט געהאַט איבערגעלאָזט דאָס לעמפּל אין ביבליאָטעק; נאָר זי האָט זיך מער נישט געוואָלט אומקערן. זי האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר זי האָט מיט אַמאָל צוגעלייגט דעם האַנט־געלענק צו די ליפּן און געטאָן אַ קוש... דער זקן האָט אַרויסגענומען אַ ספֿר און געפּרואווט אַריינקוקן, נאָר די אותיות זיינען געוואָרן דאָ גרין, דאָ גאָלדיק. די שורות זיינען געשפּרונגען איינע איבער דער אַנדערער. אין מיטן איז אויסגעוואַקסן אַ לענגליכער בלויז, ווי די שריפֿט וואָלט אַרויסגעפֿלויגן. ר׳ משולם האָט אַ ווייל צוגעשלאָסן די אויגן־לעדלעך, צו פֿאַרטרייבן דאָס קאָפּ־שווינדלעניש. דאָס ספֿר איז געווען אַ „מעבר יבק״. ער האָט אָנגעזאָטלט די שפּאַקולן, וואָס ער האָט געפֿונען אויפֿן טיש, און געלייענט:

ודע, דו זאָלסט וויסן דאָס פֿאַר דער פּטירה קומט צום גוסס דער מלאך־המות, די פֿאַרכטיקע געשטאַלט פֿול מיט אויגן, די אַנטבלויזטע שווערד אין זיין האַנט, און ער טוט איבעררעדן דעם שכיב־מרע ער זאָל לעסטערן גאָט און דינער די עבודה־זרה: און מחמת דער מענטש איז שלאַף און דער פּחד פֿון טויט באַצווינגט אים, טרעפֿט דאָס ער ווערט געשטרויכלט און ער פֿאַרלירט זיין וועלט אין איין שעה: דערום האָבן די פֿאַרצייטיקע ווען זיי זיינען געפֿאַלן אויפֿן בעט פֿון ווייטאָג צונויפֿגערופֿן צען לייט און מבטל געווען די רייד וואָס זיי וועלן רעדן פֿאַר יציאת נשמה און די שלעכטע טראַכטענישן, וואָס קומען פֿון ס״ם: און עס איז אַ רעכטפֿאַרטיקער מנהג וואָס אַנשי מעשה דאַרפֿן אין אים געוואָרנט זיין:

ר׳ משולם האָט האַסטיק צוגעשלאָסן די טאָוולען. דאָס, וואָס ר׳האָט צווישן אַזויפֿיל ספֿרים גראָד אָנגעטראָפֿן אויפֿן „מעבר יבק״, איז געווען אַ שלעכטער סימן. זיין צייט איז געהאַט פֿאַראיבער. ער איז אָבער נאָך נישט געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן די זינדיקע ערד. ער האָט נאָך נישט געהאַט געטאָן קיין תשובה,

נישט פֿאַרטיילט קיין געלט אויף עולמות, רעכט נישט געמאַכט קיין צוואה. ערגעץ אין דער אייזערנער קאַסע האָט זיך געוואַלגערט אַ בויגן פּאַפּיר מיט אָנגעוואָרפֿענע פּונקטן, נאָר ער איז נישט געווען געחתמעט פֿון קיין עדות און פֿאַרזיגלט מיט טריוואַקס. ר׳ משולם האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען וואָס ער האָט דאָרט געשריבן, נאָר ער האָט גאָרנישט געדענקט. ער האָט מיט אָפּגענומענע קני זיך צוגעשאַרט צו דער סאָפֿע, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן אָנלען און גענומען איינדרימלען. ער האָט געטאָן אַ שנאָרך און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ווען ער איז אויפֿגעקומען, האָט שוין דורך די פֿאַרהויכטע שויבן אַריינגעקוקט דער ווייסער פֿרימאָרגן.

## 2

אין יענער נאַכט האָט אויך הדסה נישט געקאָנט שלאָפֿן. דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אין פֿענסטער, האָט זי אויפֿגעוועקט און זי האָט מער נישט צוגעטאָן קיין אויג. זי האָט זיך אויפֿגעזעצט, אָנגעצונדן די עלעקטרע און גענומען קוקן פֿאַר זיך. די גאָלד־פֿישעלעך אין אַקוואַריום זיינען, אַפּנים, געשלאָפֿן. זיי האָבן גערוט צווישן די זשאַבע־שיסעלעך, שטיינדלעך, בינטלעך מאָך. אויף אַ שטול איז געלעגן דאָס קלייד, די זיידענע האַלקע, אַ קאָפּטל. די שיך זיינען געשטאַנען אויפֿן טיש, כאָטש זי האָט נישט געדענקט זי זאָל זיי האָבן דאָרט אַוועקגעשטעלט. די אויבערזאָקן האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן טעפּיך. דאָס מיידל האָט אַריינגעשטעקט די פֿינגער אין די האָר און גענומען זיך לייכט צושאָקלען. איז דאָס מעגלעך אַז זי איז געווען ביי עוזר־העשלען אין שטוב? האָט ער באמת געזאָגט, אַז ר׳האָט געבענקט נאָך איר? זי האָט געטאָן אַ צאַפּל. ס׳האָט איר אַ שטאָך געטאָן הינטער דער קני. זי איז פֿאַרליבט! גראָד אין דעם קליינשטעטלדיקן בחור מיט דער געהאַקטער קאַפּאָטע. דאָס, אויף וואָס זי האָט זיך אַלע יאָרן געריכט, איז געקומען!... ווען פּאַפּאַ זאָל דאָס וויסן! און מאַ, און דער פֿעטער אַבראַם! און קלאַניע! אָבער וואָס וועט דאָ זיין? דער זיידע האָט שוין געלאָזט שרייבן ראשי־פּרקים מיט פֿישעלען. זי איז שוין אַזוי גוט ווי אַ כּלה...

דאָ האָט הדסהס געדאַנק זיך אָפּגעשטעלט. זי איז אַראָפּ פֿון געלעגער, אָנגעשטעקט די שטעק־שיכלעך און איז צוגעגאַנגען צום טיש. זי האָט אַרויסגענומען פֿון שופֿלאָד איר טאָג־בוך. די ברוינע טאָוולען זיינען געווען געליישט מיט גאָלד, די זייטן — געלבלעך. עס זיינען געלעגן צווישן זיי: פֿאַרדאַרטע בלימלעך; בלעטער, וואָס דאָס גרינע איז פֿון זיי אויסגעטריקנט געוואָרן און עס זיינען געבליבן בלויז די געוועבן; זומער־פֿויגעלעך, גרעזלעך, ריטלעך. די ראַנדן זיינען געווען באַמאָלט מיט רייזעלעך, שטענגעלעך, שלענגעלעך, מענטשעלעך, האַריקע און האָרנדיקע, מיט שופּן פֿון פֿיש און מיט פֿיסלעך פֿון פּיפּערנאָטערס. עס זיינען דאָ געווען אַלערליי צייכנס — רינגעלעך, פּינטעלעך, קעסטעלעך, שליסעלעך, וואָס נאָר זי האָט געוואוסט זייער סודותדיקן באַטייט. ווען זי האָט אָנגעהויבן שרייבן דאָס טאָג־בוך, איז זי געווען אין דריטן קלאַס.

זי האָט נאָך געהאַט אַ קינדישע האַנטשריפֿט. דאָ און דאָרט איז אַפֿילו געווען אַ גראַמאַטיקאַלישער גרייז. איצט איז זי שוין געווען אַ מיידל אין ניינצנטן יאָר. די יאָרן זיינען אַריבער ווי אַ חלום...

הדסה האָט געמישט, געלייענט, איבערגעהיפּערט גאַנצע בלעטלעך. אייניקע געדאַנקען האָבן איר אויסגעזען נישט־געוויינלעך רייף פֿאַר דעם עלטער, וואָס אין אים זיינען זיי געשריבן געוואָרן. אַנדערע זיינען געווען נאַאיוו, לעכערלעך. סך־הכּל — האָט זי אַלעמאָל געליטן. די ליידן זיינען געווען אויסגעקריצט אויף יעדן בלעטל, אין יעדער שורה. וואָס'ערע אויסטערלישע שרעקן זי האָט געהאַט! וויפֿל עוולות זי איז אויסגעשטאַנען, פֿון די שילערינס, די לערער, די קוזינעס! בלויז מאַ און דער פֿעטער אַבראַם זיינען דערמאָנט געוואָרן מיט צערטלעכע צונעמען. אויף איין זייטל איז געשטאַנען:

„וואָס איז דער צוועק פֿון מיין לעבן? איך בין שטענדיק איינזאַם און דורך קיינעם נישט פֿאַרשטאַנען. אויב איך וועל מיך נישט באַפֿרייען פֿון דעם פּוסטן שטאָלץ, וויל איך בעסער שטאַרבן. גאָט, גיב מיר אונטערטעניקייט!"

אויף אַן אַנדער בלעטל, אונטער אַ ליד, וואָס קלאַניע האָט איר אַריינגעשריבן, איז געווען אָנגעצייכנט: „ווען ער קומען אַמאָל, דער גאָט־באַשערטער? ווי וועט ער אויסזען? איך קאָן אים נישט, ער ווייסט נישט פֿון מיר. איך עקזיסטיר נישט פֿאַר אים. אָבער דער שיקזאַל וועט אים ברענגען גליך צו מיין שוועל. אָדער אפֿשר איז ער גאָרנישט געבוירן געוואָרן? אפֿשר איז מיין גורל צו בלייבן אַליין, ביזן לעצטן טאָג?..."

און אונטן זיינען געווען אָנגעצייכנט דריי פֿישעלעך, אַ סימבאָל, וואָס זי האָט שוין היינט געהאַט פֿאַרגעסן זיין מיין.

הדסה האָט זיך צוגערוקט אַ בענקל און איינגעטונקט די פען אין טינטאָרן. זי האָט געוואָלט עפּעס אַריינשרייבן. נאָר מיט אַמאָל האָט זי דערהערט טריט הינטער דער טיר. זי האָט זיך פֿלינק אומגעקערט צום בעט, זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע און זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק. נאָך אַ ווייל האָט זי געעפֿנט אַ שמאָל שפּעלטל אין לינקן אויג. די טיר האָט זיך געעפֿנעט מיט אַ סקריפּל און עס איז אַריינגעקומען די מאַמע, אין אַ רויטער קימאָנע און אין שטעקשיך. דער קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ געל טיכל, און ס'האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע האָר, געמישט מיט גרויע פֿעדים. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— הדסה לעבן, דו שלאָפֿסט? וואָס ברענט עפּעס די עלעקטרע?

הדסה האָט געעפֿנט די וויעס.

— מאַ! דאָס ביסט דו? כ'האָב נישט געקאָנט שלאָפֿן און געלייענט אַ ביכל.

— ס'לאָזט מיך אויך נישט שלאָפֿן: דער ווינט, די זאָרגן. דיין טאַטע האָט זיך געמאַכט אַ נייע געוואוינהייט: ער שנאָרכט.

— פּאַ האָט אַלעמאָל געשנאָרכט.

— נישט אַזוי ווי היינט... ער מוז האָבן פּאַליפּן.

— מאַ, קום צו מיר אין בעט אַריין!...

— וואָס עפּעס? ס'איז צו־שמאָל. האָסט אַ טבע: דו קאָפּעסט, ווי אַ פֿערדל.

— כ'על דיך ניש' קאָפּען!

— יאַכ׳ל מיך בעסער צוזעצן. די ביינער טוען מיר ווי פֿון ליגן. הער מיך אויס, טאַכטער, כ׳דאַרף מיט דיר האָבן אַן ערנסטן שמועס. דו ווייסט, קינד, אַז כ׳האָב דיך ליב ווי אַן אויג אין קאָפּ. כ׳האָב גאָרניש׳ מער אויסער דיך. דיין טאַטע זאָל געזונט זיין איז אַן עגאָאיסט און ער דאַרף קיינעם נישט. איך בין פֿאַר אים אַן איבעריקע זאַך — —

— מאַ, הער־אויף צו רעדן קעגן פּאַ!

— כ׳האָב צו אים גאָרנישט. ער איז דאָס וואָס ער איז. ער לעבט פֿאַר זיך, ווי אַ חיה. כ׳האָב מיך שוין צוגעוואוינט. נאָר דו, טאָכטער, וויל יאָך, זאָלסט זיין גליקלעך. שוין פֿאַר מיר אויך.

—קעגן וואָס זאָגסטו דאָס, מאַ?

— כ׳האָב קיינמאָל ניש׳ געהאַלטן פֿון צווינגען אַ מיידל צו אַ שידוך. כ׳זע שוין וואָס ס׳קומט אַרויס פֿון געצוויטע זאַכן. נאָר דו גייסט אויף אַ שלעכטן וועג. ערשטנס, איז דער פֿישעלע אַ גאַנץ וואויל יינגל, — אַ לערנער, אַ שרייבער, אַ סוחר. ס׳וואָלגערן זיך נישט אַזוינע. כ׳הער, אַז בעריש יאַמאַיקאַ האָט אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג. צווייטנס, איז דער זיידע, שמעון קוטנער, אַן אַנגע־שטאָפּטער גביר און איבער הונדערט יאָר איז אַלץ זיינס — —

— מאַ, איכ׳ל מיט דעם פֿישעלען קיינמאָל ניש׳... פֿאַרגעס!...

— מעגסט דאָך מיך לאָזן אויסרעדן! די האָלטסט דיך אוודאי פֿאַר אַ גביריש קינד. אָבער דו האָסט נעבעך אַ טעות. דיין טאַטע האָט אַ פּאָר רובל, נאָר ער האַלט זיי פֿאַר אַ שוואַרצן טאָג. ער׳ט זיי נישט אָנרירן — מיר זאָלן, חלילה, אויסגיין. ביסט אַ מיידל אָן נדן און אַ קראַנקע דערצו. דאָס איז דער גאַנצער אמת.

— כ׳ווייס ניש׳ וואָס די מאַ וויל!...

— דיין זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט, ווי אַ גזלן. ער׳ט שוין געהייסן קאָפּלען אונדז אָפּשטעלן ס׳וואָכן־געלט. ער׳ט געטאָן אַ שבועה, אַז ער׳ט אונדז קאַ׳ גראָשן ניש׳ איבערלאָזן. מעגסט אים גלויבן. מיר׳ן בלייבן אויפֿן וואַסער. דיין טאַטע טויג צו גאָרנישט. מער ווי עסן און שלאָפֿן קאָן דאָס נישט. יאָך בין קראַנקער ווי דו מיינסט. הלוואי כ׳זאָל לאַנג אָנטרייבן!

— מאַ!...

— רייס מיר ניש׳ איבער. דער פֿעטער אַבראַם איז אַ וואוילער ייד. כ׳האָב אים ליב. נאָר מ׳קען זיך אויף אים ניש׳ פֿאַרלאָזן. ער׳ט אומגליקלעך געמאַכט זיין ווייב און פֿאַרפֿירט אַ פּרוי — ווי הייסט זי דאָרט? — די מאַדאַם פּראַגער. זי׳ט זיך ערגעץ באַגראָבן אין פּראַגע, אויף דער סטאַלאָווע גאַס, און וואָרט ביז ער׳ט זיך אויסקראַצן אויף אַן אָוונט. ס׳שניידט מיך ביים האַרץ אַז כ׳טראַכט וועגן איר. חמא ווערט אויסגעריסן. די טעכטער האָבן ניש׳ קאַ׳ גראָשן נדן. איצט האָט ער זיך פֿאַרלייגט אויף אונדזער הויז. ער וויל דורך אונדז אויסשטעכן דעם בלאָטער...

— יאָך האָב אים ליב!

— כ׳האָב אים אויך גערן, נאָר גענוג! דער ייד איז אַן איבערגעדרייט שלעסל, אַ שאַרלאַטאַן. וואָס מישט ער זיך אין פֿרעמדע עסקים?... דאָס בחורל — ווי הייסט ער דאָרט? האַ?... דער עוזר־העשל — געפֿעלט מיר אויך נישט.

כ'וויל אים דאָ ניש' האָבן, דו הערסט צי נישט? יאָכ'ל אים גאַנץ שיין אַרויס־וואַרפֿן!...

— ער קומט ניש' מער!...

— ביסט אַן אָרעם מיידל. נאַקעט און הויל. ביסט, קנאַינע האָרע, אַ שיינע, נאָר מ'איז ניש' אייביק שיין. מ'עט דעם פֿישעלען אויסכאַפּן צי'שן יאָ און ניין און וועסט בלייבן מיט אַ נאָז.

— זאָל מען אים אויסכאַפּן. אַפֿילו היינט!

— ווער וועט דיך נעמען? דער זיידע ט'דיר קאָ' נדן נישט געבן!

—כ'דאַרף ניש' קיינעם!

— וועסט דאַרפֿן, טאָכטער, מ'האָט שוין געזען אַזוינע יחסנטעס. ווען דו ביסט, נישט היינט געדאַכט, געלעגן אין אַטוואַצק, האָט עס אָפּגעקאָסט הונדערט רובל אַ וואָך. כ'וויל דיך, חלילה, נישט שרעקן, נאָר מיט לונגען ווייסט מען קיינמאָל נישט. די שעה זאָל נישט זיין, אַז מ'האָט נישט פֿאַר די דאָקטוירים און די סאַנאַטאָריעס, הויכט מען אויס דעם דוך.

— נו, שטאַרבט מען!

— ווי איז מיר, דו נעמסט מיך אַן ביי דער זיבעטער ריפּ! זאָלסט ניש' מיינען, אַז כ'רעד גלאַט אַזוי. כ'בין נעכט ניש' געשלאָפֿן און אַלץ איבערגעטראַכט. האָסט ניש' קאָ' גרעסערן פֿריינט אויף דער וועלט. ווען מ'וואָלט מיר געזאָגט כ'זאָל מיין לעבן שטרעקן פֿאַר דיין מינדסטן נאָגל, וואָלט יאָך קאָ' מינוט נישט געקלערט. זאָלסט וויסן, קינד, אַז ביסט אין אַ גרויסער סכנה, און דיין מאַמע וואָרנט דיך!...

— מאַ, הער אויף מיט די תחינות. כ'בין נאָך נישט געשטאָרבן!

— בייס דיר אָפּ די צונג. הער נאָר אַ לשון!

— יאָך זאָג דיר אָפּן: כ'וויל נישט דעם פֿישעלען!

— איז דאָס ס'לעצטע וואָרט?

— יאָ.

— נו, מאַ, זאָל גאָט זיך אויף דיר דערבאַרעמען. ס'איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז אַ קינד איז אַ שונא. יאָך האָב אין דיין טאָטן אויך ניש' גוסטירט. נאָר אַז דיין באָבע עליה השלום האָט אָנגעהויבן גיסן מיט טרערן, האָב יאָך גע־זאָגט: זאָל מיינס איבערגיין. פֿירטץ מיך צו דער חופּה. היינטיקע קינדער האָבן ניש' קאָ' הערצער, נאָר שטיינער. מילא, יאָכ'ל שווייגן. נאָר דיין טאַטע וועט איינלייגן וועלטן. מיר'ן בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט.

— כ'על גיין אַרבעטן.

— זאָלסט אַזוי מיט דער נאָז זיין צי די קאָנסט אַ פֿינגער אויפֿהויבן. דו לעבסט קוים. כ'זאָל דיר ניש' נאָכטראָגן דריי מאָל אין טאָג דעם קעפֿיר מיט דעם טראָן, וואָלסטו, חס ושלום, געפֿאַלן פֿון די כוחות. דאַרפֿסט האָבן אַ וואַרעמע היים און אַ סך געלט. אַז יאָכ'ל צומאַכן אַן אויג, וועט דיין טאַטעלע דיר גלייך מאָרגן ברענגען אַ שטיף־מאַמע...

— מאַ, לאָז מיך געמאָך!...

און הדסה האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט בידע הענט.

— כ'גיי שוין. וועסט אַמאָל געדענקען מיינע ווערטער, נאָר ס'וועט זיין צו שפּעט.

דאַכע האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל, נאָר אַז הדסה האָט נישט געענטפֿערט, איז זי אַרויס און פֿאַרמאַכט די טיר. הדסה האָט זיך געטאָן אַ וואָרף. די שפּרינג־פֿעדערס אין מאַטראַץ האָבן אַזש אָפּגעקלונגען. זי איז אַרויס פֿון בעט, צוגע־לאָפֿן צום טאָג־בוך, זיך געוואַקלט אַ ווייל און עס פֿאַררוקט אין שופֿלאָד. דער־נאָך האָט זי אויסגעלאָשן די עלעקטרע און איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. אינדרויסן איז געפֿאַלן אַ טרוקענער שטיי, געקלאַפּט אין די שויבן, ווי אַ האָגל. אַ ווינט האָט געבלאָזן. הדסה האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפֿיל: גלייך די שטוב וואָלט מער נישט געווען אירע. זי האָט פּאַמעלעך, אויף די שפּיצן־פֿינגער, זיך אומגעקערט צום געלעגער. זי האָט זיך צוגעדעקט, נאָר זי האָט מער נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. דער קאָפּ האָט איר וויי געטאָן. דער שטערן איז געווען וואַרעם. ערגעץ אין דער לינקער זייט, אונטערן אַקסל, האָט געשאַרכט אַ הוסט, געקרעלט אין האַלדז. זי האָט זיך דערמאָנט דאָקטאָר מינצס ווערטער, אַז: די קראַנקהייט איז נישט אויסגעהיילט, נאָר פֿאַרלאַטעט. הדסה האָט איינ־געגראָבן דאָס פּנים אין קישן און געבומען בעטן גאָט, אַן ווערטער, אין אַ תּפֿילה, וואָס זי האָט אַליין פֿאַרפֿאַסט, ווען זי איז געלעגן אין אָטוואָצק.

## קאַפּיטל אַכט

ווען אַבראַם איז איינגעזעסן אין שליטן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט עוזר העשלען, האָט ער זיך געהייסן פֿירן אַהיים, אויף דער זלאָטע גאַס. אָבער אין מיטן וועג האָט ער אַ שטויס געטאָן דעם פֿורמאַן אין אַקסל און באַפֿוילן אויסצודרייען דעם דישעל און פֿאָרן קיין פּראַגע, ערגעץ אויף דער סטאַלאָווע גאַס. דער גוי האָט אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד און זיך גענומען קראַצן אונטערן דאַשיק. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה אין דער פֿראָסטיקער נאַכט. אָבער ווען ער האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק און נאָכאַמאָל דערזען דעם פּריץ אין דעם לאַנגן פֿוטער און אין דער פּאַפּאַכע, האָט ער אומגעקערט דעם שליטן, געטאָן אַ פֿאָכע מיט דער בייטש און אַ געשריי געטאָן:

— וויאָ, מאַלאַ! הייטאַ!...

דאָס פֿערדל האָט גענומען לויפֿן. שטיקער שניי האָבן געשאָסן פֿון אונטער די פּאָדקאָוועס; דער שליטן האָט זיך געגליטשט, געדרייט, דאָס גלעקל האָט שאַרף געקלונגען. אַבראַם האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב, חמא, וועט מאַכן סקאַנדאַלן, ווען ער וועט קומען מאָרגן אינדערפֿרי. זי האָט אים דאָס לעצטע מאָל געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נאָך איינמאָל נעכטיקן אויסער דער היים, וועט זי אַוועק מיט די טעכטער צום טאַטן. אָבער אַבראַם האָט פֿאָרט נישט געקענט איבערלאָזן אַליין אידאַן, זיין געטרייע געליבטע, וואָס האָט זיך צוליב אים גע'גט מיט אַ רייכן מאַן, לעאָן פּראַגער, זיך באַזעצט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער גאַס הינטער

דער שטאָט, און ווערט פֿאַרצערט פֿון פֿאַרדרוס פֿאַרוואָס ער קומט נישט. ער האָט איר געזאָגט דורכן טעלעפֿאָן אַלערליי תּירוצים און איר ערשט נעכטן געהאַט געשיקט מיט אַ „פּאָסלאַניעץ“ אַ בוקעט בלומען און אַ באָנבאָניערע. נאָר אידאַ איז נישט געווען פֿון די פֿרויען, וואָס מ׳האָט געקענט אָפּפּטרן מיט מתּנות.

דער שליטן איז פֿאַרביי די גראַניטשנע, די זשאַבע און איז אַרויס אויף דער סענאַטאָרן־גאַס. דער זייגער אין טורעם פֿון ראָט־הויז האָט געוויזן פֿינף מינוט צו צוועלף. באַלד איז מען אַרויס אויף פּלאַץ זאַמקאָווי. לינקס איז געשטאַנען דער שלאָס, וואָס אַמאָל האָבן אין אים געוואוינט פּוילישע קעניגן און איצט האָט זיך דאָרט אויפֿגעהאַלטן דער רוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ביים טויער האָבן געוואַכט אָנגעפּעלצטע סאָלדאַטן מיט באַיאָנעטן אויף די ביקסן. אַן איינציק פֿענסטער אויף דעם אויבערשטן שטאָק איז געווען העל־באַלויכטן. ס׳האָט געהויכט פֿון דאָרט מיט שפּעט־נאַכטישע פֿאַרשווערונגען און בלשאַצרישע סעודות. רעכטס, אין אַ טיפֿן טאָל, האָבן זיך געצויגן מאַרקן, גאַסן, טונקל־באַלויכטן פֿון גאַז־לאָמפּן, דער שפּעט־נאַכטיש אָנגעגליטער הימל דאָ און דאָרט דורכגעשטאָכן מיט אַ קוימען פֿון אַ פֿאַבריק. הינט האָבן געבילט. שיכּורים האָבן געשריגן. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ס׳הייבט זיך דאָ אָן אַן אונטערערדישע שטאָט, וואָס פֿירט ערגעץ אַוועק אין שאול־תּחתּיה.

די בריק וואָס איז בייטאָג פֿול מיט טראַמווייען, פֿורן, פּלאַטפֿאָרמעס, אויטאָמאָבילן, איז איצט געווען האַלב ליידיק. די ווייסל איז געלעגן אַ פֿאַרפֿרוירענע, איינגעהילט אין שניי, צוזאַמענגעמישט מיט די ברעגן. אין בלוילעכן נעפּל האָט די לאַנדשאַפֿט אויסגעזען, ווי געמאָלט אויף אַ לייוונט. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט ער, אַבראַם, זיך דאָ געפּליוסקעט אין מאַנסבילשן בעדל, געוויזן קונצן אין לייגן קלאַפּטער און אין וואַסער־טריט. אין פּראַגע האָט די לופֿט געשמעקט מיט הינטער־שטאָטישער קעלט און רויך פֿון לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָבן פֿייפֿנדיק און צישנדיק זיך אַוועקגעשלעפּט פֿון די וואָקזאַלן אין די ווייטע רוסישע מקומות.

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו איינס, ווען דאָס שליטעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פֿיר־שטאָקיקן הויז אין אַ געסל נעבן דער סטאַלאָווע. אַבראַם האָט דערלאַנגט אַ זילבערנעם רובל. דער פֿורמאַן האָט געפּרואווט געבן אַ רעשט, נאָר אַבראַם האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דער אָנטרייבער האָט זיך אַזש איבערגעצלמט. אַבראַם האָט גענומען האַסטיק ציִען דעם גלאָק. דער סטרוזש האָט געעפֿנט מיט אַ גרויסן שליסל און אַבראַם האָט אים אַרײַנגעשטופּט אַ פֿערציקער. ער איז פֿאַרביי אַ לאַנגן הויף מיט צוויי בלינדע מויערן און זיך געלאָזט אַרײַנגיין אין לעצטן אײַנגאַנג. ס׳האָט דאָ געמוזט זיין אַ שטאַל, ווייל ס׳האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פֿון אַ פֿערד. אידאַ האָט דאָ געהאַט אויפֿן פֿערטן שטאָק אַ דירה און אַן אַטעליע מיט אַ גלעזערנעם דאַך, אַן איבערבלייבעניש נאָך דעם ווירטס אַ זינדל, וואָס האָט זיך געשפּילט אין מאָלעריי.

אַבראַם האָט זיך געאײַלט, אָבער ער האָט פֿונדעסטוועגן זיך געמוזט אָפּשטעלן נאָך יעדן שטאָק און אָפּעטעמען. קעץ האָבן געמיאַוקעט. ס׳האָט דאָ גע־

שמעקט מיט חזיר־פֿעטס און קאַרבאָל. די פֿיס זיינען אים געווען שווער, דער פּולס האָט געקלאַפּט גיך. פֿון דעם נאַכטמאָל, וואָס ער האָט געגעסן אין אַ רעסטאָראַן, פֿיש, גענדזנס, בראָנפֿן, האָט געדריקט אַרום די לענדן. איי־איי־איי, כ'הרגע מיך אַוועק! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. — ווען דאָקטאָר מינץ וואָלט דאָס געזען!...

ער האָט אין דער פֿינסטער אָנגעטאַפּט דאָס קנעפּל. ס'האָט געטאָן אַ זיגזאַגישן קלונג. ער האָט זיך געריכט, אַז ער וועט דאַרפֿן לאַנג וואַרטן ביז זאָשע, די דינסט, וועט עפֿענען. אָבער ס'האָבן זיך גלייך דערהערט אירע טריט. ווען זי האָט דערזען אַבראַמען, האָט זי אַזש אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש.

— באָזשע קאָכאַני! פּאַן אַבראַם! יאַק באַבציען קאָכאַם (ליבער גאָט, דער פּאַן אַבראַם, ווי כ'האָב ליב די באָבע)!...

— די פּאַני שלאָפֿט שוין?

— נאָך נישט. זאָל דער פּאַן אַריינקומען. וואָס פֿאַר אַ גאַסט!

זאָשע איז אַלט געווען אַ יאָר דריי אָדער פֿיר און דרייסיק. נאָר זי האָט אויסגעזען ווי פֿון עטלעכע־און־צוואַנציק. זי איז געווען אַן אלמנה נאָך אַ פֿעלד־פֿעבל, וואָס איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק אין סיביר. ביי אידאַ פּראַגער איז זי געווען סיי אַ דינסט, סיי אַן אייגענע אין הויז. זי האָט געגעסן מיט דער באַלעבאָסטע ביי איין טיש. וויפֿל מאָל אַבראַם האָט געבראַכט אַ מתנה אידאַן, האָט ער אויך עפּעס געקויפֿט זאָשען. זאָשע איז געווען אַ דיקלעכע, מיט אַ גרויסן בוזעם, אַ ברייט פּנים, אַ פֿאַרריסן נעזל, די בלאָנדע האָר פֿאַרקעמט אויףביידע זייטן אין קרענצלעך. זי האָט געקאָכט, געוואַשן וועש, געשייערט דעם דיל, גענייט, געשטריקט, און אַלעמאָל געהאַט צופֿיל צייט. פֿון נישט האָבן וואָס צו טאָן, האָט זי געלייענט קרימינאַל־ראָמאַנען אין העפֿטן און געבלעטערט אין אַ דיקן פּותר־חלומות, וואָס איז געלעגן גרייט אונטערן קישן. זי האָט איצט געהאָלפֿן אַבראַמען אויסטאָן דאָס פֿוטער, אַראָפּגענומען פֿון זיין קאָפּ די פּאַפּאַכע (זי האָט זיך דערביי געשטעלט אויף די שפּיץ־פֿינגער), צוגענומען ביי אים דעם שירם. אַבראַם האָט שווער געאָטעמט און פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרגעסן איר אַ קניפּ צו טאָן צווישן די ריפּן.

— וואָס מאַכט די פּאַני?

— זי שלאָפֿט נישט. זאָל דער פּאַן אַריינגיין.

אַבראַם האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר און דערזען אידאַן. די שטוב איז געווען מעבלירט אויף אַן אַרטיסטישן שטייגער. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען אידאַס בילדער, צווישן זיי — אַ צייכנונג פֿון אים, אַבראַמען. ביי די פֿענסטער זיינען געשטאַנען טראָפּישע געוויקסן אין עמערס ערד און אין בלומען־טעפּ. אויף טישעלעך און געשטעלעכלעך זיינען געווען אויסגעשטעלט אַלערליי פֿיגורלעך: אַ פּאָרצעלייענער בודאַ מיט אַ קיילעכיקן בויך, אַ בראָנזענער מעפֿיסטאָפֿעל מיט אַ שפּיציק בערדל און אַ מעשענער סאַטיר מיט הערנער. אין ביכער־פּאָליצעס זיינען געלעגן צעוואָרפֿן ביכלעך און צייטשריפֿטן. אין גלעזערנע לייכטער האָבן געשטעקט ליכט. אַבראַם האָט געוואוסט, אַז די קינסטלערישע אומאָרדענונג איז געפּלאַנט מיט אַלע איינצלהייטן. אידאַ איז געזעסן אויף אַ

נידעריקן פֿאָטעל, אין אַ שוואַרץ־זײַדענעם הויז־ראָק אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן אויסגעהאָפֿטענעם גאַרטל און אין רויטע סאַנדאַלן. זי האָט געריכערט אַ דין וויבעריש פּאַפּיראָסל מיט אַ לאַנגן מונדשטוק און אַרײַנגעקוקט אין אַ פֿראַנצויזישן אילוסטרירטן זשורנאַל. אידאַ האָט מיט יאָרן צוריק געשמט פֿאַר אַ שיינהייט. זי האָט עטלעכע מאָל געהאַט געוואונען פּריזן אויף בעלער. איצט איז זי שוין געווען אַ פֿרוי אין די טיפֿע דרײַסיקער. די פּעך־שוואַרצע האָר, פֿאַרשוירן אין אַ פּאָלקע, האָבן שוין געהאַט גרויע פֿעדים. אונטער די שוואַרצע אויגן זײַנען געשטאַנען טונקעלע רענדער. אַ שאַרפֿקייט איז געלעגן אין דער בייניקער נאָז, די דינע ליפּן און אין דעם שפּיציקן קין. ווען זי האָט דערזען אַבראַמען, האָט זי געטאָן אַ בייזן שמייכל, געוויזן אַ מויל ווייסע שאַרפֿע ציין.

— ער איז דאָך דאָ, דער גרויסער העלד — האָט זי אַ רוף געטאָן אויף פּויליש. — גאָטס וואונדער!...

— גוטן אָוונט, אידעשי! ווי שיין דו זעסט אויס! ווי וואונדערבאַר וואָס דו שלאָפֿסט נאָך נישט!...

— כ'בין שוין געשלאָפֿן און ווידער אויפֿגעשטאַנען. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ציגאַר, וואָס דו פּאַפּעסט? ער שטינקט!...

— משוגע ביסטו? ס'אַ האַוואַנאַ־ציגאַר. אַ האַלבער רובל אַ שטיק!...

— וואַרף אים אַוועק. וואָס פֿאַר אַ רוח האָט דיך אַהער געבראַכט?

— הויבסט שוין אָן? דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס ס'ברענגט מיך אַהער.

— וואָלסט אַמווייניקסטן טעלעפֿאָנירט. דערווײַל בין איך נאָך נישט דײַן ווײַב.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און זאָשע האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. זי האָט שוין באַוויזן אָנצוטאָן אַ נײַע בלוזע. אויף די לענדן האָט זי אָנגעהאָנגען אַ טולן פֿאַרטוכל מיט אויסהעפֿטעכצער און שפּיצן. אין די האָר האָט געשטעקט אַ קעמל. זי האָט געטאָן אַ שמייכל צו דער באַלעבאָסטע און געפֿרעגט:

— דער פּאַן אַבראַם וויל אפֿשר עסן?

— זאָלסט מיך הרגענען, קאָן איך קיין ביס נישט טאָן.

— אַ גלאָז טיי?

— טיי איז עפּעס אַנדערש.

— גיב אים צו פֿרעסן! — האָט אידאַ באַפֿוילן. — דערנאָך ווערט ער הונגעריק אין מיטן דער נאַכט.

— ניין, אום גאָטעס ווילן! דער דאָקטאָר האָט מיר פֿאַרבאָטן צו עסן נאָך צען אַזייגער.

— טוסט אַ סך זאַכן וואָס מ'טאָר נישט...

די דינסט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרויס. אַבראַם האָט זיך אויפֿגעשטעלט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— וואָס טוסטו? וואָס מאַכסטו? וואָס ביזטו אַזוי סאַרקאַסטיש?

— וואָס טו איך? כ'ווער משוגע. אין אַטעליע ווערט מען געפֿרוירן. ס'איוועלע רויכערט. די בילדער ווערן שוואַרץ. איך גיי אונטער!...

— פּעפּי שלאָפֿט שוין?

— פּעפּי איז ביים טאַטן.

— כ'פֿאַרשטיי נישט.

— ר'איז געקומען צו פֿאָרן און גענומען צוויי צימערן אין בריסטאָל. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט כ'זאָל אים אַריבערשיקן ס'קינד.

— נו, זי איז באַשטאַנען?

— פֿאַרוואָס נישט? ער'ט מאָרגן גיין מיט איר אין צירק.

— נו, מאַ. די בלומען האָסטו דערהאַלטן?

— יאָ, אַ דאַנק. כ'האָב דיך טויזנט מאָל געבעטן זאָלסט מיר נישט שיקן די באָנבאָניערעס. מיר פֿרעסן זיך אָן אַזוי פֿיל מיט זיסוואַרג, אַז מיר'ן פּלאַצן. וואָס ביזטו אַזוי צעשויבערט? האָסט דיך געשלאָגן מיט עמיצן?

— געשלאָגן? גאָט באַהיט! כאָטש כ'וואָלט געדאַרפֿט עמיצן דערלאַנגען איבערן קאָפּ. שטעל דיר פֿאָר: פּראָפֿעסאָר יאַנאָווער האָט מיך איינגעשפּאַנט אין אַ סעאַנס. די קאַזישער האָט געמאַכט אירע שטיק. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען גינע און זי בוכשטעבלעך אַרויסגעטריבן. איך און הערץ האָבן גרויסע פּלענער. מיר גרייטן זיך אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל.

— וואָס'ער זשורנאַל? פֿאַנטאַזיעס!...

— אַ זשורנאַל פֿאַר זעלבסט־בילדונג. ס'זיינען דאָ אין פּוילן און רוסלאַנד הונדערטער טויזנטער יונגעלייט, וואָס לעכצן נאָך וויסן. מיר'ן זיי אויך לערנען פֿאַכן: זייגער־מאַכעריי, עלעקטראָ־טעכניק און ווייסעך־וואָס. אַלץ אין בריף. ס'אַ גוואַלדיקער פּלאַן. איכ'ל זיין דער דירעקטאָר.

— כ'האָב געמיינט, הערץ פֿאָרט צוריק אין דער שווייץ.

— ווי קאָן ער? עקיבא וויל זי נישט גטן. דער אַלטער ווידער פּראוועט חתונה מאַכן הדסהן מיט גוואַלד.

— ווען גייט עס אָן? איכ'ל אוועק קיין פּאַריז. נאָך היינטיקן פֿרילינג. פּראַגער וועט נעמען פּעפּין. אַלץ איז באַשלאָסן.

— האָסט דיך באַגעגנט מיט אים? — האָט אַבראַם געפֿרעגט אַ פֿאַרווירטער.

— יאָ, טייערער, געטראָפֿן און דורכגערעדט. ער'ט מיר שיקן הונדערט רובל אַ חודש. פּעפּי וועט אַריבער אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע.

זי האָט טיף פֿאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס און אים אָנגעבלאָזן אַ פֿול פּנים רויך. אַבראַם איז געבליבן זיצן אַ מבולבלער. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אָפּגעווישט דאָס פּנים. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז אַ פֿרוי האָט זיך געגרייט אים איבערצולאָזן. אַ האַלבער שטערן איז אים געוואָרן רויט, די קוד־לעס האָר אַרום פּליך — פֿייכט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זאָשע איז אַריין מיט אַ טאַץ. נעבן זילבערנעם טיי־קאַן, פּאָרצעלייענע שעלעכלעך, טעפּלעך, אַ טעצל איינגעמאַכטס, זיינען געלעגן קיכלעך, פֿרוכטן, מאַרמעלאַד־צוקערלעך. אַבראַם האָט געפּרוווט מאַכן זאָשען אַ קאָמפּלימענט, אַריינוואַרפֿן אַ וויץ, נאָר ער האָט ווי פֿאַרלוירן דאָס לשון.

— וואָס איז דער פּאַן היינט אַזוי ערנסט? — האָט זאָשע אַ בלינצל געטאָן מיט אַן אויג, און אַבראַם האָט געטאָן אַ געשריי:

— כ'בין נישט ערנסט!... כ'האָב אַלץ טיף־טייער אין־דר'ערד!...

בעת אַבראַם און אידאַ האָבן געטרונקען טיי, האָט זאָשע געבעט די געלעגערס אין שלאָף־צימער. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ ברייט פֿראַנצויזיש בעט און אַ שמאָלע סאָפֿע. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען יאַפּאַנישע זייד־שטיקערייען און לאַנדשאַפֿטן. דער עלעקטרישער לאָמפּ, אין דער פֿאָרם פֿון אַ כינעזישן לאַמטער, האָט געוואָרפֿן אַ טונקעלע שיין. אויפֿן דיל איז געלעגן אַ פֿאַרביקער טעפּיך, אַ געמיש פֿון אַ סך קאָלירן. אידאַ האָט אויסגעמיטן נישט צו מאָלן אין שטוב, פֿונדעסטוועגן האָט דאָ געשמעקט מיט אייל־פֿאַרב און טערפּענטין. אַבראַם האָט זיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפֿע. דאָס קליינע קישן איז געווען אָנגעשטאָפּט נישט מיט פֿעדערן, נאָר מיט היי, לויט עפּעס אַ נייער היגיענע. צוגעדעקט האָט ער זיך מיט אַ פּלעד. אידאַ האָט זיך אין קיך געוואַשן, געפּודערט, פּערפֿומירט. זאָשע האָט אין דער גרויסער שטוב אַרומגעטראָטן אין אירע נידעריקע קלעצלעך, אונטערגעברומט און אָפּגערוימט פֿון טיש. בעת אַבראַם איז דאָ אַזוי האַלב־געלעגן, האַלב־געזעסן אויף דעם האַרטן געלעגער, מיטן היי־קישעלע הינטער די אַקסלען, זיינען אים באַפֿאַלן פֿינסטערע מחשבות. וואָס וועט זיין אַז חמא וועט האַלטן וואָרט און אַנטלויפֿן צום טאַטן? קאָפּל וועט צונעמען פֿון אים די אַדמיניסטראַציע און ער׳ט בלייבן אָן אַ גראָשן. אידאַ איז שוין אַזוי גוט ווי פֿאַרלוירן. הדסה איז נעבאַך אויף גרויסע צרות. דער פֿישעלע איז אַ לאַפּיטוט און דער עוזר־העשל איז נאָך אַ ייִנגל. נו, און וואָס איז מיט די טעכטער? די עלטערע,ביילע־איטע, איז געראָטן אין דער מאַמען. ס׳קומט אַפֿילו נישט צו איר קיין שדכן. מ׳מיידט זי אויס, ווי אין חרם... די אינגערע, סטעפֿע, איז אַ שיינע, נאָר קיין מזל האָט זי אויך נישט. ס׳האָט שוין צוויי מאָל געהאַלטן ביי אַ שידוך און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. וואָס, אַ שטייגער, טראַכט אַזאַ מיידל, אַז דער טאַטע קומט נישט נעכטיקן? אַנומעלט האָט ער זי געטראָפֿן לייענען „סאַנין״, פֿון אַרציבאַשעוו. ווער ווייס? אפֿשר האָבן זי די סטודענטלעך, חלילה, אָפּגענאַרט? מיט וואָס איז סטעפֿע אַנדערש פֿון די מיידלעך, וואָס ער, אַבראַם, האָט אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג?...

אַבראַם האָט אַ רייב געטאָן דאָס שיידל. ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין אַזוינע גריבלענישן. דאָס האַרץ האָט אים דערפֿון גענומען גיך קלאַפּן, אין מויל איז געוואָרן ביטער. ס׳איז דאָ אַ שטראָף, האָט ער געמורמלט, פֿאַר יעדער זינד!

די טיר האָט זיך געעפֿנט און אידאַ איז אַריינגעקומען אין אַ גרינעם שלאָפֿראָק און אין סאַמעטענע שטעק־שיך. זי האָט מיטגעבראַכט אַ גערוך פֿון זאַלבן, פּערפֿום און נאָך עפּעס ווייבעריש־טריפֿ׳ס. ער האָט דערקענט אינם גלאַנץ פֿון די אונטערגעשלאָגענע אויגן, אַז זי האָט געכאַפּט אַ שנאַפּס, אַ גלעזל ליקער, אָדער קאָניאַק. זי האָט זיך לעצטנס געמאַכט אַ מאָדע צו קומען צו אים אַ האַלב־שיכורע. זי האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און זיך אָנגערופֿן:

— דו ליגסט, צי דו זיצסט? פּאַשאַ!...

— הער מיך אויס, אידאַ — האָט אַבראַם געזאָגט און פֿאַרצויגן די ברעמען — מיר קאָנען ענדיקן. אַפֿילו שוין איצט!

— וואָס איז געשען? דער גרויס־וויזיר האָט זיך באַליידיקט?

— כ׳האָב מיך קיינמאָל אויף קיינעם נישט אָנגעוואָרפֿן, און כ׳וויל דאָס ווייטער ניש׳ טאָן!

— וואָס פלוידערסטו? ווער רעדט וועגן אָנוואַרפֿן זיך?

— כ׳האָב פֿיינט די הינטישע שטיק. איך גיי אַהיים!...

און אַבראַם האָט זיך געטאָן אַ הויב. די סאָפֿע האָט זיך שיער נישט אונ־טערגעבראָכן אונטער אים.

— ביסט וואַנזיניק, אָדער וואָס? אוי, מאַמעלעך! וואו לויפֿסטו? זאָשע ט׳מיינען מיר זיינען פֿאַרריקט!...

— זאָל זי מיינען. יעדע זאַך מוז האָבן אַ סוף!...

— אַבראַשאַ, וואָס טוט זיך מיט דיר? מיינסט, ווייל כ׳פֿאָר קאָ׳ פּאַריז? כ׳פֿאָר נאָך נישט! ס׳איז מיר דאָ שלעכט!... כ׳מאָל און שמיר און ווייס ניש׳ וואו כ׳בין אין דער וועלט. וואָס איז דער זין פֿון מאָלן? ווער דאַרף דאָס? כ׳בין נאָך קיינמאָל ניש׳ געווען אַזוי איינזאַם ווי אין דעם פֿאַרשאָלטענעם פּראַגע.

— איך האָב דיך נישט פֿאַרשיקט אַהער. דאָס איז נישט סיביר און איך בין נישט דער צאַר!...

— ביסט יאָ... כ׳זיץ יעדע נאַכט און וואַרט אויף דיר, און דו שלעפּסט זיך ערגעץ אַרום, דער טייוול ווייסט וואו. האָסט מיר צוגעזאָגט, וועסט גט׳ן דיין אידענע און מיר׳ן חתונה האָבן. כ׳האָב צוליב דיר אַוועקגעוואָרפֿן אַ רייכן מאַן — —

— די מעשה האָט שוין אַ באָרד!

— וואָס וועט זיין פֿון מיר? כ׳ווער אַלט און קראַנק. כ׳בין אַזוי נערוועז, אַז כ׳מוז טרינקען!

— נאָך אַ שיכּורטע פּעלט דיר צו זיין!

— שריי נישט. זי הערט יעדעס וואָרט. כ׳קאָן נישט מאָלן. דאָס איז דער אמת. כ׳האָב נישט קיין טאַלאַנט. כ׳קאָן נישט צייכנען. כ׳האָב נישט קיין זין פֿאַר פֿאַרב. כ׳האָב היינט צוריקגעקראָגן אַלע בילדער פֿון דער אויסשטעלונג. זאָשע האָט זיי צוריקגעבראַכט. מ׳לאַכט אויס מיר — —

— אַז מ׳לאַכט דאָ, וועט מען אין פּאַריז אַוודאי לאַכן.

—נו, זאָלן זיי. דאָס האָסטו געמאַכט געוואָלדן, אַז כ׳בין אַ זשעני. ס׳איז געווען אַ מיטל מיך אָפּצורעדן פֿון מאַן...

— שווייג! — האָט אַבראַם געטאָן אַ געשריי.

— זע נאָר, ער׳ט מיך נאָך היינט שלאָגן אויך. צווייטנס, שלאָג, טייערער, מעגסט מיך דערהרגענען אויך. איך האָב סיי־ווי נישט צו וואָס צו לעבן!...

זי האָט זיך צעוויינט און זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין, אין שלאָפּ־ראָק און אין די שטעק־שיך. זאָשע אין דער אַנדערער שטוב האָט געטאָן אַן איינציקן טריט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַבראַם האָט זיך אויפֿגעזעצט, זיך געקווענקלט אַ ווייל און פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ. ער האָט ווידער געהאַט אָפּגע־האַלטן אַ נצחון, צום ווילפֿלטן מאָל אין די פֿינף־און־דרייסיק יאָר זינט ער האָט געהאַט צו טאָן מיט ווייבער. דאָס ווייטערדיקע האָט ער געוואוסט פֿאָרויס: ער

וועט זי אין דער פֿינסטער איבערבעטן, מ׳עט זיך קושן, האַלדזן, ריידן אומזיניקע ווערטער, מאַכן פֿאַנטאַסטישע פּלענער און אָפּטאָן אַ סך נאַרישקייטן. ווי מיד און קראַנק ער איז געווען, איז ער נאָך אַלץ פֿאַרבליבן אַ מאַנסביל אַ גבר.

*

צומאָרגנס אַרום צוועלף אַזייגער איז אַבראַם געפֿאָרן מיט אַ טראַמוויי אַהיים. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַ ווינטיקער, אַן ערב־געוויטערדיקער. דער הימל איז געווען פֿאַרצויגן ווי מיט אַ הייטל. די קליינע זון, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם נעפּל, איז געווען ווייס, ווי אייז, און האָט נישט געלויכטן, נאָר געבלענדט. פֿון דעכער, באַלקאָנען זיינען נאָכגעהאַנגען אייז־צעפּ. דער שניי איז געוואָרן אָנגעיאָגט אין טרוקענע בערגלעך און עס האָבן אַרויסגעקוקט די אַרומגעפֿרוירענע שטיינער. פֿאַרבייגייער אויף די טראָטואַרן האָבן זיך אויסגעגליטשט. פֿערד זיינען געפֿאַלן. די פּאַסאַזשירן אין טראַמוויי האָבן געהאַט רויטע נעז און פֿייכטע בליקן. אַבראַם האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע אַ שפּיגעלע און געטאָן אַ קוק. דאָס פּנים איז געווען געלבלעך, די באָרד — צעשויבערט. אונטער די אויגן זיינען געשטאַנען בלוילעכע טאָרבעס. פֿון די נאָז־לעכער האָבן אַרויסגעקוקט בינטלעך האָר. כ׳ווער אַן אַלטער דזשאַד! — האָט ער געמורמלט. — ס׳אַ מיגל אויף מיר אַ קוק צו טאָן!...

ער האָט געוואָלט אַריינגיין אויף דער זלאָטע גאַס אין דער רעזורע און זיך לאָזן אָפּשערן, צוגאָלן די באַקן, מאַכן אַ מאַסאַזש. נאָר ער איז שולדיק געווען דעם פֿריזירער דריי רובל מיט קאָפּיקעס. ער האָט נאָך היינט געהאַט צו דעקן וועקסלען, איינצוצאָלן ראַטעס אין לײַ־קאַסעס, צו געפֿינען זשיראַנטן אויף נייע הלוואות. ער האָט זיך געהאַט געלאָזט צוריידן פֿון זאָשען און געגעסן אויף אָנבייסן פֿרישע זעמל, הייסע קישקעלעך, אַ פֿאַנקוכן, שוואַרצע קאַווע. איצט האָט אים געברענט אונטערן לעפֿעלע. ער האָט געוואָלט קומען וואָס גיכער אַהיים און איבערשלאָפֿן דעם קאַצניאַמער; אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט פֿריער מוזן האָבן אַ לאַנג מחלוקת מיט חמאן. ער האָט שוין געקאָנט פֿון אויסנווייניק איר מענה־לשון, די צונעמען, וואָס זי וועט אים רופֿן, די שטראָף־רייד און פֿאַראויסזאָגענישן. די מיידלעך זאָלן נאָר נישט זיין אין שטוב!... ער איז פּאַמעלעך אַרויף מיט די טרעפּ און אָנגעקלונגען. די טיר האָט געעפֿנט חמא. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אין אַ שוואַרץ אָפּגעכוימערט קלייד, אין אַ צעקאָדלט שייטל, דאָס פּנים געל, מיט דריי האָר אויפֿן קין. זי האָט אים אָנגעקוקט נישט בייז, נאָר דערשטוינט. זי האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— ווײ איז מיר, שענערס פֿון דיר לייגט מען אין דר׳ערד אַריין!...

— לאָז מיך אַריין!

— קום, אַדרבא. יאָך האָב מיך שוין אַרויסגעצויגן. כ׳בין געקומען נאָך אַביסל וועש.

ער איז פֿאַרביי דעם קאָרידאָר, די עס־שטוב, די סאַלע, און אַריין אין שלאָף־צימער. די מיידלעך זיינען נישט געווען אין דערהיים. ס׳איז דאָ געשטאַנען אַ טויבלעכע שטילקייט און אַ באַשטאַנד, ווי זומער־צייט ווען די משפּחה פֿאָרט

אַרויס אויף דאַטשע. ער איז אַרויסגעקראָכן פֿון פֿוטער, האָט אַוועקגעשליידערט די פּאַפּאַכע, זיך אויסגעצויגן אין אָנצוג און אין די שיך אויפֿן בעט. זאָל זיין וואָס ס׳עט זיין, האָט ער געטראַכט, אַלץ איז הפקר!... ער האָט באַלד אָנגעהויבן דרימלען. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ חרובער געביידע. ער גייט פֿון שטאָק צו שטאָק, איבער קרומע טרעפּ. די טירן זיינען צעפּראַלט. אין די ליידיקע דירות שטייען מחנות הינער, געלע, ווייסע, שוואַרצע געפֿלעקטע. העגער קרייען, הינער קוואָקען, נאָר קיין מענטש זעט מען נישט. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געביידע? — האָט ער געפֿרעגט. — ווער האָט אָנגעיאָגט אַזוי פֿיל עופֿות? און ווי קום איך דאָ אַהער? עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם אַלעמען אַ מיין!...

ער האָט געעפֿנט די וויעס און דערזען אויפֿן זייגער, אַז ער איז אָפּגעשלאָפֿן קנאַפּע פֿינף מינוט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז מיט וואַקלדיקע טריט געגאַנגען זוכן חמאן. זי איז שוין געהאַט אַוועק. אין קאַבינעט איז אויפֿן שרייבטיש געשטאַנען אַ טעלעפֿאָן. ער האָט אָנגעקלונגען צו ניוניען. שפֿרה, די דינסט, האָט געפֿרעגט ווער עס רעדט, און אַבראַם האָט געהייסן צורופֿן הדסהן.

— וואָס מאַכסטו, שפֿרהלע? — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — ביסט גוט געשלאָפֿן?

— אַ שיינעם דאַנק. כ׳רוף זי באַלד צו.

ער האָט אָפּגעוואַרט עטלעכע מינוט, נאָר קיינער איז נישט צוגעקומען. אין טרייבל האָט זיך געהערט אַ זשומעניש, אַ קוויטשעניש, אַ שאָרכעניש, ווי פֿון באַשעפֿענישן נישט־פֿון־דער־וועלט. מיט אַמאָל האָט ער פֿאַרנומען אַ הוסטל און דאַכע האָט געפֿרעגט:

— ווער רעדט?

— דאַכעשי? דאָס בין איך, אַבראַם.

— יאָ, אַבראַם.

— וואָס הערט זיך? כ׳האָב געוואָלט רעדן מיט הדסהן.

— וואָס ווילסטו מיט איר רעדן? — האָט דאַכע געפֿרעגט. איר קול איז געווען הייזעריק פֿרעמדלעך.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַ רוף געטאָן. — וואָסערע קונצן פּראַוועסטו?...

— זיי מיר מוחל, אַבראַם, נאָר האָסט גאָרניש׳ וואָס צו רעדן מיט הדסהן. לאָז זי צורו!...

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ?

— האָסט גענוג צרות אָנגעמאַכט. כ׳על ניש׳ לאָזן זאָלסט חרוב מאַכן מיין היים!

— נאַדיר אַזאַ שלאַק!...

— אַ גוטן טאָג.

און דאַכע האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

אַבראַם האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אָפּגעשאָקלט. דער קרומער העפֿט אין זיין שטערן איז געוואָרן טיף, ווי אַ וואונד. ער איז געבליבן שטיין אַ צע־

כראָסטעטער, אַ פֿאַרקרימטער. אַזוי איז די מעשה?... — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אַלע מיט אַמאָל?... ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפֿאָן־בוך און געטאָן אַ טראַסק אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען צום שפּיגל און אויפֿגעהויבן אַ גרויסע האָריקע פֿויסט אַקעגן זיין אייגענער געשטאַלט.

— פֿאַרליר ניש' די הויזן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיין אָפּבילד.

— פרא־אָדם! אידיאָט!...

און יענער אין שפּיגל מיט דער צעשויבערטער באָרד און די צעלאָזענע קודלעס האָט אַקעגנגעפּאַכעט מיטן קולאַק און צוריקגעשריגן:

— פרא־אָדם! אידיאָט!...

# קאַפּיטל ניין

## 1

פֿאַרטאָג, ווען אויפֿן סענצימינער הימל איז נאָך געשטאַנען אַ פֿלעק פֿון דער שפּעט־חודשדיקער לבנה, האָט עקיבא, דעם רבינס בן־יחיד, זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און געזאָגט מודה אַני. דאָס אַנדערע בעט, וואָס איז געשטאַנען לענג־אויס דעם ערשטן, איז געווען פֿאַרבעט. אַמאָל פֿלעגט דאָ שלאָפֿן גינע־גנענדל. איצט איז זינט יאָרן דאָ געלעגן אויסגעשפּרייט אַ קאָלדרע, וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען. אין דער קליידער־שאַנק זיינען נאָך געהאַנגען גינעס מלבושים — אַ פֿוקסן־פֿוטער, אַ ווייס חופּה־קלייד, אַן אַלטמאָדישע רעטאַנדע, וואָס זי האָט באַקומען בירושה פֿון דער מוטער, אַ שובע אויסגענייט מיט פּאַטשערקעס. אין דער קאָמאָדע זיינען געבליבן אירע העמדער, קאָפּטלעך, מייטקעס, מיט אַ סך אויסהעפּטעכצער און שפּיצעלעך. ערגעץ־וואו האָט זיך, אַפּנים, דאָ געוואַלגערט אַ פֿלעשל פּערפֿום אָדער אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף, ווייל וויפֿל מאָל עקיבא פֿלעגט אַריינקומען אין שלאָף־חדר, האָט ער דערשפּירט דעם טריפֿהנעם גערוך. ער האָט געלאָזט אויסרויכערן דאָס שטיבל מיט אַ מין פּאַפּיר, וואָס פֿאַרטרייבט ריחות, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן.

ער האָט היינט געהאַט אַ שלעכטע נאַכט, עקיבא. פֿריער איז ער אָפּגעלעגן ביז צוויי אַזייגער און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. צו פֿאַריאָגן די מחשבות זרות, האָט ער אויסנווייניק געזאָגט תּהלים און געלערנט משניות. ער האָט אַזוי לאַנג געמורמלט און געזשומעט ביז ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, נאָר עס האָבן אים געפּייניקט חלומות: ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בוידעם אין ברונעם אַריין; ציגיינערינס, וואָס כאַפּן קינדער אין זעק, האָבן אים נאָכגעיאָגט און אים געבונדן מיט שטריק; מ'האָט אים געשלעפּט, געוואַלגערט, אַראָפּגעריסן פֿון אים די מלבושים. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט באַקומען אַ כּוח צום פֿליען. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, אויסגעשפּרייט די פֿיס, די פּאָלעס האָבן זיך אים אָנגעבלאָזן און ער האָט גענומען פֿליען איבערן טאַטנס הויף. חדר־יינגלעך

זיינען נאָכגעלאָפֿן, נאָכגעטייטלט מיט די פֿינגער און צו אים געשריען ווי צו אַ קוימענקערער:

האַקמעסער,<br>
קוגל־פֿרעסער,<br>
האָפּ־האָפּ,<br>
פֿאַל אַראָפּ!...

וואָס פֿלי איך עפּעס? — האָט עקיבאַ זיך געפֿרעגט אין חלום. — איז עס מיטן כּוח פֿון קבלה מעשית, אָדער אפֿשר גאָר, חלילה, דורך שמות הטומאה? ווי געוואַלד, ס׳איז פֿון יענע־לייט, דער סטרא־אחרא! — האָט ער אַ רוף־געטאָן. — מ׳קוילערט מיך שוין אין כּף־הקלע!...

ער האָט זיך איבערגעוועקט און זיך אָפּגעשאָקלט. ער האָט אין דער פֿינסטער אָנגעטאָפּט די יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ און די ציצית אין טלית־קטן. ער האָט איבערגעציילט צי ס׳פֿעלט נישט אַ פֿאָדים. מסתמא האָב איך געהאַלטן די האַנט אויפֿן האַרץ — האָט ער זיך געטרייסט. — די הייליקע גמרא איז גערעכט: דער שלאָף איז אַ זעכציקסטל פֿון טויט. ער האָט אָפּגעפּאַסט ביי זיך איבערצו־קוקן מאָרגן די מזוזה און אונטערצולייגן אונטערן קישן דעם ספֿר יצירה. ס׳וואָלט אויך נישט געשאַדט צו לאָזן געצל סופֿר איבערקוקן דעם זיידנס קמיע, וואָס ער האָט געטראָגן אויפֿן האַלדז אין אַ ליינען טאָרבעלע, צוזאַמען מיט אַ צאָן פֿון אַ וואָלף. ווער ווייסט? אפֿשר איז, חס־ושלום, אָפּגעשפּרונגען אַן אות? אין שמות מוז מען זיין געוואָרנט מיט יעדן תג. ווען נישט, קאָן מען די וועלט חרוב מאַכן...

ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג נאָך צו בלייבן ליגן, נאָר ער האָט זיך גע־שטאַרקט איבער דעם יצר־הרע און איז אַראָפּ פֿון געלעגער. ער האָט אָפּגע־גאָסן נעגל־וואַסער פֿון אַ גרויסער קופּערנער קוואָרט און אָנגעטאָן די מלבושים. די נאַכט איז שוין געהאַט אַריבער, נאָר די זון איז נאָך נישט געהאַט אויפֿגע־גאַנגען. אין אַ גרויען וואָלקן האָט געצאַנקט אַ רויטקייט, ווי אַ קויל אין אַ קופּע אַש.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און גענומען דאַוונען פֿון פֿאָרנט. ער האָט אַ האַלב־דרימלענדיקער געזאָגט מה טובו, אדון עולם, אשר יצר, ברכות התורה. נישט צו האָבן קיין פֿרעמדע מחשבות, האָט ער אין זין געהאַט דעם טייטש פֿון די ווערטער: גאָט, די נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבן, איז ריין. דו האָסט זי באַשאַפֿן, דו האָסט זי געפֿורעמט, דו האָסט זי אַריינגעבלאָזן אין מיר און דו היטסט זי אין מיין אינגעווייד און ביסט אָנגעברייט זי צוצונעמען פֿון מיר, און זי מיר אומצוקערן צו תחית המתים. ווי לאַנג די נשמה איז אין מיר, דאַנק איך דיר, גאָט מיין גאָט, דער גאָט פֿן מיינע עלטערן, דער געוועל־טיקער פֿון אַלע מעשים, דער האַר פֿון אַלע נשמות. געלויבט ביסטו גאָט, וואָס קערט־אום נשמות צו פּגרים מתים...

ווי עקיבאַ איז אַזוי געזעסן אין ־ער טונקלקייט פֿון ווינטערדיקן פֿרימאָרגן, האָט ער דערזען זיין אייגענע צורה. די זון האָט מיט אַמאָל אויפֿגעשיינט. עמעץ האָט, אפֿנים, געהאַט געעפֿנט גינע־גנענדלס קליידער־שאַנק. אינעווייניק, אין

דער טיר, איז געווען איינגעפֿאַסט אַ שפּיגל. עקיבא איז געבליבן אַ פֿאַרגאַפֿטער. אַקעגן אים איז געזעסן אַ קליין מענטשל, אַ ברייטלעכער, אַן אנגעבויגענער, מיט אַ בערדל פֿון שטרוי־קאָליר, וואָס איז געשטאַנען עפּעס ווי אין דער קרום, מיט גרויסע געדיכטע ברעמען, וואָס ס'האָבן אַפּערגעקוקט פֿון זיי אַ פּאָר קליינע שיקלדיקע אויגן. דער ספּאָדעק אויפֿן קאָפּ איז געווען צעקנייטשט, דאָס העמד — צעכראַסטעט. פֿון דער צעקנעפּלטער זשופּיצע האָט אַרויסגעקוקט אַ לאַנג־נישט־געוואַשענער טלית־קטן. די האָלבע שיך זיינען געווען משונה־גרויס און מיט אַרויפֿגעבויגענע נעז. איי־איי־איי, כ'האָב מיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אום. אַז די מאַמע שטאַרבט און קיין ווייב האָט מען נישט, איז ביטער!...

ער האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים און גענומען זאָגן די ברכות. שלא עשני גוי, שלא עשני עבד, שלא עשני אשה, נאָר ער האָט מער נישט געקאָנט מכוון זיין. גינע־גנענדל איז געווען גערעכט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, כ'בין אַ בטלן, אַ שוטה, אַן עיקש. כ'בין נישט קיין ערלעכער ייד אויך. צוליב מיין עקשנות טוט זי אָפּ יעדן טאָג עברות, וואָס ס'קומט פֿאַר זיי מיתת בית־דין. אמת, זיי וואָלטן סיי־ווי געזינדיקט; אַזאַ איינע גייט נישט אין מקוה אַריין. אָבער לכל־הפּחות וואָלט זי נישט געווען קיין אשת־איש!...

ער האָט מער נישט געקאָנט זאָגן די ברכות. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרויס פֿון שטוב. אויף די שמאָלע טרעפּ איז נאָך געווען טונקל, אָבער אונטן, אין פֿאָדער־הויז, איז שוין געשטאַנען אַ גרויע פֿרימאָרגנדיקע שיין. ער האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר און איז אַריין אין דעם טאַטנס חדר־מיוחד. עס איז געווען אַ לאַנגע שטוב מיט ספֿרים־פּאָליצעס אין ביידע זייטן. ביי אַ נישט־געדעקטן טיש, אויף אַ רונדער פֿאָטער־שטול, איז געזעסן דער רבי: אַ ני־דעריקער, אַ דיקער, ענלעך צום זון, מיט אַ גרויסער שטרוי־געלער באָרד, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן גרוי צו ווערן אין די ברעגן. שטיקלעך באָרד זיינען גע־וואַקסן אויף די באַקן־קישעלעך, אויף דער נאָז, אַרויסגעשטאַרצט אין בינטלעך פֿון די אויערן און נאָז־לעכער. די פּאות זיינען נאָכגעהאָנגען ווי צעלאָזענע צעפּ. פֿון הינטער די ברעמען־באַרשטן האָבן אָפּערגעקוקט אַ פּאָר קליינע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטן געבלימלטן שלאָפֿראָק. ער האָט, ווי יעדן טאָג אין דער צייט, געזאָגט זוהר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זון האַלב־אַ־פֿאַרחידושטער, האַלב־מיט־פֿאַרדרוס.

— נו, אַ! — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— טאַטע, כ'וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— נו אַ, שפּעטער!

— ט אַ ט ע , וואָס ט'זיין מיין תכלית? — האָט עקיבא געפֿרעגט מיט אַ קול, וואָס האָט זיך געבראָכן פֿון טרערן.

דער רבי האָט שוין געזען, אַז ער וועט פֿון אים נישט פּטור ווערן. ער האָט צוגעזאָגט ביז אַן אָפּשטעל, אָוועקגעלייגט אויף די בלעטער די קעשענע־פּאָ־טשיילע און אַ נעם געטאָן די טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים גרייט

אויפֿן טיש. צי ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אָדער ס'איז באמת אַזוי געווען, נאָר עקיבא האָט אַלעמאָל מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אויסטערלישן ריח.

— שוין? באַלד אינדערפֿרי? — האָט דער רבי געפֿרעגט מיט הקפּדה. — האָסט דאָך נאָך אַפֿילו נישט געדאַוונט.

— וואָס קומט אַרויס פֿון מיין דאַווענען, אַז זי איז אַן אשת־איש.

— בקיצור, וואָס ווילסטו?

— טאַטע, כ'וויל זי גטן.

— האָסט שוין צען מאָל געוואָלט און צען מאָל חרטה געהאָט! — האָט דער רבי זיך אַ בייזער געטאָן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שמעק־טאַבאַק און טיף אַריינגעצויגן.

— ס'איז אַלץ דער באָבעס שולד. דאָס האָט זי מיך אָנגערעדט. וואָס שאַדט עס איר, אַז איכ'ל פֿאַרלירן עולם הבא?...

— עט־עט, רעדסט ווי אַ שוטה!

— טאַטע, כ'וויל פֿאָרן קאַ' וואַרשע זי גטן. אויב ס'ט'מיר ניש' געבן אויף הוצאות, וועל איך גיין צופֿוס...

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? גיי צו דער באָבען!...

— כ'על גיין. נאָר אויב זי'ט מיך ניש' לאָזן, וועל איך אַוועק אַליין. געדענק, טאַטע, כ'וואָרן דיך!...

— נו, געגנוג, לאָז מיך אַריינקוקן אין אַ יידיש ספֿר!...

דער רבי האָט אויפֿגעהויבן אַ שווערע פֿויסט און געטאָן אַ קלאַפּ אין טיש. די טאַבאַק־פּושקע האָט אַזש אַ טענצל געטאָן. דערנאָך האָט ער אַראָפּ־גענומען דעם ערוב פֿון זוהר און פֿונסניי גענומען זאָגן די שווערע תּרגום־ווערטער. עקיבא איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער באָבען, אין אַלטן הויז. דער שניי אין הויף איז געווען האַלב־צעגאַנגען, פֿול מיט לעכלעך און שטויב. טריינע, די דינסט, איז אַרויסגעקומען פֿון קיך מיט אַ פֿול פֿאַמעשאַף. זי האָט זיך אומגעקוקט רעכטס, לינקס און אויסגעגאָסן די שיסל פֿאַר עקיבאס פֿיס. די זאָקן זיינען אים פֿאַרשפּריצט געוואָרן. אין אַ גרוב מיסט איז געשטאַנען אַ חזיר און כאָרכלענדיק געגראַבלט מיט דער שנויץ. די צוים איז צעבראָכן און חזירים קומען אין הויף אַריין — האָט עקיבא געמורמלט. — ס'איז הפֿקר אַ וועלט!... ווען דער זיידע ר' זעקעלע וואָלט געוואוסט וואָס ס'איז געוואָרן פֿון חסידות!...

דאָס אַלטע הויז איז שוין געווען האַלב חרוב. רעכטס האָט מען מער נישט געוואוינט. די לאָדן זיינען געשטאַנען געשלאָסן בייטאָג און ביינאַכט. לינקס זיינען די פֿענסטער געווען קרום ווי אין אַ טויבנשלאַק. די שוועל איז געווען איינגעזונקען. עקיבא האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה אין דער הילצערנער שייד, אַריין אינעם שמאָלן אַריינגאַנג און געעפֿנט די טיר צו דער באָבען. ער איז אַריין אין אַ גרויסער שטוב מיט ווייסלעכע טאַפּעטן און מיט אַ געשניצטן סופֿיט, וואָס ס'האָבן פֿון אים אַרויסגעקוקט די רויר־שטעקעלעך. אין אַ שויבן־שענקל זיינען געשטאַנען אַ סך זילבערנע כּלים: לייכטער, בשמים־ביקסלעך, קרוגן, טאַצן, בעכערס. אויף אַ טישעלע צוגעדעקט מיט אַ סאַמעטן טישטוכל זיינען גע־

לעגן פעניצלעך האניג־לעקעך און עס איז געשטאנען א קאראפינקע מיט וויין. אויף א פאטער־שטול מיט קרומע באגילדטע פיס, איבערגעצויגן מיט געלן אטלאס, איז געזעסן א קליינע זקנה, אין א סאמעטענער שובע און אין א קאפקע מיט קאלירטע בענדער. דער טשיפיק האט געהאט א סך שלייפעלעך, קרעלן, פערל. דאס ברייטע פנים איז געווען צוגעפרוירן־רויט, ווי ביי א מארק־זיצערין, מיט טיפע קנייטשן און א סך ווארצלען. זי האט הויך געלייענט עברי־טייטש אין א קרבן־מנחה סידור. די אלטע רביצין האט נישט געשטאמט פון קיין יחוס. איר פאטער איז געווען א פאכטער אין א דארף נעבן סענצימין. זי האט חתונה געהאט מיט ר׳ זעקעלעס זון, ר׳ עקיבא, נאך איידער ר׳ זעקעלע איז געווארן מפורסם פאר א בעל־מופת. אלטע ווייבער האבן געדענקט ווי זי פלעגט מוידוויז קומען קיין סענצימין מיט מילכיקס און אייער. ווען זי האט דערזען עקיבאן, וואס האט געהייסן נאכן זיידן, האט זי אינדערגיך צוגעזאגט דאס משל, וואס זי האט געלייענט, און אויפגעהויבן א פאר קליינע גרויע אויגן, אונטערגעבעט מיט טארבעלעך.

— עקיבאלע, אזוי פרי? — האט זי געפרעגט. — נעם א שטול און זעץ דיך.

— באבע, ס׳קאן מער אזוי נישט זיין! — האט עקיבא א זאג געטאן.

— וואס איז? ס׳האט דיר עמעץ, חלילה, אן עולה געטאן?

— זי איז אן אשת־איש. ס׳איז אלץ מיין שולד! כ׳וויל זי גטן. שוין היינט!

— צו מיינע שונאימס קעפ! כ׳האב דיר געזאגט, כ׳נעם די עבירה אויף מיר.

— מ׳קאן נישט על־פי־דין נעמען אויף זיך יענעמס עברה... אחוץ דעם: וואס ט׳זיין דער תכלית? כ׳בין שוין נישט קא׳ יינגל...

— וואס איז? ווילסט טאן א שידוך?

און אויף דער זקנהס איינגעפאלענער ליפ האט זיך באוויזן עפעס אזוינס ווי א שמייכל.

— כ׳ווייס נישט, באבע. וויפל איז דער שיעור צו שלעפן?

— הער מיך אויס, עקיבאלע. מ׳רעדט דיך אוודאי אן, מ׳שיקט אונטער מענטשן. נאר זיי וויסן, אז ס׳איז נישט פאר דיין טובה. זי באגערט נישט מער ווי א גט. דער ליובאוניק וויל מיט איר אזוי נישט וואוינען.

— זיי זיינען מזנה סיי־ווי־סיי.

— וואס זיי טוען, זאל אויספאלן אויף זייערע קעפ און אויף זייער לייב און לעבן. ס׳איז דא אן אלמעכטיקער גאט און ער וועט זיי שטראפן ווי זיי האבן פארדינט. נאר צו וואס דארפסטו זיי העלפן? אז דו׳סט איר געבן א גט, וועלן זיי חתונה האבן מיט גרויס שמחה און הוליען ביזן ווייסן טאג אריין. דיין שווער, דער צדיק אין פעלץ, וועט מיט זיי שלום מאכן. זיי וועלן לאכן און שפעטן און האבן אין דיר ס׳געגנאר!...

— כ ברענג זיי צו עברות.

— דו ברענגסט זיי? טיפש. זי איז א זונה, א הור. זי איז אזוי דיין ווייב ווי איך בין גרעפין פאטאצקי.

— באבע, דו קאנסט נישט דעם דין!

— א גזר־דין אויף זייערע ביינער. ער׳ט זי אוועקווארפן, די הור, און

זי׳ט בלייבן נאַקעט און הויל. זי׳ט קושן דיין שטויב זאָלסט זי צוריק נעמען. דעמאָלט טו אויף איר אַ שפּיי און וואַרף איר דעם גט פֿאַר די פּיס, וואַרפֿן זאָל עס זי הייזער־הויך!...

עקיבא איז געבליבן שטיין אָן לשון. אַזאַ כּח האָט זי שוין געהאַט, די באָבע: זיינע טענות זיינען נעבן איר געוואָרן פֿאַרשטאָפּט. אירע ווערטער האָבן אָנ־געצונדן אין אים אַ פֿייער, ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿון וואָס פֿאַר אַ שורש. ער האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און גענומען בייסן די אונטער־שטע ליפּ. די זקנה האָט זיך אַראָפּגעבויגן, פֿאַרשאַרצט אַ פּאָלע, אַריינגעקראָכן מיט די פֿינגער אין וואָלענעם זאָק און אַרויסגעקראַצט אַ זילבערנע מטבע.

— נאַדיר, עקיבאלע, אַ גילדן. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איז אַלץ דיינס! דער גאַנצער הויף! ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן!...

## 2

איין מאָל אין דער וואָך האָט גינע גענעכטיקט ביי הערץ יאַנאָווער. זיך אויסצוהיטן פֿון בייזע צינגער, איז זי אַוועק פֿון שטוב אַרום צען אַזייגער אין אָוונט, בעת די סובלאָקאַטאָרן זיינען געווען פֿאַרנומען מיט זייערע דיסקוסיעס, און זי האָט זיך אומגעקערט אין אַ דראָשקע גאַנץ פֿרי, ווען זיי זיינען נאָך געשלאָפֿן. גינע איז געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט דעם סוד, אַ חוץ ביידע דינסטן — אירע און הערץ יאַנאָווערס. אין אמתן האָבן אַלע געוואוסט דערפֿון און מ׳האָט געמאַכט אַלערליי שפּאַסן. ווען גינע פֿלעגט אַריינקומען שפּעטלעך ביינאַכט אין סאַלע, אָן אויסגעפּוצטע, אָן אָנגערויטלטע, רעדן צו אַלעמען און צו קיינעם נישט, זאָגן קאָמפּלימענטן, פֿלעגט לאַפּידעס, דער לץ, פֿאַרקוועטשן אַן אויגל, טאָן דעם שכן זיינעם אַ באַהאַלטענעם קניפּ און איינרוימען:

— די רביצין גייט היינט אין מקוה!...

צי ס׳האָט אינדרויסן גערעגנט, געשנייעט, אָדער ס׳איז געווען אַ שיין וועטער, האָט זי געהייסן דעם פֿורמאַן פֿאַרמאַכן דאָסביידל פֿון דער דראָשקע. זי איז געזעסן אין דער האַלבער פֿינסטערניש מיט אַ רענצל אין דער האַנט און דאָס פּנים האָט איר געפֿלאַמט פֿון בושה. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז זי איז דעם ביאַלאָדרעוונער רבינס טאָכטער, דעם סענצימינערס שנור, אַ בת־קדושים. ווי, ווען די הייליקע מאַמע וואָלט געלעבט און געזען וואָס פֿון איר בת־יחידה איז געוואָרן!

די ליבע צווישן גינען און הערצן איז געווען אַן אַלטע. זי האָט זיך נאָך געצויגן פֿון דער צייט ווען ר׳ ישראל יאַנאָווער, הערצס פֿאָטער, איז געווען ראש־ישיבה אין ביאַלאָדרעוונע. ר׳ ישראל האָט געוואוינט אין רבינס הויף און דאָס ייִנגעלע זיינס, הערץ, האָט זיך געשפּילט מיטן רבינס מיידעלע, גינע־גנענדל. הערץ איז כּלומרשט געווען רבי און גינע־גנענדל איז געווען רביצין. ער איז אַוועק הינטער אַ בוים דאַווענען און זי האָט אים צוגעגרייט אַן אָנבייסן פֿון זאַמד מיט שטיינדלעך. אין הויף איז געווען אַ סאַד, וואו עס זיינען געוואַקסן אַגרעס, ווייַנפּערלעך, חזיר־ניסלעך, יום־כּיפּור־באַרנדלעך. הערץ האָט געריסן

דאָס אומצייטיקע אויבסט, זיך געשפּילט מיט פֿאַרטריקנטע לולבים, פּאַראַיאַריקע הושענות, זיך באַהאַלטן מיט גינע־גנענדלען אין ווייבער־שול און אין פּאַליש. ר׳ ישראל האָט וויפֿל מאָל אָפּגעשמיסן הערצן הלמאַי ער שפּילט זיך מיט אַ מיידל, אים אָנגערופֿן חמור־אייזל, געסטראַשעט מיט פֿאַרגעסן ס׳לערנען און שטעכבעטל. די רביצין האָט אָנגעזאָגט גינע־גנענדלען זי זאָל נישט האָבן קיין עסקים מיט דעם ראש־ישיבהס ייִנגל, דעם שטיפֿער. נאָר ס׳איז שווער געווען די קינדער פֿונאַנדערצורייסן. ערשט ווען הערץ האָט אָנגעהויבן לערנען און געגומען אַרויסוויזן עילוישקייט, האָט ער זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פֿון גינע־גנענדלען. אַז ער האָט זי געזען אין הויף, איז ער רויט געוואָרן און זיך אָפּגעקערט. ר׳ ישראל יאַנאָווער האָט זיך נישט לאַנג דערנאָך אַרויסגעצויגן קיין וואַרשע אויף דער סמאָטשע גאַס, וואו ער איז געוואָרן ווינקל־מורה־הוראה. ער פֿלעגט בלויז קומען מיט הערצן צום רבין אויף ראש־השנה און שבועות.

יאָרן־לאַנג האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן אין ביאַלאָדרעוונער הויף וועגן הערצס גאונות. צו עלף יאָר האָט ער געלערנט אַליין זבחים מיט תּוספֿות. צו דרייצן איז ער געהאַט דורכגעגאַנגען דאָס ערשטע חלק יורה־דעה מיט פּרי מגדים. נישט לאַנג נאָכדעם ווי גינע איז געוואָרן אַ כּלה מיט עקיבאָן, דעם סענצימינער רבינס זינדל, איז הערץ אַ חתן געוואָרן מיט אַ גבירישער טאָכטער פֿון וולאָצלאַוועק. אָבערביידע שידוכים זיינען נישט געראָטן. עקיבא האָט זיך נאָך דער חתונה אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מרה־שחורהניק, אַ האַלבער משוגענער, אַ חולה־נופֿל. גינע האָט גלייך אָנגעהויבן פֿאַרלאַנגען אַ גט און איז אָפּגעזעסן מער אין ביאַלאָדרעוונע ווי אין סענצימין. דער וולאָצלאַווקער מחותּן האָט הערצן צוריקגעשיקט די תּנאים, ווייל מ׳האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז דער בחור איז אַן אַפּיקורס.

ער האָט אַלץ געטאָן משונה־גיך, הערץ יאַנאָווער. אין עטלעכע חדשים האָט ער זיך אויסגעלערנט פּויליש און רוסיש. דקדוק איז ער דורכגעגאַנגען אין איין ווינטער־נאַכט. ער האָט אויסגעטאָן די לאַנגע מלבושים, אָפּגעקראַצט דאָס שפּראָצנדיקע בערדל און געוואָרן אַן איינגייער ביי ד״ר פּאָזנאַנסקין, דער ראַבינער פֿון דער דייטשער שול, און ביים היסטאָריקער פֿרענק. ער האָט גע־האַט מזל צו אַסימילאַטאָרן. פּראָפֿעסאָר דיקשטיין האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און געקראָגן פֿאַר אים אַ סטיפּענדיע אין דער קהילה. ער איז געוואָרן אַן איינגייער ביי די וואַוועלבערגס, די נאַטאַנסאָנס, די בערגסאָנס. מ׳האָט גערעדט, אַז ער חברט זיך מיט משומדים. דער טאַטע, ר׳ ישראל יאַנאָווער, האָט זיך געזעצט שבעה נאָכן זון. די שוועסטער, יענטל, ייִנגער פֿון אים מיט אַ יאָר, האָט צוליב זיינע פֿירעכצן געמוזט אָפּלאָזן דעם שידוך. שטיבל־בחורים האָבן זיך שוין דעמאָלט געסודעט, אַז הערץ באַגעגנט זיך שטילערהייט מיט גינע־גנענדלען, עקיבאס ווייב, און אַז זי זאָל אים האָבן געגעבן אירע פֿינגערלעך און בראָשן צו פֿאַרזעצן אין לאָמבאַרד. נישט לאַנג דערנאָך איז הערץ אַוועק אין דער שווייץ, וואו עס פֿלעגן פֿאָרן ס׳רוב יונגעלייט וואָס האָבן זיך שפּעט גענומען צו בילדונג.

אַ פּאָר יאָר האָט מען פֿון הערצן נישט געהערט. אַפֿילו גינע האָט זעלטן

פֿון אים געקראָגן אַ בריף. סטודענטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון יענע מקומות, האָבן גערעדט, אַז הערץ חברט זיך נישט מיט קיינעם, געהערט נישט צו קיין שום סטודענטישער קאָלאָניע אָדער קלייזל, און אַז ער איז געוואָרן אין ציריך אַ לייב־מענטש ביי אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סעמיטישע שפּראַכן. מ׳האָט אַפֿילו געשמועסט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט דעם פּראָפֿעסאָרס טאָכטער און איבערנעמען נאָך אים די קאַטעדרע. אַנדערע האָבן געהערט, אַז הערץ זאָל האָבן געוואָרן רעליגיעז און אַז ער זיצט־אָפּ די פֿרייע שעהן אין אַ בית־מדרשל. מיט אַמאָל האָט זיך דערטראָגן, אַז הערץ יאַנאָווער איז געוואָרן אין דער שווייץ אַ לעקטאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע. יענטל, די שוועסטער, וואָס האָט כּסדר זיך דורכגעשריבן מיט אים, האָט דערהאַלטן פֿון אים זיינס אַ ביכל אין דייטש. ער האָט אויך צוגעשיקט עטלעכע זשורנאַלן, וואו ס׳זיינען געווען געדרוקט זיינע אַרטיקלען. אַ סטודענט, וואָס איז געקומען אויף וואַקאַציע, האָט זיך איבערגעטאָן אין לאַנגע מלבושים און איז געפֿאָרן אויף שבת קיין סענצימין אָפּגעבן גינען אַ גרוס. ער האָט איר איבערגעגעבן, אַז ווען הערץ יאַנאָווער האַלט אַ לעקציע, קומען זיך צונויף איבער הונדערט סטודענטן. ער רעדט אַ געבראָכענעם דייטש, כּמעט יידיש, נאָר דאָס פֿאַרמינערט נישט דעם נייגיר צו זיינע פֿאָרלעזונגען.

— ער איז דאָרט אַ גדול! — האָט דער סטודענט דערציילט וועגן אים.

— ס׳קאָכט מיט אים אַ וועלט!...

מיט אַמאָל האָט מען גענומען שמועסן, אַז גינע האָט זיך צעשיידט מיט עקיבאן און אַז ס׳האַלט ביי אַ גט. גינע איז אַוועק פֿונם מאַן און זיך באַזעצט אין וואַרשע. אַ קאַליע־געוואָרענע רביצין, אַ קרובה פֿון אַמשינאָווער, האָט זי אַריינגענומען צו זיך. ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען צו איר אַלערליי אינטעליגענטן, פֿאַרטיי־טוער, עקסטערנען, צייטונג־שרייבער. דער סענצימינער רבי האָט געסטראַשעט מיט חרם. דער טאַטע, דער ביאַלאָדרעוונער, האָט געשיקט צו איר שלוחים זי זאָל זיך אומקערן אין הויף אַריין. אָבער גינע איז געבליבן ביים איריקן. זי האָט זיך געלאָזט אויפֿוואַקסן די האָר און אויסגעטאָן דאָס שייטל. נישט צו דאַרפֿן אָנקומען צו לייט, האָט זי גענומען אַ גרויסע וואוינונג און פֿאַרדונגען צימערן. באַלד האָט מען געהערט, אַז הערץ יאַנאָווער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער שווייץ. ער האָט אָפֿן געזאָגט, אַז ער איז געקומען חתונה האָבן מיט גינען און אַז ער וואַרט נאָר דערויף זי זאָל אַרויסקריגן ביי עקיבאן אַ גט.

הערץ יאַנאָווערס אָנקומען האָט אַרויסגערופֿן אַ טומל. אין די חסידים־שטיבלעך האָט מען גערעדט, אַז ר׳ ישראל יאַנאָווער האָט זיין זון נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב. די יידישע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דעם עילוי, וואָס איז געוואָרן אין דער שווייץ אַ פּראָפֿעסאָר. די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן אים געשטיצט, האָבן אים פֿאַרבעטן צו זיך און אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַר פּוילישע געסט. עטלעכע פּראָפֿעסאָרן האָבן געהערט וועגן אים און אים איינגעלאַדן, ער זאָל פֿאַר זיי האַלטן אַ רעפֿעראַט. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און גערעדט אין אוניווערזיטעט צוויי שעה, אין אַ גרייזיקן פּויליש, געמישט מיט דייטש. ער איז נישט געווען קיין שעמעוודיקער, הערץ יאַנאָווער. ער איז גע־

קומען אין דער „זשימיאַנסקע“ און געשלאָסן קאָנטשאַפֿט מיט פּוילישע שרייבער. מ׳האָט אים געטראָפֿן אויף פּרעמיערעס אין טעאַטער און אויף קונסט־אויסשטעלונגען. ווי אויסטערליש, נאָר דאָס קליינע מענטשל מיטן ברייטן שטערן און שפּיציקן געמבעלע האָט אויסגענומען ביי פֿרויען. די טעכטער פֿון די אַסימילאַטאָרן האָבן זיך באַגעגנט מיט אים אין קאַפֿע־הייזער און זיינען געקומען צו אים אויף דער גנאַינע גאַס. ס׳האָבן זיך שטענדיק געדרייט אַרום אים אַלערליי גרושות, מעצענאַטקעס, אַנטלאָפֿענע ווייבלעך, נישט־דערגאַנגענע אַקטריסעס. ער האָט געפֿירט טיש מעשה רבי. ווייבער האָבן אין קיך געהאָלפֿן קאָכן אין די גרויסע טעפּ, ווי אויף אַ חסידישער מלווה־מלכּה. דער גרויסער טיש איז צו נאַכטמאָל געווען אָרומגעזעצט מיט מאַנסלייט און פֿרויען. ליכט האָבן געברענט. מ׳האָט געטרונקען וויין און געזונגען זמירות. הערץ יאַנאָווער איז געזעסן אויבן־אָן און געזאָגט „תּורה“. אין דעם ווערק זיינעם „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אויטאָמאַטיזם“ האָט ער געפּריידיקט, אַז אַזוי ווי די וויכטיקסטע פֿונקציעס פֿון לעבן קומען פֿאָר אויטאָמאַטיש, אָן דעם וויסן פֿון מענטש, הייסט עס, אַז וואָס וויניקער באַוואוסטזיין, אַלץ גרעסער איז דער שעפֿערישער כּוח. אין מענטש, גלייך ווי אין דער נאַטור, טוען זיך אָפּ די פֿאַרוויקלטסטע פּראָצעסן בלינדערהייט. דערפֿון האָט הערץ יאַנאָווער אַרויסגעדרונגען, אַז דורך איינשלעפֿן דעם שכל — אָדער די אָריענטאַציע — קאָן מען זיך דערהויבן צו אַ מדרגה מ׳זאָל אַרויסברענגען אַ יש מאַין, ווי די קענער פֿון קבלה זאָלן האָבן באַשאַפֿן טויבן און געצאַפּט וויין פֿון דער וואַנט. הערץ יאַנאָווער האָט פֿאַרזיכערט, אַז די אויסלייזונג קאָן קומען נאָר אין אַ צייט ווען דער לאָמפּ פֿון באַוואוסטזיין איז אַריינגערוקט און דער מענטש באַהעפֿט זיך מיטן אויטאָמאַטישן אַלוויסן, וואָס נעמט־דורך די גאַנצע נאַטור. ער האָט געהייסן זיינע תּלמידים אויסנוצן אַזויפֿיל קאָמבינאַציעס פֿון געפֿיל וויפֿל ס׳איז נאָר מעגלעך: טאַנצן, טרינקען וויין, קושן זיך, פֿירן ליבעס, פֿאַסטן תּעניתים. ער האָט געהאַלטן פֿון אַלקאָהאָל, נאַרקאָטיקס און אָנגערופֿן סעקס — דאָס העכסטע וויסן, וואָס מ׳קאָן דערגרייכן פֿאַרן טויט, ווען מ׳גיסט זיך צונויף מיטן אַבסאָלוטן אַל־וויסן, דער גאָטהייט.

איין קריטיקער האָט געשריבן וועגן הערץ יאַנאָווערס בוך, אַז ס׳איז אַ געמיש פֿון בודיזם, אָקולטיזם, סאַטאַניזם, באַפּעפּערט מיט שאָפּענהויער און האַרטמאַן. אַן אַנדער רעצענזענט האָט אָנגעוויזן, אַז הערץ יאַנאָווער האָט פֿאַרקריפּלט די קבלה, וואָס ער האָט מסתּמא געלערנט אין דער יוגנט. מיט פֿילאָזאָפֿיע האָט די פּלוידעריי נישט קיין צוזאַמענהאַנג... נאָך אַן אַנדערער האָט אים אָנגערופֿן תּלמוד־ייִד און דעקאַדענט. איינס איז געווען פֿאַר גינען קלאָר: אַז הערץ גייט נישט אויף דעם וועג פֿון אַ געלערנטן. זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין ביי אים: איז ער יאָ־פּראָפֿעסאָר, אָדער נישט־פּראָפֿעסאָר? זי איז שוין גרייט געווען אַלץ איבערצולאָזן און אַוועקצופֿאָרן מיט אים אין דער שווייץ אָן אַ גט, נאָר ער האָט געדרייט מיט דער צונג, אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ער האָט געשריבן אַ טראַקטאַט, וואָס האָט געזאָלט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער פֿילאָזאָפֿיע, נאָר ער האָט חדשים לאַנג געהאַלטן אויפֿן אייגענעם בלעטל. אויפֿגעהאַלטן האָט ער זיך פֿון שטיצעס און מתּנות. ער האָט נישט איינמאָל

געבאָרגט געלט ביי איר, גינען. קיין דירה־געלט האָט ער נישט געצאָלט. דער ווירט, אַ משכּיל, האָט אים געלאָזט וואוינען אומזיסט. מ׳איז געגאַנגען און גע־קומען צו אים, ווי אין אַ הפקר־שטוב. אַפֿילו די נאַכט ווען גינע האָט דאָ גע־נעכטיקט איז נישט געווען קיין מנוחה. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. נישט־געבעטענע געסט האָבן געקלאַפּט אין דער טיר. וויפֿיל מאָל זי האָט אָנגע־הויבן רעדן מיט אים וועגן אַ תּכלית, פֿלעגט ער טענהן:

— זאָרג ניש׳, גינעשי, לאָמיר נאָר חתונה האָבן, וועט אַלץ זיין רעכט. ס׳ט׳נאָך האָבן פֿון מיר גרויס נחת!...

— כ׳האָב מורא, הערץ, דו גייסט אויף אַ קרומען דרך!...

— וואָס איז די נפֿקא־מינה? כ׳האָב דיך ליב אַהבת נפֿש!...

— כ׳וויל דאָ נישט האָבן די מויד, די הילדע קאַלישער!

— פֿע, גינעשי! זי׳ט אַ גרויסן כּוח. ביסט זי נעבעך אומזיסט חושד...

אין שלאָף־שטוב האָט ער גינען אויסגעמאַטערט מיט זיינע קושענישן, האַלדזענישן, צערטלעכע צונעמען, סודות אין אויער. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אויסגעלאָשן. ער האָט געגעסן אין מיטן דער נאַכט קיכלעך מיט קעז און אויפֿגעוועקט דאָבען, זי זאָל אים שטעלן דעם סאַמאָוואַר. ער האָט גינען געלייענט זיינע כּתבים, אין אַ דייטשן קוידערוועלש, און גערעדט מיט איר שעהן לאַנג וועגן זיין דערקענטניש־טעאָריע, און וועגן די ספּיריטיסטישע סע־אַנסן, וואָס ער האָט בייגעוואוינט אין אויסלאַנד. ער פֿלעגט אַ זאָג־טאָן צו איר:

— ס׳איז נישטאָ קאַ׳ טויט. ס׳לעבן הויבט זיך ערשט אָן פֿון יענער זייט!...

— ניש׳ היינט געדאַכט, אַז דו האָסט געקראָגן די רויז, האָסטו פֿונדעסט־וועגן געשיקט נאָכן דאָקטער!

— רעדסט שטותים, גינעשי! מען טאָר פֿון שקר אויך נישט אַנטלויפֿן...

זי האָט זיך געלייגט פֿאַרטאָג און גאַנץ פֿרי האָט זי געמוזט אַרויסגיין. זי איז אַלע מאָל אויפֿגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ־ווייטאָג. ווען זי איז אַרויס פֿון שטוב מיטן רענצל, האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז אַ געפֿאַלענע פֿרוי, וואָס האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אַ נאַכט ביי אַ מאַנסביל און מ׳האָט זי מיטן טאָג צו־גלייך אַרויסגעטריבן...

## 3

אין דעם פֿרימאָרגן ווען חמא איז אַוועק פֿון דער היים צוזאַמען מיט איר עלטערער טאָכטער,ביילע־איטע, האָט זי זיך נישט געריכט, אַז דער טאַטע זאָל זי פֿריינטלעך אויפֿנעמען. ר׳ משולם האָט חמאן אַלע יאָרן צוגערעדט זי זאָל איבערלאָזן איר מאַן, דעם הולטאַי, און זיך אומקערן אין זיין הויז אַריין מיט די קינדער. פֿונדעסטוועגן האָט זי געוואוסט, אַז ווי נאָר זי וועט אים האָרכן, וועט ער זיך גלייך נעמען צו איר טשעפּען, איר פֿאָרוואַרפֿן פֿאַרוואָס זי איז נישט אַוועק פֿריער, זי באַהאַנדלען נישט ווי אַ טאָכטער, נאָר ווי אַ שטיפֿקינד. חמא האָט אַפֿילו נישט גענומען קיין דראָשקע. זי, חמא, האָט צונויפֿגעפּאַקט איין פּאַק מלבושים, ביילע־איטע אַן אַנדערן, און ביידע האָבן זיך געלאָזט צופֿוס אויפֿן

גזשיבאָוו, ווי נאָך אַ שרפֿה. שכנים האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פֿענסטער, געשאָקלט מיט די קעפּ. דעם סטרוזשס ווייב איז אַרויסגעקומען אַ באָרוועסע, פֿאַרבראָכן די רויטע הענט, אָפּגעווישט מיטן פֿאַרטוך אַ טרער. דער צויטיקער הונט מיטן איינעם אויג איז נאָכגעלאָפֿן מיט אַ בילעריי. חמא האָט געהאַט פֿאָראויס זיך אויסגעחזרט וואָס צו זאָגן, ווען זי וועט אַריינקומען צום פֿאָטער. זי האָט געזאָלט אַ זאָג־טאָן:

— טאָטע, גיב מיר אַ טרוקן שטיקל ברויט, נאָר טרייב מיך צו דעם גזלן נישט צוריק!...

נאָר אַלץ איז געשען אַנדערש ווי חמא האָט זיך אויסגעמאָלט. ווען נעמי די דינסט איז געקומען צו ר׳ משולמען אין קאַבינעט אַריין און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז חמא איז אַנטלאָפֿן פֿון אַבראַמען צוזאַמען מיט דעם עלטערן מיידל, האָבן זיך דעם זקן אַ שטעל געטאָן די טרערן אין די אויגן. ער איז מיט וואַקלדיקע טריט אַרויס צו דער טאָכטער אין קיך, וואו זי האָט געוואַרט מיטן געפּעק, זי אַרומגענומען, זיך געקושט מיט איר צום ערשטן מאָל זינט זי האָט חתונה געהאַט, געקושטביילע־איטען, און אַ רוף־געטאָן:

— וואָס שטייסטו כעני בפתח? מיין שטוב איז דיין שטוב!...

ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שטאַרק קול, און אַלע האָבן עס דערהערט. די שוואַרצע מאַניע, וואָס איז ביז איצט געזעסן ביים קיך־טישל און געטרונקען קאַווע, ווי נישט זי מיינט מען, האָט זיך געטאָן אַ הויב־אויף און גענומען אַוועקטראָגן די פּעק. נעמי האָט גלייך זיך געלאָזט צוגרייטן פֿאַר די געסט אַ שטוב. רויזע־פֿרומעטל, וואָס איז געשטאַנען אין דער סאַלע ביים פֿענסטער און געדאַוונט אין אַ קרבן־מנחה סידור, האָט צוגעזאָגט אַ פּסוק, גע־טאָן אַ קוש און איז אַרויסגעקומען צו דער שטיף־טאָכטער. אירע אויגן האָבן האַלב־געלאַכט, האַלב־געוויינט. זי האָט זיך געקושט מיט חמאן איןביידע באַקן, לייטזעליק אַ שאָקל געטאָן מיטן זיידענעם שייטל צו ביילע־איטען און גערופֿן:

— ס׳קאָצל קומט! אַז ס׳האָט שוין אַזוי געמוזט זיין, איז אין אַ מזלדיקער שעה!...

ר׳ משולם האָט שוין געהאַט געגעסן זיין אָנבייסן פֿון אַלטגעבאַקענער חלה מיט קאַלטער הון און זיך געגרייט צו גיין אין קאַנטאָר אַריין אויף דער גזשי־באָווסקע. אָבער לכּבוד דער טאָכטער איז ער געבליבן אַ פּאָר שעה אין דער היים. ער איז געזעסן מיט די ווייבער — רויזע־פֿרומעטל, חמא, איידל, ביילע־איטע — אין עס־שטוב און מיטגעהאָלפֿן ביים איבערבייס. ער האָט געטרונקען אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע־ מיט־ ציקאָריע, פֿאַרביסן מיט אַן אייער־קיכל און גערעדט מער וויפֿיל ס׳איז געווען זיין שטייגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז חמא איז געבוירן געוואָרן אין אַ שבת ערב פּסח און דערציילט ווי בעת ער האָט געגעסן דאָס פּסחדיקע טשאָלענט — דעם חמץ האָט מען געהאַט פֿאַרברענט פֿרייטאָג — איז די הייבאַם געקומען אָנזאָגן, אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ מיידל. ס׳עופֿלע איז געווען אַזוי גרינג און שוואַך, אַז מ׳האָט מורא געהאַט ס׳זאָל נישט באַלד אַוועקקומען און ס׳זאָל נישט זיין קיין פֿאַרשטערטער יום־

טוב. דאַנקען־גאָט — האָט ר׳ משולם אַ זאָג־געטאָן — ס׳איז נישט געווען קאַ׳נפֿל׳ע!...

רויזע־פֿרומעטל האָט זיך צעלאַכט און אַ שנייץ־געטאָן די נאָז אין באַטיסטענעם טיכל. ווען חמא האָט דערהערט ווי דער פֿאָטער רעדט וועגן איר, זיינען איר די אויגן געוואָרן רויט און ס׳האָבן גענומען קאַפּען פֿון זיי טראָפּנס. זי איז נישט געוואוינט געווען דערצו מ׳זאָל אין טאָטנס הויז איר נאָמען דערמאָנען. זינט ר׳ משולם האָט אָנגעהויבן דאָס מחלוקת מיט אַבראַמען, פֿלעגט ער אויסלאָזן דעם כּעס צו איר. נאָכן בענטשן זיינען די מיידלעך אַוועק פֿון טיש און חמא האָט גענומען דערציילן וועגן אַבראַמס מעשׂים: אַז ער קומט נישט אַהיים נעכטיקן; שלעפּט זיך אַרום מיט מוידן און שיקסעס; פֿאַרזעצט שטובזאַכן אין לאָמבאַרד; נעמט ביי די לאָקאַטאָרן דירה־געלט אויף גאַנצע חדשים פֿאָראויס. ער האָט אַפילו געבאָרגט אַ פּאָר רובל ביים סטרוזש און דער גוי איז געקומען מאָנען. רויזע־פֿרומעטל האָט גענומען ברעכן די פֿינגער און זיפֿצן. ביים זקן האָבן זיך די שיטערע וואָנסן געטאָן אַ הויב־אויף און זיי זיינען שוין געבליבן אַזוי אָנגעשפּיזטע, ביז חמא איז געוואָרן פֿאַרשטומט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— האָסט ניש׳ געטאָרט שווייגן! איכ׳ל דעם נואף אויסרייסן!...

— טאַטע, ווען דו זאָלסט וויסן —

און חמא האָט מער נישט געקאָנט אין זיך שטיקן דאָס געוויין. זי איז זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ יאָמערלעך קול, וואָס מ׳האָט דערהערט אין אַלע שטיבן. ר׳ משולם האָט זיך אויפֿגעהויבן און גענומען אַרומשפּאַנען אויף איין שטיקל אָרט, אַהין און צוריק.

— נו, שאַ, וואָס קומט אַרויס פֿון וויינען? — האָט ער גערעדט האַלבצו־איר, האַלב־צו־זיך. — דער בלאָטער האָט געפּלאַצט! וועסט מער ניש׳ אָנקוקן זיין טריף פּרצוף!...

— אוי, טאַטע!...

— שאַ, טאָכטער. גיב איר אַ טרונק וואַסער! — האָט ער אַ באַפֿעל געטאָן רויזע־פֿרומעטלען. — וואו איז ערגעץ די יינגערע, ווי רופֿט עץ זי דאָרט?

— סטעפֿע איז דערוויל געבליבן אין דער היים. זי איז פֿאַרנומען — האָט חמא סיי געשלוכצט, סיי גערעדט.

— וואָס איז זי פֿאַרנומען? צווייטנס, דערוויל וועט מען חתונה מאַכן די עלטערע. זי איז אַ וואויל מיידל. איכ׳ל איר געבן דריי טויזנט רובל נדן. דו זיי ביי מיר, ביז דער מנוול וועט דיך גטן.

ווען חמא האָט דערהערט דאָס וואָרט גט, איז איר אַ שווידער אַריבער איבערן לייב.

— וואָס דאַרף יאָך אַ גט? יאָך בין שוין אַ פֿאַרלוירענע. יאָך לעב נאָר פֿאַר די קינדער.

— ווי אַלט ביסטו דען? וועסט דיך אָפּרוען און דיך אויסקליידן, וועסטו זיין אַן אַנדער מענטש!... איכ׳ל דיר גלייך געבן פֿופֿציק רובל און קלייד דיך אויס.

דער זקן איז אַרויס, זיך לאַנג געזוימט און איז צוריקגעקומען מיט צוויי רויטע פֿינף־און־צוואַנציקערס. נאָך אַ וואַקלעניש האָט ער איר צוגעלייגט פֿון הויזן־קעשענע נאָך אַ צענערל.

— דאָס איז טאַשן־געלט — האָט ער געזאָגט.

חמא האָט צוגענומען די באַנקנאָטן און געכליפּעט. פֿון דעם טאַטנס אידלקייט איז איר קלאָר געוואָרן ווי טיף ס׳איז איר בראָך. באַלד איז נעמי געקומען און אַוועקגעפֿירט חמאן אין דער שטוב, וואָס מ׳האָט פֿאַר איר אָפּגעגעבן. מ׳האָט שוין באַצייטנס געהאַט אַריינגעשטעלט נאָך אַ בעט פֿאַר ביילע־איטען און איבערגעצויגן בעטגעוואַנט. ס׳האָט געשמעקט מיט קראָכמאַל, בלויעכץ און לאַווענדער. נעמי, מאַניע און ביילע־איטע האָבן זיך אַלע דריי געפּאָרעט. אידל האָט געעפֿנט די טיר, געבליבן שטיין אויף דער שוועל, מיט אַ פֿינגער אין אַ ביכל, און געגעבן עצות, האַלב אויף יידיש, האַלב אויף פּויליש. רויזע־פֿרומעטל איז אַריינגעקומען פֿרעגן וואָסער פֿלייש חמא האָט ליב אויף נאַכטמאָל: אַ שטיקל רינדערנס, הון, ברוסט, בראָטן? און וואָס וויל זי אונטער דער יויך אָדער מיטן געדישעכץ? עס איז חמאן אויף אַ ווייל פֿאָרגעקומען, אַז די מאַמע לעבט און זי איז ווידער אַ מיידל אין דער היים. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די געסט זיינען געוואָרן היימיש. חמא, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן, האָט אַרומגעבונדן דעם שטערן מיט אַ נאַס טיכל און זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן געלעגער. זי האָט סיי געקרעכצט, סיי געדרימלט. ביילע־איטע — אַ נידעריקע, אַ דאַרע, ווי די מוטער, מיט אַ געלבלעך פּנים און אַ רויטלעכער נאָז — איז מיטגעגאַנגען מיט נעמין אין מאַרק אַריין. ביילע־איטע איז געוואוינט געווען צו באַלעבאַטישקייט. זי איז אין דער היים געווען סיי די דינסט, סיי די קעכין, סיי די וועשין. נעמי האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז זי וועט פֿון דעם מיידל האָבן אַ נוץ. מאַניע האָט, אַפּנים, מורא געקראָגן, אַז זי וועט איצט זיין אַן איבעריקע און נעמי וועט זי אַוועקשיקן, ווייל זי האָט אויסגעקראַצט פֿון ערגעץ אַ טרוקענע שמאַטע אויף אַרומצואווישן דאָס מעבל און גענומען פּוצן די קליידער־שאַנק, מיט די לייבן־קעפּ אויף די טירן; די בעטן, מיט די הויכע געזימסן; די אַלמערס, די קרעדענס, דאָס שויבען־שענקל. זי האָט דערביי צוגעברומט אַ דייטשמעריש לידל, וואו יעדע סטראָפֿע האָט זיך געענדיקט:

אין ווילדן וואַלד אַליין,
וואו קיינער טוט נישט גיין...

ווען ר׳ משולם האָט נאָך אַלע רייד און פֿאָרענישן אָנגעטאָן דאָס פֿוטער מיט די קאַלאָשן און זיך געלאָזט גיין אין קאַנטאָר אַריין, זיינען אים די פֿיס געווען גרינג. ער האָט אַפֿילו אונטערגעזונגען אַ האַלב־פֿאַרגעסן ניגונדל. דער טאָכטערס אַהיימקומען האָט אים ווי יינגער געמאַכט און אים דערמאָנט אין דער צייט, ווען ער האָט געהאַט אַ פֿולע שטוב מיט קינדער. אַ חוץ דעם איז דאָס געווען אַ נצחון איבער זיין דם־שונא, אַבראַמען. זאָל ער זי נאָר אָפּגטן, וועט שוין זיין רעכט. אמת, קיין יפֿת־תואר איז זי נישט, חמא, אָבער אַז זי׳ט קומען צו זיך און מ׳וועט איר געבן אַ פֿרישן נדן, וועט זיינוועלע סראָצקער

שוין אויסקראצן פאר איר אן אלמן אדער א גרוש. ער שטארבט נאך נישט, ר׳ משולם. ער׳ט נאך מיט גאטס הילף דערלעבן שמחות!...

אין דרויסן איז געווען ווינטיק. ס׳האט געשמעקט מיט שניי און האגל, נאר ערגעץ פון א שפאלט אין די וואלקנס האט זיך דורכגעריסן א זייל זוניקער נעפל, שארף ווי א האק. מארק־זיצערינס האבן אויסגעזונגען הייסע עפל, קארטאפל־קוכן, ארבעס מיט באבעס. שליטנס האבן געקלונגען. פורמאנעס האבן געשריגן אויף די לאסט־פערד און געקנאקט מיט די בייטשן. אויף דער גזשיבאווסקע האט געשמעקט מיט פערד־מיסט, דזשעגעכץ, פאליטור און מיט יידישער ווארשעווער איינגעזעסנקייט. יידן, וואס ער, ר׳ משולם, האט נישט געקאנט, האבן אים אקעגנגעטראגן דעם גוט־מארגן, זיך אפגעשטעלט, אים נאכגעקוקט, געטייטלט מיט די פינגער. עפעס א גוי האט אראפגענומען פאר אים די מאטשעיאווקע און אים געזאגט „דזיען דאברי”. די וועלט איז פארט נישט הפקר! — האט ר׳ משולם געטראכט. — אזוי ווי מ׳בעט זיך, אזוי שלאפט מען. דער פושע ישראל וועט קריגן זיין פסק. הדסה וועט מערטשישעם חתונה האבן מיט דעם פישעלען נאך פאר פסח. אויב איידל וויל דווקא דעם קליין־טערעשפאלער בחור, איז אויך רעכט. מ׳קאן אים באין ברירה אריינגעמען אין געשעפט. קאפל דארף האבן אויף זיך א בייטש... א ווייס הינטל איז ארויס ערגעץ פון א הויף, זיך צעבילט אויף ר׳ משולמען און דער זקן האט דעם כלב אפגעטריבן מיטן פאראסאל.

— אפודזשאס! — האט ער א רוף־געטאן. — פאשאל!...

דער סטרוזש, וואס האט געעפנט דאס טויער פון קאנטאר־הויף, האט זיך פארבויגט און באגריסט דעם באלעבאס. דער נישט־ברוקירטער באדן איז געווען באדעקט מיט שניי, פונדעסטוועגן האט מען ארויסגעלאזט פון די קעמערלעך די גענדז, הינער, אינדיקעס. טויבן האבן געפיקט קערנדלעך האבער און עס האבן נעבן זיי ארומגעטאנצט קליינע פייגעלעך, גאטס באשעפענישן, וואס מ׳ווארפט זיי ארויס קאשע אין שבת־שירה. אין קאנטאר אויפן ערשטן שטאק האט שוין קאפל געווארט אויף ר׳ משולמען. ער האט זיך ארומגעדרייט אהין און צוריק אין זיינע געפוצטע שטיוועלעך מיט די גלאנציקע כאלעוועס, געקוקט אויפן זילבערנעם זייגער, מיט די דריי דעקלעך, גערויכערט א פאפיראסל, געכאפט פון מאל צו מאל א בליק אין „קוריער פאראנני”. ווען ר׳ משולם האט אים דערציילט, אז חמא איז אנטלאפן פון אבראמען, איז ער אזש בלייך געווארן. די בלייפעדער הינטערן אויער האט פארלוירן דאס גלייכגעוויכט און איז אראפגעפאלן. דער מונדשטיק, וואס האט געקלעפט אויף דער אונטערשטער ליפ, האט זיך געטאן א שאקל. ער האט איבערגעטראכט א ווייל און זיך אנגערופן:

— ער׳ט עס כשר פארדינט!...

ר׳ משולם האט אויף אים א קוק געטאן א פארוואונדערטער. ער האט זיך געריכט, אז קאפל וועט זיך מער דערפרייען פון דער גוטער בשורה. אבראמס שנאה צו קאפל משרת איז געווען נאך גרעסער ווי צום שוהער. ר׳ משולם האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער לעדער־געבעטער שטול נעבן דעם גרויסן שרייב־

טיש, הויך־אַנגעוואָרפֿן מיט פּאַפּירן. קאַפּל איז אַרויס אין אַן אַנדער שטוב און איז נאָך אַ לאַנגער ווייל צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז טיי פֿאַר ר׳ משולמען.

## 4

— זײַ געזונט דיך, קאַפּל, יישר־כּוח! — האָט ר׳ משולם געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אַ שטול לינקס פֿון שרייב־טיש. קאַפּל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג און פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס. דעם קעסעלע־קאַפּעליוש האָט ער אַ פֿאַררוק געטאָן צום נאַקן.

— יאָ, באַלעבאָס.

— וואָס הערט זיך? ס׳עפּעס דאָ בריף?

— קלייניקייטן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ספֿר? שוין ווידער אַ ניי חיבור זע איך! זיי מוחל, גיב מיר דעם שפּאַקטיוו. — ויאמר יהונתן על חמשה חומשי תּורה — האָט דער זקן פֿאַמעלעך איבערגעלייענט. — ס׳איז געקומען מיט דער פּאָטשט?

— ניין. אַ רבל האָט עס געבראַכט.

— דער מחבר, מסתּמא. האָסט אים עפּעס געגעבן?

— אַ רובל.

— גאַנץ גלייך. פֿאַרשרייב. מ׳האַלט אין איין מאַכן נייע ספֿרים. יעדער איינער קוועטשט־אויס אַן אַנדער פּשטל.

— וואָס זאָלן זיי טאָן אין דער פּראָווינץ?

— יאָ, ביסט גערעכט. קאָ׳ פּרנסה איז נישטאָ. די גאָזטן העצן־אָן מ׳זאָל ניש׳ קויפֿן ביי קאָ׳ יידן. ס׳גרעסטע אומגליק זיינען די שרפֿות. יעדן זומער גייען אַוועק גאַנצע שטעטלעך מיטן פֿייער און יידן בלייבן נאַקעט און הויל. אויב אַ נשרף, גיב אים צען גילדן.

— מיינסטאַלבן.

— וואָס איז מיט דירה־געלט? מ׳צאָלט, צי מ׳צאָלט נישט?

— ווער ס׳וויל צאָלט, און ווער ס׳וויל צאָלט נישט. אויף דער פּראַסטע, אין פּיניעלעס הויז, וואוינט אַ הערינג־הענדלער, אַ פּילעווער חסיד, האָט ער שוין צוויי יאָר נישט געצאָלט קאָ׳ גראָשן. איצט האָט ער חתונה גע־מאַכט אַ טאָכטער אין דער פֿילהאַרמאָניע. ס׳האָט אים אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן.

— האָ? ווער איז ער? ווי הייסט ער? כ׳האָב ביז איצט קיינעם נישט אַרויסגעוואָרפֿן!

— דערפֿאַר טאָקע זעט מען נישט קאָ׳ צווייער.

— שיק אים דעם קאָמאָרניק.

— זיי ווייסן, אַז מ׳עט ניש׳ מאַכן קאָ׳ ליציטאַציע.

— מ׳טאָר באַלד קאָ׳ שווינדלער ניש׳ אַריינגעמען. מ׳דאַרף זיך נאָכפֿרעגן וועגן יעדן איינעם.

— אויף די פּראָווינצער קען מען זיך ניש׳ דערפֿרעגן.

— מ׳האַלט אין איין קומען, פֿון וואַלין און פֿון דער ליטע. ס׳זיינען שוין באַלד דאָ מער ליטוואַקעס ווי וואַרשעווער.

— נאָך ווי! אויף יענע גאַסן הערט מען נאָר רעדן ליטוויש.

— צלם־קעפּ, אַנזעצערס, פּאַלע־שניידערס. מ׳נעמט סחורה אויף וועקסעלעך און אַז ס׳קומט צום דעקן, דאַסט מען אָן. ווי קאָן מען אַזוי פֿירן מסחר? מ׳איז מבזה דעם כּלל־ישׂראל.

— ס׳ברענגט צו די ערגסטע פּאָגראָמען.

— אַבראַם, הער איך, האָט אָנגענומען דירה־געלט אויף גאַנצע חדשים פֿאָראויס. ווער גיט פֿאָראויס?

— ס׳אַן אַלטע קונץ. ער לאָזט־אָפּ צען פּראָצענט.

— און אַז ס׳קומט צום חשבון?

— ער גיט ניש׳ אָפּ קאַ׳ חשבון.

— וואַרף אים אַרויס, שוין היינט! לאָז וויסן די לאָקאַטאָרן מ׳זאָל אים נישט צאָלן קאַ׳ גראָשן דירה־געלט. ווער איז מעלדונקאָווי זשאַנדצע?

— אויך ער.

— נעם אים צו די ביכער. טו צו וויסן אין צירקל, אַז ער איז אויס! ר׳האָט גענוג אָנגערויבט אין פֿינף־און־צוואַנציק יאָר!

— ווי דער באַלעבאָס וויל.

— וואָס איז מיט דער ייִנגערער טאָכטער זיינער? מיט דער — ווי הייסט זי דאָרט?

— סטעפֿע? זי האַלט מיטן פֿאָטער.

— דאָס האָב איך פֿאַרשטאַנען. זי גייט נאָך אין די שקאָלעס?

— שוין אָפּגעגאַנגען.

— וואָס־זשע טוט זי?

— זי גייט מיט יונגען.

— וואָסערע יונגען? וואָס רעדסטו? — און דעם זקנס בלייכע פּנים איז געוואָרן נאָך בלייכער. די אויגן אונטער די ברעמען האָבן זיך ווי איבערגעדרייט.

— כ׳טראַכט נישט אויס. דער באַלעבאָס פֿרעגט, ענטפֿער איך.

— מיט וועמען גייט זי? מ׳טאָר נישט דערלאָזן! פֿאַרוואָס האָסטו געשוויגן ביז איצט?

— וואָס קומט אַרויס פֿון רעדן? אַז דער טאַטע מעג, מעג די טאָכטער אַוודאי.

— איכ׳ל מאַכן אַ סוף! — האָט דער זקן געטאָן אַ געשריי. — פֿאַרלאַנג פֿון אים אַ חשבון. רוף אים לדין! אין מיין נאָמען!

— ער׳ט צו קאַ׳ דין־תּורה ניש׳ גיין.

— וועל איך דעמאָלט וויסן וואָס כ׳האָב צו טאָן. גיי נאָך היינט אַריין צו ר׳ פּתחיהן, אָדער צו ר׳ זיינוועלען.

—ר׳ זיינוועלע איז שוין אויף יענער־וועלט.

— האָ? כ׳האָב געמיינט ר׳ איציקל.

— ר׳ איציקל באַקט שוין אויך בייגל...

— ווען? ווי אַזוי?... אַלץ איינס! זינט ר׳ יוקעלע געזונטהייט איז נישטאָ, איז וואַרשע געוואָרן הפקר. וואָס איז מיט ניוניען?

— וואָס זאָל זיין?

— מיר׳ן געשמועסט, אַז אויב דאַכע וועט נישט נאָכגעבן, זאָלסטו אָפּשטעלן ס׳וואָכנגעלט.

— זי׳ט שוין נאָכגעגעבן.

— וואָס־זשע איז די מניעה?

— די כּלה וויל נישט!

— שטותים. מ׳דאַרף איר קויפן אַ שמאָכטע, אָדער ווייסעך וואָס! כ׳האָב צוגעזאָגט ר׳ שמעון קוטנער, אַז מ׳עט שרייבן תּנאים.

— אויף וויפיל כ׳וויס, קאָן מען זי מיט קאַ׳ שמאָכטע נישט אונטערקויפן.

— וואָס וויל זי? הייס זי קומען צו מיר!

— כ׳האָב שוין, מאָלט אייך, געהייסן.

— נו, וואָס?... זאָג איר, דער ראָצערין, אַז זי׳ט ביי מיר גאָרנישט אויס־פירן! צווייטנס, הייס דאַכען קומען. אַז די מאַמע באַשטייט שוין, איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. די הדסה געראָט אַריין אין איר זיידן, דעם קראָסטינינער רבל. אַ חלוש געוועזן און, ר׳זאָל מיר מוחל זיין, אַ קרומער האָקן.

— אַ לאָקש.

— די איידל איז אַ סך מער לייט. אַ קלוגע און אַ באַרעכנטע. זי לייענט צופיל ביכער, אָבער נאָך דער חתונה וועט זי דאָס אָוועקוואַרפן.

— קאָן זיין.

— כ׳האָב גערעדט מיט איר. זי איז אַ גרויסע קענערין. זי וואָלט געקאָנט נוצן אין געשעפט.

קאָפּל האָט פאַרהויבן די ברעמען.

— וואָסערע נוצן? זי קאָן ניש׳ קאַ׳ וואָרט רוסיש.

— וועט זי זיך אויסלערנען.

— וועט מען דאַמאָלס שמועסן.

— דער יחיאל איז אַלט און האַלב־בלינד. ער שרייבט און פאַטשקעט, נאָר מ׳קאָן ניש׳ אַרויסקריכן. מ׳דאַרף האָבן אַ יונגן מענטש מיט געזונטע אויגן.

— מ׳קאָן נאָך קריגן אַ בוכהאַלטער אין וואַרשע.

— זאָל זי זיך אויסלערנען. חשבונען קען זי, נאָר ס׳פעלט איר פּראַקטיק. זי האָט אַ גוטע תּפיסה. מיינע קינדער טויגן צו גאָרנישט.

— ס׳ווענדט זיך ווער.

— ווער אַ שטייגער?

קאָפּל האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ.

— צום ביישפּיל: לאה.

— האַ? האָט זי דאָך אַ מאַן מיט קינדער. דער יואל, האָב איך אַמאָל געזאָגט, גייט אויף אַן אייזערנער בריק: ער נעמט זיך ניש׳ צו קאַ׳ מסחר סיידן ר׳איז זיכער, אַז ס׳עט זיין היזק. נת׳לע איז געבליבן אַ יינגל. אַן אַלט יינגל

מיט אַ גראַב בייכל. פערל האָט יאָ אַ קאָפּ אויפן קאָרק, האָט זי אירע אייגענע מסחרים. פיניעלע איז אַ שלומיאל, און, ווי הייסט ער דאָרט, ניוניע — איז גלאַט ניש׳ קאַ׳ בר־דעת. ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. סיידן חמא...

און דער זקן האָט זיך צעלאַכט.

— כ׳וויל מיך ניש׳ מישן, נאָר לאה איז אַ סוחרטע. מ׳טוט איר אַן עוולה.

— ווער טוט איר אַן עוולה? זי איז מיין טאָכטער. די איידל האָט אַ גלייכן שכל.

— ווי דער באַלעבאָס וויל.

— אַ געשעפּט דאַרף האָבן יונג בלוט. דאָס איז אַ כּלל. וואָס איז מיטן רבינס טאָכטער? ווי רופט מען זי? גינע־גנענדל!

— וואָס זאָל זיין? זי לעבט מיט הערץ יאַנאָווער.

— וואָס איז ער? וואָס טוט ער?

— ער איז אַבראַמס קאָלעגע.

— שקר מיט שלים־מזל. דער רבי האָט מיר געשריבן אַ בריף. אפשר קאָן מען פון אים פּטור ווערן? אַזוינע לייט קוואָפּען זיך אויף אַ פּאָר רובל.

— כ׳גלויב נישט.

— כ׳בין בטוח, אַז פאַר צוויי הונדערט קערבלעך וועט ער זי אָוועקוואַרפן. כ׳הער, אַז זי איז אים שוין נמאס.

— וואו האָט דער באַלעבאָס געהערט? טשיקאָווע!

— כ׳ווייס נישט. כ׳געדענק נישט. אַמאָל פלעגט קהל אַזאַ איינעם אָוועקשיקן פאַר אַ זעלנער.

— פאַר אַ זעלנער דאַרף מען טויגן.

— אַז מ׳עט לאָזן הולטאַיעס אַפּרעדן רבישע קינדער, וועט אַלץ ווערן הפקר. כאַטש שולדיק זיינען די רבים אַליין. וואָס איז ער, אַ סטרייקער?

— ניש׳ קאַ׳ סטרייקער.

— אַמאָל זיינען יידן געווען יידן, און איצט איז אויסגעוואַקסן אַן ערב־רב. בריונים טראָגן זיך אַרום מיט רעוואָלווערן און מ׳וויל אַראָפּזעצן דעם קייסער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיינען זיי אַריין צו מיר אין קאַנטאָר און געסטראַשעט מ׳עט מיך שיסן. ווי רופן זיי עס דאָרט? אַ בורזשוי.

— יאָ, כ׳געדענק.

—אַנדערע, ווידער, האָבן זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ פּאַלעסטינע. דאָ־וועגן וויל עס נישט, נאָר ארץ־ישראל פעלט זיי אויס. מ׳איז מטמא די הייליקע ערד. וואָס איז געוואָרן פון דעם הולטיי? ד״ר הערצל!

— שוין לאַנג געשטאָרבן.

— ווען? אַ גוי גמור געווען און איז געפאָרן מליץ־יושר זיין צום סולטאַן. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גוטן, נאָר ר׳האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שטותים. ר׳האָט געקענט אַכט לשונות.

— געצוי אַכט?...

— ס׳איז געוואָרן אַ לויפעניש, אַ פאַרעניש. דער המון־עם אַנטלויפט קיין

אַמעריקע און הייזער בלייבן ליידיק. די סוחרים האָבן ניש׳ באַ׳ וועמען צו לייזן און מוזן באַנקראָטירן.

— אַז ס׳איז נישט גוט, מאַכט מען פּליטה.

— ס׳איז דאָרט אויך נישט בעסער. ס׳איז אַלץ ס׳אייגענע פאַרדרייעניש. מ׳גיט אויף קרעדיט און דערנאָך האָט מען ניש׳ צו צאָלן. ווי ס׳שטייט אין ישעיה: אכול ושתו כי מחר נמות.

— נישט יעדער איינער האָט באַרעס געלט.

— אַז מ׳האָט ניש׳, דאַרף מען ניש׳ קאַ׳ מותרות. וואָס וויל איך דאָ זאָגן? כ׳וויל שרייבן אַ צוואה. מ׳ווייסט קיינמאָל ניש׳ וואו מ׳האַלט. כ׳בין נאָענט צו שמונים. כ׳האָב ערגעץ ליגן אַ כּתב, נאָר ס׳איז נישט געחתמעט. מ׳דאַרף, רעכן איך, אַ רעיענט.

— איידער מ׳גייט צו אַ רעיענט, דאַרף מען וויסן וואָס מ׳עט שרייבן.

— דעם אַבראַמען וועל איך מעביר־נחלה זיין. ביוניע וועט קריגן זיין חלק באופן, אַז ער וועט טאָן מיט דעם פּישעלען. יואלן טאָר מען קאַ׳ געלט נישט געבן: זיין ווייב, די אסתר־מלכּה, קאָן אויפעסן אַ פאַרמעגן. נת׳לע ווידער גיט אַלץ אַוועק דאָקטוירים און זנאַכערס.

— מ׳דאַרף האָבן אַן אַפּטרופּוס.

— האַ? ביסט גערעכט. נאָר ווער זאָל זיין דער אַפּטרופּוס? ס׳רוב מענטשן זיינען גנבים.

— נישט יעדער איינער איז אַ גנב.

— אויב ר׳איז נישט קאַ׳ גנב, איז ער אַ בטלן.

— לאה איז אַ פּראַקטישע פרוי און אַן ערלעכע אויך.

— האַ? איר מאַן איז אָבער אַ שמויגער. לאָזט איבער אַ ווייב וואָכן און וואַלגערט זיך צ׳ישן יושבים. ס׳איז אפשר נישט שיין צו זאָגן, נאָר אַ נקבה דאַרף האָבן אַ מאַן.

— דאָס, באַלעבאָס, איז ריכטיק. הונדערט פּראָצענט!

— וואָס־זשע, זי וויל זיך דען גטן?

— מ׳האָט זי באַלד נישט געדאַרפט פאַרשלייערן מיט דעם יאָלד.

— נו, געגוג. איכ׳ל אַריינגיין מיך צולייגן. וועק מיך אויף אין אַ האַלבער שעה אַרום. נישט שפּעטער.

דער זקן איז אַרויס אין אַ צווייט שטיבל, וואו ער האָט געהאַט שטיין אַ סאָפע. עס איז דאָרט אויך געלעגן אַ קישעלע. ר׳ משולם האָט אויסגעטאָן די שיך, דעם קאַפּטאַן, און זיך באַדעכטיק אָנגעשפּאַרט אויפן געלעגער. ער איז געוועזן מיד, נאָר ער האָט נישט געקאָנט איינדרימלען. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז אַלע זיינע רייד, אַלע באַפעלן און עצות, בלייבן הענגען אין דער לופט. עפּעס אַלץ איז אָן אַ האַפט. וואָס וויל ער, קאָפּל? ער איז לעצטנס געוואָרן שוויי־גענדיק און פאַרביסן. ער איז געוואָרן אויסגעמאָגערט און האַלט אין איין רוי־כערן. איי, ווען ער קאָן דערגיין דעם אמת: איז ער אַ גנב, אָדער אַן ערלעכער מאַן? מ׳זאָגט, אַז ר׳האָט געלקחנט אַ פאַרמעגן. זיבעציק טויזנט רובל! נאָר מאַלע וואָס מענטשן זאָגן! אָט האַלט מען אים, ר׳ משולמען, פאַר אַ רשע.

ר׳ משולם האָט גענומען שטיל שנאָרכן, נאָר ער איז פֿונדעסטוועגן געבליבן האַלב־וואָך און ווייטער געטראַכט זיינע אָפּגעריסענע מחשבות. ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק זיך צולייגן, האָט קאָפּל געטאָן אַ לעצטן צי פֿון פּאַפּיראָס, אויסגעשפּיגן און זיך אַ פֿאַרקרים געטאָן. עס איז געווען אַ פֿאַרקרימען זיך פֿון עמעצן, וואָס ס׳האָט אים מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט אַ בויערנדיקער ווייטאָג. ער האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט. נאָך אַ וואַקלעניש איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און מיטן שפּיץ־נאָגל אויפֿגעשריבן אויף דער פֿאַרהויכטער שויב: קאָפּל בערמאַן. אונטער דער לאַנגער „נון" האָט ער געמאַכט אַ דריידל. אַביסל נידעריקער האָט ער אָנגעצייכנט: לאה, און אונטערגעשטראָכן דריי מאָל. צום סוף האָט ער אַ הויך געטאָן אויף דעם געשריפֿטס און אַלץ אויסגעמעקט מיט דער האַנט־פּלאַך. דורך דער קלאָר־געוואָרענער שויב האָט ער דערזען אין הויף עטלעכע אינדיקעס, און עס איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין און באַשטעלן ביי דער סטרוזשקע אַן אינדיק אויף פּסח.

―◆―

## קאַפּיטל צען

### 1

יענעם טאָג ווען אַבראַם איז געקומען אַהיים פֿון אידאַ פּראַגער און חמא איז פֿון אים אַוועק, האָט אַבראַם געהאַלטן אין איין דרימלען. דער זייגער האָט אויסגעקלונגען שעהן און האַלבע. אין הויף האָבן שאַכערס אויסגערופֿן שמאַטעס, אַלטע שיך, אַלטע קאַפּעליושן, אַלט אייזן. קונצן־מאַכער האָבן געמאַכט קונצן. אַ בעטלער האָט געזונגען אַ ליד פֿון דער שיף „טיטאַניק". אַ מוזיקאַנט האָט געדרייט אַ קאַטערינקע. אַ פּאַפּוגיי האָט געקוויטשעט. נאָר אַבראַם האָט נישט געהערט און נישט געוואָלט הערן. ער איז געלעגן אין אָנצוג און אין די שטיוועלעטן. די גאָלדענע קייט אויף דער וועסט האָט זיך געהויבן צוזאַמען מיטן בויך. ער האָט געשנאָרכט, געקרעכצט, געמורמלט פֿון שלאָף, און פֿון מאָל אַן עפֿן געטאָן די גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ קוק געטאָן טרויעריק און וואַך, ווי ער וואָלט זיך בלויז געמאַכט שלאָפֿנדיק... ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון געלעגער, איז שוין געווען פֿינסטער. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אָנגעשפּיצט די אויערן. וואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. — אַ, חמא איז אַוועק! — האָט ער זיך דערמאָנט. — ביילע־איטע אויך. סטעפֿע איז אויך נישטאָ. כ׳בין געבליבן איינער אַליין. מיט די פֿיר ווענט!...

ער איז געווען הונגעריק און געוואָלט אַראָפּגיין אין אַ רעסטאָראַן, נאָר ער האָט נישט געהאַט ביי זיך גענוג געלט. ער איז מיט פֿאַרשלאָפֿענע פֿיס אַריין אין קאַבינעט און נישט אָנגעצונדן די עלעקטרע. דורך די גאַרדינען און פֿאַרהאַנגען האָבן זיך דורכגעריסן בלאַסע פּאַסן ליכט און אַ שאָטנדיק גע־

וועב, וואָס איז געהאַנגען אויף די טאָפּעטן אַקעגנאיבער. ס׳האָט שוין דאָ באַצייטנס געשמעקט מיט אויסגעוועפּטע ריחות פֿון אַ נישט־באַוואוינטער דירה.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג שרייב־טיש און גלאַט־אַזוי אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן. ווען די שיקסע אויף דער סטאַציע האָט זיך אָנגערופֿן, האָט ער געזאָגט אידאַס נומער. זאָשע איז געקומען צום טעלעפֿאָן.

— זאָשע סערצע, דאָס בין איך, אַבראַם. די פּאַני איז דאָ?

— ניין, נישׂטאָ.

— וואו איז זי?

— ווייסעך נישט.

— שוין לאַנג אַז זי איז אַוועק?

— היפּש לאַנג.

— וואָס מאַכסט דו אַליין, זאָשע טייערע?

— וואָס זאָל איך מאַכן? ס׳איז מיר אומעטיק. איכ׳ל באַלד שטאָרבן.

— משוגע ביסטו?

— כ׳האָב געזען אין חלום דריי קראָען. צוויי האָבן מיר געפּיקט די אויגן און איינע האָט געקראַקעט: זאָשאַ אומאַרלאַ, געשטאָרבן זאָשע, געשטאָרבן!...

— נאַרישקייטן! זאַבאַבאָנעס! דו ביסט אַ געזונטע שיינע מויד, אַן אייזערן שטיק. וועסט לעבן ניינציק יאָר.

— ניין, פּאַניע אַבראַם. יאַש רופֿט מיך.

— ביסט וואַנזיניק, אָדער וואָס?

— כ׳בין אינגאַנצן קלאָר. כ׳זע אַלץ פֿאָראויס. דער פּאַן האָט זיך מיר אויך געחלומט.

— איך? וואָס איז מיט מיר? וואָס ט׳זיין מיין סוף?

— דער פּאַן וויל וויסן, האַ? כ׳בין ניש׳ קאַ׳ ציגיינערין. צווייטנס, אַן אומאָנגענעמע זאַך איז געשען מיטן פּאַן.

— יאָ, ריכטיק.

— דער פּאַן זעט? כ׳ווייס אַלץ. די פּאַני אידאַ גייט, דוכט זיך, אין צירק צוזאַמען מיט פּעפּין און דעם פּאַן פּראַגער. נאָר זאָל דער פּאַן נישט זיין אייפֿערזיכטיק.

— וועמען אַרט עס? אויב זי וועט מיך פֿאַרלאָזן, וועל איך דיך נעמען.

— מיך? דער פּאַן לאַכט פֿון אַ יתומה.

— כ׳לאַך נישט, זאָשע.

— איך בין אַ פּראָסטע. כ׳ווייס גאָרנישט פֿון די גראָבע ביכער.

— זאָל דער טייוול נעמען אַלע ביכער!

— וואָס וואָלט איך געווען פֿאַרן פּאַן? אַ דינסט.

— ביסט אַ פֿרוי, נישט אַ דינסט.

זאָל דער פּאַן אַזוי ניש׳ רעדן. כ׳וואָלט קיין מאָל נישט פֿאַרראַטן די באַלעבאָסטע. זי איז צו מיר ווי אַ שוועסטער.

— מ׳נאַרט אַמאָל אָפּ אַ שוועסטער אויך.

— נישט זי. דער פֿאָן וויצלט זיך און מיר גייט־דורך אַ שוידער איבער די ריפּן.

— כ'שפּאַס נישט.

— זאָל דער פֿאָן אָפּטער קומען. מיר זיצן דאָ ביידע און בענקען. צוויי פֿרויען אַליין. אַז דער פֿאָן ווייזט זיך, איז יום־טוב.

— כ'בין הונגעריק ווי אַ וואָלף.

— איכ'ל דעם וואָלף אָנזעטיקן.

— איכ'ל קומען, זאָשע, מעגלעך נאָך היינט ביינאַכט. קאָנסט מיר אפֿשר באָרגן אַ פּאָר רובל? ביז איבער־אַכט־טאָג.

— וויפֿל דאַרף דער פֿאָן?

— צען רובל.

— דער פֿאָן קאָן קריגן פֿופֿציק אויך.

— אַזאַ סומע וואָלט איך מיר אַליין נישט געטרויט. נאָר ס'איז גוט צו הערן סיי־ווי־סיי. דערצייל נישט דער פֿאַני.

— דער פֿאָן מעג זיין זיכער. כ'קאָן האַלטן די צונג צי'שן די ציין!...

אַבראַם האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אָפּגעסאָפּעט. אַזוי איז די מעשה: זי גייט גאָר מיטן מאַן אין צירק! ס'הויבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן. כ'פֿאַרליר אַלץ און אַלעמען!

ער האָט ווידער אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל, נאָר אַז דאָס טעלעפֿאָן־מיידל האָט געפֿרעגט דעם נומער, האָט ער עס צוריק אַוועקגעלייגט. אַ לאַנגע ווייל איז ער געזעסן אויפֿן שרייב־טיש און געקוקט אין דער פֿינסטער. קייקעלעך ליכט האָבן זיך געשאַרט איבער די ווענט, זיך אָנגעהאַנגען אין שנירלעך, נעלם געוואָרן אין די ווינקלען. דאָס טרוקענע מעבל האָט געשאַרכט. אויפֿן אויבערשטן שטאָק איז עמעץ אַרומגעגאַנגען, געקלאַפּט מיט די קנאַפּלען. פֿון אַן אונטערשטן שטאָק האָט זיך דורכגעריסן אַ צוגעדושעט פּויקן אויף אַ פּיאַנאָ. אַבראַם האָט זיך אומגעקערט אין שלאָפֿצימער, געביטן דאָס העמד, אָנגעטאָן דאָס פֿוטער און די פּאַפּאַכע. ער האָט געזעסן אין דער נאַכט, ווי אַ חיה. ער איז געוואוינט געווען זיך אָנצוטאָן און אויסצוטאָן אין חשכות. באַלד איז ער אַרויס פֿון שטוב און פֿאַרמאַכט די טיר אויפֿן קלאַפּשלאָס. איי, אַבראַם, — האָט ער אַ מורמל־געטאָן — ליגסט ניין איילן אין דר'ערד!...

אין טויער האָט אַבראַם דערזען אַקעגן דעם גאַז־לאַמטער קאַפּלען. ער איז געשטאַנען אין זיין קורצן מאַנטל מיטן סאַמעטענעם קעלנערל, דאָס קעסעלע־קאַפּעליושל פֿאַררוקט צום נאַקן, דאָס דינע שטעקעלע אָנגעהאַנגען אויפֿן אָרעם, און ער האָט געשמועסט מיטן סטרוזש. אַבראַם איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן. קאַפּל האָט ביז איצט נישט אַריינגעשמעקט אין זיין הויף. קאַפּל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך אָפּגערוקט אויף הינטערוויילעכץ. דער גוי האָט געמאַכט אַ מינע ווי אַראָפּצונעמען דאָס היטל.

— וואָס וויל ער, יאָן? — האָט אַבראַם געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול.

— אָט איז דער פֿאַן — האָט דער סטרוזש זיך געווענדט צו קאַפּלען.

— וואָס ווילסטו פֿון סטרוזש האָבן? — האָט אַבראַם אַ געשריי געטאָן. — יאָן קאָן גיין — האָט ער באַפֿוילן אויף פּויליש.

דער גוי איז אַוועק.

— כ'בין געקומען אין נאָמען פֿון באַלעבאָס — האָט קאַפּל גערזאָגט נאָך אַ קווענקלעניש.

— דו קומסט אַלעמאָל אין עמעצנס נאָמען. וואָס ווילסטו?

— ס'איז נישט מיין שולד, נאָר דער באַלעבאָס האָט געהייסן איבערנעמען די הייזער.

— ווער זאָל איבערנעמען? דו?

— איר זענט אויס זשאַנדצע. איר'ט אַזוי גוט זיין איבערגעבן די ביכער.

— און אַז ניש', וואָס וועסטו מיר טאָן? שיטן זאַלץ אויפֿן ווידל?

— איך וועל גאָרנישט טאָן.

— טאָ גיי צו אַלדי רוחות!

— איכ'ל גיין. ס'איז נישט מיין געשעפֿט. כ'וויל אייך בלויז דערמאָנען, אַז די וועקסלען זיינען ביי אונדז.

— וואָסערע וועקסלען? וואָס האָקסטו אַ טשייניק?

— מיר האָבן די וועקסלען געצאָלט, אָבער נישט צעריסן.

— רעדסט טערקיש! גיי, ווייל כ'הויב אויף דעם שטעקן און פּלעט דיר דעם קאָפּ!

— מ'פּלעט היינט ניש' קאָ' קעפּ. די אונטערשריפֿט איז אַ געפֿעלשטע...

— מאַרש! — האָט אַבראַם געטאָן אַ געשריי נישט מיט זיין קול. — פּאַשאָל וואָן!...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן, גרייט צו דערלאַנגען. קאַפּל איז אָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צום טויער.

— מירן נאָך שמועסן! — האָט ער אַרויסגעזייט צווישן די ציין. — אַ גוטע נאַכט!...

אַבראַם איז געבליבן שטיין און אָפּגעוואַרט. דאָס האַרץ אין דער לינקער זייט האָט געקלאַפּט גיך און עפּעס ווי לויז, אַ שטייגער עס וואָלט אינעווייניק געהאָנגען אויף אַ האָר. אַ ווייטאָג איז דורכגעלאָפֿן איבערן שטערן. ער איז אַרויס מיט וואַקלדיקע טריט און זיך געלאָזט שפּאַנען לענגאויס דער זלאָטע, אויפֿן וועג צו דער מאַרשאַלקאָווסקע. ער האָט טיף איינגעאָטעמט די נאַכטיש־קאַלטע לופֿט און אויסגעאָטעמט מיט אַ זיפֿץ. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ היימיש קול. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אויפֿן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר סטעפֿען. זי איז געגאַנגען נישט אַליין, נאָר מיט אַ סטודענט. זי האָט אים, דעם פֿאָטער, אָפּנים נישט געזען. זי האָט געטראָגן אַ גרינעם זשאַקעט אַרומגעזוימט מיט קאַראַקול און אַ פֿילצענעם הוט מיט אַ ברייטן ראַנד. אויף די אַקסלען איז געהאָנגען אַ פֿוטערנער קאָלנער. אויבן האָט אַפּערגעקוקט אַ חיהלע מיט גלעזערנע אויגן. אונטן האָט זיך געבאָמבלט אַ ווידל. די הענט האָט זי געהאַלטן אין אַ מופֿע. די פֿיס האָבן געשטעקט אין גלאַנציקע שטיוועלעך, אויפֿן רוסישן שטייגער. איר רונד פּנים איז געווען אָנגערויטלט פֿון פֿראָסט. די שוואַרצע אויגן האָבן

געלאַכט צווישן די שאָטנס. זי איז נאָך קיינמאָל אַבראַמען נישט פֿאָרגעקומען אַזוי ווייבעריש־פֿרעמד. דער סטודענט איז געווען נישט העכער פֿון איר, אין אַ צו־לאַנגן מונדיר און אין אַ צעקנייטשט היטל. אַבראַם האָט דערזען קעגן דער מטושטשדיקער שיין, אַז ער האָט וואָנסעלעך. איז דאָס מעגלעך, אַז זי פֿירט אים אַהיים? — האָט אַבראַם אַ טראַכט געטאָן. — ווער איז דאָס פֿאַר איינער? זי האָט שוין אַ נייעם?...

אַבראַם האָט געוואָלט אַ רוף טאָן די טאָכטער ביים נאָמען, נאָר עפּעס איז אים דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין קעל. ער האָט זיך אומגעקערט אין געני־מען זיי נאָכגיין. סטעפֿע האָט גערעדט הויך. ער האָט געהערט ווי זי זאָגט:

— וואַריאַט, שאַלאָני (משוגע, מטורף!)...

ביים טויער איז דער סטודענט געבליבן שטיין און סטעפֿע איז אַליין אַרויף. אַבראַם איז געשטאַנען אונטער אַ גאַניק און זיך צוגעקוקט. דער סטודענט האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק, די הענט הינטער זיך, מיט די געמאָסטענע טריט פֿון איינעם, וואָס וואַרט געדולדיק אויף אַ נקבה, וואָס וועט זיך פֿון אים נישט אַרויסדרייען. אַבראַם האָט אים איצט געזען ווי בייטאָג: ער האָט געהאַט אַ שמאָל פּנים, אַ דינע נאָז, אַ לענגלעכן קין. זעט אויס, אַ כיטרער פֿוקס — האָט אַבראַם געטראַכט. — אַזאַ דראַב אַז ער נעמט זיך צו אַ מיידל, מאַכט ער זי צורעכט... מיט אַמאָל איז אַבראַם אַריבער דעם ברוק און זיך געלאָזט אַריינ־גיין אין טויער. דער סטודענט האָט זיך געהאַט אַוועקגעשטעלט אַריינקוקן אין שוי־פֿענסטער פֿון אַ שענק. אַבראַם איז פֿונסניי אַרויף מיט די שטיגן. צו וואָס טו איך דאָס אַלץ? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. — כ׳בין שוין אינגאַנצן פֿון זינען אַראָפּ!...

ער האָט אַרויסגענומען פֿון הויזן־קעשענע דעם שליסל און געפּרוּווט אַריינ־שטעקן אין שליסל־לאָך, נאָר אין דער רגע האָט די טיר זיך אויפֿגעפּראַלט און סטעפֿע איז אַרויסגעקומען. זי האָט זיך אין אים אָנגעשטויסן. דאָס שפּיזל פֿון איר הוט האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין אויער. עס האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן אַ גערוך פֿון פּאָמאַדע און נעלקען־פּערפֿום.

— פּאַפּאַ, דאָס ביסט דו? — האָט סטעפֿע געטאָן אַ געשריי.

— יאָ, איך. וואו לויפֿסטו? כ׳האָב דיך שוין ניש׳ געזען אַ יאָר!

— פּאַפּאַ, כ׳אייל מיך. כ׳גיי אין טעאַטער.

— מיט וועמען גייסטו?

— וואָס איז דער אונטערשיד? מיט אַ קאַוואַליער.

— ווען וועסטו זיין אין דער היים?

— צוועלף, איינס, כ׳ווייס אַליין נישט.

— וואַרט אַ מינוט. דיין מאַמע האָט מיך איבערגעלאָזט און איז אַוועק צום זיידן.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס. אַך, פּאַפּאַ, ביסט אַזאַ אַוואַנטוריסט. כ׳מוז דיר טאָן אַ קוש!

און זי האָט אים אַרומגענומען און דערלאַנגט צוויי קוש, איינעם אין דער באַק און דעם אַנדערן אין דער נאָז.

— אין וואָס פֿאַר אַ טעאַטער קריכסטו? ווער איז דער יונגערמאַן?

— אין לעטני. וואָס ביסטו אַזוי נייגעריק? דיין טאָכטער וועט זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן.

— כ'בין ווייט נישט אַזוי זיכער.

— דו הער אויף צו פּריידיקן מאָראַל. ס'פּאַסט דיר נישט, דו אַלטער לאַוועלאַס!...

— האָסט אפֿשר עפּעס געלט? כ'האָב ניש' קאַ' גראָשן.

— מיין גאַנץ פֿאַרמעגן איז צוואַנציק קאָפּיקעס...

זי איז אַראָפּ פֿון די טרעפּ שנעל און מיט גבורה. דאָס געלענדער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. אַבראַם איז געבליבן שטיין פֿאַר דער שוועל. ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן הינטער דער פּאַפּאַכע. ער האָט אַליין נישט געוואוסט: זאָל ער זיך אומקערן אין שטוב, אָדער צוריק אַראָפּגיין. אַזוי גאָר, קאָפּל האָט די וועקסלען? — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. — און איך, אידיאָט, האָבן געמיינט, כ'נאַר זיי אָפּ. ער קען מיך גאַנץ שיין איינזעצן, אַפֿילו נאָך היינט ביינאַכט...

ער האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר און פֿאַררויכערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם מעשענעם בלעכל, וואו ס'איז געווען אויסגראַווירט זיין נאָמען, אַבראַם שאַפּיראָ, און געטאָן אַ שנעל מיט אַ פֿינגער. איכ'ל גאָר מאַכן אַ שנאַפּס — האָט ער געקלערט. — כ'בין אַ פֿאַרלוירענער מענטש סיי־ווי־סיי!...

ער האָט געעפֿנט די טיר. ער האָט געהאַט שטיין אין אַ שויבן־שענקל בראַנפֿן, קאָניאַק, ווישניק. ער איז אַריין אין קיך, אויפֿגעמאַכט אין דער פֿינסטער די קרעדענס, אָנגעטאַפּט ברויט, זעמל, אַ שטיקל קעז, אַ האַלבן הערינג. כ'האָב אין ד'רערד מינצן מיט אַלע דאָקטוירים! דוכט זיך, דער הערינג האָט אַ מילך. אַ רוח אין זייערע טריפֿהנע פּופּקעס מיט זייערע דיעטעס און רעצעפּטן! אַ פֿייער זאָל נעמען אַלע משרתים, וויבער, טעכטער, הורן!...

ער האָט אַ קוק געטאָן צום פֿענסטער, דערזען דורכן אויבערלופֿט אַ פֿולע לבנה און אַ געשריי געטאָן:

— כ'וויל דיך ניש' מחדש זיין!... קאָנסט מיר קושן דאָ־אָ!...

## 2

נאָך אַ האַלבער שעה איז אַבראַם ווידער אַראָפּ אין גאַס. דאָסמאָל האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף דער גנאַינע, צו הערץ יאַנאָווער. ער איז פֿאַרביי די וויעלקע, די באַגנע און אַרויס אויפֿן גזשיבאָוו. אויף דער באַגנע זיינען נאָך דאָ און דאָרט געווען אָפֿן די געוועלבער פֿון אַלט מעבל, וואַליזעס, בייטשן. טרעגערס האָבן אויפֿגעלאָדן אויף פּלאַטפֿאָרמעס שענק, מאַטראַצן, שרייב־טישן, פֿאַטעלן. די לאַסט־פֿערד מיט די דיקע העלדזער און קורצע פֿיס האָבן געגעסן האָבער און פֿאַרשאָטן די קערנדלעך אין שניי. ס'האָט דאָ געשמעקט מיט האָלץ, לאָהם און קלייסטער. אויפֿן גזשיבאָוו איז אַבראַם פֿאַרביי ר' משולם מושקאַטס הויז. ער האָט געטאָן אַן איינציקן קוק אַרויף צו די העל־באַלויכטענע פֿענסטער

און איז גיך פֿאַרביי. ס'איז געווען אויסטערליש צו טראַכטן, אַז חמא, די מאַמע פֿון זיינע טעכטער, געפֿינט זיך אויבן און אַז ער, אַבראַם, האָט צו איר מער נישט קיין צוטריט. ער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען.

— נאַדיר אַזאַ שלים־מזל — האָט ער געטראַכט. — זיך צעבונטעוועט אויף די אַלטע יאָרן!...

ביי הערץ יאַנאָווער האָט אַבראַם דאָס מאָל געטראָפֿן בלויז אייגענע מענטשן: הילדע קאַלישער, דעמביצער און פֿינלענדער. ד"ר מעסינגער איז געהאַט געווען, נאָר ער איז אַוועקגעגאַנגען. מ'האָט, אַפּנים, קיין סעאַנס היינט נישט געמאַכט, ווייל דאָס טישל איז געשטאַנען פֿאַררוקט אָן אַ זייט און ס'איז דערויף געלעגן דעמביצערס מאַנטל. הערץ יאַנאָווער — אין שלאָפֿראָק און אין די שטעק־שיך — איז אַקעגנגעלאָפֿן אַבראַמען און אים אויסגעשטרעקטביידע הענט.

— ברוך־הבא, אַבראַם! האָסט גוט געטאָן וואָס ביסט געקומען. כ'האָב דיר געוואָלט אָנקלי..גען.

— פֿאַרוואָ... ביסטו געבליבן ביים ווען? איך, ברודער, בין אויף געהאַקטע צרות!

— וואָס איז געשען?

— אַלץ מיטאַנאַנדער. די גאַנצע וועלט האָט זיך פֿאַרלייגט אויף מיר: ס'וויב, דער שווער, קאָפּל, דאַכע. מ'גייט מיך צעררייסן אויף שטיקער. נאָר כ'פֿייף דערויף! כ'שפּיי דערויף! וואָס זיצט איר אַלע ווי אָפּגעצוואָגענע הינער? וואָס מאַכן די גייסטער?

— ער הויבט שוין אָן מיט חוזק!

— קיין שום חוזק. כ'בין אַ בעלן צו פֿרעגן דעם טישל: וואָס ט'זיין מיין תּכלית?

— קומט מאָרגן, וועלן מיר פֿרעגן — האָט געענטפֿערט הילדע, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל סאָפֿע, אין איר שוואַרצער סאַטינענער בלוזע מיטן הויכן קעלנערל און מיט דעם זיידענעם שאַלעכל אויף די אַקסלען. זי האָט אויסגעזען בלייך און בייזלעך. אין ווינקל מויל האָט געשטעקט אַ דין פּאַפּיראָסל.

— דו, יאַק דו, נאָר וואָס ט'זיין מיטן זשורנאַל? — האָט דעמביצער געפֿרעגט און פֿאַררוקט דעם ברייטן קאַפּעלאַטש איבערן שטערן. — אַזאַ ענין דאַרף מען ניש' אָפּשלעפּן. אַהין אָדער אַהער!

— מ'עט נישט אָפּשלעפּן. כ'האָב שוין גערעדט מיט אַ דרוקער. די הויפּט־פֿראַגע זיינען די מיטאַרבייטער.

— מ'דאַרף אָנהויבן קליין — האָט הערץ יאַנאָווער געזאָגט נאָך אַ קווענקלעניש. — לאָמיר אַרויסגעבן אַ פּרובע־העפֿט פֿון צוויי און דרייסיק זייטלעך. מ'עט זען ווי די פּראָווינץ וועט זיך אָפּרופֿן. ווי מיינסטו, פֿינלענדער?

פֿינלענדער, דער הויקער, וואָס איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער עטאַזשערקע און געבלעטערט אַ בוך, האָט זיך אומגעקערט. די לאַנגע האָר זיינען געווען פֿאַרקעמט אין אַ שרונט. ער האָט געהאַט אַ שמאָל בלאַס פּנים און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ סאַמעטן רעקל, געקראַטעטע הויזן און שיך מיט געטרעס.

— דו ווייסט מיין מיינונג — האָט ער אַ זאָג געטאָן שאַרף און באַטאָנט יעדעס וואָרט. — מ׳דאַרף צוגיין צו דער אונטערנעמונג מיט אַ סיסטעם. ס׳איז נויטיק אַ פּעסטער פּראָגראַם. מ׳מוז פֿאַר אַלעמען שאַפֿן אַ גרונט־קאַפּיטאַל פֿון דרייסיק טויזנט רובל.

— דרייסיק טויזנט רובל איז אַ היפּשע אַפּותיקי — האָט אַבראַם זיך אָנ־גערופֿן און אַ בלינצל געטאָן צו דעמביצערן. פֿינלענדער, אַן אַלטער בחור, אַ בוכהאַלטער אין אַ טיי־געשעפֿט און אַ פּאַרפֿאַסער פֿון אַ פֿרעמד־ווערטער־בוך, האָט געהאַט אַ שם מיט זיינע קרומע פּלענער. מ׳האָט שטילערהייט אָפּגעלאַכט פֿון זיינע פּראָיעקטן און זיין לשון.

— וויניקער וועל איך מיך נישט צורירן!

— שטותים. מ׳דאַרף ניש׳ קאַ׳ דרייסיק טויזנט. נאָר דריי הונדערט — האָט הערץ יאַנאָווער אים איבערגעשפּאַרט. — מיר׳ן קריגן קרעדיט. כ׳האָב אַ ייד, וואָס ט׳באַרגן פּאַפּיר.

— די קשיא איז: וואו נעמט מען די דריי הונדערט?

— דריי הונדערט רובל קאָן איך אַליין צושטעלן, ווי גרויס קבצן כ׳בין!

— האָט אַבראַם אַ רוף געטאָן.

— אויב אַזוי, דאַרף מען נישט אָפּלייגן — האָט דעמביצער געפּסקנט.

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן? — האָט הילדע קאַלישער אַ פֿרעג געטאָן האַלב־ערנסט, האַלב־איראָניש. די רייד וועגן דעם זשורנאַל זיינען איר, אַפּנים, געווען דערווידער. זי האָט זיך אומגעדולדיק געפּאַרעט מיט אַ לויז־געוואָרענער האָרנאַדל אין גרעק.

— איר, הילדע, וועט זיין די אַדמיניסטראַטאָרין. איר׳ט וויסן מיט אייער אינטואיציע וועמען צו געטרויען און וועמען נישט...

— קיביצט וויפֿל איר ווילט, נאָר כ׳האַלט נישט פֿון דעם גאַנצן פּלאַן. פּראָפֿעסאָר יאַנאָווער דאַרף זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזוינע קליינקייטן. ספּעציעל, אַז — —

— הילדעשי, פֿאַרשפּרייטן בילדונג איז אַ גרויסע זאַך! — האָט הערץ יאַנאָווער איר איבערגעריסן. — אונדזערע בחורים אין די שטעטלעך לעכצן נאָך וויסן. כ׳האָב אַמאָל געזאָגט אויף אַ פֿאַרלעזונג, אַז יעדער ייד איז אַן אויטאָ־דידאַקט.

— נו, איז וואָס? ס׳איז נישט פֿאַר איך. איר דאַרפֿט זיצן רואיק און שרייבן אייער ווערק.

— הילדע, איר הויבט שוין אָן מיט אייער קידער־ווידער? — האָט אַבראַם זי געוואָרנט. — די גרעסטע געלערנטע האָבן געבילדעט ס׳פֿאָלק. נעמט אַ שטייגער —

— ס׳עט דערפֿון גאָרנישט זיין. דער זשורנאַל וועט באַלד אונטערגיין!...

— בייסט אייך אָפּ די צונג! ער׳ט גיין אין די הונדערטער טויזנטער. מיר׳ן אַלע רייך ווערן!

— כ׳מיין באמת, הילדעשי, כ׳פֿאַרשטיי ניש׳ פֿאַרוואָס ביסט געגן. ס׳וואָקסט אויס אַ פֿאַרגרעבט דור. ס׳אַלטע האָט אונדזער יוגנט אָוועקגעוואָרפֿן און ס׳נייע

קאָן מען ניש׳ דערגרייכן. נעם, צום ביישפּיל, דעם בחור, וואָס וואוינט ביי גינען. ער מוז ערשט איצט אָנהויבן, בעת אַנדערע ענדיקן שוין — —

— גאָלדענע ווערטער! — האָט אַבראַם אונטערגעכאַפּט. — ער האָט אין מינדסטן נאָגל מער ווי אַלע סטודענטן און ער מוז זיך פּאַטשקען אין קינדער־ביכלעך. איידער וואָס־ווען וועט זיך אונטעררוקן דער פּריזיוו און ער׳ט מוזן אַנטלויפֿן, אָדער דינען פּאַניען. ס׳ווערט אַ תל פֿון אַלע אונדזערע בחורים!

— ס׳עסן שטייט אויפֿן טיש! — האָט דאָבע די דינסט צו וויסן געטאָן דורך דער אָפֿענער טיר.

— אַזוי גאָר, עצ׳ט נאָך נישט געגעסן? — האָט אַבראַם גערעדט צו אַלע און צו קיינעם נישט. ער איז געוואָרן רויט פֿון דער באָרד ביז צום קרומען העפּט אין שטערן.

— קום, מאַך ניש׳ קאַ׳ שטיק! — האָט דעמביצער אים אונטערגעטריבן.

אַלע זיינען אַוועק אין עס־שטוב. אויפֿן טיש, וואָס איז איבערגעדעקט געווען מיט אַ פֿאַרפֿלעקט טישטוך, זיינען געשטאַנען טעלערס מיט באָרשט. די לעפֿל זיינען געווען בלעכענע. די געסט האָבן זיך אַוועקגעזעצט נישט אויף שטולן, נאָר אויף בענק. ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט שטויב, אויסגעוועפּט ביר און חסידים־שטיבל. אַבראַם האָט זיך אָנגעגאָסן פֿון אַ קאַראַפֿינקע אַ קעלישקל בראָנפֿן. די גרויסע האָריקע האַנט האָט אים געציטערט. דעמביצער האָט איינגעטונקט אַ זעמל אין אַ האַלב גלעזל ווייַן.

— לחיים פֿאַרן נייעם זשורנאַל!

— לחיים טובים ולשלום. ער זאָל זיין דער אָנהויב פֿון אַ יידישן אוניווער־סיטעט. דער פֿריילין הילדע צו להכעיס!...

— מיינסטאַלבן. איך פֿאָר סיי־ווי אַוועק קאַ׳ן אויסלאַנד.

ביי הערץ יאַנאָווער, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן עסן אַ שטיקל ברויט מיט סאַרדין, איז דער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— ווען? וואו? וואָס רעדסטו? — האָט ער געפֿרעגט אַ פֿאַרווירטער.

— מ׳שלאָגט מיר פֿאָר צו קומען קאַ׳ לאָנדאָן. מ׳גאַראַנטירט מיר אַלע קאָסטן. כ׳האָב איך ניש׳ געוואָלט דערציילן, ווייל — — נאָר אויב איר ווערט אַלע דרוקערס אָדער רעדאַקטאָרן, האָב איך דאָך סיי־ווי — —

— כ׳פֿאַרשטיי גאָרנישט. ווער גאַראַנטירט? וואָס וועסטו טאָן אין לאָנדאָן?

— כ׳וועל אייך ווייזן דעם בריוו. לאָמיר וועגן דעם איצט נישט רעדן!

און הילדע האָט אָנגענומען אַ לעפֿל באָרשט און אים צוריק אריינגעגאָסן אין טעלער.

— כ׳האָב אַ פּלאַן! — האָט אַבראַם געטאָן אַ געשריי. ער האָט געגעבן אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש. די קאַראַפֿינקע האָט זיך געטאָן אַ וואַקל. די טעלערס האָבן געטאָן אַ טענצל. הילדע האָט אויפֿגעציטערט און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברייט, ווי אויף ניין.

— וואָס איז געשען?

— איך פֿאָר אויך קאַ'ן אויסלאַנד. איצט איז מיר אַלץ קלאָר. פֿינלענדער, ביסט גערעכט! מ'דאַרף אָנהויבן גרויס! דרייסיק טויזנט איז ווייניק. איכ'ל שאַפֿן פֿופֿציק טויזנט רובל. איז מיין נאָמען נישט אַבראַם! און אפֿשר גאַנצע הונדערט טויזנט!

— זע, מיט אַמאָל!

— כ'האָב, דאַנקן גאָט, ביז איצט נישט געשנאָרעט. סיידן אין אַ בלימל־טאָג. אָבער כ'בין זיכער, אַז איך וואָלט געקאָנט קריגן געלט אין אויסלאַנד. איכ'ל אַרויספֿאָרן קאַ' דייטשלאַנד, קאַ' פֿראַנקרייך, אין דער שווייץ, קאַ'ן ענגלאַנד. די יאַהודים מעגן זיין אַסימילאַטאָרן, שונאי־ציון, וואָס־אין־דער־קאָרט, נאָר פֿון בילדונג האַלטן זיי. איין יעקב שיף קאָן געבן פֿופֿציק טויזנט רובל.

— יעקב שיף איז דערווייל אין אַמעריקע.

— כ'שרעק זיך נישט פֿאַר אַמעריקע אויך! מיר'ן אַרויסגעבן אַ גרויסן זשורנאַל. מיר'ן אָנשטעלן די בעסטע פּעדאַגאָגן. מיר'ן אַרויסשיקן אינסטרוקטאָרן צו לערנען מלאָכות. מיר'ן שאַפֿן אַ פֿאָנד פֿאַר פֿעאיקע בחורים אַרויסצופֿאָרן אין אויסלענדישע אוניווערסיטעטן!

— באמת, ס'איז גאָרנישט אַזוי קרום — האָט הערץ יאַנאָווער האַלב־געזאָגט האַלב־געפֿרעגט. — ווי מיינסטו, הילדעשי?

— דאָס איז שוין עפּעס גיכער...

— ס'איז אַלץ קלאָר! כ'פֿאָר גלייך! מ'טאָר נישט אָפּלייגן קאַ' מינוט! — האָט אַבראַם געדונערט. — אַזוי ווי זי האָט אַ זאָג־געטאָן לאַנדאָן, האָט מיר געטאָן אַ זעץ אין קאָפּ. כ'על אייך דערציילן אַ סוד: מיין חמא איז אַוועק פֿון מיר. אַלץ איבערגעלאָזט און אַנטלאָפֿן צום טאַטן. כ'בין אַ שטרויענער אַלמן. די טעכטער זיינען, ברוך־השם, דערוואַקסענע מיידלעך. דער אַלטער וועט זיי שוין ווי ס'איז פֿאַרזאָרגן. כ'וויל עפּעס טאָן אַ גרויסע זאַך, נישט פֿאַר מיר, נאָר פֿאַרן פֿאָלק! אַזוי ווי איר הערט! געטראַכט האָב איך צו פֿאָרן קאַ'ן ארץ־ישראל און גרינדן אַ קאָלאָניע, נחלת אַברהם, נאָר דער קלימאַט איז נישט פֿאַר מיר. אַמווייניקסטן — נישט איצט. ס'האַרץ איז מיר אַביסל אָנגעשטרענגט. איז אויב נישט ארץ־ישראל, לאָמיך עפּעס טאָן אין גלות. מיר האָבן אין אונדזערע שטעטלעך צענדליקע טויזנטער גאונים, עילוים. יעדער צווייטער בית־מדרש־בחור איז אַ קאָפּ־מענטש, אַ שאגת־אריה, אַ ר' עקיבא אייגער, אַ ווייסעך־וואָס! גיט אָט־די בחורים בילדונג און זיי וועלן די וועלט פֿאַרפֿלייצן. טויזנטער אַזוינע דיקשטיינס, קרויסהאַרס, אַשכּנזיס וואַלגערן זיך אין אונדזער פּראָווינץ. מיר'ן זיי העלפֿן מאַכן די ערשטע טריט. פֿאַר קיין זאַך האָבן די אַנטיסעמיטן נישט אַזוי מורא ווי פֿאַר אונדזער וויסן! דערפֿאַר טרייבט מען אונדז פֿון די אוניווערסיטעטן!...

— כ'לעבן, דרשנען קאָן ער! — האָט דעמביצער אַ לאַך געטאָן.

— ער'ט מאַכן געלט אויך — האָט פֿינלענדער געזאָגט. — ער זאָל זיך נאָר ניש' אָפּקילן!...

# קאַפּיטל עלף

## 1

אַרום צען אַזייגער ביינאַכט האָט געטאָן אַ שאַרפֿער קלונג דאָס גלעקל אין גינעס טיר. גינע האָט איבערגעלאָזט די געסט אין סאַלע און איז געגאַנגען עפֿענען. אין האַלב־פֿינסטערן איינגאַנג, אָפּגערוקט פֿון דער שוועל, איז געשטאַנען אַ קליין יידל, אַן איינגעבויגענער, אין אַ לאַנגער זשופּיצע און אין אַ ברייט היטל. גינע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַן אָרעמאַן, אַ פֿאַרשפּעטיקטער הייזער־גייער, און זי האָט זיך געלאָזט גיין אויף צוריק, אַרויסצוברענגען אַ גראָשן, אָדער אַ שטיקל צוקער. מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. עס איז געווען עקיבא, איר מאַן, דעם סענצימינערס רבינס זון. ער איז געשטאָרבן — איז איר איינגעפֿאַלן — און איז מיך געקומען ווערגן... באַלד איז זי אַרויס צו אים און אָנגעלענט די טיר, מ׳זאָל אים נישט דערזען פֿון אינעווייניק. אַ שוידער איז איר אַריבער דורכן לייב. זי האָט פֿאַרבראָכן די פֿינגער און אַ זאָג געטאָן:

— עקיבא, דאָס ביסט דו?

— יאָ, איך.

— וויי איז מיר! וואָס טוסטו דאָ? ווען ביסטו געקומען? ווינד און וויי צו מיינע יאָרן!...

— כ׳באַשטיי שוין אויף אַ גט — האָט ער געמורמלט.

— איצט? אין מיטן דער נאַכט? ביסט, חלילה, חסר־דעה?

— זאָל זיין מאָרגן.

— וואו שטייסטו איין? פֿאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן קאַ׳ קאַרטל?

עקיבא האָט נישט געענטפערט. גינע האָט פון הינטערווייליעכץ אַ שטופּ געטאָן די טיר, געזען אַז קיינער איז נישטאָ אין קאָרידאָר און אַ זאָג געטאָן:

— נו, קום אַריין. צו מיינע שונאימס קעפּ!...

עקיבא איז אַריין מיט טשאַפּנדיקע טריט און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גערוך פון מקוה, חלב און נאָך עפּעס שווייסיק־דומפּיקס, וואָס גינע האָט שוין געהאַט פאַרגעסן. זי האָט אין דער גיך געעפֿנט די טיר אין עוזר־העשלס שטיבל און אים אַריינגעשטופּט. זי האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און ערשט איצט דערזען זיין הילוך. ער איז געוואָרן איינגעשרומפּן, אַלט, אָפּגעלאָזן, ווי אַ מדינה־ייד. דאָס שטרויענע בערדל איז געווען צעפּלאָנטערט, פול מיט ווייסע פעדים. די פאות זיינען נאָכגעהאָנגען צעקאָדלטע. דאָס היטל איז געווען פאַרפּעדערט, פון טוזליק האָט אַרויסגעקוקט די זאַק־לייוונט, דער האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייבערישער פאַטשיילע. ער איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענער, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַן אויסגעשטאָפּ־טער. ער האָט געפּינטלט מיט די קליינע הינערשע אויגן הינטער די צעוואַק־סענע ברעמען. גינע האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט, חלילה, קראַנק, אָדער וואָס?

— כ׳וויל מאַכן אַ סוף — האָט עקיבא געברומט. — אַהין אָדער אַהער!
— דער רבי, זאָל לעבן, ווייסט, אַז ביסט דאָ?
— כ׳בין געקומען אַליין.
— מיט דער באַן?
— מיט אַ געלעגנהייט.
— נו, זעץ דיך. וואו שטייסטו איין? ס׳עט זיך טאָן חושך!
— די באָבע, זאָל לעבן, לאָזט ניש׳... ס׳איז נישט מיין שולד. כ׳וויל נישט נעמען אויף מיר די עבירה. ס׳איז סקילה!
— נו, זעץ דיך. איכ׳ל ברענגען אַ גלאָז טיי.
— ניין, ניין.
— טיי איז ניש׳ טריף!
— עט...
— מ׳שרייבט אַ בריוול, מ׳טוט צו וויסן. האָב־נישט־פּאַראיבל: ביסט געבליבן אַ פּרא־אדם!
— נו, מא.

גינע איז אַרויס און פאַרמאַכט די טיר. רויטע פלעקן זיינען איר אַרויסגעטראָטן אויף די באַקן. אין די אויגן־ווינקלען האָבן זיך איר געשטעלט טרערן. זי האָט געוואָלט אַנקלינגען הערצן, נאָר זי האָט מורא געהאַט, אַז עמעץ קאָן אַרויסקומען פון דער סאַלע און דערהערן. נאָך אַ קווענקלעניש איז זי אַריין אין קיך און זיך אומגעקערט מיט אַ שיסל און אַ שעפ וואַסער. עקיבא האָט געהאַט אַראָפּגענומען דאָס היטל און איז געזעסן אין דער יאַרמולקע. צווישן די צעקנעפלטע פאָלעס, איבער די פאַרדאַרטע שיך, האָט אַפּערגעקוקט אַ ברייטער לאַנג־נישט־געוואַשענער טלית־קטן מיט גראָבע ציצית.
— דאָס איז פאַר דיר. צו וואַשן די הענט.
— נו, נו.
— אפשר זאָל איך דיר עפּעס אַרויפברענגען? ס׳איז דאָ אונטן אַ וואורשטןהאַנדל. כשר למהדרין מן המהדרין.
— חס ושלום.
— מעגסט דאָך לכל הפחות עסן אַ שטיקל ברויט, אָדער אַן עפּעלע!
—כ׳האָב ניש׳ קאַ׳ חולשת־הלב. וואָס וויל איך דאָ זאָגן? זעץ דיך. כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן.
— נו, פרעג.
— זאָג מיר דעם אמת: האָסט מיט אים, דעם הערצן, חלילה מזנה געווען?
גינען איז געוואָרן הייס. זי האָט זיך גענומען אָפּרוקן אויף צוריק.
— הויבסט שוין אָן? זיי מיר מוחל, עקיבא: רעדסט ווי אַ בהמה!
— כ׳מיין נישט דאָס. ונטמאה, זאָגט די גמרא: מלמד שאסורה לבעל ואסורה לבועל. דאָס הייסט — —
— טייטש מיר ניש׳ אויס! כ׳וויל ניש׳ וויסן! אויב ווילסט מיך גטן, איז אַדרבא. קיין מוסר וויל איך נישט הערן!

— ס׳איז ניש׳ קאַ׳ מוסר. ס׳אַ דין. וואָס קומט אַרויס פֿון גט? ס׳איז טובל ושרץ בידו.

— דו׳סט אין מיין גיהנום נישט זיין. אויב ס׳קומט מיר אַפֿילו ס׳שטעכ־בעטל, בין איך שוין ס׳מייניקע איבערגעקומען. כ׳דאַרף דיר נישט זאָגן וואָס כ׳בין אויסגעשטאַנען. מיר זיינען ניש׳ געווען קאַ׳ זיווג, באַלד פֿון אָנהויב אָן. ביסט נעבעך אַליין אויך אַריינגעפֿאַלן. זאָל שוין נעמען אַן עק!

— יאָ, נו, ביסט געוואָרן אין ווארשע אַ גאַנצע פּריצה!

— אויף שונאי־ציון געזאָגט. קוים וואָס כ׳לעב. כ׳לייד, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, אויף די גאַל־שטיינער. אַז כ׳קריג אַן אַטאַק, רייס איך די ווענט. כ׳דאַרף פֿאָרן אין וואַרעם־באַד, האָב איך ניש׳ קאַ׳ גראַשן. הלוואי כ׳זאָל נאָך לאַנג אָנ־טרייבן!

— ווען וואָלסט ניש׳ קאַליע געוואָרן, וואָלסטו אַלץ געהאַט, עולם־הזה און עולם־הבא.

— נו, מילא, ס׳איז אַלץ באַשערטע זאַכן. באין ברירה, קאָנסטו דאָ איבער־נעכטיקן. ס׳וואוינט דאָ אַ בחור, נאָר איכ׳ל אים באַזאָרגן ערגעץ־אַנדערש. דער עיקר: גיי נישט אַרויס פֿון דאַנען. ס׳זיינען ביי מיר דאָ געסט. ס׳וואוינען דאָ פֿרעמדע מענטשן.

— כ׳זע ניש׳ קאַ׳ מזוזה.

— אינדרויסן הענגט אַ מזוזה.

— ס׳דאַרף זיין אויף יעדער טיר. איכ׳ל גיין אין אַ סטאַנציע.

— וואָסער סטאַנציע? וואו וועסטו איצט קריגן אַ סטאַנציע?

— אויף דער פֿראַנצישקאַנער.

— האָרך מיך, בלייב שוין דאָ. איכ׳ל צושלאָגן אַ מזוזה. אַז ביסט שוין דאָ, נעכטיק איבער, און לאָמיר מערטשישעם מאָרגן מאַכן אַ סוף. מ׳עט דיך נאָך ווידער אָפּרעדן און ס׳עט זיך אַלץ אָנהויבן פֿונסניי.

— אַ מזוזה דאַרף מער פֿריער איבערזעען.

— וועסטו איבערזעען.

— מ׳דאַרף זיין אַ סופֿר. אַמאָל איז אָפּגעשפּרונגען אַן אות...

— מאַכסט מיך משוגע. ווי איז מיר! כ׳האָב מיך שוין אָפּגעוואוינט פֿון די שטיק. וואַרט דאָ צו. אויף מיר די עבירה.

זי איז אַרויס אין קאָרידאָר און אָן עפֿן געטאָן די טיר פֿון דער סאַלע. אין די עטלעכע מינוט, וואָס זי האָט גערעדט מיט עקיבאַן, איז איר די אייגענע שטוב געוואָרן ווי פֿרעמד. אין דער רגע האָט עמעץ פֿונדרויסן געעפֿנט מיט אַ שליסל. עס איז געווען עוזר־העשל. גינע האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ דער־שראָקענעם בליק און אים פֿאַרשטעלט דעם וועג.

— אַנטשולדיקט. אייער צימער איז פֿאַרנומען! — האָט זי געזאָגט שטרענג.

— דאָס מיידל איז צוריקגעקומען?

— וואָס פֿאַר אַ מיידל? איר מיינט די אַפּטייקערין פֿון פינטשעוו? יאָ, ניין. די מעשה איז אַזוי: איר׳ט מוזן גיין ערגעץ נעכטיקן. ווייסט איר וואָס? פֿאָרט

אַריבער צו הערצן, וואו איר זענט נעכטן געווען. איכ׳ל אים באַלד אָנקלינגען. ס׳האָט עפּעס פּאַסירט ביי מיר, אַן אויסטערלישע זאַך.

— יאָ, כ׳פֿאַרשטיי.

— מיין מאַן איז געקומען. איר ווייסט דאָך, כ׳וואַרט אויף אַ גט, און דאָ מיט אַמאָל... ר׳האָט געמוזט משוגע ווערן. כ׳האָב אים נישט געהאַט וואו אַהינ־צוטאָן. איין רגע!

זי האָט צוגעשפּאַנט צום טעלעפֿאָן. זי האָט האַסטיק גענומען פּויקן מיטן טרייבל אויף די גאָפּעלעך.

— פּראָשען! ביטע! האָ? הערץ? גוט וואָס ביסט דאָ. כ׳זאָל דיר זאָגן וואָס ס׳האָט געטראָפֿן, וועסטו לאַכן. מאָל דיר אויס: עקיבא איז דאָ! ער וויל זיך גטן. גלייך מאָרגן. הע? אומגעריכט. ווי אַ יוון אין סוכּה. כ׳האָב געעפֿנט די טיר, כ׳גיב אַ קוק — כ׳האָב געמיינט כ׳חלש אַוועק. ווי? אין עוזר־העשלס שטיבל. כ׳האָב מורא אים אַרויסצולאָזן. היינט איז אים אָנגעקומען דער שגעון און מאָרגן קאָן ער — — — הע? ער האָט מסתּמא ניש׳ קאָ׳ גראָשן. מ׳עט דאַרפֿן באַצאָלן דעם רב, דעם סופֿר, אַלץ־מיט־אַנאַנדער. האָסט אויך נישט? מוזט דיר שאַפֿן! אונדזער גאַנצע צוקונפֿט הענגט־אָפּ דערפֿון! וואָס? כ׳קאָן ביי קיינעם נישט באָרגן. די לאָמבאַרדס עפֿנט מען שפּעט. כ׳האָב נישט וואָס צו פֿאַרזעצן. וויפֿל? כ׳ווייס נישט. אַמווייניקסטן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער. וואָס זאָגסטו? כ׳בעט דיך, הערץ, מאַך נישט דיינע שטיק. קאָנסט נאָך קריגן אַ פּאָר רובל. אפֿשר האָט אַבראַם? אַ קלאָג צו מיינע יאָרן! הלוואַי וואָלט איך נישט דערלעבט געבוירן צו ווערן!...

זי האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבל. עס איז געבליבן הענגען אויף דער פֿאַרפּלאָנטערטער שטריק. זי האָט עס אויפֿגעהויבן און צוריק אַוועקגעלייגט. זי האָט זיך געלאָזט צושפּאַנען צו עוזר־העשלען.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך: צו וואָס מאַטערן זיך פֿינסטערע מזלות?

— איך קאָן אייך באָרגן פֿינף־און־צוואַנציק רובל.

און עוזר־העשל האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ רויטן פֿינף־און־צוואַנ־ציקער, וואָס רויזע־פֿרומעטל האָט אים געגעבן.

— איר? ווי איז מיר! פֿון וואַנען האָט איר אַזאַ סומע? אַ מלאך האָט אייך צוגעשיקט!

זי האָט זיך צעוויינט, אָנגענומען דעם באַנקנאָט ביי אַ ברעג, זיך געשאָקלט און געשלוכצט.

— איר זענט אַן איידל קינד, אַ יחסן. ס׳געלט וועט איר צוריקקריגן איפֿ־דערוואָך. פֿאָרט גלייך אַריבער צו הערצן. דאָבע וועט אייך אויסבעטן אויף דער סאָפֿע. וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, האָ? יאָ, אַ מיידל האָט געקלונגען צו אייך. צוויי מאָל. ס׳איז אַוודאי די הדסה.

— וואָס האָט זי געזאָגט? — און עוזר־העשל איז געוואָרן רויט פֿון קין ביז צו די שפּיצן אויערן.

— זי האָט עפּעס יאָ געזאָגט, נאָר כ׳געדענק נישט. איר זאָלט קלינגען,

קומען, אָדער — — — כ'בין, נישט פֿאַר איך געדאַכט, ווי דול. נאָר זאָרגט נישט; זי'ט נאָכאַמאָל קלינגען. דער שידוך וועט צוליב דעם נישט אָפּגיין!...

## 2

אויף דער גנאַינע גאַס, נישט ווייט פֿון דעם טויער וואו הערץ יאַנאָווער האָט געוואוינט, האָט עוזר־העשל דערזען אַבראַמען. ער איז געשטאַנען אין פֿוטער און אין דער פּאַפּאַכע און מיטן שפּיץ שירם געשטאָכן דעם צעטראָטענעם שניי אויפֿן טראָטואַר. ווען עוזר־העשל האָט אָנגערופֿן זיין נאָמען, האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן אַ פֿאַרווירטער. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אָט איז ער דאָך דאָ! כ'שטיי און וואַרט אויף דיר.

— איר אויף מיר?

— כ'ווייס אַלץ, פֿון עקיבאן און פֿון דיין פֿינף־און־צוואַנציקער. גינע האָט אַלץ דערציילט. דורכן טעלעפֿאָן. זי'ט געזאָגט, אַז וועסט קומען נעכטיקן. כ'דאַרף דיך האָבן. אַזאַ איינער ביסטו גאָר? אַ פֿילאַנטראָפּ? גיי דאָרט נישט אַרויף! ס'טוט זיך אויבן אויף טיש און אויף בענק. די הילדע קאַלישער האָט ערשט נאָר געמאַכט יענעם סקאַנדאַל. טעלער זיינען געפֿלויגן ווי פֿייגל. אוי, געוואַלד, ס'אַ טשעקאַווע וועלטל!

— כ'פֿאַרשטיי גאָרנישט.

— זי איז אייפֿערזיכטיק. ס'איז צוויי קעץ אין איין זאַק. אַז כ'בין אַרויס מיט אַ גאַנצן קאָפּ, איז נסים מן השמים. די הילדע האָט אים טיף אַריינגענומען אין די נעגעלעך. צי ס'איז אמתע ליבע, אָדער זי דאַרף אַ פּראָפֿעסאָר פֿאַר אירע שוואַרץ־קונצן, ווייס איך נישט. ס'איז, מסתמא, אַלץ צוזאַמען. האָסט געדאַרפֿט הערן אַ מענה־לשון. ער, די לעמעשקע, האָט געוויינט ווי אַ ביבער. ס'איז אַגיל ואשמח! דו, ברודערל, וועסט היינט נעכטיקן ביי מיר. ס'ווייב איז פֿון מיר אַוועק. וועסט שלאָפֿן אין איר בעט. אויס כּלה, צוריק מויד. איך פֿאָר אַוועק קאַ'ן אויסלאַנד. צוליב אַ זשורנאַל, וואָס מיר'ן גרינדן. כ'האָב דיר שוין, דוכט זיך, דערציילט וועגן דעם. ס'איז אַ גרויסער פּלאַן. אַ גראַנדיעזער אויפֿטו. ס'איז פֿאַר אַזעלכע בחורים ווי דו, זיי זאָלן זיך נישט אַרומוואַלגערן אין די גרויסע שטעט. מיר'ן זיי באַזאָרגן מיט לערן־ביכער, איבערגעזעצט אויף מאַמע־לשון. מיר'ן גרינדן פֿאַר זיי שולן צו לערנען מלאָכות. מיר'ן זיי צוגרייטן צום אוניווער־סיטעט. אַזוינע ווי דו, מיט שאַרפֿע קעפּ, וועלן מיר אַרויסשיקן קאַ'ן אויסלאַנד. ס'איז גריילעך מעגלעך כ'זאָל דיר איינגיכן קאָנען העלפֿן. מיט אַ גרויסער אַפּותיקי. דאָס איז נומער איינס. נומער צוויי: וואָס מאַכסטו? האָסט אפֿשר גע־זען הדסהן? מיר האָט מען פֿאַרבאָטן צו קומען אַהין און אַפֿילו צו טעלעפֿאָנירן.

— מיר אויך.

— ווער? וואו?

— כ'האָב טעלעפֿאָנירט, האָט מיר די מוטער געזאָגט כ'זאָל מער נישט אָנקלינגען.

— נו, זעסטו, מיר זיינ'ען בידע אויף צרות. ס'איז שפּעט ביינאַכט. כ'האָב

געמאַכט אַ כּוסע, כ׳בין אַביסל פֿאַרשנאַשקעט, און כ׳על רעדן אָפֿענע דיבורים. מיר דוכט זיך, אַז איר זענט פֿאַרכליאַפּעט איינער אין אַנדערן, דו אין איר און זי אין דיר. וואָס זאָגסטו, האַ?

— אַלץ איז עפּעס אַזוי נישט קלאָר.

— פֿון ווענענס זייט?

עזור־העשל האָט געשוויגן.

שתיקה כהודאה דמיא. כ׳בין אַן אַלטער הינער־פּרעסער. כ׳קאָן מיך אויף די זאַכן. כ׳ווייס אַפֿילו פֿאַראויס, נאָך פֿאַרן בעל־דבר. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז מ׳גייט זי פֿאַרשלייערן פֿאַר דעם פֿאַרכל.

— זי האָט אַנגעקלונגען היינט ביינאַכט. כ׳בין נישט געווען אין דער היים. צוויי מאָל.

— באמת? זעסטו, כ׳ווייס וואָס כ׳רעד. ס׳איז נישט פֿאַר איר: דאָס פֿישעלע, ס׳שייטל, די מקווה, דער זיידע מיטן אייל־געוועלב, דער גאַנצער עיפּוש. פֿריער שיקן אונדזערע חסידים די טעכטער אין די פּוילישע גימנאַזיעס. דערנאָך וויל מען, זיי זאָלן אַלץ פֿאַרגעסן און ווערן תּחינה־יידענעס. פֿון סלאָוואַצקין צוריק צום מעין־טהור!... זאָג מיר, ברודערל, וואָס הערט זיך ביי דיר? דו שטודירסט, צי די שלאָפֿסט?

— דאָס רוסיש קומט מיר אָן שווער. ס׳דוכט זיך מיר, כ׳על מיך דאָס קיינ־מאָל נישט אויסלערנען. ס׳ליגט זיך מיר נישט אויף דער צונג. אַחוץ דעם: וואָס איז דער תּכלית? כ׳האָב געוואָלט דערגיין דעם עיקר.

— וואָס פֿאַר אַן עיקר?

— ווער מיר זיינען. צו וואָס מיר זיינען געבוירן געוואָרן. פֿאַרוואָס מ׳ליידט יסורים.

— דאָס, ברודערל, וועסטו דיך ניש׳ דערוויסן אַפֿילו אין וואַרשע...

— די רוסישע געשיכטע אינטערעסירט מיך נישט!

— הערץ יאַנאָווער איז אַ פֿילאָסאָף און ער ווייסט אויך קדחת.

— צו וואָס־זשע גלאָט לערנען? וואָס ווערט האָבן ס׳פֿייגעלע אין שטייג, אַז איכ׳ל קאָנען גראַמאַטיק?

— מיר קאָנען די פֿייגעלעך נישט העלפֿן.

— כ׳מיין דאָס פֿאַר אַ משל. יעדע פּיין איז אַ פּגם אין קאָסמאָס. ס׳איז נישטאָ קיין שום תּירוץ פֿאַרוואָס מען מאַטערט זיך!

— דער תּירוץ איז: מ׳ווייסט ניש׳.

— כ׳טראַכט טאָג און נאַכט וועגן איין זאַך: צו וואָס זאָל מען ליידן אומזיסט און אומגישט? די שפּיטאָלן, די תּפֿיסות, די קאַזאַרמעס. די פֿראַגע פּייניקט מיך פֿון קינדוויַיז אָן, ווען כ׳בין נאָך געגאַנגען אין חדר —

— מיין ענטפֿער איז: מ׳ליידט, ווייל מ׳מוז. מ׳קאָן זיך אַ מעשה אַנטאָן, האָט מען מורא צו נעבטיקן אַליין אויף דער גענשע גאָס. ביסט שוין אַמאָל געלעגן אַ ווינטער־נאַכט אין קבר?

— וואָס איז אונדזער פֿליכט? ווי קאָן מען לעבן, אַז מ׳ווייסט נישט צו וואָס?

— וואָס זאָגן דיינע פֿילוסופֿים?

— אַלץ וואָס זיי זאָגן, איז שקר וכזב.

— אפֿשר איז פֿאָרט דאָ אַ רבונו של עולם?

— אויב ר'איז דאָ, איז ער אַ רוצח!

— פֿע, דאָס איז שוין מעשה ייִנגל. דו נעמסט דעם ענין צו ערנסט. מיין פֿילאָסאָפֿיע איז, אַז אַ מענטש לעבט ער זאָל עסן קאַטשקע...

— איכ'ל קיינמאָל צו קאָ' צוועק נישט דערגיין. כ'בין שוין אין צוואַנציקסטן יאָר. כ'על באַלד דאַרפֿן שטיין צום פּריזיוו. קאָ' חסרון וויל איך מיר נישט מאַכן.

— דינען דעם קייסער ווילסטו אַוודאי אויך נישט?

— ניין.

— כ'האָב דאָס ערשט היינט געזאָגט. ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַ שטיק טעלעפּאַט. אַ צווייטער מעסינגער. כ'גריבל מיך אין פֿרעמדע געדאַנקען. פֿאַר דיר, ברודערל, איז דאָ איין אויסוועג: פֿאַר אַוועק קאַ'ן אויסלאַנד. הערץ יאַנאָווער וואָלט דאָ קיינמאָל נישט געוואָרן קאָ' פּראָפֿעסאָר.

— וואוהין? כ'האָב ניש' אויף הוצאות.

— בלאָטע! דאַרפֿסט ניש' קאָ' פּאַס אויך. פֿאַר אַ צענערל וועט דיך אַ מוליכער אַריבערשוואַרצן איבער דער גרענעץ. פֿאַר נאָך אַ פּאָר רובל ביסטו אין דער שווייץ. דייטש איז ניש' קאָ' רוסיש. ס'אַ פֿאַרגרייזטער ייִדיש. ברויכסט דאָרט ניש' קאָ' מאַטורע. ווייזט זיי אַ כתב, אַז ביסט געמלעט און ביסט פּטור.

— און וואו וועל איך נעמען צו עסן?

— קאָנסט דאָרט אויך קריגן אַ לעקציע, אָדער עפּעס איבערצושרייבן. ס'שוויבלט דאָרט מיט אַלערליי ראַבינערס, פֿילאַנטראָפּן, קהלשע קאָך־לעפֿל, קאָמיטעטן. מעגסט לאַכן, נאָר איכ'ל דיר קאָנען העלפֿן. טאָקע פֿון אונדזער פֿאָנד. ס'איז דאָרט וואַרעם, ליכטיק. די בערג, דער הימל, די אָזערעס! פֿאַרגעסט אַלע מרה־שחורהס. ס'אַ סברא, אַז איך אַליין וועל מיך דאָרט באַזעצן. הדסה האָט אויך ניש' קאַ'ן אַנדער עצה. אויב זי וויל נישט אָפּגאָלן דעם קאָפּ און גיין טבילה, מוז זי אַנטלויפֿן פֿון וואַרשע!...

אַבראַם האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר, אָפּגעביסן דעם שפּיץ, און פֿאַררויכערט. אויף דער באַגנע גאַס, וואו זיי זיינען געגאַנגען, איז איצט געווען ליידיק און האַלב־פֿינסטער. די געפּעכטע טירן פֿון די געוועלבן זיינען געווען פֿאַרשפּאַרט אויף אייזערנע שטאַבן. אַ נאַכט־וועכטער אין אַ באָשליק און אין וואוילאָקעס האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק און געקלאַפּט מיטן שטעקן אויף די שטיינער. ס'איז נאָכגעקראָכן אַ לאַנגער שאָטן און אַ הונט מיט אַן אָנגעבויגענער מאָרדע און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק. אַן אייזיקער ווינט האָט געבלאָזן. עוזר־העשלען האָט אָנגעהויבן באַנג טאָן פֿאַרוואָס ער האָט זיך געקלאָגט פֿאַר אַבראַמען. וואָסערע נאַרישקייטן כ'האָב דאָ אָנגעפּלוידערט! — האָט ער געטראַכט. עס איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ווען ער האָט אַ רעוואָלווער, וואָלט איצט געווען די רעכטע צייט זיך אַריינצושיסן אַ קויל.

— האָסט עפּעס געזאָגט? — האָט אַבראַם געפֿרעגט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט מיט אַ סודותדיקן חוש דערהערט זיין מחשבה.

— האַ? ניין.

— מ׳טאָר נישט ווערן פֿאַרצווייפֿלט. מ׳האָט אונדז אָראָפּגעשיקט מיר זאָלן זיך ראַנגלען... די הדסה איז נאָך פֿאַר אַ צולאָג אַ קראַנקע. די וואַרשעווער לופֿט איז פֿאַר איר סם. ווען ניוניע און דאַכע וואָלטן געהאַט שכל, וואָלטן זיי אַליין זי אַוועקגעשיקט אין דער שווייץ.

— זי איז שטאַרק שלאַף?

— נישט שטאַרק, אָבער אַז מ׳פֿאַרכאַפּט נישט, איז צו־שפּעט. וואָס איז מיט דיר? דו ביסט כאָטש געזונט?

— טיילמאָל דוכט זיך מיר כ׳בין אויך קראַנק.

— וואָס קוועטשט דיך?

— דער קאָפּ. ס׳האַרץ. כ׳בין שטענדיק מיד...

— אין דיין עלטער האָט מען נאָך אַ געזונט האַרץ. ביסט אַזאַ אַפּיקורס, אַז גלויבסט נישׁ׳ אין די אייגענע כּוחות!

— דאָס איז די שטראָף...

— מיר זענען אַ צעריסן פֿאָלק. דער גלות האָט אונדז פֿאַרקריפּלט, אָבער דער קערן איז אַ געזונטער. כ׳דאַרף דיך נישט חנפֿענען, נאָר דו קאָנסט גרינג ווערן אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפֿעסאָר, אַ פֿילאָסאָף, אַלץ אין דער וועלט! זעסט אויס אַ צלאָפּ, נאָר געפֿעלסט מיידלעך. וואָס, אַ שטייגער, זעט אין דיר הדסה? אַן אויסטערליש פּאָר!

— כ׳גלויב נישט, אַז מיר וועלן אַמאָל —

— וואָס איז? דו ווילסט זי נישט?

— יאָ, אָבער — — כ׳בין נישט פֿאַר איר — —

— פֿאַרוואָס נישט? ביסט אַ הויכער, אַ בלאָנדער. טו אויס די קאַפּאָטע, ווּעסטו זיין אַ פֿאַצעט. איר׳ט זיך קושן און בייסן. איר׳ט רייסן פֿון זיך שטיקער, נאָר דאָס איז ליבע!

בײדע זיינען איצט צוגעקומען צו אַבראַמס הויז. דער סטרוזש האָט געעפֿנט דאָס טויער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שאָפּענעם פּעלץ און געטראָגן מיט זיך אַ לאַנגן הילצערנעם פֿייפֿער. עס איז אים נאָכגעלאָפֿן אַ שוואַרץ הינטל. ס׳האָט געשמעקט פֿון דעם ערל מיט בעטגעוואַנט און בראָנפֿן. אויף די פֿראָנט־טרעפּ איז שוין געווען פֿינסטער. אַבראַם האָט געריבן שוועבעלעך. די פֿייער־לעך האָבן געוואָרפֿן אַ בלאַסע, ציטערנדיקע שיין. אַבראַם האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר און אַריינגעלאָזט עוזר־העשלען פֿאָראויס. דער בחור איז שיִער נישט געפֿאַלן איבער דער שוועל. אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ קלינגעניש. דאָס האָט זיך אין קאַבינעט געריסן דער טעלעפֿאָן. אַבראַם האָט גענומען איילן איבער די פֿינסטערע חדרים. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין טישן, אומגעוואָרפֿן שטולן, באַקומען אַ זעץ אין דער קני. ווען ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס רערל צום אויער, האָט זיך אים אַ פֿאַרדריי געטאָן דער קאָפּ, ווי צום חלשן.

— פּראָשען! ביטע! ווער איז דאָס, האַ? — האָט ער געוואָלדעוועט. — דאָס איז אַבראַם שאַפּיראָ!

נאָר אויף יענער זייט דראָט האָט מען שוין געהאַט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

## 3

בעת אַבראַם האָט געבעט די בעטן אין שלאָף־צימער, איז עוזר־העשל אַריין אין קאַבינעט. רעכטס און לינקס פֿון שרייב־טיש האָט זיך געפֿונען אַ ספֿרים־שענקל און אַ ביכער־שראַנק. אין אונטערשטן פֿאַך איז געשטאַנען אַ סלאַוויטער ש״ס, געבונדן אין לעדער, די רוקנס געליישט מיט גאָלד, אַ חתן־מתּנה פֿון ר׳ משולם מושקאַט. אין די אויבערשטע פּאָליצעס זיינען געווען אויסגעשטעלט משניותן, חומשים מיט ל״ב פּירושים, אַ חק, רמבמס, אַ קיצור שולחן ערוך, אַ חיי אדם, מדרשים, זוהרס, און אַ סך אַנדערע ספֿרים, אויף דרוש און אויף פּלפּול, אויף חסידות און אַפֿילו אויף קבלה. עוזר־העשלען האָט זיך איצט געדוכט, אַז ס׳איז שוין יאָרן ווי ער האָט נישט געהאַלטן קיין ספֿר אין האַנט. ער האָט אַפֿילו קיין איין מאָל נישט געלייגט קיין תּפֿילין זינט ר׳איז אין וואַרשע! כ׳בין געוואָרן אַ גוי גמור! ווער ווייסט? אפֿשר האָב איך שוין פֿאַרגעסן ס׳לערנען?...

ער האָט אַרויסגענומען אַ גמרא ברכות, אַוועקגעלייגט אויפֿן שרייב־טיש און געעפֿנט דעם רעכטן טאָוול. דאָס ערשטע וואָרט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געבלימלט קעסטעלע, פֿול מיט ציקלעכישן און דריידעלעך. ער האָט גענומען צוברומען דעם אַלט־באַקאַנטן ניגון:

מאימתי קורין את שמע בערבין, פֿון ווען־אָן הויבט מען אָן לייענען קריאת־שמע אין אָוונט? פֿון דער צייט וואָס די כּהנים גיין אַריין עסן זייער תּרומה. אַזוי זאָגט ר׳ אליעזר. די חכמים זאָגן: ביז האַלבער נאַכט. ר׳ גמליאל זאָגט: ביז ס׳וועט אויפֿגיין דער מאָרגנשטערן.

— טוטס נאָר אַ קוק, ער לערנט דאָך אַ שטיקל גמרא! — האָט אַבראַם אַ רוף געטאָן. — ס׳ציט דעם בער אין וואַלד אַריין!

— כ׳האָב שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט אין קאַ׳ ספֿר.

— ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך אַמאָל געקאָנט לערנען. ווען כ׳בין אַ חתן געוואָרן מיט חמאָן, האָב איך געזאָגט אַ פּשטל אויף „תּקפֿו כהן״. דער אַלטער האָט אָנגעקוואָלן!

— ער קאָן דען?

— ער לערנט נאָר משניות. אַ האַלבער מתנגד. דער למדן צווישן די זין איז פּיניעלע. אַ גדול איז מיין שוואָגער ר׳ משה־גבריאל, לאהס מאַן. די לאה איז אַ וויבל אַ קאָזאַק. ער האָט פֿון איר געברענטע צרות. אַז ער קומט אַהיים שפּעט פֿון שטיבל, לאָזט זי אים, במחילה, נישט אַריין. די עלטסטע טאָכטער, מאַשע, געראָט אין דער מאַמען.

— ס׳אַ גרויסע משפּחה.

— אַ וואַלד. ס׳איז דאָ פֿון אַלע מינים, ווי אין נחס תּיבה. וואָס קומט אַרויס? מיר יידן בויען אויפֿן זאַמד. מ׳לעבט פֿון דער לופֿט. מ׳לאָזט אונדז אין ערגעץ נישט צו צום פּסוק.

— איר גלויבט טאַקע אין פּאַלעסטינע?

— וואָס־זשע, דו גלויבסט נישט?

— וואָס וועלן מיר טאָן, אַז דער טערק וועט נישט וועלן? נויטן קאָן מען אים נישט!

— ר'עט מוזן ווען. ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי די לאָגיק פֿון דער געשיכטע. אייביק קאָן אַ פֿאָלק זיך נישט וואַלגערן. ס'מוז נעמען אַן עק. אַהין אָדער אַהער! — ווילסט אפשר אַ גלאָז טיי אײדער גייסט שלאָפֿן?

— ניין, אַ דאַנק.

— אפֿשר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער מיט קעז?

— ניין, באמת, כ'האָב געגעסן.

— טאָ קום שלאָפֿן. ס'איז שוין האַלב־צוויי. כ'קאָן נישט פֿאַרשטיין ווער ס'האָט געקלונגען אַזוי שפּעט!

אין שלאָף־שטוב האָט אַבֿרהם זיך גענומען אויסטאָן. עוזר־העשל האָט געבונדן די שיך־בענדלעך. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר אַבֿראַמען אַראָפּצונעמען די מלבושים. ערשט ווען יענער האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ, האָט ער זיך אין דער גיך אויסגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין חמאס בעט. די בעטן זיינען געשטאַנען ווי אַ ד', אויפֿן אַלט־מאָדישן שטייגער. אַבֿראַם האָט געזיפֿצט, זיך געוואָרפֿן, אַז דער מאַטראַץ אונטער אים האָט געקלונגען מיט די שפּרינג־פֿעדערס.

— אַן איינפֿאַל פֿון דעם עקיבאַן אַריינצופֿאַלן צו גינען. שפּעט ביינאַכט!

— האָט ער געזאָגט. — האָסט אים געזען דעם יאָלד?

— ניין.

— איך קאָן אים נאָך פֿון ביאַלאָדרעוונע, ווען ר'האָט געגעסן קעסט ביים רבין. אַלץ, וואָס מיר ידן טוען, איז קרום. מ'פֿאָרט־צונויף אַ פֿליג און אַן עלפֿאַנט. ס'קומען אַרויס קריפּלען, פּאַקראַקעס, ווילדע מוחות. אוי, דער גלות, דער גלות! ער'ט אונדז אָפּגעקוילעט!

— כ'זע נישט, די גוים זאָלן זיין בעסער.

— עשיו האָט איין מעלה: ער איז געזונט. און מיר האָבן איין חסרון: מיר זיינען קראַנק. אַ גוטע נאַכט!

ס'האָט נישט געדויערט קיין פֿינף מינוט ווי אַבֿראַם האָט גענומען שנאָרכן. עוזר־העשל האָט זיך געדרייט אויפֿן געלעגער, אַראָפּגערוקט די קישנס, זיי צוריק אויפֿגעהויבן, זיך איבערגעדעקט מיט דער איבערדעק, זיך אָפּגעדעקט. נאָר ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. דער זייגער אין דער צווייטער שטוב האָט געקלאַפּט משונה־גיך, ווי אין פֿיבער. ער האָט שוין גענומען איינדרימלען. ס'האָט זיך אים אָפֿילו אָנגעהויבן עפּעס חלומען. מיט אַמאָל האָט אים אַ פֿוס געטאָן אַ ציטער, אַ האַנט האָט געגעבן אַ צאַפּל און ער האָט זיך איבערגעוועקט. דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן גיך־גיך. די שטוב האָט זיך געטאָן אַ דריי און זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קלאַפּ. עמעץ האָט געעפֿנט די דרויסנדיקע טיר מיט אַ שליסל. ס'איז מסתמא געווען אַבֿראַמס טאָכטער, סטעפֿע. אַבֿראַם האָט זיך פֿריער געפֿרעגט אויף איר ביים סטרוזש. עוזר־העשל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. זי האָט אַרומגעשפּאַנט מיט שטאַרקע טריט. דער דיל האָט אַזש געציטערט אונטער אירע קנאַפּלען. זי האָט געגעניצט און עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין אויף פּויליש. דורך אַ שפּאַלט אין טיר האָט עוזר־העשל געזען ווי אין צווייטן

צימער איז געוואָרן ליכטיק. דערנאָך איז ווידער געוואָרן פֿינסטער. מיט אַמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון שלאָף־צימער. איר געשטאַלט האָט זיך געוויסט אין דער פֿינסטער. זי האָט שוין, אַפּנים, געהאַט אויסגעטאָן דאָס קלייד. זי איז געווען אין אַ האַלקע און אין אַ קאָפּטל. ער האָט געהערט ווי זי רופֿט:

— פּאַפּאַ, דו שלאָפֿסט?

— ווער איז דאָרט, האַ?

— פּאַפּאַ, כ׳האָב דיך אויפֿגעוועקט? אַנטשולדיק!

— וואָס ווילסטו? ווי שפּעט איז?

— ס׳איז נאָך נישט אַזוי שפּעט. וואָס וועט זיין? כ׳בין געבליבן אָן געלט!

— האָסט שוין נישט געקאָנט וואַרטן ביז מאָרגן?

— כ׳דאַרף אַוועקגיין פֿרי.

— וואָס האָסטו צו לויפֿן אַזוי פֿרי? כ׳האָב ניש׳ קאַ׳ גראָשן!

— כ׳בין שולדיק דער שניידערין. כ׳האָב צעריסענע שיך...

— שאַ, כ׳בין נישט אַליין. ס׳שלאָפֿט דאָ דער בחור, ווי הייסט ער דאָרט? וואָס וואוינט ביי גינען.

— האַ? נו, איז וואָס? כ׳מוז האָבן צען רובל.

— כ׳האָב ניש׳ קאַ׳ צען קאָפּיקעס.

— סיידן דו ווילסט כ׳זאָל אַוועק צום זיידן.

— ס׳איז מיר שוין אַלץ איינס. איך פֿאָר אַוועק קאַ׳ן אויסלאַנד. דיין טאַטע איז באַנקראָט. אין אַלע הינזיכטן!

— וואו פֿאָרסטו? וואָס רעדסטו?

— כ׳פֿאָר אַוועק. וואָס איז דער אונטערשיד? כ׳האָב דאָס לעבן געשטרעקט פֿאַר אייך. כ׳בין צוליב ענק געוואָרן אַ גנב, אַ שווינדלער, אַן אַנזעצער. כ׳האָב אייך נאָכגעגעבן די שמד. גענוג. כ׳האָב מער ניש׳ קאַ׳ כּוח. כ׳בין שוין אַן אַלטער ייד!

— פּאַפּאַ, מוזט זיין שיכּור.

— ווער איז דאָס דער סטודענט, וואָס דו שלעפּסט דיך מיט אים אַרום?

— פֿון וואַנען ווייסטו, אַז ס׳איז אַ סטודענט?

— כ׳האָב אים געזען.

— דו זעסט אַלץ. ער איז אַ וואונדערבאַרער יונגערמאַן. ער ענדיקט מעדיצין. זייער אַן אָריגינעלער טיפּ. ער זאָגט אַזוינע זאַכן, אַז מ׳קאָן חלשן.

— וואָס זאָגט ער? זיי רעדן אַלע שיין, נאָר אַז ס׳קומט צו עפּעס, אַנטלויפֿן זיי ווי די האָזן!

סטעפֿע האָט שוין אָנגעהויבן ענטפֿערן, נאָר אין דער רגע האָט זיך ווידער צעקלונגען דער טעלעפֿאָן. אַבראַם האָט זיך געטאָן אַ וואָרף אַראָפּ פֿון געלעגער און גענומען לויפֿן מיט זיינע שווערע באָרוועסע פֿיס. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער טאָכטער. עוזר־העשל האָט געהערט ווי אַבראַם שרייט אין טריבל אַריין, נאָר וואָס ער זאָגט האָט ער פֿון דאַנען נישט געקאָנט פֿאַרנעמען. נאָך אַ פּוּפֿצן מינוט האָט ער זיך אומגעקערט. ער האָט געסאַפּעט, געזיפֿצט און אַ פֿרעג געטאָן:

— בחור, דו שלאָפֿסט?

— האָ? ניין.

— הדסה איז ניש׳ אַהיימגעקומען נעכטיקן. ניוניע, דער לאַפּאַצאַן, האָט איר דערלאַנגט פּעטש... אַזאַ שמאַגעגע!...

און ער האָט באַלד פֿונסניי געגומען כראָפּען.

## 4

יענע נאַכט איז עוזר־העשל נישט געשלאָפֿן. אין דעם פֿרעמדן בעט איז ער זיך פֿאָרגעקומען משונה־פֿרעמד, ווי ער וואָלט נישט געווען ער אַליין, נאָר אַ גלגול פֿון זיך. די נסיעה קיין וואַרשע, די באַגעגעניש מיט אַבראַמען, הדסהן, אייד־לען, גינען, הערץ יאַנאָווער, דאַכע, ניוניע, ר׳ משולם מושקאַט, רויזע־פֿרומעטל — אַלץ האָט אים אויסגעדוכט ווי איין לאַנגער פֿאַרפּלאָנטערטער חלום. ער איז נאָך דאָ, אין וואַרשע, נישט געווען קיין גאַנצע צוויי חדשים, נאָר ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וואַלגערט זיך שוין דאָ יאָרן. ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן דעם חשבון פֿון די טעג. וואו האַלט מען ערגעץ? איז נאָך שבת? איז שוין אָדר? ס׳מוז זיין אַן עיבור־יאָר. ווי גערוואַלד, כ׳שרייב נישט אַהיים! די מאַמע גייט דאָרט אויס פֿון איבערקלערן!

ער האָט זיך געפּרוּווט אָפּגעבן אַ חשבון וואָס ער באַגערט, וואָס ער דאַרף טאָן, וואָס אויסמיידן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם לויף פֿון די טראַכטעניש. ער האָט סיי געגאַרט זיך צו באַגעגענען מיט הדסהן, סיי ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דעם צונויפֿטרעפֿעניש. ער איז שוין אַלט געווען אין צוואַנציקסטן יאָר, נאָר ער איז געבליבן שעמעוודיק, אָפּגעלאָזן, חדר־יינגעלש פּחדנותדיק. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם שטערן, די ריפּן, די קני, ווי אין ספֿק צי דער גוף איז דער אייגענער. וואו וואַלגער איך מיך ערגעץ? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — וואָס שלעפּ איך מיך עפּעס אַרום מיט דעם אַבראַמען? און וואָסערע עסקים האָב איך מיט הדסהן? די עלטערן זיינען קעגן. דאָס מיידל איז אַ קראַנקע. איכ׳ל איר נאָך גורם זיין דעם טויט!...

ער איז אַנדרימלט געוואָרן. עס האָט זיך אים געחלומט הדסה. זי האָט זיך באַוויזן צו אים אַ נאַקעטע, איינגעהילט אין אַ נעץ פֿון פֿעדים. די צעלאָזטע האָר האָבן געגרייכט צו די לענדן. זי איז ערגעץ געלאָפֿן אויף אַ פּאָר הויכע פֿיס און ער האָט זי נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך איבערגעוועקט פֿון דעם זעעניש אַ דערשראָקענער, מיט דער טונקעלער אַנונג, אַז ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים אַ שטיק פֿאַרפּלאָנטערטע וואָר. ער איז פֿול געווען סיי מיט פּחד, סיי מיט לוסט צו לייב, ווי דיביידע וואָלטן דורך אַ נישט־דאָאיקן כוח פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינס... ער האָט ווידער גענומען איינדרימלען און ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ער גייט אין חשכות אויף אַ בית־עולם. די ערד איז ווייך, פֿול מיט גריבער און לעכער. ער שטויסט זיך אָן אין טויטע, סקעלעטן, פֿויל פֿלייש. ער וויל זיך אַרויסרייסן פֿון דעם זומפּ, נאָר ער זינקט אַלץ טיפֿער. ער פֿאַרקריכט אין היילן, קלעטערט איבער קרומע טרעפּ, בלייבט שטעקן אין טעמפּע ווינקלען.

רבונו של עולם, וועט אַמאָל ווערן ליכטיק? — האָט ער גערופֿן. ער האָט זיך אויפֿגעריסן און דערזען אַבראַמען. די זון האָט שוין אַריינגעשיינט צווישן די גאַרדינען. אַבראַם איז געשטאַנען נעבן זיין בעט אין אַ פֿאַרביקן כאַלאַט און אין צעטרעטענע שטעק־לאַטשן. ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ ברייטע ברוסט, געדיכט באַוואַקסן מיט האָר. ער האָט געשריגן:

— שלאָף ניש', בחור! ס'אַ יום־הדין! אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט!...

—ווי שפּעט איז?

— וואָס איז די נפֿקא־מינה? דאַכט האָט שוין ווידער געקלונגען. הדסה איז נעלם געוואָרן. זי נעכטיקט אַוודאי ביי איר חברטע, דער קלאַניען. זיי וואוינען אין פּראַגע. קאַ' טעלעפֿאָן האָבן זיי נישט. אָוואַ־וואַ! אַזאַ מויד!...

עוזר־העשל האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף זיך אויפֿהויבן, זיך אָפּוואַשן, נאָר ער איז געווען ווי אָפּגענומען. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין שטעק־שיך, נישט קיין מאָרגן־ראָק. ער האָט זיך געשעמט אַריינצוגיין אין קיך זיך וואַשן. ער האָט געוואָלט פֿרעגן אַבראַמען צי די טאָכטער איז נאָך דאָ, נאָר ער האָט זיך דאָס אויך געשעמט. ווען אַבראַם איז אַרויס, האָט ער אין איילעניש אָנגעטאָן די שקאַרפּעטן, די הויזן, די שיך. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע און זיך דערזען אין שפּיגל. איבערנאַכט איז אים געהאַט אָנגעוואַקסן אַ בערדל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין פּנים. ווי אויסטערליש דאָס איז נישט געווען, נאָר ער איז געוואָרן אין וואָרשע דיקער און מענלעכער. פֿון די פּאות איז שוין גאָרנישט געהאַט געבליבן. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר. כ'בין גאָרנישט אַזוי מיאוס! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. די אויגן זיינען געווען העל־בלוי, די רויטלעכע הערעלעך אויף די באַקן און דעם קין האָבן אים צוגעגעבן אַ רייפֿקייט. ער האָט אויפֿגעהויבן די אָרעמס און גענומען ווי מאַכן גימנאַסטיק. זע נאָר, כ'האָב מוסקולן!... דער קורצער שלאָף האָט אים געהאַט צוגעגעבן פֿרישע כּוחות.

— נו, וואָס גאַפֿעסט דו דיך? גיי אַריין אין קיך און וואַש דיך אָפּ! — האָט אַבראַם באַפֿוילן דורך דער האַלב־אָפֿענער טיר. — מ'עט דיך ניש' מיינע־שונאים־זיין!...

עוזר־העשל האָט זיך געלאָזט אַריינגיין אין קיך. ער האָט דאָרט געטראָפֿן סטעפֿען. זי איז געשטאַנען אין אַ קורץ, געקראַטעט אונטער־קלייד, אין אַ ווייסער בלוזע מיט קורצע אַרבל, די באָרוועסע פֿיס אָנגעשטעקט אין רויטע שטעק־שיך. זי האָט געוואַשן אין אַ שיסל זאָקן און נאָך עפּעס ווייבערשע אונטערוועש. זי האָט אַזוי האַסטיק געריבן, אַז זייפֿן־בלאָזן האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעם געוועש. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בחור מיט געניטשאַפּט, אים אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן־אַראָפּ, און פֿון אונטן־אַרויף און זיך אָנגערופֿן:

— אַזוי, איר זענט דאָס!

— אַנטשולדיקט מיר פֿיל מאָל —

— וואַשט אייך אָפּ. איכ'ל ניש' קוקן. מיין נאָמען איז סטעפֿע. כ'האָב אייך געזען ביים זיידן, נאָר דאָרט האָט איר אויסגעזען אַנדערש. דאָ ליגט זייף.

— אַ שיינעם דאַנק. זייער אָנגענעם.

— פּאַפּאַ רעדט וועגן אייך טאָג און נאַכט. לאָזט זיך פֿון אים ניש׳ פֿירן. וואָס ער זאָגט, טוט פֿאַרקערט!

עוזר־העשל האָט זיך אין דער גיך אָפּגעוואַשן ביים מעשענעם קראַן. סטעפֿע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אים אַ האַנטוך. ער האָט זיך אָפּגעווישט און זיך אומגעקערט. אין קאָרידאָר האָט אַבראַם אים אָפּגעשטעלט.

— מירן גיך אָפּקייען און זיך לאָזן זוכן דיין הדסהן. מירן קודם־כּל צופֿאָרן קאַ׳ פּראַגע, צו דער קלאָניען. כאָטש דאַכע וועט דאָרט זיין פֿריער. אָ־וואַ־וואַ!...

ער האָט אַריינגעפֿירט עוזר־העשלען אין דער עס־שטוב. אויפֿן נישט־געדעקטן טיש איז שוין געלעגן דאָס האַלבע ברויטל, וואָס חמא האָט איבערגעלאָזט אײדער זי איז אַוועק, אַ שטיקל פֿאַרדאַרטער קעז און אַ קאָפּ פֿון אַ הערינג. אַבראַם האָט געטאָן אַ געשריי:

— סטעפֿע, גיב אַריין טיי!...

— אַ מינוט! — האָט זי צוריקגעשריגן.

זי איז באַלד אַריינגעקומען מיט צוויי גלעזער טיי. אַבראַם האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, און דו, מויד, פּאַסט הייגט?

— זאָל דער טאַטעשי ניש׳ זאָרגן פֿאַר מיר.

— טעכטער, האַ? אַז וועסט מערטשישעם חתונה האָבן, האָב ניש׳ קאַ׳ טעכטער! — האָט אַבראַם אַ וואָרן געטאָן עוזר־העשלען. — דאָס איז אַזאַ מין אָנשיקעניש, אַז איין גאָט זאָל באַשירמען!

מ׳האָט געגעסן גיך. אַבראַם האָט כּמעט איינגעשלונגען דאָס אַלטגעבאַקענע האַלבע ברייטל. ער האָט געקייט הויך מיט די שטאַרקע ציין. ער האָט אויסגעטרונקען פֿיר גלעזער טיי. די באָרד איז געוואָרן פֿול מיט קרישקעס. סטעפֿע איז אַריין און אַרויס. זי האָט געקוקט אויף עוזר־העשלען האַלב־מיט־ביטול, האַלב־מיט־נייגיר. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וויל אים עפּעס זאָגן און וואַרט נאָר אויף אַ געלעגנהייט דער פֿאָטער זאָל נישט הערן. צום סוף האָט זי זיך פֿאַרקייטלט אין קיך. זי האָט דאָרט געזונגען מיט אַ הויך שטאַרק קול אַ פּויליש ליד. באַלד נאָכן עסן איז אַבראַם אַוועק אין קאַבינעטל און גענומען טעלעפֿאָנירן. ער האָט אָנגעקלונגען גינען, הערץ יאַנאָווער, זיין שוועגערין דאַכע, אידאַן, און זיינס אַן אַדוואָקאַט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עקיבא האָט אין מיטן דער נאַכט באַקומען אַן אַטאַק און מ׳האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר. מ׳ווייסט נאָך נישט וואָס ס׳איז געווען — פֿון מאָגן, אָדער אַן עפּילעפּטישער אָנפֿאַל. דעם גט האָט מען געמוזט אָפּלייגן. הערץ יאַנאָווער האָט אַבראַמען דערציילט, אַז הילדע איז היינט גאַנץ פֿרי אַוועקגעפֿאָרן צו איר מוטער קיין אָטוואָצק. כ׳ווייס אָסור ניש׳ וואָס מ׳טוט! — האָט ער גערעדט אין טרייבל אַריין. — ס׳איז עפּעס אַזאַ צעטומלעניש, אַז דער מוח הויבט זיך מיר! דאַכע איז נישט געווען אין דער היים. געענטפֿערט האָט שפֿרה, די דינסט. זי האָט איבערגעגעבן, אַז די באַלעבאָסטע איז שוין אַוועקגעפֿאָרן קיין פּראַגע, צו קלאָניען. דער טעלעפֿאָן האָט פֿריער געקלונגען, נאָר ווען זי, שפֿרה, איז צוגעגאַנגען, האָט מען פֿון יענער זייט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. אַזאַ משוגעת! — האָט שפֿרה געטענהט. —

זי׳ט זיך נאָך צוקילן און קריגן אַ לונגען־אָנצינדונג. אידאַ איז געהאַט אַראָפּגעגאַנגען איינקויפֿן, נאָר זאָשע האָט געזאָגט, אַז די פּאַני איז נעכטן אַהיימגעקומען פֿרי, אַרום צען אַזייגער. די מאַדאַם איז זייער נערוועז. זיי ווייסט שוין, אַז דאָס ווייב איז פֿון אים אַוועק און וואַרט אומגעדולדיק, ער זאָל קומען, אָדער טעלעפֿאָנירן...

אַבראַם איז אַרויס פֿון קאַבינעט אַן אויפֿגעהייטערטער. מ׳זוכט מיך נאָך, מ׳דאַרף מיך נאָך — האָט ער געקעלרט. — ס׳טוט זיך אין שטעטל! אויף טיש און אויף בענק! ער האָט קיין זאַך נישט אַזוי ליב געהאַט ווי אַוואַנטורעס, קאָנפֿליקטן... קאָ־כענישן, טעג פֿול מיט צערודערונג. ער האָט אַפֿילו ערגעץ־וואו געהאַט הנאה וואָס ער האָט נישט ביי זיך קיין גראָשן און וואָס ס׳דראָט אים אַ פּראָצעס. דער אַדוואָקאַט האָט אים ערשט נאָר געזאָגט, אַז פֿאַר פֿעלשן אַ וועקסל קאָן מען קריגן ביז דריי יאָר „אַרעסטאַנטסקע ראָטע". ניש־קשה, דער אַלטער וועט מיך אין קרימינאַל נישט איינזעצן — האָט ער געטראַכט. — כ׳האָב נישט גענומען ביי קיין פֿרעמדן, נאָר ביים זיידן פֿון מיינע טעכטער. באַלייטן יידן אין דער עלטער ליגן שוין אין דר׳ערד און מ׳קאָן הנאה האָבן פֿון זייער געלט... ער האָט אַ זאָג געטאָן צו עוזר־העשלען:

— קום, בחור, לאָמיר גיין!

— וואו ווען מיר גיין?

— קודם־כל וועל איך באָרגן פֿופֿציק רובל. עמעץ האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט. צווייטנס, וויל איך דיר ביי אַ היימישן סוחר קויפֿן אויף באָרג אַן אָנצוג. מיר׳ן פֿאַר איינוועגס קריגן אַ קאַפּעליוש אויך. דיין קאַפּאָטע הויבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן. דריטנס, וועלן מיר געפֿינען הדסהן, די פֿאַרלוירענע בת־מלכּה. כ׳האָב אַ פּלאַן! אַ ווילדן פּלאַן! איכ׳ל פֿאַרקאָכן אַזאַ קאַשע, אַז גאַנץ וואַרשע וועט לאַכן אין די פֿויסטן אַריין!

באַלד איז אַבראַם צוזאַמען מיט אים אַראָפּ אין גאַס. דער טאָג איז געווען אַ לינדער און אַ זוניקער. אין אָפֿענע פֿענסטער אין הויף האָט מען אויסגעקלאַפּט בעט־געוואַנט אין רויטע איינשיטן. דינסט־מיידן האָבן געוואַשן שויבן און געכליאַפּעט וואַסער. אַ בעטלער אין שוואַרצעברילן האָט שוין באַצייטנס גע־גרימפּלט אויף אַ צימבל און געזונגען אַ ליד וועגן דער יאַפּאַנישער מלחמה. אין גאַס האָט געשמעקט מיט מילך, זעמל און קוילן. אַבראַם האָט געפֿרעגט עוזר־העשלען צי ער האָט ביי זיך געלט.

— דריי רובל.

— אַהער די קלינגערס!

ער האָט צוגערופֿן אַ דראָשקע און ביידע זיינען איינגעזעסן. ער האָט געהייסן זיך פֿירן אויף דער סטאַלאָווע גאַס, וואו אידאַ האָט געוואוינט. ער האָט אָנגעזאָגט דעם פֿורמאַן ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דער עלעקטאָראַלנע. דאָרט האָט אַבראַמס אַ געוועזענער שותּף געהאַט אַ געשעפֿט פֿון פֿאַרטיקע מלבושים. אויף דעם הילצערנעם ברוק האָבן זיך געשטופּט צוזאַמען דראָשקעס, אויטאָמאָבילן, וועליסאָפּעדן און אַ קאַטוילישע לוויה. פֿאַראויס האָט געשפּאַנט אַ דיקער גלח אין אַן אויבערהעמדל מיט שפּיצן און געבלעקעכטס פֿון אַ טריף־

פּסול. עס זיינען נאָכגעגאַנגען פֿיר גויים אין זילבער־באַזוימטע קאַפּאָטעס, מיט שפּיציקע מיצן, ווי המן־טאַשן, און מיט לאַמטערן אין די הענט. דאָס געשעפֿט האָט זיך געפֿונען אַקעגן דעם שפּיטאָל פֿון הייליקן גייסט. אַ גלאָק האָט געקלונגען. די פֿאַרבייגייער האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און זיך געצלמט. מחנות טויבן זיינען געפֿלויגן איבער די פֿיגורן, געפּיקט קערנדלעך אין פֿערד־מיסט. דער סוחר, אַ קליין דיק מענטשל, מיט אַ פֿאַרהויבענעם בויך, ווי מעוברת, און אין אַ זיידן קאַפּעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך געקושט מיט אַבראַמען אין ביידע באַקן און אַבראַם האָט אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער. עוזר־העשל איז אַרויס פֿון דאָרט אין אַ פֿונק־נייעם גראַנאַטענעם אַנצוג. די קאַפּאָטע האָט דער אייגנטימער איינגעוויקלט אין פּאַק־פּאַפּיר און באַהאַלטן אין לאָדן־טיש. אַבראַם האָט נאָך ביי יענעם צוגעבאָרגט אַ פּאָר רובל און איינגעהאַנדלט פֿאַר עוזר־העשלען אַ קאַפּעליוש.

דערנאָך האָט ער געהייסן דעם אַנטרייבער זיך אָפּשטעלן פֿאַר אַ רעזורע און אַ פֿריזיר־געזעל מיט אַ געקאַרבטער טשופּרינע און אין אַ ווייס פֿאַרטוך האָט עוזר־העשלען איינגעזייפֿט, אָפּראַזירט און אַרומגעשוירן די האָר. ער האָט אים אַפֿילו באַשפּריצט מיט קעלניש וואַסער. דער באַלעבאָס אַליין, אַ פֿעלדשער, האָט אַבראַמען אַרומגעזוימט די באָרד מיט אַ שערל. ווען עוזר־העשל האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן אין דער שורה געשליפֿענע שפּיגלען, האָט ער זיך אַליין נישט דערקענט. זיין אויסזען איז געהאַט פֿאַרענדערט געוואָרן ווי פֿון אַ שפּרוך.

— געוואַלד, גראַף פּאָטאָצקי! איז מיין נאָמען נישט אַבראַם! ער זעט גאָר אויס ווי אַ שייגעץ!

אַבראַם איז געווען גערעכט. צוזאַמען מיט די לאַנגע מלבושים און דעם בערדל איז אָפּגעטאָן געוואָרן פֿון דעם בחור די יידישע צורה, דער צלם אלוקים.

## 5

די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם הויז אין פּראָגע, וואו עס האָט געוואוינט קלאַניע, הדסהס חברטע. אַבראַם איז געבליבן זיצן. ער האָט אַרויפֿגעשיקט עוזר־העשלען ער זאָל אַראָפּרופֿן די שיקסע. עס איז געווען אַ קליין הייפֿל. עס האָט זיך דאָ געפֿונען אַ קו־שטאַל, אַ שמידעריי און אַ רימער. קלאַניעס פֿאָטער, פֿראַנצישעק פּאַוולאָווסקי, אַן אויפֿזעער אין אַ ברויט־מיל, האָט געוואוינט אויפֿן צווייטן שטאָק אין לעצטן אַריינגאַנג. די טירן זיינען דאָ אַלע געווען באַצייכנט מיט צלמימלעך. די טרעפּ זיינען געווען געוואַשן און באַשאָטן מיט געלן זאַמד. ס'האָט דאָ געשמעקט מיט קאַרבאָל און חזיר־גריוון. עוזר־העשל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עס האָט געעפֿנט אַ גרויסע דיקלעכע שיקסע מיט אַ ברייט, אַ ביסל צוגעפּלאַטשט פּנים, אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן, אַ פֿאַרריסן נעזל. די פֿלאַקסן־ווייסע האָר זיינען געווען פֿאַרפֿלאָכטן פֿון ביידע זייטן אין קרענצלעך. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ריפּסן שירצל. אויף אַ פֿינגער איז געזעסן אַ פֿינגערהוט. אין לאָך האָט געשטעקט אַ נאָדל־פֿאָדים.

— וואוינט דאָ די פּאַננאַ קלאַניאַ?

— איך בין די פּאַננאַ קלאָניאַ.

— דער פּאַננאַ הדסהס פֿעטער וואַרט אונטן אין אַ דראָשקע. ער'ט געבעטן איר זאָלט אַזוי גוט זיין אַראָפּקומען.

— וואָס פֿאַר אַ פֿעטער? דער פּאַן אַבראַם?

— יאָ, ער.

— הדסה איז דאָ געשלאָפֿן, נאָר זי איז שוין אַוועק. איר, דאַכט זיך, זענט —

— איך האָב גענומען ביי דער פּאַננאַ הדסה אַ לעקציע.

דער שיקסעס בלויע אויגן האָבן אויפֿגעשיינט.

— כ'האָב באַלד דערקאָנט. זי'ט אייך אָפּגעשילדערט ווי לעבעדיק. איר האָט, ווי כ'זע, אויסגעטאָן דאָס יידישע היטעלע.

— יאָ, ערשט היינט.

— אַ שאָד וואָס איר זענט נישט געקומען אַ שעה פֿריער. איר מאַמושאַ איז שוין דאָ אויך געווען. ס'איז נישט ס'ערשטע מאָל, אַז זי נעכטיקט ביי אונדז. קומט אַריין אויף אַ ווײַלע. מיין מוטערל איז אַ צוגעלאָזענע.

— דער פּאַן אַבראַם האָט נישט קיין צייט.

— ס'עט דויערן אַ מינוטקעלע. כ'על אייך בלויז באַקענען.

זי האָט אים אָנגענומען ביים אַרבל און אַריינגעצויגן. מ'איז פֿאַרביי אַ קליינעם קאָרידאָר און אַריין אין אַ גרויסער שטוב. אין מיטן איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן. רעכטס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט: אַ קאָפּ פֿון אַ הירש מיט געדרייטע הערנער, אַן אַלטע יעגער־ביקס מיט צוויי רערן, און פֿאַרגעלטע פּאָרטרעטן פֿון אַ גויעצל מיט לאַנגע וואָנסן און אַ גויע מיט אַ הויכן בוזעם און אַ שפּיציקער פֿריזור. ביים פֿענסטער האָט געהאָנגען אַ שטייג מיט אַ קאַנאַריק און עס איז געשטאַנען אַ ניי־מאַשין. אויף אַ קאָמאָדע, אונטער אַ בילד פֿון יעזוסן מיט אַ געלאָקט בערדל, אין אַ דערנער־קראַנץ, האָט געברענט אַ רויט לעמפּעלע. אויף אַ סאָפֿע, וואָס ס'האָבן פֿון איר אַרויסגעקוקט די פֿערד־האָר, איז געלעגן אַ גרויסער הונט מיט אַ שאָפֿענער פֿעל. די מאָרדע האָט ער געהאַלטן צווישן די לאַפּעס. ווען עוזר־העשל איז אַריין, האָט דער כּלב גענומען וואָרטשען, נאָר אַ נידעריקע גויע, דיק ווי אַ פֿאַס, מיט אַ ברייטן דריי־גאָרנדיקן גוידער, די אָפּבלאָקירטע האָר פֿאַרקעמט אַרויף, ווי אַ ראש־השנהדיקע חלה, האָט אַ געשריי געטאָן:

— מילטש! לעזשעטש! (שווייג! ליגן!).

— מאַמושו, דאָס איז דער יונגער פּאַן, וואָס נעמט ביי הדסהן אַ לעקציע. הדסהס פֿעטער, דער פּאַן אַבראַם, וואַרט אונטן אין אַ דראָשקע.

— פֿאַרוואָס קומט ער נישט אַרויף? ס'איז דאָ אַן אָרנטלעכע שטוב. זייער אָנגענעם. די פּאַננאַ הדסה, כאָטש פֿון אַלטן זאַקאָן, איז ביי מיר ווי אַן אייגן קינד. דאָס איז נישט אַ מיידל, נאָר אַ בלימעלע. קלוג און שלאַכעטנע ווי אַ גראַפֿינע. שיין, אָן אַ בייז אויג, ווי דאָס זונעלע אין הימל. וואויל וועט זיין דעם מאַנסביל, וואָס וועט אָנקריגן אַזאַ מלאכל! נו, און איר, יונגערמאַן, כ'הער, איר זענט גע־קומען צו אונדז קיין וואַרשע שטודירן.

— יאָ, כ'האָב ערשט אָנגעהויבן.

— נישטאָ עפּעס בעסערס פֿון קענטעניש. וואָס זאָלסט נישט זיין, אַ קריסט אָדער אַ ייד, האָסטו וויסן אין קאָפּ, וועלן אַלע פֿאַר דיר דאָס היטל הויבן. פּאַננאַ הדסה איז ניט פֿאַר אַ קאַפּאָטשאַזש, אַ חוסיד. זי קאָן ביים גלויבן זיך האַלטן, נאָר איר כאַראַקטער איז אַן אַדעליקער. דער כלאָפּאַק פֿון דער גנאַינע גאָס, מיט די לאַנגע פּאות, איז נישט קיין מאַן פֿאַר איר.

— אַך, מאַמאַ, דו רעדסט צופֿיל. דער יונגערמאַן איז ערשט אַריינגעקומען און דו הויבסט שוין אָן —

— איך בין אַ פֿרוי אַן אויפֿריכטיקע. זי האָט מיר אַלץ דערציילט, כאָטש אַ נאַטור האָט זי אַ דיסקרעטע. איך זאָג צו איר: טאַטע־מאַמע דאַרף מען פֿאָלגן, אָבער מער נאָך דאָס אייגענע האַרץ!...

בעת די גויע האָט גערעדט, האָט קלאַניע זיך אויסגעפּוצט, צוגעגלעט די האָר מיט אַ בערשטל, אַריינגעשטעקט אַ קעמל, אָנגעטאָן אַ קורץ מאַנטעלע, גענומען אין האַנט אַ גלאַנציקן טאַש מיט אַ מעשענעם שלאָס. באַלד האָט עוזר־העשל זיך געזעגנט מיט דער גויע. זי האָט אים דערלאַנגט אַ דיקע האַנט, צעקראַצט פֿון קאַרטאָפֿל־שיילן, און אים פֿאַרבעטן ער זאָל אַרויפֿקומען אַהער, אַליין, אָדער מיט הדסהן. דער הונט איז אַראָפּ פֿון דער קאַנאַפּע, אַ שמעק געטאָן דעם בחור צו דער קני און גענומען שאָקלען מיטן עקל. אויף די טרעפּ האָט קלאַניע אַ שעפּטשע געטאָן:

— הדסה וועט דאָ ווידער זיין איינס אַזייגער.

— וואו איז זי געגאַנגען?

— אָנגעמען אַ קאָנדיציע ביי אַ קינד. ס׳איז געווען אַנאָנסירט אין גאַזעט.

בעת קלאַניע האָט דערנאָך גערעדט מיט אַבראַמען, איז עוזר־העשל געשטאַנען ביים טויער. אין דרויסן איז נישט געווען קאַלט, נאָר ער האָט געקלאַפּט מיט די ציין. פֿון דעם געמיש פֿון שניי און זון האָט אים געבלענדט אין די אויגן. ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט הינטער־שטאָט און רויך פֿון לאָקאָמאָטיוון. אַבראַם האָט געמאַכט מיט די הענט, זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד, אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן. ער האָט צוגערופֿן עוזר־העשלען.

— זי׳ט דאָ זיין איינס אַזייגער. איצט איז שוין צוואַנציק נאָך צוועלף. וואַרט אויף איר צו. לאָז זי נישט אַוועקגיין. איכ׳ל זיין צוריק אין אַ שעה אַרום. ווייז, יונגערמאַן, אַז דו ביסט אַ ריטער!

אַבראַם האָט גערעדט צו עוזר־העשלען אויף פּויליש, קלאַניע זאָל פֿאַרשטיין. ער האָט איר גענומען דערציילן אין אַ פּריצישער אויסשפּראַך ווי ער האָט געקויפֿט דעם בחור אַ גאַרניטור און אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד. ער האָט געשריגן אַזוי הויך, אַז פֿאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. נאָך לאַנגע רייד איז אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז עוזר־העשל זאָל צוואַרטן אין דער רעסטאָראַציע אַקעגנאיבער. קלאַניע האָט געזאָלט צושיקן אַהין הדסהן. ביידע, עוזר־העשל און הדסה, האָבן דאָ געזאָלט וואַרטן אויף אַבראַמען. דער פֿורמאַן אויף די קאָזלעס האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. ער האָט אַ פּאָכע געטאָן די בייטש און אַ זידל געטאָן דאָס פֿערד. באַלד האָט די דראָשקע זיך אַוועקגעקייקלט.

קלאָניע האָט נאָך עפּעס געזאָגט עוזר־העשלען, נאָר כאָטש ער האָט פֿאַרשטאַנען יעדעס וואָרט באַזונדער, האָט ער נישט באַנומען דעם צוזאַמענהאַנג.

דער רעסטאָראַן איז געווען אַ געמיש פֿון אַ ביר־שענק און אַ גאַר־קיך. עוזר־העשל האָט זיך לאַנג געקווענקלט ביז ער איז אַריין. דער שטיינערנער דיל איז געווען באַשאָטן מיט זעגעכץ. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַ גערוך פֿון ביר, קאָלאַס, בראָנפֿן און נאָך עפּעס גוייש־איבלדיקס. קיין געסט זיינען נישט געווען. די טישלעך זיינען געווען געדעקט מיט פֿאַרפֿלעקטע טישטוכער און עס זיינען געשטאַנען בלעכענע טעצלעך מיט דער אויפֿשריפֿט פֿון אַ ביר־פֿירמע: האָבערבוש און שיעלע. פֿון אַ צווייטער שטוב איז אַריין אַ קליינער ברייטער גוי מיט אַ פֿיר־עקיקן שטערן און מיט אַ פּאָר שיטערע הערעלעך אויפֿן שפּיץ פּליך. דאָס בלויע העמדל איז געווען פֿאַרהעקלט מיט אַ בלעכענער ספּינקע, די אַרבל פֿאַרשאַרצט איבער די עלנבויגנס. ער האָט דערמאָנט אָן אַ חזיר־שלעגער. ער האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס ווינשט איר?

עוזר־העשל האָט געוואָלט זאָגן: אַ גלאָז ביר, נאָר די ליפּן אַליין האָבן געזאָגט: טיי.

— דאָס איז נישט קיין טיי־הויז!

— אַ גלעזל בראָנפֿן — האָט עוזר־העשל געזאָגט אומגעריכט פֿאַר זיך.

— עפּעס צו פֿאַרבייסן?

— יאָ.

— וואָס אַזוינס? אַ וואורשטל?

— זאָל זיין...

ער האָט באַלד חרטה געקראָגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וואורשטל איז חזיר, נאָר ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. ווי, געוואַלד, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — כ'פֿאַל אין שאול תחתיה! דער גוי האָט באַלד אַריינגעבראַכט אַ קעלישעקל בראָנפֿן און צוויי הייסע גראָבע וואורשטלעך אויף אַ פֿלאַכן טעלער. ער האָט אָנגעקוקט דעם גאַסט מיט אַ פּאָר שאַרפֿע גרויע אויגעלעך, פֿאַרווייסטע, ווי מיט חלב.

— איר זענט פֿון וואַנען? — האָט ער געפֿרעגט.

— איצט בין איך אין וואַרשע.

— וואָס פֿאַר אַ גאַס?

— שוויענטע יערסקע.

— איר פֿאַרנעמט זיך מיט וואָס?

— האָ? איך לערן זיך, שטודיר.

— וואו? אין אַ בוזשניצע (שול)?

— ניין. פּריוואַט.

— ביי אַ ראַבין?

— ביי אַ לערער.

— פֿאַרוואָס גייט איר נישט צוריק קיין פּאַלעסטינע?...

עוזר־העשל איז געוואָרן רויט, ס'האָט אים אַזש אַ ברי געטאָן אין די אויערן.

— פּאַלעסטינע איז פֿאַרברענט — האָט ער געזאָגט. ער האָט געמיינט חרוב, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן דאָס וואָרט אויף פּויליש.

— די ערד איז נישט פֿאַרברענט.

— די טערקן לאָזן נישט.

— אַלע יידן צוזאַמען זיינען שטאַרקער ווי דער טערק...

דער גוי האָט, אַפּנים, זיך געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן שמועס, נאָר אַ באָרוועס שיקסל מיט אַש־גרויע האָר און מיט אַ סך זומער־שפּרענקעלעך האָט אים צוריק אָוועקגערופֿן אין קיך. עוזר־העשל האָט געטאָן אַ טרינק פֿון דער האַרבער משקה. עס האָט אים געטאָן אַ ברען אין האַלדז. אין דער נאָז איז געוואָרן האַרב. ער האָט אָנגענומען דאָס וואורשטל און אָפּגעביסן אַ שטיקל. כ'בין שוין סיי־ווי אַ פֿאַרפֿאַלענער, האָט ער געקלערט. כל בואיה לא ישובון... יאָ, אַבראַם איז גערעכט — האָט ער צו זיך געזאָגט — כ'מוז אַוועק פֿון פּוילן! אויב נישט קיין פּאַלעסטינע, איז אין יענע לענדער, וואו ס'איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, קיין תּחום־המושב, קיין פֿאַרבאָט פֿאַר יידישע יונגעלייט צו שטודירן. ווען הדסה וואָלט נאָר מיטגעפֿאָרן!

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן־ווינקלען. דורך דעם נעפּל האָט ער דערזען אויף דער וואַנט אַ גאָלד־געראַמטע לאַנדשאַפֿט. אין בלויען הימל איז געשטאַנען אַ צונטער־רויטע זון, אַרומגערינגלט מיט פֿייערדיקע וואָלקנס, געל־גרינע, ווי צעגאָסענער שוועבל. באָרוועסע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן מיט היי־גאָפּלען אָנגעלאָדן היי אויף אַ פֿולן וואָגן. רויטע און געפֿלעקטע קי האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער פּאַשע. נעבן אַ שטיל וואַסער האָט זיך געשפּיגלט אַ ווייס הייזל. פֿון קוימענדל איז אויפֿגעגאַנגען אַ שמאָלער רויך. אַ גרינע לאָנקע מיט הויכע זאַפֿטיקע גראָזן און בלומען האָט אַוועקגעפֿירט ערגעץ צו אַ וואַלד, וואָס ביים ברעג זיינעם האָט געגאַפֿט אַ הירש. ווען איך און הדסה קאָנען וואוינען אין אַזאַ שטיבל, ווייט פֿון שטאָט און פֿון מענטשן, מיט אַ שענקל ביכער און מיט אַ שפּאַקטיוו צו קוקן ביינאַכט אויף די שטערן! אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט האָט אים אָנגענומען, סיי צו הדסהן, סיי צו די ווייטע מדינות, וואו ס'איז שטענדיק זומער... ליגן מיט הדסהן אין גראָז און לייענען אַ בוך! ניין, זי זאָל לייענען און ער זאָל זיך צוהערן מיט געשלאָסענע וויעס. אַ בוך, וואָס זאָל שרייבן וועגן דעם סאַמע עיקר: וואָס איז דער קאָסמאָס, וואָס איז די ערד, דאָס לעבן, דער מענטש, דער גייסט. צו וואָס דאַרף מען שטערבן. וואָסערע פֿליכטן האָט מען. ווי באַקומט מען מנוחה...

ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל ביזן דנאָ. אַ וואַרעמקייט האָט אים דורכגענומען און אַ שיכּרות. די שענק האָט זיך פּאַמעלעך געדרייט צוזאַמען מיט דעם דיל, די ווענט, די טישן, די בילדער. סיי ער איז געווען וואַך, סיי ער האָט געדרימלט. ער האָט נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפֿנט און עס איז אַריינגעקומען הדסה. זי איז געשטאַנען ביי דער שוועל אין איר זשאַקעטל צו פֿאַרקנעפּלען מיט די שלייפֿלעך, אין איר שוואַרצן סאַמעטענעם בערעט און אין די אויבער־זאָקן. אונטערן אָרעם האָט זי געהאַלטן אַ ביכל. איר לענגלעך פּנים איז אין די צוויי טעג געוואָרן אויסגעבלייכט, ווי נאָך אַ שלאַפֿקייט. זי

האָט געשאָקלט מיט קאָפּ, געשמייכלט און געגאַפֿט. די קורצע מלבושים האָבן אים פֿאַרענדערט נישט צום דערקענען. פֿון אַ שטיבל־בחור איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַריסטאָקראַטישן יונגעלמען, ווי איינער פֿון יענע אויסגעאיידלטע שקצים, וואָס מ׳זעט צומאָל אַרומשפּאַצירן אויף די אויאַזדאָווער אַלייען. בלויז דאָס שוואַרץ־זײַדענע שניפּסל אונטערן ווײַכן קאָלנער האָט דערמאָנט אין דעם פֿריערדיקן חסידישן הילוך...

# 6

ווען עוזר־העשל האָט הדסהן דערציילט, אַז ער וויל אַוועק אין דער שווייץ שטודירן, איז זי געוואָרן פֿריער בלאַס און דערנאָך רויט. די אויגן זײַנען איר געוואָרן פֿייכט.

— נעמט מיך מיט — האָט זי געזאָגט. — כ׳קאָן דאָ מער נישט אויסהאַלטן!

די רויטקייט האָט לאַנג דערנאָך געגליט אין אירע באַקן, אין די אויערן־לעפּלעך. זי איז געזעסן אַקעגן עוזר־העשלען אויף אַ ברעג שטול, אין זשאַקעטל און אין בערעט, און די שמאָלע הענט אין די שוואַרצע זאַמשענע הענטשקעס האָבן זיך געשפּילט מיט דעם בלעכענעם אַש־בעכערל. זי האָט יעדעס מאָל געטאָן אויף אים אַ קוק און צוריק אַראָפּגעלאָזט די וויעס. די קאָלירן אין איר פּנים האָבן זיך געהאַלטן אין איין בײַטן. עוזר־העשלען האָט זיך געדוכט, אַז זי איז אין די פּאָר טעג געוואָרן עלטער און רײַפֿער. זי האָט מיט אַ ציטערדיק קול גערעדט וועגן דעם, אַז זי קאָן מער נישט בלײַבן אין דער היים; אַז פּאַפּאַ איז געוואָרן זייער ווילד, מאַמאַ איז אַריבער אויף דעם זיידעשיס צד; אַז אַלע אין דער משפּחה מישן זיך אַרײַן: פֿעטערס, מומעס, קוזינעס, די שטיף־באָבע און אַפֿילו קאָפּל משרת. וועגן דער קאָנדיציע, וואָס זי האָט געזאָלט אָננעמען, האָט זי דערמאָנט, אַז די פֿרוי האָט פֿאַרלאַנגט פֿון איר נישט בלויז אַכטונג צו געבן אויפֿן קינד, נאָר אויך צו וואַשן וועש... זי האָט אַ זאָג געטאָן צו עוזר־העשלען:

— איר פֿאָרט טאַקע, אָדער ס׳איז אַ פֿאַנטאַזיע?

— מיט אײַך וואָלט איך געפֿאָרן אַפֿילו הײַנט — —

— אָך, איר׳ט ערשט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און איר רעדט שוין אַזוי — —

— כ׳מיין דאָס אינגאַנצן אמת.

און די לינקע קני האָט אים גענומען ציטערן.

— מ׳דאַרף דאָך אַ פּאַס.

— מ׳קאָן פֿאָרן אַזוי אויך.

— ס׳איז עפּעס אַזוי, כ׳ווייס אַליין נישט — האָט הדסה גענומען רעדן אויף פּויליש. — אַלע אין שטוב זײַנען בייז: דער טאַטוש, מאַ, אַפֿילו שׂפֿרה, די דינסט. מ׳לאָזט מיך צומאָל נישט לייענען אַ ביכל. קיינער קאָן מיך נישט צווינגען צו נעמען עמעצן, וואָס כ׳וויל נישט. שוין בעסער שטאַרבן.

— אַז איר׳ט זאָגן ניין, וועט זײַן ניין.

— איר קאָנט מיר זאָגן דו... זיי ווילן מיך אויסמאַטערן. כ׳האָב שוין געטראַכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

— זאָל גאָט אָפּהיטן!...

— איר׳ט אַליין דעמאָלט געזאָגט, אַז ס׳איז די העכסטע טאַט, צו וואָס דער אינטעלעקט קאָן זיך דערהויבן.

— כ׳האָב נישט געמיינט איך...

— כ׳בין נישט אַזאַ אָפּגעשראָקענע. ווען כ׳בין געווען אין אָטוואָצק, האָב איך שלום געמאַכט מיטן טויט. זינט דעמאָלט בין איך גרייט אויף אַלץ.

— איך אויך.

— נו, זיינען מיר צוויי אַוואַנטוריסטן...

דער גוי איז אַריינגעקומען פֿון קיך. ווען ער האָט דערזען ביים דעם טיש אַ מיידל, האָט ער אַנגעשטעלט אַ פּאָר אַרויסגעבאַלטע אויגן. ער האָט זיך געטאָן אַ דריי ביי אַ וואָנסע.

— מיט וואָס קאָן איך דער פּאַני דינען?

— כ׳וויס אַליין נישט. ס׳איז דאָ אַזוי קאַלט.

— זאָל די פּאַני נעמען אַ הייסע זופּ. ס׳איז ערשט פֿאַרטיק געוואָרן. פּאָמידאָרן מיט רייז.

— נו, זאָל זיין.

— פֿאַרן פּאַן אויך? — האָט ער זיך געווענדט צו עוזר־העשלען.

— ניין, אַ דאַנק.

און דער גוי איז אַרויס.

— אַלץ האָט זיך עפּעס אַזוי איבערגעדרייט — האָט הדסה געזאָגט. — כ׳קוק אויף איך און דערקאָן איך נישט.

— איך דערקאָן מיך אַליין אויך נישט.

— איר זענט אַזאַ מאָדנער. איר האָט אַ סך פּנימער. כ׳מיין עס נישט אין שלעכטן זין.

— יאָ, כ׳פֿאַרשטיי.

— איר האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען ביי קלאַניען און ביי איר מוטער.

— איר זענט שוין געווען אויבן?

— יאָ, כ׳בין געקומען באַלד נאָך איך. כ׳בין היינט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. די נאַכט פֿריער אויך נישט. כ׳האָב צוויי מאָל טעלעפֿאָנירט, נאָר איר זענט נישט געווען אין דער היים.

— כ׳האָב איך שוין דערציילט: דער גינעס מאַן איז געקומען. איך האָב די נאַכט געגנעכטיקט ביי אַבראַמען.

— יאָ, יאָ. ס׳איז עפּעס אַלץ אַזוי פֿאַרוויקלט. די מומע חמא איז אַוועק צום זיידעשי. איר האָט געזען סטעפֿען?

— יאָ.

— זי געפֿעלט איך?

— זי געראָט אַריין אין איר פֿאָטער.

— יאָ, ריכטיק. כ׳האָב געהערט, אַז איר׳ט טעלעפֿאָנירט און מאַמאַ האָט

איך אָנגעזאָגט, מער נישט צו קלינגען. דאָס האָט מיך אַזוי פֿאַרדראָסן, אַז כ׳האָב געוויינט. שׂפֿרה האָט מיר דערציילט.

— ס׳איז נישט אייער שולד.

— זאָגט מיר דו. אויב מיר וועלן פֿאָרן אין דער שווייץ, וועלן מיר מוזן זיין היימיש.

— הויבט איר אָן פֿריער.

— ס׳לייגט זיך מיר עפּעס נישט אויף דער צונג. דאָס צווישן אונדז איז איבערהויפּט אַזוי מאָדנע.

— יאָ, אמת.

— אַז כ׳זע אייך נישט, טראַכט איך וועגן אייך. כ׳מוז טראַכטן. ווי איר וואָלט מיך היפּנאָטיזירט.

— ס׳איז דערפֿאַר, ווייל איך טראַכט אויך. טאָג און נאַכט.

— אייערע ווערטער רופֿן זיך אָפּ ערשט שפּעטער, ווען כ׳קאָן אייך מער נישט ענטפֿערן — —

דער אייגנטימער איז אַריינגעקומען און באַדעכטיק אַוועקגעשטעלט אַ טעלער רויטע זופּ. עס זיינען געלעגן אין איר שטיקער צעקאָכטע פּאָמידאָרן. ער האָט זיך געקווענקלט אַ ווייל, ווי עפּעס צו זאָגן, און איז אַוועק. הדסה האָט אָנגענומען דעם לעפֿל.

— וואָס ווילט איר שטודירן אין דער שווייץ ?

— מאַטעמאַטיק. אפֿשר אויך אַסטראָנאָמיע.

— כ׳האָב געמיינט פֿילאָזאָפֿיע.

— די פֿילאָזאָפֿן ווייסן גאָרנישט. מ׳מוז אָנהויבן אַלץ פֿונסניי.

— מיך אינטערעסירט ביאָלאָגיע. כ׳האָב ליב צו קוקן אין מיקראָסקאָפּ. פּאַפּאַ וואָלט זיך נאָך אַ ווייל איבערגעבעטן. זיי וואָלטן מיר עפּעס געשיקט.

— יאָ, כ׳בין זיכער.

— וויפֿל קאָסט די רייזע ?

— כ׳גלויב, ווייניקער ווי פֿופֿציק רובל. פֿינף און צוואַנציק האָב איך שוין. כ׳האָב עס אַוועקגעבאָרגט, נאָר כ׳על עס צוריקקריגן.

— וועמען ? דאָס איז נישט וויכטיק. איך האָב צוויי בריליאַנטענע פֿינ־גערלעך און אַ גאָלדן זייגערל. ס׳איז ווערט אַ פּאָר הונדערט רובל —

— איר מיינט עס דען ערנסט ? מ׳עט אייך נישט לאָזן פֿאָרן.

— קיינער וועט נישט וויסן. ווען נישט, מוז איך ווערן אַ כּלה מיט דעם — — —

זי האָט אָנגענומען אַ ביסל זופּ, צוגעלייגט צו די ליפּן און זי צוריק אַריינ־געגאָסן אין טעלער.

— די זופּ איז נישט גוט ?

— יאָ. כ׳האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז אַ טאָג וועט קומען, ווען כ׳וועל אַלץ איבערלאָזן. כ׳דריי מיך אַרום אין שטוב ווי אויף אַ שיף. אַנומלט האָט זיך

מיר געחלומט, אַז איר זענט אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ באַן. ס׳איז געווען אַ לאַנגער וואַגאָן מיט פֿאָרהענגלעך. איך בין נאָכגעלאָפֿן, נאָר ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט.

— איר׳ט זיך מיר אויך געחלומט — האָט ער געזאָגט אַ ליגן. — מיר זיינען געווען צוזאַמען אויף אַן אינדזל. נעבן אַ וואַסער. מיר זיינען געלעגן אין גראָז און איר׳ט מיר פֿאָרגעלייענט אַ בוך.

—ווירקלעך? ווען? כ׳האָב אַלעמאָל געטרוימט וועגן אַן אינדזל. ווען כ׳בין נאָך געווען אין דריטן קלאַס...

זי האָט אַ פֿאַרבייס געטאָן די ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די נאָז־פֿליגל האָבן געציטערט. עפּעס קינדישס און שיקסישס איז געווען אין אירע בלויע אויגן. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און איז באַלד געוואָרן ערנסט. אַן אייג־ציק חן־גריבל האָט זיך געשפּילט אין דער לינקער באַק. קעגן דער שיין פֿון דער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך דער פֿאַרשטויבטער טיר, האָבן די האָר אונטערן בערעט אָפּגעלויכטן ווי צעשמאָלצן גאָלד. ווי קום איך צו איר? — האָט עוזר־העשל געטראַכט. — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מיר ביידע זיצן דאָ צוזאַמען? ס׳איז עפּעס אַלץ ווי אַ נס. ער האָט אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן עפּעס צו זאָגן, נאָר אין דער רגע האָט זיך די טיר אויפֿגעפּראַלט און אַבראַם איז אַריין. ער איז אַריינגעפֿאַלן מיט אַ סאָפּעניש, אַ טופּעניש מיט די פֿיס. די פּאַפּאַכע איז געווען פֿאַררוקט, אין מויל האָט געשטעקט אַ ציגאַר. ער האָט נאָר וואָס געהאַט געבאָרגט ביי זאָשען די פֿופֿציק רובל. אַ ווייל איז ער גע־בליבן שטיין ביי דער שוועל און אָנגעקוקט דאָס פּאָרל אַ פֿאַרחידושטער. דער־נאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— געוואַלד, די וועלט קערט זיך איבער און זיי זיצן זיך ווי טייבעלעך! קוקט זיי אָן! ראָמעאָ און יוליאַ! אַ שלאַכטשיץ פֿון דער מאָמעס בויך! אַ פּאַ־ניטש און אַ פּאַניענקאַ!... איז מיין נאָמען נישט אַבראַם!...

עוזר־העשל איז געוואָרן פֿייערדיק רויט און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צו באַהאַלטן ערגעץ די וואורשטלעך. הדסה האָט שיער נישט איבערגעקערט דעם טעלער זופּ.

— פּעטערל!...

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אים אַקעגנגעגאַנגען. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס און זיך מיט איר געקושט. דעם ציגאַר האָט ער פֿריער אויסגעשפּיגן. ער איז געוואָרן רויט. די באָרד איז געווען פֿול מיט אַש. ער האָט זי אָפּגעשטופּט און געגוואַלדעוועט:

— לאָמיך איך זי נאָר אָנקוקן, די מעצאָצע! די פֿאַרלוירענע בת־מלכּה! די פֿאַרכישופֿטע פּרינצעסין!... דיין מאַמע לויפֿט אַרום ווי משוגע! זי מיינט, ליגסט שוין ערגעץ אין ווייסל. דו זאָלסט איר שוין אָנקלינגען, דו הערסט, צי ניין? די מינוט!...

— ס׳איז דאָ נישטאָ קיין טעלעפֿאָן.

— איכ׳ל אַליין אָנקלינגען. ס׳איז דאָ נישט וויַיט אַן אַפּטייק. און אַז אַ

טאַטע־שמאַטע גיט אַ פּאָר פּעטש, איז וואָס? מיין פֿאָטער, עליו השלום, האָט מיך שיער נישט דערהרגעט. ר'איז געווען גערעכט אויך!...

— מאַ איז שוין געווען ביי קלאַניען. זי ווייסט, אַז כ'האָב דאָ גענעכטיקט.

— דאָס איז ניש' קאַ' תירוץ! אָוואַ־וואַ! אַבי איך, אָקס, מיין, אַז איך בין דער אָוואַנטוריסט. ס'וואַקסט אַ דור, וואָס איז אינגאַנצן ווילד. לית דין ולית דיין! הפֿקר פּיעטרישקע!

עוזר־העשל האָט אַ כאַפּ געטאָן די וואורשטלעך און זיי אַראָפּגעוואָרפֿן אויפֿן דיל. די קאַץ, וואָס איז געזעסן אַקעגנאיבער, האָט דאָס גלייך דערזען מיט אירע אַגרעס־אויגן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דעם בענקל. דערהערט די געשרייען, איז דער גוי אַריינגעקומען.

— זאָל זיך דער פּאַן נישט דערשרעקן! — האָט אַבראַם צו אים גערופֿן.

— דאָס זיינען מיינע קינדער. איך וויל דעם רעכענונג! איכ'ל באַצאָלן!

ער האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון זאַמשענעם טייסטער אַ זילבערנעם רובל און אַ וואָרף געטאָן אויף אַ טישל. דער גוי האָט אַ רייב געטאָן דעם קורצן שטערן. אַזוי איז אַלעמאָל געווען: ווי נאָר עס איז אַריין איין ייד, האָט ער באַלד נאָכגעצויגן נאָך זיך אַ כאַפּטע אַנדערע, און עס איז געוואָרן אַ רויש און אַ סומאַטאָכע. דער טעלער זופּ איז געשטאַנען נישט גערירט. די קאַץ האָט געפֿרעסן די וואורשטלעך. אַ באַנדע לצים זיינען זיי, די קורץ־געקליידטע יידן, שרעטעלעך, אַנטי־קריסטן, מאַסאָנען, טומל־קעפּ. די „דוואַ גראָשי" איז גערעכט: דאָס געזעמל וועט אויפֿפֿרעסן פּוילן ווי אַ היישעריק. זיי זיינען ערגערע שונאים פֿון פּוילישן פֿאָלק ווי די מאָסקאַלעס און די שוואַבן... ער האָט געוואָלט זאָגן אַ בייז וואָרט, אָבער נאָך אַ קווענקלעניש האָט ער אָפּגעפּאַסט ביי זיך צו שווייגן. דער שוואַרצער פּאַרשוין מיט די פֿייערדיקע אויגן, אין דער פּאַפּאַכע און מיט דער באָרד, האָט אויסגעזען צו זיין איינער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע.

ער האָט אַבראַמען אַ רעשט געגעבן אַכציק קאָפּיקעס. אַבראַם האָט אים דערלאַנגט אַ קופּערנעם צענער.

— דאָס איז ביר־געלט! — האָט ער געשריגן. — אויף ווידערזען! צום געזונט!...

## 7

ווען הדסה האָט געזאָגט אַבראַמען, אַז זי וויל אָוועק אין דער שווייץ און אַז עוזר־העשל פֿאָרט אויך אַהין, האָט ער זי אָנגעקוקט אַ פֿאַרווירטער מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן. דאָס איז דאָך גאָר געווען מיין פּלאַן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — פֿון וואַנען זשע ווייסן זיי דאָס שוין? ער האָט נישט געדענקט ער זאָל האָבן דערמאָנט וועגן דעם. דאָס איז טעלעפּאַטיע — האָט ער אַ קלער געטאָן. — די אידעע איז, אַפּנים, געווען אין דער לופֿט. מעסינגער איז גערעכט: דער געדאַנק האָט אַ מאַגנעטישע קראַפֿט... ס'איז געווען אַ מינוט ווען ער האָט געוואָלט זיך אַ וואָרף טאָן אויף דעם מיידל, זי קושן, שרייען, אַז זי איז קלוג, וואונדערבאָר, גרויס, פּרעכטיק. אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס'איז

גלייכער פֿאַר אים נישט צו נעמען אויף זיך די אַחריות. וואָס ס׳זאָל נישט טרעפֿן, וועט ער זיין דער שולדיקער. ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— דאָס איז גאָרנישט אַזוי איינפֿאַך.

— עוזר־העשל האָט געזאָגט, אַז ס׳דאַרף קאָסטן פֿופֿציק רובל. מ׳דאַרף ניש׳ קאַ׳ פּאַס.

— נו, און וואָס וועסטו טאָן דאָרט? אין דער שווייץ דאַרף מען אויך קייען!

— כ׳על עפּעס פֿאַרדינען. פּאַפּאַ וועט שיקן.

— און אַז נישט, וואָס וועסטו אים טאָן? רופֿן קנאַקניסל?

— ער׳ט יאָ שיקן.

— נו, מאַ, טו ווי דו פֿאַרשטייסט. ביסט שוין ניש׳ קאַ׳ מלופּים־קינד. מיין מאַמע אין דיין עלטער האָט שוין געהאַט דריי עופּעלעך.

אַבראַם און הדסה האָבן זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק אויף דער גאַס, נעבן דעם גויישן רעסטאָראַן. עוזר־העשל איז געהאַט אַוועק זיך קויפֿן אַ קראַוואַט. אַבראַם האָט געטענהט, אַז איצט, ווען ער איז קורץ־געקליידט, פּאַסט אים מער נישט דאָס חסידישע שוואַרץ־זיידענע שניפּסל, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטיקל טאָוול. אַבראַם האָט גענומען האַסטיק רויכערן זיין ציגאַר.

— אַזוי איז די מעשה! מ׳טוט איבער מיין קאָפּ — האָט ער גערעדט. — איר׳ט שוין צייט געהאַט זיך צונויפֿצורעדן?

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

— מאַך ניש׳ קאַ׳ געאײלטן שריט. דער בחור האָט גאָרנישט וואָס צו פֿאַר־לירן. די שעה זאָל נישט זיין, ווערסט נישט געזונט, ביסטו איינע אַליין. כאָטש, צוריקגעשמועסט, די לופֿט אין דער שווייץ איז אַ גוטע. מ׳שיקט אַהין פֿון אַלע לענדער —

— דער פֿעטער זעט!

— אָבער ווי אַזוי? ווען? וואָס הייסט עפּעס, אַ כלה־מיידל, אַ באַלעבאַטיש קינד, הויבט זיך אויף כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ און אַנטלויפֿט? דיין זיידע וואָלט מענטשן געהרגעט. דיין מאַמע וועט, חלילה, פֿון זינען אַראָפּ. דער גזשיבאָוו וועט גיין אויף רעדער. כ׳על דיך עפּעס בעטן: דערצייל מיר גאָרנישט. כ׳האָב גאָרנישט געהערט. כ׳בין, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, טויבלעך אויפֿן לינקן אויער... אָן אַנדער מעשה איז, אַז איך פֿאָר אויך קאַ׳ן אויסלאַנד. אויב וועסט דאָרט זיין, וועלן מיר זיך מערטשישעם זעען אין פֿריידן.

הדסהס פּנים האָט אויפֿגעלויכטן.

— ווען? וואו? דער פֿעטער שפּאַסט!

— וואָס איז די חכמה? פֿאָרן קאַ׳ן אויסלאַנד קאָן אַ פֿערד אויך. כ׳האָב דיר, דוכט זיך, דערציילט וועגן דעם זשורנאַל. הערץ יאַנאָווער איז דער רע־דאַקטאָר. איך בין דירעקטאָר. מ׳דאַרף שאַפֿן פֿופֿציק טויזנט רובל. איכ׳ל צופֿאָרן אין דער שווייץ אויך!

הדסה האָט גענומען טאַנצן אין מיטן טראָטואַר.

— טאָקע אמת? אוי, דאָס וואָלט געווען שיין. וואָלסט געוואוינט ביי מיר.

— מזל־טוב! כ׳בין שוין באַזאָרגט מיט אַן אַכסניא! קוק זי אָן: מ׳רעדט איר

שידוכים, זי פֿירט ליבעס, און ס׳שפּרינגט ווי אַ קאַלב. וואָס, מיינסטו, איז די שווייץ? הימל, ערד און הייזער!

— אוי, ס׳איז מיר שוין דאָ אַזוי נמאס. די מאַמעשי — — טאָג און נאַכט מיט דעם פֿישעלען — — — ס׳קריכט מיר שוין פֿון האַלדז. צווייטנס, כ׳וויל שטודירן. דאָרט קאָן אַ מיידל ווערן אַ דאָקטאָרין.

— און וואָס, מיינסטו, טוט אַ דאָקטאָרין? זי מאַכט אַן אַלטן ייד אַ קאַנע... נאָר מיינסטאַלבן, ווילסט לויפֿן, לויף. וואָס איז מיט דעם עוזר־העשלען? וואָס וועט איר דאָרט זיין? חתן־כּלה? מאַן־און־ווייב?

— וואָס דאַרפֿן מיר זיין? מיר וועלן ביידע שטודירן. שפּעטער וועלן מיר זען.

— ווען שפּעטער? ווערן אַ דאָקטאָר דויערט זיבן יאָר.

— נו, איז וואָס? מיר זיינען נאָך נישט אַזוי אַלט.

— קינדער! צוציקעס! אסור זאָל מיר זיין צי כ׳פֿאַרשטיי איך. אָדער עץ זענט טאַקע אַזוי יונג, אָבער איך בין שוין אַזוי אַלט. אַן אויסטערליש דור אויסגעוואַקסן. כ׳הויב נישט אָן צו וויסן וואו כ׳בין אין דער וועלט!

— פֿעטערל, כ׳האָב דיך ליב. אויב כ׳על בענקען, איז נאָר נאָך דער מאַ און דיר!

— דו׳סט בענקען און איך בענק שוין. וואָס הייסט עפּעס: וועסט אַוועק? פשוט־פשט איבערלאָזן וואַרשע און מאַכן פליטה? ס׳לייגט זיך מיר עפּעס נישט אויפֿן שכל. כ׳פֿאַרשטיי, מ׳פֿאָרט אַוועק אויף אַ פּאָר חדשים אין וואַרעם־באָד, אָדער ווייסעך־וואו. אָבער ווי אַזוי לאָזט מען עפּעס איבער פּוילן, וואַרשע, די היים, די משפּחה, און מ׳פֿליט אַוועק?

— כ׳קאָן דאָ מער נישט אויסהאַלטן — — —

— נו, לויף! האָב אַ גוטן שליט־וועגס. זיי געזונט, שרייב אַ קאַרטל. דער עוזר־העשל איז אַ שטיל וואַסערל, נאָר ער גראָבט טיף, אַווא־וואַ! ס׳טוט מיר שוין באַנג וואָס כ׳האָב מיט אים אָנגעהויבן!

— האָסט דאָך אים אַליין געלויבט. האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער איז...

— דיין זיידע האָט עס כּשר פֿאַרדינט. זאָל ער נישט מיינען, אַז ער און קאָפּל משרת זיינען צוזאַמען דער רבונו של עולם! אין תּוך ביסטו גאַנץ גערעכט. מ׳שלעפּט ניש׳ קאַ׳ מיידל צו דער חופּה. פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטיי איך נישט ווי מ׳איז אַזוי לייכטזיניק. אַפֿילו אַ פֿייגעלע קומט צוריק צו דער נעסט.

— איכ׳ל אויך צוריקקומען. אַז כ׳על ענדיקן.

— פֿאָלג מיך אַ גאַנג. איי, יוגנט, יוגנט! וועסט דיר אָפּזענקען די פֿליגל, איר׳ט איך ביידע אָפּבריען, נאָר מיין כּפּרה זענט עץ! פֿרעג מיך ניש׳ קאָ׳ן עצות. כ׳ווייס פֿון גאָרנישט. מ׳עט סיי־ווי אַרויפֿלייגן די שולד אויף מיר. איך בין דער אייביקער שעיר לעזאזל!...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האַלבן ציגאַר, געטאָן אַ לעצטן צי און אים אַריינגעוואָרפֿן אין רינשטאָק. אַ ווייל האָט ער גענומען לויפֿן. ער האָט דערזען פֿונדערווייטנס אַ בלינדן גוי מיט אַ האַרמאָניקע. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון קעשענע אַ מטבע און אים אַריינגעוואָרפֿן אין היטל אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אומגע־

קערט. דאָס פּוטער איז געווען צעקנעפּלט, די פּאַפּאַכע — פֿאַררוקט. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו הדסהן:

— ווען־זשע פֿאָרסטו? לאָמיר זיך געזעגענען!

— כ׳פֿאָר נאָך נישט. דער פּעטער איז היינט אַזוי סאַרקאַסטיש.

— וואו איז דער בחור? וואָס קלויבט ער זיך אַזוי לאַנג דעם קראַוואַט? אַ שיינער יושר. כ׳קלייד אים אויס, כ׳פּוץ אים אויס, און ער אַנטלויפֿט מיט מיין פּלימעניצע. טאַקע גאָר ווי ביי שעקספּירן. איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת: מיין סטעפֿען וואָלט איך אים נישט געטרויט.

— כ׳פֿאַרשטיי נישט וואָס דער פּעטער וויל.

— ער איז אַן אַוואַנטוריסט, אַ הפקר־מענטש. כ׳זאָג עס נישט לגנאי, נאָר אַזוי איז עס! נעכטן איז ער אַנטלאָפֿן פֿון דעם שטעטל, היינט — פֿון וואַרשע, מאָרגן וועט ער אַנטלויפֿן פֿון ווייב. כ׳בין אַליין אויך אַזויגער, פֿונדעסטוועגן וויל איך נישט, אַז מיין בלוט־און־פֿלייש זאָל ליידן!

— קיינער קאָן פֿון מיר נישט אַנטלויפֿן!

— מ׳האָט שוין געזען אַזוינע שטאָלצע פּאַניענקעס. אַז מ׳האָט חתונה און מ׳האָט אַ ממזר, איז מען אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

— איכ׳ל קיינמאָל ניש׳ חתונה האָבן.

— האַ? וואָס־זשע? וועסט פֿירן אַ פֿרייע ליבע?

— די הייראַט איז אַ פֿאַלשע אינסטיטוציע.

— וואו האָסטו דאָס געלייענט? ביי אַרציבאַשעוון?

— אַלץ איינס.

— ווי געוואַלד, וואָס די פּאָר נאַרישע ביכלעך האָבן אָפּגעטאָן! כ׳על דיר זאָגן דעם אמת: מיר דוכט זיך, אַז דו מאַכסט אויס מיר חוזק.

— קיין שום חוזק.

— וואָס ביסטו? אַ ציציליסטין? אַ ניהיליסטין? דאַכעס פּרי!...

— פֿאַרן פּעטער בין איך אַ קינד, נאָר כ׳האָב מיינע געדאַנקען.

— וואָסערע געדאַנקען? כ׳וויל אויך וויסן!

— דער פּעטער ווייסט. דער פּעטער איז אַ היפּאָקריט.

— האַ? יאָ, ביסט גערעכט. כ׳האָב מורא, אַז כ׳בין פּשוט אייפּערזיכטיק.

— זאָל דער פּעטער אויפֿהערן!

— כ׳בין, דוכט זיך, אַ דאָן־זשואַן, אַ לאַוועלאַס, אַ כ׳ווייס־ניש׳־וועד, נאָר גלויב מיר, אַז כ׳האָב אַלע יאָרן געבענקט נאָך ליבע. דיין מומע חמא איז אַ קנאַפּע אַמאַנטקע. כ׳האָב געהאַט אַלערליי אַוואַנטורעס, נאָר דאָ־אָ (אַבראַם האָט אָנגעוויזן אויף דער לינקער זייט ברוסט) איז געבליבן הויל. אַזאַ איינע ווי דו האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. מיטאַמאָל קומט צו פֿאָרן אַ שוואַרץ־יאָר פֿון קליין־טערעשפּאָל, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק, און לויפֿסט מיט אים וואו די אויגן טראָגן.

— כ׳וואָלט סיי־ווי אַוועק. מיר ווייסן נאָך גאָרנישט. ער איז גלאַט אַזוי אַ פֿריינד.

— כ׳האָב שוין געהערט דעם פּזמון ווען כ׳בין געווען אַ קליין מיידל.

— כ׳פאר שטודירן.

— נו, געגוג. כ׳קאן מיך אויף אים נישט דערוואַרטן! כ׳מוז נאך היינט זיין אויף טויזנט ערטער. כ׳וויל מיך נישט מישן אין דער גאנצער זאך. נאדיר דעם שליסל. זאג אים, דעם העלד דיינעם, אז ווי לאנג עקיבא, דער שלים־מזל, איז ביי גינען, קאן ער נעכטיקן ביי מיר. זיי מיר מוחל, כ׳האב זיך אביסל דערשראקן. ס׳נעמט זיך גאר דערפון וואס מיין הארץ איז נישט אין אָרדענונג!

— דער פעטער דאַרף אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר, דער פעטער טאָר נישט אַזוי אַרומלויפן.

— נו, הויבט זיך אָן אַ מעשה! כ׳לויף שוין אַזוי דרייסיק יאָר. אויפהערן אין מיטן דערינען קאָן מען נישט. אַ מענטש איז געגליכן צו אַ שנעל־צוג. קלינג מיר אָן היינט ביינאַכט, אָדער מאָרגן אין דער פרי.

— יאָ, פעניערל, כ׳האָב דיך ליב. אויב כ׳בלייב דאָ, מוז איך ווערן אַ כלה מיט דעם פישעלע׳ען — —

— דאָס האָב איך גאָר פאַרגעסן. קום אַהער, לאָמיך איך דיר טאָן אַ קוש! ס׳בעסטע וואָלט געווען ווען דיין זיידע מאַכט צו אָן אויג...

— פע, שעמען מעגסטו דיך!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פינגער־שפיצן און אים געטאָן צוויי קוש, אין ביידע באַקן. ער האָט זי אַרומגענומען און צוריקגעקושט. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפיל: ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט איר אויף אַלעמאָל. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אין דער רגע איז אָנגעפאָרן אַ דראָשקע. אַבראַם האָט זיך אָפּגעריסן פון הדסהן און איז איינגעשטיגן. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען אַ נעפּל. ער האָט געפאָכעט מיט דער האַנט און דערביי געזאָגט דעם פורמאַן אידאַס אַדרעס. וואָס טוט זיך היינט מיט מיר? — האָט ער געטראַכט. — כ׳זאָל נאָר נישט קריגן קיין אַטאַקע. ווער ווייסט? מאָרגן אין דער צייט קאָן מען מיך שוין פירן אין אַן עגלה... כ׳האָב נאָך געדאַרפט אויף דעם עולם אַראָפּפירן הדסהן פון דרך־הישר. דערמיט האָב איך, משטיינסגעזאָגט, אויסגעפירט מיין שליחות... ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ שקעטעלע מיט פּילן און אַראָפּגעשלונגען צוויי מיט אַ מאָל. דערנאָך האָט ער געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן ביי אַ געוועלב פון בלומען. ער האָט געקויפט אַ בוקעט רויזן פאַר אידאַן און אַ בינטל געלע בלימעלעך פאַר זאָשען. זי האָט אים ערשט געהאַט געבאָרגט פופציק רובל. אידאַ איז פריער נישט געווען אין דער היים. ער האָט געהאַט בדעה צו בלייבן דאָרט דעם גאַנצן טאָג. ער האָט איצט געהאַט חשק סיי צו עסן, סיי צו שלאָפן, סיי צו פאַרברענגען מיט זאָשען. זאָל זיין וואָס ס׳וויל — האָט ער געטראַכט. — צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט. אויב ס׳איז דאָ אַ גיהנום, וועט מען שמייסן וואו די יידן האָבן גערוט, און אויב אַלץ איז הפקר, איז אוודאי וואויל. די העכערע קרעפטן אַרט, אַפּנים, גאָרנישט. זיי איז אַלץ איינס צי חמאַ, צי אידאַ, צי זאָשע. זייערסטאַלבן קאָן הדסה חתונה האָבן מיט פישעלען, אָדער זיך לאָזן פאַרפירן פון דעם עוזר־העשלען. ווי לאַנג ס׳האַרץ קלאַפּט, לויפט מען.

שטעלט זיך עס אָפּ, איז אויך נישט קאָ׳ לאָך אין הימל. די ווערימלעך מאַכן אַ סעודה... אל מלך, קאַטשקע דריי דיך, משה יוקל, טריינע פּוקל...

מיט אַזעלכע מחשבות איז אַבראַם צוגעפֿאָרן צו אידאַס הויז. דער סטרוזש האָט אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט אַריין אין טויער מִיט ביידע בוקעטן. אַ גויע מיט אַ שאַל, און מיט אַ טעפּל געקעכטס אין האַנט, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי, אַ קריסטלעכע נשמה, האָט געדאַרפֿט גיין צו־פֿוס פֿון דאַנען קיין פּעל־צעוויזנע, וואו איר מאַן האָט געאַרבעט, און די נישט־גלויביקע יידן זיינען אַרומגעפֿאָרן אויף דראָשקעס און געטראָגן בלומען צו הורן...

ער איז אַרויף מיט די טרעפּ און מיטן עלנבויגן אַ קוועטש געטאָן ס׳גלעקל. זאָשע האָט אים געעפֿנט. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אין אַן אויסגעהאָפֿטן שירצל, אין אַ ווייסער בלוזע און אין אַ סקאָטיש קליידל. אויף די פֿיס האָט זי געטראָגן ברוינע שיך, מיט הויכע כאָלעוועס איבער די ברייטע ליטקעס. אַבראַם האָט איר דערלאַנגט ביידע בוקעטן.

— דיין מאַדאַם איז שוין דאָ?

— נאָך נישט...

ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זיך לאַנג מיט איר געקושט.

— ווײ געוואַלד, ביסט אַ טייערע שיקסע! — האָט ער געזאָגט צו איר אויף יידיש. — האָסט אַ זיסן פּיסק. טעם גן־עדן!...

— וואָס רעדט דער פּאַן? וואָס טוט דער פּאַן?

— שווייג, ערלית, כ׳האָב דיך ליב. אַ כפּרה זאָלסטו זיין פֿאַר כל־ישראל! און ער האָט פֿונסניי זיך מיט איר צעקושט.

## 8

עוזר־העשל און הדסה האָבן נישט גענומען נישט קיין דראָשקע און נישט קיין טראַמוויי. זיי האָבן זיך געלאָזט קיין וואַרשע צופֿוס. פֿריער זיינען זיי געגאַנגען איבער דער פּראַגער בריק. די ווייסל איז געלעגן אַ פֿאַרפֿרוירענע, באַדעקט מיט שניי. ערגעץ ווייט איז געקראָכן איבערן אייז אַ קליין מענטשל און ס׳איז שווער געווען צו דערקענען צי עס איז אַ דערוואַקסענער, אָדער אַ ייִנגל. רעכטס האָט מען געזען פֿון דאַנען נאָך אַ בריק און ס׳האָט זיך געצויגן איבער איר אַ לאַנגע באַן מיט רויטע לאַסט־וואַגאָנען. פֿייגל זיינען געפֿלויגן מיט אַ קראַקעריי. די לופֿט האָט געשמעקט מיט רויך און ערב־פֿרילינג. די פֿאַרצייטיקע הייזער אויף דער וואַרשעווער זייט האָבן אַריבערגעקוקט מיט זייערע קרומע דעכער, טורעמ־לעך, גאַניקעס, שפּיצן, געדיכטע שורות פֿענסטער, וואָס די זון האָט זיך אין זיי געשפּיגלט דאָ ווייס, ווי בליי, דאָ געל, ווי גאָלד. פֿון קוימענס זיינען אויפֿגע־גאַנגען רויכעס. מחנות טויבן האָבן געקרייזט, געוואָרן דאָ קליין, דאָ גרויס, געהאַלטן אין איין בייטן די קאָלירן. הדסהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זעט דאָס אַלץ צום ערשטן מאָל, אַ שטייגער נישט ער, עוזר־העשל, וואָלט געווען

דער פּראָווינצער, נאָר זי, הדסה, וואָלט געקומען אַהער פֿון אַ קליין שטעטל, און ער ווייזט איר די שיינקייטן פֿון וואַרשע...

דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט בלאָנדזשען איבער אַלט־שטאָט. הדסה איז פֿאַרביי געסלעך, וואו זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. דער טראָטואַר איז דאָ געווען אַזוי שמאָל, אַז אַ פּאָרל האָט קוים געקאָנט שפּאַצירן. אויפֿן ברוק, געפֿלאַסטערט מיט אויסגעריבענע שטיינער, איז נישט געווען גענוג אָרט פֿאַר אַ פֿערד־און־וואָגן. וואַסער האָט מען דאָ נאָך געפּאָמפּעט פֿון פּלומפּן. די געוועלבן האָבן געהאַט אייזערנע טירן. אין די מויערן זיינען געזעסן בלינדע פֿענסטער, ברייטע רינעס, האַלב־אָפּגעמעקטע געמעלעכצער. פֿון לעכער אין די ציגל זיינען אַרויסגעפֿלויגן פֿייגעלעך. ביי לאַמטערן זיינען אין מיטן העלן טאָג געשטאַנען גאַסן־מיידלעך. עוזר־העשל און הדסה זיינען געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס און באַלד ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

ווען מיר קאָנען שוין אַזוי בלייבן צוזאַמען אויף אייביק! — האָט עוזר־העשל אַ טראַכט געטאָ. געזאָגט האָט ער:

— איר זענט נאָך נישט מיד?

— ניין, ניין. ס'איז זייער אָנגענעם...

ערגעץ אויף דער לאַנגער גאַס, נעבן דער פּרעטע, האָט הדסה פֿאָרגעשלאָגן עוזר־העשלען ער זאָל מיט איר אַריינגיין אין אַ קאַפֿע־הייזל. זיי האָבן ביי אַ קליין טישל, איבערגעצויגן מיט צעראַטע, געגעסן קעז־קוכן און געטרונקען קאַווע. קיין געסט זיינען נישט געווען. דאָס פֿענסטער אין גאַס אַרויס האָט געהאַט קאָלירטע שייבלעך — געלע, גרינע, רויטע, בלויע. אין די קרומע זיילן שטויב, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿון זיי, האָבן געציטערט אַלע פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן. הדסה האָט דערציילט וועגן איר מאַמעשי, דעם זיידעשי, דעם פֿעטער אַבראַם, סטעפֿען, און פֿון איר קוזינע מאַשע, דער מומע לאהס טאָכטער, וואָס כאָטש דער פֿאָטער אירער, דער פֿעטער ר' משה גבריאל, האָט איר געשטערט, האָט זי פֿונדעסטוועגן שטודירט אין גימנאַזיע. זי רעדט נישט מיט איר טאַטעשי — האָט הדסה דערציילט. — שוין אַ סך יאָרן. דער פֿעטער ר' משה גבריאל איז איבערהויפּט אַ פֿרעמדער אין שטוב. אָדער ער זיצט אין שטיבל און לערנט, אָדער ער פֿאָרט אַוועק צום רבין. איז דאָס נישט מאָדנע? קיינער אין דער פֿאַמיליע איז נישט גליקלעך! זי האָט געטאָן אַ שלוק קאַווע און געוואָרפֿן אַ בליק אויף עוזר־העשלען, ווידער געטאָן אַ טרונק און פֿונסניי אים אָנגעקוקט. פֿאַרוואָס קאָן איך אים נישט זאָגן דאָס אַלץ, וואָס איך טראַכט? — האָט זי געקלערט. — וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט האַלט מיך אָפּ? עוזר־העשל איז געזעסן אַ שטיל־שווייגנדיקער, מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. זיין פּנים איז נישט געווען רויט, נאָר ער האָט געשפּירט, אַז יעדע סעקונדע קאָן אים דאָס בלוט אַ זעץ טאָן אין די באַקן, די שלייפֿן, דעם שטערן. וואָס וועט דאָס זיין מיט מיר? — האָט ער זיך געפֿרעגט. — איך מוז מאַכן אַן עק צו דער שעמעוודיקייט! איך וועל צוליב דעם אַלץ פֿאַרלירן!

הדסה האָט אים געפֿרעגט צי די מאַמעשי זיינע ווייסט, אַז ער וויל אַוועקפֿאָרן, און ער האָט גענומען רעדן וועגן קליין־טערעשפּאָל, וועגן זיין זיידן, דער

מוטער, דער שוועסטער. זיין דין מויל האָט געציטערט. ער האָט פֿאַרצויגן די ברעמען, פֿאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. דער אויסדרוק אויף זיין פּנים האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן: אַ ווייל האָט ער אויסגעזען שטרענג, באַלד — טרויעריק און פֿאַרלוירן. זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט שאַרף סיי אויף הדסהן, סיי ערגעץ איבער איר קאָפּ. ער האָט גערעדט אויסטערלישע רייד, וואָס האָבן הדסהן פֿאַרוואונדערט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פֿיינט מענטשן; אַז ער האָט נישט קיין אידעאַלן אויסער דאָס פּערזענלעכע גליק; אַז גאָט אַליין איז אוממאָראַליש. זיינע גוזמאות זיינען געווען פֿול מיט יינגלשן צו־להכעיס. ער האָט יעדעס מאָל געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן האַלדז, ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען. אין מיטן האָט ער זיך אָפּגעהאַקט.

— נו, גענוג געפּלוידערט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — איר מיינט אַוודאי, אַז כ׳בין משוגע.

— ניין, גאָט באַהיט. ס׳איז זייער אינטערעסאַנט.

— כ׳ווייס אַליין, אַז כ׳בין אומגערעכט...

ווען זיי זיינען אַרויס אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופֿאַלן דער פֿאַרנאַכט. זיי זיינען פֿאַרביי די תּפֿיסה ביים עק לאַנגע און נאַלעווקיס, דורכגעגאַנגען די רימאַרסקע, דעם באַנק־פּלאַץ, די פּשעכאָדניע. ביים אַריבערגיין די גאַס האָט זי אים אָנגענומען ביים אַרבל. אים האָט זיך געדוכט, אַז די פֿאַרבייגייער קוקן אויף אים, מ׳טייטלט מיט די פֿינגער. פֿון וואַנען ווייסן זיי, אַז איך האָב ערשט היינט אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש? — איז אים איינגעפֿאַלן. — ווי אַזוי דערקאָנען זיי, אַז איך האָב זי ליב?...

פֿאַרן אייזערנעם טויער האָבן שוין געברענט די עלעקטרישע לאָמפּן. פֿון זאַקסישן גאָרטן האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. טראַמווייען זיינען אָנגעפֿאָרן פֿון אַלע זייטן. אַרום די באַזאָרן האָבן זיך געשטופּט מחנות מענטשן. הדסה האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אים נישט צו פֿאַרלירן אין דעם געדראַנג. כאָטש דער וועג האָט נישט געפֿירט דאָרט־אַרום, זיינען זיי פֿאַרביי די האַלעס, דעם מיראָווסקי פּלאַץ, אַריין אין יאַנאַשאָס הויף. אין דער האַלע, וואו מ׳האָט פֿאַרקויפֿט קנוילן פּוטער, גרויסע שווייצאַר־קעזן, בונטן שוואָמען, טרפֿהנע פֿיש, האָבן די פֿאַרקויפֿערינס אַלע געשריגן. עס האָבן שוין דאָ געברענט די קיילעכיקע לאָמפּן. די קונים האָבן זיך געשטופּט קנוילנווייז. אין יאַנאַשעס הויף זיינען זיי פֿאַרביי נעבן אַ שעכט־הויז. בליץ־לאָמפּן האָבן געברענט אַרויסגערוקט. גוים האָבן געשפּריצט מיט קישקעס אויפֿן שטיינערנעם דיל. ביי מאַרמאָרענע וואַנעס מיט בלוט זיינען געשטאַנען שוחטים און מיט קורצע חלפֿים געשאָכטן היגער, קאַטשקעס, גענדז. אין שטייגן האָבן געשריגן עופֿות. אַן ערשטגעשאָכטענער האָן האָט געפּרואווט פֿליען. הדסה האָט גענומען ציען עוזר־העשלען ער זאָל אַוועק פֿון דאָרט. איר פּנים איז געוואָרן קרענקלעך־ווייס. אין פֿיש־מאַרק, אונטער אַ דאַך, זיינען געשטאַנען באַליעס, וואַנעס, מולטערס, און עס זיינען אין נאַכטישן וואַסער אַרומגעשוואומען קאַרפּן, העכט, שלייען. אַרעמעלייט האָבן געקליבן פֿון דער ערד צעקוועטשטע פּאָמעראַנצן, פֿוילע עפּל, קאַרטאָפֿל. אָפּגעשליסענע ווייבער האָבן געהאַנדלט מיט פֿאַראייליצטן הערינג, קעפּ פֿון פֿיש,

געצערוועטע זאַקן. בעטלערס האָבן געזונגען לידער, קאַליקעס האָבן אויסגעשטרעקט אָפּגעהאַקטע הענט און רעשטלעך פֿיס. פֿאַרפֿעדערטע פֿליקערס, אין פֿאַרבלוטיקטע הויזן און שטיוול, האָבן געטראָגן קוישן מיט עופֿות. קעגן דער בלענדיקער שיין פֿון די לאָמפּן איז דאָס פֿינסטערניש געוואָרן נאָך געדיכטער. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מענטשן וואַנדלען אַרום אין מיסט ביז די קני. עוזר־העשל און הדסה זיינען פֿאַרביי אַ שטיקל קראָכמאַלנע און אַרויס אויף דער גנאַינע. קעגן נאַכט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַן אייזיקער ווינט. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט שניי און האָגל. הדסה האָט אָנגעהויבן אונטערהוסטן.

— איכ'ל שוין מוזן גיין אַהיים. ס'עט זיך דאָרט טאָן! ווען וועלן מיר זיך ווידער טרעפֿן?

— ווען איר ווילט.

— דו נעכטיקסט דאָך ביי אַבראַמען — האָט זי אים געזאָגט דו.

— יאָ.

— איכ'ל טעלעפֿאָנירן מאָרגן אין דער פֿרי, אַרום צען אַזייגער. דער טאָג איז עפּעס אַזוי שנעל אַריבער.

— יאָ, שנעל.

— טיילמאָל ווילט זיך מיר איינשלאָפֿן און אַזוי אָפּשלאָפֿן פֿופֿציק יאָר.

— עס איז געווען אַ תּנא, איז ער געשלאָפֿן זיבעציק יאָר.

— ווירקלעך? כ'בין אים מקנא. ס'איז דאָ אַזוי קאַלט, און אַלע זיינען אַזוי פּראָזאַאיש. ווי נאָר כ'וועל קומען אַהיים, וועלן זיי גלייך אָנהויבן פֿונסניי. אַלע ווילן מיך נאָר פֿאַרזאָרגן. אַז כ'על אָנקומען אין דער שווייץ, וועל איך די ערשטע זאַך גאָרנישט טאָן, נאָר ליגן אין בעט און רוען. דאָס פֿענסטער וועט אַרויסקוקן צו די אַלפּן... וואו גייט איר, מיין איך: וואו גייסטו איצט?

— כ'וויס נאָך נישט. צו אַבראַמען.

— וואָס וועסטו דאָרט טוען איינער אַליין? ס'איז זיכער נישט געהייצט.

— כ'וויס דאָס אויך נישט. כ'על לייענען.

— האָסט נאָך נישט געגעסן קיין מיטאָג.

— כ'על עסן שפּעטער.

— וואו? דו לעבסט איינער אַליין, ווי אַ וואָלף.

— כ'בין געוואוינט דערצו.

— איך וואָלט עס נישט געקאָנט. כ'האָב ליב איינזאַמקייט, אָבער עמעץ מוז זיין אַרום מיר. אויב מיר וועלן פֿאָרן אין דער שווייץ, וועסט דו זיין דער איינציקער — —

— איך וועל שטענדיק זיין מיט אייך.

— דאָס זעט מיר עפּעס אויס אומגלויבלעך. ווי אַ פֿאַנטאַזיע. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַז איך בין אַליין, טראַכט איך וועגן אַלץ. אַדיע.

— אַדיע.

זי האָט צוגערופֿן אַ דראָשקע און זיך געהייסן פֿירן אַהיים. זי האָט געשאָקלט צו עוזר־העשלען מיטן קאָפּ און אַפֿילו געמאַכט עפּעס אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט

אים געשיקט אַ לופט־קוש. ער איז געוואָרן רויט און גענומען לויפן. ער איז אַזוי צוגעלאָפן ביז דער זלאָטע, צו אַבראַמס הויז. ער איז אַריין אין טויער, אַרויף מיט די טרעפ און מיטן שליסל געעפנט די טיר. עס איז אינעווייניק געווען פינס־טער און קאַלט. ער האָט אָנגעצונדן די עלעקטרע און איז אַריין אין קאַבינעט. ער האָט דאָרט געמאַכט ליכטיק. ער האָט אַרויסגענומען פון ביכער־שאַנק דאַר־ווינס „די אַנטשטייאונג פון די מינים”, איבערגעזעצט אויף פויליש. עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם קאַמף, וואָס די באַשעפענישן מוזן פירן פאַר דער עק־זיסטענץ. עס איז דאָרט געווען אַ חשבון וויפל עלפאַנטן עס וואָלטן זיך אָנגעזאַמלט אויף דער ערד נאָך אַ פּאָר צענדליק דורות, ווען די חיות וואָלטן נישט אומגע־קומען פון הונגער, קראַנקהייטן, עפּידעמיעס און פון די אומצאָליקע שונאים, וואָס לויערן אויף זיי. טויט און פאַרדאַרבונג זיינען אין די אויגן פון דעם נאַטוראַליסט גלייך אַזוי וויכטיק ווי געבורט און פרוכטבאַרקייט. איינס הענגט־אָפּ פון אַנדערן...

עוזר־העשל האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע און צוגעשלאָסן די ווייעס. ווי וואונדערלעך דער היינטיקער טאָג איז געווען! ווי רייך אין פאַרענדערונגען און פּאַסירונגען! ער האָט אויסגעטאָן די לאַנגע מלבושים; ער האָט זיך געטראָפן מיט הדסהן. ניין, ער טאָר נישט אומקומען ווי די שוואַכע ברואים, וואָס זיינען נישט צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן. ער מוז איבערקומען אַלע שטרויכלונגען! אָבער ווי אַזוי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, ווען ער אַליין האָט געמאַכט, אַז זיינע באַשעפענישן זאָלן זיך בייסן, פרעסן, שטויסן? ווי קאָן באַקומען די ליבע בעת מ׳איז אַרומגערינגלט מיט געשלעג, געראַנגל, רציחה?

ער האָט שוין אָנגעהויבן איינדרימלען, נאָר דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. ער האָט זיך אויפגעריסן אַ פאַרווירטער. ער האָט נישט געוואוסט צי זאָל ער זיך אָפּרופן, אָדער זיך נישט־וויסנדיק מאַכן. אפשר איז עס צו מיר? — איז אים איינגעפאַלן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אומזין, אָבער ער האָט נישט געקאָנט לויז ווערן פון דעם געפיל, אַז דאָס טעלעפאָנירט מען אים. ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל און מיט ציטערנדיקע ליפּן געזאָגט: פּראַשעָן!

עס איז באמת געווען צו אים. דאָס האָט אים גערופן הדסה. זי האָט גע־זאָגט, אַז זי טראַכט וועגן אים און אַז ער זאָל וואַרטן אויף איר טעלעפאָן מאָרגן צען אַזייגער. זי האָט גערעדט גיך און מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים. זי האָט אים געקלונגען פון דער סאַלע. די מוטער איז געהאַט אַרויס אין קיך. זי האָט גע־פרעגט:

— וואָס טוסטו? דו טראַכטסט אויך וועגן מיר?

און ער האָט געענטפערט:

— די גאַנצע צייט. כ׳האָב דיך ליב...

זי האָט אָנגעהויבן נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר זי האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל. עוזר־העשל האָט זיך אויסגעגלייכט און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט געפילט אַ גרויסע ליבע, ווי אַ העלד אין אַ ראָמאַן. ער האָט זיך געגרייט צו אַ וויטער רייזע. ער איז געווען גליקלעך, הונגעריק און איינער אַליין אין אַ פרעמדער קאַלטער דירה...

# 9

## פֿון הדסהס פּוילישן טאָג־בוך

דעם דריטן פֿעברואַר: ס'איז איצט אין מיטן דער נאַכט. פּאַפּאַ שלאָפֿט. מאַמאַ איז שוין אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן. בלויז איך קאָן קיין אויג נישט צוטאָן. אַלץ זעט מיר איצט אויס פֿרעמד: וואַרשע, די שטוב, דאָס מעבל, פּאַפּאַ, מאַ. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז איך בין פֿעאיק צו בענקען — און נאָך פֿאַראויס דערצו — נאָך דער פּאַנסקע גאַס, נאָך דעם הויף מיטן מיסטקאַסטן, נאָך אונדזער אַלט־מאָדישער וואוינונג און נאָך מיין צימערל, וואו מיר איז אָפֿט געווען אַזוי סמוטנע.

עס האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט, אַז איך בין אין דער שווייץ. ווי נאַריש אַ חלום קאָן זיין! מיר האָט זיך געדוכט, אַז די שפּיצן פֿון די בערג זיינען אויס גאָלד און עס הויבן זיך פֿון זיי ליכטיקע רויכעס, ווי פֿון וואולקאַנען. אָדלערס זיינען געפֿלויגן אַהין און צוריק, גרויסע ווי מענטשן. טייל האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע פֿלעדערמייז. מוזיק האָט געשפּילט. עס איז געווען אַ שלוב, נאָר איך געדענק נישט וועמענס. איך האָב אַזוינע מאָדנע חלומות. איך רעד אַ גאַנצע נאַכט און פֿיר דיסקוסיעס מיט עמעצן. צומאָל קומט מיר פֿאָר, אַז דער פֿעטער אַבראַם און עוזר־העשל זיינען איין מענטש.

עוזר־העשל איז נישט קיין שיינער נאָמען. איך האָב געטראַכט וועגן העניק, נאָר דאָס געפֿעלט מיר אויך נישט. די חסידים זיינען אַלע אַזוי מאָדנע און זייערע נעמען זיינען נישט ריטמיש. דער געדאַנק, אַז איך וואָלט דאָ אין וואַרשע געמוזט אָפּשערן די האָר, אָנטאָן אַ שייטל און גיין אין דער מקווה, זעט מיר אויס ווילד. פֿאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי נישט עסטעטיש?

דעם פֿערטן פֿעברואַר: ער זעט אויס בלאַס. ער זאָגט, אַז ער שרעקט זיך נישט. ער איז גרייט אויף אַלץ, ווייל אַלץ איז שוין באַשטימט פֿאַראויס. ער איז כמעט אַ פֿאַטאַליסט, ווי פּעטשאָרין. אָבער איך זע, אַז ער האָט מורא. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי יונג. איך האָב אַלעמאָל געוואָלט אַז מיין „ריטער אויפֿן ווייסן פֿערד" זאָל זיין עלטער פֿון מיר מיט צען יאָר.

איך אַליין שרעק זיך נישט, נאָר עמעץ אין מיר וואָרנט מיך, אַז איך מאַך אַ טעות און אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפֿאַל. עס זיצט אין מיר אַ גייסט, אָדער אַ פּערזאָן (יאָ ער איז אַ פּערזאָן), וואָס וויל מיר נאָר טאָן שאָדן, מיך ברענגען אין אַ פֿאַרלעגנהייט, מיך צעטומלען און טויטן. איך געדענק אים פֿון קינדוויַיז אָן. ער איז געגאַנגען מיט מיר אין שקאָלע און אין גימנאַזיע. איך מוז זיך פֿון אים באַפֿרייען!

דעם פֿינפֿטן פֿעברואַר: נעכטן האָב איך פֿאַרבראַכט מיט עוזר־העשלען פֿיל שעהן. מיר האָבן שפּאַצירט אין זאַקסישן גאָרטן. מיר זיינען געשטאַנען ביים סטאַוו, וואו זומער שווימען אַרום די שוואַנען. איצט איז אַלץ באַוואַקסן מיט אייז. יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געגליטשט, געטאַנצט, געמאַכט אַלערליי פֿיגורן. מיר זיינען אַריין אין דער „אַלייע פֿון רויזן". ער האָט אויפֿגעשריבן

מיין נאָמען אויפֿן שני. טיילמאָל איז ער פֿריילעך און אַ פֿולשטענדיקער קאַוואַליער. אָבער באַלד ווערט ער שעמעוודיק און נעמט זיך רויטלען ווי אַ פּאַניענקע. דער קאַפּעליוש קליידט אים. נאָר ער וויל זיך נישט האַלטן גלייך. ער בויגט איין דעם רוקן, ווי אַ חסיד פֿון דער ישיבה.

פֿאַרנאַכט זיינען מיר אַריין אין אַ וואורשטן־האַנדל אויף דער פּטאַשע. איך האָב אַנגעקלונגען אַהיים, אַז כ׳וועל עסן קאָלאַציע ביי דער מומע לאה. איך האָב גענומען צוויי קישקעלעך מיט זעמל און מושטאַרדע. ווען איך בין מיט אים צוזאַמען, ווער איך גלייך הונגעריק. ער האָט באַשטעלט אויפֿשניט, נאָר ער עסט אַזוי ווייניק. מיר דוכט זיך, אַז זיין גאַנץ לעבן איז איין גרויסער פּאָסט (תענית). מיר האָבן גערעדט וועגן אָטאָ וויינינגערס בוך „געשלעכט און כאַראַקטער". ער שטימט איין מיט וויינינגערן, אַז אַ פֿרוי האָט נישט קיין נשמה.

ווי נאַריש דאָס איז!

פֿון דער פּטאַשע זיינען מיר אַוועק מיטן טראַמוויי אויף דער זלאָטע. ער האָט געוואָלט איך זאָל מיט אים אַרויפֿגיין צו אַבראַמען. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיר קאָנען נאָך דאָרט באַגעגענען סטעפֿען. איך האָב אים געזאָגט, אַז אַן אָרנטלעכע פּאַננע גייט נישט צו קיין קאַוואַליער אין שטוב אַריין. דאָס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. איך האָב זיך בלויז מיט אים געררייצט. ער איז מיר איצט אַזוי נאָענט! איך האָב איינפֿאַך מורא געהאַט, אַז מיר קאָנען באַגעגענען סטעפֿען. דער סטרוזש קאָן מיך אויך. איך בין שפּעטער אַרויף. מיר האָבן אָפּגעשמועסט, אַז אויב סטעפֿע וועט אַריינגיין דורך דעם פּאַראַד־איינגאַנג, זאָל איך אַרויס דורך דער הינטער־טיר. דאָס אַלץ איז זייער מיאוס.

ער האָט נישט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. מיר זיינען לאַנג געזעסן אויף דער קאַנאַפּע אין פּעטערס קאַבינעט און געשמועסט. ער איז פֿול מיט ווידערשפּרוכן. ער איז אַזוי פּעסימיסטיש! ער האַלט, אַז די וועלט איז אַן אַפֿריקאַנישער דזשאָנגל און אַז דער מענטש שטייט מאָראַליש נאָך נידעריקער פֿון אַ בעסטיע. ער רעדט מיט אַזאַ איבערצייגונג, אַז מיר ווילט זיך וויינען. איך מוז גלויבן אין דעם מענטש, אין דעם הער־גאָט, אין דער נשמה, אין ליבע. ווען נישט, קאָן איך נישט עקזיסטירן.

ווען ער איז אַזוי געזעסן אַקעגנאיבער מיר אין דער פֿינסטער, האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער איז שוין אַן עלטערער מאַנסביל פֿון דרייסיק אָדער פֿערציק יאָר. זיינע רייד האָבן מיר געקלאַפּט איבערן קאָפּ ווי האַמערס. איך האָב דערפֿילט, אַז איך קאָן מער נישט לעבן אָן אים.

זאָל ער צעשלאָגן אַלע מיינע אילוזיעס, אָבער עס איז גוט צו הערן זיין שטים. זיינע אידעען און אָפּיניעס זיינען שאַרף ווי מעסערס. איך בין זיכער, אַז דער גלויבן אין דער מענטשהייט וועט זיך אומקערן צו אים. אין דער שווייץ וועלן מיר צוזאַמען געפֿינען אונדזער אידעאַל. וואָס נאָך דאַרפֿן מיר? מיר זיינען יונג, ראָמאַנטיש. מיר האָבן ליב צו לייענען, לערנען, דיסקוטירן. ווען איך טראַכט, אַז איך האָב אים שיער נישט פֿאַרביטן אויף דעם צלאָפּ פּישעלע, נעמט מיך אָן אַ שוידער.

מיר האָבן זיך לאַנג געקושט. ער האָט געזאָגט, אַז איך בין די שענסטע

אויף דער גאַנצער וועלט. איז ער אויפֿריכטיק? טייל מאָל נעמט ער פּלאַפּלען ווי אַ קינד פֿון זיבן יאָר. נו, געגוג. איך בין זייער גליקלעך!

אין מיטן דער נאַכט: וואָס וועט זיין, אַז אונדזער סוד וועט אַנטדעקט ווערן? וואָס וועט זיין, אַז איך וועל קראַנק ווערן? און וואָס וועט זיין, אַז מאַמאַ וועט שלאָף ווערן? ווי טראַגיש דאָס איז צו בויען דאָס גליק אויף צופֿעליקייטן. איך האָב פֿאַרן שלאָף געלייענט כראַביע טאָלסטאָיס „ווידוי". ער זאָגט, אַז מען מוז אויסאַרבעטן אין זיך אַ ליבע צו אַלע מענטשן אָן אויסנאָם. איך וואָלט געדאַרפֿט ליב האָבן אַלעמען: שפּרהן, קאָפּל משרת, די שטיף־באָבע, איידלען, מיין געוועזענעם לערער פֿון מאַטעמאַטיק, מיעטשיסלאַוו קנאָפּעק, און זיינוועלע דעם שדכן אויך. קאָן אַ מענטשווירקלעך דערגרייכן אַזאַ ליבע? איך מוז דאָס אַליין אויספּרוואוון.

די חלומות לאָזן מיך נישט צורו. ווי נאָר איך שליס־צו די אויגן, זע איך פֿאַנטאַסטישע בילדער. איך זע בלומען פֿון אַלערליי קאָלירן, גלעקער קלינגען. איך פֿיל אַ רויך פֿון אויסערגעוויינלעכע שׂרפֿות. מיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט ברענט. איך זע פֿעלדער מיט גליענדיקע קוילן. וואָס טוט זיך אָפּ אין מיינע אָרעמע געהירן? איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אומזין?

איך זיץ אויפֿן בעט און פֿיל ווי אַלץ רוישט אין מיר, אַלץ שטורעמט. איך בין פֿול מיט אינערלעכן קאַמף, אָבער איך קאָן מיר נישט אָפּגעבן קיין רעכענונג וועגן וואָס עס גייט דאָ. איך האָב איינפֿאַך מורא!

דעם אַכטן פֿעברואַר: איך האָב געמוזט צוזאָגן מיין מאַמושאַ און דעם טאַטוש, אַז איך וועל אין צוויי וואָכן אַרום ווערן אַ כּלה מיט דעם פֿישעלען. איך האָב זיי אָפּגענאַרט, די אָרעמע. דער פֿעטער אַבראַם שפּילט אַ מאָדנע ראָלע. ער רעדט מיך אָפּ פֿון דער „אַוואַנטורע", אָבער גלייכצייטיק העלפֿט ער אונדז. ער באַמיט זיך צו קריגן פֿאַר עוזר־העשלען אַ סובסידיע. עס איז דאָ אין דער גמינע אַזאַ פֿאָנד פֿאַר אָרעמע סטודענטן. דאָס זעט אויס כּמעט ווי שנאָררייַ. דער פֿעטער גרייט זיך אויך צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד. ווי וואונדערבאַר דאָס וואָלט געווען ווען מיר שפּאַצירן אַלע דריי אויף די אַלפּן־בערג! עס זעט מיר אויס נישט רעאַל. מאַ איז זייער שוואַך. איר פּנים איז כּמעט געל. זי קוקט מיך אָן מיט אַזוינע גרויסע פֿאַרחלומטע אויגן, ווי זי וואָלט געפֿילט מיטן אינס־טינקט, אַז איך גרייט זיך זי צו פֿאַרלאָזן.

די פֿאַני גינע האָט זיך שוין געגט מיט איר פֿאַנאַטישן מאַן. זי וועט געוויס אין גיכן חתונה האָבן מיטן פֿאַן יאַנאָווער. זיי וועלן וואַרשיינלעך אויך פֿאָרן אין דער שווייץ. מיר וועלן דעמאָלט זיין דאָרט אַ גאַנצע גרופּע.

דעם עלפֿטן פֿעברואַר: איך, קלאָניע און ער זיינען צוזאַמען געווען אין אַ אילוזיאָן אויף דער אייזנגאַס. ער האָט זיך גאָרנישט אָריענטירט און מיר האָבן אים געמוזט אַלץ אויפֿקלערן. דאָס איז געווען זייער קאָמיש. אויפֿן עקראַן האָט געפֿלייצט אַ גאָלדענער רעגן. שאָטנס האָבן שטילערהייט געשאָסן מיט רעוואָלווערן, זיי האָבן געמאַכט מיט די מיילער, ווי שטומע. קלאָניע האָט אונדז געגעבן אין דער פֿינצטער שאָקאָלאַד און קאַראַמעלקעס. דאָס איז מיר פֿאַרגע־

קומען ביליק און היימיש, ווי מיר וואָלטן געווען חתן־כּלה פֿון דער סמאָטשע גאַס.

מיר דוכט זיך איצט, אַז אַלץ איז אַ שפּיל, ווי אין אַ קינעמאַטאָגראַף: זיינע רייד, אונדזער ליבע, אונדזערע פּלענער. קיין זאַך איז נישט ערנסט, נישט דאָס לעבן און נישט דער טויט. וואָס טראַכט ער איצט? ער איז נישט איין מענטש, נאָר עטלעכע מיט אַמאָל.

דעם צוועלפֿטן פֿעברואַר: מיר דוכט זיך: מאַ ווייסט אַלץ, נאָר זי שווייגט.

ביינאַכט: איך בין געווען ביי אַ יואוועליר אויף דער כלאָדנע און געפֿרעגט וויפֿל ער וואָלט געגעבן פֿאַר מיינע פֿינגערלעך. ווען איך בין געשטאַנען ביים טיש און ער האָט געקוקט מיט דעם שפּאַקטיוול אויף די בריליאַנטן, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך גרייט זיך אָפּצוטאָן עפּעס, וואָס וועט האָבן אַ ווירקונג אויף מיין גאַנץ לעבן.

פֿאַרוואָס איז פּאַפּאַ מיר געוואָרן אַזוי פֿרעמד? ער האָט אָנגעהויבן רויכערן ציגאַרן און ער באַשיידט שאַך־פּראָבלעמען פֿון דער העברעאישער צייטונג. מ׳הויבט זיך שוין אָן ביי אונדז צו גרייטן אויף תּנאים. מען האָט שוין גערעדט עפּעס וועגן צוקער־לעקעך און דאָס וואָס זיי רופֿן: חתימה־געלט. דער ראָבין פֿון ביאַלאָדרעוונע, דער פֿאַני גינעס פֿאָטער, דאַרף קומען אויף דער פֿאַרלאָבונג. זיי אַלע נעמען דאָס זייער ערנסט, אָבער איך, די העלדין פֿון דער גאַנצער געשיכטע, וועל אַנטלויפֿן, ווי אין אַ קאָמעדיע אין לעטני־טעאַטער.

פֿאַרוואָס פֿירט מיך דער שיקזאַל אויף אַזעלכע שלעכטע וועגן? איך בין פֿול מיט שרעק און פֿאַרגעפּילן. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב מיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ. גאָט, העלף מיר! זיי מיר מוחל!

דעם פֿערצנטן פֿעברואַר אין דער פֿרי: דער האַלדז טוט מיר ווי. איך האָב ביינאַכט שטאַרק געהוסט. איך האָב מורא, אַז איך האָב היץ. איך דאַרף מיך היינט טרעפֿן מיט אים, אָבער ווער־ווייסט צי מאַ וועט מיך לאָזן אַרויס פֿון שטוב. אַלץ איז אומקלאָר, פֿאַרנעפּלט. איך לעב ווי אין חלום. אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי. ביים טויער שטייט אַ דראָשקע. דער סטרוזש קערט מיט אַ לאַנגן בעזעם. אויפֿן קוימען אַקעגנאיבער דרייט זיך אַ בלעכערנער וועטער־האָן. איך לייען זשעראָמסקיס ראָמאַן „סיזיפֿס אַרבעט". איך בין אַריין אין קיך און געזען ווי שׂפֿרה זאַלצט פֿלייש אויף אַ זאַלץ־ברעטל. עס איז היינט דאָנערשטאָג און די אָרעמע־לייט גייען איבער די הייזער. איך האָב געגעבן אַן אַלטן ייד צען גראָשן און ער האָט מיר אָנגעוואונטשן: זאָלסט זיין געזונט! ער האָט עס געזאָגט צוויי מאָל און געטאָן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן. דאָס אַלץ איז אַזוי איינפֿאַך, אָבער מיר קומט עס פֿאָר אומגעוויינלעך.

וואַרשע, שטאָט מיינע, ווי טוסטו מיר באַנג! איך בענק שוין פֿאָראויס נאָך דיין מאַרשאַלקאָווסקע און נייער וועלט, נאָך דיין אַלט־שטאָט און פּאָווישלע. איך וועל אַפֿילו בענקען נאָך דעם גזשיבאָוו און די אַנדערע יידישע געסלעך. איך קוק אויף דיינע קרומע דעכער, אויף די קוימענס פֿון פֿאַבריקן, אויף דעם אָנגעוואָלקנטן הימל דיינעם און איך פֿיל ערשט איצט ווי איינגעבאַקן דו ביסט

אין מיין האַרץ. עס איז געוויס גוט צו לעבן אין אויסלאַנד, נאָר אויב מיר איז באַשערט צו שטאַרבן, וויל איך ליגן אויף דער גענשע גאַס, נעבן מיין באָבעשי.

—◆—

## קאַפּיטל צוועלף

„צום כּבוד פֿון מיין טייערן פֿריינט, דעם חכם און חוקר יקותיאל הורוויץ פֿון קליין־טערעשפּאָל.

„איז זע מיט די אויגן פֿון מיין גייסט ווי זיין כּבוד זיצט ביים וואַרשטאַט און טראַכט אַזוי צו זאָגן: נון, דאָס איז דער שטייגער פֿון דער וועלט: מען לערנט אַ יונגנמאַן תּורה און וויסן, מען העלפֿט אים מיט ראַט און פֿאַרשטענדיקייט, נאָר ווען דער תּלמיד גייט אַרויס פֿון שטאָט, קערט זיך אָפּ זיין דאַנקבאַרקייט און ער פֿאַרגעסט זיין לערער און וועגווייזער. נו, וויל איך זאָגן, אַז ס'איז נישט אַזוי. איך האָב נישט פֿאַרגעסן נישט זיין כּבוד און נישט די געפֿעליקייטן וואָס ער האָט מיר געטאָן. פֿאַר מיין דמיון שטייט זיין געשטאַלט שטענדיק. מיין געמיט בענקט נאָך אים און אין מיין פֿאַרשטעלונג דערצייל איך אים אַלע מיינע נויטן און טראָפּן. איך שרייב דאָס נישט, חלילה, אים צו חנפֿנען, נאָר דאָס איז די ריכטיקייט.

„איך האָב זעלטן געשריבן צו זיין כּבוד, ווייל פֿיל איז אַריבער איבער מיין נפֿש אין דער גרויסער שטאָט. אַלע מיינע פּלענער און טראַכטענישן זיינען צע־גאַנגען ווי רויך אין דעם כּרך וואַרשע מיט זיין רויש און האַרמידער. איך בין געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַ המון עמאָציעס און אַפֿעקטן, וואָס האָבן ווי איינגעשלונגען מיין שׂכל. אַפֿילו די רייד פֿון אונדזער לערער שפּינאָזאַ זיינען געוואָרן פֿאַר־בלאָסט אַקעגן דעם רויש פֿון פּעבל. איך האָב געבלאָנדזשעט אין די גאַסן ווי אַ פֿאַרלוירן קינד. איך בין געשליידערט געוואָרן פֿון דעם גערעמל ווי אַ שטוי־בעלע. מיין לוסט צו וויסן איז דאָ פֿון מיר כּמעט ווי אָפּגענומען געוואָרן. צומאָל, ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין אַ בוך, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די אותיות זיינען אויך פֿול מיט איילעניש און אָן אַ תּוך, ווי ליידיקע געפֿעסן. איך האָב אויפֿגעהויבן מיין בליק צום הימל, נאָר מחמת די הייזער זיינען הויך, זעט מען אים כּמעט נישט אַרויס, און איך האָב דאָ געפֿילט אויף מיין הויט דעם מיין פֿון די ווערטער: נישט אין רעש איז גאָט.

„איך האָב דאָ געהאַט טעג און שעהן, ווען איך האָב געטראַכט אַלץ איבער־צולאָזן און אַנטלויפֿן פֿון דעם גיהנום־קעסל, נאָר דער שיקזאַל האָט מיר דאָ אויך צוגעשיקט פֿריינט. ווען איך זאָל וועלן דערציילן אַלע מיינע טרעפֿענישן, וואָלט געווען צו קורץ דער בויגן. איך ווייס באמת נישט מיט וואָס איך האָב פֿאַרדינט די אַלע גענאָדן, וואָס ווערן מיר געטאָן. בקיצור איז דער מצב אַזוינער: קוים האָב איך געפֿונען אַ שטיקל אָנשפּאַרעניש אין וואַרשע, ווי עס איז אויפֿ־געקומען אַ נייער פּלאַן: איך זאָל אַוועק אין דעם לאַנד שווייץ. איך בין, זעט אויס, געגליכן צו די צדיקים, וואָס האָבן נישט קיין מנוחה נישט אויף דער־וועלט און נישט אויף יענער־וועלט. די הויפּט־סיבה פֿון דער נייער נסיעה איז

דאָס וואָס עס קומט מיר אָן זייער שווער צו רעדן די רוסישע שפּראַך. די שררות, וואָס זיינען געזעצט אויף די עקזאַמענס פֿון די עקסטערנס, זיינען שונאי־ישראל. זיי זיינען הויפּטזעכלעך מקפּיד מען זאָל רעדן דאָס יונישע לשון ריין, מען זאָל נישט דערקענען, אַז עס קומט אַרויס פֿון יידישע לעפּצן. ווען אַזאַ פּריץ וויל, קאָן ער מיט איין שטריך פֿון זיין פֿעדער מאַכן צו־נישט די מי און האָ־פֿענונגען פֿון יאָרן. פֿיל יונגעלייט זיינען צוליב די דאָזיקע סאַטראַפּן פֿון זינען אַראָפּ, אָדער זיך אָנגעטאָן אַ מיתה.

„נו, איז וואויל באַקאַנט, אַז אין לאַנד שווייץ זיינען די געלערנטע — מענטשן פֿון יושר און גערעכטיקייט. זיי פֿאַרדריסט נישט ווען דער תלמיד רעדט זייער לשון נישט אַזוי ריין און געמאָסטן. זיי לייגן נישט קיין געוויכט אויף פּאַפּירן און דאָקומענטן. ווען אַ פּראָפֿעסאָר זעט־איין, אַז אַ בחור האָט אַ באַגער צו לערנען און געהירן צו פֿאַרשטיין, נעמט ער אים אַריין אין אוניווערסיטעט אָן זוימעניש. אַ סטודענט מיט פֿעאיקייטן ווערט געשטיצט, אַלץ איינס צי איז ער אַ ייד אָדער אַ גוי. פֿיל געוועזענע ישיבה־בחורים זיינען דאָרט געוואָרן דאָקטוירים און פּראָ־פֿעסאָרן. עס איז אַ פֿרייע מדינה און אַ מקום־מקלט פֿאַר אַלע יענע, וואָס טראַכטן זייערע אייגענע געדאַנקען.

„זיין כּבוד וועט געוויס טראַכטן: אם כּן, מה נאכל? אויב אַזוי, וואָס וועט מען עסן? דער תּירוץ איז: איך בין גרייט צו לעבן אויף ענג ברויט און וואַסער פֿון נויט, אַבי איך זאָל קענען אָנקומען גלייך אין אוניווערסיטעט און נישט דאַרפֿן מאַטערן מיין מוח מיט נאַרישע כּללים און געשיכטעס, וואָס פּאַסן פֿאַר דרדקי־קינדער. איך האָב אויסגערעכנט, אַז איך קאָן האָבן אין דער שווייץ מיין אויסקומעניש פֿאַר פֿינף רובל אַ וואָך. מיין מוטער זאָל לעבן האָט מיר צוגעזאָגט אַרויסצוהעלפֿן אין אַ נויט. איך האָב דאָ באַקומען אַ פֿריינט מיטן נאָמען אַברהם שאַפּיראָ, אַ משכּיל און אַ ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿט. ער איז אַן איידעם פֿון דעם באַרימטן גביר ר׳ משולם מושקאַט. ער האָט פֿיל געטאָן פֿאַר מיר און זיין האַנט איז נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט. דורך זיין פֿאַרמיטלונג האָט זיינס אַ קרובה, אַ הויך־געבילדעטע בתולה, הדסה איז איר נאָמען, באַוויליגט מיר צו געבן אַ לעקציע. איך בין אויך דורך אים באַקאַנט געוואָרן מיט אַ געוועזענעם עילוי און איצט אַ פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילוסאָפֿיה, דעם חכם פּראָפֿעסאָר הערץ יאַנאָווער. איך בין געווען אין זיין הויז און ער האָט מיך מקרב געווען. ער וועט אינגיכן חתונה האָבן מיט דער אויפֿגעקלערטער טאָכטער פֿון רבין פֿון ביאַלאָדרעוונע. די פּרטים וועל איך שרייבן אייער כּבוד אַן אַנדער מאָל, מחמת איך בין טרוד מיט די צוגרייטונגען אין וועג.

„די קייט פֿון סיבות און פֿאָלגן האָט זיך געדרייט אַזוי, אַז די דערמאָנטע הדסה, מיין לערערין, פֿאָרט איצט אויך אין דער שווייץ און איך וועל נישט זיין אַליין. דאָס מיידל האָט אַ גוט האַרץ און אַ ברייטן פֿאַרשטאַנד. זי האָט אַ לויטער און איידל נפֿש. זי איז מיר ווי אַ שוועסטער. אירע עלטערן און איר זיידע האָבן זי געוואָלט אויסגעבן פֿאַר אַ זון פֿון אַ רייכן ביאַלאָדרעווער חסיד, נאָר זי לאָזט איבער דאָס עשירות און די טייערע מתּנות און גרייט זיך צו לעבן אין צמצום און מאַטערניש, ווייל זי באַגערט צו וויסנשאַפֿט. איך קאָן

דאָ נישט אַלץ אַרויסשרייבן, נאָר זיין כּבוד וועט פֿאַרשטיין אַ זאַך פֿון אַ זאַך. איך בין אַזוי אַריינגעטאָן אין זאָרגן און אין האָפֿענונגען, אַז עס דוכט זיך מיר צומאָל דאָס די ערד שאָקלט זיך אונטער מיינע פֿיס און איך וואָגל אַרום אויפֿן עולם התוהו. די גרויסע שטעט זיינען פֿול מיט פּחי־נפֿש. אַלע לויפֿן ווי משוגעים. דאָס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פֿון די ליפּן, האָט נישט קיין האַפֿט. אַלע דעות און רייד זיינען עפּעס ווי הוילע מליצות. איך אַליין בין דאָ באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אומצאָליקע ספֿקות. איך ווער געוואָרפֿן ווי אין כּף־הקלע. איך בין אפֿשר אויך פֿאַרוויקלט געוואָרן אין אייטלקייט און נאַרישקייט. איך שטיץ מיך אויף איין האָפֿענונג: צו קומען וואָס גיכער צו דער מנוחה. אַזאַ וועג איז פֿול מיט סכּנות. אומצאָליקע שטרויכלונגען זיינען אויסגעשפּרייט פֿאַר מיינע טריט. איך מוז אָפּט אָנווענדן אַלע כּוחות נישט צו פֿאַרלירן די הערשאַפֿט איבער זיך אַליין.

„פֿאַרגיב מיר, מיין האַר, וואָס מיינע רייד זיינען נישט אינגאַנצן קלאָר און וואָס איך בין מקצר דאָרט וואו עס פֿאַרלאַנגט זיך אַריכות. איך וועל שרייבן זיין כּבוד וועגן יעדער זאַך און איר וואָרצל, ווען איך וועל באַטרעטן דאָס נייע לאַנד. איך געדענק זיין כּבוד אַלעמאָל און באַזונדערס ווען איך נעם אַרויס דעם זייגער, וואָס ער האָט מיר געגעבן אַ מתּנה. איך האָב אַלץ אים צו פֿאַרדאַנקען. ער האָט מיך אויפֿגעמונטערט און געשטאַרקט. איך בענק נאָך זיין כּבוד און נאָך זיינע געלייטערטע רייד. פֿון מיר זיין איבערגעגעבענער פֿריינט און תּלמיד, מיט גרויסער ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג טו איך פֿאָרשן זיין פֿרידן אַלע טעג.

עוזר־העשל באַנעט.

„ע. ש. — איך האָב שוין אויסגעטאָן די לאַנגע מלבושים און בין קורץ געקליידט. איך וועל זיך לאָזן פֿאָטאָגראַפֿירן און שיקן זיין כּבוד מיין געשטאַלט. איך דערקאָן נישט מיין אייגענע צורה אין שפּיגל־גלאָז. איך בעט אָבער אייער כּבוד למען השם נישט צו לאָזן פֿאַלן קיין וואָרט וועגן דעם און וועגן דער דערמאָנטער נסיעה — צו מיין משפּחה, דען דאָס וואָלט זיי פֿאַרשאַפֿט גרויס צער, און איך בין נאָך אויך נישט זיכער צי מיינע שטרעבונגען וועלן אַרויס מן הכּח אל הפּועל.

— הנ״ל.

## קאַפּיטל דרייצן

### 1

אויפֿן גזשיבאָוו און אין דער געגנט אַרום האָבן זיך מיט אַמאָל פֿאַרשפּרייט צוויי אויסטערלישע בשורות: ערשטנס, אַז ר׳ משולם מושקאַט איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן; צווייטנס, אַז ניוניעס איינציקע טאָכטער, הדסה, איז אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, צוזאַמען מיט אַ יונג. וואַרשעווער יידן האָבן גלייך אַרויסגעדרונגען, אַז הא בהא תּליא: דעם מיידלס אַנטלויפֿן האָט גורם געווען ר׳ משולם זאָל אַוועקפֿאַלן. אין די חסידים־שטיבלעך אויף דער גנאַינע, דער טוואַרדע, דער קראָכ־

מאַלנע, דער פּאַנסקע, איז געוואָרן אַ רעש. בחורים לערנערס האָבן געלאָזט ליגן די אָפֿענע גמראָס, אַן אַן עירוב, און זיך אַוועקגעשטעלט שמועסן אין רעדלעך. יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַלטן אין מיטן שחרית, האָבן אויסגערעדט ביים דאַווענען. ס'האָט געוואָרט מיט דעם פּאַרלויפֿעניש אומעטום: אין די שפּייז־קרעמלעך, אין די יאַטקעס, צווישן שניידערס און שוסטערס, אין אולריכס הויף, אין די מעבל־געשעפֿטן אויף דער באַגנע, אַפֿילו אויף יענע גאַסן: די נאַלעווקיס, די פֿראַנציסקאַנער, די גענשע. ביי ר' משולמס קינדער האָבן פֿון גאַנץ פֿרי געקלונגען די טעלעפֿאָנען. ביי ר' משולמס הויז איז געשטאַנען די קאַטש פֿון דאָקטאָר מינץ און ס'האָבן געהאַלטן אין איין צופֿאָרן דראָשקעס און גומקעס. ר' משולמס עלטסטער זון, יואל, און זיין ווייב, אסתר מלכּה — ביידע שווערע פֿאַרשוינען — זיינען אויסגעשטיגן מיט אַ פּראַכטניש. זיי האָבן ביים אויסזיצן שיער די דראָשקע נישט צעטומען. נת'לע, דער יינגערער, האָט גראַד יענעם טאָג געזאָלט בלייבן ליגן אין בעט, וואָרים אַ חוץ דער צוקער־קראַנקהייט האָט ער געהאַט אַ שוואַך האַרץ. ער האָט קוים געפּועלט ביי זיין ווייב סאַלטשע, זי זאָל אים לאָזן אויפֿהויבן זיך פֿון געלעגער. זי איז מיטגעפֿאָרן מיט אים און מיטגענומען אַ פֿולן טאַש מיט מעדיצינען און פּילן. פּערל, ר' משולמס עלטסטע טאָכטער, די אלמנה, איז גראַד נישט געווען אין וואַרשע. זי איז געהאַט אַוועקגעפֿאָרן צוליב מסחר קיין לאָדזש. מ'האָט איר געשיקט אַ טעלעגראַמע. פֿיניעלע איז געקומען צולויפֿן צופֿוס, אַ צעכראַסטעטער, אַ צעיאַכמערטער, מיט אַ פֿאַררוקט היטל. ער האָט זיך באַגעגנט ביים טויער מיט זיין שוועסטער לאהן. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט זיי געמאַכט אַ וואָרע. מ'האָט געהערט ווי פֿיניעלע פֿרעגט:

— וואָס איז דאָ געשען? אסור צי כ'פֿאַרשטיי.

און לאה האָט פֿאַרבראָכן די הענט און געענטפֿערט:

— וואָס איז די נפֿקא מינה? ער דאַרף גרויס רחמים!

— וואָס טוט זיך דאָרט ביי ניוניען? — האָט פֿיניעלע ווייטער געפֿרעגט און לאה האָט זיך פֿאַרקרימט און אַ פֿליסטער געטאָן:

— ש־ש־שאַ!...

אַ סימן, אַז דאָס געזעמל הערט יעדעס וואָרט.

אַרום דער קאַטש פֿון דאָקטאָר מינץ האָט זיך אָנגעשטעלט אַ מחנה קינדער און אויך דערוואַקסענע. מ'האָט אַריינגעקוקט דורך די גלאַנציקע שויבן אינע־ווייניק, צו דעם אויסגעבעטן אַנלען און די ווייכע געזעסן. מ'האָט געגאַפֿט אויף דעם גויישן קוטשער מיט דעם צילינדער און מיט די זילבער־ווייסע קנעפּ אויף דעם קאַפּטאַן. די פֿערד האָבן געהאַט קורצע ווידלען, גלאַנציקע פֿעלן און הויך פֿאַרריסענע קעפּ, פֿול מיט פּריצישער גאווה. זיי האָבן זיך אַפֿילו נישט אומ־געקוקט צו די אָפּגעשליסענע יאַטן, וואָס האָבן געפּרוּווט אַרויסרייסן האָר פֿון זייערע עקן. נישט לאַנג נאָכן דאָקטאָר מינץ איז אָנגעפֿאָרן אַ צווייטע קאַרעטע. עס איז געווען דאָקטאָר הערץ, און מ'האָט אָנגעהויבן מורמלען, אַז ס'האַלט אויבן שלעכט און מ'מאַכט שוין אַ קאָנסיליום. נעמי די דינסט איז אַרויסגעקומען אַ צעפֿלאַמטע און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס איז דאָ די שוואַרצע גראַטשקע? מ'קאָן שוין אין טויער ניש' אַריין!

— וואָס מאַכט דער באַלעבאָס?

— גייטץ אַהיים! מ'עט ענק צו וויסן טאָן. זיך אָוועקגעשטעלט ווי די גלאָמ־פּעס!

און נעמי האָט געוואָרנט, אַז זי וועט אַלעמען אָפּגיסן מיט אַ קובל וואַסער.

— זי'ט געגוג אָנגעגנבעט, די הור! — האָט דעם בעקערס מויד אַ זאָג געטאָן וועגן איר. — אַ מילעאָר אין אירע קישקעס אַריין!...

— וואו איז ערגעץ קאָפּל משרת? — האָט אַ רוף געטאָן אַ יידענע מיט אַ שאַל איבערן צעשויבערטן שייטל און מיט אַ קויבער שפּייז איבערן מעוברתדיקן בויך.

— אָט איז קאָפּל!

קאָפּל איז פֿלינק אויסגעשטיגן פֿון אַ דראָשקע אין זיין שמאָלן מאַנטל, דער קעסעלע־קאַפּעליוש פֿאַררוקט צום נאַקן, מיט אַ רעשטל פּאַפּיראָס אין ווינקל מויל. ער האָט קונציק אַ וואָרף געטאָן דעם פֿורמאַן דעם פֿערציקער אין דער לופֿט, און נאָך איידער די נייגעריקע האָבן באַוויזן אַרויסצורעדן צו אים אַ וואָרט, איז ער שוין געווען אויבן און מ'האָט הינטער אים פֿאַרמאַכט די טיר. טרעגערס, בעל־עגלהס, סתם אַרבעטער און ליידיק־גייער פֿון די הויפֿן אַרום, זיינען גע־שטאַנען אויפֿן טראָטואַר, אין זייערע לייבלעך און שפּענצערס, האָבן געוויקלט פּאַפּיראָסלעך, אַרויפֿגעקוקט צו ר' משולמס פֿענסטער אויפֿן גאָרן און גערעדט הויך.

— זאָל ער נאָר צומאַכן אָן אייגל, וועט זיך שוין אָנהויבן יענע גראַנדע!

— פֿאַרמאָגן זאָלן מיר עס וויפֿל די שפּיל ט'אָפּקאָסטן!

— ס'עט נאָך בלייבן געגוג פֿאַר די בענקאַרטעס.

— ס'האָט זיך אים פֿאַרגליסט אַ דריט ווייב, דעם אַלטן תּרח.

— זאָל דיר דער קאָפּ ניש' דאַרן: זי'ט אָפּלעקן אַ ביין!...

— מ'רעדט באשר גיוניעס טאָכטער איז אַנטלאָפֿן מיט אַ ליובאַוויטש! — האָט אַ זאָג געטאָן אַ געל יידל, אַ ציבעלע־הענדלער, וואָס האָט ערשט נאָר זיך אומגעקערט פֿון שולעכל מיטן טלית־זאַק.

— ווען? וואו? מאַמעליו קרוין, כ'האָלט עס שוין ניש' אַהס! — האָט אַ זינג געטאָן דעם בעקערס טאָכטער און זיך אָנגעכאַפּט ביי די היפֿטן.

— ווי הייסט זי? וועלכע?

— הדסה. ס'שענסטע אייניקל. ווער איז דער יונג?

— גאַי פֿרעג עים!...

— אָזאָ בראָך! אָזאָ גזר־דין! גאָט וואָרט לאַנג און צאָלט גוט! — האָט זיך צעשריגן דאָס טראַגעדיקע ווייבל. — זאָלן זיי ניש' מיינען, די אָנגעשטאָפּטע חזירים, אַז ס'איז הפֿקר אַ וועלט! מ'פֿרעסט און מ'זויפֿט און מ'וואַרפֿט אַרויס דעם אָרעמאַן די בעבעכעס! וואַרפֿן זאָל עס זיי הייזער הויך!

— העי, פֿלאָק איינער, ר' משולם האָט קיינעם ניש' אַרויסגעוואָרפֿן!

— מאַכט ער מיר אַ מענטליק!...

אין דער גמינע, אויף דער גזשיבאָווסקע זעקס־און־צוואָנציק, איז געוואָרן טומלדיק. די וואַרשעווער פּרנסים האָבן שוין לאַנג געהאַט אַ בייז אויג אויף ר'

משולמען. מיט פֿינף יאָר צוריק, ווען דאָס צווייטע ווײַב איז געשטאָרבן, האָט ער אײַנגעהאַנדלט בײַ קהל אַ קרקע אין דער פֿאָדערשטער אַלייע פֿאַר וועלכע צוויי טויזנט רובל. ער האָט אַפֿילו באַצייטנס אַרומגעצוימט דאָס אָרט מיט שטאַכעטן און אַוועקגעשטעלט אַ באַנק. איצט האָט מען געשמועסט, אַז די קהלה וועט זיך הייסן נאָך אַמאָל באַצאָלן. ווען נישט, קאָנען זיי אײַנמאַרינירן ס׳מת אין זויערן, אָדער אים באַגראָבן אין פּראַגע. מ׳האָט געזידלט די באַאַמטע, וואָס האָבן געלאָזט ר׳ משולמען אויסנאַרן בײַ זיי די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן. צעשויבערטע ווײַבער, וואָס קומען אין קהל־שטיבל בעטן אויף קעפּיר פֿאַר קראַנקע עופּעלעך, האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות סײַ דעם שלאַפֿן, סײַ די אויסגעלאַסענע מוֹיד, דאָס אייניקל, סײַ די אָנגעפּרעסענע דאָזאָרעס, וואָס פֿאַרמאַכן זיך הינטער די גלעזערנע טירן פֿון די קאַנצעלאַריעס און לאָזן צו זיך נישט רעדן. יידן, וואָס קאָנען יעדן איינעם, וויסן אַלע חשבונות און גייען נאָך אַלע לוויות, האָבן געטענהט, אַז אַבראַם, דער הולטיי, איז שולדיק וואָס ניוניעס כּלה־מיידל איז אַראָפּ פֿון דרך־הישר. כאָטש יעדער איינער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס׳איז אים גוט באַקאַנט וואָס ס׳טוט זיך אין די גבירישע הײַזער, און אַז ער ווייסט סודות, וואָס ער וויל נישט אויסזאָגן, האָט אין אמתן קיינער גאָרנישט געוואוסט: נישט ווען ר׳ משולם איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, נישט אויף וואָס, נישט ווען ניוניעס טאָכטער איז אַנטלאָפֿן און נישט מיט וועמען. ערשט פֿאַרנאַכט־צו, ווען ר׳ זיינוועלע סראָצקער, דער שדכן, איז געקומען אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, האָט ער איבערגעגעבן אַלע פּרטים. די מעשה איז געווען אַזוי: די הדסה האָט עפּעס אַ חברטע אַ שיקסע. מאָנטאָג אין דער פֿרי האָט זי געזאָגט דער מוטער, אַז זי וועט גיין מיט דער שיקסע אויף אַ באַל ערגעץ אין פּראַגע און בלײַבן בײַ איר נעכטיקן. היות זי איז שוין וויפֿל מאָל געשלאָפֿן בײַ דער ערלית, און אַזוי ווי דאַכע אַליין איז אויך אַ שטיק אויפֿגעקלערטע, אַן איבערגעדרייט שלעסל — האָט זי מסכּים געווען. ווײַזט אָבער אויס, אַז אַנשטאָט צו פֿאָרן קיין פּראַגע, איז די מוֹיד אַוועק אויפֿן וואָקזאַל. דאָרט האָט געוואַרט אויף איר דער געליבטער אירער, אַן אַפּיקורס פֿון קליין־טערעשפּאָל, אַ רבניש אייניקל און אַ מומר להכעיס. אַלץ איז געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערוואוסט פֿון דעם אומגליק אַ מעת־לעת דערנאָך. ווען די בשורה איז דערגאַנגען צו ר׳ משולמען, האָט ער געחלשט. ער איז אַוועקגעפֿאַלן און זיך מער נישט געקאָנט אויפֿהויבן. ער האָט פֿאַרלוירן דאָס לשון און דאָס פּנים האָט זיך אים אויסגעקרימט. דאַכע איז אויך פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן און מ׳לייגט איר צו אײַז צום קאָפּ. מ׳האָט געלאָזט וויסן דער פּאָליציי, נאָר די דראַבעס זײַנען ווי אין וואַסער אַרײַן. אַ סברא, אַז זיי זײַנען אַוועק קיין אַמעריקע...

דער עולם האָט געהערט און געשטוינט. אמת, ביאַלאָדרעוונער חסידים זײַנען געוואוינט געווען צו אַלערליי שמועות. זייער אייגענעם רבינס טאָכטער איז אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג. זינט דער רעוואָלוציע אין 1905 האָבן פּאַסירט אין וואַרשע אַלערליי טראַפֿן. חסידישע בחורים האָבן אויסגעטאָן די לאַנגע מלבושים, אָפּגעגאָלט די בערד, געוואָרן פּושעים, סטרייקערס, ציוניסטן. באַלעבאַטישע טעכטער האָבן זיך אײַנגעליבט אין סטודענטן, שאַרלאַטאַנעס, און אַנטלאָפֿן קיין ניו־יאָרק,

קיין בוענאָס־איירעס, אָדער גאָר קיין פּאַלעסטינע. ס׳האָט געטראָפֿן, אַז ווייבלעך, מאַמעס פֿון קינדער, האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די שייטלען. די טרפֿהנע ביכער, געשריבן אין זשאַרגאָן, אַז יעדער איינער זאָל פֿאַרשטיין, האָבן אָפּגעסמט די מוחות. אין די שקאָלעס, וואו מ׳האָט געשיקט די מיידלעך, האָט מען זיי געלערנט גוייִשקייט און חציפֿות. פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט געריכט, אַז אַזאַ זאַך זאָל טרעפֿן אין די־גאַסן, ביי ניוניעס אַ טאָכטער, ביי ר׳ משולם מושקאַטס אַן אייניקל. עס איז געווען אַ סימן, אַז קיינער איז מער נישט זיכער מיט די קינדער. דאָס וואָס ר׳ משולם האָט זיך אַזוי דורכגענומען מיט דעם טראַף, איז געווען אַ צייכן, אַז ביי אַלע חסרונות, איז ער פֿאָרט אַ פֿאַרצייטישער ייִד, אַ חסיד.

— אָוואַ־וואַ, ס׳איז עק־וועלט! — האָבן ייִדן געטענהט. — משיחס צייטן!...

מ׳האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה שפּעטער ווי אַלעמאָל. אין דרויסן איז שוין געווען שטאָק נאַכט. דער הימל איז שוין פֿול געווען מיט שטערן. אין שטיבל איז געווען פֿינסטער. בלויז ביים ששה נרות האָט געצאַנקט אַן איינציק יאָרצייט־ליכט. ביי דער שטילער שמונה־עשרה האָט מען דאָס מאָל געהערט אַ סך קרעכצענישן. כמעט יעדער פֿון די דאַווענער האָט געהאַט ביי זיך אין הויז אַ קאַליע־געוואָרענעם בחור, אָדער אַ מיידל. זיי האָבן געבראַכט אַהיים ראָמאַנען פֿון די ביבליאָטעקן. מ׳איז געגאַנגען אויף אַלערליי פֿאַרזאַמלונגען. די מיידלעך האָבן זיך אויסגעפּוצט אין היטן, זיך געלאָזט מאַכן אויסגאָרסירטע קליידער, מיט קורצע אַרבל, אַרומשפּאַצירט אין זאַקסישן גאָרטן, געגאַנגען אין טעאַטער. שבת האָט מען זיך געקעמט און געזייפֿט. רעדנערס האָבן געדרשנט, אַז ייִדן דאַרפֿן נישט וואַרטן אויף דער גאולה, נאָר אַליין אויפֿבויען ארץ־ישראל. מ׳איז זיך צונויפֿגעקומען אין קעלערס, פֿאַציאַטעס און זיך געבונטעוועט קעגן קייסער. הלמאי זאָל מען זאָגן? מ׳האָט טאַקע גערודפֿט ייִדן אַלץ מער און מער. די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אַ באָיקאָט מ׳זאָל נישט קויפֿן אין ייִדישע קראָמען. די פּרנסה איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער. מ׳האָט געמוזט אַוועקשיקן די קינדער אין געשעפֿטן, אָדער זיי לערנען מלאָכהס. אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל האָט מען שוין אין מיטן דער וואָך זעלטן געהערט אַ קול־תורה. וואָס־זשע וועט זיין דער תּכלית? ס׳איז געווען אַ סכּנה, אַז פּוילן זאָל, חלילה, אינגאַנצן קאַליע ווערן, ווי ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי אין דער ליטע, וואו די השכּלה האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן. ס׳איז געווען איין עצה: משיח זאָל קומען. ווי לאַנג ס׳זיינען נאָך דאָ ייִדן!...

ווען דער חזן האָט געזאָגט: ולירושלים עירך ברחמים תשוב, האָט זיך פֿון עולם אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ. וויפֿל איז דער שיעור מ׳זאָל וואַרטן אין הימל? ווי לאַנג וועט השם יתברך אויספּרוּוון זיין געפּייניקט פֿאָלק?

ר׳ זיינוועלע סראָצקער איז געזעסן אויף אַ באַנק, די הענט אויף די קני, דער קאָפּ — אַראָפּגעלאָזט, די באָרד — פֿול מיט חשכות. אַ חוץ דעם וואָס ס׳איז בכלל געווען ביטער, האָט ר׳ זיינוועלע פֿון הדסהס אַנטלויפֿן געהאַט אַ גרויסן היזק. ער האָט געזאָלט קריגן פֿינף הונדערט קאַרבוינעס שדכנות־געלט. ס׳איז געגאַנגען צו פּסח און ער האָט אַליין אויך געהאַט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן.

## 2

אין דער שלאָף־שטוב, וואו ר׳ משולם איז געלעגן, האָט דער נאַפֿט־לאָמפּ
געברענט האַלב־אַריינגערוקט. ביים קראַנקן־בעט איז געזעסן אַ וועכטערין פֿון
יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, אין אַ הייבל און אין אַ ווייס פֿאַרטוך, אויפֿן
היינטיק־מאָדישן שטייגער. דער דאָקטאָר מינץ האָט זי געהאַט אַליין אַרויסגע־
רופֿן און מ׳האָט איר געמוזט צאָלן דריי רובל אַ טאָג. מחמת זי האָט נישט געהאַט
וואָס צו טאָן, איז זי געזעסן און געלייענט אַ ראָמאַן אין דער יידישער בלאַט־
ציישונג. ר׳ משולמס קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קישנס. די ווייס
זיינען געווען פֿאַרמאַכט. דאָס איינגעפֿאַלענע פּנים האָט געהאַט אַ פּאַרמעטענע
געלקייט, ווי ביי אַ מת. מ׳וואָלט אים געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַ בר־מינן, ווען
נישט דאָס וואָס דאָס ווייסע שיטערע בערדעלע אויפֿן שפּיץ קין און די שפּיציקע
וואָנסן האָבן זיך קוים געשאָקלט. ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט רפֿואות, בעטגעוואַנט
און חולה־מסוכּן. ווען מ׳האָט געקוקט אויף דעם שלאָפֿן, האָט זיך געדוכט, אַז
נישט ער שלאָפֿט, נאָר ער איז פֿאַרנומען מיט אַ נישט־דער־וועלטיק טועניש.
דער שטערן האָט זיך געקנייטשט און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ׳זעט דורך
דער הויט דעם לויף פֿון רעיונות. די באַקן־קישעלעך האָבן צומאָל זיך גענומען
רויטלען. די ווייסע ליפּן האָבן זיך גערירט. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער שלאָפֿער
אַרויסגעלאָזט אַ מורמל, אָדער אַ שטילן ברום, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן
צי קומט דאָס פֿון מויל, פֿון דער נאָז, אָדער פֿון די נישט־געזעענע, וואָס רינגלען
אַרום דעם יעניקן, וואָס האַלט ביים שטאַרבן. מ׳האָט אָנגעזאָגט דעם מיידל, אַז
אויב דער זקן זאָל זיך אויפֿכאַפּן, זאָל זי אים געבן אין מויל אַריין אַ ביסל קאַלטע
טיי און אַ מעדיצין. אָבער ער איז שוין אַזוי געלעגן לאַנגע שעהן און זיך נישט
איבערגעוועקט. צומאָל איז פֿאָרגעקומען, אַז דער קראַנקער פֿירט שטומערהייט
אַ ויכּוח מיט עמעצן, הערט־אויס טענות, ענטפֿערט אָן לשון, אַ שטייגער ווי
ער וואָלט שוין באַצייטנס אָנהויבן אָפּגעבן דין־וחשבון...

רויזע־פֿרומעטל האָט אויפֿגעבייגט די טיר און אַריינגעשטעקט אַ ברעג פּנים.
זי האָט אויפֿן וואונק געפֿרעגט ביי דער שוועסטער צי דער שלאָפֿער איז נישט
אויפֿגעקומען. ווען יענע האָט געגעבן אַ צייכן אויף ניין, האָט זי די טיר ווידער
צוגעשפּאַרט, פּאַמעלעך, אָן אַ רויש.

די אַנדערע שטובן זיינען פֿול געווען מיט ר׳ משולמס זין, טעכטער, שנירן,
אייניקלעך און אַ הייפֿל פֿרעמדע לייט, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער
דירה און זיך אַרומגעפּאָרעט ווי אייגענע. יואל און נת׳לע, די צוויי זין פֿון ערשטן
ווייב, זיינען געזעסן אין דער סאַלע, אויף פֿאָטער־שטולן. יואל איז געווען אָנגע־
טאָן אין אַ ברייטער אַלפּאַגענער קאַפּאָטע און אין אַ הויך היטל מיט אַ בענדל.
ער האָט מיט די פֿינגער געקעמט די ביר־געלע באָרד, וואָס איז געווען פֿונאַנדער־
געשפּרייט אין צוויי שפּיצן, ווי, להבדיל, ביים קייסער פֿראַנץ יוזעף. פֿון מאָל
צו מאָל האָט ער אַרויסגענומען פֿון וועסטל אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער, גע־
עפֿנט די דריי דעקלעך און געטאָן אַ קוק אויפֿן ציפֿערבלאַט. ער האָט דאָ נישט
געהאַט וואָס צו טאָן, יואל. ער האָט געהאַט זיינע געשעפֿטן. ער האָט יעדעס

מאָל פֿונסניי זיך גענומען בעטן ביי זיין ווייב, אסתּר מלכּה, אַז ער מוז גיין אַהיים. אָבער אסתּר מלכּה האָט אים יעדעס מאָל איינגערוימט, אַז ס׳פּאַסט נישט אַוועקצוגיין. די יידענע האָט אויך עפּעס געשעפּטשעט וועגן דער צוואה און דער ירושה, כאָטש יואל האָט נישט געקאָנט באַנעמען מיט וואָס זיין זיצן דאָ קאָן עפּעס איבעראַנדערשן. פֿון נישט האָבן וואָס צו טאָן, האָט ער גערויכערט איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, אין אַ בורשטינענעם ציגאַרן־שפּיץ. ער האָט געמאַכט אין גדאַנק אַ חשבון, אַז אַפֿילו ווען ער, יואל, זאָל דערלעבן דעם פֿאָטערס עלטער, בלייבט אים נישט מער ווי וועלכע צוואַנציק יאָר. אויב ער זאָל שטאַרבן צו זיבעציק, האָט ער נאָך אינגאַנצן אַרומצודרייען זיך אויף דעם עולם אַ יאָר צען. היינט, אויב אַזוי, וואָס איז דאָס יאָגעניש נאָך געלט? סיידן פֿאַר די קינדער, וואָס וועלן ביי זיין טויטן־בעט אַוודאי אַזוי אַרומשמאַיען ווי זיינע ברידער און שוועסטער טוען איצט ביים טאַטן... ער האָט געהוסט, געברומט, געפּויקט אין דער זילבערנער ציגאַרן־פּושקע און אַ זאָג געטאָן צו נת׳לען:

— ס׳איז אַלץ הבל הבלים.

— ס׳איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק, ס׳גאַנצע לעבן — האָט נת׳לע געענטפֿערט און אַראָפּגעשלונגען אַ פּיל.

נת׳לע האָט זיך דאָ אויפֿגעפֿירט ווי ביי זיך אין דער היים. סאַלטשע, דאָס ווייב, האָט אים אויסגעטאָן די שטיוועלעטן און אים אָנגעטאָן ווייכע שטעק־שיך. אונטער די פֿיס האָט זי אים אונטערגעשטעלט אַ פֿוס־בענקעלע. זי האָט פֿון אים אַראָפּגענומען די געהאַקטע קאַפּאָטע מיט די זיידענע לאַצן און ער איז אַריין אין אַ פּליושענעם שלאָפֿראָק אַרומגעבונדן מיט אַ קרייקע, און אין אַ פֿיר־עקיק קאַפּעלע. זי האָט אים געהאַלטן אין איין ברענגען דערקוויקענישן: טיי מיט סאַכאַרין (קיין צוקער האָט ער נישט געטאָרט נוצן, ווייל ער האָט געליטן אויף דער צוקער־קראַנקהייט), אַ שטיקל פּאָמעראַנץ, אַ הינערן לעבערל, אַ ביסל ווישניק. אָנשטאָט צו טראַכטן טרויעריקע מחשבות, האָט נת׳לע אַריינגעקוקט אין אַ לוח, וואו עס זיינען געווען אויסגערעכנט אַלע ימים־טובים ביז צום סוף פֿון אלף הששי, און אַלע יאַרידים, וואָס פֿאָרן זיך צונויף אין די רוסישע שטעט. עס זיינען דאָרט אויך געווען באַשרייבונגען וועגן כינע, סיאַם, אינדיע, פֿייערלאַנד, און וועגן די מוראדיקע פֿרעסט אין די צפֿון־לענדער, ביים נאָרד־פּאָל, וואו ס׳איז זעקס חדשים טאָג און זעקס חדשים נאַכט. ווי האַלטן דאָרט יידן שבת?

— האָט נת׳לע געקלערט. — סיידן אויפֿן זייגער. ער האָט געהאַט חשק איבערצורעדן וועגן דעם מיט סאַלטשען, נאָר ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זיין עלטערן ברודער, יואלן.

— אַ וועלט מיט וועלטעלעך! — האָט נת׳לע געמורמלט צו זיך אַליין — פֿאָלג מיך אַ גאַנג!...

פּיניעלע, דער עלטערער זון פֿון צווייטן ווייב, איז אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב אין אַ פֿאַרדרייט היטל, אין אַ צעקנעפּלט כאַלאַטל. פּיניעלע האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן אין קיך, נאָר דאָס פּנים איז אים געווען אויסגעריסט. ער האָט פֿון אינדערפֿרי אָן נישט געהאַט געגעסן און ער האָט אויסגעזען צעשויבערט, אָפּגעמאָגערט, פֿאַרחושכט. זיין ווייב חנה, די קורלענדישע, האָט

אים שוין צוויי מאָל געהאַט טעלעפאָנירט ער זאָל אַהיימקומען עסן, ווייל מיט זיין פאַסטן וועט ער דעם טאַטן נישט געזונט־מאַכן, אָבער פיניעלע איז דאָ געבליבן. ער האָט גערעדט צו יעדן איינעם — צו די ברידער, די שוועסטער, די שוועגערינס, און אַפילו צו די דינסטן און צו פרעמדע מענטשן. ער איז גע־לאָפן פון שטוב צו שטוב, זיך געשיבערט, געביסן די ליפּן, אין ערגעץ נישט געפונען קיין מקום מנוחה. וואָס דאַרף איך דאָ טאָן? — האָט ער זיך אַליין גע־פרעגט. — מ׳קאָן דאָך נישט לאָזן אַלץ אויף הפקר! אָבער וויפל פיניעלע האָט נישט געמאַטערט דעם מוח, האָט ער נישט געקאָנט דערגיין מיט וואָס אַזוינס ער זאָל זיך דאָ פאַרנעמען. נאָך לאַנגע אַרומדרייעניש און רייד, איז ער אַריין אין קאַבינעט, געעפנט אַ שופלאָד אין טאַטנס שרייב־טיש און גענומען דורכקוקן אַלטע פאַפּירן: איינגעריסענע וועקסלען, בריוו פון רבנים, סוחרים, קרובים, שנאָרערס, לאַנג־אויסגעגאַנגענע קאָנטראַקטן, געסטעמפּלטע קוויטלעך פון ישיבות, תלמוד־תורהס, ווינקל־מורה־הוראהס, אַלערליי חשבונות און סתם פאַפּירלעך, וואָס ס׳איז געווען שווער צו דערגיין פון וועמען זיי קומען און וואָס ס׳איז זייער צוועק. ווי האָט דער טאַטע דאָס אַלץ געקאָנט אין זינען האָבן? — האָט פיניעלע זיך געחידושט. — וויי, געוואַלד, דער קאָפּ האָט אים אוודאי באַגנבעט פון קאָפּ ביז די פיס! ער האָט געפּרוּווט עפענען די אייזערנע קאַסע, וואָס איז דאָ געשטאַנען, נאָר זי איז געווען פאַרשלאָסן. וואָס וועט דאָ זיין? — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. — מ׳עט אַלץ צעכאַפּן און צעשלעפּן. ס׳גאַנצע האָב־און־גוטס. מיר׳ן, חלילה, בלייבן אָן אַ גראָשן...

לאַה, ר׳ משולמס יינגסטע טאָכטער, איז געזעסן אין קיך און געשמועסט מיט נעמי דער דינסט. גערעדט האָט מען וועגן הדסהן. נעמי האָט געטענהט, אַז דער אָרעם־בחור, וואָס האָט דאָ איבערגעשריבן דאָס ספר, איז איר באַלד נישט גע־פעלן, פון ערשטן בליק. אַזוי איז אַלעמאָל מיט די פּראָווינצער חיות: זיי רייסן זיך אַריין ביסלעכווייז. זיי הויבן אַרויס די שענסטע מיידלעך. זיי טרייבן אַריין וואַרשעווער סוחרים אין באַנקראָט. ווען זי, נעמי, וואָלט געהאַט צו שאַפן, וואָלט זי אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי דער ראָגאַטקע און נישט אַריינגעלאָזט די קליינ־שטעטלדיקע מיירעס. זאָלן זיי דאָרט בלייבן שטעקן אין זייער חזיר־לאַנד!...
מ׳האָט אויך געשמועסט וועגן דעם, אַז ס׳איז היי־יאָר אַ גערעטעניש אויף גענדז; אַז פּסח וועט אויספאַלן שפּעט, ווייל ס׳איז אַן עיבור־יאָר; אַז מ׳קאָן טריקענען פאַרפל אין באַק־אויוון אָנשטאָט צו גיין צום בעקער. לאה האָט דערציילט, אַז איר מאַשע וויל פאַר קיין פאַל זיך נישט לאָזן נייען קיין קליידער ביי די היימישע שניידערס, נאָר זי האָט אויסגעפונען אַ דאַמען־שניידער ערגעץ אויף דער האָזשע־גאַס. ער לאָזט אויסקלייבן דעם פאַסאָן פון אַ זשורנאַל, פאַסט־אָן נישט ווייניקער ווי דריי מאָל און האָט אַ שטוב פול מיט שפּיגלען. צומאָל איז אַריין אין קיך קאָפּל משרת. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס ביי אַ גליענדיקער קויל, גע־בלאָזן קייקעלעך רויך פון די נאָז־לעכער און פאַר איין וועגס אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט לאהן. נעמי האָט געוואוסט, אַז קאָפּל קאָן לאהן נישט פאַר־געסן, איז איינגעליבט אין איר ביז היינט צו טאָג, און זי האָט צוגעהאָלפן דעם פּאָרל זיך צונויפשמועסן. זי האָט דערביי געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף איר

צוהעלפֿערין, מאַניע, וואָס איז, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געזעסן אין איר רויט־געבלימלט שאַלעכל און אויסגעלייגט קאָרטן. זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט דערגיין, די שוואַרצע מאַניע, צי דער באַשערטער אירער וועט זיין אַ בלאָנדין, אָדער אַ ברונעט...

מער פֿון אַלע קינדער האָט זיך דורכגענומען פֿון פֿאָטערס קראַנקהייט חמא. אַלץ איז איר געגאַנגען קאַפּויער. גראָד איצט, אַז זי איז אַוועק פֿון אַבראַמען, האָט דער פֿאָטער געדאַרפֿט אַוועקפֿאַלן. זי איז זיכער געווען, אַז די ברידער און שוועסטער וועלן צונעמען דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און איר וועט גאָרנישט בלייבן. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער פֿאָטער האָט אין זיין צוואה מעביר־נחלה געווען נישט בלויז אַבראַמען, נאָר אויך זי, חמאן, און די טעכטער. אַ חוץ אַלעמען האָט זי לעצטנס ווידער זיך געהאַט צוגעוואוינט צום טאַטן און אים פֿונסניי אָנגעהויבן ליב צו האָבן ווי אין די מיידלשע יאָרן. זי איז איצט געזעסן אין איין שטוב מיט רויזע־פֿרומעטלען, דער שטיף־מוטער, וואָס איז געווען אין דעם אייגענעם מצב וואָס זי, חמא: זי האָט נישט געוואוסט צי ר׳ משולם האָט איר עפּעס איבערגעלאָזט, אָדער אָן איר פֿאַרגעסן. ביידע ווייבער האָבן געוויינט און געשנייצט די נעז. ביידע האָבן דערמאָנט איינע דער אַנדערער מיט געטריישאַפֿט, אַז וואָס ס׳זאָל נישט זיין, מוז מען עפּעס עסן, ווייל דערפֿון וואָס ס׳האַרץ ווערט פֿאַרחלשט, ווערט דעם חולה נישט בעסער. אַז חמא האָט געטאָן אַ נאָס, האָט רויזע־פֿרומעטל געזאָגט: צום געזונט. זי האָט איר אַפֿילו געהייסן אַרויפֿציען דאָס אויער. חמא איז אַוועק אין קיך און האָט אַריינגעבראַכט רויזע־פֿרומעטלען אַ טעלער יויך און אַ שטיקל הון. רויזע־פֿרומעטל האָט באַ־דעכטיק פֿאַרמאַכט דעם קרבן־מנחה סידור, וואָס אין אים האָט זי געזאָגט תהלים. זי האָט געקרעכצט, געווישט די טרערן מיט אַ שפּיץ פֿון באַטיסטענעם טיכל און געטענהט:

— אסור זאָל מיר זיין צי כ׳קאָן. ס׳קריכט מיר, ניש׳ פֿאַר אייך געדאַכט, פֿון האַלדז!

און זי האָט האַלב־לאַכנדיק האַלב־וויינענדיק אויסגעזופּט דריי לעפֿל יויך און צוגעביסן אַ פֿאָדים ביילִיק.

אײדל איז אינגאַנצן נישט אַרויסגעקומען פֿון איר שטיבל. אַז דער שטיף־פֿאָטער, אַ ייד אַ זקן, קאָן קראַנק ווערן און שטאַרבן — דערויף האָט זי זיך געריכט. נאָר אַז דער ישיבה־בחור, דער בטלן, דער פּוילישער שנאָרער, עוזר־העשל, זאָל זיך אויפֿהויבן מיר־נישט־דיר־נישט און אַנטלויפֿן מיט הדסהן — דאָס האָט זי נישט געקאָנט באַנעמען. זי איז נישט געווען אייפֿערזיכטיק. זי האָט ביידן פֿאַרגינען דאָס גליק. נאָר עס איז פֿאָרט געווען אַ פֿאַטש אין פּנים. ס׳האָט איר א״צט באַנג געטאָן פֿאַרוואָס זי האָט געהייסן דער מוטער אים לאָזן איבער־שרייבן פּאַפּאָס ספֿר. זי האָט זיך געשעמט הלמאי זי האָט איינגעטענהט מיט אים, אים פֿאַרגעשלאָגן לעקציעס. ווי נידעריק זי, אײדל, זאָל זיך נישט אַראָפּלאָזן, פֿייפֿט מען איר אָן. אַזוי איז דאָס געווען אין בראָד, אין ווין, אין קראָקע, אין דער שווייץ, און אַזוי איז עס איצט אין וואַרשע. ס׳איז שוין קלאָר, אַז צו ליבע האָט זי קיין מזל נישט. זי זאָל אַפֿילו האָבן צו טאָן מיט אַ קרעציקן, וועט זי

יענער אַוועקוואַרפֿן. אָבער פֿאַרוואָס קומט עס איר? איז זי באמת אַזוי מיאוס? אָדער האָט זי אַן אַנדערן חסרון, וואָס שטויסט־אָפּ בחורים?...

זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין די מלבושים אויפֿן בעט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. אַ שטילקייט האָט זי אַרומגענומען און אַן אונטערטעניקייט. זי מוז מאַכן שלום מיטן גורל. זי מוז זיך אָפּזאָגן פֿון אַ מאַן, קינדער, אַ היים. זי מוז בלייבן אַליין מיט אירע טרויעריקע געדאַנקען און מיט אירע ביכער. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פֿאָטער אירן, וואָס איז ערגעץ געלעגן און געפֿוילט אויפֿן בראָדער בית־עלמין, און די טרערן זיינען איר געקומען אין די אויגן־ווינקלען.

— פֿאָפּאָ, ד ו האָסט מיך ליב געהאָט! — האָט זי געמורמלט. — צו דיר, פֿאָפּאָ, וועל איך געהערן ביזן לעצטן אָטעם!...

און ס׳האָט זי גענומען שטיקן אַ געוויין. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און לאַנג געשלוכצט.

## 3

רויזע־פֿרומעטל, ר׳ משולמס ווייב; לאה, די ייִנגסטע טאָכטער; נעמי די דינסט און קאָפּל משרת האָבן די גאַנצע צייט פֿון ר׳ משולמס שלאָפֿקייט געהאַלטן אין איין אַרומשמעקן און אַרומנישטערן. יעדער פֿון זיי האָט חושד געווען, אַז דער אַנדערער האָט דעם שליסל צו דער קאַסע. יעדער האָט געפּרואווט אויסגעפֿינען וואו ר׳ משולם האָט באַהאַלטן דאָס צירונג פֿוןביידע ווייבער און די טאָרבעלעך מיט בריליאַנטן, וואָס ער זאָל האָבן געזאַמלט די לעצטע יאָרן. נעמי האָט עטלעכע מאָל געפּרואווט אויפֿרייסן די קאַסע מיט אַ פֿייל, אַ צוואַנג, אַ האַקמעסער, נאָר דאָס שטאָלענע טירל, עטלעכע צאָל די גרעב, האָט זיך נישט גערירט. זי האָט געזוכט דעם שליסל ביים אַלטן צוקאָפּנס, אין מאַטראַץ, אין די מלבושים, אין די שופֿלאָדן, נאָר זי האָט אים אין ערגעץ נישט געפֿונען. אמת, מ׳האָט איצט, אין דעם האַרמידער, לייכט געקאָנט גנבענען זילבערנע כּלים: לייכטער, בשמים־ביקסלעך, קלאָשן, בעכערס, שיסלען, טאַצן, לעפֿל, גאָפּל, מעסערס; נאָר אַזוי נידעריק איז נעמי נאָך נישט געפֿאַלן. דאָס געשיר איז געווען צעבויגן פֿון אַלטקייט, צעראַצט פֿון רייבן און שייערן. דערצו איז אויף יעדן שטיק אויסגראַווירט געווען אַ צייכן פֿון דער פֿאַמיליע מושקאַט. אַ חוץ זילבער זיינען געווען אין באַלעבאַטישקייט פּעק מלבושים: האַלב־אויסגעקראָכענע פֿ ו ט ע ר ס, שטריימלען, קעלנער, מופּעס, אָפּבלאַקירטע ראָטאָנדעס, שובעס, יופּיצעס, אַלערליי קליידער פֿון זייד, סאָמעט, אַטלעס, וואָס זיינען געלעגן איינגעפּאַקט אין נאַפֿטאַלין, די מולן זאָלן זיי נישט פֿרעסן. אָבער מ׳האָט געדאַרפֿט זיין משוגע זיך צוצורירן צו דעם דאָזיקן אַלטוואַרג.

מחמת ס׳איז נישט געווען וואָס צו נעמען און דערצו איז נעמין געקומען ביים באַלעבאָס אַ קליין פֿאַרמעגן — איבער פֿיר טויזנט רובל — האָט נעמי ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו בלייבן ערלעך ביזן סוף. זי און מאַניע האָבן אַכטונג געגעבן אויף יעדן, וואָס איז אַרויס פֿון שטוב, צי באַהאַלט ער נישט עפּעס הינטער

דער פֿאַלע. לאה האָט נישט געמאַכט קיין סוד פֿון אירע זוכענישן. זי האָט געעפֿנט קופֿערטס, אויפֿגערוקט שופֿלאָדן, דורכגעקוקט פּעק מיט פּאַפּירן, דורכגעשאָקלט דעם פֿאָטערס אַלע קאַפּאָטעס און הויזן. נאָר דער שליסל איז געהאַט ערגעץ אַהינגעקומען. זי האָט חושד געווען די שטיף־מוטער און קאָפּלען.

— עמעץ האָט זיך שוין מרחם געווען — האָט לאה געטענהט. — אַן אייגענער מענטש!...

דערווייל האָבן ר׳ משולמס קינדער, וואָס זיינען געווען אַדמיניסטראַטאָרן פֿון זיינע הייזער, אויפֿגעהערט איינצוצאָלן קאָפּלען דאָס צונויפֿגענומענע דירה־געלט. ס׳איז געווען איינגעפֿירט, אַז דעם פֿרייטאָג נאָך דעם אַכטן פֿלעגט מען קומען אין קאַנטאָר און אָפּגעבן חשבון. דער שרייב־טיש איז געווען הויך באַלייגט מיט פּאַפּירן־געלט, שטויסן זילבער, קופּער. יעדער האָט צוגעשטעלט אַ ליסטע פֿון די לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקט צו צאָלן און פֿון די יעניקע, וואָס פֿאַרלאַנגען מ׳זאָל ביי זיי מאַכן אַ רעמאָנט. ר׳ משולם האָט קיינעם נישט אַרויסגעוואָרפֿן, פֿונדעסטוועגן האָט מען דאָ יעדן פֿרייטאָג געשמועסט וועגן שיקן דעם קאָמאָרניק, אָפּשרייבן די בעבעכעס, מאַכן אַ ליציטאַציע. מ׳האָט גערעדט וועגן דער „טאָוואַזשיסטוואָ״, די געזעלשאַפֿט, וואָס גיט קרעדיטן אויף הייזער, און פֿון די היינטיק־מאָדישע ווירטסלייט, וואָס זיינען מער שולדיק אויף היפּאָטעק וויפֿל זיי פֿאַרמאָגן. יואל פֿלעגט יעדעס מאָל ברענגען נייעס וועגן מציאות, וואָס מ׳קאָן קריגן, בחצי־חינם, און ר׳ משולם האָט געהייסן קאָפּלען פֿאַרשרייבן דעם אַדרעס און נאָך שבת כאַפּן אַ קוק אויף דעם געביי. איצט איז קאָפּל געזעסן ביז ליכט־צינדן, מיט אַ שטשאָט און אַן אָפֿן קאָנטאָ־בוך, נאָר קיינער האָט זיך נישט געוויזן. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז נעמין האָט אויסגעפֿעלט געלט אויפֿן באַלעבאָטישקייט. ר׳ משולמס קינדער האָבן געמאַכט צווישן זיך אַ שטיקל „ראַדאַ פֿאַמילינאַ״, אָן קאָפּלען, און מ׳האָט אָפּגעמאַכט, יעדער זאָל דערווייל אַריינטראָגן אויפֿן חשבון פֿופֿצן רובל אַ וואָך. דער קאַסירער האָט געזאָלט זיין יואל, דער בכור.

דערווייל איז קאָפּל יעדן טאָג געקומען אין קאַנטאָר. ער איז געזעסן אויף ר׳ משולמס שטול, גערויכערט פּאַפּיראָסלעך, געלייענט אַלערליי פּאַפּירלעך, געגעניצט. די אַלטע גויים, וואָס האָבן געקראָגן ביי ר׳ משולמען עמעריטורע, זיינען אַריינגעקומען מיט די היטלען אין די הענט זיך נאָכפֿרעגן וואָס דער „פּאַן גאָספּאָדאַזש״ מאַכט. קאָפּל האָט זיי פֿויל געענטפֿערט, אַז ס׳ווערט נישט בעסער. די ערלים האָבן געקראַצט די קעפּ, האַלב־געוואונטשן, האַלב־געשאָלטן, און זיינען צוריק אַוועק. ר׳ יחיאל שטיין, דער האַלב־בלינדער בוכהאַלטער, איז גראָד אויך קראַנק געוואָרן. די טאָכטער איז געקומען זיך קלאָגן, אַז זי האָט שוין די צווייטע וואָך נישט געקראָגן די פּענסיע און זי האָט אַפֿילו נישט אויף קיין לעפֿל יויך פֿאַרן שלאָפֿן, נאָר קאָפּל האָט געענטפֿערט:

— ביי מיר האָט איר געפּועלט...

און ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט אַליין אויך נישט באַקומען זיין וואָכנגעלט.

קאָפּל האָט זיך אויפֿגעהויבן און גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים פֿענסטער און אַרויסגעקוקט צוםברייטן נישט ברוקירטן הויף מיט די האַלב־חרובע געביידעס פֿון סאָביעסקיס צייטן. אַלץ איז דאָ געווען פֿאַרוואָרלאָזט. די טרעפּ, וואָס האָבן פֿון דרויסן אַריינגעפֿירט אין די דירות, זיינען געווען האַלב־דורכגעפֿוילט. די געלענדערס האָבן זיך געוואַקלט. אין אַ טייל פֿענסטער האָבן געפֿעלט שויבן. די רעמען זיינען געווען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, טאָוול, אָדער פֿאַרשטופּט מיט שמאַטעס. אויף די פֿענסטער־זוימען זיינען געשטאַנען מילך־פֿלעשלעך, צאַפּערלעך, אָפּצוצאַפּן מילך פֿון בריסטן, טעפּלעך, מאַמקעס, נישט־געוואַשענע גלעזער. קינדער האָבן דאָרט געקרענקט אויף קאָקל־הוסט, מאָזלען, שאַרלאַך, אויסשיטעכצער. גויעס זיינען אַרומגעגאַנגען מעוברתע כאָטש מ'האָט רעכט נישט געוואוסט צי זיי האָבן מאַנען. מאַנסלייט האָבן זיך אָנגעשיכּורט און מ'האָט זיי ביינאַכט געבראַכט אַהיים אויסגעשמירטע און צעביילטע. קיין קוילן צום הייצן האָבן די אומזיסטע לאָקאַטאָרן נישט געהאַט און זיי האָבן געברענט ר' משולמס געהילץ. קאָפּל האָט וויפֿל מאָל געזאָגט, אַז מ'דאַרף די דאָזיקע פּאַראַזיטן משלח זיין און דאָ אַוועקשטעלן אַ לייטישע מויער, נאָר מ'האָט די לעצטע יאָרן ביי ר' משולמען קיין שום זאַך נישט געקאָנט פּועלן. ער האָט אויף אַלץ געהאַט איין תּשובה:

— מיר'ן נאָך שמועסן...

אַלץ איז דאָ די לעצטע יאָרן געוואָרן אַנדערש. ווען קאָפּל איז אָנגעקומען אַהער, האָט ר' משולם נאָך געפֿירט גרויסע געשעפֿטן. געלט איז אַריינגעפֿלאָסן פֿון אַלע זייטן. ר' משולם האָט געבויט און געמויערט, געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט, שפּעקולירט אויף דער בערזע, זיך אַריינגעלאָזט אין אַלערליי שותּפֿותן. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ ציגל־פֿאַבריק און אַ שאָפּע, וואו מ'האָט אָפּגעקויפֿט שמאַטעס און ביינער. ער האָט געהאַט ערגעץ אין ראַדאָמער גובערניע אַ ברוי־הויז מיט זעקס הונדערט מאָרג לאַנד אויף צו פֿאַרזעצן האָפּן, און אַ האַלבע צוקער־פֿאַבריק הינטער לובלין. ער, קאָפּל, האָט געהאַלטן אין איין אַרומפֿאָרן מיט שליחותן. ער האָט גערייזט צווייטע קלאַס, איז איינגעשטאַנען אין האָטעלן, געטרונקען מיט גבירים און פּריצים. ר' משולמס זין האָבן געציטערט פֿאַר אים. די טעכטער און שנירן האָבן אים געחנפֿעט. דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעטרויט אומגעציילטע געלטער. סוחרים און קאָמיסיאָנערן האָבן אים געפּרואווט אונטערקויפֿן מיט געלט און מתּנות. טאַקע פֿון יענע גוטע צייטן האָט ער, קאָפּל, געהאַט אָפּגעשפּאָרט דאָס צוויי־שטאָקיקע הויז אין פּראַגע, וואו ער האָט איצט געוואוינט, און די פּאָר טויזנט קערבלעך, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין באַנק. ער וואָלט דעמאָלט געקאָנט ווערן גליקלעך, ווען ער לאָזט זיך אַריין אין גרויסע שווינדלען און גנבֿות, אָבער ער איז געבליבן געטריי דער משפּחה. ער האָט נאָך געהאָפֿט, אַז ער וועט אַליין ווערן ר' משולמס איידעם. ער האָט אַפֿילו נישט פֿאַרלוירן דעם קוראַזש ווען לאה האָט חתונה געהאַט מיט דעם אלמן, דעם באַנק־קוועטשער, משה גבריאל; וואָרים ס'האָט באַלד פֿון אָנהויב געהאַלטן ביי אַ גט...

זינט ר' משולם האָט אַריבערגעשפּאַנט אין די זיבעציקער, איז ער געוואָרן קמצניש, ר'האָט אָנגעהויבן ציטערן פֿאַר יעדן גראָשן. ער האָט ליקווידירט אַלע געשעפֿטן און איז געבליבן בלויז ביי די הייזער. ער איז אַרויסגעקראָכן פֿון

אַלע שותּפֿותן, אַריינגעלייגט די געלטער אין דער קייזערלעכער באַנק, וואָס האָט געצאָלט די קלענסטע פּראָצענטער, איינגעהאַנדלט אַקציעס, וואָס זיינען יאָרן־לאַנג געשטאַנען אויף איין פּרייז און האָבן אַריינגעבראַכט קנאַפּע דיווידענדן. מ׳האָט געמורמלט, אַז ער קויפֿט שטילערהייט צירונג ביי די ברילִיאַנטן־סוחרים, נאָר אים, קאָפּלען, האָט ער דערפֿון נישט דערציילט. ער איז געבליבן שטעקן מיט אַ סך טויטע פֿאַרמעגנס: פּלעצער הינטער דער שטאָט; אַ חלק אין אַ קוילן־גרובן אין סאָסנאָוויעץ, וואָס איז שוין יאָרן־לאַנג געווען פֿאַרגאָסן מיט וואַסער; אַלערליי צווייטע און דריטע היפּאָטעקן, וואָס מ׳האָט קיינמאָל פֿון זיי נישט געקאָנט זיך אַרויספּלאָנטערן. לויט קאָפּלס חשבון האָט דער זקן געדאַרפֿט האָבן צו די נחלאות אַ קיילעכיקן מיליאָן אין די בענק, אָבער קאָפּל האָט צו דעם אַלעמען נישט געהאַט קיין צוטריט.

קאָפּל האָט באַנומען, אַז על פּי שכל דאַרף ער איצט אַ שפּיי טאָן אויף אַלץ און גיין זיין וועג. ער איז נישט געווען קיין אָרעמאַן. ער האָט געקאָנט קריגן אַן אַנדער פּאָסטן, אָדער גאָר עפֿענען אַ קאַנטאָר פֿאַר זיך. ער האָט לייכט געקאָנט ווערן אַ מעקלער ביי הייזער און אַפֿילו בכבוד אויסקומען דערפֿון, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט. זיין ווייב, באַשעלע, איז נישט געווען קיין אויסברענגערין. פֿון די צוואַנציק רובל אַ וואָך, וואָס ער האָט איר אויסגעטיילט אויף דער הוצאה, איז נאָך עפּעס געבליבן. די שוועסטערן־טאָכטער, מירעלע, איז שוין געגאַנגען אין דער זיבעטער קלאַס. זיינע אייגענע קינדער — מאָניעק, שאָשע, איפּע (פֿאַרצויגן פֿון רבקה) און טייבעלע — האָבן זיך, דאַנקן־גאָט, געהאָדעוועט לייכט. מאָניעק האָט שטודירט אין קרינסקיס גימנאַזיע. דער בחור האָט אַרויסגעוויזן נישט־געוויינלעכע פֿעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק. שאָשע איז, קיין עין־הרע, געווען אַ שיינהייט. איפּע האָט נעבעך אַביסל אונטערגעהונקען — זי האָט געמוזט טראָגן אויפֿן לינקן פֿוס אַ סאָרט מאַשין — נאָר ס׳איז שוין געלעגן פֿאַר איר גרייט אַ נדן אין אַ באַנק. טייבעלע איז נאָך געווען אַ קינד. יאָ, קאָפּל האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו שלאָגן כּפּרה מיט אַלע מושקאַטס. אָבער ער איז פֿונדעסטוועגן אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער, נישט געשלאָפֿן נעכט, געהאַלטן אין איין רויכערן און בייסן די ליפּן. ער איז געהאַט אַריינגעוואָקסן אין דער פֿאַמיליע. ער האָט געהאַט מיט איר אַ סך חשבונות.

די ליבע זיינע צו לאהן איז מיט די יאָרן געוואָרן נישט שוואַכער, ווי ער האָט זיך גערעכנט, נאָר שטאַרקער. עס איז געווען אַן אויסטערלישע ליבשאַפֿט. לאה האָט שוין געהאַט אַ טאָכטער התונה צו מאַכן. ווען מאַשען זאָל זיך פֿאַר־גלוסטן צו טאָן אַ שידוך, קאָן לאה איבער־אַ־יאָר ווערן אַ באָבע. אָבער פֿאַר אים, קאָפּלען, איז זי געבליבן ווי אַ מיידל. אַז זי איז פֿאַרביי אין בלאָנד־געקאַרבטן שייטל, מיטן הויכן בוזעם, די קיילעכיקע היפּטן, אין שיך מיט הויכע כּאָלעוועס איבער די ברייטע ליטקעס און מיט קורצע קלעצלעך, האָט אים אָנגענומען אַ יינגלשע תאווה. דער ברעג האַלקע האָט אַלעמאָל ביי איר אַרויסגעקוקט מיט אַלע יצר־הרע־שפּיצעלעך. זי האָט גערעדט מיט אַ שטאַרק קול און יעדער זאָג אירער איז געווען פֿול מיט בייזער גבורה. די גרויסע בלויע אויגן האָבן אַלעמאָל געלאַכט. אין די באַקן זיינען געשטאַנען חן־גריבעלעך. ווען זי האָט

זיך צעלאַכט, האָט זי זיך געטאָן אַ וואָרף אַנידער אויף דער סאָפֿע, אָדער אויפֿן בעט, און זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ כאַכעניש, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע שטובן. ווען זי האָט אַמאָל עפּעס אָפּגעקאָכט, אָדער געפּרעגלט, האָט עס פֿאַרשמעקט אַלע חדרים. אַז זי האָט אויסגעניית אַ שירצל, אָדער אויסגעהאָפֿטן מיט באַנוול אויף קאַנווע, זײַנען כּלה־מיידלעך געקומען צו איר נאָך מוסטערן. לאה האָט זיך געפֿירט אָרנטלעך, אָבער קאָפּל האָט געוווּסט, אַז דער האָבער שטעכט זי. ר׳ משר־גבריאל איז נישט געווען קיין מאַן פֿאַר איר. זי האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אַ זאָג געטאָן צו קאָפּלען:

— יאַכ׳ל מיט אים מאַכן אַן עק! כ׳וויל בלויז נישׂ׳ מצער זײַן דעם טאַטן...

צו געווינען לאהן און צו קאָנען אָפּגטן באַשעלען, האָט קאָפּל געדאַרפֿט אַ סך געלט. ער האָט אויך געמוזט בלײַבן אָרום דער משפּחה. ער האָט יאָרן־לאַנג געאָרבעט דערויף, ר׳ משולם זאָל אים מאַכן איבער הונדערט יאָר פֿאַר דעם אַפּוטרופּוס. ער האָט געוואָלט אויסדרייען אַזוי, אַז ער צוזאַמען מיט לאהן זאָלן ווערן די דעה־זאָגער. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ווי ער ווערט לאהס מאַן און דער פֿירער פֿון אַלע געשעפֿטן. ער פֿאָרט אין אַ קאַרעטע מיט גומענע רעדער, ווערט אַ פּרנס אין קהל־שטיבל, דאַוונט שבת אין דער דײַטשער שול, זיצט אין קאַנטאָר אויף ר׳ משולמס אָרט און אַ משרת טראָגט אים צו אַ גלאָז טיי. ער, קאָפּל, טוט מיט ר׳ משולמס אייניקלעך רײַכע שידוכים און ברענגט צונויף די גרעסטע פֿאַרמעגנס פֿון פּוילן. ער עפֿנט אַן אייגענע באַנק: „באַנקהויז פֿון מושקאַט און בערמאַן". ער האָט אַ האַנט אין לאָדזשער מאַנופֿאַקטור־פֿאַבריקן, איז פּרעזעס פֿון דער בערזע, אַ חשוב בײַם גענעראַל־גובערנאַטאָר. זומער פֿאָרט ער צוזאַמען מיט לאהן אין וואַרעם־באָד. ער טרינקט מיט איר די מינעראַל־וואַסערן און שפּאַצירט אויף דער פּראָמענאַדע, מיט אַ צילינדער אויפֿן קאָפּ. זי קושט זיך מיט אים אונטערן זון־פּאַראַסאָל און רעדט צו אים אויף דײַטש:

— אַך, קאָפּל, מײַן טײַערער... איך בין זאָ גליקליך!...

אָבער אַלץ איז די לעצטע חדשים געשען ווי קאָפּלען צו־להכעיס. ר׳ משולם האָט חתונה געהאַט מיט אַ גאַליציאַנער ייִדענע און זיך אײַנגעהאַנדלט אַ פֿאַר־ריסענע שטיף־טאָכטער, וואָס האָט געהעצט קעגן אים. קאָפּל האָט וויפֿל מאָל גע־וואָרנט, אַז מען דאַרף לויז ווערן פֿון אַבראַמען, אים אַרויסוואַרפֿן פֿון די הײַזער, נאָר ר׳ משולם האָט אָפּגעשלעפּט. איצט האָט אַבראַם געקאָנט ווערן אַ מאַכער צווישן די שלים־מזלדיקע שוואָגערס. קאָפּל האָט געוואָלט, הדסה זאָל חתונה האָבן מיט דעם פֿישעלען, וואָרים ר׳ שמעון קוטנער איז געווען אַן אָנגעשטאָפּטער גביר און מ׳האָט שפּעטער געקאָנט צוזאַמענגיסן דאָס פֿאַרמעגן, אָבער אַנשטאָט דעם איז דאָס מיידל אַנטלאָפֿן מיט עפּעס אַ צלאָפּ, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, און וואַרשע האָט געלאַכט אין די פֿויסטן. ר׳ משולמס פּלוצלינגדיקע שלאָפֿקייט האָט קאָפּלען די רעשט דערשלאָגן. ס׳איז קלאָר, אַז דער זקן האָט נישט איבער־געלאָזט קיין צוואה. אים, קאָפּלען, האָט ער נישט אָפּגעשריבן קיין צווייער. אַב־ראַם וועט קריגן זײַן חלק. דערצו האָט לאה שוין אײַנגעזען, אַז ער, קאָפּל, איז ווייט נישט אַזאַ תּקיף. זי האָט אין קיך אים געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז זי

זוכט דעם שליסל צו דער קאַסע און אַז אויב ער ווייסט עפּעס, וואָלט זי מיט אים געהאַנדלט. נאָר קאָפּל האָט זיך געמאַכט תּמעוואַטע.

— אַבי יאַך האָב געמיינט, אַז קאָפּל ווייסט אַלץ! — האָט לאה צו אים אַ זאָג געטאָן. — עפּעס אַ קלייניקייט: קאָפּל!

און קאָפּל איז רויט געוואָרן און געענטפֿערט:

— כ׳בין אפֿשר אַ נאַר, נאָר ניש׳ קאַ׳ נביא...

## 4

אין אַ פֿאַרנאַכט, ווען קאָפּל איז אַזוי געזעסן ביי ר׳ משולמס שרייב־טיש, גע־רויכערט אַ פּאַפּיראָס און געטראַכט זיינע געדאַנקען, האָט ער מיטן שפּיץ שוך אויפֿגערוקט אַן אונטערשטן שופֿלאָד. עס זיינען אינעווייניק געלעגן סטעמפּלען, פֿלעשלעך טוש, טאָוועלעך טריוואַקס, דרעטלעך, קלעק־פּאַפּיר — אַלץ געדיכט באַדעקט מיט שטויב. ווייטער איז געשטאַנען אַ ברייטער ערדענער טאָפּ איבער־געדעקט מיט אַ שטאַרץ. קאָפּל האָט זי אַראָפּגענומען און געבליבן אַ פֿאַרגאַפֿטער. ס׳איז דאָרט געלעגן דער שליסל צו ר׳ משולמס קאַסע. קאָפּל האָט דערקענט סיי די טיף־איינגעשניטענע קאַרבן, סיי דאָס ברייטע אויער. ער איז געוואָרן אַזוי פֿאַרחידושט, אַז ער האָט זיך ווי פֿאַרגעסן צו וואונדערן. ער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן און אים אָנגענומען מיט ציטערנדיקע פֿינגער. ס׳איז נישט געווען דער שליסל, וואָס ר׳ משולם האָט באַנוצט, נאָר אַ נאָכשליסל. מ׳האָט אים אַפּנים קיינמאָל נישט געהאַט געברויכט. ער איז געווען ווי ניי, מיט אַ לאַנגן פֿלעק ראָסט. קאָפּל האָט אים אַ וועג געטאָן אין דער האַנט. מ׳האָט שוין דאָרט, מסתּמא, אַלץ אַרויסגעלקחנט — האָט ער געטראַכט. — נאָר מ׳דאַרף אַ קוק טאָן סיי־ווי־סיי.

ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דאָס קעסעלע־קאַפּעליושל, גענומען דאָס שטעקעלע, די טעקע, און איז אַרויס. אויף די טרעפּ האָט ער פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. קודם־כּל דאַרף מען בלייבן קאַלט! — האָט ער געטראַכט. — ווען נישט, וועט נישט טויגן. אונטן, ביים אַריינגאַנג, האָט אים באַגעגנט דעם סטרוזשס ווייב. די גויע האָט עפּעס גערעדט וועגן דעם אינדיק, וואָס דער פּאַן קאָפּל האָט געהאַט באַשטעלט. קאָפּל האָט איר געענטפֿערט, אַז דער היינטיקער ווינטער האָט מיט איין חודש מער. צום יידישן פּסח איז נאָך ווייט.

— יעשטשע דאַלעקאָ דאָ מה נשתּנה — האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן. — דער אינדיק קאָן זיך נאָך פּאַשען...

באַלד האָט ער זיך געלאָזט צוגיין צום גזשיבאָוו. יידן אין איבערציערס און אין פֿוטערלעך זיינען שוין געגאַנגען דאַווענען מנחה. און מעריב, צו וואָליע־צו, איז אונטערגעגאַנגען אַ גרויסע רויטע זון. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט אסתּר־תּענית און פּורים. ביי ר׳ משולמס טויער האָט די בעקער־מויד זיך גע־קריגט מיט אַ יידענע הלמאי זי טאַפּט־אויס אַלע זעמל און יענע האָט צוריקגע־זידלט און געשאָלטן. אויף די טרעפּ האָט נאָך נישט געברענט דאָס נאַפֿט־לעמפּעלע. קאָפּל האָט אָנגעקלונגען און מאַניע איז געקומען עפֿענען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר געבלימלט שאַלכל און געטראָגן מיט זיך אַ טאַליע קאָרטן.

זי האָט אים אָנגעקוקט קורצזיכטיק מיט אירע קאַלמיקיש־קרומלעכע אייגעלעך און אַ זינג געטאָן:

— אָ, קאָפּל!

— וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט דער אַלטער?

— אויף שונאים געזאָגט.

— וואו איז ערגעץ נעמי?

— געגאַנגען נעמען אַ וואַנע.

דאָס וואָס נעמי איז נישט געווען אין דער היים, איז געווען אַ גוטע זאַך. די קוכטע האָט אים לעצטנס געהיט ווי אַ גנב. אין קאָרידאָר איז געווען כמעט פֿינסטער. מאַניע זאָל אים נישט חושד זיין אין קיין בייזע כוונות, האָט קאָפּל געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וויל מיט איר אַ טשעפּע טאָן.

— מאַניע לייגט נאָך אַלץ אויס קאָרטן? — האָט ער געפֿרעגט.

— נישטאָ עפּעס בעסערס צו טאָן.

— מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט ניש׳ קאַ׳ מזל צו קאָרטן, האָט מען מזל צו ליבע.

— יעך האָב צו ביידע ניש׳...

קאָפּל האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט געניטשאָפּט. מאַניע האָט זיך צונויפֿגעקורטשעט אין איר געבלימלט שאַלעכל. זי האָט פֿיינט געהאַט צו האָבן עסקים מיט באַווייבטע מאַנסלייט.

— יעכ׳ל אָנצי׳ן אַ לאָמפּ — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— זאָל זיך מאַניע ניש׳ באַמיען.

ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. מאַניע איז צוריק אַריין אין קיך. קאָפּל האָט געטאָן אַ הוסטל און אָפּגעוואַרט. קיינער איז, אַפּנים, דאָ נישט געווען אַחוץ דעם קראַנקן און דער וועכטערין. אין דער סאַלע, אין עס־שטוב, אין רויזע־פֿרומעטלס שטיבל, — אומעטום איז געווען פֿינסטער. קאָפּל האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר אין קאַבינעט. דורך דעם האַלב־אָראָפּגעלאָזטן ראָלעט האָט פֿון דרויסן אַריינגעשיינט אַ געלבלעך ליכט פֿון אַ גאַז־לאָמטערן. ליכטיקע פּאַסן האָבן זיך געקרייצט איבערן סופֿיט, זיך פֿאַרלוירן אין די ווינקלען. דאָס טירל פֿון דער קאַסע האָט אָפּגעלויכטן ווי אַ שוואַרצער שפּיגל. קאָפּל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אַרויסגענומען דעם שליסל. איצט אָדער קיינמאָל נישט! — האָט עמעץ אין אים אַ זאָג געטאָן. ער האָט געפּרוּווט אַריינזעצן דעם שליסל אין לאָך, וואָס האָט זיך געשוואַרצט צווישן די שאָטנס, נאָר ער האָט נישט געקאָנט אַריין. ס׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שטאָל. ער האָט געוואָלט אָנצינדן אַ קינדל, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. אַלץ אין אים איז געווען וואַך און אָנגעלאָדן. ער האָט גענומען אַרומטאַפּן דאָס לעכל מיט די שפּיץ־פֿינגער. ס׳איז געווען פֿאַרשטאָפּט. עמעץ האָט, אַפּנים, געהאַט דאָרט אַריינגעשטופּט ווייך ברויט, אָדער קיט. קאָפּל האָט אַרויסגענומען פֿון וועסטל־קעשענע אַ פּען־מעסערל און דאָס צוריק אויסגעקראַצט. נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ אויסגעגראַבלט, האָט ער אַריינגעשטעקט דעם שליסל שטילערהייט, אָן רויש. דאָסמאָל האָט ער געפּאַסט. קאָפּל האָט געטאָן אַ דריי רעכטס און דער שלאָס האָט סקריפּענדיק נאָכגעגעבן. דאָס טירל איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן פֿאַר־

שפּאַרט. ער האָט געטאָן נאָך אַ דריק און דאָס דעקל איז אויפֿגעשפּרונגען. ס׳איז דאָרט, ווייזט אויס, פֿול געווען ביזן אויג, ווייל אין חשכות האָבן גענומען פֿאַלן פּעק פּאַפּירן. די קנוילן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט חמרימוויז ווי אין אַ חלום... קאָפּל האָט אָנגעטאַפּט באַנקנאָטן. ער האָט דערקאָנט דאָס פּאַפּירן־געלט סיי אין דער גלאַטיקייט, סיי אין דער גערונצלטקייט. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס ווייכע אָרט רעכטס איז דאָס בילד פֿון יעקאַטערינען...

אַלץ איז צוגעגאַנגען גיך. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני, אָפּגעטשעפּעט די דרעטלעך פֿון דער טעקע, לויז געמאַכט די רימענדלעך, גענומען אַריינפּאַקן די פּעקלעך. ס׳האָט נישט געדויערט קיין מינוט ווי דער ברייטער טאַש איז געוואָרן פֿול. ער האָט אים קוים געקאָנט פֿאַרמאַכן. ער האָט אויך אַריינגעלייגט הויפֿנס באַנקנאָטן אין ביידע בוזעם־קעשענעס, אין רעקל, אין די הויזן־טאַשן. ער האָט אַ הויב געטאָן די טעקע און איז דערשטוינט געוואָרן ווי שווער זי איז. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז פּאַפּיר זאָל האָבן אַזאַ וואָג. ביים לעצטן רימענדל איז געשען אַ מכשול. ער האָט געקראָגן אַ שטאָך אין קליינעם פֿינגער, טיף אונטערן נאָגל. כ׳על מיר נאָך אָפּשפּאָרן אַ בלוט־פֿאַרגיפֿטונג! — האָט ער גע־מורמלט. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם פֿינגער אין מויל און גענומען זויגן און נאָגן. כ׳טאָר נישט לאָזן קיין סימנים פֿון בלוט! — האָט ער געקלערט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געווען אַ מערדער און באַגאַנגען אַ רציחה...

אַ ווייל איז קאָפּל געבליבן אַ פֿאַרשטאַרטער. ער האָט דערהערט טריט. ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט צוגעשפּאַרט דאָס קאַסע־טירל און פֿאַר־שלאָסן. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר. אין חשכות האָט זיך געשאָקלט אַ שאָטן פֿון אַ געשטאַלט. ער האָט אַ רוף געטאָן:

— מאַניע?

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ס׳האָט זיך אים בלויז געהאַט אויסגע־דוכט. דער סילועט איז צעגאַנגען ווי פֿון אַ שפּרוך. דאָס אייגענע קול איז אים פֿאָרגעקומען פֿרעמד. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ באַנקנאָט. זאָל ער האָבן פֿאַרלוירן? ער האָט זיך איינגעבויגן אים אויפֿצוהויבן, נאָר עס איז געווען אַ פֿלעק ליכט אָפּגעשפּיגלט אויפֿן געוועקסטן דיל. כ׳בין, זעט אויס, פֿאָרט אַביסל אויפֿגערעגט — האָט קאָפּל ביי זיך אָפּגעפּאַסט. ער האָט ערשט איצט דערשפּירט, אַז ס׳האַקן אים די שלייפֿן און אַז ער שוויצט אונטערן קאָלנער. צו פֿאַרמיידן יעדן חשד, האָט ער גענומען הוסטן און טופּען מיט די פֿיס. ער האָט באַדעכטיק אָן עפֿן געטאָן די טיר אין ר׳ משולמס קראַנקן־צימער. דער שטיי־לאָמפּ איז דאָרט געווען פֿאַרשטעלט מיט אַ גרין פּאָדער־בלעטל פֿון אַ העפֿט. אַ גרויסער שאָטנדיקער קאָפּ האָט זיך באַוועגט אויפֿן באַלקן. די שפּיטאָל־שוועסטער אין דעם ווייסן טשעפּיק האָט אויסגעדרייט אַ ברעג פּנים און מיט וואָרעניש אָנגעוועקגעלייגט דעם וויַיז־פֿינגער אויף די ליפּן, אַ צייכן ס׳זאָל זיין שטיל. ר׳ משולם איז, אַפּנים, ערשט געהאַט איינגעשלאָפֿן.

אַלץ האָט יענעם אָוונט געדינט קאָפּלען. ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט נישט קאָנען בלינדערהייט עפֿענען די דרויסן־טיר און דאַרפֿן רופֿן מאַניען, אָבער דער קלאַפּ־שלאָס האָט זיך גלייך געעפֿנט. אויף די טרעפּ האָט מען נאָך

אַלץ נישט געהאַט אָנגעצונדן די לעמפּלעך. ער האָט קיינעם נישט געטראָפֿן נישט אויף די שטיגן און נישט אין טויער. וואו זיינען זיי אַלע אַוועק? — איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן רעיון. — מ׳לאָזט דעם קראַנקן אַליין... אויסטערלישע ווערטער זיינען אים געקומען אויפֿן זין, אָן שום צוזאַמענהאַנג: ברכה והצלחה... אַ קאַצענער קאָפּ... דאָס גאָלדענע קאַלב... אַ רגע האָט ער זיך געקווענקלט אין וואָס פֿאַר אַ זייט צו גיין, צו דער טוואַרדע, אָדער דער גנאָינע. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טוואַרדע. ער האָט געשפּרייזט און זיך געגליטשט. ער איז שיער נישט געפֿאַלן. פֿון ר׳ אַהרן סאַרדינערס הויף איז אַרויס אַן עולם יידן. דאָס האָט מען זיך אומגעקערט פֿון מנחה־מעריב. אַ יונגערמאַן האָט זיך שוין באַצייטנס אַרומגעטראָגן מיט אַ קויש גרעגערס און פּאַפּירענע מגילות. איז שוין אַזוי נאָענט צו פּורים? — האָט קאָפּל זיך געוואונדערט. אַ דראָשקע איז פֿאַרביי און קאָפּל האָט געגעבן אַ צייכן דעם פֿורמאַן. ביים איינשטייגן האָט ער אָנגעקלאַפּט דעם פֿוס אָן טרעפּל. די וואַליזע האָט ער אַוועקגעשטעלט נעבן זיך. וואוהין? — האָט געפֿרעגט דער אָנטרייבער. דאָ האָט פּאַסירט מיט קאָפּלען אַ ווילדע זאַך: ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן זיין אייגענעם אַדרעס. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איבער דער פּראַגער בריק.

דער קוטשער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ, הינטערן צעראַטענעם היטל. דערנאָך האָט ער אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער בייטש און גענומען אויסדרייען. קאָפּל איז שיער נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון געזעס. ער האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט אָן דעם קיט, וואָס האָט געשטעקט אין שליסל־לאָך. ווער־מענס אַרבעט האָט דאָס געקאָנט זיין? נעמיס אָדער לאהס. דער קיט וועט אַלץ אויסזאָגן. דערצו האָט אים מאַניע געעפֿנט די טיר. רבונו של עולם, וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? כ׳האָב מיך באַגראָבן. כ׳בין פֿאַרשיט. כ׳טאָר נישט פֿאָרן אַהיים! מ׳עט מאַכן אַ רעוויזיע און אַלץ אויסגעפֿינען. אפֿשר אַמאָל אַוועק צו דער פּעטערבורגער באַן? אפֿשר אַראָפּשפּרינגען פֿון דער דראָשקע און אַנטלויפֿן? ניין, דאָס איז אַ משוגעת!...

אין איין מינוט איז קאָפּלען קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן. ווען ער וואָלט אַמווייניקסטן אויפֿגעקליבן דעם קיט און צוריק פֿאַרשטופּט! ער איז שוין איצט געווען אין דער געפֿאַר מ׳זאָל אים אַרעסטירן. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז נעמי איז שוין דאָ אין דער היים און האָט שוין טעלעפֿאָנירט דער פּאָליציי. מ׳וועט לויערן אויף אים ביים טויער. מ׳עט אים כאַפּן און בינדן אין קייטן. מ׳עט ביי אים אַלץ צונעמען. גאַנץ וואַרשע וועט לאַכן פֿון זיין בראָך. ער׳ט פֿאַרפֿוילט ווערן אין פּאַוויאַק. אַ קילער שווייס האָט קאָפּלען באַגאָסן. ער איז מער נישט געווען קאָפּל בערמאַן, ר׳ משולמס רעכטע האַנט, אַ ווירט פֿון אַ הויז אין פּראַגע, אַ טאַטע פֿון געראָטענע קינדער, נאָר אַ גנב, וואָס שלעפּט זיך אויף אַ דראָשקע מיט אַ גנבה. אַפֿילו דער גוי אויף די קאָזלעס שטויסט זיך אָן. ס׳איז קאָפּלען נישט געפֿעלן זיין קרום־איינגעבויגענע פּלייצע... ערגעץ וואו האָט געפּייפֿט אַ פּאָליציייאיש פּייפֿל — לאַנג און ציטריק. מ׳יאָגט אים נאָך!...

קאָפּל האָט צוגעשלאָסן די אויגן און אָפּגעוואַרט. דאָס איז דער סוף — איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן מוח. — וואָס וועט זאָגן לאה?...

און ער האָט מיט אַמאָל דערשפּירט אַ שטאַרקע ווייטאָג אין קליינעם פֿינגער. דאָס פֿלייש איז געהאַט אויפֿגעלאָפֿן. ס׳האָט דאָרט אָנגעהויבן קלאַפּן אַ פּולס. ער האָט געעפֿנט די וויעס און דערזען דורך דער שיין פֿון אַ לאַמטערן, אַז אונטערן נאָגל איז שוואַרץ. ס׳האָט דאָרט געמוזט בלייבן אַ שטיקל פֿאַרזשאַווערט אייזן. פֿון אַזאַ זאַך קריגט מען לייכט די בראַנד!...

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ טראַסק. אַ טראַמוויי איז פֿאַרבייגעפֿאָרן. ער האָט זיך געפֿונען ערגעץ אויף דער סענאַטאָרן־גאַס. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פֿון דער ווייסל. אַן אייזיקע האָר איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן חוט־השדרה. קאָפּל האָט געהאַט אַ געפֿיל ווי ער וואָלט זיך אויפֿגעריסן פֿון אַ שווערן שלאָף...

## 5

וואָס נעענטער די דראָשקע איז געקומען צו דער פּראַגער בריק, אַלץ רואיקער איז געוואָרן קאָפּל. ס׳האָבן מער נישט געפֿייפֿט קיין פּאָליציי־פֿייפֿלעך. קיינער האָט אים נישט נאָכגעיאָגט. נעמי איז נאָך, אַוודאי, נישט געווען אין דער היים. די ברעקלעך קיט האָט, מסתמא, קיינער נישט געזען. דעם שליסל־לאָך האָט זיכער פֿאַרשטאָפּט ר׳ משולם אַליין איידער ער איז קראַנק געוואָרן. אויב ס׳זאָל אַפֿילו פֿאַלן אויף עמעצן אַ חשד, רופֿט מען דאָרט נישט אַזוי גיך די פּאָליציי. קאָפּל האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן. ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן, קונציק אָנגעצונדן אַ שוועבעלע קעגן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פֿון דער ווייסל, פֿאַררויכערט. ער האָט זיך אָנגעלענט אויפֿן אויסגעבעטן ווענטל, אויסגעצויגן די פֿיס, אַרויפֿגעלייגט די שווערע טעקע אויף די קני און צוגעשלאָסן די וויעס. ער איז געפֿאָרן בלינדערהייט מיט אַן אוצר. אַלץ וואָס איז מיט אים פֿאָרגעקומען היינטיקן אָוונט האָט זיך אים איצט אויסגעדוכט האַלב־ממשותדיק, אַן אַ האַפּט, ווי אין אַ חלום. ווי קומט עס וואָס קיינער איז נישט געווען אין דער היים? ווי האָט ער זיך דערוועגט אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך? ווי וואָלט געווען ווען נעמי קומט אָן און כאַפּט אים ביי דער האַנט? אָדער ווען רויזע־פֿרומעטל נעמט שרייען געוואַלד? פֿון דעם בלויזן געדאַנק איז קאָפּלען דורכגעלאָפֿן אַ קעלט דורך די ריפּן.

— כ׳האָב געקאָנט מיאוס אָפּשניידן — האָט ער געמורמלט. — כ׳על דאַרפֿן בענטשן גומל...

אויף דער בריק איז געווען אַן ענגשאַפֿט און אַ האַרמידער. טראַמווייען האָבן געקלונגען. פֿון די לאָמפּן זיינען געפֿאַלן קרומע נעפּלדיקע זיילן. דער אָנטרייבער האָט אומגעקערט צו קאָפּלען דאָס רויטע צעשמיסענע פּנים.

— וואו פֿאָרן מיר, פּריץ?

קאָפּל האָט שוין איצט געדענקט זיין אַדרעס, נאָר ער האָט געהייסן פֿאָרן אַ גאַס ווייטער. ער האָט אָנגעגעבן אַ נומער, אָבער ער איז נישט געווען זיכער

צי אַזאַ הויז איז פֿאַראַן. דער אָנטרייבער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פֿערדל. וואָס ווייטער, אַלץ טונקעלער איז דאָ געוואָרן און הינטער־שטאָטיש־קעלטער. הינט האָבן געבילט. די גאַז־לאַמטערן אויף די גראָבע אייזערנע שטאַנגען האָבן מער געבלענדט ווי געלויכטן. ס'האָט געשמעקט מיט רויך, וואָקזאַל און פֿויל אויבסט. אין האַלב־פֿינטסערן האַלב־אָנגערויטלטן הימל האָבן זיך געיאָגט לאַנגע וואָלקנס. הינטער זייערע שופֿן האָט זיך גערוקט אַ הייטל פֿון אַ לבנה. דער אָנטרייבער האָט, אַפּנים, נישט געקאָנט די געגנט, ווייל ער האָט אָנגעלייגט וועג און איז פֿאַרבייגעפֿאָרן קאָפּלס גאַס. קאָפּל האָט אַ קוק געטאָן צום טויער: קיינער האָט אויף אים נישט געלויערט. ער האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער און אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש, די שכנים זאָלן אים נישט דערקענען. אין זיין דירה אויפֿן ערשטן שטאָק איז געווען באַלויכטן בלויז אַן איינציק פֿענסטער, פֿאַרהאַנגען מיט אַ פֿאָרהענגל. באַשעלע האָט נאָך אַלץ געשפּאָרט נאָפֿט, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה, בעת ער, קאָפּל, האָט פֿאַרדינט צען רובל אַ וואָך.

— אָט זיינען מיר, פּריץ. פּררר!...

קאָפּל איז אָפּגעשטיגן. אַ נעם געטאָן די טעקע, באַצאָלט אַ האַלבן רובל. דער גוי האָט אַ הויב געטאָן דאָס צעראַטענע היטל און די דראָשקע האָט זיך אַוועקגעקייקלט. קאָפּל האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין אַהיים. אַלץ איז אים דאָ געווען היימיש: דאָס מילך־געוועלבל, וואו אויף דער גאַז־מאַשינקע האָט זיך געוואַלן אַ פּענדל מילך און די קרעמערין האָט געשניטן די פּוטער מיט אַ בויגן; דער האָלץ־מאַגאַזין הינטערן פּאַרקאַן; די שמידעריי, וואו צוויי שמידן האָבן געקלאַפּט אויף אַן אָנגעגליטער שטאַנג; דאָס שפּייז־קרעמל, וואו אויף איין זייט זיינען געשטאַנען זעק מעל און אַקעגנאיבער זיינען געלעגן ביז אַרויף בינטלעך־האָלץ. אין טויער האָט קאָפּל קיינעם נישט באַגעגנט. פֿון סטרוזשס שטיבל האָט זיך געהערט דאָס שפּילן פֿון אַ האַרמאָניקע. אויף די האַלב־פֿינסטערע טרעפּ איז געקראָכן מנשה, דאָס הויקערל פֿון דער פּאַציאַטע. ביי דער טיר איז קאָפּל געבליבן שטיין און אָנגעשפּיצט די אויערן. באַשעלע האָט זיך געפּאָרעט מיטן געפּעס און אונטערגעברומט אַ לידל. אַלץ איז, אַפּנים, אין אָרדענונג. אין קיך איז געווען וואַרעם. אַ שמעקעדיקע פּאַרע האָט איינגעהילט די פּאַנעץ און בעקנס אויף די ראָזע ווענט, די שויבן־קרעדענס, דעם לאָמפּ מיט די פּאַפּירענע לאָקשן, דעם מעשענעם וואַסער־קראַן. באַשעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פֿאַרטוך און אין שטעק־שיך אויף די באָרוועסע פֿיס. זי האָט נאָך געהאַט אַ מיידלשע פֿיגור און רויטע בעקלעך. די טונקל־ברוינע האָר זיינען געווען האַלב־פֿאַרדעקט מיט אַ קאָפּ־טיכל. זי האָט געהאַט אַ ברייטלעך פּנים, וואַסערדיקע אויגן, אַ פֿאַרריסן נעזל, ווי אַ גויע. פֿון די ציין האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעלויכטן אַ שטיקל גאָלד. באַשעלע איז מיידלוויז געווען אַ דינסט. דער טאַטע אירער איז געווען אַ שאַכער. באַשעלע האָט נישט געוואוסט נישט פֿון קאָפּלס ליבע צו לאהן, נישט פֿון זיינע געלטער אין די בענק, נישט פֿון זיינע עסקים מיט קאָרטן־שפּילער. באַשעלע האָט געקאָכט, געבאַקן, געקויפֿט מציאות אין די באַזאַרן. זי האָט ביז היינט געטראָגן די קליידער פֿון אויסשטייער. איינמאָל אין צוויי יאָר האָט זי איינגעהאַנדלט אַ הוט מיט הילצערנע קאַרשן. זי איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן

צו קוקן אויף די קונצן־מאַכער, וואָס זיינען געקומען אין הויף, און צו הערן די לידער וועגן דער יאַפּאַנישער מלחמה. שבת נאָכן טשאָלנט איז זי געגאַנגען צו־גאַסט צו איר שוועסטער אין „מקום". שבת־צו־נאַכטס האָט זי געשפּילט מיט די שכנטעס אין טערניטשקע און איינגעשטעלט באַניעקערלעך. זי האָט געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ געטריי ווייב און אַן איבערגעגעבענער מאַמע. ווען קאָפּל האָט נישט געוואָלט קומען אַהיים נעכטיקן, האָט ער געזאָגט באַשעלען, אַז ער דאַרף ערגעץ פֿאָרן מיט דער „קאָליע" (די באַן), און באַשעלע האָט נישט געפֿרעגט וועך און וואָס. באַשעלע האָט אַפֿילו נישט געוואוסט, אַז דאָס הויז, וואו זי וואוינט, געהער צו קאָפּלען. קאָפּל האָט איר איינגערוימט, אַז ר' משולם האָט עס אָפּגעשריבן אויף זיין נאָמען.

— ס'אַ דריידל — האָט ער געזאָגט. — כאַפּ דיך ניש' אַרויס!...

און באַשעלע האָט געשוויגן.

— קאָפּל ווייס וואָס ער טוט! — פֿלעגט באַשעלע טענהן צו די שכנים. — אַזאַ יאָר אויף מיאַר!...

ווען קאָפּל איז אַריינגעקומען, האָט באַשעלע גראָד געהאַלטן ביים איבערדרייען אַ קאָטלעט. אָבער זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ער. זי האָט דערקערנט זיינע טריט אויף די שטיגן. ס'האָט זיך איר אַפֿילו אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך צו לאַנג געזוימט הינטער דער טיר. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— קאָפּעלע, דאָס ביסט דו?...

מיט אַמאָל האָט זי אויף אים געטאָן אַ קוק, און די פֿאַן, וואָס זי האָט געהאַלטן ביים הענטל, האָט זיך שיער נישט איבערגעדרייט אין דער פֿייערקע.

— אַ בראָך איז מיאַר! וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? מאַמעליו קרוין, שענערס פֿון דיר לייגט מען אין ד'רערד אַראַן!

— ווער איז בלאַס? וואָס האַקסטו אַ טשאַיניק?

— ווייס ווי קרייד. ס'טוט דיר עפּעס וויי, אָדער וואָע?

— ס'טוט מיר גאָרניש' וויי.

— וואָס טראָגסטו אין דער טעקע? זי פּלאַצט שיער ניש'!...

קאָפּל האָט געטאָן אַ ציטער.

— ס'איז דאָ עמעץ געווען?

— וועאָר האָט געזאָלט זאַן? די גייערין האָט געבראַנגט אַ טישטוך.

— וואו זיינען די קינדער?

— יאַך ווייס? זיי לויפֿן אַרום. מ'צערייסט די שיך.

קאָפּל איז שווייגנדיקערהייט אַריין אין דער „גרויסער שטוב". ס'איז איצט דאָ געווען פֿינסטער. פֿון דאַנען האָט ער בלינדערהייט געעפֿנט אַ טיר צו זיך אין שטיבל, וואָס ער האָט גערופֿן — דאָס קאַבינעטל. עס איז דאָ געשטאַנען אַן אייזערן בעטל, וואו ער פֿלעגט איבערשלאָפֿן אַ נאַכט ווען אַ קינד איז געווען נישט געזונט. דאָ האָט ער שבת געלייענט די יידישע בלאַט־צייטונג, געשריבן חשבונות, געחלומט וועגן לאהן און פֿון די בחורישע צייטן, ווען כאַפּטעס מיידן זיינען אים נאָכגעלאָפֿן און שדכנים האָבן אים אָפּגעריסן די קלאַמקעס. קאָפּל האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל שוועבעלעך, אָנגעריבן אַ קינדל און אָנגעצונדן דעם

נאַפּט־לאָמפּ מיט דער גרינער באַניע און מיטן בראָנזענעם פּוס. וויפֿל באַשעלע האָט נישט גערוימט, איז דאָ אַלעמאָל געווען אַ באַשטאַנד. קאָפּל האָט דאָ געהאַט אַ סך מאַנסבילשע מכשירים: אַ פּאָר געלע רייט־שטיוול, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט באַנוצט; אַ ווענטקע צו כאַפּן פֿיש; אַ זאָטל; שטעקנס פֿון אַלערליי סאָרטן; דריי וואַנט־זייגערס, אַנטיקן, וואָס וויפֿל מ׳האָט זיי נישט אָנגעדרייט און רעגולירט, זיינען זיי קיינמאָל נישט געגאַנגען גלייך. אויף אַ טישעלע איז געלעגן אַ פֿידל און אַ מאַנדאָלינע. אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט זיינען געהאָנגען פֿאַרגעלטע קאַלענדאַרן און בילדלעך פֿון קיסרים, יעגער, גענעראַלן, אָפּערע־זינגערינס. ס׳האָט געשמעקט פֿון טיטון, לעדער און שטויב. קאָפּל האָט זיך סיי פֿאַרריגלט, סיי פֿאַרקייטלט. ער האָט געעפֿנט די טעקע און דערזען אַ באַרג געלט. ער האָט מיט ציטערנדיקע הענט אַרויסגענומען די הויפֿנס באַנקנאָטן פֿון די קעשענעס. פֿון ערשטן בליק האָט קאָפּל באַנומען, אַז ער האָט אַריינגעקראָגן אַ סך מער וויפֿל ער האָט גערעכנט. די מערסטע באַנקנאָטן זיינען געווען צונויפֿגעלייגט אין פּעקלעך און אַרומגעבונדן מיט בענדלעך, אָדער אַרומגענומען מיט גומילעך. איין פּאַקעטל אַזוינס איז באַשטאַנען פֿון בלויז הונדערטערס. עס איז אין דעם אַליין געווען פֿיר טויזנט זיבן הונדערט רובל.

— יענע אַפּותיקי! — האָט קאָפּל אַ זאָג געטאָן צו זיך און צו קיינעם נישט.

דאָס אייגענע קול איז אים פֿאָרגעקומען פֿרעמד. ער האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפֿיל: ווי אַן אומגעזעענער וואָלט געווען מיט אים. דאָס פֿלעמל אין לאָמפּ האָט זיך געשאָקלט, ווי פֿון אַ ווינט. אויף דער וואַנט האָט זיך גערירט אַ לאַנגער שאָטן. אויפֿן סופֿיט האָט זיך געטרייסלט אַ ריזיקער קאָפּ. קאָפּל האָט געפּרוּווט ווייטער ציילן, אָבער ס׳האָט אים געשווינדלט פֿאַר די אויגן און ער האָט געהאַלטן אין איין מאַכן טעותים. ער האָט געוואָלט איינגעצן די שפּיצנפֿינגער אין די ליפּן, די פּאַפּירלעך זאָלן זיך נישט גליטשן, נאָר אין מויל איז אים געווען טרוקן. קאָפּל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב און זיך גענומען אומקוקן אין אַלע זייטן. מ׳האָט געדאַרפֿט באַהאַלטן דעם אוצר, וואָס גיכער! אָבער וואו אים צו פֿאַרשטעקן, מ׳זאָל אים נישט געפֿינען ביי אַ רעוויזיע, האָט קאָפּל זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן. ס׳איז נישט געווען קיין באַוואָרעניש נישט דער קופֿערט, נישט דער קויבער וועש, נישט דער געזימס פֿון אויוון, אַפֿילו נישט דער בוידעם, וואו ס׳איז געלעגן דאָס פּסחדיקע געפֿעס. מ׳האָט געקאָנט אויפֿהויבן אַ ברעט פֿון דער פּאָדלאָגע, נאָר יעדער סיסטשיק האָט שוין געוואוסט פֿון דער קונץ. קאָפּל איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל.

— העי, דו, לאַפּיטוט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין אייגענער צורה. — גנב!...

באַשעלע איז געווען גערעכט. ער איז געווען בלייך ווי קאַלך. די האָר אויפֿן קאָפּ זיינען געווען נאַס. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט גיך־גיך און פֿון מאָל צו מאָל געטאָן אַן איינציקן זעץ. ס׳האָט אים אויסגעפֿעלט אָטעם. איכ׳ל נאָך קריגן אַ האַרץ־פֿעלער — האָט קאָפּל אַ קלער געטאָן. — כ׳על מיך נאָך צוליב דער לאהן אומברענגען... מיט אַמאָל האָט די דרויסנדיקע טיר געטאָן אַ שטאַרקן קלאַפּ. ס׳האָבן זיך דערהערט אַ סך טריט. מ׳גייט! — האָט קאָפּל אַ טראַכט

געטאָן. — פֿאַליציי!... ער איז צוגעלאָפֿן צו דער קופּע געלט און אויסגעשטרעקט בײדע הענט, ווי צו באַשיצן דאָס פֿאַרמעגן. ס'האָט אים פֿונסניי אָנגעכאַפּט אַ בויערנדיקער ווייטאָג אין קליינעם פֿינגער. מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— קטאָ טאַם? — האָט קאָפּל געטאָן אַ געשריי אויף פּויליש. אַנגסטן האָבן אים באַגאָסן.

עס איז געווען באַשעלע. זי איז געקומען אָנזאָגן, אַז די וויעטשערע איז פֿאַרטיק.

— וואָס האָסטו דיך פֿאַרמאַכט? — האָט זי געפֿרעגט. — די קליסקעלעך ווערן קאַלט!...

און די דאָזיקע פּשוטע ווערטער האָבן איצט קאָפּלען געקלונגען אַזוי משונהדיק, אַז ס'איז אים אָנגעקומען אַ געלעכטער.

— זאָלן זיי קאַלט ווערן! — האָט ער זיך צעשריגן. — ווילדע ברואים!...

## קאַפּיטל פֿערצן

דער פֿאַני אידאַ פּראַגער — אַבראַמס געליבטע — איז געשען אַ גליק. די פּוילישע קונסט־געזעלשאַפֿט „זאַכענטאַ" האָט אָנגענומען אירס אַ מאָלעריי פֿאַר אַן אויסשטעלונג. געשיקט האָט זי מיט זאַשען אַכט בילדער. צוגענומען האָט מען איין בילדל אין וואַסער־פֿאַרבן, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט ווי יידן זאָגן תּשליך. עס איז געווען געמאָלט אויפֿן מאָדערנעם, פֿראַנצויזישן, שטייגער, מיט פֿלעקן אַנשטאָט פּנימער. ביי אַ גרוי־געלבלעך שטיק פֿאַרב, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ טייך, האָט זיך צונויפֿגעשטופּט אַ קופּע געשטאַלטן אין שטריימלען, קאַפּקעס, שייטלען, אין צעבלאָזענע פּאָלעס, וואָס ס'האָבן פֿון זיי אַרויסגעקוקט ציצית, און אין לאַנגע אַלט־פֿרענקישע קליידער מיט שלעפּן און טאַשמעס פֿון אַלערליי קאָלירן, דאָס אַלץ — באַלויכטן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון. אַבראַם האָט נאָך פֿריער געהאַט געשריגן, אַז דאָס געמעל איז אַ מייסטער־ווערק. ער האָט געשוואוירן, אַז גענוי אַזוי האָט אויסגעזען ראָש־השנה צו תּשליך אין דעם גרויס־פּוילישן שטעטל, וואָס נעבן דעם האָט זיין פֿאָטער עליו השלום געהאַט די פּאָסעסיע. נו, האָט אויסגעזען, אַז אַבראַם איז אַ מבין. אידאָס נאָמען האָט געזאָלט געדרוקט ווערן אין אַ קאַטאַלאָג אויף קרייד־פּאַפּיר, צוזאַמען מיט די נעמען פֿון באַקאַנטע פּוילישע אַרטיסטן־מאָלער. לכּבוד דעם געשעעניש, האָט אידאַ איינגעאָרדנט אַ „וויעטשערינקע". די טאָכטער, פּעפּי, איז געהאַט אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָדזש, צום טאַטן, דעם פּאַן לעאָן פּראַגער. עס זיינען געקומען אַחוץ אַבראַמען: הערץ יאַנאָווער, גינע, דעמביצער, פֿינלענדער, מעסינגער, ברוידע, לאַפּידעס. אַ פּאָר מענער האָבן מיטגעבראַכט פֿרויען. אַבראַם האָט איינגעקויפֿט ווייַן, קאַוויאַר און געשיקט דורך אַ „פּאָסלאַניעץ" אַ גרויסן בוקעט בלומען. אידאַ איז די לעצטע חדשים געווען ביי זיך געפֿאַלן. זי האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו גלויבן אין איר טאַלאַנט און אַבראַם האָט געוואָלט זי אויפֿמונטערן.

אידאַ און זאָשע, די דינסט, האָבן טעג פֿאָראויס זיך געגרייט צו דעם אָוונט. מ'האָט געפּרעסט פֿאָרהאַנגען, פּרוטורירט די פּאָדלאָגעס, געוואַשן פֿענסטער, אויסגעשטויבט טעפּיכער, געריייניקט מיט קרייד און זאַמד יעדע שמאָכטע. אידאַ האָט צו דער געלעגנהייט זיך געמאַכט אַ ניי קלייד פֿון זילבער־קאָליר מיט אַ ברייטן פּאַס אויף די לענדן. די האָר האָט זי אייגנס געלאָזט פֿאַרקעמען ביי אַ פֿריזירער. זי האָט איינגעהאַנדלט אַ גאָרסעט, שיך, הענטשקעס, זאָקן און אַפֿילו זאָקנבענדלעך און אונטערוועש. זי האָט געפּועלט ביים סטרוזש ער זאָל יענעם טאָג שייערן די טרעפּ. זי האָט געהאָלפֿן זאָשען אויסרייניקן די בילדער־אַטעליע, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ שטאָק העכער. מ'האָט אַרויפֿגעבראַכט אַ טאָפּל־לייטער און ביידע פֿרויען האָבן אַרויפֿגעקלעטערט און געפּוצט די שויבן פֿון גלעזערנעם דאַך. אידאַ האָט דערביי שיער נישט צעבראָכן אַ פֿוס. אַבראַם האָט געטענהט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן די מי. אַזוינע בטלנים און לאַפּאַצאַנעס ווי הערץ יאַ־נאָווער, דעמביצער, לאַפּידעס, וועלן דאָס סיי־ווי נישט אָפּשאַצן. אָבער אידאַ און זאָשע האָבן געטאָן דאָס זייעריקע.

— אַי, וויבער, זענט עץ עקשנים! — האָט אַבראַם געטענהט. — אַי, האָט עץ פּוסטע קעפּ!...

אין דעם פֿרימאָרגן ערב דעם אָוונט איז אידאַ געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿהויבן פֿון בעט. דער קאָפּ האָט איר ווי געטאָן, די ביינער האָבן געבראָכן. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן זיבן־און־דרייסיק מיט צוויי שטרייכעלעך היץ. ס'האָט אויסגעזען, אַז מ'וועט די לעצטע מינוט מוזן אָפּלייגן די פֿאַרוויילונג. אָבער פֿאַרנאַכט־צו איז אידאַן געוואָרן בעסער. זי האָט זיך אָנגעטאָן און זיך אויסגעפּוצט. פֿון אַמאָליקן גבֿירישאַפֿט איז איר געבליבן אַ היבש ביסל צירונג. ווען אַבראַם איז געקומען אין אָוונט צוזאַמען מיט די אַנדערע (ער האָט באַצאָלט פֿאַר ביידע דראָשקעס), האָט ער נישט דער־קענט נישט די וואוינונג, נישט אידאַן און נישט זאָשען. אויף יעדן שענקעלע און געשטעלכל זיינען געשטאַנען בלומען. אַלץ האָט געפֿינקלט און געלויכטן. אידאַ האָט אויסגעזען מיט צען יאָר ייִנגער. זאָשע האָט געטראָגן אַ ווייסן טשעפּיק און אַן אויסגעהאָפֿטן פֿאַרטוכל מיט שפּיצן, ווי אַ פּריצישע דינסט. זי האָט אין קאָרידאָר געהאָלפֿן די געסט אויסטאָן די קאַלאָשן און די מאַנטלען. זי האָט צו יעדן לייטזעליק געשמייכלט און געוויזן די שיקסישע חן־גריבלעך. מ'האָט גע־האַט צוגעגרייט אַ רייך מאָלצייט. אידאַ האָט איינגעקויפֿט סאַרדינען וואורשט, ברוסט, בראָטן, לעבער, אינדיק און פֿאַר אַ צולאָג האָט מען דערלאַנגט לאָקס און אַבראַמס קאַוויאַר. מ'האָט אָנגעשטעלט אויפֿן טיש וווישניק, בראָנפֿן ליקער. זאָשע האָט אויפֿגעקאָכט קאַווע אויפֿן אַלט־פּוילישן שטייגער, ווי די גאָטזעליקע באָבע האָט זי געלערנט, און דערלאַנגט אין פּאָרצעלייענע שעלעכלעך. דעמביצער, דער מגושם, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אַלע דעליקאַטעסן מיט דעם אימ־פּעט פֿון אַ זולל־וסובא. ער האָט געקייט אויף ביידע באַקן, געטרונקען, געגרעבצט, געראויכערט ציגאַרן און באַשאָטן אידאַן מיט קאָמפּלימענטן. ער האָט אויך געוואָרפֿן זייטיקע בליקן אויף זאָשען, דער ערלית. גינע האָט געטראָגן אַ שוואַרץ סאַ־מעטן קלייד און לאַנגע אויערינג. זי האָט זיך געקושט מיט אידאַן, און געגעבן

אַן אַנצוהערעניש, אַז ס׳איז שוין צייט אַבראַם זאָל קומען מיט איר צו אַ צוועק. זי, גינע, איז געווען אין אַן ענלעכער לאַגע מיט הערץ יאַנאָווער, און זי האָט דעריבער געהאַלטן נישט מיט חמאַן, נאָר מיט אידאַן.

— שיין, וואונדערבאַר,ווירקליך אַרטיסטיש! — האָט גינע געזאָגט מבינות אויף אידאַס וואויגונג. — עפּעס גאָר ווי אין אויסלאַנד!...

און זי האָט געוואָרפֿן האַלב־טרויעריקע, האַלב־באַדויערנדיקע בליקן אויף הערץ יאַנאָווער און אַבראַמען, א סימן, אַז ביידע מאַנסלייט זיינען נישט ווערט די ליבע, וואָס זיי געניסן.

אַ חוץ גינען זיינען געקומען נאָך צוויי פֿרויען. ברוידע האָט מיטגעבראַכט די פּאַננאַ רעגינאַ, אַ פֿריילין פֿון אַ יאָר צוואַנציק, אַ קליינע, מיט אַ קיילעכיק פּנים, געלאָקטע געלבלעכע האָר און מיט אַ פּאָר ברוינע לויפֿנדיקע אויגן. איר טאַטע, ר׳ אשר זשיכלינער, איז געווען אַווירט פֿון אַ הויז אויף דער ברייטער־מילע און אַ פֿייערדיקער גורער חסיד, אַ טיש־זיצער. די ברידער האָבן געקנעלט אין גורער שטיבל. אָבער די פּאַננאַ רעגינאַ האָט גערעדט פּויליש, זיך אַרומגעפֿירט מיט ברוידען און איז אַליין אויך געווען אַ שטיקל טוערין ביי די עס־דע׳קעס. מ׳האָט געשמועסט, אַז ברוידע וועט איינגיכן אָפּגטן זיין ווייבל, די שניידערין, און חתונה האָבן מיט רעגינען. לאַפּידעס, דער געוועזענער רעוואָלוציאָנער און איצטיקער ציוניסט, פֿלעגט ברוידען קיביצן ביי יעדער געלעגנהייט.

— די בורזשואַזיע איז טריף, נאָר זייערע טעכטערלעך זיינען כּשר! — פֿלעגט ער טענהן און אויסשטרעקן אַ טאַבאַק־געלן פֿינגער. — מיר קאָנען שוין די קונצן! מיר וויסן, מיר וויסן!

פֿינלענדער, דער הויקער, האָט אויך מיטגעבראַכט אַ מיידל. זי האָט גע־הייסן שרהטשע, אָדער סוטשע. געשטאַמט האָט זי פֿון פּולאַוו. סוטשע איז געווען אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע צעפּאַטלטע האָר, וואָס זי האָט פֿאַר־שוירן אין אַ פּאָלקע, און מיט אַ קרומער נאָז, ווי אַ שנאָבל. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע און ברענענדיקע. סוטשע איז געהאַט אַוועק פֿון איר פֿאָטער דעם גמרא־מלמד און איז געוואָרן אין וואַרשע אַ סאָרט מיידעלשער עקסטערן. זי האָט סיי געלערנט זיך אַליין, סיי געגעבן לעקציעס. זי האָט נאָך נישט געהאַט דורכגעמאַכט דעם לעצטן עקזאַמען, אָבער זי האָט שוין שטודירט ביאָלאָגיע און אַפֿילו געהאַט אָפּגעשפּאָרט אויף אַ געניצטן מיקראָסקאָפּ. פֿינלענדער האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן און מ׳האָט געשמועסט, אַז זי וועט מיט אים חתונה האָבן. הערץ יאַנאָווער האָט גלייך פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס וועגן פּראָטאָפּלאַזמע, ציטאָפּלאַזמע, קעמערלעך, קערנדלעך, כראָמאָזאָמען, צענטראָזאָמען. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך בקיאות און ביי דעם פּראָווינצער מיידל האָבן די אויגן באַ־קומען אַ פֿייערדיקן אָפּגלאַנץ.

— קוק זי אָן, אַ פּראָפֿעסאָר אין אַ קליידל! — האָט גינע אָנגעוויזן. גינע איז געווען אייפֿערזיכטיק אויף יעדער פֿרוי. זי האָט געהאַלטן, אַז הערץ יאַנאָווער איז אַ מאַנסביל אָן כאַראַקטער און יעדער שמויגער קאָן אים קריגן.

ברוידע, פֿינלענדער, רעגינאַ, האָבן זיך צעשמועסט וועגן פּאָליטיק. מ׳האָט גערעדט וועגן דער דומע, וואָס מ׳האָלט שוין ווידער ביים פֿונאַנדערלאָזן; וועגן

דעם טעראָר פֿון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָט זיך לעצטנס געהאַט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט; וועגן די רייסעגישן צווישן די מענשעוויקעס און באָל־שעוויקעס, וואָס ווערן אַלץ שאַרפֿער, און אויך וועגן היימישער פּאָליטיק: דער פּ. פּ. ס., דעם בונד, די סיימאָוועס, די פּועלי־ציון. ברוידע האָט געמאַכט שפּאַס פֿון אוסישקינען מיט דער באָרד; פֿון דעם געבראָכענעם דייטש, וואָס מ׳רעדט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער האָט געטענהט, אַז וועגן יעדער בהמה אין ארץ־ישראל שרייבט מען אַן אַ טוץ מאמרים אין העברעאישע צייטשריפֿטן. ער האָט פֿאַרגעוואָרפֿן לאַפּידעסן, אַז ער האָט נישט קיין זין פֿאַר דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע.

— מיר, יידן, וועלן צעריבן ווערן אונטער די רעדער פֿון אייער צאַצקעדיקער געשיכטע! — האָט לאַפּידעס געוואָרנט. — הלוואַי כ׳זאָל זאָגן ליגן!...

אין אַן אַנדער גרופּע האָבן זיך געפֿונען ד״ר מעסינגער, אַבראַם, אידאַ, פֿינ־לענדער, דעמביצער. שפּעטער איז אויך צוגעקומען הערץ יאַנאָווער. אַבראַם האָט אַרויפֿגעפֿירט דעם שמועס וועגן אַרויסרופֿן מתים, טרעפֿן פֿרעמדע געדאַנקען, אויטאָמאַטיש שרייבן, היפּנאָטיזם. מעסינגער האָט, ווי אַלעמאָל, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין די פֿאַרהוילענע ענינים, אָבער באַלד האָט ער באַקומען לשון. ער האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט היפּנאָטיזירן איינע פֿון די פֿרויען. גינע האָט גענומען טענהן, אַז זי גלויבט נישט אין די שאַלמויזן, און מעסינגער האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד זי שטעלט אַ ווידערשטאַנד, קאָן דער היפּנאָז נישט ווירקן. אידאַ האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זי איז זייער מיד. איינ־שלאָפֿן וועל איך — האָט זי געזאָגט. — אָבער אויפֿוועקן מיך וועט זיין שווער... סוטשע איז באַשטאַנען מ׳זאָל זי איינשלעפֿערן, נאָר פֿינלענדער האָט איר פֿאַר־ווערט.

— מ׳דאַרף נישט! — האָט ער געפּסקנט.

— וואָס האָבן זי מורא? — האָט מעסינגער אים געפֿרעגט אויף זיין דייטש־מעריש. — קיין האָר וועט איר געקרימט ווערן!...

— מ׳ברויך נישט, ס׳איז איבעריק! — האָט פֿינלענדער זיך איינגעשפּאַרט.
— ס׳האָט נישט קיין זין.

— נו, זעען זי, אַלע זינד דאַגעגען! — האָט מעסינגער זיך געקלאָגט. — מ׳האָט מורא פֿיר אַלדאָס גייסטיגע. דער מאַטעריאַליזמוס איז באַקוועמער!...

— זאָג מיר בעסער, מעסינגער, וואו איז איצט הדסה? — האָט אַבראַם זיך אָנגערופֿן מיט אַ זיפֿץ. — שוין אַ וואָך און מ׳הערט ניש׳ קאַ׳ וואָרט. כ׳שלאָף ניש׳ נעכט. דאָכע איז שוין אינגאַנצן אַ דערהרגעטע!...

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַבראַם, אַז אַזאַ זאַך דויערט! — האָט גינע אים גע־פּרוּווט טרייסטן. — אַ גרענעץ איז נישט קיין קלייניקייט!

— מ׳קאָן דעפּעשירן פֿון דער־זייט גרענעץ אויך. ס׳האָט דאָרט פּאַסירט אַ גרויס אומגליק!...

— וואָרטן זי! שוויגן זי!

אַלע זיינען געוואָרן שטיל. מעסינגער האָט אויפֿגעהויבן אַ לאַנגע האַנט מיט שמאָלע שפּיציקע פֿינגער, אָוועקגעשאַרט די אַש־גרויע האָר, וואָס זיינען

אים געפּאַלן איבערן פּנים, און אַ רייב געטאָן דעם געקנייטשטן שטערן. ער האָט פאַרשמורעט די ווייט־אָפּגערוקטע פיש־אויגן, ווי ער וואָלט געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק, איבער אַלע ווענט און מויערן.

— וואָס הערט זיך? דו זעסט עפּעס? — האָט אַבראַם געפרעגט.

— יאָ, איך זע זי! — האָט מעסינגער אַ רוף געטאָן.

— וואו? רעד ווערטער!

— איך ווייסע ניכט. עס איז איינע טונקעלע שטובע. זייער שמוציק.

— וואָס טוט זי?

— זי זאָגט תהלים! — האָט לאַפּידעס אַ רוף געטאָן.

— נו, אין דיזען פאַל, וועל איך בעסער שטומשווייגען! — האָט מעסינגער זיך באַליידיקט.

— הערי, דו, פליאַסקע־דריגע, האַק אָפּ מיט דיינע חכמות! — האָט אַבראַם געשריגן. — דיינע וויצן וועלן נישט זויער ווערן!

— זיי זיינען שוין לאַנג זויער! — האָט ברוידע אונטערגעכאַפּט.

— בנאמנות, כ'על איך אַלע אַננעמען ביי די קעלנער און אַרויסטראַסקן! — האָט אַבראַם זיך געקאָכט. — ביי מיר איז דאָס בילכער פון אייערע פוילע שטיק! זיי מיר מוחל, מעסינגער, דו קאָנסט דאָך די ציניקער. זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואָס האָסטו געזען?

— איין טונקעלעס צימער. זי איז געלעגן עטוואָס אויף אַ סאָפע, אָדער איינע באַנק.

— הייסט עס, זי לעבט און איז געזונט?

— לעבן לעבט זי געוויס.

— נו, און וואָס איז מיט דעם יונגנמאַן?

— איך ווייסע ניכט. לאָס מיך צו־רו!...

מעסינגער האָט אַוועקגערוקט זיין שטול אין אַ ווינקל און איז געבליבן זיצן איינער אַליין, אַ פוס פאַרלייגט אויף אַ פוס, דער קאָפּ אָנגעלעגנט אָן דער וואַנט, די וויעס אַראָפּגעלאָזט. פון דעם ברייטן סלאַוואַצקי־קאַלנער האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ לאַנגער האַלדז מיט אַ שאַרפן גאַרגל. ס'איז שווער געווען צו וויסן צי טראַכט ער, אָדער ער דרימלט. אַבראַם האָט זיך גענומען אַנגיסן בראַנפן און ליקער. זינט הדסה איז אַוועק, איז ער נישט געווען דער אייגענער. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. ער האָט געוויינט אין שלאָף. ער האָט איצט אויסגעטרונקען צוויי פולע גלעזלעך מיט אַמאָל. ער האָט אַפילו נישט פאַרביסן. אין דער נאָז איז אים געוואָרן האַרב, אין די באַקן — הייס. ער האָט געשפּירט באַשיימפּערלעך ווי דער אַלקאָהאָלישער דאַמף זעצט אים אין קאָפּ אַריין, פאַרנעפּלט די געהירן. ער איז צוגעגאַנגען צו אידאַן און זי אַ צי געטאָן ביים אָרעם. זי איז מיט אים אַריין אין שלאָף־צימער. ער האָט זי אַרומגענומען און זיך לאַנג מיט איר געקושט.

— ווי פרעכטיק דו זעסט היינט אויס! — האָט ער איר איינגערוימט. — אַן אמתע גראַנד־דאַמע!

— אַז דו ביסט שיכור, בין איך שיין...

— שווייג, גרויסע קינסטלערין! כ'האָב דיך ליב!

אידאָן זייַנען אַנגעלאָפֿן די טרערן. ער האָט מיך טאַקע ליב — האָט זי געטראַכט. — ניין, דער סוף איז נאָך נישט געקומען. איכ׳ל נאָך שאַפֿן גרויסע ווערק! איכ׳ל נאָך זיין מיט אים גליקלעך!...

זי האָט אַרויסגענומען אַ זיידן טיכעלע און באַדעכטיק געשנייצט די נאָז. זי האָט נישט געטאָרט וויינען, אויב זי האָט נישט געוואָלט די שמינקע און דער פּודער זאָלן צערינען און עס זאָלן אויפֿלויפֿן טאָרבעלעך אונטער די אויגן. דער אָוונט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. די געסט האָבן נאָך נישט געזען די אַטעליע...

## קאַפּיטל פֿופֿצן

### 1

זינט הדסה איז אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן ניוניען און דאַכען מחלוקתן. ניוניע האָט אויפֿגעהערט שלאָפֿן אין שלאָף־חדר. שפֿרה די דינסט האָט אים אויסגעבעט בייַנאַכט אויף דער קאַנאַפּע. דער לאָמפּ האָט געברענט ביז שפּעט. ניוניע האָט אַרייַנגעקוקט אין גרעצס געשיכטע, און אין „ידיעות הטבע“. ס׳איז דאָרט געווען באַשריבן ווי די ערד האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער זון, צוגלייַך מיט די אַנדערע פּלאַנעטן, זיך אָפּגעקילט, און די דאַמפֿן זייַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ימים. אין שליים האָבן זיך געשאַפֿן די ערשטע לעבעדיקע בריאים, וואָס האָבן זיך געצויגן דור־איין דור־אויס, פֿון אַ מיקראָב, אַ פֿיש, אַ מאַלפּע, ביז אים, ניוניען. אין פֿאַרגלייַך מיט די מיליאָנען יאָרן, וואָס ס׳האָט געדויערט זינט דער זון־סיסטעם האָט זיך אויסגעשיילט פֿון קאָסמישן נעפּל ביז צו זיין איצטיקן מצב, איז די צייט וואָס ער, ניוניע מושקאַט, קריכט אַרום אויף דער וועלט, נישט מער ווי אַ טראָפּן אין אַ ים פֿון אייביקייט. וואו ס׳איז איצט וואַרשע איז, קען זיין, אַמאָל געווען אַן אָקעאַן. וואו ס׳איז אַצינד אַן אָפּגרונט וועלן, אפֿשר, געבויט ווערן גרויסע שטעט. אַפֿילו די שטערן און קאָמעטן לייַכטן נישט אייביק. זיי צינדן זיך אָן און ווערן פֿאַרלאָשן. דער נאַטור־קעסל האַלט אין איין קאָכן און אַרויסברענגען נייַע וועלטן, מינים, פֿעלקער, געדאַנקען, מנהגים. דער שטח, וואו די אַלע פֿאַרענדערונגען און פֿאַרוואַנדלענישן קומען צושטאַנד, איז אָן אַ סוף...

ווען ניוניע האָט געלייענט די דאָזיקע קלוגע ווערטער, האָט ער פֿאַרגעסן אויף אַ ווייל, אַז ער האָט אַ מיאוס און קראַנק ווייב, וואָס קאָן נישט צופֿרידנשטעלן זייַנע מאַנסבילשע באַדערפֿענישן; אַז די בת־יחידה זייַנע איז ערגעץ אַוועק מיט אַ ישיבה־בחור און מ׳הערט נישט פֿון איר שוין אַ פּאָר וואָכן; אַז דער טאַטע מאַטערט זיך אויפֿן טויטן־בעט און דאָס פֿאַרמעגן זייַנס איז הפֿקר, און אַז ער, ניוניע, איז נישט געקומען צו קיין תכלית. ער האָט אַלע יאָרן געפּרוווט זיך אַרויסרייַסן, פֿאָרן, זען די וועלט, עפּעס טאָן, לערנען, נאָר ער איז געבליבן שטעקן אויף דער פּאַנסקע גאַס. איין טאָג איז געווען גלייַך צום אַנדערן.

ער איז אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעדאַווענט, געגעסן אָנבייסן, אַ שמועס געטאָן מיט משהלען, דעם געהילף־אַדמיניסטראַטאָר, וועגן דירה־געלט, און איידער־וואָס־ווען איז צוגעפֿאַלן דער פֿאַרנאַכט און ער איז געגאַנגען צו מנחה־מעריב אין ביאַלאָ־דרעוונער שטיבל. בייטאָג, נאָכן מיטאָג, איז ער געשלאָפֿן ווי אין מיטן דער נאַכט. ביינאַכט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין איבערוועקן. די טראַכטענישן האָבן אַרומגעזשומעט אין מוח. די ייִנגלשע תּאוות זיינען נישט געוואָרן איינגעשטילט. זינט הדסה איז אַוועק, האָט דאַכע נישט צוגעטאָן קיין אויג. זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו קרעכצן און זיפֿצן. דאָ האָט מען איר געמוזט דערלאַנגען וואַלעריאַנער טראָפּנס און דאָ — דערהיצן אַ שטאַרץ, ווייל זי האָט געקראָגן קלעמענישן אין מאָגן; דאָ האָט מען איר געדאַרפֿט צולייגן אייז צום קאָפּ און דאָ אויפֿקאָכן אַ גלאָז טיי. גערעדט האָט זי מיט אַ ניגון פֿון אַ תּחינה־יידענע, אַ מסוכּן־שלאָפֿער. די ווערטער זיינען פֿול געווען מיט אַריינזאָגענישן און שטעכווערטלעך. זינט די טאָכטער האָט פֿאַרלאָזט דאָס הויז, האָט ניוניע איינגעזען קלאָרער ווי שטענדיק, אַז דער טאַטע זיינער צוזאַמען מיט די שדכנים האָבן אים אָפּגעקוילעט.

— ניש׳ קאַ׳ ווייב, נאָר אַ פּגע! — האָט ניוניע געטראַכט. — אַ מקח טעות!...

אין קאַבינעט, וואו שׂפֿרה האָט אים לעצטנס צוגעגרייט אַ געלעגער אויף דער סאָפֿע, האָט ער, אַמווייניקסטן, נישט געדאַרפֿט אָנקוקן דאַכעס פֿאַרזויערטע צורה. ער האָט אַפֿילו נישט געזאָרגט וועגן דער טאָכטער. זי איז קליגער פֿון מיר — האָט ער צו זיך געזאָגט. — הלוואַי וואָלט יאַך געווען געהאַט איר כּוח... ער האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעפּאַסט, אַז ווי נאָר ער וועט קריגן פֿון איר אַ ידיעה, וועט ער איר נעמען שיקן פּופֿצן רובל אַ וואָך, ביז זי וועט ענדיקן אוניווערסיטעט. ווער ווייסט? אפֿשר וועט ער זיך אויך אַריבערכאַפּן אין דער שווייץ? ער וואָלט אַליין אויך געוועזן אַ בעלן אָנצוטאָן קורצע מלבושים און צו שטודירן עפּעס אַ וויסנשאַפֿט. ס׳ציט אים אַליין אויך צו דער ברייטער פֿרייער אייראָפּע...

דאַכע איז נישט געלעגן, נאָר געזעסן, דער רוקן אָנגעשפּאַרט אויף דריי פּוכיקע קישנס. זי האָט געהאַט גרעסערע צרות ווי דאָס, וואָס ניוניע, דער פּראָ־אָדם, נעכטיקט אין קאַבינעט. פֿונדעסטוועגן האָט דאָס זי אויך געאַרט. אַ חזיר אַ ייִד, האָט זי געטראַכט. אַז ס׳ווייב איז קראַנק, אַנטלויפֿט דאָס. ס׳וויל נאָר פֿרעסן, פּאָפֿן און פּאַשען דעם בויך. ווער קאָן וויסן? אפֿשר האָט ער אויך צו טאָן מיט נקבֿות? אויף אַ מאַנסביל קאָן מען אַלץ גלויבן!...

פֿאַרטאָג איז דאַכע אַנדרימלט געוואָרן. אַרום צען אַזייגער האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט, מידער ווי זי האָט זיך געלייגט. דער פּאָסט־טרעגער האָט גאָרנישט געבראַכט. הדסה איז געהאַט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער. שׂפֿרה האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז באַוואַרקע און אַ האַלבן זעמל מיט פּוטער, נאָר דאַכע האָט בלויז גע̈טרונקען דאָס וואַרעמע געטראַנק. זי האָט נישט געהאַט קיין שום אַפּעטיט. די געדערים זיינען איר געווען איינגעשרומפּן. ניוניע איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען נאָך אין דער פֿרי. וואו דער ליידיק־גייער האָט זיך ערגעץ אַרומגעשלענדערט גאַנצע טאָג האָט דאַכע נישט געוואוסט. אַ סבֿרה, אַז ער האָט

זיך איבערגעבעטן מיטן שוואָגערל זיינעם, אַבראַמען. דאַכע האָט צוועלף אַזייגער געמוזט זיין ביים דאָקטאָר מינץ. דער דאָקטאָר האָט איר דריי מאָל אַ וואָך געמאַכט עלעקטריזאַציעס און איר איינגעשפּריצט אַרשעניק און סטריכנין. ער האָט געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז אויב זי וועט זיך נישט נעמען אין די הענט אַריין, איז זי אין אַ גרויסער געפֿאַר.

— די טאָכטער וועט דער רוח נישט נעמען — האָט דאָקטאָר מינץ געטענהט. — נאָר פֿאַר דעם מאַמעלע האָב איך מורא...

שפֿרה איז געבליבן אַליין, זי האָט צוגעשטעלט אין קיך דאָס מיטאָג, אַ שטיקל רינדערינס פֿאַר זיך, אַ פֿערטל הון פֿאַר דער באַלעבאָסטע, און איז אַריין אין דער סאַלע. פֿון שוואוילטאָג האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין דאַכעס געבעטער שטול, זיך אַיינגעהילט אין דעם זיידענעם שאַלעכל מיט די צוויי אויסגעהאָפּטענע פּאַוועס, און זיך געוואַרעמט אין דער ווינטערדיקער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די טאָפּל־פֿענסטער און געציטערט אין די קרומע זיילן שטויב. די מויד האָט פֿאַרשאַרצט דאָס קלייד הויך איבער די קני, עס זאָלן זיך אָפּברענען די שענקלען. זי האָט צעקנעפּלט די בלוזע, ווי דאָס טוען די נגידישע טעכטערלעך זומער אויף דאַטשע, אין שווידער, יוזעפֿאָוו, מיכאַלין, פֿאַלעניץ. הדסהס אַנטלויפֿן האָט צעלאָזט אויך זי, שפֿרהן. ווי באַלד די יחסנישע מיידלעך גיבן זיך נאָך די שמד, פֿאַרוואָס טאָר זי נישט, אַ פּשוטע דינסט? דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. שפֿרה האָט גענומען דאָס טרייבל. עס איז געווען צו איר. גערעדט האָט איר נייער באַקאַנטער, איטשעלע שמייסער. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל גיין היינטיקן שבת אין טעאַטער אַריין אויף דער „שחיטה”. ער האָט געוואָלט מאַכן מיט איר אַ „ראַנדקע”. שפֿרה האָט וואוילעריש אַ שמייכל געטאָן אין שפּיגל אַריין און פֿאַרצויגן אַ שנאָבל.

— וואָס עפּעס גראָד יאַך? — האָט זי זיך געחנדלט. — ס'זענען דאָ נאָך שאַינע מיידלעך!...

— שפֿרהלע ווייס פֿאַרוואָס...

— גייען זי שוין. זי גוסטירן ניש' אין מיאָר! — האָט שפֿרה זיך מיט אים גערייצט. — זי האָבן ליב אַ מיידעלע אין טאָמקעס...

— יאַך האָ' שוין לאַנג מיט איר געשלאָגן כפּרה — האָט איטשעלע שמייסער געענטפֿערט.

שפֿרה איז נישט זיכער געווען צי ס'לוינט צו האָבן עסקים מיט דעם איטשעלען. אַ פֿאַרדינער איז ער געווען אַ גוטער. ער איז געווען אַ פֿורמאַן פֿון אַ פּלאַטפֿאָרמע. אָבער מ'האָט אויף אים גערעדט. מ'האָט געזאָגט, אַז אַ כּלה פֿון שמורלעוויזנע האָט אים צוריקגעשיקט די תּנאָים, און אַז ער חברט זיך מיט מאַרוויכערס אויף דער קראָכמאַלנע גאַס. שפֿרה האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די וואוילע יונגען מיט די געפּוצטע שטיוועלעך און די ממזרישע אויגן. ס'האָט נישט געשאַדט צו גיין מיט אַזאַ פֿויגל אין אילוזיאָן, אָדער זיך לאָזן פֿונדעווען אין נאַש־געוועלבל; אָבער חתונה האָבן דאַרף מען מיט אַ געזעצטן מאַנספּערשוין. נאָך לאַנגע רייד האָט שפֿרה איינגעוויליקט.

— וואו טרעפן מיר אונדז? — האָט איטשעלע געפרעגט און שפרה האָט געענטפערט:

— פאַרן אייזערנעם טויער. ביי דער ווינער סאַלע.

איטשעלע האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלונג אין דער דרויסנדיקער טיר. שפרה האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און איז געגאַנגען עפענען. ווער קאָן דאָס זיין? — האָט זי געקלערט. — אויב אַ פּענטאַק (אַן אָרעמאַן), וועל׳ך עים אַראָפּוואַרפן פון אַלע שטיגן. זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— קטאָ טאַם?

—פּאָליציאַ!

ביי שפרהן זיינען די הענט געוואָרן ווי געליימט. זי האָט זיך לאַנג גע־פּלאָנטערט מיטן קייטל און דעם קלאַפּשלאָס. אַ מצווה אויף מיר! — האָט זי געטראַכט. — כ׳האָב מיך ניש׳ געדאַרפט אַריינלאָזן מיט די לאַטקעס... זי האָט אויפגעמאַכט אויף אַ שפּעלטל און ס׳האָט אַריינגעקוקט אַ נידעריקער דיקער רעוויראָווע, אין אַ זילבער־גרויען מונדיר, מיט אַ הויכן הוט און שליפּעס. שפרה האָט איצט אינגאַנצן געעפנט. זי האָט דערזען אַן אויסטערליש בילד. אַ געשריי האָט זיך אַזש אַרויסגעריסן פון איר קעל. נעבן דעם מייליץ איז געשטאַנען הדסה. ס׳האָט געדויערט אַ ווייל ביז שפרה האָט זי דערקענט. דאָס מיידל איז געווען בלייך, אויסגעצערט, אין אַ צעריסענעם מאַנטל, אין צעפליקטע שיך, אָן אַ הוט, מיט צעפּאַטלטע האָר. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין צעקנייטשט פּאַפּיר. זי האָט אויסגעזעען איינגעריסט און דערשראָקן, ווי אַ קליין־שטעטלדיק דינסט־מיידל, וואָס מ׳טרעפט צומאָל ביי די רייפערקעס. שפרה האָט זיך געטאָן אַ כאַפּ־אָן בייביידע באַקן. זי איז אַליין אויך געוואָרן ווייס.

— וואוינט דאָ נאַכום לייבאַ מושקאַט? — האָט דער פּאָליציאַנט אַרויסגע־לייענט פון אַ פּאַפּיר.

— יאָ, דאָ.

— וואו איז ער?

— נישטאָ אין דער היים.

— דאָס ווייב?

— אויך נישטאָ.

— ווער איז אָט דאָס מיידל? — האָט דער רעוויראָווע אָנגעוויזן אויף הדסהן. ער האָט כמעט אָנגערירט איר ברוסט מיטן גראָבן באַהענטשקעטן פינגער.

— אַך, באָזשע, דאָס איז דאָך אונדזער פּאַניענקע! — האָט שפרה גערעדט פּויליש.

— ווי הייסט זי?

— הדסה.

— טאַק טאָטשנאָ. גאַ־דאַ־סאַ! — האָט דער קאַצאַפּ פאַרגויישט דעם יידישן נאָמען. — ווען קומט דער אייגנטימזיר?

— כ׳ווייס נישט. ביינאַכט.

— וואָס ביסט דו דאָ?

— אַ קעכין.

— דאַ. איך וועל דאָ זיין מאָרגן ניין אַזייגער. דו, מיידל, גיי נישט אַרויס פֿון שטוב. געדענק! דאָ סווידאַניאַ!...

דער געפֿאַקטער ערל מיט די קרומע פֿיס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים הענטל פֿון דער שווערד, אַ טופּע געטאָן מיטן לאַקירטן שטיוול, אַ הויב געטאָן צוויי פֿינגער ווי צוצולייגן צום דאַשעק, און זיי ראַפּטום צוריק אַראָפּגעלאָזט. ער איז אַרויס און געטאָן אַ זעץ מיט דער טיר. אונטן, אויף די טרעפּ, האָט געוואָרט דער סטרוזש מיטן היטל אין דער האַנט. נעבן אים איז געשטאַנען די סטרוזשקע און דער קודלאַטער הונט. שפֿרה האָט ווי פֿאַרלוירן דאָס לשון.

— מאַמע קרוין, וואָס מיינע אויגן זעען! — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ צו־געדושעט קול. — וואָס שטייט די פּאַניענקע דאָ? אַ בראָך צו מיינע יאָר!...

הדסה האָט זיך געטאָן אַ קוק־אום אויף צוריק און נאָך אַ קווענקלעניש זיך געלאָזט גיין פֿאָראויס. עפּעס גליווערנדיקס און שטייפֿס איז געווען אין איר גאַנג, ווי ביי עמעצן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פֿון אַ שפּיטאָל. שפֿרה איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פֿאַרבראָכענע הענט. הדסה איז אַריין צו זיך אין שטיבל. נאָך יעדן טריט האָט זי איבערגעלאָזט אויפֿן טעפּיך אַ שטיק בלאָטע. דאָרט איז זי געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, נאָך אַלץ מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם. אירע אויגן, וואָס זיינען ווי איינגעשרומפּן אין די לעכער, האָבן געקוקט ערגעץ אין איין פּינטל.

— פֿינסטער איז מיאָר! וואָס איז דאָ געשען? — האָט שפֿרה געפֿרעגט.

הדסה האָט געשוויגן.

— אפֿשר ברענגען דער פּאַניענקע אַ גלאָז טיי?

הדסה האָט געשאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— אפֿשר וויל די פּאַניענקע זיך אָ'וואַשן?

הדסה האָט געטאָן אויף איר אַ קוק אין דער קרום.

— ניש' אַצינד.

שפֿרהן איז געוואָרן קאַלט אין די ביינער. זי איז אַריין אין דער סאַלע, צוגעגאַנגען צום אויוון, צוגעדריקט די פּלייצע צו די הייסע קאַפֿליעס. אַ קנויל האָט זיך איר אַוועקגעשטעלט אין קעל. אוי, וויי, ס'האָט איר שוין געטראָפֿן יענער מילעאָר! — האָט זי געמורמלט. — ס'עט שוין דאָ זיין תשעה־באב...

ווען שפֿרה האָט נאָך אַ פֿערטל שעה געעפֿנט די טיר אין הדסהס שטיבל, מיטן אויסרייד, אַז זי איז געקומען באַגיסן אַ בלומען־טאָפּ, איז דאָס מיידל געלעגן אויפֿן בעט אין מאַנטל און אין די שיך, דער קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן, מיטן פּנים צו דער וואַנט. מ'האָט נישט געהערט קיין סאָפּען. ס'איז שווער געווען צו וויסן צי שלאָפֿט זי, אָדער זי איז וואַך. פֿון די אָפֿענע זוילן האָבן אַרויסגע־שטאַרצט די צייניקע שטיפֿטן און די פֿינגער. די זאָקן זיינען געווען פֿול מיט לעכער. דאָס קלייד האָט זיך איר פֿאַרשאַרצט און ס'האָבן אַרויסגעקוקט די נאַקעטע פֿיס. דאָס פּעקעלע האָט זי געהאַט אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. ס'איז געווען אויפֿגעוויקלט. ס'איז אינעווייניק געלעגן אַן איינציק זאָקנבענדל, אַ קעמל מיט אויסגעבראָכענע ציין, אַ קופּערנער צענער, אַ זעקסער, אַ גראָשן, און

אַ שטיק שוואַרץ ברויט. שפּרה האָט לאַנג געגאַפֿט דערויף. אַזאַ לחמא האָט מען נישט געזען אין די היגע מקומות, אַפֿילו ביי סאָלדאַטן. עס האָט אויסגעזען שווער, ליימיק, נישט אויסגעבאַקן, פֿול מיט קלייען. פּלוצים האָט שפּרהן אַ פֿאַרקלעם געטאָן אין האַלדז. זי האָט איצט אַלץ פֿאַרשטאַנען. אַזוינע לאַבנס האָט מען אויס־געטיילט אַרעסטאַנטן אין קאָזע, אָדער אין קרימינאַל.

## 2

אַרום פֿיר אַזייגער איז דאַכע געקומען אַהיים. זי איז פֿאַרביי די פּאַנסקע גאַס אין איר פֿוקסן פֿוטער, טיפֿע קאַלאָשן און אין אַ שוואַרצער שאַל איבערן שייטל. דאָס איינגעפֿאַלענע פּנים איז געווען געל, ווי פֿון דער געלזוכט. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן הענטל פֿון פּאַראַסאָל. זינט הדסה איז אַוועק, האָט דאַכע אויסגעמיטן צו קוקן מענטשן אין די אויגן. זי איז מער נישט גע־גאַנגען איינקויפֿן אין די געוועלבן, נאָר געשיקט נאָך אַלץ שפּרהן. דאָס מאָל האָט דאַכע אָפּגעטראָטן אין יאַטקע. זי האָט געוואָלט קויפֿן אַ שטיקל קעלבערנס אויף אַ יאַיכל. איידער דאַכע איז אַריין איז דער קצב געשטאַנען ביים קלאָץ און געשמועסט מיט אַ בינטל ווייבער. ווי נאָר זי איז אַריבער די שוועל, איז געוואָרן אַ שטילקייט. דער קיילער אין פֿאַרבלוטיקטן פֿאַרטוך און מיט דער שפּיז אויף די לענדן האָט געטאָן אַ הויב־אויף די ברייטע האַק און גלאַט אַזוי אַ קלאַפּ געטאָן אין האָלץ. מ׳האָט, אַפּנים, נאָך אַלץ געמאָטלט וועגן איר, דאַכען. עטלעכע פֿרויען האָבן זיך עפּעס ווי אָפּגערוקט און געמאַכט פֿאַר איר אַ וואַרע. דאַכע האָט באַדעכטיק אָפּגעציילט די זעקס־און־דרייסיק גראָשן.

— עלעהיי וואָלט דאַכעלע גענומען אַ שטיקל רינדערנס אויך — האָט דער קצב אַ זאָג געטאָן.

— צו וואָס ? אַ פֿונט איז אויך צופֿיל.

— זאָל דאַכעלע אַהיימנעמען אַ שטיקל בראָטנס אָדער שפּאָנדרע. ס׳עט דאַכעלען צונוץ קומען...

דאַכע האָט נישט פֿאַרשטאַנען. דער קצב האָט זיך קיינמאָל נישט געבעטן מ׳זאָל ביי אים קויפֿן. ער האָט זיך געוויצלט, אָדער וואָס ? דאַכע האָט צונויפֿ־געפּרעסט די ליפּן.

— אַ גוטן טאָג.

— גייטץ געזונטערהייט !

ביים טויער איז געשטאַנען אַ רעדל ווייבער מיט פּאַטשיילעס אויף די באַ־שייטלטע קעפּ, מיט קויבערס אין די הענט. געוויינלעך פֿלעגן די שכנטעס איר אַקעגנטראָגן דעם גוט־מאָרגן. דאָס מאָל האָבן די יידענעס אָפּגעקערט די פּנימער. אפֿשר איז אַמאָל דער שווער געשטאָרבן ? — איז דאַכען איינגעפֿאַלן. זי איז אַרויף מיט די שטיגן און נאָך יעדע עטלעכע טרעפּ זיך געשטעלט אָפּדעכן. זי האָט אָנגעקלונגען און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז שפּרה איז געקומען עפּענען.

— ווער איז דאָרט, האַ ?

— יאָך.

— די באַלעבאָסטע?

שפרה האָט אויפגעמאַכט פאַמעלעכער ווי אַלעמאָל.

— באַלעבאָסטע, ס׳איז דאָ אַ בריוו פון הדסהן, — האָט די מויד געזאָגט נאָך אַ קווענקלעניש.

— אַ בריוו? פון וואַנען? ווייז אַהער!

— ר׳איז אין הדסהס שטיבל.

דאַכע האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אָוועקגעלייגט דאָס פונט פלייש אויף אַ טישעלע און אַ וואַקלדיקע זיך אַ לאָז געטאָן אין דער אַלקאָווע. זי האָט אויפגעשפאַרט די טיר און דערזען די טאָכטער. הדסה האָט זיך געהאַט אויפגעכאַפט און איז געזעסן אַן איינגעבויגענע אויפן ברעג פון בעט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. אויפן אָפּגעלעגענעם פּנים איז געשטאַנען אַ רויטער שראַם. ווען די מוטער איז אַריין, האָט דאָס מיידל געמאַכט אַ מינע ווי זיך אויפצוהויבן, נאָר זי איז געבליבן זיצן. דאַכע האָט זיך געטאָן אַ רוק אויף הינטערווייַלעכץ. איר פּנים האָט אויפגעפלאַמט, ווי פון כּעס.

— אַזוי? — האָט זי אַ רוף געטאָן. — דו לעבסט נאָך!

הדסה האָט נישט געענטפערט.

— נו, נו, אַז ביסט דאָ, ביסטו דאָ! — האָט דאַכע געזאָגט אַ הייזעריקע און זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף צוריק, געזען, אַז שפרה שטייט נאָך אַלץ אין קאָרידאָר, און אַ פאַרקלאַפּ געטאָן די טיר. דאַכע האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג סיי זיך אַ וואַרף צו טאָן דער טאָכטער אויפן האַלדז, סיי אַ כאַפּ צו טאָן די מויד ביי די קודלעס.

— ווען ביסטו געקומען? — האָט זי געפרעגט. אויף דאַכעס געלן פּנים זיינען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן, ווי ביי אַ מת.

הדסה האָט דערויף אויך נישט געענטפערט.

— ביסט שטום געוואָרן, אָדער וואָס?

— היינט. פריער.

— אַ קלאָג איז דיר ווי דו זעסט אויס! ווינד און ויי צו דיינע יאָרן! — האָט דאַכע אַ זינג געטאָן, און זיך געשעמט פאַר דעם אייגענעם מענה־לשון. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ס׳איז נישט איר נוסח, נישט איר קול. עס איז געווען ווי די געשטאָרבענע מאַמע, די קראָסטינינער רביצין, וואָלט אַרויסגערעדט פון אירע לעפצן.

אַ לאַנגע ווייל איז דאַכע געשטאַנען און געגאַפט. הדסהס מאַנטל איז געווען פאַרשמירט, צעריסן, די פוטער פון קאָלנער — אויסגעצופּט. צווי קנעפּ זיינען געווען אַרויסגעריסן צוזאַמען מיטן צייג. דורך די לעכער האָט אַרויסגעשטאַרצט די וואַטעלינע. אין קלייד, איבער דער ברוסט, איז געווען אַ גוואַלד־ריס. די האָר זיינען געוואָרן אָפּבלאָקירט און ווי צונויפגעמישט מיט בלאָטע. דאָס מיידל האָט אויסגעזען אָפּגעצערט, קויטיג, קראַנק, עפּעס ווי האַלב־צערודערט; אַ שטייגער ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון אַ משוגעים־הויז. דאַכעס בליק איז געפאַלן אויף דעם פּעקעלע.

— וואָס איז דאָס פאַראַ ברויט? — האָט זי געפרעגט שאַרף און מיט חשד.

— ברויט — האָט הדסה איבערגעחזרט.

— נו, כ׳זע. טו דיך אויס. לייג דיך. ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז די תּוכחה!

דאַכע האָט זיך אַ דריי געטאָן און איז אַרויס. די טיר איז צוגעפֿאַלן מיט אַ קנאַק, ווי פֿון אַ צוג־ווינט. שׂפֿרה האָט נאָך אַלץ געלויערט אין פֿאָדער־הויז.

— ווען איז זי געקומען? ווי אַזוי?

— דער רעווירשאָווע האָט זי געבראַנגט.

— דער רעווירשאָווע? זי איז, הייסט עס, געזעסן אין קרימינאַל?

— זעט אויס.

— אַ מצווה אויף איר! זאָל זי וויסן מיין טעם!... וואָס האָט ער געזאָגט?

— ר׳עט דאָ זיין מאָרגן אינדערפֿרי, ניין אַזייגער.

— ווער איז נאָך געווען?

— דער סטרוזש איז געשטאַנען אויף די שטיגן.

— אַלע שכנים זיינען זיך, אַוודאי, צונויפֿגעלאָפֿן!

— יאָ... ניין.

— נישטאָ זיך וואָס צו באַהאַלטן. זאָל די וועלט וויסן! — האָט דאַכע גערעדט און אַן אומהיימלעך פֿייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין איר בליק. — זי׳ט סיי־ווי־סיי לאַנג נישׁ׳ אָנטרייבן!...

— זאָל די באַלעבאָסטע אַזוי נישׁ׳ רעדן.

— שוויג! הייך־איין די וואַנע! די מויד איז אומריין. לאָז קיינעם נישט אַריין!

— דער טעלעפֿאָן קלינגט.

— ענטפֿער נישׁ׳!...

שׂפֿרה איז אַריין אין קיך. זי האָט מיט אַ האַקמעסער אָנגעהאַקט שטיקלעך האָלץ פֿון אַ בינטל אַרויס, אָנגעשאָטן אויף אַ בלעטל פֿון אַ העפֿט אַ הייפֿל אַש, באַגאָסן מיט נאַפֿט. דאָס פֿייער־מאַכן אין וואַנע־שטיבל איז אָנגעקומען שווער. דער אויוון איז געווען צעבראָכן. דאָס טירל האָט זיך נישט צוגעשרויפֿט. די לופֿט האָט נישט געצויגן. דאַכע איז אַריין אין דער סאַלע און גענומען אַרומשפּאַנען גיך־גיך, אַהין און צוריק, מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. די שוואַכקייט איז פּלוצים פֿון איר אָפּגעטראָטן. זי איז מיט איין מאָל געוואָרן שטאַרק. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן טישעלעך, בענקעלעך, בלומען־טעפּ. אַ פֿוס־בענקעלע האָט איר פֿאַרשטעלט דעם וועג, נאָר זי האָט עס געטאָן אַ שטויס מיטן שפּיץ שוך און עס האָט זיך אַוועקגעקייקלט. אויסטערלישע ווערטער האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין קאָפּ: לוויה... שפּיטאָל... מעוברת... ממזר... ברית... וואו לויפֿט אַרום דער מנוול גאַנצע טעג? — האָט זי אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול וועגן ביוניען. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו שרייען, זיך צו קריגן, עמעצן אָנצוזידלען. עס האָט זיך ווידער צעקלונגען דער טעלעפֿאָן. דאַכע איז צוגעלאָפֿן און אַ ריס געטאָן דאָס טרייבל.

— ווער איז דאָרט, הע?

— דאַכע־לעבן? דאָס בין איך, אַבראַם.

— יאָ, אַבראַם, וואָס זאָגסטו גיטס? — האָט דאָכע אַ שיפּע געטאָן. אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט אין אַ ווייַנענדיקן שמייכל.

— דאָכע, כ׳בעט דיך: הער מיך אויס. ס׳איז זייער וויכטיק. ס׳איז וועגן דייַן טאָכטער!

— וואָס איז וויכטיק? האָסט זי דערהרגעט. נישטאָ מער קאַ׳ הדסה!

— לאָז צו דיר רעדן. כ׳האָב דערהאַלטן אַ קאַרטל.

— וואָס פֿאַר אַ קאַרטל? מערדער, גזלן, רוצח!

— האָב ניש׳ פֿאַראיבל, נאָר דו שעלטסט ווי אַ מאַרק־יידענע.

— פֿאַרשאָלטן זאָלסטו זיין ווי דו האָסט אונדז פֿאַרשאָלטן! דייַנע טעכטער זאָלן האָבן אַזאַ סוף ווי מיין טאָכטער! שטן! באַנדיט! כּלב שבכּלבים!

און דאָכע האָט געטאָן אַ וואָרף אַוועק דאָס טרייבל. דאָס טישל איז אומגעפֿאַלן צוזאַמען מיטן טעלעפֿאָן.

— באַלעבאָסטע, כ׳האָב שוין געמאַכט פֿייער.

— זאָל ברענען! גיס־אָן אַ פֿולן קעסל וואַסער! האָסט אפֿשר גרינע זייף?

— יאָ, באַלעבאָסטע.

— ליידיק אויס אַ זאַק. די בגדים אירע וועסטו אַרויסוואַרפֿן אין מיסט!

דאָכע האָט זיך אומגעקערט אין הדסהס צימער. דאָס מיידל האָט איצט געהאַט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל. דאָס קלייד איז געווען פֿול מיט פֿלעקן און ריסן. אונטער די פּאַכוועס זייַנען די נעט געווען אויפֿגעטרענט. דער האַלדז איז געווען משונה דין און דאַר. עס זייַנען געווען אויף אים ברוין־און־בלויע פֿלעקן. הדסה איז געשטאַנען ביים טיש, ווי גרייט אויפֿצורוקן אַ שופֿלאַד. ווען די מוטער איז אַריין, האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און איז אָפּגעטראָטן אויף צוריק. דאָכע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיק ברויט און אַ וועג געטאָן אין דער האַנט.

— ווי שווער דאָס איז! ווי אַ שטיין!...

הדסה האָט זיך אָפּגערוקט.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גלאָמפּ? וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן? וואו ביסטו געווען? אין וואָסערע לעכער האָסטו דיך אויסגעוואַלגערט? ווער האָט דיר צעריסן די מלבושים?

— קיינער נישט.

— וואו איז דער יונג אַוועק? וואו האָט ער דיך פֿאַרשלעפּט? וואָס האָט ער פֿון דיר געמאַכט? כ׳על שרייַען געוואַלד!

— מאַ!

— כ׳בין נישט דייַן מאַמע. כ׳מעק דיך אויס פֿאַר אַ טאָכטער. וואָס האָט ער געטאָן מיט דיר, דער רשע? זאָג דעם אמת!

— מאַ!

— מ׳דאַרף וויסן וואָס צו זאָגן דעם דאָקטאָר. אפֿשר קאָן מען נאָך פֿאַרכאַפּן. ווינד און וויי צו דיר!

— כ׳דאַרף ניש׳ קאַ׳ דאָקטאָר.

— וואָס־זשע דאַרפֿסטו? אַ הייבאַם?...

— באַלעבאָסטע, ס׳וואַסער איז הייס! — האָט שפֿרה אָנגעזאָגט.

— קום. קודם מוז מען דיך אויסרייניקן!

— יאַכ׳ל אַליין — —

— שעמסט דיך נאָך אויך? אַזוינע ווי דו האָבן זיך שוין אויסגעשעמט!...

דאָכעס פנים איז געוואָרן געל־גרין. די אויגן האָבן געברענט. דאָס שמאָלע געמבעלע האָט זיך געטרייסלט. די הויקערדיקע נאָז איז געוואָרן פֿול מיט קנייטשן. זי האָט שפֿרהן דערמאָנט אָן אַ קראָ. זי האָט מיט די ביינִיקע פֿינגער אַ כאַפּ געטאָן הדסהן ביים אַקסל און זי גענומען שלעפּן.

— קום, זאָג יאַך דיר! — האָט זי געשריגן מיט אַ גרעל קוויטשעדיק קול.

— שטיק נבלה!...

הדסה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און גענומען נאָכגיין. כ׳בין שוין געשטאָרבן — האָט זי געטראַכט. — זאָל זיך מיר דוכטן, אַז דאָס איז די טהרה... זי האָט געלאָזט די מוטער זאָל פֿון איר אַראָפּשלעפּן דאָס קלייד, די האַלקע, די זאָקן, די מייטקעס. שפֿרה איז האַסטיק אַריין און אַרויס. זי האָט אַנידערגעקניט און איינגעפּאַקט די קויטיקע קליידער אין זאַק. מ׳האָט אויפֿגעדרייט די קראַנען און ס׳איז געגאַנגען אַ פּאַרע. מ׳האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך צונויפֿמישן דאָס וואַסער, עס זאָל זיין וואַרעם, און הדסה איז דערווייל געשטאַנען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע מוטער־נאַקעט. זי האָט געציטערט און געפּויקט מיט די ציין. איר לייב איז געווען אויסגעמאָגערט ווי אַ שקעלעט. די ריפּן האָבן אַפֿערגעשטאַרצט ווי רייפֿן. די אָרעמס זיינען געוואָרן דין ווי שטעקעלעך. די הויט פֿון קערפּער איז, פֿונדעסטוועגן, נאָך אַלץ געבליבן מיידלש־גלאַטיק און ווייס. די בריסטן זיינען געווען פֿול און קיילעכיק, די וואָרצלען — דין און רויט. זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעשלאָסן די וויעס. די ליפּן האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט. זי האָט אָבער־אַמאָל און ווידער־אַמאָל געשעפּטשעט צו זיך, אַז זי איז שוין טויט, און דעריבער קאָן זי קיין זאַך נישט אַרן און זי דאַרף זיך פֿאַר קיינעם נישט שעמען...

## 3

מינץ, דער הויז־דאָקטאָר, וואָס דאָכע האָט געשיקט רופֿן, האָט לאַנג באַטראַכט הדסהן. ער האָט מיט אַ טרייבל זיך צוגעהערט צום האַרץ און די לונגען. ער האָט מיט די קורצע גראָבע פֿינגער אָנגענומען דאָס האַנט־געלענק און געגאַפּט אויף דעם ציבעלע־זייגער. נאָך אַ סך מרוקענישן און קנייטשן דעם שטערן האָט דער דאָקטאָר געפּסקנט, אַז מ׳וועט דאַרפֿן דאָס מיידל אַרויסשיקן קיין אָטוואָצק אין אַ סאַנאַטאָריום. זי וועט מוזן דאָרט בלייבן ביז צום סוף ווינטער און דעם זומער דערנאָך. ער האָט, אָבער, געהייסן אָפּוואַרטן אַ וואָך אָדער צוויי. די קראַנקע איז געווען צו אויסגעשעפּט, זי זאָל קענען אויפֿשטיין פֿון בעט. ער האָט פֿאַרבאָטן זיך אַריינצולאָזן מיט איר אין לאַנגע רייד און ס׳זאָלן קומען צו איר געסט. זי האָט געדאַרפֿט האָבן פֿולשטענדיקע רו. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן בלויז פֿינף־און־דרייסיק מיט פֿיר שטרייכעלעך. דער פּולס האָט געקלאַפּט פּאַמעלעך. ד״ר מינץ האָט פֿאַרשריבן איינשפּריצונגען, אַ מעדיצין צום שטאַרקן,

אַ סאָרט בוליאָן, וואָס גיט כּוח, און דריי מאָל אין טאָג אַ טיי־לעפֿעלע קאָניאַק אויף אַפּעטיט.

דער קליינער ברייט־ביינעקער דאָקטאָר מיטן גרויסן פֿיר־עקיקן קאָפּ און די דיקע וואָנסן האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס רענצל, אָנגעטאָן דאָס פֿוטער מיט די פֿוקסן־וויידלען, דעם פּליושענעם קאַפּעלאַטש מיט דעם פּראָפֿעסאָריש־ברייטן ראַנד, און זיך געלאָזט אַנטלויפֿן אַן האַנאָראַר, ווי ס׳איז איינגעפֿירט ביי דאָקטוירים. דאַכע איז אים נאָכגעלאָפֿן אין קאָרידאָר און אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ פּאַפּירענעם פֿינפֿער־רובל. ד״ר מינץ איז אַריינגעקראָכן אין די טיפֿע קאַלאָשן מיט די מאָנאָגראַמען און גענומען דעם פּאַראַסאָל. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— די הויפּט־זאַך: ניש׳ פֿרעגן קאַ׳ קשיות און ניש׳ זאָגן קאַ׳ מוסר. פּתח שין שאַ!...

— דאָקטאָר, זאָגט מיר צו, אַז זי׳ט זיין געזונט! — האָט דאַכע זיך געבעטן.

— כ׳בין ניש׳ דער רבונו של עולם און ניש׳ קאַ׳ גוטער־ייד. מיר׳ן טאָן וואָס מ׳קאָן. אַדיע!...

ד״ר מינץ איז אַראָפּ אַ האַלבן שטאָק שטיגן און זיך געשטעלט אָפּרוען. ער האָט אַליין אויך געהאַט אַ האַרץ־פֿעלער. ער איז געווען צו דיק פֿאַר זיין נידעריקער וווּקס. ער האָט נישט געקאָנט פֿריי ווערן פֿון דעם גראָבן בויך, די פֿאַלדן אויפֿן קאַרק, פֿון דער גרויסער צאָל געשוואוירענע פּאַציענטן, וואָס האָבן אים געשיקט רופֿן ביים מינדסטן קאַטאַר, און פֿון די קהלשע טועכצער, וואו רביים און דאַזאַרעס האָבן אים אַריינגעצויגן יעדעס מאָל פֿונסניי. פֿאַרן טויער, נעבן דער קאַטש, וואָס האָט געוואַרט אויף אים, איז שוין געשטאַנען אַ בינטל ווייבער מיט שאַלן אויפֿן די קעפּ. זיי האָבן געפּרוווט אים פֿאַרשטעלן דעם וועג און אויף דער גיך פֿרעגן עצות וועגן ציענישן אין די ביינער, קלעמענישן אין מאָגן, שטעכענישן אין קרייץ, אַלערליי ווייבערישע חולאתן. ד״ר מינץ האָט די יידענעס אָפּגעטריבן מיטן שירם.

— איי־איי־איי, כ׳בין קראַנקער פֿון אייך! — האָט ער זיי נאָכגעשפּעט און געטופּעט מיט די קורצע פֿיס. — דער רוח ט׳ענק ניש׳ נעמען!...

— וואַ־וואַ, וואָס ס׳איז געוואָרן פֿון וואַרשעווער יידן! — האָט ד״ר מינץ געפֿאַנפֿעט אין די וואָנסן. — אַ קראַנק מיידל הויבט זיך אויף און אַנטלויפֿט. הפֿקר פּעטרישקע! מ׳האָט זיי שיער נישט דערשאָסן אויף דער גרענעץ. אַריינגעפֿאַלן צו אַ מוליכער אַ גנב. אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ. דער בחור זיצט אַוודאי בכבלי ברזל. כ׳לעבן, מ׳וואָלט געדאַרפֿט עפּעס טאָן. אין אַלץ איז שולדיק אַבראַם, דער פּאַסקודניאַק!

ד״ר מינץ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברייטן געזעס פֿון דער קאַרעטע, אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אָן אַנלען, אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע אַ נאָטיץ־ביכל און מיט אַ בלייפֿעדער פֿאַרצייכנט עפּעס אין אַ קרומער האַנטשריפֿט, וואָס נאָר ער אַליין האָט געקאָנט איבערלייענען. עס איז געווען אַ סימן ער זאָל רעדן וועגן דעם עוזר־העשלען מיט אַ מאַכער ביי נאַטשאַלסטווע. ער אַליין, מינץ, איז אויך אַמאָל געווען אַ חסידישער בחור. ער האָט אויך געפֿירט אַ ליבע מיט אַ

נגידיש מיידל. ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט ריכטן, אַז זי׳ט אויסוואַקסן אַזאַ קאָזאַק?... די הדסה וועט אַזוי לאַנג נישט אָנטרייבן. אַ שאָד!...

ד״ר מינץ האָט פֿאַררויכערט אַ דיקן ציגאַר, אויסגעבלאָזן קייקעלעך רויך, צוגעשלאָסן די וויעס. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג די קאַרעטע זאָל אַזוי פֿאָרן און זיך וויגן אויף די גומענע רעדער אָן אויפֿהער; זי זאָל אים אַוועקפֿירן ערגעץ אין אַ וואַרעמער מדינה, אָן אונטערגענג, פּאַציענטן, שפּיטאָלן, קהל־שטיבלעך, טעלעפֿאָנען, היימישע לוויות, נעקראָלאָגן. איכ׳ל מיך שוין אויסרוען אויף דער גענשע גאַס — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — אין דער פֿאָדערשטער אַלייע... וואָס פֿאַר אַ משוגעת די גאַנצע ציוויליזאַציע!...

*

הדסה האָט צוגעשלאָסן די אויגן און זיי פּאַמעלעך ווידער געעפֿנט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז געפֿערלעך קראַנק, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין שום מורא. טעג זיינען געהאַט פֿאָראיבער זינט זי איז געקומען אַהיים, נאָר זי האָט נישט געוווּסט וויפֿל. זי איז אָפּגעשלאָפֿן גאַנצע מעת־לעתן, נאָר זי איז נאָך אַלץ געבליבן שלעפֿעריק. די צייט איז געלאָפֿן משונה־גיך. דאָ איז געווען טאָג און דאָ נאַכט. דאָ האָט דער זייגער געקלונגען ניין און דאָ דריי. הדסה האָט אויסגעשטרעקט די האַנט עפּעס צו נעמען, נאָר זי האָט פֿאַרגעסן וואָס. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן עפּעס טראַכטן, נאָר דער געדאַנק איז געוואָרן טונקל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן לויף. געאָטעמט האָט זי לאַנגזאַם און פֿלאַך. ווען זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שלוק מילך, האָט גענומען רוישן אין די געדערים, ווי ביי אַן עופֿלע. זי האָט נישט געהאַט קיין פֿיבער; פֿונדעסטוועגן האָבן די חלומות געהיפּערט משונה־גיך, פֿול מיט אויסטערלישע בילדער, ווי אין אַ היץ־שלאָפֿקייט. דאָ איז זי געפֿלויגן, ווי אַ פֿלעדערמויז, און דאָ איז זי געפֿאַלן, ווי אַ שטיין. שאָטנדיקע געשטאַלטן האָבן גערעדט משונהדיקע רייד, אין אַ גרייזיק לשון, אַ געמיש פֿון פּויליש, רוסיש, יידיש, לאַטיין. עוזר־העשל און אַבראַם זיינען געווען ווי איין מענטש מיט צוויי פּנימער. דער טאַטע האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דאָקטאָר מינץ. זי, הדסה, איז געפֿאָרן קיין אויסלאַנד, נאָר די גרענעץ האָט זיך אָפּגערוקט, צוגערוקט, געוואָרן דאָ העל ווי אַ טייך, דאָ שוואַרץ, ווי אַ באַרג. כאָפּטעס ווייבער האָבן געשריגן. די באַן איז האַלב־געפֿלויגן, געפֿייפֿט מיט יאָמערלעכע קולות, זיך געגליטשט אין אַ תהום. הדסה האָט זיך איבערגעוועקט אַ דערשראָקענע, באַגאָסן מיט שווייס. דורכן פֿענסטער האָט אַריינגעשיינט אַ נאָכמיטאָגדיקע זון, געוואָרפֿן ליכטיקע קייקעלעך אויף די טאַפּעטן. אויף דעם געקעסטלטן דיל זיינען געשטאַנען זוניקע פֿלעקן. עמעץ האָט געגרעגערט מיט אַ גרעגער. דאָס ווינטל, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן פֿון דרויסן, האָט געשמעקט מיט פּעך, רינשטאָק און אויפֿגערודערטער ערד. די מאַמע האָט אויפֿגענויגט די טיר, אַריינגעשטעקט דעם באַשייטלטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— הדסה־לעבן, דעק דיך צו. דער איבערלופֿט איז אָפֿן. וועסט נאָך, חלילה, כאַפּן אַ צוג.

— ווען איז פּורים?

— זע נאָר! מערטשישעם איבעראַכטאָג.
— וואָס טוט דער פֿעטער אַבראַם?
— דער שוואַרץ־יאָר ווייסט עים!
— און דער זיידעשי?
— אויף שונאים געזאָגט. ליגט בייזאַמען.

הדסה האָט געוואָלט פֿרעגן צי מ׳האָט נישט געהערט עפּעס וועגן עוזר־העשלען, נאָר זי האָט געשוויגן. זי האָט זיך אומגעקערט צו דער וואַנט און ווידער אָנגעהויבן צו דרימלען. דאָסמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער קאָפּ אין קישן ווערט אַלץ גרעסער און אָנגעבלאָזענער. די פֿינגער פֿון די הענט ווערן דיקער און שווערער. עפּעס אין דער טונקלקייט האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער. זי האָט זיך געשראָקן, נאָר זי האָט נישט געוואוסט פֿאַר וואָס. מיט אַמאָל האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און זיך אויפֿגעריסן. עס איז געווען אָוונט. אויפֿן טישל האָט געברענט אַ ליכט אין אַ גלעזערנעם לייכטער. די מאַמע איז געשטאַנען אַן אָנגעבויגענע, אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד, און קעגן דער שיין פֿון פֿלעמל זיך איינגעקוקט אין טערמאָמעטער. דער טאָפּלטער שאָטן האָט זיך געשאָקלט. זי האָט אַ טרייסל געטאָן דאָס קוועקזילבער.

— אַלץ ס׳אייגענע.
— ווי׳ שפּעט איז? — האָט הדסה געפֿרעגט.
— וואָס איז די נפֿקא מינה? צען אַזייגער.
— ס׳איז נאָך אַלץ היינט?
— וואָדען? ס׳איז נעכטן? נעם איין די רעצעפּט.

הדסה האָט זיך געוואונדערט. זי האָט נישט געזען מ׳זאָל די מעדיצין אָנגיסן אין לעפֿל. זי האָט אויסגעטרונקען און זיך פֿאַרקרימט. ס׳האָט געהאַט אַ טעם פֿון צימרינג.

— אָט איז זי דאָך אויף! — האָט זיך אָנגערופֿן דער פּאַפּאַ. — דיין בת־יחידה!...

ער איז אויסגעוואַקסן, ווי דורך אַ כּישוף. ער איז דאָ געשטאַנען אין דעם זיידענעם מאָרגן־ראָק פֿון וויין־קאָליר, אין סאַמעטענע שטעק־שיך און אין אַ קליין זיידן קאַפּעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ. אויפֿן וועסטל האָט זיך געבאָמבלט אַ גאָלדענע קייט. הדסהן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז געוואָרן נידעריקער. דאָס בערדל איז געווען קירצער. ער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער און געשמייכלט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ שיינער קרימינאַלניק!

הדסה איז, אַפּנים, ווידער אַנטשלאָפֿן געוואָרן, ווייל ווען זי איז אויפֿגעקומען, איז געשטאַנען אַ געדיכטע פֿינסטערניש. זי האָט נישט געדענקט ווער זי איז, ווי זי הייסט, וואו זי געפֿינט זיך. זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און זיך אָנגענומען מיט ביידע הענט ביים שטערן. מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט. אַ, כ׳בין אין קרימינאַל! אַלץ איז פֿאַרלוירן! זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אויסגעשפּיצט די אויערן. וואו זיינען אַלע פֿרויען אַהינגעקומען? מ׳הערט נישט קיין סאָפּען. זיינען זיי געשטאָרבן פֿון דער ענגשאַפֿט? אָדער מ׳האָט אַלעמען אַרויס־

געלאָזט אויף דער פֿריי? הדסה האָט אויסגעשטרעקט די פֿינגער און אָנגעטאַפּט אַ גלאָז. ס׳איז פֿול געווען מיט אַ געטראַנק. זי האָט עס אויפֿגעהויבן און צוגעטראָגן צו די ליפּן. ס׳איז געווען קאַלטע טיי, געצוקערט, און מיט אַ פּעניצל ציטרין. זי האָט אַריינגעטרונקען אין זיך די פֿליסיקייט, איינגעזויגן די זאַפֿט פֿון דער לימענע, און איז מיט איינמאָל געוואָרן אינגאַנצן ניכטער. זי איז צוריק אין דער היים. שלאָף. אין דער לינקער זייט האָט ווי געטאָן. ווען זי האָט געאָטעמט, האָט אונטערן אַקסל געשאַרכט און עפּעס ווי זיך געבלעזלט. אין דער צווייטער שטוב האָט האַסטיק געקלאַפּט אַ זייגער. אינדרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינט און געטרייסלט מיט די שויבן. הדסה האָט איצט געדענקט יעדע איינצלהייט: ווי זי האָט זיך געטראָפֿן מיט עוזר־העשלען ביים מוראַנאָווער וואָקזאַל; די רייזע דריטע קלאַס ביז רייוויץ; די נאַכט אינעם קאַלטן וואָקזאַלעכל צווישן אוקראַאינישע פּויערים; די נסיעה מיט דער בויד קיין קראַסנאָסטאַוו; דאָס איינפֿאָר־הויז מיט די בעל־עגלהס, שפּיליטערן, חסידים; דאָס שלעפּעניש קיין קרעשעוו און דאָס וואַרטן אין אַ וואַסער־מילכל אויף דעם גוי, דעם שוואַרצער, וואָס וועט אַריבערפֿירן קיין גאַליציע. דאָס דאַרף האָט געהייסן: די בויאַרעס. געגעכטיקט האָט מען אויפֿן פּעקעליק. עוזר־העשלען איז געהאַט אָנגעוואַקסן אַ בערדל. ער האָט אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן בוידעם היי און געלייענט שפּינאָזאַן. אַ פּויער, אַ קאָנטראַבאַנדיסט, האָט געבראַכט די נייעס, אַז אויף דער גרענעץ האָט זיך געביטן די וואַך און אַז מ׳דאַרף פֿונסניי אָפּחורשן די זעלנער. דערנאָך: דאָס גיין אין אַ פֿינסטערער נאַכט צום געפֿרוירענעם טייך סאַן. דער פֿירער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ פֿערטל וויאָרסט, נאָר מ׳האָט זיך געשלעפּט שעהן. מ׳איז געקראָכן דורך צעאַקערטע פֿעלדער, אויסגעהאַקטן וואַלד, זומפּיקע לאָנקעס. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן און מ׳איז געוואָרן אויסגעווייקט. עוזר־העשלען האָט דער ווינט אַראָפּגעיאָגט דעם קאַפּעליוש. זי, הדסה, האָט פֿאַרלוירן אַ קאַלאָש. הינט האָבן געבילט. עמעץ האָט אַ לייכט געטאָן מיט אַ לאַמטער און ס׳איז ווידער געוואָרן פֿינסטער־חושך. פּלוצים האָבן זיך דערהערט געשרייען און אַ שיסעריי. מענטשן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. עוזר־העשל האָט געטאָן אַ רוף און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ סאָלדאַט האָט זי, הדסהן, אָנגעכאַפּט און אַוועקגעפֿירט אין אַביידל, וואו ס׳האָט געברענט אַ ליכט און ס׳האָט געוואַרט נאָך אַ זעלנער מיט אַ לאַנגער ביקס. זי האָט געוויינט פֿאַר די איוואַנעס און זיך געבעטן זיי זאָלן זי אָפּלאָזן, נאָר די שקצים האָבן געענטפֿערט:

— געזעץ איז געזעץ!...

דער עטאַפּ האָט זיך געצויגן דורך יאַנעוו, זאַמאָשטש, איזשביצע, לובלין, פּיאַסק, פּולאַוו, איוואַנגאָראָד. אין יאַנעוו איז זי געזעסן אין איין קעמערל מיט אַ מערדערין. די פּויערטע האָט דערציילט, אַז זי האָט דער שוויגער אָפּגעשניטן דעם קאָפּ מיט אַ שערפּ. אין אַנדערע שטעט האָט זי, הדסה, זיך געוואַלגערט אין קאַמערן פֿול אָנגעפּאַקט מיט גנבטעס און גאַסן־פֿרויען. זי האָט אַפֿילו געשלאָסן קאַנטשאַפֿט מיט אַ פּאָליטישער, אַ זאַמאָשטשער מיידל, אַ היינקנדיקע, וואָס מ׳האָט געכאַפּט טיילן פּראָקלאַמאַציעס. אין וואַרשע איז הדסה געזעסן

אַ נאַכט אין זיבעטן צירקל. ערשט צומאָרגנס האָט מען זי איבערגעפֿירט אין פֿערטן קאָמיסאַריאַט און פֿון דאָרט האָט זי דער רעוויראָווע געבראַכט אַהיים...

אַלץ איז איצט, אין מיטן דער נאַכט, געוואָרן הדסהן קלאָר. דער פּלאַן צו אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד איז דורכגעפֿאַלן. עוזר־העשל איז ערגעץ געוואָרן פֿאַרלוירן. זי, הדסה, איז מסוכן־שלאַף, צו שאַנד און צו שפּאָט. ניין, ס׳לוינט זיך נישט צו לעבן. זי האָט איצט געהאַט איין בקשה צו גאָט: ער זאָל זי צונעמען וואָס גיכער. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן רוקן, אויסגעצויגן די אָרעמס, די פֿיס, און באַשיימפּערלעך געשפּירט ווי עס גייט איר אויס דאָס חיות. זי האָט אין געדאַנק זיך געזעגנט מיט דער מאַמעשי, דעם טאַטעשי, דעם פֿעטער אַבראַם, און מיט עוזר־העשלען, וואָס זי האָט אַליין נישט געוואוסט צי לעבט ער נאָך ערגעץ, אָדער מ׳האָט אים דערשאָסן אויף דער גרענעץ און ער איז שוין דאָרט, וואוהין זי וועט באַלד נאָכקומען...

—◆—

## קאַפּיטל זעכצן

### 1

פּורים איז געווען איינגעפֿירט ביי דער פֿאַמיליע, אַז די זין, די טעכטער, די שנירן, די איניקלעך האָבן זיך צונויפֿגענומען ביי ר׳ משולמען צו דער סעודה. היי־יאָר איז ר׳ משולם געלעגן קראַנק, נאָר מ׳האָט פֿונדעסטוועגן נישט געבראָכן דעם מנהג. נעמי און מאַניע האָבן אָפּגעבאַקן קוכנס, באַבקעס, טאָרטן, שטרודלען, המן־טאַשן. נת׳לע, וואָס איז געווען אַ בעל־קורא, האָט געלייענט פֿאַרן טאַטן און דער שטיף־מוטער די מגילה. ס׳האָבן אויך געהערט חמא,ביילע איטע, נעמי, מאַניע און אײדל. צו דעם פֿאַרנאַכטיקן מאָלצייט האָט רויזע־פֿרומעטל אָנגעצונדן אין דער עס־שטוב צוויי קורצע דיקע ליכט אין זילבערנע לייכטער. די דינסטן האָבן אַריינגעשטעלט ליכט אינעם קופּערנעם שבת׳ניק און אָנגעגאָסן נאַפֿט אין בליך־לאָמפּ, וואָס איז געווען געדיכט באַהאָנגען מיט קרישטאָלן. צוערשט האָט מען בדעה געהאַט צו לאָזן ר׳ משולמען אין בעט. נאָר דער זקן האָט שטומערהייט געגעבן צייכנס, אַז ער וויל פּראַווען די סעודה צוזאַמען מיט דער משפּחה. נאָך לאַנגע קווענקלענישן האָט מען אים אָנגעטאָן און אַריינגעפֿירט אויף אַ פֿאָטעל מיט רעדלעך. קעגן דער שיין פֿון די פֿלעמלעך איז זיין פּנים געווען אַזוי געל, ווי דער קוילעטש מיט זאַפֿרען. ר׳ משולם איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס־זיידענעם שלאָפֿראָק, אויסגעשטיקט מיט בלומען און בלעטער און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קרייקע. אויפֿן קאָפּ איז געזעסן אַ סאָמעטן קאַפּל. די פֿיס האָבן געשטעקט אין ווייכע שטעק־שיך. ער זאָל זיך נישט צו־קילן, האָט מען אים צוגעדעקט די קני מיט אַ שאַל און אים אונטערגעשטעלט אַ פֿוס־בענקעלע. יואל און נת׳לע האָבן אים באַדינט. נת׳לע האָט אַריינגעבראַכט אַ קופּערנע קוואָרט און אַ בעקן. יואל האָט דעם טאַטן אָפּגעגאָסן די שטאַרע הענט און אָפּגעווישט מיט אַ האַנטוך. נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך געוואַשן צו

שאו ידיכם, האָט יואל אָנגעהויבן די צוויי־פּנימדיקע חלה, נישט אין דער ברייט, ווי אַ גאַנץ יאָר, נאָר אין דער לענג. דאָס מוציא־מעסער האָט געהאַט אַ פּערלמוטערנע שטיל און אויף עדר קלינג איז געווען אויסגראַווירט: לכּבוד יום־טוב. נעמי און מאַניע האָבן דערלאַנגט קאַרפּ אין־זיסן־און־זויערן, קרעפּלעך מיט יויך, קלאָפּס מיט ראָזשינקעס און אַ קאָמפּאָט פֿון שיפּטאַלן. מ׳האָט צוגעביסן המן־טאַשן, מאָנדלעך, איינגעמאַכטס. די מאַנסלייט האָבן געטרונקען געצערטן ווײַן אין פֿאַרבלאָטיקטע פֿלעשער, ערשט פֿון קעלער אַרויס. די ווײַבער און קינדער האָט מען געטײַלט ווישניק, זיסן ליקער, מעד מיט ניס. דאָס קליינווארג האָט באַקומען פֿאַר אַ צולאָג קיכלעך פֿון קראָכמאַל, אין געשטאַלט פֿון מרדכי, אסתּר, חרבונה, אַחשוורוש, — אַלץ באַליישט מיט גאָלד און זילבער. פֿון מיטאָג־צײַט אָן האָבן געהאַלטן אין איין קומען בעלפֿערס, חדר־ייִנגלעך מיט שלח־מנות פֿון קרובים, מחותּנים, גבירים, ביאַלאָדרעוונער חסידים. מ׳האָט געשיקט ווײַנען, פּאָרטער, אַנאַנאַסן, מילגרוימען, פּאָמעראַנצן, ווײַנטרויבן, פֿײַגן, טייטלען, וועלשענע ניס, מאַנדלען, שמאַלץ־קוכנס, מאַקאַראָנדלעך, לאַקס, סאַרדינען, אַלערליי קאָנסערוון, וואָס מ׳האָט אימפּאָרטירט ערגעץ פֿון אויסלאַנד און מ׳האָט געמוזט עפֿענען די פּושקעלעך מיט ספּעציעלע שליסלען. אַ רבילע אויף דער קראָכמאַלנע גאַס, דעם קאָזשעניצער מגידס אַ רעכט אור־אייניקל, האָט געהאַט אַ חזקה צו שיקן ר׳ משולמען אַ פּעקל אויסלענדישן שמעק־טאַבאַק געמישט מיט האַרבשטאַרק און געווירצן. ר׳ משולם פֿלעגט אים צוריקשיקן אַ גאָלדן רענדל. ניוניעס געהילף־אַדמיניסטראַטאָר, משהלע, האָט געשיקט מיט זײַן ייִנגל אַ האַלב טוץ האַוואַנאַ־ציגאַרן. רויזע־פֿרומעטל און נעמי האָבן אַכט געגעבן מ׳זאָל באַלוינען די שלח־מנות־טרעגער און צוריקשיקן יעדן לויט זײַן שטאַנד. מחמת רויזע־פֿרומעטל האָט אין וואַרשע קיינעם נישט געקאָנט, האָט נעמי געטאָן ווי איר איז געפֿעלן. ר׳ משולם איז געזעסן אויבן־אָן און געקוקט אַקעגן זיך אַ פֿאַרגליווערטער. ער האָט אַלץ געהערט, ר׳ משולם, און אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר די צונג איז אים געווען אָפּגענומען. מאַכן האַוואַיעס און רעדן אויף שטום־לשון האָט אים נישט געפּאַסט. ער האָט געזען, אַז פֿיניעלע האָט איינגעטונקט דעם אַרבל אין פֿיש־יויך, און אַז יואלס אָן אייניקל, אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר, האָט געהאַלטן אין איין כאַפּן פֿון טיש אויבסט און זיסוואַרג. ער׳ט זיך נאָך איבערעסן און קאַליע מאַכן ס׳מעגעלע, האָט ר׳ משולם געטראַכט. ער האָט געוואָלט אַ רוף טאָן:

— העי, דו, עכברוש, ניטע!...

נאָר די ווערטער זײַנען אים געבליבן הענגען אויפֿן שפּיץ צונג.

די טיר האָט נישט גערוט קיין מינוט. ס׳האָבן געהאַלטן אין איין קומען אָרעמעלײַט און פֿאַרשטעלטע. רויזע־פֿרומעטל האָט געהאַט צעטוישט פֿינף־און־צוואַנציק רובל אויף קליין־געלט. זי האָט אויף אַ ברייטן טעלער אויסגעשטעלט שטויסן מטבעות: גראָשנס, קאָפּיקעס, פֿירערס, זעקסערס, צענערלעך, גילדנס, פֿערציקערס. זי האָט געטיילט יעדן לויט איר איינזען. ס׳זײַנען געקומען בחורים פֿון ר׳ איטשעס ישיבה און פֿון קיבוץ אויף דער שליסקע. מ׳האָט געשיקט

אַהער שליחים פֿון די חברות: לינת הצדק, הכנסת כלה, חסד של אמת, בית
לחם, תּומכי עניים, און פֿון אַלערליי היינטיק־מאָדישע צדקה־געזעלשאַפֿטן, קיכן
און בתּי־יתומים. די קבצנים, וואָס האָבן געבעטלט פֿאַר זיך, זיינען אַריין מיט
תּקיפֿות, האָבן האַלב־געבענטשט, האַלב־געשאָלטן, און זיך געדונגען, אַז ס׳איז
צו ווייניק. פֿון מאָל־צו־מאָל האָט אַ שנאָרער אַ וואָרף געטאָן אויף ר׳ משולמען
אַ שטעכיקן בליק, אַ סימן, אַז דאָס איז דער סוף פֿון די יעניקע, וואָס קאַרגן צו
געבן צדקה. די פֿאַרשטעלטע זיינען גלייך אַריינגעפֿאַלן מיט אַ געזאַנג. זיי האָבן
געטראָגן מאַשקאַרן מיט פֿלאַקסענע בערד און הויכע קאָסקעס באַקלעפּט מיט
מגן־דודס. דורך די לעכער האָבן אומהיימלעך אַרויסגעקוקט די לויפֿנדיקע
שוואַרצאַפּלען. טייל פֿון די פּורים־שפּילער זיינען געווען אָנגעגורט מיט פּאַ־
פּירענע שווערדן און שפּיזן. זיי האָבן געזונגען טרילליגע לידער, געטופּעט
מיט די פֿיס, געפֿאָכעט איינער קעגן דעם אַנדערן מיטן געווער, ווי ריטער
אָדער גזלנים. אַ באַנדע גזעלן־יונגען האָט זיך אָוועקגעשטעלט אָפּשפּילן אַן
אַחשוורוש־שפּיל. ווען ר׳ משולם איז געווען געזונט, פֿלעגט ער די קאָמעדיאַנטן
געבן זייער גאָב און זיי אַרויסטרייבן. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו
די שאַלמויזן. אַחוץ דעם האָבן זיך געטראָפֿן צווישן זיי גנבים און מ׳האָט גע־
דאַרפֿט אויף די לייט האַלטן אַן אויג. איצט איז נישט געווען ווער עס זאָל
די לצים אָפּשאַפֿן. אַחשוורוש איז געשטאַנען אין אַ פּאַפּירענער קרוין, אין אַ
לאַנגער שוואַרצער באָרד, מיט אַ שווערד אויפֿן דיך, מיט אַ רויטן גאַרטל
אויף די לענדן. ער האָט געפֿאָכעט צו אסתּר המלכּה מיט אַ גאָלדענער רוט.
צוויי תּליונים אין שפּיציקע היטן האָבן געקעפּט ושתּין, וואָס האָט געהאַט אַ
האָרן אויפֿן שטערן. (פֿון אונטערן קלייד האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר יינגלשע
שטיוול). המן, מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנסן און אַ שפּיציקן הוט, האָט אָנגעטאָן
כּבוד מרדכי הצדיק, און זרש האָט כּלומרשט אויף אים אויסגעלערט אַ נאַכט־
טאָפּ. ויזתא איז נאָכגעהאָנגען אַ רויטע געשטופּלטע נאָז און אַ צעפּל אָנשטאָט אַ
בערדל. ר׳ משולם האָט געהערט זייערע קולות, אָבער ער האָט נישט באַנומען
וואָס זיי באַלעבעטשן. זאָל איך זיין טויב? — האָט ער אַ קלער געטאָן. ער
האָט געזען ווי די זין זיינע, די שנורן, די אייניקלעך, לאַכן, כאַכען, פּאַטשן מיט
די הענט. נת׳לע איז זיך אַזוי פֿאַרגאַנגען פֿון געלעכטער, אַז דער שפּיציקער בויך
האָט זיך געטרייסלט. ער האָט זיך אַזש פֿאַרהוסט פֿון גרויס שמחה. סאַלטשע,
דאָס ווייב, איז צוגעלאָפֿן און גענומען אים שאָקלען און פּאַטשן אין קאַרק,
ווי ער וואָלט זיך געקרעקט. ר׳ משולמס אויגן זיינען געוואָרן אַלץ בויערנדיקער.

— אַ חברה בהמות! — האָט ער געטראַכט. — נאַראָנים!...

ס׳האָט אים איצט אַלץ באַנג געטאָן: דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאַט
צוויי מאָל מיט טעכטער פֿון געמיינע הייזער און אויפֿגעהאָדעוועט פּראָסטע
קינדער; פֿאַרוואָס ער איז נישט געווען מער איבערקלייבעריש מיט די איידעמס
(זיי זיינען ביידע דאָ נישט געווען, נישט אַבראַם, נישט ר׳ משה גבריאל);
הלמאי ער האָט זיך באַנאַרישט און געשטעלט אַ חופּה מיט דער גאַליציאַנער
יידענע, די רויזע־פּרומעטל, און דער עיקר — פֿאַרוואָס ער האָט נישט גע־
שריבן אַ צוואה ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, מיט אַ רעיענט און אַ שליש, און נישט

איבערגעלאָזט אַ היפּשע טייל פֿון פֿאַרמעגן אויף עולמות. איצט איז געווען צו שפּעט. נישט ער האָט געקאָנט רעדן, נישט מ׳וואָלט אים געהאָרכט. ער האָט געוואוסט פֿאָראויס, אַז די בנים וועלן צעטרענצלען דאָס האָב־און־גוטס. מ׳וועט זיך אַרונ.רייסן און אַרומשלאָגן. קאָפּל וועט גנבענען. אַבראַם וועט שווינדלען. חמא וועט נעבעך בלייבן אויפֿן וואַסער.ביילע־איטע וועט נישט קריגן קיין נדן. מ׳האָט אים, ר׳ משולמען, געהאַט דערציילט, אַז הדסה, ניוניעס בת־יחידה, האָט זיך אומגעקערט. נאָר עפּעס האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען די גאַנצע זאַך. פֿון וואַנען איז די מויד צוריקגעקומען? וואָס איז געוואָרן פֿון דעם ליובאָווניק? ווי וועט מען קאָנען טאָן מיט איר אַ שידוך, אַז זי האָט געקראָגן אַזאַ מיאוסן שם? כ׳האָב געלעבט אָן חשבון און שטאַרב אָן וידוי — האָט ר׳ משולם געטראַכט. ווי שטייט עס דאָרט אין קהלת? אַלץ איז אייטל, נאַריש. מ׳זאַמלט פֿאַר פֿרעמדע די מי. אַ דור גייט אַוועק, אַ דור קומט, אָבער די ערד בלייבט באַשטיין אויף אייביק. אויב אַזוי, צו וואָס דאָס יאָגעניש? עלעהיי וואָלט ער בעסער געווען אַוועקגעפֿאָרן אויף דער עלטער קיין ארץ־ישראל און זיך פֿאַרשפּאָרט גלגול־מחילות. ער׳ט דאַרפֿן באַלד אָפּגעבן דין־וחשבון. ער איז געגנוג אומרעכט באַגאַנגען, קעגן אייגענע און פֿרעמדע. ער האָט מבטל געווען דאָס לערנען, נישט געדאַוונט בכוונה, זיך געבייזערט, מבייש געווען, גערעדט לשון־הרע. ער געדענקט אַפֿילו נישט דעם נאָמען. וואָס וועט ער ענטפֿערן ווען דער מלאך דומה וועט אָנקלאַפּן אין קבר מיט דער פֿייערדיקער רוט און אַ פֿרעג טאָן:

— מה שמך?...

ר׳ משולם האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען דעם פּסוק, וואָס ער האָט געזאָגט יעדן טאָג נאָך שחרית, אָבער דאָס געדעכעניש האָט אים נישט געדינט. ער האָט בלויז געדענקט די לעצטע ווערטער: פּעלת לחוסים בך נגד בני אדם. ער האָט אויפֿגעהויבן די וויעס און אַ קוק געטאָן צו די פֿענסטער. די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, אָבער דער ברייטער הימל איז פֿול געווען מיט גליענדיקע וואָלקנס, אין געשטאַלט פֿון קופּעס קוילן, פֿלאַמענדיקע זעגל־שיפֿן, פֿלאַקערנדיקע בעזימס, פּורפּורנע פֿענסטער, פֿייערדיקע חיות, שלאַנגען, פֿייגל, גולמס, פֿאַרזעענישן. דער ברייטער פּאַס פֿייער אין מיטן — געל און גרין, ווי שוועבל, אַרומגענומען מיט דריי פּאַסן — האָט זיך געבלעזלט, געריכערט, געבלענדט, דערמאָנט דעם זקן אין דעם נהר די נור, וואָס אין אים מוזן זיך לייטערן די נשמות איידער זיי קומען אין גן־עדן אַריין. די משונהדיקע צורות האָבן געהאַלטן אין איין בייטן זייערע פֿורעמס און קאָלירן. אַ לאַנגער וואָלקן האָט ערגעץ געאײַלט צו מזרח־זייט, ווי מיט אַ שליחות. עפּעס האָט זיך אויבן געטאָן אַ פֿאַרהוילן טועניש. אַ פֿאָרכטיקע האַנט פֿון ליכט, נעפּל און אַוויר האָט געקאָכט געקעכטסער, געפֿלאָכטן פֿלעכטענישן, געהאָפֿטן האָפֿטעכצער, געמאָלט געמעלן, געשריבן מיט אַ פֿאַרהוילענער שריפֿט. נאָר וואָס דאָס אַלץ באַטייט, האָט קיין שום בן־אדם נישט געוואוסט. וועט ער, משולם, לכל הפּחות, קומען צום אמת אויף יענער־וועלט? וואָס וועט זיך טאָן מיט אים, ווען ער וועט ליגן אין דער עגלה און די אַלע גוטע פֿרײַנד און שונאים וועלן אים באַלייטן? וועט ער דעמאָלט וויסן, אַז ער איז אַ בר־מינן און מ׳פֿירט אים צו קבורה?

אָדער אפֿשר זיינען אַמאָל די אַפּיקורסים גערעכט? ס׳שטייט דאָך אַפֿילו אין פּסוק: והמתים אינם יודעים מאומה...

— לחיים, טאַטע, זאָלסט זיין געזונט! — האָט יואל אַ רוף געטאָן און גענומען טרינקען אַ רויט געטראַנק פֿון אַ געשליפֿן גלאָז.

ר׳ משולם האָט אַפֿילו נישט אַ ריר געטאָן מיט אַ ברעם. וואָס זויפֿט ער, דער זולל־וסובא? ער האָט נאָך אַ קנאַפּן בויך? ער איז שוין אויך נישט קיין יונגערמאַן, דער בכור. ער איז שוין איבער זעכציק. וואָס מיינט ער, אַז דערפֿאַר ווייל דער טאַטע שטאַרבט, וועט ער לעבן אייביק?...

ר׳ משולם האָט מיט אַמאָל זיך גענומען קרימען און געבן צייכנס, אַז דאָס זיצן דאָ איז אים איבערדריסיק. נת׳לע האָט געהאַלטן אין מיטן זינגען שושנת יעקב, נאָר ער האָט איבערגעריסן דעם ניגון. נעמי צוזאַמען מיט פיניע־לען האָבן דעם זקנס שטול צוריקגעקייקלט אין שלאָף־חדר. מאַניע האָט דער־ווייל געבעט דאָס בעט און געביטן דאָס ליילעך. מ׳האָט ר׳ משולמען באַדעכטיק אַוועקגעלייגט אויפֿן געלעגער און אים צוגעדעקט. ער איז נאָך לאַנג געלעגן וואַך און געקוקט ווי דער בין־השמשות ווערט אַלץ בלויער און מטושטשער. דער הימל איז איצט געווען ביינאַכטיש־טונקל. די וואָלקנס זיינען צעגאַנגען און ס׳זיינען געבליבן נאָך זיי פֿאַרוויִעטע רעשטלעך. שטערן האָבן זיך אָנגע־צונדן. צווישן די טורעמס פֿון קלויסטער, וואָס אויף זייערע שפּיצן האָט נאָך געצאַנקט אַן איבערבלייבעניש פֿון דער זון־זעצונג, איז אַרויסגעשוואומען אַ געלע לבנה. ר׳ משולם האָט נאָך איצט, ווי אין די יינגלשע יאָרן, געזען אין איר דאָס פּנים פֿון יהושע: גרוביק, נאַקעט, אויסטערליש. די ענינים פֿון דער־וועלט זיינען ר׳ משולמען מער נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געהאַט איין באַגער: צו קומען וואָס־גיכער אַהין, אויף יענער זייט, און זען וואָס ס׳טוט זיך אין די עולמות העליונים, וואָס האָבן סודותדיקע און ליכטיקע געהויערט איבער די דעכער פֿון גזשיבאָוו.

## 2

אַמאָליקע יאָרן, איידער אַבראַם איז ברוגז געוואָרן מיט ר׳ משולמען, האָט ער פֿאַרבראַכט פּורים אָוונט ביים שווער. שפּעטער, אַז שווער־און־איידעם האָבן זיך צעקריגט, האָט אַבראַם געפּראַוועט די סעודה ביי זיך אין דער היים. חמא און ביילע־איטע האָבן אָפּגעבאַקן לעקעכער, קיכלעך מיט געפֿילעכץ, המן־טאַשן; די שוואָגערס, די שוועגערינס, קרובים, גוטע פֿריינד, האָבן אים געשיקט שלח־מנות. אַבראַם האָט פֿאַרבעטן געסט. ר׳ משולמס קינדער פֿלעגן שפּעט אין אָוונט קומען צו פֿאָרן פֿון טאַטן צו אַבראַמען האַלב־שיכּורע, צעזונגענע, און מ׳האָט געהוליעט ביז פֿאַרטאָג. די ווייבלעך מיט די מיידלעך האָבן געטאַנצט איינע מיט דער אַנדערער. די מאַנסלייט האָבן געטרונקען ווייַן און מעד. אַבראַם האָט אָנגעטאָן חמאס אַן אַלט קלייד, אַן אויסגעקראָכן שייטל, אַ בלוזע אָנגע־שטאָפּט מיט שמאַטעס, ס׳זאָל אַרויסקומען אַ הויכער בוזעם, און זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ יידענע. גיוניע איז געווען דער מאַן. פיניעלע — אַ מורה־הוראה. אַבראַם

איז געקומען האָבן אַ דין־תּורה מיטן מאַן. ער האָט געשריגן מיט אַ קוויטשעדיק קול, אַז ביוניע, דעם שלים־מזל, גיט נישט קיין פּרנסה, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין חסידים־שטיבל מיט די בטלנים, און דערצו האָט ער נאָך אַ טבע צו נאַשן פֿון די טעפּ און צו קנייפּן. אַבראַם האָט פֿאַרשאַרצט דעם אַרבל, געוויזן אַ האָריקן אָרעם, וואָס ס׳זיינען כּלומרשט געווען אויף אים צייכנס פֿון קניפּן, און געשריגן:

— הייליקער רבי, יאָך בין אַ מאַמע מיט אַכט ווערים! טוטץ אַ קוק! אַזאַ גזלן! אַזאַ היצעל! אַזאַ חזיר־שלעגער!

— פֿע, חצופֿה, דעק־צו! — האָט פּיניעלע זיך געבייזערט. — עט־נו, אשת־איש!

— רבי קרוין, עץ מעגט קוקן! מ׳דאַרף צו מיר האָבן אַ קופּערנעם יצר־הרע...

אַבראַם האָט די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג איבערגעחזרט יאָר־איין יאָר־אויס, פֿונדעסטוועגן פֿלעגט יעדן פּורים ווערן צווישן די ווייבער אַ לאַכעניש, אַ קווי־טשעריי, אַ כאַכעניש. די ווייבלעך זיינען געפֿאַלן איינע דער אַנדערער אין די אָרעמס און געהוילט מיט באַנומענע קולות. דער לאָקאַטאָר, וואָס האָט גע־וואוינט אונטער אַבראַמען, אויפֿן ערשטן שטאָק, האָט אַ פּאָר חדשים דערנאָך נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, ווייל פֿון דעם טאַנצן און האָפּסן איז אַראָפּ־געפֿאַלן דער קאַלך פֿון סופֿיט און מ׳האָט געדאַרפֿט ווייסן.

נאָך דער שפּיל פֿון אַ צעקריגט פּאָר־פֿאָלק האָט אַבראַם פֿאָרגעשטעלט אַ דיבוק. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קיטל, איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טלית און איז געקומען צו פּיניעלען נאָך אַ תּיקון. פּיניעלע האָט אָנגעטאָן אַן אויסגע־קראָכן שטריימל און אַ יאַרמולקע, אַרומגעגאַרטלט די לענדן מיט אַ גאַרטל און געפֿרעגט די זינדיקע נשמה וואָסערע עבֿרות זי האָט געטאָן ביים לעבן. דער גלגול האָט געענטפֿערט מיט אַ וויינענדיק קול:

— וואָס, רבי, האָב איך נישט געטאָן?...

— חזיר האָסטו געגעסן? — האָט פּיניעלע געפֿרעגט.

— וואָ׳דען? כ׳האָב געלייגט אונטערן אויער?

— האָסטו געהאַט עסקים מיט ווייבער?

— וואָ׳דען, מיט מאַנסלייט?

— ווי האָסטו דיך אויפֿגעפֿירט יום־כּיפּור?

— פֿריער האָב איך פֿאַרפֿאַסט מיט אַ שטיקל בשר־קוויטש און פֿאַר־טרונקען מיט יין־נסך, דערנאָך בין איך אַוועקגעפֿאָרן צו אַ היימישער גויע.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

— אַז דער מאַן איז אַוועק, האָב איך אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און מיט איר געלערנט אַ פּרק משניות.

— וואָס פֿאַר אַ סדר?

— נשים.

— וואָס פֿאַר אַ גמרא?

— סוטה.

— וואָס פֿאַר אַ פּרק?
— נערה שנתפּתּתה.
— עם־הארץ! נערה שנתפּתּתה איז אין כּתובות.
— זייט ניש׳ קאַ׳ יאָלד, כּעלמער רב; וואו מ׳קאָן קריגן אַ נערה שנתפּתּתה ווייס איך בעסער פֿון אייך!

די פֿרויען האָבן נישט פֿאַרשטאַנען די לומדישע גלייכווערטלעך, נאָר אַז זיי האָבן געזען ווי די מאַנסלייט קייכן פֿון געלעכטער און שטויסן זיך אין די זייטן, האָבן זיי אויך גענומען קוויטשען. יואלס פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן איינציקן כאָך און דער גראָבער ציגאַר איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון מויל. נת׳לע האָט גענומען אויסטייטשן סאַלטשען. די דיקע מאַן־און־ווייב האָבן זיך אָנגענומען ביי די פֿעטע הענטלעך און זיך געקייקלט איינער אַקעגן אַנדערן ווי אין אַ פֿעסלדיקן טאַנץ. דאָכע, די רבנישע טאָכטער, וואָס האָט געקאָנט די קליינע אותיות, האָט בייזלעך געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. חמא האָט האַלב־געלאַכט, האַלב זיך געקרימט. זי האָט חושד געווען, אַז די אַלע וויצן זיינען ערגעץ־וואו אויף איר חשבון. לאה האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פֿול גלאָז ביר, אַריינגעטאָן אַ פּאָר טראָפּנס בראָנפֿן און געטרונקען ווי אַ מאַנסביל. זי האָט פֿאַררוקט דאָס געקאָרבטע שייטל, אַז מ׳האָט אַרויסגעזען די אייגענע האָר, אונטערגעהויבן דאָס קלייד, אַז ס׳האָבן אַרויסגעקוקט די שפּיצן פֿון דער האַלקע, און זיך געלאָזט טאַנצן אַ קאָזאַק. זי האָט פֿלינק געטופּעט מיט די ברייטע קלעצלעך און געזונגען אַ פּוילישן הוידאַ־דאַנאַ. אַבֿרהם האָט אויסגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע און איר אַקעגנגעטאַנצט אין די ווייסע אַרבל. אַלע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט. אסתּר מלכּה, יואלס ווייב, פֿלעגט אַלע מאָל טענהן דאָס אייגענע:

— דער מלאך האָט געהאַט אַ טעות. אַבֿרהם האָט געדאַרפֿט נעמען לאהן און ר׳ משה גבֿריאל — חמאן.

פֿיניעלע, וואָס מ׳האָט געקרוינט פֿאַר פּורים־רבֿ, האָט געזאָגט אַ צעדרייט פּשטל. ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז מרדכי איז געווען אַ ראַדזינער חסיד, אַ סימן, אַז ר׳האָט געטראָגן תּכלת; המן און זיינע זין זיינען געווען בינונים, וואָס וועגן זיי שטייט: תּלויים ועומדים עד י׳; זרש איז געווען אַ שפּאָן די גרויס, ווי ס׳זאָגט עדות איר נאָמען, און אסתּר איז געווען גרין, ווייל זי האָט געפֿאַסט תּענית־אסתּר. פֿיניעלע האָט געפֿרעגט די קשיא: פֿאַרוואָס האָט ויזתא אַ לאַנגע „וואָוו" און חור — אַ גרויסע „חית"? ער האָט עס פֿאַרענטפֿערט מיט אַ גמרא פּסחים און אַ תּוספֿות אין ביצה. דער פּלפּול האָט געהאַט אַנצוהערענישן אויף ניבול־פּה, אָבער דאָס האָבן פֿאַרשטאַנען בלויז די זכרים. די נקבֿות האָבן געלאַכט פֿון פֿיניעלעס האָוואַיעס, פֿון דעם דינעם קולכל זיינעם, דאָס אויסגע־קראָכענע שטריימל, וואָס איז אים געפֿאַלן איבערן שטערן, פֿון דער צו־לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס ער האָט גענומען ביי אַבֿראַמען, און פֿון דער געבלימלטער פֿאַטשיילע, וואָס האָט אים אַרויסגעשטאַרצט פֿון קעשענע. שפּעט ביינאַכט האָט ניוניע געמאַכט אַ שמחת־תּורהדיקן קידוש, אַ גרייזיקער געמיש פֿון פּסוקים, און מ׳האָט פֿונסניי געגעסן אַ סעודה מיט קוכן, מעד, קאַלט פֿלייש

מיט כריין, פֿאַנקוכן מיט קישקעלעך. דערנאָך איז דאָס געזעמל אַוועק אַהיים מיט געשרייען און געזאַנגען. מ׳האָט אָנגעקלאַפּט ביי די שכנים און אויפֿגעוועקט קינדער. אין טויער האָט נת׳לע געזונגען שושנת יעקב און געפּרואווט טאַנצן מיטן סטרוזש. איינמאָל פּורים האָט געטראָפֿן, אַז ניוניע איז אַרויס אויף אַבראַמס באַלקאָן און אויסגעגאָסן אין גאַס אַ ביטל ביר. ס׳איז גראָד פֿאַרביי אַ סטראַזשניק און ער האָט אים איינגעריכט דאָס היטל. דער ערל איז אַרויפֿגעקומען און האָט געוואָלט מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. מ׳האָט אים געמוזט געבן אין יד אַריין. מ׳האָט שיער נישט אַוועקגעפֿירט די כאַליאַסטרע אין צירקל...

היי־יאָר איז קיינער צו אַבראַמען נישט געקומען. חמא איז געהאַט אַוועק פֿון דער היים, און מ׳האָט נישט געפֿירט קיין באַלעבאַטישקייט. ר׳ משולם איז געווען געליימט. הדסה איז געלעגן קראַנק. אַ גאַנצן פּורימדיקן טאָג איז אַבראַם געשלאָפֿן. פֿאַרנאַכט האָט ער געקויפֿט אַ פֿלאַש וויין, אַ בינטל בלומען און איז אַוועק צו אידאַן. אידאַ, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ חסידיש־נגידיש הויז, איז אַליין אויך געווען געוואוינט צו לוסטיקע פּורימס. די ברידער אירע פֿלעגן אָפּשפּילן פֿאַרן טאַטן אַ מכירת־יוסף שפּיל. זי, אידאַ, איז געווען זליכה, פּוטיפֿרס ווייב. זי האָט אָנגעכאַפּט איר יינגערן ברודער — יוספֿן — ביים אַרבל, און געזונגען:

קום, יוסף דו שיינער, קנעכט דו מיינער,
און טו מיין ווילן די מינוט.
פּוטיפֿר איז אַוועק. ס׳זעט ניש׳ קיינער.
ס׳עט אונדז זיין וואויל און גוט.

און יוסף האָט געענטפֿערט:

האַרין דו מיינע, גאָט זעט אַלץ,
וואָס יעדער טוט, יונג צי אַלט.
לאָז־אָפּ מיין קלייד. איך מוז שוין גיין.
עס שוועבט פֿאַר מיר דעם טאַטנס געשטאַלט...

איצט איז אידאַ געבליבן פּורים ביינאַכט אַליין. זאָשע איז געהאַט אַוועק צו אַ חברטע. אידאַ איז געזעסן אויף דער וויג־שטול און אַריינגעקוקט אין אַ פּויליש ביכל. אַבראַם האָט געעפֿנט די דרויסנדיקע טיר מיט אַ שליסל און איז אַריינגעקומען. אידאַ האָט אַפֿילו נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון ראָמאַן.

— אַ גוטן פּורים דיר! — האָט אַבראַם זיך געמאַכט קוראַזש. — וואָס זיצסטו אבל וחפוי ראש? ס׳איז יום־טוב!...

— אַז אָך־און־ווי צו אונדזערע ימים־טובים — האָט אידאַ געענטפֿערט.

מ׳האָט געגעסן צוזאַמען אַ וואָכעדיק מאָלצייט פֿון ברויט מיט אויפֿשניט און זיך געווערטלט. אידאַ האָט געהאַט טענות הלמאי אַבראַם צאָלט נישט די צוואַנציק רובל אַ וואָך, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט; אים פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער האָט זיך פֿאַרלאָזט צו לאַנגע האָר; אַז דער אָנצוג זיינער איז פֿול מיט פֿלעקן און אַש, און אַז די באָרד זעט שוין אויס ווי ביי אַ מלמד. אַבראַם איז געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטער. ער האָט געענטפֿערט, אַז אויב ס׳געפֿעלט איר נישט, קאָן זי צוריק חתונה האָבן מיט דעם געוועזענעם מאַן אירן, דעם לאַפּאַצאַן, לעאָן פּראַגער. ער האָט געטענהט, אַז ער האָט אַלץ און אַלעמען טיף טייער

אין דער אדמה. ווי אַלעמאָל, האָט מען זיך איבערגעבעטן אין שלאָף־צימער. מ׳האָט זיך געקושט און געזאָגט סודות אין אויער. אַבראַם האָט געשוואוירן, אַז ווי נאָר ער קריגט אַרויס אַ גט פֿון חמאן, האָט ער חתונה מיט איר, אידאַן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט און פּראַוועןדעם האָניג־חודש אויף דער ריוויערע. ער וועט אויך אויספּרואוון דאָס מזל אין מאָנטע־קאַרלאָ. ווער ווייסט? אפֿשר וועט ער געווינען אַ פֿאַרמעגן?... אידאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ׳בין שוין גרוי און אַלט פֿון דיינע צוזאָגענישן...

— שווייג, יידענע! מיר׳ן אַ הוליע־טאָן פֿאַר אַלע צייטן. ס׳עט אַ רוח אין דער וועלטס גנבהשן טאַטן!

אין די ניין יאָר זינט אידאַ איז זיך צעגאַנגען מיט איר מאַן, לעאָן פּראַגער, האָבן אַבראַם און אידאַ שוין עטלעכע מאָל געהאַט זיך פֿונאַנדערגעשיידט. די קרובים אירע האָבן זי געוואָרנט, אַז אַבראַם, דער שאַרלאַטאַן, וועט זי שלעפּן אָן אַ סוף און אַז זי מוז דאָס פֿאַרליבעניש זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ. לעאָן פּראַגער האָט קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו האָפֿן, אַז אַבראַם, דער הולטאַי, וועט אידאַן אַוועקוואַרפֿן און דאָס געוועזענע ווייב, די מאַמע פֿון זיין טאָכטער, וועט זיך צו אים אומקערן. פּעפּי, דאָס טעכטערל, וואָס איז אַלט געווען דריי יאָר ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך געגט, האָט זיך אַרומגעוואַלגערט. דאָ איז זי געווען ביים טאַטן אין לאָדזש און דאָ ביי דער מאַמען; דאָ האָט מען זי אַוועק־געפֿירט צו דער באָבע קיין וולאָצלאַוועק און דאָ האָט מען זי אַריינגעגעבן אין אַ פּענסיאָן אין דרוסקעניק. אידאַ אַליין האָט זיך אַלע פּאָר יאָר אַרויסגעצויגן פֿון וואַרשע, געשריבן אַבראַמען לאַנגע גזעגענונג־בריוו, אים באַשוואוירן, ער זאָל זי לאָזן צורו. אָבער דאָס פּאָרל האָט זיך יעדעס מאָל פֿונסניי אויסגע־פֿונען. אַבראַם האָט געשיקט אידאַן עקספּרעס־בריוו, טעלעגראַמעס, איז איר נאָכגעפֿאָרן אין די היימישע קור־ערטער. אידאַ איז געגאַנגען צו פּסיכיאַטרען און טרעפֿערס, זיך געקלאָגט, אַז אַבראַם האָט זי היפּנאָטיזירט. נישט זיי האָבן געקאָנט בלייבן צוזאַמען, נישט זיך שיידן. וויפֿל מאָל אַבראַם איז אַוועק פֿון חמאן, האָט ער אָנגעהויבן בענקען נאָך די טעכטער, דער משפּחה, נאָך ר׳ משולמס הייזער, וואו ער איז געווען אַדמיניסטראַטאָר, און ער האָט זיך אומ־געקערט צום ווייב. ווען אידאַ האָט אים פֿאַרלאָזט, האָט ער זיך אומגעדרייט אַ צערודערטער, באַקומען האַרץ־קלאַפּעניש, קאָפּ־ווייטאָגן, קראַמפֿן אין מאָגן און ער האָט געקלאַפּט צו איר דעפּעשן, זי זאָל קומען אים ראַטעווען פֿון אונטער־גאַנג. ווען־נאָר ס׳איז אויסגעקומען אין דער פֿאַמיליע צו רעדן וועגן אַבראַמען און אידאַן, פֿלעגט מען אַלעמאָל זאָגן דאָס אייגענע:

— שקר מיט שלים־מזל... טריף בלוט!...

ר׳ משולם, וואָס האָט ליב געהאַט אַ שאַרף ווערטל, האָט פֿאַרגליכן דאָס דאָזיקע פּאָרל צו אַ הונט מיט אַ צויג, וואָס ווילן זיך אָפּטשעפּן, נאָר קאָנען נישט... דאַכע, וואָס האָט אַלעמאָל פֿאַרענטפֿערט אַבראַמען און זיינע געגנגלעך, פֿלעגט טענהן:

— וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? זיי האָבן זיך פֿאָרט ליב. גאָט שריי חי וקים!...

## 3

נאָך לאַנגע שעהן ליבעניש און קושעניש, האָט אַבראַם זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער מיטן היי־קישעלע און מיטן פּלעד אָנשטאָט אַ קאָלדרע. ער איז געווען מיד פֿון די מאַנסבילשע גבורות, נאָר ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפֿן ביז פֿאַרטאָג. דאָס האַרץ האָט אים געזעצט. אין די שלייפֿן האָט געהאַמערט. דער בויך איז געוואָרן אויפֿגעבלאָזן. ער האָט סיי געטראַכט וועגן טויט, סיי פֿאַנטאַזירט וועגן אַ גרויסער לעצטער ליבע, מיט אַ יונג מיידל, אַ יפֿת־תואר. זאָשע איז געהאַט אַהיימגעקומען און זיך געלייגט אין קיך. אָבער אין מיטן דער נאַכט איז זי אַראָפּ פֿון געלעגער און זיך געדרייט אַ באָרוועסע אין דער גרויסער שטוב. אַבראַמען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט אין דער פֿינסטער געטרונקען וויין פֿון דער פֿלאַש. זי האָט שטיל אונטערגעהוסט, געמורמלט, געקראָכן הינטער דער טיר, אַ שטייגער ווי זי וואָלט אים געגעבן צייכנס. אידאַ האָט געשנאָרכט. אינדרויסן האָט געבילט אַ הונט. אַ קינד האָט געוויינט. פֿון די וואָקזאַלן האָט זיך אַהערגעריסן דאָס פֿייפֿעניש פֿון לאָקאָמאָטיוון און דאָס רייבן פֿון רעדער אויף רעלסן. אַבראַם האָט זיך אויפֿגעזעצט און אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט געטראַכט, אַז זאָשע איז אַ געזונט שטיק, אַ געשמדטער האַלדז, ווערט אַן עבירה, נאָר זי איז פֿאָרט נישט די יעניקע, וואָס נאָך איר גאַרט ער אַלע יאָרן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס, נאָר ער איז געווען זיכער, אַז דער גורל וועט אים צושיקן נאָך איין גרויסע ליבע איידער ער שטאַרבט. ער האָט גענומען רופֿן אין געדאַנק די דאָזיקע אומבאַקאַנטע, די באַשערטע פֿון הימל... זאָשע איז מיט איינמאָל געוואָרן אַנטשוויגן, ווי זי וואָלט מיט אַ סודותדיקן חוש געאָנט זיין רוף. אידאַ האָט זיך איבערגעוועקט.

— אַבראַם, דו שלאָפֿסט ניש׳? — האָט זי געפֿרעגט מיט חשד. — וואָס איז דיר?

— זאָרג ניש׳, טייערע, דער רוח ט׳מיך נישט נעמען!

ער איז אַנטדרימלט געוואָרן, ווען ס׳האָט שוין אַריינגעקוקט דער גרויער טאָג. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט דער זייגער געקלונגען צוועלף. דורכן פֿענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ זומערדיקער פֿרימאָרגן. עמעץ האָט, אַפּנים, אַקעגנאיבער זיך געשפּילט מיט אַ שפּיגעלע, ווייל אַ זוניקער פֿלעק האָט געהיפּערט איבער די ווענט, זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַבראַמס פּנים. ס׳האָט אים אַזש אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. אַבראַם האָט זיך אויפֿגעזעצט, אויפֿגעהויבן די אָרעמס, צונויפֿגעצויגן צוויי מעכטיקע מוסקולן, ווי אַן אַטלעט, אַ קוק געטאָן אויף דער ברייטער ברוסט, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט האָר, און אַ רוף געטאָן:

— עך, טי, רבונו של עולם, ס׳איז שושן־פּורים!...

גלייך זאָשע וואָלט בלויז געוואַרט אויף דעם דאָזיקן צייכן, האָט זי זיך באַוויזן ביי דער שוועל, אין אַ טשעפּיק אויפֿן קאָפּ, אין אַ קורץ פֿאַרטוכל און אין רויטע שטעק־שיכלעך אויף די באָרוועסע פֿיס.

— דער פּאַן איז שוין אויפֿגעשטאַנען? לאַנג צייט! ס׳איז שוין באַלד פֿאַרנאַכט.

— ווי שפּעט איז? וואו איז ערגעץ דיין באַלעבאָסטע?

— דער זייגער ווייזט צוועלף און די פּאַני איז אַראָפּ אין מאַרק איינקויפֿן. וואָס וויל דער כראַביע אויף אָנבייסן?

— ווען מיר דערלאַנגען אין בעט אַריין?

— וואָס וועל איך ניט טאָן פֿאַר מיין האַר און געביטער?

— נו, אויב אַזוי, קום אַהער!

זי איז צוגעקומען און אים אַ ריס געטאָן ביי דער באָרד. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי איז אָפּגעשפּרונגען. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אויפֿן קאָרק, ביז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד סאָפֿע. אַבראַם האָט זי צוגעצויגן צו זיך און געקושט. זי האָט געגלעט זיינע קודלעס און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין.

— דער פּאַן האָט אַזוינע שוואַרצע שליפֿיעס! דער פּאַן זעט אויס ווי אַן אַנטיקריסט. ס׳פֿעלן בלויז די הערנער.

— אַ מלאך און אַ טייוול זיינען אַ גוט פּאָר.

— כ׳בין אַליין אויך אַ מכשפֿה. איך רייט יעדן שבת אויף אַ בעזים.

— אויב אַזוי, זיינען מיר דאָך אָנגעמאָסטן!

זאָשע האָט זיך פֿלינק אַרויסגעריסן.

— כ׳האָב געמיינט, דער פּאַן וועט מיר ברענגען שאַלאַכמאָנעס.

— זע נאָר! זי ווייסט אַלע סודות. כ׳על ברענגען. מיין הייליק וואָרט!

זאָשע האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מ׳האָט געקלונגען אין דער טיר. אַ פּראָווינצער ייד, אַן אייער־הענדלער, האָט געבראַכט פּוטער, קעז, אייער און אַן עוף פֿאַר אַ צולאָג. ס׳האָט זיך דערהערט פֿון קיך אַ קוואַקעניש. אַבראַם האָט זיך גענומען גיך אָנטאָן. מ׳האָט זיך געדאַרפֿט היטן פֿאַר דעם מילכיקן, ווייל ער איז געווען אַן איינגייער ביי די שכנים. זאָשע האָט פֿאַרקלאַפּט די טיר פֿון קיך און אַבראַם איז שטילערהייט אַוועק. אויף די טרעפּ האָט אַבראַם ביי זיך אָפּגעפּאַסט דאָס מאָל נישט צו נעמען קיין דראָשקע, נאָר אַ טראַמוויי. ער האָט געהאַט אין טייסטער נישט מער ווי דריי רובל מיט עטלעכע גראָשן. ער האָט מער נישט געוואוסט וואו צו באָרגן. אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון טויער, האָט זיך צוגעקייקלט אַ דראָשקע. די פֿורמאַנעס אין פּראַגע האָבן אים, אָפּנים, שוין געקאָנט. אַבראַמס לינקער פֿוס האָט גלייך אַרויפֿגעטראָטן אויפֿן טרעפּל. אַבראַם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן געבעטן געזעס, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן ווענטל און זיך געהייסן פֿירן אַהיים, אויף דער זלאָטע. ער האָט פֿאַררויכערט אַ ציגאַר און געבלאָזן קנוילן בלויען רויך. די זון האָט געשיינט ווי נאָך פּסח. די רינשטאָקן זיינען געווען פֿאַרפּלייצט מיט לויפֿנדיקע וואַסערן. אין די טריבע וועלן האָט זיך געשפּיגלט אַ בלויער פֿרילינגדיקער הימל מיט ווייסע צעריסענע וואָלקנדלעך. פֿון פּראַגער וועלדל האָט געבלאָזן אַ לינד ווינטל. דאָס פֿערדל איז געלאָפֿן, געשאָקלט מיט די זייטן, געמיסטיקט. טויבן האָבן געפּיקט קערנדלעך צווישן די שטיינער. דאָס איז אויף דער ווייסל

האָט שוין געהאַט געלאָזט. עס זיינען נאָך, אָבער, געלאָפֿן קריעס. זיי האָבן געקלעטערט איינע אויף דער אַנדערער, זיך געדרייט אין אַ געווירבל, זיך געשפּאָלטן און זיך געגליטשט ווייטער מיטן גרין־געלבלעכן שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון קראָקע קיין דאַנציק. ווען מ׳האָט געקוקט אויף די אייזיקע סטאַדעס, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט זיי ציען זיך אַוועק אין די וויטעניש, נאָר די בריק פֿאָרט מיט איר גאַנצער שווערקייט אין חלל... נאָך זומערדיקער האָט אויסגעזען דער וואַרשעווער ברעג. דער קעניג זיגמונד איז געשטאַנען אויפֿן הויכן זייל אַ צעכראַסטעטער און געפֿאָכעט מיט דער בראָנזענער שווערד. די וואַסער־מענטשן, האַלב־פֿרוי האַלב־פֿיש, האָבן דורשטיקע געטרונקען פֿון די ליידיקע בעכערס. די דאַכעווקעס פֿון די קרומע דעכער זיינען איבערן ווינטער ווידער געוואָרן רויט. די שורות פֿענסטער האָבן געבליצט מיט גינגאָלד און געאײַלט אויף צוריק. די ווייסלעכע רויכעס, וואָס האָבן זיך געשרויפֿט פֿון די קוימענס, האָבן אַבראַמען דערמאָנט אָן געצנדינערישע מזבחות. פֿאַרן שלאָס האָבן זיך אויסגעשטעלט ברייטע שורות סאָלדאַטן, פֿוס־גייער און קאַוואַלעריע. פֿאַראויס האָט זיך געלאָזט מאַרשירן אַן אָרקעסטער. די מוזיק האָט געשאַלט. שטיוול האָבן געטופּעט. שפּאָרן האָבן געקלונגען. די רייט־פֿערד האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס אין די שטיינער. אָפֿיצירן און פֿעלדפֿעבלען האָבן אויסגעשריגן די באַפֿעלן מיט רייסנדיקע קולות. צווישן דעם המון, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן, האָט זיך דורכגעריסן אַ קאַטוילישע לוויה. אַבראַם האָט נישט ליב געהאַט די עבודה־זרה, פֿונדעסטוועגן האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש פֿאַר דעם טויטן, צוגלייך מיט די קריסטן.

— זיך אויסגעקליבן אַ צייט! — האָט ער אַ מורמל געטאָן. — ווען אַלץ שטייט־אויף תּחית־המתים...

אויף דער זלאָטע, ביי אַבראַמס טויער, האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. אַבראַם האָט געוואָלט אַריינגיין אין אַ קאַפֿע־הייזל און עפּעס איבערבייסן, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ לאָקאַטאָר האָט אים נעכטן געשיקט שלח־מנות אַ צוקער־לעקעך, און ער האָט זיך געלאָזט אַרויפֿגיין מיט די טרעפּ. אין שטוב איז געווען אַ באַשטאַנד. אויפֿן דיל האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירן, צייטונגען, מלבושים, וועש. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ טאָפּ און ס׳איז געלעגן סטעפּעס אַ זאָק. אַבראַם איז אַריין אין שלאָף־שטוב און זיך אָנגעלענט אויפֿן בעט. נאָך אַזאַ נאַכט פֿלעגט קומען אַ טאָג פֿון שלעפֿעריקייט און קאַצניאַמער. ער איז געלעגן שעהן־לאַנג אַ פֿאַרשמאַכטער, באַנומען, ווי אַ חולה־נופֿל.

אַבראַם האָט אָנגעהויבן איינדרימלען. ס׳האָט זיך אים געגומען עפּעס חלומען. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט, אַז עמעץ שליסט־אויף די דרויסנדיקע טיר. אַוודאי סטעפֿע, האָט ער געטראַכט. ס׳זיינען אָבער נישט געווען סטעפֿעס טריט. אַבראַם האָט זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט. אין דער רגע האָט זיך אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון שלאָף־שטוב און אַבראַם האָט דערזען זיין ווייב, חמאַן. ער האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן. איר פּנים איז געווען גרין. אונטער די אויגן זיינען געשטאַנען טאָרבעלעך. פֿון צעשויבערטן שייטל האָט נאָכגעהאָנגען אַ האָרנאָדל. אויף איין באַק איז געשטאַנען אַ פֿלעק, ווי פֿון אַ פּאַטש. משוגע געוואָרן,

מיינע שונאים? — האָט אַבראַם אַ קלער געטאָן. חמא האָט, אַפּנים, געוואָלט עפּעס זאָגן. די באַהאָרטע ליפּן האָבן גענומען ציטערן און זיך שאָקלען. פּלוצים האָט זי אַ כאָרכל געטאָן:

— אַבראַם, דער טאַטע איז געשטאָרבן!

— ווען? ווי אַזוי?

— היינט אין דער פרי. ר׳איז איינגעשלאָפן ווי אַ הינדעלע.

און זי האָט זיך צעוויינט מיט אַ יאָמערלעך קול. דאָס געוויין האָט געטאָן אַ פלייץ־אַרויס מיט איין מאָל, ווי זי וואָלט עס די גאַנצע צייט קוים איינגעהאַלטן אין דער קעל. זי האָט זיך געטאָן אַ בויג ווי צום פאַלן. אַבראַם איז אויפגעשפּרונגען און זי אָנגענומען ביים אַקסל.

— נו, הער־אויף. ר׳איז געווען אַן אַלטער ייד.

— פאַר מיר איז ער געווען דער טאַטע! — איז חמא זיך פאַרגאַנגען אין אַ יללה. — אוי וויי איז מיר! וואָס וועל יאַך איצט טאָן? כ׳בין איינע אַליין! עלנד ווי אַ שטיין!

— חמא־לעבן, באַרואיק דיך. זעץ דיך אַנידער!

— וואָס ט׳מיר העלפן ס׳זיצן? עלעהיי וואָלט יאַך געלעגן צוזאַמען מיט עים!...

אַבראַם האָט איר אונטערגערוקט אַ שטול און זי האָט לאַנג געשלוכצט. אַבראַם האָט זיך געלאָזט שפּאַנען אַהין און צוריק.

— יאָ־יאָ, דאָס איז דער סוף! — האָט ער געזאָגט. — קיין זאַך איז נישט אייביק!

חמא האָט גענומען שנייצן די נאָז.

— האָסט דיך מיט עים אַרומגעקריגט. איצט ליגט ער מיט די פיס צו דער טיר!

— כ׳בין אים, חלילה, ניש׳ געווען קאַ׳ שונא.

— וואו גייט מען און וואו שטייט מען? כ׳בלייב אויפן וואַסער!

— נאַרישע יידענע, ווערסט אַ גבירטע. ס׳טקריגן צוויי הייזער און אַ פאָר מאָל הונדערט טויזנט פאַר אַ צולאָג.

— יאַך וויל גאָרניש׳ קריגן. הלוואי וואָלט יאַך געווען אין זיין הייט!

— וואָס פלוידערסטו? דאַרפסט חתונה מאַכן טעכטער!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? ערגער ווי אַ הונט!

און חמא האָט פונסניי זיך צעכליפּעט. זי האָט זיך געגעבען אַ ריס־אויף פון דער שטול.

— אַבראַם האָסט מיך גענוג פאַרשעמט! — האָט זי געטאָן אַ געשריי מיט אַ גרילציק קול. — זאָל שוין נעמען אַ סוף!...

און זי האָט געמאַכט אַ שפּרייז, ווי זיך אים אַ וואָרף צו טאָן אויפן האַלדז. אַזוי פלעגן אַמאָל וויבער אַריינפאַלן ערב־יום־כיפור בעטן מחילה. אַבראַם איז אָפּגעטרעטן אויף הינטערווייליעכץ. ער איז געוואָרן ווייס.

— כ׳וויס ניש׳ וואָס דו ווילסט...

— אַבראַם טייערער, כ׳קאָן מער ניש׳ אַזוי! בעסער דערהרגע מיך!...

— כ'פֿאַרשטיי ניש' — —

— אַבראַם! שלאָג, פּייניק, רייס־שטיקער, נאָר לאָז מיך ניש' אַליין! — האָט חמא געהוילט און אויסגעשטרעקט צוויי הענט, ווי צום איינרייסן. — האָב רחמנות!...

חמא האָט איצט נישט געוויינט, נאָר געספּאַזמירט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געהויל און זיך פֿאַרקייכט. מיט איינמאָל איז געשען אַ ווילדע זאַך. חמא האָט זיך געטאָן אַ וואָרף־אַנידער און אָנגעכאַפּט אַבראַמען ביי די פֿיס. ס'האָט געטאָן אַ הוילן קלאַפּ. חמאס ביינִיקע פֿינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע קנעכלען אַזוי שנעל און מיט אַזאַ כּוח, אַז ער איז שיער נישט אומגעפֿאַלן.

— געוואַלד, חמא, וואָס טוסטו?

— אַבראַם, לאָמיר ווערן שלום! — האָט זי געקלאָגט. — כ'קאָן דאָס מער ניש' אויסהאַלטן!...

— שטיי־אויף!

— זאָל ווידער זיין אַ שטוב! זאָלן די קינדער ווידער האָבן אַ טאַטן!...

אַבראַמען איז הייס געוואָרן אין פּנים. ס'זיינען אים אָנגעלאָפֿן די טרערן.

— נו, זאָל זיין אַזוי...

— וועסט זיין אויף דער לוויה?

— יאָ, הויב דיך אויף.

— אוי, אַבראַם, כ'האָ' דיך ליב!...

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זי אויפֿגעהויבן. זי האָט זיך אַן אוממעכטיקע אָנגעהאָנגען אָן אים און אַרומגענומען זיין נאַקן. פֿון אירע אויגן האָט געקאַפּעט אויף זיין באָרד. אַן אומגעזונטע וואַרעמקייט האָט פֿון איר געשלאָגן, ווי פֿון אַ הון. זי האָט געשמעקט מיט בעטגעוואַנט און קימל. ווי אויסטערליש, נאָר אַבראַמען האָט אין דער מינוט אָנגענומען אַ לאַנג־פֿאַרגעסענער באַגער צו דער דאָזיקער צעבראָכענער יידענע, די מאַמע פֿון זיינע טעכטער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זי געקושט אין געקנייטשטן שטערן, אין די איינגעפֿאַלענע באַקן, אין באַבערדלטן געמבעלע. זי האָט אים צוריקגעקושט מיט די ראַציקע ליפּן און זיין פּנים איז געוואָרן נאַס. זאָל דאָס זיין מיין לעצטע ליבע? — איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן מוח. עס איז אים מיט איינמאָל געוואָרן קלאָר, אַז וואָס־וואָס, נאָר וועגן גטן זיך מיט חמאן קאָן נישט זיין קיין רייד. זיי מוזן שוין אָפּלעבן די יאָרן צוזאַמען. בפֿרט נאָך, אַז דער שווער איז טויט און ס'איז אויסגעפֿאַלן אויף איר חלק אַ גרויסע ירושה.

## 4

עס איז אַ מנהג מ'זאָל, ווי ווייט מעגלעך, נישט לאָזן לאַנג איבערנעכטיקן אַ טויטן, נאָר אים ברענגען צו קבורה דעם אייגענעם טאָג. אָבער ר' משולמס לוויה איז געווען ערשט אויף איבערמאָרגן.

ערשטנס האָבן קהל־לייט געפּרואווט בטל־מאַכן די שטר־מכירה, וואָס לויט אים האָט ר' משולם באַצאָלט צוויי טויזנט רו"כ פֿאַר אַ קרקע אין דער

פֿאַדערשטער אַלייע, נעבן דעם צווייטן ווייבס קבר. די טוער אין קהל־שטיבל האָבן געטענהט, אַז ר׳ משולם האָט אויסגענאַרט דאָס אָרט פֿאַר אַ שיבוש, און — טעות לעולם חוזר. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, די יורשים זאָלן באַצאָלן צען טויזנט רובל.

ר׳ משולמס עלטסטער זון, יואל, איז אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט געסטראַשעט מיט געריכט, פּאָליציי, קרימינאַל. נאָר די עסקנים האָבן זיך אויסגעלאַכט.

— אַדרבא, זאָל ער מסרן — האָבן זיי געטענהט. — אויב אים איז ליב, איז אונדז ניחא.

נאָך לאַנגע געשרייען און קריגערייען איז געקומען צו אַן אויסגלייך. ר׳ משולמס קינדער האָבן געדאַרפֿט צוצאָלן נאָך דריי טויזנט קאַרבוינעס. די אַמ־פּערנישן האָבן געדויערט איבער אַ מעת־לעת. אין אַלע וואַרשעווער בתּי־מדרשים און שטיבלעך האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם מחלוקת. פֿאַר דער גמינע איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אַן עולם. אַלעמאָל איז צוגעפֿאָרן אַ דראָשקע און ס׳איז אויסגעזעסן אַ דאָזאָר, אָדער גלאַט אַ חשובער עטאַט־צאָלער. יידן האָבן געהויבן די אַקסלען.

— כ׳לעבן, ס׳לוינט זיך צו זיין אַ גביר — האָבן זיי גערעדט מיט חוזק. — נישטאָ וואָס צו רעדן!

— יאָך האַלט, פֿאַרקויפֿט איז פֿאַרקויפֿט! — האָט געטענהט אַ געל יידל, אַ שטיקל טוער אין דער חסד של אמת.

— ביי קהל כאַפּט מען ניש׳ קאַ׳ מציאות! — האָט אָפּגעענטפֿערט אַ שוואַר־צע יידענע מיט אַ צעשויבערט שייטל.

— וויי, געוואַלד, בזיון המת! — האָט זיך געקרימט אַן אַלטער ייד מיט איין בלינד אויג. — מעשה סדום!

אַז מ׳איז שוין פֿאַרטיק געוואָרן מיט קהל און מ׳האָט שוין געהאַלטן ביי מאַכן די לוויה, איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פֿון ביאַלאָדרעווגער רבין, אַז ער פֿאָרט אַרויס מיט דער באַן און מ׳זאָל וואַרטן אויף אים מיט דער קבורה. אין דער בהלה האָבן ר׳ משולמס קינדער פֿאַרגעסן צו־וויסן־צו־טאָן דעם רבין פֿון דעם פֿאָטערס פּטירה. דאָס האָט ווידער געבראַכט צו אַן אָפּהאַלט.

אין די קנאַפּע דריי טעג, וואָס דער מת איז געלעגן אין שטוב, איז ר׳ משולמס דירה געוואָרן ווי הפֿקר. נעמי און מאַניע האָבן געפּרואווט נישט אַריינ־לאָזן קיין פֿרעמדע לייט, נאָר מ׳האָט ממש אויפֿגעריסן די טיר. אויף די טרעפּ איז געווען אַ גייערײַ. ר׳ משולם איז געלעגן אין דער סאַלע אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך, די פֿיס אונטערגעבעט מיט עטלעכע שטרוי. צוקאָפּנס האָבן געברענט צוויי ליכט אין זילבערנע לייכטער. דער שפּיגל איז געווען פֿאַרהאָנגען, די פֿענסטער — האַלב־אָפֿן. וועכטער פֿון דער חברה „שומרי המת" זיינען געזעסן אויף קליינע בענקעלעך און געזאָגט תּהלים. די דינסטן האָבן געמוזט צוגרייטן פֿאַר די אומגעבעטענע געסט עסן אין קיך. אַלע יענע, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט מיט ר׳ משולמען אַ סכסוך, אָדער גערעדט אויף אים בייזע רייד, זיינען געקומען בעטן מחילה. אונטער דער שוואַרצער צודעק האָט דער

קאָפּ פֿון נפֿטר אויסגעזען קליין, ווי ביי אַ קינד. די פּיס זיינען געווען אויסגעשפּיצט. דער גוף איז ווי איינגעשרומפּן. רויזע־פֿרומעטל איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרווייגטע. זי האָט אויסגעטאָן דאָס פּעלענע שייטל און אַרומגעבונדן דעם געגאָלטן שאַרבן מיט אַ פֿאַטשיילע. פֿון נישט־דערשלאָפֿן און נישט־דערעסן איז איר פּנים געוואָרן געל און געררונצלט. איידל איז געזעסן אָן אָפּגעשלאָסענע אין איר שטיבל. ר׳ משולמס זין, די שנורן, די דערוואַקסענע אייניקלעך, האָבן געהאַלטן אין איין גיין און קומען. די קאַסע האָט מען שוין איצט געהאַט פֿאַרחתמעט. די משפּחה־לייט האָבן געפּרואווט אַכטונג געבן ס׳זאָל נישט געשען קיין גנבה, נאָר ס׳איז געווען אַזאַ אַנגעלויף, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערהיטן.

— זעטץ נאָר די גראַטשקע — האָט נעמי געטענהט. — מ׳קאָן מיינען, מ׳האָט נאָך זיי געשיקט!...

— מ׳עט נישט קאָנען דעררוימען נאָך דעם געזינדל — האָט מאַניע נביאות געזאָגט. — אַזוינע האָלידריגעס!

אַז ס׳האָט זיך דערטראָגן די שמועה, אַז דער ביאַלאָדרעוונער רבי איז שוין דאָ און ס׳עט באַלד זיין די לוויה, איז דער גזשיבאָוו געוואָרן שוואַרץ. דער המון מיט די קליינע היטעלעך און שוואַרצע מלבושים האָט זיך געוויגט ווי אַ ים פֿון מענטשן. די טראַמווייען האָבן נישט געקאָנט דורכפֿאָרן. דער נומער צוויי־און־צוואַנציק, וואָס גייט אויף דער טוואַרדע, האָט זיך יענעם פֿאַרמיטאָג באַוויזן אויף דער מיראָווסקע און כלאָדנע און איז גאָר געפֿאָרן ערגעץ צום יידישן שפּיטאָל. ווען די גויים האָבן געפֿרעגט וואָס דאָ איז געשען און מ׳האָט זיי געענטפֿערט, אַז אַ רייכער ייד איז געשטאָרבן, האָבן זיי געהויבן די אַקסלען.

— וואָס איז דאָ? — האָבן זיי געפֿרעגט. — פּאַלעסטינע?...

גראָד איז יענעם טאָג פֿון דער גזשיבאָווער תּפֿלה אַרויסגעפֿאָרן אַ קאַטויליש באַגרעבעניש און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט דורכגעלאָזט דעם קאָטאַפֿאַלק און די גלחים. אַחוץ דעם ביאַלאָדרעוונער, זיינען געקומען נאָך אַנדערע רביים: דער נאָוואָמינסקער, דער אַמשינאָווער, דער קאָזשעניצער, דער פּיאַסעטשנער און דער סענצימינער, אויסער אַ סך רבנים. עקיבא, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך געהאַט געגט מיט גינען, איז געזעסן אין איין דראָשקע מיטן פֿאָטער, דעם סענצימינער רבין, מיט אַ ספּאָדיק אויפֿן קאָפּ און מיט אַ קישעלע אונטערן געזעס, אַ סגולה צו שעטנז. אַרום יעדן גוטן־ייד האָבן זיך געשטופּט זיינע חסידים. פֿון זיבעטן און פֿערטן קאָמיסאַריאַט האָט מען געשיקט פּאָליציאַנטן זיי זאָלן האַלטן אָרדענונג. די סטראַזשניקעס האָבן געשריגן און געשלאָגן מיט די שיידן פֿון די שווערדן, נאָר די מחנות זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער. מלמדים אין די טרפֿהנע חדרים האָבן אָפּגעלאָזט די ייִנגלעך. פֿון עטלעכע תּלמוד־תּורהס, וואָס ר׳ משולם האָט געשטיצט, האָט מען געשיקט די קינדער צו דער לוויה, זיי זאָלן גיין פֿאָראויס און זינגען: צדק לפֿניו יהלך. דאָס קליינוואַרג איז אַנגעלאָפֿן הענדום־פּענדום, ווי צו אַ שׂרפֿה. ווייבער אין צעקודלטע שייטלען האָבן געשפּאַנט און געוויינט, ווי ר׳ משולם וואָלט געווען זייערס אַ קרוב. טייל קרעמער האָבן צוגעמאַכט האַלבע טירן. מחמת ביי אַזאַ לוויה נויטיקט מען זיך אין אַ סך דראָשקעס, זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָרן פֿורמאַנעס

פֿון אַלע טיילן וואַרשע. נאָך איידער די פֿערדלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט זיינען שוין געווען פֿאַרנומען די געזעסן. די אַנטרייבער האָבן געשריגן, געפּאַכעט מיט די בייטשן, זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען פֿון דעם געדיכטעניש. קיינער האָט נישט געוואוסט צי די עגלה איז שוין דאָ און צי די לְוויה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. יידן, וואָס קומען זיך קאַפּויר בלויז אויף לוויות, האָבן זיך אָפּגעגעבן שלום־עליכם, זיך יאָ־דערקאָנט, זיך נישט־דערקאָנט, און זיך געשריגן אין די אויערן אַריין.

— קיין עין־הרע, אַן עיר ואם בישראל!...

— ס׳זאָל אים ניש׳ זיין צו קאַ׳ גנאי: ר׳האָט עס אסור ניש׳ פֿאַרדינט.

— גיי פֿרעג קשיות!...

אַרום צוויי אַזייגער האָט די עגלה גענומען זיך רירן פֿון אָרט. די פֿערד, איינגעהילט אין שוואַרצע יילעכער, מיט אויסגעשניטענע לעכער פֿאַר די אויגן, זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך. דער וואָגן איז געווען אונטן ברייט און באַהאָנגען מיט שוואַרצער געפֿאַלדעטער לייוונט. ס׳איז געזעסן אויף אים אַ גלאַנציקער קאַסטן, ענלעך צו אַ של־ראש. פֿונדערווייטנס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נישט די עגלה פֿאָרט, נאָר זי שווימט, ווי אַ תּבה אין אַ מבול. די דראָשקעס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם גזשיבאָוו, דער טוואַרדע, דער קראָכמאַלנע, דער גזשיבאָווסקע, דער גנאָינע. פֿערד האָבן געהירזשעט. ייִנגלעך האָבן געפּרואווט זיך אָנהענגען, נאָר מ׳האָט זיי אַראָפּגעשטופּט און זיי האָבן געקראָגן מיט די בייטשן איבער די אויערן. מאַרק־זיצערינס האָבן באַצייטנס אָפּגערוימט די שטעלעכלעך, ווייל ס׳איז געווען אַ סכּנה, אַז דאָס ערב־רב וועט צעטרעטן די סחורה. פֿון קיין שום מצווה האָבן די וואַרשעווער יידן נישט אַזוי געהאַלטן ווי פֿון הלווית המת.

נאָך איידער די עגלה האָט דערגרייכט צום בית־עלמין, איז מען שוין דאָרט געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. יונגען האָבן אַרויפֿגעקלעטערט אויף די מצבות, צו קאָנען בעסער זען. אַלע באַלקאָנען אויף דער גענשע זיינען געווען אָנגעפּראָפּט. חברה־לייט אין היטן מיט גלאַנציקע דאַשקעס, אין קאַפּאָטעס מיט ווייסע בלעכענע קנעפּ, האָבן זיך אייפֿעריק געפּאָרעט אַרום טהרה־שטיבל, געטראָגן ברעטער, לאָפּאַטעס, לייסטן, אָפּגעטריבן די נייגעריקע. הונדערטער אָרעמעלייט, קריפּלען, האָבן באַלאַגערט דאָס טויער און די שטעגן, וואָס האָבן געפֿירט צום קבר. די יעניקע, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון די הויכע שטאָקן, האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס געדרענג אויפֿן בית־הקברות וועט צעברעכן דעם ארון. דאָס מת וועט אַרויספֿאַלן. לעבעדיקע מענטשן וועלן אַריינפֿאַלן אין גרוב. ייִנגלעך וועלן זיך אַראָפּגליטשן פֿון די שטיינער, ווערן צעטראָטן און געניזוקט. אָבער וואַרשעווער יידן זיינען געוואוינט געווען זיך צו שטופּן. אין דעם גאַנצן האַרמידער איז אַלץ געטאָן געוואָרן כּדת וכּדין. מ׳האָט דעם בר־מינן מטהר געווען און אים אָנגעטאָן תּכריכים: אַ כּתונת, מכנסים, אַ הויב, אַ טלית מיט דריי ציצית — אַ צייכן, אַז אַ מת איז פּטור פֿון מיצוות. אויף די פֿאַרגלייזטע אויגן האָט מען אים אַרויפֿגעלייגט שערבעלעך. צווישן די שטייפֿע פֿינגער האָט מען אַריינגעשפּאַרט אַ ריטל, וואָס דערמיט וועט ער, ווען משיח וועט קומען, זיך דורכגראָבן היילן קיין ארץ־ישראל. די באַגרעבער האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב

פֿיר אײלן די לענג. די רביים האָבן געהאָלפֿן אױפֿהײבן דעם מת און אים אַרײנ־לײגן אין קבר. מ׳האָט אױסגעשטרעקט הענט. אַ שטילער זיפֿץ האָט זיך אַרױס־געריסן פֿון דער עדה. די װײַבער האָבן אױסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעך געװײן. דער קברן האָט געזאָגט די פּסוקים, װאָס מ׳זאָגט צו אַ קבורה.

— הצור תמים פּעלו, אל אמונה ואין עול. כי כל דרכיו משפּט, צדיק וישר הוא.

נאָך דעם װי מ׳האָט צוגעדעקט דאָס קבר, האָבן ר׳ משולמס זין געזאָגט קדיש. די באַלײטער האָבן אױסגעריסן געלע פּאַראַיאָריקע גראָזן און געװאָרפֿן הינטער זיך. צװישן דער משפּחה איז אױך געװען אַבראַם. ער איז געשטאַנען נעבן חמאן און די טעכטער. די װײַבער האָבן געװאָרפֿן אױף אים בײגעריקע בליקן. ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ שװאַרצן קאַפּעליוש און אין אַ פֿוטער. ער האָט אױסגעזען בלאַס און צעשױבערט. בעת מ׳האָט דעם שװער אַראָפּגעלאָזט אין קבר, האָבן אים גענומען קאַפּן די טרערן אױף דער באָרד. ער האָט גע־שנײַצט די נאָז מיט אַ װעבענער פֿאַטשײלע. חמא איז געװען אײַנגעהילט אין אַ שאַל. די שיך־בענדלעך האָבן זיך נאָכגעשלעפּט. זי האָט געװײנט די גאַנצע צײַט, נישט געקאָנט זיך אײַנשטילן. זי האָט יעדעס מאָל פֿונסנײַ געטאָן אַ הױל.

— אױ װײ, טאַטע, װאו לאָזטו מיך איבער?

ר׳ משה גבריאל איז געשטאַנען אָפּגערוקט און געשװיגן. דאָס יחסנישע פּנים זײַנס איז געװען װײס, די ברילן — פֿאַרהױכט. ער האָט געקוקט ערגעץ איבער אַלעמענס קעפּ, אַהין, װאו דער האַלב־אױסגעלײטערטער הימל איז אַראָפּ־געפֿאַלן צו די מצבות. ער איז שױן אױבן! — האָט ער געטראַכט װעגן דעם שװער. — ער איז שױן אַרױס פֿון דעם עמק הבכא, פֿון דעם גוף עכור. מ׳עט אים נעבעך דאַרפֿן לײטערן, אָבער ער׳ט זײַן אין גן־עדן. דער גרעסטער צדיק קאָן נישט משיג זײַן זײַנע השגות... קעגן דער זון, װאָס איז אונטערגעגאַנגען ערגעץ אין װאָליע, האָט ר׳ משה גבריאלס בערדל אָפּגעלױכטן װי צעגאָסן גאָלד. סטעפֿע, מאַשע, דאָשע, און די אַנדערע הײנטיק־מאָדישע אײניקלעך ר׳ משולמס, האָבן שױן באַצײַטנס זיך געהאַט באַזאָרגט מיט שװאַרצע קלײדער, היטן באַהאָנגען מיט װײדלעך פֿון קרעפּ, שלײערן איבער די פּנימער, אױפֿן גױישן שטײגער. די מײדלעך האָבן אױסגעזען פֿריש און חנעװדיק אין די דאָזיקע מלבושים, און די בחורים האָבן אױף זײ געװאָרפֿן אױגן. לאהן, ר׳ משולמס ייִנגסטע טאָכטער, איז געהאַט אַראָפּגעפֿאַלן דאָס נאָז־טיכל און קאָפּל משרת האָט עס פֿלינק אױפֿגעהױבן. ס׳רוב מלװים זײַנען צוריקװעגס אַרײַן אין בתי־מדרשים. טײל האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די רעסטאָראַציעס, גאָר־קיכן און װאורשט־האַנדלען, װאו די פֿלײשן זײַנען גלאַט־כשר. אַנדערע האָבן אָנגעפֿילט די טראַמװײען, װאָס זײַנען געפֿאָרן צוריק אין „יענע גאַסן״, אָדער זיך געלאָזט גײן צופֿוס מיט דער אָקאָפּאָװע, דער אײַזן־גאַס, צי גאָר זיך אומ־געקערט צו די נאַלעװקיס. אַז ס׳איז געװאָרן שיטערער, האָט מען אָנגעזען די רביים. װער עס האָט געהאַט אַ װײַסע באָרד און װער — אַ רױטע. װער עס האָט געטראָגן אַ סױבל און װער — אַ ספּאָדיק. בײ װעמען דאָס פֿוטער איז געװען איבערגעצױגן מיט זײַד און װער ס׳איז געװען אײַנגעהילט אין אַ סאַ־

מעטענעם טוליפּ. די פּאות האָבן געפּלאַטערט אין ווינט. די העלדזער זײַנען געווען אַרומגעוויקלט מיט זײַדענע און וואָלענע פֿאַטשיילעס. יעדער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קרענצל גבאים, שמשים, מקורבים. די גוטע־יידן האָבן געקרעכצט, געשמעקט טאַבאַק פֿון גרויסע פּושקעס, אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן שלום־עליכם, נאָר גערעדט האָבן זיי צווישן זיך ווייניק. די הויפֿן האָבן געפֿירט מחלוקת. ווען דער ביאַלאָדרעוונער רבי האָט דערזען דעם סענ־צימינער, האָט ער אָפּגעקערט דאָס פּנים. איצט, אַז עקיבא און גינע־גנענדל האָבן זיך געגט, זײַנען זיי געווען אויס מחותנים. אָבער עקיבא, דער פּרא־אדם, איז צוגעגאַנגען צום ביאַלאָדרעוונער רבין און אַ זאָג געטאָן הויך:

— שלום־עליכם, שווער!

דער ביאַלאָדרעוונער האָט זיך אַזש אָפּגעשאָקלט.

— עליכם שלום.

— וואָס זענט איר נעבעך שולדיק, אַז זי איז אַרויס לתרבות רעה?...

— עט, נע־נע...

— עקיבא, זיי מוחל! — האָט אים דער פֿאָטער אַ רוף געטאָן מיט וואָרעניש.

— באַלד, טאַטע. וואָס מאַכט דער שווער אין געזונט?

— געלויבט השם־יתברך.

— כ׳האָב אײַך נאָך אַלץ ליב אהבת־נפש — האָט עקיבא געזאָגט און אָנ־געקוקט דעם רבין מיט אַ פֿייכטן בליק. — איצט איז עס שוין ניש׳ קאָ׳ן אהבה התלויה בדבר...

— נו, מאַ, יישר־כוח.

— כ׳על אפשר קומען אויף שבועות קאָ׳ ביאַלאָדרעוונע.

חסידים האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געגאַפֿט. דער סענצימינער רבי האָט עפּעס איינגערוימט דעם גבאי. מ׳האָט געהערט ווי ער האָט אַ ברום געטאָן: שוטה. דער ביאַלאָדרעוונער רבי האָט דערזען ר׳ משה גבריאלן און אים אַ צי געטאָן בײַם אַרבל.

— קומט, ר׳ משה גבריאל — האָט ער געזאָגט. — זייט מוחל.

און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דעם געוועזענעם איידעם, וואָס נישט ער האָט געהאַט מזל צו דער טאָכטער און נישט צו אים, דעם פֿאָטער. דער ביאַלאָדרעוונער האָט נישט געליטן קיין טפשים. דער זיידע זײַנער, וואָס איז געפֿאָרן צום רבי ר׳ בונעם, האָט אַמאָל געזאָגט:

— אַז כ׳על זען אויף יענער־וועלט פֿירן אַ נאַר אין גן־עדן אַרײַן און מ׳עט אים נאָכפֿירן דרייצן בריקעס עולם־הבא, וועל איך נאָכלויפֿן און שרײַען: נאַר בלײַבט נאַר. כ׳בין דיך נישט מקנא!...

## 5

ר׳ משולמס קינדער זײַנען געזעסן שבעה נישט בײַ זיך אין דער היים, נאָר אין טאַטנס דירה. יואל, נת׳לע, פּיניעלע, ניוניע זײַנען געזעסן אין דער סאַלע אויף פּוסבענקעלעך, אין די בלויזע זאָקן, און אַרײַנגעקוקט אין אַ פּסוק איוב.

אין דעם ספֿר מעבר יבוק, אין מדרש איכה. דער שפּיגל איז געבליבן פֿאַרהאַנגען. אויפֿן פֿענסטער איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער און ס׳האָט זיך דערין געוויקט אַ שטיקל לייוונט. ס׳איז אָנגענומען, אַז דאָס נפֿש פֿון טויטן טוט זיך דאָ טובלען. רויזע־פֿרומעטל האָט געלאָזט ברענען אַ נשמה־קנויטל אין אייל. אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט איז געקומען אַן עולם דאַווענען. מ׳האָט אָנגעצונדן ליכט. דאָנערשטאָג האָט מען געלייענט פֿון אַ ספֿר, וואָס מ׳האָט געבאָרגט אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל. נאָך דעם ווי די אבלים האָבן געזאָגט קדיש, זיינען די דאַווענער פֿאַרבייגעגאַנגען נעבן זיי און יעדער האָט געזאָגט: המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים. רויזע־פֿרומעטל, ר׳ משולמס ווייב, און די שטיף־טעכטער, פּערל, חמא און לאה, זיינען געזעסן אין דער עס־שטוב. רויזע־פֿרומעטל האָט אַרויסגעלייענט פֿון טייטש־חומש די מעשה פֿון חורבן בית־המקדש, ווי אין תשעה־באָב. חמא האָט אַ פֿאַרצאָגטע געבלעטערט אין אַ מענה־לשון. ס׳האָבן געהאַלטן אין איין קומען אַהער ווייבער: רביצינס, נגידיתטעס, ביאַלאָדרעוונער חסידיתטעס. די עלטערע האָבן געטראָגן קאָפּקעס באַצירט מיט באַנדן. איבער דעם אויבער־מלבוש האָט געהאַנגען אַ טערקישער שאַל. די יונגערע זיינען שוין געווען אָנגעטאָן אין פּעלענע און האָרענע שייטלען, און אין די בלויזע פֿוטערס אָדער מאַנטלען. רויזע־פֿרומעטל האָט גערעדט צו די געסט אין אַ געלייטערט לשון, אויסגערעכנט ר׳ משולמס מעלות, דערציילט וועגן דעם ערשטן מאַן, דעם בראָדער למדן און גביר. איצט, אַז ביידע זיינען געווען אויף דער אמתער וועלט, האָט זי זיי געקאָנט דערמאָנען צוזאַמען. די יידענעס האָבן אויסגעהערט, געשנייצט די נעז און איידער זיי זיינען אַוועק, האָבן אַלע געזאָגט דאָס אייגענע:

— עך זאָלט מער ניש׳ וויסן פֿון קאַ׳ צער.

אויף שבת האָבן די אבלים זיך אומגעקערט אַהיים, צו זייערע משפּחות. שבת־צו־נאַכטס זיינען זיי צוריקגעקומען צוזיצן די לעצטע פּאָר טעג. נאָר דאָס אבלות איז עפּעס געוואָרן ווי איבערגעריסן. יואל און נת׳לע האָבן צו דער פֿולער וואָך גענומען שמועסן וועגן די הייזער, דער צוואה, די געלטער אין דער באַנק, דער קאַסע. נעמי און מאַניע האָבן אַריינגעטראָגן טיי מיט ציטרין. קאָפּל משרת איז געקומען צו פֿאָרן פֿון פּראַגע. מ׳האָט געשריבן חשבונות אויף בויגנס פּאַפּיר. פּערל, לאה, און די שוועגערינס, אסתר מלכה און סאַלטשע, זיינען אַריין אין אַ באַזונדער שטיבל און זיך געסודעט. דאָס צירונג פֿון ר׳ משולמס ביידע ווייבער איז געהאַט אַוועקגעקומען און מ׳האָט חושד געווען רויזע־פֿרומעטלען. לאה האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז איר שטיקל אַרבעט. זי איז אַ גנב מיט די אויגן!

— וואו האָט זי עס געקאָנט אַהינטאָן? — האָט סאַלטשע געפֿרעגט.

— ס׳פֿעלן איר ניש׳ קאַ׳ קומעס — האָט אסתר מלכה געענטפֿערט.

באַלד נאָך דער שבעה האָבן זיך אָנגעהויבן די רייסענישן. ר׳ משולמס טעכטער און שנורן האָבן אַזוי לאַנג געשעפּטשעט צווישן זיך, ביז זיי זיינען אַרויסגעקומען מיט אָפֿענע דיבורים. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, רויזע־פֿרומעטל זאָל געבן אַ שבועה ביי שוואַרצע ליכט, אַז זי האָט נישט דאָס צירונג. רויזע־פֿרומעטל

האָט גלייך געגומען גיסן מיט טרערן. זי האָט געשוואוירן, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געגעבן קיין תקיעת־כּף, אָדער אַ הן־צדק. זי האָט אויסגערעכנט איר יחוס, אויפֿגעהויבן צוויי גערונצלטע הענט צום הימל און גענומען גאָט פֿאַר אַן עדות, אַז זי ווייסט נישט פֿון קיין פּתרון און קיין חלום. זי האָט געשאָלטן די יעניקע, וואָס באַרעדן זי, אַז די מיילער זאָלן זיי שטייען פֿון הינטן. וואָס מער רויזע־פֿרומעטל האָט געיאָמערט און געשנייצט די נאָז, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, אַז זי האָט די גנבה. קאָפּל משרת, וואָס האָט נישט געהאַלטן פֿון קיין קריגערייען, האָט זיך פֿאַרמאַכט מיט רויזע־פֿרומעטלען אין ביבליאָטעק. ער האָט קליגעריש געטענהט:

— אַ ווייב מעג נעמען און טעכטער מעגן שרייען. נעמט איך ניש׳ צום האַרץ!

— ס׳איז גרינג צו זאָגן. מ׳שפּייט יענעם אין פּנים!

קאָפּל האָט געפּרואווט האָבן מיט איר אַ מדובר. ער איז גרייט געווען איר אַרויסצוגעבן אַ קוויטל אין נאָמען פֿון די טעכטער, אַז ווי באַלד מ׳עט געפֿינען די איידלשטיינער, וועט זי קריגן פֿון אַלץ אַ דריטל. רויזע־פֿרומעטל האָט אויסגעשפּיגן אין באַטיסטענעם טיכל.

— עך דאַרף ניש׳ קאַ׳ קוויטלעך. עץ זענט אַ גראָבער נפֿש!...

די מאַנסלייט האָבן זיך נאָר דערווייל נישט געזידלט, אָבער יעדער האָט געהאַט זיינע פּרעטענסיעס.

די צוואה, וואָס מ׳האָט געפֿונען אין ר׳ משולמס שופֿלאַד, איז נישט געווען געחתמעט און נישט באַשטעטיקט דורך אַ נאָטאַר. ר׳ משולם האָט דאָרט מעביר־נחלה געווען חמאן. איר טייל האָט געזאָלט קריגןביילע איטע און סטעפֿע דריי יאָר נאָך דער חתונה. אַ חוץ דעם האָט ר׳ משולם אָפּגעשריבן היפּשע געלטער אויף עולמות. נאָך לאַנגע רייד האָבן די יורשים אָפּגעפּאַסט מ׳זאָל זיך נישט רעכענען מיט דעם דאָזיקן כּתב, מחמת די לעצטע יאָרן איז דער פֿאָטער געווען האַלב־צערודערט. ביז וואָס־ווען, איז שיער נישט געקומען צו פּעטש צווישן אַבראַמען און נת׳לען. על פּי שכל האָט מען געדאַרפֿט איינטיילן דאָס פֿאַרמעגן אַלעמען גלייך, אָבער יואל האָט געטענהט, אַז לויטן דין קומט אים, דעם בכור, צוויי חלקים. פּיניעלע איז גרייט געווען מקבל צו זיין, אַז ער האָט ליגן ביים פֿאָטער דעם נדן, דריי טויזנט קערבלעך, אַ חוץ דעם אָנגעוואָקסענעם פּראָצענט. מ׳האָט אים געפֿרעגט צי ער האָט אַ וועקסל, אָבער פּיניעלע האָט געטענהט:

— כ׳האָב געהאַט אַ פּאַפּירל, נאָר ס׳איז ערגעץ אַהינגעקומען.

— אויב אַזוי, ביסטו אַ שוטה! — האָט יואל געזאָגט.

— אַז יאָך בין אַ שוטה, דאַרפֿסט דו זיין אַ גזלן?...

און כאָטש ס׳האָט נישט געפּאַסט צום ענין, האָט פּיניעלע זיך אָנגעכאַפּט מיט צוויי פֿינגער ביים בערדל און אַ רוף געטאָן מיט אַ גמרא־ניגון:

— בשביל שאני זכר הפסדתי?

ר׳ משולם האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געהאַט אָפּגעשריבן אַ מויער אויפֿן נאָמען פֿון ערשטן ווייב. פּערל, די עלטסטע טאָכטער, די אלמנה, האָט געהאַלטן,

אַז דער דאָזיקער הויף דאַרף צעטיילט ווערן צווישן איר, יואלן און נת׳לען, ווייל דאָס איז געבליבן נאָך דער מאַמען עליה השלום. רויזע־פֿרומעטל האָט צוגע־שטעלט אַ צעטל, שוואַרץ אויף ווייס, אַז ר׳ משולם האָט פֿאַר דער חתונה, אין קאַרלסבאַד, אויף זיך גענומען איבערצולאָזן איר אַ געביי און צו געבן נדן דער טאָכטער. אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט אַ תּוספֿות־כּתובה אויף פֿינף טויזנט קאַר־בוינעס. רויזע־פֿרומעטל האָט געקלאַפּט מיט אַ פֿויסטל אין טיש, געוואָרנט אַז זי וועט רופֿן די משפּחה צו אַ דין־תּורה ביים ראַבינאַט, און ברענגען פֿאַר בוררים אירע קרובים, דער בערזשאַנער רב און ר׳ שמואל ענגל. יואל האָט גענומען בייסן דעם ציגאַר.

— איר׳ט אונדז מיט קאַ׳ רבנים נישט אָפּשרעקן!

— נו, און פֿאַר גאָט־ברוך־הוא האָט עץ יאָ מורא?...

דאָס פֿונאַנדערטיילן די ירושה האָט אויסגעזען צו זיין אַ שלעפּעניש אין דער לאַנגער באַנק. מ׳האָט געמוזט צושטעלן אַלערליי דאָקומענטן, מאַכן קאָפּיעס פֿון אַקטן, אָפּשאַצן הייזער און נחלאות, זיך גראַבלען אין אַרכיוון. עס זיינען געווען פּלאָנטערנישן מיט נעמען און דאַטעס. מ׳האָט גענדאַרפֿט האָבן טועכצער מיט היפּאָטעקן און שטייערן. אַ דעמיסיאָנירטער פּאָלקאָווניק האָט זינט יאָרן געפֿירט אַ פּראָצעס מיט ר׳ משולמען וועגן אַ פּלאַץ. דער שיכּור האָט געסטראָשעט, אַז ער וועט אָנשפּאַרן ביז צום סינאַד. אַלע אין דער פֿאַמיליע האָבן געוואוסט, אַז נעמי, די דינסט, האָט ליגן ביי ר׳ משולמען אַ היפּשע סומע, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נעמי קאָזאַק, דער מאַנסבילשער קאָפּ, האָט נישט געהאַט דעם פֿאַרשטאַנד אַרויסצונעמען ביים באַלעבאָס אַ קבלה. מ׳האָט איר איצט געמוזט גלויבן אויפֿן וואָרט. קאָפּל, וואָס האָט באַלד נאָך ר׳ משולמס טויט אָנגעהויבן דינען יואלן און נת׳לען, האָט געדונגען אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז גע־ניט אין ירושות. דערווייל האָט קאָפּל ווייטער געפֿירט די געשעפֿטן. ער איז געקומען יעדן טאָג אין ר׳ משולמס קאַנצעלאַריע. דעם פֿרייטאָג נאָך דעם אַכטן האָבן זיך ווידער דאָ צונויפֿגענומען די בני מושקאַט און מ׳האָט צוגעשטעלט דאָס דירה־געלט. קאָפּל האָט געדויכערט אַ פּאַפּיראָסל און פֿלינק גערעכנט אויף אַ שטשאָט. מ׳האָט אויסגעלייגט פּעקלעך פֿינף־און־צוואַנציקערס, צענערלעך, פֿינפֿערלעך, דרייערלעך. מ׳האָט צוגעשטעלט שטויסן זילבערנע רובלס, פֿופֿ־ציקערס, פֿערציקערס, גילדנס, קופּער־געלט. די זין האָבן זיך נאָך ווייניקער געקאָנט באַגיין אָן קאָפּלען ווי דער פֿאָטער. קאָפּל האָט, ווי אַמאָל, אויסגעצאָלט יעדן זיין וואָכנגעלט. ער האָט אויסגעטיילט רויזע־פֿרומעטלען אויף דערווירט־שאַפֿט. יואל און נת׳לע זיינען געקומען אַהער יעדן פֿאַרמיטאָג, געזעסן איינער נעבן אַנדערן אויף שטולן, און קאָפּל האָט זיי צוגעטראָגן גלעזער טיי און אָפּ־געגעבן חשבון.

— קאָפּל בלייבט קאָפּל — האָט פּיניעלע געטענהט צו די ברידער. — אין חכמה ואין עצה!...

אַבראַם האָט געשריגן, אַז קאָפּל וועט אַלץ צורויבן. ער האָט אָנגערופֿן די שוואָגערס: אידיאָטן, יאָלדן, אייזלען. נאָר קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיינע וואָרענישן. מ׳האָט געפּרואווט איינרעדן אַבראַמען ער זאָל שלום מאַכן

מיט קאָפּלען און ער זאָל אויך קומען זיך מיט אים אויסרעכענען, נאָר אַבראַם, דער מה־יעשהניק, האָט געוויזן צוויי פֿייגן.

— נישו׳ ביי ענקער לעבן! — האָט ער געגוואַלדעוועט. — עץ קאָנט מיר קושן דאָ־אָ!...

אַבראַם האָט איצט געקראָגן אַ ביסל פֿון די מזומנים, וואָס מ׳האָט געפֿונען אין דעם שווערס קאַסע. קיין דירה־געלט האָט אַבראַם מער נישט צונויפֿגענומען. דערמיט האָבן זיך אָפּגעגעבן חמא און ביילע־איטע. אָבער מ׳האָט אים יעדן פֿרייטאָג געגעבן אין דער האַנט אַריין פֿערציק רובל אויף דער חיונה. אַבראַם האָט געקויפֿט אידאַן אַ פֿינגערל מיט אַ טאָפּלטן בריליאַנט. ער האָט זיך גענומען פֿאַרטיק מאַכן צו דער נסיעה קיין אויסלאַנד. ער האָט יעדן צווייטן אָוונט פֿאַרבראַכט ביי הערץ יאַנאָווער. אַוועקצופֿאָרן פֿון פּוילן האָט זיך אויך געגרייט איידל. רויזע־פֿרומעטל האָט געשיקט צו דער טאָכטער ר׳ זיינוועלע סראָצקער, דעם שדכן. דער ייד האָט גערעדט אַ פּאָר נגידישע שידוכים. אָבער איידל האָט נישט געוואָלט הערן פֿון די וואַרשעווער בחורים מיט די קליינע היטעלעך, אַרונטערגעמאַכטע פּאות און אויסגעצופּטע בערדלעך. איצט, אַז דער פֿעטער איז געשטאָרבן, האָט זי געהאַט איין פֿאַרלאַנג: וואָס גיכער זיך אומצוקערן קיין מערב־איראָפּע און ווייטער זיך אַ נעם טאָן צום שטודיום, כאָטש זי האָט רעכט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס זי זאָל שטודירן און צו וואָס. נאָך אַ סך רייד האָבן ר׳ משולמס זין איינגעוויליקט צו שיקן דעם מיידל צען רובל אַ וואָך און איינצולייגן אין אַ באַנק צוויי טויזנט קערבלעך נדן, באופֿן, זי זאָל חתונה האָבן נישט שפּעטער ווי אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום.

אין אַ רעגנדיקן טאָג (ס׳איז גראָד געווען ל״ג בעומר), ווען איידל האָט זיך אומגעקערט פֿון דער שטאָט־ביבליאָטעק אויף דער קאָשיקאָווע, האָט זי געפֿונען ביי זיך אין שטיבל, אויפֿן רונדן טישל, אַ בריוו פֿון דער שווייץ. זי האָט אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט מיט ציטערנדיקע פֿינגער. עס איז געווען פֿון עוזר־העשלען, געשריבן אין פּויליש, מיט אַ קינדיש־קרומער האַנטשריפֿט, אויף אַ בלעטל פֿון אַ העפֿט. איידל איז געוואָרן רויט און בלאַס. דער בריוו האָט זיך געלייענט:

הויך־געשעצטע פּאַננע אַדעלאַ!

די פּאַני געדענקט מיך נאָך מעגלעך? כ׳בין דער יונגערמאַן, וואָס האָט איבערגעשריבן דעם גאָטזעליקן פֿאָטערס ווערק. כ׳בין, ליידער, אַנטלאָפֿן אין מיטן, ווי אַ גנב. יאָ, כ׳לעב נאָך! כ׳שטעל מיר פֿאָר וואָס די פּאַני, די מוטער, און אַלע אַנדערע טראַכטן וועגן מיין טאַט. כ׳האָף, אַז כ׳וועל אַמווייניקסטן קאָנען אָפּשיקן דאָס געלט.

כ׳וואָלט מיך נישט דערוועגט צו באַלעסטיקן די פּאַני, אָבער כ׳בין אין אַ מאָדנער סיטואַציע. אויף דער גרענעץ, וואו כ׳האָב אַלץ פֿאַרלוירן, איז מיר אויך פֿאַרשוואונדן דאָס נאָטיץ־ביכל. כ׳געדענק נישט קיין שום אַדרעס אויסער פֿון דער פּאַניס שטיף־פֿאָטער און פֿון דער פּאַני גינאַ. כ׳האָב געשריבן צו דער לעצטער, נאָר דער בריוו איז צוריקגעקומען. כ׳ווייס, נעמליך, נישט איר ביינאָמען.

איך וויל בעטן ביי דער גנעדיקער פֿאַננאַ אַ גרויסע געפֿעליקייט: קאָן די פֿאַני מיר אָנגעבן די גאַס, דעם נומער און די וואוינונג פֿון פֿאַן אַבראַם שאַפּיראָ? די פֿאַני קאָן זיך קוים פֿאָרשטעלן וואָס דאָס באַטייט פֿאַר מיר. כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. כ׳וועל זיין דאַנקבאַר ביזן לעצטן אָטעם.

כ׳גלויב נישט, אַז די פֿאַני קאָן האָבן אַן אינטערעס צו מיין פּערזאָן. כ׳וויל בלויז מיטטיילן, אַז כ׳וואוין דאָ אין בערן ביי אַ שעכטער (שוחט). ער שטאַמט פֿון גאַליציע. ער האָט זיך פֿריער אויפֿגעהאַלטן אין אַנטווערפּן. כ׳לערן זיינע קינדער יידישע געגנשטאַנדן. כ׳הער לעקציעס אויפֿן אוינווערזיטעט ווי אַ פֿרייער צוהערער און גרייט זיך צו מאַטוראַ. כ׳האָב פֿון אַלץ רעזיגנירט, נאָר דער נייגיר צו וויסנשאַפֿט איז געבליבן. די שווייץ איז וואונדערלעך שיין, נאָר כ׳קאָן נישט געניסן פֿון דער נאַטור. כ׳בין שטענדיק אַליין. ס׳דוכט זיך מיר, כ׳לעב אויף דער לבנה.

כ׳דאַנק דער גנעדיקער פֿאַננאַ טויזנט מאָל פֿאָראויס, מיט גרויס אַכטונג — עוזר־העשל באַנעט.

*

אײדל האָט פֿאַרקייטלט די טיר און זיך גלייך אַוועקגעזעצט ענטפֿערן. זי האָט באַשריבן דריי בייגעלעך פּאַפּיר, צוועלף זייטלעך, אין אַ דינער שפּי־ציקער שריפֿט, מיט אַ סך פֿרעגצייכנס, פּאַסיקלעך און פּינטעלעך. דער טאָן פֿון בריוו איז געווען האַלב־שפּאַסיק, האַלב־ערנסט. אײדל האָט אַריינגעלייגט אַ שטרענגל בעז און אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. אויף דער אַנדערער זייט האָט זי אויפֿגע־צייכנט: אַ געשאַנק צו אַ קליין־שטעטלדיקן דאָן־קיכאָט פֿון אַ נישט־דערגאַנ־גענער דולצינעאַ!

אַבראַמס אַדרעס האָט אײדל פֿאַרגעסן אַריינצושרייבן...

—◆—

## קאַפּיטל זיבעצן

### 1

אַ בריוו פֿון אײדלען צו דער מוטער

טייערע מאַמעשי! ס׳איז שוין באַלד צוויי וואָכן ווי עך האָב דיר געשיקט די דעפּעשע וועגן מיין חתונה. עך האָב אין דער דער צייט דערהאַלטן פֿון דיר אַ טעלעגראַמע און צוויי בריוו. כ׳האָב אויך באַקומען דאָס דרשה־געשאַנק. יעדן טאָג האָב עך זיך געגרייט דיר צו שרייבן, נאָר עך בין געווען אַזוי פֿאַרנומען, אַז עך האָב בוכשטעבלעך נישט געהאַט קיין סעקונדע צייט. עך וועל דיר איצט אַלץ אַרויסשרייבן.

פֿון ווין בין עך געפֿאָרן מיטן עקספּרעס־צוג אין דער שווייץ. מיין ציל איז געווען, ווי דו ווייסט, ווידער אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. עך האָב

געוואוסט, אַז עוזר־העשל איז אין בערן, אָבער עך האָב וועגן דעם נישט געטראַכט. עך האָב מיר קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז עס וועט זיך אַזוי ענדיקן צווישן אונדז. מיר האָבן זיך אַזוי ווייניק געקאָנט און מיר זיינען אַזוינע פֿאַרשיידענע כאַראַקטערן. ווען עך האָב אים געטראָפֿן צו ערשטן מאָל ביי ניוניען, איז ער מיר נישט געפֿעלן. עך בין פֿונדעסטוועגן אריין אים אָפּגעבן אַ גרוס פֿון וואַרשע. עך האָב אויך געדאַכט, אַז פֿילייכט קאָן עך אים מיט עפּעס העלפֿן. ער איז, ווייזט אויס, געווען פֿאַרליבט אין מיר די גאַנצע צייט. ווען ער האָט מיך דער־זען, האָט ער זיך מיר פֿאַסט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן האַלדז. ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט די הדסהן שוין לאַנג פֿאַרגעסן. ס׳איז געווען פֿאַר אים נישט מער ווי אַן אַוואַנטורע. ער האָט אַפֿילו צו איר נישט געשריבן. עך האָב זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט, אַז זי איז פֿאַרלאָבט מיט דעם פֿישעלען, און דאָס האָט אים די רעשט איבערציינט, אַז זי איז אַ לייכטזיניק באַשעפֿעניש.

דו ווערסט נישט גלויבן, מאַמאַ, נאָר ער האָט באַלד דעם ערשטן אָוונט מיר זיך ערקלערט אין ליבע און פֿאָרגעשלאָגן מיר זאָלן חתונה האָבן. עך בין געווען זייער דערשטוינט פֿון אַזוינע ווערטער און אים געענטפֿערט, אַז אַזוינע זאַכן טוט מען נישט כאַפּ־לאַפּ, אָבער ער האָט נאָר גערעדט דערפֿון. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקלערט פֿון מיר די גאַנצע צייט, און אַזוי ווייטער און ווייטער. עך האָב דערקאָנט, אַז ער איז אויפֿריכטיק. דו ווייסט, מאַמאַ, אַז עך פֿאַרשטיי זיך אויף פֿאַלשע קאָמפּלימענטן. ער איז אַ מערקווירדיקער יונגערמאַן, אַזוי געפֿילפֿול און איינגעהאַלטן אין דער זעלבער צייט. ער האָט צו מיר גע־רעדט און געציטערט, און עך האָב געהאַט מיט אים מיטלייד. עך קאָן דיר נישט באַשרייבן אין וואָס פֿאַר אַ מיזעראַבעלן צושטאַנד עך האָב אים גע־טראָפֿן. ער האָט נישט געהאַט קיין גרייצער ביי דער נשמה. עך בין זיכער, אַז ער האָט געליטן הונגער, כאָטש ער איז צו אַמביציעז דאָס צוצוגעבן. עך האָב אים געצוואונגען ער זאָל נעמען ביי מיר אַ פּאָר פֿראַנק. ס׳האָט געהייסן, אַז עך באָרג אים. ס׳וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל צו באַשרייבן ווי מיר האָבן זיך אַנטשלאָסן אויף דעם שריט. ער האָט מיך כמעט געצוואונגען, ווייל עך האָב געוואָלט אָפּוואַרטן. עך האָב נאָך נישט געזען אַזאַ אימפּולסיווע נאַטור. אין דער שווייַן איז ער מיר פֿאָרגעקומען גאָר אַן אַנדערער. אַזאַ ראָמאַנטישער, אַזאַ פֿאַרליבטער. ער קאָן רעדן אַ סך נאַרישקייטן, און ער מישט דאָס אַלץ צו־זאַמען מיט פֿילאָזאָפֿיע און תּלמודישע שפּריכווערטלעך, אַזוי אַז דו ווייסט נישט וואו־איין וואו־אויס. די תּלמודיסטן זיינען, ווייזט זיך אַרויס, געווען גרויסע ליבהאָבער פֿון אונדזער שוואַכן געשלעכט... עך האָב געטראַכט וועגן איין זאַך: ווען פּאַפּאַ וואָלט דאָס דערלעבט! פּאַפּאַ האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז ער וויל אַן איידעם אַ לערנער, מעג ער זיין אַן אויפֿגעקלערטער. ער האָט אין זיך אַזויפֿיל פֿון פּאַפּאַ! טיילמאָל, ווען ער הויבט־אָן רעדן, דוכט זיך מיר, אַז דאָס רעדט צו מיר אַזוי פּאַפּאַ. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. דאָס איז אוממעגלעך אויפֿ־צוקלערן אין אַ בריוו...

ער האָט געוואָלט באַלד צומאָרגנס אַריינגיין צום רב פֿון בערן, נאָר עך האָב קאַטעגאָריש פֿאַרלאַנגט מיר זאָלן צוואַרטן. ער איז געווען משוגע פֿון

אומגעדולד. עך האָב באַשלאָסן: עס זעט אויס צו זיין באַשערט. זאָל זיין וואָס עס וויל. דו, מאַמאַ, האָסט אַמאָל געזאָגט אַ ריכטיקע זאַך: חתונה האָבן און שטאַרבן מוז מען... ס׳איז מאָדנע, אַז דער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען צו אונדז איבערשרייבן פּאַפּאַס ספֿר, האָט אין אַ געוויסן זין פֿאַרנומען זיין אָרט. איצט ווייס עך שוין, אַז עך האָב אים ליב און ער איז מיר נאָענט און טייער. עך האָב זיך פֿאַרליבט אין אים שוין נאָך דער חתונה, ווי דו אין פּאַפּאַ...

די חתונה איז, נאַטירלעך, געווען אַ שטילע, אָבער ער האָט שוין באַוויזן זיך צו באַקאָנען מיט אייניקע יונגעלייט פֿון רוסלאַנד, וואָס ער האָט באַגעגנט אין אַ רעסטאָראַן, וואו זיי קומען זיך צונויף, און זיי זיינען גערן מיטגעגאַנגען און אָנטייל גענומען אין דער שמחה. מען מוז האָבן אַ מנין. מיר האָבן געקויפֿט אַ קידושין־רינגל, לעקעך און בראָנפֿן, און דאָס איז געווען אַלץ. דער שמש האָט פֿאַרשריבן אונדזערע נעמען און אויסגעשריבן אַ כתובה. ס׳איז קאָמיש, נאָר אין פֿאַל ווען מיר זאָלן זיך, גאָט באַהיט, גטען, מוז ער מיר געבן צוויי הונדערט גילדן. אַזוי איז דער יידישער דין. מ׳האָט אָנגעצונדן אין בית־דין־שטוב ליכט און מען האָט אים אָנגעטאָן אַ קיטל. דאָס האָט מיך גערירט ביז טרערן. עך האָב געטראָגן מיין שוואַרץ־זיידן קלייד און דעם הוט, וואָס עך האָב געקויפֿט איידער עך בין אַוועקגעפֿאָרן. די רביצין איז געווען מיין אונטערפֿירערין. עך האָב מיר קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דו, טייערע מאַמאַ, וועסט נישט בייוואוינען מיין חתונה. עך האָב נאָר געטראַכט פֿון דיר און פֿון פּאַפּאַ, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין. עך פֿלעג לאַכן, ווען עך האָב געזען ווי די כלה ווײנט אונטערן דעקטוך, נאָר עך האָב מיך נישט געקאָנט באַהערשן און געהעשעט. עך האָב געמוזט פֿאַרשטעלן די אויגן מיט מיין שניפּטיכל. דער רב האָט געזאָגט וואָס מען דאַרף און מען האָט אונדז געגעבן צו טרינקען פֿון אַ בעכער וויין אָן אַ ברכה, און דערנאָך האָט עוזר־העשל מיר אָנגעטאָן דאָס פֿינגערל און געזאָגט הרי־את. פֿיר יידן האָבן געהאַלטן די חופּה אויף דרענגלעך. דערמיט איז געווען געענדיקט די צערעמאָניע. מיר זיינען דאַן אַלע אַוועק צו מיר אין האָטעל און מיר האָבן באַשטעלט אַ נאַכטמאָל מיט וויין. איינער פֿון די געסט האָט געקויפֿט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער. ער איז אַ וועגעטאַריער און פֿירט מיט עוזר־העשלען געשפּרעכן וועגן פֿילאָזאָפֿיע.

די נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט אין מיין האָטעל און מיר זיינען געווען אומבאַשרייבלעך גליקלעך, און צומאָרגנס זיינען מיר אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ רייזע. דער מאַרשרוט איז געווען פֿון בערן קיין לוזאַן. די באַן גייט צווישן די אַלפּן און דו קאָנסט דיר קוים אויסמאָלן די שיינקייט פֿון די בערג אין אָנהויב זומער. מיר איז פֿאָרגעקומען דאָס די גאַנצע נאַטור פֿרייט זיך מיט אונדזער גליק. שפּעטער לויפֿט די באַן לענגאויס דער גענפֿער אָזערע. אין לוזאַן זיינען מיר איינגעשטאַנען צוויי טעג אין אַ יידישן פּענסיאָנאַט, און מיר האָבן זיך באַקענט מיט פֿיל אינטערעסאַנטע טיפּן. ס׳איז דאָרט גלאַט־כשר. אַלע האָבן געוואוסט, אַז מיר זיינען אַ יונג פֿאָרפֿאָלק און מען האָט געמאַכט אַלערליי שפּאַסן. ער האָט שיער נישט צעקריגט זיך מיט איינעם אַ לץ. ער איז שעמעוודיק ווי אַ קינד און וויל זיך מיט אַלץ אויסבאַהאַלטן. אין דער זעלבער צייט רעדט ער

רייד, וואָס רופֿן אַרויס אויפֿמערקזאַמקייט. עך מוז אים כסדר היטן, ס׳זאָל נישט אַרויסקומען קיין מיספֿאַרשטענדעניש. עך מוז דיר זאָגן, אַז ער האָט אין די פּאָר מאָנאַטן ווייניק שטודירט. ער דאַרף דאָ מאַכן אַ מאַטוראַ־עקזאַמען. אַנשטאָט דעם האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַלערליי אומנוצלעכע ביכער. ער האָט נישט קיין האַר דיסציפּלין, אָבער זיי זיכער, אַז עך וועל אים שוין נעמען אין די הענט אַריין. ער איז אויסערגעוויינלעך פּעאיק, און כ׳בין זיכער, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ פֿילאָזאָף, אָדער אַ פּראָפֿעסאָר. עך וועל אַליין ווערן זיין לערערין. ער ווייסט אַליין נישט ווי גליקלעך ער איז וואָס ער האָט מיך באַקומען. ער וואָלט דאָ אָן מיר פֿולשטענדיק אונטערגעגאַנגען.

פֿון לוזאַן זיינען מיר געפֿאָרן קיין מאָנטרע, אַ שטאָט צופֿוסנס אַ מעכטיקן באַרג, וואָס שטייט גלייך ווי אַ וואַנט. ס׳איז ווי די וועלט וואָלט זיך געשטעלט קאַפּויר. אונטן איז אַ שטאָט און אויבן קלעטערן וויינגערטנער, און עס פּיטערן זיך שאָף. ס׳דוכט זיך, אַז יעדע מינוט וועט זיך אַלץ אַראָפּקוילערן אין וואַסער. די קי אויף די וויזעס טראָגן ריזיקע גלעקער, און עס קלינגט אַ גאַנצן טאָג. גראָד איז דאָרט פֿאָרגעקומען אַ פֿייערונג. די בערג־יונגען און שיקסעס זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייער נאַציאָנאַלן טראַכט. מ׳האָט אויסגעשפּילט מעלאָדיעס אויף גלעקער, און מ׳האָט געבראַכט אויסצושטעלן ריזיקע שטירן און קי און שעפּסן און הענער. די שווייצאַרער זיינען אַזוי זאָרגלאָז ווי קינדער. מיר, אויסלענדער, עקזיסטירטן נישט פֿאַר זיי. אין מאָנטרע האָבן מיר גענעכטיקט אַ נאַכט. פֿון מאָנטרע זיינען מיר געפֿאָרן אין אַ דערפֿל, וואָס טראָגט דעם נאָמען וויספּ. פֿון דאָרט גייט אַ קליינבאַן קיין צערמאַט. מ׳זעט פֿון דאַנען קלאָר דעם מאַטערהאָרן באַדעקט מיט שניי ווי אין מיטן ווינטער. מיר האָבן דאָרט פֿאַרבראַכט צוויי נעכט און מיר זיינען ביידע געווען וואַזיניק פֿון פֿרייד. עך קאָן דיר נישט אַרויסשרייבן קיין טויזנט טייל פֿון דעם, וואָס מיר האָבן ערלעבט. מיר האָבן געזאָלט פֿון דאָרט פֿאָרן קיין איטאַליע, עס איז זייער נאָענט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט רייזן פֿאַר מיינע שפּעיזן. ער איז עבן זייער קאָמיש. ער פֿאַרשרייבט אין אַ ביכעלע אַלע „שולדן״ און לאָזט מיך נישט שפּענדען קיין סאָנטים. יאָ, ער האָט עפּעס אַ לעקציע ביי אַ שוחט פֿון טאָרנע און ער פֿאַרדינט דערפֿון אַ פּאָר פֿראַנק. דער שוחט איז אויך געווען אויף אונדזער חתונה.

מאַמאַ טייערע, איצט זיינען מיר ווידער אין בערן. מיר וואוינען נאָך אין אַ האָטעל, אָבער מיר זוכן אַ וואוינונג. איך שיק דיר דאָ אַ צייגניש פֿון דעם ראַבינער, אַז מיר האָבן געהייראַט, און אַז מען זאָל מיר אויסצאָלן די צוויי טויזנט רובל, וואָס מ׳האָט מיר צוגעזאָגט. עך וואָלט געקאָנט אָפּוואַרטן לאַנגע מאָנאַטן און דערווייל פֿאַסן די צען רובל אַ וואָך, ווייל לויט דעם אָפּמאַך האָב איך געדאַרפֿט חתונה האָבן אין אַכצן מאָנאַטן צייט, אָבער עך האָב נישט געוואָלט דאָס אויסנוצן. אויב זיי האָבן אַליין עטוואָס אָנשטענדיקייט, וועלן זיי מיר דעם שאָדן פֿאַרגיטיקן, און אויך שיקן דרשה־געשאַנק. ווען דער גאָטזעליקער פֿעטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געוויס אונדז געגעבן טייערע מתנות. ער האָט דאָס מיר וויפֿל מאָל צוגעזאָגט. דו דאַרפֿסט נישט פֿאַרגעסן, אַז מיר זיינען ביידע סטודענטן, און מיר קאָנען גאָרנישט פֿאַרדינען. עך קוש דיך פֿיל מאָל און

**ווינטש דיר און אונדז מזל־טוב, ווייל עס איז אַזוי גוט דיין שמחה ווי אונדזערע. ער האָט דעפּעשירט זיין מוטער אין דעם שטעטל, נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געענטפֿערט. פֿון דעם וואָס ער דערציילט איז קלאָר, אַז זיי זיינען דאָרט אַ באַנדע פֿאַנאַטיקער. מ׳לעבט ווי אין טיפֿן מיטלאַלטער. ער אַליין איז אויך אַ געמיש פֿון פֿאַרצייטן און דעם היינטיקן טאָג, שליסליך איז אים אָפּט שווער צו באַגרייפֿן.**

**שרייב מיר ווי דו לעבסט, צי האָט מען שוין אָפּגעשריבן אויף דיין נאָמען דאָס הויז, וואָס דער גאָטזעליקער פֿעטער האָט דיר איבערגעלאָזט, און ווי ס׳גייט־צו אין אַלגעמיין. עך בין זייער נייגעריק וועגן יעדער איינצלהייט. האָט שוין הדסה חתונה געהאַט? ביסטו געווען אויף דער חתונה? עך וויל וויסן יעדעס קלייניקייט. וואָס זאָגט מען אין דער משפּחה וועגן אונדזער הייראַט? שרייב מיר אַלץ. ער האָט צוגעזאָגט דיר צו שרייבן באַזונדער. ער גריסט דיך הערצליך. עך קוש דיך פֿיל מאָל, דיין איבערגעגעבענע טאָכטער, וואָס ווינטשט זיך איינגיכן מיט דיר צו זעען אין פֿריידן**

**איידל באַנעט**

## 2

פֿון הדסהס טאָגבוך

דעם דריטן יולי: **ער האָט חתונה געהאַט. מיט איידלען. אין דער שווייץ. — —**

דעם פֿערטן יולי: **אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. אַ מוראדיקער חשד האָט מיך געפּייניקט: אַז ער האָט געשריבן, נאָר מאַמאַ האָט באַהאַלטן די בריוו. כ׳בין געלעגן ביז טאָג און געברענט פֿון כּעס. כ׳האָב מיר פֿאָרגעשטעלט ווי כ׳שלאָג די מאַ און רייס אַרויס אַ בריוו פֿון איר בוזעם. די רו איז אַוועק. גאָט אין הימל, אָדער גיב מיר צוריק די רו, אָדער שיק אויף מיר דעם טויט!**

אין אָוונט: **פֿאַרוואָס קאָן אַ יידישע טאָכטער נישט אַריינגיין אין אַ שול און אַנידערקניען פֿאַר גאָט? ס׳איז דאָ ביי אונדז דער תּהלים איבערגעזעצט פֿון קאָכאַנאָווסקין. איך זאָג יעדע פֿרייע מינוט. איך האָב אַמאָל געזען ווי די באָבעשי האָט געוויינט ביי אַ תּחינה און איך האָב אויס איר געלאַכט. גאָט, זיי מיר מוחל. איך וויין איצט אַליין און באַנעץ די בלעטער מיט מיינע טרערן. איך בעט דיך, פֿאָטער אין הימל, גיב מיר צוריק די מנוחה. כ׳וויל שטאַרבן, נאָר נישט פֿריער פֿון דער מאַ. כ׳קאָן מיר נישט פֿאָרשטעלן ווי זי גייט נאָך דער לוויה פֿון איר איינציקער טאָכטער. כ׳האָב איר שוין פֿאַרשאַפֿט אַזויפֿיל ליידן. כ׳לעב איצט נאָר צוליב איר.**

אין מיטן דער נאַכט: **גאָט האָט אַלץ באַשאַפֿן: דעם הימל און די ערד און די שטערן. אַלץ געשעט לויט זיין ווילן. איז דאָס נישט די גרעסטע טרייסט? אויב גאָט וויל מיר זאָלן ליידן, דאַרפֿן מיר ליידן מיט פֿרייד. (איך טאָר דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן!!!).**

דעם פֿינפֿטן יולי: **ס׳איז אָנגעקומען אַ חתונה־בילעט אין דייטש. שפּרה**

האָט אים אַריינגעבראַכט. ווען האָבן זיי דאָרט פֿאַרבעטן? דאָס האָט אײדל אָפּגעדרוקט ספּעציעל צוצושיקן קיין וואַרשע. זיך צו רייצן. דאָס איז אַלץ אַזוי קינדיש און עקלהאַפֿט. זיי געפֿינען זיך אין בערן. כ׳בין זיכער, אַז ער איז אומ־גליקלעך, אָבער נישט ווי איך. וואָס טוט זיך אין מיין נשמה? ווי נאָר כ׳מאַך־צו די אויגן, הויבט זיך אָן אַ גיהנום. כ׳שלאָף, נאָר כ׳ווייס, אַז איך שלאָף. ס׳חלומט זיך מיר, נאָר כ׳ווייס, אַז ס׳איז אַ חלום. כ׳האָב געהאַט אַן אויסטערלישן קאָשמאַר. כ׳האָב געדאַרפֿט פֿעדערן עפּעס צו באַפּוצן (נישט קיין הוט) און בין אַוועק צו עמעצן. יענער האָט גענומען אַ האַק און דערהרגעט צוויי הענער. איין האָן איז אָבער אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים און איז געוואָרן אַ קעצעלע. דאָס אַלץ איז שרעקלעך און משוגע.

דעם זעקסטן יולי: טייוולאָנים לויפֿן אַרום אין מיינע געהירן. כ׳קעמף מיט אַלע כּוחות נישט צו האַסן די אָרעמע מאַ. כ׳האָב זי ליב, נאָר כ׳קאָן זי נישט פֿאַרטראָגן. כ׳בעט דיך, גאָט, נעם נישט צו מיין לעצטע ליבשאַפֿט. דער פֿעטער אַבראַם וויל מיך מער נישט קאָנען. מיר דוכט זיך, אַז אַלע פֿרייען זיך מיט מיין אומגליק. דאָס איז אַלץ נישט אמת. מען מאַכט אַזויפֿיל קליידער, אַז ס׳איז איבלדיק. די איבערדעק און די קישנס זיינען גרויס און שווער. מ׳האָט אַריינ־גענומען נייטאָרינס אין דער מיטלשטוב און מ׳נייט מיר העמדער און מייטקעס מיט אַ סך, אַ סך שפּיצעלעך. דאָס אַלץ איז אַזוי אַלטמאָדיש און אומגעלומפּערט. מיר דאָ שטעקן נאָך טיף אין מיטלאַלטער. מ׳מאַכט מיר אַ פֿוטער. כ׳פֿריי זיך וואָס קלאָניע איז אין מיעדזעשין. כ׳שעם זיך פֿאַר איר מער ווי פֿאַר אַלעמען. מ׳האָט מיר אָנגעמאָסטן דאָס שייטל. כ׳האָב געטון אַ קוק אין שפּיגל און זיך אַליין נישט דערקאָנט. אין מיין גאַנצן צער האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן. איך וועל טראָגן דאָס דאָזיקע מלבוש ווי אַ קרייץ.

אין מיטן דער נאַכט: כ׳בין געשלאָפֿן זעקס שעה דורכאַנאַנד. ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אויף דעם גענשע בית־עולם. ס׳איז דאָרט גע־שטאַנען אַ קרום ברעט און טויטע קינדער האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט. איינע אַ מיידעלע האָט געהאַט אַ באַנד אין די בלאָנדע האָר און אַ מכּה אויפֿן שאַרבן. זי שטייט מיר פֿאַר די אויגן. אויב אַלץ איז פֿון גאָט, ווי עוזר־העשל זאָגט, וואָס איז דער זין פֿון אַזוינע חלומות? די חתונה וועט זיין פֿרייטאָג, נישט אין קיין סאַלע, נאָר אין זיידעשיס הויז. מ׳דרוקט שוין ביי אונדז אויך בילעטן. כ׳בין מיר אַליין שולדיק. כ׳האָב אַליין גענומען אויף מיר די לאַסט. ערגעץ וואו ציט מיך נאָר צו פּיין. איך מוז אויסטרינקען דעם כּוס פֿון בייז ביז צום לעצטן טראָפּן.

כ׳האָב דערהאַלטן אַ בריוו פֿון „חתן” מיינעם. ער האָט אַזאַ געציקלטע האַנטשריפֿט און נאָך יעדן בוכשטאַב שלעפּט זיך נאָך אַן עקל. ער האָט געשריבן אין דריי שפּראַכן, יידיש, פּויליש און רוסיש. ער האָט, ווייזט אויס, נאָכגעשריבן פֿון אַ בריוונשטעלער. איך מוז אים ענטפֿערן. וואָס איז ער שולדיק? ס׳באַפֿאַלט מיך אַ מאָדנע שרעק: אַז איך וועל ברעכן. נו, גענוג.

דעם אַכטן יולי: איך בין געזעסן אין זאַקסישן גאָרטן אויף אַ באַנק און אַ ווילדער געדאַנק האָט מיך באַהערשט: צו שרייבן צו אים אַ בריוו. איצט

ווייס איך שוין זיין אַדרעס אין דער שווייץ. כ'האָב געוואוסט, אַז איך וועל דעם בריוו נישט אַוועקשיקן, נאָר כ'בין אַוועק אין אַ געוועלב און געקויפֿט אַ בייגעלע פּאַפּיר און אַ קאָנווערט. איך האָב אויפֿגעשריבן אויף יידיש די ווערטער מזל־טוב. דאַן האָב איך דאָס בייגעלע צעריסן און אַוועקגעוואָרפֿן. דאָס אַלץ איז אַזוי נאַריש. איך האָב דערביי אַזוי געוויינט, אַז אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט.

דעם ניינטן יולי: נעכטן האָב איך באַגעגנט אין גאָס דעם פֿעטער אַבראַם. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צוצולויפֿן, נאָר ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און איז גיך אַוועק. דאָס איז אַזוי אומ־געווײַנלעך. ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן, אַז דער פֿעטער אַבראַם קאָן פֿאַר מיר הויבן דעם הוט און אַוועקגיין ווי אַ פֿרעמדער. אַחוץ דעם וואָס דער פֿעטער האָט פֿיינט מיין „חתן" (פֿאַרוואָס?), איז מיין פֿאַרלאָבונג פֿאַר אים אַ פּערזענלעכער דורכפֿאַל. ס'הייסט, אַז קאָפּל האָט אים באַזיגט. ס'איז מאָדנע ווי אַלע זאַכן זיינען אין אונדזער משפּחה פֿאַרבונדן מיט קאַמפֿן און אַמביציעס. פּאַפּאַ זיצט אין אָטוואָצק. ער שרייבט אַפֿילו נישט קיין קאַרטל. נאָכן זיידעשיס טויט האָב איך געקאָנט אַלץ אויספֿירן. דאָס איז דער אמת. איך האָב אַפֿילו גע־קאָנט פּועלן ביי דעם טאַטעשי, מ'זאָל מיך אַרויסשיקן אין דער שווייץ, אָבער איך בין געווען גייסטיק און פֿיזיש אָפּגעשוואַכט. ס'האָט מיך באַהערשט אַ שטערבלעכע גלייכגילטיקייט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין די אורזאַך פֿון זיידעשיס טויט און איך מוז נעמען אויף מיר אַ שטראָף. איצט איז צו שפּעט. איך גיי פֿרייוויליק אין אַן אָפּגרונט. כ'קאָן דאָס אַליין נישט באַגרייפֿן. ס'איז עפּעס ווי זעלבסטמאָרד.

אין אָוונט: ס'איז אַזוי שווער זיך אויסצומאָלן אים מיט אידלען. ס'איז איינפֿאַך, נאָר מיין מוח קאָן דאָס נישט באַגרייפֿן. כ'ווייס אויף זיכער, אַז ער טראַכט וועגן מיר טאָג און נאַכט. ס'קאָן נישט זיין אַנדערש. אונדזערע געהירן זיינען ווי עלעקטרע. דאַנקען גאָט, כ'פֿיל נישט צו אידלען קיין שום האַס. (אין דער סעקונדע האָב איך יאָ דערפֿילט אַ האַס. זי האָט אַ היפּאָקריטישע נאַטור. גאָט, באַשירם מיך)! כ'האָב מורא פֿאַר איין זאַך: כ'זאָל נישט אַראָפּ פֿון זינען. אַ קינדישע מורא האָט מיך באַהערשט. כ'קאָן דאָס נישט אַרויסשרייבן. כ'האָב באַקומען אַן עקל צו שמוץ און וואַש מיך צו אָפֿט. יעדע האַלבע שעה דוכט זיך מיר, אַז איך מוז גיין אין טואַלעט־צימער. דאָס אַלץ איז מיאוס. סטעפֿע האָט מיר געבראַכט צו לייענען פּאָרעלן. כ'האָב אים שוין אַמאָל געלייענט, נאָר דאָס מאָל איז מיר דאָס אַלץ פֿאָרגעקומען העסלעך. אַלץ אויף דער וועלט מוז ווערן פֿאַרשוועכט. מיר זיינען אַלע חיות.

וואָס פֿאַר אַ טאָג איז היינט? כ'האָב אָנגעשריבן צו אים דריי בריוו און אַלע דריי פֿאַרברענט. רויזע־פֿרומעטל האָט געמאַכט נעכטן אַ ביבקע און אַלעמען פֿאַרבעטן. מאַמאַ איז נישט געגאַנגען. כ'בין מיר אַליין אין אַלץ שולדיק. איך בין פֿריער געוואָרן אַ כלה. דערנאָך ערשט האָט ער חתונה געהאַט. איך האָב פֿאַרראַטן די ערשטע, כאָטש מיין נאַטור איז אַזוי וייט פֿון פֿאַרראַט. אַלע רעדן וועגן מיר. מ'זאָגט אַפֿילו, אַז עפּעס איז געווען דערמאָנט אין דער יידישער צייטונג. כ'וויל איינס: נישט טראַכטן. אָבער מיין אָרעמער קאָפּ רוט נישט קיין

מינוט. ווי נאָר איך גיי צו צום פֿענסטער, באַהערשט מיך גלייך דער פֿאַרלאַנג זיך אַרויסצוואַרפֿן. איך וואָלט געדאַנקט גאָט ווען ער שיקט אויף מיר דעם טויט. ווי גוט וואָלט געווען ווען מ׳וואָלט מיך דערשאָסן אויף דער גרענעץ!... ער וואָלט אַמווייניקסטן געהאַט וועגן מיר אַ בעסערע מיינונג.

שפּעטער: כ׳מוז עפּעס טאָן און ווייס נישט וואָס. כ׳בין מקנא די נאָנעס, וואָס כ׳טרעף אין גאָס. זיי זעען אויס רואיק. ווען נישט מאַמאַ, וואָלט איך גע־וואָרן איינע פֿון זיי. וואָס איז דען דער אונטערשייד ווי אַזוי מ׳בעט גאָט? כ׳האָב אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז איכ׳ל מיט דעם פּישעלען נישט חתונה האָבן. עפּעס וועט געשען. אָדער איך וועל שטאַרבן, אָדער כ׳וועל אַוועק די לעצטע מינוט. אַפּראָפּאָ, מיין „חתנס״ מוטער האָט מיר געגעבן אַ מתּנה אַ שנור פּערל. מאַמאַ האָט מיר אַוועקגעגעבן אַ העלפֿט פֿון איר צירונג. ס׳פֿאַלט מיר איין, כ׳זאָל אַלץ פֿאַרקויפֿן און אַוועק קיין אַמעריקע. מענטשן האָבן געטאָן אַזוינע זאַכן, נאָר וואָס איז דער צוועק? אַלע האָפֿענונגען זיינען פֿאַרלוירן.

אַ פֿרימאָרגן: כ׳האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן די דאַטע. כ׳ווייס בלויז, אַז איבער צוויי וואָכן פֿרייטאָג וועט מען מיך פֿירן אונטער דער חופּה. מ׳האָט מיר ערשט נאָר אָפּגעבראַכט דאָס חופּה־קלייד. כ׳האָב עס אָנגעמאָסטן און געזען אַ דער־שטוינטע אין שפּיגל, אַז איך זע אויס גוט און בין שיין. די נייטאָרינס האָבן זיך נישט געקאָנט אויסוואונדערן ווי הערלעך דאָס קלייד פּאַסט מיר. ס׳האָט אַ סך פֿאַלבאַנעס און שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד. אַ ווייל איז מיר געוואָרן גרינג און איך האָב געטראַכט: ס׳איז נישט געפֿערלעך. כ׳בין יונג, שיין, און רייך. כ׳האָב געזען ווי די אַנדערע זיינען מיך מקנא און דערפֿון איז מיר געוואָרן הייטערער. כ׳לייד שרעקלעך פֿון מאָגן. כ׳האָב אינגאַנצן פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט. כ׳נעם אַ מעדיצין, וואָס שמעקט מיט צימרינג. אפֿשר וועל איך אַמווייניקסטן קאָנען העלפֿן אַנדערע מיט דעם געלט? איך בין אַזוי עגאָאיסטיש.

מאָנטאָג: היינטיקן שבת וועט מען אויפֿרופֿן מיין „חתן״ אין שטיבל. מאַמאַ האָט אָנגעקלונגען צו פּאַפּאַ קיין אָטוואָצק אויפֿן טעלעפֿאָן און אים געזידלט און געשאָלטן. דאָס איז מיאוס. פּאַפּאַ האָט צוגעזאָגט צו קומען. פֿרייטאָג וועט זיין די חופּה און שבת־צו־נאַכט וועט מען מאַכן אַן אויפֿנאַמע. מאַמאַ טוט די גאַנצע אַרבעט. זי איז טאָג און נאַכט פֿאַרנומען מיט קעכינס, לעקעך־בעקערס, סאַרווערס. די אָרעמע רעגט זיך אויף פֿון יעדן קלייניקייט און דערפֿון קריגט זי ווייטאָגן אין דער לעבער. ווי קאָן איך איר העלפֿן, אַז דאָס אַלץ דערוועקט אין מיר אַזאַ עקל? אין דער צייט וואָס איך לייד אַזוי פֿיל, זיצט ער ערגעץ אין אַ פּענסיאָנאַט אין די אַלפּן מיט איידלען. שפּרה ברענגט מיר אַלע פּאָטשטן. זיי וועלן מאַכן אַ רייזע איבער דער שווייץ און איטאַליע. אַלץ, אויף וואָס איך האָב מיך נישט דערוועגט צו האָפֿן, האָט זי באַקומען. כ׳בין זיכער, אַז זי האָט אים אַפֿילו נישט ליב. וואָס פֿאַר אַ שאָדן־פֿרייד זי מוז האָבן פֿון מיין אומגליק!

אין מיטן דער נאַכט: ווי לייכט ס׳איז צו מאַכן אַן עק! כ׳האָב געפֿונען אַ שוואַרץ בענדל און דערפֿון געמאַכט אַ פּעטליע. כ׳האָב דאָ אַ האָקן אין דער וואַנט און אַ פֿוסבענקעלע. אַלץ, וואָס כ׳דאַרף פֿריי צו ווערן פֿון אַלעליידן. עפּעס האַלט מיך צוריק. ס׳איז די מיטלייד מיט מאַמאַ. כ׳ווייס אויך, אַז עס

איז אַ זינד צו נעמען דאָס אייגענע לעבן. גאָט וויל נישט מיר זאָלן אַנטלויפֿן פֿון זיינע פּלאָגן. טיף אין מיר זיצט אַ האָפֿענונג, אַז אַלץ איז נאָך נישט פֿאַרלוירן. ער׳ט נאָך צוריקקומען. די דאָזיקע האָפֿענונג מאַכט מיך אומגליקלעך.

דינסטאָג: טאָג־בוך מיינס, געטרייער פֿריינט, קנאַפּע צוויי וואָכן ווי כ׳האָב אויף דיר גאָרנישט געשריבן. די, וואָס שרייבט איצט אויף דיינע בלעטער, איז נישט מער די אַמאָליקע הדסה. איך זיץ ביים סעקרעטער מיט אַ שייטל אויפֿן קאָפּ און מיין פּנים איז מיר אַזוי פֿרעמד ווי די אייגענע נשמה. איך האָב אַלץ דורכגעמאַכט: די מקווה, די חתונה, דאָס מצווה־טענצל און אַלדאָס איבעריקע. איך וועל דיר מער מיינע סודות נישט פֿאַרטרויען. דו ביסט ריין און איך בין אומריין. דו ביסט ערלעך און איך בין פֿאַלש. איך וואַג קוים צו באַרירן דיינע בלעטער. איך וועל דיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע איבערבלייבענישן, וואָס זיינען מיר טייער. אַפֿילו מיין נאָמען איז געענדערט. איך הייס איצט הדסה קוטנער. דער דאָזיקער נאָמען איז אַזוי ווילד ווי אַלץ, וואָס ס׳פּאַסירט מיט מיר. דו ווילסט וויסן, טאָג־בוך, וואָס ס׳טוט זיך אין מיין געמיט? איך בין אַפֿילו נישט טרויעריק. איך מוז טראָגן מיין שיקזאַל ווי לאַנג די כוחות וועלן קלעקן. אַדיע, זיי מוחל!...

### 3

אַ בריוו פֿון רויזע־פֿרומעטלען צו איידלען

ליבע האַרציקע טאָכטער מיינע הנגידה מרת איידל באַנעט תחיה.

ערשטנס, קום דיר מעלדן פֿון מיין ליבן געזונט, גיב גאָט פֿון דיר צו הערן דאָס זעלבע אימער און עוויג אמן. צווייטנס, וויל דיר נאָכאַמאָל אָפּגעבן מזל־טוב און דיר ווינטשן פֿיל גוטס און לאַנגע לעבעדיקע יאָר און עשירות נחת און כל־טוב, ס׳זאָל אַלץ זיין אין אַ מזלדיקער שעה און עץ זאָלט אייך עלטערן בעושר ובכבוד. ווען האָב עך דען אויף דער וועלט אויסער דיר, טאָכטער מיינע? עס וואָלט אַוודאי געווען גוט ווען עך בין זוכה צו פֿירן מיין איינציק קינד אונטער דער חופּה, נאָר מסתמא בין עך עס נישט ווערט. ווען עך האָב דיין טעלעגראַמע דערהאַלטן האָב עך פֿיל טרערן פֿאַרגאָסן פֿון פֿרייד. ווען דיין פֿאָטער עליו השלום וואָלט דאָס דערלעבט! זאָל ער זיין אַ מליץ־יושר פֿאַר דיר און דיין מאַן און פֿאַר אונדז אַלעמען. בין זיכער דאָס זיין הייליקע נשמה האָט געשוועבט אין שטוב וואו מ׳האָט דיין חופּה געשטעלט און גאָט געבעטן דו זאָלסט האָבן ברכה און הצלחה און מער נישט וויסן פֿון קיין צער, און אַז דיין מאַן זאָל דיך האַלטן ערלעך, דען ער האָט אָנגעקריגן אַ ברילִיאַנט און אַן אוצר צו זוכן איבער דער גאַנצער וועלט, קלוג און שיין און אַ קענערין קיין עין־הרע מיט אַלע מעלות. האָף צו השם־יתברך דאָס איר וועט זיין אַ געראָטענער זווג און אַוודאי איז אַזוי באַשערט פֿון הימל, ווייל אַלץ ווערט אויסגערופֿן פֿון אויבן נאָך איידער מ׳ווערט געבוירן. מוז דיר זאָגן, אַז ווען האָב דעם עוזר־העשלען דערזען צום ערשטן מאָל ביי ניוניען, האָט מיר עפּעס

געטאָן אַ זעץ אין האַרץ, אַז דאָס איז דיין באַשערטער, און ער איז איצט צו מיר ווי אַן אייגענער זון, און וואָלט זייער גערן געוואָלט זיך טרעפֿן מיט זיין מוטער און דער באָבען, די רביצין, און דעם זיידן דעם קליין־טערעשפּאָלער רב. דאַנקען גאָט, דו האָסט געטאָן מיט אַ מיוחס פֿון אונדזער שטאַנד און דאַרף זיך נישט חלילה שעמען מיט זיין אָפּשטאַם. דאָס נאַרישקייט וואָס ער האָט געטון שוין לאַנג פֿאַרגעסן, און אַז דער סוף גוט אַלעס גוט.

וויל דיר שרייבן דאָס די בשורה־טובה האָט אַלעמען דערפֿרייט און אַלע זיינען מיר געקומען אַנווינטשן, אויך דאַכע, צוואָר מיט אַ האַלב מויל. די צוויי טויזנט רובל ליגן שוין גרייט אויף דיין נאָמען אין באַנק. וועגן די צען רובל אַ וואָך האָב עך געהאַט מיט זיי אַ טועכץ. ס׳וואָלט געוואָרן אויסגעגלייכט, נאָר ס׳האָט זיך אַריינגעמישט דער באַטיאַר קאָפּל משרת, און אויך לאה האָט געעפֿנט אַ מויל. דו ווייסט דאָך, טאָכטער, וואָס מ׳רעדט וועגן זיי, און האָב איצט געזען אַז ס׳איז וואָר. איין האַנט וואַשט די אַנדערע. האָב זיי געוואָרנט, אַז ווי באַלד ס׳עט נישט קומען צו קיין פֿאַרגלייך, וועל זיי רופֿן צו אַ דין־תורה. ס׳איז נאָך אויך נישט אויסגעגלייכט מיט דער מויער פֿון דיין פֿעטער עליו השלום. ווילן נאָר פֿאַרציען אַלץ אין דער לאַנגער באַנק. וועל מיך געוויס ביי זיי נישט לאָזן. זיי זיינען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. ווייסן אַליין נישט וויפֿל זיי פֿאַרמאָגן. מען שמועסט שטאַרק דאָס דער מה־יעשהניק קאָפּל האָט זיי באַגנבעט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און זיי אויסגעמאַכט אַן אויער. ער איז ביי זיי פֿונדעסטוועגן געוואָרן אַ גאַנצער כּל־ולך און פֿירט דאָס רעדל, ווייל די אַנדערע זיינען נעבעך פֿאַרשטאָפּטע קעפּ און ווייסן גאָרנישט פֿון געשעפֿט. האָב נעבעך געוואָרנט דעם פֿעטער עליו־השלום, ער זאָל זיך באַזאָרגן. איז שוין צו שפּעט. דערווייל האָט מען מיך אַרויסגעשטעלט פֿון דער דירה און מיר געגעבן צוויי צימערלעך אויף דער טוואַרדע גאַס. ס׳האָט זיך אַריינגעצויגן אַהער יואל, דער בכור. האָב זיי געקאָנט שטערן, נאָר נישט געוואָלט פֿאַרפֿירן קיין מחלוקת, ווייל זיי זיינען, זיי זאָלן עס מיר מוחל זיין, גראָבע לייט.

טאָכטער ליבסטע, ווען זיץ און שרייב צו דיר, דוכט מיר ווי דו וואָלסט געזעסן נעבן מיר און געשמועסט מיט דיר פּנים־אל־פּנים. מיר האָבן דאָ געהאַט אַ רוישיקע חתונה. די הדסה האָט חתונה געהאַט מיט דעם פֿישעלען פֿרייטאָג שבת נחמו און שבת צו־נאַכטס איז געווען די אויפֿנאַמע. נישט געהאַט קיין חשק צו גיין, ווי דו קאָנסט פֿאַרשטיין, נאָר ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן, און מענטשן וואָלטן געמיינט מי־יודע. געמוזט איר אויך געבן דרשה־געשאַנק, אַ צירונג־שאַכטל, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט נאָך פֿון בראָד. זיי האָבן געמאַכט אַרום דער חתונה אַ גרויסן רעש. מ׳האָט געפּויקט אויף קעסל־און־כּלים, צו פֿאַרשרייען דעם אמת דאָס די כּלה האָט זיך מיאוס געמאַכט מוידוויז און פֿאַרשעמט די משפּחה. קאָן פֿאַרשטיין ווי ביטער ס׳איז איר געוואָרן אין פּופּיק ווען זי האָט דערהערט די נייעס פֿון דיין חתונה האָבן. גאַנץ וואַרשע האָט גערעדט. מ׳האָט אַפֿילו געשריבן אין די יידישע גאַזעטן. דער חתן איז פֿון אַ רייך הויז נאָר אַ בטלן. קאָן באַגרייפֿן דאָס נאָך עוזר־העשלען האָט ער ביי איר נישט קיין פּנים. מ׳האָט דערציילט אַז די כּלה קלאָגט און וויינט אויף

איר ביטער מזל, און מ׳האָט זי געמוזט היטן זי זאָל נישט אַנטלויפֿן, און ס׳איז אַלץ אַרויסגעקומען צוליב דעם גויישן יונג קאַפּל משרת, ווייל ער וויל באַשווינדלען אויך יענעם צד, אַזאַ טרפֿהנער האַלדז. קיינער דערוועגט זיך נישט צו רעדן קעגן אים אַ וואָרט, אַחוץ דער אַבראַם, און ער איז צומאָל נישט געווען אויף דער חתונה, און דו קאָנסט דיר פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פּנים דאָס האָט געהאַט. האָט מיך באַגעגנט אין גאַס און זיך אָפּגעקערט. איז להשמיד ולהרוג אויף אַלעמען און לויפֿט אַרום מיט זיינע נקבות.

די חתונה איז געווען פֿרייטאָג אין דעם פּעטער עליו־השלומס סאַלאָן. די כּלה האָט געפֿאַסט, און ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: אַזוי ווי די מתים עסן אַזאַ פּנים האָבן זיי... וואָלט נישט געווען קיין מיאוסע, נאָר האָט אויסגעזען ווי קרייד. די אונטערפֿירערינס האָבן זי געשלעפּט נישט געפֿירט, און די מיידלעך וואָס זיינען געווען דערביי האָבן ביטער געוויינט, און עס איז געווען מער ענלעך אויף אַ לוויה ווי אויף אַ חתונה. דער חופּה־מאַרש דאָ איז גאָר אַנדערש ווי ביי אונדז, און אַלע מנהגים זיינען אַנדערש ביי די פּוילישע. ס׳איז דאָ נישט איינגעפֿירט מ׳זאָל אַקעגנטאַנצן דער כּלה מיט אַ קוילעטש. קיין לעקעך און בראָנפֿן האָט מען נישט געטיילט ווייל ס׳איז געוואָרן שפּעט און די ווייבער האָבן געמוזט בענטשן ליכט און ס׳איז שיער נישט געקומען צו קיין חילול־שבת. מסדר־קידושין געווען האָט אַ מורה־הוראה פֿון ראַבינאַט אין אַ צילינדער. דער ביאַלאָדרעוונער רבי האָט געזאָלט קומען צו דער חתונה און זאָגן די שבע־ברכות נאָר ער איז נישט געקומען. ס׳איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים.

פֿרייטאָג צו־נאַכטס האָט מען פֿאַרבעטן בלויז די משפּחה. בין דאָרט נישט געווען ווייל שבת איז שבת און די גאַנצע זאַך איז פֿאַר מיר אַן אָפּקומעניש. שבת־צו־נאַכטס געמוזט קומען. ס׳איז געווען אַן ענגשאַפֿט אַז מ׳האָט נישט געקאָנט אַריינשטעקן קיין שפּילקע־קעפּל און אַ היץ אַז ס׳האָט זיך געגאָסן דער שוויס. די סאַרווערס זיינען אַרומגעלאָפֿן ווי משוגע. טייל געסט האָבן געקראָגן טאָפּלטע פּאָרציעס און אַנדערע האָט מען פֿאַרטיילט. דאָס עסן איז נישט געווען פֿון בעסטן. די פֿיש זיינען נישט געווען פֿריש און די יויך וואַסערדיק. וואָלסט געדאַרפֿט אָנקוקן די לייט, וואָלסט געהאַט פֿיל שפּאַס. דער בדחן האָט גערעדט פֿאַר פֿייער און וואַסער, אויף אַלע לשונות, אַלץ אין גראַם, און געגעבן אַן איידל אָנצוהערעניש וועגן דער כּלה און איר אויפֿפֿירונג, און מ׳האָט געלאַכט אין די פֿויסטן. די קרובים זיינען געוואָרן בייז און געשריגן מ׳דאַרף אים אַרויסוואַרפֿן, נאָר דער מאַרשאַליק האָט געטון דאָס זייניקע, אַלץ פֿאַרשטעלט, אַז נאָר היימישע זאָלן זיך אָנשטויסן. דאַכען האָט געפֿלאַמט דאָס פּנים. געהאַט אויף איר באמת מיטלייד און איר געוואונטשן מזל־טוב. די שטרויענע מלכּה האָט מען באַזעצט אויף אַ שטול. ווייס נישט צי מ׳האָט די גילדערנע יויך געגעסן פֿרייטאָג צו־נאַכטס אָדער שבת צו־נאַכטס. אין דעם געדראַנג איז שווער געווען צו זען. ס׳איז געפֿאַלן זייער אַ סך דרשה־געשאַנק, נאָר אַלץ ביליקער שמוק. האָסט געדאַרפֿט אָנקוקן אסתר מלכּהן און סאַלטשען, זיי האָבן אויף זיך אָנגעהאָנגען אַזויפֿיל שמאָכטעס אַז מ׳האָט זיי קוים אַרויסגעזען. כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט

די רייד: צוויי בופלאָקסן. יואל און נת׳לע האָבן געטאַנצט אַ קאַזאַק, ביידע מיט גרויסע בייכער. נישט געשטראָפט זאָל עך ווערן: ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל לאַכן. די חסידים האָבן געשריגן אַז מ׳עט נישט צולאָזן דאָס מאַנסלייט און נקבות זאָלן טאַנצן נאָר ס׳איז געווען אַן אָנגעלויף און מ׳האָט זיי נישט געהאָרכט. קאָפּל משרת איז געקומען אויף דער חתונה אָן זיין ווייב און ער זאָל האָבן געטאַנצט מיט לאהן אַ וואַלץ. בין דערביי נישט געשטאַנען. ר׳ משה־גבריאל דער מאַן אירער איז אַנטלאָפן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט צוזען דאָס געמיינע פּירעכץ. דעם חתנס זיידע האָט געמאַכט אַ געוואַלד. האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ שוואַרץ־חתונה, ערגער ווי, להבדיל, ביי די יוונים. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט מאַרשן פון די קאַזאַרמעס. חנה פּיניעלעס ווייב האָט אין דער בהלה פאַרלוירן אַ בראָש, אָדער עמעץ האָט זי צוגעגנבעט, און זי האָט פון שמערץ געחלשט. זאָג דיר, טאָכטער־לעב, ערנסט, דאָס איידער אַזאַ חתונה איז שוין בעסער אַ שטילע חופּה, ווי דו האָסט געשטעלט. אָפּגעקאָסט האָט דאָס אַ פאַרמעגן.

איידעלע טייערע ליב קינד, וויל דעך דערמאָנען, דאָס דו ביסט אַ יידישע טאָכטער, אַ יחסנית (דו קומסט אַרויס פון תּוספות־יום־טוב). מילא, מיט אַנדערע זאַכן קאָן עך מיר נישט העלפן אָבער למען השם פאַרגעס נישט אַז אַ יידיש קינד מוז אָפּהיטן טהרה. עס שטייט, אַז צוליב דריי זינד שטאַרבן פרויען חלילה יונגערהייט און איינס פון זיי איז ווען מ׳איז נישט געוואָרנט אין נידה. די קינדער וואָס ווערן געבוירן דערפון זיינען נעבעך ממזרים. האָב נישט פאַראיבל וואָס עך דערמאָן דיך וועגן דעם, ווייל היינטיקע וועלט נעמט אַלץ גרינג. עך שיק דיר דאָ אַ מעין־טהור וואו דו וועסט געפינען אַלע דינים און למען השם היט זיי אָפּ. דיין מאַן איז אַ רבניש קינד און ער ווייסט וואָס דאָס איז. עך פאַרשטיי אַז ס׳איז נישט לייכט אָבער אַז מען וויל, געפינט מען אַ מקווה און אַ רב צו פרעגן אַ שאלה, ווייל כּשרע יידן זיינען דאָ אומעטום. דו וועסט אויך אַזוי אַרום שליסן קאַנטשאַפט און נישט זיין אַזוי עלנד אין דעם פרעמדן לאַנד.

שרייב מיר טאָכטער לעבן וואו עסטו, אַז דו האָסט נאָך נישט קיין דירה פאַר זיך און וואו טוט איר זיך אַהין? וויל דיר שיקן געפּעס און אויך אַ מתּנה דיין ליבן מאַן, אָבער קודם־כּל מוזט איר האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. גיב מיר אויך צו פאַרשטיין וואָס וועט זיין די פּעולה פון שטודירן? מ׳דאַרף דאָך טראַכטן וועגן אַ תּכלית. מיטן אויבערשטנס הילף וועט איר האָבן אַ פּאָר קינדערלעך און מ׳ברויך זיי באַזאָרגן. ווען איר וואָלט מעך געפרעגט וואָלט עך צוריקגעקומען קיין וואַרשע און זיך אויסגעזוכט אַ שטיקל מסחר. שרייב מיר וועגן געלט ווען זאָל אַרויסשיקן און וויפל. גלויב מיר טאָכטער אַז ווען טראַכט, דאָס דו ביסט שוין ברוך־השם אַ ווייבל, קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. האָף דאָס דיין ליבער מאַן וועט אָפּשאַצן וועמען ער האָט אָנגעקראָגן און זיין צו דיר גוט ווי דו פאַרדינסט. שיק דיר טויזנט גרוסן און קושן. קלער נאָר וועגן דיר טאָג און נאַכט. גריס אויך האַרציק דיין מאַן מיין איידעם. שרייב גלייך אָן אַ לאַנגן בריוו, ווייל איצט אַז דו ביסט אַוועק האָב מער נישט ווי דיין

געשריפֿטס. דאָס איז מיין איינציקע טרייסט. פֿון מיר דיין מוטער, וואָס ווינטשט צו הערן פֿון דיר בשורות טובות —

רויזע־פֿרומעט מושקאַט

## קאַפּיטל אַכצן

### 1

צוויי יאָר זיינען אַריבער. די מושקאַטס זיינען היי־יאָר, ווי אַלע יאָר זומער, אַרויסגעפֿאָרן אויף דאַטשע. יואל, נתלע און פּיניעלע האָבן אָפּגענומען דירות אין ר׳ משולמס ווילע אין אָטוואָצק. אַהין האָט זיך אויך אַריינגעצויגן חמא מיט דעם עלטערן מיידל, ביילע־איטע. פּערל, ר׳ משולמס עלטסטע טאָכטער, די אלמנה, האָט געהאַט איר אייגענע ווילע אין פֿאַלעניץ, וואוהין ס׳זיינען געוויינלעך אַרויסגעפֿאָרן חסידים. פּערל און אירע קינדער האָבן זיך נישט געוואָלט מישן מיט די אַנדערע בני־מושקאַט. יואלן און נת׳לען האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר עם־הארצים. אַבֿראַם און ניוניע זיינען געווען צופֿיל אויפֿגעקלערט. דערצו זיינען פּערלס זון און איידעם געפֿאָרן קיין גור, נישט קיין ביאַלאָדרעוונע. גלייך ווי זיי האָבן אין וואַרשע געוואוינט אָפּגעזונדערט, אין „יענע גאַסן”, אַזוי האָבן זיי אויך אויף זומער־וואוינונג געוואָלט פֿאַרבלייבן אַ שבט פֿאַר זיך. ניוניע און לאה האָבן געהאַט אַ בשותּפֿותדיקע ווילע אין שווידער. פּישעלע האָט פֿאַר דער חתונה געהאַט איינגעהאַנדלט אַ הויז מיט דרייסיק מאָרג וואַלד אין יוזעפֿאָוו. רויזע־פֿרומעטל האָט פֿאַראַיאָרן נאָך פֿאַרבראַכט דעם זומער אין ר׳ משולמס ווילע. די שטיף־שנירן, אסתּר און סאַלטשע, האָבן איר אָפּגעטאָן צולהכעיסן, נאָכגעשפּעט ווי זי דאַוונט, ווי זי באַטאַפּט אַ הון מיט די ביינדיקע פֿינגער, ווי זי טוט אָן דאָס פּעלענע שייטל, ווי זי וואַשט די הענט צו אשר־יצר. די יונגע ווייבלעך און די מיידלעך האָבן זיך געקייקלט פֿון געלעכטער. רויזע־פֿרומעטל האָט געהאַט אַזויפֿיל בלוט־צאַפּעניש, אַז אָנשטאָט זי זאָל געווינען וואָג, זיינען איר אָפּגעקומען פֿינף פֿונט. היינטיקן זומער האָט רויזע־פֿרומעטל, גאָט צו דאַנקען, מער נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו די מושקאַטס. זי האָט געהאַט אַ מאַן, ר׳ וואָלף הענדעלס, אַ ייד אַ נגיד, אַ למדן. ער האָט געהאַט אין שווידער אַן אייגענע ווילע. אין די בריוו, וואָס רויזע־פֿרומעטל האָט געשריבן צו אידלען אין דער שווייץ, האָט זי זיך איצט געחתמעט: רויזע־פֿרומעט הענדעלס. נאָך דער סמך האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ ווידל ביז צום ברעג בויגעלע.

די ערשטע איז אַרויסגעפֿאָרן אסתּר־מלכּה. באַלד נאָך פּסח האָט זי גענומען זיך קלאָגן, אַז דער באַנדוואָרעם אין איר אינגעווייד נאָגט איר אויס דאָס בלוט, אַז די וואַרשעווער לופֿט איז געדיכט צו שניידן מיט אַ מעסער, און אַז די קליידער, וואָס זי האָט זיך געלאָזט נייען ווינטער, פֿאַלן פֿון איר אַראָפּ, אַזוי איז זי געוואָרן אָפּגעצערט. הויט און ביין זיינען אויך געוואָרן די טעכטער אירע, מינע, נעשע און גוטשע, און דער זון מאָנעס. יואל האָט זיך געקרימט. נישט

ער האָט געקאָנט זיצן אין שטאָט אַליין, נישט ער האָט פֿאַרטראָגן די פֿרישע לופֿט, מיט די ביימער, מיט די גראָזן, מיט די זאַמדן, מיט די וויבערישע געלעכטערן. יואל פֿלעגט צו זאָגן, אַז די דאַטשעס האָבן אויסגעטראַכט קבצנים. אַז ס׳איז הייס, שוויצט מען אומעטום. פֿון די ווינטלעך, וואָס בלאָזן באַנאַכט אַריין דורך די לאָדן, קריגט מען אַ קאַטאַר. אָבער אסתּר־מלכּה האָט אויסגעפֿירט דאָס איריקע. אַ שטיק פֿאַר שבועות זיינען צו יואלן אין הויף אַריינגעפֿאָרן צוויי פֿורן. מ׳האָט אויפֿגעלאָדן בעטגעוואַנט, מלבושים, טעפּ, עסנוואַרג. די גויים, די אָנטרייבערס, האָבן זיך געבעטן מ׳זאָל אַזויפֿיל נישט אָנהויפֿן, ווייל די פֿערדלעך זיינען דאַר, און דערצו פֿאַלן די בעבעכעס אַראָפּ אויפֿן וועג און ס׳ווערן שאָדנס. נאָר אסתּר־מלכּה האָט יעדעס מאָל פֿונסניי עפּעס צוגעלייגט: אַ שיסל, אַ שאַף, אַ זעקל אַלטע קאַרטאָפֿל, וואָס האָבן שוין באַצייטנס געגומען אויסוואַקסן און אַרויסלאָזן וואָרצלען. ס׳איז אַלעמאָל אויסגעקומען, אַז דער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען אויבן, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, ער זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. דעם סטרוזשס הונט מיטן בלינדן אויג האָט געבילט. קינדער האָבן געריסן האָר פֿון די פֿערדישע וויידלען. אָרעמע וויבער האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון די פֿענסטער די באַשייטלטע קעפּ, געשטאָכן מיט די בליקן.

— מ׳לויפֿט זיך שוין פּאַשען אויף די דאַטשעס!... משוגע ווערט דאָס פֿון שוואוילטאָג!...

נת׳לע האָט געמוזט פֿאָרן צוליב דער צוקער־קראַנקהייט. אין דרויסן איז געווען וואַרעם, נאָר סאַלטשע האָט אים אָנגעטאָן אַ לייבל און אַכטונג געטאָן, ער זאָל פֿאַרקנעפּלען די קאַפּאָטע. די פֿאַמיליע האָט געוואוסט דעם אמת, אַז געפֿאָרן איז סאַלטשע, די נאַשערין, נאָר צוליב זיך, וואָרים נת׳לע האָט ס׳רוב שפּייזן נישט געטאָרט עסן און די לופֿט האָט אים בלויז פֿאַרשאַרפֿט דעם אַפּעטיט.

פּיניעלע איז געפֿאָרן דערפֿאַר ווייל ער האָט געהאַט פֿיר טעכטער, און קיין איינע איז נאָך נישט געווען קיין כּלה. די ווייבער האָבן געשמועסט, אַז ס׳איז גרינגער צו טאָן אַ שידוך מיט אַ מיידל „אויף דער ליניע" איידער אין וואַרשע, וואו די מיידלעך זיצן אין שטוב און קיינער קוקט זיי נישט אָן. צוליב דעם האָט אויך חמא זיך געאיילט אַרויסצופֿאָרן, ווייל ביילע־איטע איז שוין געווען אַ מיידל אין די יאָרן. די שוועסטער אירע, סטעפֿע, האָט זיך יאָ אַרומגעדרייט מיט אַ בחור, נאָר קיין תּכלית האָט מען דאָרט אויך נישט געזען. אַחוץ דעם, וואָס איז דער צוועק פֿון זיצן אין וואַרשע? אַבראַם פֿלעגט סיי־ווי קומען אַהיים אויף דאָקטאָרשע וויזיטן. ער האָט זיך אַרומגעשלענדערט טעג און נעכט מיט דער אשת־איש, די אידאַ פּראַגער. מ׳האָט אַפֿילו געמורמלט, אַז יענע איז אים שוין אויך געוואָרן צוגעגעסן און ער האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַקטריסע. קיין אָטוואָצק פֿלעגט אַבראַם אַמאָל אַרויסקומען אויף אַ שבת גלייך ווי די אַנדערע מאַנסלייט און אַפֿילו ברענגען אַ מתּנה.

דאַכע איז געפֿאָרן, ווייל דאָקטאָר מינץ האָט איר געהייסן און ווייל ניוניע, דער פּרא־אדם, האָט זי געפּייניקט. ס׳איז נישט געווען פֿאַר דאַכען קיין בעסערע רפֿואה ווי זיך אַריינצוזעצן אין אַ האַמאַק צווישן צוויי סאָסנע־ביימער, אונטערלייגן אונטערן קאָפּ אַ קישעלע, אָנטאָן אויף דער נאָז אַ פּאָרברילן

און אַריינקוקן אין אַ יידישער צייטונג. זי האָט אַלץ געלייענט: די נייעס, די אַרטיקלען, דעם ראָמאַן, די אַנאָנסן. אַלץ האָט מען דאָ זיך געקאָנט דערוויסן: וואָס ס׳זאָגן די מיניסטאָרן אין פעטערבורג און ווי ס׳לעבן די ראָטשילדס אין ווין, פּאַריז, לאָנדאָן; ווער ס׳איז אין וואַרשע געשטאָרבן און ווער ס׳האָט חתונה געהאַט אָדער געשריבן תּנאים; ווי ס׳פֿירן זיך די יידן אין לאַנד תּימן, עטיאָפּיע, אינדיע און וואָס׳ער אַנבייסן ס׳עסט דעם קייסערס פֿעטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. די שרייבער וועגן פּאָליטיק האָבן אַלעמאָל פֿאָראויסגעזאָגט אַ מלחמה וואָס קאָן היינט־מאָרגן אויסברעכן אויפֿן באַלקאַן. פּורישקעוויטש און די אַנדערע אַנטיסעמיטן האָבן זיך געגרייט צו מאַכן אויף יידן נייע בלוט־בלבולים, ביילים־פּראָצעסן, אַרויסצוטרייבן זיי פֿון די דערפֿער, צו פֿאַרענגערן דעם תּחום־המושב, און איין גאָט דער לעבעדיקער ווייסט וואָס זיי ווילן טאָן דעם ייד. נאָר, געלויבט זיין ליבן נאָמען, ס׳זיינען אַלעמאָל פֿאַראַן שתּדלנים, געלערנטע מענטשן, וואָס נעמען זיך אָן פֿאַר זייערע געפּייניקטע ברידער. די פּוילישע שונאי־ישראל האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פֿאַרגעסן די וואַלן צו דער דומע, געראָפּן מ׳זאָל באָיקאָטירן דעם ייד. ס׳איז אויך געווען אינטערעסאַנט צו לייענען פֿון די ציוניסטן, וואָס זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אין דער שווייץ און ווילן נישט אַנדערש, נאָר יידן זאָלן ווערן אַ מלוכה. דאַכע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ פֿאַנטאַזיע. דער טערק וועט ארץ־ישראל מיטן גוטן ווילן נישט אַוועקגעבן. אָבער דאָך גיבן זיך אָפּ דערמיט דאָקטוירים, פּראָפֿעסאָרן. אַמאָל האָט דאַכע אויך אַריינגעקוקט אין אַ פֿעליעטאָן. דאָס לשון איז דאָרט געווען אַ שווערס. אַ סך ווערטער האָט זי, דאַכע, נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער זי האָט באַנומען, אַז עפּעס קריגט זיך איין שרייבער מיטן אַנדערן. ס׳גייט וועגן דעם צי יידן זיינען יאָ אַ פֿאָלק, אָדער נישט אַ פֿאָלק. דאַכע איז געווען אויף דעם צד, וואָס זאָגט אַז יאָ אַ פֿאָלק. וואָס דען? יידן זיינען נישט קיין פֿאָלק? נאַדיר אַזאַ משוגעת!...

רבקהלע דאָס דינסט מיידל (שפּרה האָט איצט געדינט ביי הדסהן) האָט אַרויסגעבראַכט אַ גלאָז קאַקאָ, אַ קיכל, אַ טעצל עפּל־קאָמפּאָט. דאַכע האָט געוואַשן די הענט פֿון אַ פֿלעשל וואַסער, וואָס זי האָט אַלעמאָל מיט זיך מיטגענומען, געמאַכט אַ ברכה, גענאָסן פֿון די דערקוויקענישן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גאַזעט אויפֿן גראָז און זיך אויסגעצויגן נאָזלדיק. אויפֿן הימל איז אַרומגעשוואומען אַ זילבער־ווייס וואָלקנדל, וואָס האָט יעדע רגע געקראָגן אַן אַנדער געשטאַלט. פֿון די סאָסנעס אַרום זיינען געפֿאַלן שלאָף־עפּעלעך. אויף דער קאָרע פֿון דער סאָסנע, וואָס צו אים איז געווען צוגעבונדן דער האַמאַק, איז געקראָכן אַ דין ווערעמל, וואָס האָט זיך אָנגעקלאַמערט מיטן ווידעלע און געטאַפּט מיטן פֿאָדערשטן קערפּערל פֿאָראויס, ווי בלינד. דאַכע האָט געשפּירט ווי יעדער אָטעם דאָ גיט איר צו אַ שטיק געזונט. ס׳טוט דאָ ווייניקער וויי אין די פֿיס און אין רוקן. זי ליידט דאָ זעלטענער פֿון די גאַל־שטיינער און די קראַמפֿן אין מאָגן. איין זאַך האָט דאַכע דאָ נישט ליב געהאַט: וואָס זי האָט לאהן פֿאַר אַ שכנה. לאהס מאַן, ר׳ משה־גבריאל, איז געזעסן צוזאַמען מיטן בחור, אַהר׳לען, אין ביאַלאָדרעוונע. ס׳איז געווען אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד,

אַז ס׳האַלט ביי אַ גט. בייזע צינגער האָבן גערעדט, אַז ווי נאָר לאה וועט זיך אָפּגטן מיט ר׳ משה־גבריאלן, וועט קאָפּל גטן באַשעלען, און מיט איר, לאהן, חתונה האָבן. אַ שווידער פֿלעגט דורכלויפֿן איבער דאַכעס ביינער וויפֿל מאָל זי האָט געהערט וועגן דעם. מער פֿעלט איר נישט, נאָר האָבן קאָפּל משרת פֿאַר אַ שוואָגער. דאַכע האָט ביז היינט זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו לאהס שטאַרק קול, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער ווילע; צו דעם גראַמאָפֿאָן, וואָס זי האָט אַריינגענומען אין שטוב און לאָזט אים שפּילן גאַנצע טעג טעאַטער־לידלעך און חזנישע שטיקלעך; צו לאהס בלוזעס מיט די קורצע אַרבל און די מאָדישע קליידער, וואָס ס׳האָבן פֿון זיי אַרויסגעקוקט די בלויזע ליטקעס, ווי להבדיל ביי אַ גויע. מילא, אַז דאָס יונגוואַרג מאַכט זיך נאַריש, קאָן מען נאָך ווי ס׳איז פֿאַרשטיין. אָבער וואָס וויל זי, לאה? מיט וויפֿל איז זי דאָס יונגער פֿון איר, דאַכען?...

דאַכע האָט צוגעשלאָסן די וויעס, האַלב־געדרימלט, האַלב־געטראַכט. זי האָט אַלע יאָרן געהאַט טענות צום שווער, געהאַלטן אים פֿאַר אַ גדלן, אַ תּקיף. אָבער איצט, אַז ער איז געשטאָרבן, האָט זי ערשט איינגעזען ווי ער פֿעלט אויס. די ירושה האָט מען נאָך אַלץ נישט געהאַט צעטיילט. קאָפּל משרת האָט אַלעמען געהאַלטן אין די הענט. לאה האָט זיך געלאָזט אויף מיאוסע וועגן. אסתּר־מלכּה און סאַלטשע זיינען געשטאַנען אין גרויסן, זיך געבלאָזן ווי די אינדיקעס. אַבראַם האָט אינגאַנצן געהאַט פֿאַרלוירן די בושה. אַפֿילו איר אייגענער מאַן, ביוניע, האָט אויך נישט געהאַט אין איר אַזאַ קונה ווי לאַנג דער טאַטע עליו־השלום האָט געלעבט. נו, און וואָס איז מיט איר אייגן קינד, הדסהן? דאַכע האָט געהערט אַלערליי פּאַטשטן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן. זי, דאַכע, איז אַ קראַנק מענטש. יעדער טאָג איז אַ געשענקטער. וואָס וועט שוין אַרויסקומען פֿון אויפֿעסן זיך לעבעדיקערהייט? ביוניע קוקט נאָר אויס דערויף, זי זאָל צומאַכן אַן אויג...

אַ באַן האָט געפֿייפֿט. פֿייגעלעך האָבן געצוויטשערט. גרילן האָבן געגרילצט. ס׳איז גוט געווען דאָ צו ליגן און זיך וויגן צווישן די צוויי שטאָמען, מיט אַ קישן אונטערן קאָפּ, אַ קאָלדרע אונטערן רוקן, באַוואָרנט מיט פּרנסה. דאָקטוירים האָבן גערעדט וועגן אַן אָפּעראַציע, נאָר דאַכע האָט נישט געוואָלט הערן. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ מעסער. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַ שוואַך האַרץ. זי האָט געהאַט איין בקשה צו גאָט: הדסה זאָל פֿאַרגעסן דעם עוזר־העשלען, ליב קריגן דעם מאַן אירן, דעם פֿישעלען, האָבן אַ קינד, פֿירן אַ באַלעבאַטישקייט, אַרויסשלאָגן זיך פֿון קאָפּ די מיידלשע נאַרישקייטן. ווי לאַנג הדסה איז באַזאָרגט, זאָל געשען גאָטס ווילן. זי, דאַכע, איז נישט קיין קאַלב, וואָס האָט מורא פֿאַר דער שחיטה... דאַכע האָט צום וויפֿלטן מאָל געוואַשן די פֿינגער פֿון דער פֿלאַש, געבעטן דעם אַלמעכטיקן הדסה זאָל וואַרפֿן אַן אומחן אויף די ראָמאַנען, היטן טהרה, זיך אָפּקערן פֿון אַבראַמען, זיין אַ געטריי ווייב, ווי זי דאַכע, אַליין, און ווי ס׳זיינען געווען די באָבעס אירע, די עלטער־באָבעס, ביז אַרויף צו די פֿאַרצייטיקע דורות...

## 2

א בריוו פֿון הדסהן צו עוזר־העשלען

ליבער עוזר־העשל,

איך האָב היינט צופֿעליק זיך דערוואוסט דיין אַדרעס. דו ווייסט זיכער אַלץ. כ'ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס כ'שיק דיר דעם בריוו. ס'איז נאַריש און כ'וואָרט ווירקלעך נישט אויף קיין ענטפֿער. דו האָסט איצט אַ פֿרוי און איך אַ מאַן... איך הער אַז דו האָסט דיך איינגעאָרדנט און פֿריי מיך וואָס איינער פֿון אונדז האָט אַמווייניקסטן דערגרייכט זיין ציל. איך גלויב, אַז דו האָסט מיך נאָך פֿולשטענדיק נישט פֿאַרגעסן. דו ביסט דאָך אַ פֿילאָזאָף און דו ווייסט, אַז די פֿאַרגאַנגנהייט קאָן מען נישט אויסמעקן. איך געדענק נאָך אַ סך ווערטער דיינע וועגן גאָט און די אייביקע געזעצן און פֿון דעם ווי אַלץ איז באַשטימט פֿאָראויס. כ'געפֿין אין דעם אַ טרייסט אין טרויעריקע טעג און נעכט.

איך שטעל מיר פֿאָר ווי דו האָסט דיך געוואונדערט ווען דו האָסט דיך דערוואוסט פֿון איידלען, אַז כ'בין געוואָרן אַ כלה. דו האָסט געהאַט נאָך איין באַווייז ווי לייכטזיניק פֿרויען זיינען. איך האָב די גאַנצע צייט געפֿילט דיין פֿאַראַכטונג און דאָס האָט מיר וויי געטאָן מער פֿון אַלץ. איך בין וואָכן־לאַנג געלעגן קראַנק. איך האָב געהאָפֿט, אַז כ'וועל שטאַרבן און אַלץ וועט זיך ענדיקן. איך האָב אויך מינוטנווייז געהאַט די אילוזיע, אַז דו וועסט מיר שרייבן. אָבער דו האָסט געשוויגן און דיין שטילשווייגעניש האָט מיך דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג. איך גיב צו, אַז מיינע עלטערן זיינען נישט שולדיק אין דעם וואָס ס'האָט פּאַסירט. ס'איז אַלץ מיין שולד. ווען איך האָב דערזען אַז דער וועג צו גליק איז פֿאַרצוימט אויף אייביק, האָב איך אויסגעקליבן דאָס פֿאַרקערטע. איך האָב פֿון קינדווייז אָן געוואוסט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועל איך מיך אויסגליטשן.

וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו? שטודירסטו אין אוניווערסיטעט? האָסטו געשלאָסן קאַנטשאַפֿט מיט אינטערעסאַנטע מענטשן? איז די שווייץ ווירקלעך אַזוי שיין ווי דו האָסט דיר אויסגעמאָלט? האָסטו אָנגעהויבן שרייבן די דיסערטאַציע, וואָס דו האָסט געפּלאַנט? ווען איך דערמאָן זיך אונדזער רייזע, קומט דאָס מיר פֿאָר ווי אַ חלום. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען צוריקוועגס אַ סך ליידן. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט ווען איך האָב שפּאַצירט אויף דער פּאַוויע אָדער דער דלוגע, אַז אין איינעם אַ טאָג וועל איך אויך זיצן הינטער קראַטן... דאָס גיט מיר די סאַטיספֿאַקציע, אַז איך ווייס אויך דעם טעם...

ביי אונדז פֿירט זיך אַלץ אויפֿן אַלטן שטייגער. מאַמאַ איז מערסטנס קראַנק און אין אַ שלעכטער לוינע. פּאַפּאַ פֿאַרברענגט זייער אָפֿט מיטן פֿעטער אַבראַם. זיי זיינען געווען ברוגז, נאָר זיי האָבן זיך שוין איבערגעבעטן. איך וואוין אויף דער גנאָינע גאַס. וואָס פֿאַר אַ פּאַסיקער נאָמען פֿאַר מיין לאַגע... זומער פֿאָר איך אַרויס אויף דער ליניע. דאָ אַמווייניקסטן קאָן איך אומגעשטערט טראַכטן מיינע געדאַנקען.

אויב דיר זאָל איינפֿאַלן צו ענטפֿערן, גיב איך דיר אונטן מיין אַדרעס אין יוזעפֿאָוו. כ׳האָף, אַז דו ביסט גליקלעך מיט דיין פֿרוי, און איך גריס זי.

**הדסה.**

**פּ. ס. קלאָניע האָט חתונה געהאַט.**

## אַ בריוו פֿון עוזר־העשלען צו הדסהן

טייערע הדסה! דו וועסט קיינמאָל נישט וויסן די פֿרייד וואָס דיין בריוו האָט אין מיר אַרויסגערופֿן. איך האָב געלייענט דיינע ווערטער אומצאָליקע מאָל. כ׳האָב מיך אויפֿגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, אַפּגענומען דיין בריוו פֿון הינטערן קישן און געלעזן קעגן דער שיין פֿון דער לבנה. כ׳גלויב מיר נאָך אַלץ נישט, אַז דו האָסט מיר געשריבן. אָבער ס׳איז דיין האַנטשריפֿט. איך וויל דיר זאָגן, אַז כאָטש מיר האָבן ביידע אָפּגעטאָן אַ גרויס נאַרישקייט, האָט מיין ליבע צו דיר נישט אויפֿגעהערט קיין איין מינוט. מיינע געדאַנקען זיינען פֿאַרנומען מיט דיר טאָג־און־נאַכט. איך האָב וויפֿל מאָל ביי מיר אָפּגעפּאַסט אויפֿצוהערן טראַכטן וועגן דיר. כ׳האָב מיר געזאָגט, אַז ס׳איז האָפֿענונגסלאָז. אָבער ס׳איז געווען אוממעגלעך. ערגעץ־וואו האָב איך געאַנט, אַז דו האָסט מיך נישט אינגאַנצן פֿאַרגעסן און אַז דו וועסט דיך אַמאָל אָפּרופֿן. ווען איך האָב איבערגעלייענט דיין בריוו, האָב איך מיר געזאָגט: איצט קאָן איך שטאַרבן.

איך וויל דיר זאָגן, אַז איך האָב דיר יאָ געשריבן, נישט איין בריוו, נאָר אַ סך. איך האָב אויך געשריבן צו דער פּאַני גינאַ און צום פּאַן אַבראַם. ליידער האָב איך געהאַט פֿאַרלוירן מיין נאָטיץ־ביכל און די אַדרעסן זיינען נישט געווען ריכטיק. איך האָב די מערסטע בריוו צוריקבאַקומען. ווען איידל איז געקומען קיין בערן, האָט זי מיר דערציילט, אַז דו ביסט פֿאַרלאָבט, אָבער זי האָט נישט דערמאָנט קיין וואָרט דערפֿון אַז דו ביסט געווען קראַנק און אַז דו ביסט געזעסן הינטער קראַטן... דאָס אַלץ איז אַזוי שוידערלעך! איך האָב צומאָל אַ געפֿיל, אַז די העכערע כּוחות פֿירן מיט מיר אַ מלחמה. פֿון קינדוווייז אָן איז מיר אַלץ אַרויסגעקומען קאַפּויר. דאָס מיט דיר איז געווען דער ערגסטער קלאַפּ. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ די מינדסטע האָפֿענונג, וואָלט איך גלייך געווען צוריקגעקומען. אָבער די ערשטע וואָכן בין איך געווען באַרוישט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע און פֿון דעם פֿרעמדן לאַנד. איך האָב נישט געקאָנט געניסן פֿון די בערג און דער גאַנצער שיינקייט. איך בין געווען זיכער, אַז דו האָסט מיך און ווילסט מיר נישט ענטפֿערן. ווען מ׳האָט מיר געבראַכט די נייעס, אַז דו גייסט חתונה האָבן, איז דאָס געווען אַ באַשטעטיקונג. איך האָב, ווי דו, געוואָלט, אומברענגען די האָפֿענונג. דיין בריוו האָט אין אַ רגע אַלץ אויפֿגעלעבט. איך האָב פֿון איצט אָן איין שטרעבונג: ווידער צו זיין נעבן דיר! איך וועל נישט רוען ביז דאָס וועט נישט צושטאַנד קומען. איך האָב קיינמאָל קיינעם נישט ליב געהאַט אויסער דיך. דאָס איז דער אמת.

איך האָף צו גאָט, אַז דו וועסט מיר באַלד ענטפֿערן. איך באַנעם אַלע

שטערונגען, פֿיזישע און מאָראַלישע, אָבער ס׳קאָן נישט אַנדערש זיין! שרייב מיר וועגן אַלץ, אַלץ. דו דאַרפֿסט דיך מיט קיין זאַך נישט שעמען. איך גיי אויפֿן פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקולטעט, אָבער ווי אַ פֿרייער צוהערער. מ׳דאַרף דאָ אויך אַרויסבאַקומען אַ מאַטורע. דאָס וואָס מען לערנט אין אוניווערסיטעט איז אַזוי נישטיק אין פֿאַרגלייך מיט די אידייען, וואָס לויפֿן פֿאַרביי אין קאָפּ. מיין פּריוואַט לעבן איז אומזיניק פֿון אָנהויב ביזן סוף. איך באַשולדיק נישט קיינעם. מיין גאַנץ וועזן איז נישט דאָ. דער געדאַנק, אַז דו האָסט אַ מאַן, זעט מיר אויס ווילד, אָבער עס איז פֿאָרט אַ פֿאַקט.

די שווייץ איז שיין, אָבער אַלץ איז מיר דאָ פֿרעמד, די מענטשן, די נאַטור, די געוואוינהייטן. איך קום מיר אָפּט אַליין פֿאָר פֿרעמד. מיט דיר צוזאַמען וואָלט אַלץ געווען אַנדערש. וואַרשע ווייזט מיר איצט אויס אַזוי ווייט, ווי אַ פֿאַרכישופֿטע שטאָט...

**עוזר־העשל.**

פּ. ס. איך גיב דאָ אָן אַן אַנדער אַדרעס. דו פֿאַרשטייסט פֿאַרוואָס.

# 3

אַ בריוו פֿון איידלען צו דער מוטער

**טייערע מאַמאַ!**

עך ווייס נישט וואַרום עך שרייב דעם בריוו. פֿילייכט דערפֿאַר ווייל מיין האַרץ איז פֿול מיט פּיין און עך קאָן מער נישט דריקן אין זיך. דו האָסט מעך פֿיל מאָל אָנגעפֿרעגט ווי ס׳גייט מיר, צי עוזר־העשל קומט צו אַ צוועק און ווי ער באַהאַנדלט מעך. עך האָב יעדעס מאָל געפּרואווט אַלץ פֿאַרגלעטן און פֿאַרשענערן. עך האָב דיר נישט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין צער. אויב דו האָסט געלייענט צווישן די ציילן, איז עס דערפֿאַר ווייל דו ביסט זייער קלוג און מ׳קאָן דעך נישט נאַרן. איצט קאָן עך מער נישט. מיין ליבע מוטער, זיי ווייסן, אַז דיין טאָכטער איז ביטער אַריינגעפֿאַלן. אין די צוויי יאָר וואָס עך בין פֿאַרהיראַט ווייס עך נישט אויב עך האָב געהאַט אַ גוטן מאָנאַט. די ערשטע טעג בין עך געווען זייער גליקלעך. עך האָב געמיינט, אַז עס האָט שוין גענומען אַן עק צו מיין איינזאַמקייט. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין ביטער מזל פֿאַרפֿאָלגט מעך אומעטום. עך בין פֿאַפֿאַס טאָכטער. עך בין געבוירן געוואָרן צו ליידן און וועל וואַרשיינלעך האָבן זיין ענדע...

עך וועל איצט אַלץ אַרויסשרייבן, גאָרנישט לייקענען. עך וואָלט באַלד געדאַרפֿט דיר זאָגן די וואָרהייט, וואָלט עך אפֿשר אין די צוויי יאָר אַזויפֿיל נישט דורכגעמאַכט. דער עוזר־העשל האָט זיינע גוטע אייגנשאַפֿטן. ער איז נישט קיין נאַר און קאָן זיין זייער אָנגענעם צו פֿרעמדע לייט, וואָס האָבן פֿאַר אים נישט געטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. ער איז אויף זיין שטייגער אַן אידעאַליסט. ער טראַכט טאָג און נאַכט נאָר וועגן די הויכע ספֿערן און טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט פֿילאָזאָפֿישע ביכער. נאָר דאָס שטערט אים נישט צו

זיין אַ קאַלטער גזלן און וואַנזיניק דערצו. ווען עך וואָלט געוואָלט דיר אַרויסשרייבן אַלע זיינע שטיקלעך, וואָלט עך געקאָנט אָנשרייבן אַ בוך. אין קורצן איז אַזוי: עך בין גרייט געווען צו טאָן אַלדאָס מעגלעכע ער זאָל ענדיקן אַן אוניווערסיטעט און קומען צו אַ ציל. עך בין גרייט געווען צו שפּענדן פֿאַר אים דאָס גאַנצע געלט, וואָס עך האָב באַקומען. עך האָב פֿאַרלאַנגט איין זאַך: ער זאָל שטודירן פֿלייסיק און זיך פֿירן ווי אַ מענטש. נאָר די גאַנצע צוויי יאָר האָב עך געמוזט אויסשטיין מיט אים אַ ביטערן קאַמף. עך האָב געוואָלט מיטען אַ וואוינונג און זי אויסמעבלירן, עס זאָל זיין אַ היים, נאָר ער האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געוואָלט האָבן קיין היים און מיר וואַלגערן זיך די גאַנצע צייט אין מעבלירטע צימערלעך. עך האָב געטראַכט, אַז מיט דער צייט וואָלט עך געוואָלט האָבן אַ קינד, ווי אַלע נאָרמאַלע פּאָרפֿעלקער, נאָר ער האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב עך וועל פֿאַרשוואַנגערן, וועט ער אַנטלויפֿן און עך וועל נישט וויסן וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. עך האָב עס אויף אים געקאָנט גלויבן, ווייל ער האָט אינגאַנצן נישט קיין פֿעראַנטוואָרטונגס־געפֿיל. ס'האָט צוויי מאָל געטראָפֿן, אַז עך בין אַריינגעפֿאַלן צוליב זיין שולד און ער האָט מיך געצוואונגען צו פֿאַרטאָן און איינצושטעלן מיין לעבן. דאָס צווייטע מאָל האָב עך באַקומען אַ בלוט־שטורץ און גרויס היץ. קיין דאָקטאָר קאָן מען דאָ נישט קריגן. ס'האָט עס געמאַכט אַן אַלטע גויע, אַן אַקושערין... דאַנקען גאָט, עס איז מיר נאָך נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן.

מיין טייערע מוטער, עך טאָר דיר אַזוינע זאַכן נישט שרייבן. עך ווייס וויפֿל שמערצן עך פֿאַרשאַף דיר, אָבער פֿאַר וועמען קאָן עך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ? ער האָט באַלד נאָך דער חתונה אָנגעהויבן זיך שעמען מיט מיר, ווי עך וואָלט געווען קרעציק. ער האָט מיר פֿאַרבאָטן אַריינצוקומען אין דער גאָרקיך, וואו ער טרעפֿט זיך מיט זיינע רוסישע קאָלעגן, אַ באַנדע זאָנדערלינגען, וואָס וואָלטן געפּאַסט פֿאַר אַ טיערגאָרטן. עך בין נישט גענוג שיין און געבילדעט זיך צו ווייזן פֿאַר די פֿאַרשוינען. ער האָט פֿאַרלייקנט אַז ער האָט אַ ווייב, און מיך אָפּט געבראַכט אין שרעקלעכער פֿאַרלעגנהייט. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט איינגעלאַדן אין שטוב. אָנשטאָט צו לערנען, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אַ האַלבן טאָג אויף שטונדן. ער איז איינפֿאַך געוואָרן אַ מלמדל אָדער אַ בעלפֿער, אַבי נישט צו נעמען פֿון מיר קיין געלט. ער האָט גאַנץ אָפֿן געזאָגט, אַז ער טוט דאָס דערפֿאַר, ווייל ער וויל זיך מיט מיר שיידן און ער וויל נישט עך זאָל אויף אים האָבן חובות. געגעסן האָט ער אין דער קיך פֿון בלויען קרייץ, וואו עס קומען די ערגסטע שנאָרער. ווען ער פֿאַלט אַריין אין דער רציחה, זאָגט ער אַלץ אָפֿן און רעדט רייד פֿון איינעם, וואָס איז ערשט אַרויס פֿון משוגעים־הויז. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט אַ בוך פֿון אַ פֿאַררוקטן פֿילאָזאָף, וואָס האָסט פֿרויען און האָט זיך דערצו געטויפֿט און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צו דריי און צוואַנציק יאָר. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט האָבן קיין קינד אויס מורא, עך זאָל נישט האָבן קיין מיידל... דאָס איז בלויז איין ביישפּיל פֿון זיין וואַנזין. דאָ גייען אַלע פֿרי שלאָפֿן. ניין אַזייגער מאַכט מען שוין נאַכט. נאָר ער ליגט ביז דריי אַזייגער אין בעט און לייענט

און שרייבט אַלערליי אומנוצלעכע זאַכן, וואָס ער וואַרפֿט שפּעטער אַרויס אין מיסט. אין דער פֿרי ליגט ער אין בעט ביז צוועלף ווי אין שלאָף־געטראַנק. צוליב זיין אויפֿפֿירונג האָבן מיר אַ פּאָר מאָל געמוזט אויפֿגעבן דאָס צימער, ווייל דאָ, אין אייראָפּע, פֿאַרשטייט מען זיך נישט אויף די רוסישע ווילדקייטן. עס קאָן אויך נישט זיין קיין רייד פֿון קאָכן און עסן אין דער צייט. ער פֿאַסט אַ גאַנצן טאָג און אין מיטן דער נאַכט ווערט ער הונגעריק. עך וואָלט שוין לאַנג פֿון אים אַנטלאָפֿן, אָבער ווען ס׳לוינט אים, ווערט ער צערטלעך און נעמט רעדן רייד צו אַ מכּה צוצולייגן, און פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט מיך ליב. ער איז שעמעוודיק ווי אַ ישיבֿה־בחור, אָבער אין דער זעלבער צייט אויסגעלאַסן. ווען עך בין אָנגעקומען אין דער שווייץ, איז ער בלויז דאָרטן געווען אַ פּאָר מאָנאַטן און ער האָט שוין באַוויזן צו האָבן עסקים מיט אַ שוחטס אַ טאָכטער, אַ פֿלאַטערקאָפּ.

מוטער טייערע, דו וואונדערסט דיך געוויס ווי אַזוי דיין טאָכטער האָט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַזויפֿיל שאַנד. דו ווייסט, קאָן זיין, טון אַ שפּיי, און זאָגן, אַז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן. דו ביסט גערעכט, מאַמאַ. עך האָב דאָס אָבער געטאָן ווייל עך האָב נישט געוואָלט צעברעכן דאָס לעבן און ווייל עך קאָן מיין נאַטור. עך בין נישט פֿון די פֿרויען, וואָס היינט האָבן זיי ליב איינעם און מאָרגן אַן אַנדערן. עך בין ווי די אינזעקטן, וואָס ליבן בלויז איין מאָל... עך האָב נישט געוואָלט צוריקקומען צו דיר נאָך דריי מאָנאַטן מיט אַ פֿאַרטיקער בראָך. עך האָב פֿאַרקריצט די ציין און געליטן. עך האָב אַלץ געהאָפֿט, אַז ס׳וועט ווערן בעסער. ער וועט ווערן עלטער און איינזען זיין אירטום. מיט אַ צייט צוריק האָט ער גענומען רעדן, אַז ער וויל זיך אומקערן קיין וואַרשע. עך האָב אַלעמאָל פֿאַרדעכטיקט, אַז ער האָט נישט פֿאַרגעסן די הדסה, אויבוואויל ער האָט געשוואוירן ביי אַלדאָס הייליקע, אַז זי ליגט אים נישט אין זין. עך ווייס איצט אויף געוויס, אַז זיי פֿירן אַ קאָרעספּאָנדענץ. אירע בריוו קומען אָן אויף אַן אַנדער אַדרעס. ווען עך האָב זיך דערוואוסט, איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ יוכע, אַז ער איז אַוועק קיין צוריך אויף לאַנגע וואָכן. ער וואָלט דאָרט געשטאָרבן פֿון הונגער, אָבער ער האָט באַקומען עפּעס אַן אַרבעט ביי דער געמיינדע און דער ראַבינער האָט אים זאָגאַר געוואָלט געבן דעם פּאָסטן פֿון אַ סעקרעטאַר. דאָס וואָלט גראָד געווען פֿאַר אים גינסטיק, ווייל צוריך איז אַ גרעסערע שטאָט ווי בערן. מיר וואָלטן זיך געקאָנט הערלעך איינאָרדענען, אָבער ער איז באַלד געוואָרן מיד און ער איז צוריקגעקומען. איצט זאָגט ער, אַז ער פֿאָרט קיין וואַרשע גאַנץ עגאַל אויב עך וועל מיט אים מיטפֿאָרן אָדער נישט. ער איז איצט עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אָבער לויט דעם פּאַס דאַרף ער שטיין היינטיקן הערבסט צו דער מוסטערונג. ער וועט געוויס מוזן איינרוקן, ווייל ער האָט נישט קיין פֿעלער. אָבער ער רעכנט זיך נישט מיט קיין זאַך. די הדסה איז פֿאַלש צו איר מאַן. עך האָב נישט קיין אילוזיעס. ער פֿאָרט צו איר. די לעצטע וואָכן איז ער איגאַנצן צעשרויפֿט און דרייט זיך אַרום ווי אויף אַ פֿרעמדער וועלט. ער איז גרייט אַלץ איינצושטעלן אין קאָן: זיך, מיך און אַלעמען. קורץ, ער איז אַ הפֿקר־מענטש...

ליבע מוטער, פֿאַרגיב מיר וואָס איך האָב דיר נישט געוואונטשן מזל־טובֿ צו דיין הייראַט מיט דעם הער הענדעלס. עך פֿאַרשטיי דיין לאַגע און עך האָב נישט צו דיר קיין פּרעטענסיעס. די מושקאַטס זיינען גראָבע לייט. וואָס האָסטו געקאָנט טאָן? עך האָף, אַז דו וועסט שוין דאָ האָבן דיין רו...

עך ווייס נאָך אַליין נישט וואָס עך וועל טאָן. ער וויל מיר זאָלן פֿאָרן צוזאַמען און ער זאָגט מיר נאָך אַלץ צו גאָלדענע גליקן. ער וויל אָפּטרעטן אין קליין־טערעשפּאָל און מיך פֿאַרשטעלן פֿאַר דער שוויגער, זיין שוועסטער און דעם זיידן דעם רבֿ, ווי אויך די פֿעטערס און מומעס. ער איז אין גרונט אַ ייִנגל מיט ייִנגלשע געדאַנקען. עך האָב געטראַכט, פֿילייכט וועט די שוויגער האָבן אויף אים אַ ווירקונג. זי האָט מיר אָנגעשריבן עטלעכע זייער האַרציקע ווערטער. עך ווייס גלייכצייטיק, אַז הדסה וואַרט אויף זיין קומען, און עס מוז צווישן אונדז דערגיין צו אַ ברוך פֿריער אָדער שפּעטער. עס קאָן זיין, אַז עך וועל אים לאָזן לויפֿן אַליין, אויבוואויל מיר איז שוין דאָ אויך צוגעגעסן און עך בענק נאָך דיר. עך בין אַזוי צעמישט, אַז מיין בריוו וועט דיר פֿאָרקומען אָן הענט און פֿיס. עס איז אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פֿון דעם וואָס ס'טוט זיך אין מיינע געהירן. בעט פֿאַר מיר גאָט, ליבע מוטער, ווייל נאָר ער קאָן מיר העלפֿן.

דיין אומגליקלעכע טאָכטער אײדל באַנעט.

—◆—

## קאַפּיטל ניינצן

### 1

אין קליין־טערעשפּאָל, וואו עוזר־העשלס זיידע, ר' דן קאַצענעלענבויגן, איז געווען רבֿ, האָבן נאָך פּסח ביסלעכווייז גענומען אויסטריקענען די בלאָטעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פּורים־צייט, ווען דאָס אייז האָט געלאָזט און דאָס טייכל האָט אויסגעגאָסן. אין די סעדער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גרינע עפּעלעך, באַרענדלעך, אַגרעס, ווייַנפּערלעך, קאַרשן, מאָרעלן, מאַלינעס. מעל איז ווי אַלע יאָר פֿאַרן שניט געוואָרן טייערער מיט אַ פּאָר גראָשן אויפֿן פּוד. דערפֿאַר איז געווען אַ זול אויף הינער, אייער, אויבסט. די פּויערים האָבן פֿאָראויסגעזאָגט, אַז ס'וועט היי־יאָר זיין אַ גערעטעניש, ווייל די טעג זיינען געווען וואַרעמע און ס'האָט אַ סך גערעגנט. פֿונדעסטוועגן זיינען די גאַיעס אין חודש מאַי געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע בעטן צום יויזל. פּויערים אין ליינענע כאַלאַטן, אין אַלט־פּוילישע היטלען, מיט פֿיר עקן און טראָלדן, פּויערטעס מיט הילצערנע רייפֿלעך אונטער די קאָפּ־טיכלעך, שיקסעס באַהאָנגען מיט קרעלן און פּאַטשערקעס, האָבן געטראָגן צלמים, בילדער, וואַקסענע ליכט און געבלעקערצט ווי ביי אַ פּגר. זיי האָבן געבעטן ביים קאָפּעל די תּבֿואה זאָל נישט ווערן פֿאַרברענט אָדער אויסגעווייקט פֿון שלאַקס־רעגן; ווינטן זאָלן נישט פֿאַר דער צייט אויסדרעשן די קערנער פֿון די זאַנגען און נישט אַראָפּיאָגן די פּרוכטן פֿון די צווייגן; ס'זאָלן נישט אויסברעכן קיין שׂרפֿות,

קיין אונטערגענג, קיין זוכטן צווישן די בהמות, און דער טייוול זאָל נישט אָנשיקן קיין היישעריק אָדער מחנות פֿעלדמייז און מוילוואָרפֿן, וואָס פֿאַרדאַרבן די תּבואה.

די יידן האָבן זיך געפֿירט אויף זייער שטייגער. די סוחרים אין מאַרק האָבן געהאַנדלט. אין די הינטער־גאַסן האָבן בעל־מלאָכהס געטאָן זייער אַרבעט. די בריק־גאַס איז פֿול געווען מיט זיפֿערס. מיידלעך האָבן געקעמט די פֿערדהאָר און געזונגען לידער פֿון עלנטע יתומות און פֿאַרכאַפּטע כּלות. יידן האָבן געוועבט האָר אויף הילצערנע וועבשטולן, און דערביי צוגעזונגען ימים־נוראימדיקע ניגונים. יונגען האָבן געשניצט די הילצערנע רייפֿן. אין דער פּלומפּ־גאַס האָבן יידישע שוסטערס געקלאַפּט שטיוול, וואָס די קרעמער האָבן פֿאַרקויפֿט אויף די יאַרידים. קירזשנער האָבן גענייט פּויערישע פּעלצן. באַנדערס האָבן געמאַכט פֿעסער. טאַנדעט־שניידערס האָבן צוגעגרייט פֿאַרטיקע מלבושים. ווי וואויל דער ישוב איז געווען אַ קליינער, זיינען דאָ, אין קליין־טערעשפּאָל, געווען אַ זייגער־מאַכער, אַ גאָלדשמיד, אַן איינבינדער, און אַפֿילו אַ קאַפּעליע כּלי־זמר, וואָס זיינען אַרומגעפֿאָרן אויף יידישע און להבדיל גוייִשע חתונות. אַ וויאָרסט הינטער קליין־טערעשפּאָל האָבן צוויי יידן, שותּפֿים, געהאַט אַ וואַסערמיל, וואָס האָט געמאָלן תּבואה פֿאַר דער גאַנצער געגנט. ביים וואַלד איז געשטאַנען אַ טאַרטאַק, וואָס האָט געשניטן ברעטער און לייסטן. יידישע דאָרף־גייער זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די דערפֿער און אויפֿגעקויפֿט האָניק און פֿלאַקס, רעטשקע און הירזש, קעלבלעך און פֿעלעכלעך, עופֿות און אייער. וואָס דאָס שטעטל האָט נישט פֿאַרברויכט, האָט מען אַוועקגעשיקט מיט שפּיליטערן אין די גרויסע שטעט. יידן האָבן געהאַנדלט מיט אָקסן און מיט פֿערד, מיט וואַלד און מיט תּבואה. די פּויערים האָבן געדאַרפֿט זאַלץ און נאַפֿט, לעדער און שניט־סחורה, הערינג און אייזן. דאָס יונגוואַרג האָט מער נישט געוואָלט אַרומגיין באָרוועס זומער און אין לאַפּטשעסווינטער. פֿאָרפֿעלקער, וואָס האָבן געבויט נייע כאַטעס, האָבן מער נישט געדעקט די דעכער מיט שטרוי, נאָר גענוצט שינדלען אָדער גאָר דאַכעווקעס, צי בלעך. מ׳האָט באַשטעלט ביי סטאָליאַרעס אין קליין־טערעשפּאָל שענק, בעטן, טישן, שטולן. פֿאַרמעגלעכע גויים האָבן אַפֿילו איינגעהאַנדלט ניי־מאַשינען און גראַמאָפֿאָנען. דאָס אַלץ האָבן צוגעשטעלט די יידן. ס׳איז דאָ געווען אין דער געגנט אַ ברויערײַ און אַ ציגעלניע, קאַלך־גרובנס און אַ גאַרבערײַ. יידן האָבן אָפּגעדונגען ביי די פּריצים פֿרוכט־גערטנער, טייכן מיט פֿיש, פֿעלדער צו פֿאַרזעצן האָפּן, אָדער בוראַקעס, וואָס מ׳האָט געדאַרפֿט צושטעלן צו די ברוי־הייזער און צוקער־פֿאַבריקן.

אין די זומער חדשים האָט מען ווייניק געלייזט. די גרויסע מאַרק־טעג האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך די ימים־טובים. אין די קראָמען זיינען איצט ס׳רוב געזעסן די ווייבער. די מאַנסלייט האָבן געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט יידישקייט. פֿון בית־מדרש און די קלייזלעך האָט זיך געטראָגן אַ קול־תּורה. פּראָסטע יידן, וואָס קאָנען נישט לערנען, זיינען אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג זאָגן תּהילים. אין די חדרים האָבן די מלמדים געקנעלט מיט די ייִנגלעך פֿון גאַנץ פֿרי ביז פֿאַרנאַכט. צו מיידלעך זיינען געקומען רביצינס, וואָס האָבן זיי געלערנט

דאַווענען און פֿאַרגעשריבן אַ שורה־גריזל. דער יצר־הרע איז אויך נישט געשלאָפֿן. יקותיאל זייגערמאַכער האָט געבראַכט פֿון זאַמאָשטש פּסולע ביכער און געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. אַ פּאָר בחורים זיינען געוואָרן ציוניסטן. מ׳האָט זיך געסודעט, אַז די זיפּערס און גאַרבער־יונגען נעמען זיך צונויף שבת נאָכן טשאָלנט און פּלאָנען אַ סטרייק, ווי אין 1905. אַנדערע זיינען אַוועק קיין אַמעריקע.

ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, דער רב, האָט מער נישט געהאַט די אַמאָליקע תּקיפֿות. ערשטנס, איז ער געווען אַלט, נאָענט צו אַכציק; צווייטנס, האָט ער אַליין געהאַט אַן אייניקל אַ פּושע ישׂראל; דריטנס, האָט ער נישט געהאַט קיין נחת נישט פֿון די צוויי זין, צדוק און לוי מאיר, און נישט פֿון דער טאָכטער, פֿינקל. צדוק האָט געזאָלט זיין דעם פֿאָטערס ממלא־מקומו. ער איז שוין באַצייטנס געווען מורה־הוראה. אָבער ער האָט זיך נישט געהאַלטן בכּבוד, און די בעלי הבתּים האָבן פֿאַראויסגעזאָגט, אַז נאָך הונדערט יאָר וועט מען דאָ אויפֿנעמען אַן אַנדער רב. לוי־מאיר האָט באַלד נאָך דער חתונה גענומען זוכן אַ רבנות, אָבער ער האָט גאָרנישט געפֿונען און איז שוין איבער צוואַנציק יאָר געזעסן אויפֿן פֿאָטערס קעסט. פֿינקלס מאַן, יהונתן, האָט זי אָפּגעגט באַלד נאָך דער חתונה, און זי איבערגעלאָזט מיט צוויי קינדער, דינהלע און עוזר־העשל. קנאַפּע ניינצן יאָר איז פֿינקל געבליבן אַליין. דער יהונתן איז געהאַט געשטאָרבן ערגעץ אין גאַליציע. מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ קליין־טערעשפּאָלער פּרנס, ר׳ פּעלטע, נאָר ער איז געשטאָרבן אַ פּאָר חדשים דערנאָך און פֿינקל איז פֿונסניי געווען אַן אלמנה. דער רב האָט געהאַלטן, אַז מ׳רודפֿט אים אין הימל. חסידים האָבן געמורמלט, אַז פֿון צופֿיל עסק׳ן זיך אין חקירה איז דער רב אַריינגעפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה. אַנדערע האָבן אַרויסגעדרונגען, אַז דער רב האָט זיך אָפּגעבריט אין קבלה.

דער רב האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ פֿאַרצייטיקער. געלייגט האָט ער זיך באַלד נאָך מעריב. געשלאָפֿן איז ער אין די ווייסע הויזן און זאָקן, און אין טלית־קטן. אויפֿגעשטאַנען איז ער צו חצות. געלערנט האָט ער ביי דער שיין פֿון אַ חלבן ליכטל. געשריבן האָט ער מיט אַ גענדזענער פּען, אויף אומגעווירעט פּאַפּיר. געגעסן האָט ער בלויז איין מאָל אין מעת־לעת: ברויט מיט באָרשט, אַ יאַיכל, און אַ דאַר שטיקל רינדערנס. דאָס קהלשע הויז, וואו ר׳ דן האָט געוואוינט, איז שוין געווען האַלב־איינגעזונקען. די באַלקנס האָבן זיך געקרישלט און ס׳זיינען אויף זיי געוואַקסן הינט־שוואָמען. די שינדלען זיינען געווען באַדעקט מיט מאָך. די טאַפּעטן אין בית־דין־שטוב האָבן זיך געשיילט. די פֿאָטער־שטולן, איבערגעצויגן מיט געלן אַטלעס, האָבן זיך געבראָכן. קהל האָט געוואָלט פֿאַרריכטן, נאָר ר׳ דן האָט פֿאַרלאַנגט, אַז אַלץ זאָל בלייבןביים אַלטן. דאָ, אין שול־הויף, וואו ס׳זיינען געבליבן קברים־בערגלעך פֿון כמעלניצקיס שחיטות, האָט זיך אַלץ געפֿירט ווי אַמאָל. ס׳איז נאָך דאָ געשטאַנען די קאַלטע שול מיט דעם אָרון־קודש, וואָס איז געשניצט געוואָרן פֿון אַן איטאַליענישן מייסטער, און דאָס בית־מדרש וואו די ווינקלען זיינען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט קופּעס שטיינער; די חרובע מקווה, וואָס מ׳האָט געזאָגט, אַז ס׳האַלטן זיך דאָרט

אויף שדים, און דאָס הקדש, וואו די קראַנקע זיינען געלעגן אויף בינטלעך שטרוי און פֿאַר דער טיר איז געשטאַנען דאָס טהרה־ברעט. לינקס איז געלעגן דאָס אַלטע בית־עולם. ס׳איז דערויף געבליבן אַ האַלב־איינגעזונקענע מצבה און אַ פֿאַרדאַרטער ניס־בוים. זקנות האָבן געזאָגט, אַז דער שטאָם איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ צדיקס באָרד. אין פֿאַרמעטענעם פּנקס, וואָס האָט געהערט צו דער קליין־טערעשפּאָלער קהילה, זיינען געווען פֿאַרשריבן טראַפֿן און תּקנות פֿון הונדערטער יאָר צוריק. דער רב האָט זיך ווי באַהאַלטן הינטער די געלע פֿאַרהענגלעך, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די בית־דין־שטוב פֿון שול־געסל. די דין־תּורהס האָט ער אָפּגעשיקט צו די זין. שאַלות האָט ער געפּסקנט נאָך האַרבע. רבנים האָבן געשריבן צו אים בריוו, נאָר ער האָט נישט געענטפֿערט. מ׳האָט אים פֿאַרבעטן אויף חתונות און בריתן, נאָר ער האָט זעלטן אָנגענומען אַ סידור־קידושין אָדער אַ סנדקאָות. ר׳ דן האָט אַלע יאָרן געהאָפּט, אַז אויף דער עלטער וועט אים דער יצר־הרע לאָזן צו־רו און ער׳ט קאָנען דינען דעם אויבערשטן במנוחה. אָבער אַפּילו איצט, ביים שוועל פֿון קבר, האָט ער געמוזט פֿירן אַ מלחמה מיטן שטן. ער האָט אים מבלבל געווען מיט מחשבות־זרות. ער האָט אויפֿגערודערט אין אים קשיות פֿון מה־למעלה און מה־למטה. ער האָט דערוועקט אין אים ספֿקות אין דער אמונה. די אַלטע קשיא האָט געעגבערט דעם מוח: צדיק ורע לו, רשע וטוב לו. משיח האָט זיך געזוימט. קיין נס איז נישט געשען. דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק איז געבליבן בשפֿל־המצב. שטאָט אידן זאָלן טון תּשובה, האָט מען זיך אַריינגעלאָזט אין אַפּיקורסות, טעאַטער, פּסולע ביכער, חוקת הגויים. וואָס־זשע האָט ער געלעבט, ר׳ דן? וואוהין האָט ער דערפֿירט זיין עדה? וואָס ט׳זיין דער תּכלית? וואָס ט׳ער ענטפֿערן אויף יענער־וועלט?...

ר׳ דן האָט זיך אויפֿגעריסן פֿון דער שטול, אַרויפֿגעלייגט אַן ערוב אויפֿן ספֿר, זיך געלאָזט לויפֿן אין שול־הויף. דער ברייטער ספּאָדיק איז געווען פֿאַררוקט איבערן שטערן. די סאַמעטענע זשופּיצע צעכראַסטעט. די באָרד, וואָס איז מיט יאָרן צוריק שוין געווען ווייס, האָט ווידער באַקומען אַ געלבלעכע מראה. די אויגן זיינען געוואָרן געדיכט באַוואָקסן מיט ברעמען־באָרשטן. דער רב האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש מיט עמעצן צו רעדן, נישט גלאָט דברים־בטלים, נאָר תּוך־זאַכן. ס׳בית־מדרש איז אָבער געווען ליידיק. ער האָט אַרויסגענומען אַ ספֿר און צוריק אַריינגעשטעלט, ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין חובת הלבבות, אין האמונות־והדעות, אין עץ־החיים. ער האָט איינגעאָטעמט דעם ריח פֿון די בלעטער. ער האָט זיך איינגעגעסן מיטן בליק אין די אותיות. אמונה — דאָס איז דער עיקר פֿון אַלע עיקרים! היוצר עין לא יראה, הנוטע אוזן לא ישמע, המלמד לאדם דעת? שוין זשע האָט ער, ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, מער שכל פֿון רבונו של עולם?...

דער רב איז געשטאַנען, געוואַרט. אַ ייִנגל איז אַריינגעקומען פֿון תּלמוד־תּורה, מיט צעפּלאָסענע פּאהלעך, מיט אַן אָפֿן לייבסערדאַקל. ר׳ דן האָט אים צוגערופֿן, געטאָן אַ קניפּ אין בעקל.

— ווי הייסטו, האַ?

— משה.

— משה!... וואָס לערנסטו, משה?
— חומש און רשי און גמרא.
— ווילסט זיין אַ ייד, האַ?
— ווי דען?
— אין אויבערשטן גלויבסטו, משה?
— אַוודאי.
— וואויל איז דיר. וצדיק באמונתו יחיה!...

## 2

די פּור, וואָס האָט געפּירט עוזר־העשלען און איידלען פֿון דער באַן קיין קליין־טערעשפּאָל, איז פֿריער געפֿאָרן מיטן שאָסיי. דערנאָך האָט מען זיך אַריינגעדרייט אויפֿן פּוילישן וועג. אויף ביידע זייטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט פֿעלדער. די תבואה איז שוין געשטאַנען הויך. צווישן די בייטן האָבן פּויערטעס אויסגעפֿליקט אומקרויט. פֿייגל־שרעקער האָבן אויסגעשטרעקט הילצערנע אָרעמס אין צעריסענע אַרבל. פֿייגל זיינען געפֿלויגן אַרום און אַרום מיט אַ קראַקעריי. די פּויערים האָבן געהויבן די שטרויענע קאַפּעליושן, באַגריסט די פּאַסאַזשירן. שיקסעס האָבן אומגעקערט די באַטיכלטע פּנימער, געשמייכלט. עוזר־העשל איז ערשט נאָר געהאַט פֿאַרבייגעפֿאָרן די שווייץ, דרום־דייטשלאַנד, עסטרייך. פֿונדעסטוועגן האָט ער געפֿונען עפּעס אין דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט, וואָס ס'איז נישט געווען אין ערגעץ: די אויסטערלישע שטילקייט, וואָס איז געלעגן איבער אַלץ. דער הימל האָט געהויערט אַ נידעריקער, אַ היימישער, און ער איז פֿון אַלע זייטן האָריזאָנט אַראָפּגעפֿאַלן צו דער ערד. די וואָלקנדלעך, וואָס זיינען אויף אים אַרומגעשוואומען, האָבן דאָ, אין פּוילן, אָנגענומען אַנדערע געשטאַלטן. אַלץ האָט זיך צונויפֿגעמישט אין איין צוגעדושעט זשומעניש: דאָס גרילצן פֿון די פֿעלד־גרילן, דאָס זשוזשען פֿון בינען, דאָס קוואַקן פֿון פֿרעש אין די זומפּן. די זון איז געשטאַנען קרומלעך, און עפּעס ווי אָנגערויטלט, ווי זי וואָלט פֿאַרלוירן איר גאַנג צווישן די פֿלאַכע שטחים. די דערפֿלעך מיט די שטרוי־באַדעקטע כאַטעס האָבן אויסגעזען פֿונדערווייטנס ווי איבערבלייבענישן פֿון אוראַלטע ישובים. פּאַסטוכער האָבן געצונדן אַ פֿייער אויף אַ לאָנקע. דער רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן גלייך, ווי פֿון אַ מזבח. פֿון אַן אָפֿענעם קאַפּעל האָט אַרויסגעקוקט די הייליקע מאַמע מיטן יעזוס־קינד. דער שניצער, וואָס האָט זי געשניצט, האָט איר פֿאַרהויבן דעם בויך פֿון פֿאָרנט ווי ביי אַ מעוברתער. אונטן האָט געברענט אַ ליכטל. די לופֿט האָט געשמעקט מיט קי־מיסט, וואָרצלען און דער מאָגערקייט פֿון ערבֿ־שניט. אַ פֿאַרצייטיקע שלווה האָט געהויכט פֿון די ווייסע בעריאָזעס, וואָס האָבן געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק, פֿון די קורץ־שטאַמיקע ליפּעס, די זילבער־גרויע ווערבעס, איינגעבויגענע ווי זקנים, מיט בערד ביז אַראָפּ.

איידל איז נישט געהאַט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. זי איז איצט געלעגן אין שטרוי, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ קישעלע, און זי האָט געדרימלט.

דער בעל־עגלה — אַ קליין יידל מיט ברייטע פּלייצעס, אין אַ שעפּסן־היטל — איז געזעסן פֿון פֿאָרנט אַ פֿאַרגליווערטער. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי איז ער איינגעשלאָפֿן, אָדער ער טראַכט זיינע מחשבות. דאָס פֿערדל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשפּאַנט טריט ביי טריט. ביים ברעג־וואַלד האָט עוזר־העשל דערזען אַ לאַגער פֿון ציגיינער. אַ נידעריקער פֿאַרשוין מיט אַ ברייטער פּעך־שוואַרצער באָרד און מיט פֿייערדיקע אויגן האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ קופּערנער פֿאַן. קינדער זיינען אַרומגעלאָפֿן אין דער זון מוטער־נאַקעט. ווייבער אין פֿאַרביקע סיצן, וואָס אַזוינע האָבן נאָר ציגיינערס, האָבן געקאָכט טעפּ אויף פֿייערן, וואָס האָבן געברענט אין גריבער. אין אויסלאַנד האָט עוזר־העשל קיינמאָל נישט געהאַט באַגעגנט קיין ציגיינער. זיי זיינען געווען פֿאַר אים אַן אָנזאָג פֿון היים.

דער וואָגן איז אַריין אין וואַלד, און ס׳איז געוואָרן טונקעלער. די יאָדלעס פֿון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען פֿאַרגליווערטע, פֿאַרקלערט אין דער אייגענער גרינקייט. אַ פֿויגל האָט געשפּילט. אַ קוקו האָט געקוקועט. דאָס פֿערדל האָט מיט אַמאָל אויסגעשפּיצט די אויערן, געבליבן שטיין, ווי פֿאַר אַ סכנה, וואָס ס׳קאָן בלויז אַנען אַ בעל־חי. דער אָנטרייבער האָט זיך ווי אויפֿגעוועקט:

— וויאָ, מאלא!...

עוזר־העשל איז געזעסן אויף אַ זעקל היי, געגאַפּט פֿאַר זיך. ער איז ווידער אין די אַלטע מקומות. ער דערנענטערט זיך קיין קליין־טערעשפּאָל. ער איז געהאַט אַ היפּש ביסל דורכגעגאַנגען אין די קנאַפּע דריי יאָר זינט ער איז אַוועק קיין וואַרשע. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין הדסהן, אַנטלאָפֿן איבער דער גרענעץ, חתונה געהאַט קעגן דעם אייגענעם ווילן מיט אידלען, שטודירט אין אוניווערסיטעט. יקותיאל זייגערמאַכער האָט אים געשריבן, אַז די בחורים אין שטעטל זיינען אים אַלע מקנא. ער האָט זיך אַרויסגעריסן קיין אייראָפּע! איצט האָט ער זיך צוריק אומגעקערט. דער אָנצוג איז געוואָרן אויפֿן וועג צעקנייטשט, באַהאָנגען מיט שטרויעלעך און הייעלעך. נישט צו דערצערנען די מאַמען און דעם זיידן, האָט ער זיך אַ פּאָר טעג נישט געהאַט ראַזירט און ס׳איז אים אָנגעוואָקסן אַ שטעכיק בערדל. פֿון נישט שלאָפֿן זיינען אים די אויגן געווען אָנגערויטלט. פֿון עסן אין די וואָקזאַלן איז אים די צונג געווען פֿאַרלייגט. וואָס האָט ער דאָ אויפֿגעטאָן? ער האָט גענומען אַ ווייב, וואָס ער האָט נישט ליב. ער האָט איבערגעריסן דעם שטודיום. ער דאַרף אין גיכן זיך שטעלן צום פּריזיוו. ער האָט געהאַט וויפֿל מאָל זיך געשוואוירן צו האַלטן די עשרת־הדברות, דער יסוד פֿון יעדער עטיק. אָבער ער פֿירט אַ ליבע מיט אַן אשת־איש. נו, און וואָס איז מיט די ייִנגלשע חלומות זיינע איבערצושאַצן אַלע ווערטען, צו געפֿינען דעם אמת, אויסצולייזן די וועלט? די דערקענטעניש־טעאָריעס פֿון קאַנט, פֿיכטע, העגעל, שאָפּענהויער, האָבן אַלץ חרוב געמאַכט, גאָרנישט אויפֿגעבויט. דער פּאַנטעאיזם איז דער איינציקער גייסטיקער פֿונדאַמענט. אָבער ווי בויט מען אויף אים? ווען אַלץ איז געטלעך, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט? פֿאַר וואָס קעמפֿן? צו וואָס שטרעבן? ווי פּאָרן זיך שפּינאָזאַ און דאַרווין? וואָס פֿאַר אַן אָרט איז פֿאַראַן אין די אייביקע געזעצן פֿאַר משיחיזם און גאולה?

ער האָט געוואָלט צונויפֿנעמען דעם געדאַנק, טראַכטן דורכאויס וועגן תּוך־זאַכן. אָבער אַלערליי דמיונות זיינען אים געלאָפֿן דורכן מוח. ווען ער שטעקט איצט אַריין די האַנט אין דעם זעקל היי און געפֿינט אַ מיליאָן רובל!... ווען ער, עוזר־העשל, באַקומט אַזאַ וואָסערל, וואָס אַז מ׳טרינקט עס, ווערט מען אַלוויסנד!... ווען ער בויט אויף שטילערהייט אַזאַ לופֿט־מאַשין, וואָס מ׳קאָן מיט איר פֿליען צו די פּלאַנעטן און אַפֿילו ווייטער, צו די פֿיקס־שטערן!... ער וואָלט איבערגעלאָזט אַן אוצר דער מאַמען, דינהלען, איידלען, און מיט הדסהן וואָלט ער אַוועק אויפֿן מאַרס. ניין, ער וואָלט נישט איבערגעלאָזט די ערד אויף הפֿקר. ער וואָלט צוריקגעגעבן יידן ארץ־ישראל. ער וואָלט איינגעפֿירט יושר. ער וואָלט געשאַפֿן אַזאַ אָרדענונג, אַז יעדער איינער זאָל אַרויסקריגן פֿון לעבן דעם מאַקסימום געניוס. נו, און וואָס איז מיט די חיות? פֿאַרוואָס דאַרפֿן זיי אַזויפֿיל ליידן? און וואָס איז מיט איידלען? קיין שום אוצר וואָלט זי נישט באַפֿרידיקט. זי וויל אים, עוזר־העשלען!...

גלייך איידל וואָלט מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם חוש דערשפּירט זיינע רעיונות, האָט זי זיך איבערגעוועקט און אויפֿגעזעצט. פֿון צופּרעסן דאָס פּנים צום שטרוי, זיינען איר אויף די באַקן געשטאַנען רויטלעכע שראַמען. די האָר זיינען איר געוואָרן צעשויבערט. זי האָט פֿלינק פֿאַרריכט די פֿריזור און קונציק אַריינגע־שטעקט הינטנאָרום האָרנאָדלען. זי האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזע און אַ קלייד מיט ווייסע און שוואַרצע קראַטקעלעך. זי האָט אָנגעקוקט עוזר־העשלען מיט אַ פּאָר געלע אויגן.

— וואו זיינען מיר, האַ?...

— מיר דערנעענטערן זיך שוין קיין קליין־טערעשפּאָל!...

— וואו איז מיין טאַש? וואו איז מיין קאַם? זע נאָר, וואָס ס׳איז געוואָרן פֿון די וואַליזעס! אַזוינע וואַנדאַלן!...

איידל איז גלייך אויפֿגעקומען מיט פּרעטענסיעס. וואָס שלעפּט ער זי איבער די פֿאַרוואָרפֿענע העקן? וואָס טויג איר קליין־טערעשפּאָל? זייער לעבן צוזאַמען איז סיי־ווי אַן אומזין! וואָס האָט ער איבערהויפּט געוואָלט פֿון אירע יאָרן? זי ווייסט גאַנץ גוט צו וואָס ער איז געקומען קיין פּוילן. זי איז משוגע, ווייטער גאָרנישט. זי האָט געדאַרפֿט פֿאָרן דירעקט קיין וואַרשע, און אים לאָזן לויפֿן וואו ער וויל! גאָט אין הימל, ער האָט זי אַריינגעפּלאָנטערט אין אַזאַ נעץ, אַז זי ווייסט אַליין מער נישט ווי אַזוי אַרויסצוקריכן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען זי טרינקט אויס אַ פֿלעשל יאָדינע און מאַכט אַן עק צו די בזיונות!...

גערעדט האָט זי דאָס אַלץ אויף דייטש, דער בעל־עגלה זאָל נישט פֿאַרשטיין. די ווערטער זיינען געפֿאַלן פֿון אירע ליפּן שפּיציקע. בעת זי האָט גערעדט, האָט זיך אַלץ באַוועגט: דער האַלדז, די קינבאַקן, די שלייפֿן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך ביי איר געטאָן אַ פֿאַרשאַרץ די אויבערשטע ליפּ, און ס׳האָבן זיך באַוויזן די שמאָלע ציין, שיטערע און שאַרפֿע.

עוזר־העשל האָט זי אָנגעקוקט און געשוויגן. וואָס איז דער זין פֿון די אַלע רייד? זיי האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך. ער האָט געזאָלט זי פֿאַרשטעלן פֿאַר דער משפּחה. ער האָט זיך אונטערגענומען צו בלייבן מיט איר אַ פּאָר טעג אין

וואַרשע ביים שטיף־פֿעטער. אַלדאָס איבעריקע איז אומזיסטע רייד. זי האָט באַלד אונטער דער חופּה געוואוסט, אַז ער האָט ליב הדסהן, נישט זי, איידלען. זי אַליין האָט אָנגערופֿן דעם צונויפֿקום זייערן: אַן עקספּערימענט פֿון הייראַט אָן ליבע... ער קאָן דאָס איר ווייזן שוואַרץ־אויף־ווייס, אין איר אייגענער האַנטשריפֿט...

די פֿור איז אַריינגעפֿאָרן קיין קליין־טערעשפּאָל. פֿריער איז מען פֿאַרביי די גוישע גאַס. די ווייס־געמאָלטע הייזלעך זיינען געשטאַנען אָפּגערוקט איינס פֿון אַנדערן, מיט גערטנדלעך אין מיטן. דאָ און דאָרט האָט זיך צווישן צוויי הייזער דורכגעריסן אַ קאַרטאָפֿל־פֿעלד. די פֿענסטערלעך זיינען געווען פֿאַרהאָנגען מיט פֿאָרהענגלעך, באַשטעלט מיט בלומען־טעפּ. דאָ און דאָרט האָט אַ קעצל זיך געוואַרעמט הינטער די שייבלעך. אַ באָרוועסע שיקסע האָט אָנגעשעפּט אין ברונעם אַן עמער וואַסער. זי האָט זיך טיף אָנגעבויגן און ס'האָבן אַרויסגעקוקט די שפּיצעלעך פֿון דער האַלקע. פֿאַר אַ טיר איז אַרויסגעקומען אַ דיקע גויע מיט צוויי קודלאַטע הינט. אין עק גאַס איז געשטאַנען די קירך מיט די צוויי שפּיצן. צוויי באַגילדטע צלמים האָבן געלויכטן אַקעגן דער זון ווי פֿייער. פֿון הינטער אַ גאָרטן מיט קאַשטאַן־ביימער האָט אָפּגעקוקט די צערקווע, די ווענט באַמאָלט מיט בערדיקע אַפּאָסטאָלן. באַלד האָט דער וואָגן זיך אַריינגעדרייט אין מאַרק. די הייזער זיינען דאָ געווען העכערע, אָפּגעריסענע, צוגעדריקט איינס צום אַנדערן, מיט געוועלבער און שטעלעכלעך. די סחורה אין די קראָמען איז געווען אַ געמישטע: שניט־סחורה און אייזערנע טעפּ, נאַפֿט און שרייבגעצייג, לעדער און בעזעמס. אויפֿן זייגער אין טורעמל פֿון מאַגיסטראַט האָבן די ווייזערס זינט כּמה יאָרן געוויזן צוועלף. ביי יקותיאל זייגערמאַכערס געוועלב האָט עוזר־העשל געהייסן זיך אָפּשטעלן. יקותיאל זייגערמאַכער איז אַרויסגעקומען, אַ קליינער, מיט אַ קרומער פּלייצע, וואָס איז כּמעט געווען אַ הויקער, אין אַ ריפּסן רעקל, געשטרייפֿטע הויזן און אין אַ זיידן קאַפּעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ. איבערן לינקן אויג איז געזעסן אַ שפּאַקטיוול. יקותיאל איז געבליבן ווי אָן לשון. עוזר־העשל איז אַראָפּ פֿון דער פֿור.

— גלויבט מיר, איר דערקאָנט מיך נישט!

— עוזר־העשל!...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען שטומערהייט.

— ראות פּניך לא פּללתי!... האָסט אַפֿילו נישט צו וויסן געטאָן, אַז דו קומסט!... דאָס איז אַוודאי דיין פֿרוי —

— איידל, דאָס איז ר' יקותיאל הורוויץ. כ'האָב דיר דערציילט וועגן אים —

— כ'קאָן אייער מאַן פֿאַר אייך. כ'בין געווען אויף זיין ברית...

עוזר־העשל האָט צוגעזאָגט שפּעטער צוצוקומען. ער איז צוריק איינגעזעסן. באַלד איז מען אַריינגעפֿאָרן אין שול־גאַס. מ'האָט אַלץ דערזען מיט אַמאָל: די אַלטע שול, וואָס איז געווען טיף איינגעגראָבן אין דער ערד, ווי ס'שטייט: ממעמקים קראתיך ה'; דאָס באָד, דאָס הקדש, די שטאָטישע בתי־כּסא. דאָס קהלשע הויז, וואו דער זיידע האָט געוואוינט, איז אין די פּאָר יאָר געוואָרן האַלב־איינגעזונקען. די פֿענסטער זיינען געזעסן קרום און משונה נידעריק. פֿון

קוימען איז אויפֿגעגאַנגען אַ ווייס רויכל. עמעץ איז, אַפּנים, געלאָפֿן אָנזאָגן דער משפּחה די בשורה, ווייל פֿאַר דער טיר זיינען אַרויס דריי ווייבער: די מאַמע, די באָבע און דינהלע, עוזר־העשלס שוועסטער. דער באָבעס רוקן איז געוואָרן קיילעכיק, דאָס פּנימל — איינגעדאַרט ווי אַ פֿייג, פֿול מיט קנייטשן. אונטער די טריבע אויגן זיינען געשטאַנען געלע רינגען. אויפֿן שפּיציקן געמבעלע איז געוואַקסן אַ ווייס בערדל. זי האָט געטאָן אַ קוק איבער די שפּאַקולן, אַ שאָקל געטאָן מיטן טשיפּיק.

— דאָס ביסט דו? אָסור צי כ׳דערקאָן דיך! אַ וואָרער דאַטש!

די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ סאָרט שטוב־ראָק, אין שטעק־שיך מיט ווייסע זאָקן און אין אַ טיכל איבערן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. דער קין איז אין די פּאָר יאָר געוואָרן שמאָלער, די נאָז — שאַרפֿער. אין די אויגן־ווינקלען זיינען גע־שטאַנען נעצן קנייטשעלעך. ווען זי האָט דערזען עוזר־העשלען, האָט זי געטאָן אַ שפּרייט אויס די הענט. דאָס בלאַסע פּנים האָט גענומען פֿלאַמען ווי פֿון בושה.

— קינד מיינס! אַז כ׳האָב דאָס דערלעבט!...

עוזר־העשל האָט זי געקושט אין די גערונצלטע באַקן. זי איז געוואָרן אין זיינע אָרעמס משונה־דין און גרינג. ס׳האָט געשמעקט פֿון איר מיט בעטגעוואַנט און רפֿואות. די ליפּן זיינען אים געוואָרן פֿייכט און געזאַלצן. דינהלע האָט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט. דער מאַן, מנשה־דודל, איז גראָד נישט געווען אין שטאָט. זי איז געוואָרן פֿאַרענדערט נישט צום דערקאָנען. זי האָט געטראָגן אַ לויז קלייד און אַ ברייט שייטל. זי איז געוואָרן דיקער, און עפּעס ווי קלענער. אַ צערודערטקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע וואַסערדיקע אויגן, די דער־שראָקנקייט פֿון עמעצן, וואָס איז געבליבן אין אַ קלעם.

— מאַמע, קוקטץ עים נאָר אָן!...

— דאָס איז מיין פֿרוי, אײדל — האָט עוזר־העשל געזאָגט אי צו דער מאַמען, אי צו דער שוועסטער.

פֿינקל האָט זיך געגעבן אַ וואַקל. זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אײדל האָט נאָך אַ קווענקלעניש זיך מיט איר צעקושט.

— די שוויגער זעט אויס געזונט ווי עוזר־העשל. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

— אַז דו ביסט עוזר־העשלס ווייב, ביסטו מיין טאָכטער!...

— עוזר־העשל האָט אונדז אַלץ געשריבן — האָט דינהלע זיך אָנגערופֿן צו אײדלען — ס׳קומט מיר פֿאַר אַזוי אויסטערליש! ווי לאַנג איז דאָ, אַז מיר האָבן ביידע זיך געשפּילט אין שטיינדלעך?

און זי האָט זיך געטאָן אַ טאַפּ מיט די ברעגן פֿינגער ביים פֿלעכט, ווי צו ווייזן, אַז מ׳האָט איר אָפּגעשוירן די האָר, זי איז שוין אַ ווייבל און טראָגט שוין אַ שייטל.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳איז זיך אָנגעלאָפֿן די גאַנצע משפּחה: דער פֿעטער צדוק, די מומע זיסל, דער פֿעטער לוי־מאיר, די מומע מינדל, די שוועסטער־קינדער. ס׳זיינען אויך אָנגעקומען שכנים און שכנטעס. דער באָבעס קיך איז געוואָרן פֿול מיט קושעניש, ווינטשעניש, באַהאַרצטע רייד. דער בעל־עגלה האָט דערווייל אָפּגעלאָדן אײדלס גרויסן קופֿערט און די פֿיר וואַליזעס,

באַקלעפּט מיט קוויטלעך פֿון צאָל־אַמטן. ס׳האָט געגומען שמעקן מיט קוכן, פֿריש־געוואָלענער מילך און קאַווע. אויפֿן דרייפֿוס, אונטער דער קאַפּע, האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ פֿייער. מ׳האָט דאָ זומער נישט געברענט מיט קיין שייטלעך האָלץ, נאָר מיט סאָסנע־צווייגלעך און שישקעס, וואָס די מיידלעך האָבן אָנגעטראָגן פֿון וואַלד.

## 3

אין דער פּוילישער צייטונג, וואָס איז אָנגעקומען אַהער פֿון לובלין, איז געשטאַנען, אַז אין סאַראַיעוואָ האָט אַ סערבישער סטודענט געשאָסן דעם עסטרייכישן קרוין־פּרינץ און זיין ווייב, און אַז דער עסטרייכישער קייסער, פֿראַנץ יאָזעף, האָט געשיקט אַ נאָטע צו די סערבן. דער דאָקטאָר, דער אַפּטייקער און דער פֿעלדשער האָבן גערעדט דערוועגן אין אָוונט, בעת זיי און זייערע ווייבער האָבן געטרונקען טיי פֿון סאַמאָוואָר און געשפּילט אין קאָרטן. אָבער צו די פּשוטע יידן איז די נייעס נישט דערגאַנגען. מאַלע וואָס ס׳טוט זיך אין די גרויסע שטעט! קליין־טערעשפּאָל איז געלעגן ווייט פֿון אַ באַן, אַרומגערינגלט מיט סאָסנע־וועלדער. מ׳האָט זיך דאָ געפֿירט אויפֿן אַלטן שטייגער. פֿאַרנאַכט האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק אין קלויסטער. דאָס האָט מען גערופֿן די גויים אויף מעסע. פֿון דער גוישער גאַס האָבן געגומען אָנקומען גויעס אין לאַנגע שוואַרצע קליידער, אין אַלט־מאָדישע שיך מיט שפּיצן און נידעריקע קנאָפּלען, מיט פֿאַטשערקעס און צלמים אויף די העלדזער, די קעפּ אַרומגעוויקלט מיט שוואַרצע שאַלן. אין די הענט האָבן זיי געטראָגן גאָלד־געליישטע טריף־פּסולן. יידן, להבדיל, האָבן זיך געלאָזט גיין אין שול, אין בית־מדרש, אין די חסידים־שטיבלעך. באָרוועסע פּאַסטוכער האָבן צוריקגעטריבן די קי פֿון דער פּאַשע. די געסלעך זיינען געוואָרן פֿול מיט פּלעץ קי־מיסט. די באַלעבאָסטעס און שטוב־מיידלעך האָבן אַרויסגענומען די שקאָפּעקס, זיך אָוועקגעזעצט מעלקן. אין די קיכן און אויוונס האָט מען אָנגעצונדן פֿייערן. די זון האָט זיך שוין געזעצט הינטערן וואַלד, אָבער דער מערב איז פֿול געווען מיט פֿייערדיקע וואָלקנס. אַקעגן איז שוין באַצייטנס אַרויס די פֿולע לבנה. די סאָסנע־וועלדער, וואָס האָבן אַרומגענומען קליין־טערעשפּאָל, ווי אַ גאַרטל, זיינען געוואָרן פּורפּורן און בלוילעך. ביים טייכל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט האַלב־שוואַרץ, האַלב־ראָז, האָבן זיך געקייקלט קנוילן נעפּל, ווייסע ווי מילך. אַ שטיל קלינגעניש האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט, ווי פֿון אַ באַשעפֿעניש מיט גלעקעלעך צווישן די פֿליגל. דער אַוויר איז פֿול געווען מיט זשומעניש, זשוזשעניש, פֿלאַטערניש. די פֿעטערס, די מומעס, די שוועסטער־קינדער, זיינען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען. די מאַמע האָט באַקומען אַ קאָפּ־ווייטאָג און זי האָט זיך צוגעלייגט אויפֿן בעט. דינהלע האָט געקאָכט נאַכטמאָל. די באָבע האָט זיך געשטעלט דאַווענען פֿון קרבן־מנחה־סידור. איידל איז געהאַט אַוועק אין דעם הינטערשטן שטיבל, וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן דעם פֿאָרפֿאָלק. עוזר־העשל איז אַרויס אויף דעם הייפֿל הינטערן הייזל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פֿון שולהויף מיט אַ צוים. דעם

זיידנס הייפל איז פֿול געווען מיט אַלערליי געוויקסן. אין דעם עפּלבוים, וואָס האָט אַרויסגעגעבן עפּעלעך שפּעט אין זומער, האָבן די בלעטלעך געגליט ווי פֿלעמלעך. די קראָפּיווע איז געשטאַנען הויך ווי אַ מענטש. צווישן די גראָזן און קרייטעכצער האָבן אַפּערגעקוקט געלע בלימלעך, פּוך־בלימלעך, אַלערליי שפּראָצעכצער, וואָס עוזר־העשל האָט נישט געוואוסט זייער נאָמען. דער באָדן האָט געשאָרכט פֿון פֿעלדמייז, מוילוואָרפֿן, גרילן, כּלערליי שרצים און ווערים, וואָס האָבן זיך דאָ געווידמעט. עוזר־העשל איז געשטאַנען און געקוקט פֿאַר זיך. אין די פּאָר שעה, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט מיט דער משפּחה, האָט ער זיך געהאַט אָנגעהערט אַ סך ווילדע זאַכן. דער פֿעטער צדוק האָט פֿאַרגעהאַלטן דעם ברודער לוי־מאיר, אַז ער גראָבט אויף אים און וויל אים צונעמען דאָס רבנות נאָך הונדערט יאָר. די מומע מינדל האָט באַשולדיקט די מומע זיסל, אַז זי האָט איר אָנגעטאָן אַ כּישוף. זי זאָל איר האָבן אַריינגעלייגט אין קופּערט אַ קאָלטן און אַ בעזעם. די מיידלעך האָבן געפּירט צווישן זיך ברוגזן. די בחורים האָבן אויסגערעדט איינער אויפֿן אַנדערן. ווי קליין דער ישוב איז, אַזוי איז ער פֿול מיט כּעס, מחלוקת, חשד, האַרץ־דריקעניש. די מאַמע האָט אים איינגערוימט אין אויער, אַז די שוועגערינס זיינען איר דם־שונאים.

— מ'עסט מיך מיט די אויגן. — האָט זי אים געזאָגט — וואָס זיי ווינטשן מיר, זאָל פֿאַלן אויף אַלע ווייסטע פֿעלדער...

עוזר־העשל האָט געכאַפּט אַ קוק אין דעם פֿענסטער פֿון לעצטן שטיבל. ס'האָט שוין דאָרט געברענט אַ ליכט. איידל איז געשטאַנען און אויסגעפּאַקט דעם קופֿערט, אַשטייגער ווי זי וואָלט זיך געגרייט דאָ צו בלייבן וואָכן. ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו קוקן אויף איר ווי זי איז אַליין מיט זיך. אַקעגן דער שיין פֿון ליכטל האָט דאָס פּנים אויסגעזען משונה־ערנסט. אונטער די אויגן זיינען געשטאַנען טונקעלע רעדער. דער שמאָלער שטערן האָט זיך געקנייטשט. זי האָט אַרויסגענומען אַ ווייסע זאַך, געקוקט דערויף, זיך געקווענקלט, צוריק אַריינגעלייגט. ס'איז געווען מאָדנע צו טראַכטן, אַז די דאָזיקע פֿרוי איז זיין ווייב. זי האָט פֿאַרבונדן איר שיקזאַל מיט זיינעם...

ווי עוזר־העשל איז דאָ אַזוי געשטאַנען און געטראַכט זיינע רעיונות האָט זיך באַוויזן דער זיידע. ער איז אויסגעוואַקסן פּלוצים, ווי אַ געשטאַלט נישט פֿון דער־וועלט. דער ספּאָדיק איז געווען פֿאַררוקט, די זשופּיצע צעקנעפּלט, די ציצית האָבן זיך געשאָקלט איבער די ווייסע הויזן און זאָקן. די באָרד איז געהאָנגען קרום, ווי אין ווינט. ער האָט געטאָן אַ שפּאַן לינקס, זיך פֿאַרדרייט רעכטס, געבליבן שטיין נעבן עוזר־העשלען. עוזר־העשל האָט זיך געטאָן אַ רוק אויף צוריק, ווי צו אַנטלויפֿן.

— דאָס ביסט דו, האַ? ווי הייסטו דאָרט? עוזר־העשל.

— יאָ, זיידע.

— נו, שלום־עליכם. ביסט, דוכט זיך, אויפֿגעוואַקסן.

— קאָן זיין.

— כ'ווייס אַלץ. האָסט חתונה געהאַט. ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו. נו, מזל־טוב. כ'האָב דיר נאָך ניש' געגעבן קיין דרשה־געשאַנק...

— ס׳מאַכט נישט אויס.

— האָסט אַוודאי נישט געזאָגט קאַ׳ דרשה, האַ?

— ס׳איז געווען אַ שטילע חתונה.

— האָסט זי כאָטש מקדש געווען כּדת־משה־וישראל?

— יאָ, זיידע. זי שטאַמט פֿון אַ פֿרומער משפּחה.

— ס׳איז דען ביי דיר אַ מעלה?

— אַוודאי.

— ווי קומט עס? ביסט, אַפּנים, ניש׳ קאַ׳ כּופֿר־הכּל, נאָר אַ מודה־במקצת...

— כ׳לייקן נישט אין גאָט.

— אין וואָס־זשע לייקנסטו?

— אין מענטשן.

— מיינסט אין תּורת־משה?

עוזר־העשל האָט געשוויגן.

— כ׳וויס, כ׳וויס, די אַלע טענות. ס׳איז דאָ אַ בורא, נאָר ער האָט זיך צו קיינעם נישט מגלה געווען. משה שקרן היה. אַנדערע ווידער זאָגן, אַז דער דרך הטבע איז אלקות. דער סך־הכּל איז: מ׳מעג אַלץ. דאָס איז דער עיקר!...

— ניין, זיידע.

— כ׳גיי דאַווענען מנחה. אויב דו ווילסט, קום מיט. וואָס קאָנסטו דאָ פֿאַרלירן?

— יאָ, זיידע. אַדרבה.

— זאָל מען זען, אַז ביסט נאָך אַ שטיקל ייד.

ר׳ דן האָט אים אָנגענומען ביים אַרבל און ביידע האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען מיטן שול־הויף. יידן, בחורים, יינגלעך, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט פֿאַרגאַפֿטע. זיידע און אייניקל זיינען פֿאַרביי דעם פּאָליש, געוואַשן די הענט ביים קופּערנעם האַנטפֿאַס, אַריין אין בית־מדרש. אין ששה־נרות האָט געצאַנקט אַ ליכט. די זיילן פֿון באַלעמער האָבן געוואָרפֿן לאַנגע שאָטנס. די פּאָליצעס זיינען פֿול געווען מיט ספֿרים ביז אַרויף. אַרום די טישן זיינען נאָך געזעסן לערנערס און קעגן דער מטושטשער שיין געפּרוּווט צולערנען צו אַן ענין. דאַווענער האָבן געשפּאַנט אַהין־און־צוריק, געזאָגט קרבנות, אשרי. אַ בחור מיט צעשויבערטע פּאות האָט זיך געשאָקלט אין אַ ווינקל, געפֿאָכעט מיט די הענט. אַן אַלטער ייד האָט אַרומגעוויקלט די לענדן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע. פֿון שוויתי האָט אַפּערגעלויכטן די רויטע אויפֿשריפֿט: שוויתי ה׳ לנגדי תּמיד. אויפֿן געזימס פֿון אָרון־קודש האָבן צוויי באַגילדטע לייבן אונטערגעשפּאַרט די לוחות. פֿון די ווענט האָט אַראָפּגעקוקט אַ מודים, אַ כּגונא, אַ קדיש־דרבנן. עס האָט דאָ געשמעקט מיט חלב, שטויב, תּענית און נצח ישראל. פֿון אַלע זייטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער עולם אָפּגעבן שלום־עליכם. עוזר־העשל איז גע־שטאַנען אַ פֿאַרשטומטער. אַלץ, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין די פֿרעמדע מקומות, איז אין בין־השמשות געוואָרן צונישט. די צייט איז געוואָרן צערונען, ווי אַ פֿאַרבלענדעניש. דאָס איז די אמתע היים — איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן מוח. — אַהער וועל איך אַנטלויפֿן אַז ס׳עט זיין כּלו כּל הקיצין...

# 4

נאָך מעריב איז עוזר־העשל געגאַנגען מיט דעם זיידן אַהיים. אין בית־דין שטוב האָט דער נאָפט־לאָמפּ געברענט אַריינגערוקט אונטער דער מילך־שיין. ר׳ דן האָט אויפֿגעדרייט די קנויט אין ברענער און ס׳איז געוואָרן ליכ־טיקער. עוזר־העשל האָט זיך אַרומגעקוקט. ס׳איז אים געלעגן אין זינען, אַז די בית־דין־שטוב איז געראַם, נאָר זי איז מיט די יאָרן געוואָרן ווי איינגע־שרומפּן. אויפֿן באַלקן איז דער טינק געווען אָפּגעריסן און ס׳האָבן אַרויס־געקוקט די רויר־שטעקעלעך. די טאַפּעטן אויף די ווענט האָבן זיך געשיילט. דאָ און דאָרט האָט געגלאַנצט אַ ווייסלעכער שימל. אין די שטולן, וואָס זיינען איבערגעצויגן געווען מיט געלן צעטעפּעטן אַטלעס, זיינען די פֿיס געשטאַנען קרום, די אַנלענען האָבן זיך אויסגעלענקט. פֿון איבערצוג האָבן אַרויסגעקוקט די פֿערד־האָר. אויפֿן טיש זיינען געלעגן צעעפֿנטע ספֿרים, איינס אויפֿן אַנ־דערן: אַ גמרא ביצה, אַ פּני יהושע, אַ משניות מועד, אַ ספֿר העקרים און איבער אַלעמען — דער ספֿר־יצירה. דער זיידע האָט, אַפּנים, געלערנט אַ שיעור קבלה. אויף אַ בויגן פּאַפּיר, וואָס האָט אין מיטן געהאַט אַ צייכן פֿון אַ גלאָז טיי, האָט זיך געוואַלגערט אַ געגנדזענע פֿעדער און אַ שטיקל גלאָז, אויף צו פֿאַרשניצן די פּען.

ולולי דמסתפינא הייתי אומר דהראב״ד ז״ל לא הבין כוונת הרי״ף.

— דער זיידע שרייבט נאָך אַלץ חידושים? — האָט עוזר־העשל אַ פֿרעג געטאָן, און ס׳האָבן אים גלייך באַנג געטאָן די אייגענע רייד.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן? גיין אין שענק?

— אַ חידוש, דער זיידע גיט ניש׳, אַרויס קאַ׳ חיבור.

— פֿאַר וועמען? אַז מ׳וואַרפֿט אַוועק דאָס לערנען! קוקסט נאָך אַמאָל אַריין אין אַ יידיש ספֿר, האַ?

— אַמאָל.

— וואָס־זשע לערנסטו? אַלץ די ביכער?

עוזר־העשל האָט געשוויגן.

— זעץ דיך. האָב ניש׳ קאַ׳ מורא. כ׳על דיך ניש׳ מוסרן. אַז מ׳האָט ניש׳ קאַ׳ן אמונה, וואָס איז שייך מוסר?

— כ׳בין ניש׳ אַזאַ אַפּיקורס.

— זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס האַלטן זיי, די היינטיקע חוקרים? ווער האָט פֿאָרט באַשאַפֿן די וועלט?

עוזר־העשל האָט אַ קוק געטאָן צו דער טיר.

— דער זיידע וויל האָבן אַ וויכּוח?

— כ׳וויל פּשוט וויסן. ודע מה שתשיב. זיי טענהן נאָך אַלץ, אַז די וועלט איז אַ קדמון?

— יאָ, כּמעט.

— וואָס הייסט כּמעט?

— זיי זאָגן, אַז אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט.

— וואָס איז דער טייטש אַנטוויקלט?

— דער זיידע וועט ניש׳ זיין בייז?

— ניין. כ׳הייס דאָך דיך.

— זיי רעכענען, אַז פֿריער איז דער גאַנצער שטאָף געווען ווי אַ נעפּל, וואָס האָט אויסגעפּילט דעם שטח. דערנאָך זיינען אַנטשטאַנען קנוילן. דורכן כּוח המושך זיינען געוואָרן די הימלישע קערפּערס —

— מיינסט פֿון חומר היולי?

— מ׳קאָן עס אַזוי אויך אָנרופֿן.

— און ווער האָט באַשאַפֿן דעם נעפּל?

— ער איז געווען פֿון אייביק אויף.

— דאָס האָט דאָך נאָך געבילט אַריסטו —

— די היינטיקע האַלטן דאָס אויך.

— און פֿון וואָס האָט זיך גענומען די צורה? ווי אַזוי זיינען אויפֿגעקומען די ברואים?

— פֿון זיך אַליין.

— וואָס איז דער פּשט: פֿון זיך אַליין?

— פֿריער איז אַרויסגעקומען אַ באַקטעריע, אַ פּיצעלע באַשעפֿענישל, פֿון איין קעמערל. ביסלעכווייז האָבן זיך צונויפֿגענומען אַ סך אַזוינע און ס׳זיינען געוואָרן גרעסערע באַשעפֿענישן.

— און פֿון וואַנען האָט זיך גענומען, ווי הייסט עס דאָרט, דער ערשטער — ווי רופֿסטו עס?

— דאָס ווייסט מען נישט.

— אויב אַזוי, איז דאָך מעיקרא דדינא פּורכא!...

— מ׳זוכט.

— ווי לאַנג ט׳מען אַזוי זוכן?

— ביז מ׳עט געפֿינען.

— און אַז מ׳עט קיינמאָל ניש׳ געפֿינען?

— איז פֿאַרפֿאַלן.

— און וואָס זאָל מען טאָן דערווייל? גיין אין טריאַטער?

— ווי איינער.

— הלמאי ניש׳ הרגענען אַ מענטש?

— דאָס טאָר מען נישט!

— פֿאַרוואָס נישט? אויב ס׳איז לית דין ולית דיין, מעג מען אַלץ!

— דאָס איז געגן די מדות.

— אַז ס׳איז נישטאָ קאַ׳ מנהיג, צו וואָס טויגן מדות?

— ס׳איז אַן אינערלעך געבאָט.

— מיינסט אַ טבע?

— ס׳איז דאָ אין אונדז אַ כּוח, וואָס זאָגט, אַז מ׳טאָר נישט.

— פֿון וועמען שטאַמט דער כּוח? ער מוז דאָך האָבן אַ שורש!

— ער איז אַ טייל פֿון פֿאַרשטאַנד.

— כ'הער, די אַלע חכמים זיינען רוצחים און נואפים.

— וואו האָט דער זיידע געהערט?

— אַז איין פריץ פאָרט אַוועק אויף יאַגד, נעמט אים דער אַנדערער צו ס'ווייב. אַז ער קומט צוריק, שיסט ער אים מיט אַ ביקס.

— ס'טרעפט.

— אויב אַלץ איז הפקר, איז כל דאלים גבר... כ'וויל דיך נאָך פרעגן איין קשיא.

— וואָס איז די קשיא?

— אַז גלויבסט נישט אין תורת משה, צו וואָס ביסטו אַ ייד?

עוזר־העשל האָט אַפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

— מיר יידן זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער.

— די פעלקער האָבן עולם־הזה און מיר ווערן פאַרשוואַרצט.

— דאַרף מען זען, מיר זאָלן אויך האָבן עולם־הזה.

— ס'טייטש, ווי אַזוי? איין שעפּעלע צ'ישן זיבעציק וועלף!

— אַז מיר'ן קריגן אַ לאַנד, וועלן מיר ניש' זיין קאַ' שעפּעלעך.

— וואָס פאַר אַ לאַנד? ארץ־ישראל?

— יאָ.

— וואָס עפּעס גראַד ארץ־ישראל? אַז גלויבסט נישט אין ברית בין הבתרים, קאָן דאָך זיין אַן אַנדער מדינה.

— מיר האָבן דאָרט געלעבט און געשאַפן. מיר זיינען דאָרט געוואָרן אַ פאָלק.

— האַ? און אַז דער טערק ט'ניש' געבן? די ישמעאלים זיינען שטאַרקער פון אייך!

— אַז מיר'ן זיך באַזעצן, וועלן מ י ר ווערן שטאַרק.

— שטותים. אַז מ'גייט מיט כוח, וועלן די אומות גובר זיין.

— מ'האָט שוין געזאָגט תהלים אויך, הונדערטער יאָרן, און משיח איז נישט געקומען —

— אַז משיח ט'קומען, וועט זיין אויס בחירה... די, וואָס זיינען כופר, זאָלן זיך בעסער אײנגאַנצן אַפּשמדן!

— דער זיידע וויל, כ'זאָל ווערן אַ גוי?

— כ'רעד ניש' וועגן דיר... אונדזער גאַנצער קיום איז די אמונה. מ'זאָגט, אַז יידישע קינדער ווילן נעבעך אַריין אין די שקאָלעס, נאָר מ'לאָזט זיי נישט צו.

— ס'איז נאָר אין רוסלאַנד.

— וואָס איז די נפקא מינה? אַמאָל, אַז אַ ייד האָט, חס ושלום, געביטן דאָס רענדל, איז ער געוואָרן אַ שרפה. היינט, אַז ער וויל שוין, מ'שטיינס געזאָגט, אַריין אין מקום־טומאה, טרייבט מען אים אַרויס.

— אַ שקאָלע איז ניש' קאַ' מקום־טומאה.

— וואָס דען איז עס? כ'בין געווען אין לובלין און געזען זייערע תלמידים. ס'האָט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים. מ'מאַכט חוזק אויס אַ ייד. גויים. עם־הארצים.

— זיי קאָנען אַנדערע זאַכן. זיי בויען באַנען און שיפן.

— שיפן זיינען נאָך געווען פאַרצייטנס, און אַן באַנען קאָן מען זיך באַגיין.

— מ׳וויל אָבער נישט!

— האַ? דער תּכלית איז: שיכּרות, רציחה, ניאוף.

— מ׳קאָן מיט וויסן שאַפן אַ בעסערע וועלט.

— וואָס הייסט דאָס?

— מ׳זאָל נישט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן. ס׳זאָלן ניש׳ זיין אַזויפיל קבצנים.

— ס׳איז היינט דאָ מער אביונים ווי פאַר זעכציק יאָר. שנית, ס׳אַ מעשה אָן אַ סוף. וואָס טוסטו דאָרט אין דער מדינה? ווי ביסטו געקומען צו דעם שידוך?

— מיר׳ן זיך באַקענט אין וואַרשע.

— אַ פאַרליבעניש, האַ?

עוזר־העשל איז געוואָרן רויט.

— ניין. יאָ.

— זי איז אויך אַ קענערין?

— מער פון מיר.

— וואָס קען זי? לשונות?

— דייטש. פויליש. ליטעראַטור. מאַטעמאַטיק.

— עץ זיצט אַוודאי צוזאַמען און שמועסט קענטעניש — ?

— אַמאָל.

— שיק זי אַריין. כ׳האָב געמיינט כ׳על האָבן פון דיר נחת. האָסט אַלע כלים. וועסט, לכל־הפּחות, ווערן ביי זיי אַ גדול?

— כ׳ווייס נישט, זיידע. ס׳איז נישט גרינג.

— וואָס איז אַזוי שווער?

— מ׳האָט שוין דאָרט אַלץ געזאָגט. אַלע סברות.

— דאָס איז די מעשה. מיט כּפירה קאָן מען ווייט ניש׳ דערגיין, אַפילו במילי דעלמא. און וואָס ט׳זיין, אַז מ׳עט שטאַרבן? די אויפגעקלערטע לעבן דאָך אויך ניש׳ אייביק.

— ניין.

— ווי קאָן מען הנאה האָבן פון תּאוות, אַז היום כּאן ומחר בקבר?

— מ׳מאַכט זיך פאַרגעסן.

— דאָס רופט עץ עולם־הזה?

— נישטאָ קאַ׳ן אַנדערע.

— נו, מאָ. דער כּוח פון יצר־הרע ליגט, אַפנים, אין שכחה. ווי לאַנג בלייבסטו דאָ?

— איבער שבת.

— וועסט דיך שוין באַזעצן אין די היגע מקומות, אָדער צוריק אַוועק קאַ׳ן אויסלאַנד?

— כ׳וויל צוריקפאָרן, נאָר כ׳מוז מיך שטעלן צום פּריזיוו.

— וואָס איז? ווילסט דינען דעם קייסער?

— מ׳זאָגט, מ׳קאָן זיך גרינג אויסקויפן. כ׳וויל נישט בלייבן שטענדיק אין אויסלאַנד.

— לויט מיין חשבון, ביסטו שוין, קיין עין־הרע, דריי און צוואַנציק יאָר.

— מ׳האָט מיך פֿאַרשריבן שפּעט.

— אַהאַ. אייל דיך נישט. זיי דיך מיישב. מיר׳ן זיך נאָך, אם ירצה השם, זען.

— יאָ, זיידע. אַ גוטע נאַכט.

— ווּעסט אַמאָל קומען צום אמת, נאָר כ׳האָב מורא — צו־שפּעט...

עוזר־העשל איז אַרויס. אַ לאַנגע ווייל איז ער געבליבן שטיין אין פֿינסטערן קאָרידאָר. ער האָט געוואָלט אַריין אין קיך צו דער מאַמען, דער באָבען, דער שוועסטער, נאָר ס׳איז אים געווען הייס און ער איז אַרויס פֿאַר דער שוועל, צום שול־געסל. ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער. ער האָט שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ זומער־אָוונט, אַפֿילו אין די אַלפּן. דער נאַכטישער הימל איז געלעגן אַ ברייטער, אַן אויסגעלייטערטער, און ס׳זיינען אין אים אַרומגעשוואומען אַ פּאָר ווייסלעכע וואָלקנדלעך, זילבערן־העל, ווי רעשטלעך טאָג. אין אַ נעפּלדיק האַלב־ראָד, וואָס האָט אָפּגעשיינט מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן, איז געהאָנגען אַ פֿולע לבנה. טוי איז געפֿאַלן. די קאַשטאַן־ביימער פֿאַר די הייזלעך האָבן געוואָרפֿן שאָטנדיקע נעצן. בליטן זיינען געפֿלויגן ווי שנייעלעך. פֿון קוימענס זיינען אויפֿגעגאַנגען מילכיקע רויכלעך. אין די האַלב־קיילעכיקע שול־פֿענסטער האָבן געציטערט גאָלדיקע פֿלעקן. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי קומט די שיין פֿון אינעווייניק, אָדער פֿון דרויסן. קעגן דער מטושטשער שיין האָט זיך געדוכט, אַז דער פֿאַרדאַרטער בוים אויפֿן אַלטן בית־עולם איז באַדעקט מיט צוויט. גלי־ווערים האָבן זיך אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן. פֿון די נאָפּט־לעמפּלעך אין די שויבן האָבן זיך געצויגן פֿייערדיקע שטריען. פֿון די פּאָר שיטערע לאָמטערן האָבן נאָכגעהאָנגען שלעפּעס. וואו דאָס אויג האָט דער־גרייכט האָבן געלויכטן שטערן, גרויסע און קליינע, גליווערדיקע און בלינצלדיקע, צונויפֿגעלייגט ווי סגולס, צירהס, חיריקס, שוריקס, אותיות און נקודות, פֿאַר־הוילן און אויסטערליש, ווי די שמות אין זיידנס ספֿר־יצירה...

## 5

**א**ין קיך האָט מען שוין געוואַרט אויף עוזר־העשלען מיטן נאַכטמאָל. דינהלע האָט געהאַט אָפּגעקאָכט קאַשע מיט יויך, אַ שטיקל רינדערנס, פֿלוימען־צימעס. מ׳האָט געקויפֿט פֿאַר דער גאַסט ביים בעקער אַ פֿלאָם־פּלעצל. אַלע האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אים: די באָבע, די מאַמע, דינהלע, אַ דינסט־מיידל, וואָס ער האָט פֿריער נישט געזען. איידל איז שוין באַצייטנס געוואָרן היימיש. זי האָט אַרומגעוויקלט די האָר מיט אַ קאָפּטיכל און זי האָט דערפֿון באַקומען אַ צורה פֿון אַ פֿרום ווייבל. זי האָט, גלייך ווי עוזר־העשל, זיך געוואַשן צו שאו־ידיכם. זי האָט מעשה־אייגענע געעפֿנט די אַלמער, געוואַשן גלעזער, איבערגעשטעלט טעפּלעך אויף דער קיך. זי האָט געלויבט די קאַשע און דאָס פֿלייש. זי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פּרייזן און עסנוואַרג, זיך נישט געקאָנט אויסוואונדערן אויף דעם זול. די טיר האָט נישט גערוט. שכנטעס זיינען געקומען זאָגן: ליב

איך אייער גאַסט. די ווייבער האָבן געוואָלט וויסן צי די געסט בלייבן אויף שבת, מ׳זאָל זיי קאָנען שיקן קוגל. אײדל האָט פֿאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. עוזר־העשלס שוועסטער־קינדער זיינען ווידער געקומען און אײדל האָט זיי געוויזן אַן אויסגעהאָפֿטן פֿאַרטוך, וואָס זי האָט איינגעקויפֿט אין ווין. זי האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אויסלענדיש געלט און געלאָזט אַלעמען אָנקוקן. זי האָט געגעבן עוזר־העשלס מוטער אַ פּיל קעגן קאָפּ־ווייטאָג. די מאַמע האָט אָוועקגערופֿן עוזר־העשלען אין אַ ווינקל, אים איינגערוימט, אַז ער האָט איינגעהאַנדלט אַ ווייבל אַן אוצר. זי האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אים אַ צוזאָג, אַז ער׳ט זי האַלטן טייער, איר, חלילה, נישט פֿאַרשאַפֿן קיין קרענקעניש. דינהלע האָט צו אים געוואונקען מיט אַן אייגל, אַ סימן אַז די שוועגערין געפֿעלט איר. די מיידלעך און ווייבלעך האָבן געשלונגען איר יעדעס וואָרט.

די באָבע האָט געברענגט עוזר־העשלען אַ קאַפּל. אײדל האָט אים צוגעטראָגן אַ שפּיגעלע. ער האָט זיך אַליין נישט דערקאָנט. דאָס שפּראָצנדיקע בערדל און די יאַרמולקע האָבן אָפּגעווישט אַלע סימנים פֿון אייראָפּע...

אײדל האָט געגעסן און געוואָרפֿן אויף אים בליקן פֿול מיט נצחון. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי זאָגט שטומערהייט: דיין פֿאַמיליע איז אויף מיין צד... ביי זיי בין עך דיין ווייב, נישט הדסה... זי האָט נישט אויפֿגעהערט רופֿן די מאַמען שוויגער און די באָבען — עלטער־שוויגער. זי האָט זיך געשפּילט מיטן קידושין־רינגל. זי האָט אויסגערעכנט איר יחוס. די באָבע איז שוין געווען טויבלעך און אײדל האָט איר אַריינגעשריגן אין אויער. די זקנה האָט געשאָקלט מיטן באַקאַפּקעטן קעפּל. מ׳האָט דאָ מורא געהאַט, אין קליין־טערעשפּאָל, אַז עוזר־העשל זאָל, חלילה, נישט טאָן קיין פּראָסטן שידוך. דאַנקען גאָט, ער האָט נישט פֿאַרשעמט די משפּחה.

נאָכן מאָלצייט איז אײדל אַרויס מיט די ווייבער פֿאַרן הויז, אויף דער פּאָטשינע. עוזר־העשל האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך איבערגיין. ער האָט זיך געלאָזט שפּריַזן לענג־אויס דער שול־גאַס, אויפֿן וועג צום זאַמד. די גוישע הייזלעך זיינען געוואָרן שיטערער און נידעריקער, די דעכלעך באַדעקט מיט שטרוי. אויפֿן זאַמד, נישט ווייט פֿון דעם פּלאַץ, וואו ס׳זיינען אַמאָל געשטאַנען די קאַזאַרמעס, האָט עוזר־העשל דערזען אַ באַלויכטענע שטוב, די ווענט באַשטעלט מיט ספֿרים, ווי אַ חסידים־שטיבל. פֿון באַלקן האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ נאַפֿט־לאָמפּ אויף אַ דראָט. שאָטנס האָבן זיך באַוועגט אַהין־און־צוריק. זאָל דאָ זיין, הינטערן שטעטל, אַ קלויז? — האָט עוזר־העשל זיך געוואונדערט. ער איז צוגעקומען נעענטער און דערקענט די הויקערדיקע געשטאַלט פֿון יקותיאל זייגער־מאַכער. ס׳איז געווען די ביבליאָטעק. דריי טרעפּלעך האָבן אַרויפֿגעפֿירט צו דער טיר. ער האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט געטאָן אַ שטופּ די קלאַמקע און איז אַריין. ער האָט ערשט איצט באַמערקט אַ פּאָרטרעט פֿון ד״ר הערצל. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. יקותיאל האָט געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט, איז אים אַקעגנגעלאָפֿן אויף די קורצע פֿיס. ס׳האָט זיך צו אים דערנענטערט דאַוויד קאַץ, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אים באַגריסט אין מאַרק. ס׳האָבן זיך געמישט צוזאַמען בחורים, מיידלעך. די פּנימער זיינען עוזר־

העשלען געווען באַקאַנט, אָבער — אויסטערליש — ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן ס׳רוב נעמען. טייל יונגעלייט זיינען געגאַנגען לאַנגע קאַפּאָטעס, אַנדערע זיינען שוין געווען קורץ־געקליידט. עטלעכע זיינען געווען אָנגעטאָן אין אַנצוגן, שטייפֿע קעלנערלעך, קאָלירטע שניפּסלעך, נאָר מיט קליינע יידישע היטעלעך. די קאַ־מאַשן זיינען געווען אָפּגעפּוצט. אויף די וועסטלען האָבן זיך געבאָמבלט קיי־טעלעך. די מיידלעך האָבן געטראָגן סיצענע קליידער, פֿאַרביקע בלוזעס, שיך מיט הויכע כאָלעוועס. ווער עס איז געזעסן ביי אַן אָפּן בוך און ווער ס׳האָט גענישטערט צווישן די פּאַכן. אַ מויד אין אַ ריפּסענער שירץ איז געשטאַנען אויף אַ בענקל און געזוכט אין אַן אויבערשטער פּאָליצע. אין אַ ווינקל איז געווען אָנגעלענט אַ שוואַרץ ברעט, ווי אין אַ שקאָלע, און ס׳איז דערויף געווען אָנ־געצייכנט מיט קרייד: הקסת על השולחן. מ׳האָט דאָ, אַפּנים, געגעבן קורסן פֿון העברעאיש. יקותיאל האָט אַ זאָג געטאָן:

— ביסט דאָ, האַ? מיר׳ן ערשט גערעדט מ׳זאָל דיך איינלאַדן! נו, וואָס שטייסטו ביי דער טיר? ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט!...

— חברים און חברטעס, דאָס איז אונדזער חבר עוזר־העשל באַנעט פֿון דער שווייץ! — האָט אַ רוף געטאָן דאַוויד קאַץ, אָן אַ היטל און מיט אַ בליי־שטיפֿט הינטערן אויער. — מיר האָבן צוליב אייך געהאַט אַ ספּעציעלע זיצונג!

— האָט ער זיך געווענדט צו עוזר־העשלען.

— אַ שיינעם דאַנק. ס׳איז פֿאַר מיר אַ גרויסער כּבוד!

— קומט אַהער, חברים און חברטעס, שטעלטץ אייך פֿאַר!

די בחורים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די ערשטע. זיי האָבן דערלאַנגט פֿאַר־שוויצטע הענט, שטאַרק געדריקט, זיך אָנגערופֿן נישט מיט די פֿאַרנעמען, נאָר מיט די ביינעמען: ראָזנצוויג, מיצנער, בעקערמאַן, זילבערמינץ, קאַן, פּראַמפּאָלסקי, ראַפּאָפּאָרט. ס׳האָט געדויערט אַ ווייל ביז עוזר־העשל האָט זיך דערמאָנט, אַז מיצנער איז משה אייזנקרעמערס יינגסטער זון, חיים־זעליק. פּראַמ־פּאָלסקי איז דודל לייבוש בעל־עגלהס, און מיט ראַפּאָפּאָרטן איז ער געגאַנגען אין חדר צו חנא מלמד. מ׳האָט אים דאָרט גערופֿן נישט ראַפּאָפּאָרט, נאָר שעפּסל פּאַרך. ווען עוזר־העשל האָט אָנגעהויבן אויספֿרעגן וועגן דער משפּחה, האָבן די יונגעלייט גענומען זיך איבערקוקן און שמייכלען פֿאַרשעמט. מ׳האָט, אַפּנים, דאָ, אין ביבליאָטעק, געוואָלט אויסמיידן צו דערמאָנען די טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באַבעס, געסלעך, חדרים, צונעמען, די היימישע פּרנסות און די יינגלשע יאָרן, ווען מ׳האָט געוואָרפֿן שטענדערס אין בית־מדרש און זיך נאָכגעיאָגט נאָכן קהלשן צאַפּ. יעדער פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט געקאַנט עוזר־העשלען, וואָרים ער איז געווען דעם רבס אייניקל און מ׳האָט אַ סך גערעדט וועגן אים אין שטעטל. אָבער עוזר־העשל האָט שוין אין די פֿערט־האַלבן יאָר געהאַט היפּש פֿאַרגעסן. עפּעס חידושימדיקס האָט אַראָפּגעקוקט פֿון די שטערנס, אויגן, נעז, מיילער, וואָס די פֿורעמס זייערע זיינען ערגעץ־וואו געלעגן פֿאַרבאָרגן אין עוזר־העשלס זכּרון, גרייט סיי פֿאַרבלאַסט צו ווערן אויף שטענדיק, סיי אויפֿ־צושטיין תּחית־המתים. די מיידלעך האָבן זיך געהאַט צונויפֿגערוקט אין איין בינטל. זיי האָבן געשמייכלט, געכיכעט, זיך גערויטלט און געשטופּט איינע די

אַנדערע פֿאַראויס. ס׳איז עוזר־העשלען אויפֿגעפֿאַלן, אַז ס׳רוב זיינען קליין, ברייטלעך, אין נישט־געפּאַסטע בגדים, מיט צעפּאַטלטע האָר. עטלעכע האָט געפֿעלט ציין. די קאָלירן אין די באַקן האָבן זיך גיך געביטן. ס׳איז געלעגן אין זייערע צורות סיי אַ רויקייט, סיי עפּעס שוועסטערלעכס, מוטערלעכס, וואָס מ׳טרעפֿט זעלטן אין די גרויסע שטעט. אַלע האָבן געזאָגט דאָס אייגענע:

— זייער אַנגענומען!...

— שטערט אייך ניש, לייענט ווייטער. כ׳בין גלאַט אַזוי אַריינגעפֿאַלן — —

— ס׳מאַכט ניש׳ אויס. פֿאַרקערט!...

— שוין לאַנג, אַז מ׳האָט געגרינדעט די ביבליאָטעק?

— דערציילט, ר׳ יקותיאל, — האָט באַפֿוילן דאַוויד קאַץ און אויסגעשטרעקט אַ ווייז־פֿינגער.

— וואָס עפּעס איך? איר זענט דאָך דער פּרעזעס.

— איר קאָנט בעסער די גאַנצע היסטאָריע.

— וואָס איז די נפֿקא־מינה? ס׳איז דאָ אַ שטיקל ביבליאָטעק. דיין זיידע שרייט געוואַלד, נאָר מ׳האָרכט אים נישט. גאָרליצער חסידים האָבן שוין דריי מאָל געמסרט, נאָר מ׳האָט יאַקאָש אָפּגעשריגן די גזרה.

— די פֿאַנאַטיקער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט און פֿאַרברענט ביכער אויך! — האָט אים איבערגעריסן דאַוויד קאַץ.

— יאָ, אמת. מ׳איז אַריין דורכן פֿענסטער. איצט האָבן מיר לאָדנס. וואו האָסטו דיך דערפֿרעגט צו דער ביבליאָטעק?

— צופֿעליק. כ׳בין געגאַנגען שפּאַצירן און דערזען די ביכער — —

— האַ? די צרה איז וואָס ס איז נישטאָ געגוג. די אַלטע האָט מען שוין איבערגעלייענט און קאָ׳ נייע קויפֿט מען נישט צו. ס׳פֿעלט־אויס ממתקים.

— ס׳גייט נישט אין געלט, ר׳ יקותיאל. די טראַגעדיע איז, וואָס מ׳קאָן זיך ניש׳ פֿאַראייניקן.

— יאָ, ריכטיק. מ׳קריגט זיך אַרום אַביסל. זינט דו ביסט אַוועק, זיינען דאָ אויפֿגעקומען פּאַרטייען. מ׳מאַכט זיך נאַריש, ווי אין די גרויסע שטעט. מ׳פֿירט קאַמפֿן וועגן יידיש און העברעאיש.

— דערציילט דעם חשובן גאָסט וואָס די סטרייקערס האָבן אָפּגעטאָן!

— וואָס איז דער אונטערשייד? מיר קומען זיך צונויף דריי מאָל אַ וואָך. מ׳רעדט, מ׳מאַכט פּלענער. אַמאָל אָרדנט מען איין אַ קעסטל־אָוונט. מ׳וויל טאַקע דיך אַריינציען. כאָטש, כ׳בין מסופּק צי ס׳לוינט זיך דיר אָנצוהויבן מיטן זיידן — —

— כ׳על זען.

— איר קאָנט אַ סך אויפֿטאָן פֿאַר אונדזער אינסטיטוציע! — האָט זיך אַריינגעמישט דאַוויד קאַץ. — אייער פּערזאָן וואָלט צוגעצויגן דאָס גאַנצע פּובליקום.

— יאָ, יאָ, איר מוזט קומען! — האָט אַ זאָג געטאָן אַ נידעריק מיידל מיט אַ ברייט פּנים, געשוירענע האָר און גראָבע ברילן־גלעזער.

— דאָס איז אונדזער חברטע קיילע רויזמאַן, פֿון זאַמאָשטש, — האָט דאַוויד

קאַץ אָנגעוויזן. — זי איז איינע פֿון די געטרייסטע קולטור־טרעגערינס. מיר האָבן איר פֿיל צו פֿאַרדאַנקען.

— אַך, חבר קאַץ, איר הויבט שוין אָן מיט די קאָמפּלימענטן!

— קיין קאָמפּלימענטן! די וואַרהייט מוז מען אַנערקענען!... לאָמיר אייך זאָגן, חבר באַנעט: אונדזער שטעטל איז זייער אָפּגעשטאַנען אויף אַלע געביטן. מ'לייגט אַלץ אַרויף אויף אייער זיידן, נאָר ס'איז נישט ריכטיק. אייער זיידע איז אַן אָרטאָדאָקס, אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנד. ער ווייסט וואו־איין און וואו־אויס. די ערגסטע וואַנדאַלן זיינען די גאָרליצער חסידים. ס'איז דאָ געקומען אַ לערער פֿון זאַמאָשטש, ער האָט געהאַט אַ מאָדנעם נאָמען: דלות. ער איז גראָד אַ וואוילער בחור. אַ פֿריילעכער יונג. די חברטע רויזמאַן איז געווען פֿאַרליבט אין אים איבער די אויערן — —

— חבר קאַץ, איר וועט אויפֿהערן!

— נו, זאָל זיין ניין. זעטץ נאָר ווי רויט זי איז געוואָרן!... בקיצור, ס'איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל טעטיקייט. מ'האָט געגרינדעט אָוונט־קורסן. ר'איז נישט קאַ' שלעכטער רעדנער. ער איז אַ זאַמאָשטשער, נאָר ער רעדט ווי אַ ליטוואַק. אַנשטאָט יאָ, זאָגט ער יע. דאָס איז גראָד די מיידלעך געפֿעלן. קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט ער נישט, אָבער ר'איז אַ באַלעזענער יונגערמאַן. ר'האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן ניטשען, דאַרווינען. דעם אמת געזאָגט, וואַרפֿט ער צו הויכע פֿראַזן. נישט אַלץ קאָן מען פֿאַרשטיין. נאָר עפּעס האָט מען פֿאָרט געגאַשט. ס'איז געוואָרן אַ שטיקל רענעסאַנס. נאָר באַלד האָט זיך אָנגעהויבן קעגן אים אַ העצע. פֿריער האָבן אונדזערע לינקע געליאַרעמט, אַז ער איז אַ רעאַקציאָנער, אַ שאָוויניסט, באשר, ער שטרעבט מיר זאָלן קריגן פּאַלעסטינע. יעדעס פֿאָלק דאַרף אַ לאַנד, נאָר אונדזער נאַציאָן מוז אייביק שמאַכטן אין גלות. דאָס איז זייער פּראָגראַם. קוים האָט מען זיך שוין ווי־ס'איז מיט זיי אָפּגעפֿאַרטיקט, האָבן די גאָרליצער באַרבאַרן זיך אויף אים פֿאַרלייגט — —

— ס'אַ לאַנגע געשיכטע, — האָט יקותיאל אים איבערגעהאַקט. — ווילסט אפשר אַ קוק טאָן אויף די ביכער? — האָט ער געפֿרעגט עוזר־העשלען.

— יאָ, אַדרבא.

— דאָ שטייען די יידישע און דאָ די העברעאישע.

— כ'זע.

עוזר־העשל האָט זיך אומגעקערט צו די פּאָליצעס. די ביכער זיינען געווען געבונדן אין גראָבער לייוונט. ס'רוב בענדער זיינען שוין געווען האַלב־צעשאָטן, מיט ריסן און פֿלעקן אויף די זייטן, מיט קנייטשן אין די ברעגן, די אויפֿשריפֿטן אויף די רוקנס אָפּגעמעקט. טייל שורות זיינען געווען אונטערגעשטראָכן מיט בלייפֿעדער און מיט טינט. אויף די ראַנדן האָבן זיך געפֿונען צושריפֿטן און לענגלעכע חתימות, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן די אותיות. אויף די פֿאָדערבלעטער האָבן די לייענער אָנגעצייכנט נעמען, מענטשעלעך, ציפֿערן, און מיינונגען וועגן די ווערק, אין אַ שלעכטן אויסלייג, אין גרייזיקע זאַצן. אַ סך בלעטער זיינען געווען פֿאַרלאַטעט מיט לאַנגע שניצלעך פּאַפּיר, צוגעקלעפּט מיט פּאַפּ. אַ צאָל ביכער האָט עוזר־העשל שוין געהאַט געלייענט. אַנדערע זיינען

אים געווען אומבאַקאַנט. ס׳זיינען געהאַט צוגעקומען נייע מחברים. דאָ און דאָרט איז געשטאַנען אַ נישט־געבונדענער זשורנאַל, אָדער אַ זאַמל־ביכל, מיט אָפּבלאַקירטע שער־בלעטער, די בויגנס צונויפֿגעשטאָכן מיט דרעטלעך. ס׳האָט געשמעקט פֿון זיי מיט אייראָפּעאישער פֿרעמדקייט. אַ פּאָעט, וואָס זיין בילד איז געשטאַנען אָפּגעדרוקט אויפֿן בלעטל, האָט זיך געקלאָגט, אַז די פֿעלדער נאָכן שניט ליגן פֿאַריתומטע, און אַז ער שפּאַנט ערגעץ אין נעפּל, פֿון אַ היים אַ נישט־פֿאַראַנענער צו אַ לאַנד אַ נישט־דאָאיקס. אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „יידן מיט אַ מיסיאָן״, האָט דער מחבר געשריבן:

מיר יידן זיינען מיד פֿון די אַלע מעטאַפֿיזישע שליחותן, וואָס די דייטשע ראַבינערס און אַנדערע כלל־ישראלניקעס האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף אונדזערע שוואַכע פּלייצעס. מיר וואַרפֿן אויך אָפּ די אידייע, אַז מיר מוזן צוריקרוקן די ווייזערס אויפֿן ציפֿערבלאַט פֿון דער וועלט־געשיכטע און זיך אומקערן מיט האַק־און־פּאַק קיין פּאַלעסטינע. די יידישע מאַסן האָבן ליב זייערע היימען. זיי ווילן לעבן אין ברידערשאַפֿט מיט די פֿעלקער און צוזאַמען קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן, ווען עס וועלן נישט זיין קיין נאַציאָנען, קיין קלאַסן, קיין רע־ליגיאָנען, נאָר איין פּראָגרעסיווע מענטשהייט...

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו צוועלף ווען מען האָט פֿאַרשלאָסן די ביבליאָטעק און זיך געלאָזט אַהיים. עוזר־העשל, יקותיאל זייגערמאַכער, דאַוויד קאַץ זיינען געגאַנגען פֿאָראויס. פֿון הינטן זיינען נאָכגעגאַנגען בינטלעך יונגעלייט און מייד־לעך, מיט ביכלעך אונטערן אָרעם. מ׳האָט גערעדט הויך און געלאַכט. אַ מיידל האָט אָנגעהויבן אונטערברומען אַ לידל. אַ בחור האָט צוגעהאָלפֿן. די טריט האָבן אָפּגעהילכט הויך אויף די שטיינער פֿון ברוק. שפּיציקע שאָטנס זיינען געלאָפֿן פֿאָראויס, זיך געקרייצט, געמישט, ווי אין אַ טאַנץ. יקותיאל האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דאַוויד קאַץ האָט זיך געטאָן אַ קווענקל, זיך אומגע־קוקט אויף הינטערווייליעכץ, און מיט אַמאָל אָנגענומען קיילע רויזמאַן ביים עלנבויגן. די מיידלעך האָבן גענומען זיך שושקען און זיך קנייפּן. יקותיאל האָט קליגעריש אַ שמייכל געטאָן.

— ווען זיין זיידע זעט דאָס!

— מ׳טוט־אָפּ אין קליין־טערעשפּאָל ערגערע עברות.

— פּתח שין שאַ!

ביים עק שול־געסל האָבן די באַגלייטער זיך געזעגנט מיט עוזר־העשלען. יעדער האָט דערלאַנגט די האַנט און געטאָן אַ דריק. קיילע רויזמאַן האָט געטאָן צוויי דריק. די געשליפֿענע ברילן־שייבלעך האָבן געבליצט מיט לבנה־ליכט. מ׳האָט פֿאַרבעטן עוזר־העשלען אויף אַ קעסטל־אָוונט אין ביבליאָטעק, אויף אַ צוזאַמענקום ביי דאַוויד קאַץ, אויף אַ גלעזל טיי ביי קיילע רויזמאַן אין מיידלשן צימער. באַלד זיינען אַלע זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און עוזר־העשל איז געבליבן אַליין. ער האָט טיף איינגעאָטעמט און אָנגעשפּיצט די אויערן. אַן איינציקע סאָווע האָט יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזט אַ געהויל, ווי אויף אַ צרה נישט־צו־פֿאַרגעסן. דאָס קוואַקן פֿון די זשאַבעס איז אַריבער אין אַ גרעגערניש. עוזר־העשל האָט געוואוסט, אַז איידל ליגט איצט וואַך אויפֿן געלעגער און לויערט אויף

אים, מיט אַ פֿולן בויך פּרעטענסיעס, פֿאַרוואורפֿן, יאַדעניש. ער האָט שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק אירע נאָגנדיקע ריידעלעך און זיינע אייגענע ענטפֿערס. ער איז די לעצטע צוויי נעכט געהאַט ווייניק געשלאָפֿן אין די באַנען און פֿורן, אָבער ער איז נישט געווען מיד. אַלץ האָט זיך אים איצט צונויפֿגעמישט אין מוח: דעם זיידנס שטראָף־רייד, דאַוויד קאַצס טענות, די שטעלן פֿון דער עסיי וועגן די יידישע מאַסן, די פּערזן פֿון דעם דיכטער. וואָס איז דער זין פֿון דעם אַלעמען? וואו קומען זיך צונויף די אַלע ווידערשפּרוכן? ווער איז גערעכט? ווער — אומגערעכט? וואָס וועט זיין דער תּכלית? וואָס דאַרף טאָן ער, עוזר־העשל, שוין איצט, פֿון היינט אָן?...

## קאַפּיטל צוואַנציק

### 1

פֿאַרנאַכט, ווען הדסה איז געזעסן אויפֿן האַמאַק און געלייענט אַ ביכל, האָט זי מיט אַמאָל דערהערט אַ הוסטן. זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען רויזע־פֿרומעטלען. זי איז געשטאַנען איר צופֿוסנס, אָנגעלענט אין אַ סאָסנע, אין אַ געבלימלט קלייד, ווייסע שיך און אין אַ ברייט שוואַרץ שייטל. דאָס צעקנייטשטע פּנים איז געווען אָפּגעברענט פֿון דער זון, די נאָז — רויט, די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט. זי האָט געקוקט אויף הדסהן מיט געלע אויגן, און מיט דעם פֿאַרביסענעם בליק פֿון עמעצן, וואָס איז געקומען טאָן שאָדן. הדסה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ראָמאַן.

— אַן אומגעריכטער גאַסט, האַ? — האָט רויזע־פֿרומעטל געפֿרעגט מיט אַ סקריפּנדיק קול. — עך בין דיר געקומען זאָגן, אַז מ׳ווייסט אַלע דיינע פֿאַלשע גענגעלעך. דער אמת איז אַרויס ווי בוימל אויפֿן וואַסער!

— כ׳ווייס נישט וואָס איר ווילט — האָט הדסה אַרויסגעשטאַמלט.

— דו ווייסט גאַנץ וואויל! דו ביסט גאָרנישט אַזאַ צדיקת ווי דו מאַכסט דיך! מיין נישט, אַז די וועלט איז הפֿקר! ס׳איז דאָ אַ בורא־עולם, וואָס זעט אַלץ און הערט אַלץ. דער אַלמעכטיקער וואַרט לאַנג, אָבער ער שטראָפֿט גוט!...

— אַנטשולדיקט —

— עך בין נישט געקומען צו דיר צו גאַסט. עך וויל מיט דיר רעדן קלאָרע ווערטער. דו ביסט פֿאַלש צו דיין מאַן. דו רעדסט אָפּ אַ מאַן פֿון אַ ווייב. זיי ווייסן, אַז דו שפּילסט דעך מיט פֿייער. מילא, וואָס דו לויפֿסט אַרום אין די בלויזע האָר, בין עך ניש׳ גאָטס קאָזאַק. דו וועסט מערטשישעם דיין באַלוינונג קריגן. אָבער עכ׳ל דעך נישט לאָזן זאָלסט צעברעכן מיין טאָכטערס לעבן! עכ׳ל מאַכן אַזוינע געוואַלדן, אַז מ׳עט זיך צונויפֿקומען פֿון אַלע ווילַיעס!...

הדסה איז געוואָרן ווייס.

— כ׳ווייס נישט וואָס איר מיינט!...

— דו שרייבסט עים ליבע בריוועלעך. דו שפּעטסט פֿון יידישקייט. דו

גרייטסט דיך צו אַנטלויפֿן מיט אים און ווערן זיין ליובאַוויצע. וואָס מיינסטו? די וועלט שלאָפֿט? ערשטנס, וועסטו עים אין אַ פּאָר וואָכן נמאס ווערן, און ער׳ט מיט דיר שלאָגן כּפּרה. צווייטנס, וועט מיט גאָטס הילף באַלד נישט קומען דערצו. עכ׳ל לאָזן וויסן דיין מאַן און דיין מאַמען. זי איז נעבעך אַ קראַנק מענטש. דאָס וועט זי די רעשט אָוועקלייגן. ס׳איז פֿאַרבאָטן דורכן געזעץ אויך. זונות גיט מען דאָ אַרויס אַ געלן פּאַס — —

— כ׳בעט אייך, גייט אַוועק!

— כ׳על גיין, ווען ס׳עט מיר געפֿעלן. אַז וועסט זיין אַ חצופֿה, וועל עך דיר אויסרייסן די קאָלטאַנעס! ביסט שוין איינמאָל געזעסן אין קרימינאַל...

הדסה האָט זיך געטאָן אַ הויב־אויף און גענומען אַריינלויפֿן אין שטוב. שׂפֿרה איז גראָד נישט געווען אין דער היים. רויזע־פֿרומעטל איז איר נאָכגעלאָפֿן מיט קליינע טריטעלעך.

— נפֿקה, הור, געוואַלד, מענטשן!...

הדסה האָט פֿאַרמאַכט פֿאַר איר די גלעזערנע טיר. רויזע־פֿרומעטל האָט גענומען קלאַפּן מיט דער פֿויסט אין דער רעם. דעם סטרוזשס הונט האָט זיך איבערגעוועקט און איז אָנגעלאָפֿן מיט אַ בילעריי. רויזע־פֿרומעטל האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי אַ פּאָלע. אויף דער באַנק פֿון דער וועראַנדע איז געלעגן אַ שטעקן. רויזע־פֿרומעטל האָט אים אויפֿגעהויבן און גענומען פֿאָכן אַקעגן דעם כּלב.

— אַפּודזשאַס! הינט רייצט דאָס אָן! אויסגעריסן זאָל דאָס ווערן, טאַטע־פֿאָטער אין הימל! פּרעהס מכּות זאָלן אויף זיי קומען! וואַרפֿן זאָל זיי די נכפּה הייזער־הויך!...

די גויע, די וועכטערין, איז אַרויסגעקומען פֿון איר הייזל און איינגעשטילט דעם הונט. רויזע־פֿרומעטל האָט עפּעס גערעדט צו איר אויף פּויליש. הדסה איז צוגעלאָפֿן צו דער שאַנק, געכאַפּט דעם אויבערמאַנטל, דעם הוט, דעם טאַש, און איז אַריין אין קיך. זי איז אַרויס דורך דער קיך־טיר און זיך געלאָזט צו דער פֿורטקע, וואָס האָט זיך געעפֿנט צו אַ פּאָלאַנע. זי האָט געאיילט צו דער סטאַציע, אָנגעלייגט וועג. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט גיך־גיך, ווי מיט אַ העמערל. פֿייערדיקע פּינטלען זיינען איר געלאָפֿן פֿאַר די אויגן. זי האָט זיך יעדעס מאָל אומגעקוקט אויף הינטערווײלעכץ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז יענע יאָגט זי נאָך. איין באַק איז איר געוואָרן הייס, ווי פֿון אַ פּאַטש. אויף דער סטאַציע איז גראָד אָנגעלאָפֿן אַ באַן, מיט אַ געקלאַפּ און געבראַזג. הדסה איז איינגעזעסן אָן אַ בילעט. דער צוג איז אָבער אַוועק נישט קיין וואַרשע, נאָר קיין אָטוואָצק. ביים טייכל אין שווידער האָבן זיך נאָך געבאָדן עטלעכע מאַנסלייט און פֿרויען. די זון איז שוין לאַנג געהאַט אונטערגעגאַנגען, נאָר אויפֿן פּלאַכן וואַסער האָבן געברענט פּורפּורנע שויבן. אַ גרויסער פֿויגל איז געפֿלויגן לענג־אויס דעם שטראָם. אין די ווילעס האָבן געשפּילט גראַמאָפֿאָנען. פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט אין זאַמד. ביי אַ בוים איז געשטאַנען אַ ייד און זיך געשאָקלט. ער האָט געדאַוונט מנחה. אין אָטוואָצק, אויפֿן וואָקזאַל, האָט הדסה געקויפֿט אַ בילעט קיין וואַרשע. אַ באַן האָט שוין געוואַרט, אָבער זי האָט ערשט געזאָלט

אָפּפֿאָרן אין צוואַנציק מינוט אַרום. הדסה איז אַריין אין אַ פֿינסטערן וואַגאָן, זיך אַוועקגעזעצט. זי איז דאָרט געווען איינע אַליין. זי האָט צוגעשלאָסן די וויעס. דער לאָקאָמאָטיוו פֿון פֿאָרנט האָט געצישעט, געשפּריצט, דורכן פֿענסטער איז אַריין דער רויך. אינדרויסן האָט אַ פֿרוי זיך געזעגנט מיטן מאַן, אים אָנגעזאָגט ער זאָל ברענגען אויף שבת אַ פֿלאַש יאַגדע־זאַפּט, וואָס שטייט ערגעץ אין אַ שפּייז־אַלמער, אויף אַן אויבערשטער פּאָליצע. אַ טיפּע שטילקייט האָט הדסהן אַרומגענומען. ס'איז איר געוואָרן קיל און זי האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער. ווען ער וואָלט דאָס געהערט! — איז איר דורכגעלאָפֿן דורכן געדאַנק. — ווען ער וואָלט געוווּסט וויפֿל איך באַצאָל פֿאַר מיין ליבשאַפֿט צו אים!...

אין דעם לעצטן בריוו, וואָס הדסה האָט געשריבן עוזר־העשלען, האָט זי געהאַט אויסגעאַרבעט אַ גענויען פּלאַן. ער האָט געזאָלט זיך טרעפֿן מיט איר אין דער ווילִיע. פֿישעלע איז אַ גאַנצע וואָך דאָ נישט געווען. זי, הדסה, האָט אויסמאַרקירט, אַז ס'זאָלן נישט אַרויסקומען קיין געסט. זי האָט יעדן איינעם געזאָגט, אַז זי גרייט זיך צו פֿאַרברענגען צוויי וואָכן אין מיעדזעשין, ביי קלאָניען. איצט זיינען אַלע פּלענער געוואָרן צעשטערט. זי האָט איצט אַליין נישט געוווּסט וואו זי זאָל פֿאָרן. זי האָט געקאָנט מאַכן דעם ליגן פֿאַר אַן אמת און אַריינפֿאָרן צו קלאָניען. אָבער פֿון וואַנען וועט ער וויסן, אַז זי איז דאָרטן? ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט קלאָניעס אַדרעס. זי מוז פֿאָרן אַהיים, צו פֿישעלען. אָבער וואָס פֿאַר אַן אויסרייד וועט זי געבן, וואָס זי איז אין מיטן דער היץ געקומען צו לויפֿן אין שטאָט? וואָס וועט זאָגן שפֿרה, אַז זי וועט אַהיימקומען און זי, הדסהן, נישט טרעפֿן? וואָס וועט טראַכטן די גויע, די וועכטערין? רויזע־פֿרומעטל האָט איר אַוודאי אַלץ דערציילט. די געשיכטע וועט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער ליניע. נו, און וואו איז די זיכערקייט, אַז רויזע־פֿרומעטל וועט נישט צו וויסן טאָן פֿישעלען? מ'קאָן פֿון דאַנען אָנקלינגען אויפֿן טעלעפֿאָן. אַזוינע ווי זי שטעלן זיך פֿאַר גאָרנישט אָפּ. זי איז אַוודאי אַוועק גלייך צו דער מאַמעשי. זי'ט קריגן אַן אַטאַק אויף די גאַל־שטיינער...

ס'בעסטע וואָלט געווען, אַז זי, הדסה, זאָל צוריקפֿאָרן קיין יוזעפֿאָוו. רויזע־פֿרומעטל איז שוין אַהיימגעפֿאָרן. זי'ט דאָרט נישט בלייבן אַ גאַנצע נאַכט. די גויע וועט באַלד גיין שלאָפֿן. וואָס איז דער זין פֿון אַנטלויפֿן? דער סוד איז אויפֿגעדעקט. אָבער זי האָט איצט קיין יוזעפֿאָוו זיך נישט געקאָנט אומקערן. רויזע־פֿרומעטלס זידלערייען, דאָס זעצן אין דער טיר, דאָס פֿאָכן מיטן קולאַק, האָט אָנגעוואָרפֿן אויף איר אַ פּחד. די באַן האָט גענומען פֿאָרן. אַ קאָנדוקטאָר איז אַריינגעקומען און אָנגעצונדן אַ ליכט. ער האָט גענומען ביי הדסהן דעם בילעט און דורכגעקלאַפּט צוויי לעכלעך. הדסה האָט אַרויסגעקוקט. דאָס טייכל אין שווידער, וואו מ'האָט זיך ערשט נאָר געבאָדן, איז געלעגן נאַכטיש־לער, זיך געשפּיגלט אין דער אייגענער העלקייט. דער וואַלד איז געשטאַנען אַ פֿינ־סטערער. בלויז דאָ און דאָרט האָט דורכגעשיינט אַ פֿונק ליכט. אין פֿאַלעניץ האָט הדסה דערזען אַ שענק. אינעווייניק זיינען געזעסן אַ פּאָר אָפּגעריסענע פֿאַרשוינען — טרעגערס אָדער פֿורמאַנעס — און געשפּילט אין דאָמינע. אין מיעדזעשין האָט הדסה זיך געטאָן אַ שטעל אויף, ווי אויסצושטייגן, אָבער זי האָט זיך

באַלד צוריק אַוועקגעזעצט. נאָך וואָווער האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַבריקן. קוימענס האָבן געראויכערט. הינטער געקראַטעטע שויבן האָבן זיך געפּאָרעט אַרבעטער. באַלד איז מען פֿאַרביי דאָס פּראַגער בית־עולם. וואָס טוט זיך דאָרט אונטער די בערגלעך? — האָט הדסה געטראַכט. — ווייסן זיי, אַז זיי זיינען טויט? לענגאויס דעם פּלויט האָט זיך געטרייסלט אַ באַלויכטענער טראַמוויי. סיגנאַל־שייבלעך האָבן געביטן די קאָלירן: גרין און רויט. באַלד איז די באַן אַרויף אויף דער בריק. די ווייסל איז געלעגן הימליש־העל, ברייט־צעגאָסן. אַ ווייסע שיף איז געשוואומען. די אָנגעצונדענע לאַמטערן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער ווי שורות פֿייערדיקע ויילן. ס׳זיינען זיך צעלאָפֿן פֿון זיי גרין־גאָלדיקע ווערלן. אַ ווינטל האָט געבלאָזן. אַ געטלעכע מנוחה האָט געהויערט אויפֿן וואַסער. ס׳האָט געטאָן אַ הויך מיט וועלט־באַשאַפֿונג. גאָט אין הימל, ווי גליקלעך זיינען די פֿיש, וואָס שווימען אינעווייניק. זיי אַנטלויפֿן נישט פֿון דער היים, האָבן נישט חתונה, פֿירן נישט קיין פֿאַרבאָטענע ליבעס. פֿאַרוואָס איז דער מענטש אַזוי אומגליקלעך?

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. הדסה איז אויסגעשטיגן. וואו איז דאָס רענצל? זי האָט נישט קיין רענצל. ווי הייס ס׳איז אין שטאָט! אַ היץ האָט געטאָן אַ שלאָג פֿון די שטיינער, די מויערן, די וואַגאָנען. הדסה איז פֿאַרביי דעם לאָקאָמאָטיוו. אַן אַנדער צוג האָט פֿאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג. די מאַשין איז געשטאַנען אַ גרויסע, אַ פּעך־שוואַרצע. ס׳האָט געשטונקען פֿון איר מיט קוילן און טשאַד. פֿון די אומגעהייערע רעדער און שטאַבן האָט געטריפֿט דער אייל. דער קוימען האָט נאָך אַלץ הייזעריק געהוסט. דורך דעם פֿענסטערל האָט מען געזען אַ פֿאַרריסטן פּאַרשוין נעבן אַן אָפֿענעם אויוון. אין די אויגן האָבן זיך געשפּיגלט פֿלאַמען פֿייער: אַ טייוול פֿון גיהנום... אין שטאָט איז געשטאַנען אַ היץ און אַ בהלה. דראָשקעס זיינען אָנגעפֿאָרן פֿון אַלע זייטן. מ׳האָט געשלעפּט אין דער חמימה וואַליזעס, קוישן, קופֿערטס. וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנגעלויף? די גאַס איז שוואַרץ. וואָס שרייט מען אַזוי? ייִנגלעך האָבן פֿאַרקויפֿט אַן עקסטראַ טעלעגראַמע, געדרוקט אויף איין זייט. ס׳האָט זיך גערעדט וועגן עפּעס אַ נאָטע, וואָס עסטרייך האָט געשיקט קיין סערביע. די שמועסן וועגן מלחמה זיינען, אַפּנים, נישט געווען קיין שפּאַס. אַנגסטן האָבן הדסהן באַגאָסן. גראָד איצט קומט עוזר־העשל. ער׳ט פֿאַר אירעטוועגן אַריינפֿאַלן גלייך אין פֿייער.

זי איז אַריין אין אַ וואָרשטן־האַנדל אויפֿן מוראַנאָוו און טעלעפֿאָנירט אַבראַמס וואוינונג, אָבער קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ער איז, אַפּנים, געווען ביי אידאַן אין מראָזי, אָדער ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט דער אַקטריסע, וואָס וועגן איר האָט הדסה געהערט מורמלען. זי האָט אָנגעקלונגען צו דער מומע לאה. זי האָט געוואָלט רעדן מיט מאַשען, אָבער מאַשע איז אויך נישט געווען אין שטוב. זי האָט זיך אַודאי אַרומגעדרייט מיט דעם מאָלער, דעם שייגעץ. גאָט אין הימל, זי, הדסה, איז נאָך ביז איצט קיין שום זינד נישט באַגאַנגען, אָבער מ׳יאָגט זי שוין נאָך. זי מוז שוין אַנטלויפֿן. זי זוכט שוין באַצייטנס אַ מענטש צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן און קאָן נישט געפֿינען. הדסה האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלונגען. דאָסמאָל צו פּאָפּאַ. אָבער ער איז אויך נישט געווען אין דער

היים זי איז איינגעזעסן אין אַ דראָשקע און זיך געהייסן פֿירן אויף דער גנאַינע גאַס, צו פֿישעלען...

## 2

מיטוואָך, שפּעטלעך אין אָונט, האָט אַ קלינג געטאָן אין קאָרידאָר דער טעלעפֿאָן. הדסה איז אויפֿגעשפּרונגען. ס׳איז ער! — איז איר דורכגעלאָפֿן דורך די געהירן. הדסה האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל מיט אַ ציטערנדיקער האַנט. פּראָשען! — האָט זי אַ זאָג געטאָן אויף פּויליש. — ביטע!... קיינער האָט נישט געענטפֿערט. אין רערל האָט זיך געהערט אַ קראַצן, אַ שאָרכעניש, אַ פּייפֿן. מיט אַמאָל האָט הדסה פֿאַרנומען אַ צוגעדושעטע שטים:

— וואוינט דאָ די פּאַני קוטנער?

ס׳איז געווען עוזר־העשלס קול. הדסה האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר אין האַלדז איז געוואָרן ענג. זי האָט ווי פֿאַרגעסן דאָס לשון. ס׳האָט איר גענומען קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן.

— דאָס בין איך, הדסה!...

אַ לאַנגע וויַיל האָבן ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט הדסה אַ זאָג געטאָן:

— וואו ביסטו?

— אין אַ וואָרשטן־האַנדל, אויף דער קראָכמאַלנע גאַס.

— גאָט אין הימל! ווען ביסטו געקומען?

ער האָט גענומען עפּעס מורמלען, פֿליסטערן, נאָר זי האָט אים רעכט נישט פֿאַרשטאַנען.

— רעד העכער!

ער האָט ווידער עפּעס געזאָגט, נאָר כאָטש זי האָט געהערט יעדעס וואָרט באַזונדער, האָט זי נישט באַנומען וואָס ער מיינט. ער האָט געזאָגט: נעכטן, כ׳מיין איַיערנעכטן. פֿון שווידער... ווי קומט ער עפּעס קיין שווידער? האָט זי זיך געפֿרעגט.

— וואָרט אויף מיר. עק קראָכמאַלנע און גנאַינע. דו ווייסט וואו דאָס איז?

ער האָט אָפּגעוואָרט און געזאָגט: יאָ.

— כ׳קום שוין אַראָפּ. אַ מינוט!...

הדסה האָט געוואָלט אויפֿהענגען דאָס טרייבל, נאָר ס׳איז איר ווי צוגעוואַקסן צו דער האַנט. די פֿינגער־געלענקען האָבן זיך אויפֿגעהערט צו בייגן. ס׳האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז זי האָט עס אָוועקגעלייגט אויף די גאַפּעלעך. פֿישעלע איז נישט געווען אין דער היים. הדסה איז אַריין אין מיטלשטוב און געטאָן אַ פּראַל אויף די שאַנק. גרויסער גאָט, אַז איך האָב דאָס דערלעבט!... זי האָט גענומען איבערקוקן די קליידער. ס׳זיינען אַלץ געווען די ווינטערדיקע. די זומערדיקע האָט זי איבערגעלאָזט אין יוזעפֿאָוו. זי האָט געטראָגן אַ וויַיסע קלייד. זי האָט גיך־גיך געעפֿנט אַ שופֿלאָד און אַרויסגענומען אַ שוואַרצן פּאַס. זי האָט אָנגעטאָן אַ ברייט־ראַנדיקן שטרוי־הוט. וואו איז דער שליסל? דאָ איז דער שליסל! וואו איז אַהינגעקומען דער טאַש? ער איז געלעגן

אויפֿן טיש. זי האָט געוואָלט אויסלעשן דעם גאַז, נאָר זי האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען. אַלץ איינס. זאָל ער ברענען! זי איז אַרויס און פֿאַרמאַכט די טיר אויפֿן קלאַפּשלאָס. זי האָט אָנגעהויבן לויפֿן איבער די פֿינסטערע טרעפּ, נאָר זי האָט איינגעהאַלטן די טריט. זי'ט נאָך צעברעכן אַ פֿוס... ס'האָט איר געטאָן אַ שטאָך אין דער לינקער ברוסט, וואו ס'ליגט דאָס האַרץ. כ'זאָל נאָר נישט שטאַרבן ביז צו דער קראָכמאַלנע... זי איז פֿאַרביי פֿישעלעס אייל־געשעפֿט. די גלאָז־טירן זיינען שוין געשטאַנען פֿאַרמאַכט, נאָר ס'האָט נאָך געברענט אַ לאָמפּ. אַ טריבע שיין איז געפֿאַלן אויף די פֿאַרפֿעטסטע ווענט, דעם שטיינערנעם דיל, די פֿעסער, די בלעכן. פֿישעלען האָט מען נישט געזען. ער איז, אַפּנים, אַריין אין דעם הינטער־שטיבל. די גניאַינע איז געווען פֿול. האַלב־באַלויכטענע פּנימער. ווילד־צעעפֿנטע אויגן. ס'איז ווידער געהאַט אַרויס אַן עקסטרע טעלעגראַמע. הדסה האָט געזען ריזיקע בוכשטאַבן אויף אַ בלאַט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט איבערלייענען. ווי מ'כאַפּט די בלעטער! ווי גיך דאָס יינגל גיט אַ רעשט! אַ קאָפּיקע איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף די שטיינער. ס'האָט געטאָן אַ קלינג. אַ טרעגער איז אָקעגנגעקומען מיט אַ קויש אויף די פּלייצעס. אַ בעקער־יונג, אין אַ צעכראַסטעט העמד, אין גאַטקעס אָנשטאָט הויזן, האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ בעקן מיט אַ פֿריש־געבאַקענעם קוכן. ווער האָט דאָס צעוואָרפֿן עפּעלעך אויפֿן טראָטואַר? ס'איז אַ רעוויראָווע. ער האָט געשטויסן מיטן שפּיץ־שטיוול אין קויש. די הענדלערין האָט געוויינט. קינדער האָבן געקליבן פֿון רינשטאָק. הדסה האָט זיך דורכגעשטופּט צו עק קראָכמאַלנע, נאָר ער איז דאָרט נישט געווען. האָט זיך איר אויסגעדוכט? איז זי אַראָפּ פֿון זינען? פּלוצים האָט זי אים דערזען. ס'איז יאָ געווען ער און נישט ער. ער איז געוואָרן העכער. פֿולער. אַן אמתער איירָאָפּעער. עפּעס היימישס און לאַנג־געגאַרטס האָט אויף איר געטאָן אַ הויך. אַ זיג־זאַג איז איר דורכגעלאָפֿן דורכן רוקן. די שוואַרצאַפּלען זיינע האָבן זיך געטאָן אַן אויסטערלישן דריי.

— הדסה!...

— יאָ, דאָס בין איך!

און זיי זיינען געוואָרן אַנטשוויגן.

זי האָט זיך אַ ווייל געקווענקלט. זי איז אויף אים געטאָן אַ פֿאַל־אַרויף. זיין פּנים איז געוואָרן נאַס און הייס. זי האָט אים געטאָן אַ קוש אין דער באַק, ער איר — אין דער ברעם. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיי נאָכגעקוקט. ס'איז געווען אַ טריט פֿון פֿישעלעס געוועלב, נאָר זי האָט אַלץ פֿאַרגעסן. זי האָט אים אָנגענומען ביי בײדע הענט.

— קום!

— וואוהין?

— צו מיר!

— אַהיים? — האָט ער געפֿרעגט אַ דערשראָקענער.

הדסה האָט נישט געדענקט די אייגענע ווערטער. זי האָט נישט באַגריפֿט וואָס ער פֿרעגט. אַהיים צו איר? ניין. אַ דראָשקע איז פֿאַרבייגעפֿאָרן. הדסה האָט געגעבן דעם פֿורמאַן אַ צייכן מיט דער האַנט. זי איז איינגעזעסן נאָך

איידער די דראַשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אָנגעשטויסן דעם פֿוס אין טרעפּל. ער האָט זיך געקווענקלט אַ ווייל און איז אויך איינגעשטיגן. דער אַנ־טרייבער האָט גענומען אויסדרייען. הדסהן איז געוואָרן משונה גריג, זי האָט פֿאַרלוירן יעדע וואָג. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן עוזר־העשלס אָרבל. אַלץ האָט זיך גענומען דרייען: דער הימל, די שורות הייזער, די שטיינער פֿון ברוק. דער גוי האָט אומגעקערט דאָס פּנים.

— וואוהין?

— זאָל זיך דער פֿאָן פֿאָרן! — האָט הדסה געענטפֿערט. — אַלץ איינס.

— צו די לאַזשענקעס?

— יאָ, יאָ.

זיי זיינען געזעסן שווייגנדיקערהייט. זי האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן ביים אָרבל.

— ווען ביסטו געקומען?

— מאָנטאָג. היינט.

— היינט איז מיטוואָך.

— כ'בין געווען אין שווידער. ביי איר מוטער. ביים שטיף־פֿאָטער.

הדסה איז געבליבן שטיל, ווי זי וואָלט איבערגעקלערט דעם פֿאַרבאָרגענעם מיין פֿון די דאָזיקע ווערטער. זי האָט אין דער רגע געהאַט פֿאַרגעסן, אַז ער איז געקומען מיט איידלען און אַז רויזע־פֿרומעטל וואוינט אין שווידער מיט איר דריטן מאַן, ר' וואָלף הענדעלס.

— איצט בלייבן מיר צוזאַמען! אויף שטענדיק!

— יאָ, אויף שטענדיק.

— קיינער קאָן אונדז מער נישט שיידן!

— ניין, קיינער!

די דראַשקע האָט זיך געקייקלט, ווי באַרג־אַראָפּ. מענטשן זיינען אָפּגע־שפּרונגען. ס'האָט אויפֿגעטויכט דער זאַקסישער גאָרטן. אין דער געדיכטעניש פֿון צווייגן און בלעטער האָבן אויפֿגעלויכטן פֿייערלעך. אין אָנגעגליטן הימל איז געשטאַנען אַ שטיק לבנה, מיט אַ פּגימה אין ראַנד. אַן אַ זייט האָט געבליצט אַ שטערן. הדסה איז ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק דאָ געווען. ס'איז געווען אַן אַנדער גאָרטן. אַן אַנדערע גאַס. אַנדערע לאָמפּן. אַנדערעביימער. די דראַשקע האָט געיאָגט פֿאָראויס. די לבנה איז מיטגעלאָפֿן. דאָס פֿערד האָט געטאָן זיין באַדערפֿעניש. צוויי דאַמעלעך זיינען געשטאַנען אויפֿן טראָטואָר און זיך גע־קושט. גרויסער גאָט, וויפֿל פֿליגעלעך ס'פֿליען אַרום די לאָמטערן! וואָס'ערע ריזקע שאָטנס זיי וואַרפֿן! ווי ס'שמעקן די אַקאַציעס! דאָס איז די גליקלעכסטע מינוט אין מיין לעבן! אין דער רגע האָט הדסה זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי געזאָלט טרעפֿן אין יוזעפֿאָוו.

— ביסט געווען אין יוזעפֿאָוו?

— צוויי מאָל. די גויע האָט געזאָגט, אַז ביסט פֿון דאָנערשטאָג אָן אין שטאָט.

— אַהאַ. כ'האָב געוואָרט אויף דיר.

— כ׳האָב נישט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב געמיינט, אַז — — — פֿאַרוואָס ביסטו דאָרט נישט געבליבן?

— איך? אָ... מיר׳ן שוין זיין צוזאַמען. ביזן טויט.

— אויב מ׳עט מיך נישט צונעמען צום מיליטער. ס׳שמעקט מיט מלחמה.

— ניין. קיינער קאָן דיך נישט צונעמען! נעם אַראָפּ דעם קאַפּעליוש. כ׳וויל דיך אָנקוקן.

זי האָט אַראָפּגעשאַרט זיין קאַפּעליוש. דער הוט האָט זיך גענומען אַראָפּקוילערן. הדסה האָט זיך געטאָן אַ בויג אים צו כאַפּן. עוזר־העשל האָט זיך אויך אויסגעבויגן. די דראָשקע האָט זיך געטאָן אַ טרייסל. זיי זיינען ווי געבליבן הענגען אין דער לופֿט. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אָן וועגטל און איינער אין אַנדערן. דער פֿורמאַן האָט אַ צי געטאָן די לייצן און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעדרייט דאָס רויטע פּנים און קליגעריש פֿאַררוקט דאָס צעראַטענע היטל איבערן שטערן, פֿול מיט דער געדולדיקייט פֿון גרויסשטאָטישע קוטשערס, וואָס זיינען געוואוינט צו אַלערליי קאַפּריזן פֿון פֿאַרליבטע פּאָרלעך אין זומערנאַכטישן הבל־הבלים.

— פֿאָרזיכטיק, די הערשאַפֿטן וועלן נאָך אַראָפּפֿאַלן!...

הדסה האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שטראַלנדיקן בליק.

— זאָל דער פּאַן אַנטשולדיקן. מיר זענען זייער גליקלעך...

# 3

די דראָשקע האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער מאַרשאַלקאָווסקע, איז פֿאַרביי דעם ווינער וואָקזאַל. דער זייגער אויפֿן טורעם האָט געוויזן פֿופֿצן מינוט צו עלף, נאָר ס׳איז נאָך דאָ געווען אַ רויש ווי פֿרי אין אָונט. די טראַמווייען זיינען געווען געפּאַקט. פֿון אַלע זייטן זיינען אָנגעפֿאָרן דראָשקעס. די טראָטואַרן זיינען געווען פֿול. יונגעלייטלעך אין העלע אָנצוגן, שטרויענע קאַפּעליושן, מיט שטעקעלעך אין די הענט, האָבן געפֿירט פֿרויען אין געבלימלטע קליידער, ווייסע הענטשקעס, היטן באַהאָנגען מיט בלומען און קאַרשן. קעגן דער עלעקטרישער שיין האָבן די אַנטבלויזטע אָרעמס און העלדזער געבלענדט אומגעוויינלעך־ווייס. הינטער די ברייטע ראַנדן און נעצן האָבן די ווייבערשע אויגן געגלאַנצט זומערנאַכטיש דורשטיקע, פֿול מיט נייגיר. אין דער זיסער דעמפּיקייט האָבן זיך געטראָגן ריחות פֿון פּאַרפֿום, לייב, פֿערד־מיסט. ביים וואָקזאַל האָבן פּאָרטערס געשלעפּט וואַליזעס, קוישן, פּעק. פֿון יענער זייט צוים, וואָס האָט אָפּגעטיילט די גאָס פֿון די באַן־רעלסן, האָט זיך דערטראָגן אַ פֿייפֿעניש, אַ קלאַפּעניש פֿון רעדער, אַ זעצעניש פֿון רויך. אין דער לופֿט האָבן געהאָנגען זילבערנע וואָלקנדלעך פּאַרע. עוזר־העשל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען וואַרשע זומער־צייט. די שטאָט האָט אים אויסגעזען גרעסער, רייכער, עלעגאַנטער. ס׳זיינען נאָך נישט געהאַט אַריבער קיין צוויי וואָכן זינט ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שווייץ, נאָר ס׳האָט זיך אים געדוכט ווי ער וואָלט שוין געווען חדשים אונטערוועגנס. זינט ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון קליין־טערעשפּאָל איז ער נאָך קיין איין

נאַכט נישט איבערגעשלאָפֿן. פֿריער האָט ער זיך געוואָלגערט אויף פֿורן און באַנען. דערנאָך האָט ער געגעכטיקט מיט אײדלען אַ נאַכט אין אַ האָטעל אויף די נאַלעווקיס. זי האָט זיך דאָרט געקריגט מיט אים ביזן גרויען טאָג. ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן צו פֿאָרן מיט איר קיין שווידער צו דער מוטער און דעם שטיף־פֿאָטער, נאָר דאָרט האָט איר רויזע־פֿרומעטל צוגעהאָלפֿן. אײדל האָט געוויינט. ר׳ וואָלף הענדעלס האָט אים געזאָגט מוסר. רויזע־פֿרומעטל האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות. ער איז צוויי מאָל געפֿאָרן קיין יוזעפֿאָוו צו הדסהן, אָבער דאָס ערשטע מאָל האָט ער נישט געפֿונען די ווילע. דאָס צווייטע מאָל האָט די סטרוזשקע אים געזאָגט, די פּאַני הדסה איז אין וואַרשע. אײדל איז אים, אַפּנים, נאָכגעפֿאָרן, ווייל צוריקצוואָרעגס איז זי אויסגעשטיגן פֿון דער זעלבער באַן וואָס ער. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און געשריגן:

— עך ווייס שוין אַלץ! דו הונט מיט אויערן!...

און זי איז געוואָרן היסטעריש אויף דער סטאַציע. זי האָט גענומען שרייען, וויינען און טייטלען אויף אים מיט די פֿינגער. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון איר און איז אַזוי געלאָפֿן צופֿוס ביז קיין פֿאַלעניץ. דאָרט האָט ער געכאַפּט אַ צוג קיין וואַרשע. ער האָט טעלעפֿאָנירט הדסהן, נאָר זי איז נישט געווען אין דער היים. ער איז בייגעקומען די בושה און איז אַוועק צו גינען. זי האָט זיך מיט אים געקושט, נאָר קיין צימער ·האָט זי פֿאַר אים נישט געהאַט. זי האָט אים אַריינגעפֿירט צו צוויי מיידלעך, נייטאָרינס, און זיי האָבן נאָך לאַנגע רייד אים פֿאַרדונגען אַ פֿינסטער שטיבל. פֿון די פֿאָרענישן, זאָרגן, נישט שלאָפֿן באַנאַכט, איז אַלץ געוואָרן אויסטערליש, פֿאַרנעפּלט, אָן אַ האַפֿט. ער האָט יעדעס מאָל פֿונסניי געוואָרפֿן אַ בליק אויף הדסהן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי קאָן צעגיין ווי אַ האַלוצינאַציע. הדסה האָט גערעדט. ער האָט איר געענטפֿערט. נאָר די רייד זיינען געווען אָפּגעהאַקטע, נישט געבונדענע. זי האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— ווי קומסטו עפּעס צו שניידערינס? כ׳פֿאַרשטיי גאָרנישט.

— גינע האָט נישט געהאַט קיין צימער. אַלע צימערן זיינען געווען פֿאַרנומען.

— פֿאַרוואָס האָסטו אָפּגעטרעטן ביי דיין זיידעשי? כ׳האָב שוין געמיינט, דו האָסט חרטה...

— ניין, הדסה, גאָט באַהיט. כ׳האָב דיך ליב. מער פֿון אַלץ אין דער וועלט!...

ביי די יערוזאַלימער אַלייען האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. אַרבעטער האָבן דאָ פֿאַרריכט דעם ברוק, אָדער די קאַנאַליזאַציע. אין גריבער האָבן געלויכטן עלעקטרישע לאָמפּן. אַ פּראָזשעקטאָר האָט געוואָרפֿן אַ גרעלע שיין. ס׳האָט געשמעקט מיט אַספֿאַלט, גאַז און פֿייכטער ערד. מ׳האָט אינעווייניק געזען פֿאַרבלאָטיקטע רערן און האַלב־נאַקעטע מאַנסלייט. ס׳האָט געדויערט ביז די דראָשקע האָט געקאָנט ווייטער פֿאָרן. הדסה האָט צו אים גערעדט, נאָר ס׳איז געווען אַזאַ רויש, אַז ער האָט זי נישט געהערט. אויף די אויאַזדאָווער אַלייען זיינען די בענק געווען פֿול באַזעצט. ער האָט זי אָנגעקוקט אַ פֿאַרווירטער.

— וואוהין פֿאָרן מיר?

— אין די לאַזשענקעס.

— ס'איז דען אָפן?

— כ'ווייס נישט. מ'עט באַלד פאַרמאַכן.

— וואָס וועלן מיר טאָן?

זי האָט אים אָנגעקוקט, נישט געענטפערט. די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט זיינען די לאַזשענקעס.

עוזר־העשל האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ האַלבן רובל. דער פורמאַן האָט געטאָן אַ קוק, געמאַכט אַ באַוועגונג ווי איבערצוברעכן די מטבע אין דער העלפט.

— ס'איז אויסלענדיש געלט, פריץ!...

— אַך, כ'האָב געמאַכט אַ טעות!...

עוזר־העשל האָט אַרויסגעקריגן אַ האַלבן רובל, באַצאָלט. דער פורמאַן האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער קעשענע, ווי צו געבן אַ רעשט. עוזר־העשל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַ דאַנק, פריץ. וויאָ!...

און דער גוי האָט אויסגעדרייט דעם דישעל.

די לאַזשענקעס זיינען נאָך געווען אָפן, נאָר אַלע זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען. אַ וועכטער איז געשטאַנען ביים טויער און נישט אַריינגעלאָזט. עוזר־העשל און הדסה האָבן זיך געלאָזט גיין לענגאויס די אַלייען. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט, פונסניי אָנגעהויבן גיין און ווידער געבליבן שטיין. הדסה האָט אויפגעציטערט.

— גאָט מיינער, כ'האָב דיך אַפילו נישט געפרעגט צי ביסט הונגעריק.

— ניין, אַ דאַנק. כ'האָב שוין געגעסן נאָכטמאָל.

— ווי קומסטו עפּעס אויף דער קראַכמאַלנע?

— ווייל ס'איז נעבן דיר. כ'האָב געוואַרט אַ שעה אויפן טעלעפאָן.

— כ'האָב שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין. ווען דו קלינגסט פינף מינוט שפעטער, וואָלסטו מיך נישט געטראָפן. אַזוי ווי ס'האָט געטאָן אַ קלינג, האָב איך געוואוסט, אַז ס'איז דו.

— ווי אַזוי? ביסט אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אין דער היים. כ'האָב געקלונגען אפשר צוואַנציק מאָל.

— ווי איז דאָס מעגלעך? כ'בין אַראָפּגעגאַנגען אויף אַ האַלבער שעה. אַ, יאָ, כ'בין געווען ביי סטעפאַן. אַבראַמס טאָכטער, די שוועסטער, ביילע־איטע, האָט חתונה געהאַט. מיט אַן אַלמן. ווען איך ווייס אַז דו ביסט אין וואַרשע! כ'האָב גערעדט וועגן דיר מיט סטעפאַן. זי ווייסט אַלץ. מאַשע אויך.

— וואָס איז מיט אים? — האָט עוזר־העשל געפרעגט נאָך אַ קווענקלעניש. הדסה האָט זיך אָנגעשפיצט.

— כ'האָב דיר אַלץ געשריבן. ס'איז געווען אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג. איצט איז אַלץ געענדיקט. כ'האָב געוואָלט מיך אַליין באַשטראָפן. דו וועסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין.

— יאָ, כ׳פֿאַרשטיי. מיר זיינען ביידע געווען משוגע. פֿאַרוואָס ביסטו נישט געבליבן אין יוזעפֿאָוו?

— כ׳האָב דיר נישט דערציילט? איר מוטער איז געקומען און געמאַכט אַ סקאַנדאַל. שרעקלעך!...

— מיר מוזן ערגעץ אַוועקפֿאָרן.

— יאָ, לאָמיר פֿאָרן. וואוהין? כ׳וואָלט געדאַרפֿט איינפּאַקן אַ פּאָר זאַכן. איצט קאָן איך מער נישט. ער איז אין דער היים.

— יאָ, כ׳פֿאַרשטיי.

— אַלץ איז קעגן אונדז, נאָר מיר וועלן אַלץ בייקומען. כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן. פּאַפּאַ איז אין וואַרשע. ער איז אַביסל צעקריגט מיט מאַ. ער פֿאָרט אַרויס אַמאָל צו אַבראַמען. זיי זיינען געווען ברוגז, נאָר זיי האָבן זיך איבערגעבעטן. אַבראַם וואוינט אין מראָזי. ביי יענער פֿרוי. דאָס איז אַלץ זייער ווילד, נאָר אַזוי איז דאָס. פּאַפּאַ איז איינפֿאַך פֿאַרליבט אין פֿעטער אַבראַם. ער טוט אים אַלץ נאָך. זייער קאָמיש. אויב פּאַפּאַ איז אַרויסגעפֿאָרן, קאָן איך נעמען ביים סטרוזש דעם שליסל.

— ווי וועסטו וויסן אַז ר׳איז נישט הי?

— פּאַפּאַ גייט קיינמאָל נישט שלאָפֿן שפּעטער ווי עלף אַזייגער. ער האָט זיך געקויפֿט אַ דאָקטאָר־בוך, און טוט אַלץ, וואָס דאָרט שטייט. ער פֿאָרט קיין ציעכאָטשינעק און נעמט הידראָפּאַטיע. אונדזער פֿאַמיליע איז אַזוי משוגע.

— קלינג אפֿשר אָן.

— ס׳איז דאָ נישטאָ קיין טעלעפֿאָן. לאָמיר זיך אַ ווייל צוזעצן אויף דער באַנק.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט און געקוקט צו אַ ווילע, וואָס איז געשטאַנען אַקעגנאיבער, צווישן אַקאַציע־ביימער. די לאַנגע פֿענסטער זיינען געווען באַלויכטן, פֿאַרשטעלט מיט בראָקאַדן. פֿון מאָל צו מאָל האָט פֿאַרבייגעשוועבט אַ שאָטן. אויבן איז געווען אַ געשניצטער באַלקאָן, אונטערגעהאַלטן פֿון דריי הערקולעס־פֿיגורן. אַ קיל ווינטל האָט גענומען בלאָזן. עוזר־העשל האָט געטאָן אַ קוק אויפֿן האַנט־זייגערל. ס׳האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט ביי פֿינף מינוט צו עלף. ס׳האָט איצט געמוזט זיין אַ סך שפּעטער. די בענק האָבן זיך גיך אָפּגעליידיקט. די טראַמווייען, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון מיטן שטאָט, זיינען געווען פּוסט. זיי האָבן זיך געוואַקלט אויף די רעלסן ווי שיכּור. איבער הדסהס פּנים זיינען געלאָפֿן שאָטנס. די ליבשאַפֿט צו הדסהן, וואָס איז ווי פֿאַרנעפּלט געוואָרן אין דעם רייזע־פֿיבער, האָט פּלוצים פֿונסניי אויפֿגעוואַכט אין אים. גאָט, כ׳זיץ נעבן הדסהן! כ׳האַלט איר האַנט אין מיינער! ס׳איז נישט קיין חלום! ס׳איז דער אמת! דער אמת!... ער האָט זיך געטאָן אַ בויג צו איר, נאָר עמעץ האָט זיך אין דער רגע צוגעזעצט אויף דעם אַנדערן עק באַנק. ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— הדסה, דאָס ביסט דו?

— יאָ. איך. נעם מיך וואו דו ווילסט — האָט זי געזאָגט. זי איז געוואָרן וויס. זי האָט זיך איבערגעקלערט אַ ווייל און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט פֿאָרן צו דיר?

— מ׳דאַרף דורכגיין די שטוב פֿון די נייטאָרינס.

— וועמענס? אַהאַ.

און זי איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשוויגענע, דערשטוינט פֿון די אַלע פֿאַרוויקלענישן.

## 4

ווען עוזר־העשל און הדסה זיינען ווידער איינגעזעסן אין אַ דראָשקע, האָט שוין געמוזט זיין נאָך האַלבער נאַכט. הדסה האָט געהייסן פֿאָרן אויף דער פּאַנסקע. דער פֿורמאַן איז, אַפּנים, געווען שיכּור, ווייל נעבן דער יערוזאַלימער אַלייען איז די דראָשקע געבליבן שטיין. דאָס פֿערד האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿוס, געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער פּאָדקאָווע. דער קוטשער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, און מ׳האָט דערהערט ווי ער שנאָרכט. הדסה האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אים לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער פּלייצע. דער גוי האָט זיך איבערגעוועקט און אויפֿגעהויבן די בייטש, וואָס האָט אים אָנגעהויבן אַרויספֿאַלן פֿון דער האַנט, נאָר ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן וואוהין צו פֿאָרן. ער האָט פֿונסניי אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט דעם אַדרעס. ס׳האָט געדויערט דריי פֿערטל שעה ביז די דראָשקע איז צוגעפֿאָרן צו דער פּאַנסקע. הדסה האָט געהייסן זיך אָפּשטעלןביים עק ווילעקע. עוזר־העשל האָט ווידער באַצאָלט אַ האַלבן רובל. הדסה האָט עפּעס געריעדט וועגן דעם, אַז ער גיט אויס דאָס גאַנצע געלט. די פּאַנסקע איז שוין געווען ליידיק. די גאַז־לאַמטערן, ווייט אָפּגערוקט איינער פֿון אַנדערן, האָבן געוואָרפֿן געלע נעצן אויף די קאַצנשטיינער. די געוועלבן זיינען געווען פֿאַרהעמערט אויף די שטאַבן. הדסה האָט געריסן מינוטן לאַנג דעם גלאָק, ביז דער סטרוזש איז געקומען עפֿענען. הדסה האָט אים געפֿרעגט צי פּאַפּאַ איז אין דער היים, נאָר דער גוי האָט נישט געוואוסט. זי האָט פֿאַרלאַנגט ער זאָל איר אויפֿשליסן די טיר (עוזר־העשל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט), נאָר דער גוי האָט געשוואוירן, אַז ער האָט נישט קיין נאָכשליסל. הדסה האָט אים געהייסן צוריקגיין שלאָפֿן. זי האָט אָנגענומען עוזר־העשלען ביים אָרעם און זיי זיינען אַרויס אויף דער טוואַרדע און שפּעטער אויפֿן גזשיבאָוו. הדסה האָט אָנגעוויזן אויף ר׳ משולם מושקאַטס הויז. אַלע פֿענסטער זיינען געווען פֿינסטער. בלויז אין איינעם האָט זיך געלויכטן אַ רויט נאַכט־לעמפּל.

— דעם זיידעשיס הויז. איצט וואוינט דאָ דער פֿעטער יואל.

— גינע האָט געזאָגט, אַז ער איז קראַנק.

— יאָ, קראַנק.

פֿון גזשיבאָוו זיינען זיי אַרויס אויף דער גנאָינע. הדסה איז, ווייזט אויס, געגאַנגען אַהיים. ביי אַ טויער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. עוזר־העשל האָט דערזען רעכטס אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפֿט: פֿישעל קוטנער. הדסה האָט אַ צי געטאָן דעם גלאָק. ער האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. אַזוי אָרום געזעגנט זי זיך מיט אים? זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געשמייכלט. דאָס

פּנים איז געווען משונה בלאַס. גאָלדענע פֿונקען האָבן געשאָסן פֿון די שוואַרצ־אַפּלען. ס'האָבן זיך דערהערט טריט.

— קום מיט מיר — האָט הדסה אים איינגערוימט.

ער האָט זי געוואָלט איבערפֿרעגן, נאָר ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט. אַ שווערער שליסל האָט זיך געטאָן אַ דריי און ס'האָט זיך געעפֿנט די טיר. עוזר־העשל האָט דערזען אַ רויט אָפּגעשיילט פּנים פֿון אַ מצורע. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעכאַפּט אַ זילבערנע מטבע, אַריינגעשטופּט דעם ערל אין דער לאַפּע. ביידנס פֿינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט. ס'האָט געשטונקען פֿון דעם גוי מיט חזיר־גריוון און בראַנפֿן.

— דער פּאַן וואוהין?

— יאָ, ער נעכטיקט ביי אונדז — האָט הדסה געזאָגט און אים אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל. דער גוי האָט אויף אים אַ בליק געטאָן מיט די פֿאַרלאָפֿענע ווייסאַפּלען.

— נו!...

הדסה איז אַ לויף געטאָן פֿאָראויס. עוזר־העשל איז אַריין דורך דער שמאָלער עפֿענונג. אין טויער איז געווען פֿינסטער. אין איין אויגנבליק איז עוזר־העשל געווען אין הויף. אַ ווייל האָט ער גאָרנישט געזען. ער איז ווי איינגעשלונגען געוואָרן אין חשכות. ס'זיינען דאָ, ווייזט אויס, נישט געווען קיין פֿענסטער, נאָר בלינדע מויערן. דאָס פֿיר־עקיקע שטיק הימל איז געלעגן הויך, געדיכט באַזייט מיט שטערן. ער איז ווי אַראָפּ אין אַ טיפֿעניש. מיט אַמאָל איז אויסגעוואַקסן הדסה. זי האָט אויפֿגעטויכט ווי אין אַ נס. אַ ווייסער פֿלעק האָט זיך געטאָן אַ וואַקל. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געוויגט שווינדיקערהייט. הדסה האָט געהאַט אויסגעטאָן דעם הוט. די אויגן האָבן ווי געלויכטן אין דער פֿינסטערניש.

— קום מיט מיר! — האָט זי איינגערוימט. די ליפּן האָבן אָנגערירט דאָס לעפּל פֿון זיין אויער.

זי האָט אים אָנגענומען ביים האַנט־געלענק און ער איז איר נאָכגעגאַנגען בלינדערהייט. זאָל זיין וואָס ס'עט זיין! — האָט ער געטראַכט. — כ'האָב זי ליב סיי־ווי־סיי. ער איז פֿול געווען סיי מיט פּחד, סיי מיט הפקרות. זאָל זי מיך נעמען צום מאַן — האָט ער געקלערט. — כ'על אים זאָגן אָפֿן, אַז זי געהער מיר... דער הויף איז געווען אַ לאַנגער. אין דער שוואַרצקייט זיינען אויסגעוואַקסן פֿורן, פֿעסער, קאַסטנס. ס'האָט געשמעקט מיט אייל און לויג. הדסה האָט אים אַריינגעצויגן אין אַן איינגאַנג. זיי האָבן זיך געלאָזט קלעטערן אויף קרומע שטיגן. זיי זיינען געקראָכן מיט שטילע טריט, אויף די שפּיצן פֿינגער. די טרעפּ האָבן געסקריפּעט. דאָס געלענדער האָט זיך געוואַקלט. אַ שטילקייט האָט זיך דאָ געטראָגן, ווי אין אַ חורבה. עוזר־העשלען זיינען געלאָפֿן פֿייערדיקע קאַלירן פֿאַר די אויגן. ערגעץ אויפֿן דריטן שטאָק זיינען זיי צוגעקומען צו אַ וואַנט. הדסה האָט געפּרואווט עפֿענען אַ טיר, נאָר ס'איז געווען פֿאַרשפּאַרט.

— אַ סעקונדע!

זי איז ערגעץ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן שטיין אַליין, מיט דעם

געפֿיל פֿון אַ בעל־חי, וואָס מ׳האָט עס אָוועקגעשטעלט און ס׳מוז וואַרטן ביז דער מענטש וועט זיך אומקערן. ער האָט אָנגעטאַפּט האַלז, אַ קליאַמקע, אַ שליסל־לאָך. ער האָט געטאָן אַ שטופּ און ס׳האָט זיך געעפֿנט. איז דאָס מעגלעך? ס׳איז דאָך ערשט געווען פֿאַרשלאָסן. ער האָט געוואָלט רופֿן הדסהן, נאָר ער האָט זיך נישט דערוועגט אויפֿצוהייבן דאָס קול. אינעווייניק איז געווען חושך־פֿינסטער. ס׳האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן די פֿאַרדומפּנקייט פֿון אַ נישט־באַוואוינטער דירה. וואו איז זי ערגעץ אַוועק? מסתמא נעמען אַ שליסל. זי איז גאָרנישט משוגע! זי האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ ליידיקער וואוינונג. דאָס הויז געהער צו איר מאַן. אַלץ איז מיט אַמאָל געוואָרן פֿאַרענטפֿערט. ס׳האָט אים אָנגענומען אַ בענקשאַפֿט. וואו איז זי אַוועק? זי׳ט נאָך חלילה, פֿאַלן. איז ער גליקלעך? יאָ, דאָס איז גליק. ער וואָלט שוין איצט געקאָנט שטאַרבן...

ער האָט פֿאַרנומען טריט. הדסה האָט זיך אומגעקערט.

— הדסה, וואו ביסטו?

— דאָ בין איך.

— כ׳האָב דיך ליב.

— איך דיך אויך. ביזן טויט!

אוןביידע זיינען געוואָרן אַנטשוויגן.

— די טיר איז אָפֿן.

— האָסט אויפֿגעריסן?

— ס׳האָט זיך אַליין אויפֿגעמאַכט.

— ווי אַזוי? נו, גיי אַריין. שאַ!...

ער האָט אויפֿגעשפּאַרט די טיר און איז אַריין. זי איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זי געוואָלט אָננעמען ביי דער האַנט, אָבער ער האָט אָנגערירט עפּעס האָריקס און וואָליקס. זי האָט געטראָגן אַ שאַל, אָדער אַ קאָלדרע. זיי זיינען פֿאַרביי אַ קאָרידאָר. ס׳האָט נאָך דאָ אַ שמעק געטאָן מיט די לאַנג־אויסגעוועפּטע ריחות פֿון גאַז און קיך. דערנאָך האָבן זיי זיך געפֿונען אין אַ גרויסער שטוב, אָנגעשטעלט מיט מעבל. עוזר־העשל האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ וויג־שטול און זי האָט זיך אָנגעהויבן וויגן. ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין ראַנד פֿון אַ קאַפּל־אויוון. הדסה איז איצט געגאַנגען פֿאָראויס און אים נאָכגעצויגן. זי האָט מיטן שפּיץ שוך געעפֿנט אַ טיר און מ׳איז אַריין אין אַ שמאָל צימער. עוזר־העשלס אויגן האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דער פֿינסטערניש. די נאַכט איז פֿון זיך אַליין געוואָרן העל. ער האָט דערזען טאַפּעצירטע ווענט, ניקלענע בעטן, מאַטראַצן, אַ קאָמאָדע, אַ שפּיגל. אין געשליפֿענעם גלאָז האָט געטאָן אַ בליץ. אויפֿן פֿענסטער האָט געהאַנגען אַ צעריסענער פֿאָרהאַנג. הדסה האָט אַוועקגעלייגט די שאַל אויפֿן מאַטראַץ.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטוב?

— אונדזער שטוב.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיינען געשטאַנען שווייגנדיקערהייט. ער האָט געהערט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿון איר האַרץ. זי האָט אים אָנגענומען ביי ביידע האַנט־געלענקען און צוגעדריקט אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט וויי־געטאָן.

— דערציייל מיר אַלץ. ווען ביסטו געקומען? ווי אַזוי?

— כ'ווייס שוין אַליין נישט. מיר זיינען געווען אין שווידער. ביי ר' וואָלף הענדעלס.

— ווען?

— נעכטן.

— כ'פאַרשטיי גאָרנישט, נאָר אַלץ איינס. כ'האָב ביז איצט נישט געלעבט. כ'האָב געוואַרט און געהאָפט. איצט בלייבסטו שוין דאָ.

זי האָט אים אָפּגעלאָזט און אויסגעשפּרייט די שאַל. זיי האָבן זיך אָוועקגעלייגט און געבליבן ליגן קני צו קני, נאָז צו נאָז, מויל צו מויל. דורך דעם ריס אין ראָלעט האָט אַריינגעקוקט אַ ווייסלעך שטיקל הימל. ערגעץ אין אַ פֿענסטער, איינגעפֿאַסט ווי אין חלל, האָט זיך באַוועגט אַ שאָטן, פֿאַרשוואונדן, פֿונסניי אויפֿגעטויכט, העכער פֿון דער רעם, מיט אַן איבערגעבראָכענעם קאָפּ. קעץ האָבן געמיאַוקעט. פֿון דער ווינער באַן האָט זיך דערטראָגן דאָס פּייפֿעניש פֿון לאָקאָמאָטיוון, דאָס רייבעניש פֿון רעדער אויף רעלסן. פּאַסן ליכט זיינען געלאָפֿן איבערן סופֿיט. אַן אויסטערלישע וואַרעמקייט איז געפֿלאָסן פֿון הדסהן, אַ סודותדיקע, אַ קיינמאָל נישט געאָנטע. ער האָט ווי אַ בלינדער אַרומגעטאַפּט די פֿאָרמען פֿון איר קערפּער: די האָר, דעם שטערן, די נאָז, די באַקן, דעם האַלדז, די ברוסט. די שטוב, דאָס הויז האָבן זיך ערגעץ געטראָגן. ער האָט ווי באַנומען מיט די חושים דאָס פֿליען פֿון דער ערד אין רוים. ביידנס אויגן האָבן זיך צעעפֿנט, זיך אָנגעקוקט נאַכטיש־נייגעריק, צו־נאָענט, פֿול־שוואַרצאַפּל. הדסה האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן זיין נאַקן.

— קום צו מיר!...

—◆—

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

### 1

אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, האָט דער פּויקער פֿון דער קליין־טערעשפּאָלער גמינע אַרויסגעלייענט פֿון אַ פּאַפּיר אַ באַפֿעל, אַז די קליין־טערעשפּאָלער יידן מוזן אַרויס פֿון שטעטל אין פֿיר־און־צוואַנציק שעה. אין שטעטל איז געוואָרן אַ האַרמידער. די פּרנסים זיינען אַוועק צום שופֿט, נאָר דער גוי האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט געקראָגן אַ דעפּעשע פֿון זאַמאָשטש. צוויי באַלעבאַטים, וואָס קאָנען רעדן רוסיש, האָבן געכאַפּט אַ פֿור און אַוועקגעלאָפֿן קיין זאַמאָשטש, נאָר דער מיליטערישער נאַטשאַלניק האָט זיי אַפֿילו נישט געוואָלט אויפֿנעמען. דער נאַקאַז איז געקומען פֿון קייסערס פֿעטער אַליין, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

די יידן, וואָס האָבן געקאָנט קריגן פֿערד־און־וועגעלעך, האָבן גלייך גענומען איינפּאַקן די בעבעכעס. אַנדערע זיינען אַוועק איבער די דערפֿער זוכן פּויערישע פֿורלעך. די צוויי צענדליק שטאָטישע גויים האָבן זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק.

מאַרקעוויטש, דער חזיר־שלעגער, האָט גראָד יענעם מאָנטאָג געקיילט אַ דבר־אחר. יאַן דאָבוש, דער סאָלטיס, האָט געדרעשט קאָרן. דער לאַנגער פּאָליש איז געווען פֿאַרנומען מיט רייסן עפּל אין סאָד. אַנטעק ליס, דאָס פּוילישע שוסטערל, איז אַריינגעקומען צו ר׳ איסר מאַטעלס אין דער לעדער־קראָם און פֿאָרגעשלאָגן מ׳זאָל אים פֿאַרקויפֿן די לעדער פֿאַר אַ דריטל געלט.

— אונדזערע וועלן סיי־ווי אַלץ צונעמען — האָט דאָס שוסטערל געטענהט.
— מ׳זאָגט יאַקאָש, מ׳עט אויסקוילן אַלע זשידעס.

און ער האָט געמאַכט אַ צייכן מיטן וויַיז־פֿינגער איבערן גאָרגל: כיק...

די וויַיבער זיַינען געלאָפֿן צו היימישע גויעס אויסגיסן ס׳ביטערע האַרץ, נאָר די באַלעבאָסטעס זיַינען אַלע געווען פֿאַרטאָן אין דער ווירטשאַפֿט. ווער ס׳האָט געזיפּט מעל און ווער ס׳האָט געפּרעגלט איַינגעמאַכטס; ווער ס׳האָט אויסגעקלאַפּט פּוטער און ווער ס׳האָט געוואַרעמט קעז. די אַלטע גויעס האָבן געשפּינט פֿלאַקס אויף שפּין־רעדלעך. די שקצים האָבן זיך געשפּילט מיט הינטלעך, קעצלעך, ים־חזירימלעך, אָדער זיי האָבן מיט לעפֿל אויסגעגראָבן גריבלעך אין די הויפֿן און צעשניטן ערד־ווערים. העגער האָבן געקרייעט, הינער האָבן געקוואָקעט, די פּאַסטוכלעך האָבן צוריקגעטריבן פֿון דער פּאַשע די קי און שיקסעס האָבן אויסגעמאָלקן פֿולע שעפֿלעך מילך. מ׳האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן די יידן.

די יידענעס האָבן געוואָלט אַוועקשטעלן ביַי די קריסטלעכע שכנות אַלמערס, טישן, קאָמאָדעס, אָבער די גאַיעס האָבן געטענהט, אַז ס׳איז צו־ענג. דערפֿאַר זיַינען זיי גרייט געווען אָפּצוקויפֿן קליידער, געשיר, וועש, צירונג, סחורות פֿון די קראָמען. נאָך לאַנגע רייד האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. די פּאָליאַקן האָבן פֿאַרלאַנגט מ׳זאָל זיי אַלץ אַוועקגעבן בחצי־חינם.

דער פֿויקער האָט אַרויסגעלייענט זיין לייענעכץ מאָנטאָג אין דער פֿרי. דינ־סטאָג מיטאָג־צייט זיַינען שוין דריַי־פֿערטל שטאָט־לייט געהאַט אַוועק. דער לובלינער וועג איז פֿול געווען מיט פֿורן, בוידן, פֿוס־גייער. די קצבים האָבן אַרויסגעפֿירט די בהמות. אָרעמעלייט האָבן איַינגעפּאַקט דעם דלות אין פּלאַכטעס און געטראָגן אויף די פּלייצעס. לייזער שניידער האָט מיטגענומען אַ קעפּל פֿון אַ ניי־מאַשין. אַבא שוסטער האָט געשלעפּט אַ זאַק קאָפּיטעס און געצייג. די חזיר־האָר־קעמער האָבן איַינגעפּאַקט די באַרשטן און פּרעסן. מאיר סטאָליאַר האָט געפֿירט אויף אַ האַנט־וועגעלע די הובלעס, פֿיילן, שטאַמאייזנס, האַמערס, צוואַנגען. אויף אַ וואָגן אונטערגעבעט מיט שטרוי האָט מען אויפֿגעלאָדן די ספֿר־תורהס. מ׳האָט צוגעדעקט די ריַיניקייטן מיט טליתים. אַ געזעמל מאַנסלייט און וויַיבער האָבן באַלייט די כלי־קודש. די פֿויערים און פֿויערטעס אין די דערפֿער זיַינען אַרויס פֿאַר די טירן און נאָכגעקוקט. טייל האָבן אַרויסגעטראָגן צו די פֿאַרטריבענע אַ טרונק וואַסער. אַנדערע האָבן אָפּגעלאַכט און נאָכגעשפּעט.

— איי־איי־איי, זשידי, טאַטעלעך מאַמעלעך!...

ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, דער רב, און זיין משפּחה זיַינען אויך אַוועק. ר׳ דן האָט געהייסן באַהאַלטן די ספֿרים אויפֿן בוידעם. ער האָט מיטגענומען מיט

זיך דעם טלית־זאַק, ר׳ יעקב עמדינס סידור און אַ גמרא ביצה. די כּתב־ידן האָט ער אַריינגעשטופּט אין טירל פֿון אויוון און אונטערגעצונדן.

— מ׳עט זיך באַגיין — האָט ר׳ דן געזאָגט. — ניש־קשה...

דער רב איז געשטאַנען אַנגעלענט איןביישטידל און געקוקט ווי ס׳ברענען די חידושים, די שאַלות ותשובות, דער פּירוש אויפֿן משנת־חסידים, דאָס ספֿר צדקת חכמים, וואָס האָט פֿאַרענטפֿערט די השגות פֿון ראב״ד אויפֿן רי״ף. דריי ציכלעך מיט פּאַפּירן האָבן זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין די עטלעכע־און־פֿערציק יאָר, וואָס ר׳ דן איז דאָ געזעסן על כּסא הרבנות, אַ חוץ פּעק בריוו פֿון רבנים און לומדים איבער פּוילן, גאַליציע, ליטע. זיי האָבן אַלע צו אים געשריבן: דער בערזשאַנער און דער פּיטשוטשער, דער טשעכאַנאָווער און דער סאָכאַטשאָווער, דער שואל ומשיב און דער בריסקער רב, דער אָסטראָווצער און ר׳ יאָשע דינאַבורגער. אַלץ האָט איצט געפֿלאַקערט צוזאַמען: פּלפּולים און חידושים, הקדמות, הסכמות, דרשות אויף שבת הגדול און שבת תשובה, הגהות און פּירושים, קשיות און תּירוצים, קולאס און חומראס, ויש ליישבס און ודוקס. אַ תשובה וועגן אַן עגונה האָט געברענט צוזאַמען מיט אַ בריוו פֿון אַ שד״ר, געשריבן אין אַ געציקלט כּתב, מיט דריידעלעך און ווײַדעלעך נאָך יעדער פּאַ, למד און לאַנגע־נון. נעבן אַ קול קורא וועגן קטניות אין פּסח האָט זיך געקנוילט אַ שרייבעכץ פֿון אַ מומר להכעיס, אַ מיסיאָנער, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן ר׳ דנען זיין עולם־הבא. דאָס געשריפֿטס איז פֿול געווען מיט מליצות און קענטעניש. ר׳ דן האָט זיך יעדעס מאָל אַראָפּגעבויגן צו די ציכלעך און אָנגענומען נייע הויפֿנס. ער האָט זיך אַליין געחידושט, ווי ער האָט געקענט אָנשרייבן אַזויפֿיל. ר׳ דן האָט געוואָלט וואָס־גיכער פּטור ווערן פֿון די כּתבים. אַליין זיי לאָזן דרוקן האָט ער נישט געקאָנט. די זין זיינען נישט געווען קיין לייט. די חיבורים וואָלטן אַריינגעפֿאַלן צו שנאָרערס, וואָס שלעפּן זיך אַרום נאָך פּרענומעראַנטן: ביין, שוין בעסער פֿאַרברענען. אָבער דאָס פֿייער האָט זיך נישט געאיילט. דער ווינט האָט אַרויסגעבלאָזן בלעטלעך און מ׳האָט זיי געדאַרפֿט צוריק אַריינלייגן. די דיקע קונטרסים און העפֿטן האָבן זיך נישט אָנגעצונדן און מ׳האָט זיי געמוזט פֿריער פֿונאַנדערנעמען. אינמיטן די פֿלאַמען איז געלעגן גאַנץ אַ פֿאַרגעלט בייגעלע פּאַפּיר, ווי על־פּי־נס. ווען ס׳האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט, איז דאָס אַש נישט צעפֿאַלן און ס׳האָבן לאַנג דערנאָך געגליט אויף די ווירעס די פֿייערדיקע אותיות...

אַז די ציכלעך זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט, איז ר׳ דן אַרויס צו דער פֿור. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און געוואָרפֿן אַ לעצטן בליק אויפֿן הייפֿל, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט גראָזן, בלעטער, בלימלעך, בריעכץ, אומקרויט; אויף דעם עפּל־בוים, דעם שינדל־דאַך, דעם קוימען, די פֿענסטער, דער צוים, דער סוכּה מיט די פֿליגל. אַרום דעם שול־דאַך האָט אַ שטאָרך געמאַכט הקפֿות. די שויבן אין בית־מדרש האָבן געוואָרפֿן גינגאָלדענע נעצן. פֿון מרחץ איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויך. דאָס האָבן די שטאָט־גויים באַצייטנס זיך שוין דאָרט געבאָדן. ביי דער טיר פֿון הקדש איז, ווי אַלעמאָל, געשטאַנען דאָס טהרה־ברעט. אויפֿן פֿאַרצייטיקן בית־עולם האָבן זיך געפֿיטערט ציגן.

דער הימל איז געלעגן אָן אויסגעלייטערטער, אַ בלויער. ס'איז ר' דנען אָנגעקומען שווער אַרויפֿצוקלעטערן אויפֿן וואָגן. אַ לאַטש איז געבליבן שטעקן צווישן די שפּריכן פֿון אַ ראָד. די רביצין, פֿינקל, די טאָכטער, און איר טאָכטער, דינהלע, עוזר־העשלס שוועסטער, זײַנען שוין דאָרט געזעסן, אַרומגערינגלט מיט קוישן, בינטלעך, פּעק בעטגעוואַנט. די זקנה האָט געוויינט. דינהלען איז דער קאָפּ געווען אַרומגעבונדן מיט אַ פֿאַטשיילע. פֿון עגמת־נפֿש האָט זי געהאַט געחלשט. דער מאַן אירער, מנשה־דודל, איז ערגעץ געבליבן שטעקן אין גאַליציע. פֿינקל האָט מיט אַ בענדל צוגעפֿגעבונדן אירע ספֿרימלעך. ר' דן האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן געזעס, אַ קוק געטאָן אין דער הויך.

— נו, מיר'ן זיך לאָזן אין וועג!...

מ'איז פֿאַרביי דאָס שול־געסל, דעם ברונעם פֿון טיי־וואַסער, דעם מאַרק, און מ'האָט זיך דורך דער טומאה־גאַס פֿאַרדרייט צום זאַמד. אַרום קלויסטער אין געשטאַנען אַ המון־עם. ס'איז דאָרט געווען אַ כאָסלערע אָדער אַ באַגרעבעניש. די באַגילדטע צלמים האָבן געבליצט קעגן דער זון. דער גלאָק האָט געקלונגען. מ'האָט געהערט אַ שפּילעניש פֿון אַן אָרגל און אַ בלעקעכצן. ווייטערצו, לינקס, איז געלעגן דאָס בית־עולם. צווישן די מצבֿות, אונטער ווײַסע בעריאָזעס, איז געשטאַנען דאָס אוהל פֿון אַ רבֿ, וואָס האָט דאָ, אין קליין־טערעשפּאָל, מחבר געווען זײַנע צוויי־און־פֿופֿציק ספֿרים. אויפֿן שפּיץ אוהל האָט געגליווערט אַ קראָ. אויף יענער זייט שלאַבאַנג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אַן אלמנה האָט דאָ געהאַט אַ גאַסט־הויז. מחמת ס'איז שוין געווען אַן אַנדערע גמינע, איז אפֿשר דער גירוש נישט חל געווען אויף איר און די אַרענדאַרין איז געבליבן. אין דער שענק זײַנען איצט געזעסן יידן און ווײַבער. קינדער זײַנען אַרומגעלאָפֿן. אין די הינטערשטע שטיבלעך האָט מען אַוועקגעלייגט עטלעכע קראַנקע פֿון הקדש און אַ טראָגעדיק ווײַבל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן קריגן ווייען. ר' דנס פֿורל איז געבליבן שטיין נעבן אַ בריטשקע, וואו ס'איז געזעסן יקותיאל זייגער־מאַכער. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט זייגערס, קעסטלעך געווערק, אַלערליי לעמפּלעך, שאַכטלעך, מאַשינדלעך. יקותיאל איז געווען אַמאָל דעם רבס תּלמיד. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ר' דנען און די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך עצבֿותדיק צעשמייכלט.

— גאָט־העלף, רבי, נו? — האָט יקותיאל געזאָגט. געמיינט האָט דער משכּיל: וואו איז אייער רבונו־של־עולם? וואו זײַנען זײַנע נסים? וואו איז דער בטחון? וואָס האָט געהאָלפֿן די תּורה, די תּפֿילה?

ר' דן האָט פֿאַרשטאַנען וואָס דער אַפּיקורס האָט אין זין און געענטפֿערט:

— נו?...

געהייסן האָט דאָס אויף שטום־לשון: וואו זײַנען דײַנע רפֿואות אויף אַלע שלעק? וואו איז דײַן עולם־הזה? וואו איז די אײַנרעדעניש, אַז די אומות העולם ווערן קליגער? וואָס האָסטו אויפֿגעטאָן מיט נאָכקרימען עשיון?

קראָסע, די אײַגנטימערין, איז אַרויסגעקומען און אַרײַנגעבעטן צו זיך דעם רבֿ און זײַן משפּחה. זי האָט געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אים אַ באַזונדער שטיבל. ר' דן האָט נישט געוואָלט עסן, אָבער אַזוי ווי מ'האָט דאָ סײַ־ווי געוואַרט

און אָנגעטרונקען די פֿערד, האָט ער גענומען דעם טלית־זאַק און איז אַראָפּגעקראָכן. אַ לאַנגע ווייל האָט ר׳ דן אַרומגעשפּאַנט אין דעם חדרל אַהין און צוריק. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ חנוכּה־לעמפּל. אין אַ שענקעלע זיינען געשטאַנען אַ פּאָר סידורים און מחזורים. אויף צוויי הויך־געבעטע בעטן, באַהאָנגען מיט קרויזן, זיינען געלעגן יאַשעקלעך. ס׳האָט דאָ, אַפּנים, געוואוינט אַ יונג פּאָרפֿאָלק. אין הויפֿל, אויף יענער זייט פֿענסטער, איז געשטאַנען אַ ציג. די קאָזע האָט געשאָקלט מיטן ווייסן בערדל, זיך געקראַצט מיט די שפּיצן הערנער, פֿון מאָל צו מאָל אַ טופּע געטאָן מיט די געשפּאָלטענע קלאָען. זי האָט געקוקט גלייך צו אים, ר׳ דנען. דעם רב האָט אָנגענומען אַ ליבשאַפֿט צו דעם דאָזיקן באַשעפֿעניש, דער עז שבבדקות, וואָס די גמרא פֿאַרגלייכט זי צום פֿאָלק ישראל, דעם עז שבאומות. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג איר אַ גלעט צו טאָן, איר עפּעס צו געבן. ער האָט אָבער ביי זיך גאָרנישט געהאַט. נאָך אַ ווייל האָט דער רב אַרויסגענומען די גמרא ביצה און זיך אַוועקגעזעצט לערנען.

ר׳ דן האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ מתיקות אין לערנען ווי יענעם פֿאַרמיטאָג ביי קראָסען אין שלאָף־שטיבל. ער האָט אָפּגעלערנט דריי עמודים מיט תּוספֿות און געכאַפּט אַ קוק אין מהרש״א און אין מהר״ם. די רביצין איז אַריינגעקומען זאָגן, אַז מ׳פֿאָרט ווייטער. די זקנה האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ דנען, געפּרואווט עפּעס רעדן, נאָר ס׳האָט זיך איר אַוועקגעשטעלט אַ קנויל אין האַלדז. זי האָט געשאָקלט מיטן געמבעלע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט ווייסע האָר. אין דעם פֿרעמדן שטיבל האָט דער מאַן אירער אויסגעזען ווי אַ פֿאַרצייטיקער, אַ תּנא. ס׳האָט זי אָנגענומען סיי אַ געוויין, סיי אַ פֿרייד, וואָס זי האָט זוכה געווען אָפּצולעבן מיט דעם דאָזיקן צדיק קנאַפּע זעכציק יאָר.

## 2

אַרום צוויי אַזייגער האָט זיך דעם רבס פֿור פֿונסניי אַרויסגעלאָזט אין וועג. פֿון הינטן זיינען נאָכגעפֿאָרן ר׳ דנס זין, צדוק און לוי־מאיר, די שנירן, די אייניקלעך. לויטן חשבון האָט מען נאָך אַ פֿיר שעה געדאַרפֿט אָנקומען קיין זאַמאָשטש. אָבער מ׳איז מער געשטאַנען ווי געפֿאָרן. דער שאָסיי איז פֿול געווען מיט זעלנער, אָבאָז, האַרמאַטן. די חיילות זיינען געגאַנגען צום טייך סאַן, וואו די עסטרייכער האָבן געמאַכט אַן אַטאַקע. מ׳האָט געזען אַלערליי סאָרטן: קאָזאַקן מיט לאַנגע פּיקעס, אין קיילעכיקע היטלען, מיט אויערינגלעך אין די אויערן, און טשערקעסן אין פּאַפּאַכעס, לאַנגע קאַפּאָטעס, די ברוסט באַהאָנגען מיט מעסערלעך; כאַכלאַקעס, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט די ביקסן אויף אַן אויסבעטעכץ פֿון טוך, צונויפֿגעדריקט ווי אַ בייגל, און קאַלמיקן, קליינע ווי קאַרליקעס, מיט קרומע אייגעלעך. די האַרמאַטן זיינען געוואָרן געשלעפּט פֿון אַכט און צען לאַסט־פֿערד. אונטער די מעכטיקע רעדער האָבן געפּלאַצט די שטיינער. די פֿינסטערע מיילער זיינען געווען באַהאָנגען מיט צווייגלעך און קרענצלעך בלומען, צו לינדערן די אימה. אין מיטן פֿעלד האָבן קוכערס געקאָכט קעסלען שפּייז. רייטער זיינען געריטן אַהין און צוריק, געשריגן, געפֿאָכעט מיט די נאַהאַיקעס. די פֿערד האָבן געהירזשעט און

זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. פון די פיסקעס איז געלאָפן דער שוים. טשאַטעס פייגל זיינען נאָכגעפלויגן די מחנות מיט אַ קראַקעניש, ווי גרייט צו פיקן די אויגן פון די געפאַלענע. איבער די שורות באַיאָנעטן האָבן זיך אויפגעהויבן קרומע זיילן שטויב. די פורלעך מיט די יידן האָבן דערוועקט צאָרן ביי דעם מיליטער.

— די זשידעס אַנטלויפן שוין! — האָבן די פאָניעס געטייטלט מיט די פינ־גער — ווי מייז פון אַ שיף...

די יידן האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן, נאָר די אָפיצירן האָבן געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין און געהייסן זיך אומקערן אויף צוריק. עטלעכע יידן האָבן שוין באַקומען מיט די בייטשן. די ווייבער האָבן גע־ווינט. די קינדער האָבן זיך צעיאָמערט. די פויערים, די אָנטרייבערס, האָבן גע־טענהט, אַז זיי קאָנען זיך נישט אייביק אַרומשלעפן מיט די יידישע גראַטעס. זיי האָבן געוואָלט אַראָפוואַרפן די לאַסט און צוריק אַוועק אין די דערפער. מער ווי אויף אַלע יידן האָבן די סאָלדאַטן געגאַפט אויף ר' דנען. די ווייסע באָרד, דער זיידענער כאַלאַט — אַלץ האָט אויסגעזעזן די יוונים אויסטערליש. וואוהין שלעפן זיי זיך, די אַנטי־קריסטן? מיט וועמען האַלטן זיי? וואָס ווילן זיי? פאַר־וואָס האָבן זיי נישט אָנגענומען דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבן? ס'האָט זיך געוואָלט רייסן די לייט ביי די בערד, שלעפן ביי די פאות, אַריינשטעכן אַ באַיאָנעט; די הענט האָבן געביסן אַראָפצורייסן ביי די ווייבער די פאַרוקן, די קאָפקעס, צו שענדן די טעכטער אין די אויגן פון די טאַטעס, מאַמעס, מאַנען. דער עסטריי־כישער שונא איז געווען אויף יענעם ברעג סאַן. דער יידישער פיינט האָט זיך געפלאָנטערט צווישן די רעדער.

— יידעלעך, הינטישע זין! פאַררעטער, אומגלויביקע, שפיאָנען!

— עך, איר דייטשע הינט!...

ווער ס'האָט געטאָן אַ שפיי און ווער — אַ פאָכע מיט אַ פויסט; ווער ס'האָט דערלאַנגט אַ שמיץ און ווער — אַ שטויס מיט אַ שטיוול. ס'רוב האָבן געקוקט טעמפ אויף די וואַנדערער מיט זייערע לאַנגע מלבושים, צעשויבערטע בערד, צעשראָקענע אויגן. שקצימלעך זיינען אַרויס פון די כאַטעס און געוואָרפן שטיינער. דאָרפישע הינט זיינען נאָכגעלאָפן מיט אַ בילעריי. די ערלים, די אייגנטימער פון די פורן, האָבן געשפיגן און געשאָלטן. ביי יעדן קאַפעל האָבן זיי זיך געצלמט און געמורמלט אַ געבעט צו דער הייליקער מאַמע און דעם יעזוס־קינד, זיי זאָלן זיך אומקערן גאַנץ מיט די פערד; וואָרים כאָטש די פערדלעך זיינען געשטאַנען צום פריזיוו און האָבן געהאַט סטעמפלען אויף דער פעל, אַז זיי זיינען באַפרייט, האָבן די רוסן קאָנפיסקירט אויף רעכטס און אויף לינקס. אַחוץ יידן, זיינען פאָליאַקן געווען די ערגסטע שונאים פון רוסישן פאָטערלאַנד. אַ רוסישער מענטש וועט נישט שוינען אַ פאָליאַק, אַ קאַטאָליק, ווען ער אַליין גייט אויפן פייער, צו ראַטעווען די הייליקע צערקווע, די מאַמעלע רוסלאַנד און דעם טאַטעלע, דעם צאַר.

— עך, דו ליאַך פאַרשאָלטענער!

די זון האָט זיך שוין גענויגט צו מערב, נאָר מ'האָט נאָך אַלץ נישט דער־

גרייכט צו קיין שטאָט. די קאַצאַפּעס האָבן געזונגען ווילדע לידער, מיט גראָבע הייזעריקע קולות. די רייטער האָבן געשריגן, געזידלט, געפּאָכעט מיט די אַנט־בלויזטע שווערדן. פּערד זיינען געפֿאַלן, געבראָכן רוק־און־לענד און מ׳האָט זיי געמוזט שיסן. די מלחמה האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן, אָבער מ׳האָט שוין צוריקגעפֿירט פֿון די שלאַכטן פֿאַרוואונדעטע. אויף פּשוטע וועגן זיינען געלעגן שמאַטיקע פֿאַרשווינען, מיט געלע פּנימער, אַרומגעוויקלט מיט פֿאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן. ערגעץ נישט ווייט האָט מען זיך געשלאָגן, געשטאָכן, געקוילעט. דער אוויר האָט געשטונקען פֿון שווייס, השתּנה, דזשעגעכץ, מיסט. ר׳ דן איז געזעסן צווישן שטרוי אַ פֿאַרגליווערטער. ער האָט אַלעמאָל געוואוסט, אַז דאָס פֿאָלק ישראל איז אַ שעפּעלע צווישן וועלף, אַרומגערינגלט פֿון עבודה־זרהניקעס, רוצחים, נואפֿים, שיכּורים. דער עולם העשייה איז דער עולם הקליפּות. וואו־דען זאָל האָבן דער שטן זיין אָנהאַלטעניש? וואו דען זאָל ווּען די סיטרא־אחרא? וואו דען זאָלן האָבן אַ כּוח די זוהמה דנחש, אשמדאי, לילית, נעמה, מחלת, שברירי ברירי, אף, חימה, קצף, השמד, משחית? ר׳ דן האָט זיך אָבער געטרייסט וואָס אין תּוך איז אַלץ אלקות, אַפֿילו די קליפּה האָט איר וואָרצל אין אין־סוף. דער תּכלית איז בחירה. אין לעצטן סך־הכּל איז — לא ידח ממנו נדח. יעדער פּגם וועט האָבן זיין תּיקון. די טומאה איז אין דער וואָר אַ פֿאַרבלענדעניש.

דאָ, אויפֿן וועג, האָט ר׳ דן באַגעגנט די שוואַרצע כּוחות פּנים אל פּנים. די געהוילערייען, די ריחות האָבן ווי פֿאַרלאָשן אין אים דעם ניצוץ אלוקים. ער האָט פֿאַרלוירן דעם אָנשפּאַר. ער האָט געוואָלט מתפּלל זיין, נאָר די לעפֿצן האָבן זיך נישט צונויפֿגעלייגט צו קיין תּפֿילה. ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער פֿאַלט אין אַ תּהום. ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט מיט בײדע הענט אין די אָנלענען. ר׳ דן האָט אָנגעהויבן דאַווענען מנחה, נאָר אין זיין באַ־דרענגעניש האָט ער פֿאַרגעסן אשרי. ער האָט צום ווייפֿלטן מאָל איבערגעחזרט דעם אייגענעם פּסוק:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה...

פֿון דעם אַנדערן פּסוק האָט ער געדענקט בלויז די ערשטע פֿיר ווערטער:

— אשרי העם שככה לו...

אין אָוונט זיינען די פֿורלעך געקומען קיין מזל־באָזשיץ. ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין זכר פֿון קיין מלחמה. אין מאַרק איז געווען שטיל. אין די פֿענסטער האָבן געלויכטן נאַפֿט־לעמפּלעך. אין אויוונס, אונטער קאַפּעס, אויף דרייפֿוסן, האָבן געברענט פֿייערלעך. אין בית־מדרש זיינען באַלעבאַטים, קעסט־קינדער, בחורים געזעסן און געלערנט, וואָרים ס׳איז שוין געווען נאָך חמשה־עשר באב. דער רב, דער שוחט, די קהל־לייט האָבן אָפּגעגעבן ר׳ דנען און די זין שלום־עליכם. די ווייבער זיינען געהאַט אַוועק צו דער רביצין. אַלע האָבן דאָ געוואוסט פֿון ר׳ דנען, דעם קליין־טערעשפּאָלער רב. עטלעכע קליין־טערעשפּאָלער יונגע־לייט זיינען דאָ געווען אײדעמס. ר׳ דן האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט און געדאַוועט מעריב מיט צוויי שמונה־עשרהס. ס׳איז געווען גוט ווידער צו שטיין נעבן אַן אָרון־קודש, אַן עמוד, אַ שוויתי, אַ ששה נרות, צווישן אַ באַ־

לעמער, שטענדערס, ספרים־פאכן. פון די טישן האט זיך דערטראגן א קול־תורה. ר׳ דן האט אריינגעאטעמט דעם ריח פון ספרים, פון האנטפאס, פון שולחן, וואו שמשים האלטן צומאל קיכלעך, פלעצלעך, א פלעשל בראנפן, גלייך ווי דארט, צווישן דעם פעבל, איז אלץ געווען מלא טומאה, אזוי איז דא אלץ געווען פול מיט קדושה. ווען ס׳איז געקומען צו דער ברכה סלח לנו, האט ר׳ דן שטארק גע־קלאפט אין הארץ. ער האט זיך געשעמט וואס ער איז געקומען אויפן וועג צו הרהורים רעים.

ווען ר׳ דן איז אויסגעשטאנען שמונה־עשרה האבן שוין געווארט אויף אים עטלעכע בחורים, וואס האבן געוואלט שמועסן אין לערנען. א קליין בחורל מיט לאנגע פאות און מיט א פאר גרויסע שווארצע אויגן פון אן עילוי האט א זאג געטאן:

— כ׳שטיי ביי א הארבן תוספות. שוין דריי טעג.

— וואס איז דאס פאר א תוספות?

— אין יבמות. אין דער סוגיא פון עליה.

— וואס איז דיר אזוי הארב?

ר׳ דן האט פארמאכט די אויגן. דאס בחורל האט גערעדט מיט א ניגון, עפעס געפרעגט, געטענהט. ס׳איז לויט אים אויסגעקומען, אז דער רבנו תם איז זיך סותר. ר׳ דן האט געהייסן צוברענגען א גמרא. ער האט אנגענומען א שטיקל ליכט און קעגן דער שיין פון דעם פלעמל אריינגעקוקט. די סלאוויטער גמרא איז גע־לעגן אן אפענע, מיט געלבלעכע בלעטער, מיט פלעקן פון חלב אויפן דף. ר׳ דן האט פארדוקט די יארמולקע איבערן שטערן.

— דער רבנו תם איז גערעכט...

דער מזל־באזשיצער רב האט איבערגעריסן דעם שמועס. ער איז צוגעקומען בעטן, ר׳ דן זאל מיט אים גיין אהיים. מ׳האט שוין באצייטנס געהאט צוגעגרייט פאר די אורחים נאכט־לעגערס.

ר׳ דן האט אין אנהויב בדעה געהאט זיך צו באזעצן אין לובלין. אבער לוי מאיר, וואס האט געקאנט קוקן אויף מאפעס און איז געניט געווען אין פאליטיק, האט געטענהט, אז דער פראנט וועט זיך אינגיכן צורוקן קיין לובלין. ס׳איז בעסער געווען צו פארן קיין ווארשע. נאך לאנגע רייד האט ר׳ דן אוועק־געשיקט צווי בריוו, איינעם צום אייניקל, עוזר־העשלען, און דעם אנדערן צו זיינס א געוועזענעם תלמיד, ר׳ גאדל ציגאמאן, וואס איז געווארן אין ווארשע א נגיד. ר׳ דן האט געבעטן מ׳זאל אים אין ווארשע צוגרייטן א דירה. צו דעם בריוו צו עוזר־העשלען האט צוגעשריבן די גאנצע משפחה: די באבע, די מאמע, דינהלע, דער פעטער צדוק, די מומע זיסל, דער פעטער לוי מאיר, די מומע מינדל, ווי אויך די שוועסטער־קינדער. מ׳האט געגריסט זיין ווייב, איידל, גאר פריינטלעך. מ׳האט אויך נישט־באקאנטערהייט צוגעשיקט גרוסן צו דער שוויגער, מרת רויזע פרומעטל, און דעם שטיף־שווער, דעם נגיד ר׳ וואלף הענדעלס.

—◆—

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

### 1

די באַלעבאַטים, וואָס האָבן וויליעס אויף דער אָטוואָצקער ליניע, פּלעגן געווינטלעך זיצן אויף דאַטשע ביז ראש־השנה. אַנדערע זיינען געבליבן אויף זומערוואוינונג איבער די ימים־טובים. אָבער הייַנטיקן סעזאָן האָט דער עולם זיך אומגעקערט קיין וואַרשע אין אָנהויב אלול. ס'איז געווען מלחמה. ס'האָט אויסגעפּעלט שפּייז. ס'יקרות איז געוואַקסן פֿון שעה צו שעה. ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט מען אויפֿגעלאָדן די בעבעכעס און מ'איז צוריקגעפֿאָרן. די דייטשן האָבן אָפּגעהאַלטן נצחונות. זיי האָבן באַלד די ערשטע טעג פֿאַרנומען קאַליש, בענדין, טשענסטאָכאָוו. די רוסישע אַרמייען זיינען אָפּגעטרעטן, און מ'האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז גאָר אין גיכן וועט מען הערן שיסן. ווער האָט זיך דערוועגט אין אַזוינע צייטן צו זיצן אין דאָרף?

מ'האָט אָנגעהויבן קומען קיין וואַרשע באַלד נאָך תשעה באב. פּערל, נת'לע, פּיניעלע, לאה, ניוניע — אַלע בני־מושקאַט זיינען צוריקגעקומען מיט די פֿאַמיליעס. די נקבות האָבן, ווי אַלע יאָר, צוגעקריגן היפּשע עטלעכע פֿונט. די מאַנסלייט זיינען געוואָרן אָפּגעברענט פֿון דער זון. ס'האָט פֿון זיי געשמעקט מיט סאָסנע. אין ס'רוב דירות האָט מען געזאָלט מאָלן די ווענט, פֿאַרבן די פּאָדלאָגעס, רעמאָנטירן, נאָר מ'האָט איצט אַלץ אָפּגעלייגט. די ווייבער האָבן זיך גלייך אַרויסגעלאָזט איבער די קראָמען איינקויפֿן עסנוואַרג, אָבער ס'איז שווער געווען צו קריגן. די שפּייז־געוועלבן זיינען געווען פֿאַרמאַכט אויף האַלבע טירן. די קרעמער זיינען געשטאַנען אין דרויסן, אין קאַפּאָטעס, וואָס זיינען אַמאָל געווען פֿאַרמעליקט. מ'האָט זיך געסודעט מיט די קונים און זיי אַריינגעלאָזט דורך הינטער־טירן. טייל סוחרים האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין פּאַפּירן־געלט, געהייסן זיך צאָלן מיט זילבער, אָדער רענדלעך. אַנדערע האָבן נישט גענומען קיין באַנקנאָטן מיט לעכלעך. די לאָקאַטאָרן האָבן, ווי אָפּגעשמועסט, אויפֿגעהערט צאָלן דירה־געלט. די פֿאַמיליע מושקאַט איז געבליבן אָן הכנסה.

נת'לע, פּיניעלע, ניוניע זיינען אַוועק צו קאָפּלען אין דער קאַנצעלאַריע אויף דער גזשיבאָווסקע גאַס, אָבער קאָפּל האָט גאָר נישט געקאָנט העלפֿן. מ'האָט מער נישט געקאָנט קיינעם אָפּשרייבן דאָס מעבל און מאַכן אַ ליציטאַציע. די יונגערע מאַנסלייט זיינען געוואָרן מאָביליזירט. דערצו זיינען ר' משולמס הייזער נאָך אַלץ נישט געוואָרן צעטיילט צווישן די יורשים. נת'לע, וואָס האָט נישט ליב געהאַט זיך צוצולאָזן עגמת־נפֿש, האָט געטענהט, אַז די מלחמה קאָן נישט לאַנג דויערן.

— זיי וועלן זיך צעממיתן, די בופֿלאָקסן — האָט נת'לע געזאָגט. — מ'וועט מוזן מאַכן שלום!

נאָר פּיניעלע, וואָס האָט געלייענט אַלע צייטונגען און איז געניט געווען אין פּאָליטיק, האָט געהאַלטן, אַז דער קריג קאָן דויערן אַ יאָר און אַפֿילו צוויי.

— ס'פֿעלן ניש' קאַ' זעלנער — האָט פּיניעלע געטענהט. — די קיסרים האָבן צייט.

— וואָס־זשע טוט מען? — האָט געפֿרעגט נת׳לע און אָנגעטאַפּט דעם בויך. פיניעלע האָט געענטפֿערט:

— מ׳דאַרף לייגן די ציין אין בייטל.

קאָפּל איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אַהין־און־צוריק, אין די געפּוצטע שיך, דאָס קעסעלע־קאַפּעליושל פֿאַררוקט צום נאַקן, מיט אַ בליישטיפֿט הינטערן אויער, מיט אַ פּאַפּיראָסל אין ווינקל־מויל. ער, קאָפּל, איז אַליין אויך געווען אַ געליטענער. ער האָט געהאַט זיין אייגנס צווויי הייזער, איינס אין פּראַגע און איינס אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע גאַס. דער משרת האָט געביסן די ליפּן און אַרויסגעבלאָזן דינע קייקעלעך רויך. דער באַלעבאָס, עליו השלום, איז געווען גערעכט — האָט ער געטראַכט. — ס׳רוב מענטשן זיינען גנבים, אָנזעצערס, שווינדלער. מען דאַנקט גאָט, אַז מ׳קען אָנפּייפֿן. אַ רוח אין זייער טרפֿהנע הערצער!

קאָפּל איז איצט געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין: דער אַפּטרופּוס פֿון דער משפּחה מושקאַט. אסתּר־מלכּה, יואלס ווייב, איז געקומען צו אים וויינען, אַז זי איז געבליבן אָן אַ גראָשן, יואל ליגט קראַנק, און ס׳איז נישטאָ אין שטום אויף אַ פּוד מעל אָדער אַ קערץ קאַרטאָפֿל. פיניעלעס ווייב, חנה, די קורלענדישע, האָט פֿאַרלאַנגט מ׳זאָל מאַכן אַ „ראַדאַ פֿאַמיליאַ” און מ׳זאָל צעטיילן די ירושה. זי איז גרייט געווען צו פֿאַרקויפֿן איר חלק. ניוניע האָט גערעדט מיט אַ האַלב־מויל. ער האָט געהאַט ליגן זיין אייגנס צען טויזנט רובל מזומנים. דערצו איז דער איידעם, פֿישעלע, געווען אַ גביר אַדיר. קאָפּל האָט אויסגעהערט אַלע טענות, עפּעס פֿאַרצייכנט מיט אַ בלייפֿעדער אין אַ נאָטיץ־ביכל און געזאָגט:

— מיר׳ן זען וואָס ס׳לאָזט זיך אויפֿטועז...

פּערל, די אלמנה, איז צו קאָפּלען נישט געקומען. זי האָט געהאַט אירע אייגענע הייזער, געשעפֿטן. דערצו האָט זי געליטן אויפֿן האַרץ און דאָקטוירים האָבן איר פֿאַרבאָטן זיך אויפֿצורעגן. לאה האָט זיך נישט געוויזן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז קאָפּל וועט זי נישט לאָזן פֿאַלן. ווי זאָגט מען עפּעס: אַלטע ליבע ראָסטעט נישט. חמא האָט געוואָלט לויפֿן צו קאָפּלען מיט אַ געוויין, נאָר אַבראַם האָט איר אָנגעזאָגט, אַז אויב זי וועט גיין צו דעם משרת־יונג נאָך געפֿעליקייטן, וועט זיין פֿוס מער די היים נישט איבערטרעטן.

— איכ׳ל ביי דעם שטיוול־פּוצער קאַ׳ טובות נישט בעטן! — האָט אַבראַם געשריגן. — ווי לאַנג ליגט ער אויף איין זייט!

און אַבראַם האָט געטאָן אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש, אַז דער לאָמפּ האָט זיך גענומען וויגן.

— פּחדנים, טכויערס, מיאַכקע לבבות. עץ האָט ניש׳ פֿאַר קאַ׳ גראָשן שטאָלץ!

— ס׳טייטש, אַבראַם, ס׳יקרות ברענט ווי פֿייער! — האָט חמא געטענהט און געשנייצט די רויטע נאָז. — מיר׳ן, חלילה, בלייבן אָן אַ פּיצל ברויט!

— איי־איי־איי, וועלן מיר עסן קוכן. צעקראָכענע מיירע!

אַבראַם האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און איז אַרויס. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען די ווייבערישע שרעק. וואָס איז ס׳מילער, אַז מ׳הונגערט אַביסל? פֿאַר אים, אַבראַמען, וואָלט דאָס געווען אַ רפֿואה שלמה. חמא עסט ווייניקער ווי אַ פֿליג. סטעפֿע קומט זעלטן אַהיים, שלעפּט זיך אַרום מיט דעם יאָקטאָר. אָן

אַנדער מעשה איז ביילע־איטע. זי זויגט אַ קינד. זי דאַרף מילך אין די בריסטן. איי, איז דאָס אַ יונגאַטש!...

ווי אַבראַם האָט נישט געוואָלט ווערן קיין זיידע, האָט ער פאָרט געמוזט ליב האָבן דאָס אייניקל זיינס, דעם ממזרעץ, וואָס איז געווען געראָטן אין אים, אַבראַמען, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. ס'איז אים בלויז נישט געפעלן וואָס די משפּחה האָט זיך אַריינגעלייגט מ'זאָל דעם בן־זכר רופן משולם, נאָכן עלטער־זיידן. אַ שיינער נאָמען פאַר אַן עופעלע: משולם!... אַז ס'קומט צו קינדער, זיינען ווייבער די דעה־זאָגער. זיי דאַרפן דאָך עפּעס טראָגן, האָבן, זיך פאָרן מיט וויקעלעך און ווינדעלעך. אַ מאַנסביל ווערט אַ טאַטע אָן בויך־ווייטאָג.

אין דרויסן האָט אַבראַם פאַררויכערט אַ ציגאַר און זיך געלאָזט גיין פּאַמעלעך צו דער מאַרשאַלקאָווסקע. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט געזען דעם עוזר־העשלען. דער אויסברוך פון קריג, די מאָביליזאַציע, דאָס אַנטלויפן פון דאַטשע, דאָס אויסכאַפּעניש אין די געוועלבן — האָט אַבראַמען אין גאַנצן צערודערט. ער האָט נישט געענטפערט אויף קיין בריוו, זיך נישט געטראָפן מיט היימישע, אַלץ פאַרוואַרלאָזט. אַ הפקרות האָט אים אַרומגענומען, אַ שטייגער ווי ער, אַבראַם, וואָלט אויך היינט־מאָרגן געדאַרפט ווערן אַ רעקרוט און זיך שטעלן צום פּריזיוו... דערצו האָט ביילע־איטע געהאַט אַ שווער האָבן. דריי טעג איז זי געלעגן אין ווייען. חמא איז געלאָפן אויף קבר־אבות. די באָבע פון טאַטנס צד איז אַוועק אין שול אייַנרייסן. דאָקטוירים האָבן שוין גע־האַלטן ביים אָפּנעמען דאָס קינד מיט צוואַנגען. ווי האָט ער, אַבראַם, דעמאָלט געקאָנט אין זינען האָבן הדסהן, עוזר־העשלען און נאָך אַזוינע שטותים? איצט האָט אַבראַם אָפּגעפּאַסט ביי זיך, אַז: גענוג געווען צעיאַכמערט. די וועלט בלייבט אַ וועלט, ס'זאָל אַפילו זיין מלחמת גוג ומגוג. מ'דאַרף אַ קוק טאָן וואָס ס'הערט זיך דאָרט, צווישן די ראָצערס. אַבראַם איז אַריין אין אַ באַר און אָנגעקלונגען צו גינען.

— גינע־לעבן, דאָס בין איך, אַבראַם!

— וואָס? דו רעדסט נאָך מיט מענטשן? — האָט גינע געטאָן אַ געשריי. — כ'האָב געמיינט, אַז ס'פּאַסט דיר מער ניש'. עפּעס אַ קלייניקייט: אַ זיידע. נו, מזל־טוב! וואָס מאַכט דער בחור?

— שוין איינמאָל אַ בחור! זינט בחורים האָבן זיך געבחורט, איז נאָך אַזאַ בחור ניש' געווען! ער האָט אַ קול פון אַ לייב. ער טוט אויף מיר אַ גלאָץ מיט די שליפּיעס, בלייב איך אַ דערציטערטער. אַ בעסטיע! כ'בין ניש' מקנא די מיידן, וואָס וועלן אַריינפאַלן אין זיינע הענטעלעך!

— פע, אַבראַם, בושה מעגסטו האָבן. אַ פּיצלס, אַ שוואַלב, מ'האָט נאָך ניש' געמאַכט קאַ פּדיון־הבן, און ער רעדט שוין וועגן מיידן! משוגע ביסטו, מיינע שונאים?

— ביסט אַליין משוגע. וואַרט נאָר צו אַ פופצן־זעכצן יאָר, וועסטו זען וואָס דאָס קינפּעט־קינד וועט אויפטאָן. זאָג מיר, גינעשי: כ'הער דער עוזר־העשל איז געווען ביי דיר.

— ס'קאָצל קומט! זיך דערמאָנט! איי, אַבראַם, ביסט דו אַן עגאָאיסט! דער

יונגערמאַן זוכט דיך אַרום ווי מיט ליכט. ער׳ט שוין טויזנט מאָל געקלונגען. נאָר גיי זוך דעם ווינט אין פֿעלד.

**— וואו איז ער?**

— ביסט דאָך געווען אַמאָל זיין פֿאַרזאָרגער. אַדרבא, וואו איז ער? ר׳איז געקומען צו לויפֿן אין אַ הייט, איז מיר געוואָרן פֿינסטער אין די אויגן. ער טוט אַ קום אַריין — ס׳איז נאָך געווען איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה — בלייך ווי קרייד, דערשראָקן, ווי מ׳וואָלט אים, חלילה, געשלעפּט צו דער תליה. וואָס איז דיר, ייִנגעלע? — זאָג איך. בקיצור, ר׳האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב און אַנטלאָפֿן אָן אַ גראָשן. כאַטש לייג דיך אַוועק און שטאַרב.

— וואו איז ער? וואָס טוט ער? וואו וואוינט ער? הדסהן האָט ער געזען?

— איך ווייס? כ׳בין ניש׳ געשטאַנען דערביי. וואוינען וואוינט ער טאַקע דאָ אין הויף. ביי מיר איז אַלץ געווען פֿאַרנומען און כ׳האָב אים אַריינגעפֿירט צו די נייטאָרינס, די סאָציאַליסטקעס. ר׳האָט דאָרט אַ שטיבל אַ לאָך, נאָר בעסער ווי אין גאַס.

— האַ? וואויל ווי די וועלט! וואָס איז מיטן פּריזיוו? רויזע־פֿרומעטל שווייגט? אַ טעלעפֿאָן האָט ער?

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ? ווי קומט צו שניידערינס אַ טעלעפֿאָן?

— הער מיך אויס, גינע. מיין נישט, אַז כ׳האָב דעם בחור פֿאַרגעסן. אַבראַם פֿאַרגעסט נישט זיינע פֿריינט! כ׳האָב געטראַכט וועגן אים טאָג און נאַכט. נאָר אַז אַ טאָכטער ליגט אין קינפּעט און רייסט די ווענט, איז אַן אַנדער מעשה! דאָס קינדלען איז גאָרנישט קאַ׳ שפּאַס, דו הערסט, גינעשי? כ׳האָב נאָך דיר גע־בענקט. וואָס מאַכסטו עפּעס?

— וואָס מאַך איך? אַ שלעכטן איינדרוק.

— בהמה, ס׳איז נאָר דאָ איין גינע אויף דער גאַנצער וועלט. אַז כ׳גיב וועגן דיר אַ טראַכט, ווערט מיר וואַרעם אויפֿן האַרץ. עפּעס אַ קלייניקייט? גינע דעם רבינס!

— חונף, הער אויף!

— נו, מאַ, כ׳על בעסער שוויגן. כ׳קום באַלד צו פֿאָרן!

אַבראַם איז אַרויס אין גאַס. אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע האָט מען געהאַט אָפּגעשטעלט די טראַמווייען. פֿון דער מאָקאָטאָווער זייט האָבן מאַרשירט מחנות סאָלדאַטן. רייטער זיינען געריטן אויף פֿערד. פֿוס־גייער, אין פֿולער באַוואָפֿענונג, באַהאָנגען מיט קעסעלעך און פּאַטראָנעז, האָבן מיט גראָבע קולות געזונגען אַ ליד וועגן אַ מיידל, וואָס גייט קלויבן שוואָמען. פֿערד האָבן געשלעפּט האַרמאַטן. אויף וועגן זיינען געשטאַנען פּולעמיאָטן, איבערגעדעקט מיט פּלאַנדעקעס. אַ מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט. פּויקן האָבן געפּויקט. יאָ, ס׳איז געווען אַ מלחמה אויף דער וועלט! אַבראַם איז נאָכגעגאַנגען די זעלנער. די פֿיס האָבן זיך אים גענומען פּלאָנטערן. ער האָט נישט ווילנדיק מאַרשירט צום טאַקט, ווי ער וואָלט אַליין אויך געווען אַ סאָלדאַט. וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? — האָט אַבראַם געטראַכט. — מענטשן גייען צו דער שחיטה און מ׳שפּילט זיי נאָך צו. — איי, רבונו של עולם, האָסטו פֿאַרדרייט אַ קאָפּ! האָסט דו אָנגעמאַכט אַ סומאַטאָכע!

כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן צו וויסן, וואָס דו טראַכטס דאָרט אין זיבעטן הימל! ווייסטו, אַז ס׳איז דאָ אַן אַבראַם אויף דער וועלט? אָדער דו האָסט דאָס גאַנצע פּלאַנעטל טיף־טייער אין דער אַדמה? עך, טי, טאַטע־פֿאָטער, האָסט אַ האַרץ פֿון אַ גזלן!...

פֿאַרן אײַזערנעם טויער איז אַבראַם אײַנגעזעסן אין אַ דראָשקע און זיך גע־הייסן פֿירן אויף דער שוויענטאָ־יערסקע. ער האָט זיך איצט קוים געקאָנט דער־וואַרטן, ביז די דראָשקע וועט צוקומען אויף גינעס אַדרעס. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג סיי צו רעדן מיט גינען, סיי צו געפֿינען עוזר־העשלען. ווי האָב איך געקאָנט אַזוי לאַנג וואַרטן? דער יונגערמאַן וועט דאָך מיינען, אַז כ׳וויל אים נישט קאָנען. און אַלץ איז שולדיק די פֿאַרשאָלטענע מלחמה!...

— העי, פֿורמאַן, מאַך עס שנעלער! כ׳וועל דיר געבן אויף בראָנפֿן!...

און אַבראַם האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר די אייגענע ווערטער: ווי נאָר דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די מאָנאָפּאָל־געוועלבן געהאַט אויסגעגאָסן אין רינשטאָק דעם שנאַפּס. ניקאָלאַיקע האָט זיך, אַפּנים, געשראָקן, אַז שיכּורים וועלן אים אַראָפּזעצן פֿון בענקל, צוזאַמען מיט דער צאַרינע און ראַספּוטינען...

# 2

אויף דער שוויענטאָ־יערסקע האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. אַבראַם האָט באַצאָלט און זיך געלאָזט אַרײַנגיין אין גינעס הויז. אַ ווײַל איז ער געבליבן שטיין בײַם טויער און זיך אײַנגעקוקט אין קראַשינסקיס גאָרטן. די בלעטער אויף די ביימער האָבן שוין דאָ און דאָרט אָנגעהויבן ווערן געל, רויטלעך, געפּינטלט. דער הימל איז געלעגן. אַ שפּעט־זומערדיק־בלויער און ס׳איז איבער אים גע־פֿלויגן אַן אײנציק פֿייגעלע. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, נאָר פֿון מאָל צו מאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל. צי ס׳האָט זיך אַבראַמען אויסגעדוכט, צי ס׳איז טאַקע אַזוי געווען: ער האָט געהערט פֿון ערגעץ שופֿר־בלאָזן: תּקיעה, שברים, תּרועה, שברים־תּרועה... איי, איי, איי, ס׳איז אלול אויף דער וועלט! — האָט אַבראַם אַ טראַכט געטאָן. — אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט! ס׳גייט אַ גרויסער יום־הדין! וואָס ט׳עפּעס זיין מיין תּכלית, האַ? וואו וועט מען מיך היי־יאָר אײַנ־שרייבן? כ׳האָב שוין אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ ייד!...

אַבראַם האָט זיך אומגעקערט, דערזען אַ קליין יידל, אַן אָרעמאַן, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, און ער האָט אים דערלאַנגט אַ זילבערנעם פֿערציקער. דאָס יידל האָט זיך געטאָן אַ שאָקל:

— כ׳האָב נישט קאַ׳ רעשט!

— ס׳איז אין גאַנצן פֿאַר אייך.

— האַ? איר זאָלט האָבן אַ געזונט יאָר! אַ כּתיבה וחתימה טובה! אַ גוט קוויטל!

— יישר כּוח. גם אתּם.

— איר זאָלט האָבן צו געבן...

אַבראַם איז אַרײַן אין טויער. טרערן זיינען אים אַזש אָנגעקומען אין די אויגן. אַ ווײַל איז ער געבליבן שטיין. ער האָט געוואָלט אַרויפֿגיין צו גינען. נאָך

אַ קווענקלעניש האָט ער ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו גיין גלייך צו די נייטאָרינס. אפשר איז דער עוזר־העשל אין דער היים? שפּעטער קען ער אַוועקגיין.

— העי, דו, מיידעלע, וואו וואוינען דאָ צוויי נייטאָרינס? איינע הייסט פֿראַניע.

— די שוואַרצע? די שאַינע?

— יאָ.

— די אַנדערע איז אַ לאָמע?

— יאָ, יאָ.

— אין לעצטן הויז, אויפֿן דריטן שטאָק.

— זאָג מיר, מיידעלע, אַ צענערל ווילסטו?

— יאַך ווייס ניש׳.

— נאַדיר צען גראָשן און קויף דיר קאַראַמעלקעס.

— די מאַמעליו האָט מיך ניש׳ געהייסן נעמען באַ קאַ׳ פֿרעמדע.

— שאַ, איכ׳ל ניש׳ אויסזאָגן. ס׳עט זיין אַ סוד.

און ער האָט אַריינגעשטופּט דעם מיידעל אין פֿויסטל אַ קופּערנעם צענער. די קליינע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן האַלב־דערשראָקן, האַלב־פֿאַרחידושט.

— אַ שיינעם דאַנק.

— גיי געזונטערהייט.

אַבראַם האָט נאָכגעקוקט ווי די קליינע לאָזט זיך גיין מיט וואַקלדיקע טריט. די פֿיסלעך זיינען געווען דין ווי שטעקעלעך. אין די צעפּלעך איז געווען איינגעפֿלאָכטן אַ באַנד. מיט אַמאָל האָט זי גענומען לויפֿן. אַבראַם האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר און פֿאַררויכערט. ווי לייכט ס׳איז צו טאָן גוטס — האָט ער געקלערט. — געוואַלד און געשריגן, פֿאַרוואָס טו איך גאָרנישט? כ׳האָב מיך אין גאַנצן אַריינגעלאָזט אין גשמיות. כ׳פֿאַרגעס גאָר, אַז אַ מענטש האָט אַ נשמה. טאַטע אין הימל, זיי מיר מוחל. כ׳בין זייער פֿאַרגרעבט!...

דאָס אַרויפֿגיין אויפֿן דריטן שטאָק איז אַבראַמען אָנגעקומען שווער. ד״ר מינץ האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל וואָס ווייניקער קלעטערן אויף שטיגן. נאָך יעדן שטאָק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעאָטעמט. וואָס העכער, אַלץ אָפּגעריסענער זיינען געוואָרן די ווענט. אויף די טרעפּ האָט זיך געוואַלגערט מיסט. אַ מויד איז געזעסן אויף אַ שוועל און געריבן כריין. פֿון די טירן אַרויס האָט געשמעקט מיט ריישעכץ, באָרשט, גריץ. ס׳האָבן דאָ, אַפּנים, געוואוינט אַ סך בעל־מלאָכהס. מ׳האָט געהערט אַ קלאַפּן, אַ זעגן, אַ רויש פֿון אַ מאַשין. דורך אַן אָפֿענער טיר האָט מען געזען אַ שטוב פֿול מיט שניצלעך פּאַפּיר. אויפֿן דריטן שטאָק האָט אַבראַם זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעוואַרט. ער האָט נישט געוואוסט וואו ס׳וואוינען דאָ די שניידערינס. ער האָט אויסגעשפּיצט די אויערן צו דעם רויש פֿון אַ ניי־מאַשין. ער האָט געשנאַפּט מיט די נאָז־לעכער. ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט טשאַד און אָנגעברענטער וואָל. דאָ איז עס!

אַבראַם האָט געעפֿנט די טיר און איז אַריין אין אַ גרויסער שטוב. יאָ, ס׳איז דאָ. ער האָט דערזען סיי פֿראַניען, סיי לילאַן, סיי עפּעס אַ ווייבל, וואָס האָט געהאַלטן אין פּאַסן אַ קלייד. זי איז געשטאַנען אין דער בלויזער האַלקע. דער גאָרסעט אויף די לענדן האָט דערמאָנט אָן אַ פּאַנצער. ווען אַבראַם איז אַריין,

האָט די פֿרוי געטאָן אַ קוויטש און זיך באַהאַלטן הינטער דער שאַנק. פֿראַניע איז אויך נעלם געוואָרן. לילאַ האָט אָפּגעשטעלט די נײַי־מאַשין און זיך אומגעקוקט אויף הינטערווײַלעכץ.

— גוט מאָרגן, אַנטשולדיקט. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט, נאָר מ׳האָט נישט געענטפֿערט.

— וואָס ווינטשט איר?

— וואוינט דאָ אַ יונגערמאַן? כ׳האָב פֿאַרגעסן דעם צונאָמען. עוזר־העשל.

— אָט־דאָ לינקס.

אַבראַם האָט דערזען אַ טיר און זיך אַ לאָז געטאָן פֿאָראויס. ער האָט דערהערט הינטער זיך אַ מורמלניש, אַ שעפּטשעניש. כ׳בין שוין אַריין ווי אַ יוון אין סוכּה... ער האָט געפּרוּווט אָנקלאַפּן, אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגערירט די קלאַמקע, האָט זיך די טיר געעפֿנט. אַבראַם איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן. אויפֿן בעט זײַנען געזעסן עוזר־העשל און הדסה. עוזר־העשל איז געווען אָן אַ רעקל, אין די ווייסע אַרבל. הדסה האָט געהאַט אויסגעטאָן דעם הוט. די האָר זײַנען געווען פֿאַרקעמט אויף הינטן אין אַ גרעקל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער בלוזע און אין אַ געקראַטעט קלייד. ביידע האָבן, אַפּנים, ערשט געהאַט געגעסן אַרבוז. אויף אַ טעלער זײַנען געלעגן שאָלן פֿון אַ קאַווין. דאָס שטיבל איז, ווייזט אויס, געווען אַ פֿינסטערס, ווײַל ס׳האָט דאָ אין מיטן העלן טאָג געברענט אַ גאַז־לאָמפּ. עוזר־העשל האָט זיך געטאָן אַ הויב־אויף. ער האָט שיער נישט איבערגעדרייט דאָס טישל. הדסה איז אויך אויפֿגעשטאַנען. זי איז געוואָרן בלייך.

— גלויבט מיר, עץ דערקענט מיך ניש׳! — האָט אַבראַם גענומען שרײַען, ווי אַלעמאָל בעת ער איז אין אַ פֿאַרלעגנהייט. — איך דערקען ענק יאָ!...

— פֿעטערל, דאָס ביסט דו!

— יאָ, איך. נאָך גוט וואָס דו ווייסט ווער איך בין!

אַבראַם האָט פֿאַרהאַקט די טיר, זיך אָנגעשטויסן אָן אַ בענקל, געמאַכט אַ מינע ווי אַ לויף צו טאָן פֿאָראויס, אָבער ס׳איז נישט געווען אין דער ענגשאַפֿט וואוהין. ער האָט אָנגעכאַפּט עוזר־העשלען און אים גענומען קושן אין ביידע באַקן. ער האָט אים אָפּגעשטופּט, אַ כאַפּ געטאָן הדסהן און געשריגן:

— דאָס בין איך! דײַן פֿעטער אַבראַם! נאַ!...

און ער האָט איר דערלאַנגט אַ קוש גלייך אין די ליפּן. הדסה האָט זיך אָן אים אָנגעהאָנגען און אים שטומערהייט גענומען קושן אין די באַקן, אין דער באָרד.

— נו, גענוג! זעטץ נאָר! פֿריער פֿאַרגעסט דאָס, אַז כ׳לעב אויף דער וועלט. איצט קושט זי מיך. וואַרט, כ׳על ענק שוין ווייזן! איכ׳ל מיט אייך לערנען בלק!

דער ציגאַר איז געהאַט אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער קאָלדרע. דער שטעקן איז אַ ווייל געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַבראַמען, ווי אויף אייגענער אַחריות. איצט איז ער אומגעפֿאַלן. די בייטאָרינס האָבן, אַפּנים, זיך געשראָקן, אַז אַבראַם מאַכט דאָרט סקאַנדאַלן, ווײַל אויף יענער זייט איז געוואָרן אָנגעלאָדן שטיל.

— נו, האָטץ ניש׳ קאַ׳ מורא. כ׳בין טאַקע אַ גזלן, אַ רוצח, נאָר אַ מערדער

הרגעט אויך ניש׳ זיין בלוט און פֿלייש. געוואַלד, כ׳האָב דאָך דיר נאָך אַפֿילו נישט אָפּגעגעבן קאָ׳ שלום־עליכם!...

— כ׳האָב אייך געזוכט, די גאַנצע צייט — האָט עוזר־העשל געזאָגט.

— שוויַיג, ווייל כ׳נעם דעם שטעקן און פּלעט דיר דעם קאָפּ. אַז דו ביסט געקומען צו פֿאָרן, האָסטו גלייך געדאַרפֿט לויפֿן צו מיר. עפּעס אַ קלייניקייט? טאָג און נאַכט רעד איך וועגן אים, כ׳קאָן מיך קוים דערוואַרטן אויף דער מעצאָצע, און אַז ר׳איז שוין דאָ, מיט מזל, טוט זיך עס אַ באַהאַלט, ווי אַ מויז אין אַ לאָך. משה זוכמיך! כ׳בין געוועזן אַזוי בייז, אַז ווען כ׳טרעף דיך, וואָלט איך דיך צעריסן ווי אַ הערינג. איצט איז מיר שוין די יוכע אַריבער. מיין כפּרה ביסטו. אַז דו האָסט מיך אין דר׳ערד, האָב איך דיך וואו די יידן האָבן געררוט. דאָס איז נומער איינס. וואָס שייך דיר, הדסהלע, האָב איך מיט דיר אַנדערע חשבונות. ווען דו וואָלסט נישט געווען אַ פּרויענצימער, פֿון שוואַכן געשלעכט, קוק־מיך־אָן־און־ריר־מיך־נישט־אָן, טו איך דיר אַ פּאַטש, אַז וואָלסט געקליבן די ציין.

— דער פֿעטער מעג אַזוי אויך —

— כ׳על טאָן וואָס איך פֿאַרשטיי. קאָנסט טאַקע זיין אַ יפֿה־פֿיה, אַ גראַנד־דאַמע, אַ פּיש־פּאָש, נאָר פֿאַר מיר ביסטו נאָך אַלץ אַ קליין מיידעלע, אַ ראָצערין. זעטץ נאָר ווי שיין דאָס איז! קוקטץ נאָר אָן אַ צורה מלוכה.

— פֿעטערל, מ׳הערט יעדעס וואָרט.

— וואָס הערט מען? כ׳זאָג דעם אמת. וואָס זיצט עץ דאָ אין דעם שטיקעניש? ס׳אַ ליכטיקע וועלט און דאָס סעקעט אין דער פֿינסטער און גריזשעט אָן אַרבוז. קומט שוין מיט מיר אַרויס! מיר׳ן אַ הוליע טאָן אַזוי, אַז מיר׳ן איבערקערן וואַרשע. מיר׳ן מאַכן אַזוינע קולות, אַז די הייזער וועלן איינפֿאַלן!

— אָך, פֿעטערל, ווען דו וואָלסט געוואוסט — —

און הדסה האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— וואָס איז דאָ צו וויסן? כ׳ווייס גאָרנישט. כ׳בין אַ אידיאָט, אַ גולם. קוקטץ אים אָן, ר׳איז אויסגעוואַקסן, דער צוציק! אַ גאַנצער פּאַרשוין, אַ גע־בוירענער אייראָפּעער. וויי געוואַלד, ווי די יאָרן לויפֿן! קומטץ אַהער, כ׳מוז ענקביידע קושן מיט אַמאָל!...

אַבראַם האָט אַ כאַפּ געטאָן עוזר־העשלען ביים אַקסל, אַ שלעפּ געטאָן הדסהן, און זיי גענומען טרייסלען און וואַרפֿן. דאָס טישל איז אומגעפֿאַלן. דאָס בענקל האָט זיך איבערגעקערט. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפֿנט און פֿראַניע האָט אַריינגעקוקט, האַלב־פֿאַרווירט, האַלב־שמייכלנדיק.

— וואָס טוט איר דאָ? איר מאַכט אַ פּאָגראָם?

— אָט האָסטו זי. כ׳האָב געמיינט איר דערקאָנט מיך נישט.

— אייך, פּאַניע אַבראַם, איז לייכט צו דערקאָנען.

— ווען איך ווייס, אַז ער וואוינט דאָ, וואָלט איך דאָ געטאָגט און גענעכטיקט.

— זאָל די פּאַני אַנטשולדיקן, — האָט הדסה זיך אָנגערופֿן אויף פּויליש. — מיין פֿעטערל איז אַ ווילדער. איכ׳ל אַלץ גלייך מאַכן.

— זאָל זיך די פּאַני נישט באַמיען. עפּעס אַ פּרוּי פּרעגט זיך אויף אייך, — האָט פּראַניע אַ זאָג געטאָן עוזר־העשלען.

— אַ פּרוּי? אויף מיר?

— כ׳האָב זי אַריינגעפירט אין קיך. גייט צו איר אַרויס.

און פּראַניע האָט צוריק צוגעלענט די טיר. עוזר־העשל איז געוואָרן רויט און באַלד דערנאָך בלייך. אַבראַם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי אויף ניין. הדסה האָט זיך אַוועקגעזעצט און זיך צוריק אויפגעשטעלט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּרוּי? — האָט אַבראַם געפּרעגט. — מ׳גייט צו דיר, ווי נאָך מצה־וואַסער.

— כ׳ווייס נישט. ס׳איז דאָ קיינער נישט געווען. גראָד היינט... כ׳קאָן נישט פאַרשטיין...

— נו, גיי צו איר אַרויס. מיר׳ן צוואַרטן.

אַבראַם האָט זיך צוגערוקט צום פּענסטער, גענומען אַרויסקוקן אַקעגן דער בלינדער מויער. הדסה האָט אויפגעהויבן די שטול, דאָס טישל. עוזר־העשל האָט אין איילעניש אָנגעטאָן דאָס רעקל, אויסגעלייכט דעם קראַוואַט.

— ס׳עפּעס אַלץ משוגע! — האָט ער געמורמלט. — ווער קאָן דאָס זיין?

געטראַכט האָט ער: אפשר איז עס אַמאָל איידל, אָדער די מוטער אירע?... וואו האָבן זיי זיך דערוואוסט זיין אַדרעס?...

עוזר־העשל איז אַרויס. הדסה האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דער עטאַזשערקע, אַרויסגענומען אַ בוך, זיך אַוועקגעזעצט, גענומען בלעטערן מיט ציטערנדיקע פינגער. ס׳איז געווען העקעלס „וועלט רעטענישן״. זי האָט געפּרוּווט לייענען, נאָר די בוכשטאַבן האָבן איר געשווינדלט פאַר די אויגן. פון גאַז־לאָמפּ זיינען געפאַלן געלע נעצן. אַבראַם האָט נאָך לאַנג אַרויסגעקוקט צו די ציגל, צו דעם פּאַס הימל צווישן בײדע דעכער, צו דעם קוימען, דער רינע. אַז הדסה און עוזר־העשל וועלן זיך טרעפן, דאָס האָט אַבראַם געוואוסט. נאָר זי זאָל קומען צו אים אין אַ פינסטער שטיבל, ביי שניידערינס, אין אַ הויז, וואו ס׳וואוינען באַ־קאַנטע, — דאָס איז אַבראַמען געווען איבער דער טבע. ווען דאַכע זאָל דאָס וויסן! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — ס׳וואָלט זי, חלילה, אַוועקגעלייגט. איי־איי־איי!...

אַבראַם האָט געקוקט און געשאָקלט מיט די קודלעס. ס׳האָט אים מיט אַמאָל אָנגענומען אַ פאַרדרוס אויף דעם יונגן דור. ס׳איז אים געקומען אויפן זין זיין אייגענע טאָכטער, סטעפע, וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַ סטודענט שוין פיר יאָר און ס׳נעמט נישט קיין עק.

ער האָט זיך פונסניי דערמאָנט, אַז ס׳איז אלול, ער, אַבראַם, האָט אַ קראַנק האַרץ, און ס׳דערנעענטערט זיך אַ יום־הדין...

## 3

אין קיך האָט עוזר־העשל דערזען די מאַמען. זי איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, אין אַ שוואַרץ אויבער־מלבוש מיט ברייטע אַרבל, אין אַ לאַנג קאָרטן קלייד און

אין אַ בלאָנד שייטל אַרומגענומען מיט אַ טולענעם שאַל. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ רענצל, אין דער אַנדערער — אַ בינטל אַרומגעוויקלט מיט אַ פֿאַטשיילע. עוזר־העשל איז געוואָרן אַזוי דערשטוינט, אַז ער האָט אַ לאַנגע ווייל אויף איר געגאַפּט און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— מאַמע!

— קינד מיינס!

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט. זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די פּעקלעך. ס׳האָט פֿון איר געהויכט מיט אונטערוועגישער וואַרעמקייט.

— ווען ביסטו געקומען? ווי אַזוי?

— מיט דער באַן. דער זיידע האָט דיר געשריבן אַ בריוו. פֿאַרוואָס האָסטו נישט געענטפֿערט? כ׳האָב איבערגעקלערט, אויף אַלדי־שונאים געזאָגט.

— כ׳האָב נישט געקאָנט קריגן קיין דירה.

— נו, ענטפֿערט מען נישט? ווײ איז מיר, אַז כ׳האָב עס אויסגעהאַלטן, בין איך שטאַרקער פֿון אייזן. וואו וואוינסטו דאָ עפּעס? וואו איז דיין ווייב? ווער איז דאָס מיידל, וואָס האָט מיר געעפֿנט?

עוזר־העשלען איז געוואָרן טרוקן אין מויל.

— כ׳וואוין נישט דאָ. כ׳האָב דאָ בלויז אַ צימערל.

— וואָס טויג דיר עפּעס אַ צימערל?

די מאַמע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, גרויע, ברייט־צעעפֿנטע. די הויקערדיקע נאָז איז געווען ווייס, דאָס געמבעלע — שאַרף.

— כ׳לערן מיך דאָ. וואַרט אַ סעקונדע!

עוזר־העשל האָט געלאָזט די מוטער שטיין, איז אַרויס פֿון קיך, אַוועק צו זיך אין שטיבל און אַ זאָג געטאָן מיט אַ פֿאַרענדערט קול:

— די מאַמע איז דאָ!

אַבראַם און הדסה זיינען געזעסן אויפֿן בעט. זיי האָבן, אַפּנים, וועגן עפּעס געשמועסט. אַבראַם האָט אַ קוק געטאָן מיט איין גרויס אויג. הדסה איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן.

— דיין מאַמעשי? — האָט זי געפֿרעגט.

— יאָ.

— נו, נו, שוין איינמאָל אַ טאָג! — האָט אַבראַם אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. — פֿון וואַנען קומט זי? אומגעריכט? וואו וועסטו זי דאָ אַריינגעמען?

— כ׳על מוזן מיט איר ערגעץ גיין. ס׳עפּעס אַזוי ווילד!...

— נו, ברידערל, פֿאַרליר נישט דעם קאָפּ. די מאַמע איז בילכער. מיר׳ן זיך אָפּטראָגן. איכ׳ל אַריינפֿאַלן ביינאַכט צו הערץ יאַנאָווער. אויב האָסט צייט, קום צו. אפֿשר דו אויך, הדסה?

הדסה האָט נישט געענטפֿערט. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַ נעם געטאָן דעם הוט. זי איז געוואָרן בלאַס און געקוקט אויף עוזר־העשלען האַלב־פֿאַרחידושט, האַלב־דערשראָקן.

— כ׳וואָלט זי געוואָלט זען — האָט הדסה אַ זאָג געטאָן נאָך אַ קווענקלעניש.

— ווען? איצט?

— ניין, אַן אַנדערש מאָל.

— ס'עפּעס אַזוי — — כ'קאָן נישט פֿאַרשטיין. דער זיידע האָט מיר געשריבן אַ בריוו. כ'האָב אים געזאָלט קריגן אַ וואוינונג. מיט אַמאָל —

די משפּחה קומט אַהער? — האָט אַבראַם געפֿרעגט.

— מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון שטעטל.

— ס'עט זיין אַגיל ואשמח. ס'עט זיך שוין דאָ טאָן אויף טיש און אויף בענק. איי, ברודער, וועט מען דיך שמייסן! וואוהין וועסטו זי פֿירן? גיי מיט איר פֿריער אַראָפּ. מיר'ן דאָ צוואוואַרטן.

— ס'טוט מיר לייד. כ'האָב באמת ניש' קאַ' ווערטער —

— נו, נו, מיט קאַ' מאַמען מאַכט מען ניש' קאַ' חכמות.

— אויף ווידערזען. כ'וויס באמת נישט ווי איך צו דאַנקען וואָס איר זענט געקומען.

— גיי, ברודער, לויף! כ'על ניש' זויער ווערן!

— אויף ווידערזען, הדסה. כ'על דיר אָנקלינגען. ס'איז ווירקלעך אַ —

עוזר־העשל איז אַרויס. אין איין רגע איז ער אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שוויס. די מאַמע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דעם געפּעק. זי האָט געקוקט גלייך אַקעגן דער טיר.

— מאַמע, לאָמיר אַראָפּגיין.

— וואו זאָל איך גיין? כ'בין מיך שוין גענוג אָנגעגאַנגען. ס'אַ מהלך וועג. וואו איז איידל?

— גיב אַהער ס'רענצל. מיר'ן נעמען אַ דראָשקע.

— וואוהין? נו, קום.

ער האָט אַ נעם געטאָן ביי דער מאַמען דאָס סעפּעטל און זיך געלאָזט גיין פֿאַראויס. די מאַמע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ וואַקלעניש. באַלד זיינען זיי געווען אויף יענער זייט טיר.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ הויז? אַזויפֿיל טרעפּ. ס'האַרץ פֿאַלט אַרויס.

— ס'איז וואַרשע. הויכע הייזער.

— פּאַמעלעך!

עוזר־העשל האָט אָנגענומען די מוטער ביים אָרעם און זיי זיינען שווייגנ־דיקערהייט אַראָפּ פֿון די שטיגן. די מאַמע איז געווען משונה־גרינג. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים געלענדער און געשטעלט אומזיכערע טריט.

— אַ הויכעניש!

— מיר'ן אפֿשר אַריינגיין פֿריער עסן? ס'איז דאָ באַלד אַ כשרע גאַרקיך. למהדרין מן המהדרין.

— פֿון וואַנען ווייסטו ס'איז כשר? ביסט געשטאַנען דערביי?

—דער אייגנטימער איז אַ פֿרומער ייד.

— ווי קאָנסטו וויסן, אַז ר'איז פֿרום?

— ער האָט אַ באָרד מיט פאות.

— דאָס איז ניש' קאַ' סימן.

— ער האָט אַ הכשר אויך.

— היינטיקע רבנים גיבן לייכט הכשרים.

— וואָס־זשע וועסטו טאָן? פֿאַסטן?

— ציטער ניש׳, כ׳על, חלילה, נישט אויסגיין פֿון הונגער. כ׳האָב ביי מיר אַ פּאָר קיכלעך. זאָג מיר, כ׳בעט דיך, ס׳איז דאָ אַלעמאָל אַזאַ רעש, אָדער צוליב דער מלחמה?

— אַלעמאָל.

— כ׳בין געגאַנגען דעם גאַנצן וועג און ס׳האָט געקלאַפּט און געקלונגען. מ׳קאָן גאָרניש׳ אַריבער די גאַס. אַ ווייבל האָט מיך אָנגענומען און אַריבערגעפֿירט. ווי קאָן מען לעבן אין אַזאַ גיהנום? אַזוי ווי כ׳בין אַראָפּ פֿון דער באַן האָב איך געקראָגן אַ קאָפּ־ווייטאָג.

— מ׳געוואוינט זיך צו.

— דער זיידע וויל קומען אַהער. גאָדל ציגאַמאָן — האָסט אפֿשר געהערט פֿון אים? דעם זיידנס אַ תּלמיד — האָט אויסגעזוכט אַ שטיקל דירה. ער זאָגט אונדז צו גאָלדענע גליקן. אַזוי ווי מ׳האָט געשריבן, אַזוי האָט ער גלייך געענטפֿערט. אַ פֿרעמדער מענטש.

— כ׳וויס אַליין נישט וואָס צו זאָגן. כ׳בין אין גאַנצן צעמישט.

— ווי שרייבט מען דאָס ניש׳ קאָ׳ וואָרט אין אַזאַ צייט? וואָס איך האָב איבערגעקלערט, זאָל נאָר אויסגיין אויף וויסטע וועלדער. אפֿשר האָט מען זיך ווייניק אָנגעליטן, האָב איך נאָך געדאַרפֿט די צרה. כ׳בין נישט געשלאָפֿן נעכט. כ׳האָב אַלעמען פֿאַרדולט אַ קאָפּ. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ביסט, חלילה, — כ׳וויל דאָס גאָר פֿאַרן מויל ניש׳ ברענגען. קאָנסט דיר אויסמאָלן, אַז מ׳האָט מיך געלאָזט פֿאָרן איינע אַליין. כ׳האָב געהאַט אַ נסיעה, זאָל דאָס נאָר זיין אַן אָפּקומעניש אויף די זינד. די באַן איז געווען פֿול מיט זעלנער. כ׳האָב מיך געלאָזט אויף פּיקוח נפֿש.

— ווי לאַנג איז דאָ, אַז כ׳האָב געשריבן?

— כ׳האָב דערהאַלטן איין קאַרטל. זאָג מיר דעם אמת: וואָס איז די מעשה מיט דיין ווייבל? ס׳געפֿעלט מיר נישט די גאַנצע זאַך.

— מיר זיינען זיך צעגאַנגען.

אויף דער מאַמעס בלייכע באַקן זיינען אַרויסגעטרעטן רויטע פֿלעקן.

— שוין? אַזוי גיך? אַ שיינער נחת!

— מיר האָבן נישט געקאָנט שטימען.

— דו וואוינסט נישט מיט איר?

— ניין.

— קלאָרע דיבורים! זי איז אַ וואויל ווייבל. וואָס האָסטו צו איר? ווי איז צו מיינע יאָרן. דינהלעס מאַן איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין קירה און ער וואוינט שוין נישט מיטן ווייב! שוין איין מאָל אַ מזל! צו וואָס בין איך משטיינסגעזאָגט געבוירן געוואָרן?

— כ׳על דיר אַלץ דערציילן.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? וואו פֿירסטו מיך? כ׳האָב, נישט פֿאַר־דיר־געדאַכט, צעבראָכענע ביינער.

— כ'על נעמען אַ צימער אין אַ האָטעל.
— כ'וויל נישט קאַ' האָטעלן. קום וואָס כ'האַלט מיך אויף די פּיס. וואו איז ערגעץ דיין ווייב?
— וואָס איז? ווילסט זיך מיט איר זען?
— פאַרוואָס נישט? זי איז מיין שנור.
— ס'האָט נישט קיין זין!
— וואָס מיינסטו, וועסט זי אויסבאַהאַלטן?
— איך קאָן אַהין נישט גיין.
— וועל איך אַליין גיין. מסתמא איז מיר באַשערט בזיונות.
— מאַמע!
— גיב מיר דעם אַדרעס. שוין די מינוט!
— ס'איז אויף דער שעננע גאַס, נומער דריי־און־אַכציק.
— וואו שטעקט דאָס אָן? בן סורר ומורה!
אין דרויסן האָט עוזר־העשל פּונסניי געפּרואווט איינרעדן דער מוטער, זי זאָל מיט אים אַריין אין אַ רעסטאָראַציע, נאָר זי האָט נישט געוואָלט הערן. ער איז שוין גרייט געווען זי צוצופירן אויף ר' וואָלף הענדעלס אַדרעס, נאָר מ'האָט נישט געזען קיין דראָשקע. די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט, געשאָקלט מיטן שייטל.
— וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָרטן אין מיטן דער שטאָט?
— קראַשינסקיס גאָרטן.
— אַ זמימה ווי אין תּמוז. לאָמיך נאָר טאָן אַ קוק ווי דו זעסט אויס. נישט גוט. וואָס עסטו? ווער קוקט זיך אויף דיר אום? דיין ווייבל איז אַ קלוגע, אַ ריינע, אַ קענערין. זי איז דיר געטריי סכּנת־נפשות. זי איז נעבעך אַ יתומה. האָסט איר געגעב יסורים פאַרשאַפט. זי האָט אַלץ געפּרואווט פאַרגלעטן, נאָר כ'האָב מיך גאַנץ גוט אָנגעשטויסן. דעם טאַטנס זינדל!
— מאַמע!
— וויפל קאָן איין שטיקל מענטש אויסשטיין? כ'מוז זיין אַ גלגול פון אַ רשע מרושע. זינט כ'בין צום שכל געקומען, שיטן זיך אויף מיר די פּורעניות. כ'האָב שוין ניש' קאַ' כּוח. כ'קום צו פאָרן צו אַ זון און מיין כ'על האָבן אַ טראָפּן נחת, איז ער גאָר אַוועק פון ווייב! וואָס מיינסטו? די וועלט איז הפקר? זי איז אַ יידישע טאָכטער, אַ מיוחסת. גאָט זאָל דיר מוחל זיין וואָס דו טוסט. כ'האָב פאַר דיר איין פאַרענטפערונג: ביסט אַ מבוהל, האַלב־משוגע!...
עוזר־העשל האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר אין דער רגע זיינען אַבראַם און הדסה אַרויס פון טויער. אַבראַם האָט געהאַלטן הדסהן אונטערן אָרעם. זי איז געגאַנגען נעבן אים מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ. זיי האָבן עוזר־העשלען, אַפּנים, נישט געזען, ווייל זיי האָבן זיך גלייך אַ פאַרדריי געטאָן רעכטס. אַבראַם האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, געפאָכעט, ערגעץ געטייטלט. עוזר־העשל האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז אַבראַם איז געוואָרן געבויגענער און אַז די באָרד איז ווייסלעך אין די ברעגן. אַ ליבשאַפט האָט עוזר־העשלען אָנגענומען — סיי צו אַבראַמען, סיי צו הדסהן, סיי צו דער מאַמען. אין די אויגן איז געוואָרן האַרב. כ'בין שוין איין מאָל אין אַ קלעם! — האָט ער געטראַכט. — רבונו של עולם, וואָס וועט

דאָ זיין? עוזר־העשל האָט באַנומען, אַז אַבראַם רעדט איצט מיט הדסהן, וואָרנט זי, זי זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אין איילעניש. הדסה האָט זיך כמעט אָנגעשפּאַרט אָן זיין אַקסל. זיי זיינען אים איצט געווען סיי נאָענט, סיי ווייט, ווי קרובים וואָס מ׳האָט זיך מיט זיי ערשט נאָר געזעגנט, פֿאַר אַ ווייטער נסיעה. עוזר־העשל האָט געטאָן דער מאַמען אַ קוש אין באַק.

— זאָרג ניש׳, מאַמעשי, ס׳עט נאָך אַלץ זיין גוט!

— ווען? סיידן אויף יענער־וועלט...

## 4

עוזר־העשל איז געזעסן מיט דער מוטער אין דער דראָשקע, וואָס האָט זיי געפֿירט צו ר׳ וואָלף הענדעלס. מיט איין האַנט האָט די מאַמע זיך אָנגעהאַלטן אָן אַן אייזנדל, מיט דער אַנדערער — אין עוזר־העשלס אַרבל. יאָרן לאַנג האָט זי אים פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דעם זיידן, דער באָבען, די פֿעטערס, די מומעס. זי האָט אים מוחל געווען אַלע זיינע קרומקייטן. זי האָט נאָר געזוכט אויף אים זכותים. זי האָט אַוועקגענומען דעם ביסן פֿון מויל און אים געשיקט געלט אין דער שווייץ און וואו ער האָט אָנגעשפּאַרט. איצט האָט ער זי געשלעפּט ערגעץ איבער דעם כּרך, געערדט רייד פֿון אַ מבוהל, איר פֿאַרשאַפֿט בושות־און־חרפּות. וואו זאָל זי גיין איינע אַליין? וואָס וועט זיין, אַז ביי דער מחותנתטע וועט זיין פֿאַרמאַכט די טיר? און וואָס זאָל זי טאָן אויב יענע וועלן אָן איר נעמען נקמה און זי נישט אַריינלאָזן? אין די גרויסע שטאָט איז אַלץ געמאָלט...

די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. עוזר־העשל האָט באַצאָלט אַ פֿערציקער, אַריינגעפֿירט די מאַמען אין טויער. פֿאַרן פֿראָנט־איינגאַנג האָט געהאָנגען אַ קעסטל מיט נעמען און קנעפּלעך. ער האָט געפֿונען דעם נאָמען הענדעלס, געטאָן אַ קוועטש, אָפּגעוואַרט ביז ס׳האָט זיך דערהערט אַ זומעניש. דערנאָך האָט ער געטאָן דער מאַמען אַ קוש, זיך געלאָזט לויפֿן...

ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואו די פֿיס טראָגן אים. ער האָט געוואָלט גיין מיט דער טוואַרדע, נאָר ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אייזנגאָס. ער איז פֿאַרביי עק פּאַנסקע, פּראָסטע, לוצקע, גזשיבאָווסקע, איז אַרויס אויף דער כלאָדנע. אַקעגן דעם קלויסטער איז ער געבליבן שטיין. פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז אײַדל איז אין דער היים? — איז אים איינגעפֿאַלן. — אפֿשר האָט די דינסט זי נישט אַריינגעלאָזט? אפֿשר שטייט זי ביים טויער און ווייסט נישט וואו צו גיין? גאָט אין הימל, וואָס איז פֿון מיר געוואָרן? כ׳זינק אַלץ טיפֿער... ס׳איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן רעיון, אַז ס׳איז דאָ אַ שייכות צווישן לא תנאף און דעם כּבד את אביך ואת אמך... הא בהא תליא... ער האָט זיך ווייטער געפּלאָנטערט איבער די גאַסן. ער האָט געזוכט אַ וואָרשטן־האַנדל, וואו מ׳קאָן טעלעפֿאָנירן, נאָר ער האָט נישט געפֿונען. ער איז אַריין אין דער ביאַלע, דורכגעהאַקט די אָגראָדאָווע, זיך פֿאַרדרייט אין דער סאָלנע. ער האָט דערטאַפּט אַ וואָרשטן־האַנדל, אָבער דער טעלעפֿאָן איז געווען פֿאַרנומען. די אייגנטימערין, אַ פֿרוי אין אַ ווייסן כאַלאַט און אין אַ שייטל הויך באַלייגט מיט פֿלעכטן, האָט געפֿירט מיט

עמעצן אַ געשפּרעך. זי האָט געשמייכלט, אַרויסגעלאָזט אַ גוידער, געוויזן אַ מויל גאָלדענע ציין, גערעדט צו עפּעס אַ מאַנסביל סיי וועגן פֿלייש, סיי וועגן דעם מאַן אירן, שמאַי. זי האָט זיך יעדעס מאָל צעלאַכט און געפֿרעגט:

— וואָס וועט זאָגן שמאַי, האַ? ער׳ט שווייגן?...

עוזר־העשל האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך פֿאַר־ענדיקט דער שמועס. די לעצטע ווערטער פֿון דער סוחרטע זיינען געווען, מ׳זאָל איר צושיקן צען פֿונט לעבער און פֿינף פֿונט אינדיק. עוזר־העשל האָט גענומען בלעטערן אין טעלעפֿאָן־בוך. ווי נאָר ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל, האָט די שיקסע אויף דער סטאַציע זיך אָנגערופֿן. ער האָט אַ זאָג געטאָן דעם נומער און אָפּגעוואַרט. דאָס האַרץ האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. ווער וועט צוגיין? די דינסט? ר׳ וואָלף? רויזע־פֿרומעטל? אײדל? ער האָט דערהערט אײדלס קול.

— פּראָשען!

— דאָס בין איך.

אויף יענער זייט איז געוואָרן שטיל.

— כ׳הער.

— די מאַמע איז געקומען. זי האָט פֿאַרלאַנגט אומבאַדינגט כ׳זאָל זי אַרויפֿ־פֿירן צו דיר.

— יאָ, זי איז דאָ.

— דו פֿאַרשטייטס אַליין, אַז —

און עוזר־העשל האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— האָסט אַמווייניקסטן געדאַרפֿט האָבן גענוג טאַקט נישט צו שפּילן קיין קאָמעדיע פֿאַר דיין מוטער — האָט אײדל געזאָגט אויף פּויליש. — שטעל דיר פֿאָר: די דינסט האָט געמיינט ס׳איז אַן אָרעמע פֿרוי. זי׳ט איר געוואָלט געבן אַ נדבה.

עוזר־העשלען האָט געטאָן אַ שניט אין אינגעווייד.

— כ׳האָב נישט געקאָנט... כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט... כ׳האָב מיך געשעמט...

— האָסט דיך מיט דיין מוטער נישט וואָס צו שעמען. זי איז אַ שלאַכטענע פֿרוי און אַ קלוגע. מאַמאַ האָט זיך גלייך אין איר פֿאַרליבט. פֿון ערשטן בליק. דער פֿעטער שמועסט מיט איר תּורה...

— פֿאַרשטייסט מיך שלעכט. כ׳האָב מיך געשעמט צוליב אונדזער סיטואַציע.

— אויב דו שעמסט דיך נישט צו האַנדלען מיאוס, דאַרפֿסטו האָבן מוט צו ווייזן דאָס פּנים. מיין נישט, אַז כ׳וויל דיך אַריינציען. דיין אַנטלויפֿן פֿון שווידער האָט געוויזן אויף וואָס דו ביסט פֿייאיק. אַ מענטש קומט צו גאַסט פֿון אויסלאַנד און לויפֿט גלייך אַוועק. ווי אין אַ פֿאַרס! קאָנסט דיר פֿאָרשטעלן וואָס מאַמאַ און דער אָנקל האָבן געטראַכט. כ׳האָב דיך געפּרוּווט אויפֿזוכן, נאָר האָסט דיך באַ־האַלטן ווי אַ גנב. נו, אַז מ׳קאָן איבערלאָזן אַזאַ פֿרוי ווי דיין מוטער, איז קיין זאַך נישט אוממעגלעך. וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו? כ׳האָף, אַז מיט איר ביסטו גליק־לעך.

— ווי אַזוי? זי איז מיטן מאַן.

— מיינסט: זי נאַרט אים אָפּ. דיין מוטער בלייבט וואוינען ביי אונדז. אויב דו האָסט אַ האָר פֿאַרשטאַנד, מוזטו אַרויפֿקומען.

— ווען? ווי אַזוי?

— איינפֿאַך. אַפֿילו גטן זיך קאָן מען אויך נישט הינטער די אויגן. קום אַריבער. דער פֿעטער גייט באַלד אַוועק. די אַלטע לייגן זיך צו. מיר'ן קענען שמועסן אַליין.

— איכ'ל דאָרט זיין אין אַ שעה אַרום.

עוזר־העשל האָט זיך שוין געהאַט היינט ראַזירט, נאָר ער איז אַריין אין אַ ראַזורע, זיך געהייסן גאָלן און שערן. אין אַ רעסטאָראַן האָט ער געגעסן מיטאָג. דערנאָך האָט ער גענומען אַ טראַמוויי און איז צוגעפֿאָרן צו דער שענבע. ער האָט נישט געוואָלט דערשוויצט ווערן אויפֿן וועג. ער האָט זיך פֿאַרגענומען אַריינצוקומען אַ קילער, אַ באַהערשטער. ער וועט זיי אַלעמען זאָגן דעם אמת: איידלען, דער שוויגער, דעם שטיף־שווער. אין דער אינקוויזיציע איז מען אויס־געשטאַנען ערגערע טאָרטורן... אויף די טרעפּ איז ער געגאַנגען פּאַמעלעך. ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ קוועטש דאָס עלעקטרישע קנעפּל, האָט די טיר זיך געעפֿנט. איידל איז געשטאַנען ביי דער שוועל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַטן קלייד און אין אַ ווייסער בלוזע. אויפֿן האַלדז האָט געהאָנגען אַ מעדאַליאָן, וואָס די מאַמע האָט איר געגעבן אַ מתנה אין קליין־טערעשפּאָל. אויפֿן ווייז־פֿינגער האָט געלויכטן דאָס קידושין־רינגל. זי איז געוואָרן עפּעס ווי דיקער. ס'האָט געשמעקט פֿון איר מיט נעלקן־פּאַרפֿום. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן־אַראָפּ און פֿון אונטן־אַרויף.

— טאַדעללאָז...

ר' וואָלף הענדעלס איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. רויזע־פֿרומעטל און די מאַמע —ביידע מחותנתטעס — האָבן זיך געהאַט צוגעלייגט. איידל האָט אַריינ־גענומען עוזר־העשלען אין איר צימער. די טיר, וואָס האָט אַריינגעפֿירט פֿון פֿאָדערהויז, האָט געהאַט געשטיפּלטע שויבן. איידל האָט געוואוינט אין דעם קאַ־בינעט, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו ר' וואָלפֿס זון, לעאָן, דער כירורג. אויף דער טונקל־טאַפּעצירטער וואַנט האָט געהאָנגען דעם דאָקטאָרס בילד, איינגעפֿאַסט אין אַ געגילדטער רעם. פֿון דעם שויבן־שענקל האָבן אַרויסגעקוקט מעדיצינישע ביכער. אויפֿן שרייב־טיש איז געלעגן אַ דאָקטאָרשער קאַלענדאַר. צווישן אַ טינ־טער אויף אַ מאַרמאָרענעם פֿוס און אַ קלעקער מיט אַ מירמלשטיינערן־דעקל איז געשטאַנען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם געגטן ווייב. דערנעבן איז געלעגן אַ קופּערנער מעפֿיסטאָפֿעל מיט אַ בערדל און הערנער. דער געוועקסטער דיל האָט געלויכטן ווי אַ שפּיגל. איבער די פֿענסטער האָבן געהאָנגען גאַרדינען און פֿאָר־האַנגען. אָנשטאָט אַ בעט איז דאָ געווען אַ ברייטע סאָפֿע. ס'זיינען געלעגן אויף איר דריי קישעלעך מיט אויסגעהאָפֿטענע ציכלעך. איידל האָט אָנגעוויזן עוזר־העשלען זיך צוצוזעצן אויף אַ פֿאָטעל. אַליין איז זי אַרויפֿגעקראָכן אויף דער קאַנאַפּע, קעציש אונטערגעלייגט די פֿיס אונטער זיך. זי האָט אים אָנגעקוקט האַלב־טרויעריק, האַלב־נייגעריק.

— נו, גרויסער העלד, ווי גייט עס דיר?

אײדל האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אים אײן זאַך: ער זאָל גאָרנישט לײקענען. זי האָט געפֿרעגט און ער האָט געענטפֿערט. ער האָט אַלץ מודה געװען: אַז ער לעבט מיט הדסהן; אַז ער האָט פֿאַרבראַכט מיט איר — אין אַ פֿאַרלאָזענער דירה, אין איר אײגן שלאָף־צימער, בײ זיך אין שטיבל. אײדל האָט געװאָלט װיסן אַלע אײנצלהײטן. די געלבלעכע אױגן האָבן נישט אױפֿגעהערט צו שמײכלען. איבערן פּנים זײנען געלאָפֿן שאָטנס. ס׳האָט זיך איר געװאָלט סײ לאַכן, סײ װײנען. זי האָט רעכט נישט געקאָנט זײן אין כּעס אױף דעם יונגענמאַן, װאָס איז געזעסן אַקעגן איר אַ פֿאַרשעמטער, אַן אױסגעלאָסענער, בלײך װי נאָך אַ קראַנקײט, און נישט אױפֿגעהערט מאַכן חסידישע סיגעס. זי האָט באַנומען אַז הינטער דעם הױכן שטערן זײנעם װעט ער געפֿינען אַ פֿאַרענטפֿערונג אױף יעדער זינד.

— אַמװײניקסטן האָסטו דעם מוט צו זאָגן דעם אמת!...

זי האָט זיך אױפֿגעהױבן און זיך אומגעקערט מיט אַ גלאָז טײ און אַ קלאָש קיכלעך.

— אַ דאַנק. כ׳װיל גאָרנישט.

— װאָס האָסטו מורא? עכ׳ל דעך נישט סמען!...

ער האָט גענומען אַ קיכעלע, געטרונקען די טײ. ער האָט געטאָן אַ זופּ און זיך אומגעקוקט. אַ קיכעלע איז אים אַרױסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט. ער האָט זיך אַראָפּגעבױגן, װי עס אױפֿצוקלױבן, נאָר ער האָט עס געלאָזט ליגן. אין די שלײפֿן האָבן געטאַנצט די בלױע אָדערלעך. דער אָרעמער! — האָט אײדל געטראַכט — עכ׳ל אים קײנמאָל נישט גטן... זי׳ט בלײבן אַ זונה... זי האָט זיך אױפֿגעשטעלט און זיך אָנגערופֿן:

— װאָס איז דער זין פֿון אױסבאַהאַלטן? דו׳סט באַלד זײן אַ טאַטע!

דאָס גלאָז האָט אַ ציטער געטאָן אין עוזר־העשלס הענט.

— מײנסט עס ערנסט?

— יאָ, ס׳איז דער אמת.

— כ׳פֿאַרשטײ נישט — —

— כ׳בין אין פֿערטן חודש.

ער האָט אַ קוק געטאָן אױף איר בױך.

— װאָס איז דיר? ביסט בלײך װי דער טױט. עכ׳ל האָבן ס׳קינד, נישט דו!

פֿון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ מורמלעניש און טריט. בײדע מאַמעס זײנען געהאַט אױפֿגעשטאַנען פֿון נאָכמיטאָג־שלאָף...

## קאַפּיטל דרײ און צװאַנציק

פֿישעלע פֿלעגט געװײנלעך נאָך מנחה־מעריב צוריקגײן אין געװעלב אַרײן. הײנטיקן אָװנט האָט ער בדעה געהאַט זיך אומצוקערן נאָכן דאַװענען גלײך אַהײם. צוליב דער מלחמה האָט אױסגעפֿעלט סחורה. אײל און זײף זײנען געװאָרן טײערער פֿון טאָג צו טאָג און מ׳האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קײן קונים. אין קראָם האָט פֿישעלע איבערגעלאָזט דאָס משרתל. נאָך מעריב איז געװאָרן אין ביאַלאָדרעװונער

שטיבל אַ געררעדעריי צווישן די דאַוונער. אַ רעדל עלטערע חסידים האָבן איינגעטענהט, אַז דער רבי וועט מוזן אַרויס פֿון ביאַלאָדרעווונע און זיך באַזעצן אין וואַרשע. ישראל אלי שמש זאָל שוין האָבן געקומען זוכן אַ דירה. אַ בינטל יונגעלייט האָבן געשמועסט חסידות. מ׳האָט נאָכגעזאָגט דעם רבינס תּורה און ר׳ משה גבריאלס אַ גלייכווערטל. מ׳האָט דערציילט אַלערליי רכילותלעך וועגן גור, אַלעקסאַנדער, סאָכאַטשאָוו, סטריקעוו. בחורים, וואָס האָבן נאָך סוכּות זיך געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיוו, זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל, צווישן אָרון־קודש און דעם אויוון. מ׳האָט זיך געסודעט וועגן מאַכערס, מיליטערישע דאָקטוירים, וואָס נעמען געלט, אַ פֿעלדשער אַ מומחה, וואָס לעכערט אויערן, מאַכט אַ געבריך, נעמט אַרויס ציין, פֿאַרשטייפֿט פֿינגער. מ׳האָט אויך געמורמלט פֿון אַן אַדמיניסטראַטאָר וואָס פֿעלשט געבורט־שיינען און פּעסער. ס׳רוב רעקרוטן האָבן זיך שוין באַצייטנס געצערט: געגעסן הערינג, געטרונקען לויג, עסיג, געררויכערט אַ סך פּאַפּיראָסן און באַקומען געלע פּנימער. ווען פֿישעלע איז צוגעקומען און אָנגעשטעלט אַן אויער, זיינען זיי געוואָרן אַנטשוויגן. זיי האָבן זיך נישט געהיט פֿאַר אים; ער איז, חלילה, נישט געווען קיין מסור, — נאָר ער איז פֿאָרט נישט געווען זייערס גלייכן. פֿישעלע האָט געהאַט אַ בלויען בילעט, אַ שיין ווייבל, אַ געוועלב, אַ הויז, אַ נדן, אַ גילדערנעם זייגער, אַ רייכן שווער. ווי קאָן אַזאַ איינער באַנעמען וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אין האַרץ פֿון אַ בחור, וואָס קאָן זיך נישט אויסקויפֿן פֿון גוייִשע הענט?

— מ׳סודעט זיך? — האָט פֿישעלע אַ זאָג געטאָן. — נו, נו, געזונטערהייט.

פֿישעלע האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ זילבערנע פּאַפּיראָסן־פּושקע, פֿאַררויכערט. ער האָט אַריינגעצויגן דעם שמעקעדיקן רויך און אויסגעבלאָזן דורך די נאָז־לעכער. ביים טיש זיינען געזעסן עטלעכע יידן און אַריינגעקוקט אין אַ ציַיטונג. זינט ס׳איז געוואָרן דער קריג, האָט מען אַריינגענומען גאַזעטן אין מקום־קדוש. מ׳האָט דערמאָנט אין שמועס נייע סאָרטן ווערטער: שלאַכטן, אַן אַטאַקע, אַן אָפֿענסיווע, פּולעמיאָטן, דיוויזיעס, הויפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַלשטאַב. אַ יונגערמאַן האָט איינגערוימט, אַז די רוסישע אַרמיי טרעט־אָפּ אויפֿן גאַנצן פֿראָנט און אַז די אַשכּנזים האָבן שוין איינגענומען האַלב פּוילן. מ׳האָט געהערט, אַז אין קאַליש, בענדין, טשענסטאָכאָוו האָט מען איינגעפֿירט צוואַנגשולע. סוחרים פֿאָרן פֿון דאָרט האַנדלען קיין בערלין. אַ חסיד, וואָס האָט אַן איידעם אין רוסלאַנד, האָט איבערגעגעבן די נייעס, אַז דער קייסער וויל שלום, נאָר די קייסערינע לאָזט נישט צו.

— דאָס איז אַ זרש, ימח שמה וזכרה!...

פֿישעלע האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, זיך געלאָזט אַהיים. דאָס ביאַלאָדרעוונער שטיבל איז געווען אויף גזשיבאָווסקע נומער פֿינף, קעגנאיבער דער גנאָינע. פֿישעלע איז געגאַנגען פּאַמעלעך. וואָס אַשטייגער טוט איצט הדסה? — האָט ער געטראַכט. — זי׳ט זיך געמאַכט אַ פּירעכץ אַרומצולויפֿן גאַנצע טעג. די שוויגער איז נעבעך קראַנק. דער שווער שלעפּט זיך אַרום מיט אַבראַמען. ער׳ט אַוודאי נאָך איר טויט באַלד חתונה האָבן. ווער ווייסט? ער קאָן נאָך האָבן אַ טוץ קינדער. פֿישעלע האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערן. ס׳אַ כּלל: פֿון אַלע

ירושות לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. מיטן אויבערשטנס הילף וועט ער, פֿישעלע, אַליין פֿאַרדינען. פֿאַרוואָס ווערט הדסה נישט מעוברת? איז זי, חס ושלום, אַן עקרה? און אפֿשר איז עס זיין, פֿישעלעס, שולד? מ׳דאַרף פֿרעגן אַ דאָקטאָר. זי פֿירט זיך בכלל נישט אויף ווי ס׳געהער צו זיין. ס׳שייטל האָט זי אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפֿן. זי לייענט טאָג און נאַכט די פּוילישע ביכער. ווער האָט דאָס אים געזאָגט: דער הולטאַי, דער סטודענט, זאָל האָבן צוריקגעקומען פֿון דער שווייץ. קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז זי טרעפֿט זיך מיט דעם שאַרלאַטאַן? אַן אשת־איש? חלילה! וואָס־וואָס, נאָר קיין ליגנערין איז זי נישט. זי׳ט אים דערציילט נאָך דער חתונה דעם גאַנצן אמת.

פֿישעלע האָט אָפּגעטרעטן אין געוועלב. ער האָט געזאָגט דעם משרת, אַז ער קאָן באַלד פֿאַרמאַכן. דערנאָך האָט ער אָפּגעריסן אַ בלעטל פֿון קאַלענדאַר. אויף דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַ וויץ.

ב ע ר ל: וואָס טוט מען מיט מיין ווייב? זי לויפֿט אַרום מיט פֿרעמדע מענער.

ש מ ע ר ל: גט זי.

ב ע ר ל: און אַז כ׳על זי גטן, וועט זי אויפֿהערן אַרומלויפֿן מיט פֿרעמדע מענער?

פֿישעלע האָט אַ צעקנייטש געטאָן דאָס פּאַפּירל, עס אַוועקגעוואָרפֿן. ער האָט פֿיינט געהאַט די וויצעלעך, די אַנצוהערענישן, די שטעכווערטלעך. ער איז אַרויף מיט די טרעפּ, אָגעקלאַפּט. הדסה האָט געעפֿנט די טיר.

— גוטן אָוונט.

— אָ, דאָס ביסט דו!

דער טעלעפֿאָן, וואָס איז געהאַנגען אין קאָרידאָר, האָט זיך צעקלונגען. הדסה איז האַסטיק צוגעלאָפֿן און אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל.

— האַ? יאָ, דאָס בין איך. זאָל די פּאַני רעדן אַביסל שטילער! וואָס? דער פֿעטער אַבראַם? מיר זיינען אַביסל אַרומגעגאַנגען. מיר׳ן געגעסן צוזאַמען מי־טאָג. וואו איז די פּאַני געווען? כ׳פֿאַרשטיי. כ׳ווייס אַלץ. דער אינסטינקט זאָגט מיר. די בילעטן? זאָל די פּאַני וואַרטן אויף דער ניעצאַלאַ, ביים זאַקסישן גאָרטן, פֿופֿצן מינוט נאָך אַכט. אַדיע.

— ווער איז דאָס די פּאַני? — האָט פֿישעלע געפֿרעגט.

הדסה האָט אים אָנגעקוקט אַ פֿאַרוויַרטע.

— אַ מיידל. כ׳בין מיט איר געגאַנגען צוזאַמען אין גימנאַזיע.

— וואָס דאַרף זי דיך?

— אַזוי, אַביסל רעדן.

— האָסטו דאָך עפּעס דערמאָנט בילעטן?

— יאָ. מיר׳ן גיין אין טעאַטער.

— שוין ווידער אין טעאַטער?

— וואָס ווילסטו? כ׳זיץ גענוג אַליין.

— האָסטו דיר געמאַכט אַ טבע אַרומצולויפֿן. מיטאָג עסטו מיט אַבראַמען. ביי־

נאַכט גייסטו ווידער אַוועק. די גמרא רופֿט אַזאַ איינע אַ יצאנית, אַן אַרומלויפֿערין.

— כ׳קאָן ניש׳ קאַ׳ גמרא.

— לויטן דין קאָן מען זי גטן אָן אַ כּתובה.

— קאָנסטו מיך אויך גטן.

— נאַרעלע, כ׳מאַך אַ ווערטל. ס׳ווערט קיל און ס׳איז בעסער פֿאַר דיר צו זיין אין שטוב. ווערסט דיך נאָך חלילה צוקילן.

— נו, וועל איך שטאַרבן.

— וואָסערע דיבורים רעדסטו? האָסט, קיין עין־הרע, פֿון כּל־טוב. אייל איז סטאָפּעלע געלט.

— בין איך גליקלעך.

— פֿאַרוואָס ניש׳? פּרנסה איז אַ גרויסע זאַך. וואָס וויל יאַך דאָ זאָגן? ס׳חלשט מיר ס׳האַרץ.

הדסה איז אַריין אין קיך. דער גאַז־לאָמפּ האָט געברענט. אין די פּיערקעס האָבן געזאָטן טעפּ, אָבער שׂפֿרה די דינסט איז געהאַט ערגעץ אַוועק. הדסה האָט געוואוסט דער מוידס אַלע סודות: איטשעלע שמייסער, דעם חתן, האָט מען געהאַט מאָביליזירט. פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער׳ט שרייבן יעדן צווייטן טאָג אַ בריוו, נאָר שׂפֿרה האָט געקראָגן פֿון אים נאָר איין קאַרטל. מ׳האָט אים, אַפּנים, אַוועקגעשיקט אויפֿן פֿראָנט. שׂפֿרה איז אַרומגעלאָפֿן צו ווייבער פֿון היימישע סאָלדאַטן זיך נאָכפֿרעגן אויף אַ גרוס. איצט האָט זי געלאָזט אָנברענען די גרייפּלעך. דאָס איינזידעכץ האָט געהאַט אינגאַנצן אויסגעטריקנט. הדסה האָט אָנגעצאַפּט פֿון קראַן אַ שעפּ וואַסער און אַריינגעגאָסן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ צישעניש. וויפֿל הדסה האָט נישט אַריינגעקוקט אין קאָך־בוך, האָט זי זיך רעכט נישט געקאָנט אויסלערנען קאָכן. זי איז געשטאַנען ביי דער קיך, מיט דער קוואַרט אין דער האַנט, און געטראַכט וועגן עוזר־העשלען און זיין מוטערס אָנקומען. ער איז שוין היינט געוועזן ביי אײדלען. די מאַמע וועט מאַכן שלום צווישן אים און דעם ווייב. וואָס וועט זי, הדסה, דאַמאָלט טאָן? ניין, זי קאָן אַזאַ לאַגע נישט פֿאַרטראָגן. ס׳מאַכט זי משוגע. זי׳ט אים היינט זאָגן קלאָרע ווערטער: אַהין אָדער אַהער! שׂפֿרה איז אַריינגעלאָפֿן מיט אַן אימפּעט:

— באַלעבאָסטע, כ׳האָב אַ גריסקע פֿון איטשעלען!

הדסה האָט געטאָן אַ ציטער. די שעפּ איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט.

— וואו איז ער?

— אין אַ שטעטל זשיכלין.

— נו, זעסטו, האָסט אומזיסט איבערגעקלערט.

— אוי, באַלעבאָסטע, אַז יאַך האָ׳ ניש׳ געקריגן די אַפּאָפּלעקציע, בין יאַך אייזן שטאַרק. עפּעס אַ באַגאַטעלע, מ׳גאַיט אַוועק אין אַזאַ פֿייאַר! אָבער פֿאַרוואָס שראַבט ער ניש׳, האַ?

— ער׳ט שרייבן. האָסט געלאָזט אָנברענען די היידלעך.

— וואָס רעדט די באַלעבאָסטע? ס׳איז פֿול מיט וואָסער.

שׂפֿרה האָט פֿאַרשאַרצט די אַרבל, אָנגעטאָן אַ שירץ, זיך אַ נעם געטאָן צו

די טעפּ. הדסה האָט זיך אומגעקערט אין מיטל־שטוב. פֿישעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, די הענט הינטער זיך. ער איז געווען בלאַס, געביסן דאָס בערדל און עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין. דער שאָטן אויף דער וואַנט איז געווען משונה גרויס, מיט אַ ריזיקן קאָפּ. די ברילן־גלעזער זיינען פֿול געוואָרן מיט פֿייער.

— גאַיסטו טאַקע אַוועק נאָך וויעטשערע?

— יאָ, וואָס איז?

— פֿאָלג מיך, גאַי ניש׳!

— פֿאַרוואָס עפּעס? זי איז מיין קאָלעזשאַנקע.

— האָרך מיך, הדסה. ס׳איז פֿאַר ימים־נוראים. מ׳לעבט נישט אייביק.

— כ׳ווייס ניש׳ וואָס דו רעדסט.

— דו ווייסט יאָ. געדענק, כ׳וואָרן דיך: לאָזסט דיך אויף פֿאַלשע וועגן!

הדסה איז אַרויס און געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער טיר. די שויבן האָבן אַזש געציטערט. פֿישעלע איז צוגעגאַנגען צום ספֿרים־שענקל. ער האָט געוואוסט, וואָס ער רעדט. ער האָט פֿריער בפֿירוש געהערט אין טעלעפֿאָן דאָס קול פֿון אַ מאַנסביל. זי האָט אים ס׳געגנאַר. זי לויפֿט צום זאַקסישן גאָרטן זיך באַגעגענען מיט אַ יונג. ווער ווייסט? אפֿשר קושן זיי זיך? אפֿשר פֿירט זי מיט אים אַ ליבע? אפֿשר האָט זי, חלילה, מיט אים אָפּגעטאָן אַן עבֿרה?...

ווען פֿישעלע האָט אַ טראַכט געטאָן די דאָזיקע מחשבה, איז אים דאָס האַרץ אין דער לינקער זייט געוואָרן צונויפֿגעקוועטשט, ווי אין אַ פֿויסט. אַ קעלט איז אים דורכגעלאָפֿן איבער די ריפּן. דורכן חוט־השדרה איז אַדורך אַ האָר. רבונו של עולם, וואָס טוט מען? ווי ראַטעוועט מען זי? טאַטע אין הימל, העלף מיר! פֿישעלע האָט גענומען נישטערן צווישן די ספֿרים, מיט אַ ציטערנדיקער האַנט. פֿריער האָט ער אַרויסגענומען אַ שולחן ערוך אבן העזר. ער האָט דאָרט געזוכט דעם דין, וואָס ער האָט געוואוסט סיי־ווי־סיי: אַז ווען אַן אישה איז מזנה, איז זי אסור צום מאַן. ער האָט צוריק אַריינגעשטעלט דאָס ספֿר און אַרויסגענומען אַ תהלים. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו בעטן גאָט, אויסצוגיסן דאָס געמיט, מתפּלל צו זיין, אַז זיין געליבט ווייב, הדסה בת דאַכע, זאָל, חלילה, נישט געשטרויכלט ווערן אין דער נעץ פֿון יצר־הרע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, גענומען זיך שאָקלען און זאָגן מיט כּוונה דאָס ערשטע קאַפּיטל:

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב...

טרערן זיינען אים אָנגעקומען אין די אויגן־ווינקלען. די ברילן זיינען געוואָרן פֿאַרהויכט און ער האָט זיי יעדעס מאָל פֿונסניי געמוזט אָפּווישן. דער אַפּעטיט צום עסן איז געוואָרן פֿאַרשלאָגן. אויף די געלבלעכע בלעטער זיינען געווען פֿלעקן, ווי פֿון טרערן, און אָנגעטריפֿטע טראָפּנס חלבֿ. אַ ציטערניש האָט פֿישעלען אָנגענומען און אַ מרה־שחורה פֿון אַן אבֿל. ס׳איז געווען דעם זיידנס תהלים. פֿון דאַנען האָט ער געזאָגט בעת דער בן־יחיד זיינער, בן־ציון, פֿישעלעס טאַטע, איז געלעגן חרובֿ אין שפּיטאָל. פֿישעלען האָט אָנגענומען אַ פֿאַרלאַנג צו רייסן קריעה, אויסצוטאָן די שיך, זיך אַוועקצוזעצן אויף דער ערד. דער זיידעשי איז

געשטאָרבן. אין אים, פֿישעלען, האָט געפֿעלשט דאָס ווייב. ער האָט נישט קיין טאַטן, קיין מאַמען (זי האָט ערגעץ געוואוינט אין גרויס־פּוילן מיט אַן אַנדער מאַן), קיין פֿעטער, קיין מומע, קיין קינד, קיין רינד. זינט ער האָט חתונה געהאַט און איז מצליח, זיינען אים די יונגעלייט אין שטיבל געוואָרן דם־שונאים. איצט אַז הדסה קאָן אָפּטאָן אַזאַ זאַך, איז וואָס־זשע לעבט ער אויף דער וועלט? צו וואָס האַנדלט ער? ס׳איז קצתי בחיי.

ה׳ מה רבו צרי, רבים קמו עלי, רבים אומרים לנפֿשי אין ישועתה לו באלוקים סלה...

## קאַפּיטל פֿיר און צוואַנציק

אַ פּאָר טעג פֿאַר יום־כּיפּור איז ר׳ דן קאַצענעלענבויגן אָנגעקומען מיט דער משפּחה קיין וואַרשע. דעם רבס תּלמיד, גאָדל צינאַמאָן, האָט געהאַט צוגעגרייט אַ דירה אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס, דריי שטובן מיט אַ קיך. גאָדל צינאַמאָן איז שולדיק געווען ר׳ דנען אַ חוב. בחורוויז האָט ער געלערנט ביי אים אין קליין־טערעשפּאָל. דער אָרעם־בחור האָט געגעסן ביים רב שבתים. די רביצין האָט אים געקאָכט טעפּלעך קאַשע און אים געוואַשן די וועש. איצט, אַז גאָדל צינאַ־מאָן האָט געהאַט אַ געשעפֿט פֿון קאָנסערוון און האָט אימפּאָרטירט וואַגאָנען סחורה פֿון רוסלאַנד, האָט ער זיך געשטעלט ברייט. ער האָט באַצאָלט פֿאַר אַ זמן דירה־געלט, אַריינגעשטעלט אין דער וואוינונג צוויי בעטן, אַ טיש, שטולן, אַן אַלמער מיט געפֿעס. אין דער מיטל־שטוב האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן ארון־קודש און אָנגעקלאַפּט פּאַכן אויף ספֿרים. גאָדל צינאַמאָן האָט די לעצטע יאָרן געטראָגן אַ קאַפּעליוש, מעשה דייטש, נאָר לכּבוד דעם רב האָט ער אָנגעטאָן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק. ער האָט געוואַרט אויפֿן וואָקזאַל צוזאַמען מיט דעם רבס טאָכטער, פֿינקל, און דעם איניקל, עוזר־העשל. גאָדל האָט געהאַט אַ רויט פּנים, אַ ווייסע געקאַרבטע באָרד און אַ גלייכן קאַרק פֿון אַ גביר. אויף דער פֿלייש־קער נאָז זיינען געריטן אַ פּאָר גאָלד־געראַמטע שפּאַקולן. פֿון די אַרבל האָבן אַרויסגעשטאַרצט מאַנקעטן. ר׳ דן האָט אים נישט דערקענט.

— דאָס ביסטו, גאָדל? אַ הדרת־פּנים!...

ר׳ דן האָט מיטגעבראַכט אַ היפּש געזינדל:ביידע זין, צדוק און לוי מאיר, די שנורן, זיסל און מינדל, די טאָכטער פֿינקל, וואָס האָט דערווייל זיך אויפֿ־געהאַלטן ביי מחותנים, און, קיין־עין־הרע, אַ גאַנצן עמל איניקלעך. די בחורים זענען געשלאָפֿן אויף בענק, זיך אויסגעבעט געלעגערס אויף דער ערד. די מיידלעך האָבן זיך איינגעשאַפֿט אויפֿשטעל־בעטלעך. אין קיך האָבן זיך גע־פּאָרעט די רביצין, ביידע שנורן, דינהלע, און שפּעטער אויך פֿינקל. די ווייבער האָבן זיך גלייך גענומען צום יום־כּיפּור. מ׳האָט געדאַרפֿט קויפֿן כּפּרות, טובלען כּלים, איינהאַנדלען שטעט אין ווייבער־שול. ר׳ דן האָט איבערגעקוקט די מזוזות, געהייסן גליען די קיך, טאָמער האָט דער פֿריערדיקער שכן געמישט פֿליישיקס מיט מילכיקס. גאָדל האָט געשאָנקען דעם רב אַ געבעטע

שטול, נאָר ר׳ דן האָט מורא געהאַט אויף איר צו זיצן צוליב שעטנז. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ווי לאַנג מ׳עט נישט קאָנען די קצבים, זאָל מען נישט קויפֿן אין יאַטקע קיין פֿלייש, און אויב מ׳ווייסט נישט, אַז אַ באַגלויבטער מענטש שטייט ביי דער מעלק, זאָל מען נישט נוצן קיין מילך, פּוטער, קעז. ר׳ דן האָט אַפֿילו פֿאַרבאָטן צו לאָזן שעכטן עופֿות, ביז ער וועט נישט זען ביים שוחט דעם חלף. מינדל איז אַריינגעלאָפֿן צום שווער מיט אַ געוויין.

— וואָס זאָלן די קינדער עסן? — האָט זי געטענהט — ברענענדיקע קוילן?...

ר׳ דן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צערודערטער. די דירה איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק און געהאַט פֿענסטער אין הויף אַריין און צום פֿראָנט. פֿון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן אַ קלינגען פֿון טראַמווייַ, דאָס קלאַפּן פֿון פֿורן, די געשרייען פֿון מאַרק־זיצערינס. פֿון גאַנץ פֿרי אָן האָבן הענדלער אויסגערופֿן זייערע סחורות. קאַלעקעס האָבן געזונגען לידער. מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט. קונצן־מאַכער האָבן געגעסן פֿייער. די קינדער, וואָס האָבן זיך געיאָגט אַרום מיטס־קאַסטן, האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות. ר׳ דן האָט ערשט איצט באַנומען דעם מיין פֿון דער גמרא: ישיבת כרכים קשה.

— אַ יאַריד! — האָט ר׳ דן גערעדט צו זיך אַליין. — אַן עולם התוהו!...

אַלץ איז אָנגעקומען שווער. אַ שטיבל צום דאַווענען איז געווען אין הויף, אָבער די מקווה האָט זיך געפֿונען אויף יענער זייט גאַס. דאָס אַריבערגיין איז געווען בחזקת סכּנה. קיין אויוון און קיין פּיעקעליק איז דאָ נישט געווען. מ׳האָט געדאַרפֿט שיקן דאָס טשאָלנט צו אַ בעקער און זיך מישן מיט די לייט, וואָס זענען נישט מקפּיד אויף גלאַט־כּשר. אין קיך האָט מען געקאָכט אויף אַ גאַז־מאַשינקע, אָבער ווער ווייסט פֿון וואָס מ׳מאַכט דעם גאַז? אפֿשר טוט מען אַריין חלב? וואָסער האָט מען געצאַפּט פֿון אַ קראַן, אָבער פֿון וואַנען זענען געקומען די רערן? מ׳האָט געזאָגט, אַז וואַרשע האָט אַן עירוב, אָבער ווי אַזוי האָט מען אין דעם האַרמידער געקאָנט נאָכקוקן צי אַלץ איז על־פּי־דין? ברויט האָבן די געוועלבן געקויפֿט אין דאַמף־מילן און ס׳איז געווען אַ חשד, אַז ס׳איז פּת עכו״ם. די מילך האָט מען געבראַכט אין וואַגאָנען. די שעכט־הייזער האָבן אָנגעשפּאַרט מיילן ווייט. חסידים האָבן דאָ געהאַלטן גויאישע דינסטן און אַמען. יידישע קינדער האָבן גערעדט פּויליש. וואַרשע איז געווען פֿול מיט אַפּיקורסים, וואוילע־יונגען, ווייבער אין די האָר. די שטאָט איז געווען טריף ווי חזיר.

ביסלעכווייז האָט מען פֿונדעסטוועגן צוגעגרייט דעם יום־טוב כּדת וכדין. די נאַכט פֿאַר ערב יום־כּיפּור האָבן די שטוב־לייט געשלאָגן כּפּרה. פֿאַר ר׳ דנען האָט די רביצן געקראָגן אַ ווייסן האָן. דינהלע, וואָס איז געווען טראָגעדיק, האָט געשלאָגן מיט אַ הון און אַ האָן, פֿאַר זיך און פֿאַרן קינד אין די גדערים. פֿאַרטאָג איז ר׳ דן אויפֿגעשטאַנען צו סליחות. אינדערפֿרי איז ער אַוועק אין מקווה און פֿון דאָרט — אין שטיבל. נאָכן דאַווענען האָבן די חסידים געטרונקען בראָנפֿן און פֿאַרביסן מיט אייער־קיכלעך. אויף אָנבייסן האָט די רביצין דער־לאַנגט אַ מוציא מיט האָניג, קאַרפּ, קרעפּלעך, מערן־צימעס. די בחורים האָבן ערגעץ באַקומען קעסטלעך זאַמד אויף אַריינצושטעלן די ליכט. מנחה האָט ר׳

דן געדאַווענט פֿרי, אויפֿן מתנגדישן שטייגער. נאָכן פֿאַרפֿאַסטן האָט דער רב אָנגעטאָן די זײַדענע זשיפּיצע, דעם קיטל, דעם טלית מיט דער עטרה, די הויב. די רביצין האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצירט אין גאָלדענעם חופּה־קלייד און אין אַ שטערנטיכל מיט פּערל. די טאָכטער און די שנירן האָבן זיך אויסגעפּוצט אין שובעס, יופּיצעס, אויערינג, בראָשן. נאָכדעם ווי ר׳ דן האָט אַלעמען געבענטשט, איז ער אַוועק צו כל־נדרי, אין די ווײַסע זאָקן. אין הויף איז געווען אַ רעש. ווײַבלעך, וואָס די מאַנען זענען אַוועק אין מלחמה, האָבן געקלאָגט. ייִדענעס אין שייטלען, קאָפּקעס, קאָפּטיכלעך, האָבן געטראָגן גאָלד־געליישטע מחזורים, אונטערגעהויבן פּאָלעס, זיך געוואָונטשן, געוויינט, געשנײַצט די נעז. ס׳איז נאָך געווען פֿרי. אין פֿאָדערהײַזל פֿון קלויז זענען נאָך געשטאַנען די קערות מיטן אויסלייז־געלט. נאָר אינעווייניק האָט שוין געברענט דער בליץ־לאָמפּ. אויפֿן דיל איז געווען אָנגעשאָטן היי. איבערן אָרון־קודש האָט געהאָנגען אַ ווײַס־זײַדן פּרוכת און כּפּורת. דער שמש האָט אָנגעוויזן ר׳ דנען אַן אָרט אויף דער מזרח־וואַנט, נעבן עמוד. ר׳ דן האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען זאָגן תּפֿילת־זכּאי.

צום דאַווענען האָט מען זיך דאָ געשטעלט שפּעטלעך, אויפֿן קאָצקער שטייגער. ר׳ דן האָט געטראָגן אַ ספֿר־תּורה אין אַ ווײַס מענטעלע, האָט אַרומגערינגלט דעם שולחן, און זיבן מאָל גערופֿן: אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה. ער האָט אויך געזאָגט: על דעת המקום ועל דעת הקהל. די ניגונים פֿון כל־נדרי, ונסלח, די יעלהס, כי הנה כחומר, זײַנען דאָ געווען אַביסל אַנדערש, אויפֿן גרויס־פּוילישן שטייגער. מ׳האָט אָפּגעכאַפּט, פֿאַרפֿעלט שטיקער פּיוט. בײַ דער טיר האָבן עטלעכע יונגעלײַט אויסגערעדט אין מיטן דאַווענען. אין קליין־טערעשפּאָל וואָלט ר׳ דן געטאָן אַ געשריי, מ׳זאָל זײַן שטיל. אָבער אַ פֿרעמדער מוז שווייגן. ר׳ דן האָט אײַנגעהילט דעם קאָפּ, זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט. ר׳ דן איז נישט געווען קיין בעל־בכי, נאָר ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ייִדישע זעלנער וואַלגערן זיך אין דער הייליגער נאַכט, עסן פֿון קעסל, זענען אים אָנגעקומען די טרערן. על חטא האָט ער געזאָגט וואָרט בײַ וואָרט, געקלאַפּט אין האַרץ, אַז ס׳האָט געהילכט. נאָך שיר־היחוד האָבן אַ פּאָר יונגעלײַט זיך אַוועקגעזעצט לערנען בבא מציעא. ר׳ דן האָט שוין געהאַט געהערט פֿון די קאָצקער צולהכעיסן, ר׳ מענדלס קליגערישע גענג. ר׳ דן אַליין האָט געטאָן דאָס זײַניקע: געלערנט משניות יומא.

זיבן טעג פֿאַר יום־כּיפּור שיידט מען אָפּ דעם כּהן גדול פֿון הויז צו דער לשכת פּרהדרין און מ׳גרייט אים צו אַן אַנדער ווײַב, טאָמער וועט זי שטאַרבן, וואָרים ס׳שטייט: ער וועט פֿאַרגעבן פֿאַר זיך און זײַן הויזגעזינד. ר׳ יהודה זאָגט: אויב אַזוי, האָט דאָך די זאַך נישט קיין שיעור.

דער עולם איז אַוועק אַהיים, נאָר ר׳ דן און נאָך אַ פּאָר אַלטע לײַט זענען געבליבן נעכטיקן. ר׳ דן־האָט געזאָגט תהלים און מעמדות. ער האָט צום ווײַפּלטן מאָל געחזרט די משנהס, ווי ס׳האָט זיך געפֿירט פֿאַרצײַטנס אין ארץ ישראל.

אויף דריי ערטער האָבן די כּהנים געהיטן אין בית־המקדש: אין בית אבטינס, בית הניצוץ און בית המוקד. אין בית אבטינס און בית הניצוץ זײַנען געווען גאָרנס און ס׳האָבן דאָרט געהיטן די בויגן־שיסער. דער בית־המוקד האָט

געהאַט אַ טורעם און אַ גרויס הויז, אַרומגערינגלט מיט שטיינערנע גאַניקעס. די זקני בית אב זענען דאָרט געשלאָפֿן און די שליסלען פֿון דער עזרה אין די הענט, און די פּרחי־כּהונה יעדער מיט זיין קישן. זיי זענען נישט געשלאָפֿן אין די בגדי־קודש, נאָר זיי אויסגעטאָן, צונויפֿגעוויקלט, אונטערגעלייגט אונטער די קעפּ. צוגעדעקט האָבן זיי זיך מיט די אייגענע מלבושים. האָט איינעם געטראָפֿן אַ טראַף, איז ער אַרויסגעגאַנגען דורך אַן אונטערוועג אונטערן היכל. ליכט האָבן געברענט פֿון ביידע זייטן, ביז ער האָט דערגרייכט צום בית הטבילה. אַ פֿלאַם איז דאָרט געווען און אַ בית־הכּסא פֿון כּבוד. האָט ער דאָס געפֿונען אָפֿן, איז דאָרט קיינער נישט געווען. האָט ער דאָס געפֿונען געשלאָסן, איז דאָרט געווען אַ מענטש. ער האָט אַראָפּגעניִדערט, זיך טובל געווען, אַרויפֿגעגאַנגען, זיך אָפּגעווישט און זיך אָנגעוואַרעמט קעגן דעם פֿלאַם. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן זיינע ברידער די כּהנים, ביז די טויערן האָבן זיך געעפֿנט און ער איז אַוועקגעגאַנגען. ווער ס׳וויל אָפּרוימען ס׳אַש פֿון מזבח, פֿעדערט זיך און איז זיך טובל איידער ס׳קומט דער ממונה. און ווען קומט דער ממונה? נישט אַלע צייטן גלייך. צומאָל קומט ער איידער ס׳קרייעט דער האָן, אַמאָל אַביסל פֿריער, אָדער שפּעטער. דער ממונה קלאַפּט אָן און זיי עפֿענען. ער זאָגט: ווער ס׳האָט זיך טובל געווען, זאָל קומען און וואַרפֿן גורל. ווער ס׳איז זוכה, איז זוכה... דער שוחט האָט נישט געשאָכטן ביז ער האָט געהערט ווי ס׳עפֿנט זיך דאָס גרויסע טויער... פֿון יריחו האָט מען געהערט דאָס קול פֿון פֿייפֿל. פֿון יריחו האָט מען געהערט דאָס קול פֿון געזאַנג. פֿון יריחו האָט מען געהערט דאָס קול פֿון שופֿר. טייל זאָגן: אויך דאָס קול פֿון כּהן גדול, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט יום־כּיפּור דעם שם. פֿון יריחו האָט מען געשמעקט דעם ריח פֿון קטורת.

דאָס אַלץ איז געווען ווען דער היכל איז געווען אויף זיין פֿונדאַמענט און דער מזבח אויף זיין גרונדפֿעסטיקייט. איצט איז חרוב דאָס בית־המקדש און ס׳איז אָפּגעשאַפֿט די עבודה און מיר האָבן נישט צוליב אונזערע זינד קיין פֿייער־אָפּער און קיין בראַנד־אָפּער, קיין שטאַנגען און קיין מעל־געמישעכץ, קיין קוילן און קיין גורלות, קיין פּאַלאַץ און קיין ודוי, קיין שעכטונג און קיין שפּרענגונג, קיין זינד־אָפּער און קיין פֿעטיקייטן, קיין רייניקונג און קיין טיקעכצער, קיין ירושלים און קיין וואַלד לבנון, קיין כּפּורת און קיין כּרובים, קיין ווייִרויך און קיין לחם הפּנים, קיין מזבח און קיין געשאַנק־אָפּער, קיין שטיקער און קיין גיסעכצער, קיין זעמל־מעל און קיין געווירצן, קיין ציון און קיין בלעך מיט דער הייליקער קרוין, קיין קימל און קיין זאַלבן, קיין דאַנק־אָפּער און קיין זענפֿטיקייטן...

ר׳ דן האָט אַזוי געזאָגט און געלערנט ביז פֿאַרטאָג. די ליכט האָבן געטריפֿט, די פֿלעמלעך האָבן געקנאַקט. אַ זקן מיט אַ געלן שטערן און אַ צעלייגטער ווייסער באָרד האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער באַנק און געזיפֿצט. ער האָט זיך באַצייטנס געמינטערט מיט יום־כּפּור־טראָפּנס. דורך די פֿענסטער האָט אַריינגעקוקט אַן אויסגעשטערנטער הימל, אַ לויטערע לבנה. ווען ר׳ דן איז דאָ געזעסן אין טלית און קיטל, האָט ער פֿאַרגעסן, אַז מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון קליינטערעשפּאָל. ער איז געווען אין אַ מקום קדוש, צווישן יידן און ספֿרים. ער איז נישט געווען אַליין, ר׳ דן. אין הימל איז געווען אַ בורא עולם, עולמות, ספֿירות,

מלאָכים, שׂרפֿים, אַ כּסא הכּבוד, אַ גן־עדן. אין די וועלדער האָבן געלויערט שדים. אין חלל האָבן אַרומגעשוועבט נשמות. אין די פּאַליצעס זענען געשטאַנען דער ש״ס בבלי און ירושלמי, מדרשים און זוהרס, טורים און רמב״מס, ספֿרי דרוש, מוסר, קבלה, חסידות. ר׳ דן האָט פֿאַרשפּאַרט איבערצולייענען די אויפֿשריפֿטן אויף די רוקנס. ער האָט דערקענט אַ ספֿר אין דער הויך, דער גרעב, דעם איינבאַנד. מ׳האָט נאָר געדאַרפֿט אויסשטרעקן אַ האַנט און עפֿענען דעם טאָוול, מ׳זאָל איינזאַפּן די רייד פֿון לעבעדיקן גאָט, די אותיות, וואָס מיט זיי זענען געוואָרן באַשאַפֿן אַלע וועלטן. אַ רחמנות האָט אָנגענומען ר׳ דנען אויף די גויים, די איוואַנעס, וואָס וואָגלען אַרום אין די נעכט, שיסן, שטעכן, שעלטן, רויבן, זויפֿן, נואפֿן. וואָס וועלן זיי זיך דאָ אויסשלאָגן? וואָס קומט אַרויס פֿון זייערע מלחמות? ווי לאַנג וועלן זיי אַזוי זינקען אין די מ״ט שערי טומאה? ר׳ דן האָט זיך דערמאָנט די תּפֿילה:

ובכן תּן פּחדך, גיב, גאָט, דיין פּחד אויף אַלע דיינע מעשׂים און אַ פֿאָרכט אויף אַלץ, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן, ס׳זאָלן פֿאַר דיר אַנגסט האָבן אַלע דיינע באַשעפֿענישן, און זיי זאָלן אַלע מאַכן איין בונד דיך צו דינען מיט אַ גאַנץ האַרץ...

ר׳ דן האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן אַ פּויסט, איינגעדרימלט. מיט זונשפּראָץ האָט ער זיך איבערגעוועקט. ער האָט געוואַשן נעגל־וואַסער ביים קראַן. פּורפּורנע פֿלעקן האָבן געציטערט אין די ווינקלען, ווי פֿאַרנאַכט צו זון־זעצונג. די ליכט אין זאַמד זיינען געוואָרן נידעריקער, די פֿלעמלעך — בלאַס. ס׳האָט געשמעקט מיט חלב און וואַקס. אַ האָן האָט ערגעץ געקרייעט. אַן עופֿעלע האָט זיך געריסן. ר׳ דן האָט אַרויסגענומען אַ של״ה. ער האָט זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט אין דעם ספֿר, אַז ער האָט נישט געמערקט ווי די זון האָט אויפֿגעשיינט און דער עולם איז זיך צונויפֿגעקומען. צדוק, דער עלטערער זון, האָט זיך צו אים דערנעענטערט, מיט דעם שטריימל אויפֿן קאָפּ. ער האָט אַ זאָג געטאָן.

— טאַטע, וואָס מאַכסטו?... נעם אַ שמעק טאַבאַק.

ר׳ דן האָט אויף אים געטאָן אַ בליק פֿאַרחידושט. זע נאָר, ער האָט שוין אַ גרויע באָרד, דער בכור. ר׳איז שוין נאָענט צו ששים. ר׳ דן האָט אַרייַנגעשטעקט דעם דוימען און דעם וויַיז־פֿינגער אין דער פּושקע, אָנגענומען אַן עוקץ.

— יישר כּוח!...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך געטאָן אַ בייזער:

— געוואַלד! שוין צייט ס׳זאָל קומען משיח!...

—◆—

## קאַפּיטל פֿינף און צוואַנציק

### 1

די פֿאַמיליע מושקאַט האָט געהאַלטן, אַז לאה איז זיך אַליין שולדיק וואָס מאַשע האָט זיך געלאָזט אויף אַ שלעכטן וועג. דאָס מיידל איז אַלט געווען אין פֿינף און צוואַנציקסטן יאָר, אָבער זי האָט זיך אַרומגעפֿירט מיט יונגעלייט

נאָך ווען זי איז געגאַנגען אין פערטן קלאַס. אסתּר־מלכּה און סאַלטשע, די שוועגערינס, האָבן וויפל מאָל לאהן געוואָרענט, אַז מ׳לאָזט נישט אַ שיין מיידל אויף איר אייגענעם באַראָט. אַ מאַמע דאַרף וויסן דער טאָכטערס סודות. מ׳דאַרף צוגעוואוינען אַ טאָכטער זי זאָל זיך האַלטן אַן עצה מיט דער מוטער. אָבער לאה האָט עפּעס נישט געהאַט קיין כּוח איבער מאַשען. אַלע אירע פירעכצער זינען לאהן געווען פרעמד. זי איז אויף אַ האָר נישט געווען אין איר געראָטן. לאה איז געווען דיק, מאַשע — אויסגעדאַרט. לאה איז אַלע מאָל געווען הונגעריק, מאַשע האָט געגעסן ווי אַ פייגעלע. לאה איז אין שקאָלע געווען אַ שלעכטע שילערין, מאַשע האָט געענדיקט גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. לאה האָט גערעדט הויך, געקלאַפּט מיט טירן, געלאַכט, זיך געזידלט; מאַשע האָט גערעדט שטיל, זיך אויפגעפירט צירלעך־מאַנירלעך. ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט דאָס מיידל געטראָגן אַ דין מענטעלע: ס׳איז געווען אַ חידוש ווי זי ווערט נישט געפרוירן. זומער, ווען די משפּחה איז אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע, האָט מאַשע פאַרבראַכט גאַנצע וואָכן אַליין אין שטיקעניש. גלייך ווי דער טאַטע, ר׳ משה גבריאל, איז זי פול געווען מיט פאַרבאָרגענע געגעלעך. זי איז אַוועק פון שטוב און מ׳האָט נישט געוואוסט וואוהין. זי איז ביינאַכט צוריקגעקומען, נאָר מ׳האָט נישט געהערט ווען. זי האָט געשלאָסן קאָנטשאַפט, געקומען אין רייכע הייזער, געגאַנגען אויף בעלער, און לאה איז פון אַלץ געוואויר־געוואָרן שפּעטער, אָדער גאָר פון זייטיקע. אַ צייט האָט מאַשע זיך אַרומגעדרייט מיט אַ סטודענט, עדעק, אַ זינדל פון אַ וואָלאַצלאַוועקער גביר, נאָר לאה האָט קיין מאָל נישט געזען דעם יונגענמאַן. מאַשע איז זיך מיט אים פונאַנדערגעגאַנגען און לאה האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. וויפל מאָל לאה האָט געפּרוּווט שמועסן מיט דער טאָכטער וועגן אַ תּכלית, האָט מאַשע גע־שמייכלט און געענטפערט:

— זאָל די מאַמאַ נישט זאָרגן. ס׳עט שוין אַלץ זיין גוט...

מאַשעס טאַלאַנטן האָבן אויף לאהן אַנגעוואָרפן אַ פּחד. דאָס מיידל האָט כּמעט פון זיך אַליין זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש, ענגליש, שפּילן אויף דער פּיאַנאָ, טאַנצן מאָדישע טענץ, צייכנען, מאָלן און מאַכן אַ סאָרט פּופּעס, וואָס רייכע דאַמען האָבן פאַר זיי באַצאָלט פינף און צוואַנציק רובל אַ שטיק. היטן האָט זי אַליין געפּוצט. קליידער האָט זי זיך געלאָזט נייען ביי פּוילישע שניידערס, אין יענע גאַסן, לויט איר אייגענעם מוסטער, און איז אַלע מאָל אַרומגעגאַנגען אין שטעטער. אַ פּויליש האָט זי גערעדט, וואָס אַזוינס הערט מען נאָר צווישן אַדל. איין מאָל האָט אַבראַם געטראָפן מאַשען רייטן אויף אַ פערד אין די לאַזשענקעס. ווען לאה האָט געפרעגט די טאָכטער וואו זי האָט זיך אויסגעלערנט רייטן, האָט מאַשע געענטפערט:

— ס׳איז נישׁ׳ קאַ׳ קונץ.

לאה קאַזאַק, וואָס האָט אויף אַלעמען געשריגן, גערעדט צו יעדן מיטן גראָבן וואָרט, איז זיך באַגאַנגען מיט מאַשען איידל. ווען די דינסט האָט גע־רוימט מאַשעס צימער, איז לאה נאָכגעגאַנגען און געהיט, די מויד זאָל נישט פאַרוואַרפן מאַשעס אַ שמאָכטע. מאַשע האָט געהאַט אַן אַקוואַריום מיט גאָלד־

פּישלעך און לאה האָט אַכטונג געטאָן מ׳זאָל טוישן דאָס וואַסער און מ׳זאָל געבן די באַשעפענישן צו עסן. וויפּל מאָל ס׳איז געקומען צו רייד, פּלעגט לאה טענהן:

— יאַך בין ניש׳ איר מאַמע. יאַך בין איר דינסט!...

חדשים לאַנג האָט מען זיך געסודעט צווישן דער משפחה, אַז מאַשע פּירט זיך אַרום מיט אַ שייגעץ, נאָר צו לאהן איז דאָס נישט דערגאַנגען. ווען סאַלטשע, נת׳לעס ווייב, האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אָפּגעטראָגן לאהן, האָט ערשט לאה נישט געוואוסט ווי מען הויבט אָן מיט דער טאָכטער צו ריידן. ווען לאה האָט זיך שוין געמאַכט האַרץ און געפּרעגט מאַשען צי ס׳איז אמת, — האָט מאַשע געענטפּערט:

— נו, איז וואָס? ער איז נישט דער ערשטער.

— טאָכטער, געדענק זאָלסט נישט מאַכן קאַ׳ פאַלשן שריט — האָט לאה זי געוואָרענט און זיך געוואונדערט אויף איר אייגענעם נוסח.

— מאַמאַ, איך בין פּול־יעריק און פּאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע מיינע טאָטן — האָט מאַשע געענטפּערט אויף פּויליש.

ווען מאַשע איז איבערגעגאַנגען אויף פּויליש, האָט לאה זיך אין גאַנצן פּאַרלוירן. לאה איז אַרויס און געוואָלט טאָן אַ זעץ מיט דער טיר, נאָר זי האָט פּאַרמאַכט שטילערהייט. לאה האָט שפּעטער אָנגעקלונגען צו קאָפּלען און פּאַר אים אויסגעגאָסן דאָס געמיט.

— וואָס זאָגסטו צו דעם מילער, האַ? זי׳ט מיר נאָך פּאַרשאַפן בושות און חרפּות!

קאָפּל האָט געשוויגן אין טרייבל אַריין, אַ סימן, אַז ער קלערט־נאָך אַן ענטפּער.

— האָסט אַן עצה?

— אָסור, צי כ׳ווייס וואָס מ׳טוט מיט דעם מיידל.

— אַז ווערסט שרייען, וועט זי זיך אין גאַנצן אַרויסציען.

קאָפּל איז, ווי אַלע מאָל, געווען גערעכט. מאַשע האָט שוין אַ פּאָר מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ס׳איז איר נישט באַקוועם צו וואוינען אויף דער טשעפּלע. ס׳איז צו ווייט צו אַ טראַמוויי, צו נאָענט צו דער קראָכמאַלנע. אַז אַ מיידל פּאַרדינט איר אויסקומעניש און ס׳לויפּט איר נאָך אַ כאַפּטע יונגעלייט, קאָן זי זיך אויסביטן. לאה האָט צום וויפּלטן מאָל איינגעזען, אַז קאָפּל רעדט נישט פּון די הוילע ווענט. ער מעסט און וועגט יעדעס וואָרט.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, קאָפּל? — האָט לאה געפּרעגט. — וואָס הערט זיך מיט אונדזערע הייזער?

— אַז ווילסט וויסן, קום אַריבער.

אין קאַנצעלאַריע האָט קאָפּל יעדעס מאָל גערעדט מיט לאהן אָפענע דיבורים. ער איז געזעסן אַקעגן אַ״ר ביי ר׳ משולמס טיש, מיטן מעלאָניק אויפן קאָפּ, מיט דער בליישטיפט הינטערן אויער, מיט אַ פּאַפּיראָסל אין ווינקל־מויל. אויפן טיש איז געלעגן אַ קאָנטאָ־בוך, אַ שטשאָט. קאָפּל האָט

סיי געריכערט, סיי גערעכנט, סיי געשמועסט. ער האָט אָנגעקוקט לאהן מיט אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן און איר געבלאָזן דעם רויך גלייך אין פּנים.

— גט־אָפּ דעם צלאַפּ און מאַך אַן עק. מיר ווערן ניש׳ יונגער, נאָר עלטער.

— ס׳זאָגט זיך לייכט. ס׳וואָלט געוואָרן יענער געשריי.

— מ׳שרייט ניש׳ אייביג...

קאָפּל איז אויפֿגעשטאַנען און אַריינגעטראָגן לאהן אַ גלאָז טיי. לאה האָט ליב געהאַט זיס, און קאָפּל האָט איר אַריינגעטאָן דריי קלעצלעך צוקער. ער האָט שטענדיק געהאַט גרייט אין שופֿלאַד אַ שטיקל קעז־קוכן, אַ פּלעצעלע, אַ טעוועלע שאָקאָלאַד. לאה האָט לאַנג געמישט.

— וואָס זאָל יאַך טאָן? אים אָנהענגען אַ גט?

— ווער פּטור.

— עלעהיי כ׳בין שוין פּטור, — נו, איז וואָס?

— דו ווייסט וואָס.

— און וואָס וועט טאָן דיין באַשעלע? גיין איבער די הייזער?

— באַשעלע איז פֿאַרזאָרגט.

— נו, און פֿאַר גאָט האָסטו גאָרניש׳ קאַ׳ מורא?

— מיט גאָט קאָן מען דורכקומען...

קאָפּל האָט געטאָן אַ שמייכל, געוואָרן בלייך. לאה האָט אויף אים געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט עד היום נישט געוואוסט צי האָט זי אים ליב אָדער פֿיינט. ווען קאָפּל האָט זיך איינגעביסן מיטן בליק אין איר בוזעם, איז איר געוואָרן הייס און איבער דער טבע. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אים צו טאָן אַ שפּיי גלייך אין דער צורה. ווי איינגעליבט דער משרת איז אין איר נישט געווען, האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט געפֿאַסט קיין תעניתים. ווער ווייסט אין וואָסערע לעכער ער שלעפּט זיך אַרום; וואו אַזאַ איינער קאָן אָנשפּאָרן? ווען קאָפּל פֿלעגט אָנהויבן איינטענהן מיט לאהן, זי זאָל דערווייל, ביז־וואָס־ווען, מיט אים לעבן, גיין מיט אים אין אַ האָטעל, אַרויספֿאָרן אין אַ דאָרף — האָט זי אָנגעכאַפּט אַ מיגל. זי פֿלעגט טאָן אַ זאָג:

— ניין, קאָפּעלע, אַזוי נידעריק בין איך נאָך נישט געפֿאַלן!...

לאה האָט קיין מאָל ביי זיך נישט געקאָנט דערגיין וואו זי האַלט מיט קאָפּלען. אין די אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס זי האָט אים געקאָנט, האָט זי שוין געהאַט מיט אים אַלערליי ציי‏טן. ווען זי איז געווען אַ מיידל, האָט ער זי געקושט און איר אונטערגעשיקט בריוועלעך, אָבער נאָך דער חתונה האָט זי אים פֿאַרגעסן. יאָרן לאַנג איז זי געווען פֿאַרנומען מיט טראָגן און האָבן. צוויי עופֿלעך זיינען געלעגן אויף דער גענשע גאַס. שפּעטער האָט קאָפּל פּונסניי גענומען זיך טשעפּען, נאָר ס׳זיינען יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַרויסגעקומען ברוגזן. מער ווי אַ קוש האָט קאָפּל ביי איר נישט דערגרייכט. אָבער ער האָט קיין מאָל זיך נישט מייאש געווען. ווי נאָר זיי זיינען געבליבן אַליין, האָט ער גענומען פֿלאַפּלען וועגן זיין ליבע. ער איז נישט געווען שעמעוודיק, ווי די לאַפּאַצאַנעס, וואָס קומען אין שטוב אַריין, טרינקען אויס צען גלע־

זער טיי און דערוועגן זיך נישט אַרויסצורײדן קיין וואָרט. ער האָט געהאַט אַ טריפֿהנע צונג. משה־גבריאלן האָט ער אָנגערופֿן מיט אַלערליי צונעמען. ער האָט זיך באַרימט מיט דעם כּוח וואָס ער האָט אויף ווייבער. ער האָט אַן בושה דערציילט וואָס וואוילע יונגען טוען־אָפּ מיט בלאָטע נקבות (ער אַליין איז קלאָמפּערשט געווען גאָט די נשמה שולדיק)... לאה פֿלעגט יעדעס מאָל אַוועקגיין פֿון אים אַ צערודערטע. זינט ר׳ משולם איז געשטאָרבן, איז קאָפּל געוואָרן נאָך חוצפּהדיקער. צייט ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און לאַקאַטאָרן האָבן אויפֿגעהערט צאָלן דירה־געלט, איז לאה ממש געווען אין קאָפּלס הענט. וויפֿל מאָל זי איז געקומען נאָך געלט, פֿלעגט קאָפּל פֿרעגן:

— וואָס וועל איך האָבן דערפֿאַר?

— וועסט האָבן אַ מצווה.

— איך דאַרף אַן עברה...

קאָפּל האָט געהאַט אַ קלאָרן פּלאַן: ער וועט אָפּגטן באַשעלען און איר אויסצאָלן פֿינף טויזנט רובל; זי, לאה, זאָל אַרויסקריגן אַ גט ביי דעם יאָלד, משה־גבריאל, און זיי וועלן חתונה האָבן, אַלעמען אויף צופֿיקעניש. ער, קאָפּל, איז מער נישט קיין משרת, נאָר דער אַפּוטרופּוס פֿון דער פֿאַמיליע. ער איז אַליין אויך אַ גביר: אַ באַלעבאָס פֿון צוויי הייזער. ער האָט אַ סך באַרעס געלט. וויפֿל, וועט ער אויסזאָגן נאָך דער חופּה. ער קאָפּל, איז שוין נאָך די פֿופֿציק, אָבער ער איז ביי די פֿולע כּוחות. אויב זי׳ט נישט מאַכן קיין שהיות, קאָנען זיי נאָך האָבן אַ קינד. ער׳ט קויפֿן אַ ווילע אין דרוסקעניק. ער׳ט מאַכן מיט איר אַ רייזע קיין אויסלאַנד. (די מלחמה וועט נישט דויערן אייביק). זיי וועלן זיין אין מאָנטע־קאַרלאָ, אויף דער ריוויערע, אין דער שווייץ, אין בערלין, ווין, פּאַריז, און וואו נישט? זיינע הייזער און אירע וועלן צוזאַמען אַריינברענגען זעקס הונדערט רובל אַ וואָך. ער׳ט אָפּקויפֿן פֿאַר אַ שיבוש נת׳לעס, פּיניעלעס, חמאס חלקים, ווערן דער גרעסטער וואַרשעווער מאַגנאַט, אַ צווייטער ר׳ משולם מושקאַט.

— האָרך מיך, לאה! — האָט קאָפּל זי צוגערעדט. — מירביידע קאָנען איבערקערן אַ וועלט...

קאָפּל האָט געהאַט רעכט, דער משה גבריאל איז נישט געווען פֿאַר איר קיין מאַן. ער איז אָפּגעלעגן גאַנצע חדשים ביים רבין. ער האָט דעם עלטערן בחור, אהרעלען, געהאַלטן אין רבינס ישיבה, געמאַכט אים פֿאַר אַ בטלן. זי האָט נישט געהאַט ביי אים קיין לעבן. ס׳איז געווען פֿון אָנהויב־אָן אַן אָפּקומעניש. זי, לאה, איז שוין דערגאַנגען ביי אים דערצו, אַז ס׳איז נישטאָ אין שטוב קיין ברויט. אָבער ווי האָט מען דאָס מיר־נישט־דיר־נישט חתונה מיט קאָפּל משרת? וואָס וועט זאָגן אַבראַם? וואָס וועלן זאָגן פּיניעלע, סאַלטשע, אסתּר־מלכּה, נת׳לע, חנה, חמא, די אַלע ווייבער און מיידלעך, וואָס רופֿן זי — מומע לאה? וואַרשע וועט לאַכן אין די פֿויסטן. מ׳עט שפּייען קלעק. מ׳עט זי שילטן מיט טויטע קללות. נו, און ווי צעברעכט מען עפּעס באַשעלעס היים? יענע איז טאַקע אַ נאַריש ווייבל, אַ קאַלב, אָבער זי איז פֿאָרט די מאַמע פֿון זיינע קינדער. אפֿשר איז דאָך פֿאַראַן אַ גאָט אין הימל, וואָס זעט און וועגט אַלע מעשים?...

— וואָס ענטפֿערסטו? — האָט קאָפּל געפֿרעגט — דערלאַנג לשון!

— ס'איז גרינג צו רעדן.

— ס'קאָן געמאַכט ווערן איינס־צוויי.

— נו, און וואָס וועט זיין מיט דיינע ליובאָוויצעס? האָסט דאָך עפּעס אַ גאַנץ טוץ.

— אַז איכ'ל דיך האָבן, וועל איך מיט אַלעמען שלאָגן כּפּרה.

— יאָך בין גאָרניש' אַזוי בטוח...

לאה האָט גענומען די פּאָר באַנקנאָטן, וואָס קאָפּל האָט איר דערלאַנגט, און איז אַוועק אַ היים. אינדרויסן זיינען קאָפּלס רייד פֿונסניי געקומען קאָפּויער, געוואָרן שאַרף, געעגבערט די געהירן. קאָפּל איז גערעכט — האָט לאה גע־מורמלט. — כ'ווער אַלט. איידער־וואָס־ווען, וועט מיך קיינער ניש' וועלן אָנ־קוקן. דער משה גבריאל איז מיין אומגליק. ס'איז זיין שולד, וואָס מאַשע וויל נישט קאָנען די שטוב. אַז מ'האָט אַזאַ כניאָק פֿאַר אַ טאַטן, טרייבט עס צו דער שמד.

פֿון דער גזשיבאָווסקע צו דער טשעפּלע איז אַ פּיצל וועג, נאָר לאה איז גע־גאַנגען אַרום און אַרום: דורך דער גנאָינע, פֿאַרן אייזערנעם טויער, מיראָווסקע. זי האָט געטיילט נדבות און געטרונקען סאָדע־וואַסער אין אַ נאַש־געוועלבל. זי האָט איינגעהאַנדלט אַ שטיק לאַקריץ ביי אַ גוי און געכאַפּט אַ מציאה ביי אַ מאַרק־זיצערין: דריי פֿונט עפּל. לאה האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ שפּיגעלע און זיך אָנגעשפּיגלט. זי האָט נאָך אַלץ געהאַט רויטע באַקן, אַ ווייסן האַלדז, געקלאָרוועטע פּיסקעס. קאָפּל איז אַ מבין: זי איז אַ היפּשע פֿרוי. אָבער די יאָרן לויפֿן אַוועק און די געבליטן ווערן געזעצט. זי איז אַ בהמה, אַן אָקס. זי האָט נישט געטאָרט אַזוי לאַנג אָפּפֿינסטערן ביי דעם לאַכודרע. הלוואי וואָלט זי אים אַרויסגעזאָרגעט באַלד ס'ערשטע יאָר, וואָלט איר איצט געוועזן וויילער.

לאה האָט געפֿילט ווי ס'קאָכט אין איר. קאָפּלס רייד האָבן געוואָרעמט דאָס איינגעווייד, ווי שנאַפּס. די פֿיס זיינען געוואָרן גרינג. די קלעצלעך האָבן גע־קלאַפּט אויפֿן טראָטואַר. זי האָט איינגעאָטעמט טיף.

— ס'עט נעמען אַ סוף! — האָט זי אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול. — נאָך היינ־טיקע וואָך!...

## 2

ס'איז געווען חול־המועד סוכּות. קאָפּל איז, ווי יעדן וואָכנדיקן טאָג, געקומען אין דער קאַנצעלאַריע עלף אַזייגער אינדערפֿרי. אַ סך וואָס צו טאָן איז נישט געווען. די לאָקאַטאָרן אין ר' משולמס הייזער האָבן נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, אָבער אַביסל הכנסה איז אַריינגעפֿאַלן פֿון געוועלבן, בעקערייען, שפּייכ־לערס. די פּאָר הונדערט רובל אַ חודש האָט קאָפּל צעטיילט צווישן די יורשים, יעדן לויט זיין באַדערפֿעניש. די גרעסטע סומע האָט באַקומען אסתּר־מלכּה, וואָס דער מאַן אירער, יואל, איז געווען מסוכּן־שלאָף. אַמווייניקסטן האָט געקראָגן אַבראַם. נאָכדעם ווי קאָפּל האָט זיך אָפּגעפֿאַרטיקט מיט דער פֿאַמיליע, האָט ער

זיך געגומען צו זיינע אייגענע חשבונות. ער האט גערעכנט אויפן שטשאט, גע־בלאזן דעם רויך דורך די נאז־לעכער, אונטערגעברומט א טעאטער־לידל:

עס איז א סוד דערביי,
עס איז א קיי־און־שפיי...

ווי קאפל איז אזוי געזעסן אויף ר׳ משולם מושקאטס שטול און געטראכט וועגן שטייערן, היפאטעקן, פראצענטער, וואליוטע, האבן זיך דערהערט אויף די טרעפ שטארקע טריט. קאפל האט זיך אומגעקוקט. די טיר האט זיך אויפגע־פראלט און לאה איז אריינגעקומען. אין דרויסן איז געפאלן א דין רעגנדל. לאה האט געהאט באצייטנס אנגעטאן א קאראקולענעם זשאקעט. זי האט געטראגן א הוט מיט א פעדער און אין דער באהענטשקעטער האנט געהאלטן א רעגנשירם מיט א זילבערן הענטל. קאפל האט זי שוין לאנג נישט געזען אזוי אויסגעפוצט. קאפל האט זיך אויפגעשטעלט.

— גוט־מארגן, קאפעלע, א גוטן כאלעמויד! — האט לאה גערופן און וואוי־לעריש געשמייכלט.

— גוט יאר, לאה, גם אתם, — האט קאפל גענוצט א לשון־קודש ווארט, וואס האט זיך נישט אריינגעפאסט.

— וואס האסטו דיך אויפגעשטעלט? כ׳בין ניש׳ קא׳ רבי, און קא׳ רביצין אויך ניש׳!

— ביי מיר ביסטו בעסער פון טויזנט רביצינס.

לאהס פנים איז אין איין רגע געווארן ערנסט.

— הער מיך אויס, קאפל! — האט זי א זאג געטאן הויך, כמעט מיט גע־בייזער. — דו ביסט נאך אלץ דער אייגענער? כ׳מיין צו מיר — —

— איך צו דיר? דו ווייסט, לאה.

— האסט מיך נאך אלץ אביסל ליב?

קאפל האט געטאן א ציטער.

— א סך.

— אויב אזוי, זיי וויסן, אז יאך בין געקומען מאכן אן עק. אהין אדער אהער!

קאפל איז געווארן בלייך.

— דאס איז א גוטע בשורה, — האט ער געזאגט מיט א פארשטיקט קול. דער פאפיראס איז אים געבליבן הענגען אויף דער אונטערשטער ליפ.

קאפל איז געקומען צו זיך, צוגעשפאנט צו לאהן מעשה־קאוואלער, פלינק געהאלפן איר אויסטאן דעם זשאקעט. ער האט אפילו נישט פארגעסן צו עפענען דעם שירם און אים אוועקגעשטעלט אין א ווינקל. די בלייפעדער פון הינטערן אויער איז אראפגעפאלן און ער האט זי געלאזט ליגן. לאה איז געשטאנען קעגן אים א געפאקטע, מיט ברייטע היפטן, א גרויסן בוזעם. זי האט געהאט אנגעטאן דאס שווארץ־סאמעטענע קלייד, וואס וועגן דעם האט קאפל אמאל געזאגט, אז ס׳מאכט אים ווילד. אין די אויערן האבן זיך געבאמבלט די בריליאנטענע אויערינג. ווען זי האט אראפגעצויגן די הענטשקעס, האט קאפל באמערקט, אז זי איז אן דעם קידושין־רינגל. זי האט א זאג געטאן:

— האסט א טריף־מזל. פירסט אלץ אויס. בעטסט מיך אפילו ניש׳ זיצן.

— זעץ דיך, לאה. דו ביסט די באַלעבאָסטע.

— אַ בראָך צו מיין באַלעבאַטישקייט. הער מיך אויס, קאָפּל, מיר זיינען שוין ביידע ניש׳ קאַ׳ מלופּים־קינדער — —

— ניין.

— איידער מיר טוען אָפּ אַ נאַרישקייט, מוזן מיר זיך גוט איבעררעכענען. כ׳בין היינט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. טו אַ קוק אויף מיינע אויגן. כ׳האָב אַלץ דורכגעקלערט. יאַך האָב גאָרניש׳ וואָס צו פֿאַרלירן. כ׳מוז איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל אַוועקוואַרפֿן דעם פּוסטן שטאָלץ. נאָר אויב דו, קאָפּל, האָסט חרטה, האָב יאָך צו דיר, אָסור, גאָרניש׳. ס׳איז נישט אַזוי גרינג צו צעברעכן אַ היים — —

— כ׳האָב ניש׳ קאַ׳ חרטה. דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן.

— וואָס־זשע ביסטו אַזוי בלייך? זעסט אויס ווי יום־כפּור צו נעילה.

— כ׳בין נישט בלייך...

— ער׳ט זיך אויפֿגעהויבן פֿאַר ראש־השנה און אַוועק מיט אַהרעלען צום רבין. אַזוי זיצט ער דאָרט ביז היינט. ער מיינט, דער שמויגער, אַז ער׳ט מיך לאָזן אַן עגונה און יאַכ׳ל נאָך אים קלאָגן. יאַכ׳ל נאָך היינט אַריבערפֿאָרן קאַ׳ ביאַלאָדרעוונע און מיר הייסן געבן אַ גט. פֿינף און צוואַנציק יאָר איז גענוג!

— כ׳האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז וועסט קומען צום שכל.

— ווי האָסטו געוואוסט? ווי לאַנג דער טאַטע האָט געלעבט האָב יאַך אַלץ גענומען פֿאַר ליב. כ׳האָב אים ניש׳ געוואָלט מצער זיין אויף דער עלטער. זאָלן שונאים ניש׳ אויסשטעכן די אויגן. כ׳האָב געליטן און געשוויגן. כ׳בין נעכט וואָך געווען און ס׳קישן נאַס געמאַכט. ער׳ט זיך אַרומגעשלעפּט אויף מלווה־מלכּה׳ס, מער אָפּגעזעסן אין ביאַלאָדרעוונע, ווי אין דער היים. אַלץ איז געלעגן אויף מיין קאָפּ: די שטוב, די פּרנסה. ער׳ט געטאָן איין זאַך: מיך געיאַדעט, פֿאַרוואָס כ׳לאָז ניש׳ די יונגערע קינדער אויסוואַקסן אַזוינע בטלנים ווי ער. איצט האָב יאַך דאָס גענוג! וויפֿל ס׳איז מיר באַשערט צו לעבן, וויל יאַך לעבן ווי אַ מענטש, ניש׳ ווי אַ חיה!...

— הונדערט פּראָצענט גערעכט.

קאָפּל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי אויף ניין. ער האָט געפּרוווט פֿאַר־ציען דאָס רעשטל פּאַפּיראָס, נאָר ס׳האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלאָשן. ער האָט גענומען זוכן די שוועבעלעך, נאָר ער האָט זיי נישט געפֿונען. ער האָט געטאַפּט אין די קעשענעס, גענישטערט אין שופֿלאַד. דער שטשאָט איז אַראָפּגעפֿאַלן מיט אַ קנאַק. די רעדלעך האָבן אַ וווּיל זיך געדרייט און געזשומט.

— וואָס איז דיר? וואָס זוכסטו?

— די זאַפּאַלקעס. אָט זיינען זיי!

— דאַרפֿסט ניש׳ זיין אַזוי צערודערט. אַכט־און־צוואַנציק יאָר ווי דו רעדסט וועגן דיין גרויסער ליבע. ערשט פֿאַר יום־כפּור האָסטו אַוועקגעלייגט אַ דרשה. נאָר אויב ס׳איז דיר ניש׳ באַקוועם, וועל איך אָסור דיר ניש׳ ווערן קאַ׳ שונא. אַזוינע זאַכן טוט מען נאָר מיטן גאַנצן האַרצן.

— כ׳וויס ניש׳, לאה, פֿאַרוואָס דו זאָגסט עס!

— כ׳ווייס אויך ניש׳. וואָס ענטפֿערסטו? כ׳וויל הערן קלאָרע דיבורים!

— כ׳בין גרייט אויף אַלץ. דאַרפֿסט מיר געבן אַ פּאָר טעג.

— כ׳קען דיר געבן אַפֿילו אַ פּאָר וואָכן. ס׳ברענט נישט! כ׳וויל אײן זאַך: זאָלסט דײַן ווײַב נישט טאָן קאַ׳ן עוולה. זי דאַרף האָבן איר אויסהאַלטעניש, פֿאַר זיך און די קינדער. זי טאָר ניש׳ וויסן פֿון קאַ׳ נויט!

— ס׳עט איר קיין זאַך נישט פֿעלן.

— פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זי׳ט באַשטײן אויף אַ גט?

— פֿאָרויס קאָן מען גאָרנישט וויסן.

— נו, כ׳זע. האָסט, הייסט עס, די גאַנצע צײַט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

— ניין, לאה.

— עפּעס, זע איך, קוועטשט דיך. אַוודאי בין יאַך מיט צוואַנציק יאָר צוריק געווען יונגער און שענער.

— אין מײַנע אויגן ביסטו אַלע מאָל שיין.

— ס׳איז איצט ניש׳ קאַ׳ צײַט אויף קאָמפּלימענטן. דאַרפֿסט ניש׳ מיינען אַז ס׳איז לײַכט פֿאַר מיר צו מאַכן אַזאַ שריט. כ׳האָב געהאַט אַ וואַך־נאַכט. כ׳האָב מיך געוואָרפֿן ווי אַ שלאַנג. כ׳בין שוין ניש׳ קאַ׳ יונג ווײַבעלע. כ׳ווער אַלט פֿיר־און־פֿערציק יאָר. וואָס כ׳זאָל ניש׳ טאָן, וועט ווערן יענע גראַטשקע. מ׳זאָגט, כ׳בין אַ קלוגע. נאָר אין יעדן קלוגן זיצט אַ נאַר. אַלע האַלטן דיך פֿאַר אַ שווינ־דלער, אַ גנב, וואָס אין דער קאָרט, אָבער יאַך האָב דיר געגלויבט. וואָס ווערסטו אַזוי בלאַס? יאַך וויל דיך ניש׳ באַליידיקן.

— ווער האַלט מיך פֿאַר אַ גנב?

— וואָס איז דען? יאַך ניש׳.

— איך בין אַ גנב.

לאהן האָט געטאָן אַ קלעם אין דער ברוסט.

— וועמען האָסטו באַגנבעט?

— דײַן אייגענעם טאַטן.

— דו ווילצלסט דיך אַזוי?

— אַז אַלע זאָגן, מסתמא ווייסן זיי...

— קאָפּעלע קרוין, זיי ניש׳ אַזוי. מענטשן האָבן מײַלער, זאָלן זיי נאָר פֿון הינטן שטיין! מ׳רעדט אויס אויף יעדן איינעם אָסור לדבר. אויף אונדז האָט מען געזאָגט, אַז מאַשע איז דײַן טאָכטער.

— אַ גאַנץ וואוילע טאָכטער.

— זאָג מיר דעם אמת, קאָפּל: וואָס איז דיר? אויב דוווילסט ניש׳ אַוועק פֿון דער היים, מאַך ניש׳ דעם אָנשטעל. דערווײַל איז נאָך אַלץ אַ סוד.

— ס׳עט ניש׳ לאַנג זײַן קאַ׳ סוד.

— וואָס מיינסטו?

— מיר׳ן חתונה־האָבן אין דער ווינער סאַלע.

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ? אַ גרוש און אַ גרושה מאַכן אַ שטילע חתונה. וואָס פּײַניקט דיך? האָסט רחמנות אויף באַשעלען?

— רחמנות האָב איך, נאָר דאָס ט׳מיך ניש׳ אָפּהאַלטן.

—אפֿשר ביסטו פֿאַרליבט אין עמעצן? האָסט דאָך אַ טוץ ליובאָוניצעס.

— אַפֿילו ניש׳ אַ האַלב טוץ.

— יאָך הויב אָן צו פֿאַרשטיין. פֿלעגסט מיר אַלעמאָל זאָגן, אַז דו האָסט פֿרויען, וואָס דו נעמסט נישט ערנסט. גלאַט אַזוי פֿאַר שוואוילטאָג. מיין כלל איז, אַז ווען אַ מאַנסביל פֿירט זיך אַרום מיט אַ פֿרוי לאַנגע יאָרן, איז דאָס ניש׳ קאַ׳ שפּילעכל. ניש׳ יאָך ווייס דיינע עסקים, ניש׳ כ׳וויל וויסן. זיי מיר מוחל, נאָר ס׳מיגלט מיך פֿון אַזוינע זאַכן. נאָר אויב דו ביסט פֿאַרליבט איז אַזאַ נקבה, מאָך ניש׳ פֿון מיר ס׳לייטישע געלעכטער. כ׳בין פֿאָרט ר׳ משולם מושקאַטס טאָכטער!

— כ׳בין אין קיינעם נישט פֿאַרליבט און כ׳האָב פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא.

— ווער האָט דען גערעדט וועגן מורא?

— ביין?

— וואָס איז? זי׳ט דיך אָפּגיסן מיט וויטריאָל?

— ווער איז דער זי? וואָס פּלוידערסטו?

— הער מיך אויס, קאָפּל. כ׳זע שוין, אַז עפּעס באַהאַלטסטו פֿאַר מיר. אַרויסקריגן ביי דיר דעם אמת איז נישט יאָך קאָן, נישט יאָך וויל. טו איין זאָך: שוויג. זאָל זיך דיר דוכטן, אַז כ׳האָב ניש׳ גערעדט, נאָר געבילט. יאָכ׳ל אים אָפּגטן סאַי־ווי־סאַי, נאָר מיט דיר האָט דאָס ניש׳ צו טאָן.

— דו האָסט, אַלזאָ, חרטה!

— זאָל זיין יאָך...

— לויף ניש׳, זיץ. כ׳האָב דיך ליב געהאַט פֿון ערשטן טאָג אָן. צייט כ׳בין אָנגעקומען צו דיין טאַטן. כ׳האָב אַלץ געטאָן פֿאַר דיר. כ׳האָב יעדע נאַכט פֿאַנטאַזירט, אַז ס׳וועט קומען אַזאַ מאָמענט, וועלכעס... כ׳ווייס נישט ווי אַזוי דאָס אַרויסצוברענגען. ס׳פֿלעגט זיך מיר חלומען, אַז כ׳רוף דעם באַלעבאָס שווער...

לאהס אויגן זיינען געוואָרן פֿול מיט טרערן. זי האָט געעפֿנט דעם טאַש, אַרויסגענומען אַ טיכל, געשנייצט די נאָז.

— פֿאַרוואָס־זשע צאַפּסטו מיר ס׳בלוט?

— איכ׳ל פֿאַר דיר אַלעמאָל בלייבן אַ משרת.

— וואָס רעדסטו? נעמסט מיך אָן ביי דער זיבעטער ריפּ.

— האָסט ערשט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ גנב.

— יאָך האָב געזאָגט? יאָך וואָלט מיט קאַ׳ גנב נישט חתונה געהאַט.

— אויב כ׳האָב געגנבעט, איז עס צוליב דיר.

— וואָס געגנבעט? ווען געגנבעט? שפּילסט דיך מיט מיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. קאָפּל האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל, צוריק אַוועקגעלייגט. ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, געטאָן אַ בליק אויפֿן דעקל, ווידער אַריינגעשטעקט אין וועסטל־קעשענע. ער האָט געקוקט אויף לאהן האַלב־פֿאַרווירט, האַלב־נייגעריק. ער האָט געביסן די ליפּ. די קאַלירן אין די באַקן האָבן זיך געביטן, געוואָרן ווייס, גרוי, רויטלעך. אָן אויסטערלישער פֿאַרלאַנג

האָט אים אָנגענומען: זיך פֿאַר איר מתודה צו זיין. קאָפּל האָט באַנומען, אַז ער גייט אָפּטאָן עפּעס אין איילעניש, ער׳ט שפּעטער באַדויערן, אָבער ער האָט צום ערשטן מאָל ווי פֿאַרלוירן די מאַכט איבער דער אייגענער צונג.

— לאה, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן.

— נו, זאָג.

— לאה כ׳האָב ליגן אין שטוב איבער זעכציק טויזנט רובל. באַרעס געלט.

לאה האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען.

— נו, איז וואָס? יאַך פֿאַרגין דיר.

— ס׳איז דיין טאַטנס געלט.

— יאַך פֿאַרשטיי.

— וואָס זאָגסטו איצט?

לאה האָט זיך אָפּגעשאָקלט.

— צו וואָס דערציילסטו דאָס? טוסט תשובה?

— כ׳קאָן דאָ אין וואַרשע נישט בלייבן. כ׳על קיינמאָל נישט האָבן קיין רו.

— וואָס ווילסטו טאָן?

— אַוועק קיין אַמעריקע.

לאהן איז דורכגעלאָפֿן אַ שניט איבערן אינגעווייד.

— אַליין?

— מיט דיר.

— ווי אַזוי? ס׳אַ מלחמה.

— מ׳קאָן פֿאָרן דורך סיביר.

— נו, נו, אַנדערע ווערטער.

— וואָס ענטפֿערסטו?

— וואָס האָב יאַך צו ענטפֿערן? כ׳שטעק אין שמוץ ביזן האַלדז!...

לאה האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. דער קנויל אין קעל האָט זי געטאָן אַ לעצטן שטיק און זי האָט זיך צעהעשעט. די טרערן האָבן זיך געטאָן אַ גאָס. אַ פֿאַרשטיקט געהויל האָט זיך פֿון איר אַרויסגעריסן. זי האָט פֿאַר־שטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט. קאָפּל איז אויפֿגעשטאַנען און פֿאַרמאַכט דאָס פֿענסטער, וואָס איז געווען געעפֿנט אויף אַ שפּאַלט. ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. ס׳איז אים מיט אַמאָל געוואָרן משונה־לייכט. ער האָט פֿאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַ שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אין די מויל־ווינקלען. ער האָט באַשיינפּערלעך געשפּירט ווי אַ לאַסט, וואָס האָט געדריקט ערגעץ אין דער לינקער זייט, האָט זיך אַראָפּגעקוילערט, געוואָרן צו־נישט. זאָל זי מיך איינזעצן — האָט ער געטראַכט. — כ׳האָב אַלץ אין דר׳ערד: די ליבע, ס׳געלט, ס׳גאַנצע לעבן... מיט אַמאָל איז אים געוואָרן געזאַלצן אין די וויעס. ער איז צו צו לאהן, זיך געטאָן אַ לאָז־אַראָפּ אויף די קני, אַוועקגעלייגט דעם שטערן אויף איר שויס. עפּעס ייִנגלשס און לאַנג־פֿאַרגעסנס האָט אויף אים געטאָן אַ הויך. לאה האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף זיינע האָר, געגלעט מיט די שפּיצן־פֿינגער. אין קאָפּלען איז אויפֿגעגאַנגען אַן אומבאַקאַנטע גע־לייטערטקייט. ער האָט אַליין נישט געוואוסט צי ער שמייכלט, צי ער וויינט.

לאה האָט אים אָנגענומען ביי דער טשופּרינע, אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ. לאהס באַקן זיינען געווען נאַס, נאָר די אויגן האָבן געלאַכט. אַזוי האָט אויסגעזען די מאַמע יום־טוב ביי דער תּחינה.

— קאָפּעלע, וואָס וועלן מיר טאָן אין אַמעריקע? — האָט לאה געפֿרעגט, און קאָפּל האָט געענטפֿערט:

— מיר׳ן אָנהויבן אַ ניי לעבן...

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

דער פֿאַן זדזשיסלאַוו זאַזשיצקי האָט געזאָגט דעם זון זיינעם, יאַנעקן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט איינגיין דערויף, ער זאָל חתונה האָבן מיט דער יידישער טאָכטער, מאַשען, אַפֿילו ווען זי זאָל זיך טויפֿן. דער פֿאַן זאַזשיצקי האָט גערעדט קלאָרע ווערטער: אַ טאָג נאָך דעם שלוב וועט ער שיקן נאָך אַ רעיענט און אָפּשרייבן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן דער טאָכטער, פֿאָלאַ. פֿאַר אים, יאַנעקן, וועט דאָס הויז זיין פֿאַרשלאָסן. דער אַלטער האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו רעדן און דערביי צו צייכענען מיט אַ בליישטיפֿט אויף פּאַפּיר פּאַסיקלעך, פּינטעלעך, אויסרוףצייכנס, אַ שטייגער ווי ער וואָלט סטענאָגראַפֿירט די אייגענע רייד. ער איז געזעסן ביים שרייב־טיש אין אַן אַלטמאָדישן מאָרגן־ראָק מיט בלומען, צו פֿאַרקנעפּלען מיט שלייפֿן, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קרייקע. די באָרוועסע פֿיס האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר פּליושענע שטעק־שיך מיט פּאָמפּאָנען. די פּאָר גרויע האָר אויפֿן פּליך זיינען געשטאַנען. דאָס לאַנגע פּנים איז געווען געלבלעך. אונטער די שטעכיקע אויגן, פֿאַרשטעלט מיט געדיכטע ברעמען, האָבן געהאָנגען לײדיקע טאָרבעס. די נאָז איז געווען אונטן גראָב און רויט. די האַלב־אויסגעקראָכענע וואָנסן האָבן נישט אויפֿגעהערט ציטערן. דער פֿאַן זאַזשיצקי האָט גערעדט און דער הוסט האָט אים געדושעט.

— זון מיינער, דו מוזט אויסקלייבן צווישן דיין פֿאַמיליע און דער יידישקע. דאָס איז מיין לעצט וואָרט!

— אָבער, טאַטוש, פֿאַרוואָס? אויב זי טויפֿט זיך, איז זי דאָך דאַן אַן אונדזעריקע.

— כ׳וויל זיי נישט קענען. כ׳האָב פֿיינט זייער בלוט, זייער דוך, און באַסטאַ! אויב דו קאָנסט נישט געפֿינען אין פּוילן קיין איין קריסטלעך מיידל, וואָס זאָל דיר געפֿעלן, דאַן... דאַן...

דער פּאַן זאַזשיצקי האָט נישט געקאָנט פֿאַרענדיקן. ער האָט זיך צעהוסט און גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי אויף אַן אמת, וואָס ס׳וויסן נאָר אַסמאַטיקער. ער האָט זיך פֿאַרקייכט און לאַנג געשפּיגן אין שפּיי־קעסטל. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס שרייב־פּענדל און אויפֿגעהויבן אַ ביינערנעם בוך־עפֿענער. די שמאָלע האַנט איז געווען קנאָכיק, בלוילעך, פֿול מיט אָדערן. דער גאָרגל אין האַלדז האָט זיך געשאָקלט, געשפּרונגען. אין מיטן דעם גאַנצן דעכעניש האָט דער פּאַן

זאַזשיצקי געכאַפּט אַ קוק אין דעם בוך, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים אָפֿן. ס׳איז געווען די געשיכטע פֿון די פֿריי־מויערער, אָנגעשריבן פֿון אַ גלח.

— וואָס ווילן זיי האָבן, די יידן? — האָט דער פּאַן זאַזשיצקי גערעדט האַלב צום זון, האַלב צו זיך — צוויי טויזנט יאָר איז אַלדאָס קריסטלעכע געווען פֿאַר זיי טריף. ווען אונדזער איינער האָט געטאָן אַ קוק אויף אַ פֿלאַש וויין, איז זי געוואָרן אומריין. אַז אַ קריסט האָט געמאַכט אַ טעות, האָט דאָס דער ייד געמעגט צוגנבענען. איצט ווילן זיי מיט אַמאָל ווערן אונדזערע ברידער. צו־שפּעט!...

— טאַטוש, דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מאַשען.

— זיי זיינען אַלע די אייגענע: פֿון די יידישע מאַסאָנען אין פֿראַנקרייך, ביז צו די קליינע יידעלעך, וואָס שפּילן זיך אין בלאָטע. זיי האָבן רואינירט פּוילן. כ׳בין קראַנק צוליב זיי!...

— אונדז האָט באַרויבט דער קאַטאָליק ריבאַצקי, נישט די יידן.

— שווייג, זון פֿאַררעטערישער! כ׳האָב מיין לעבן געשטרעקט פֿאַר דיר, און דו לויפֿסט אַרום מיט שאַרלאַטאַנעס און יידישע מוידן. מאָלסט בילדער פֿון נאַקעטע הורן. איצט ווילסטו די שמאַך אין הויז אַריינברענגען!...

— פֿאָטער, רעכן דיך מיט די ווערטער!

— וואָס וועסטו מיר טאָן? מיך אָנשלאָגן? איך בין אַן אַלטער געבראָכענער מאַן. כ׳שטאַרב מיט דעם שטאָלץ, אַז כ׳בין געווען אַ געטרייער זון פֿון פּוילן, נישט אַ יידישער פּאַכאָלעק. דאָס האָבן די יידעלעך אָנגעשיקט אויף אונדז דעם דייטש, ער זאָל אומברענגען דאָס פּוילישע פֿאָלק — —

די פּאַני זאַזשיצקאַ איז אַריינגעקומען.

— וואָס איז שוין ווידער? פֿאָטערל, טרינק אַ גלאָז באַוואַרקע. וואָס דענער־ווירסטו אים, יאַנעק?

— כ׳טו אים גאָרנישט. ער האָט גלאָט ליב צו רעדן.

— דו, זונדעלע, בעסער שווייג. אַ גאַנצע נאַכט הוסט ער, קאָן קיין אויג נישט צו־טאָן און בייטאָג שפּילסטו אים אויף די נערוון. נישטאָ וואָס צו רעדן: אַ גוטער זון!

— כ׳האָב אים בלויז געפֿרעגט איין וואָרט.

— דו פֿרעגסט ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל. דו האָרכסט נישט סאַי־ווי־סאַי!

די פּאַני באַרבאַראַ זאַזשיצקאַ איז געווען אַ קליינע, דאַרע גויע מיט אַ רויט נעזל און מיט אַ פּאָר ברוינע אויגן פֿון אַ יידישקע. אפֿשר דערפֿאַר האָט זי שטענדיק געטראָגן אַ שוואַרצן צלם אויף אַ שנור פּאַטשערקעס. די רעשטלעך האָר, האַלב־שוואַרץ, האַלב־גרוי, זיינען געווען פֿאַרדרייט אויף הינטן אין אַ שפּיציק גרעקל. פֿון דער טאַליע האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ בונט שליסלען. זי איז געווען מיט פֿופֿצן יאָר יינגער פֿון איר מאַן, אָבער דער שטערן איז שוין געווען דורכגעווירעט מיט קנייטשן. אין די אויגן־ווינקלען זיינען געשטאַנען הוילענישן. פֿון דער צייט, וואָס די פֿאַמיליע איז אַרויס פֿון מאַיאָנטעק אין לובלינער געגנט און זיך באַזעצט אין וואַרשע, האָט די פּאַני זאַזשיצקאַ אונטערגעקרענקט. זי איז אַלעמאָל געווען אין איין שרעק פֿאַר גנבים, שרפֿות, באַנדיטן, גרויס־שטאָטישע

דינסטן, וואָס סמען אָפּ די באַלעבאָסטעס מיט אַרשעניק און רויבן־צו דאָס צירונג. זי האָט יעדן טאָג אויסגעלייענט דעם „קוריער וואַרשאַווסקי", צוזאַמען מיט די אַנאָנסן. זי האָט אויך געבאַרגט ביי דער סטרוזשקע די „דוואַ גראָשי". איצט האָט די פּאַני באַרבאַראַ זאַזשיצקאַ אַוועקגעשטעלט פֿאַרן מאַן אַ גלאָז טיי מיט מילך.

—טרינק, טאַטעלע, ס'עט דיך דערוואַרעמען.

— אַך, ס'ווערט מיר איבלדיק פֿון די אַלע געטראַנקען.

— ס'איז גוט פֿאַר דיין הוסט. עך, באַזשע, מילך ווערט טייערער פֿון טאָג צו טאָג. מ'זאָגט, ס'עט באַלד נישט זיין קיין טיי.

— ס'עט באַלד גאָרנישט זיין! — האָט דער פּאַן זאַזשיצקי אונטערגעכאַפּט. — קיין חובות צאָלט מען נישט. אַ רויבער איז געוואָרן דער מענטש, אַ גנב, אַ גאָרגל־שניידער. יידישע שפּעקולאַנטן באַהאַלטן די שפּייז, וואָס אונדזער פּויער האָט אַרויסגעבראַכט מיט שוויס.

— אמת, טאַטעלע. כ'בין פֿאַרביי די יידישע גאַסן, האָב איך אַליין געזען. די יידן שטייען ביי די געוועלבן מיט די געלע בערד און לאָזן נישט אַריין אַ קונד. זיי האָבן פֿולע קעלערס מעל, צוקער, קאַרטאָפֿל. כ'פֿרעג איינעם: סוחר, האָסט אפֿשר אַ פֿונטעלע מעל? זאָגט ער: נימאַ, נישטאַ!

— יאַנעק וויל דאָך מיט זיי חתונה האָבן!

— זאָל ער, פֿאָטערל. מיר'ן באַלד שטאַרבן. ער'ט באַדויערן, וואָס ר'האָט פֿאַרראָטן אַ גוטן פּוילישן נאָמען...

יאַנעק, וואָס איז ביז איצט געזעסן אויף אַ שטול, אַ פֿוס פֿאַרלייגט אויף אַ פֿוס, האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרויס. ער האָט אויסגעשפּיצט די ליפּן, ווי צו פֿייפֿן. אין מיטל־שטוב האָט ער געטראָפֿן די שוועסטער, פֿאַלאַן, שטיין קעגן שפּיגל און קאַרבירן די האָר. ס'האָט געשמעקט אָנגעברענט. פֿאַלאַ איז געווען יינגער פֿון יאַנעקן מיט פֿינף יאָר. זי האָט ערשט נישט לאַנג געהאָט געפּייערט דעם איין־און־צוואַנציקסטן געבורט־טאָג. ער, יאַנעק, איז געווען גע־ראָטן האַלב אין פֿאָטער, האַלב אין דער מוטער. ער איז געווען הויך, אָבער אויגן האָט ער געהאָט טונקעלע. זיי האָבן מאָדנע נישט געפּאַסט צו דער פֿאַררי־סענער נאָז. די שאַטינע האָר האָבן אים פֿרי אָנגעהויבן אויסקריכן און ער האָט באַקומען אַ הויכן שטערן. אין דער אַקאַדעמיע, וואו ער האָט שטודירט מאָלעריי, האָבן אים די סטודענטן געקיביצט מיטן נאָמען ייד. פֿאַלאַ איז געווען בלאָנד, געהאָט בלויע אויגן און חן־גריבלעך אין די באַקן. זי האָט מיט צוויי יאָר צוריק געהאָט געענדיקט אַ פּריוואַטע גימנאַזיע און איז שוין אַ יאָר אַרומגעגאַנגען מיט אַ רייך זינדל, אַ סטודענט פֿון פּאָליטעכניקום.

— דו פּוצסט דיך, שוועסטערל, אַלץ פֿאַר באָלעקן?

— זעט נאָר! ער וואַקסט אויס ווי אַ גייסט. כ'האָב געמיינט, האָסט דיך שוין אַרויסגעצויגן.

— איינגיכן.

— ס'איז נישט קאַלט ביי דיר אין דער חזיר־שטאַל?

— כ'על דיך בעטן, זאָלסט נישט רופֿן די אַטעליע חזיר־שטאַל!

— קוקט נאָר ווי האַנאַראָווע דאָס איז! אין „קוריער” איז געווען אַ רעצענזיע פֿון דער אויסשטעלונג, נאָר דיין נאָמען האָט מען יאַקאָש נישט דערמאָנט.

— מ׳עט נאָך דערמאָנען.

— די יידעלעך האָט מען יאַקאָש נישט פֿאַרגעסן.

— איז וואָס?

— ווי לאַקאָניש ער איז! וואָסערע קאָמפּן פֿירסטו דאָרט מיט פּאָפּאָ? מ׳הערט די געוואַלדן איבערן גאַנצן הויז.

— מ׳האָט דיך אפֿשר אויפֿגעוועקט?

— פֿאַרוואָס מאַכסטו נישט אַן עק צו די דיסקוסיעס? וועסט די עלטערן נישט ענדערן.

— אַז כ׳על דיך פֿרעגן, וועסטו דאַמאָלט ענטפֿערן.

— כ׳קאָן דיר זאָגן שוין איצט: פֿאַרפּייניקסט זיי מיט דיינע אַוואַנטורעלעך.

— העי, דו, האַלט ס׳פּיסקל!

— און אַז נישט, וואָס וועסטו מיר טאָן? יידישע ציבעלע!

אַמאָל ווען פּאָלאַ וואָלט אַרויסגעוויזן אַזאַ חוצפּה, וואָלט יאַנעק איר דערלאַנגט אַ קנאַק, אַז זי וואָלט געהאַט צו געדענקען. אָבער, ערשטנס, איז זי שוין איצט געווען אַ גאַנצע דאַמע; צווייטנס, איז יאַנעק געווען צו־אָפּגעפֿרעמדט פֿון שטוב, ער זאָל פֿאַרפֿירן אַ געשלעג.

— גיי צום טייוול!

יאַנעק האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דעם קאַפּעלויש און איז אַרויס פֿון שטוב. אין טויער האָט דער סטרוזש געקערט מיטן בעזים. אַמאָל פֿלעגט ער אַראָפּנעמען דאָס היטל פֿאַרן ווירטס זינדל. איצט איז געווען קריג. דערצו האָט דער פֿויער געוואוסט, אַז יאַנעק לעבט נישט גוט מיט דער פֿאַמיליע. ער האָט זיך אָפּגעקערט. אין הויף האָט יאַנעק דערזען אַ סוכּה. זי איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון קלאָזעט. יאָר־איין, יאָר־אויס פֿלעגן אַרום דער דאָזיקער סוכּה פֿאָרקומען קריגערייען. די צוויי יידן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט, פֿלעגן אויפֿשטעלן דאָס ביידל, נאָר דער פּאַן זאַזשיצקי, דערווירט, האָט געהייסן דעם הויז־וועכטער עס צעוואַרפֿן. די פֿרויען האָבן געמוזט טראָגן די מאַנסלייט עסן אין אַן אַנדער הויז, וואָס האָט געהאַט אַ יידישן אייגנטימער. איצט איז דער פּאַן זאַזשיצקי נישט אַרויס פֿון שטוב און די יידן האָבן דאָס אויסגענוצט. יאַנעק האָט לאַנג געגאַפֿט אויף יענעם ווינקל. ער האָט געהאַט אַ באַגער אַריינצוגיין, טאָן אַ קוק ווי ס׳זעט־אויס אינעווייניק, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז מ׳עט אים אָננעמען פֿאַר אַ שפּיאָן. ס׳וואָלט געווען גריילעך אינטערעסאַנט צו מאָלן אַ גרופּע יידן אין אַזאַ געצעלט פֿון ברעטלעך, ווי זיי זיצן דאָרט, זינגען, מאָדלען זיך, קעגן דער שיין פֿון ליכט, און מיידלעך טראָגן אַריין פֿולע טעלערס יויך...

דעם פּאַן זדזשיסלאַוו זאַזשיצקיס הויז האָט זיך געפֿונען אויף דער האָזשע. יאַנעקס אַטעליע איז געווען אויף דער שוויענטאָ־קזשיסקע. זי האָט נישט געהערט צו אים אַליין. ס׳זיינען געווען נאָך דריי שותּפֿים, אַלע יידן. ווי אויסטערליש, נאָר דער שיקזאַל האָט אים, יאַנעקן, פֿון קינדוווייז־אָן צונויפֿגעפֿירט מיט יידן. אין גימנאַזיע, וואו ער האָט געלערנט, איז געגאַנגען אַן אייניציק יידיש

יינגל, אַ פֿעלדשערס אַ זון, — איז ער, יאַנעק, געווען זיין קאָלעגע. אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט האָט ער זיך דערנעענטערט צו די יידישע סטודענטן. שפּעטער, ווען ער האָט איבערגעריסן יוריספּרודענץ און איז אַוועק אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, האָבן אים די פּאָר יידישע מאָלער אַריינגענומען אין זייער קרייזל. די קריסטלעכע סטודענטן האָבן רעכט נישט געגלויבט, אַז ער איז אַ קאַטאָליק, אַ זון פֿון אַ פּוילישן שליאַכטשיץ, אַ גוט־באַזיצער. נישט איינמאָל ביי אַ קריגערייַ פֿלעגט מען אים זאָגן:

— העי, דו, יידעלע, גיי קיין פּאַלעסטינע!...

ס׳זיינען געווען צייטן, ווען יאַנעק האָט געהאַסט זיך אַליין, זיינע שאַטינע האָר, די טונקעלע אויגן, וואָס זיינען פֿול געווען מיט יידישן אומעט, און דעם יידישן פּעבל, וואָס צו זיי איז ער געווען ענלעך. ער האָט געצייכנט קאַריקאַטורן פֿון יידן, זיך געקריגט מיט די יידישע קאָלעגן, געוואָרן אַן אַנטיסעמיט. ער האָט געפּלאַנט אַוועקצופֿאָרן קיין איטאַליע, וואו די קריסטן זיינען אַלע ברונעט און מ׳וואַרפֿט קיינעם נישט פֿאָר, אַז ער האָט אַ יידישן אָנבליק. אין פּוילן האָט מען זיך פֿון די יידן נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. דער פֿאָטער האָט טאָג און נאַכט וועגן זיי גערעדט. דער גלח אין קירך האָט זיי דערמאָנט אין זיינע פּרעדיקטס. די מוטער האָט אַלעמאָל געהאַט צו זיי פּרעטענסיעס. די וואַרשעווער גאַסן זיינען געווען מיט זיי פֿול. וויפֿל מאָל יאַנעק איז אַרויס אין דרויסן, האָט אים אָפּגעשטעלט אַ ייד אָדער אַ יידענע און גענומען רעדן צו אים יידיש. יידישע שנאָרערס האָבן ביי אים געבעטן נדבות. מיידלעך, וואָס פֿאַרקויפֿן בלימלעך פֿאַר יידישע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, האָבן אים אָנגעטשעפּעט אַ בלימל. טאָג־איין טאָג אויס איז אים אויסגעקומען צו זאָגן די אייגענע ווערטער:

— ס׳טוט מיר לייד. כ׳בין נישט קיין ייד...

ער האָט נישט נאָר אויסגעזען ווי אַ ייד, יאַנעק, נאָר ער האָט אין זיך געהאַט יידישע שטיק. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר געשלעגן, נישט געקאָנט זען קיין בלוט, נישט פֿאַרטראָגן קיין בראָנפֿן, געליטן פֿון שעמעוודיקייט, זיך שטענדיק וועגן עפּעס געגריבלט. אין גימנאַזיע האָט ער געלייענט ערנסטע ביכער, אויסגעמיטן די גימנאַזיסטינס, וואָס מיט זיי האָבן די שילער געמאַכט באַגעגענישן, אַרומגעגאַנגען איבער מוזעאומס און אויסשטעלונגען. געמאָלט האָט ער דעמאָלט פֿאַנטאַסטישע פֿיגורן, אויסטערלישע חיות און בלומען. אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט האָט ער שטודירט אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון פֿאָטער. אָבער יאַנעק האָט באַלד פֿון אָנהויב געוואָרנט, אַז ער וועט נישט זיין קיין אַדוואָקאַט און נישט קיין ריכטער. אין דער קונסט־אַקאַדעמיע האָט ער זיך אַרומגעקריגט מיט די פּראָפֿעסאָרן, וואָס האָבן אים גערופֿן: דעקאַדענט, ניהיליסט, ייד. צו איין־און־צוואַנציק יאָר איז יאַנעק געשטאַנען צום פּריזיוו און די דאָקטוירים האָבן אים געגעבן אַ בלויען בילעט: ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ. וויפֿל מאָל ער איז געגאַנגען אויף אַ באַל, איז אים דאָרט געוואָרן טרויעריק און ער איז אַוועק אין מיטן. אין די הייזלעך, וואו ער איז אַמאָל אַריין, האָט אים דער צופֿאַל צוגעשיקט יידישע גאַסן־פּרויען. זינט יאַנעק האָט געלייענט ביי קרויסהאַר די געשיכטע פֿון די פֿראַנקיסטן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט אַן אויסטערלישן חשד: אַז ער

אַליין שטאַמט־אָפּ פֿון יענע געטויפֿטע יידן. די באָבע זיינע האָט אים געהאַט דערציילט, אַז זיין עלטער־זיידע איז געווען אַ וואָלאָווסקי — אַ נאָמען, וואָס ס'האָבן אָנגענומען די זין פֿון אלישע שור.

יאַנעק האָט וויפֿל מאָל געהאַט ביי זיך אָפּגעפּאַסט אויסצומיידן יידן, אָן זיי צו פֿאַרגעסן, אָבער דער גורל האָט אים צו זיי געשטופּט. אין מאַשען האָט ער זיך פֿאַרליבט פֿון ערשטן אויגנבליק. דער סקולפּטאָר יאַשאַ מלאָטעק, וואָס מיט אים האָט יאַנעק געטיילט די אַטעליע, האָט אויסגעקלעפּט פֿון איר אַ ביוסט. ער, יאַנעק, האָט אויף איר געטאָן איין קוק, און געוואוסט, אַז דאָס איז זי, די יעניקע, וואָס וועגן איר האָט ער געחלומט פֿון קינדוויַיז אָן. נאָך עטלעכע ווערטער זיינען זיי געוואָרן היימיש. ער האָט זיך נישט געראַנגלט פֿאַר איר, נישט געשטאַמלט. דער פּאָרטרעט, וואָס ער האָט פֿון איר שפּעטער געמאָלט, איז געווען זיין בעסטע מאָלעריי. אַלע האָבן דאָס צוגעגעבן. די ליבע זייערע האָבן זיי געפֿירט אין דער אַלקאָווע, וואו ס'איז געשטאַנען אַן אויוועלע מיט קרומע רערן, אַ סך נישט־פֿאַרענדיקטע לייוונטן, פֿאַרשטויבטע רעמען, אַן איינציק בענקל און אַ סאָפֿע, וואָס ס'האָבן פֿון איר אַרויסגעקוקט די פֿערד־האָר. אין גרויסן זאַל מיטן גלעזערנעם דאַך האָט יאַשאַ מלאָטעק געברומט יידישע מעלאָדיעס, פֿול מיט קרעכצענישן און זיפֿצענישן. חיים זיידענמאַן, אַ ליטוואַק, אַ געוועזענער סטודענט פֿון טעאָלאָגיע, האָט געקאָכט קאַרטאָפֿל אין די שאָלן און געגעסן מיט רויג פֿון הערינג. פֿעליקס רובינליכט איז געלעגן אויף אַ צוליי־בעטל און געלייענט זשורנאַלן. מ'האָט דאָ נישט געשיכורט, זיך נישט געשלאָגן. עפּעס נשמהדיקס, נישט צו באַצייכענען מיט קיין ווערטער, איז געלעגן אין אַלץ, וואָס די יידישע קינסטלער האָבן געטאָן: אין זייערע מאָלערייען, אין די דעבאַטן וועגן קונסט, אַפֿילו אין זייערע וויצן און ניבול־פּה. די מיידלעך, וואָס זיינען אַהער אַרויפֿגעקומען, האָבן אין זיך געהאַט אַ מאָדנע געמיש פֿון אויסגעלאַסנקייט און רעליגיעזיטעט. מאַשע האָט יאַנעקן דערציילט וועגן דעם זיידן אירן, דעם פּאַטריאַרך משולם מושקאַט, וועגן דעם טאַטן, די פֿעטערס, די מומעס, דעם ביאַלאָדרעוונער ראַבין. זי האָט שפּאַצירט מיט אים אויפֿן גזשיבאָוו, דער טוואַרדע, דער גזשיבאָווסקע און אים אָנגעוויזן דעם פֿעטער נת'לע, דעם פֿעטער ניוניע, די מומע אסתּר־מלכּה, די מומע חמא. זי האָט אים איבערגעגעבן די ליבע־געשיכטע פֿון הדסהן און עוזר־העשלען. וויפֿל מאָל יאַנעק האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ער איז אַ קריסט, זי אַ יידישע און אַז ס'וועלן זיין שוועריקייטן, פֿלעגט מאַשע אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

— אָדער איך וועל ווערן אַ קריסטין, אָדער דו אַ ייד...

אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט האָט אים געפֿירט צו יידן. זיינע קינדער האָבן געזאָלט זיין די אייניקלעך פֿון משה גבריאל, לאה, ר' משולם מושקאַט. ס'איז אים אַלעמאָל אויסגעקומען אַרומצוגיין אין די יידישע געסלעך. ס'האָט דאָ געשוויבלט מיט געשטאַלטן, כאַראַקטערן, אומגעוויינלעכע סצענעס, פֿאַנטאַסטישע פּראָיעקטן. מ'האָט דאָ שטענדיק געפֿירט דעבאַטן וועגן רעליגיע. תּלמודיסטן מיט לאַנגע פּיאות האָבן גאַנצע נעכט שטודירט תּלמוד. כאַסידים האָבן זיך געאַמפּערט וועגן ראַבינס, וואָס טרייבן דיבוקים. צאַדיקס האָבן אַוועקגעוואַנדערט אין די ווייטע שטעט. הייליקע לייט מיט ווייסע בערד האָבן געפֿאָרשט די סודות פֿון קאַבאַלאַ.

יונגעלייט האָבן איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און זיינען אַוועק קיין פּאַלעסטינע טריקענען זומפּן. מיידלעך האָבן אין פּאַציאַטע־שטיבלעך צוגעגרייט באָמבעס צו וואַרפן אויף גובערנאַטאָרן. אויף די חתונות האָט מען געיאָמערט, ווי אויף אַ באַגרעבעניש. די לוויות זיינען געווען שוואַרץ. די ביכער האָבן זיך געלייענט פון רעכטס אויף לינקס. דער גזשיבאָוו, די קראָכמאַלנע, די גנאָינע, די נאַלעווקיס, פראַנציסקאַנער, מילע, ניזקע, זיינען געווען אַ שטיק באַגדאַד אין סאַמע מיטן אייראָפּע, פול מיט געשיכטעס פון טויזנט און איין נאַכט. יאַנעק איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו הערן און צו לייענען וועגן די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַכט הונדערט יאָר אין פוילן און רעכט זיך נישט אויסגעלערנט די פוילישע שפּראַך. פון וואַנען זיינען זיי געקומען אַהער? זיינען זיי אייניקלעך פון די העברעער? האָבן זיי געשטאַמט פון די כאַזאַרן? וואָס פאַראַ אידעע האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן? פון וואַנען האָבן זיי געהאַט אַזוינע פעך־שוואַרצע און פייער־רויטע בערד, אַזוינע ווילדע אויגן, אַזעלכע בלייכע אַריסטאָקראַטישע געזיכטער? פאַרוואָס האָבן די פעלקער זיי פיינט מיט אַזאַ ביטערן האַס? פאַרוואָס ווערן זיי געטריבן פון יעדן לאַנד? וואָס פאַר אַן אימפּעט יאָגט זיי קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, זיד־אַפריקע, סיביר, קאַנאַדע, אויסטראַליע? פאַרוואָס האָבן גראָד זיי אַרויסגעגעבן מאָזעסן, דאַווידן, די פראָפעטן, יעזוסן, די אַפּאָסטאָלן, שפּינאָזאַן, קאַרל מאַרקסן? יאַנעק האָט באַקומען אַ פאַרלאַנג צו מאָלן די דאָזיקע מענטשן, זיך אויסצולערנען זייער שפּראַך, זיך צו דערוויסן זייערע געהיימנישן, צו ווערן איינער פון זיי. פאַר מאָדעלן האָט ער אַלץ אָפּטער געדונגען יידישע אָרעמעלייט, שאַכערס, חדר־ייִנגלעך. די קינסטלער, וואָס מיט זיי האָט ער געוואוינט, האָבן געהויבן די אַקסלען, גענומען רעדן צו אים יידיש.

— ביסט משוגע מטורף — האָט אים יאַשאַ מלאָטעק געזאָגט. — דיינע יידן זעען אויס ווי טערקן...

— דרייסט אַ ספּאָדעק און האַקסט אַ טשייניק — האָט צו אים געטענהט פעליקס רובינליכט. — האַסט אויף דיר אַ גויאישן קאָפּ!...

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

### 1

פון דעם אָפּהילך פון האַרמאַטן האָבן שוין אין וואַרשע געציטערט די שויבן. די דייטשן זיינען געשטאַנען נישט ווייט. די רוסן האָבן געמאַכט אַ קאָנטער־אַטאַקע. איבער די וואַרשעווער גאַסן האָבן מאַרשירט צום פראָנט פולקן פון אַלערליי סאָרטן: קאָזאַקן, טשערקעסן, כונכוזן, קאַלמיקן. די שפּיטאָלן זיינען געווען פול מיט פאַרוואונדעטע. אָפיצירן און באַאַמטע האָבן שוין באַצייטנס אַרויסגעפירט די פאַמיליעס. מ׳האָט געשמועסט, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פּאַקט זיך און אַז מ׳האָט מינירט די פּראַגער בריקן. שמועות זיינען אַרומגעגאַנגען, אַז איידער פאַניע וועט אָפּטרעטן, וועט ער אונטערצינדן די שטאָט. פונדעסטוועגן האָבן

יידן היי־יאָר שמחת־תּורה געהוליעט גלייך ווי אַלעמאָל. די מאַנאַפּאָל־געוועלבן זיינען געווען פֿאַרמאַכט, אָבער מ׳האָט געקראָגן בראָנפֿן פֿון טריפֿהנע ברייזלעך. ס׳האָט נישט אויסגעפֿעלט נישט קיין וויין, נישט קיין ביר. אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל האָט מען אָנגעהויבן טרינקען שמיני־עצרת בייטאָג. שמחת־תּורה אינדער־פֿרי, צו די הקפֿות, זיינען די חסידים געווען שיכּור. די צוויי בעסטע עליות האָבן נאָך אַלץ געקריגן די בני־מושקאַט. פּיניעלע האָט געקויפֿט חתן־תּורה, אַבראַם — חתן־בראשית. ניוניע איז נישט געקומען דאַווענען, ווייל דאָס ווייב, דאַכע, איז געלעגן שלאַף. צו כּל־הנערים, ווען מ׳האָט אַלע קינדער אַרונטערגענומען אונטער איין טלית, איז געוואָרן אין שטיבל אַ מעקעניש, ווי פֿון ציגן. אַבראַם האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ באַנק, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע און אין אַ שטריימל, גערופֿן:

— צאן קדשים!

און די יינגעלעך האָבן אַלע געענטפֿערט מיט איין קול:

— מע־ע־ע!...

אין שטיבל איז געווען הייס. אין די רויטע עפּל, וואָס זיינען געזעסן אויף די פֿענער, האָבן געברענט ליכטלעך. כּאַפּטעס מיידלעך און ווייבער זיינען געקומען קושן די תּורה. בחורים און יונגעלייט האָבן אָפּגעטאָן אַלערליי שטיקלעך: אַריינגעגאָסן וואַסער אין קעשענעס, צונויפֿגעבונדן ציצית, באַהאַלטן טליתים, יאַרמולקעס, שטריימלען. דער בעל־תּפֿילה האָט געדאַוונט מוסף, נאָר קיינער האָט נישט מיטגעדאַוונט. פּיניעלע, דער למדן, האָט אויסגערופֿן, אַז די כּהנים, וואָס זיינען פֿאַרשנאַשקעט, טאָרן נישט דוכנען. דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט אין ליידיקן ארון־קדוש, אויפֿן אָרט פֿון די רייניקייטן, איז אומגעפֿאַלן און ס׳איז שיער נישט געוואָרן אַ שׂרפֿה. נת׳לע מושקאַט איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר גבאי. נת׳לע האָט געטענהט, אַז ער איז שלאַף און קאָן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט קהלישע ענינים. דערצו איז דער ברודער, יואל, געווען מסוכּן קראַנק. אָבער חסידים האָבן נישט געוואָלט קיין תּירוצים. נאָכדעם ווי נת׳לע איז געוואָרן גבאי, האָבן יונגעלייט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, אָפּגעשמיסן. ווער ס׳האָט געפּאַטשט מיט דער האַנט און ווער ס׳האָט געפּיצקעט מיט אַ גאַרטל. נת׳לע איז געלעגן מיטן גראָבן בויך, ווי אַ שעפּס. ער האָט שווער געסאָפּעט, געכאָרכלט, און די קעסט־קינדער האָבן גערופֿן:

אַחת ואַחת!

אַחת ושתּים!

אַחת ושלוש!...

נאָכדעם ווי מ׳האָט נת׳לען אָנגעהאַקט דאָס אונטער־חלק, האָט ער פֿאַרבעטן דעם עולם אויף קידוש. סאַלטשע, נת׳לעס ווייב, האָט געוואוסט פֿאַרויס, אַז נת׳לע וועט זיין גבאי און זי האָט צוגעגרייט וויין, מעד, ווישניק, טאָרט, פֿלודן, ניס. אין קיך האָט זיך געקאָכט אַ גרויסער טאָפּ קרויט. מ׳האָט אין אים אַריינגעטאָן ראָזשינקעס, זאַפֿערן, רייב־לעקעך, קרימעטאַרטע. אין באַק־אויוון האָבן זיך געבראָטן צוויי גענדז אין דער זויע. ס׳האָט פֿאַרשמעקט אַלע שטובן. אַבראַם האָט געבראַכט אַ גאַנצן שטאָף בראָנפֿן, וואָס ער האָט געהאַט שטיין פֿון פֿאַר דער

מלחמה. ער האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, די שיך, און געטאַנצט אין די זאָקן אויף נת׳לעט דעמבענעם רוק־טיש. ער האָט געזונגען אַ ביאַלאָדרעווונער ניגון:

די ערשטע מעלה, די ערשטע מעלה:
אום אני חומה;
די אַנדערע מעלה, די אַנדערע מעלה:
ברה כחמה;
כאַטש, כאַטש, כאַטש
גולה וסורה,
פאַרט, פאַרט, פאַרט:
דמתה לתמר.
די דריטע מעלה, די דריטע מעלה:
ההרוגה עליך;
די פערטע מעלה, די פערטע מעלה:
ונחשבת כצאן טבחה;
כאַטש, כאַטש, כאַטש
זרויה בין מכעיסיה,
פאַרט, פאַרט, פאַרט:
חבוקה ודבוקה בך...

סאַלטשע האָט זיך געבעטן ביי אַבראַמען ער זאָל אַראָפּקלעטערן, ווייל ער צעברעכט דעם טיש, נאָר אַבראַם האָט נישט געוואָלט הערען. זי האָט געוואָרנט די חסידים, אַז די פּאָדלאָגע איז געוועקסט און מ׳קאָן זיך נאָך אויסגליטשן, נאָר קיינער האָט זי נישט געהאָרכט. יידן האָבן זיך אַנגענומען אין אַ ראָד, געזונגען טריליקע ביאַלאָדרעווונער ניגונים, געטאַנצט מיט די שווערע שטיוול. יינגלעך האָבן זיך אַריינגעדרייט אין מיטן, מיטגעהאָפּסעט. שכנישע ווייבלעך און מיידלעך האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער וואוינונג, געפּאַטשט מיט די הענט, זיך פאַר־גאַנגען אין געלעכטערן. ווען סאַלטשע האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנדז אין אַ בעקן, האָבן די חסידים גענומען רייסן שטיקער מיט די הוילע הענט. אין אַ מינוט איז געבליבן אַ קופּע ביינער. פּיניעלע איז געוואָרן הייזעריק פון שרייען און גע־פּראוווט קושן סאַלטשען, די שוועגערין. נת׳לע האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז דער בויך האָט זיך איִם געטרייסלט.

— אַזוי, פּיניעלע! — האָט ער גערופן — הגם לכבוש את המלכה עמי בבית?

— שמחת־תורה איז יעדער ייד אַ מלך! — האָט פּיניעלע געענטפערט מיט תקיפות.

סאַלטשע איז אַנטלאָפן, אָבער פּיניעלע האָט זי נאָכגעיאָגט. די נקבות אין קיך האָבן גענומען לויפן, קוויטשען. אַבראַם איז פּיניעלען נאָכגעלאָפן, אָנגעכאַפּט איִם ביים קאָלנער, געשריגן:

— חמור־אייזל, ווייבערניק! טריפהנער ביין!...

— מאַמעליו קרויז, קוקטץ זיי נאָר אָן! — האָט געשריגן אַ ווייבל. — יאָך האָלט עס ניש׳ אָהס!...

— אַברהמעלע, מ׳קאָן דיך! — האָט פּיניעלע גערופן מיט אַ יינגלש קולכל.

— דו אַלטער הינער־פרעסער!...

— אוי, מענטשן, האַלטן מיך צו! — האָט זיך צעהירזשעט אַ גרויסע יידענע מיט אַ מעכטיקן גרעק אין שייטל. — יאַכ׳ל פּלאַצן פֿון געלאַכטער!...

— אוי, ווי קומיש! מאַנע זאַטן!...

— נו, ווייבער, ווער האָט ענק געראַטעוועט? איך, אַבראַם!... דו יצר־הרעניק! דו בופּלאָקס! דו עוג מלך הבשן!...

און אַבראַם האָט אַ כאַפּ געטאָן פּיניעלען אויף די הענט און אים אַרויסגעטראָגן פֿון קיך. פּיניעלע האָט געוואָרפֿן מיט די פּיסלעך, זיך צעהוילט ווי אַ חדר־יינגל ביים שמייסן...

פֿון נת׳לען זיינען די חסידים אַוועק צו פּיניעלען. חנה די קורלענדישע און אירע פֿיר טעכטער האָבן זיך פֿון אינדערפֿרי אָן געגרייט צו דער כּאַליאַסטרע. די עלטסטע, באַשע־דבורה, האָט שוין געהאַט אַ קינד. די ייִנגסטע, דאָשע, האָט ערשט געמאַכט מאַטורע. חנה האָט באַצייטנס אַרויסגענומען פֿון דער סאַלע די טעפּיכער, אָפּגערוימט אַלע געשטעלעכלעך, טישלעך, וואַזעס, בלומען־טעפּ, שמאָכטעס, וואָס די לאַפּאַצאַנעס קאָנען צעברעכן. חנה האָט צוגעגרייט פֿאַרויס אַ שטרודל און אַ פֿלאַש ווייִנשל־זאַפּט. די חסידים האָבן געפּרואווט זוכן מעדנים אין דער קרעדענס, אין באַק־אויוון, אין די שופֿלעדער, נאָר אַלץ איז ביי דער קמצנית געווען פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן. די חסידים האָבן אין דער גיך אָפּגעזונגען און זיינען אַוועק צו אַבראַמען. ביי אַבראַמען האָט מען זיך שוין געריכט אויף דער חסידאַרניע. חמא און די אויסגעגעבענע טאָכטער, ביילע־איטע, האָבן געהאַט אָפּגעקאָכט אַ קרויט, קלאָפּסן, און אָפּגעבראָטן אַ גאַנדז, כאָטש אַ גענדזל האָט געקאָסט אַכט רובל. מ׳האָט צוגעגרייט האָניג־לעקעך, קיכלעך, באָבקע, ווישניק, שנאַפּס. אַבראַם האָט נאָך פֿאַר יום־טוב געוואָרנט חמאן, זי זאָל אים נישט פֿאַרשעמען מיט איר קאַרגשאַפֿט. חמא האָט געטראָגן אַ יום־טובדיק קלייד און אָנגעהאָנגען דאָס צירונג. די גאָלדענע קייט, די פֿינגעלעך, די אויערינג, די בראָש האָבן אויסטערליש נישט געפּאַסט צו חמאס קבצנישער צורה. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרשטעלטע. ביילע־איטע האָט אָנגעטאָן די מלבושים פֿון אויסשטייער. אַביגדור, אַבראַמס איידעם, איז דאָ אויך געווען. אַביגדור איז געווען צו דער חתונה אַן אלמן. ער האָט געהאַט אַ שניט־געוועלב אין דער צווייטער האַליע. אַביגדור איז געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ בן־תורה, מיט אַ בלאַס קיילעכיק פּנים און אַ פּאָר ברילן מיט משונה־גראָבע גלעזער. אַבראַם האָט געוואָלט אַביגדור זאָל דאַווענען אין ביאַלאָדרעוונער שטיבל, אָבער אַביגדור איז געווען אַ סאָכאַטשעווער חסיד. אַבראַם האָט געטאָן אַ געשריי:

— גוט יום־טוב, גן־עדן מיינער, ביסט שיכּור, אָדער ניכטער?

— יאַך, שווער, בין קיינמאָל נישט שיכּור!

— אויב אַזוי, טויגסטו אויף אַ כּפּרה!

— אַבראַם, וואָס טוט זיך מיט דיר? ווי אַזוי רעדסטו צו אַביגדורן? — האָט חמא אַ רוף געטאָן מיט וואָרעניש.

— אַ מאַנסביל דאַרף קאָנען טרינקען. ווען ניש׳, קאָן ער נישט מאַכן קאַ׳ ברית!...

— פֿע, אַבראַם, פֿאַרשאַפֿסט מיר בושות און חרפּות!...

ביי חמאן איז גלײַך די נאָז געוואָרן צונטער־רויט. אין די אויגן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט טרערן. אַברהם איז שוין, אַפּנים, געווען בגילופֿין.ביילע־איטע איז צוגעלאָפֿן צום פֿאָטער, געפּרואווט אים איינרוימען אַ סוד. אַברהם האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, גענומען קושן.

— טעכטערל מײַנס, ס'זאָל אַ רוח אין דײַן געפּגרטן טאַטן!...

— שיכּור ווי לוט — האָט חמא געפּסקנט.

— לוט האָט ניש' געהאַט קאַ' זאָרג מיט די טעכטער!

— פֿע, אַבראַם, רעדסט שוין פֿון־דיר! — האָט פּיניעלע אים געוואָרנט. — ווײַז בעסער דײַן אָניק!...

— יאָ, פּיניעלע, ביסט גערעכט!...

און אַבראַם האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם בערדל און גענומען ציען ווי אַ באָק. צווישן די שכנטעס איז געוואָרן אַ לאַכעניש, אַ קוויטשערײַ. ערגעץ פֿון אַ לעצט שטיבל איז אַרײַן סטעפֿע. סטעפֿע האָט רעכט נישט געדענקט, אַז ס'איז שמחת־תורה. זי האָט געהערט געוואַלדן, איז זי געקומען טאָן אַ קוק. סטעפֿע איז געווען שיער נישט אַזוי הויך ווי אַבראַם. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט קלייד און אין אַ שוואַרצן לאַקירטן פּאַס. סטעפֿע איז אַלט געווען זיבן־און־צוואַנציק יאָר, אָבער זי האָט אויסגעזען ווי נאָך די דרײַסיק. זי האָט געהאַט אַ גרויסן בוזעם, ברייטע היפֿטן. דאָס טונקעלע פּנים האָט נאָך געהאַט חן: זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, אַ גלײַכע נאָז, וואָס ס'זײַנען זיך איבער איר צוזאַמענגעקומען די ברעמען, פֿולע ליפּן. אָבער עפּעס אַ מידקייט איז געלעגן אין איר צורה. דער סטודענט פֿון מעדיצין, וואָס מיט אים האָט סטעפֿע זיך אַרומגעפֿירט די לעצטע פֿיר יאָר, האָט נישט געענדיקט אויף דאָקטאָר, נישט געוואָלט חתונה האָבן. מ'האָט זיך געסודעט אין דער משפּחה, אַז סטעפֿע איז שוין געווען פֿון אים טראָגעדיק און אַן אָקו־שערקע האָט איר געהאָלפֿן מפּיל־זײַן. לעצטנס איז סטעפֿע געווען אַ בוכהאַל־טערין אין אַ פֿאַבריק פֿון מעטאַלענע בעטן און פֿאַרדינט צוואַנציק רובל אַ וואָך. אַבראַם האָט וויפֿל מאָל מיט איר אײַנטענהט זי זאָל אַוועקוואַרפֿן דעם נישט־דערקוילעטן סטודענט, נאָר סטעפֿע האָט געענטפֿערט:

— זאָל פּאַפּאַ זיך נישט מישן אין מײַנע געשעפֿטן!

ווען די חסידים האָבן דערזען סטעפֿען, זײַנען זיי עפּעס ווי געוואָרן בײַ זיך בטל. די יונגעלײַט האָבן זיך פֿאַרשעמט, גענומען זיך אָפּרוקן אויף הינטערוויי־לעכץ. די עלטערע יידן האָבן זיך אָנגענומען בײַ די בערד. אַבראַם האָט זיך געמאַכט קוראַזש.

— גוט יום־טוב, שבע! — האָט ער געטאָן אַ געשריי. — ס'איז שמחת־תורה ביי יידן!...

— גוט יום־טוב, גוט־יאָר.

— ברענג אַרײַן די גוטע זאַכן. ביסט אַ יידישע טאָכטער!

— ווער לייקנט דען?...

סטעפֿע האָט זיך אומגעקערט פֿון וואַנען זי איז געקומען. ס'איז איר נישט געפֿעלן, וואָס דער פֿאָטער האָט זי גערופֿן שבע. זי האָט נישט געליטן ווען ער האָט גענומען מאַכן פֿרומע שטיק. וואָס'ערע קונצן פּראָוועט ער, דער היפּאָ־

קריט? ר'איז טויזנט מאָל ערגער פֿון מיר. ס'איז זיין שולד, וואָס כ'בין געבליבן אויפֿן וואַסער, אָן אַ גאָט און אָן אַ מאַן...

סטעפּע איז אַוועק צו זיך אין שטיבל, צוויי מאָל איבערגעדרייט דעם שליסל. זי האָט אַרויסגענומען פֿון דער עטאַזשערקע אַ ראָמאַן, זיך אויסגעצויגן אויף דער קאָשעטקע, געפּרוווט לייענען, נאָר די ווערטער זיינען איר נישט געקראָכן אין קאָפּ. וואָס האָבן זיי עפּעס אַזויפֿיל ימים־טובים? — האָט סטעפּע געטראַכט. — ראש־השנה, יום־כפור, סוכות, שאַנעראַבע. וואָס איז די שמחה אויף זיי? אַ באַנדע אָפּגעריסענע שמעגדעס!... פֿון יענער זייט טיר האָבן זיך געהערט געזאַנגען, אַ טופּעניש פֿון פֿיס. אַבראַם איז אַרויף אויפֿן טיש. די באַבקעס, וואָס חמא האָט אַריינגעבראַכט, האָט אַבראַם געהאַלטן אין דער הויך, געטיילט שריים, ווי ישראל־אלי שמש אין ביאַלאָדרעוונע. ער האָט גערופֿן מיט אַ בדחנישן ניגון:

— גבירים, נגידים, קבצנים, בטלנים, איצט קומט די בבא קמא!

— יונגעלייט, משכנתא־מאַכערס, מחוצפּים, עזות־פּנימער, איצט קומט די בבא מציעא!

— שקצים, שנעקעס, קונדסים, עכברושים, איצט קומט די בבא בתרא!

— ר' אַבראַם, מיאַ, מיאַ, מיאַ! — האָבן געשריגן די ייִנגלעך. — יאָך האָ' נאָך גאָרניש' געהאַט!

— שרייטש ניש', מ'עט ענק ניש' פֿאַרטיילן!

חמא האָט געפּרוווט באַהאַלטן אַביסל ווישניק און שנאַפּס פֿאַרן אייגענעם געזינד, נאָר אַבראַם האָט אַלץ אויסגעזוכט, געהאַלטן אין איין שטעלן פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע כיבוד. ער האָט געשיקט ייִנגלעך צו היימישע קרעמער און יענע האָבן אין מיטן יום־טוב געעפֿנט די געוועלבן און אַרויפֿגעשיקט עפּל, באַרנעס, ווײַנטרויבן, אַרבוז, וועלשענע ניס. פֿון ר' שלמה וויינמאַכער האָט מען געבראַכט אַ קויש געצערטן ווייַן, די פֿלאַשן — באַשמירט מיט בלאָטע. מ'האָט ערגעץ געקריגן אַן אַכטעלע ביר און אַ צאַפּן. אַבראַם האָט אַרויסגעזעצט דעם שפּונד, געצאַפּט. דער שוים איז געלאָפֿן איבער די קופּלס. די געזאַנגען זיינען געוואָרן רוישיקער. ס'זיינען זיך אָנגעקומען נייע חסידים, פֿון יענע גאַסן. אַבראַם האָט שוין געהאַט אַ חזקה, אַז שמחת־תורה האָט מען ביי אים געהוליעט. ער איז דאָך עפּעס געווען חתן־בראשית. יעדעס מאָל, וואָס ס'איז געוואָרן צווישן דער עדה שטילער, האָט אַבראַם געמונטערט:

— לעבעדיק, יידן! שלאָפֿט ניש'! שישו ושמחו בשמחת תורה!

— יידן, לחיים; לשנה הבאה בירושלים!...

חמא האָט זיך געשפּאַרט אין דער טיר צוזאַמען מיט אַ כאָפּטע ווייבער. זי האָט געשאָקלט מיטן שייטל, געלאַכט, געווישט די טרערן. ווען ער וואָלט אַזוי געקאָנט זיין אַ גאַנץ יאָר! — האָט חמא געטראַכט. — וואָס ווייסן זיי ווי מיין בלוט ווערט געוואַשן?... אַבראַם האָט איר צוגעטראָגן אַ גלאָז ביר.

— טרינק, חמא! לחיים!

— דו ווייסט, אַבראַם, אַז ס'שאַדט מיר!

— טרינק, דער רוח ט'דיך ניש' נעמען! נאַ!...

און ער האָט איר דערלאַנגט אַ קוש בפּני כל עם ועדה.

חמא איז געוואָרן רויט פֿון בושה און פֿון פֿרייד. צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ פּאַטשעניש, אַ כאַכעניש. חמא האָט האַלב געטרונקען, האַלב פֿאַרגאָסן. פֿון ערשטן שלוק האָט איר דאָס שיכּרות אַ שלאָג געטאָן אין די געהירן. ר׳ מרדכי גבאי האָט אָנגענומען ר׳ זיינוועלע סראָצקער ביים עלנבויגן:

— אַ קל, אָבער אַן אונדזעריקער! אַ חסיד מיט די ביינער!...

## 2

פֿישעלע איז הײַ־יאָר נישט געגאַנגען אויף קיין שום קידוש: נישט צו נת׳לען, נישט צו פֿיני׳עלען, נישט צו אַבראַמען. באַלד נאָכן דאַווענען האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פֿון שטיבל. ער האָט געהאַט צווישן שחרית און מוסף גענומען אַ גלעזל יי״ש און ס׳האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ. פֿאַראַיאָרן שמחת־תּורה איז נאָך אַלץ געווען ווי ס׳געהער־צו־זיין. ער, פֿישעלע, האָט געטאַנצט, געטרונקען מיט יידן, פֿאַרבעטן דעם עולם אַהיים. הדסה און שפֿרה די דינסט האָבן געשטעלט פֿאַר די חסידים משקה. ס׳זיינען געקומען צו אים דער שווער, די שוויגער, די גאַנצע פֿאַמיליע. איצט איז ער יום־טוב אַהיימגעגאַנגען איינער אַליין. ער האָט זיך געריבן אָן די ווענט, געוואָלט וואָס גיכער אַריבער די גאַס. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, נאָר זי איז געווען אָפֿן. ער איז אַריין אין קאָרידאָר, אַריינגעקוקט אין קיך, אין מיטל־שטוב, געוואָלט זאָגן גוט־יום־טוב, נאָר ס׳איז נישט געווען וועמען. נישט הדסה איז געווען אין דער היים, נישט שפֿרה. פֿישעלע האָט אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעווישט מיט אַ ברעג פּאַטשיילע. אַזוי איז די מעשה? מ׳לאָזט שוין די דירה אויף הפֿקר? נע־נע!... ער איז נישט געווען אין כּעס, נאָר די לינקע באַק איז אים געוואָרן הייס. ס׳איז שוין געווען שפּעט און ס׳האָט אים גענאָגט אונטערן לעפֿעלע. נאָך אַ קווענקלעניש האָט פֿישעלע זיך אַליין צוגעגרייט די סעודה. ער האָט אַריינגעבראַכט פֿון קיך חלות, פֿיש, אָנגענומען פֿון טאָפּ קרויט, געעפֿנט דעם באַק־אויוון, אָפּגעריסן פֿון דער גאַנדז אַ פּאָלקע. ס׳האָרץ האָט אים געחלשט, אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען קייען, איז אים דער אַפּעטיט געוואָרן פֿאַרשלאָגן. ער האָט אָפּגעלעקט דעם האָניג פֿון דער מוציא, אויסגעקליבן די ראָזשינקעס פֿון קרויט. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג סאַי צו וויינען, סיי צו זינגען זמירות. וואָס־זשע, האַ? אַ זונה געוואָרן, אַ סוטה. פֿאַרצייטנס וואָלט מען זי געלאָזט טרינקען דאָס מים המאָררים. חס ושלום, וואָלט איר געוואָרן געשוואָלן דער בויך, און ס׳וואָלט פֿון איר געפֿאַלן שטיקער... פֿע, וואָס־ערע געדאַנקען! כ׳בין איר ניש׳ קאַ׳ שונא! ס׳איז דאָ אַ בורא עולם. ער זעט דעם אמת!...

פֿישעלע האָט אַרויסגענומען דאָס מחזור פֿון טלית־זאַק, אויפֿגעמישט, געברומט:

משה עלה למרום,<br>
משה עלה למרום —<br>
והוריד עוז מבטחה...

ווי פֿישעלע האָט אַזוי אַרײַנגעמורמלט אין מחזור, האָט ער דערהערט ווי די טיר עפֿנט זיך. זאָל עס זײַן זי? — האָט ער געטראַכט — אָדער שפֿרה? אַלץ איינס. כ׳על איר אַפֿילו נישט פֿאַרהאַלטן. ס׳איז שוין נאָך אַלעמען... פֿישעלע האָט אויפֿגעהויבן די וויעס, דערזען אַ פֿרעמד מיידל, מיט אַ שאַלכל אויף די אַקסלען. ער האָט זי יאָ־דערקאָנט און נישט־דערקאָנט.

— גוט יום־טוב.

— גוט יום־טוב, גוט יאָר.

— איהנס פֿרוי איז נישטאָ?

— האַ? וואָס ווילסטו?

— יאַך דין ביי איהנס שווער, ניוניע מושקאַט.

— אַ! וואָס זאָגסטו גוטס?

— די באַלעבאָסטע האָט געבעטן עץ זאָלט אַזוי גיט זײַן אַריבערקומען.

— וואָס עפּעס? הדסה איז נישטאָ אין שטוב...

— די באַלעבאָסטע האָט געהייסן... עץ זאָלט ניש׳ וואַרטן... זי איז זייער קראַנק...

— הע? וואָס איז איר?

— יאַך וויס ניש׳. ס׳איז איר געוואָרן ניש׳ גוט. אַצינד איז שוין אַביסל בע־סער, נאָר — —

און דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— נו, נו, כ׳גיי גלייך!

פֿישעלע האָט זיך אַ ווייל געוואַקלט: יאָ־בענטשן, נישט־בענטשן? זאָל ער גיין צוזאַמען מיטן מיידל, אָדער זי הייסן אַוועקגיין? ער איז אויפֿגעשטאַנען, אָנגעטאָן דעם סאַק, דאָס סאַמעטענע היטל. דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט גיין און ער איז נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן. אַז ס׳איז באַשערט אַ פֿאַרשטערטער יום־טוב, איז נישט פֿאַראַן! — האָט פֿישעלע גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט געהאַט רחמנות אויף דער שוויגער, אָבער ס׳האָט אים פֿאָרט געטאָן הנאה, וואָס ר׳איז נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעפֿרעמדט פֿון דער משפּחה. אין דעם מחלוקת צווישן מאַן און ווייב האָט דאָכע געהאַלטן מיטן איידעם. פֿישעלע איז פֿאַרביי דעם גזשיבאָוו, אַרויס אויף דער טוואַרדע, זיך אַרײַנגעדרייט אין דער פֿאַנסקע. דאָס מיידל האָט געשפּאַנט פֿאָרויס, יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט אויף הינטערווײַלעכץ. אויסטערלישע מחשבות זײַנען פֿישלען דורכגעלאָפֿן דורכן מוח: וואָס וואָלט געווען ווען ער גט־אָפּ הדסהן און האָט חתונה מיט דעם דינסט־מיידל? זי איז אַוודאי אַן אָרעם קינד, אַ יתומה. זי וואָלט אים געווען געטריי... און וואָס וואָלט געווען ווען ער איז מיט איר מזנה? פֿאַר הונדערט רובל וואָלט זי אײַנ־געגאַנגען... פֿישעלע האָט זיך געשעמט מיט די מחשבות זרות, געפּרוּווט זיי פֿאַרטרייבן, נאָר זיי האָבן זיך אומגעקערט פֿונסניי. וואָס איז ס׳וואונדער? הדסה איז שוין חדשים נישט געגאַנגען קיין טבילה. מ׳איז נישט מער ווי אַ בשר־ודם...

פֿישעלע האָט גענומען שפּרייזן גיכער, געוואָלט איבעריאָגן דאָס מיידל. ער האָט זיך דערמאָנט די גמרא: מאחורי ארי ולא מאחורי אשה. אָבער דאָס מיידל האָט אויך פֿאַרגיכערט די טריט. באַלד איז פֿישעלע געווען אין טויער,

זיך געלאזט ארויף מיט די טרעפ. דאס מיידל האט געעפנט די טיר, זי געהאלטן אפן ביז ער איז אריין. ווי נאר פישעלע איז אריין אין קארידאר, איז אים קלאר געווארן, אז די שוויגער איז קראנקער ווי ער האט גערעכנט. א ריח פון מעדיצין האט אים א שלאג געטאן אין די נאזלעכער און נאך עפעס פרעמדס און חולה־מסוכנדיקס. ער האט אין איין רגע פארגעסן דאס מיידל, אריין אין דער סאלע. ביוניע, דער שווער, איז געשטאנען אין מיטן שטוב א צעשויבערטער, אין א צעקנעפלטן שלאפראק. ער האט גערויכערט א פאפיראס און געקוקט ערגעץ גלייך פאר זיך. דערזעען פישעלען, האט ער א פרעג געטאן:

— וואו איז ערגעץ הדסה, הא?

— זי איז נישטא אין דער היים.

— וואו איז זי?

— יאך וייס ניש׳.

— גאי אראן, נאר רעד ניש׳ קא׳ סך!...

— וואס איז געשען?

— זי האלט שמאל.

פון דער סאלע האט געפירט א טיר אין שלאף־שטוב. פישעלע האט זיך אנגעשטויסן אן א טישעלע, שיער נישט געפאלן איבערן טעפיך. איין בעט איז געשטאנען צוגעבעט, אין אנדערן איז געלעגן די שלאפע, מיט א טיכל ארום קאפ, אנגעשפארט אויף איין קישן. אויף א שטול זיינען געשטאנען פלעשלעך און א האלב גלאז טיי. דאכעס פנים איז געווען געל ווי פון געלזוכט, משונה־דאר און פארענדערט. ווען זי וואלט נישט געהאלטן אפן די אויגן, וואלט מען זי געקאנט אננעמען פאר א מת. פישעלען זיינען די פיס ווי צוגעוואקסן צו דער שוועל.

— קום אהער, הא׳ ניש׳ קא׳ מורא! — האט דאכע א זאג געטאן מיט א קול פון א געזונטער.

— גוט יום־טוב, שוויגער! וואס מאכט איר זיך נאריש? — איז פישעלע געקומען צו זיך.

— קום־צו. זעץ זיך דא־א. ס׳האט מיר, ניש׳ פאר דיר געדאכט, געטאן א קלעם בא׳ם הארץ. יאך האב געמיינט כ׳בין פארביי. מ׳האט געמוזט ברענגען מינצן.

— וואס זאגט ער?

— יאך וייס? ס׳איז ניש׳ גוט. וואו איז ערגעץ הדסה?

— זי איז גראד ניש׳ געווען אין שטוב.

— וואו איז זי?

— ביי א שכנטע, אדער וואו.

— די טיר איז פארמאכט?

— יא שוויגער.

— זיי אזוי גוט, פארקייטל.

פישעלע האט זיך אויפגעהויבן, פארשטעקט דאס קייטעלע אין האקן.

— זעץ דיך. רוק דיך צו. כ׳וויל, זאלסט זאגן נאך מיר קדיש. זאג מיר צו!

— די שוויגער וועט נאך זיין געזונט!

— הלוואי. ניין! אויף דיין שווער קאָן יאָך מיך ניש׳ פֿאַרלאָזן, ניש׳ באַ׳ם לעבן און ניש׳ דערנאָך — רוק דיך צו נעענטער. ביסט טאַקע אַ חסיד, נאָר אַז מ׳איז שלאָף איז מען אויס נקבה... יאָך ווייס אַלץ. הדסה האַנדלט קעגן דיר מיאוס. וויי, וואָס יאָך האָב דערלעבט!...

— זאָל זיך די שוויגער ניש׳ איבערנעמען.

פֿון דאַכעס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך גענומען קייקלען די טרערן.

— ס׳איז אַלץ זיין שולד. מיך האָט ער געטריבן אין דר׳ערד אַראָן און פֿון דער טאָכטער האָט ער געמאַכט אַ תל. יאָך בין עים מוחל. צי גאָט וועט עים מוחל זאָן, ווייס יאָך ניש׳!...

— שוויגער, ס׳איז יום־טוב. די שוויגער ט׳נאָך האָבן אַ רפֿואה שלמה.

— וואָס ס׳זאָל צ׳ישן ענק ניש׳ זאָן, זאָג נאָך מיר קדיש און לערן משניות. יאַכ׳ל דיר אָפּשראַבן מאַן חלק הויז. באַלד מאָרגן —

— כ׳דאַרף ניש׳ דער שוויגערס הויז.

— כ׳האָב ס׳לעבן פֿאַר איר געשטרעקט. כ׳האָב טאָג און נאַכט נאָר גע־טראַכט וועגן איר גוטס. זע ווי זי צאָלט מיר אָפּ! יאַכ׳ל אַפֿילו ניש׳ האָבן קאָ־רו אין קבר!...

— שוויגער, זי איז נאָך יונג. זי ווייסט ניש׳ וואָס זי טוט.

— ווינד און וויי, אַן אשת־איש!...

און דאַכע האָט זיך צעוויינט מיט אַ דין קולכל. פֿישעלען איז געוואָרן האַרב אין די וויעס. אַ קנויל האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אין האַלדז. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אין דער רגע האָבן זיך דערהערט האַסטיקע טריט. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט. ס׳איז געווען הדסה. פֿישעלע האָט געהערט ווי זי רופֿט:

— מאַמעשי! לאָז מיך אַראַן!

— ס׳איז הדסה!

— מילא, עפֿן.

פֿישעלע האָט געוואָלט אויפֿקייטלען, נאָר די פֿינגער האָבן אים געציטערט און ער האָט נישט אָנגעטראָפֿן אויפֿן קייטעלע. הדסה האָט גענומען רייסן די קליאַמקע און דערפֿון איז שווערער געוואָרן צו עפֿענען. פֿישעלע האָט צום סוף אויפֿגעמאַכט. הדסה האָט זיך אָן אים אָנגעשטויסן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זשאַקעטל, אָן אַ הוט. זי האָט געוואָרפֿן אויף אים אַ בייזן בליק. פֿישעלע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ האַס אין אירע אויגן ווי אין יענער רגע. ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערווייליכץ. הדסה האָט געמאַכט אַ טריט פֿאָרויס.

— מאַמעשי!

דאַכע האָט געעפֿנט איין אויג.

— וואָס ווילסטו? כ׳לעב נאָך.

— מאַמעשי! וואָס איז דיר?

— גאָרניש׳, טאָכטער, ס׳האָט מיר אַביסל אַ דריק געטאָן באַ׳ם האַרץ. ס׳עט איבערגאַין!

— גיי אַרויס. לאָז מיך אַליין! — האָט הדסה אַ זאָג געטאָן צו פֿישעלען.

— זיי דאָ. כ׳האָב נאָך עים געשיקט — האָט דאַכע באַפֿוילן.

אַ לאַנגע ווייל איז געווען שטיל. דאַכע איז געלעגן מיט געשלאָסענע וויעס. ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי טראַכט זי, אָדער זי דרימלט. דער שטערן האָט געציקט. ס׳איז געווען ווי מ׳וואָלט דורכגעזען דעם גאַנג פֿון די מחשבות. די ליפּן האָבן זיך מאָדנע צונויפֿגעשרומפּן, ווי אין אַ שמייכל. פֿישעלע האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט. הדסה האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער מוטערס געלעגער. זי האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿלעשעלע פֿון דער שטול, געטאָן אַ שמעק. הלוואַי וואָלט עס געווען סם! — איז איר איינגעפֿאַלן. — כ׳קאָן מער דאָס אַלץ נישט אויס־האַלטן! ס׳איז מיין שולד... גלייך דאַכע וואָלט מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם כּח פֿאַר־נומען דער טאָכטערס געדאַנק, האָט זי געטאָן אַ זאָג:

— קום אַהער, גיב מיר די האַנט.

הדסה האָט איר דערלאַנגט די האַנט. דאַכע האָט זי אָנגענומען מיט ביינ יקע פֿינגער. דאַכע האָט געוואָלט זאָגן, הדסה זאָל איר געבן תּקיעת־כּף, אַז זי׳ט מיט דעם עוזר־העשלען נישט האָבן קיין עסקים, נאָר זי האָט געשוויגן. זי׳ט סיי־ווי נישט האַלטן — האָט דאַכע געטראַכט. — כ׳על זי ברענגען צו נאָך עבֿרות... זי האָט אָנגעהויבן איינדרימלען. דאָס בעט האָט ערגעץ מיט איר אַוועקגעשוועבט. איז דאָס דער טויט? — האָט דאַכע געקלערט. — פֿאַר דעם האָט מען אַזוי מורא?... ניין, ס׳קאָן נישט זיין. אַזוי גרינג קאָן דאָס נישט אָנקומען!...

# קאַפּיטל אכט און צוואַנציק

## 1

די משפּחה האָט איינגעטענהט מיט עוזר־העשלען, אַז אויב ער וויל נישט גיין דינען און אַוועקגעשיקט ווערן אויפֿן פֿראָנט, מוז ער זיך מאַכן אַ חסרון. שטעלן זיך צום פּריזיוו האָט ער געדאַרפֿט נישט אין וואַרשע, נאָר אין יאַנעוו, די פּאָוויאַט־שטאָט פֿון קליין־טערעשפּאָל. די נסיעה אַליין אין יענער געגנט, וואָס די עסטרייכער האָבן שוין געהאַט פֿאַרנומען און מ׳האָט זיי פֿון דאָרט אַרויסגעיאָגט, האָט געשמעקט מיט סכּנת־נפֿשות. די מאַמע האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן זאָגן תּהילים און נאָס מאַכן די בלעטער מיט די טרערן. דער פֿעטער צדוק האָט געהאַלטן, אַז ס׳בעסטע איז זיך אַרויסצונעמען ציין. דער פֿעטער לוי־מאיר האָט אַרויסגעדרונגען, אַז אַמזיכערסטן איז מען מיט אַן אויער. דינהלע, די שוועסטער, האָט געזאָגט, אַז ווען עוזר־העשל זאָל זיך צערן, וועט אים פֿעלן צו דער מאָס און מ׳וועט אים באַפֿרייען. ס׳איז אויך געווען אַ רייד וועגן מאַכן זיך אַ פֿאַלשן פּאָס אָדער זיך אויסבאַהאַלטן ביז ס׳וועלן אַריינקומען די דייטשן. אײדל איז יעדן צווייטן טאָג געקומען צו דער שוויגער אויף דער פֿראַנציש־קאַנער מיט אַ געוויין. די מוטער אירע, רויזע־פֿרומעטל, און דער שטיף פֿאָטער, ר׳ וואָלף הענדעלס, האָבן זי געוואָרנט, אַז אויב דער עוזר־העשל גייט אַוועק אין מלחמה, בלייבט זי אַן עגונה, און אַז ס׳איז דאָ איין עצה: אַרויסצוקריגן ביי

אים אַ גט. אײדל האָט געטענהט, אַז אויב עוזר־העשל וועט אָוועקוואַרפֿן די אויסגעלאָסענע נקבֿה, וועט זי, אײדל, אים געבן געלט זיך אויסצולײזן. נאָר עוזר־העשל האָט זיך נישט צוגעהערט צו די אַלע עצות. נישט ער האָט זיך געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ קריפּל, נישט בלײַבן מיט אײדלען. דער פּחד פֿאַר מיליטער־דינסט, וואָס האָט אים אָנגענומען אין די ערשטע טעג פֿון דער מלחמה, איז אַריבער אין אַ יאוש. וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן אײדלס בויך, אַלץ שטאַרקער איז אין אים געוואָרן דער פֿאַרלאַנג צו אַנטלויפֿן. ער האָט פֿאָראויסגעזען דעם גאַנצן טאַראַראַם: די קינפּעט, די הייבאַם, דאָס שפּיטאָל, די דאָקטוירים. אויב ס'וועט זײַן אַ ייִנגל, וועט ער דאַרפֿן מאַכן אַ שלום־זכר און אַ ברית. ער האָט נאָך ווייניקער געהאַט חשק צו אַ מיידל. וואָס איז דער זין אויפֿצוהאָדעווען אַ באַשעפֿעניש אָן לאָגיק, אָן אַ זכּרון, אַמאָראַליש, אַ כּלי פֿון סעקס? ער האָט געמוזט זוכן שוץ אין מיליטער, ווי אַ רוצח אין אַ מקום־מקלט. וואָרים איז ער דען נישט באַגאַנגען קיין רציחה? ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פֿרוי, וואָס ער האָט נישט ליב. ע־ ברענגט אויף דער וועלט אַ באַשעפֿעניש מיט טויזנט ירושה־לאַסטן. ער האָט זיך צעקריגט מיט דער רעליגיע, דער געזעלשאַפֿט, דער משפּחה. ער האָט צוגענומען אַ ווײַב בײַ אַ מאַן, וואָס דאָס איז אַ זינד אַפֿילו לויט זײַן אײגענעם, עוזר־העשלס, קוק...

עוזר־העשלס טעג: איין מיש־מאַש פֿון ערבֿ־יום־טובֿ און ערבֿ־חורבן. דער זיידע האָט אויפֿגעהערט מיט אים ריידן. ער האָט פֿאַרבראַכט די ימים־טובֿים בײַ די שניידערינס. אויף ראש־השנה איז פֿישעלע אַוועקגעפֿאָרן קיין ביאַלאָדרעוונע צום רבין. דאַכע האָט פֿאַרלאַנגט, הדסה זאָל דאַווענען מיט איר צוזאַמען אויף דער פֿאַנסקע גאַס, נאָר הדסה האָט געקויפֿט אַ שטאָט אין אַ שול אויף דער גראָניטשנע. באַלד נאָך שופֿר־בלאָזן איז זי אַוועק מיט עוזר־העשלען. אין דעם בלאָנדן שייטל, אין דעם שוואַרץ סאַמעטענעם קלייד, אײַנגעהילט אין אַ שאַל, באַהאַנגען מיט צירונג, — האָט הדסה אויסגעזען האַלבֿ־שיקסע, האַלבֿ־רביצין. עוזר־העשל האָט געהאַט צוריקבאַקומען בײַ אײדלען די אָנצוגן, דעם מאַנטל, די וועש. עוזר־העשל איז אַרײַן מיט הדסהן אין זאַקסישן גאָרטן, אַרויס דורך די עלף־טויערן, גענומען אַ דראָשקע, געהייסן דעם פֿורמאַן אַראָפּלאָזן דאָס דעכל. אין אַ זײַטיקער גאַס, נישט ווײַט פֿון די לאַזשענקיס, האָבן זיי געהאַט אויסגעפֿונען אַ קאַפֿע־הײַזל. זיי האָבן געטרונקען קאַווע, געגעסן קוכן, געשמועסט. שפֿרה האָט געהאַט צוגעגרייט אַ יום־טובֿדיק מאָלצײַט, נאָר הדסה האָט איר אָנגעקלונגען זי זאָל עסן אַליין, איר געגעבן אַ דערלויבעניש אַוועקצוגיין צו די קרובֿים אין פּראַגע, בלײַבן נעכטיקן. אין דעם קאַפֿע האָבן עוזר־העשל און הדסה זיך פֿאַרקליבן אין אַ לעצטער שטובֿ. צווישן דעם פֿאָרהאַנג און דעם פֿענצטער האָט זיך געוואַרעמט אַ קאַץ. די פֿרי־הערבסטיקע זון האָט זיך געשפּיגלט אָן געזימס פֿון אויוון, אָן די קלאַווישן פֿון דער פּיאַנאָ, אָן די מאַרמאָרנע טישלעך, אָן דעם גאָלד־געלייש פֿון הדסהס מחזור. דער קעלנער איז אַרײַן און אַרויס אויף די שפּיצן לאַק־שיך. ס'האָט געשמעקט מיט קאַווע, טערפּענטין און פֿאַרוועלקטע בלומען. דאָס פּאָרל האָט אַזוי לאַנג גערעדט און געמורמלט ביז ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט. צוריק האָבן זיי זיך אומגעקערט מיט באַזונדערע

וועגן, זיך געטראָפֿן אין טויער פֿון פּישלס הויז. הדסה האָט אַרויפֿגעפֿירט עוזר־העשלען צו זיך. אַליין איז זי אַוועק עסן די יום־טובדיקע סעודה צו דער מוטער. עוזר־העשל איז געזעסן אין דער פֿינסטער, אויף איר געוואַרט. עמעץ האָט געקלאַפּט אין דער טיר, נאָר ער האָט נישט געעפֿנט. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען, נאָר ער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פֿענצטער און אַרויסגעקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל. ער איז געווען סיי פֿול מיט יאוש, סיי פֿול מיט האָפֿענונג. ערשטנס, גייט ער נאָך נישט דינען. אויב אַפֿילו יאָ, שיקט מען אים נאָך נישט אויפֿן פֿראָנט. אויב ער גייט אַפֿילו אין מלחמה, מוז מען נישט דערהרגעט ווערן. אַפֿילו ווען מ׳ווערט געהרגעט, איז נאָך, מסתמא, אויך נישט אַלץ אויס. איז דאָס געמאָלט, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס איז טויט, נאָר לעבן און באַוואוסטזיין זיינען פֿאַראַן בלויז אין די קעמערלעך פֿון פּראָטאָפּלאַזמע? אַ נאַרישע היפּאָטעזע!... אַלץ איז אייביק. דער קערפּער, דער גייסט, די ליבע. ער און הדסה האָבן אַוודאי זיך שוין געטראָפֿן אַ סך מאָל, אויף דער ערד און אויף אַנדערע פּלאַנעטן. ווער ווייסט וויפֿל מאָל זיי וועלן זיך נאָך באַגעגענען! ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. די אויגן זיינען צוגעוואוינט געוואָרן צום חשכות. ווי אויסטערליש! זי האָט אַ מאַן, ער האָט אַ ווייב. זי איז אַוועק צו טאַטע־מאַמע עסן אַ מוציא־מיט־האָניג, מייערן, קאַרפּן־קאָפּ, און ער דרייט זיך דאָ אַרום אין דער פֿינסטער און וואַרט אויף איר לייב... נו, און וואָס טוט דער עמבריאָן אין איידלס טראַכט? ער מאַכט אַדורך זיינע אייגענע פּראָצעסן. ס׳טיילן זיך די צענטראָזאָמען, ס׳קנוילן זיך די כראָמאָזאָמען, יעדעס געוועב טראָגט אין זיך די ירושה פֿון אומצאָליקע דורות...

אין די עשרת־ימי־תשובה האָבן עוזר־העשל און הדסה זיך געטראָפֿן יעדן טאָג. הדסה איז געקומען צו די בייטאָרינס, עוזר־העשל צו הדסהן. שפֿרה האָט געוואוסט אַלע סודות. פּישעלע איז אַ גאַנצן טאָג געווען פֿאַרנומען מיט מסחרים. אויב ער זאָל אַפֿילו אַריינפֿאַלן, האָט עוזר־העשל געקאָנט אַרויס דורך אַ הינטער־טיר. ווען דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען האָט שפֿרה געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע איז נישט אין דער היים. אין שלאָף־שטוב זיינען די ראָלעטן אַ גאַנצן טאָג געווען אַראָפּגעלאָזט. הדסה האָט זיך אויפֿגעהערט פֿאַר אים שעמען. זי האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט. דער קערפּער אירער איז געבליבן מיידלש־שמאָל, די וואַרצלען פֿון די בריסטן — פֿייערדיק רויט. זי האָט געהאַט אויסטערלישע פֿאַר־לאַנגען. זי האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז ער, עוזר־העשל, איז איר האַר, און זי, הדסה, איז זיין שקלאַפֿין. ער האָט זי געקויפֿט אויף אַ שקלאַפֿן־מאַרק און זי איז געפֿאַלן צו זיינע פֿיס... זי האָט נישט אויפֿגעהערט אויספֿרעגן וועגן איידלען. פֿאַרוואָס האָט ער זי נישט ליב? פֿאַרוואָס האָט ער מיט איר חתונה געהאַט? וואָס האָט זי, הדסה, וואָס יענע האָט נישט? טייל מאָל האָט זי גענומען רעדן וועגן פּישעלען: ווי ער האָט געציטערט ביינאַכט אין יחוד־שטיבל און געקלאַפּט מיט די ציין, ווי ער איז געקומען צו איר און געגאַנגען, געזאָגט שפּרוכן און געוויינט... די לוינעס אירע האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָ איז זי געוואָרן פֿריילעך און דאָ טרויעריק. דאָ האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיטגיין מיט אים אין דער קאַזאַרמע, אויפֿן פֿראָנט, און דאָ האָט זי גענומען

ריידן, אַז זי וועט לאַנג נישט אַנטרייבן און אַז די דאָזיקע טעג זייערע זיינען די לעצטע...

פֿישעלע פֿלעגט קיינמאָל נישט פֿאָרן אויף יום־כּיפּור צום רבין, נאָר הייאָר איז ער ערב־יום־כּיפּור פֿונסניי אַוועק קיין ביאַלאָדרעוונע. ער האָט גאַנץ פֿרי געשלאָגן כּפּרה, איינגעפּאַקט דאָס רענצל, אַוועק צו דער באַן. ער האָט אַפֿילו נישט געוואונטשן הדסהן אַ גמר־חתימה־טובֿה. הדסה האָט זיך גלייך גענומען אַנטאָן. שׂפֿרה האָט פֿאַרלאַנגט, די באַלעבאָסטע זאָל שלאָגן כּפּרה. זי האָט באַצייטנס געוואָלט אַוועקגיין צום שוחט, נאָר הדסהן איז באַפֿאַלן אַ רחמנות אויף דער ווייסער הון, וואָס איז געשטאַנען אין קיך, אַ פֿיסל צוגעבונדן צום פֿוס פֿון קיך־טישל... צו כּל־נדרי איז עוזר־העשל אַוועק אין דער אייגענער שול וואָס הדסה. זי איז געשטאַנען אויבן, ער — אונטן. ער האָט יעדעס מאָל אויפֿגעהויבן דעם בליק צו דער קראַטע. די שיין פֿון די ליכט האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט די עלעקטרישע לאָמפּן. צווישן די חזנישע ציקלעניש האָבן זיך אַריינגעריסן היימישע קרעכצעניש. אַלטע שול־באַלעבאַטים, אין קיטלען, טליתים, גאָלד־געליישטע קאַפּלען, האָבן האַלב־געזאָגט, האַלב־געוויינט. טרערן האָבן געציטערט אין די ווייסע בערד. פֿון דער ווייבערשער שול האָט זיך דורכגעריסן אַ געהויל. די מלחמה האָט געהאַט צוגענומען מאַנען פֿון ווייבער, קינדער פֿון מאַמעס. ביי דער טיר האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט די פּליטים, וואָס ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעשיקט פֿון די שטעטלעך. די דאָזיקע יידן האָבן געדאַוונט אויף זייער אייגענעם שטייגער, מיט קולות, געשרייען, פֿאָכעניש מיט די פֿויסטן. עוזר־העשל איז געשטאַנען אַ פֿאַרשטומטער. ער איז פֿאַרנאַכט געהאַט אַריינגעקומען צו דער מאַמען פֿאַרפֿאַסטן. דער זיידע איז שוין געהאַט אַוועק אין שטיבל. אין אַ טאָפּ זאַמד האָט געשטעקט אַ נשמה־ליכט. די מאַמע האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן דאָס גאָלדענע קלייד, וואָס מ'האָט איר געמאַכט צו דער חתונה, די זיידענע שובֿע, דאָס אַטלעסענע קאָפּטיכל. זי איז צוגעלאָפֿן צו אים, אים אַרומגעכאַפּט, געשריגן:

— גאָט זאָל דיך באַשירמען... פֿון גוישע הענט!...

און זי האָט באַקומען ספּאַזמען. דינהלע האָט אָנגעטריפּט אַ פּאָר וואַלעריאַנער טראָפּנס אויף אַ שטיקל צוקער און איר געגעבן, זי זאָל קומען צו זיך.

נאָכן דאַוונען האָבן עוזר־העשל און הדסה זיך געטראָפֿן אין דרויסן, פֿאַרן פּאָליש. זיי זיינען אַריין אין זאַקסישן גאָרטן, זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. די דריי פֿערטלדיקע לבֿנה האָט זיך גערוקט הינטער די שופּן פֿון ווייסלעכע וואָלקנס. בלעטער זיינען געפֿאַלן. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן. די שאָטנס פֿון די צווייגן האָבן זיך משונה־שאַרף געצייכנט איבער די וועגלעך און שטעגלעך. ביידע האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן און געטראַכט דאָס אייגענע טראַכטעניש, ביז זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער גנאָינע. הדסה איז אַריין אין טויער פֿריער, ער — שפּעטער. ער איז אַרויף מיט די פֿינסטערע טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט צו דער קיך. זי איז אַריין מיטן פּאַראַד־איינגאַנג. שׂפֿרה איז נישט געווען אין דער היים. זיי זיינען אַריין אין שלאָף־צימער. הדסה האָט פֿאַרקייטלט און פֿאַרריגלט. זי איז באַגאַנגען די גרעסטע זינד. זי איז געווען גרייט אויף דער שטראָף.

זי האָט נאָכגעגעבן אַלע זיינע פֿאַרוועלעכצער. זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן אויף דער שטול, אויפֿן טעפּיך, אויף פּישעלעס בעט. עוזר־העשל האָט איינגעדרימלט און זיך אויפֿגעכאַפּט, דערשראָקן פֿון אַ חלום, אָנגעצונדן פֿון תּאווה. הדסה האָט געזיפֿצט פֿון שלאָף. עוזר־העשל איז אַראָפּ אַ נאַקעטער פֿון בעט, זיך אַוועקגעשטעלט ביים פֿענצטער. יאָ, דאָס איז ער, עוזר־העשל. דער האַלב־צערודערטער טאַטע זיינער איז געשטאָרבן ערגעץ אין אַ העק אין גאַליציע. דורות רבנים, צדיקים, רביצינס, צנועות, האָבן זיך גערייניקט און געפּאָרעט. אַז ער זאָל אַרויסקומען. איצט ליגט ער מיט אַן אשת־איש אין דער נאַכט פֿון יום־כּיפּור. אויסלאָזן וועט זיך עס אַוודאי ערגעץ אין אַ שוץ־גרובן, מיט אַ קויל אין שאַרבן...

ער איז נישט געווען טרויעריק, נאָר ער האָט זיך געוואונדערט. איז דאָס גאָטס פּלאַן? איז דאָס מעגלעך, אַז ער, עוזר־העשל, איז אַ טייל פֿון גאָט, לייב־פֿון־זיין־לייב, געדאַנק־פֿון־זיין־געדאַנק? וואָס וואָלט געווען ווען ער עפֿנט איצט דאָס פֿענסטער און שליידערט זיך אַרויס? וואָס וואָלט דאַמאָלס געוואָרן פֿון זיין ליבשאַפֿט, זיין מורא, זיין צווייפֿל? ניין, דעם טויט וועט ער קיין מאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן. ער האָט געטאָן אַ ציטער און זיך אומגעקערט צו הדסהס געלעגער...

## 2

שמחת־תּורה דריי אַזייגער בייטאָג האָט עוזר־העשל זיך געזאָלט טרעפֿן מיט הדסהן אויפֿן באַנק־פּלאַץ, ביי די פּילאַרן, נאָר אַ האַלבע שעה איז אַריבער און הדסה האָט זיך נישט געוויזן. עוזר־העשל האָט אָנגעקלונגען צו פּישעלען, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ שעה מיט צען מינוט, נאָר הדסה איז נישט געקומען. די נייטאָרינס זיינען געהאַט אַוועק אין יידישן טעאַטער. פֿון דאָרט האָבן זיי געזאָלט גיין אויף אַ בונדיסטישער פֿאַרווילונג. זיי האָבן געזאָלט קומען אַהיים נישט פֿריער ווי צוויי אַזייגער ביינאַכט. עוזר־העשל און הדסה האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו פֿאַרברענגען דעם לעצטן טאָג יום־טוב צוזאַמען, אָבער איצט איז אַלץ געוואָרן פֿאַרשטערט. עוזר־העשל האָט זיך אומגעקערט איינער אַליין. ער איז אַריין אין פֿינצטערן שטיבל, אָנגעצונדן דאָס גאַז־לעמפּל, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט. וויפֿל ער האָט נישט אַריינגעטראַכט אין דער סיבה פֿאַרוואָס הדסה האָט נישט געהאַלטן דעם ראַנדעוואו, האָט ער נישט געקאָנט דערגיין צו קיין טאָלק. אַלץ איז געווען מעגלעך: אפֿשר איז הדסה קראַנק? אפֿשר איז פּישעלע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד? אפֿשר איז די מוטער אירע געשטאָרבן? אפֿשר האָט זי פּלוצלינג חרטה באַקומען?...

צו פֿאַרטרייבן די צייט, האָט עוזר־העשל גענומען נישטערן צווישן די בענדער אין דער עטאַזשערקע, וואָס זיינען געבליבן נאָך סובלאָקאַטאָרן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט פֿאַר אים, עוזר־העשלען. ס׳איז דאָ געשטאַנען אַ פֿראַנצויזישע גראַמאַטיק און אַן אַנאַליטישע געאָמעטריע, אַן אַריינפֿיר אין לאָגיק און אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער רוסישער פּאָעזיע, אַ באַנד פֿון גיבאָנס געשיכטע פֿון דער רוימישער אימפּעריע, און קאַרלאַילס היסטאָריע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין

דער צייט וואָס ער, עוזר־העשל, האָט זיך דאָ געפֿונען, האָט ער געהאַט אָנגעבאָרגט אַ היפּש ביסל ביכער אין ברעסלערס ליי־ביבליאָטעק, ווערק וועגן פֿילאָזאָפֿיע, פּסיכאָלאָגיע, היפּנאָטיזם, אָקולטיזם. שפּינאָזאָס פֿילאָזאָפֿיע האָט נישט אויסגעשלאָסן קיין שום מעגלעכקייט. עוזר־העשל האָט נאָך אין דער שווייץ געהאַט געלייענט פֿלאַמאַריאָן, לאָמבראָזאָ, גורני און מאַיערס. די אַלע באַריכטן וועגן „פֿאָלטער גייסטער", קלאַרוואָיאַנס, באַזעסענע הייזער, געשטאַלטן פֿון געשטאָרבענע, האָבן זיך פֿולשטענדיק געדעקט מיט די מעשׂיות וועגן שדים, לצים, דיבוקים, וואָס ער, עוזר־העשל, האָט זיך אָנגעהערט אין קליין־טערעשפּאָל, פֿון מענטשן, וואָס האָבן געשוואוירן, אַז זיי זײַנען אַליין געווען דערביי... ווי באַלד די גאָטהייט האָט אומענדלעכע אַטריבוטן, זײַנען פֿאַראַן אומענדלעכע מעגלעכקייטן. אויב מ'קאָן קיין מאָל נישט באַנעמען דאָס דינג־אַן־זיך, ווי קאַנט וויל האָבן, איז זיכער פֿאַראַן אַן אָרט פֿאַר אַלערליי פֿאַרהוילענישן...

ווי עוזר־העשל איז אַזוי געזעסן און געבלעטערט די ביכלעך, האָט זיך דערהערט אַ קלינג אין דער טיר. ס'איז הדסה! — האָט ער געטראַכט. ער איז געלאָפֿן עפֿענען. ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכט. אין קאָרידאָר איז געווען פֿינצטער. ער האָט אויפֿגעמאַכט די טיר. ס'האָט אויף אים אַ הויך געטאָן אַ גערוך פֿון קימל־פֿאַרפֿום. ער האָט דערקאָנט אײדלס געשטאַלט.

— אײדל!

— יאָ, דאָס בין עך...

זי איז אַרײַן און ער האָט דערזען אין דעם בין־השמשות איר בויך, וואָס האָט זיך שוין באַצײַטנס גענומען אויסשפּיצן. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וואוינונג? אַ חזיר־שטאַל!

— וואו נעמסטו דיך עפּעס אַהער? — האָט ער געפֿרעגט און באַלד באַדויערט די אייגענע ווערטער. אײדל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— עך האָף, דו וועסט מיך נישט אַרויסוואַרפֿן.

— גאָט באַהיט. קום אַרײַן.

ער האָט זי אַרײַנגעפֿירט צו זיך. קעגן דער שײַן פֿון גאַז־לעמפּל האָט איר פּנים אויסגעוויזן געל און פֿלעקיק. זי האָט געטראָגן עפּעס אַן אַלט־מאָדישן הוט, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַן איבערגעקערטער טאָפּ. זי האָט זיך גלײַך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול.

— דאָ וואוינסטו? יענער פּאַלאַץ! זעסט נישט אויס גוט. דו עסט נישט, אָדער וואָס?

— כ'עס.

— די מאַמע האָט אַ ווערטל: אַזוי ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי...

עוזר־העשל האָט געשוויגן.

— ביסט געוויס איבערראַשט פֿון מײַן וויזיט. עך האָב געמוזט מיט דיר רעדן. דו זעסט די לאַגע — —

— איך פֿאַר אַוועק זיך שטעלן צום מיליטער —

— עך ווייס אַלץ. אויב אַ מענטש וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, קאָן עים קיינער נישט אָפּהאַלטן. עך וויל מיט דיר רעדן קלאָרע ווערטער.

— נו, רעד.

— אַז דו גייסט אַוועק, בלייב איך אויפֿן וואַסער. דער פֿעטער רופֿט עס: אַן עגונה.

— דו ווילסט, הייסט עס, אַ גט?

— עך ווייס שוין אַליין נישט וואָס עך וויל. דו האָסט מעך אָפּגעקוילעט. לעבעדיקערהייט.

— ס'איז צו שפּעט פֿאַר אַזוינע מליצות.

— ס'איז גאָרנישט שפּעט. ביזט נאָך נישט אַלט קיין זיבעציק יאָר. וואוהין לויפֿסטו? וואָס טוט זיך מיט דיר? דו ברענגסט אום דיין מוטער פֿאַר דער צייט, — אַלץ צוליב דער אידיאָטקע!

— זאָג בעסער קלאָר וואָס דו ווילסט!

— וואָט איז ס'איילעניש? זי דאַרף קומען אַהער?

— אפֿשר יאָ.

— זאָל זי קומען. עכ'ל איר אָנשפּייען אַ פֿול פּנים. דערווייל בין עך דיין ווייב און זי איז אַ הור. עך בין דיין ווייב און דו ביסט מיין מאַן. עך טראָג דיין קינד אונטערן האַרץ!...

— איידל, צו וואָס די אַלע רייד? מיר מוזן מאַכן אַ סוף.

— מיר מוזן גאָרנישט. אויב עכ'ל וועלן, וועל עך דעך שלעפּן אַ גאַנץ לעבן. עך האָב נישט בדעה אָפּצוטרעטן. הייראַט איז ביי מיר נישט קיין שפּי־לעכל. עכ'ל דיר נאָך מאַכן ביטער ס'לעבן!

— דו רעדסט ווי דיין מאַמע!

— עך זאָג דיר דעם אמת. דאָס האָט זי דיך געבראַכט צו די אַלע צרות. צוליב איר ביסטו געלאָפֿן קיין רוסלאַנד ערב דעם קריג. מיר וואָלטן איצט געקאָנט זיין גליקלעך אין דער שווייץ. וואָלסט שטודירט און עפּעס דערגרייכט. וואָס וועט פֿון דיר ווערן אַזוי? עך דאַרף דיר נישט זאָגן וואָס אַ מלחמה איז. אין יעדן פֿאַל וועסטו פֿאַרלירן די בעסטע יאָרן. רעד דיר נישט איין, אַז זי'ט דיר וואַרטן. דו'סט דיך צוליב איר וואַלגערן אין אַלע לעכער און זי'ט דיך האָבן טיף־טייער־אין־דר'ערד!... פּרוּווּ צוריקקומען אָן אַ פֿוס, און דו'סט זען ווי זי'ט זיך מיט דיר אַרומכאַפּן!...

— וואָס ווילסטו קאָנקרעט?...

— דו'סט עס נישט פֿאַרדינט, אָבער עך וויל דיר העלפֿן. עך וויל דיך נישט נאַרן. עך מיין אויך מיין טובה. דו דאַרפֿסט נישט לויפֿן אין פֿייער. מיר קאָנען דיר העלפֿן. דער פֿעטער. די מאַמע. מיר האָבן אַרויסגעקריגן אונדזער געלט פֿון דער באַנק. מ'עט דיך אויסלייזן און וועסט זיין אַ מענטש. ס'איז זאָ־גאַר פֿאַראַן אַ וועג זיך אומצוקערן אין דער שווייץ. עך פֿאַרלאַנג בלויז איין זאַך: זאָלסט מאַכן אַן עק צו דעם משוגעת!

— איידל, איך האָב זי ליב.

— איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

— ס'איז דער אמת.

— האָסט דיר איינגערעדט. דו ביסט איבערהויפּט אויף קיין ליבע נישט פֿעאיק... נאָר אויב ס׳איז אַזוי, איז אומזיסט מיינע רייד...

אַ ווייל איז אײדל געזעסן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. די ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט, די נאָז איז געוואָרן לאַנג און שפּיציק. עפּעס מאַנסבילשס און בעל־מוחישס האָט אַראָפּגעקוקט פֿון דעם הויכן שטערן, די אויפֿגעהויבענע ברעמען. עוזר־העשל האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפֿיל: ווי פֿון הינטער דער ווייבערשער צורה וואָלט אַרויסגעקוקט דער טאַטע אירער, דער למדן, וואָס האָט דאָס לעבן געשטרעקט פֿאַר דער טאָכטער... אײדל האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטיבל? וואוהין גייט אַרויס ס׳פֿענצטער?

זי איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט צו דער בלינדער מויער. זי האָט זיך אַרויסגעבויגן און געקוקט אַן אַ זייט. מ׳האָט געקאָנט פֿון דאָנען זען דעם צווייטן הויף און דעם סכך פֿון אַ פּאָר סוכּות. זי האָט זיך אַזוי טיף אַרויסגענויגט, אַז עוזר־העשל האָט זיך דערשראָקן.

— אײדל, זיי פֿאָרזיכטיק!...

זי האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך אומגעקערט.

— דו באַגייסט זעלבסטמאָרד, נישט עך.

— יאָ, אמת.

— אַרימער נאַר!...

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן, געשמייכלט. ער איז איר נאָך אַלץ געטריי. ער וויל נישט, זי זאָל אַרויספֿאַלן. ווער ווייסט, אפֿשר האָט ער שוין באַצייטנס אַ געפֿיל צו דעם באַשעפֿעניש אין אירע געדערים? ס׳איז זיין זון... איידלען איז מיט אַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז זי וועט נישט האָרכן נישט דעם פֿעטער, נישט די מאַמען: זי׳ט אים נישט גטן. קיין מאָל נישט!... געזעצלעך וועט ער בלייבן איר מאַן און זי — זיין ווייב.

— קום אַהער, מעגסט מיר נאָך טאָן אַ קוש!...

און פּלוצלינג האָט זי געטאָן עפּעס אין גאַנצן אומגעריכטס: זי האָט אויפֿגעהויבן די האַנט און אויסגעלאָשן דעם גאַז. זי איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע פֿון דעם אייגענעם נאַרישקייט...

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

### 1

באַלד נאָכדעם ווי לאה איז אַוועק פֿון קאַפּלען, יענעם טאָג חול־המועד סוכּות, האָט קאַפּל גענומען אַרומשפּאַנען אַהין־און־צוריק איבער דער קאַנצעלאַריע. די געמזענע קאַמאַשן האָבן געסקריפּעט. דער פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן איז געהאַט אויסגעגאַנגען און געקלעפּט אויף דער אונטערשטער ליפּ. קאַפּל איז אַריין אין דעם הינטער־שטיבל, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ גאַז־מאַשינקע און אַ טשייניק. איבער דער קיך האָט געהאַנגען אַ שפּיגעלע. קאַפּל האָט זיך איינגעקוקט

אין דער אייגענער געשטאַלט. ער איז שוין געווען אַ פּופּציקער, נאָר קיינער וואָלט אים נישט געגעבן מער ווי פֿערציק. דער מעלאַניק האָט אים געקליידט. אין דעם שניפּס האָט געשטעקט אַ פּערל. דאָס אַנצוגל איז געלעגן אויף אים אויסגעגאָסן. הייסט עס, די יאַלדעווקע האָט זיך פֿאָרט נישט אַרויסגעדרייט פֿון מיינע הענטעלעך! — האָט קאַפּל אַ טראַכט געטאָן וועגן לאהן. — ווען דער אַלטער וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט ער זיך איבערגעדרייט אין קבר... קאַפּל האָט זיך אַליין אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

— קאַפּעלע ממזר!...

קאַפּל האָט זיך אומגעקערט אין דער גרויסער שטוב, געעפֿנט אַ פֿענסטער, גענומען אַרויסקוקן. דער הויף אונטן איז געלעגן אַ נישט־ברוקירטער, אַ האַלב־פֿאַרוויסטער. אויף אַ שטויס צוגעפֿוילטע שוועלן איז געזעסן אַ שיקסל. אין אַ קאַלוזשע רעגן־וואַסער האָבן זיך געפּליוסקעט עטלעכע קאַטשקעס, וואָס די סטרוזשקע האָט געהאָדעוועט. אַ באָרוועסע גויע האָט אויסגעגאָסן אַ פּאָמעשאַף. איצט, אין דער מלחמה, אַז קיינער אין וואַרשע האָט נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, האָבן די גויים מער נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו אים, קאַפּלען. מ׳האָט סיי ווי נישט געקאָנט אַפּשרייבן די בעבעכעס און אַרויסוואַרפֿן. אָבער אַז אַך־און־ווי צו אַזוינע דירות! די לאָקאַטאָרן האָבן געפֿוילט צוזאַמען מיט די ווענט, די סופֿיטן, די פּאָדלאָגעס. ס׳האָבן זיך דאָ אויפֿגעהאַלטן מייז גרויס ווי קעץ. די יינגערע מאַנסלייט זיינען אַלע געוואָרן מאָביליזירט. די קינדער זיינען לעבעדיקע יתומים. קאַפּל האָט גענומען שרייבן מיטן נאָגל אויף דער שויב. וואָס וועט זיין מיט ר׳ משולמס הייזער, אַז ער און לאה וועלן אַוועק קיין אַמעריקע? אַ תּל וועט ווערן פֿון גאַנצן פֿאַרמעגן!

— מ׳עט אַלץ צעטראָגן! — האָט קאַפּל אַ זאָג־געטאָן. — ס׳גאַנצע דאַברי־מזל!

קאַפּל האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, זיך געלאָזט אַראָפּגיין אין גאַס. ס׳איז געווען אַ צייט ווען קאַפּלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען לאה טוט אים אַ קוש, וואָלט ער משוגע געוואָרן פֿון גליק. אָבער גוטע זאַכן האָבן אַ טבע, אַז זיי קומען צו־שפּעט. ס׳איז גרינג צו זאָגן: אָפּגטן באַשעלען, אַוועק קיין אַמעריקע. ווי אַזוי גט מען עפּעס באַשעלען? פֿאַרוואָס? פֿאַרווען? זי איז אַ געטריי ווייב, די מאַמע פֿון זיינע קינדער. ווען ער זאָגט איר, אַז ער וויל זי גטן, וואָלט זי געמיינט ס׳אַ וויץ. נו, און וואָס וועט זאָגן די חברה, אַז מ׳עט דערהערן די נייעס? ס׳עט זיך טאָן חושך!

קאַפּל איז קיין מאָל נישט אַהיים געגאַנגען אַזוי פֿרי ווי היינט. מיטאָג פֿלעגט ער עסן אין שטאָט, אין אַ רעסטאָראַציע: אַ טעלער גריץ און אַ גלאָז טיי. דאָס פֿליישיקע מאָלצייט האָט באַשעלע צוגעגרייט צווישן זעקס און זיבן. אָבער דאָס מאָל האָט קאַפּל נישט געהאַט קיין חשק צום עסן. ס׳האָט אים געגרימט אין בויך, געהאַקט אין די שלייפֿן. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו זיין אין דער היים, ביי זיך אין שטיבל. דאָרט, אויף דער קאַנאַפּע, האָט ער אַלע מאָל דורכגעטראַכט אַלע פּלענער. קאַפּל האָט גענומען אַ דראָשקע. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן אָנלען, אויסגעצויגן די פֿיס, צוגעשלאָסן די וויעס. לויט

דעם רויש און די ריחות האָט ער דערקאַנט וואו ער געפֿינט זיך. אויף דער זשאַביע האָט אַ שלאַג־געטאָן אין די נאָזלעכער אַ גערוך פֿון פֿאַרוועלקטע בלעטער פֿון זאַקסישן גאָרטן. אויף דער סענאַטאָרן־גאַס האָט אַ הויך געטאָן מיט דער רחבות פֿון די גוייִשע גאַסן. ס׳האָט שוין דאָרט באַצייטנס געטאָן אַ שמעק מיט דער ווייסל און פּראַגער וועלדל. אַפֿילו דער אָפּהילך פֿון האַרמאַטן האָט נישט פֿאַרטויבט דאָס הימישע גערודער. קאָפּל האָט דערשנאַפּט יעדעס געסל, יעט־וועדעס ווינקל. ער האָט בלינדערהייט אונטערגעשיידט דעם געברום פֿון אַ טראַמ־וויי, דאָס טראַסקען פֿון אַ פּלאַטפֿאָרמע, דאָס קלאַפּן פֿון אַ דראָשקע, דאָס קנאַקן פֿון אַ גומקע, דאָס שלעפּעניש פֿון אַ פּויעריש פֿורל, אָדער אַ האַנט־וועגעלע. אין האַרמידער האָט ער דערהערט ווען עמעץ האָט אַראָפּגעלאָזט אַ מטבע אויפֿן טראָטואַר. פֿון איינצלנע ווערטער, אין יידיש אָדער אין פּויליש, האָט ער באַ־נומען ווער ס׳רעדט און וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. שקצימלעך האָבן אויסגע־רופֿן אַן עקסטראַ טעלעגראַמע: דאָס רוסישע מיליטער האַלט־אָפּ די דייטשע אָפֿענסיווע. קאָפּל האָט געעפֿנט די אויגן, צוגעוואָרפֿן אַ שייגעצל אַ צווייער, פֿאַרנדיק איינגעהאַנדלט אַ בלאַט.

— פֿאַניע איז נאָך נישט געפּגרט! — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין. — ער׳ט נאָך געבן דעם דייטש צו שמעקן פּולווער!...

ביי דער בריק האָט די דראָשקע זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז אַנגעפֿאָרן אַ גאַנצער לאַזאַרעט, אין אויסטערלישע וועגן, ענלעך צו די אָמניבוסן, וואָס האָבן אַמאָל קורסירט צווישן וואַרשע און פּראַגע. דורך די שויבן האָט מען געזען סאָלדאַטן מיט באַנדאַזשירטע קעפּ, הענט, פֿיס, העלדזער. באַרמהאַרציקע שוועס־טער האָבן זיך געבויגן איבער די פֿאַרוואונדעטע. דאָ און דאָרט זיינען די באַנדאַזשן געווען פֿאַרבלוטיקט. אין אַ קעטשל איז געלעגן אַ געשטאַלט, אין גאַנצן איינגעהילט אין געוועגדער און פֿאַכירן. ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּיץ ווייסע נאָז, ווי ביי אַ מת. צוויי סאַניטאַרן האָבן זיך געפּאָרעט מיט עפּעס אַ געפֿעס און אַ קישקעלע. קאָפּלען איז געוואָרן איבעלדיק אונטערן לעפֿעלע.

— אוי, מאַמע!...

אין שטוב האָט קאָפּל געטראָפֿן בלויז שאָשען, די עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל פֿון זעכצן יאָר, יינגער פֿון מאַניעקן מיט עלף חדשים. שאָשע איז געווען העכער פֿון אים, קאָפּלען, אָבער זי האָט געהאַט אַ קינדיש פּנימל. זי איז געווען בלאָנד און האָט געהאַט צוויי לאַנגע צעפּ ביז דער טאַליע, פֿאַרפֿלאָכטן מיט באַנד. געלערנט האָט זי זיך נישט ווי אַמבעסטן: זי איז שוין געזעסן דאָס צווייטע יאָר אין פֿערטן קלאַס. נאָך איידער קאָפּל האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז זי צוגעפֿאַלן צו אים, זיך אין אים אַנגעהאַנגען, זיך אַנגעשפּאַרט מיט די בריסטן.

— טאַטוש!...

קאָפּל האָט זיך קוים פֿון איר אַרויסגעריסן. די מויד האָט אַפֿילו נישט גע־האַט קיין שכל זיך צו שעמען.

— וואו איז די מאַמעשי?

— אַראָ׳געגאַנגען נאָך געטריקנטע פֿאַרפֿל.

— וואו זיינען איפּע און טייבעלע?

— טייבעלע שלאָפֿט. איפּע איז ביים סטאָליאַר.

— נו, וואָס הערט זיך אין שקאָלע?

ביי שאָשען האָבן אויפֿגעלויכטן די שיקסע־אויגן.

— אַך, טאַטוש, האָבן מיר געהאַט אַ העצע! די פּאַני פֿון היסטאָריע איז געפֿאַלן. אונדז האָבן אַזוי געלאַכט, אַ ס׳טוט מיר וויי דער באַך!...

און דאָס מיידל איז זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ קינדיש כאַכעניש און געוויזן אַ מויל שיטערע ציין. קאַפּל האָט אַ הויב־געטאָן אַן אַקסל.

— וואָס איז ס׳געלעכטער, אַז אַ מענטש פֿאַלט? — האָט ער געפֿרעגט.

— ס׳קאָן פּאַסירן מיט יעדן איינעם.

— אַך, טאַטוש, ס׳איז געווען אַזוי קאָמיש! זי׳ט געטאָן אַ פּלאַץ אַנידער צ׳ישן די לאַווקעס. כ׳מוז דיר טאָן אַ קוש!...

דאָס מיידל האָט אים אַרומגענומען, געקושט אין שטערן, אין די ברעמען, איןביידע באַקן. קאַפּל האָט זי קוים אָפּגעשטופּט. זי איז געווען אין גאַנצן געראָטן אין דער מוטער: נאַריש, גוטהערציק. קאַפּל האָט נישט איין מאָל געקלערט, אַז ווען אַזאַ קאַלב פֿאַרליבט זיך אין עמעצן, וואָלט זי געקומען אַהיים מיט אַ בייכל הינטערן פֿאַרטוך.

קאַפּל איז אַריין צו זיך אין אַלקאָווע, זיך פֿאַרקייטלט, זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפֿע. וואָס לענגער קאַפּל האָט זיך געגריבלט און געגרויכערט, אַלץ מער האָט ער געשטוינט איבער זיך אַליין. וואָס הייסט עפּעס, ער׳ט צעברעכן אַ היים און אַוועק קיין אַמעריקע? וואָס וועט ווערן פֿון שאָשען? ווער וועט חתונה מאַכן איפּען, וואָס הינקט נעבעך אויף אַ פֿוס? וואָס וועט זיין פֿון מאַניעקן, טייבעלען? ווי לאָזט מען עפּעס איבער צוויי הייזער, אַ פֿאַמיליע, גוטע־פֿריינד און מ׳לאָזט זיך אַוועק מלחמה־צייט אויף גאָטס באַראָט, ערגעץ איבער סיביר קיין אַמעריקע? די לאה איז שוין נישט קיין יונג ווייבעלע. זי איז שוין אַלט אַ יאָר פֿיר־און־פֿערציק, אָדער מיט אַ שמיצל אַריבער. אויב זי האָט אים ליב, זאָל זי ווערן זיין ליובאָווניצע!...

ווען קאַפּל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט לאהן דערציילט פֿון די ממתקים, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון ר׳ משולמס קאַסע, איז אים געוואָרן ביטער אין גומען. כ׳בין משוגע מטורף! — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — כ׳האָב מיך אָפּגעקוילעט!...

פֿון עגמת־נפֿש האָט קאַפּל זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, איינגעדרימלט. באַשעלע האָט אים אויפֿגעוועקט אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט, ווען דאָס מאָלצייט איז שוין געשטאַנען אויפֿגעגעבן אויפֿן טיש. קיין סוכה האָט מען ביי קאַפּלען אין הויף נישט אויפֿגעשטעלט. די פּאָר יידן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט, זיינען אַלע געווען היינטיק־וועלטישע. קאַפּל איז אויפֿגעשטאַנען מיט פֿאַרשלאָפֿענע פֿיס און אַריין אין דער מיטל־שטוב. אַלץ האָט היינטיקן אָוונט אויסגעזען פֿרעמד: דער הענג־לאָמפּ מיט דער מילך־שיין, דער רוק־טיש, די קינדער, די טעלער היידלעך מיט איינזידעכץ. איפּע און טייבעלע האָבן זיך געקנייפּט, יעדעס מאָל אַרויסגעפּראַלט מיט אַ געלעכטער. מאַניעק איז געזעסן לייטיש אין

אַ גימנאַזיסטיש רעקל מיט גאָלדענע קנעפּ. דער געשוירענער קאָפּ האָט געוואָרפן אַ ריזיקן שאָטן אויפן בעליק. באַשעלע האָט זיך געדרייט אַרום קאַפּלען, גע־האַלטן אין איין צורוקן — אַ שטיקל קלאָפּס, אַ פּעניצל אוגערקע, אַ ביסל זויער־קרויט. זי האָט אַ זאָג־געטאָן מיט געטריישאַפט:

— קאַפּעלע, עפּעס זיצסטו ווי אַ נאַכטיקער. ס׳טוט דיר ניש׳ אַמאָל וויי דער קאָפּ?

— האַ? ניין.

— ס׳איז ניש׳ דיין טבע צו שלאָפן באַטאָג!

— כ׳בין מיד.

און קאַפּל האָט גענומען גענעצן.

— אוי, זעיטץ נאַר סאַראַ גרויס מויל דער טאַטעליו עפנט! — האָט טייבעלע זיך אָנגערופן מיט אַ שטומפּיק לשון.

— מ׳טאָר אַזוי ניש׳ זאָגן! — האָט איפּע איר געטאָן אַ פּאַטש איבערן האַנט־געלענק. — ס׳אַן עברה!

— איפּע, הער־אויף שלאָגן ס׳קינד! — האָט באַשעלע זי געוואָרנט. — זי טוט איר יעדן זעץ, אַז זי האָט אַזוינע רויטע הענטלעך!

און באַשעלע האָט צוגעלייגט טייבעלעס פּויסטל צום מויל און האַלב אָנ־געהויכט, האַלב געקושט.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין גימנאַזיע? — האָט קאַפּל געפרעגט מאָ־ניעקן. אַנשטאָט מאָניעק זאָל ענטפערן, האָט שאַשע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ לאַכעניש.

— כ׳דערמאָן מיך ווי די פּאַני פון היסטאָריע האָט געמאַכט אַ פּלעצל!...

אַז מ׳האָט אַ נאַריש ווייב, האָט מען נאַרישע קינדער — האָט קאַפּל ביי זיך אָפּגעפּאָסט. ער האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט, נישט צו די גרייפּלעך, נישט צום פליש. באַלד נאָך קאָלאַציע האָט קאַפּל אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דאָס שטייפע קאַפּעליושל און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

— קאַפּעלע, קום נישט שפּעט! — האָט באַשעלע אים נאָכגערופן, כאָטש קאַפּל איז קיין מאָל נישט אַהיים געקומען פאַר צוויי אַזייגער.

אויף די טרעפּ איז געווען פינצטערלעך. קאַפּל איז אַרויס פון טויער און זיך געלאָזט לינקס. אויף דער מאַלע גאַס, נישט ווייט פון פּעטערבורגער וואָק־זאַל, האָט געוואוינט די פאַמיליע אָקסענבערג, וואו קאַפּל איז געווען אַן איינ־גייער. אין דעם אייגענעם הויז, אַ שטאָק העכער, האָט געהאַט אַ שטוב־מיט־אַ־קיך די פרוי גאָלדסאָבער, אַ יונגע אַלמנה נאָך אַן אַלטן מאַן, אַ סוחר פון די־וואַנעס. דאָ פלעגן זיך עטלעכע מאָל אַ וואָך צונויפקומען קאַפּל מיט זיינע גוטע־ברידער פון דער חברה „אנשי צדק": דאַוויד קרופּניק, לעאָן דער גייער, דער געלער מאָטיע, איטשעלע פּעלצעוויזנער. ס׳פלעגט אויך אַריינפאַלן נעמי, ר׳ משולם מושקאַטס דינסט. די אָקסענבערגס האָבן געהאַט אַ גרויסע דירה: פינף שטובן מיט אַ קיך. דירה־געלט איז אין פּראַגע געווען וואָלוול. ס׳איז געווען איין חסרון: מ׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געהערט די פייפענישן און צישענישן פון די לאָקאָמאָטיוון. אָבער די אָקסענבערס האָבן זיך שוין געהאַט

דערצו אַזוי צוגעוואוינט, אַז ווען זיי זיינען אַרויסגעפֿאָרן זומער אויף דאַטשע קיין מיכאַלין, האָבן זיי נישט געקאָנט שלאָפֿן.

— ס׳איז צו שטיל — האָט איזידאָר אָקסענבערג געטענהט. — עס קלינגט אַזש אין די אויערן!...

איזידאָר אָקסענבערג האָט אַמאָל געהאַט עטלעכע רעסטאָראַנען, אין פּראָגע און אין וואַרשע. אָקסענבערגס וועמפּלעך האָבן געהאַט אַ שם. זייט איזידאָר אָקסענבערג איז נישט געזונט, האָט ער אַרויסגעדונגען טעפּ, קעסלען, געשיר אויף חתונות. ער איז אויך געוואָרן אַ מעקלער ביי סאָרוועס. די פּאַני אָקסענבערג איז פֿריער געווען אַ רייפֿערקע. עד־היום זיינען צו איר געקומען דינסטן און זי האָט זיי צעשיקט אויף שטעלעס. די אָקסענבערגס האָבן געהאַט אַ זון, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן ערגעץ אויף טאַמקעס. מ׳האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ פּאַסער. דערפֿאַר האָבן זיי געהאַט נחת פֿון די טעכטער, צילקע און רעגינע. צילקעס מאַן, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שניט־געשעפֿט אויף דער גענשע גאַס, האָט פֿאַרדינט דרייסיק רובל אַ וואָך. רעגינע האָט געהאַט אָפּגעלאָזט צוויי שידוכים, נאָר זי איז שוין ווידער געווען אַ כּלה. די פֿרוי אָקסענבערג זאָל האָבן אַמאָל געווען אַ שיינהייט, איינע אין פּראָגע, אָבער זי איז שפּעטער געוואָרן אַזוי דיק, אַז זי איז קוים אַריין דורך אַ טיר. די יידענע האָט געוואויגן נאָענט צו דריי הונדערט פֿונט. די פֿרוי אָקסענבערג האָט פֿונדעסטוועגן געפֿירט דאָס באַלעבאַטישקייט, אַרומגעשאָפּט מיט דער דינסט און זיך אַרומגעקריגט מיטן מאַן, דעם פּאַן אָקסענבערג, וואָס איז געווען הויך, דאַר און געהאַט אַ לאַנגן אַדעריקן האַלדז און אַ פּאָר ביר־געלע וואָנסן, פֿאַרדרייט ווי ביי אַ פּאָליאַק. איזידאָר אָקסענבערג האָט שטילערהייט געטרונקען, איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען און זיך אַליין אויסגעלייגט קאָרטן. ווען ער פֿלעגט זיך קריגן מיטן ווייב, האָט ער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט און געשריגן:

— דו ווייסט צו וועמען דו רעדסט? צו איזידאָר אָקסענבערג! האָסט מיך אויסגעזויגן ווי אַ פּיאַווקע. נאַ, קוק ווי יאָך זע אַהס!...

און ער האָט אָנגעוויזן אויף די איינגעפֿאַלענע באַקן, וואָס האָבן אַלעמאָל געהאַט אַ בלוילעכן קאָליר, ווי אָפּגעפּליקט.

## 2

קאָפּל איז געווען ביי די אָקסענבערגס אַן בן־בית. איזידאָר אָקסענבערג איז אַמאָל געווען גבאי אין דער חברה „אנשי צדק״, אַ סך יאָרן פֿאַר קאָפּלען. רייצעלע אָקסענבערג האָט זיך אָנגעקערט קאָפּלס אַ וויטע קרובה פֿון דער מוטערס צד. קאָפּל האָט געהאַט אַ שליסל צו דער טיר. אין קאָרידאָר האָט ער איצט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, דעם קאָפּעליוש, אויפֿגעהאָנגען אויף אַ הענגער. ער האָט מיט אַ קאָם פֿאַרקעמט די האָר. ווען קאָפּל איז אַריין אין מיטל־שטוב, האָט ער שוין דאָרט געטראָפֿן דאָס גאַנצע געזינדל. דאַוויד קרופּניק, לעאָן דער גייער און דער גנלער מאָטיע האָבן געשפּילט אָן אָקע מיט דער פֿרוי גאָלדסאָבער. איטשעלע פּעלצעוויזנער האָט אויסגעלייגט אַ דאָמינע מיט צילקען, אָקסענ־

בערגס אויסגעגעבענע טאָכטער. מ׳איז דאָ געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער שפּיל, אַז מ׳האָט אויף קאָפּלען זיך רעכט נישט אומגעקוקט. ווען קאָפּל איז אַריין אין פֿאָדער־שטוב, האָט ער געהערט ווי די פֿרוי גאָלדסאָבער חכמהט זיך:

— יאָכ׳ל מיך אָוועקלייגן מיט בײדע בערד!

— אַ מזל פֿון בערד! — האָט קליגעריש געענטפֿערט דאָוויד קרופּניק, אַ מעבל־הענדלער, אַ נגיד, וואָס איז געווען אַן אלמן און זיך געשדכנט צו דער פֿרוי גאָלדסאָבער.

— פּאַש.

— אַ זעקסער וויזע!

— אַ זעקסער און אַ צענער!

די פֿרוי גאָלדסאָבער איז געזעסן אויבן־אָן, איינגעהילט אין אַ געשטריקט שאַלכל. די שאַטינע האָר, דאָ און דאָרט אָפּגעבלאָקירט און רויטלעך, זיינען געווען פֿאַרקעמט אַרויף. אין מיטן האָט געשטעקט אַ קעמל. די באַקן זיינען געווען צוגעווייסט מיט פּודער. זי האָט געהאַט אַ רונדן שטערן, אַ קליין נעזל, אַ מיידלש געמבעלע. די אויבערשטע ליפּ האָט זי פֿאַרשאַרצט און ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿול מויל ווייסע ציינדלעך. די ברעמען האָט זי געצופּט מיט אַ צוויקער. אויף דער לינקער באַק האָט געקלעפּט אַ חן־פּעפּערל. די פֿרוי גאָלד־סאָבער האָט אַמאָל געליטן פֿון אַסטמע און פֿון דאַמאָלס־אָן געריכערט אַ סאָרט דינע פּאַפּיראָסלעך, וואָס האָבן געזאָלט רייניקן די בראָנכן. איצט האָט זי גע־בלאָזן קייקעלעך רויך דורך די נאָזלעכער.

— נו, מאַנסלייט, וואָס האָט עך? — האָט שעלמיש געפֿרעגט די פּאַני גאָלדסאָבער.

— יאָך האָב קרענק מיט קדחת — האָט געטאָן אַ קרעכץ דער געלער מאַטיע, אַ קליין מענטשל מיט אַ געשטופּלט פּנים און מיט רויטע האָר, וואוי־לעריש פֿאַרשוירן אין אַ בערשטל.

— אַ האַלבן ראָש! — האָט געמאָלדן דאָוויד קרופּניק.

— נעם־אויס! — האָט אָפּגעענטפֿערט לעאָן דער גייער און אים צוגערוקט דאָס טעלערל מיט איינשטעל־געלט. — אַ טריף מזל. ער דאַצט אַלעמען אָפּ!

— זעט נאָר, קאָפּל, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט די פֿרוי גאָלדסאָבער אָנגעקוקט קאָפּלען האַלב־נייגעריק, האַלב־מיט־אַ־וואונק. — כ׳האָב שוין געמיינט, זי וועלן היינט אויספֿעלן!

קאָפּל האָט פֿאַרצויגן די ברעמען.

— זי קאָנען זיך אָן מיר ניש׳ באַגיין?

— פֿון וואַנען ווייסן זי, אַז יאָ? זי זיצן ביי מיר אין האַרץ?

— הערטץ נאָר וואָס דאָ טוט זיך! — האָט דער געלער מאַטיע געטאָן אַ פּאַטש אין טיש. — זי׳ט נאָך אים געבענקט!

— ס׳אָן אַלטע ליבע! — האָט געפּסקנט לעאָן דער גייער.

— טאַקע? און איך האָב געמיינט, זי זענען פֿאַרליבט אין מיר! — האָט געטענהט דאָוויד קרופּניק און גענומען טאַשן די טאַליע.

— זי, פאַני קרופניק, האָבן צופיל גליק אין קאָרטן!...

וואָס איז זי מיר־נישט־דיר־נישט אַזוי צוגעלאָזן, די בלאָטע סחורה? — האָט קאָפל געטראַכט. — אַוודאי זיך צעקריגט מיטן קרופניק. אָדער אפשר וויל זי גלאָט אָפּשפּילן אַ גרענדע? ער איז פאַרביי די מיטל־שטוב און מעשה־אייגענער זיך געלאָזט אַריינגיין אין דער עס־שטוב. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך דורכצושמועסן מיט דער קרובה, דער פרוי אַקסענבערג. די פרוי אַקסענ־בערג איז דאָרט נישט געווען. אויבן־אָן, אויף אַ געפלאָכטענער שטול, איז געזעסן איזידאָר אַקסענבערג. פאַר אים זיינען געווען אויסגעלייגט קאָרטן און ס׳איז געשטאַנען אַ פלעשל בראַנפן. ווען קאָפל איז אַריין, האָט איזידאָר אַנגעכאַפּט דאָס פלעשל, ווי צו באַהאַלטן. דערזען קאָפּלען, האָט ער צוריקגעצויגן די האַנט.

— גוטן אָוונט, איזידאָר!

ביי איזידאָר אַקסענבערג האָבן די בלוילעכע ליפּן זיך געטאָן אַ קרים.

— שפּילסט ניש׳ היינט?

— וואָס קומט אַרויס פון שפּילן? ס׳איז נישט ווערט קאַ׳ן אויסגעבלאָזן איי.

איזידאָר אַקסענבערג האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַמאָליקע צייטן זיינען געווען קאָרטאָוויניקעס! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן מיט אַ קול, וואָס האָט זיך שיכּורדיק איבערגעבראָכן. — היינט שפּילט מען אין סטרולקעס!

— מיינע ווערטער.

איזידאָר אַקסענבערג האָט אַרויפגעלייגט אַ פויסט אויף דער צעראַטע.

— וואָס הערט זיך אין דער חברה, האַ? ביסט נאָך אַלץ גבאי ראשון?

— אַפילו נישט גבאי שני.

— וואָס־זשע ביסטו? אַ טשלאָנעק?

— דאָס אויך נישט.

— ע־ע, מ׳האָט דיך אויך אַרויסגעזאָרגעט, האַ?

— קיינער ט׳נישט געזאָרגעט.

— אַ וואוילער, הע? ענק יונגעלייט איז גוט. אַריין־אַרויס. עץ נעמטץ ענק ניש׳ צום האַרץ. עץ האָט אַלץ אין דר׳ערד. אין מיינע צייטן איז געווען אַנדערש. געדאַוונט האָבן מיר דאַמאָלט נאָך אויף דער סטאַלאָווע. די חברה האָט געהאַט אַ תקנה, יעדן שבת צו טראָגן עסן אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. קאַ׳ טראַמוויי איז ניש׳ געגאַנגען, נאָר אַן אָמניבוס, און געפאָרן אין שבת איז מען אויך ניש׳. מ׳האָט איינגעפּאַקט אין אַ קיישל חלה, שטריצלעך, ציבעלעס מיט שמאַלץ, קישקע, מעגעלע, און מ׳איז אַוועק צופוס. יענער מהלך! די ווייבער זיינען מיטגעגאַנגען. ס׳קליינוואַרג האָט זיך געשפּילט אין הויף. די שקצים ביי דער בריק האָבן געציפּט שטיינער, נאָר אַז מען האָט איינעם געפּאַקט, האָט מען אים אונטער־געדרייט אַ פוס. אויף קראַכמאַלנע איז געווען אַ באַנדע לאַטקעס, פּרעטענסיע־נעמער, און זיי האָבן אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. מ׳האָט געקאַנט גיין דורך דער כלאָדנע, נאָר יאַך האָב פיינט אָפּצוטרעטן. אונדזערע הענט ליגן אויך ניש׳ אין קינפּעט. ס׳ערשטע מאָל האָט מען אונדז צורעכט געמאַכט.

אַ האַלבע גאַס איז געווען פֿול מיט אונדזערע טשאָלנטער. ביי יאָסל באַץ עליו השלום האָט מען אונטערגעהאַקט אַ זייט. יאָך אַליין האָב געקריגן אַזאַ בייל. שבת־צו־נאַכטס האָבן מיר געהאַט אַן אסיפֿה. הערטץ מיך אויס, זאָג יאָך, אַז מיר׳ן זיך אָפּשרעקן פֿאַר אַ פּאָר ווּאוילע יונגען, וועט מען אונדז אין פּראָגע אויך מאַכן אויף די קעפּ. ס׳פֿעלן דאָ אויך ניש׳ קאָ׳ צוואָניאַקעס. אַז מ׳זעט אַ פֿרייען, ציפּט מען עים. וואָס טוען מיר? זאָגן זיי, מ׳טאָר נישט שבת האַלטן קאָ׳ שטעקן. ס׳איז מוקצה. מיר האָבן דאַמאָלט געהאַט אַ רבין אַ לוטוואַק, ר׳ פֿייוקע, און ער זאָגט: פּקוח נפֿש מעג מען. נו, זאָג יאָך, ייִנגלעך, אַז דער טייערער ייִד הייסט, ווייסט ער וואָס ער רעדט. ער האָט געלערנט אַ גמרא גרויס ווי אַ טיש. איבעראַכטאָג שבת האָבן די ווייבער געטראָגן ס׳עסן פֿון הינטן און מיר זיינען געגאַנגען פֿאָרויס אין גרופּקעלעך. נאָך יאַנאַשעס הויף דערהערן מיר אַ פֿייף. יאָך האָב מיך געלאָזט פֿון פֿאָרנט מיט נאָך פֿיר מאַן. איידער וואָס־ווען, די ממזרים זיינען דאָ. געווען דאַמאָלס אַ שטאַרקער, דער בלינדער איטשע. יענער שלעגער. די פּזשעקופּקעס האָבן אים אַלע געצאָלט וואַכן־געלט. ר׳האָט געהאַט אַרומגיין צוואָנציק מיידן. אַהין־אַהער, ער טוט אַ זאָג: די קראַכמאַלנע איז מיין ראַגאַטקע. וואָס, זאָג יאָך, ווילסטו? ס׳איז ניש׳ פֿאַר וואָילטאָג. ס׳איז פֿאַר שלאָפֿע מענטשן. מ׳דאַרף ניש׳, זאָגט ער, ענקערע פּראַגער גבאיטעס. צי־אָפּ וויל כ׳זעץ דיר אַרויס די קישקעס. און ער טוט מיר אַ באַך אין האַרץ. כ׳האָב דערזען ס׳איז ביטער, טו יאָך אַ הויב־אויף דעם שטעקן און פֿאַרפֿאָר עים מיט דער גאַלקע גלייך אין פּרעסער אַריין. ר׳איז געוואָרן אַזוי צעחושט, אַז ר׳איז געבליבן מיט אַן אָפֿענעם פּיסק. נו, קינדער, זאָג יאָך, לייגט צו אַ האַנט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. אונדזערע האָבן געקיפּט אויף וואָס די וועלט שטייט. אויף דער קראַכמאַלנע איז געוואָרן שוואַרץ. מ׳קיילט דעם בלינדן איטשען. געווען דאָרט אַ חברה קאַמאַשן־מאַכער, וואָס האָבן געצאָלט פּרעטענסיע־געלט, אַנישט האָט מען באַלאַמוטשעט די כּלהס. דערהערט, אַז מיר טיילן קלעפּ, זיינען זיי אויך אַרויס. מ׳האָט געפֿליקט פֿון אַלע זייטן. געווען איין מייליץ, האָט ער געגנו־מען פּיס. וואָס זאָל יאָך דיר דאָ לאַנג ברייען? מ׳האָט זיי צעפֿעצט ווי די חזירים. פֿון דאַמאָלס אָן האָט מען געוואוסט אין גאַנץ וואַרשע, אַז איזידאָר אָקסענבערג לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע!

איזידאָר אָקסענבערג האָט מיט אַ בלוי טיכל אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

— ווילסט אפֿשר אַ קאַפֿע?

— ניין.

— וואָס הערט זיך ביי די מושקאַטס? בלייבסט ביי זיי אַ מענטש?

— כ׳וועל אַוועק קאַ׳ן אַמעריקע — האָט קאָפּל געענטפֿערט, אַליין דער־שטוינט, וואָס ער זאָגט־אויס דעם שיכור זיין סוד. איזידאָר אָקסענבערגס פּנים איז געוואָרן אויסגעלענגערט. ער האָט געמאַכט אַ מינע ווי איינצושלינגען די אייגענע וואָנסן.

— וואָס עפּעס? דו וויצלסט דיך?

— קיינע וויצן.

— ע־ע, וואַרשע איז דיר צו קליין? וואָס וועסטו טאָן אין אַמעריקע? דאָרט אַרבעט מען שווער!

— וואו איז ערגעץ די מומע? — האָט קאַפּל געפֿרעגט.

— יאַך ווייס? דאָ, ברודער, ביסטו אַ קייסער און אין אַמעריקע וועסטו פּרעסן הויזן!

קאַפּל האָט נישט געענטפֿערט, ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז צוריק אַרויס. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי צעמישט ווי יענעם אָוונט. צו וואָס האָב איך אים דערציילט? — האָט קאַפּל זיך אַליין פֿאַרגעהאַלטן — ער׳ט אַלעמען אויספּויקן. קאַפּל איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר. ער האָט זיך געקווענקלט וואָס צו טאָן: צוריק אַריין מאַכן אַ קערטל, אָדער אַוועקגיין. דער פּיאַק איז גערעכט — איז קאַפּלען דורכגעלאָפֿן דורכן געדאַנק. — וואָס וועל איך טאָן אין אַמעריקע? סיידן לעבן פֿון גרייטן. ער האָט זיך אויסגעמאָלט ווי ער וואוינט מיט לאהן אין אַ הויך הויז אין ניו יאָרק. אויפֿן דאַך גייט אַ באַן. מענטשן פֿאָרן אונטער דער ערד און רעדן ענגליש. ער וואַלגערט זיך אַרום איינער אַליין אין דער פֿאַרוואָרפֿענער מדינה, אָן קינדער, אָן אַ חבר, אָן גוטע־פֿריינט. לאה ווערט אַלט, גרוי, בייז. באַשעלע טרויערט נאָך אים אַ פּאָר חדשים און דערנאָך האָט זי חתונה מיטן קוילן־הענדלער אַקעגנאַיבער. דער פֿאַרריסטער ייד שלאָפֿט ביי אים, קאַפּלען, אויף דער קאַנאַפּע און באַשעלע וועקט אים: חיים־לייב, די קליסקעלעך זיינען פֿאַרטיק...

— אַ פֿאַלשע באַנדע, אַלע ווייבער! — האָט קאַפּל אַ מורמל געטאָן. — אַ פֿייער אין זייערע גנבהשע הערצער!

ווי קאַפּל איז אַזוי געשטאַנען אַ וואַקלדיקער אין פֿאָדער־הויז און נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן, האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון דער מיטל־שטוב און ס׳איז אַרויסגעקומען די פֿרוי גאָלדסאָבער — אַ שמייכלענדיקע, אָן אָנגערויטלטע. פֿון הינטערן שאַלכל האָט אַפּערגעקוקט אַן אויסגעהאָפֿטענע בלוזע. פֿון געפֿאַלדנטן קלייד האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ זוים האַלקע. זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פֿאַרחידושט.

— זעטץ נאָר, ער שטייט ווי אַ נעבעכל!

— זי גייען שוין אַהיים? אַזוי פֿרי?

— וואָס פֿעלט איהן איין? כ׳האָב פֿאַרגעסן אין שטוב די פּאַפּיראָסלעך.

אַ וויילע האָבן ביידע אָפּגעוואַרט שווייגנדיקערהייט. די פֿאַני גאָלדסאָבער האָט זיך אַ דריי־געטאָן אויפֿן קאָרק.

— ווייסן זי וואָס? באַגלייטן זי מיך אַרויף דעם שטאָק־שטיגן.

— פֿאַרוואָס נישט?

קאַפּל איז מיט איר אַרויס און זיי זיינען אַרויף מיט די טרעפּ. די פֿרוי גאָלדסאָבער האָט זיך געריבן אָן זיין אַקסל, געעפֿנט דעם קלאַפּשלאָס.

— קומען זי אַריין. זי האָבן אפֿשר אַ זאַפּאַלקע?

קאַפּל איז אַריין אין פֿאָדער־צימער. ס׳איז געווען פֿינסטער. ס׳האָט אַ ווייגעטאָן מיט וואַקס, טערפּענטין און מיט דער זויבערקייט פֿון אַ דירה, וואו ס׳וואוינט אַ פֿרוי אַליין. מיט אַמאָל האָט די אלמנה זיך אָנגעהאָנגען מיט ביידע

הענט אָן זיין נאַקן און אים געטאָן אַ קוש גלייך אין מויל אַריין. ס׳איז געווען האַלב־אַ־קוש, האַלב־אַ־ביס. די געלע אויגן האָבן אויפֿגעבליצט ווי ביי אַ קאַץ. ס׳האָט פֿון איר אַ שמעק געטאָן מיט רויך און שאָקאָלאַד. קאַפּלען האָבן גענומען פֿליען פֿייערדיקע פּינטלען פֿאַרן בליק.

— גאָר אַזוי? — האָט ער געמורמלט.

— יאָ, אַזוי!

די פֿרוי גאָלדסאָבער האָט זיך פֿונסניי גענומען מיט אים קושן, תּאווהדיק, גענייט, מיט דער צעלאָזנקייט פֿון איינער, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן יעדע בושה. וואָס, צו אַלדי רוחות, איז דאָ געשען? — האָט קאַפּל זיך געוואונדערט.

— ס׳גייט מיר עפּעס צו־גוט. ווי פֿאַרן פּגרן!

און ער האָט גענומען די פֿרוי מיט איין האַנט פֿאַר דער טאַליע, מיט דער אַנדערער ביים אַקסל, און זי אַריינגעפֿירט אין איר אייגענער שטוב, מיט דער טויגעוודיקייט פֿון אַ מאַנסביל, וואָס קריגט מער ליבע וויפֿל ער באַדאַרף.

## 3

די פֿרוי גאָלדסאָבער האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעריסן פֿון קאַפּלס הענט.

— כ׳מוז אַראָפּגיין! — האָט זי אַ זאָג־געטאָן. — דער קרופּניק וועט מיינען מי־יודע!

— וואָס האָבן זי מורא פֿאַרן קרופּניק?

— כ׳וויל נישט אַריינפֿאַלן אין זיין מיילכל. קומען זי אַרויף שפּעטער, אַרום עלף אַזייגער. יאַך וויל מיך בלויז נאָכאַמאָל וויזן.

קאַפּל האָט איבערגעטראַכט.

— כ׳וועל נישט בלייבן ביי די אָקסענבערגס דעם גאַנצן אָוונט. איכ׳ל שפּעטער צוריקקומען.

— וואו גייען זי? זי זענען שטענדיק פֿול מיט סודות. ווער ווייסט מיט וויפֿל פֿרויען זי האָבן צו טאָן! מ׳זאָגט אויף איהן פֿאַרשידענע זאַכן.

— וואָס זאָגט מען?

— מ׳רעדט אויף יעדן איינעם. דער קרופּניק, צום ביישפּיל, מיינט, אַז מ׳קאָן קויפֿן אַ פֿרוי מיט אַ בילעט אין דער אָפּערע. וויסן זי וואָס, גייען זי אַראָפּ דער ערשטער. אַז מיר׳ן אַריינגיין צוזאַמען, וועט מען זיך גלייך נעמען וויצלען.

קאַפּל איז אַראָפּ. אין קאָרידאָר, ביי די אָקסנבערגס, האָט ער ביים שפּיגל צוגעגלייכט די האָר. דערנאָך איז ער אַריין אין מיטל־שטוב. דער עולם האָט געהאַט אויפֿגעהערט צו שפּילן. דאַוויד קרופּניק, אַ נידעריקער, אַ ברייטער, מיט אַ גראָבער נאָז און אַ משונה־גרויסן קאָפּ, האָט געשמועסט מיט לעאָן דעם גייער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פּאָר פּאַסמעס פּאָמאַדירטע האָר אויפֿן נאַקעטן שאַרבן, אין אַ געקראַטעט רעקל, ווי ס׳טראָגען נאָר אַקטיאָרן און אַ קראַוואַט מיט גאָלדענע פּינטעלעך. דאַוויד קרופּניק האָט געהאַט אין פּראַגע אַ געשעפֿט פֿון מעבל אויף אויסצוצאָלן. לעאָן דער גייער האָט געהאַנדלט מיט אַנטיקן, צירונג און איז אַריינגעקומען אין פּריצישע הייזער. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט עקע־

טעלעך, קיטעלעך, אײדלשטײנער, אײנגעוויקלט אין אַ סך פּאַפּירלעך, און מיט אַ שפּאַקטיוול, ווי ס׳נוצן בריליאַנטן־סוחרים. לעאָן דער גײער פֿלעגט אויך קומען אויף ליציטאַציעס. ער האָט שטענדיק געהאַט צו דערצײלן וועגן ווילדע מציאות, פֿאַראַרעמטע פּריצים, וואָס פֿאַרקויפֿן גיטער בזיל־הזול, און פֿון פּריצות שײנ־הייטן, וואָס פֿאַר אַ פּאָר רובל, אַ שמאַכטע, אַ גוט וואָרט גיבן זײ זיך איבער אַ נאַש־בראַט. צילקע, די אַקסענבערגס אויסגעגעבענע טאָכטער, איז געהאַט אַרויס. די מאַנסלײט האָבן אַרײנגעכאַפּט אַ שמועסל.

— נאַרישקײטן! — האָט לעאָן דער גײער געטענהט און אָנגענומען דאַוויד קרופּניקן בײם לאַץ, ווי אויף אַרײנצורוימען אַ סוד. — נעם מיך אַלײן: כ׳בין שוין נישט יונג און נישט שײן. כ׳דרײ מיך אַרום, ניש׳־פֿאַר־דיר־געדאַכט, מיט אַ געשוויר אין מאָגן און דאַרף אַן אָפּעראַציע. יענע וואָך — ס׳איז געווען מיטוואָך — קריג איך אַ טעלעפֿאָן כ׳זאָל אַרױפֿגײן אין אַ קריסטלעכער שטוב אויף אַלעיע־רוזש. מ׳מאַכט דאָרט כאַסלורע אַ שיקסע און זײ דאַרפֿן צירונג. כ׳האָב גענומען אַ פּאָר מוסטערן און פֿאַר־צו מיט אַ דראָשקע. כ׳גײ אַרויף מיט די מאַר־מאָרנע טרעפּ און קלינג־אָן. ס׳עפֿנט מיר אַן ערלית. כ׳טו אַ קוק און ווער פֿאַר־בלענדט. כ׳האָב מיר אַזש גענומען רײבן די אויגן. הויך, בלאָנד, מיט אַ שמײכל, אַז מ׳קען קריגן די ניכפּה. דאָס ביסטו, זאָג איך, די פֿאַננאַ מלאַדאַ? צעלאַכט זי זיך. איך בין, זאָגט זי, איר מוטער. כ׳האָב געמײנט, כ׳נעם אײן אַ מיתה־משונה. כ׳מאַל מיר אויס, זאָג איך, ווי די טאָכטער זעט אויס, אַז די מאַמע איז אַזאַ בילד. לאַכט זי. די כּלה האָט גראָד געמוזט גײן פּאָסן. זי קומט באַלד. די גויע איז אײנע אַלײן. כ׳פֿאַרגעס שוין אַלע געשעפֿטן. כ׳נעם אַרויס די סחורה. זי באַקוקט, מעסט־אָן, זיפֿצט. וואָס, זאָג איך, זיפֿצסטו? כ׳על דיך אָסור ניש׳ באַרײסן. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט. זי דערצײלט מיר די גאַנצע היסטאָריע. דער מאַן האָט אַלץ פֿאַרשווענדט. דער חתן איז אַ גראַף. מ׳דאַרף פֿירן שטאָט און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס. מאַך איך אַ שפּאָס און זאָג: כ׳בין נישט רײך, כ׳בין בלויז אַ פֿאַרמיטלער, נאָר דו ביסט ווערט בײ מיר די שענסטע בראָש. כ׳האָב מורא געהאַט, זי׳ט מיך אָננעמען בײם קאָפּ און אַראָפּוואַרפֿן פֿון אַלע טרעפּ. טוט זי אַן עפֿן־אויף אַ פּאָר שליפּיעס, אַז ס׳ווערט מיר קאַלט אין אַלע אבֿרים, און ענטפֿערט: פֿאַר מײנע קינדער בין איך גרײט אויף אַלע אָפּיאַרעס. אַז כ׳האָב ניש׳ געקראָגן די אַפּאָפּלעקסיע גלײך אויפֿן אָרט, בין איך אײזן שטאַרק!

דער געלער מאָטיע האָט געטאָן אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש.

— האָסט געמאַכט ס׳עסק?

— און אַז יאָ, וועל איז דיר דערצײלן?

קאָפּל האָט פֿאַרלײגט די הענט אויף הינטן.

— בראָק, בראָק, מיר הערן!

— וואו לויפֿסטו ערגעץ אַרום? — האָט זיך אָנגערופֿן איטשעלע פּעלצע־וויזנער. — יאָגסט זיך נאָך דער פֿרוי גאָלדסאַבער?

— כ׳יאָג מיך נישט נאָך קײנעם.

— זעץ דיך אַוועק, נעם אַ קאָרט!

— כ׳מוז אַוועקגײן.

קאָפּל איז אַרויס אין קאָרידאָר, אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דעם קאַפּעליוש. די קיך־טיר האָט זיך געעפֿנט און ס׳איז אַרויסגעקומען די דינסט, אַ קורצע דיקע מויד מיט אַ ברייט פּנים, פֿול מיט יצר־הרע־בלעטערלעך.

— זי קומען, אָדער זי גייען?

— ביידע צוזאַמען.

— זי וועלן נאָך זיין צוריק?

— אפֿשר יאָ און אפֿשר ניין.

קאָפּל איז אַרויס. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער בריק. קאָפּל איז געוואוינט געווען צו האָבן מזל ביי פֿרויען, נאָר לאהס קומען צו אים היינט אין דער קאַנצעלאַריע און דערנאָך די שטיק פֿון דער פֿרוי גאָלדסאָבער האָבן אים אינגאַנצן פֿאַרווירט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ לאָמטער און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. כ׳האָב אַלץ: — האָט ער געטראַכט — געלט, ווייבער, הייזער. וואָס־זשע פֿעלט מיר, האַ? פֿאַרוואָס־זשע קען איך נישט איינזיצן אויף קיין אָרט?

ביים עק מאַלע, סטאַלאָווע און מלינאַרסקע איז קאָפּל אַריין אין אַ רעסטאָראַן און נאָך אַ וואַקלעניש אָנגעקלונגען לאהן. לאה איז צוגעקומען צום טעלעפֿאָן.

— לאה, דאָס ביסט דו?

— קאָפּל! — האָט לאה געטאָן אַ געשריי. — כ׳זיץ און טראַכט וועגן דיר די גאַנצע צייט.

— מיר קענען זיך אפֿשר זען?

— וואו ביסטו? קום אַריבער. ס׳איז קיינער נישטאָ אין שטוב אַ חוץ די קינדער.

— כ׳על דאַרט זיין אין אַ האַלבער שעה.

קאָפּל איז איינגעזעסן אין אַ טראַמוויי נומער פֿינף. לאה האָט געוואוינט אויף דער טשעפּלע, צווישן דער גזשיבאָווסקע און דער צעגלאַנע, און קאָפּל איז אויסגעשטיגן נאָך די האַלעס. ס׳איז אויסגעקומען צו גיין אַ שטיקל וועג צופֿוס. פֿריער איז ער פֿאַרביי אַ קאַזאַרמע מיט אַ זעלנערישער בעקעריי. אַביסל וויטער האָט זיך געפֿונען די זשאַנדאַרמעריע. אין פֿינסטערן הויף האָבן זיך געצונדן פֿייערלעך. ביי אַ בוידל איז אַ זשאַנדאַרם געשטאַנען אויף דער וואַך. קעגן נאַכט־צו איז דאָס שיסן פֿון די האַרמאַטן געוואָרן הילכיקער. אַ דין רעגנדל האָט גענומען פֿאַלן. אַלץ האָט געהאָנגען אויף אַ וואָגשאָל: די רוסישע מלוכה, וואָס ווערט געפֿירט פֿון ראַספּוטינען; די פּראַגער בריק, וואָס מ׳האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין מינירט, גרייט אויפֿגעריסן צו ווערן, ווען ס׳וועלן אַריין די דייטשן; די שטאָט וואַרשע, וואָס מ׳האָט געשמועסט, אַז פּאַניע וועט זי אונטערצינדן איידער ער וועט אַוועק; ער אַליין, קאָפּל, און זיין פֿאַמיליע. קאָפּל האָט זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט ייִנגלווייז געהערט זאָגן אין חדר: אַז די ערד איז אָנגעשפּאַרט אויפֿן לוויתן. ווען דער לוויתן וואָלט אַרויסגענומען דעם ווייַדל פֿון מויל, וואָלט די וועלט געוואָרן חרוב... ביים טויער איז קאָפּל געבליבן שטיין און זיך געפֿרעגט: וואָס, אייגנטלעך, גיי איך צו איר? וואָס וועל איך איר זאָגן? ווי אַזוי? אויף די טרעפּ האָט ער אַרויסגענומען אַ טיכל און אָרומגעווישט דאָס פּנים. ווי נאָר

ער האָט געטאָן אַ קלונג, האָבן זיך דערהערט לאהס טריט. קאָפּל האָט ברייט צעעפּנט די אויגן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען לאהן אַזוי אויסגעפּוצט. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ זיידן טיכל, נאָר ס׳האָבן אַרויסגעקוקט די קאָר־בירטע האָר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם מאָרגן־ראָק, און אין שטעק־שיכלעך מיט פּאָמפּאָנען. אין די אויערן זיינען געזעסן אַ פּאָר בריליאַנטענע קעפּלעך. אויף די פינגער האָבן געבליצט סיגנעטן. לאה האָט אים אָנגענומען ביים אַרבל, אַריינגעצויגן אין ר׳ משה־גבריאלס שטיבל. קאָפּל איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען. קאָפּל האָט דערזען: אַ ספרים־שענקל, פּאָליצעס, אַ שרייב־טיש באַלייגט מיט כתבים, אַ שטענדער מיט אַ גמרא. ווען נישט די קאַנאַפּע, וואָלט קאָפּל געמיינט, אַז ר׳איז אַריינגעפאַלן אין אַ חסידים־שטיבל. קאָפּל איז געוואָרן ביי זיך בטל און שעמעוודיק. זי זעט אויס ווי אַ רביצין! — איז אים איינגעפאַלן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ קווענקלעניש. ער האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפיל: ווי ער וואָלט לאהן שוין נישט געזען אַ לאַנגע צייט. אין איין רגע האָט אויפגעוואַכט אין אים סאַי די ליבשאַפט, סאַי די תאוה.

— וועסט אפשר טרינקען אַ גלעזל ווישניק? וואַרט אַ מינוט!

לאה איז אַרויס, זיך אומגעקערט מיט אַ טאַץ. ס׳איז אויף איר געשטאַנען אַ קאַראַפינקע, צוויי בראָנפן־בעכערלעך, און ס׳איז געלעגן אַ שטיקל האָניג־לעקעך. די טאַץ האָט זיך לאהן געטרייסלט אין די הענט.

— גיס־אָן, קאָפּל, טרינק. וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? ס׳איז, חלילה, עפּעס געשען?

— ניין, לאה, ס׳איז גאָרנישט געשען — האָט ער געענטפערט. — כ׳האָב דיך ליב.

— לחיים! האַ? כ׳האָב אַלץ איבערגעטראַכט, די גאַנצע זאַך. אוי, קאָפּל, כ׳האָב אַזוי מורא. וואָס ט׳זיין מיט די קינדער, האַ? אהר׳לע ט׳שוין בלייבן מיטן טאַטן. ער איז זיין זון. מאַשע איז אַ דערוואַקסן מיידל. אָבער זלאַטעלע און מאירל דאַרפן נאָך אַ מאַמען. ווי לאָזט מען דאָס איבער אַזוינע שוואַלבן? סיידן זיי מיטנעמען.

— פאַרוואָס נישט? מ׳קאָן.

— ווי אַזוי? אין אַזאַ פייער? די שויבן ציטערן ביינאַכט. ס׳איז עפּעס אַזוי, קאָפּל, כ׳ווייס נישט וואָס צו זאָגן. רוק דיך צו נעענטער. ביזט דאָך נישט קאַ׳ חסיד.

קאָפּל האָט זיך צוגערוקט און זי אָנגענומען ביי די האַנט־געלענקען.

— האָסט חרטה? — האָט ער געפרעגט.

— חרטה? ניין, קאָפּל. וואָס זאָל יאַך באַדויערן? דאָס מיט עים איז ניש׳ קאַ׳ לעבן. די קינדער האַלטן אַלע מיט מיר, אַ חוץ אַהרלען, פאַרשטייט זיך. אַנומלט זאָגט צו מיר מאירל: מאַמעשי, ביסט אַלעמאָל אַליין. מאַשע ווייסט מיין מילער, נאָר זי רעדט ניש׳ קאַ׳ וואָרט. זלאַטעלע איז אַ שטיק זייד. זי מאַכט זיך קינדעריש, נאָר דאָס איז אַן אַלט געמיט. וואָס טוט מען, קאָפּל? ווי קריכט מען אַרויס? נאָך וואָס ביסטו געקומען? האָסט דיך נאָך מיר פאַרבענקט?

— יאָ, לאה.

— כ'האָב דיך נישט געוואָלט פֿאַרבייפֿירן די שטוב, דעריבער זײַנען מיר דאָ. זיץ אַ ווײַל, כ'על אַרײַנברענגען אַ גלאָז טיי.

לאה האָט זיך אויפֿגעהויבן. בײַם אויפֿשטיין האָט זיך איר קני אָנגעשטויסן אָן זײַנער. די פֿאָלעס פֿון ראָק האָבן זיך פֿאַרשאַרצט און קאָפּל האָט דערזען די קנעכלעך און אַ שטיק ברייטע ליטקע. קאָפּל האָט זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום שטענדער, געעפֿנט די גמרא. אויפֿן ערשטן בלאַט איז געווען אויפֿגעדרוקט אַ געציקלט קעסטעלע און ס'איז אינעווייניק געשטאַנען דאָס וואָרט השותפֿין. אין מיטן איז געלעגן אַ דרים־פֿאָדים פֿון אַ ציצה און אַ געל־גאָלדענע האָר פֿון ר' משה־גבריאלס באָרד. קאָפּלען איז געוואָרן איבער דער טבע. ער איז אַ רבי און זי איז אַ רביצין! — האָט ער געקלערט. — זי איז ר' משולם מושקאַטס טאָכטער און איך בין קאָפּל משרת... ווען די טיר האָט זיך ווידער געעפֿנט און לאה האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גלאָז טיי מיט ציטרין און אַ קלאָש קיכלעך, האָט קאָפּלען אָנגענומען אַ פֿאַרלאַנג אַ פֿאַל צו טאָן פֿאַר איר אויפֿן טעפּיך און צו קושן די נעז פֿון די לעטשלעך, ווי מ'זעט דאָס צומאָל אין פּוילישן טעאַטער. ער האָט זיך געטאָן אַ דריי און זי אַרומגענומען בײַ דער טאַליע. דאָס גלאָז אין לאהס האַנט האָט זיך געגעבן אַ שאָקל.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? כ'על דיך נאָך אָפּבריען!

— לאה, מוזסט זײַן מײַנע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול.

— כ'האָב דיך ליב! כ'האָב דיך גלײַך ליב געקראָגן יענעם טאָג, ווען ביסט אַרײַן אין דער קאַנצעלאַריע און דער טאַטע עליו השלום האָט דיך אָנגערופֿן שיקסע...

— יאָ, קאָפּל, כ'ווייס. זעץ דיך אַנידער. מיר'ן נאָך האָבן גענוג צײַט צו רעדן.

## 4

די טיר האָט זיך געעפֿנט. ס'האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ מאירל, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר נײַן, מיט אַ רונד פּנימל, רויטע בעקעלעך און גרויסע העלע אויגן. די פּיאות זײַנען געווען צוגעשוירן אין דער קרום. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַכט־קאַנטיק היטעלע, אַ ריפּסן כאַלאַטל, קורצע צייגענע הויזן און שיך מיט גומעס. מאירל האָט געטאָן פֿאַרחידושט אַ קוק אויף דער מוטער, אויף קאָפּלען, זיך גענומען רוקן אויף צוריק.

— עלעהיי וואָלסטו געזאָגט גוטן אָוונט — האָט זיך אָנגערופֿן לאה.

— גוטן אָוונט.

— דאָס איז קאָפּל, דעם זיידן עליו השלומס מענטש. דו קאָנסט דאָך קאָפּלען?

— יאָ, קאָפּל משרת.

קאָפּל איז געוואָרן רויט. לאה האָט אָנגעשריגן אויף איר זינדעלע.

— ס'ווייסט אַפֿילו ניש' ווי מ'רעדט צו אַ מענטש! וואָס ווילסטו?

— מאַמעשי, כ'וויל אַ זעקסער.

— וואָס טויג דיר אַ זעקסער?

— כ׳וויל קויפן אַ קאַיעט.

— דו שרייבסט דען אַ דיקטאַנדע אין חדר? ס׳האָדעוועט זיך אין אַ וויל־דערניש!

— יאָ, ס׳קומט אַ לערער.

— קום אַהער, איכ׳ל דיר געבן אויף אַ קאַיעט — האָט קאַפּל זיך אַריינגעמישט. ער האָט אַרויסגענומען פון טייסטער אַ זילבערנעם פּערציקער און דערלאַנגט. מאירל האָט שלוי געשמייכלט, זיך געקווענקלט.

— קאַפּל, אָסור זאָל דיר זיין! — האָט לאה זיך צעשריגן. — וואָס טויג עים אַזויפל געלט? אַן עברה!

—ער׳ט שוין געפינען אויף וואָס אויסצוגעבן. האָ, מאירל?

— אַ שאלה!

— קום אַהער, וואָס לערנסטו אין חדר? — האָט קאַפּל געפרעגט.

— יאָן? כ׳האָ׳ שוין אָנגעהויבן תוספות.

— ס׳אַראַ גמרא?

— בבא מציעא. המפקיד.

— וואָס ווילסטו זיין, אַז ס׳ט׳אויפוואַקסן? אַ חסיד, אָדער אַ מתנגד?

מאירל האָט געשוויגן.

— נו, ענטפער! — האָט לאה אים באַפוילן. — ס׳קאָסט מיך געגוג מלמד־געלט.

— אַ חסיד.

— צו וואָס פאַראַ רבין ווילסטו פאָרן?

— קאָ׳ ביאַלאָדרעוונע.

— אפשר וואָלסטו גאָר געוואָלט ווערן אַ דייטש און אָנטאָן אַ צילינדער?

מאירל האָט זיך פאַרשעמט.

— ניין.

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל די דייטשן שטראָפט מען אין גיהנום.

— ביסט געוועזן אין הימל און אַליין געזען?

— ס׳שטייט.

— וואו שטייט?

— כ׳ווייס ניש׳. מ׳טאָר ניש׳. דער טאַטעשי ט׳געזאָגט.

— בענקסט נאָכן טאַטעשי?

— יאָ. ניין. אַביסל.

— פאַרוואָס נישט אַ סך?

— ווייל, ר׳האָט מיר ניש׳ איבערגעלאָזט קאָ׳ לעצט־געלט.

— פע, פּלאַפּלסט ווי אַ קינד פון זיבן יאָר! — האָט לאה זיך אויף אים אָנגעבייזערט. — נו, גיי שוין. זאָלן דיינע שונאים רעדן.

— אַ שיינעם דאַנק.

מאירל האָט באַקומען רויטע אויערן. ער איז אַרויס און די טיר האָט זיך

הינטער אים פֿאַרקלאַפּט. לאהן זיינען אָנגעלאָפֿן די טרערן. זי האָט גענומען שנייצן די נאָז.

— וואָס איז דיר? וואָס וויינסטו?

— אוי, קאָפּעלע, פֿאַרוואָס איז אַלץ אַזוי פֿאַרקערט? אַ ייד פֿאָרט אַוועק אויף גאַנצע וואָכן און לאָזט אַפֿילו נישט איבער די קינדער קאָ׳ צווייער. מאירל, פֿאַרגעס נישט ס׳דאַווענען; מאירל לאָז דיך נישט נישט אָנרעדן פֿון יצר־הרע! אַז אַ קינד דאַרף אַ צאַצקע, אַ שפּילעכל — דאָס פֿאַלט זיי נישט איין, די צלאָפּעס. וועגן אַ ווייב איז דאָך אָפּגערעדט. ער איז שולדיק, וואָס מאַשע גייט מיט דעם שייגעץ. ער! נאָר ער!

— לאה, רעג דיך נישט אויף!

— קאָפּלשי, כ׳קאָן נישט מער! כ׳ווייס. מ׳עט מיך באַרעדן, באַשמוצן, גאַנץ וואַרשע וועט מיט מיר אויף־זיין, נאָר ווייטער אַזוי אָפּפּינסטערן איז איבער מיינע כּוחות! באַלד נאָך יום־טוב וועל יאָך אים אָפּגטן און דערנאָך טו מיט מיר וואָס דו ווילסט. כ׳על אויסטאָן ס׳שעם־היטל. אויב דו ווילסט, קענען מיר אַפֿילו חתונה האָבן דאָ אין וואַרשע. מיר מוזן נישט אַנטלויפֿן קאָ׳ן אַמעריקע.

— אַנטלויפֿן? ניין.

— ביי מיר ביסטו מער יחסן פֿון אַלע פּאַראַזיטן. דער טאַטע, עליו השלום, האָט פֿון דיר געהאַלטן אַ וועלט. אויף קאָפּלען, פֿלעגט ער זאָגן, קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן. מ׳דאַרף אים נישט אַריינלייגן אַ פֿינגער אין מויל. משה־גבריאלן פֿלעגט ער רופֿן ס׳מלמדל. מילא, איבער אַהרלען האָב יאָך שוין ניש׳ צו שאַפֿן. האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן טאַטן און געוואָרן אַ יושב. נאָר מאירל, וויל יאָך, זאָל זיך לערנען און ווערן אַ היינטיק־וועלטישער בחור. מ׳קאָן זיין אַ ייד אָן אַ קאַפּאָטע.

— מיינע ווערטער!

— קום אַהער!

קאָפּל איז צוגעגאַנגען, האָט זי אַרומגענומען, געקושט. לאהס פֿולע ליפּן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיינע. איר פּנים איז געוואָרן מיידלש־צעפֿלאַמט און די אויגן זיינען דערפֿון געוואָרן גרעסער און בלויער. קאָפּל האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער סאָפֿע, נאָר לאה האָט זיך אַרויסגעריסן.

— ניין, קאָפּעלע, מיר׳ן מערטשישעם חתונה־האָבן כּדת משה וישראל.

אין די פֿופֿצן מינוט, וואָס קאָפּל איז נאָך געבליבן, האָט לאה גערעדט וועגן אַלץ צוזאַמען: אַז ער, קאָפּל, זאָל נישט טאָן קאָ׳ן עוולה באַשעלען; אַז מ׳עט דאַרפֿן מאַשען אַרויסראַטעווען פֿון דער גויאישער נעץ און איר געבן אַ נדן; אַז ער, קאָפּל, וואָלט געדאַרפֿט מאַכן שלום מיט אַבראַמען; אַז פֿישעלע, הדסהס מאַן, האָט ערב דער מלחמה אָנגעקויפֿט אַ טראַנספּאָרט אייל און איז געוואָרן נתעשר; אַז די לערערס אין גימנאַזיע לויבן זלאַטעלען אין הימל אַריין. לאה האָט דערמאָנט אָן שום צעזאַמענהאַנג, אַז שוין צוויי יאָר ווי זי פֿירט נישט מיט משה־גבריאלן דעם שטייגער פֿון מאַן און ווייב, און אַז דאָקטאָר מינץ האָט איר פֿאַרשריבן פּילן צו די נערוון. זי האָט אַרויפֿגעלייגט קאָפּלס האַנט אויף דער ברוסט און געזאָגט:

— זע, ווי ס׳קלאַפּט מיר ס׳האַרץ.

— ס׳האַרץ איז אויף דער לינקער זייט...

קאַפּל איז אַרויס פֿון לאהן אַ באַרוישטער. אין דרויסן האָט דאָס רעגנדל געהאַט אויפֿגעהערט, אָבער דער טראָטואַר איז געבליבן נאַס און שפּיגלדיק. פֿון די גאַז־לאַמטערן האָבן אַראָפּגעהאָנגען קנוילן נעפּל. קאַפּל האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער און אַ קוק געטאָן אויפֿן ציפֿער־בלאַט. ס׳איז געווען אינגאַנצן אַ פֿערטל אויף עלף. איכ׳ל צו דער גאָלדסאָבער נישט גיין! — האָט קאַפּל בּיי זיך אָפּגעפּאַסט. — כ׳דאַרף מיך נאָך פֿאַרפּלאָנטערן מיט דער טשאַסטע... אָבער גיין אַהיים האָט ער אויך נישט געהאַט קיין לוסט. ער איז געווען האָפֿערדיק פֿון די נצחונות, נאָר עפּעס האָט אים געפֿעלט. וואָס, אייגנטלעך, ציטער איך? — האָט ער צו זיך גערעדט. — מ׳האָט אָפּגעגט שענערע ווייבלעך פֿון באַשעלען. זי׳ט זיין גליקלעך, אַז כ׳על איר געבן פּרנסה. קאָגאָט איז סיי־ווי נישטאָ. ס׳איז אַלץ אַ גאַז. אַז מ׳טוט אַ דריק ביים גאָרגל, איז מען אויס קאַפּעליוש־מאַכער!...

מיט אַמאָל איז קאַפּלען געוואָרן קלאָר, וואָס אים קוועטשט. ער האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש מיט עמעצן צו שמועסן, זיך צו טיילן; נישט ווי דער באַרי־מער לעאָן דער גייער, וואָס באַקט־אָפּ נישט־געשטויגענע קאַקע־מייקעס, נאָר ווי ער, קאַפּל, פֿלעגט אַמאָל אַריינגיין מיט אַ גוטן־ברודער אין אַ שענק און ביי אַ קופֿל ביר כאַפּן אַ שמועסל וועגן אַכצן־און־דרייצן. אַמאָל האָט ער געהאַט פֿריינט אין דער חברה. דער אייגענער דאַוויד קרופּניק איז געווען מיט אים ווי אַנדערע צוויי. מ׳האָט נאָך דאַמאָלט געקאָנט זיך דורכשמועסן מיט איזידאָר אַקסענבערג, מיטן געלן מאָטיען, מיט ר׳ משולם מושקאַטס מענטשן. אָבער די יאָרן האָבן אַלץ פֿאַרענדערט. דאַוויד קרופּניק איז איצט געווען אַ באַהאַל־טענער שונא. דער געלער מאָטיע האָט געהאַט אַ ווייב, וואָס האָט אים געפֿירט ביי דער נאָז, און ס׳זיינען אים נישט אַנגעגאַנגען קיין בחורישע שמד־שטיק. איזידאָר איז געווען אַ שיכּור. ר׳ משולם משוקאַטס פֿירמע איז געווען טויט. קאַפּל איז געשטאַנען און אַנגעשפּיצט דאָס געהער צו דעם שיסן פֿון די האַר־מאַטן. ער האָט איצט באַנומען, אַז די אַמאָליקע צייט וועט זיך מ׳ער קיינמאָל נישט אומקערן. פֿאַר זיינע, קאַפּלס, אויגן איז אַוועק אַ דור...

קאַפּל איז געפֿאָרן צוריק קיין פּראָגע. צי ס׳האָט זיך קאַפּלען אויסגעדוכט, אָדער ס׳איז טאַקע געווען אַזוי, נאָר אין די גאַסן איז געווען פֿינסטערלעך, ווי אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. די געוועלבן זיינען אַלע געשטאַנען פֿאַרהעמערט אויף די שטאָבעס, פֿאַרמאַכט אויף די ריטש־טירן. פֿון די טונקל־באַלויכטענע פֿענסטער האָט אַראָפּגעקוקט אַ מלחמהדיקער דלות. פּאַטרולן זעלנער האָבן אַרומגעשלייכט, געזוכט דעזערטירן. די סטרוזשעס האָבן זיך געאיילט צו פֿאַרמאַכן די טויערן. אַ ווינקל הימל האָט געגליט רויט. ערגעץ דאָ נישט ווייט האָט געברענט די וועלט, בלוט האָט זיך געגאָסן, מענטשן זיינען געפֿאַלן ווי פֿליגן...

וואָס לענגער קאַפּל האָט איצט געטראַכט און געחשבונט, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז ער וועט מער פֿון וואַרשע נישט האָבן קיין נחת. דער פּלאַן אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע איז גאָרנישט אַזוי קרום...

קאַפּל איז אָפּגעשטיגן ביי דער מלינאַרסקע. ער האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט פֿאַרבייצוגיין די מאַלע גאַס, נאָר גלייך זיך לאָזן אַהיים. אָבער דאָס געסל האָט אים צוגעצויגן. ס׳איז געווען צו־פֿרי צו גיין שלאָפֿן. ער האָט נאָך געמוזט מיט עמעצן פֿאַרברענגען. דאָס טויער, וואו די אָקסענבערגס האָבן געוווינט, איז שוין געווען פֿאַרמאַכט, נאָר דער סטרוזש האָט גלייך געעפֿנט. ער האָט געקאָנט קאַפּלען און געוואוסט, אַז ער גיט אַ היפּשע מטבע. אין הויף האָט קאַפּל גענומען אַרויפֿקוקן צו די העכערע שטאָקן. די פֿרוי גאָלדסאָבער איז שוין געווען אין דערהיים. ס׳האָט אויבן געטליעט אַ רויטלעכע שיין, ווי פֿון אַ נאַכטלעמפּל. קאַפּל איז אַריין אין דעם פֿינסטערן איינגאַנג, זיך געלאָזט אַרויף שטילערהייט, אויף די שפּיצן־פֿינגער. ער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער פֿרוי גאָלדסאָבערס טיר.

— קטאָ טאַם?

— איך.

די פֿרוי גאָלדסאָבער האָט אויפֿגעריגלט און אויפֿגעקייטלט. זי האָט געטראָגן אַ ראָזע שלאָפֿראָק און רויטע שטעק־שיכלעך. די האָר זיינען געווען צעלאָזן. זי האָט זיך געהאַט געפּודערט און געשמינקט. ס׳האָט געשמעקט פֿון איר מיט נעלקען־פּערפֿום. זי האָט אָנגענומען קאַפּלען ביי בײדע הענט און אים אַריינגעצויגן אין קאָרידאָר. זי האָט זיך צעכיכעט.

— יענער גייער!...

## קאַפּיטל דרייסיק

### 1

עלף אַזייגער ביינאַכט האָט די באַן זיך געטאָן אַ ריר. דינהלע האָט גענומען נאָכלויפֿן און פֿאָכען מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט געהאַט צו זאָגן נאָך אַ לעצט וואָרט, וואָס זי האָט פֿאַרגעסן אין דעם האַרמידער. איין האַלב פּנים איז געווען ליכטיק, דאָס אַנדערע — פֿינסטער. איידל האָט געשאָקלט מיט אַ טיכל. די מאַמע, רויזע־פֿרומעטל, ר׳ וואָלף הענדעלס, זיינען געבליבן פֿון הינטן. באַלד האָבן זיך אַלע אָפּגערוקט אויף צוריק. דער צוג איז געפֿאָרן אין האַלבער פֿינסטערניש. דער הימל האָט געהויערט איבער וואַרשע אַ רויט־אָנגעגליטער, ברוין־און־בלוי. די וואָלקנס זיינען געהאָנגען נידריק, אָנגעלאָדן מיט רעגן און שניי. פֿון דער מוראַנאָווער בריק האָט עוזר־העשל צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער שטאָט. לענגאויס די ברעגן ווייסל האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות לאַמטערן. די לאָמפּן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ברייט־צעגאָסענער ווייסל. פֿון די קופּעס דעכער, וואָס האָבן ווי געקלעטערט איינער איבערן אַנדערן, האָבן זיך דורכגעריסן די קופּאָלן פֿון סאָבאָר. ס׳האָבן זיך פֿון דאָרט געהויבן ליכטיקע נעפּלען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפּייפֿט, געצישעט, געזעצט מיט קנוילן רויך. די רעלסן האָבן געקלונגען אונטער די שטאָלענע רעדער. די בריק האָט זיך

געשאָקלט. עוזר־העשל האָט זיך ערשט איצט אומגעקוקט איבערן וואַגאָן. ס׳איז דאָ געווען טונקל. אַן איינציק ליכט האָט גערויכערט. די בענק זיינען געווען באַזעצט מיט זעלנער, גויים, גויעס, און עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. פֿאַר אים, עוזר־העשלען, איז מער נישט געבליבן קיין אָרט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וואַליזע. דער פֿוס־באָדן איז געווען באַטרעטן מיט בלאָטע, באַשאָטן מיט זעגעכץ. ס׳האָט געשטונקען מיט מאַכאָרקע און דזשעגעכץ. ס׳האָט אַריינגעוויעט אַן אונטערוועגישע קעלט.

טייל פּאַסאַזשירן האָבן גלייך גענומען שנאָרכן. אַנדערע האָבן גערעדט, גערויכערט, געזיפֿצט. אַ קאָנדוקטאָר האָט געהייסן ווייזן בילעטן. מיט דעם לאַמטער, וואָס איז געווען האַלב ווייס האַלב רויט, האָט ער געזוכט אונטער די בענק, צי ס׳האָט זיך דאָרט עמעץ נישט באַהאַלטן. אַ זשאַנדאַרם האָט פֿאַרלאַנגט פּאַספּאָרטן. אויף עוזר־העשלס פּאַס האָט ער לאַנג געגאַפֿט. אין אַטוואַצק האָט עמעץ אַרויפֿגעבראַכט פֿון וואָקזאַל אַ טשייניק טיי. עוזר־העשל האָט גענומען אויפֿוויקלען דאָס פּעקעלע וואָס הדסה האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט אַריינגענומען אַ קיכעלע אין מויל. אַ ציטערנדיקע ליבשאַפֿט האָט אים אָנגענומען צו הדסהן. ער האָט פֿאַרבראַכט מיט איר די פֿאַר־לעצטע נאַכט, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ס׳וואָלט פּאַסירט לאַנג צוריק. נאָך קיינמאָל איז אים אַ מעת־לעת נישט פֿאָרגעקומען אַזוי גרויס: דאָס אַרומשלענדערן זיך צוזאַמען מיט הדסהן אין גאַס, דער האָטעל, דאָס געזעגענען זיך פֿאַרטאָג, און דערנאָך: אין דער היים מיט דער מאַמען, דינהלען, דעם זיידן, דער באָבען, די פֿעטערס, די מומעס, די שוועסטער־קינדער. דינהלע איז אין אַכטן חודש. פֿון דעם מאַן אירן, מנשה־דודלען, איז אָנגעקומען אַ ידיעה. ער איז געהאַט געבליבן שטעקן אין גאַליציע, אָבער די עסטרייכישע אַרמיי האָט אָפּגעטרעטן און ער האָט זיך ווידער געפֿונען אויף דער רוסישער זייט. קעגן אָוונט זיינען געקומען צום זיידן אויף דער פֿראַנצישקאַנער גאַס רויזע־פֿרומעטל, איידל, ר׳ וואָלף הענדעלס. מ׳האָט געגעסן נאַכטמאָל, גערעדט סיי וועגן אַ תּכלית, סיי וועגן אַ גט. רויזע־פֿרומעטל האָט געווישט די טרערן, האַלב־געוואונטשן, האַלב געשאָלטן.

איצט האָט עוזר־העשל זיך דערווייטערט פֿון דעם אַלעמען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע. דער וואַגאָן האָט זיך געטרייסלט. פֿאַר דעם פֿענסטער זיינען פֿאַרבייגעפֿלויגן קנוילן נאַכט. הייזלעך האָבן אויפֿגעטויכט, צוריק איינגעזונקען. ביימער האָבן געטאַנצט, זיך פֿונאַנדערגערוקט, געמאַכט אַ וואָרע. צעאַקערטע פֿעלדער, דורכגעשניטן מיט ריוון וואַסער, האָבן זיך אויסגעדרייט ווי אין אַ נס. פֿון ערגעץ איז אָקעגנגעלאָפֿן אַ ווינט־מיל. קעגן דעם פּראָזשעקטאָר פֿון דער מאַשין האָט עוזר־העשל דערזען אַ סטראַשידלע. דער שטעקן מיטן אָפּגעריסענעם שפּענצער און צעלעכערטן שטרוי־הוט האָט אין דער נאַכט באַקומען אַ געשפּענסטישע האַפֿט, געלאַכט מיט אַ לצנישער פֿרייד...

עוזר־העשל האָט צוגעשלאָסן די וויעס, נאָר ער האָט נישט געקאָנט איינדרימלען. אַ סאָלדאַט האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אַלע יידן זיינען שפּיאָנען. ער האָט דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע וועגן אַ ראַבין, וואָס האָט באַהאַלטן אין די ציצית רוסישע פּלענער און זיי אַריבערגעטראָגן צום דייטש. די רוסן האָבן

איך געכאַפּט און אויפֿגעהאַנגען. אַ פּוילישער גוי האָט געשמועסט וועגן אַ רציחה, וואָס רעקרוטן זיינען באַגאַנגען אין זיין דאָרף. די יידן האָבן עפּעס געמורמלט צווישן זיך. אין איוואַנגאָראָד האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט און איז געשטאַנען עטלעכע שעה. די סאָלדאַטן זיינען אַראָפּ טרינקען טיי. אַ יונגערמאַן מיט אַ געל בערדל, אין אַן אָפּגעריסן כאַלאַטל, פֿול מיט לאַטעס, האָט אויפֿגעלאָדן זעק. דאָס ליכט האָט זיך געהאַט אויסגעברענט און קיין אַנדערס האָט מען נישט אָנגעצונדן. דער פּאַסאַזשיר האָט געריבן קינדלעך.

— ס'עפּעס דאַ יהודים?

— וואוהין פֿאָרט אַ ייד?

— קאַ' לובלין.

— העי, פֿעטער, וואָס האָט איר אין די זעק? — האָט זיך אָנגערופֿן אַ יידענע.

— יידישע צרות...

אַ קינד, וואָס איז ביז איצט געשלאָפֿן אויף דער מאַמעס ברוסט, האָט זיך צעוויינט. דאָס ווייבל האָט עס געפּרואווט אַנזויגן, איינשטילן, נאָר דאָס עופֿעלע האָט זיך געריסן. צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ גערייד. איינע האָט געזאָגט, אַז ס'טוט אים ווי ס'בייכעלע. אַן אַנדערע האָט געראָטן מ'זאָל שיטן קראַכמאַל צווישן די פּיסעלעך. אַ גוי האָט זיך געבייזערט, פֿאַרוואָס יידן שלעפּן זיך אַרום מיט בענקאַרטעס און לאָזן נישט שלאָפֿן. אַ סאָלדאַט האָט געטשעפּעט מיט אַ גויע און יענע האָט געשריגן:

— זאָל דער פּאַן האַלטן די הענט ביי זיך!

— העי, דו, באַבאַ!...

— הערט־אויף!... כ'על שרייען געוואַלד!

די נסיעה פֿון וואַרשע קיין לובלין דויערט געוויינלעך אַ פֿינף שעה, נאָר ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, ווען די באַן האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. אין דאָרפֿישע כאַטעס האָבן שוין געפֿלאַקערט פֿייערן אין די אויוונס. דער הימל איז געוואָרן העלער, די ערד — גרויער. די וואַסערן אין די גריבער האָבן באַקומען אַ קאָליר פֿון בליי. קופּעס מיסט האָבן גערויכערט. פֿון די צעאַקערטע פֿעלדער איז אויפֿגעגאַנגען אַ פּאַרע, ווי די ערד וואָלט געברענט אין די טיפֿענישן. צווישן די שטיקער טאָג און נאַכט זיינען געפֿלויגן קראָען מיט אַ קראַקעניש. אויף אַן אָפּגעקראַכענער לאַנקע איז געשטאַנען אַן איינציקע קו, די טעמפּע מאָרדע אויסגעשטרעקט, פֿול מיט פֿאַרטאָגישן צער. אַ ווייל האָט אויפֿגעלויכטן אַ פֿאַבריק. הינטער שוואַרצלעכע שויבן האָבן זיך געדרייט רעדער און ס'זיינען געלאָפֿן טראַנסמיסיעס. פֿון אַ קוימען איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויך. ס'האָט געשמעקט פֿון טשאַד, צעלאָלאָיד און נאָך עפּעס אָנגעברענטס און שטיקיקס. באַלד איז ווידער געוואָרן הינטער־שטאָטיש שטיל. דער געלער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אויף די זעק, האָט באַקומען לשון.

— היינט, אַז מ'קומט איבער אַ רייזע, דאַרף מען בענטשן גומל.

— שאַ'ט, מ'איז נאָך נישט איבערגעקומען.

— ס'עט שוין אַדורך מיט חסד...

גלייך דער בייזער גוי, וואָס האָט פֿריער געהאַט טענות אויף דעם ווייגענ־דיקן פּיצעלע, וואָלט פֿאַרשטאַנען דאָס יידישע לשון, האָט ער געטאָן אַ געשריי:

— העי, דו, שוויג. ביסט נישט אין דער בוזשניצע!...

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ — האָט גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן אַ זעלנערל, וואָס איז געזעסן פֿאַררוקט צווישן פּעק.

אין לובלין זיינען די יידן אויסגעשטיגן און עוזר־העשל איז געבליבן איין ייד אין וואַגאָן. די קאָנדוקטאָרן האָבן זיך געביטן. אַ זשאַנדאַרם האָט געפֿרעגט אויף אַ פּאַס. ס׳זיינען איינגעזעסן זעלנער מיט ביקסן, פּאַטראָנען, קעסעלעך. דער צוג האָט דאָ לאַנג געוואַרט. צום עסטרייכישן פֿראָנט האָבן זיך געצויגן לאַסט־צוגן מיט נאַפֿט, משונה־הויכע וואַגאָנען, וואָס מ׳זעט גאָרנישט אין די היגע מקומות, פּלאַטפֿאָרמעס מיט פּולעמיאָטן, איבערגעדעקט מיטברעזענטן. אין אַ באַן פֿאַר אָקסן האָט מען געפֿירט חיילות. פֿון די געקראַטעטע פֿענסטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט די איוואַנעס, ווי בהמות צו דער שחיטה. אַ הויכער סאָלדאַט אין אַ לאַנגן שינעל ביז צו די קנעכלען, מיט שפּאָרן אויף די שטיוול, האָט פֿאַרפֿירט מיט עוזר־העשלען אַ שמועס.

— דו וואָוהין?

— זיך שטעלן צום פּריזיוו.

דער פּאַניע האָט זיך צעלאַכט.

— זעסט נישט אויס ווי אַ סאָלדאַט.

— אַז מ׳עט דאַרפֿן, וועל איך זיין.

— וואָט! נישטאָ קיין יידיש מיליטער. יידן באַהאַלטן זיך אונטער די קליידער פֿון די באַבעס!...

און דער קאַצאַפּ האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ גראָב געלעכטער.

— גיב אים, ברודערל, אַ שטיק קאָלבאַס! — האָט געעצהט דאָס קליינע זעלנערל.

— ריכטיק. נאַ!

און דער איוואַן האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ שטיק וואורשט און מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן אַ שטיק. די קלינג האָט געטאָן אַ בליץ.

— נאַ, עס.

— אַ דאַנק, כ׳בין נישט הונגעריק.

— נאַ, זעסטו, האָסט מוראַ!

און דער איוואַן איז זיך פֿונסניי פֿאַרגאַנגען אין אַ הירזשעניש.

— זיי עסן נישט קיין חזיר, ווייל ס׳קוויטשעט — האָט דאָס קליינע זעל־נערל זיך אָנגערופֿן.

— טויטערהייט?

—ביים ייד אין בויך.

— עך, אַ לץ, סוקין סין!

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַנדערער באַנק, אין אַ ווינקל. ער האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער, אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש, האַלב־געטראַכט, האַלב־געדרימלט. מ׳עט מיך נאָך דאָ דערהרגענען

ביז רייוויץ. אפֿשר אָפּשטייגן ווי לאַנג ס'איז צייט ?... אין דער רגע האָט דער וואַגאָן זיך געטאָן אַ רוק. די באַן האָט גענומען פֿאָרן. עוזר־העשל האָט צוגע־מאַכט די אויגן. דאָס איז דער מענטש, דער בחיר־היצירה ? אים וויל דאָס ברוידע מאַכן פֿאַר אַ סאָציאַליסט ? אים הייסן די דייטשע ראַבינערס לערנען מידות, ווייל דאָס איז די יידישע מיסיע ?... וואָס ווייטער פֿון לובלין, אַלץ רווישיקער איז געוואָרן. די זעלנער האָבן געשריגן, זיך געראַנגלט, זיך געכאַפּט צו די באַיאָנעטן. איינער האָט געפּרוווט אַרויסוואַרפֿן דעם אַנדערנס געפּעק דורכן פֿענסטער און יענער האָט אים געשלעפּט פֿאַרן שטיוול. מ'האָט זיך געזידלט, געשאָלטן, גע־שפּיגן, אָנגערופֿן די מאַמעס — הורן. דערנאָך האָט מען גענומען שפּילן אין בלינדעניש. איינער האָט אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אין דער באַנק און די אַנדערע האָבן אים געפּאַטשט אין הינטער־חלק. אויב דער געשלאָגענער האָט געטראָפֿן ווער ס'האָט אים דערלאַנגט, איז יענער געגאַנגען אויף זיין אָרט. דאָס קליינע זעלנערל האָט אָנגעוויזן אויף עוזר־העשלען.

— לייגט אים אַוועק !

— העי, דו, יידעלע, ווילסט שפּילן ?

— ניין.

— וואָס איז ? האָסט פֿולע הויזן ?

— העי, כלאָפּצי, לאָזט אים אָפּ — האָט זיך אָנגערופֿן דער גרויסער סאָלדאַט אין לאַנגן שינעל.

ער האָט עפּעס איינגערוימט און די איבעריקע האָבן זיך צעלאַכט. עוזר־העשל האָט דערזען, אַז די יוונים עסן הדסהס קיכעלעך. ער האָט זיי געהאַט פֿאַרגעסן אויף דער פּאָליצע. עוזר־העשל האָט זיך טיפֿער פֿאַררוקט אין ווינקל, צוגעדעקט דאָס פּנים מיטן ברעג קאַפּעלוש. ס'איז אים געווען קאַלט אין די ביינער. איבערן רוקן איז געלאָפֿן אַ שוידער, די האָר אין קאָפּ האָבן געשטאָכן. אַלץ איז געווען אומזיניק: דאָס פֿאָרן זיך שטעלן, די געשרייען פֿון די כאַמעס, די אייגענע טראַכטענישן. וועמען פֿאָרט ער דינען ? פֿאַרוואָס זאָל ער זיך שלאָגן ? וואָס געהער ער זיך אָן מיט די פֿעלקער ? וואָס גייט אים בכלל אָן דאָס מענטש־לעכע מין ? אַ תקיף איז דער מענטש, אַ גזלן !...

די באַן איז אָנגעקומען קיין רייוויץ ניין אַזייגער אין דער פֿרי, אָבער עוזר־העשלען האָט זיך אויסגעדוכט, ס'איז שוין שפּעט אין טאָג אַריין. דער וואָקזאַל איז געווען פֿול מיט מיליטער. הינטערן בופֿעט האָבן זיך געפּאָרעט צוויי דיקע שיקסעס ענלעך איינע צו דער אַנדערער, ווי אַ צווילינג. ס'איז דאָ געווען אַ רויך, אַ געשטאַנק. אין אַלע ווינקלען זיינען געווען אָנגעשפּאַרט ביקסן, שווערדן. אויף די בענק, אויף דער ערד האָבן געכראָפּעט זעלנער. אין דרויסן האָבן אוקראַאינער פּויערים — מיט יידישע בערדלעך — געלאָדן זעק תבואה אויף אַ זייטיקער ליניע. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין שאָפּענע פּעלצן, קוטשמעס אויף די קעפּ, לאַפּטשעס אויף די פֿעס. אַ קאָזאַק אין אַ פּאַפּאַכע האָט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן משתין געווען צווישן די רעלסן. באַבעס האָבן געלאַכט. פֿון הינטער די וואָלקנס האָט אַפֿערגעקוקט אַ קליינע זון, אַ ווייסע, ווי בלעך. אַמאָל פֿלעגן דאָ וואַרטן פֿורן, וואָס האָבן געפֿירט קיין איזשביצע, קראַסניסטאַוו, יאַנעוו, זאַ־

מאַשטש. איצט האָט מען נישט געזען קיין אײנציקן וואָגן. פֿון ערגעץ איז אויסגעוואַקסן אַ לאַנגער ייד מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים, אַ שפּיציק בערדל און אַ פּאָר גרויסע מרה־שחורהדיקע אויגן.

— פֿאָרסט ווײַטער?

— כ'זע נישט קיין פֿור.

— קום אין שטעטל אַרײַן. מ'עט דיר נאָך טאָן אַן עוולה!

און עוזר־העשל האָט אויפֿגעהויבן די וואַליזע און זיך געלאָזט שפּאַנען מיט דעם פֿרעמדן ייד קיין רייוויץ.

## 2

ס'האָט זיך געפֿירט, אַז נאָך דער ערשטער שבועה האָט מען די רעקרוטן אָפּגעלאָזט אַהיים ביז דער צווייטער שבועה. אין דער צײַט האָבן די רעקרוטן זיך געזעגנט מיט קרובים, זיך צוגעגרייט העמדער, אונטערוועש, געבראַכט אין אָרדנונג די עסקים. הײַ־יאָר האָט דער מיליטערישער נאַטשאַלניק אין דער שטאָט יאַנעוו, וואוהין קליין־טערעשפּאָל האָט געהערט, געהייסן די יידן אײַנזעצן אויף דער צווישנצײַט אין תּפֿיסה, ווײַל אַ סך האָבן דעזערטירט. פֿון בית־מדרש, וואו די צוגענומענע האָבן געשוואוירן, האָט מען זיי אָפּגעפֿירט אין יאַנעווער קרימינאַל. מ'האָט זיי פֿאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט גנבים. עוזר־העשלס קאַמער איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק. די ווענט זײַנען פֿול געווען מיט אויפֿשריפֿטן, אויסקריצעכצער, געמעלעכצער. אײנער אַן אַרעסטאַנט האָט אַפֿילו געהאַט אויפֿגעצייכנט דעם נאָמען מיט בלוט. אין מיטן שטוב זײַנען געשטאַנען בענק. אויף דער זוים פֿון געקראַטעטן פֿענסטערל זײַנען געלעגן שטיקער ברויט, שווערע ווי ליים. עוזר־העשל האָט זיך גלײַך אַוועקגעשטעלט אַרויסקוקן. מ'האָט געזען פֿון דאַנען אַ ברייטן פּלאַץ. ס'האָבן דאָ געאַרבעט עסטרייכישע געפֿאַנגענע: זעלנער אָן געווער, בערדיקע, פֿאַרשטויבטע, אין אָפּגעכוימערטע מונדירן, אין גראָבע שיך. טייל האָבן געטראָגן אויף די פּיס ווינקלשנורן, אַנדערע — שטולפּן. מ'האָט גערעדט אַ געמיש פֿון דײַטש, אונגאַריש, באָשניש. די עסטרייכער האָבן דאָ געגראָבן גריבער, געהאַקט שטיינער, געשלעפּט וועגעלעך זאַמד. ס'האָבן זיי געהיט רוסישע סאָלדאַטן מיט לאַנגע ביקסן. אַ ביסל ווײַטער זײַנען געשטאַנען די באַראַקן און פֿון אַ קוימען איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויך.

עוזר־העשל האָט זיך געוואָלט אַוועקלייגן אויף אַ באַנק, נאָר אַלע בענק זײַנען געווען פֿאַרנומען. צוויי יונגען, אײנער אַ געלער און אײנער אַ שוואַרצער, האָבן געשפּילט אַ זעקס־און־זעכציק, גיך געטאַשט די קאָרטן. אַ רעקרוט, וואָס האָט באַהאַלטן אין שטיוול אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, האָט געטיילט הייפֿעלעך טיטון. צווישן ביידע צדדים, די סאָלדאַטן און די קרימינעלע, האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן אַ ווערטלעניש. אַ יונג אין אַ געלאַטעט רעקל, אין אַ צעכראַסטעט העמד און אין פֿאַרפּאַפּטע הויזן, ווי אַ בעקער, האָט אַ שטאָרך געטאָן עוזר־העשלען אין אַקסל.

— העי, דו, יאַלד, קלינגערס האָסטו?

— כ'ווייס נישט וואָס איר מיינט.

— געלט — האט יענער אויסגעטייטשט און א רייב געטאן דעם גראבן פינגער אין דער האנט־פלאך.

— מ'האט ביי מיר אלץ צוגענומען. ביים באזוכן.

— גיב אהער די טרעטערס!

און ער האט אנגעוויזן עוזר־העשלען אויף די שיך.

די יאנעווער בחורים האבן זיך אנגענומען פאר עוזר־העשלען, געשריגן, ער זאל נישט געבן. דער געלער יונג האט זיך געשטעלט אויף עוזר־העשלס צד.

— העי, דו, גראנדאווניק, צי־אפ!

— און אנישט?

— וועסטו זען די רויטע יויך!

— כ'צעקיף דריי אזוינע ווי דו.

— קינדער, זייט עדות!

דער געלער יונג האט אנגעבויגן דעם קאפ, ווי אן אקס ביים שטויסן. ער האט אויסגעשטרעקט דעם וויַיז־פינגער און יענעם א פאכע געטאן פאר דער נאז. דער אנדערער האט געטאן דאס אייגענע.

— א וואוילער, הא?

— העי, יאטן, וואס מאכט עץ ענק נאריש? — האט זיך אנגערופן א פארשוין, וואס איז ביז איצט געזעסן און מיט א קנייפערל געשניטן די נעגל פון די פיס־פינגער. ער האט אויסגעזען א מאנסביל אין די דרייסיקער, הויך, ברייט, מיט א פאר פלייצעס פון א גבור. דאס געקראטעטע העמדל איז געווען פארהעקלט מיט א פערלמוטערנער ספינקע. אויף דער אויבערשטער ליפ האט געשפראצט א וואנסעלע.

— ער וויל ארפציען ביים ייִנגל די קאמאשן.

יענער האט א שאקל געטאן מיטן קאפ אין דער ברייט, ווי אויף ניין.

— פון וואנען ביזטו? — האט ער געפרעגט עוזר־העשלען.

— כ'קום פון ווארשע.

— א ווארשעווער? וואו האסטו געוואוינט אין ווארשע?

— אויף דער שוויענטא־יערסקע גאס.

— קום אהער, קלאפ־איין. א ווארשעווער גאיט ער טין אן עוולה!

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די גנבים האבן אויך געשטאמט פון ווארשע. געבראכט האט מען זיי אהער פון לובלין. זיי האבן גלייך גענומען אויספרעגן וועגן דער קראכמאלנע גאס, די האלעס, יאנאשעס הויף, דעם ראטהויז, שילעץ, טאמקעס, מקום. דער חברה־מאן וואס האט געוואלט צונעמען ביי עוזר־העשלען די שיך האט דערמאנט, אז ער האט אין ווארשע א מאמען, זי וואוינט אין די טרפהנע יאטקעס. דער עלטסטער האט געפרעגט עוזר־העשלען צי ער וויל א פאפיראס.

— א דאנק, כ'רויכער נישט.

— מ'הערט שיסן, הא?

— יא, ביינאכט.

— פאניע שטינקט, הע?...

עוזר־העשל איז אַוועק אין אַ ווינקל, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געהאַט געשלאָפֿן. פֿון גאַנץ פֿרי אָן האָט ער געוואָרט אין דער פּריסוסטווע. איצט האָבן די פֿיס ווי געטאָן. פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ נעפּל. ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און אַלץ אין אים איז פֿול געווען מיט שטילשוויגעניש. ער האָט געהאַט געהאָפּט אויף אַ נס. ער האָט אין זיין באַדרענגעניש מנדר געווען אַכצן רובל אויף צדקה. ער האָט געהאַט אַלערליי חלומות, אָנונגען. אָבער די העכערע כּוחות האָבן אים, אַפּנים, נישט געשווינט. ער מוז אויסטרינקען דעם בעכער ביזן דנאָ. ער איז זיך אין אַלץ שולדיק. ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער שווייץ, גלייך צו דער בעסטיע אין מויל אַריין. ער האָט זיך אַליין פֿאַרטריבן אין דער נעץ. ווער ווייסט? אפֿשר האָט שוין דער גורל באַשטימט, ער זאָל פֿאַלן? אפֿשר וועט ער אַהיימקומען אָן הענט, אָן פֿיס, אָן אויגן? ער, עוזר־העשל, איז טויט. ער טאָר קיין זאַך נישט וועלן. זאָל זיך אים דוכטן, אַז ער איז שוין געשטאָרבן און דרייט זיך אַרום אויפֿן עולם התוהו...

אין שליסל־לאָך האָט זיך אַ דריי געטאָן אַ שליסל. אַ וועכטער האָט געהייסן מ׳זאָל גיין נעמען עסן, צו זעקס אין אַ גרופּע. עמעץ האָט עוזר־העשלען געטאָן אַ שטורך און ער איז אויפֿגעשטאַנען. ער איז פֿאַרביי אַ לאַנגן קאָרידאָר, אָן אָפּטריט מיט אָפֿענע טירן. אין אַ גרויסער שטוב זיינע געשטאַנען טישן באַשלאָגן מיט בלעך. ס׳זיינען געווען אויסגעשטעלט צינערנע שיסלען און ס׳זיינען געלעגן שוואַרצע לעפֿל. אַ קוכער האָט יעדן אָנגעגאָסן אַ ברוין געברייי און דערלאַנגט אַ שטיק לחמא. באַלד האָט מען זיך אומגעקערט אין קאַמער. די יונגען האָבן געגעסן, געשאָלטן, זיך געוויצלט. עוזר־העשל האָט געלאָזט שטיין זיין חלק און עמעץ האָט עס צוגענומען. ס׳איז געוואָרן טונקל, נאָר מ׳האָט נישט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ. פֿון קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין טירן, געשרייען, זידלערייען, אַ טופּעניש פֿון פֿיס. אַרום עוזר־העשלען איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. טייל האָבן זיך געקריגט, אַנדערע האָבן זיך דערציילט מעשיות. אין דער האַלבער פֿינסטערניש זיינען פּנימער געוואָרן שאָטנדיק, געפֿלעקט, האַלב־ממשותדיק. מ׳האָט גערעדט באַהאַרצטע רייד. אַ בחור האָט דערציילט וועגן אַן אָפּגעגאַנגענעם שידוך.

— שבת איז נאָך אַלץ געווען גוט און וואויל. יעקל אַהין, יעקל אַהער. זיס ווי האָניג. צו אַ מכּה צוצולייגן. מאָנטאָג ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט, קומט אַריין ס׳ברידערל, און ברענגט אַ בריוו. כ׳טו אַ קוק: די תּנאים. כ׳האָב געמיינט ס׳אַ געלעכטער. ערשט שפּעטער איז געקומען די מחותּנתטע, כ׳זאָל אַרויסגעבן די טאָכטער אַ מחילה. דאָס, זאָג איך, ניין! איך בין איר ניש׳ מוחל און גאָט ט׳איר אויך ניש׳ מוחל זיין!...

— ס׳פֿינגערל האָסטו צוריקגעקריגן?

— נעכטיקע טעג!

— העי, חברה, ווער שפּילט אין פּאַטשערלעך?

אַ גוי האָט אַריינגעבראַכט אַ לעמפּל, אויפֿגעהאָנגען אויפֿן באַלקן. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַרעניש, אַ גערודער, אַ רוקעניש מיט בענק. מ׳האָט באַצייטנס

אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע קורטקעס, מאַנטלען, רעקלעך. צוויי בחורים האָבן געשפּילט דאַמקע. דאָס שאַך־ברעטל האָט מען אָנגעצייכנט מיט קרייד. די פֿיגורן זיינען געווען שטיקלעך ווייך און דאַר ברויט. אַ גנבֿ האָט דערציילט וועגן דער שעדלעצער טורמע, פֿון די פּאָליטישע, וואָס מ׳האָט דאָרטן געהאַלטן. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם סטאַראָסטע. דעם ערשטן מאַי האָט מען איינגעשמירט אַ העמד מיט בלוט און מ׳האָט געמאַכט אַ רויטע פֿאָן. דעם אַנפֿירער האָט מען איינגעזעצט אין קאַרצער. אַ שווינדזיכטיק מיידל איז דאָרט געזעסן, פֿון אַ רייך הויז, איינע אַליין אין אַ קעמערל — האָט זי זיך באַגאָסן מיט נאַפֿט און זיך אונטערגעצונדן.

— פֿאַרברענט געוואָרן?

— אויף קויל.

— אַלץ בעסער ווי שפּייען מיט בלוט!...

דער לאָמפּ האָט געברענט אין גאַנצן איין שעה. מ׳האָט אים צוריק אַרויסגענומען און ס׳איז געוואָרן פֿינסטער. טייל האָבן גלייך גענומען כראָפּען. אַנדערע האָבן גערעדט, געלאַכט, זיך געבויקערט. איינער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שמאַטע. זי האָט געטראָפֿן עוזר־העשלען אין פּנים. אין דער שכנותדיקער קאַמער זיינען, אַפּנים, געזעסן פֿרויען. מ׳האָט געהערט פֿון יענער זייט אַ קלאַפּעריי, געלעכטערס, קוויטשערייען. אַ יונג האָט אַ רוף געטאָן:

— העי, לאָמיר מאַכן אַ לאָך אין דער וואַנט. צו די נקבֿות!

— מיט וואָס וועסטו בויערן?

און יענער האָט געזאָגט אַ מיאוס וואָרט.

— כ׳האָב אַ מעסער.

מ׳האָט גענומען שטעכן דעם טינק, ס׳האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן שטיקער קאַלך. מ׳זאָל נישט דערהערן פֿון דרויסן, האָט מען געמאַכט אַ קאַצן־מוזיק. טייל האָבן געלאַכט, אַנדערע האָבן געוואָרנט, אַז מ׳עט אַלעמען באַשטראָפֿן. עוזר־העשל איז מיד געוואָרן פֿון זיצן און זיך גענומען אויסציִען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן עמעצנס פֿיס. ס׳זיינען דאָ, ווייזט אויס, געווען פֿליי, ווייל יעדעס מאָל האָט אים ערגעץ אַנדערש געטאָן אַ שטאָך. ער האָט אָנגערירט דעם שטערן און אַראָפּגענומען אַ וואַנץ.

די געשרייען זיינען ביסלעכווייז געוואָרן איינגעשטילט. די יונגען האָבן געגעניצט, זיך געצויגן, געשנאָרכט. די לופֿט איז געוואָרן אַלץ שטיקיקער. אַ געשטאַנק האָט זיך געטראָגן פֿון די גופֿים. דורכן געקראַטעטן פֿענסטערל האָט גענומען אַריינשיינען אַ האַלבע לבֿנה. יאָ, אויף יענער זייט מויער איז נאָך געבליבן אַ וועלט. די ערד האָט זיך געדרייט אַרום דער אַקס, געקרייזט אַרום דער זון. שטערן האָבן געוואַנדערט אין רוים. ערגעץ־וואו איז געווען אַ שטאָט וואַרשע, די מאַמע, דער זיידע, דינהלע, הדסה, אײדל, גינע, אַבראַם, הערץ יאַנאָווער. נאָר פֿון דאַנען איז דאָס אַלץ געווען משונה־ווייט און אָן אַ האָפֿט. אַ בייזער חלום איז דאָס לעבן, אַ קאָשמאַר. די מענטשן זיינען מחבלים, רוחות, לאַפּיטוטן. דער מוח איז אַ נעסט פֿון משוגעת. הערט אויף טראַכטן, געהירן! ליג אין געהאַקטע וואונדן און זיי שטיל! הפֿקר איז דער מענטש. ס׳איז

גאַרנישט דאָ: קיין גאָט, קיין נשמה, קיין לוין, קיין שטראָף. אין אָנהויב איז געווען דער חושך!...

ווען עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז דאָס פֿענסטערל הינטער די קראַטן געווען שאַרלאַך־רויט. אין מזרח איז אויפֿגעגאַנגען אַ פֿייערדיקער וואָלקן. פֿון קוימען פֿון באַראַק האָט זיך געפֿלאַכטן אַ בלוטיקער צאָפּ. דורך דעם אויסגעהאַקטן שייבל האָט דער ווינט דערטראָגן אַ ברייטן הויך. עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעזעצט. ס׳איז אים פֿאַרגעקומען, אַז דאָס האָט גאָט אַליין געטאָן אַ זיפֿץ אין דער שעה פֿון דעמערונג, איידער ער הייבט־אָן אַ נייעם טאָג.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

אין מיטן דער נאַכט האָט איידל זיך איבערגעוועקט. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ דערשראָקענע, מיט אַן אַנונג ווי עמעץ וואָלט איר אַרייַנגעשריגן אין אויער. ד״ר לעאָן העגדעלס, דער שטיף־ברודער, האָט פֿאַראויסגעזאָגט, אַז זי וועט געלעגן ווערן ערשט סוף חודש. איצט איז זי אויפֿגעקומען מיט ווייען. איינליגן אויפֿן געלעגער האָט זי מער נישט געקאָנט; אויפֿוועקן די מוטער האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט אָנגעשטעקט די שטעק־שיך, אָנגעטאָן אַ שלאָפֿראָק און גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. דאָס נאַכט־לעמפּל האָט געוואָרפֿן אַ טונקעלע שיין. מען האָט שוין געהאַט צוגעגרייט שיר־המעלותן. אונטערן קישן איז געלעגן אַ רזיאל המלאך און אַ מעסער. יעדעס מאָל וואָס איידל איז צוגעקומען צום שפּיגל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף דער אייגענער געשטאַלט. דער בויך איז געווען גרויס און שפּיציק. דאָס נאַכט־העמד האָט זיך פֿאַרריסן פֿון פֿאָרנט. די בריסטן זייַנען געוואָרן אָנגעדראָלן. דאָס פּנים איז געווען פֿול מיט געלע פֿלעקן. עכ׳ל באַלד שטאַרבן! — האָט איידל געקלערט. ס׳האָט זיך איר שוין צום דריטן מאָל געחלומט, אַז זי איז טויט און ליגט מיט די פֿיס צו דער טיר.

— רבונו של עולם, האָב אויף מיר רחמנות! — האָט איידל האַלב־געטראַכט, האַלב־געמורמלט. — אין זכות פֿון הייליקן טאַטן!...

מיט אַמאָל האָט זי זיך צעלאַכט.

— זע נאַר, כ׳בין געוואָרן אַ גאַנצע תּחינה־יידענע!...

איידל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד בעט. די וויי־טאָגן האָבן זי אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך פֿונסניי צוגעלייגט. איידל האָט איצט גענומען קלערן ניכטערע טראַכטעכצער. פֿון עוזר־העשלען האָט זי דערהאַלטן אַן איינציק קאַרטל. מער קומט נישט אַן קיין תּמונת־אות. די שוויגער האַלט אין איין ספּאָזמירן. די באָבע, די רביצין, ליגט קראַנק. אויב ס׳זאָל זיין אַ מיידל, נאָך וועמען וועט זי הייסן? נייַן, ס׳עט זיין אַ ייִנגל. מ׳עט אים אַ נאָמען געבן נאָכן טאַטן עליו השלום: דוד — דאָווידעק... איידל האָט גענומען איינדרימלען. ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז איינע אַליין אין אַ שטוב מיט עפּעס אַ צוויטיק באַשעפֿעניש, האַלב־הונט, האַלב־טשערעפּאַכע, קלעביק און שוואַמיק, מיט קנוילן

אין עק, און אַ סך פּיס, ווי אַ וואָרעם. וואו האָט זיך גענומען אַהער אַזאַ בריאה? ס'ווערט נישט דערמאָנט אין דער זאָאָלאָגיע. זאָל דאָס זיין אַ מיטאָלאָגישע בעסטיע? ס'איז אַ שלעכטער סימן... איידל האָט געטאָן אַ צאַפּל מיט אַ האַנט, זיך אויפֿגעריסן. דאָס קינד האָט זיך געשפּאַרט אין דער טראַכט. אַ שניידנדיקע ווייטאָג האָט געריסן אין קרייץ. ביי דער שוועל האָט איידל זיך אָנגעשטויסן אויף דער מוטער. רויזע־פֿרומעטל האָט, ווייזט אויס, דערהערט איר קרעכצן. די יידענע איז געשטאַנען אַ באָרוועסע, אין אַ צו־ברייט נאַכט־העמד, די שלאָף־קאָפּקע פֿאַררוקט איבער די גרויע, טרעפּיק־געשוירענע האָר. די פֿאַרקרומטע צורה איז געווען פֿול מיט קנייטשן.

— טאָכטער־לעב, ווי איז מיר! וואָס איז דיר?

— עך רעכן, ס'הויבט זיך אָן.

— עכ'ל גלייך אָנקלינגען דער הייבאַם! וואו איז די וואָרטאָרין?

— וואַרט, מאַמע. ס'איז פֿילייכט צו־פֿרי.

מאַמע און טאָכטער זיינען אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק, געוואָרפֿן ריזיקע שאָטנס. רויזע־פֿרומעטלס פּנים איז געוואָרן געל ווי וואַקס.

— מאַמע ס'טוט דיר עפּעס ווי?

— מיר? אַלץ די דאגות. זאָל נאָר דער וואָס כ'בין־ניש'־ווערט־צו־געדענקען העלפֿן זאָלסט איבערקומען בשלום. עך בין שוין אַן אַלטע יידענע.

— דאַרפֿסט אפֿשר די טראָפּנס?

— זעטץ נאָר, זי ליידט נעבעך יסורים און זי האָט אין זין מעך! כשרע טאָכטער מיינע!

די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס'האָט אַריינגעטשאַפּעט ר' וואָלף הענדעלס, אין אַ לאַנגן שלאָפֿראָק, צעטרעטענע שטעק־שיך, אַ זיידן קאַפּל. די באָרד איז אים די לעצטע חדשים געוואָרן אין גאַנצן ווייס.

— ס'טוט דיר ווי, האַ? אַלץ קומט דורך יסורים! חבלי־לידה, חבלי־משיח!...

ר' וואָלף האָט מער נישט געקאָנט שלאָפֿן. די ווינטער־נאַכט איז געווען לאַנג ווי ס'יידישע גלות. ער איז אַוועק אין דער סאַלע, אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, אַרויסגענומען פֿון ספֿרים־שענקל אַ גמרא ראש־השנה. אויפֿן טיש איז געלעגן אַ צייטונג און ר' וואָלף האָט געכאַפּט אַ בליק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בלאַט? אַ נעכטיקס? אַ היינטיקס? אַלץ איינס. די רוסן גייען אויף אונגאַרן. בלוטיקע שלאַכטן. פֿאַרכאַפּט צוויי שווערע האַרמאַטן, פּופּצן קוילן־וואַרפֿער, טויזנטער ביקסן און אַמורניציע. אויפֿן פֿעלד זיינען געבליבן קופּעס הרוגים... ר' וואָלף הענדעלס האָט אַראָפּגעשאַרט דעם גאַזעט. ווער ווייסט צי דער עוזר־העשל איז נישט צווישן זיי? — איז אים דורכגעלאָפֿן אַ מחשבה. — באַשערטע זאַכן! ר' וואָלף האָט גענומען אונטערברומען מיט אַ ניגון:

על ששה חדשים השלוחין יוצאין, אויף זעקס חדשים גיין אַרויס שלוחים צו וויסן צו טאָן דעם גלות, אַז מ'האָט מקדש געווען דעם חודש: אין ניסן צוליב פּסח, אין אב צוליבן תּענית, אין אלול צוליב ראש־השנה, אין תּשרי צוליב

חנוכּה, אין אדר צוליב פּורים. ווען ס'בית־המקדש איז געשטאַנען, איז מען אויך אַרויס אין אייר צוליב פּסח שני...

ר' וואָלף האָט געלערנט, זיך געשאָקלט, געקנייטשט דעם שטערן, געכאַפּט אַ קוק אין תּוספות, אין מהרש"א. אַ בהמה אַ ווייבל! זי'ט געדאַרפט נעמען אַ גט. איצט ט'זי, חלילה, בלייבן אַן אייביקע עגונה... יאָ, נו, פֿרעגט די גמרא: זאָלן זיי אויך אַרויסגיין אין תּמוז און אין טבת? ענטפֿערט די גמרא: תּשעה באָב איז אַנדערש, ווייל ס'זיינען אין אים געטאָפּלט געוואָרן די צרות. אין תּשעה באָב איז חרוב געוואָרן ס'ערשטע בית־המקדש און ס'צווייטע, און ביתּר איז געוואָרן באַצוואונגען און די שטאָט צעאַקערט... ס'האָט געטראָפֿן אַ מעשה, אַז מ'האָט גוזר תּענית געווען חנוכּה אין לוד, האָט ר' אליעזר געגידערט און זיך געבאָדן און ר' יהושע האָט זיך געשוירן...

ווען ר' וואָלף איז געזעסן אין מיטן דער נאַכט ביי אַ גמרא, האָבן זיך אים דערמאָנט די בחורשע יאָרן. דער שותּף פֿלעגט אים קומען אויפֿוועקן אין מיטן דער נאַכט. מ'האָט געבראָטן אין בית־מדרש קאַרטאָפֿל, געלערנט צו־זאַמען חושן משפּט מיט קצות און תּאומים. אין ווייבער־שול האָט ר' טאָדיע אָפּגעריכט חצות, געזונגען: קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה. ווי האָט ער געהייסן, דער בחור? חנינא. ר'האָט געוואָלט ווערן אַ רב. נעבעך געשטאָרבן אַ יונגערמאַן. איי, ווי מ'ווערט פֿאַרגעסן! ווי רופֿט ער דאָס אָן, לעאָן? פּראָ־טאָפּלאַזמע. אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט. די זון האָט געשיינט אויפֿן שליים און ס'איז אַרויס אַ מיקראָב... עט! אויב ס'איז, חלילה, אַזוי ווי ער זאָגט, צו וואָס דאַרף מען אַלץ מיט אַנאַנדער? איז שוין אפֿשר טאַקע טוב שלא נברא משנברא...

ר' וואָלף איז געוואָרן מיד, די אותיות האָבן גענומען שווינדלען פֿאַרן בליק, געוואָרן דאָ גרין, דאָ גאָלדיק, און ער האָט זיך אומגעקערט אין שלאָף־חדר. ער האָט סיי געוואַכט, סיי געדרימלט, סיי געקלערט, סיי געחלומט. טירן האָבן זיך געעפֿנט און צוגעמאַכט. רויזע־פֿרומעטל איז געגאַנגען און געקומען. דער שענקל־זייגער האָט אויסגעקלונגען שעהן און האַלבע. די נאַכט איז געווען פֿול מיט זיפֿצעניש, שעפּטשעניש, צערודערונג. גאַנץ פֿרי האָט אויפֿן וועג אין שפּיטאָל אַריין דאָ אָפּגעטרעטן ר' וואָלפֿס זון, לעאָן, דער דאָקטאָר. די דינסט איז גראָד געווען פֿאַרנומען אין קיך און ר' וואָלף האָט אים געעפֿנט. לעאָן איז געווען הויך, ברייט, דיק — אַ ריז. ער איז אַריינגעפֿאַלן מיט אַ קעלט. ווען ער האָט גערעדט, האָט געדונערט. אַז ער האָט געטרעטן, האָט אונטער אים געציטערט דער פּאָל. אַ קאַרק האָט ער געהאַט אַ גלייכן און אַ רויטן ווי, להבדיל, אַ חזיר־שלעגער. איבערן הויכן שטערן איז געזעסן אַ האַרטער קאַפּעליוש. יידיש האָט ער גערעדט ווי אַ גוי.

— נו, טאַטע, וואָס איז דאָרט מיט דיין ווייבל?

— וואָס ווייס איך? גיי, גיב אַ קוק.

— ס'ט'זען, זי'ט נאָך האָבן אַ טראַיקע!

לעאָן האָט זיך צעלאַכט מיט אַ גראָב געלעכטער, אַריין צו איידלען אין צימער. ער האָט אַן צערעמאָניעס אָפּגעדעקט די קאָלדרע, אָנגעטאַפּט איידלען ביים בויך.

— נו, וואָס מאַכט די פּאַני? אין אַלץ איז שולדיק חוהס קללה.

— האָסט נאָך אַוודאי ניש׳ געגעסן קאַ׳ן אָנבייסן — האָט רויזע־פֿרומעטל גערעדט צום שטיף־זון אויף דו.

— איך בייס־אָן זעקס אַזייגער פֿאַרטאָג: שוואַרץ ברויט מיט בוליאָן.

ד״ר הענדעלס איז אַוועק. ער האָט נאָך היינט געדאַרפֿט מאַכן אַ צענדליק אָפּעראַציעס. איבער די טרעפּ איז ער געלאָפֿן און געפּייפֿט. ס׳איז אַלץ קוואַטש! — האָט ער צו זיך גערעדט. — די מענער, די ווייבער, די קינדער, די בייכער!... אין טויער האָט לעאָן הענדעלס זיך אָנגעשטויסן אויף אײדלס שוויגער, דעם עוזר־העשלס מאַמען. צייט דער זון איז אַוועק דינען איז די יידענע געוואָרן אויסגעצערט ווי פֿון שווינדזוכט. פֿון שייטל, אַרומגעהילט מיט אַ דערעלע, האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייס, אויסגעשפּיצט פּנים. אויף די קרומע אַקסלען איז געהאַנגען אַ שאַל. זי האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ זקנה.

— מומעשי, איר׳ט באַלד ווערן אַ באָבע!

— יישר כּוח.

— גלייכט אויס די פּלייצע. איר זענט נאָך ניש׳ קאַ׳ הונדערט יאָר!

לעאָן הענדעלס איז אַוועק מיט ברייטע שפּאַן. צעבראָכענע שאַרבנס — האָט ער געמורמלט — אַ דעגענערירטער שטאַם!... ער האָט זיך יעדעס מאָל פֿונסניי פֿאַרשעמט פֿאַר דער יידישער צעפֿאַרנקייט. זיי זיינען נישט געגאַנגען, די יידן און יידענעס, נאָר געקראָכן; נישט גערעדט, נאָר געכאָרכלט. די פּאַציענטן האָבן אים פֿאַרדולט מיט די קרעכצעניש. איז עמעצער געשטאָרבן, האָט מען פֿאַרהילכט דאָס שפּיטאָל מיט געיאָמער. געבליבן אַזיאַטן אין סאַמע מיטן אייראָפּע!...

רויזע־פֿרומעטל האָט דערוויל געעפֿנט די טיר. די מחותּנתטעס האָבן זיך געקושט אין די גערינצלטע באַקן.

— וואָס מאַכט אײדל?

— אַט־אַט... זכות־אבות זאָל איר ביישטיין!

פֿינקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר ביים שפּיגל, גענומען צו־גלייכן דעם פּאַרוק. רויזע־פֿרומעטל האָט געשנייצט די נאָז.

— פֿון עים הערטץ עץ גאָרניש׳?

— פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער! — האָט פֿינקל געענטפֿערט מיט אַ טרוקן קול. די טרערן האָט זי אַלע געהאַט פֿאַרגאָסן ביים תּהלים. זי האָט שוין געהאַלטן לאחר יאוש.

פֿינקל איז אַריין צו דער שנור. אײדל האָט זי אָנגענומען ביי די הענט.

— די שוויגער איז נעבעך געפֿרוירן!

אײדל האָט געקוקט אויף דער שוויגער און געגאַפֿט. עוזר־העשל איז גע־ווען געראָטן אין איר ווי צוויי טראָפּנס וואַסער: די אייגענע אויגן, די זעלבע נאָז, קין, מויל, דער גאַנצער שניט. זי האָט, גלייך ווי דער זון, נישט אויפֿגעהערט צו מאַכן אַלערליי סיגעס: געשאָקלט מיטן קאָפּ, פֿאַרביסן די ליפּן, געגלאָצט מיט איין אויג אַרויף, מיטן אַנדערן אַראָפּ. אַ פֿרומע מרה־שחורה האָט פֿון איר געשלאָגן, דער צער פֿון דורות יידישע מאַמעס, וואָס האָבן געטראָגן, געבוירן,

געבלוטיקט, אַז רוצחים זאָלן האָבן וואָס אומצוברענגען. נו, און זי אַליין, אײדל? וואָס וועט ווערן פֿון איר קינד? אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט מסתּמא זײַן אַ נײַע מלחמה...

פּלוצים האָט אײדל געטאָן אַ געשרײ נישט מיט איר קול. אין די געדערים האָט געטאָן אַ שניט, ווי מיט אַ מעסער. פֿינקל האָט זיך אויפֿגעריסן, פֿאַרבראָכן די פֿינגער. ס׳זײַנען אַנגעלאָפֿן מיט אײן מאָל רויזע־פֿרומעטל, די דינסט, די וואַרטאַרין. ר׳ וואָלף האָט דערהערט דעם קוויטש און איז צוגעלאָפֿן אַנטלעפֿאַנירן דער הייבאַם. פֿינקל איז געבליבן מיט דער קינפּעטאָרין ביז זי איז געוואָרן אויפֿגעבונדן. אײדל האָט אָפּגעשריגן אַ גאַנצן טאָג, אַ האַלבע נאַכט. אין אירע יסורים האָט זי גערעדט יידיש, פּויליש, דײַטש. דרײַ אַזײגער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע. פֿינקל האָט געזען דעם בן־זכר דורך די טרערן: דער טאַטעס אויסן אויג! בײדע באָבעס האָבן זיך אַרומגענומען, זיך געשאָקלט אין דער ברייט. די געווינערין איז באַלד דערנאָך אײַנגעשלאָפֿן. אַן אויסטערלישער שמייכל איז איר געבליבן הענגען אויף די ווייסלעכע ליפּן: ווי בײַ אַ טויטער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי זאָגט: עך בין שוין דאָס מײַניקע איבערגעקומען...

צומאָרגנס אַרום נײַן אין דער פֿרי האָט עמעצער געוועקט פֿינקלען. נאָך דער וואָך־נאַכט האָט זי געדרימלט אין די מלבושים אויף דער סאָפֿע. מ׳האָט זי גערופֿן צום טעלעפֿאָן. פֿינקל האָט נישט געוואוסט ווי מ׳באַגייט זיך מיטן אַפּאַראַט, זיך געפּלאָנטערט מיט דער שטריק, דעם טרײַבל, און ר׳ וואָלף האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן. ס׳האָט גערעדט דינהלע. זי האָט געהאַט איבערגעלאָזט דאָס עופֿלע בײַם זיידן (זי איז געלעגן געוואָרן צוריק מיט זעקס וואָכן), און אַראָפּ אין גאַס אָנזאָגן דער מאַמען די גוטע בשורה, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון עוזר־העשלען. ער איז ברוך השם געזונט. זײַן פּאָלק שטייט אין גאַליציע.

פֿינקל האָט אויפֿגעהויבן די אָרעמס אין דער הויך, פֿאַרגלאָצט די אויגן, אָפּגעגעבן אַ לויב דעם רבונו של עולם. דער דערבאַרעמדיקער האָט צוגעזען איר צער, געהערט איר געבעט, און זי, די ווידערשפּעניקע, האָט אין איר ביטערניש געהאַט תּרעומות אויף זײַן ליבן נאָמען! פֿינקל האָט גלײַך בײַ זיך אָפּגעפּאַסט צו פֿאַסטן הײַנטיקן טאָג און צו בעטן דעם געאָכפּערטן, ער זאָל איר מוחל זײַן די זינדיקע מחשבות. זי האָט אָנגעביסן ערשט ווען ס׳האָבן זיך געוויזן אין הימל דרײַ שטערן...